STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00692

LEKSIKON FUN DER YIDISHER LITERATUR, PRESE UN FILOLOGYE

Zalman Rejzen

Permanent preservation of this book was made possible
by The Rohr Family
in memory of
all the Yiddish speakers who are no longer with us

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

זלמן רייזען

לעקסיקאָן

פֿון דער יידישער ליטעראַטור פּרעסע און פֿילאָלאָגיע

צווייטע אינגאַנצן איבערגעאַרבעטע פאַר־
מערטע און פאַרפולשטענדיקטע אויסגאַבע

דריטער באַנד
(פֿ — ק)

תרפ״ט ווילנע 1929

ווילנער פאַרלאַג פֿון ב. קלעצקין

PRINTED IN POLAND

Copyright 1929 by „Wilner Varlag" B. Kleckin, Wilno.

Z. Rejzen. Leksykon literatury, prasy i filologji żydowskiej. Tom III.

Drukarnia „Wydawnictwo Wileńskie" B. Kleckina, Wilno.

באַמערקונגען צו דעם דריטן באַנד

צוליב פאַרשיידענע סיבות און מניעות, ווי אויך צוליב דער שווערער קראַנקהייט, וואָס איך האָב דורכגעמאַכט ווינטער 1928 — 29, האָט זיך די ערשיינונג פון דעם דריטן באַנד פון דעם לעקסיקאָן היבש פאַרשפּעטיקט לגבי דעם פריער אָנגעזאָגטן טערמין. גלייכצייטיק אָבער האָט זיך אויך דער לעקסיקאָן גופא אין משך פון דער אַרבעט היבש צעוואַקסן איבער דעם לכתחילה פאַרויסגעזעענעם פאַרנעם, אַזוי אַז צו פאַרענדיקן דעם אלף־בית פון די פּערזאָנען־נעמען, פון פ ביז ת, האָט זיך געפאָדערט 50 דרוקבויגן. צוליב טעכנישע און פאַרלעגערישע טעמים איז דער פריער געפּלאַנטער דריטער באַנד דעריבער צעפאַלן אין 2 בענד — אַ דריטן און אַ פערטן, און אַלע תיקונים, מילואים אאַז״וו, ווי אויך דער רעגיסטער פון די נעמען און פּסעוודאָנימען וועלן ערשט קומען אין אַ ווייטערן באַנד, און אַ ספּעציעלער באַנד וועט אויך זיין געווידמעט דער עלטערער יידישער ליטעראַטור ביז דער מענדעלע־עפּאָכע.

דער דריטער באַנד (פּ—ק) און דער פערטער (ר—ת), וועלכע ערשיינען כמעט גלייכצייטיק, האָבן זיך געזעצט אין משך פון יאָר 1928, טיילווייז אויך סוף 1927 און אָנהייב 1929, אַזוי אַז די ציַנגעהעריקע פאַקטן און ערשיינונגען פון די דאָזיקע יאָרן, בפרט פון דעם לעצטן, האָב איך ניט אַלעמאָל שוין געקענט אויפנעמען — ווען די באַטרעפנדיקע אותיות אין לעקסיקאָן זיינען שוין געווען אויסגעזעצט. אויך בין איך, ווי אין די פריערדיקע בענד, געצוואונגען געווען דורכצולאָזן אַ גאַנצע ריי נעמען, ווייל מיר האָט געפעלט דער אויטענטישער מאַטעריאַל, אָדער ער איז אָנגעקומען צו שפּעט. איך האָף אָבער, אין די קומענדיקע בענד, ווי אויך אין די נייע אויפלאַגעס פון דעם לעקסיקאָן מתקן און ממלא צו זיין די פעלערן, גרייזן און בלויזן, ווי אויך צו באַזאָרגן אין די געהעריקע ערטער די בילדער, וואָס איך האָב ליידער ניט געקענט באַקומען צו דער צייט.

ווענן אַלע אַנדערע באַמערקונגען אָפּשיקנדיק דעם לעזער צו די הקדמות אין ערשטן באַנד לעקסיקאָן און אין פערטן, וויל איך דאָ ווידעראַמאָל איבערחזרן מיין בקשה צו אַלע יידישע שריפטשטעלער, זשורנאַליסטן, פילאָלאָגן, איבערזעצער, פאַרלעגער, בכלל צו אַלע פריינד פון יידישן וואָרט: העלפט מיר מיט אין דער אַרבעט צו פאַרבעסערן און פאַרפולקומען דעם לעקסיקאָן! שיקט צו *) ביאָגראַפיעס און בילדער פון יידישע שריפטשטעלער, בפרט פון עלטערע,

*) אויפן אַדרעס: ז. רייזען, גרויס־פּאָהוליאַנקע 11, וו׳ 10, ווילנע

פאַרשטאָרבענע, פון ווייניק באַקאַנטע; שיקט צו ביבליאָגראַפישע ידיעות וועגן וועלטענע יידישע ביכער, צייטשריפטן, מאַנוסקריפטן אדג״ל! ווייזט אָן דעם אַווטאָר די פעלערן און גרייזן פון זיין ווערק! די דאָזיקע אַלע דאַטן און תיקונים וועלן מיט דאַנק אויסגעניצט ווערן.

זלמן רייזען

ווילנע, אין אב תרפ״ט

לעקסיקאָן

פון דער יידישער ליטעראַטור, פּרעסע און פילאָלאָגיע

פאָגעלמאַן ל. (27/V 1888 —) געענדערטער נאָמען פון **אליעזר פייגעלמאַן**. געב׳ אין נעסוויזש, מינסקער געגנט, אַלס זון פון אַ יידישן לערער, וועלכער האָט אים געגעבן אַ וועלטלעכע דערציִונג.



געענדיקט גימנאַזיע און 1912 דעם יורידישן פאַקולטעט פון וואַרשעווער אוניווערסיטעט, דערנאָך שטודירט מעדיצין אין פסיכאָנעווראָלאָגישן אינסטיטוט אין פט"ב, אָנגעשריבן אַ דיסערטאַציע וועגן אַווטאָר-רעכט אויף ליטעראַרישע ווערק, געלייענט אין סטודענטישע און יוגנטלעכע קרייזן רעפעראַטן וועגן יידישער שפּראַך און ליטעראַטור, וועגן טעאַטער, זיך אויך פאַרנומען מיט פּעדאַגאָגישער און יורידישער אַרבעט און געשריבן אין רוסישע צייטשריפטן. 1921 געקומען קיין אַמעריקע, וואו ער איז טעטיק אַלס פּראָפעסיאָנעלער זשורנאַליסט, צוערשט אַלס מיטאַרבעטער פון „צייט" און „טאָג" און די לעצטע יאָרן—פון „פאָרווערטס". אַחוץ פּובליציסטישע און קריטישע אַרטיקלען צ"אַ פאַרעפנטלעכט אין די זונטאָג-נומערן פון „פאָרווערטס" אַ גאַנצע סעריע ביאָגראַפיעס פון באַרימטע אַמעריקאַנישע און אייראָפּעיִשע פערזענלעכקייטן, ווי עמערסאָן, דזשאָרדאַנאָ ברונאָ, יאָהאַן הוס, סאַוואָנאַראָלאַ, שפּינאָזאַ, וואָלטער, רוסאָ, אַנדערסען, מאָפּאַסאַן אַ. אַ. פון צייט צו צייט זיך אויך באַטייליקט אין אַנד׳ צייטשריפטן, אין „צוקונפט" 1922, VIII („דער באָלשעוויזם און דער יידישער חורבן"), 1923, II („די נייע רוסישע בורזשואַזיע"), אין „וועקער" — דעם אָרגאַן פון „יידישן סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד", געשריבן וועגן יידישע קולטור-פּראַגן, וועגן ביכער און טעאַטער אאַז"וו. מיטגליד פון פּעדאַגאָגן-ראַט פון די אַרבעטער-רינג-שולן, די-רעקטאָר פון די לערער-קורסן פון אַרבעטער-רינג (1927).

פאָגעלסאָן ש. (...187—1920) געב׳ אין וויטעבסק (?). האָט באַזוכט אוניווערסיטעט, שפּעטער אויסגעוואַנדערט קיין דרום-אַפריקע, איז געווען איינער פון די פּיאָנירן פון דער יידישער פּרעסע אין טראַנסוואַל, צוזאַמען מיט ב. בערמאַן (זע) אַרויסגעגעבן 1896 — 97 „די אַפריקאַנישע אידישע גאַזעטען", 1898 געגרינדעט אַן אייגענע צייטונג „דער עקספּרעס", וואָס האָט עקסיסטירט אומגעפער אַ יאָר צייט. שפּעטער האָט ער אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן דאָס וואָכנבלאַט „דער אַפריקאַנער" (זינט דעם 6/XI 1911) ביי דער הויפּטמיטאַרבעט פון ע. י. דאַווידזאָן (זע); אַלס פּרעמיע צו דעם וואָכנבלאַט האָט ער אויך אַרויסגעגעבן אַ זמ"ב א"ט „פרייע ביילאַגע"— איינע פון די ווייניקע יידישע ערנסטערע אויסגאַבן אין דרום-אַפריקע, און איז

שוין צוגעטרעטן צו גרינדן אַ דריימאָנאַטלעכן זשורנאַל פון אַ ריין ליטעראַרישן כאַראַקטער מיט דעם צוועק צו אַנטוויקלען די אָרטיקע ליטעראַרישע קרעפטן, אָבער זיין טויט האָט צעשטערט דעם דאָזיקן פּלאַן. פ׳ האָט אויך רעדאַקטירט אַ יידישע ביילאַגע צו דעם אָפיציעלן אָרגאַן פון די יוניאָניסטן Progressive Monthly, וואָס איז אַרויס אין יאָהאַנעסבורג ערב די וואַלן 1910.

י. ש. יודעלאָוויץ (זע), „צו דער געשיכטע פון דער אידישע פּרעסע אין דרום־אפריקע".

פאַהן, ראובן (י"ח אדר א׳ 1878 —) געב. אין דאָרף סטאַרוניע, אין די קאַרפּאַטן, מזרח־גאַליציע. זיין פאָטער, אברהם, אַ פאַבריקאַנט פון נאַפט און ערדוואַקס, האָט מצד אמו געשטאַמט פון בעל־תוספות־יום־טוב, די מוטער — פון „טורי־זהב", בעל הש"ך און דעם מקובל ר׳ משה סאַלאָטווינער.

דערצויגן געוואָרן אין דאָרף און געלערנט ביי הויז־מלמדים און לערערס גמרא, תנך, דיקדוק און אפילו פּויליש און דייטש. צו 19 יאָר חתונה געהאַט קיין האַליטש, וואו געהאַלטן אַ געוועלב מיט קאָנפעקציע, גאַלאַנטעריע וכדומה, אויך אַ פאַבריק פון קאָרב־פלעכטעריי, אָפּגעבנדיק זיך אין דער פרייער צייט מיט ליטעראַטור. ביים אויסבראָך פון דער וועלט־מלחמה, ווען ביי האַליטש אַלס וויכטיקן סטראַטעגישן פּונקט ביים דניעסטער־אַריבערגאַנג האָט זיך אָפּגעשפּילט אַ בלוטיקער קאַמף, אַנטרונען מיט זיין פאַמיליע קיין ווין, וואו ביז סוף 1916 געווען אָנגעשטעלט ביי דער געמיינדע־ביבליאָטעק, דאַן אַריינגעצויגן געוואָרן אין מיליטער. נאָך דער צעפאַלונג פון עסטרייך צוריקגעקומען קיין גאַליציע, געטראָפן זיין שטעטל חרוב, זיך באַזעצט אין סטאַניסלעוו, וואו בשעת דער אוקראַינישער ממשלה געווען סעקרעטאַר פון „מזרח־גאַליציש יידישן נאַציאָנאַלראַט" און רעדאַקטאָר פון די מיטטיילונגען פון נאַציאָנאַלראַט. נאָך דער ליקווידאַציע פון נאַציאָנאַלראַט, פרילינג 1919, זיך ווידער גענומען צו מסחר און אינדוסטריע און ממשיך געווען זיין ליטעראַרישע טעטיקייט. — אָנגעהויבן זי נאָך יינגלוויז מיט העברעישע שירים, האָט פ׳ דעביוטירט מיט אַ ביכל „בית ישראל / שיר לאמי על ישראל ותורתו" (דראָהאָביטש, תרנ"ו) און אין משך פון זיין איבער 30יעריקער ליטעראַרישער טעטיקייט זיך באַטייליקט כמעט אין אַלע העברעישע און יידישע אויסגאַבן פון גאַליציע, אויך אין אויסלענדישע אויסגאַבן, ווי פּט"ב'ער „הקדם", „התקופה" („משכילי ישראל וחכמי מקרא" — כרך י"ב), ב"י'ער „יידישען טאַגעבלאַט", „מאָרגען זשורנאַל", „פאָרווערטס", אין אייניקע דייטש־יידישע צייטשריפטן, אין אַרטור לאַנדסבערגערס זמ"ב Das Volk des Ghetto א"אַ. באַזונדערס איז ער באַקאַנט אַלס אַווטאָר פון בעלעטריסטישע און וויסנשאַפטלעכע אַרבעטן וועגן די קאַראַימער, וואָס זייער לעבן, ליטעראַטור און געשיכטע האָט ער געהאַט די געלעגנהייט צו שטודירן אין האַליטש, וואו ס׳איז פאַרהאַן אַ קליינע קאַראַימישע קהילה. זיין בוך „מחיי הקראים — ציורים וטפוסים" (האַליטש, 1908) האָט ער אויך איבערגעזעצט מיט פילע ענדערונגען און הוספות אויף יידיש און פאַרעפנטלעכט פראַגמענטנווייז אין פאַרשיידענע יידישע אויסגאַבן. ער האָט אויך פיל געאַרבעט אויף דער געשיכטע פון דער השכלה־באַווע־

גונג. אין בוכפאָרם האָט ער אַרויסגעגעבן: „לקורות הקראים בגליציה“, „האגדות הקראים“, „בזרם הזמן—ספורים וציורים“ (תרע"ב), „תקופת ההשכלה בוינה“ (פ"ג היקל, ווין-בערלין, 1919), „שלמה לעוויזאהן“, „יוסלי טגלשר“ („ספור אגדה לבני הנעורים“, פ"ג „סנונית“, לעמבערג), תרפ"ב) Legenden der Karaiten א"אַ. פון זיינע אַנדערע אַרבעטן איז צו דערמאָנען: „הרב משה קוניץ“ — קולטור-היסטאָרישע שטודיע אויס דעם רעפאָרם-פעריאָד ביי יידן (אין „רשמות“ די א"ר פון ביאַליק-דרויאַנאָוו-ראַווניצקי), אַ קולטור-היסטאָרישע שטודיע וועגן די „בכורי העתים“ און זייערע רעדאַקטאָרן — אין כתב-יד, „די געשיכטע פון דער יידיש-נאַציאָנאַלער אַווטאָנאָמיע אונטער דער מערב-אוקראַינישער רעפובליק“—אין כתב-יד אין יידיש.—זינט 1897 טעטיק אין דער ציוניסטישער באַוועגונג, זינט 1908—אַלס „מזרחי“, האָט ער ווינטער 1925 פאַרבראַכט 3 חדשים אין א"י און פאַרעפנטלעכט זיינע רייזע-איינדרוקן אין לעמבערגער „טאָגבלאַט“, וואו ער שרייבט אויך גאַנץ אָפט (לעצטנס— אין לעמבערגער „מאָרגען“) איבער יידישע פראַגן פון ציוניסטיש-העברעיִסטישן שטאַנדפונקט, הגם ער פאַרשטייט אויך אָפצושאַצן די באַדייטונג פון יידיש אַלס פאַקטאָר קעגן דער אַסימילאַציע. פון 2/V 1924 ביז 30/I 1925 האָט ער רעדאַקטירט אַ לאָקאַלע יידישע צייטונג „סטאַניסלויער נאַכריכטען“ אַלס אָפטיילונג אין דער שבת-אויסגאַבע פון לעמבערגער „טאָג-בלאַט“ (אַרויס 35 נומ').

אברהם כהנא (אברך), צו פ—ס 30־יעריקער שריפטשטעלערישער טעטיקייט, אין לעמבערגער „טאָגבלאַט“, 1926, 157.

פאַוויר *) אַליעזר — האָט געלעבט אין זשאָלקיעוו, ביי לעמבערג, וואו ער איז געווען דער סעקרעטאַר (ספרא) פון דער קהילה, אומגעפער אין דער צייט, ווען זי האָט אָנגעהויבן צו שפילן אַ ראָלע אין דער השכלה-באַוועגונג אין גאַליציע, צוגלייך מיט די השכלה-צענטערס בראָד און טאַרנאָפאָל. קיין גענויערע ביאָגראַפישע דאַטן גיבן וועגן אים ניט אָן ניט שלמה בובער אין זיין געשיכטע פון זשאָלקיעוו „קריה נשגבה“, ניט פראָפ. מאיר באַלאַבאַן אין זיינע היסטאָרישע אַרבעטן וועגן דער דאָזיקער שטאָט, הגם לויט זיינע אויפטוען פאַר דער יידישער פאָלקסליטעראַטור האָט האָט ער פאַרדינט מער אויפמערקזאַמקייט. ער איז געווען אַ פיאָניער פון דער יידישער פאָלקסליטעראַטור אָנהייב אָנהייב XIX י"ה, איינער פון די ערשטע יידישע שריפטשטעלער, וואָס האָט נאָך פאַר מענדל לעפין און זיין פריינד יוסף פערל געפרוווט איבעררייסן מיט דעם פאַרגליווערטן טראַדיציאָנעלן „הויכטייטש“ — דער דעמאָלט אָנגענומענער ליטעראַטור-שפראַך אונזערער, און באַנוצט אין זיינע חיבורים דאָס לעבעדיקע פאָלקס-יידיש. קיין אָריגינעלע ווערק זיינען פון אים ניט באַקאַנט, אָבער אין זיינע באַאַרבעטונגען האָט ער אַרויסגעוויזן אַ חוש אי פאַר דער פאָלקסטימלעכקייט פון אַ „מעשה-בוך“, אי פאַר דער בשעתו מאָדערנער משכילישער דראַמע, אי פאַר דעם קלאַסישן מוסר-ספר. אַ באַזונדערס גרויסן ערפאָלג האָט געהאַט זיין „ספר ספורי הפלאות“ — אַ איבערזעצונג פון דעם באַרימטן ווערק פון דער אַלט-יידישער ליטעראַטור — דעם „מעשה-

*) לויט אייניקע אויסגאַבן פון זיינע ווערק— פאַווער און לויט דער אויסגאַבע „ספורי הפלאות“, סעדעלקאָוו, 1833,—גאַר פאַווער.

בוך"—אין אַ מאָדערנערן פאָלקסטימלעכן יידיש; די איבערזעצונג האָט ער געמאַכט פון דעם אַמסטערדאַמער "מעשה=בוך" (1705), און אין זיין העברעיִשער הקדמה ("מליצת המעתיק") דערקלערט ער, אַז די שפּראַך פון דעם "מעשה=בוך" פאַרשטייט מען שוין ניט אין "אונזער מדינה", דעריבער האָט ער עס איבערגעזעצט "בלשון צח וקל למען יבינו כלם אנשים נשים וטף"... ווי ס'איז צו זען פון זיין שלוס=פּסוק צו "ספורי הפלאות" האָט ער געהאַט בדעה צו איבערזעצן דאָס גאַנצע "מעשה=בוך", ער האָט עס אָבער ניט באַוויזן און אין דעם געדרוקטן ספר גייען אַריין בלויז אַ 40 מעשיות פון די אַן ערך 250, וואָס דאָס "מעשה=בוך" אַנטהאַלט. אַרויסגעגעבן צוערשט אין 1801 (זשאָלקיעוו, תק"ס), איז פּ'ס "ספורי הפלאות" שפּעטער פיל מאָל איבערגעדרוקט געוואָרן פון פאַרשיידענע אַרויסגעבער אין סעדעלקאָוו, ווילנע, וואַרשע, צ"אַ פון דעם דרוקער אברהם=יצחק דוואָרזשעץ מיט אַזאַ טיטלבלאַט: "ספר ספורי הפלאות / דיזין ספר האט מעתיק גיוועזין אויף טייטש הרבני המופלג מו"ה אליעזר פאוויר ז"ל ספרא דק"ק זאלקווי אויש דער גמרא הקדושה און מדרשים. און דער ספר רופט זיך ספורי הפלאות דאס איז טייטש וואנדערליכע דערציילונג. ווייל עס ווערט דער ציילט וואנדערליכע מעשיות פון גמרא און מדרשים: אויך ווערט דער ציילט גרויש וואנדער פון הגאון החסיד ר' יהודה ז"ל ואביו הגאון ר' שמואל חסיד ז"ל זייער זכות זאל אונז ביי שטיין דרום מאנען און וייבר, איר זאלט ניט חס האבין אויף אייער געלד "דיזין ספר צו קופין מיטביידע הענד" מיר זאלן זוכה זיין צו זעהן דיא גאולה גיך אונ באלד אמן" (ווילנע, 1836, ז"ז 48, צווייפּאַלטיק).

די וואַרשעווער אויסגאַבע פון נתן בר' צבי שריפטגיס:ר פון 1845 האָט פאָלגנדיקן טיטלבלאַט: "ספורי הפלאות אדער גערימטע געשיכטע / דיזעס ספר איז גידרוקט גווארן בשנת תס"ה ונקרא בשם. מעשה בוך. אונ איצונד האט הרבני מוהר"ר אליעזר פאוויר ספרא דק"ק זאלקווי דאס ספר מעתיק גוועזן ללשון צח ונקי. כדי אז יעדרר זאל קענן בהענד ליינן חריץ הקורא בו ונקרא בשם ספורי הפלאות ווייל אין דיזן ספר וויֶרד דער ציילט פיל וואונדרליכי מעשיות פון הגאון החסיד ר' יהודה ואביו הגאון ר' שמואל חסיד זכותם יעמוד לנו. אויך ווירד דרינן דער ציילט שאר מעשיות נפלאים. דרום מאנן אונ ווייבר זאלן קופן דאס בהענד. אונ זאלן ניט חס זיין אויף דעם געלד. בזכות זה וועט קומן אונזר גאולה גשווינד אונ באלד. אמן כן יהי רצון". פאַרגלייכנדיק די דאָזיקע אויסגאַבע מיט דער ווילנער דוואָרזשעץ=אויסגאַבע פון 1836 (תקצ"ז), זעען מיר, אַז אַחוץ דעם שער=בלאַט איז דער חילוק דערהויפּט אין דער אָרטאָגראַפיע (אין דער וואַרשעווער זיינען די העברעיִזמען ניט איינגעקלאַמערט, דער קמץ ניט געפּינטלט אאַז"וו). בן=יעקב פאַרצייכנט אויך אַ וואַרשעווער אויסגאַבע פון יאָר 1853. אַ נייערע אויסגאַבע פון "ספורי הפלאות אָדער גערימטע געשיכטע", שוין אין אותיות מרובעות, האָט אַרויסגעגעבן דער פאַרלעגער פייוול מונק, וואַרשע 1890, מיט דעם שוין באַלד טראַדיציאָנעל געוואָרענעם נוסח אויפן טיטלבלאַט. אַ צווייטע אַרבעט פּ'ס, איז די פאַרקירצטע איבערזעצונג פון דער דראַמע "מלחמה בשלום" פון דעם מאָהליעווער מגיד חיים=אברהם בן אריה=לייב (שקלאָוו, 1895), וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן אין זשאָלקיעוו א"ט "ספר

גדולת יוסף" *) („אין דיזין ליבליכין ספר ווערט פיל מעשיות פאר ציילט: וויא יוסף פירט מיט זייני ברידר גרושי וויכוחים: אויך ווירד אין דיזן ספר פאַר מעלט פיל משלים: אונ אויך גרויש מוסר פון אמונת הבורא יתברך: אויך פון תחית המתים אונ ייעדר מענטש קאן זיך ארויש נעמן איין מוסר השכל גאט ב"ה צו דינען" אאַז"וו; איבערדרוק ווילנע 1836, דרוק פון מאַנעס און זימעל, ז"ז 84). ש. ווינער פאַרצייכנט נאָך די אויסגאַבן פון ווילנע — גראָדנע 1832, פון סעדעלקאָוו 1834, פון ווילנע 1843; פאַרהאַן אויך שפעטערע אויסגאַבן. פון פ"ס אַנדערע ווערק איז באַקאַנט נאָך זיין אויסגעצייכנטע יידישע איבערזעצונג פון „בחינת עולם" א"ט „שפה ברורה", וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן צוזאַמען מיטן אָריגינאַל (זשאָלקיעוו, 1805; איבערדרוק ראָם, 1850, ז' 168, מיט דער תפילה „בקשת הממי"ן", אָבער אָן יידישער איבערזעצונג).

פאַללער-הייבלום גיטל (III/ 1885 —) געב. אין לוקאָוו, שעדלעצער געגנט, אין אַ פאַרמעגלעכער משפחה. איר פאָטער, בער פעלדהענדלער, אַ גרויסער למדן און אַ באַגאַבטער מענטש, אָנגעזען אין שטאָט און ביי דער מאַכט, איז געוועזן דאָזאָר. באַקומען אַ טראַדיציאָנעלע יידישע דערציִונג און ביי פריוואַטע לערערס געלערנט רוסיש, פויליש, דייטש און אויך אַ ביסל פראַנצויזיש, אַ סך געלייענט פון די ביכער, וואָס דער פאָטער פלעגט איר ברענגען פון די שררות. נאָך אַ לאַנגער שווערער מלחמה מיט די עלטערן, וועלכע האָבן געוואָלט טאָן מיט איר אַ שידוך, סוף-כל-סוף געפועלט, מ'זאָל זי לאָזן פאָרן קיין אַמעריקע, צו איר ברודער יעקב, פ', דאַן אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער פון „מאָרגען זשורנאַל", וועלכער האָט זי איינגעאָרדנט אין דער אַבאָנענטן-אָפטיילונג פון דער צייטונג. אין אָוונט האָט זי באַזוכט אַ מיטלשול און זיך אָפגעגעבן מיט לייענען ענגלישע ליטעראַטור. איר ליטעראַרישע טעטיקייט האָט זי אָנגעהויבן 1913 מיט איבערזעצן קורצע דערציילונגען פון רוסישע און פוילישע קלאַסיקער, אויך פון ענגליש, פאַרן „מאָרגען זשורנאַל" און „אַמעריקאַנער", דערנאָך פאַרעפנטלעכט אין די דאָזיקע צייטשריפטן אין משך פון איבער 5 יאָר אָריגינעלע דערציילונגען, צ"אַ די „סעריע מיינע חתנים" פון אַווטאָביאָגראַפישן כאַראַקטער (אין „אַמעריקאַנער"; אין אַ פאַרבעסערטן נוסח שפעטער איבערגעדרוקט אין דעם אָרגאַן פון דעם „אינדעפענדענט אַרבעטער-רינג" „דאָס נייע וואָרט", וואו זי שרייבט נאָך עד-היום פון צייט צו צייט אונטער איר פאַרהייראַטן נאָמען גיטל הייבלום). האָט אויך געפירט אַ באַזונדערע אָפטיילונג אין „אַמעריקאַנער" א"ט „פון אַ פרוי צו פרויען" א"פ גיטל בלום און פאַרעפנטלעכט אייניקע דערציילונגען אין „טאָג". צוליב שוואַכן געזונט האָט זי אויפגעהערט צו שרייבן. אין די לעצטע יאָרן טעטיק אין דער אַרבעט פון די ש"ע-פאָלקסשולן.

פאַללער יעקב (15/IV 1885 —) אַדאָפטירטער נאָמען פון י. פעלהענדלער. געב' אין לוקאָוו, ביי וואַרשע. 1906 אויסגעוואַנדערט קיין

*) צו יענער צייט איז אויך די דראַמע פון יוסף האפרתי מטראפלאָוויץ (1770 — 1804, איינער פון די „מאספים") „מלוכת שאול" (1794, ווין) ארויס אין יידישער איבערזעצונג פון נפתלי-הירש בן דוד א"ט „ספר גדולת דוד ומלכות שאול" (לעמבערג 1801; אייניקע מאָל איבערגעדרוקט, ווי יוזעפאָוו, 1834, א"אַ).

אַמעריקע. האָט זיך באַטייליקט אין „מאָרגען זשורנאַל״, „אַמעריקאַנער״, „טאָג״, „קענעדער אָדלער״, „ייד. טאַגעבלאַט״, „איד. צוקונפט״, זמ״ב „אַמעריקאַ״, „פ. אַ. ש.״, „פרייער געזעלשאַפט״, „פאַמיליען זשורנאַל״, פּפּעפּער׳ס „וואָכענבלאַט״, אויך אין לאָנדאָנער „איד. עקספּרעס״ א״אַ. געשריבן אויך העברעיש, פאַרפאַסט אייניקע פּיעסן אין יידיש און ענגליש, וועלכע זיינען אויפגעפירט געוואָרן. נאָך דער מלחמה באַזוכט פוילן און אַרויסגעגעבן אַ „קאָמעדי-דראַמע״ אין 4 אַ׳ א״ט „דער שליח״ (וואַרשע, 1922, ז׳ 113, מיט אַ בריוו פון רודאָלף שילדקרויט אַלס הסכמה), וואו געפּרוווט שילדערן דאָס יידישע נאָכמלחמהדיקע שטעטל אין פוילן און די באַציונגען מיט די אַמעריקאַנער דעלעגאַטן. — וואוינט אין נ״י.

„שלום-עליכם-בוך״.

פאַלק יוסף (17/XII 1889 —) געב׳ אין בעלז, מזרח-גאַליציע, אין אַ נגידיש-סוחרישער משפּחה. די פרומע עלטערן האָבן ניט געשפּאָרט קיין מי און געלט צו באַפרייען אים פון דעם שולצוואַנג און ביז 15 יאָר האָט ער געלערנט אין חדרים און בית-המדרש, אָבער שוין אַלס בר-מצווה-יינגל איז ער „אַראָפּ פון וועג״, אָנגעהויבן צו לערנען תנך, העברעיש און דייטש, אויסגעשטאַנען רדיפות פון רבין און די חסידים, געאַרבעט אין דער פרעמד אַלס בוכהאַלטער, שפּעטער צוריקגעקומען קיין בעלז, וואו ער פאַרנעמט זיך מיט מסחר. — צו 16 יאָר דעביוטירט מיט אַ סקיצע אין דייטש אין ד״ר בלאָכס Österreichische Wochenschrift, האָט ער זיינע ערשטע שירים אין יידיש פאַרעפנטלעכט אין סאַנאָקער „פאָלקספריינד״ 1910 און זינט דאַן געדרוקט – אויך א״פ פאַלק בערגער — לידער און דערציילונגען, דערהויפּט חסידישע, אין פאַרשיידענע גאַליצישע אויסגאַבן, ווי „פאָלקספריינד״, לעמבערגער „טאָגבלאַט״ און „מאָרגען״, ד״ר אַנזעלם קליינמאַנס „יידישן ליטעראַרישן קאַלענדאַר״ ה׳תרפ״ד („די עבודה. / אַ מעשה שהיה מיט אַ מוסר-השכל דערציילט פון ר׳ בונמ׳ל חסיד״) און ה׳תרפ״ה („כּרת. / אַ פאָרכטערלעכע מעשה, דערציילט פון ר׳ בונמ׳ל חסיד״). לעצטנס באַטייליקט זיך אויך אין די נ״יער „טאָג״ און „מאָרגען זשורנאַל״ (פון דער סעריע „יושבים״), אין דער וואַרשעווער „יידישער טריבונע״ 1922, אין לעמבערגער וואָכנבלאַט „דאָס פרייע וואָרט״ (1927, V — „יצחק בלאָך, אַ געדענקבלאַט פאַר אַ צו פריה פאַרגעסענעם״) א״אַ.

פאַלק פעליקס (188...) געב. אין דייטשלאַנד. פאַרענדיקט זיין שטודיום אַלס גערמאַניסט מיטן טיטל ד״ר, איז ער אַ געוויסע צייט געווען פּריוואַטדאָצענט אין זשענעווער אוניווערסיטעט. האָט פאַרעפנלעכט אַן אַרבעט וועגן דער קלאַסישער פּאָעמע פון דער אַלט-יידישער ליטעראַטור, דעם באַרימטן „שמואל-בוך״, א״ט Mélanges bibliographiques sur les livres de Samuel en strophes de Nibelungen (לייפּציג, 1909) און אויך זי איבערגעזעצט אין דייטש א״ט Die Bücher Samuelis in deutschen Nibelungenstrophen des XV. Jahrhunderts (אין די Mitteilungen zur jüd. Volkskunde, 1908, ה׳ XXV — XXVIII). די דאָזיקע זייער גרינדלעכע אַרבעט מיט אַ רייכער ביבליאָגראַפיע איז ליידער געבליבן ניט פאַרענדיקט. דער ערשטער קאַפּ׳ ברענגט אַריינפירנדיקע באַמערקונגען וועגן דער אַלט-יידישער ליטעראַטור (איר עלטער, כאַראַקטער, אויפקום

און פאַרשפּרייטונג, אינהאַלט און גרייס;
די יידישע שפּראַך און ליטעראַטור פאַרן
משפּט פון געלערנטע; איר ווערט פאַר
דער גערמאַניסטיק). דער צווייטער קאַפּ׳
א״ט „די ביזאיצטיקע פאָרשונגען וועגן
דעם שמואל=בוך״ גיט אַן איבערבליק
איבער די וויכטיקסטע תנך=איבערזעצונ=
גען, גלאָסאַרן און געגראַמטע תנך=פּאַראַ=
פראַזן ביזן סוף XVI י״ה, דערנאָך ווערט
באַשריבן די שטעלונג פון די געלערנטע
צו דער פּראָבלעם פון „שמואל=בוך״;
אָבער אָט גראָד דאָ, וואו ס׳האָט זיך
געדאַרפט אָנהייבן אַן אַנאַליז פון דעם
ווערק גופא, רייסט זיך די אַרבעט
איבער. פ׳ האָט אויך געהאַט בדעה
אַרויסצוגעבן אַ קריטישע אויסגאַבע פון
„שמואל=בוך״ לויט די כתב=ידן פון פּאַריז
און האַמבורג, ליידער איז אויך דער
פּלאַן ניט אויסגעפירט געוואָרן. לויט
געוויסע ידיעות זאָל פ׳ בשעת דער
מלחמה זיך האָבן גענומען צו געשעפטן
און אינגאַנצן פאַרלאָזן דאָס וויסנשאַפט=
לעכע געביט.

ב. באָראָכאָוו, „די ביבלאָטייק פון יידישן פילאָלאָג״, 130; ד״ר מ. ווייגרייך, „שטאַפלען״ ז׳ 46.

פאַלקאָוויטש יואל=בעריש (...18—
...187) געב׳ אין דובנע, וואָלין. באַקומען
אַ גרינגדלעכע יידישע דערציִונג, אַ גרוי=
סער בקי ניט נאָר אין תלמוד, נאָר אויך
אין חקירה און קבלה, האָט ער נאָך אין
דער יוגנט, ווייזט אויס, זיך גענומען
צו אַלגעמיינער בילדונג, באַהערשט אייני=
קע אייראָפּעיִשע שפּראַכן און איז גע=
וואָרן איינער פון די פּיאָניערן פון דער
השכלה=באַוועגונג אין וואָלין. אַלס איי=
נער פון די געציילטע קענער פון רוסיש
אין דובנע האָט ער צוזאַמען מיט זיין
שוואָגער יוסף אַלעקסאַנדראָוויטש גע=
שפּילט אין שטאָט די ראָלע פון די
גרעסטע תקיפים און אויסגענוצט די
גאַנצע השפּעה צו שיצן פון די רדיפות
מצד די אָבסקוראַנטן זיין נאָענטן פריינד,
דעם באַוואוסטן השכלה=פּיאָניער וואָלף
אַדעלזאָן. ער האָט זיך אויך אויסגעצ=
ייכנט אַלס גוטער העברעיִשער סטי=
ליסט און נאָך אין 1820 האָט ער באַ=
אַרבעט אויף העברעיִש לעסינגס דראַמע
„פילאַטאָס״ (די דאָזיקע פרייע איבערזע=
צונג האָט ער פאַרעפנטלעכט ערשט אויף
דער עלטער א״ט „אבינדב״, אָדעס,
1868, ז׳ 28). שפּעטער האָט ער זיך
באַזעצט אין פּט״ב און זיך משמעות
דערוואָרבן פיל פריינד צווישן די דע=
מאָלטיקע משכילים אין רוסלאַנד, אַזוי
אַז ווען ער האָט אין 1866 פאַרלאָזט די
הויפּטשטאָט און געפאָרן קיין אָדעס, איז
ער אויפן וועג אומעטום אויפגענומען
געוואָרן פון די משכילים מיט גרויס
כבוד, און אין זשיטאָמיר האָבן זיך ביי
אים פאַרזאַמלט די לערער פון דער
ראַבינער=שול, ווי אויך צווייפעל, גאָט=
לאָבער, באַקסט, סוכאָסטאַווער א״אַ,
האָבן געלייענט זיינע ווערק און אים
אויפגעפאָדערט זיי אַרויסצוגעבן. ער האָט
געדרוקט מאמרים אין די העברעיִשע
צייטשריפטן אונטער די איניציאַלן נ. פּ. *).
זיך באַזעצט אין אָדעס, וואו ער האָט
פאַרבראַכט די לעצטע יאָרן פון זיין
לעבן, האָט ער זיך (אין אָדעס, ווייזט
אויס) צוליב אַ אומבאַקאַנטער סיבה גע=
שמדט. דאָך איז ער געבליבן אויך ווייַ=
טער אַ פריינד פון יידנטום און אַלס
ענטפער אויף די אַנטעסימיטישע אַרויס=
טרעטונגען פון דעם רעדאַקטאָר פון
דער צייטונג Варшавскій Дневникъ
האָט ער אָנגעשריבן אין דייטש אַן אַפּאָ=

*) דאָס מוז זיין אַ טעות=הדפוס אין דער נאָטיץ פון גבריאל ראַוויטש אין „הקול״, אָנשטאָט י. פּ.

לאָגיע Wort zur Zeit, וואָס ער האָט אויך איבערגעזעצט אויף העברעיִש און דורך דער פאַרמיטלונג פון גבריאל ראַוויטש זי פאַרעפנטלעכט אין ראַדקינסאָנס „הקול" תרל"ז, 8 — 21, „א"ט דבר בעתו", וואו ער טענהט זיך אויס וועגן אַלע באַשולדיקונגען און בילבולים אויף יידן (דער דייטשער אָריגינאַל האָט זיך אין יאָר 1876 געפונען ביי שלמה מאַנדעלקערן, וועלכער האָט עס געזאָלט איבערזעצן אויף רוסיש). פ' איז אויך אויפגעטרעטן אויף אייניקע עלילת־דם־פּראָצעסן, באַשטעטיקנדיק מיט אַ שבועה די פאַלשקייט פון די בילבולים. ד"ר ר. קולישער, וועלכער איז געשטאַנען מיט פ'ן אין אַ קאָרעספּאָדענץ, דערמאָנט ניט זיין שמד, לויבט אים שטאַרק אַלס פאַרדינסטפולן קעמפער פאַר דער יידישער אויפקלערונג, אויסערגעוויינלעכן קענער פון דער גאַנצער העברעיִשער ליטעראַטור און זייער געבילדעטן און אָנגעלייענטן מענטשן; לויט קולישער איז ער געווען אַ אָהענגער פון פּאָפּולאַריזירן וויסנשאַפט אויף העברעיִש, וואָס ער האָט געשטעלט העכער פאַר דער אומניצלעכער בעלעטריסטישער מליצה פון די העברעיִשע שריפטשטעלער. אַליין אָבער האָט ער אַרויסגעגעבן אויף יידיש אונטער זיינע איניציאַלן J. B. F. צוויי טעאַטערשטיק, „רב חיים'ל דער קצין, איין טהעאַטער אין 4 אַקטען, בעאַרבייטעט נאָך ק. געשריבען אין ס.־פעטערסבורג אין 1864" (אָדעס, 1866) און „רחלע דיא זינגערין / איין טהעאַטער אין 4 אַקטען. בעאַרבייטעט נאָך S. et R. K." (זשיטאָמיר, דרוק א. ש. שאַדאָוו, 1868, ז' 125). דער ליטעראַרישער און סצענישער ווערט פון די דאָזיקע „טעאַטערשטיק" איז זייער אַ קנאַפּער, זיי האָבן אָבער אַ היבשן אינטערעס סיי לויט זייער גאַנץ ריינער פאָלקס־טימלעכער שפּראַך, סיי לויט די ראַדיקאַלע השכלה־טענדענצן, וואָס דער אַווטאָר פירט אין זיי אַריין. אַ סך כתבים זיינע זיינען געבליבן אין מאַנוסקריפּט אין אָדעס, צווישן זיי אויך — אַ טייל פון דעם עזבון פון וואָלף אַדעלזאָן.

„קול מבשר", 1869 ז' 206; גבריאל ראַוויטש, אין „הקול" פון 8/XI 1878; ד"ר ר. קולישער, Итоги, IV („די שפּראַכפראַגע: העברעיִש און זשאַרגאָן"), אין Восходъ, 1894, X, ז' 43—44, אין בוכפאָרם, ז' 70; א. פרידקין, „א. ב. גאָטלאָבער און זיין עפּאָכע", ז' 219; ЕЭ, XV.

פּאַקס שמואל (31/I 1885 —) געב' אין פלאָנסק, וואַרשעווער געגנט, אין אַ רייכער חסידישער משפּחה פון תבואה־ און וואַלד־סוחרים. געלערנט אין חדר און בית־המדרש ש"ס און פּוסקים, געפאָרן צום רבין, שפּעטער געווען טעטיק אין דער ציוניסטישער באַוועגונג, 1903 פאַרלאָזט פוילן און אַוועק קיין לאָנדאָן, וואו אָנגעהויבן צו שרייבן העברעיִש אין יצחק סוואַלסקיס „היהודי", 1904 געקומען קיין אַמעריקע, אַ צייט זיך באַטייליקט אין דער פּ"צ־באַוועגונג, זיך באַשעפטיקט אַלס לערער פון העברעיִש, 1912 געענדיקט נ"י אוניווערסיטעט אַלס צאָנדאָקטאָר. אין יידיש האָט פּ' פאַרעפנטלעכט אַ דערציילונג פון חסידישן לעבן „די אַנטפּלעקונג" און אַ פּאָעמע „אין גאָרטען" א"פ עמנואל אין זמ"ב „ליטעראַטור" II, אַ גרעסערע דערציילונג פון ניו־יאָרקער לעבן א"ט „איינמאָל אין אַ פריהמאָרגען" אין זמ"ב „די נייע היים", די דערציילונג „איבער אַ נאַרישקייט" און אַ סעריע לידער אין א. רייזענס „דאָס נייע לאַנד"; האָט אויך געשריבן אַ סעריע אַרטיקלען „די יונגע יידישע ליטעראַטור" — איבער אָפּאַטאָשו, איגנאַטאָוו, מאַני־לייב און מ. ל. האַלפּערן — אין דעם ציוניסטישן אָרגאַן „דאָס אידישע פאָלק".

פאַרבאַ אַלעקסאַנדער (ט"ו אב 1838 —) פס"ג פון א. פאַרבער. געב' אין קאַלושין, וואַרשעווער געגנט. געלערנט אין חדר, אין די ישיבות פון נאָוואָ-מינסק און ר' איטשעלעס ישיבה אין וואַרשע, שפּעטער ביים פּראַגער רב. צו 16 יאָר שוין געווען אַ חתן, צו קנאַפּע 19 יאָר חתונה געהאַט, זיך אַ געוויסע צייט פאַרנומען מיט לערערײַ. האָט דעביוטירט מיט אַ ליד אין „מאָמענט" 1911, זינט דאַן פון צייט צו צייט פאַרעפנטלעכט לידער אין פאַרשיידענע אויסגאַבן; אַ זאַמלונג פון זיי אַרויסגעגעבן א"ט „דורך גלאַנץ און נעבעל" מיט אַ פאָררעדע פון נח פּרילוצקי (1918). האָט אויך אָנגעשריבן אייניקע דראַמען, ווי „בעני קענדזשער", — אויס דעם לעבן פון דער אונטערוועלט, אויפגעפירט אין וואַרשעווער טעאַטער „צענטראַל" 1921 (אין בוכפאָרם אַרויסגעגעבן אין פ"ג „וואַנדערער", וואַרשע, 1923); „די וועלט גייט אונטער", וואו עס ווערט באַהאַנדלט דער דראַנג פון דער מאָדערנער פרוי צו באַפרייען זיך אַלץ מער פון אירע פליכטן אַלס ווייב און מוטער און צו פירן אַ זעלבשטענדיק לעבן. האָט רעדאַקטירט אַ גאַנצע ריי ליטעראַרישע זמ"ה פאַרן פ"ג פון „מאָמענט", אַרויסגעגעבן אַ פּאָר נומערן פון צווייוועכנטלעכן „אונזער זשורנאַל", 1913, און גיט לעצטנס אַרויס אַ אומפּעריאָדיש צייטשריפטל פאַר ליטעראַטור און קריטיק א"ט „מיין שטענדער", וואָס ער פילט אינגאַנצן אויס אַליין (ביז אַהער זיינען אַרויס 3 ה'). וואוינט אין וואַרשע, דורכשלאָגנדיק זיך מיט קאָרעקטור.

הלל צייטלין, אין „מאָמענט" און זיינע „בלעטלעך", II; י. ג., אין ווייסענבערגס „יודישע זאַמעלביכער", II; א. ל. יאַקיבאָוויטש, „ליטעראַרישע געשפּרעכן", אין „היינט".

פאַרבמאַן ניסן (י' אדר 1891 — י"ט חשוון 1921) געב' אין טאַרנאָבזשעג, גאַליציע. ער האָט זיך באַשעפטיקט מיט זייגערמאַכערײַ, געהאַט קראַנקע פיס, געגאַנגען אויף קוליעס, געשטאָרבן פון אַ האַרץ-אָנפאַל. זיינע לידער, סקיצן און אַרטיקלען האָבן זיך געדרוקט אין לעמבערגער „טאָגבלאַט" און דערהויפּט אין סאַנאָקער „פאָלקספריינד", אויך אין שפּירנס „יודישע זאַמעלביכער" א"אַ.

פאַרבער חיים-יצחק (1888—) געב' אין בראַגישע, בעסאַראַביע, אַלס זון פון אַ מאָלער-דעקאָראַטאָר. פון קינדווייז אויף אַרויסגעוויזן אַ נייגונג צו מאָלערײַ, אָבער די עלטערן האָבן אים ניט געלאָזט אָפּגעבן זיך מיט דער דאָזיקער מלאכה, כדי זי זאָל אים ניט שטערן אין די לימודים. שפּעטער האָט ער צוזאַמען מיט די עלטערן אויסגעוואַנדערט קיין אַרגענטינע, וואו ער איז באַשעפטיקט אַלס יידישער לערער אין בוענאָס-איירעס. האָט זינט 1912 פאַרעפנטלעכט לירישע און סאַטירישע לידער, אויך לידער פון דער נאַטור און פון יידיש-קאָלאָניסטישן לעבן — אין פאַרשיידענע אויסגאַבן פון אַרגענטינע, צ"אַ אין „אַוואַנגאַרד", „וועגווייזער", „פאַר גרויס און קליין", „דעם רויטן שטערן", אויך א"פ סאָפאַ, אַ שטיפער, איציקל אָפּטימיסט. זינט 1921 געשריבן אַ סך קינדער-לידער, פון וועלכע אַ זאַמלונג אַרויסגעגעבן א"ט „פאַר ברידערלאַך און שוועסטערלאַך" (בוענאָס-איירעס, 1925, ז"ז 31, מיט נאָטן פון ח. זאַסלאַווסקי צו דעם קינדערשפּיל „דאָס שיפעלע").

פאַרלערער מרדכי (6/III 1895—) געב' אין וואַרשע אַלס זון פון אַ בעל-מלאכה. ביז 9 יאָר געלערנט אין חדר, דערנאָך געענדיקט די יידישע האַנטווערקערשול אין וואַר-

שע אַלס ציזלער (קונסט־אַרבעטער אויף מעטאַלן), 1914 אַוועק קיין בערלין שטודירן ווייטער זיין פאַך, ביים אויסבראָך פון דער וועלט־מלחמה אַרעסטירט געוואָרן פון די דייטשן, קוים אַנטלאָפן, זיך געוואַלגערט אין דייטשע פּאָרט־שטעט און, פאַרקליידט אַלס טרעגער, מיט דער הילף פון מאַטראָסן, וועלכע האָבן אים באַהאַלטן אין קוילנמאַגאַזין, אַריבערגעקומען קיין שטאָקהאָלם, פון וואַנען די רוסישע אַמבאַסאַדע האָט אים געזוכט אַרויסצושיקן קיין רוסלאַנד, אָבער אַדאַנק דער השתדלות פון דעם כלל־טוער ד"ר אַלפרעד לעווין, וועלכער האָט זיך באַמיט ביים שוועדישן קיניג מבטל צו מאַכן דעם מיניסטאָרנבאַשלוס, געבליבן אין לאַנד, געווען באַשעפטיקט אַלס פיזישער אַרבעטער, אַלס ביוראַליסט, אַלס אַרכיוו־באַאַמטער אין יידישן פרעסע־ביוראָ (געגרינדעט פון ל. כאַזאַנאָוויטש און בערל לאָקער), אַלס איבערזעצער פון יידיש און פויליש פאַר דער שוועדישער פרעסע, שטודירט שוועדישע פילאָלאָגיע און ליטעראַטור. 1920 געקומען קיין פוילן, וואו צוריקגעפונען זיין פאַך אין אונטערגאַנג. זינט 1924 דערהויפּט געדרוקט איבערזעצונגען פון שוועדיש, אויך פון נאָרוועגיש — אין „וועלט־שפיגעל" און „אילוסטרירטער וואָך", א"ר פון א. גראַפּמאַן, אויך א"פ פּראָמעטער, אין „יוגנט־וועקער" (נום. 32 — אַ ליד פון עריק בלומבערג), „פאָלקסצייטונג" (קנוט האַמסונס „דער זין פון דער זון" דעצעמבער 1924, ב. בערגמאַנס „אייגן בלוט", „די ליאַלקע", „דער וואָקזאַל־שעף"—מאַי־יוני 1926, פּאַנאַיט איסטראַטיס „דאָס אומהיילבאַרע", פ. דאָסטאָיעווסקיס „אַ ציגעלע" א"א). אַלס אַוטאָריזירטער איבערזעצער פון סעלמאַ לאַגערלעף אויף יידיש פאַרעפנטלעכט איר בוך „די לעגענדע פון יעסטאַ בערלינג" (פ"ג „קולטור־ליגע", וואַרשע, 1926, ז"ז 704) און אַרבעט אויף דער איבערזעצונג פון אירע אַנדערע ווערק, ווי אויך אויף דער שוועדישער איבערזעצונג פון י. פּערלע, שלום אַש. האָט אויך פאַרעפנטלעכט אין „ליטעראַרישע בלעטער" אַ קורצע אָפּהאַנדלונג וועגן סעלמאַ לאַגערלעף (נומ' 19), אַ אינטערוויו מיט פּראָפ. סיגורדור נאָרדאַל וועגן דער מאָדערנער איסלענדישער ליטעראַטור (נומ' 27) און אַ בריוו פון סיגורדור נאָרדאַל (נומ' 61). זאַמלט פאָלקלאָר און טערמינאָלאָגיע פון בעלי־מלאכות פאַרן יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט.

פאַרנבערג קאַרל (1/VIII 1871 —) פס"נ פון **ישעיה ראָזענבערג**. געב' אין סלאָבאָדקע, ביי קאָוונע, אין אַ סוחרישער פאַמיליע. זיין פאָטער, חיים־הלל, אַ בן־תורה און זייער אַ פרומער, האָט געשטרעבט אים צו מאַכן פאַר אַ רב, אָבער סוף־כל־סוף זיך אונטערגעגעבן דער סביבה פון דעם

הויז און געלאָזט אים לערנען העברעיִש און אַלגעמיינע לימודים. זיך פרי באַקענט מיט דער העברעיִשער השכלה־ליטעראַטור, האָט ער זיך אָנגעהויבן אָפּצוגעבן מיט לייענען רוסישע ביכער, געלערנט — דייטש, פראַנצויזיש, בוכפירונג און 1890 אָנגעקומען אַלס בוכהאַלטער און דייטשער קאָרעספּאָנדענט אין דעם באַנקגעשעפט פון דוד האַלפּערן אין קאָוונע, אין 3 יאָר אַרום אַריבער אַלס קאַסיר און פאַרוואַלטער פון דעם באַנקהויז יאַקאָב מ. זאַקס.

צוזאַמען מיט ש. ראָזענפעלד און אַ גרוי=
פע יונגעלייט פירנדיק דאַן אַ קאַמפּ
קעגן דער קאָוונער חלוקה, האָט ער
1887—88 קאָרעספּאָנדירט וועגן דעם
אין Восходъ, דערנאָך אַריבער צו אַלגע=
מיינער פּובליציסטיק אין דער קאָוונער
רוסישער צייטונג, באַלד געוואָרן די
הויפּטקראַפט אַלס פּובליציסט און טעאַ=
טער = קריטיקער, געשריבן אויך אין
Виленскiи Вѣстникъ, 1898 אַוועק קיין
אויסלאַנד, שטודירט פּאָליטישע עקאָ=
נאָמיע, פילאָסאָפיע און געשיכטע אין
לייפּציגער (אַ געוויסע צייט אויך בער=
נער) אוניווערסיטעט, אַנדערטהאַלבן יאָר
געלעגן צו בעט אויף אַ שווערער נירן=
אַנטצינדונג, טראָצדעם 1902 באַקומען
דעם טיטל ד"ר פילאָסאָפיע מיט דער ער=
שטער אויסצייכענונג (Suma cum lauda)
פאַר זיין אַרבעט „ריקאַרדאָ און מאַרקס
אַלס ווערט=טעאָרעטיקער" (פאַרעפנט=
לעכט אין ווין, פ"ג איגנאַץ בראַנד), צו
יענער צייט אָנגעהויבן צו שרייבן אין
יידיש א"פ Novus איבער דער עקאָנאָ=
מישער לאַגע פון די רוסישע יידן—אין
דעם ווינער וואָכנבלאַט „די וועלט" א"ר
פון זיין פריינד ש. ראָזענפעלד, צוזאַ=
מען מיט ראָזענפעלדן און זיין איצטיקער
פרוי מרים פ., געב' קאַמיעניעצקי, צו=
גויפגעשטעלט דעם 2טן ב' פון דער
„וועלט=געשיכטע", וואָס יעקב דינעזאָן
האָט אָנגעהויבן אין אויפטראָג פון פ"ג
„אחיאסף" אַלס ביילאַגע צום „יוד" (פ'
איז געווען דער צוזאַמענשטעלער פון
מאַטעריאַל, זיין פרוי — די איבערזע=
צערין און ראָזענפעלד—רעדאַקטאָר פון
סטיל). אונטערן נאָמען פ' צווערשט אויפ=
געטרעטן נאָכן ענדיקן זיין שטודיום
אין קאַוטסקיס צייטשריפט Die Neue Zeit
1903, דאַן אויך פאַרעפנטלעכט אין
גרויסן רוסישן זשורנאַל Русская Мысль

אַן אַרטיקל קעגן טוגאַן=באַראַנאָווסקין
און אַ גרעסערע אַרבעט איבער דער
נעגער=פראַגע. מאַי 1903 געקומען קיין
אַמעריקע און זינט דאַן אריין אין די
רייען פון די פּראָפעסיאָנעלע יידישע
שרייבער, דעביוטירנדיק מיט אַן אַרטיקל
אין „צוקונפט" א"ר פון ב. פייגענבוים
איבער דער נאַציאָנאַלער פראַגע, שפּע=
טער אריין אַלס לייטאַרטיקלער און
שריפטשטעלער איבער סאָציאַליזם אין
„פאָרווערטס", נאָוועמבער 1905 צוליב
חלוקי=דעות מיט אַב. קאַהאַן פאַרלאָזט
דעם „פאָרווערטס" און זיך פאַרבונדן
מיט דער דאַן געגרינדעטער „וואַרהייט"
גלייכצייטיק מיטגעאַרבעט אין „צוקונפט",
1905 געפירט דאָרט די פּאָליטיש=סאָ=
ציאַלע איבערזיכט א"ט „איבער דער
וועלט", 1906 דעם זשורנאַל אַליין רע=
דאַקטירט. צו דער צייט אונטער דער
השפעה פון דניאל=טשערניכאָוו, וועל=
כער האָט דאַן באַזוכט אַמעריקע, זיך
גענומען צום שטודיום פון דער עמי=
גראַציע = פּראָבלעם און פאַרעפנטלעכט
אויף דעם געביט די בראָשורן: Враги
иммиграцiи (פ"ג „צוקונפט", ווילנע,
1907) און Евр. иммиграцiя — אַ פּרווו
פון אַ סטאַטיסטישער אויספאָרשונג (פ"ג
ס. לעוו, קיעוו, 1908). צו דער צייט
אויך אַרויסגעגעבן צוויי בראָשורן אין
יידיש „דער שטוטגאַרטער קאָנגרעס און
זיינע פּראָבלעמען" (פ"ג „צוקונפט", 1908;
די אַנדערע צוויי בראָשורן זיינען פאַר=
לאָרן געגאַנגען צוליב דעם באַנקראָט פון
פ"ג). 1907 אַלס קאָרעספּאָנדענט פון
„וואַרהייט" באַזוכט רוסלאַנד מיט דער
כוונה דאָרט צו פאַרבלייבן, אָבער איני=
גיכן צוריקגעפאָרן קיין אַמעריקע. פרי=
לינג 1909 פאַרלאָזט די „וואַרהייט", 1910
ווידער רעדאַקטירט די „צוקונפט", סוף
יאָר איינגעלאַדן קיין שיקאַגאָ אַלס רע=

דאַקטאָר פון דעם סאָציאַליסטישן וואָכנ=
בלאַט „די אידישע אַרבייטער וועלט" (ביז
אים רעדאַקטירט פון א. ש. זאַקס). זיך
אויך באַטייליקט אין Восходъ, Евр. Міръ,
EӨ, „פריינד" א"אַ אויסגאַבן פון רוס=
לאַנד. 1913 צוריקגעקומען פון שיקאַגאָ
קיין נ"י, איבערגענומען דעם פ"ג „אינ=
טערנאַציאָנאַלע ביבליאָטעק" פון עוואַ=
לענקאָ און, צונויפגיסנדיק אים מיט דעם
פ"ג פון מאַקס מייזעל (זע), געגרינדעט
דעם „ליטעראַרישן פ"ג" (אין אַ יאָר
אַרום האָט זיך מייזעל צוריקגעצויגן).
זינט 1914 אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן אונ=
טער דער אייגענער רעדאַקציע אַ חודש=
זשורנאַל „ליטעראַטור און לעבען", וועל=
כער האָט פון אַפּריל אָן זיך פאַראייניקט
מיט „דער יודישער וועלט" פון ב. קלעצ=
קין אויף אַזאַ אופן, אַז צו דעם ווילנער
מאַטעריאַל (דורך מאַטריצן) פלעגט צו=
געזעצט ווערן אַן אַמעריקאַנער אָפּטיי=
לונג (אַרטיקלען—איבערזיכטן, מערסטנ=
טייל פון זיין אייגענער פעדער), וועלכע
פלעגט נאָכדעם אויסגעניצט ווערן אויך
אין דער ווילנער אויסגאַבע. צוליב דער
מלחמה איז געוואָרן אוממעגלעך אָנצו=
האַלטן די דאָזיקע פאַרבינדונג און
דער זשורנאַל איז א"ט „ליטעראַטור
און לעבען" אַריבער אין רשות פון
אַ גרופּע שריפטשטעלער מיט פּראָפ'
יצחק=אייזיק הורוויטש אַלס פּרעזידענט,
און שפּעטער—אין רשות פון די „יונגע"
מיט זישע לאַנדוי, ראובן אייזלאַנד, מאַני=
לייב בראַש, ביז ער האָט זיך אין עטלעכע
חדשים אַרום אינגאַנצן אָפּגעשטעלט.
פאַר די יאָרן 1914—20, ווען דאָס יידי=
שע בוך אין אַמעריקע האָט געהאַט אַ
שטאַרקן אָנגאַנג, האָט דער „ליטעראַ=
רישער פ"ג" כמעט ווי פאַרטאָפּלט זיין
לכתחילהדיקן ביכער=באַשטאַנד, געוואָרן
אַ צענטער פאַר די „יונגע", צ"אַ אַרויסגע=

געבן „די גרויסע יידישע געשיכטע" פון
חיים שויס (זע), 5 ב' פון ראָמען ראָלאַנס
ראָמאַן „זשאַן קריסטאָף" (די ערשטע ב'
אין פ—ס איבערזעצונג), טשערנישעוו=
סקיס סאָציאַלן ראָמאַן „וואָס טוט מען"
(אויך אין זיין איבערזעצונג). דער „ליטע=
ראַרישער פ"ג" האָט אויך איינגעפירט
די סיסטעם פון פאַרקויפן יידישע ביכער
אויף אויסצוצאָלן דורך רייזנדיקע אַגענטן.
פ' איז אויך געווען איינער פון די פירער
פון דער „ייד' סאָצ' פעדעראַציע" און זיך
באַטייליקט אין אירע אויסגאַבן, אָבער
בשעת דער מלחמה זיך צוריקגעצויגן פון
יעדער פאַרטיי=טעטיקייט, 1916 אַריין
אַלס מיטאַרבעטער אין „טאָג", וואו ער
שרייבט עד=היום צוויי מאָל אַ וואָך פּוב=
ליציסטישע און פּאָליטישע אַרטיקלען,
אויך פאַר דער יידישער שפּראַך און
קולטור. זינט דעם 4/XII 1924 גיט פ'
אַרויס אַ וו"ב אין יידיש מיט אַן ענגלי=
שער אָפּטיילונג „די אידישע שטימע" אין
נואַרק, וואו סוף 1926 געגרינדעט אַ
„קולטור=צענטער" פאַר קולטור=טעטיקייט
און יידיש. האָט געשריבן אונטער פאַר=
שיידענע פס"נ, ווי Riboh, M. Дерозъ,
בן הילל, קלארבאַך, ד"ר י. מירקין, אַ
גרויער, הקורא, א. רידער, שמעיה
ואבטליון א"אַ. פון זיינע אַרבעטן איז נאָך
צו דערמאָנען: „סאָקראַטעס, זיין לעבן,
זיין פילאָזאָפיע און זיין צייט" (פ"ג „אינ=
טערנאַציאָנאַלע ביבליאָטעק", נ"י, 1908);
„פיר הונדערט יאָהר אידישע געשיכטע
אין אַמעריקאַ" און „ווי פערטיילען זיך
די קלאַסען אין אַמעריקאַ" (אין מילכס
זמ"ב „די נייע וועלט" I און III); „פּראָב=
לעמען פון אַמעריקאַנער יודענטום" („יודי=
שע וועלט", 1914, VI, VII), וואו ער באַ=
האַנדלט די שפּראַכפראַגע אויפן גרונד
פון דער פאָלקסציילונג אין די פאַר=
אייניקטע שטאַטן פון יאָר 1910, אַרויס=

טרעטנדיק קעגן די נביאות פון פ. ווער־ניק, אַב. קאַהאַן, ד״ר פישבערג, לעאָ ווינער א״אַ וועגן דעם אומפאַרמיידלעכן אונ־טערגאַנג פון יידיש אין אַמעריקע. — זיין פרוי מרים, פון דער היים קאַמע־נעצקי, געב׳ 1875 אין וויטעבסק, שטודירט אין בערן און אין ווין, האָט אויך איבערגעזעצט ש. אַנ־סקיס דער־ציילונג „אין אַ ווינקעל״ (אין „דער וועלט״ א״ר פון ש. ראָזענפעלד), אַ. סטרינדבערגס ראָמאַן „צעריסען״ („לי־טעראַרישער פ״ג״, נ״י), ערנסט פאָן וואָל־צאָגענס ראָמאַן „די שיינע זינדערין״ (אין דער „אידישער אַרבייטער וועלט״) א״אַ.

פּאַרעם לייב (VII/ 1902 —) געב. אין זאַמאָשץ, לובלינער געגנט. געלערנט אין חדר און דערנאָך אין דער קרוינישער שול, צוליב דער וועלט־מלחמה, בשעת זאַמאָשץ איז אַרי־בער פון האַנט צו האַנט – געמוזט איבער־רייסן די וויטערדיקע בילדונג, דורכגע־מאַכט אַלע צרות פון דער קריגסצייט, צו 18 יאָר צוגענומען אין דער פּוילישער אַרמיי, אָבער אין עטלעכע וואָכן אַרום אַנטלאָפן, אַ קנאַפּ יאָר געוואַנדערט אי־בער די שטעט און שטעטלעך פון פּוילן אונטער אַ פאַלשן נאָמען, ביז אים איז אָנהייב 1921 געלונגען אַריבערצוקומען קיין אַמעריקע. זיין ערשטע זאַך — אַ שטימונגסבילד „איבער וויליאַמסבורג ברידזש״ — פאַרעפנטלעכט אין „פריי־הייט״ פון 3/XII 1922, דאַן געדרוקט פון צייט צו צייט אין דער צייטונג ביל־דער פון פּוילן און אַמעריקע. אין בוכ־פאָרם אַרויסגעגעבן אַ מין טאָגבוך אויס דעם דעזערטירער־לעבן אין פּוילן א״ט „ראַסט (דערציילונגען״, פ״ג „יונגע״, נ״י 1926, ז׳ 201).

ד״ר ש. סיימאַן, „אין אונזער בוך״, 1927, II; ק. מרמר, אין „פרייהייט״.

פונדאָיאַנו ב. (1898 —) פס״נ פון בנימין וועקסלער. געב׳ אין יאַס, שטודירט יוריספּרודענץ אין אָרטיקן אוניווערסיטעט. אין דער רומעני־שער פּובליציסטיק באַקאַנט — אויך א״פ פ. בעניאַמין — אַלס פאָרטרעטער פון דער יינגסטער מאָדערניסטישער שול און ווערט דערפאַר שטאַרק באַקעמפט. איז אויך מיטאַרבעטער פון פאַרשיידענע רומעניש־יידישע צייטשריפטן און האָט איבערגעזעצט אויף רומעניש שירים פון ח. נ. ביאַליק, אברהם רייזען, ש. פרוג, ז. שניאור, יעקב גראַפּער.

מיטטיילונג פון י. גראַפּער.

פוקס אברהם משה (17/X 1890 —) געב׳ אין יעזיערנאַ, מזרח־גאַליציע. זיין פאָטער, חיים, האָט צוזאַ־מען מיט די ברידער און דעם טאַטן גע־האַנדלט איבער די

אַרומיקע דערפער מיט פלאַקס, פעל, תבואה וכדומה, זומער געהאַלטן סעדער; די באָ־בע—פון דער מו־טערס צד — האָט בשכנות געפירט אַ בעקעריי פון ברויט און זעמל. פ—ס קינדהייט האָט איינגעזאַפּט אין זיך די געזונטע גוטמוטיקע פּראַקטיקייט פון אָט די האָרעפּאַשנע יידן מיט זייערע פריידן און ליידן. דער שטאַרקסטער איינדרוק פון זיינע קינדעריאָרן איז געווען די שווייגנדיקע נאַטורליבשאַפט פון פאָ־טער, זיין איידעלער חוש פאַר שיינקייט, זיין געטריישאַפט און שווערע האָרעוואַניע און דער באַריידעוודיקער הומאָר פון דער מוטער, איר פריילעכקייט און געלעכטער, וואָס די דחקות און צרות פון שווער; לעבן האָבן ניט געקענט פאַרשטיקן. ב״ז

12 יאָר האָט פ׳ געלערנט אין חדר, געהאַט אַ גוטן קאָפּ, אָבער ווייטער פון חומש און פסוק ניט געגאַנגען; אויך די וועלטלעכע בילדונג, וואָס ער האָט באַקומען אין די 4 קלאַסן פון דער שטעטלשער באַראָן־הירש־פאָלקסשול, איז געווען אַ גאַנץ קנאַפּע, און ער האָט זי ערשט שפּעטער פאַרפולקומט אַלס אַוטאָדידאַקט. פון די פריסטע קינדעריאָרן אָן אַרויסגעוויזן אַ פאַרחלומטע ליבשאַפט צום דרויסן, צו נאַטור און צו מעשיות, האָט ער מיט זיין פאַנטאַזיע געלעבט אין די דערציילונגען פון חומש, געלייענט דעם טייטש־חומש, דאָס עברי־טייטש פון קרבן־מנחה־סידור, געשלונגען די גרייצער־ביכלעך, וואָס אָרעמעלייט פלעגן פאַרקויפן, און אויך די ראָמאַנען פון שמר־בלאָשטיין, וואָס דער טאַטע און די מאַמע האָבן געלייענט. ליניעצקיס „פּוילישע יינגל״, דערנאָך מענדעלע און ש״ע, ווי אויך די ליטעראַרישע קאַלענדאַרן פון גרשם באַדער האָבן פאַ־ אים געעפנט אַ נייע וועלט, געוויזן אים דאָס לעבן אין דעם פּנים פון דער ווירקלעכקייט, און די שונד־ראָמאַנען האָבן אויפגעהערט צו פאַרכאַפּן זיין פאַנטאַזיע. צו 15—16 יאָר געקומען קיין לעמבערג, האָט ער זיך באַשעפטיקט מיט פאַרשיידענע אַרבעטן און אָנגעהויבן צו נעמען אַן אָנטייל אין דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג פון דער יסד״פּ („גאַליצישער בונד״), אַ געוויסע צייט געלעבט אויך אין טאַרנאָפּאָל. די גייסטיקע השפעות פון דער דאָזיקער סביבה האָבן אין אים אַנטוויקלט סאָציאַלע אידעען און נאָך שטאַרקער איז געוואָרן זיין אינטערעס צו דער יידישער ליטעראַטור, וועלכע ער האָט באַקומען צו לייענען אין די ביבליאָטעקן פון די אַרבעטער־פאַראיינען. אַ השפעה אויף זיין ליטעראַרישער אַנטוויקלונג האָט אויך געהאַט זיין פריינדשאַפט מיט דעם העברעיִשן שריפטשטעלער ג. שאָפמאַן. 1911 האָט ער דעביוטירט מיט סקיצן און דערציילונגען אין סאַנאָקער „פאָלקספריינד״ א״ר פון אברהם שטערנבאַך, אין די ליטעראַרישע קאַלענדאַרן פון גרשם באַדער און משה פראָסטיג, אין „יידישן אַרבייטער״ און לעמבערגער „טאָגבלאַט״. דאַן איז אויך אַרויס זיין ערשט ביכל — אַ זאַמלונג פון פיר דערציילונגען א״ט „איינזאַמע״ (פ״ג ש. לעווין, לעמבערג, 1912, ז׳ 70) — יוגנט־פרווון, וועלכע האָבן ביי היינטיקן טאָג ניט קיין שום ליטעראַרישן ווערט, אין אַ שפּראַך, געמישט פון לאָקאַליזמען און גאַליציאַנער דייטשמעריש, וואָס זיינען אָבער בשעתּם וואַרעם אויפגענומען געוואָרן פון די יידישע צייטונגס־רעצענזענטן אין גאַליציע. סוף 1912 אַוועק פון טאַרנאָפּאָל קיין אַמעריקע, געדרוקט אין די דאָרטיקע יידישע אויסגאַבן, ווי אין א. רייזענס „דאָס נייע לאַנד״ א״אַ, איניקע קליינע סקיצן. אָנהייב 1914 צוריקגעקומען קיין אייראָפּע און זיך באַזעצט אין ווין, וואו ער וואוינט עד־היום. 1917 איז ער אַריין אַלס מיטאַרבעטער פון נ. מ. ראַקערס יידישן טאָגבלאַט „וויענער מאָרגענצייטונג״ און שפּעטער — פון דער „וויענער מאָרגענפּאָסט״ (צוערשט אַ טאָגבלאַט, דערנאָך אַ וואָכנבלאַט), וואו געשריבן זשורנאַליסטישע אַרטיקלען, פעליעטאָנען. דאָ האָט ער אויך אָנגעהויבן צו שרייבן דערציילונגען פון אַ ליטעראַרישן ווערט. שפּעטער איז ער געשטאַנען נאָענט צו משה זילבורגס חודש־זשורנאַל „קריטיק״ און דאָרט פאַרעפנטלעכט דערציילונגען, ליטעראַרישע עסייען און רעצענזיעס (וועגן מאַני־לייב, זישע לאַנדוי, ראובן אייזלאַנד, פראַדל שטאָק, נח שטיינבערג). זינט דעמאָלט האָבן זיינע דערציילונגען, וועלכע האָבן זיך שוין אַנטוויקלט צו קינסטלערישער

גאַנצקייט, זיך געדרוקט אין פאַרשיידענע
צייטשריפטן פון אַמעריקע און אייראָפּע,
ווי זמ"ה „טויט", „שריפטען", „צוקונפט",
„עפּאָכע", „דער אײנזעל", „סאַמבאַטיען",
„וואַרשעווער אַלמאַנאַך", „אין שפּאַן",
„ליטעראַרישע בלעטער", „פאָרווערטס",
„פאָלקסצייטונג", „וואַרשעווער שריפטן"
א"אַ. זינט 1920 איז ער באַשעפטיקט אַלס
שטענדיקער ווינער קאָרעספּאָנדענט פון
„פאָרווערטס" פאַר עסטרייך און אונגאַרן
א"פ מאַסקוף. 1926 האָט פ' באַזוכט איטאַ-
ליע און די אײַנדרוקן פון זיין נסיעה
פאַרעפנטלעכט אין „פאָלקסצייטונג". — פון
זיינע ווערק זיינען אין בוכפאָרם אַרויס:
„אויפן בערגל / דערציילונג" (פ"ג „פרץ-
ביבליאָטעק", וואַרשע, 1924, ז' 88) און
„אונטער דער בריק / און אַנדערע דער-
ציילונגען" (פ"ג „קולטור-ליגע", וואַרשע,
1924, ז' 250). ער האָט אויך פאַרעפנט-
לעכט איינצלנע קאַפּיטלען פון זיינע צוויי
ראָמאַנען, „יידן אין גלות" און „אונטער-
וועגנס", און פון אַ גרעסערער דערציילונג
„מענטשן", געשריבן אַ ריי עסייען אין
„ליטעראַרישע בלעטער" (וועגן לעאָנהאַרד
פראַנק, שלום אַש, שלום-עליכם, אַברהם
רייזען, י. י. זינגער), „פאָלקסצייטונג"
(וועגן טאָמאַס מאַן) א"אַ. זיין דערציילונג
„אויפן בערגל" איז איבערגעזעצט אויף
דייטש פון י. שרייער (אין דער ווינער
Menorah). — אין דער נייער יידישער
בעלעטריסטיק פאַרנעמט פ' איינעם פון
די ערשטע ערטער אַלס איינער פון אירע
שטאַרקסטע טאַלענטן. אַ שטרענגער רע-
אַליסט פון דער מאָדערנער ריכטונג, וואָס
איר אורבילד אין דער וועלט-ליטעראַטור
איז מאָפּאַסאַן און טשעכאָוו, שפּיגלט ער
אין זיינע דערציילונגען אָפּ דאָס לעבן
פון מענטשן אין דער גאַנצער נאַקעט-
קייט פון זייערע בשמות און מעשים. ער
האָט ליב אויפצוזוכן זיינע פאַרשוינען
אין די נידעריקסטע שיכטן, אין דער
אונטער-וועלט, שילדערט מיט אַלע פּרטים
און מיט דער גאַנצער שטאַרקייט פון זיין
אומבארחמנותדיקן נאַטוראַליזם אומגליק-
לעכע און געפאַלענע, בלינדע, משוגעים,
גאַסנפרויען, מערדער, זעלבסטמערדער;
דעם שטומען פינסטערן עלנט פון גייסטיק-
אָרעמע נפשות. זיין אופן פון מאָלן
מענטשן און זאַכן איז אַ בולט-פּלאַסטי-
שער און שטאַרק פאַרביקער. מיטן שאַרפן
אויג פון אַ געניטן וואָרט-קינסטלער און
מיט דער סאַטירישער פּאָטענץ פון דעם
פילנדיקן דיכטער אַנטפּלעקט ער פאַר
אונז די פאַרהוילנסטע בילדער פון דעם
מענטשלעכן געראַנגל אין זייער שוואַכ-
קייט און פאַרלוירנקייט אין לעבן. די
פאַרשוינען פון זיינע דערציילונגען זיינען
תמיד דורכגעדרונגען מיט ליבשאַפט צו
דער נאַטור און מיט הכנעהדיקער גלייבי-
קייט אין דער געטלעכער מאַכט. מענטש-
לעכע לייד, אָרעמקייט און שפלות, פאַר-
ביטערטער צווייפל און פאַטאַליסטישע
ערשיינונגען גיבן דעם דיכטער אַלץ
נייעם שטאָף צו זיינע שאַפונגען, אין
וועלכע עס מערקט זיך אויך אין דער
לעצטער צייט אַלץ אַ שטאַרקערע אידע-
ישע סאָציאַלע און נאַציאָנאַל-יידישע טענ-
דענץ. די דאָזיקע טענדענץ אין פ — ס
שאַפונג איז אַרויסגערופן פון דעם לעצטן
סאָציאַלן איבערבראָך אין דעם יידישן
לעבן און פון דעם חורבן פון די נאָך-
מלחמה-יאָרן. דאָס בולטסטע אין פ — ס
שאַפן איז זיין ברוטאַלער שאַרפער סטיל.
אָבער פ — ס „בייזקייט" איז ניט לעבנס-
פיינדלעכקייט, ניט מענטשנהאַס, נאָר
דער נאַטירלעכער אויסדרוק פון דער
שאַפערישער קראַפט, מיט וועלכער זיין
אַגרעסיווער קינסטלערישער אינסטינקט
שטעלט זיך אַקעגן דער קליינלעכער
צעקראָכנקייט פון דעם לעבן און אַקעגן

דער מיאוסקייט פון פאַלשע לעבנספאָרמען. די שטאַרקע ליבשאַפט פון זיין עלעמענטאַרער, ניט פאַרליטעראַרישטער נאַטור צו דער שיינקייט פון דער וועלט, צו דעם אמתן תוך פון איר פאָרם — זי אַליין באַרעכטיקט דעם גרויזאַמען ראַדיקאַליזם, מיט וועלכן ער זעט און פורעמט דאָס אמתע און אויך דאָס פאָרמלאָזע. פ׳ שוינט ניט זיינע העלדן. ער אַרבעט ערלעך און געטריי, מיט זיין גאַנצער קינסטלערישער קראַפט, איבער די מענטשן, וואָס קומען אין זיין שאַפערישן זעקרייז, ביז ער אַנטפּלעקט פאַר אונז די באַהאַלטנסטע קעמערלעך פון זייערע נשמות. אידילישקייט איז איינע פון די שטאַרקסטע זייטן אין פ—ס שאַפערישער פערזענלעכקייט, די אייגנטלעכע אמתדיקסטע פאָרם פון זיין אינטענסיוון נאַטור־געפיל און פון זיין הומאָר, וועלכער דערפרישט ווי אַ לעבעדיקער קוואַל די אָרעמע ענגשאַפט פון דער וועלט. פ׳ זאָרגט ווייניק פאַר דער קאָמפּאָזיציע פון זיינע ווערק, די רויע שטיקער לעבן, אין וועלכע ער לאָזט פולסירן דאָס בלוט, זיינען עפּעס ווי אַרויסגעריסענע און אָפּגעריסענע, דער שלל פאַרבן און ניואַנסן זיינען צו קאָנדענסירט און צונויפגעפּרעסט, די גלענצנדע נאַטוראַליסטישע שילדערונגען לאָדן אָפּט איבער די לופט פון זיינע דערציילונגען. די שפּראַך זיינע איז זייער רייך מיט פּראָווינציאַליזמען און גאַליציזמען, וואָס גיט צו דעם סטיל זיינעם אַ פרישקייט און אַ זאַפטיקייט.

ש. ניגער, „אַ בייזער טאַלאַנט״, אין „צוקונפט״, 1925, IV, איבערדרוק אין „ליטעראַרישע בלעטער״, 52; id, „אַ שטראַל ליכט אין דער טונקעלקייט״, אין „טאָג״ פון 4/XX 1927, איבערדרוק אין „ליטעראַרישע בלעטער״, 170; פּרץ מאַרקיש, ib, 14; משה גראָס, „געשטאַלט און אידעע אין דער יידישער ליטעראַטור״, אין „וואַרשעווער שריפטן״, 1927; לעאַ פינקעלשטיין, ib; י. י. סיגאַל, אין „אויפקום״, 1927, IV; חיים קרול, אין „זאַנגען״, ב״ן; י. י. זינגער, „וועגן די וואַרשעווער שריפטן״, אין „ליטעראַרישע בלעטער״, 144, און דער ענטפער פון פ׳ (וועגן זיין דערציילונג „לאַסט״ און די אויפגאַבן פון דער ליטעראַטור), ib, 149; אחוץ אַ גאַנצער ריי אַרטיקלען און רעצענזיעס אין פאַרשיידענע צייטשריפטן, ווי דער לעבעדיקער אין „קונדס״, משה כּץ אין „פרייהייט״, הלל צייטלין און ב. קאַרלינער אין „מאָמענט״, יהושע פערלע אין „פאָלקסצייטונג״, נ. וויינינג אין „אַרבעטער־צייטונג, י. טיגער אין ווינער „מאָרגענפּאָסט״, משה ליוושיץ אין ווינער „פאָלקסבלאַט״, י. י. טורקאָ אין „לאָדזער טאַגעבלאַט״, ד״ר א. קליינמאַן אין זיין ליטעראַרישן „קאַלענדער״, ר. מעריסמאַן אין „אינזער האָפנונג״, ש. פישקוב אין „במעביר״, ראָזענצווייג אין Chwila, ד״ר מ. קאַנפער אין Nowy Dziennik, פ. ה. שילער אין Wiener Morgenztg, י. שרייער אין ווינער Menorah אאַז״וו.

פוקס חיים־לייב (א׳ תמוז 1897 —) געב׳ אין לאָדז, אין אַ חסידישער פאַמיליע. געוואַלגערט זיך אין ישיבות ביזן אויסבראָך פון דער וועלט־מלחמה, דאַן געוואָרן אַ שילדנמאָלער, אַלס אַוטאָדידאַקט זיך אויסגעלערנט פויליש, רוסיש און דייטש, בשעת דער דייטשער אָקופּאַציע געווען אויף צוואַנגסאַרבעט, שפּעטער אַ געווויסע צייט געווען טעטיק אין „בונד״. זינט 1917 געדרוקט לידער אין לאָדזער און וואַרשעווער צייטשריפטן, צוזאַמען מיט הערשעלען אַרויסגעגעבן אין לאָדז 2 זמ״ה „געזאַנגען״ 1918 און צוזאַמען מיט י. רובין — 4 זמ״ה „ס׳פעלד״. געשריבן אויך אַרטיקלען, דערהויפּט אויף ליטעראַרישע טעמעס, רעצענזיעס וועגן ביכער — אין „ליטעראַרישע בלעטער״, „לאָדזשער וועקער״ א״אַ יידישע אויסגאַבן פון לאָדז, וואו ער וואוינט די לעצטע יאָרן. אין בוכפאָרם פאַרעפנטלעכט: „דורשטיקע לעמער / לידער / פּאָעמען / באַלאַדן״

(לאָדז, 1926, ז"ז 199), וואו עס גייט אַריין אַ ציקל ליבע=לידער „ריקודהלע", אויף יידיש = פאָלקסטימלעכע פערזן, תּפילה=לידער, דורכגעדרונגען מיט אַ רעליגיעזער שטימונג, מעשהלעך אין פערזן, אויף לידער פון דער גרויסער שטאָט, אין וועלכע עס פילט זיך די צו שטאַרקע השפּעה פון אַ משה קולבאַק א"אַ. צוזאַמען מיט דער פאָרם פון פרייען פערז באַנוצט פ' אויף די פאָרמען פון סאָנעט, טריאָלעט.

יוסף טורקאָ, אין „אונזער טאָגבלאַט", 1926, 25.

פוקס יעקב — האָט אַרויסגעגעבן אין סיגעט, אונגאַרן (איצט רומעניע), אַ ספרל אויף עברי=טייטש א"ט „דבר בעתו" — אַ פּירוש אויף די 5 פּסוקים פון סוף דניאל, צו באַווייזן, אַז עס איז משיח=צייט (סיגעט, 1905).

פוקס (אליעזר) לאַזאַר (5/II 1892—) געב. אין מאָציעוו, וואָלין. געלערנט אין חדר און תּלמוד=תּורה און געענדיקט גימנאַזיע אין לאָדז, דאַן שטודירט מאַטעמאַטיק און יוריספּרודענץ אין וואַרשעווער אוניווערסיטעט. זשורנאַליסטישע טעטיקייט אָנגעהויבן אַלס סטודענט אין „לאָדזער מאָרגענבלאַט"

1913 א"ר פון ד"ר י. גאָטליב און ד"ר א. מוקדוני. בשעת דער מלחמה גענומען אַ טעטיקן אָנטייל אין דער יידישיסטישער באַוועגונג, אַרומגעפאָרן איבער דער פּראָווינץ מיט פאָרלעזונגען וועגן דער יידישער שפּראַך, שול און ליטעראַטור, געווען איינער פון די גרינדער פון „יידישן שול=און פאָלקסבילדונג=פאַראיין" אין לאָדז, לייטער פון פאָלקס=אוניווערסיטעט ביים „פאַראיין" און לעקטאָר פון אַלגעמיינער און יידישער ליטעראַטור, באַאַרבעט פיל מאַטעריאַלן אין פּראָזע און פערזן פאַרן געברויך פון יידישע פאָלקסשולן און קורסן פאַר דערוואַקסענע, געווען אַ מיטאַרבעטער פון „לאָדזער פאָלקסבלאַט" א"ר פון „לאַזאַר קאַהאַן, דאַן פאַרבראַכט עטלעכע יאָר אין רוסלאַנד און דאָרט געאַרבעט אויפן געביט פון פאָלקסבילדונג. נאָכן צוריקקומען קיין פּוילן 1922 קאַנדידירט צום סיים אויף דער ליסטע נומ' 11 פון די פּ"צ, בשעת דער וואַלקאַמפּאַניע אַרעסטירט געוואָרן אויף אַ מיטינג, געזעסן 4 חדשים אין טורמע און באַפרייט געוואָרן לויט אַ פּסק=דין פון געריכט. זינט 1923 רעדאַקטאָר פון לאָדזער טאָגבלאַט „נייער פאָלקסבלאַט", וואו ער שרייבט פּאָליטישע אַרטיקלען א"פ ל. בראַנט. 1927 פאַרעפנטלעכט אין דער צייטונג אַ גרויסע אַרבעט א"ט „די, וועלכע אַזעוו האָט פעררעטן" — אויפן גרונד פון אַ גרויסן מאַטעריאַל וועגן דער פּראָוואָקאַציע אין דער רוסלענדישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. אויפן יידישן פּרעסע=צוזאַמענפאָר אין ווילנע, יוני 1927, אויסגעוויילט געוואָרן אין צענטראַלראַט פון דער יידישער פּראָווינץ=פּרעסע אין פּוילן.

פּוריע ישראל (30/VII 1904 —) געב' אין ביאַליסטאָק אין אַן אַרבעטער=פאַמיליע. געלערנט אין חדר און אין רוסישע און העברעישע שולן, די צייט פון דער מלחמה פאַרבראַכט אין שטעטל קריניק, גראָדנער געגנט, זיך מאַטעריעל שטאַרק געפּלאָגט, זיך פאַרנומען מיט שמוכל, געהאַנדלט אויפן דאָרף, געאַרבעט אויף אַ מיל, פאַרקויפט צייטונגען, געווען 5 יאָר צייט

רעקוויזיטאָר אין שטעטלשן טעאַטער, זינט 1921 אין ביאַליסטאָק, וואו באַשעפטיקט אַלס לעדער-אַרבעטער. — האָט זינט 1924 געדרוקט דערציילונגען — דערהויפּט אויס דעם לעבן פון פּראָסטע אַרבעטס-מענטשן, אויך לידער — אין די ביאַליסטאָקער צייטונגען „דאָס נייע לעבן", „ביאַליסטאָקער שטימע", „ביאַליסטאָקער וועקער", וואַרשעווער זשורנאַל „שפּראָצונגען", לאָנדאָנער „אבענד נייעס" און לעצטנס אויך אין כאַרקאָווער „שטערן" און נ"י'ער „פרייהייט".

פּורטונאַ ענריק (11/VI 1881 —) פּס"נ פון ע. פּעקעלמאַן. געב' אין באָטאָשאַן, רומעניע, אַלס זון פון אַ צאָנדאָקטאָר, וועלכער האָט געשטאַמט פון קאַמעניץ-פּאָדאָלסק. פון 6 יאָר אָן דערצויגן אין יאַס, וואו געענדיקט זיין שטודיום אויפן מעדיצינישן פאַקולטעט און פּראַקטיצירט אַלס צאָנדאָקטאָר. איז באַוואוסט אַלס רומענישער דיכטער, מיטאַרבעטער פון פאַרשיידענע רומענישע און רומעניש-יידישע צייטשריפטן, פאַרעפנטלעכט אַ ריי ביכער לידער, פּאָעמען, דראַמען — פון וועלכע אייניקע זיינען אויפגעפירט געוואָרן אין רומענישן טעאַטער. האָט איבערגעזעצט אויף רומעניש אַ סך שירים פון ח. נ. ביאַליק, אברהם רייזען, יעקב גראָפּער, פון דעם יונגן (כמעט אומבאַקאַנטן) יידישן דיכטער יודל ווידענפעלד א"אַ.

מיטטיילונגען פון יעקב גראָפּער און ש"ס ראָמאַן.

פּיאַלקאָוו חיים (אַרום 1873—29/II 1920) געב' אין מאָטעלע, ביי פּינסק, אַלס יתום פון פאָטער. דערצויגן געוואָרן אין דעם עלטערנהויז פון זיין ברודערס-זון חיים ווייצמאַן, געלערנט אין פּינסק העברעיש, תנך און גמרא, דאַן זיך דערשלאָגן קיין ווילנע, באַזוכט די רוסיש-יידישע אָנפאַנגסשול פון לאַזאַרעוו(?) און דערנאָך דעם יידישן לערער-אינסטיטוט, וואו זיך שוין אויסגעצייכנט מיט זיינע פעיִקייטן, מיט זיין ערנסטער שטרעבונג צו

זעלבסטאַנטוויקלונג, טראָץ די שווערע מאַטעריעלע באַדינגונגען, אין וועלכע אים איז אויסגעקומען צו לעבן. געענדיקט 1895 אָדער 1896 דעם אינסטיטוט, האָט ער עטלעכע יאָר פּראַקטיצירט אַלס לערער אין אַ רוסיש-יידישער פאָלקסשול — צוערשט אין אַ יידישער קאָלאָניע און דאַן אין ניקאָלאַיעוו, אין דער דאָזיקער שטאָט שוין אָנגעהויבן זיך אַרויסצווייזן אַלס בילדונגסטוער פון ברייטן פאַרנעם. געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין דער באַוועגונג צו פאַרגעזעלשאַפטלעכן די יידישע שולן, וועלכע האָט זיך אין דרום-רוסלאַנד אַגב אָנגעהויבן פריער ווי ערגעץ אַנדערש-וואו, געגרינדעט אייניקע שולן, צוגעצויגן די שטודירנדיקע יוגנט צו דער אַרבעט אין די אָוונטשולן, געווען מיטגרינדער פון די הדרים-מתוקנים, מיט זיין טעטיקייט געצויגן אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט פון דער „חברה מפיצי השכלה", און ווען ער האָט צוליב זיין האַלזקראַנקהייט געמוזט פאָרן זיך היילן קיין אויסלאַנד, האָט די „חברה" אים געגעבן אַ מעגלעכקייט צו שטודירן, און ער האָט זיך גרינדלעך באַקענט מיט די פּעדאַגאָגישע פראַגן, מיט דער אָרגאַניזאַציע פון דער פאָלקסבילדונג אין דייטשלאַנד און שווייץ, שטודירט אויך נאַטורוויסנשאַפט אאַז"וו. נאָכן צוריקקומען קיין רוסלאַנד, אַרום 1905, באַשטימט געוואָרן אַלס באַפולמעכטיקער און אינ-

סטרוקטאָר פון חמ"ה, אַדאַנק זיין גרויסן
וויסן סיי אין יידישע געגנשטאַנדן סיי
אין אַלגעמיינע, זיין קלאָרן און שאַרפן
קאָפּ, זייַן אָרגאַניזאַטאָרישן טאַלענט,
טיפן פּעדאַגאָגישן חוש און פעסטן ווילן
איז ער געוואָרן דער טאָנגעבער פון
דער „חברה", אויסוואַקסנדיק אַלס ערשט-
קלאַסיקער טוער פון דער יידישער ביל-
דונג, אַלס איינע פון די באַדייטנדסטע
פּערזענלעכקייטן, אויב ניט די באַדייטנד-
סטע, פון דער מאָדערנער יידישער
לערערשאַפט אין רוסלאַנד. מיט זיין
נאָמען און איניציאַטיווע איז געווען פאַר-
בונדן די נייע אַרבעט אויפן געביט פון
פאָלקסבילדונג, וואָס די חמ"ה האָט
אָנגעהויבן אין דעם ערשטן יאָרצענד-
ליק פון אונזער יאָרהונדערט, אַריבער-
גייענדיק אַלץ מער צו געזעלשאַפטלע-
כערע פאָרמען פון דער בילדונגסאַרבעט.
אַ ציוניסט און העברעיִסט, איז ער דאָך
אין זיין פּעדאַגאָגישער אַרבעט געבליבן
אומאָפּהענגיק פון דעם העברעיִסטיש-
רוסיפיקאַטאָרישן גייסט פון דעם פּט"ב'ער
קאָמיטעט פון דער חמ"ה, געווען געאַכט
אַפילו פון זיינע אידעיִשע קעגנערס פאַר
זיינע טעאָרעטישע און פּראַקטישע אָנווייַ-
זונגען און אָנפירונגען, מיט גרויס אינ-
טערעס זיך צוגעקוקט צו די ערשטע
יידישיסטישע עקספּערימענטן אין דער
שול, זיי פאַרטיידיקט אין דער „חברה",
ביסלעכווייז דורכגעמאַכט אַ עוואָלוציע
בנוגע דער יידישער פאָלקסשול און שוין
אין 1913 געהאַט דעם מוט אויפן צוזאַ-
מענפאָר פון די אָפּטיילונגען פון חמ"ה
צו שטימען צוזאַמען מיטן לינקן פליגל,
אַז אין דער רעזאָלוציע צום ערשטן
אַלרוסלענדישן לערער-צוזאַמענפאָר, וועל-
כער איז דעמאָלט פאָרגעקומען אין פּט"ב,
זאָל מען פאָדערן — די יידישע פאָלקס-
שול זאָל געפירט ווערן אין יידיש, אָבער
ניט קוקנדיק אויף די וואָרנונגען פון די
ציוניסטן זיך אָנגענומען צו פאַרטיידיקן
די דאָזיקע פאָדערונג אויפן אַלרוסלענ-
דישן צוזאַמענפאָר. אָבער אינגאַנצן אי-
בערגעריסן מיט דעם העברעיִזם האָט פּי
ערשט אין דער צייט פון דער מלחמה,
אונטער דער ווירקונג פון די לעבעדיקע
פאַקטן פון דער נייער דאַן אויפגעקו-
מענער יידישער שול, וועלכע האָבן אים
ענדגילטיק איבערצייגט אין איר פּעדאַגאָ-
גישער צוועקמעסיקייט. נאָך דער עוואַקואַ-
ציע פון ווילנע דורך די רוסן זיך באַזעצט
אין פּט"ב, האָט ער אין 1916 צוזאַמען מיט
א. כהנשטאַם אָרגאַניזירט די נעץ יידי-
שע שולן אין כאַרקאָווער גוב. אויפן
ערשטן אַלרוסלענדישן יידישן לערער-
צוזאַמענפאָר אין פּט"ב איז ער שוין
געווען אינגאַנצן מיט די יידישיסטן, הגם
ניט מיט די עקסטע, און דער דעמאָ-
קראַטישער טייל פון דער יידישער לע-
רערשאַפט האָט אים אָנגעטרויט צו פאַר-
טרעטן די אינטערעסן פון דער יידיש-
וועלטלעכער שול אין דעם בילדונגס-
מיניסטעריום פון דער קערענסקי-רעגי-
רונג. 1918 געקומען קיין קיעוו, וואו
געאַרבעט אין דעם מיניסטעריום פאַר
יידישע ענינים ביים אָרגאַניזירן די יידי-
שע שול-נעץ, אָבער נאָך דער סאָוועטי-
זירונג פון אוקראַינע פאַרלאָזן די ביל-
דונגסאַרבעט, געלעבט אין די שרעק-
לעכסטע מאַטעריעלע באַדינגונגען, וועל-
כע האָבן דערנעענטערט זיין טויט. אין
אַ פּאָר טעג אַרום נאָכדעם ווי ער
האָט איבערגענומען צו אָרגאַניזירן די
„פאַך-לערער-קורסן" ביי דער קולטור-
ליגע איז ער געשטאָרבן פון טובער-
קולאָז. אַ מנין פון זיינע נאָענטסטע
פריינד, צווישן זיי ב. דינאַבורג, אַ. גאָ-
לאָמב, שמעון דאָבין א"אַ האָבן אים
באַגלייט צו זיין לעצטער רו אויפן קיע-

ווער בית־עלמין, לעבן דעם קבר פון ב. באָראָכאָוו. נאָך ביי זיין לעבן האָט ער זיך דערוואָרבן אַ נחלה אין א״י, אויף וועלכער עס ווערט געפּלאַנט אויסצובויען אַ סאַנאַטאָריע פאַר לערער. — די ליטעראַרישע טעטיקייט פ׳ס איז פאַרבונדן מיט זיין פּעדאַגאָגישער אַרבעט. שטייענדיק נאָענט צו דעם חודש־זשורנאַל פון דער חמ״ה Вѣстникъ еврейскаго просвѣщенія, האָט ער דאָרט צ״אַ פאַרעפנטלעכט: „שול־סך־הכלען״ (נום 7), מוסטער־רשימה (אין רוסיש) פון ביכער פאַר אַ לערער־ביבליאָטעק (צוזאַמען מיט פּ. קאַהאַן, אין די נומ׳ 11 און 12), „די יידישע שולן אין אָדעס״ (נומ׳ 23), „מאַטעריאַלן צו דער כאַראַקטעריסטיק פון דער מאָראַליש־וואָלונטאַרער פערזענלעכקייט פון די לערנער״ (נומ׳ 24), „די נאָענטסטע פּערספּעקטיוון און די אָרגאַניזירוג פון דער אַרבעט פון דער חמ״ה״ (נומ׳ 47 — 48) אאַז״וו. פון זיינע אַרבעטן אין יידיש איז אין בוכפאָרם אַרויס: „פאָלקס־ערציהונג / פאָרמען און וועגן פון אויסערשול־בילדונג״ (אויסגאַבע פון דער חברה „מפיצי השכלה בישראל״, פּט״ב, 1918, ז׳ 116), וואָס אַנטהאַלט טעאָרעטישע און פּראַקטישע אָנווייזונגען וועגן דער אָרגאַניזירונג פון בילדונגסאַנשטאַלטן פאַר דערוואַקסענע, אָוונטשולן און פאָרלעזונגען, סעטלעמענטן, קלובן און יוגנט־געזעלשאַפטן, העכערע פאָלקסשול פאַר דערוואַקסנע, ביבליאָטעקן, מוזייען, קינאָמאַטאָגראַפן, טעאַטער. אַלס ביילאַגע קומט אַ פּראָגראַם פון קורסן אויפן געביט פון אויסערשולבילדונג, ווי אויך אַ ביבליאָגראַפיע פון ווערק, כמעט אַלע — אין רוסיש, וועגן פאָלקסבילדונג אאַז״וו. ס׳איז אויך צו דערמאָנען זיין געניטע און זאַכלעכע רעצענזיע אויף דעם פּעדאַגאָגישן חודש־זשורנאַל „שול און לעבן״ (אין „ביכערוועלט, קיעוו 1919, II — III)

ב. דינאַבורג, אין „שול און לעבן״, קיעוו, 1920, I; ד. האָכבערג, אין „קולטור און בילדונג״, 1920, I; ישראל רובין, אין „דער נייער שול״ ווילנע, 1920, VII — VIII; ה. אבראמאָוויטש, אין ווילנער „טאָג״, 1920 און 1921.

פידעלמאַן אליהו = אַלעקסאַנדער

(1825* — 10/III 1892) געב׳ אין מינסק. זיין פאָטער, ראובן דער קלעזמער, האָט געשמט אין שטאָט פאַר אַ גוטן וויאָלאָנטשעליסט. לכתחילה האָט אים דער פאָטער געלערנט שפּילן און ער האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַ גוטן פידלער, וויאָלאָנטשעליסט און שפּילער אויף אַ גיטאַרע; שפּעטער האָט דער פאָטער איינגעזען, אַז בדחנות איז אַ גאַנץ גוטע פּרנסה און ער האָט געווירקט אויף סענדערן, ער זאָל ווערן אַ בדחן. גאָר אינגיכן האָט ער דערוואָרבן אַ נאָמען אין מינסק און שפּעטער אויך אין דער אַרומיקער געגנט; אָן אים פלעגט זיך קיין איין מער אָדער ווייניקער רייכע חתונה ניט באַגיין. ער פלעגט איינגעלאַדן ווערן אויף חתונות אין די ווייטסטע פּונקטן פון ווייסרוסלאַנד, אין ווילנע, גראָדנע אאַז״וו, צוליב וואָס ער האָט אַפילו איינגעקויפט אַן אייגן פערד־און־וועגעלע. אַ געוויסע צייט האָט ער אויך געאַרבעט אַלס שרייבער אין מינסקער יידישן שפּיטאָל און אין מינסקער קהל־שטיבל. ער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט גרויסער פיזישער קראַפט, איז געווען אויך אַ פאָטאָגראַף אַ ליבהאָבער. זייענדיק

(* 1827 ?

גאַר אַ קלײנער למדן, האָט פּ׳ פּאַרמאָגט אָבער אַ רײכע אוממיטלבאַרע נאַטור, פרײַע באָהעמישע נײגונגען, געװען באַשאָנקען מיט אַ פאָלקסטימלעכן הומאָר און מיט אַ פונק פון אַן עכטער פּאָעטישער באַגאַבונג. אַדאַנק דער באַװאוסטער פּױלינע װענגעראָװ (װעלכע דערמאָנט אים אַגב אין אירע באַרימטע Memoiren einer Grossmutter, III, ז׳ 182) זײנען אָפּגעדרוקט געװאָרן צװײ זאַמלונגען פון פּ–ס לידער: „שירי אסף / אָדער די קלײנשטעטטילדיגע חתונה" (װילנע, תרל״ג, דרוק פין־ראָזענקראַנץ) און „לידער צום צײט פּערטרײבונג" (װילנע, דרוק ראָם, 1877). פון זײן עזבון האָט זיך, אַחוץ אַ רײ ניט געדרוקטע לידער, אױך אױפגעהיט אַ דראַמאַטישע זאַך א״ט „שמשון הגבור" (מיט דער דאַטע 1883), װעלכע איז, װײזט אױס, געשריבן אונטער דער װירקונג פון אברהם גאָלדפאַדען. אין זײנע בדחנישע לידער האָט פּ׳ אַרױסגעװיזן אַ חוש פאַר דעם רעאַלן לעבן. זײן „קלײנשטעטלדיקע חתונה" איז אַ מוסטער פון אַ זשאַנער־בילד אין פערזן, װאָס איז נאָך אין יענער צײט געװען אַ נײס אין דער יידישער פאָלקסליטעראַטור. אין זײנע שילדערונגען פון דער מינסקער סביבה דאָמינירט די נױט און די אָרעמקײט, ער פלעגט זיך אױך אָפּרופן אױף די אַקטועלע געשעענישן און פּראָבלעמען, װי די מינסקער שרפות, די נײע מאָדעס, די דאַן ערשט אױפגעקומענע עמיגראַציע קײן אַמעריקע אאַז״װ, באַהאַנדלענדיק דאָס רוב זײנע טעמעס אַלס לעבעדיקע זשאַנער־בילדער. זײן שפּראַך איז רױ און מגושמדיק, אָבער באַלעבט מיט אַ געװיסער פאָלקסטימלעכקײט, מיט די עלעמענטן פון, אמת, גראָבעלעכן הומאָר און סאַטירע. באַזונדערס איז ער געװען אַ מײסטער צו שילדערן געשטאַלטן. אַלס בדחן האָט ער דערהױפּט געהאַט אַ שם פאַר זײן טײטש דעם תהילים פאַרקערט, װאָס פלעגט אױסקומען אַפּיקורסיש, און דערפאַר האָבן די רבנים געקוקט אױף אים קרומלעך. געשטאָרבן איז ער פון אַן אַפּאָפּלעקסיע.

נ. א. (אױ־לענדער), אין דער מינסקער „צײטשריפט", 1926, ז׳ 262 — 264.

פײגאַן בנציון (י״א אדר ב׳ 1881 —) געב׳ אין לעכיװעץ, װאָלין, דערצױגן אין ביעלאָגראָדקאָ, װאו דער פאָטער איז געװען חזן און שוחט. 1910 געקומען קײן אַרגענטינע, װאו ער איז באַשעפטיקט אַלס העברעישער לערער. זינט 1910 געשריבן סקיצן און בילדער, אױך פון דעם יידישן לעבן אין אַרגענטינע, אין „אַרגענטינער װאָכענבלאַט", „טאָג", „אידישער צײטונג", „אידישער װעלט", „קאָלאָניסט" א״ר פון ז. ברכות, „אַרגענטינער איד", אין אַרגענטינער העברעישע אױסגאַבן, אױך א״פ יוזפלס ק״וב בן פיגא, בן גרשון.

פײגין אליעזר־יצחק (י׳ תמוז 1874 —) געב׳ אין ביאַליסטאָק. באַקומען אַ טראַדיציאָנעלע יידישע דערציִונג, געלערנט אין חדר און שפּעטער, װען א. ב. גאָטלאָבער האָט זיך באַזעצט (1888) אין ביאַליסטאָק, געלערנט בײ אים העברעיש און אונטער זײן השפּעה זיך אָנגעהױבן צו אינטערעסירן מיט ליטעראַטור און זינט 1892 געדרוקט קאָרעספּאָנדענצן און אַרטיקלען אין „המליץ" און „הצפירה", אין דעם אײגענעם יאָר פאַרעפנטלעכט אין „המגיד" אַ רײ ליטעראַרישע בריװ, װאָס גאָטלאָבער האָט געשריבן צו זײנע קאָלעגן, א״ט „ילקוט אב״ג" און „אגרות מהללאל" (װעגן גאָטלאָבערן האָט ער אַגב פאַרעפנטלעכט זכרונות אין ביאַליסטאָקער „דאָס נײע לעבן", 1924). 1899 זיך באַזעצט אין פּט״ב, געװאָרן אַ שטענדיקער מיטאַרבע־

טער אין „המליץ" און אין „טאָג" פון ל. ראַבינאָוויטש, א"פ עזריאל הגפני און אליצפן, געשריבן אַרטיקלען, פעליעטאָנען, שירים, מיטגעאַרבעט אויך אין „פריינד", געפירט די יורידישע אָפּטיילונג אין „וועג" אין „הזמן" א"פ Lazarus, שפּעטער קאָרעספּאָנדירט אין „היינט", „מאָמענט", „ביאַליסטאָקער טאַגעבלאַט" (1914), אויך אונטער זיינע פס"נ עזריאל פעניג און קונדס, 1911 אַרויסגעגעבן די „שירים נבחרים" פון קאָנסטאַנטין שאַפּיראָ (אין דער „ביבליותיקה גדולה" פון פ"ג „תושיה"). 1917 אַוועק קיין וולאַדיוואָסטאָק און אין 3 יאָר אַרום זיך באַזעצט אין כאַרבין, געווען מיטגליד פון דער רעדאַקציע אין דעם כאַרבינער וואָכנבלאַט (דערנאָך צווייוואָכנבלאַט) „דער וויטער מזרח", וואו געשריבן פעליעטאָנען אין גראַמען און פּראָזע א"פ דער למד=וואָווניק און געצל חקרן, אויך אַרויסגעגעבן אין בראָשורפאָרם אַ סאַטירישן פעליעטאָן אין גראַמען א"ט „גריגנס אויף שבועות / אַ פּאַראָדיע מיטן ניגון פון אקדמות" („אידישער פ"ג „די צייט", כאַרבין, תרפ"ד), געשריבן אייניקע ליטעראַרישע אָפּהאַנדלונגען, למשל, וועגן דוד פרישמאַן, אין כאַרבינער וואָכנבלאַט Сибирь и Палестина, איבערגעזעצט אויף יידיש די פאָלקס-מעשיות און לעגענדעס פון שלום ביילין, געווען לעקטאָר פון העברעיש און יידישער געשיכטע אין כאַרבינער רוסיש-יאַפּאַנישן אינסטיטוט, געזאַמלט אַ סך מאַטעריאַל אויס דעם לעבן פון די כינעזער פאַר אַ גרעסער ווערק „אַכט יאָר אין סיביר און כינע" — טיילווייז פאַרעפנטלעכט אין זיינע בריוו פון ווייטן מזרח אין ביאַליסטאָקער „דאָס נייע לעבן" און אין „היינט". 1925 צוריקגעקומען קיין ביאַליסטאָק, וואו ער באַשעפטיקט זיך מיט מסחר.

פייגענבוים בנימין (שמחה=בונים) (12/VIII 1860 —) געב' אין וואַרשע אין אַ מיוחסדיקער חסידישער משפחה. זיין פאָטער, נפתלי (צבי), איז געווען אַ זון (?) פון ר' אָריש דיין, איינעם פון די דריי דיינים אין וואַרשע, וואָס האָבן צוזאַמענגעשטעלט דאָס געזעצלעכע ציוויל=געריכט פאַר



יידן אין דער פוילישער הויפּטשטאָט. דערצויגן געוואָרן אין חסידישן גייסט, האָט ער אין דער יוגנט זייער פיל געלערנט תלמוד. צו 22 יאָר איז ער געוואָרן אויס חסיד און האָט אָנגעהויבן צו אַגיטירן צווישן די ישיבה=בחורים פאַר השכלה און בילדונג. 1884 איז ער אַוועק קיין אַנטווערפּען, וואו ער איז אין אַ קורצער צייט אַרום געוואָרן טעטיק אין דער אָרטיקער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, זאָגאַר אַריין אַלס מיטגליד אין דער רעדאַקציע פון דעם אָרגאַן פון דער בעלגישער סאָציאַליסטישער אַרבעטער=פּאַרטיי „דע ווערקער" (אין פלעמיש), זיך באַטייליקט אין דער מינדלעכער פּראָפּאַגאַנדע און אין דעם קאַמף צווישן די סאָציאַליסטן און אַנאַרכיסטן. דאָרט האָט ער אויך אָנגעהויבן זיין זשורנאַליסטישע טעטיקייט אין יידיש מיט קאָרעספּאָנדענצן אין „יודישען פאָלקסבלאַט", 1886, האָט אויך פאַרעפנטלעכט אין אַ באַזונדערער ביילאַגע צו צעדערבוימס אָרגאַן אַ ביכל א"ט „פאַרשיידענע צרות — בילדער פון לעבן". אין דער זעלבער צייט האָט ער זיך אויך באַטייליקט אין „המגיד" און „היום". געוואָר געוואָרן וועגן דער עקסיסטענץ

פון „אַרבעטער פריינד", האָט ער צוגע-
שיקט אַהינצו אַן אַרטיקל א"ט „העלפט
זיך זעלבסט", וואָס פיליפּ קראַנץ האָט
גלייך פאַרעפנטלעכט אין נומ׳ פון 16/XII
1887, און זינט דאַן איז פ׳ פאַרבונדן
מיט דער געשיכטע פון דעם יידישן
סאָציאַליזם. איינגעלאַדן דורך דעם רע-
דאַקטאָר פון „אַרבעטער פריינד" פיליפּ
קראַנץ צו קומען קיין ענגלאַנד, האָט
ער פאַרלאָזט אַנטווערפּן און אַ יאָר
צוויי פאַרבראַכט אין לאָנדאָן און מאַנ-
טשעסטער, וואו ער איז אינגיכן פּאָפּולער
געוואָרן אַלס פעיקער אַגיטאַטאָר, לעק-
טאָר און סאָציאַליסטישער שריפטשטע-
לער. צוזאַמען מיט פיליפּ קראַנץ גע-
ווען דער אָנפירער פון דער באַקאַנטער
דעמאָנסטראַציע פון די יידישע אַרבעטס-
לאָזע אין לאָנדאָן צום אייבערראַבינער
ד"ר אַדלער אין שול (1889), אויפגע-
טרעטן אויף אַ מאַסנמיטינג פון שניי-
דער קעגן ראָטשילדס איידעם, דעם מי-
ליאָנער סעמיועל מאָנטאַגיו, אָרגאַניזירט
די אַרבעטער אין די פּראָווינץ-שטעט
אאַז"וו, באַקומענדיק אַ קליינעם געהאַלט
פון דער אַרבעטער-קאַסע. ווען די קאַסע
איז (אין אַפּריל 1890) געוואָרן פּוסט,
האָט ער זיך גענומען צו טישלעריי, צו
האָבן פון וואַנען צו לעבן, די אַרבעט
איז אָבער געווען צו שווער פאַר אים,
און ער האָט אָנגענומען די איינלאַדונג
פון די פּאַרטיי-חברים צו קומען קיין
מאַנטשעסטער, וואו מ׳האָט פאַר אים
געעפנט אַ טאַבאַק-געוועלב, אָבער אויך
אין דעם ניט מצליח געווען און צוריק-
געפאָרן קיין לאָנדאָן, וואו די גרופּע
„פּראָלעטאַריאַט", וועלכע האָט זיך גע-
האַט אָפּגעשפּאָלטן פון דעם באַוואוסטן
„בערנער סטריט קלוב", האָט אים גע-
צאָלט פאַר זיין אַרבעט אַלס טעכנישן
רעדאַקטאָר פון „דער פרייער וועלט"

א"ר פון ק. גאַללאָפּ און ביי דער הויפּט-
מיטאַרבעטערשאַפט פון מ. באַראַנאָוו,
מ. ווינטשעווסקי, ק. ליבערמאַן. פרילינג
1891 האָט ער אָנגעהויבן צו שיקן „בריעף
פון מעבר לים" א"פּ דער רויטער אידעל
פאַר דער נ"י׳ער „אַרבעטער צייטונג". זיינע
סאָציאַליסטישע בראָשורן, וואָס זיינען
דאַן אַרויסגעגעבן געוואָרן אין לאָנדאָן,
ווי „די גאולה אָדער די אידישע הילף",
„ווי אַזוי קומט אַ איד צו סאָציאַליזמוס"
(„פּאָלקסביבליאָטהעק אין אידיש-דייטשער
שפּראַכע. / אַרויסגיגעבען פון דיא פער-
אייניגטע גרופּען „ריטטער דער פרייהייט"
פון ענגלאַנד און אַמעריקאַ. / משמיע
ישועה. / אַ סעריע בעלעהרענדע און
אויפקלערענדע בראָשורען איבער דיא
נייע לעהרע פון די רעטטונג דער מענש-
הייט פון אָרימקייט און אַללע צרות";
לאָנדאָן, 1889, ז׳ 31) א"אַ, געהערן צו
די ערשטע אויסגאַבן פון דער סאָציאַלי-
סטישער ליטעראַטור אין יידיש און האָבן
אים געמאַכט אַ נאָמען אויך אין אַמעריקע
אַדאַנק זייער פּאָפּולערן סטיל; זיי זיינען
אויך פאַרשפּרייט געוואָרן אומלעגאַל אין
פּוילן און ליטע און געהאַט אַ ווירקונג אויף
דער אַנטוויקלונג פון דער יידישער סאָ-
ציאַליסטישער באַוועגונג דאָרט אין דער
עפּאָכע פאַרן „בונד". ווען ער איז אין
יולי 1891 אויף דער איינלאַדונג פון
דער „אַרבייטער צייטונג" געקומען קיין
נ"י, איז ער פון די יידישע אַרבעטער
אויפגענומען געוואָרן מיט גרויס באַ-
גייסטערונג און זיינע אַרטיקלען אין דער
„אַרבייטער צייטונג" פלעגן געלייענט
ווערן מיטן גרעסטן אינטערעס. ער האָט
אין משך פון יאָרן גענומען אַ טעטיקן
אָנטייל אין דער יידישער אַרבעטער-
באַוועגונג אַלס איינער פון אירע אָנגע-
זעענסטע פירער, געווען דער ערשטער
גענעראַל-סעקרעטאַר פון „אַרבעטער-

רינג״ (1900), געשריבן די פּרינציפּן־ערקלערונג פון דער דאָזיקער אָרגאַניזאַציע, 1904 אָנגעפירט די וואַל־קאַמפּאַניע פאַר דעם אַרבעטער־קאַנדידאַט יוסף באַראָנדעס. זינט דער גרינדונג פון „פאָרווערטס״ איז ער פאַרבונדן מיט דער צייטונג אַלס איינער פון אירע וויכטיקסטע מיטאַרבעטער, הגם די לעצטע יאָרן טרעט ער צוליב זיין קראַנקהייט זייער זעלטן אויף. אַ פאַרביסענער קעגנער פון דעם יידישן נאַציאָנאַליזם, איז ער געווען אויך פאַרבונדן מיט דער פפ״ס און זיך באַטייליקט אין אירע פאַרשיידענע יידישע אויסגאַבן. איינער פון די ערשטע פּאָפּולאַריזאַטאָרן פון דעם וויסנשאַפטלעכן סאָציאַליזם אויף יידיש, איז פ׳ דערהויפּט באַקאַנט אַלס קעמפער קעגן רעליגיע און קעגן דער טראַדיציאָנעלער יידישקייט, אויך קעגן דעם ישוב ארץ־ישראל, אין וואָס ער האָט שטאַרק אויסגעניצט זיין גרויס לומדות און בקיאות אין דער יידישער רעליגיעזער ליטעראַטור. פון זיינע אַרטיקלען איבער רעליגיע זיינע אַרויס נאָך אין ענגלאַנד אַלס באַזונדערע אויסגאַבן: „הגדה של פסח״ (אַרויסגעגעבן פון „בערנער סטריט קלוב״, אַרום 1888; די ערשטע העלפט—געשריבן פון ל. זאַלאָטקאָף); „אידישע אינקוויזיציע״; „ווער האָט איינגעפיהרט יום־כפור״; „פון וואַנען שטאַמען די היינטיגע אידען אָדער אידישע מלוכות אין רוסלאַנד און אַראַביען״; „חוי הבלכי״; „אלישע בן אבויה״—אַלס אָנהייב פון אַ סעריע „לעבענס־בעשרייבונגען פון אידישע פריידענקער פון די עלטסטע צייטן אָן״ (פ״ג ב. רודערמאַן, לאָנדאָן, ז׳ 18). אַ סך אַפּיקורסיש־אויפקלערערישע אַרטיקלען האָט ער פאַרעפנטלעכט אין „צוקונפט״ (פון וועלכער ער איז 1903 געווען אויך רעדאַקטאָר), אין „פאָרווערטס״ אאַז״וו.

זיין הויפּטווערק אויף דעם געביט פון קאַמף קעגן דעם יידישן ריטואַל איז דאָס בוך „כשר און טריפה און אַנדערע מצוות״ (פ״ג „פרייער געדאַנק״, נ״י, 1908, ז׳ 300), וואו ער פּרוּווט וויסנשאַפטלעך־מאַרקסיסטיש באַגרינדן די אַנטשטייונג און אַנטוויקלונג פון די יידישע דינים וועגן כשר און טריף וכדומה. אַחוצדעם האָט ער פאַרפאַסט: „די רעליגיאָן און די אַרבייטער״—וועגן די אַרבעטער־געזעצן לויט תלמוד (ז׳ 130); „דער סאָציאַליזמוס פון תורת משה״; „וויפיעל מאָל משיח איז שוין געקומען״; „ליעבע און פאַמיליען לעבען לויט אידישקייט״; „דאָס געזעץ דער ענטוויקלונג״; „פון וואַנען שטאַמט דער מענש״; די הפקר־וועלט״; „יעמוד, אַרבייטער!״; „דער רעכטער וועג״; דאָס גן־עדן התחתון״; „צו וואָס טויג טעאַטער״ (פ״ג „היברו פּאָבלישינג קאָ״); „סאָציאַליזמוס און אַנאַרכיזמוס״; „פאַרוואָס זיינען אַזוינע שלעכטע צייטען?״ — באַאַרבעט נאָך אַלעקסאַנדער יאָנאַס; „דער סאָציאַליזמוס פון אַלף ביז ת״ — נאָך קאַרל קאַוטסקי; די ביאָגראַפיעס פון דזשאָרדזש וואַשינגטאָן און רמב״ם (פ״ג „אינטערנאַציאָנאַלע ביבליאָטעק״, 1904); „מעשה בראשית״ — פּאָפּולערע קאָסמאָגאָניע, א״אַ. אייניקע פון זיינע פּאָפּולער־וויסנשאַפטלעכע אַרטיקלען־סעריעס זיינען אויך איבערגעדרוקט געוואָרן אַלס באַזונדערע בראָשורן אין רוסלאַנד, ווי: „דאַרוויניזמוס״, „שטיינער, וואָס פאַלען פון הימעל״ (פ״ג „פּראָגרעס״, וואַרשע 1903). ער האָט איבערגעזעצט און פאַרזען מיט באַמערקונגען דאָס ווערק פון אַוגוסט בעבעל „די פרוי און דער סאָציאַליזמוס״ (פ״ג „פאָרווערטס״, נ״י, ז׳ 800); באַאַרבעט, מיט אָנמערקונגען, פרידריך ענגעלס ווערק Entwicklung der

Familie, Privateigentum und Staat א״ט „די פאַמיליע אַמאָל און היינט“ (פ״ג „פאָרווערטס“, נ״י, ז״ז 353; אויסגאַבע פאַר פוילן—פ״ג „קולטור־ליגע“, וואַרשע, 1926). צוזאַמען מיט א. ליעסין און אָ'ניעל געשריבן די אָפּשאַצונגען צו די אויסדערוויילטע שריפטן אין יידיש פון יודזשין דעבס (פ״ג „וועקער“, 1927). זיין סטיל איז טיפּיש פאַר דער אַלטער יידיש־סאָציאַליסטישער גרופּע פּאָפּולאַריזאַטאָרן אין אַמעריקע, ניט געלייטערט, ניט ריין פון דייטשמעריזמען און אַנגליציזמען אאַז״וו, בכלל אָבער זייער אַ פּאָפּולערער. האָט אויך געשריבן א״פ שבת, שאַבעסאָוויטש, ש. פּעשעס. אַ מענטש מיט גלענצנדע פעיִקייטן, מיט אַ גוטן זכרון און שאַרפן קאָפּ, דערצו אַן אויסגעצייכנטער רעדנער, איז ער געווען א וויכטיקע קראַפט אין דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג, בפרט אין די ערשטע 2 יאָרצענדליגער אירע. — זיין זון וויליאַם, אַ סאָציאַליסטישער זשורנאַליסט און אַגיטאַטאָר אין ענגליש, איז געווען פאַרטרעטער פון די אַרבעטער אין דער נ״יער לעגיסלאַטור, שטענדיקער מיטאַרבעטער פון דער ענגלישער אָפּטיילונג פון „פאָרווערטס“.

ק. שניפאל, אין „פריינד“ 1911, 225; ЕЭ, XV; ה. בורגין, „געשיכטע פון דער אידי' ארבייטער באוועגונג“; א. ש. זאקס, „געשיכטע פון ארבייטער רינג“; ב. וויינשטיין, „40 יאהר“, ז' 188; אב. קאהאן, „בלעטער פון מיין לעבען“, III; ד״ר א. גינזבורג, אין „דאס נייע לעבען“, 1909, VII; פ', „ערינערונגען“, אין יובילייבומער „ארבייטער פריינד“, 27/I 1911.

פייגענבערג רחל (1885 —) געב' אין ליובאַן, מינסקער גוב'. איר פאָטער, בער, אַ זון פון ליובאַנער רב ר' יעקב פ', איז געווען אַ גרויסער למדן און בעל־קבלה, צו 17 יאָר באַקומען סמיכות אויף רבנות, שפּעטער, זיצנדיק ביים שווער אויף קעסט — געלערנט שפּראַכן, געוואָרן אַ משכיל, אָבער לסוף זיך אַנטוישט אין די וועלטלעכע לימודים און זיך נאָך מער פאַרטיפט אין קבלה. געבליבן צו 30 יאָר אַן אלמן, האָט ער חתונה געהאַט מיט שרה עפּשטיין, דער מוטער פון רחל פ', אַן אייניקל פון דעם בשעתו פאָפולערן באָברויסקער ד״ר ר' הלל שאַפּיראָ (וועלכער האָט 1812 געענדיקט די מעדיצינישע אַקאַדעמיע אין ווילנע און איז

אַלע זיינע יאָרן געווען אַ הייסער חסיד), און די קינדהייט רחלס איז אַריבער אין גרויס אָרעמקייט; דער פאָטער איז געווען אַ גמרא־מלמד ביי די באָברויסקער גבירים, זיין ווייבס קרובים, וועלכע האָבן אים שטאַרק עקספּלאָאַטירט; דערצו נאָך איז ער געווען אַ גרויסער ליבהאָבער פון ספרים און אויף זיי אויסגעגעבן ניט נאָר זיינע 300 רובל נדן, נאָר אויך דעם לעצטן גראָשן פון זיינע קאַרגע פאַרדינסטן. ער איז יונג געשטאָרבן, האָט די מוטער פאַרקויפט די ביבליאָטעק און געעפנט אַ קראָם, זיך געמיט צו געבן דער טאָכטער אַ גוטע דערציִונג, בכלל געהאַט אויף איר זייער אַ גרויסע השפּעה, און פון קינדווייז אויף האָט רחל איר אין אַלץ נאָכגעטאָן, דערהויפּט אין פרומקייט, אין דאַוונען מיט כוונה, אין לייענען תחינות און מוסר־ספרים. אויף איר דערציִונג האָט אויך השגחה געהאַט איר זיידע דער רב. זי האָט געלערנט העברעיִש, יידיש און רוסיש אינאיינעם מיט די קינדער פון דעם שטעטלדיקן גביר, וועלכער האָט אויסגעשריבן אַ ספּעציעלן לערער. צו 12 יאָר — צוליב דער מאַמעס קראַנקהייט — געמוזט לאָזן די לימודים און פירן די קראָם און די שטוב־ווירטשאַפט, דאָך געפונען צייט

אויף לייענען, דערהויפּט די וואונדער=
מעשׂיות פון רבנים און צדיקים, וואָס די
באָבע אירע די רביצין פלעגט איר געבן,
אויך שמרס ראָמאַנען, וואָס אונטער זייער
שטאַרקן איינדרוק האָט זי צו 13 יאָר
אַליין אָנגעשריבן — אין דער פרייער צייט
אין קראָם, ווען קיין קונים זיינען ניט
געווען — אַ ראָמאַן „יאָזעף און ראָזע",
אָבער דערנאָך אים פאַרברענט צוליב דעם
טומל, וואָס ער האָט אַרויסגערופן אין
איר סביבה. צו 15 יאָר, נאָך דעם טויט
פון דער מוטער און דעם זיידן, איז זי
געקומען קיין אָדעס, צו די מוטערס
שוועסטער און ברידער, געאַרבעט 4 יאָר
אין אַ סאַלאָן פון דאַמענקליידער ביי די
ערגסטע באַדינגונגען, דורך די אָוונטן
פיל געלייענט פון דער רוסישער ליטעראַ=
טור, איבערדערציילנדיק בייטאָג פאַר די
חברטעס, וואָס זי האָט געלייענט ביינאַכט.
צוריקגעקומען איינמאָל אין איר גע=
בורטשטעטל, האָט זי אונטערן איינדרוק
פון די אויפגעוואַכטע זכרונות אָנגעשריבן
איר ערשט ווערק, „די קינדער=יאָהרען".
נאָך ניט קיין געענדיקטס, איז דער כּתב=
יד דורך איר פעטער זלמן עפּשטיין (זע)
געקומען אין די הענט פון שאול גינזבורג,
דעם רעדאַקטאָר פון „פריינד", און ער
האָט עס אָפּגעדרוקט אין דעם חודש=
זשורנאַל „דאָס לעבען" 1905. די דער=
ציילונג האָט געמאַכט אַ גרויסן רושם
מיט דער ניט=געקינסטלטער נאַיווער אָפנ=
האַרציקייט, דעם תּמימותדיקן געפיל, דער
איינפאַכער ריין יידישער שפּראַך, די
בילדער פון דעם אַלטן פּאַטריאַרכאַלישן
שטעטל און די יונגע שריפטשטעלערין
האָט באַקומען אַ נאָמען. אויף דער איינ=
לאַדונג פון דער רעדאַקציע פון „פריינד"
האָט זי געלאָזט די אַרבעט אין אָדעסער
שניידער=סאַלאָן, איז געקומען קיין פּט"ב,
אַדאַנק שאול גינזבורגן באַקומען די
מעגלעכקייט זיך צו לערנען, אויסגעהאַלטן
דעם עקזאַמען אַלס לערערין און צוויי
סעמעסטערס געהערט לעקציעס אויף די
ליטעראַטור=היסטאָרישע קורסן פון פּראָפ'
ראַיעוו, אָבער צוליב מאַנגל אין געלט=
מיטלען די קורסן ניט געענדיקט. 1911—
12 האָט זי אייניקע יאָר געלעבט אין דער
שווייץ, געהערט לעקציעס אין לאָזאַנער
אוניווערסיטעט אויפן פאַקולטעט פון
שפּראַך און ליטעראַטור, אָבער ווידער=
אַמאָל צוליב מאַטעריעלע סבּות דעם קורס
ניט געענדיקט. אַ געוויסע צייט איז זי
געווען אַ לערערין אין וואָלין. דערביי
האָט זי ניט אויפגעהערט איר ליטעראַ=
רישע טעטיקייט און פון צייט צו צייט
פאַרעפנטלעכט נאָוועלן און סקיצן אין
„פריינד", „הײנט", „אייראָפּעאישע ליטע=
ראַטור", „באַברויסקער וואָכענבלאַט"
א"אַ, צ"אַ אַ דראַמאַטישן עטיוד „קור=
סיסטקעס" (אין אַ ביילאַגע צום „פריינד"),
אַ גרעסערע דערציילונג „צוויי וועלטען"
(אין „אונזער לעבען", 1910; אין בוכפאָרם
א"ט „אַ מאַמע" — פ"ג „פּראָגרעס", וואַר=
שע, 1911, ז' 56), אַ ראָמאַן „טעכטער"
(אין „מאָמענט", 1913; 1טער ט' פון איר
ראָמאַן „אויף פרעמדע וועגן"); צו יענער
צייט אויך אָנגעשריבן אַ דראַמע א"ט
„אַ שלעכטער דור" (ניט פאַרעפנטלעכט).
1914 חתונה געהאַט מיט אַ קרוב פון איר
מוטערס משפּחה — דעם פּראָוויזאָר שאַ=
פּיראָ, האָט זי זיך באַזעצט אין יאַנאָווקע,
אַ קליין שטעטל לעבן אָדעס, און אין
משך פון 5 יאָר גאָרנישט געשריבן, אָפּ=
רוענדיק פון די פילע יאָרן וואָגלעניש
און נע=ונד. 1919 האָבן די אוקראַינישע
באַנדעס חרוב געמאַכט איר היים, און
מיט איר איינציק קינד אויף די הענט
האָט זי זיך אַ גאַנצן זומער אויסבאַהאַלטן
צווישן גויים; זי האָט איבערגעלעבט דעם
שוידערלעכן יידישן חורבן אין אוקראַינע.

די גרויזאַמע שחיטות און פּאָגראָמען, האַרבסט 1919 אַוועק קיין אָדעס, זיך ווידער אומגעקערט צו ליטעראַרישער אַרבעט, געמאַכט איבערזעצונגען פאַר אַ געפּלאַנטער „אוניווערסאַל-ביבליאָטעק“ פון פ״ג-קאָאָפּעראַטיוו „דעת“, 1921 פאַרלאָזט אוקראַינע, געלעבט אין קעשעניעוו און בוקאַרעשט, פאַרעפנטלעכט אין פאַרשיידענע יידישע צייטונגען, ווי „דער איד“ (קעשעניעוו), „פאָרווערטס“, „טאָג“, „היינט“, „מאָמענט“ א״אַ, ווי אויך אין רומענישער איבערזעצונג אין דער בוקאַרעשטער Manturea אַ סך פון אירע באַאַרבעטע מאַטעריאַלן, וואָס זי האָט פאַר דער צייט פון איר היימלאָזיקייט געזאַמלט, פון גזרת אוקראַינע. שפּעטער האָט זי אַ געוויסע צייט פאַרבראַכט אין וואַרשע און 1925 זיך באַזעצט מיט איר פאַמיליע אין א״י, פון וואַנען זי האָט געשריבן אַ סעריע בילדער אין „מאָמענט“ א״ט „די בויער פון אַלט-ניילאַנד“, זיך באַטייליקט אויך אין דער העברעישער פּרעסע, ווי „קונטרס“, „הארץ“, „דבר“, „העולם“, פאַר וועלכע אירע אַרטיקלען ווערן איבערגעזעצט פון יידישן אָריגינאַל. 1926 צוריקגעקומען קיין פּוילן, אַ לענגערע צייט געלעבט אין פּאַריז, מיטגעהאָלפן דעם שוואַרצבאָרד-קאָמיטעט מיט אירע רייכע מאַטעריאַלן וועגן די פּעטליורישע פּאָגראָמען, אין אויפטראָג פון דעם יושקעוויטש-קאָמיטעט איבערגעזעצט 3 ב׳ פון דעם פאַרשטאָרבענעם רוסיש-יידישן שריפטשטעלער (די דערציילונגען „די יידן“, „אומשולדיקע“ און די דראַמען „הונגער“, „דער קיניג“, געלט“) אַלס ערשטע סעריע פון אַ פולער אויסגאַבע פון יושקעוויטשעס ווערק אין יידיש (וועגן יושקעוויטשן האָט זי פאַרעפנטלעכט אַן אַרטיקל אין „ליטעראַרישע בלעטער“, 158). פון אירע אָריגינעלע

בעלעטריסטישע ווערק זיינען אין בוכפאָרם אַרויס: „אויף פרעמדע וועגן“ (פאַרקויף: געז׳ „צענטראַל“, וואַרשע, 1925, ז׳ 310) — אַ ראָמאַן, וואו אויפן פאָן פון דעם איבערגאַנג צווישן צוויי וועלטן, דער אַלטער פּאַטריאַרכאַלישער, מיט אירע פעסטע זיטן, מיט איר ריינעם פאַמיליענלעבן, און דער נייער, דער הפקרותדיקער, דער גאָטלאָזער און צעריסענער, ווערט דורך אַ גאַנצער גאַלעריע געשטאַלטן, פון שטאָט און פון ישוב, געשילדערט די טראַגעדיע פון ליבע. די צעפאַלונג פון דער אַלטער יידישער פאַמיליע און די בלאָנדזשענישן פון דער היינטוועלטיקער יידישער פרוי מיט איר דראַנג נאָך עקאָנאָמישער זעלבשטענדיקייט און עמאַנציפּאַציע פון איין זייט און נאָך טאַנץ, פּוץ און תאווה — פון דער אַנדערער האָט זי אויך באַהאַנדלט אין איר פיראַקטיקער דראַמע „הפקר-מענשען“ (אין „צוקונפט“, 1924, VI — IX; א״ט „טעכטער“ אויפגעפירט פון רודאָלף זאַסלאַווסקי אין „יידישן פאָלקסטעאַטער“ אין ווילנע, נאָוועמבער 1927). זייער אַ גרויסן רושם האָט געמאַכט איר „אַ פנקס פון אַ טויטער שטאָט — חורבן דובאָווע“ (פ״ג „אחיספר“, וואַרשע, 1926, ז׳ 149, מיט אייניקע בילדער, ווי פון די דובאָווער קדושים ר׳ משה-אהרן בערדיטשעווסקי, דעם פאָטער פון מיכה-יוסף ב׳, און זיין זון מענדל א״אַ) — אַ היסטאָרישע כראָניק פון דעם שטעטל דובאָווע אין דער געגנט פון אומאַן אין די גרויזאַמע טעג פון דעם יידישן חורבן אין אוקראַינע, זומער 1919; דער „פנקס“ איז פאַרן שוואַרצבאָרד = קאָמיטעט איבערגעזעצט געוואָרן אויף פראַנצויזיש (דורך דעם פראַנצויזיש-יידישן שריפטשטעלער משה טווערסקי, וועלכער האָט, אַגב באַמערקט, מיטגעהאָלפן די ברידער טאַראָ אין זייער

באַרימטן יידישן ראָמאַן „לשנה הבאה בירושלים“). איר צווייט פּאָגראָם-בוך, „אויף די ברעגן פון דניעסטער“ (פאַרקויף: געז׳ „צענטראַל“ 1925, ז׳ 160), איז אַ מין ספר-הזכרונות פון די באַאָבאַכטונגען און ערפאַרונגען, וואָס די שריפטשטעלערין האָט געמאַכט, לעבנדיק צווישן די היימלאָזע אויף דער גרענעץ צווישן בעסאַראַביע און אוקראַינע, וועלכע האָבן דורכגעמאַכט די גרויסע רעוואָלוציע, די היידאַמאַקישע שחיטות און זיצן איצט אויף די ברעגן פון דניעסטער, טרוימענדיק וועגן דעם גן-עדן-לאַנד — אַמעריקע. — נאָך ניט אַרויס אין בוכפאָרם איז איר כראָניק פון די בלוטיקע געשעענישן אין באַלטער-אָדעסער געגנט זומער 1919 (אין דער העברעישער איבערזעצונג פון א. דרויאַנאָוו פאַרעפנטלעכט אין „רשומות“ III א״ט „תחת הפטיש“). ניט פאַרעפנטלעכט איז אויך איר איבערזעצונג פון לעאָניד אַנדרעיעווס דראַמע „אַנאַטעמאַ“ פאַר דער יידישער רעפּערטואַר-קאָמיסיע אין אָדעס א״אַ. אַלס שטענדיקע מיטאַרבעטערין פון „מאָמענט“ האָט זי צ״אַ פאַרעפנטלעכט אין דער צייטונג, סוף 1927, „אַ סעריע אַרטיקלען וועגן דער יידישער פרוי אין לעבן און אין דער יידישער ליטעראַטור“ (צום טייל געדרוקט אויך אין העברעישער איבערזעצונג אין „העולם“). טרעט אויך אויף מיט פּובליציסטישע אַרטיקלען, דערהויפּט וועגן די יידיש-קולטורעלע פּראָבלעמען, מיט אַ געוויסער העברעיסטישער אָפּנייגונג.

ש. ניגער, אין „פריינד“, 1910; נח פּרילוצקי, „אַ יודישע קינדער-פּאָעמע“, אין „לעבען און ווּיסענשאַפט“, 1910, VIII; ЕЭ, XV; ד״ר ראַבינזאָן, „אהבה יהודית“, אין „דאר היום“ 1925, ב. קאַרלינסקי, אין „מאָמענט“, 1925, בנציון ראַזענצווייג, אין לעמבערגער „טאָגבלאַט“, 1925, י. צ. אין „ליט׳ בלעטער“, 37 (רעצענזיעס וועגן ראָמאַן „אויף פרעמדע וועגען“); ש. ניגער, אין „טאָג“ פון יוני 1927 און „ווילנער טאָג“ פון 24/VI 1927, ש. י. יאַצקאַן, אין „היינט“ פון 26/VIII 1927, מלך ראַוויטש, אין פאָלקסצייטונג“ פון 19/VIII 1927, אב. ה. אין „אידי׳ פאָלק“, נ״י, 1927, 15 (רעצענזיעס וועגן „פּנקס פון אַ טויטער שטאָט“).

פייוועל בערטאָלד (1875/IX —) געב׳ אין ברין, מערן.

נאָכן ענדיקן די מיטל-שול אַלס סטודענט פון ברינער אוניווערסיטעט (וועלכן ער האָט שפּעטער געענדיקט מיטן טיטל ד״ר) איז ער ביי דעם אויפטריט פון ד״ר טעאָדאָר הערצל צוגעשטאַנען צו דער ציוניסטישער באַוועגונג און פּראָפּאַגאַנדירט די נייע אידעע אין מערן און בעמען. צוזאַמען מיט מאַקס היקל און ראָבערט שטריקער האָט ער געגרינדעט אין ברין די Jüdische Volksstimme, שפּעטער איינגעלאַדן געוואָרן פון הערצלען קיין ווין, וואו ער האָט איבערגענומען די רעדאַקציע פון דעם ציוניסטישן צענטראַלן אָרגאַן Die Welt און געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין דער גרינדונג און אַנטוויקלונג פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין עסטרייך. ער איז געווען איינער פון די ערשטע מערב-אייראָפּעישע ציוניסטן, וואָס האָט געזוכט נעענטער צו באַקענען זיך מיט דעם מזרח-יידנטום און מיט דער יידישער שפּראַך, און אַליין אַ גאַנץ באַגאַבטער דיכטער אין דייטש, האָט ער 1899 (איבערדרוק 1902) אַרויסגעגעבן אויף דייטש אין אַ פּראַכט-אויסגאַבע אַ באַנד איבערגעזעצטע לידער פון מאָריס ראָזענפעלד א״ט Die Lieder des Ghetto מיט אַ הקדמה און מ. א. ליליענס צייכענונגען. אין די פון אים רעדאַקטירטע זמ״ב Jüd. Almanach און Junge Harfen האָט ער אויך פאַרעפנטלעכט איבערגעזעצטע לידער פון אברהם רייזען, ש. פרוג, י. ל. באָרוכאָוויטש, ש״ע (וויגליד), עליאַשעוו.

צוזאַמען מיט זיין נאָענטסטן מיטאַרבע=
טער אויפן קולטורעלן געביט, ד"ר מאַרטין
בובער, און מיט ד"ר חיים ווייצמאַן האָט
ער אויסגעאַרבעט דעם פּראָיעקט צו גרינדן
אַ העברעישן אוניווערסיטעט, געגרינדעט
דעם Jüd. Verlag, וואָס האָט אויך אַרויס=
געגעבן אייניקע ווערק פון דער יידי=
שער ליטעראַטור, און אין קעלן, וואו=
הין ער איז אַריבערגעפאָרן מיט דער
Welt, רעדאַקטירט אויך אַ צייטשריפט
Jung-Israel. נאָך דער באַלפור=דעקלאַ=
ראַציע איז ער אַריבערגעפאָרן קיין
לאָנדאָן, וואו ער איז איינער פון די וויכ=
טיקסטע מיטאַרבעטער פון דער ציוניסטי=
שער עקזעקוטיווע, אַ נאָענטער מיט-
אַרבעטער פון ד"ר חיים ווייצמאַן און
דירעקטאָר פון „קרן היסוד".

ש. ל. ציטראָן, לקסיקון ציוני; ס. ווינינגער, ב' II.

פיינבערג לעאָן (6/II 1897 —) געב' אין קדימה, פּאָדאָליע.
זיין פאָטער, נחמן=שמואל, אין רוסלאַנד
אַ סוחר, אין אַמעריקע- אויסגעשטודירט

אויף ד"ר און איז
פרינציפּאַל פון אַ
„העברעישן אינ=
סטיטוט" אין ברוק-
לין. ביז 9 יאָר
געלערנט אין חדר,
צו 10 יאָר צו=
זאַמען מיט די
עלטערן פאַרלאָזט
דאָס שטעטל, זיך באַזעצט אין אָדעס,
וואו געענדיקט גימנאַזיע, שטודירט
אויפן היסטאָריש=פילאָלאָגישן פאַקולטעט
פון מאָסקווער אוניווערסיטעט געשיכטע,
שפּראַכן, ליטעראַטור און פילאָסאָפיע.
אָנגעהויבן שרייבן לידער צו 12 יאָר,
געווען אונטער דער השפעה פון די
רוסישע מאָדערניסטן און סימבאָליסטן,
ווי אַלעקסאַנדער בלאָק, אַנדרעי בעלי,
וול. סאָלאָוויאָוו, 1914 אַרויסגעגעבן זיין
ערשט ביכל לידער א"ט Три автора (פ"ג
שערמאַן, אָדעס), א"פ לעאָניד גרעבניעוו,
אויך לעאָניד אַמאַראַנט, אַלטער עגאָ
זיך באַטייליקט אין Нива, Лѣтопись,
Жизнь, Огоньки, Огонекъ, Журналъ
Журналовъ א"אַ, 1918 באַקומען די ער=
שטע פרעמיע אין דעם אַלרוסישן דיכ=
טער=קאָנקורס פאַר אַ ליד אויף דער טעמע
„די נשמה פון רוסלאַנד", קנאַפּע 3 יאָר
געדינט אַלס אָפיציר אין דער רויטער
אַרמיי, אָנהייב 1920 אַנטלאָפן פון דעני=
קינס געפאַנגענשאַפט קיין א"י, באַרייזט
מאַראָקאָ, טוניס, אַלזשיר, מצרים, טריפּאָלי,
אַראַביע, אינדיע, אייראָפּע, סוף 1920 גע=
קומען קיין אַמעריקע, זיך באַטייליקט מיט
לידער, אַרטיקלען און מאָנאָגראַפיעס אין
דער נ"יער רוסישער פרעסע, ווי Новое
Русское Слово, Русский Голос א"אַ,
פאַרעפנטלעכט זיין צווייט בוך רוסישע
לידער На паперти дорог (פ"ג „מאָס=
קוואַ", נ"י=בערלין, 1923 ז' 96). אין
אַמעריקע אויסגעלערנט זיך יידיש, אָנגע=
הויבן צו דרוקן לידער, סקיצן, דער=
ציילונגען און אַרטיקלען אין „מאָר=
גען זשורנאַל", „אַמעריקאַנער", „ייד'
טאַגעבלאַט", „פ. אַ. ש.", „קונדס", „פע=
דער", „איד' וועלט", „איד' פיהרער",
אויך א"פ בן=דרור, לעאָניד גרעבניעוו=
פיינבערג. אין משך פון אייניקע יאָר
פאַרבונדן מיטן יידישן טעאַטער אַלס
פרעסע=פאַרטרעטער און סעקרעטאַר פון
מאָריס שוואַרצס קונסט=טעאַטער, האָט
ער פאַרעפנטלעכט אַ ריי אָפּהאַנדלונגען
וועגן טעאַטער אין „מאָרגען זשורנאַל"
און „יידישען טאַגעבלאַט", אויך איבער=
געזעצט אויף יידיש דמיטרי מערעזש=
קאָווסקיס טראַגעדיע „פעטער דער גרוי=
סער" (אויפגעפירט פון מאָריס שוואַרץ

אין פעברואַר 1925). די לעצטע פּאָר יאָר אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער פון דער קאָמוניסטישער צייטונג „פרייהייט" און דעם חודש-זשורנאַל „דער האַמער", וואו אַחוץ לידער און פּאָעמען פאַרעפנטלעכט אַ גאַנצע ריי איבערזעצונגען פון דער מאָדערנער רוסישער ליטעראַטור, ווי פון איליאַ ערענבורג („דרייצן ליולקעס"), ניקאַנדראָוו („אויפן מאַרק פון ליבע"), א. דראָזדאָוו, גלאַדקאָוו, מאַקסים גאָרקי אאַז"וו. — געקומען צו דער יידישער פּאָעזיע פון דער רוסישער ליטעראַטור, האָט פ' באַוויזן גלענצנד צו באַהערשן די יידישע פערזנקונסט, אין וועלכער ער ווייזט אַרויס אַן אמתע מייסטערשאַפט. מער אַ פּאַרמעלער טאַלענט, אָפט צו דעקלאַמאַטאָריש, באַאיינפלוסט פון די מאָדערנע רוסישע דיכטער, דערהויפּט פון וולאַדימיר מאַיאַקאָווסקי, צייכנט ער זיך אָבער אויס מיט דער קלאַנגפולקייט, קלאָרקייט און זיכערקייט פון זיין פערז, מיט דער פרישקייט פון זיינע גראַמען, מיט דער רייכקייט פון זיין שפּראַך. אַ קעמפער, אַן עסטעט, אַ פּראָבלעמענדיכטער, האָט ער אין זיין לידער-זאַמלונג „ערב שטורעם" (נ"י, 1926, ז' 64) געגעבן מוסטערן פון רעוואָלוציאָנערע געזאַנגען („אויפברויז", „דער נייער דערלייזער", „קאָמונאַרן"), און פון ריין לירישע לידער („פון מיין פרוש'דיגער צעל"), פון וועלכע עס צייכנט זיך באַזונדערס אויס דער ציקל „בראָדוויי" און דער סאָנעטנרינג „פּרישות". אין זיין פּאָעמע „30 יאָר" (אין „האַמער", 1927, VI) זיינען אַוטאָביאָגראַפישע מאָמענטן און פערזענלעכע איבערלעבונגען געגעבן אויף אַ ברייטן פאָן פון אונזער געזעלשאַפטלעכקייט, פון די גילגולים פון דער יידיש-רוסישער אינטעליגענץ; דער דיכטער שילדערט דאָ בילדעריש דאָס יידישע שטעטל אין אוקראַינע („שטעטל מיינס"), די גרויסשטאָט אין דעם פעריאָד פון דער רעאַקציע און ירידה מיט זיינע גאָטזוכערישע שטימונגען, דעם אויפברויז בשעת דער וועלט-מלחמה און דעם בירגער-קריג, און צולעצט — אַמעריקע. פון זיינע נאָך ניט פאַרעפנטלעכטע ווערק איז צו פאַרצייכענען אַ אַנטאָלאָגיע פון דער נייער יידישער דיכטונג אין אַמעריקע פאַר די יאָרן 1900 — 25 אין רוסישער איבערזעצונג.

ב. צ. גאָלדבערג, אין „פ. א. ש." 1926; יעקב מעסטעל, אין „דער פעדער", 1926, IV; ש. ניגער, אין „צוקונפט", 1926, VIII, און אין „טאָג"; נ. מינקאָוו, אין „אונזער בוך", 1926, II; ה. בלאָשטיין, „די ווידע פון אַן אויסגעלייזטן", אין דעם חודש-זשורנאַל „ניי-וועלט", בוענאָס-איירעס 1927, II; שכנא עפּשטיין, אין „האַמער", אחוץ אַ ריי צייטונגסרעצענזיעס.

פיינגאָלד יהודה-אריה (ה' ניסן 1905 —) געב' אין וואַרשע, אין אַ מיוחסדיקער חסידישער משפּחה. ביז 12 יאָר געלערנט אין חדר, דאַן ביים למדן ר' משה-מרדכי בראָנשפּיגל, אויך וועלטלעכע לימודים ביי לערערס. זינט 1922 געדרוקט בעלעטריסטישע זאַכן, מעשיות, אויך פּובליציסטישע אַרטיקלען אין די אָרטאָדאָקסישע צייטשריפטן, ווי „דער יוד" א"ר פון משולם קאַמינער, לאָדזער „בית יעקב" און „קינדער-גאָרטען", שעדלעצער „אונזער וועג", פּיעטריקאָווער „דאָס אידישע לעבען" א"ר פון א. ב. עקערמאַן, ווילנער וואָכנבלאַט „דאָס וואָרט" א"ר פון מ. מאָווושאָוויטש, פּראַגער חודש-זשורנאַל „דער פלאַקער" א"ר פון ש. ראָטשטיין, לאָדזער חודש-זשורנאַל „מסורה-בלעטער" (אין פעברואַר-נומער 1926 אַן אַרטיקל קעגן דער אָרטאָדאָקסישער ליטעראַטור מיט איר פלוידעריזם, גראַפאָמאַניזם, הסברות).

קאָרעספּאָנדירט אויך אין נ"י'ער „דאָס
אידישע ליכט", ירושלימער „קול ישראל",
פראַנקפורטער Israelit א"ר פון ש. שאַכ=
נאָוויטש. זײנע פּס"נ פאַר פּובליציסטישע
אַרטיקלען זײנען: ל. יאַקובזאָהן, י. י. ביי=
ליזאָהן, י. בן=יעקב, א. בן=ביילה, ל. פּ.
מיטגליד פון דער פאַרוואַלטונג פון דער
אָרגאַניזאַציע „פּועלי אגודת ישראל".

פײנמאַן (אשר=זעליג) זיגמונד
(28/IV 1862 — אַרום 1908) געב' אין
גאָנטשעסט, בעסאַראַביע. ביז 10 יאָר
געלערנט אין חדר, דאַן אָנגעקומען אין
דער קעשעניע=

ווער גימנאַזיע,
1886 אַוועק קיין
רומעניע און באַ=
זוכט די קאָנסער=
וואַטאָריע אין
בוקאַרעשט, גע=
שפּילט אין גאָלד=
פאַדענס (?) טרו=
פּע און געמאַכט זיך אַ נאָמען אַלס
אויסגעצייכנטער שוישפּילער, אַזוי אַז
דער דירעקטאָר פון דער קאָנסערוואַטאָ=
ריע האָט אים געוואָלט אַריבערציען צו
דער רומענישער בינע. 1889 געקומען
קיין נ"י, וואו ער איז געווען טעטיק
ניט נאָר אַלס אַקטיאָר, נאָר אויך אַלס
פּיעסנשרייבער. ער זאָל אויך האָבן
איינגעלאַדן געוואָרן אין דעם גרויסן
ענגלישן טעאַטער אין נ"י Niblos Garden
(1893). שפּעטער איז ער אַוועק קיין
ענגלאַנד, אין משך פון אַ יאָר 3 גע=
שטרעבט צו שאַפן אַ שטענדיקע יידישע
בינע אין לאָנדאָן, און הגם אַדאַנק זיין
שווער געוואָרענעם קערפּער און דער
פאַרלוירענער שטימע האָט ער שוין ניט
געקענט אַרויסווייזן זיין שוישפּילערישן
טאַלענט, האָט ער אָבער געהאַט אַ פאַר=
שטענדעניש פאַר טעאַטער און אַ ערגי=
סטע באַציִונג און אין פאַרבינדונג מיט
זיין אינטערנעמונגסגייסט און ענערגיע
איז אים געלונגען אַ סך אויפצוטאָן פאַר
דער אויפהאַלטונג פון דעם „פּאַוויליאָן=
טעאַטער". אָבער די אומגינסטיקע אַט=
מאָספערע פון דעם יידישן לאָנדאָן האָבן
אים געצוואונגען צו פאַרלאָזן לאָנדאָן,
ער איז געפאָרן קיין בוענאָס=איירעס,
צוריק קיין נ"י, דערנאָך קיין פּוילן און
ער איז געשטאָרבן פון אַ האַרצשלאַק
אויף דער בינע אין לאָדז, רעפּעטירנדיק
„אוריאַל אַקאָסטאַ". — פ' האָט פיגו=
רירט אַלס פאַרפאַסער פון אַ גאַנצער
ריי פּיעסן, אָבער בנוגע זיין אַוטאָר=
שאַפט באַמערקט דער ערשטער היסטאָ=
ריקער פון דעם יידישן טעאַטער, משה
זייפערט (אין דעם זמ"ב „דיא אידישע
ביהנע"): „זיגמונד פײנמאַן איז אַ גוטער
שוישפּילער אין דראַמאַטישע און פּאָ=
טער=ראָלן, ווען ער זאָל זיך נאָר נישט
איינבילדן, אַז ער איז אויך אַ דראַמאַ=
טורג. ווען מען שטעלט אַרויף דעם
אייגענעם נאָמען אויף פרעמדע פּיעסן,
איז נאָך דורכאויס ניט געדרונגען, אַז
מען איז אַ דראַמאַטורג און אַ ליטעראַט".
גאָרין פאַרצייכנט פאָלגנדיקע טעאַטער=
שטיק פ—ס: „דער יידישער סאָלדאַט"
(1889), „דאָס רויטע מענטשעלע" (1889),
„די פרוי אָדער צוויי חתונות אויף
להכעיס", „דער גט" (1890), „געלט",
„דעם פאָטערס קללה" (1891), „דער
גבור החיל אָדער דער פּרינצעסינס
נדר" (1896), „צירעלע דעם רבינס אָדער
די שיינהייט פון קראָקע" (1897), „דער
יידישער וויצעקעניג אָדער אַ נאַכט אין
גן=עדן", —היסטאָרישע אָפּערע, „די קליינ=
שטעטלדיקע אַריסטאָקראַטן", „די גאַסנ=
קינדער" (1898), „די יידן אין מאַראָ=
קאָ", „דער שטומער אָדער לעבעדיק
באַגראָבן" (1899), „נומער 587 אָדער די

מאַמע שרה" (1902), „די נאַכטיגאַל פֿון ירושלים"—היסטאָרישע אָפּערעטע (1902), „דאָס צעבראָכענע לעבן", „דער ייד אין סאָביעצקיס צייטן" (1904). אין „חכמי ישראל באַמעריקאַ" ווערן נאָך דערמאָנט „חנהלע די פֿינושערין", „שפּרהלע", „די פֿרוי, געלט אָדער דער טרעמפּ" און אַן איבערזעצונג פֿון שילערס „די רויבער". אייניקע פֿון זיינע פּיעסן זיינען אויך פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן, ווי די היסטאָרישע אָפּערעטע „שבת קודש" (וואַרשע 1908). זיין מעלאָדראַמע „רחלע די נייטאָרין" האָט בשעתּו געשפּילט אַ געוויסע ראָלע אין דער אַנטוויקלונג פֿון דעם יידישן טעאַטער אַלס די ערשטע „פּראַק"-פּיעסע פֿון דעם דעמאָלטיקן קאַפּאָטע-און שטריימל-רעפּערטואַר.

פֿײנסטאָון ס. (15/IV 1888 —) געב׳ אין לידע, ווילנער געגנט, אַלס זון פֿון דעם סופֿר יוסף בעלאָגרודסקי און פֿון רחל פֿ׳. צו 14 יאָר געקומען קיין אַמעריקע, געאַרבעט אַלס סופֿר, האַנדלס-אָנגעשטעלטער, שניידער, לערער, געענדיקט זיין שטודיום אַלס כעמיקער אין אוניווערסיטעט פֿון סיראַקוז, זינט 1915 מיטגליד פֿון דער אַמעריקאַנער „אַסאָציאַציע פֿון כעמיקער" און פֿון „אַמעריקאַנער כעמיקער-אינסטיטוט". וואוינט אין פֿילאַדעלפֿיע. — אַחוץ אַ ריי פּאָפּולערוויסנשאַפֿטלעכע אַרטיקלען אין „פֿאָרווערטס" און אין „פֿריינד" — דעם חודש-זשורנאַל פֿון „אַרבעטער-רינג", האָט פֿ׳ פֿאַרפֿאַסט אַ"ר פֿון צביון אַ פּאָפּולער בוך וועגן אַנאָרגאַנישער און אָרגאַנישער כעמיע א"ט „כעמיע צו לעזן און צו לערנען" („אַרבייטער-רינג ביבליאָטעק נומ. 19, אַרויסגעגעבן פֿון דער נאַציאָנאַלער עדיוקיישאָנאַל קאָמיטע פֿון אַרבייטער רינג", נ"י, 1920, ז' 272, מיט צייכענונגען און בילדער), ספּעציעל צוגעפּאַסט צום יידישן לעזער, אָפּגעבנדיק אַ באַזונדערן אָרט פֿאַר דער אַ"ג אינדוסטריעלער כעמיע, מיט אַ קליינעם כעמישן ווערטערבוך צום סוף בוך, צונויפֿגעשטעלט מיט דער הילף פֿון וו. י. בערקמאַן.

פֿײנציג מענדל (15/V 1835 —) געב׳ אין נור, לאָמזשער געגנט, אין אַ חסידיש-נגידישער משפּחה פֿון אַ מיליטערישן ליוועראַנט. צו 10 יאָר אַריבערגעפֿאָרן מיט די עלטערן קיין אָסטראָוו, געלערנט אין חדר און ישיבה, דערנאָך זיך אָנגעהויבן אָפּצוגעבן מיט רוסיש, פּויליש, דייטש, צו 14 יאָר געוואָרן אַ לערער אין שטעטל, צו 18 אַוועק קיין וואַרשע, וואו אָנגעקומען אין אַ קאָנטאָר אַלס קאָרעספּאָנדענט, זיך אַזוי אויסגעצייכנט מיט זיינע בריוו, אַז ער איז איינגעלאַדן געוואָרן פֿון אַ האַנדלס-פֿירמע קיין אָדעס און זיך אַרויפֿגעאַרבעט אַלס קאָמיוואָיאַזשער, אין משך פֿון 7 יאָר אַרומגעפֿאָרן גאַנץ רוסלאַנד, באַזוכט קרים, קאַווקאַז, מיטל-אַזיע, 1913 אַוועק קיין אַמעריקע, וואו זיך שטאַרק געפּלאָגט, געווען אַ טרעגער, אַ קאָפּעליוש-מאַכער, שפּעטער אויסגעשטודירט פֿאַרמאַציע און פֿירט אַן אַפּטייק אין נ"י. פֿון צייט צו צייט געדרוקט דערציילונגען, מעשהלעך, קינדער-לידלעך, סקיצן, בילדלעך אין „טאָג", „צוקונפֿט", „פּ. א. ש.", „קונדס" („גראָטעסקן" — ב"יער גאַסנבילדלעך אין ווייסן פּערז) און צולעצט אין „פֿרייהייט". אַ גרעסערע דערציילונג זיינע „ווען די געטער ווייגען" („צוקונפֿט", 1922, VI — IX) באַהאַנדלט די טעמע פֿון געמישטע יידישע חתונות אין אַמעריקע.

פײנקינד משה (א׳ שבט 1865 —) געב׳ אין טורעק, בײ קאָליש, אין אַ מיוחסדיקער חסידישער פֿאַמיליע (זײן עלטערזײדע, דער פּאָדעמביצער רב ר׳ משהלע, האָט גענומען אַן אָנטײל אין דעם אױפשטאַנד פֿון קאָסציושקאָ). געלערנט אין חדר, אין פֿאַרשײדענע ישיבות, דערהױפּט אין בזשעזין אונטער דער השגחה פֿון זײן פֿעטער ר׳ ישראל פ׳, גלײכצײטיק זיך אָפּגעגעבן מיט אַלגעמײנע לימודים בײ פּריװאַטע לערער, זיך גרײטנדיק פֿאַר אַ ראַבינער. צו 17 יאָר האָט ער צוזאַמען מיט זײן חבר, דעם איצט באַרימטן סקולפּטאָר הענעך גליצענשטײן, אַרױסגעגעבן אַ טאָפּאָגראַפֿישע קאַרטע פֿון א״י. צו דער צײט איז ער אַװעק קײן בערלין, װאו שטודירט פֿילאָסאָפֿיע, געשיכטע און ליטעראַטור און זיך ספּעציאַליזירט אין חכמת־ישראל בײ ד״ר קאַסעל, לאַצאַרוס, ד״ר הילדעסהײמער, שטײנטאַל א״אַ. אַרױסגעשיקט 1886 פֿון בערלין פֿאַר אַ דעמאָנסטראַציע פֿון רוסיש־יידישע סטודענטן קעגן דעם רוסישן אַמבאַסאָדער אָרלאָװ, געװעזן פּריװאַטלערער פֿון דײטש און העברעיש אין לאָדז, טורעק און פּעטריקאָװ. — שױן צו 15 יאָר איבערגעזעצט אין העברעיש שירים פֿון די דײטשע קלאַסיקער (שפּעטער פֿאַרעפֿנטלעכט אין „הנצנים" פֿון הנ״ץ), זינט 1884 זיך באַטײליקט מיט היסטאָרישע און פּובליציסטישע אַרטיקלען אין Allg. Ztg d. Judentums א״ר פֿון לודװיג פֿיליפּזאָן (װעמעס ביאָגראַפֿיע ער האָט געשריבן אין אַ רײ אַרטיקלען א״ט „ציון לנפש יהודה", אין „הצפירה" 1890 — 91), אין Isr. Wochenschrift (ביז 1887), אין Jüd. Literaturblatt א״אַ. 1888 האָט פּ׳ צוגעגרײט פֿאַר גרעצן אַ דײטשע איבערזעצונג פֿון מאַטעריאַלן צו דער געשיכטע פֿון די יידן אין פּױלן און רוסלאַנד. ער האָט אױך געפֿירט אַ קאָרעספּאָנדענץ מיט פֿיליפּזאָן, קײזערלינג, װינשע, נעלדעקע און דעליטש. שפּעטער האָט ער קאָרעספּאָנדירט פֿון פּױלן אין פּט״ב׳ער „פֿרײנד", זיך אױך באַטײליקט אין „הצפירה", Głos Żydowski און „ציון", אין װאַרשעװער „אונזער לעבן", זינט 1912 — אין „לאָדזער טאָגעבלאַט" א״אַ א״פּ סערװאוס, משה פּינקוסזאָן, איקס. נאָך דעם אױסבראָך פֿון דער מלחמה איז ער געװאָרן אַ מיטאַרבעטער פֿון „לאָדזער פֿאָלקסבלאַט", װאו ער האָט אין משך פֿון עטלעכע יאָר פֿאַרעפֿנטלעכט א״פּ א. ראָטמאַן אַרטיקלען איבער די אַקטועלע פֿראַגן פֿון יידישן לעבן אונטער דער עסטרײכישער אָקופּאַציע. אָנהײב 1916, װען דאָס לעמבערגער „טאָגבלאַט" האָט זיך געהאַלטן בײם פֿאַרמאַכן, װײל כּמעט אַלע רעדאַקציאָנעלע מיטאַרבעטער זײנען צוגענומען געװאָרן צום מיליטער, האָט דער רעדאַקטאָר ד״ר ביקעלעס ז״ל אײנגעלאַדן פּ׳ן אַלס מיטרעדאַקטאָר, און ער האָט כּמעט טעגלעך געשריבן פֿאַר דער צײטונג אַרטיקלען, אַריבערשיקנדיק זײ פֿון פּעטריקאָװ קײן לעמבערג, האָט אױך רעדאַקטירט אַ קורצע צײט „די פּיעטריקאָװער שטימע" 1914, אַ פּױליש װאָכנבלאַט Głos Żyd. 1916—17, די װאָכנבלעטער „די יודישע װעלט" 1924, „די צײט", „נײע צײט" 1926 א״אַ, זיך באַטײליקט אױך אין װאַרשעװער „פֿאָלק", „שול און ערציהונג", די לעצטע יאָרן געשריבן זײער פֿיל היסטאָרישע אַרטיקלען און לעגענדעס אין „נײעם פֿאָלקסבלאַט", אַרױסגעגעבן אײניקע היסטאָרישע בראָ־

שורן אין יידיש און פויליש, ווי „די כוזרים"
(פעטריקאָוו, 1910), „אויף די פוילישע
פעלדער" (ה׳ א — „פערעלע די קאָזשע=
ניצער רביצין, ה׳ ב — „העגעלע די כלה
פון קעניג זיגמונט" און דער „גר=צדק
פון ווילנע"; פ"ג ב. ליבעסקינד, פעט=
ראָקאָוו, 1926), Dzieje Żyd. w Piotrkówie
(1918). צווישן זיינע נאָך ניט פאַרעפנט=
לעכטע ווערק איז דאָ אַ בוך אין יידיש
„זכרונות פון דער מלחמה" מיט אַ כראָ=
נאָלאָגישער רשימה פון די שטעט אין
פוילן, וואו ס׳זיינען פאָרגעקומען שחיטות,
פאָגראָמען, אַרעסטן פון די דייטשן,
רוסן, פאָליאַקן אאַז"וו, אַן אָפּהאַנדלונג
אין דייטש וועגן די קוועלן צו שפינאָזעס
פאָליטיש=טעאָלאָגישן טראַקטאַט, מאַטעריי=
אַלן צו דער געשיכטע פון די יידן אין
פעטריקאָוו און פוילן בכלל, אַ מלחמה=
דראַמע „דער שפּיאָן" אאַז"וו.—זינט דעם
ערשטן קאָנגרעס באַטייליקט אין דער ציוי=
ניסטישער באַוועגונג און נאַציאָנאַל=יידי=
שער טוער אין פעטריקאָוו, אַלס ראָטמאַן
געקעמפט פאַר די רעכט פון דער יידי=
שער שפּראַך. באַשעפטיקט אַלס פריוואַט=
אַדוואָקאַט און פריוואַט=געשוואוירענער
דאָלמעטשער אין פעטריקאָוו. שטייט נאָענט
צו דעם יידי׳ וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט.

א. ה. צו פ׳ס יובילייט, אין „נייעם פאָלקס=
בלאַט", 1924, 16, 1925, 20; Nasz Pszegląd,
1925.

פייערמאַן אהרן (18/X 1897 —
) געב׳ אין פּעלשטין, פּאָדאָליע,
אין אַן אָרעמער פאַמיליע. ביז 14 יאָר
געלערנט תלמוד, זיך געגרייט אויף רב,
דאַן אָנגעהויבן צו פירן אַ פאַרעקשנטן
קאַמף מיט די עלטערן פאַר בילדונג, פון
19 ביז 21 יאָר געלערנט אין דער אָדעסער
ישיבה, דערנאָך אין גימנאַזיע. נאָך דער
מלחמה אוועק קיין אַרגענטינע, פאַרעפנט=
לעכט אין דעם זשורנאַל „פאַר גרויס און
קליין", דעם טאָגבלאַט „די פרעסע" און
דעם קאָמוניסטישן אָרגאַן „דער רויטער
שטערן" לידער אין פראָזע (אין „פרעסע"
1924—26) א"ט „גאָט, מענטש און ערד",
דערציילונגען אויס דעם לעבן פון דעם
יידישן שטאָטישן ישוב אין אַרגענטינע;
האָט אויך פאַרפאַסט אַ דראַמע א"ט
„שטאַרקע". געשריבן אויך דערציילונגען
א"פ קלעמענטע בענקמאַן. איז אָנגע=
שטעלט ביי דער קאָמפאַניע פון זינגער=
מאַשינען אין קאָרדאָבאַ.

פיכמאַן יעקב (ג׳ כיסלוו 1881 —
) געב׳ אין בעלץ, בעסאַ=
ראַביע, אַלס זון פון אַ סוחר (אליהו פ׳,
שטאַמט פון רומעניע). באַקומען די ערשטע
דערציונג אין

חדר, געלערנט
גמרא, דערנאָך אַ
קורצע צייט גע=
ווען אַ עקסטערן,
שפּעטער דער=
הויפּט זיך אָפּגע=
געבן מיט שטו=
דירן געשיכטע,
ליטעראַטור, פּעדאַגאָגיק. געווירקט אויף
אים האָבן מאַפּו, מענדעלע, ביאַליק,
אַחד=העם, בערדיטשעווסקי, טשערניכאָווי=
סקי, טורגעניעוו, פּושקין, פעט, טיו=
טשעוו, היינע; שפּעטער—טאָלסטאָי, האָ=
מער און די גריכישע ליטעראַטור, געטע
און די דייטשע פּאָעזיע בכלל. דעביו=
טירט אין דער ליטעראַטור אַלס לירי=
קער אין העברעיש אין פרישמאַנס „הדור"
1901, איז פ׳ אין דעם אייגענעם יאָר
געקומען קיין אָדעס, וואו ער האָט זיך
אַנטוויקלט אונטער דער ווירקונג פון
ח. נ. ביאַליק, זינט 1903 געלעבט אין
וואַרשע — אונטער דער השפּעה פון פּרץ,
פרישמאַן, נאָמבערג, זינט דאַן זיך באַ=
טייליקט כמעט אין אַלע העברעישע

אויסגאַבן, 1905 — 8 געלעבט אַלס לערער אין לעאָוואָ, בעסאַראַביע, זיך פאַרפולקומט אין יידישער און אַלגעמיינער בילדונג, 1908 געווען סעקרעטאַר פון „העולם" אין ווילנע, 1909 איינגעלאַדן געוואָרן אַלס סעקרעטאַר פון פ"ג „מוריה" אין אָדעס, 1911 — 12 רעדאַקטירט די „ביבליותיקה גדולה" פון פ"ג „תושיה" אין וואַרשע, 1912 איינגעלאַדן קיין א"י אַלס רעדאַקטאָר פון דעם יוגנט=זשורנאַל „מולדת", 1914 געקומען קיין בערלין, וואו אים האָט געטראָפן די וועלט=מלחמה, די מלחמה=צייט פאַרבראַכט אין אָדעס, 1919 צוריקגעפאָרן קיין א"י, רעדאַקטירט דאָרט די זשורנאַלן „מולדת" (1920 — 7) און „מעברות" (1920 — 21), דאַן געוואוינט ווידער אין וואַרשע אַלס מיטרעדאַקטאָר פון שטיבעלס „התקופה" און פון אַנדערע אויסגאַבן, שפעטער צוריקגעקערט זיך קיין א"י, צוזאַמען מיט יוסף קלויזנער רעדאַקטירט דעם „השלח", פון וועלכן דאָס לעצטע בוך (כרך מ"ו, חוברות ג — ו) איז אַרויס אלול תרפ"ו. איז אויך געווען טעטיק אַלס לעקטאָר פון דער העברעיִשער ליטעראַטור אין פילע לערער=אינסטיטוטן אין ארץ=ישראל און אין רוסלאַנד, האָט צונויפגעשטעלט אייניקע העברעיִשע כרעסטאָמאַטיעס, ווי „פרקים ראשונים" אין 4 ט', „שבילים", „לשון וספר" — אין 6 ט', וואָס האָט געהאַט זייער אַ גרויסן ערפאָלג. פון זיינע העברעיִשע אָריגינעלע ווערק זיינען אין בוכפאָרם אַרויס „גבעולים" — שירים (1911), „אגדות ושירים"-פאַר קינדער (1910), „בבאות"— קריטישע אַרטיקלען (פ"ג „מוריה", 1920), „ערבה" — קינדער=לידער (פ"ג „אמנות", פראַנקפורט, 1922), „במורד" — שירים (פ"ג „משואות", תל=אביב, תרפ"ז ז' 180) א"אַ. האָט אויך רעדאַקטירט אַ אַנטאָלאָגיע פון ארץ=ישראל, געזאַמלט אויס דער ליטעראַטור פון די עלטסטע צייטן אָן און פון אַלע לענדער, א"ט „ספר הארץ" (פ"ג „דביר", 1927, ז' 586). — אין דער מאָדערנער העברעיִשער ליטעראַטור פאַרנעמט פ' איינעם פון די אָנגעזעענסטע ערטער. אין זיין אַלזייטיקער שריפטשטעלערישער פערזענלעכקייט זיינען האַרמאָניש פאַראייניקט דער סובטעלער ליריקער, דער גייסטרייכער אָריגינעלער עסעיִסט און ליטעראַטור=קריטיקער און דער פרוכטבאַרער פעדאַגאָג. אין זיינע לירישע נאַטור=לידער, דורכגעדרונגען מיט האַרציקן טרויער און שטילער מעלאַנכאָליע, הערן זיך די היימישע אַקאָרדן פון זיין ליבער בעסאַראַביע, פון אירע סטעפעס און פעלדער, וואו דער יידישער מענטש האָט זיך אַזוי פעסט איינגעפונדעוועט. אויסגעצייכנט זיינען אויך זיינע פאָעמען אויף פאַלעסטינער מאָטיוון (די ציקלען „יהודה", „ירושלים", „בשרון") און בפרט זיין גרויסע פאָעמע „רות", וואָס ווערט באַטראַכט פאַר איינס פון זיינע שענסטע ווערק. אַלס קריטיקער=עסטעטיקער באַטראַכט ער דערהויפט דאָס פאָזיטיווע, און אין זיינע אָפהאַנדלונגען וועגן מאַפו, מיכ"ל, שטיינבערג, פרישמאַן א"אַ ווייזט זיך אַרויס זיין טיפע פאַרערונג צו די ליטעראַטור=שעפער. — אַ צופעליקערן כאַראַקטער טראָגט פ'ס ליטעראַרישע טעטיקייט אין יידיש, הגם ער באַטראַכט זיך פאַר אַ פריינד פון דער יידישער שפראַך און ליטעראַטור, איז בשעת דעם געוויסן העברעיִסטישן סקאַנדאַל אין א"י אין צוזאַמענהאַנג מיט די אַרויסטרעטונגען פון שלום אַש און פרץ הירשביין אינאיינעם מיט ח. נ. ביאַליק (זומער 1927) אַרויסגעטרעטן קעגן דעם טעראָר פון דעם „גדוד מגיני השפה" און דעם פון „גדוד" אינספי=

רירטן אָרגאַן די „כתובים". זיינע לירי־
שע לידער אין יידיש, פאַרעפנטלעכט
אין „יוד", „יודישער וועלט" א״אַ, זיינען
נאָך אין בוכפאָרם ניט געזאַמלט, אחוץ
דעם קליינעם ציקל אויסגעצייכנטע קינ־
דער־לידער א״ט „וואָס דער קוואַל
זינגט" („קיעווער פ״ג", 1918). אין אַ באַ־
זונדערער אויסגאַבע איז אַרויס זיין
קינדער־ביכל „שבת אין וואַלד" („שול־
ביבליאָטעק" פון „קיעווער פ״ג", 1918),
אילוסטרירט פון א. ליסיצקי, וואָס צייכנט
זיך אויס מיט דער מוסטערהאַפטער
טעכניק בנוגע שפּראַך און סטיל און
דעם פאָלקסטימלעכן טאָן. פאַר דעם
קיעווער פ״ג האָט ער געהאַט צוגעגרייט
אַ בוך „די ביבלישע פּאָעזיע", אין וועלכן
עס האָבן געזאָלט אַריינגיין זיינע באַ־
רימטע עסייען וועגן דער ביבלישער
פּאָעזיע בכלל און וועגן די ספרים רות,
קהלת, איוב און אסתר, אָבער ליידער
האָט ער דעם פּלאַן (אין יידיש) ניט
פאַרווירקלעכט. זיינע עסייען און קרי־
טישע אַרטיקלען אין יידיש זיינען גע־
וועזן געדרוקט אין „ביכער־וועלט", „לי־
טעראַרישע בלעטער", און אייניקע אַנ־
דערע יידישע זמ״ב און צייטונגען, דער־
הויפּט וואַרשעווער, אָדעסער און בע־
סאַראַבער, צ״אַ אויך אַ ביאָגראַפיש־קרי־
טישע אָפּהאַנדלונג וועגן יהודה שטיינ־
בערג (אין ווילנער „דאָס יודישע פאָלק",
1908). צוזאַמען מיט ז. רייזען צונויפגע־
שטעלט אַן אַנטאָלאָגיע פון דער יידי־
שער פּאָעזיע א״ט „די יודישע מוזע",
צו וועלכער אָנגעשריבן אַ גרעסערן
אַריינפיר (פ״ג ב. שימין, 1911), אויך
אַ כרעסטאָמאַטיע „פאַר שול און פאָלק"
(פ״ג א. גיטלין, 1913). וואוינט לעצטנס
אין וואַרשע און גרייט צ״אַ צו אַ פולע
אויסגאַבע פון זיינע ווערק אין העברעיש,
וועלכע ער האָט אויך בדעה טיילווייז
אַרויסצוגעבן אין יידיש. — אייניקע פּ״ס
לידער זיינען איבערגעזעצט אויף פּויליש,
רוסיש, אונגאַריש. אויף רוסיש איז אויך
פאַרעפנטלעכט זיין מאָנאָגראַפיע וועגן
מאַפּו.

XV EЭ; ש. ניגער, וועגן פּ״ס יידישע קינ־
דער־לידער, אין „פריינד", נ״י, 1922; נ. מייזיל,
„נאָענטע און ווייטע", II; זייער פיל אַרטיקלען
אין העברעיש, פון וועלכע דער וויכטיקסטער
איז י. ח. ברענערס, אין „אחדות", ירושלים,
1911; אויך אַרטיקלען אין יידישע צייטונגען
אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם 25 יעריקן יובילײ
פון זיין טעטיקייט, געפייערט 1927, צ״אַ —
א. טווערסקי, אין „ערד און אַרבעט", קעשע־
ניעוו, 143, י. וויינשטיין, ריגער „פרימאָרגן",
220, ש. ערנסט, אין „בראַזילאַנער אידישער
פּרעסע" אאז״וו; אהרן צייטלין, אין „אונזער
עקספּרעס", 1927, 204.

פין יהודה (ל״ג בעומר 1866 —) געב׳ אין שאַקי, סוואַלקער
געגנט. צו 5 יאָר איז אים זיין פאָטער,
טוביה דער סופר (אַ ברודערנזון פון
שמואל־יוסף פין), געשטאָרבן, און ער איז
דערצויגן געוואָרן ביי אַ זיידן. 1880
אויסגעוואַנדערט קיין לידס, ענגלאַנד,
וואו געוואָרן אַ שניידער. נאָך דעם 12־
שעהדיקן אַרבעטס־טאָג אין דער שוויצ־
שאַפּ זיך אָפּגעגעבן מיט לייענען די
ראַדיקאַלע ליטעראַטור און אָנשטאָט אָנ־
צושרייבן זיין געטרוימטן ספר א״ט „דע
מע שתשיב לאפיקורס" אַליין געוואָרן
אַ פריידענקער. 1884 געגרינדעט די ערש־
טע יידישע שניידער־יוניאָן אין ענגלאַנד
און דורכגעפירט אַ שטרייק, דורך וועלכן
די אַרבעטסצייט ביי די פּרעסערס און
נאָדלשניידערס איז פאַרקירצט געוואָרן
אויף 2 שעה. 1885 אָרגאַניזירט אין לידס
אַ קאָאָפּעראַטיוון וואַרשטאַט, נאָך דער
ליקווידאַציע פון דער אונטערנעמונג,
צוליב דעם באָיקאָט פון די מייסטערס —
אָנהייב 1886 אוועק קיין באָסטאָן, בייטאָג
געאַרבעט אין אַ שניידערשאַפּ, אין אָוונט

און זונטאָג געהאַלטן לעקציעס אין יידיש און ענגליש, אָרגאַניזירט די ערשטע יידישע שניידער-יוניאָן, וואָס פון איר איז 1892 אַרויסגעוואַקסן די „יונייטעד גאַרמענט וואָרקערס", 1887 געגרינדעט דעם „יידישן אַרבעטער-בילדונגס-פאַראיין", וועלכער האָט זיך אַנטוויקלט אין אַ סאָציאַליסטישן קלוב. אָנגעהויבן צו שרייבן אַרטיקלען נאָך אין מאָריס ווינטשעווסקיס „פוילישען אידעל", האָט ער אין אַמעריקע זיך באַטייליקט אין „מאָרגענשטערן" א"ר פון פאַליי (?), „פאָלקס-אַדוואָקאַט" א"ר פון ג. זעליקאָוויטש, אין דער „אַרבייטער צייטונג", אין די ערשטע צוויי יאָרגענג „צוקונפט" (פּאָפּולערוויסנשאַפטלעכע אַרטיקלען). צוליב קראַנקהייט פאַרלאָזט די פאַראייניקטע שטאַטן, האָט ער זיך 1893 באַזעצט אין לאָנדאָן, 2 יאָר צייט געווען סעקרעטאַר פון דעם דאַמענשניידער-יוניאָן, דערנאָך בוכהאַלטער אין אַ פּריוואַט-געשעפט, ווידמענדיק זיין גאַנצע פרייע צייט דער יידישער אַרבעטער-באַוועגונג אַלס רעדנער, שרייבער און אָרגאַניזאַטאָר. געווען באַפריינדעט מיט אַזעלכע סאָציאַליסטישע גדולים, ווי פרידריך ענגעלס, היינדמאַן, בעלפאַסט באָקס א"אַ. שפּעטער האָט ער רעגולער געשריבן אין דעם ערשטן יאָרגאַנג פון מאָריס מייערס „צייט", אין משך פון אַ פּאָר יאָר אַרויסגעגעבן צוזאַמען מיט ת. ראָטשטיינען די סאָציאַליסטישע אָרגאַנען „די נייע צייט" און „די נייע וועלט", אויך פאַרפאַסט אַ בראָשור אין יידיש „אַ ויכוח איבער סאָציאַליזמוס" (איבערגעדרוקט פון „דער נייער צייט") און אַ אַנאָנימע בראָשור אין ענגליש The voice of she aliens (1895) אַלס מאַניפעסט פון די יידישע יוניאָנס צו די ענגלישע, וועלכע האָבן דאַן אויפגעהויבן אַ געשריי קעגן די פרעמדלענדישע אַרבעטער; זיך אויך באַטייליקט אין די ענגלישע צייטונגען Jewish ,Social Democrat Chronicle און New Age. די לעצטע 12 יאָר צוליב קראַנקהייט און אַנטוישונג זיך צוריקגעצויגן פון עפנטלעכער טעטיקייט, בלויז פרילינג 1927 פאַרעפנטלעכט אין „דער צייט" אַ סעריע אַרטיקלען א"ט „סאָציאַליזם אַמאָל און היינט" אַלס אַריינפיר צו זיין פּלאַן וועגן ברענגען פּאָליטישן און עקאָנאָמישן שלום אויף דער וועלט דורך פאַראייניקונג פון קאַפּיטאַליסטן און אַרבעטער אַלס גלייכע שותפים. אין די דאָזיקע אַרטיקלען טרעט ער זייער שאַרף אַרויס קעגן קאָמוניזם.

ה. בורגין, „די געשיכטע פון דער אידישער ארבייטער באוועגונג"; אב. קאהאן, „בלעטער פון מיין לעבען", II (ווערט אויך געבראכט א פאטאגראפיע פון פ' אויס דעם יאר 1890).

פין שמואל יוסף (ט"ו תשרי 1819—י"א טבת 1890) געב' אין גראָדנע, געלערנט אין די חדרים און ישיבות פון ווילנע, וואו ער האָט פאַרבראַכט זיין גאַנץ לעבן, געווען דאָ איינער פון די אַקטיווסטע פאָרשטייער פון דעם קרייז משכילים, לערער פון תנך און העברעיש אין דער ראַבינער-שול, קרייז-אינספּעקטאָר און „געלערנטער ייד" ביים בילדונגסקוראַטאָר, אַרויסגעבער — צוזאַמען מיט ליפמאַן הורוויץ — פון דעם ערשטן השכלה-אָרגאַן אין רוסלאַנד „פרחי צפון" (2 ה'—1841 און 1844), אַרויסגעבער פון דעם וואָכנבלאַט „הכרמל" מיט ביילאַגעס אין רוסיש און דייטש (1860—1880), פאַרפאַסער פון אַ גאַנצער ריי ווערק, דערהויפּט היסטאָרישע און פילאָלאָגישע, פון דער באַקאַנטער מאָנאָגראַפיע וועגן ווילנע „קריה נאמנה", צונויפגעשטעלט מיט דער הילף פון הילל מגיד-שטיינשניידער (ווילנע, 1860; 2טע אויסגאַבע 1915, ז' ILVI+298), פון דעם ביאָגראַפישן לעקסיקאָן „כנסת

ישראל״ — פון דער גאונים־עפּאָכע ביז דער לעצטער צייט (אַרויס בלויז דער ב׳ I, א—י, 1886—90) אאַז״ו. אויף יידיש — אגב אַ גענוג פאַרדייטשטן — האָט ער פאַרפאַסט אַ גראַמאַטיק פון דער רוסישער שפּראַך א״ט „תלמוד לשון רוסיא״ — לויט די ווערק פון די רוסישע גראַמאַטיקער וואָסטאָקאָוו און גרעטש, מיט אַ סך הוספות (ווילנע, 1847, ז׳ 160). אַחוצדעם איז זיין שייכות צו דער יידישער ליטעראַטור געווען בלויז אַ פאַרלעגערישע: 1863 אַ שותף אין דער דרוקעריי פון ראָזענקראַנץ און שריפטזעצער, האָט ער געדרוקט אַ סך יידישע מעשה־ביכלעך און ראָמאַנען.

EƏ, XV; פ׳, „דור ודורשיו״ (אוטאָביאָגראַפיע, אין „הכרמל״, 1879); „יודישעס פאָלקסבלאַט״, 1888—89; יעקב מארק, אין זיין בוך זכרונות.

פינינבערג עזרא (17/XI 1899 —) געב׳ אין אומאַן, קיעווער גוב. זיין פאָטער, יוסף, אַ זון פון אַ שוחט, אין דער יוגנט אָפּגעקומען אלס אָנגעשטעלטער אין

צעלניק־קראָמען, שפּעטער — ביז סוף מלחמה — געווען אַליין אַ צעלניק־קרעמער; פון דער מוטערס צד — אַן אייניקל פון אַ מלמד. האָט געלערנט אין חדרים, אין אַ חדר־מתוקן, וואו מ׳האָט פאַר ריידן יידיש געפּאַטשט, צו 14 יאָר זיך שוין געהאַט באַקענט מיט דער העברעישער, רוסישער, יידישער און טיילווייז אויך אייראָפּעישער ליטעראַטור, דאַן זיך אָנגעהויבן אָפּצוגעבן מיט זעלבסטבילדונג. 1917 געווען איינער פון די גרינדער פון דער י״ס־אָרגאַניזאַציע (שפּעטער „פאַראייניקטע״) אין אומאַן, וועלכע האָט עקסיסטירט ביז 1919, ביז 1922 געווען טעטיק אַלס לערער, זינט 1923 זיך אינגאַנצן אָפּגעגעבן דער ליטעראַרישער אַרבעט. — שרייבן האָט פ׳ אָנגעהויבן נאָך אין עלטער פון 12 יאָר—אין העברעיש, דערנאָך געשריבן אין רוסיש, דעביוטירנדיק 1917 אין דער רוסישער פּראָווינציעלער ס״ד־ישער פּרעסע, אין די מלחמה־יאָרן אָנגעהויבן צו שרייבן אויך אין יידיש און זינט 1920, וואוינענדיק דאָס רוב אין קיעוו, זיך באַטייליקט אין פאַרשיידענע סאָוועטישע אויסגאַבן, ווי „קאָמפּאָן״, „שטערן״, „עמעס״, אין די יוגנט־זשורנאַלן „יונגוואַלד״, „פרייד״, אין די זמ״ב „שטראָם״ א״אַ. 1922 צוזאַמען מיט מ. כאַשטשעוואַצקי ביי דער מיטאַרבעט פון ס׳רוב יידישע שריפטשטעלער אין קיעוו רעדאַקטירט ביי דער „קאָמפּאָן״ אַ וועכנטלעכע ליטעראַרישע ביילאַגע א״ט „ליטבלעטל״, וואָס איר ציל איז געווען — ביי דעם דעמאָלטיקן שטאַרקן מאַנגל אין ליטעראַטור (צוליב דרוק־שוועריקייטן, דוחק אין פאַפּיר אאַז״וו)—צו שאַפן כאָטש אַ געוויסע טריבונע פאַר די וויכטיקסטע קולטור־ און קונסט־פראַגן. דאַן איז אויך אַרויס זיין ערשטע זאַמלונג לידער „אָטעם״ (קליינע ביבליאָטעק „ליריק״, „קאָאָפּעראַטיווער פ״ג „קולטור־ליגע״, קיעוו 1922, ז׳ 32), וואָס האָט געצויגן אויף אים די אויפמערקזאַמקייט פון דער יידישער קריטיק אין ראַטנפאַרבאַנד. זיין צווייטע זאַמלונג, „לידער״ (פ״ג „קולטור־ליגע״, קיעוו, 1925, ז׳ 87), האָט נאָך מער באַפעסטיקט זיין אָרט אַלס פון איינעם פון די באַגאַבטסטע פאָרשטייער פון דער נייסטער יידיש־

סאָוועטישער פּאָעזיע, סיי לויט זיין
פאָרם, דער שאַרפער, כמעט אַפאָריסטי=
שער, סיי לויט די מאָטיוון, דאָס רוב
מאָטיוון פון שטעטל און שטייגער אין
שיין פון די נייע סאָציאַלע שטימונגען,
אויך מאָטיוון פון די גרויסע צייט=געשע=
ענישן. אין זיין פּיעסע „יונגען“, אויפ=
געפירט צום 10טן יאָרטאָג פון דער
אָקטאָבער=רעוואָלוציע אין דעם יידישן
מלוכישן טעאַטער פון אוקראַינע אונטער
דער רעזשי פון א. לויטער, האָט ער
געפּרוווט דראַמאַטיזירן אַ ריי מאָמענטן
פון דער גרויסער רוסישער רעוואָלוציע,
אָנגעהויבן פון יאָר 1905 ביז דעם
באָלשעוויזם. דער בירגער=קריג און
די רעוואָלוציע אין אוקראַינע האָט ער
אויך געשילדערט אין זיין גרעסערער
דערציילונג „גאַלאָפּ“ („פּאָפּולערע ביב=
ליאָטעק“, קאָאָפּעראַטיווער פ"ג „קולטור=
ליגע“, סעריע בעלעטריסטיק נומ' 15,
קיעוו, 1926, ז' 70). אַ געוויסע צייט
איז ער געווען פאַראַנטוואָרטלעכער סע=
קרעטאַר און מיטגליד פון דער רעדאַק=
ציע פון דעם חודש=זשורנאַל „די רויטע
וועלט“, אַרויסגעגעבן זינט 1924 פון דעם
אוקראַינישן מלוכה=פ"ג אין כאַרקאָוו
(איצט הויפּטרעדאַקטאָר—מיכל לעוויטאַן).
אַחוץ לידער און דערציילונגען פאַר=
עפנטלעכט (צ"אַ אַ גרעסערע אָפּהאַנד=
לונג „שוין צייט זיך אומקוקן אויף דעם
רעוואָלוציאָנערן דיכטער יוסף באָוושאָ=
ווער“, אין „עמעס“ און „פרייהייט“)
אויך אַרטיקלען און רעצענזיעס, אויך
א"פ ה. סויפער, פין, פ. שטילער, א.
מיריאַמין, געאַרבעט אויף דער איבער=
זעצונג פון געטעס „פאַוסט“, צוזאַמען
מיט נ. אויסלענדער, נ. לוריע א"אַ צו=
נויפגעשטעלט אַ כרעסטאָמאַטיע פון דער
יידישער ליטעראַטור פאַרן עלטערן קאָנ=
צענטער פון די יידישע שולן, וואָס דאַרף

ערשיינען אין פ"ג „קולטור=ליגע“, קיעוו.
פון זיינע איבערזעצונגען זיינען אין
בוכפאָרם אַרויס: וויקטאָר הוגאָס „דאָס
93טע יאָר“ (פאַרקירצטע אויסגאַבע, פ"ג
„סאָראַבקאָפּ“, קיעוו, 1923), א. ניעוויע=
ראָווס „טאַשקענט — די ברויט=שטאָט“
(פ"ג „שול און בוך“ מאָסקווע, 1924,
ז' 143); קאָציובינסקיס „אין 1905 /
פאַטאַמאָרגאַנאַ“ (פ"ג „קניהאָספּילקע“,
כאַרקאָוו, 1926); אַ ריי ביכלעך אין
דער „שול=און פּיאָנערן=ביבליאָטעק“ און
דער פּאָפּולערער ביבליאָטעק“ פון פ"ג
„קולטור=ליגע“, קיעוו, 1924—27. גרייט
צום דרוק אַ ב' דערציילונגען פאַרן פ"ג
„שול און בוך“ און אַ ב' לידער א"ט
„לאַנד און ליבשאַפט“, פון וועלכע איי=
ניקע אונטער דעם דאָזיקן טיטל פאַר=
עפנטלעכט אין ליטעראַריש=קינסטלערישן
אַלמאַנאַך „אוקראַינע“, צונויפגעשטעלט
פון דער אַסאָציאַציע פון יידישע שריי=
בער אין אוקראַינע (פ"ג „קולטור=ליגע“,
קיעוו, 1926). — איינער פון די איניציאַ=
טאָרן פון דער ליטעראַרישער פאַראייני=
קונג „בוי“ (צוזאַמען מיט נ. אויסלענ=
דער, ליפּע רעזניק א"אַ).

נ. אויסלענדער, אין „שטראָם“, 1922, III;
id, אין „דער רויטער וועלט“, 1926; י. דאָב=
רושין, „דאָס נייע ליד“, אין זמ"ב „ניי ערד“,
אַרויסגעגעבן פון מאָסקווער קאָלעקטיוו פון יידי=
שע אָקטיאַבּער=שרייבער (צענטראַלער פ"ג פאַר
די פעלקער פון פסס"ר, מאָסקווע, 1925); דע=
קלאַראַציע פון דער פאַראייניקונג „בוי“, אין
„דער רויטער וועלט“, 1927 V—VI.

פינגערמאַן ישראל (=דוד) (זאת
חנוכּה 1857 *) —) געב' אין
בערעזאָווקע, כערסאָנער גוב', אַלס זון
פון אַ קרעמער. פון 4 יאָר אָן געלערנט
אין חדר, צו 13 יאָר, נאָכן פאָטערס
טויט, אַריבער אין בית=מדרש, זיך אויס=

*) תרי"ז.

געצייכנט אַלס מתמיד, אָבער געפייניקט
פון די שאלות „מה למעלה ומה למטה"
און אונטער דער ווירקונג פון דעם „ספר=
הברית", וואָס ער האָט צופעליק באַקו=
מען צו לייענען,



זיך פאַרטיפט אין
דער מיטלעלטער=
לעכער העברעיִ=
שער ליטעראַטור,
ווי „עיקרים",
„עקדת יצחק",
„מורה נבוכים",
„שמונה פרקים",
„אבן עזרא" א"אַ און דאַן אויך
אַריבער צו די מאָדערנע הקירה= און
השכלה=ספרים. אונטער זייער איינדרוק
צו 18 יאָר אַליין געפרווט אָנשרייבן
אַ חקירה=ספר א"ט „ציור אמונות", דער=
נאָך אָנגעהויבן צו לערנען תנ"ך מיט
מפרשים און דיקדוק און באַקומען אַ שם
פון אַ בעל=לשון. זיינע יוגנט=אַרבעטן
זיינען אומגעקומען בשעת דעם פאָגראָם
אין זיין געבורטשטאָט 1881, וועגן
וועלכן ער האָט דאַן געשריבן קאָרעס=
פאָנדענצן אין „הצפירה", „המליץ", Раз-
свѣтъ, Русскій Еврей. צו 21 יאָר חתונה
געהאַט קיין קריוואָ=אָזערע, האָט ער
די ערשטע צייט געפירט אַ השכלה=טע=
טיקייט צווישן דער יוגנט, זיך באַשעפ=
טיקט מיט פישהאַנדל אויפן גרויסן אופן
אַלס סוחר פון דער צווייטער גילדע,
אַרומפאָרנדיק ביי די ים-ברעגעס. אונטער
דער ווירקונג פון זיין פרוי, וועלכע איז
אַדאַנק ספעקטאָרס „יודישען מוזשיק" באַ=
גייסטערט געוואָרן פאַר דער אידעע פון
יידישער ערדאַרבעט, איז ער נאָך אַ ישוב=
הדעת מיט אברהם גרינבערג און מ. ל. לי=
ליענבלום אַוועקגעפאָרן סיוון 1891 קיין
א"י, געאַרבעט אויף די פעלדער פון ראשון=
לציון אונטער דער אַדמיניסטראַציע פון

באַראָן ראָטשילד; וואַרטנדיק אויף דער
באַשטעטיקונג פון זיין קניה אויף אַ שטיק
ערד צו גרינדן אַן אייגענע קאָלאָניע,
האָט ער אָנגענומען דעם אַמט פון
אַ העברעיִשן לערער אין הדרה, איז
אָבער קראַנק געוואָרן אויף פיבער און
געמוזט פאַרלאָזן דאָס לאַנד. זיין פרוי
האָט דערווײַלע אין דער היים אַלץ אויס=
פאַרקויפט און פ' איז דאַן מיט זיין
פאַמיליע אָפּגעפאָרן דורך קאָנסטאַנטי=
נאָפּאָל קיין אַרגענטינע, וואו ער איז
קאָלאָניזירט געוואָרן אויף דער ערד פון
באַראָן הירש אין דער פראָווינץ ענטרע=
ריאָס אין דער קאָלאָניע קלאַראַ, וואו
זיין הויז איז געווען דער ערשטער בנין,
און ער פאַרנעמט זיך עד=היום מיט באַאַר=
בעטן די ערד. האָט קאָרעספּאָנדירט פון
א"י און אַרגענטינע אין „המליץ", אָבער
אַזוי ווי צעדערבוים האָט פון אים פאַר=
לאַנגט „יללות מארגענטינא", האָט ער
מיט אים איבערגעריסן און געוואָרן
דער אַרגענטינער קאָרעספּאָנדענט פון
„הצפירה". 1909 איינגעלאַדן פון צווי
קאָאָפּעראַטיווע געזעלשאַפטן אַלס רע=
דאַקטאָר פון אַ זשורנאַל „דער יודישער
קאָלאָניסט", וועלכער האָט עקסיסטירט
3 יאָר און זיך אָפּגעשטעלט צוליב דעם
קריזיס אין די דעמאָלט שלעכטע יאָרן.
1921 האָט ער איבערגענומען די רעדאַק=
ציע פון דעם חודש=זשורנאַל „דער קאָ=
לאָניסט=קאָאָפּעראַטאָר", וואָס ערשיינט
עד=היום יעדע 15 טעג אַלס אָרגאַן פון
דער „יידישער אַגראַר=פעדעראַציע".
האָט אויך אַרויסגעגעבן נאָכן ערשטן
קאָנגרעס אַ בראָשור אין יידיש א"ט
„די גרונדלאַגע פונ'ם ציוניזם". זיין
וויכטיקסטע אַרבעט איז אַ גרויס ווערק
„די געשיכטע פון דער יידישער קאָ=
לאָניזאַציע אין אַרגענטינע", וואָס ער
האָט אָנגעהויבן צו פאַרעפנטלעכן אין

דער בוענאָס-איירעסער „אידישער צייטונג", מערץ 1927. דאָס ווערק נעמט אַרום די גאַנצע עפּאָכע פון דעם יידישן ישוב אין אַרגענטינע, אָנהייבנדיק נאָך פון די 50קער יאָרן פון פאָריקן י"ה ביז גאָר דער לעצטער צייט. עס איז אָבער ניט פריי פון אַ געוויסער טענדענץ צו פאַרענטפערן די יק"א-ביוראָקראַטיע (זע, למשל, נ. קריטשמאַרס אַרויסטרעטונג קעגן פּ"ס „געשיכטע" אין דעם אַרטיקל „צום אָנדענק פון ל. כאַזאַנאָוויטש", אין דער בוענאָס-איירעסער „פרעסע" פון 21/VIII 1927). אין כתב-יד אין העברעיש — אַ חיבור וועגן געוויסע שטעלן פון אבן עזרא און זיין השפעה אויף דער שיטה פון ברוך שפינאָזע.

פינק ראובן (18/I 1889 —) געב' אין האָשט, וואָלין, אַלס זון פון משה פינקעלשטיין. צו 4 יאָר געקומען קיין אַמעריקע, אין וואַשינגטאָן דורכגעמאַכט די פאָלקסשול און מיטלשול, 1907—10 שטודירט אין נ"י-ער „סיטי-קאַלעדזש", 1911 געענדיקט דעם „דזשאָרדזש-וואַשינגטאָן-אוניווערסיטעט" אַלס באַקאַלאַוור פון קונסט און באַקאַלאַוור פון דערציִונג, שפּעטער אויך שטודירט אין „נאַציאָנאַלן אוניווערסיטעט" פון וואַשינגטאָן אויף ד"ר פילאָסאָפיע. — ליטעראַרישע טעטיקייט אָנגעהויבן מיט אַן איבערזעצונג פון אַלפאָנס דאָדע אין העברעיִשן זשורנאַל „הלאום", נ"י 1904, און מיט אַרטיקלען אין „יידישן טאַגעבלאַט", American Hebrew 1912, רעדאַקטירט אַ יידיש וואָכנבלאַט א"ט „וואַשינגטאָנער לעבען", 1914 — 20 געווען דער וואַשינגטאָנער פּאָליטישער קאָרעספּאָנדענט פון „טאָג" אויך פון „פ. א. ש.", פון צייט צו צייט געשריבן אויך אין „צוקונפט", „אידישען קעמפּפער", „אידישען פאָלק", Nation, The American Jewish Chronicle, זיך אויך באַטייליקט אין פאַרשיידענע אַנדערע יידישע און ענגליש-יידישע צייטונגען, אַלס קאָרעספּאָנדענט פון „טאָג" און New-York Herald בייגעוואוינט די שלום-קאָנפערענץ אין ווערסאַיל מיט דער אָפיציעלער ווילסאָן-גרופּע, שפּעטער געווען וואַשינגטאָנער קאָרעספּאָנדענט פון „היינט" א"ר פון הערמאַן בערנשטיין, פאַרוואַלטער פון דעם פּ"צ-טאָגבלאַט „די צייט". אין בוכפאָרם פאַרעפנטלעכט: „דער אַמעריקאַנער בירגער" (1916), „די קאָנסטיטוציאָן" (פ"ג מייזעל, נ"י, 1918); „עצות פאַר אימיגראַנטען"; דער וויזע-סיסטעם"; The American War Congress and Zionism (פ"ג פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, 1919). נאָך ניט אַרויסגעגעבן זיינע ווערק אין ענגליש: „די אַנאַליטיש-סינטעטישע סיסטעם אין אונטערריכט פון געאָמעטריע" און „די יידן אין ציווילן דינסט". וויצעפאָרזיצער פון דער „אוניאָן פון די רומענישע יידן אין אַמעריקע" און פון דער פעדעראַציע פון די אוקראַאינער יידן. זיינע פּס"נ: ד"ר מערי גאָלדפאַרב, באַראָן פאָן האָשטער. וואוינט לעצטנס אין נ"י, צוריקגעצויגן פון זשורנאַליסטישער טעטיקייט.

— Who's Who in America 1927

פינקעל אליעזר-דוד (כ"ה כיסלוו 1862 — 13/IV 1918) געב' אין מאַקאָוו, לאָמזשער געגנט, וואו זיין זיידע ר' פישל איז געווען רב. ווען ער איז נאָך געווען אַ קינד, האָבן זיך זיינע עלטערן באַזעצט אין בריסק, וואו ער איז דערצויגן געוואָרן אויף תלמוד און געשעצט פאַר אַן עילוי. 1881 האָט אים גענומען פאַר אַן איידעם דער וואַרשעווער סוחר נחום האַלבער, אַ זייער פרומער אַלטמאָדישער חסיד, אָבער נאָך דער חתונה האָט פ' זיך

אָנגעהויבן אָפּצוגעבן מיט השכּלה, לערנען שפּראַכן און האָט געמוזט אויסשטיין אַ ביטערן קאַמף מיטן שווער, אָבער זיך ניט אונטערגעגעבן, הגם שטאַרק געליטן מאַטעריעל. אַדאַנק זיינע גרויסע פעיִקייטן און אויסערגעווייִנלעכער התמדה האָט ער באַהערשט ניט נאָר אַ ריי אייראָפּעיִשע שפּראַכן, נאָר אויך לאַטיין, גריכיש, אַפילו געלערנט יאַפּאַניש, אַראַביש, זיך פאַרנומען מיט איבערזעצן וויסנשאַפטלעכע אַרטיקלען, וועלכע ער האָט געדרוקט אין „החבצלת", „הצפירה" און „המליץ", אויך איבערגעזעצט דעם גרעסטן טייל פון קאַרפּעלעסעס „תולדות הספרות העברית", ברעמס „תולדות בעלי החיים", משעלעס „היתוש", דעם 5טן ב' פון גרעצס געשיכטע. אין בוכפאָרם אַרויסגעגעבן אויך אַן אָפּהאַנדלונג א"ט „מצרי שאול" (וואַרשע, 1889, ז' 91) — וועגן אָפּגעדאַכטן טויט און זיינע סימפּטאָמען. 1904 איז ער אַריינגעטרעטן אין „הצפירה", וואו ער האָט געאַרבעט ביז די צייטינג האָט זיך פאַרמאַכט. זינט דער גרינדונג פון „היינט" האָט ער געאַרבעט אין דער צייטונג דערהויפּט אַלס איבערזעצער, אונטער זיין נאָמען פאַרעפנטלעכט בלויז אַ 3—4 אַרטיקלען. ער האָט אויך איבערגעזעצט אויף יידיש אַ גאַנצע ריי ווערק פאַר דעם געפּלאַנטן פ"ג פון ה. עפּעלבערג, צ"אַ — פון אַנרי בערנשטיין, זאָלאַ, שילער א"אַ, זיי זיינען אָבער געבליבן אין כּתב־יד, אַחוץ אַלעקסאַנדער דיומאַס דראַמע „די קאַמעליען־דאַמע" (וואַרשע, 1912). פ' האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין ענציקלאָפּעדיש וויסן, זיך פיל אָפּגעגעבן מיט פילאָלאָגישע פאָרשונגען, זיין גאַנץ לעבן ניט אויפגעהערט צו לערנען און שטודירן פילאָסאָפיע און אַלגעמיינע ליטעראַטור, געהאַט אויך אַ פיינעם חוש פאַר פּאָעזיע און אַפילו אַליין געשריבן בעלעטריסטישע זאַכן (צ"אַ אין דער וועכנטלעכער „הצפירה"), געווען שטאַרק באַליבט אין דעם ענגן קרייז פון זיינע קאָלעגן פאַר זיין ענוות און גרויס תמימות.

ספר זכרון; נעקראָלאָגן פון ש. י. יאַצקאַן, א. גאָלדבערג, א. איינהאָרן, ב. קרעמער, אין „היינט" 1918, 94, 85; יח"ז, אין „מאָמענט".

פינקעל אורי (1896 —) געב' אין ראַקאָוו, מינסקער געגנט, אַלס זון פון שטעטלשן שוחט. באַקומען אַ טראַדיציאָנעלע יידישע דערציִונג, ביז 17 יאָר געלערנט תלמוד, גלייכצייטיק זיך אָפּגעגעבן מיט אַלגעמיינער בילדונג, 1916 באַזוכט אַ פּאָליטעכנישע שול אין כאַרקאָוו, שפּעטער געלערנט אין ווייסרוסלענדישן אוניווערסיטעט אין מינסק אויף דער לינגוויסטישער אָפּטיילונג. ליטעראַרישע טעטיקייט אָנגעהויבן מיט אַ גרעסערן אַרטיקל „די רעוואָלוציע און די אידישע ליטעראַטור" אין זמ"ב „קונסט־רינג" II (כאַרקאָוו, 1917), 1918 זיך באַטייליקט אין זשורנאַל Народное Дело א"ר פון א. דערמאַן, וואו געפירט די אָפּטיילונג פאַר ביבליאָגראַפיע, 1920 רעדאַקטירט די ערשטע רויטאַרמייִשע וואָכנצייטונג „רוסטאַ" ביים שטאַב פון דער 16טער אַרמיי, פריער אין מאָהליעוו, דערנאָך אין מינסק; רעדאַקטירט די איינציקע טעגלעכע יידישע רויטאַרמייִשע צייטונג „קאָמונע", אַרויסגעגעבן פון יידאָפּטייל ביי דער פּאָליט־פאַרוואַלטונג פון מערב־פראָנט; 1921 געווען סעקרעטאַר פון דעם אָרגאַן „פּראָפעסיאָנעלע באַוועגונג", ביז 1926 אַ שטענ=

דיקער מיטאַרבעטער פון מינסקער טאָג=
בלאַט „דער וועקער" (איצט „אָקטיאַבר"),
וואו צ"אַ פאַרעפנטלעכט אַ טיקלען וועגן
ש"ע, בעל=מחשבות, נאָמבערג; אין זמ"ה
„צום זיבעטן יאָרצייט פון י. ל. פּערעץ"—
אַן אַרטיקל „פּערעץ און דער אַרבעטער".
צוזאַמען מיט ש. טאָמסינסקי צונויפגע=
שטעלט אַ זמ"ב פון יידישער רעוואָ=
לוציאָנערער פּאָעזיע א"ט „מוט" (פ"ג
„קאָמוועלט", 1920), צוזאַמען מיט ה. מייזל
איבערגעזעצט פון רוסישן כתב=יד פּראָפ'
נ. ניקאָלסקיס בוך „יידישע יאָמטויווים,
זייער אופקום און אַנטוויקלונג"" (מינסק,
„מעלוכע=פ"ג פון ווייסרוסלאַנד", 1925),
צוזאַמען מיט פ. קאַראָלינסקי — די אַר=
בעט פון לאָזאָווסקי „דער גרויסער
סטראַטעג פון קלאַסן=מילכאָמע" (פ"ג
„פּראָפ' באַוועגונג", מינסק, 1925), א"פ
א. וועגאָסען איבערז' די בראָשור פון
טשעקען „וואָס איז אַזוינס אַ פּראָפ'
פאַריין" (מלוכה=פ"ג פון ווייסרוסלאַנד)
א"אַ. אַלס געוועזענער מיטגליד=מיט=
אַרבעטער פון „אינסטיטוט פאַר ווייס=
רוסלענדישער קולטור" („אינבוויסקולט")
האָט ער צוזאַמען מיט דעם געוועזענעם
אָנפירער פון דער ליטעראַרישער סעק=
ציע פון „אינבווייסקולט" נ. אויסלענדער
צונויפגעשטעלט דאָס בוך „אַוורעאָם גאָלד=
פאַדן / מאַטעריאַלן פאַר אַ ביאָגראַפיע"
(אַרויסגעגעבן פון „אינסטיטוט פאַר ווייס=
רוסלענדישער קולטור", מינסק, 1926,
ז' 104) — צום יובל פון יידישן טע=
אַטער, אין וועלכן בוך די פאַרפאַסער
האָבן סיסטעמאַטיזירט די באַקאַנטע מאַ=
טעריאַלן וועגן דעם גרינדער פון דעם
יידישן טעאַטער און אויסגעניצט אַ ריי
נייע מאַטעריאַלן, דערהויפט שטרעבנדיק
צו באַלייכטן דעם פעריאָד פון גאָלד=
פאַדענס טעטיקייט ביז 1883, ד"ה ביזן
פאַרבאָט פון דעם יידישן טעאַטער אין

רוסלאַנד. אַ צווייטע אַרבעט וועגן
גאָלדפאַדענען האָט פ' פאַרעפנטלעכט
אין דער „צייטשריפט" פון „אינבווייס=
קולט", ב' I („די סאָציאַלע פיגורן אין
גאָלדפאַדענס ווערק"). 1927 באַשטימט
אַלס אַספּיראַנט ביי דער קאַטעדרע פאַר
ליטעראַטור פון דער ווייסרוסלענדישער
אַקאַדעמיע („אינבווייסקולט"), אַרבעט ער
אויף די אַרכיוו=מאַטעריאַלן פון דעם
ווילנער צענזור=קאָמיטעט, וואָס האָבן
זיך אויפגעהיט אין מינסק, צ"אַ אויף
דער געשיכטע פון דער ראָם=דרוקעריי.

ל. ראָזענהויז, אין זיין רעצענזיע וועגן דער
„צייטשריפט" I, „שטערן", 1926, 78; א. גור=
שטיין, „גאָלדפאַדן-ליטעראַטור", אין „עמעס",
1926, 240; י. נוסינאָוו, „רויטע וועלט", 1926,
XI; ש. אַגורסקי, „דער יידישער אַרבעטער אין
דער קאָמוניסטישער באַוועגונג", מינסק, 1925.

פינקעל חיים=אבֿרהם (4/XI 1887 —
1/VII 1927) געב' אין ביאַליסטאָק אַלס
זון פון אַן אַגענט פון „זינגער"=מאַשי=
נען. 1889 אַריבערגעפאָרן מיט די עלטערן
קיין באַכמוט



(איצט — אַרטיאָ=
מאָווסק), וואו באַ=
קומען אַ געוויינ=
לעכע יידישע
דערציִונג, ביז 13
יאָר געלערנט אין
חדר, זיך געגרייט
אָנצוקומען אין
גימנאַזיע, אָבער צוליב דער פּראָצענט=
נאָרמע געמוזט פאָרן קיין זגערזש, וואו
באַזוכט די קאָמערץ=שול, 1905 אויסגע=
שלאָסן געוואָרן פאַר זיין צוגעהעריקייט
צו דער ס"ס=פּאַרטיי, פאַרענדיקט זיין
מיטעלע בילדונג אין קאַטערינאָסלאַווער
קאָמערץ=שול, זינט 1909 שטודירט אין
כאַרקאָווער טעכנאָלאָגישן אינסטיטוט,
וועלכן געענדיקט 1916 אַלס אינזשעניר=

טעכנאָלאָג (אויך פון אינסטיטוט אַ גע=
וויסע צייט געווען אויסגעשלאָסן פאַרן
אָנטייל אין דער רעוואָלוציאָנערער באַ=
וועגונג). ליטעראַרישע טעטיקייט אָנגע=
הויבן מיט אַן אַרטיקל וועגן פּראָלע=
טאַרישן ציוניזם אין ציוניסטישן Раз-
свѣтъ 1905, האָט ער דערנאָך פאַר=
עפנטלעכט אַ ריי אַרטיקלען אין אומ=
לעגאַלע און לעגאַלע אָרגאַנען פון דער
ס״ס=פּאַרטיי, אין וועלכער געווען טעטיק
אַלס אַגענט פון צ״ק אין מינסק, מאָהליעוו,
קיעוו, אָדעס א״אַ. בשעת דער מלחמה
אַלס באַפולמעכטיקטער פון צענטראַלן
יידישן הילפסקאָמיטעט („יעקאָפּאָ”) און
פון דער „געזעלשאַפט אָפּצוהיטן דאָס
געזונט פון דער יידישער באַפעלקערונג”
(„אָזע”) אויפן מערבדיקן פראָנט — גע=
דרוקט נאָטיצן וועגן דער אַרבעט צווישן
די היימלאָזע אין דער ווילנער „וואָך”,
1918 — 19 געאַרבעט אַלס באַפולמעכטיק=
טער פון דער „געזעלשאַפט פאַר ערד=
אַרבעט און מלאכה” אין קאַטערינאָ=
סלאַוו — קיעוו — כאַרקאָוו. צוזאַמען מיט
בן=אַדירן אַרויסגעגעבן אין כאַרקאָוו
אַ חודש=זשורנאַל „צוקונפט”, אַלס פאָר=
שטייער פון די „פאַראייניקטע” אין די
אַרבעטער=ראַטן און מיטגליד פון אוקראַי=
נישן הויפטקאָמיטעט פון דער פּאַרטיי
צוזאַמען מיט בן=אַדירן, מ. זילבער=
פאַרבן א״אַ געגרינדעט די „פאַראייניקטע
מינדערהייט” אַלס אָפּאָזיציע צו דער
קאָמוניסטישער מערהייט, 1922 אַרויס=
געטרעטן פון דער פּאַרטיי און גע=
מאָלדן אין דער פּרעסע וועגן זיין סאָלי=
דאַריזירן זיך מיט די פּרינציפּן פון קאָמ=
אינטערן, אָבער פון דאַן אָן ניט גע=
נומען קיין אָנטייל אין פּאַרטיי=פּאָלי=
טישן לעבן. זינט 1914, אַרבעטנדיק אין
כאַרקאָוו אַלס אינזשעניער אין פאַר=
שיידענע אונטערנעמונגען פון „העכסטן

ווירטשאַפטלעכן ראַט” און אין „ראַט” גופא,
איז ער געווען אַן אַקטיווער מיטגליד פון
אוקראַינישן-הויפטקאָמיטעט פון אָרט און—
מיט לייב און זייל איבערגעגעבן דער
אַגראַריזאַציע און אינדוסטריאַליזאַציע פון
די יידישע פאָלקסמאַסן — איינער פון די
הויפט=טוער פון „געזערד” אין אוקראַינע,
מיטגליד פון איר צענטראַלער פאַר=
וואַלטונג. האָט פאַרעפנטלעכט איבער
100 געזעלשאַפטלעכע אַרטיקלען אין די
כאַרקאָווער צייטונגען, דערהויפּט אין
„שטערן”, אויך אין „יונגער גוואַרדיע”,
„אידישן פּויער”, א״פּ ב. ליומין, ל. פּאַק,
אין אַ ריי פּאָפּולער=וויסנשאַפטלעכע און
געזעלשאַפטלעכע אַרטיקלען אין זשור=
נאַל „די רויטע וועלט”. געשריבן וועגן
יידישער אַגראַריזאַציע און אינדוסטריאַלי=
זאַציע, וועגן אַלגעמיין=ווירטשאַפטלעכע
פּראָבלעמען פון דער ראַטנמאַכט, ווי
וויסנשאַפטלעכע אָרגאַניזירונג פון אַר=
בעטסקראַפט, עלעקטראָפיקאַציע, אויך
ליטעראַרישע אַרטיקלען אַלס פלייסיקער
לעזער און באַגייסטערטער פאַרערער פון
דער יידישער ליטעראַטור. אין בוכפאָרם
אַרויסגעגעבן: „יידישער טעכנישער ווער=
טערבוך / הילפסבוך פאַר די יידישע
פּראָפעסיאָנעלע שולן” (פ״ג פון פאָלקאָמ=
בילד, כאַרקאָוו 1922, ז׳ 75); „די מעטרישע
סיסטעם פון וואָג און מאָס” (פ״ג „קניהאָ=
ספּילקאַ”, כאַרקאָוו, 1925); „בויטיקע
יעדיעס וועגן אידישער ערדאיינאָרדענונג”
(פ״ג „געזערד”, כאַרקאָוו 1926); זיין אין
יידיש אָנגעשריבענע בראָשור די „יידי=
שע ערדאיינאָרדענונג אין ראַטנפאַרבאַנד”
איז אַרויס אין רוסישער איבערז׳ (פאַר=
שפּרייט געוואָרן אין טויזנטער עקז׳)
און אין דייטשער. האָט איבערגעזעצט
אויף יידיש עטלעכע לערנביכער פון
פיזיק, מעכאַניק, טעכנאָלאָגיע, אַרויס=
געגעבן פון מלוכה=פ״ג פון אוקראַינע.
האָט אויך אָפּגעדרוקט אַ ריי וויסנשאַפט=

לעכע אַרטיקלען אויף רוסיש און אוקראַיניש. — צו זיין אָנדענק האָט די פאַרוואַלטונג פון „געזערד" באַשלאָסן אויסצובויען אויף זיין נאָמען אַ שול אין קריוואָראָגער ראַיאָן.

ש. שנייפּאַל, אין כאַרקאָווער „שטערן"; א. ב., אין „שטערן" 3/VIII 1927; אל. פינקעל, הקדמה צו דער 2טער אויסגאַבע פון פ׳ס Евр. землеустроение (כאַרקאָוו, 1927).

פינקעלשטיין ל. — מחבר פון דעם „העכסט אינטערעסאַנטן ראָמאַן" א"ט „די צוזאַמענגעקאָמענע פאַמיליען אָדער די אינדיאַנישע באַנדיטען" אין 2 ט׳, פון וועלכן דער צווייטער איז אויך אַרויס א"ט „פון לאָנדאָן קיין אינדיען" (וואַרשע, תרמ"ה, שפּעטער אייניקע מאָל איבערגעדרוקט פון דעם ווינקל=פאַרלעגער ל. מאָרגענשטערן). דער „ראָמאַן" איז אַ מוסטער פון דער אומבאַהאָלפנסטער עם=הארצישסטער שונדליטעראַטור. —

פינקעלשטיין ל. (אַרום 1874 —) אַדאָפּטירטער נאָמען פון לייב מלאָטעק. געב׳ אין זעמבראָווע, לאָמזשער געגנט, אַלס זון פון אַ סוחר. פרי געבליבן אַ יתום, פריער פון דעם פאָטער און צו 13 יאָר פון דער מוטער, האָט ער געמוזט לאָזן דעם חדר און איז צוערשט געוואָרן אַ קצב=יונג, דערנאָך אַ זינגער ביי אַ חזן און צולעצט אַ שניידער, אַרומגעוואַנדערט איבער שטעט און שטעטלעך, צו 18 יאָר אָנגעקומען קיין וואַרשע, וואו זיך אָנגעהויבן צו באַקענען מיט יידישער ליטעראַטור און אויך זיך געלערנט שרייבן יידיש, ווייל אין חדר האָט מען אַפילו דעם אלף=בית שרייבן ניט געלערנט. צו 20 יאָר אויסגעוואַנדערט קיין לאָנדאָן, וואו אגב אָנגענומען דעם נאָמען פ׳, אַריין אין דער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג, דאַן אַוועק קיין נ"י, אָנגעהויבן צו שרייבן לידער, פון וועלכע אייניקע זיינען געווען געדרוקט אין לאָנדאָנער „אַרבייטער פריינד", אָבער באַוושאָווער האָט אים געראָטן בעסער פּרווון שרייבן פּראָזע, און ער האָט אַ געוויסע צייט געשריבן אין „אַרבייטער פריינד" א"ר פון א. פרומקין קאָרעספּאָנדענצן און נאָטיצן פון אַמעריקאַנער לעבן. איינער פון די אַקטיווסטע טוער פון דער גרופּע „דער נייער דור", האָט פ׳ מיטגעהאָלפן צו באַנייען די „פרייע אַרבייטער שטימע" 1899, זיך אָפּגעגעבן מיט זעלבסטבילדונג, זייער פיל געלייענט איבער סאָציאָלאָגיע און פילאָסאָפיע און 1903 אָנגעהויבן אויפצוטרעטן אין דער „פ. אַ. ש." מיט פּאָלעמישע אַרטיקלען, ווי וועגן דער פּראָפּאַגאַנדע פון טאַט, „אַטעיזם און רעליגיאָן אין וויסנשאַפט", „אַלטרויזם און עגאָיזם" (קעגן ד"ר מיכל קאָהן), „אַנאַרכיזם און נאַציאָנאַליזם" (קעגן ד"ר ה. זאָלאָטאַראָוו), „אַנאַרכיזם און סאָציאַל=דעמאָקראַטיזם" (קעגן פרענקראָזענבלאַט) א"אַ טעאָרעטישע אָפּהאַנדלונגען, זיך דערביי אויסגעצייכנט מיט דער פּאָפּולערער פאָרם; פאַרעפנטלעכט אין דער „פ. א. ש." אויך אַ מאַסע אַרטיקלען איבער פאַרשיידענע סאָציאַלע פראַגן, פעליעטאָנען—אויך א"פ בן=יוסף, לייפּטשע שוואַטקאָווער. 1905 געוואָרן געשעפטספירער פון דער „פ. אַ. ש.", 1911 אַריבער אין „דער נייער פּאָסט" — דעם וועכנטלעכן אָרגאַן פון דער גרעסטער יידישער יוניאָן פון די קלאָוקמאַכער — א"ר פון צביון, וואו נאָך פריער געשריבן אַ סך אַרטיקלען איבער טריידיוניאָניזם. 1918, ווען „די נייע פּאָסט" איז אָפּגעשטעלט געוואָרן און אויף איר

אָרט האָט אָנגעהויבן אַרויסצוגיין דאָס וואָכנבלאַט „די גערעכטיגקייט" אַלס אָרגאַן פון דער צענטראַלער קערפּערשאַפט פון אַלע יוניאָנס פון דאַמענשניידעריי („אינטערנייִשאָנאַל לײדיס גאַרמענט וואָירקערס יוניאָן") א"ר פון ש. יאַנאָווסקי, איז פּ. אָנגעשטעלט געוואָרן אַלס מיטרעדאַקטאָר. גלייכצייטיק איז ער, 1920—22, געווען אויך מיטגליד פון דער רעדאַקציאָנעלער קאָלעגיע און מיטאַרבעטער פון דער „פ. אַ. ש.", האָט פון צייט צו צייט זיך אויך באַטייליקט אין אַנדערע צייטשריפטן, ווי „קיבעצער", „קונדס" — אויך א"פ עוזר־דלים, ד"ר זאַרעמבע, ספּאַרטאַקוס א"אַ, געשריבן פעליעטאָנען אין דער זונטאָג־אויסגאַבע פון „פאָרווערטס". נאָך דער רעזיגנאַציע פון ש. יאַנאָווסקי אַלס רעדאַקטאָר פון „דער גערעכטיגקייט" (1926) איז פּ' באַשטימט געוואָרן אויף זיין אָרט און אויפגעטרעטן אין דער צייטשריפט א"פ סטעף־רעדאַקטאָר. בשעת דעם לעצטנס צעפלאַקערטן קאַמף אין דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג האָט ער פאַרלאָזט דעם דאָזיקן פּאָסטן און איז אַריינגעטרעטן אין „דעם טאָג" אַלס נייס־רעדאַקטאָר פון דער אַרבעטער־ און יוניאָן־אָפּטיילונג.

פינקעלשטיין לעאָ (1895 —) געב' אין ראָדעם אין אַ סוחריש־לומדישער משפּחה. דערצויגן געוואָרן אונטער דער השפּעה פון דער מוטער, אַ באַגאַבטער פרוי מיט הויכער בילדונג. געלערנט אין די שולן פון ראָדעם, קעלץ און קראָקע, 1917 אַריין אין יאַגעלאָנער אוניווערסיטעט, וואו 4 יאָר שטודירט עקזאַקטע פילאָסאָפיע און פּאָלאָניסטיק. ליטעראַרישע טעטיקייט אָנגעהויבן 1916 מיט צוויי דראַמען אין פּויליש א"ט „געבראָכענע פליגל" און „געוויסן", אויפגעפירט אין קעלץ דורך פּוילישע אַרטיסטן און רעצענזירט דורך דער אָרטיקער פּוילישער פּרעסע. אויף יידיש דעביוטירט מיט אַן אַרטיקל וועגן דעם דעמאָלט פאַרשטאָרבענעם ווילהעלם פעלדמאַן אין „מאָמענט" 1919. שפּעטער פאַרעפנטלעכט אין פאָלקיסטישן אָרגאַן „דאָס פאָלק" אַ סעריע אַרטיקלען א"ט „סימבאָל און אַלעגאָריע אין דער יידישער ליטעראַטור" (1922), אַ ציקל אַרטיקלען איבער דער פילאָסאָפיע פון פאָלקיזם א"ט „אונזערע וועגן" (1925), ווי אויך ליטעראַריש־קריטישע (איבער פּרץ, בערגעלסאָן א"אַ) און פּובליציסטישע אַרטיקלען. 1923 — 25 געשריבן אויף פאַרשיידענע ליטעראַרישע טעמעס אין פּויליש־יידישן טאָגבלאַט Nasz Przegląd, זינט דאַן אַ מיטאַרבעטער פון די „ליטעראַרישע בלעטער", וואו פאַרעפנטלעכט זייער פיל אַרטיקלען איבער דער אייראָפּעיִשער און פּוילישער ליטעראַטור, איבער יידישע שריפטשטעלער, ווי: „שפּענגלער און דאָס יידנטום", „מאַניע, מיסטיק און ליטעראַטור", „פּראָבלעמען פון דער מאָדערנער פּוילישער דיכטונג", „וועגן קריטיק און קריטיקער", „אויף דער גרעניץ פון אַלט און ניי", סטעפאַן זשעראָמסקי, וואַצלאַוו בערענט, סט' וויספּיאַנסקי, יוזעף וויטלין, וול' ריימאָנט, ווילהעלם פעלדמאַן, יאַן קאַספּראָוויטש, יוליוס סלאָוואַצקי, משה העס, היינריך היינע. זיין רעצענזיע וועגן דעם ראָמאַן פון שמעון האָראָנטשיקס „זומפּ" האָט בשעתּו געבראַכט צו אַ ליטעראַרישן סקאַנדאַל. פון זיינע גרעסערע אַר־

בעטן איז צו פאַרצייכענען: „צווישן די שורות פון ה. לייוויקס גולם" (וואַרשע, 1925) און „אויף די וועגן פון יידישן רעאַליזם" (אין „וואַרשעווער שריפטן", 1927). טרעט אויף אַלס לעקטאָר איבער ליטעראַריש־פילאָסאָפישע טעמען, לעקטאָר איבער פוילישער ליטעראַטור אין די יידישע פאָלקסאוניווערסיטעטן אין וואַרשע (ביי דער „קולטור־ליגע", „פאָלקסבילדונגס־ליגע"); טעטיק אין דער פאָלקספאַרטיי, דורך וועלכער אַריין אַלס פרנס פון דער וואַרשעווער קהילה, וואו ער פירט אָן אַ גרויסן קאַמף פאַר דער יידישער שול און קולטור; נאָך דער שפּאַלטונג אין דער פאַרטיי אַריבער צו דער דעמאָקראַטיש־פאָלקיסטישער (זע צ. שאַבאַד), מיטאַרבעטער פון איר אָרגאַן „דער פרייער געדאַנק".

פינקעלשטיין עוזר (1863 —) געב. אין קאָוונע. ווען ער איז אַלט געוואָרן 4 יאָר, איז זיין פאָטער איינגעלאַדן געוואָרן פאַר אַ רב קיין אָרענבורג, דאָרט געקומען אונטער דער השפעה פון דער השכלה און כדי צו קענען אָפּגעבן זיין זון אין גימנאַזיע, זיך אָפּגעזאָגט פון רבנות און געוואָרן אַ ליוועראַנט. געענדיקט די פאָלקסשול, צו 16 יאָר אַלס שילער פון 5טן קלאַס גימנאַזיע צוליב מניעות אין וואוינרעכט אַריבערגעפאָרן מיט די עלטערן צוריק קיין קאָוונע, געענדיקט גימנאַזיע, דערנאָך דעם יורידישן פאַקולטעט, זינט 1888 פראַקטיצירט אין קאָוונע אַלס אַדוואָקאַט, דעם טיטל „געשוואוירענער" באַקומען ערשט אין דעם פעריאָד פון דער פאַרלוירנקייט פון דער צאַרישער מאַכט נאָכן 1905טן יאָר. זיין געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט האָט פ' אָנגעהויבן נאָך אַלס סטודענט, געשטאַנען נאָענט צו די רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס, בפרט צום „בונד", מיטגעהאָלפן אין פאַרשפּרייטן אומלעגאַלע ליטעראַטור, פאַרפאַסט פראָקלאַמאַציעס, געהאַט אויסצושטיין רעוויזיעס פון זשאַנדאַרמען, 1905 אַרויסגעשיקט געוואָרן פון קאָוונע, גענומען דעם טעטיקסטן אָנטייל אין די וואַל־קאַמפּאַניעס צו אַלע פיר גאָסודאַרישע דומעס און שטייענדיק פּאָליטיש נאָענט צו די פּראָגרעסיווע ליטווישע קרייזן און זייער אָרגאַן Vilniaus Žinios, געווען איינער פון די, וואָס זיינען באַשטאַנען, אַז אין די דאָזיקע אַלע וואַל־קאַמפּאַניעס זאָלן די יידן גיין האַנט ביי האַנט מיט דעם ליטווישן פויערטום און ניט מיט די פוילישע פריצים. בשעת דער מלחמה געלעבט אַלס היימלאָזער אין מאָסקווע, נאָך דער רעוואָלוציע אויסגעוויילט געוואָרן אויף אַ גרויסער פאַרזאַמלונג פון ליטווישע יידן אין פּט"ב אין דעם צייטווייליקן קאָמיטעט צו רעגירן ליטע — דער אַ"ג „פּט"ב'ער טאַריבע". קיין ליטע צוריקגעקומען איינער פון די ערשטע — אין יוני 1918, אָבער ניט קוקנדיק דערויף, וואָס די מאָסקווער און פּט"ב ער ליטווינער האָבן פון אים גענומען אַ וואָרט תיכף אַריינצוטרעטן אין דער „טאַריבע", וועלכע איז דעמאָלט שוין אָרגאַניזירט געוואָרן אין ווילנע, איז ער אין דער טאַריבע ניט אַריין און אָנגעהויבן צו אַגיטירן פאַר איבערוויילן זי, נאָכדעם ווי זי האָט אָנגענומען אַ באַשלוס (דעם 11טן יוני 1918) אויסצוקלייבן אַ ליטווישן קיניג — דעם דייטשן פירשטל אוראַך א"נ מינדאָווג II. די דאָזיקע שטעלונג פ'ס, ווי אויך פון די ליטווישע פּראָגרעסיסטן האָבן געבראָכן די ווילנער ציוניסטישע און אָרטאָדאָקסישע כלל־טוער שמשון ראָזענבוים, ד"ר יעקב וויגאָדסקי און ראַכמילעוויטש, וועלכע זיינען אין דע־

צעמבער 1918 אַריין אין דער טאַריבע און אָנגענומען מיניסטאָרישע פּאָרטפעלן. אין ווילנע האָט פ׳ גענומען אויך אַן אָנטייל אין דער יידישער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, ביז ער האָט אין אַווגוסט 1919 זיך צוריקגעקערט קיין קאָוונע, וואו ער שפּילט די גאַנצע צייט אַן אָנפירנדיקע ראָלע אין דעם יידישן פּאָליטיש-געזעלשאַפטלעכן לעבן אַלס לידער פון דער פאָלקספּאַרטיי, וועלכע ער רעפּרעזענטירט די גאַנצע צייט אין ליטווישן סיים. אַלס עלטסטער דעפּוטאַט האָט ער געהאַט דעם כבוד צו עפענען דעם סיים פון לעצטן צוגויפרוף. אין צוזאַמענהאַנג מיט זיין פּאָליטיש-געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט האָט פ׳ פון צייט צו צייט פאַרעפנטלעכט אַרטיקלען אין פאַרשיידענע רוסישע און ליטווישע צייטשריפטן, צ״אַ אין Новости, Восходъ, Разсвѣтъ, Право (א״פ O. 3-ep) א״אַ, באַזונדערס אָבער די לעצטע יאָרן אין דעם קאָוונער פאָלקיסטישן אָרגאַן „בייס״, וואו זיינע אַרטיקלען זיינען דאָס רוב איבערגעזעצט פון רוסישן אָריגינאַל, הגם לעצטנס שרייבט ער שוין אויך יידיש. אַווגוסט 1927 זיך באַטייליקט אין דער ציריכער קאָנפערענץ פאַר די יידישע נאַציאָנאַלע רעכט און צוזאַמען מיט יוסף טשערניכאָוו, ה. ד. נאָמבערג און ד״ר צ. שאַבאַד פאַרלאָזט די קאָנפערענץ צוליב איר העברעיִסטיש-אַסימילאַטאָרישער שטעלונג צו דער יידישער שפּראַך און שול.

פינקענשטיין אַפּאָלאָן-וואַלענטין (אַרום 1850—...192) געב׳ אין סוואַלקער געג:ט. די ביאָגראַפישע דאַטן וועגן אים זיינען זייער ניט גענוי, און אַפילו זיין נאָמען ווערט פון דעם און יענעם אַנדערש אָנגעגעבן; אַזוי, למשל, זאָל ער האָבן געהייסן ביי זיין פאָרנאַמען יואל, און ש. מלמד רופט אים גאָר אָן מאָזעס פינקעלשטיין; לויט י. ח. כהן-לאַסק איז פ׳ אויך אויפגעטרעטן א״ב ליטוויִנאָוו. זיין געבורטסאָרט זאָל זיין קאַלוואַריע אָדער ניישטאַט-שירווינט, לויט ציטראָן—סייני אָדער אַווגוסטאָוו; ציטראָן ווייס אויך אָנצוגעבן, אַז זיין פאָטער, אַ ייד אַ משכיל, האָט געהאַט אַ שטעלע אין דעם „אָטקופּ״ ביי באַראָן גינזבורג. דערצויגן געוואָרן אין ווילנע ביי זיינע קרובים, יעקב פרייד (אָדער ביי די פריידענהיימס ?), אָדער אליהו קאָסאָווסקי, אָדער גאָר מתתיהו שטראַשון, געלערנט אין דער ראַבינערשול. נאָך דעם אַרעסט פון סאָניע באַרעל (לויט אַן אַנדער גירסא — צוזאַמען מיט סאָניע באַרעל געווען אַרעסטירט) געצוואונגען צו אַנטלויפן קיין אויסלאַנד (אַרום 1873 ?), אַוועק קיין קיניגסבערג, וואו שטודירט מעדיצין, אָבער פון דאָרט געמוזט אַנטלויפן. סוף די 70קער יאָרן האָט אים די אלמנה פון משה העס איינגעלאַדן קיין פּאַריז צו רעדאַקטירן דאָס ניט באַאַרבעטע ווערק פון איר מאַן „די גענעטישע וועלטאַנשאַונג״, אין פּאַריז זיך אויפגעהאַלטן אַ לענגערע צייט. בשעת מ׳האָט געפונען ביים אַנאַרכיסט מענדעלסאָן (?) אַ באָמבע, וואָס איז לויט די פּאָליציייִשע השערות געווען באַשטימט פאַר אַלעקסאַנדער III, איז אויך פ׳ אַרעסטירט געוואָרן און געזאָלט אַרויסגעשיקט ווערן קיין רוסלאַנד און נאָר אַדאַנק די פּראָטעסטן פון די פראַנצויזישע, ענגלישע און דייטשע סאָציאַליסטן איז ער ניצול געוואָרן אפשר פון טויט, האָט אָבער געמוזט פאַרלאָזן פּאַריז און איז אַוועק קיין לאָנדאָן. דאָרט האָט ער געענדיקט זיין שטודיום אַלס יוריסט, אַ געוויסע צייט זאָל ער האָבן רעדאַקטירט אין דער

Times די אָפּטיילונג פאַר סלאַווישע און
באַלקאַנישע לענדער (אָדער פּשוט גע=
אַרבעט אין דער צייטונג אַלס איבער=
זעצער ?), געוואָרן אַן אָנגעזעענער
פירער צווישן די רוסישע רעוואָ=
לוציאָנערן אין לאָנדאָן. די פּאָגראָמען
פון די 80קער יאָרן אין צוזאַמענהאַנג
מיט דעם פּרוּוו פון געוויסע סאָציאַליסטן=
רעוואָלוציאָנערן, ווי אויך דעם אַנאַרכיסט
פּעטער קראָפּאָטקין (?) צו באַרעכטיקן
די עקסצעסן פון די רוסישע פּויערים
קעגן יידן, האָבן געמאַכט פ'ן פאַר אַ
נאַציאָנאַליסט; ער האָט איבערגעזעצט
ל. פּינסקערס „אַווטאָעמאַנציפּאַציע" אויף
ענגליש און געוואָרן אַ טעטיקער חובבי=
ציון; ביסלעכווייז זיך דערווייטערט פון
דער ראַדיקאַלער סביבה און זיך אַריינ=
געלאָזט אין דער געשעפטס=וועלט, אָבער
צוליב זיין טבע צו העלפן אַנדערע זיך
פאַרפּלאָנטערט און פאַרמשפּט געוואָרן
צו תּפיסה (לויט י. ה. כהן=לאַסק איז
עס געווען אַ מעשה מיט פאַלש געלט,
וואָס אַ גוטער ברודער האָט ביי אים
איבערגעלאָזט, און ער איז בעסער געגאַנ=
גען זיצן, אַבי ניט אַרויסצוגעבן דעם
אמת שולדיקן). אַרום 1901 אויסגע=
וויילט אַלס סעקרעטאַר פון דער ציוני=
סטישער פעדעראַציע אין ענגלאַנד, אונ=
טער דער אָנפירונג פון קאָלאָנעל גאָלד=
סמיט געזוכט צו שטיין נאָענט צו די
יידיש=ריידנדיקע מאַסן, געהאַלטן לעק=
ציעס אין יידיש איבער יידישער גע=
שיכטע אין פּוילן א"אַ, אַרויסגעגעבן דעם
אָפיציעלן אָרגאַן „די ציוניסטישע קאָ=
רעספּאָנדענץ" אין יידיש, וואו ער האָט
אויך געשריבן אַרטיקלען אויף יידישע
היסטאָרישע טעמעס. אין זיינע רעדעס
זיך אויסגעצייכנט אַלס דערציילער פון
יידישע געפּעפּערטע וויצן און אַנעקדאָטן,
אינטערעסאַנטע עפּיזאָדן אויס די 70קער
און 80קער יאָרן. אַ געוויסע צייט זאָל
ער זיך האָבן מפרנס געווען דערמיט,
וואָס ער פלעגט רעדאַקטירן געאָגראַפישע
לערנביכער פאַר ענגלישע פאַרלעגער
און שרייבן אַרטיקלען איבער געאָגראַ=
פישע פראַגן. ביי דער גרינדונג פון
דער יט"אָ איז ער אַריינגעטרעטן אין
איר צוזאַמען מיט זאַנגווילן און באַ=
שטימט געוואָרן אַלס סעקרעטאַר, אָבער
צוליב די אייגנשאַפטן פון זיין פּערזענ=
לעכקייט זיך „אַראָפּגערוקט" פון דער
שטעלע און איז געוואָרן אַ פּשוטער
באַאַמטער, דערהויפּט אַן איבערזעצער
אין קאָמיטעט און אויף די קאָנפערענצן,
און אָט די פונקציעס האָט ער אויסגע=
פירט אין משך פון 9 יאָר ביז דעם
אויסבראָך פון דער וועלט=מלחמה, ווען
זאַנגוויל האָט אַנטזאַגט אַלע אָנגע=
שטעלטע און געשלאָסן דאָס ביוראָ פון
דער יט"אָ. פאַר זיין וויסן און פיינעם
כאַראַקטער הויך געשעצט פון אַלע
פירער פון דער יט"אָ בראש מיט זאַנג=
ווילן, ביי וועמען ער איז געווען אַ אינ=
טימער „פּאָליטישער פריינד", האָט ער
צוליב זיין ענוות, גוטסקייט, ניט געגוג
שטאַרקן ווילן זיך פאַרצוימט דעם וועג
צו אַ וויכטיקן פאַראַנטוואָרטלעכן פּאָסטן,
וועלכער פלעגט אָנקומען צו מענטשן
אַ סך נידעריקערע פאַר אים אין אַלע
אופנים. אַ מענטש פון אומגעהייערן, ממש
ענציקלאָפּעדישן וויסן אין ליטעראַטור,
פילאָסאָפיע, פילאָלאָגיע, געשיכטע און
אַפילו אין עקזאַקטע וויסנשאַפטן, האָט
ער אויך פאַרשטאַנען אָן אַ שיעור שפּראַכן,
ווי גריכיש, לאַטיין, העברעיש, אַראַביש,
רוסיש, פּויליש, טשעכיש, בולגאַריש,
סערביש, נאָרוועגיש, דעניש, שוועדיש,
דייטש, ענגליש, האָלענדיש, פראַנצויזיש,
איטאַליעניש, שפּאַניש, אָבער די קענ=
טעניש פון אַזוי פיל שפּראַכן האָבן גע=

פירט דערצו, אַז ער האָט קיין איינציקע פון זיי ניט געקענט גרינדלעך, אַפילו ניט די ענגלישע, וועלכע ער האָט שוין באַהערשט בעסער פאַר אַלע. אויך זיין יידיש איז געווען זייער אַ שלעכטער. ניט קוקנדיק אויף זיינע קענטענישן איז איז ער כל ימיו געווען אַן אָרעמאַן, בשעת דער מלחמה געווען אָנגעשטעלט אַלס איבערזעצער אין בריטישן צענזור-אָפּיס, געשטאָרבן אין אָרעמקייט און איינזאַמקייט, איבערלאָזנדיק ביי אַלע וואָס האָבן אים געקענט דעם זכרון פון אַ גרויסן אידעאַליסט, „אַ טרוימער פון געטאָ", וועלכער איז פעיִק געווען זיך מקריב צו זיין פאַר אַן אידעע, מיט אַ גוטן זעלטן ווייכן כאַראַקטער. וועגן זיין ערלעכקייט דערציילט מען אין לאָנדאָן זיך אַן אַנעקדאָטן.—לעצטנס האָבן נחום בוכבינדער (זע זיין История евр. рабоч. движения) און פנחס קאָן (זע „ביכער-וועלט", 1928, IX) אַנטדעקט נייע אַרכיוו-מאַטעריאַלן וועגן פ׳, פון וועלכע עס ווייזט זיך אַרויס, אַז זיין אמתער נאָמען איז געווען יעקב-אבא פינקעלשטיין, אַלס שילער פון דער ראַבינער-שול געגרינדעט דעם ערשטן יידישן רעוואָלוציאָנערן קרייזל.

פריוואַטע מיטטיילונגען פון ק. מרמר, י. ח. כהן-לאַסק, ד״ר ש. יאַכעלמאַן, ש. ל. ציטראָן; ד״ר ש. מלמד, „פערזענליכע ערינערונגען וועגן י. זאַנגוויל", אין „טאָג", 1926; ס. י. ראַפּאָפּאָרט, אין זיינע לאָנדאָנער בריוו אין Восходъ.

פירסט יוליוס (1805 — 1873) געב׳ אין זערקאָוו, פּרייסן. שטודירט אין בערלין, ברעסלע, האַלע, אין האַלער אוניווערסיטעט געאַרבעט אונטער דער השגחה פון געזעניוס. שפּעטער באַשטימט געוואָרן אַלס פּריוואַט-דאָצענט פון לייפּציגער אוניווערסיטעט פאַר כאַלדעיִש, סיריש און העברעיִש, ביבלישע עקזעגעטיק אאַז״וו, 1864 באַקומען דעם טיטל פּראָפ׳ און אויסגעוויילט געוואָרן אַלס מיטגליד פון פילע וויסנשאַפטלעכע געזעלשאַפטן.—פ׳ האָט פאַרעפנטלעכט אַ גאַנצע ריי ווערק אין דייטש אויף פאַרשיידענע געביטן פון חכמת-ישראל; פון זיי איז באַזונדערס באַקאַנט זיין 3-בענדיקע Bibliotheka Judaica (לייפּציג, 1863)— אַ ביבליאָגראַפיש האַנטבוך פון דער ליטעראַטור וועגן יידן און יידנטום, וואָס אַנטהאַלט טיילווייז אויך העבראַיִקאַ, דערין — זייער פיל ווערק פון דער עלטערער יידישער ליטעראַטור געאָרדנט לויט די מחברים. ניט קוקנדיק דערויף, וואָס דאָס ווערק, ווי אויך אַ סך אַנדערע אַרבעטן פ׳ס, איז שוין פאַרעלטערט און זיינע ידיעות זיינען אָפט ניט גענוי אָדער בכלל ניט ריכטיק, האָט עס אַ געוויסן אינטערעס פאַר דער יידישער פילאָלאָגיע. פ׳ איז בכלל געווען איינער פון די ערשטע דייטשע חכמי ישראל, וואָס האָט זיך פאַראינטערעסירט מיט יידיש און אין זיין בשעתו באַרימטן זשורנאַל Der Orient 1845 באַדויערט ער שטאַרק, וואָס מ׳האָט די יידישע ליטעראַטור אַזוי פאַרלאָזן.

JE, V; EЭ, XV, 468 — 469; אלעזר שולמאַן, „עמקי שפה", אין „השלח", כרך ד׳, 228; ב. באָראָכאָוו, „ביבליאָטייק" נומ׳ 282.

פישבערג (יהודה-מרדכי) מאָריס (מאַקס) (16/VIII 1872 —) געב׳ אין קאַמעניץ-פּאָדאָלסק. געענדיקט די שטאָטישע שול, איז ער אויפן 18טן יאָר אַוועק קיין אַמעריקע, די ערשטע יאָרן מאַטעריעל זיך שטאַרק געפּלאָגט, געאַרבעט אין די קוילנגרובן פון פּענסילוואַניע, געווען אַ פּעדלער, אַ פאַרזיכערונגס-אַגענט, אַ לערער, גלייכצייטיק אויסניצנדיק יעדע פרייע מינוט צום לערנען, ביז ער איז אַריין אין נ״יער אוניווערסיטעט און 1897 אים געענדיקט אַלס ד״ר מעדיצין. באַשטימט פון זיין פריינד טעאָדאָר רוזוועלט אויסצופאָרשן די געזונט-צושטאַנדן אין אייראָפּע פאַר דעם

„ביוראָ פון אימיגראַציע", באַזוכט 1905 אַ גאַנצע ריי לענדער (דער באַריכט פון זיין פאָרשונגסרייזע איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן פון דער רעגירונג פון די פאַראייניקטע שטאַטן). אין זיין וויסנשאַפטלעכער אַרבעט האָט ער זיך ספּעציעל געווידמעט די אַנטראָפּאָלאָגישע פאָרשונגען בכלל און דער יידישער אַנטראָפּאָלאָגיע בפרט, שטודירט דעם יידישן טיפּ אין טוניס, אַלזשיר, מאַראָקאָ א"אַ און אַחוץ הונדערטער אַרטיקלען אין פאַרשיידענע שפּראַכן, צ"אַ אין דער JE, וועגן די יידן אין דער מעדיצין און וועגן יידישע ראַסנפראַגן—פאַרעפנטלעכט אייניקע גרעסערע ווערק, ווי: Materials for the Phisical Anthropology of the Jefs (1905), The Jefs — אַ שטודיע פון ראַסע און סביבה (1910), Zur Anthropologie der Juden (1911), Rassenmerkmale der Juden (1912); דער אַריינפיר פון דעם בוך איז אויך איבערגעזעצט אויף יידיש א"ט „די ראַסן=סימנים באַ אידן" — אין די „בלעטער פאַר אידישע דעמאָגראַפיע, עקאָנאָמיק און סטאַטיסטיק", 1923, I). זיינע אויספירונגען אויפן גרונד פון זיינע אַנטראָפּאָמעטרישע פאָרשונגען, אַז די יידישע ראַסע איז ניט קיין איינהייטלעכע און אַז די מזרח=יידן האָבן אין זיך מער סלאַוויש בלוט ווי יידישס, האָבן אַרויסגערופן אַ גרויסע פּאָלעמיק, דערהויפּט צווישן די יידישע געלערנטע. — זינט 1911 האָט פ' זיך ספּעציעל געווידמעט דער מעדיצין (די קראַנקהייטן פון האַרץ און לונגען) און זיין גרויס ווערק וועגן לונגענקראַנקהייטן Tredtise on Pulmonary Tuberculosis (3טע אויפלאַגע — 1921) איז אין אַמעריקע אָנערקענט פאַר קלאַסיש און איז אָנגענומען אַלס אָפיציעל לערנבוך פאַר דער אַמעריקאַנישער און ענגלישער אַרמיי. פ' איז פּראָפ' פון מעדיצין אין נ"י'ער אוניווערסיטעט און אַרבעט אין פאַרשיידענע שפּיטאָלן און סאַנאַטאָריומס. אַ מיטאַרבעטער פון Rewiew of Rewiews, London Magazine, Popular Science Monthly א"אַ, האָט פ' אין אַמעריקע זיך אויך אויסגעלערנט גוט יידיש און אין די 90קער — 900טער יאָרן רעגלמעסיק מיטגעאַרבעט אין „אבענד בלאַט" א"אַ יידישע סאָציאַליסטישע צייטשריפטן פון אַמעריקע און לאָנדאָן מיט וויסנשאַפטלעכע אַרטיקלען, זיך אויך באַטייליקט אין „צוקונפט" און „צייט=גייסט", אויך פאַרפאַסט אַ ביכל אין יידיש איבער דער ראַסנפראַגע (?), הגם זיין באַציִונג צו יידיש איז ווי פון אַן אַסימילאַטאָר.

JE, V, 404; „חכמי ישראל באמריקא"; ל. שטערנבערג, אין Евр. Старина, 1912, III; יואל סלאָנים אין „טאָג" פון 30/VI 1925; Who's Who in American Jewry 1926; מיטטיילונגען פון ק. מרמר; „שלום עליכם בוך" (וועגן זיין באַזוך אין ווארשע 1905 און זיין קאָרעספּאָנדענץ מיט ש"ע).

פישזאָן אברהם=אַלטער (1843 * — 15/I 1922) געב' אין באַרדיטשעוו אין אַ באַלעבאַטיש=סוחרישער פאַמיליע. באַקומען אַ שטרענג יידישע דערציִונג, אָבער

שוין פון קינדווייז אויף אַרויסגעוויזן אַ שטאַרקערע נטיה צו געזאַנג און טעאַטער, ווי צו די לימודים אין חדר. פאַרבייגייענדיק אַלע טאָג פון חדר פאַרביי דעם רוסישן טעאַטער, פלעגט ער זיך אָפּשטעלן אַ פאַרגאַפטער, זיך צוהערן צו די קלאַנגען, אַדאַנק זיינעם אַ חבר באַזוכט אַפילו אַ פאָרשטעלונג, וועלכע האָט

*) לויט א. קאַמפּאַנעיעץ — 1848.

אויף אים געמאַכט אַ גרויסן רושם. אויב
מ׳זאָל גלייבן זיינע זכרונות, האָט ער נאָך
אַלס יינגל געגעבן קאָנצערטן און פאַרשטע-
לונגען מיט דעם באַרימטן „בראָדער זינ-
גער“ ישראל גראָדנער, דעם שפּעטער-
דיקן מיטגרינדער פון יידישן טעאַטער,
וועלכע האָבן געהאַט אַ זייער גרויסן
ערפאָלג אין די פאַרשיידענע שטעט פון
דרום-רוסלאַנד. לויט אַנדערע ידיעות
האָט זיין טעאַטער-קאַריערע באַשטימט
זיין באַקאַנטשאַפט מיט א. ב. גאָטלאָ-
בערן און אברהם גאָלדפאַדענען אין
זשיטאָמיר, וואוהין ער איז צו 17 יאָר
אַנטלאָפן פון דער היים פונקט דאַן,
ווען די פרומע עלטערן זיינע האָבן זיך
שוין געפרייט, וואָס ער האָט אָנגעהויבן
צו לערנען גמרא. אונטערן איינפלוס
פון גאָטלאָבערס קאָמעדיע „דער דעק-
טוך“ האָט פ׳ אויך אָנגעהויבן צו שרייבן
קאָמעדיעס און דראַמען, זיי האָבן אָבער
קיין שום ווערט ניט געהאַט, אַלנפאַלס
איז פון זיי קיין זכר ניט געבליבן.
שפּעטער האָט ער אָנגעהויבן צו פאַר-
פאַסן בדחנישע לידער און מיניאַטורן
פאַר די יידישע פאָלקסזינגער פון די
ווייַנקעלערס, איז אויך אַליין מיט זיי
אויפגעטרעטן פאַרן עולם און איז באַלד
פּאָפּולער געוואָרן א״נ אַלטער בדחן.
אייניקע פון די דאָזיקע לידער זאָל ער
אויך האָבן געדרוקט אין ליניעצקי-גאָלד-
פאַדענס „ישראליק“. לויט מ. עלקין זאָל
פ׳ האָבן דעביוטירט אַלס שוישפּילער
סוף די 70קער יאָרן אין שייקעוויטשעס
טעאַטער אין אָדעס אין באָבע-ראָלן, אין
וועלכע ער האָט געהאַט אַ גרויסן ער-
פאָלג. נאָך דעם פאַרבאָט פון דעם יידישן
טעאַטער אין רוסלאַנד, ווען כמעט אַלע
יידישע אַקטיאָרן זיינען זיך צעפאָרן
איבער פאַרשיידענע מדינות, איז פ׳
געבליבן ווייטער אַרבעטן פאַר דעם
יידישן טעאַטער אין רוסלאַנד, אָנווענדנ-
דיק דערביי אַלע מיטלען, פון אָפּנאַרן
די צאַרישע שררות ביז קלאָגן און בעט-
לען און אונטערקויפן זיי. צונויפגעקליבן
די רעשטלעך פון די יידישע אַרטיסטן,
האָט ער אָרגאַניזירט א „יידיש-דייטשע
טרופּע“, מיט וועלכער ער האָט זיך
געלאָזט איבערן גאַנצן יידישן תחום.
סוף די 80קער יאָרן, ווען דער דאַן באַרימ-
טער אַרטיסט ספּיוואַקאָווסקי איז צוריק-
געקומען פון אַמעריקע, האָט פישזאָן
זיך פאַראייניקט מיט אים, געשאַפן
בשותפות א טרופּע און גאַסטראָלירט
מיט א״ר איבער גאַנץ רוסלאַנד, טראָץ
אַלע שטערונגען און רדיפות מצד דער
צאַרישער אַדמיניסט אַציע. ביי די שווער-
סטע באַדינגונגען האָט ער אַדאַנק זיין
ענערגיע באַוויזן אויפצוהאַלטן אין משך
פון צענדליגער יאָרן א גרויסע וואַנדער-
טרופּע, וועלכע האָט געציילט 60 — 70
פּערזאָן, בתוכם אַזעלכע באַדייטנדע טאַ-
לענטן, ווי נעראָסלאַווסקאַ, זאַסלאַווסקאַ,
בראַגינסקאַ (פ׳ס פרוי, א שוועסטער-
קינד פון באַוואוסטן אָפּערנזינגער בראַ-
גין), ראַפּעל, ריבאַלסקי א״א. געשפּילט
האָט מען אָפּערעטעס, מעלאָדראַמען און
פּאַרסן, דערהויפּט דעם גאָלדפאַדען-
רעפּערטואַר, און אין אָנהייב יאָרהונדערט,
ווען ס׳איז פון אַמעריקע געקומען סעם
אַדלער מיט א גאַנצער ריי פּיעסן פון
גאָרדין, ליבין, קאָברין א״א, איז פ׳ס
טרופּע אַריבער ביסלעכווייז צו דעם
מיליע-רעפּערטואַר. פ׳ אַליין האָט זיך
באַזונדערס אויסגעצייכנט אַלס קאָמיקער,
הגם זיינע סצעניש עפעקטן האָבן גע-
הערט צו דעם שטייגער פון דעם אַלטן
יידישן שונד-טעאַטער. אַרום 1904 האָט
פ׳ באַזוכט פּט״ב און מאָסקווע און נאָך
גרויסע השתדלתן איז אים געלונגען צו
פועלן, אַז די צענזור זאָל דערלויבן

שפּילן יידיש אָנשטאָט דעם פאַרנאַנטן יידיש=דייטש, און זינט דאַן הייבט זיך אָן אַ נייע עפּאָכע אין דער געשיכטע פון דעם יידישן טעאַטער, פאַר וועלכער פ׳ איז שוין געווען אָפּגעשטאַנען און צו אַלט מיטצומאַכן די נייע אַנטוויקלונג. דאָך האָט ער ווייטער אָנגעהאַלטן זיין טעטיקייט אַלס טעאַטער=דירעקטאָר. 1906 איז פ׳ אין אָדעס אָפּגעבּרענט געוואָרן און אין דער דאָזיקער שרפה איז אומגעקומען זיין גאַנצער טעאַטער=אַרכיוו, אַן אוצר, וואָס ער האָט געזאַמלט אין משך פון 25 יאָר און וואָס האָט אַנטהאַלטן אַ ביבליאָטעק, אַ קאָלעקציע פון אַפישן, קאָסטיומען אאַז״וו. צו יענער צייט איז ער זיך אויך צעגאַנגען מיט ספּיוואַקאָווסקין און זיין טרופּע איז צעפאַלן. דער אַלטער פ׳, איינזאַם, אויסגעמאַטערט און פאַרביטערט, האָט געפּרוווט אָנהאַלטן זיין טעאַטער=טעטיקייט אין גאַליציע, אָבער ס׳איז אים ניט געראָטן, און ער האָט זיך ווידער צוריקגעקערט קיין רוסלאַנד, וואו ער האָט געפירט אַ טעאַטער ביז דער גרויסער רוסישער רעוואָלוציע. 1917, איינגעזען, אַז אין רוסלאַנד איז ער שוין אינגאַנצן אויסגעשפּילט, האָט ער באַשלאָסן צו פּרוון מזל אין אַמעריקע, זיך אַוועקגעלאָזט אַהינצו איבער סיביר, אָבער קאָלטשאַקס רעגירונג האָט אים מיט זיינע קינדער פאַרטריבן קיין שאַנכאַי; די סביבה איז אים דאָ געווען אינגאַנצן פרעמד און ער האָט זיך אומגעקערט קיין כאַרבין צוזאַמען מיט זיין פרוי עני בראַגינסקאַ, און דאָרט האָט ער שוין פאַרבראַכט די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן, אויפגעטרעטן אין זיין זון מישעס פּיעסע „רייזעלע די קאַפּיטאַנשע", נאָך 10 מינוט פאַרן טויט געזונגען „פלאַקער, פייערל, פלאַקער".—פאַר דעם יידישן טעאַטער אין רוסלאַנד, בפרט אין די יאָרצענדלינגער פון זיין רעכטלאָזיקייט, האָט פ׳ גאָר גרויסע פאַרדינסטן. ער איז ניט נאָר געווען איינער פון די פּיאָנירן פון דעם יידישן פאָלקס=טעאַטער, נאָר האָט אויך באַוויזן אים ווי עס איז אויסצוהיטן פון די צאַרישע גזרות אין משך פון גאַנצע 30 יאָר. — פון זיינע בדחנישע לידער זיינען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אייניקע זאַמלונגען, ווי: „דער נייער זינגער" — 10 לידער (וואַרשע, 1884, ז׳ 24; 2טע אויסגאַבע — באַרדיטשעוו, 1888; 4טע — ווילנע, 1897); „דער נייער משוגענער / זאַמלונג יודישע פאָלקס לידער" (וואַרשע, 1885, ז׳ 24); „נייע צוואַנציג יודישע פאָלקס=לידער / פערפאַסט מיט די האַרמאָניע פאָן מוזיק=בעגלייטונג / טעקסט מיט געזאַנג פאָן אַללבעקאַנטען אַרטיסטען א. פישזאָן" (וואַרשע, 1903, ז״ז 76, מיטן בילד פון פאַרפאַסער). אַ סך אַ גרעסערן ווערט האָבן פ׳ס זכרונות, וואָס ער האָט פאַרעפנטלעכט אין דעם זשורנאַל פון האַמאַ נאָוואָס (א. קוגעל) Театръ и Искусство א״ט Записки еврейскаго актера און אין האָכבערגס „אונזער לעבען" אין אָדעס. אַ לעצטער קאַפּיטל פון די דאָזיקע זכרונות איז געווען געדרוקט אין דעם כאַרבינער וואָכנבלאַט Сибирь — Палестина (איבערגעדרוקט אין „יידיש טעאַטער", 1922, IV — V). נאָך זיין טויט זיינען די זכרונות אויך פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין המשכים אין „מאָרגען זשורנאַל" 1924 — 26 א״ט „50 יאָהר אידיש טעאַטער". ליידער זיינען זיי עד=היום ניט ערשינען אין בוכפאָרם, הגם פאַר דער געשיכטע פון דעם יידישן טעאַטער וואָלטן זיי געהאַט אַ גאָר גרויסן ווערט.

ביכערפרעסער (ש״ע), אין „דער יודישער פאָלקס=ביבליאָטעק", I (וועגן פ׳ס בדחנישע לי=

דער); מ. קיפּניס, „אַ זיידע פון אידישען טעאַטער", אין „היינט", 1922, 66; א. קאָמפּאַניעיעץ, „אויפ'ן פרישען קבר", אין „מאָמענט"; מ. עלקין, „ביאָגראַפישע נאָטיצן", אין „יידיש טעאַטער", 1922, וואַרשע, 1922, IV — V; „שלום-עליכם-בוך" (די מעשה מיט ש"ע'ס פּראָטעסט קעגן פ'ס. אויפפירונג אין לאָדז סוף 1903 פון דעם פּאַלסיפיקאַט „שרה-שיינדל פון יעהופּעץ און מנחם-מענדל פון מאַזעפּאָווקע, אַ קאָמעדיע אין 4 אַקטן, 8 בילדער, מיט געזאַנג, פאַרפאַסט פון ש. ראַבינאָוויטש, שלום-עליכם, איבערגעזעצט פון א. פישזאָן"; נעקראָלאָגן אין דער יידישע פּרעסע אָנהייב 1922.

פישמאַן זכריה (כ"ג אדר 1891 — י"ב אלול 1926) געב' אין מאַרקולעשטי, בעסאַראַביע, אין אַ מיוחסדיקער משפּחה פון לויטער רבנים און לומדים, אַ ברודער פון הרב פ', דעם פירער פון „מזרחי". באַקומען אַ שטרענג טראַדיציאָנעלע דערציִונג, האָט ער צו 20 יאָר צוזאַמען מיט די עלטערן אויסגעוואַנדערט קיין א"י, וואו ער האָט באַלד אָנגעהויבן זיין ליטעראַרישע טעטיקייט מיט פאַרשיידענע אַרטיקלען אין ירושלימער טאָגבלאַט „החרות" א"ט „מענין לענין". 1919 אַוועק קיין אַמעריקע, פאַרעפנטלעכט, אויך א"פ ז. מיימון, ארץ-ישראלדיקע און הסידישע לעגענדעס אין „העברי", „הדואר", „התור" (אַרויס אויך אין בוכפאָרם, 1927) און אויך אין יידיש — אין דעם אָרטאָדאָקסישן אָרגאַן „דאָס אידישע ליכט". האָט זיך דערהויפּט אָפּגעגעבן מיט העברעִישער ביבליאָגראַפיע, געדרוקט אַן אַרטיקל וועגן ביבליאָטעקוועזן אין „לוח אחיעבר" II אויך ביאָביבליאָגראַפישע אַרטיקלען וועגן בן-אביגדור, פרץ סמאָלענסקין, ראובן בריינין א"אַ אין „הדאר", „עין הקורא" א"אַ. שפּעטער צוריקגעפאָרן קיין א"י, געשטאָרבן נאָך אַ לענגערער קראַנקהייט אין תל-אביב, איבערלאָזנדיק אין כתב-יד אַ ניט-פאַרענדיקטן לעקסיקאָן פון דער העברעִישער ליטעראַטור, פון דער גאונים-עפּאָכע ביז היינט, וועלכער אַנטהאַלט אַלץ, וואָס איז געשריבן געוואָרן אין העברעִיש וועגן העברעִישע און יידישע שריפטשטעלער.

ש. ערנסט, „צו דער יאָרצייט פון אַ גרויסען אידישען וויסענשאַפטסמאַן", אין „יידישען טאָגעבלאַט", 10/XI 1927; „קול קורא" — פון דעם קאָמיטעט ארויסצוגעבן פ'ס „לכסיקון של הסופרים והספרות העברית", תל-אביב 1927 (מיט אַ „רשימת הערכים" און אַ רשימה פון פ'ס פאַרעפנטלעכטע ביבליאָגראַפישע ארבעטן). „כתובים", פון 15/IX 1926.

פישמאַן יעקב (10/IV 1878 —) געב' אין ראַדזילאָוואָ, לאָמזשער געגנט, אַלס זון פון שמואל פ'. באַקומען די ערשטע יידישע דערציִונג אין חדר, האָט ער צוויי יאָר געלערנט אין דער לאָמזשער ישיבה, 1890 געקומען קיין אַמעריקע, וואו באַזוכט די ישיבה „עץ חיים" אין נ"י און גלייכצייטיק

דורכגעמאַכט די „פּאָבליק-סקול", שפּעטער זיך פאַרנומען אויך מיט זעלבסטבילדונג. זינט 1893 געאַרבעט אין „יידישען טאַגעבלאַט", די ערשטע 4 יאָר אַלס עקספּעדיטאָר און רעפּאָרטער פון פאַרזאַמלונגען, דערנאָך אַלס מיטאַרבעטער פון דער רעדאַקציע, זינט 1901 אַלס שטאָט-רעדאַקטאָר. 1914 געוואָרן שטאָט-רעדאַקטאָר פון טאָגבלאַט „די וואַרהייט", זינט סוף 1916 פאַרוואַלטונגס-רעדאַקטאָר פון דער גרויסער קאָנסערוואַטיווער צייטונג „מאָרגען זשורנאַל", דער אייציקער יידישער פרימאָרגן-צייטונג אין נ"י, מיט דער וועכנטלעכער אויסגאַבע „דער אַמעריקאַנער", אַרויסגעגעבן פון ישראל פרידקין (זע סאַפּירשטיין), מיט פרץ ווערניק אַלס רעדאַקטאָר, ש. יודסאָן אַלס געהילפס-רעדאַקטאָר, י. מאַגידאָוו

אַלס שטאָט=רעדאַקטאָר, וו. פּאָכאָצקי
אַלס רעדאַקטאָר פאַר אַרבעטער=ענינים,
ד"ר מוקדוני אַלס פּובליציסט און טעאַטער=
קריטיקער, און מיט אַ גאַנצער ריי אינע=
ווייניקסטע מיטאַרבעטער, ווי אפרים
קאַפּלאַן, א. ד. אָגוז, ב. שעלווין, יוסף
מאַרגאָשעס, דוד=לייב מעקלער, אפרים
אויערבאַך, יעקב קרעמען (בר=יוסי), משה
ריבלין, ל. קוסמאַן, יעקב קירשענבוים,
דוד דרוק, ש. צ. זעצער, יצחק שטיין
א"אַ. אין „מאָרגען זשורנאַל" פירט
פ' אויך די אָפּטיילונג „פון טאָג צו
טאָג" (קורצע באַטיצלעך אויף דער
ערשטער זייט פון דער צייטונג וועגן
אַקטועלע געשעענישן) און פאַרעפנט=
לעכט פון צייט צו צייט אַרטיקלען
וועגן יידישע און אַלגעמיינע, דערהויפּט
אַמעריקאַניש=פּאָליטישע ענינים. נעמט
אַ טעטיקן אָנטייל אין דער ציוניסטישער
באַוועגונג אַלס מיטגליד פון דער פאַר=
וואַלטונג פון דער ציוניסטישער אָרגאַ=
ניזאַציע אין אַמעריקע און פון אַקציאָנס=
קאָמיטעט, אויך טעטיק אין פאַרשיידענע
פילאַנטראָפּישע אינסטיטוציעס. באַזוכט
פון צייט צו צייט אייראָפּע און א"י,
אַווגוסט 1927 זיך באַטייליקט אין דער
ציריכער קאָנפערענץ (זע פינקעלשטיין
עוזר), וועגן וועלכער פאַרעפנטלעכט אַ
סעריע אַרטיקלען, און אין XV ציוניס=
טישן קאָנגרעס אין באַזעל.

Who's Who in American Jewry.

פישמאַן פייוויש (ר' פייש), — גע=
וועזן רב אין סיקסאָ, דאַן יאָרנלאַנג מגיד
און משגיח אויף די בתי=ספר אין פּרעס=
בורג, אַרויסגעגעבן אַ ספרל אין יידיש=
דייטש „וָוי העמודים" — אַלע דינים פון
פּרי ביז נאַכט (פּרעסבורג, 1876).

פישער לואיס (29/II 1896—
) געב' אין פילאַדעלפיע אַלס
זון פון אַ אימיגראַנט אויס שפּאָלע, דוד
כמעלניצקי. ביז 14 יאָר באַזוכט די
„פּאָבליק=סקול", גלייכצייטיק געלערנט
יידישע לימודים אין תלמוד=תורה, שפּע=
טער געענדיקט דעם „גרעץ=קאַלעדזש"
אין פילאַדעלפיע און שטודירט העב=
רעיש און סעמיטאָלאָגיע אין „דראָפּסי=
קאַלעדזש", פּעדאַגאָגיק — אין פּענסילוואַ=
ניע=אוניווערסיטעט. אַ געוויסע צייט געווען
טעטיק אַלס לערער אין א „פּאָבליק=סקול"
און אין אַ יידישער שול פון דער „היברו
עדיוקיישאָנעל סאָסייעטי". גענומען אַן
אָנטייל אין דער ציוניסטישער באַוועגונג,
אין 1918 אוועק אַלס לעגיאָנער קיין א"י,
פון וואַנען צוריקגעקומען 1919 און גע=
וואָרן רעדאַקטאָר פון יק"ב („יידישע
קאָרעספּאָנדענץ = ביוראָ"), אַלס פאַר=
טרעטער פון ביוראָ באַזוכט 1921—22
מערב=אייראָפּע, פּוילן, פאַרבראַכט אַ לענ=
גערע צייט אין ראַטנפאַרבאַנד, פון וואַ=
נען קאָרעספּאָנדירט אויך אין דעם „טאָג"
און דער נ"י'ער Evening Post. זינט 1923
קאָרעספּאָנדענט פון דעם וואָכנבלאַט
The Nation, שרייבט אויך אין The
Menorah Journal דערהויפּט וועגן אַל=
געמיינע און יידישע ענינים, און פון
דעם יידישן לעבן אין ראַטפאַרבאַנד,
וועלכן ער האָט באַזוכט אייניקע מאָל.
זיין סעריע אַרטיקלען אין דעם זשור=
נאַל, ווי אויך אין The Nation „די
יידישע פּראָבלעם אין פּוילן" (אָנהייב
1927) האָט בשעתו אַרויסגערופן אַ גרויסע
פּאָלעמיק אין דער יידישער פּרעסע,
דערהויפּט פון אַמעריקע, בפרט צוליב
זיין קריטיק פון דער „דזשאָינט"=הילפס=
אַקציע אין פּוילן. פ' האָט אַרויסגעגעבן
אַ בוך אין ענגליש א"ט Oil Imperialism —
„דער אינטערנאַציאָנאַלער קאַמף פאַר
נאַפט" (1926, ז"ז 256), וואו די פראַגע
ווערט באַהאַנדלט פון אַנטיקאַפּיטאַלי=
סטישן שטאַנדפונקט.

פלאַפּאַן יעקב (12/VII 1897 —) געב' אין גראָדזיסק, וואַרשעווער געגנט. זיין פאָטער, משה־חיים, אַ זון פון דעם דיין אין גריצע, איז געווען אַ לערער און האָט מיט אים געלערנט שרייבן און לייענען יידיש, העברעיש, דייטש, פויליש און רוסיש, אַזוי אַז קיין שול

האָט פּ' קיינמאָל ניט באַזוכט, אָבער די דערמאָנטע שפּראַכן באַהערשט. 1923 אויך באַזוכט אַ אינסטיטוט פאַר דייטשער שפּראַך און ליטעראַטור אין בערלין. ליטעראַרישע טעטיקייט האָט פּ' אָנגעהויבן 1922 אין קאָוונע, דעביוטירט אין ק. זינגמאַנס זשורנאַל „וויספּע" און אין „דער אידישער וועלט" — דער וועכנטלעכער אויסגאַבע פון „דער אידישער שטימע"; (צ"אַ אין דעם יובליי־נומער „וויספּע", דעצעמבער 1923, פאַרעפנטלעכט אַן אַרטיקל וועגן דער יונגער סקולפּטאָרין שרה גאָרשיין). האָט אַ סך געררייזט, אויסגעפאָרן דעם דייטשן ים, דעם שטילן אָקעאַן, געווען באַשעפטיקט ביי פאַרשיידענע אַרבעטן, וואוינט זינט 1924 אין בוענאָס־איירעס, וואו באַטייליקט זיך מיט דערציילונגען און לידער אין די אָרטיקע צייטונגען און זשורנאַלן, ווי „פאַר גרויס און קליין", „די פּרעסע", „די פּען" — אָרגאַן פון יידישן ליטעראַטן־פאַראיין אין אַרגענטינע, „דרום־אַמעריקע", „אויפגאַנג" און צולעצט אין דעם רעוואָלוציאָנער־מאַרקסיסטישן חודש־זשורנאַל „ניי־וועלט", אין וועלכן פאַרעפנטלעכט אַ גרויסע דערציילונג „אין פלאָנטער" מיט אילוסטראַציעס פון ש. לאַפּידעס. אין בוכפאָרם אַרויסגעגעבן אַ זאַמלונג דערציילונגען א"ט „אין לאַגער" (פ"ג „קולטור", קאָוונע, 1924, ז' 100), וואו ס'גייט צ"אַ אַריין זיין גרעסערע דערציילונג „טעג" — אויס דעם בוך „געפאַנגענשאַפט".

ה. בלאָשטיין, „געשחטנע טעג", אין „קולטור און לעבן"; ז. פיינין, אין יובליי־נומער „וויספּע"; צ., אין „ליט' בלעטער", 38.

פלאַקס חיים (ער"ח תמוז 1883 —) געב' אין פלאָצק. ביז 14 יאָר געלערנט אין חדר, שפּעטער אַלס אויטאָדידאַקט זיך אויסגעלערנט אַ ביסל רוסיש, פויליש, דייטש; ביז 17 יאָר געהאָלפן די עלטערן אין זייער געשעפט — געהאַנדלט מיט שמאַטעס, ביינער, אַלטע מעטאַלן, חזירהאָר, האָזנפעלכלעך וכדומה, דערנאָך אַ יאָר צייט געלערנט סטאָלעריי אין דער וואַרשעווער יידישער האַנטווערקערשול, אַ פּאָר יאָר זיך פאַרנומען מיט ערדאַרבעט אויף אַ גוט ביי אַ קרוב. 1904 אויסגעוואַנדערט קיין לאָנדאָן, געאַרבעט אַלס פּאַפּיראָסנמאַכער, אַלס איינזייפער אין אַ פאַבריקמאַכעריי. סוף 1905 צוריקגעקומען אַהיים, אָפּגעגעבן געוואָרן פאַר אַ זעלנער, געדינט אין פּט"ב אין דער מוזיקאַנטן־קאָמאַנדע, 1909 אַוועק קיין א"י, וואו פאַרבראַכט אַ יאָר צייט, צוריקגעקומען קיין פלאָצק, 3 יאָר זיך באַשעפטיקט מיט פורמאַנעריי, שפּעטער געהאַלטן קי אויף מילך. — די אומגינסטיקע לעבנסבאַדינגונגען, די אָפּגעריסנקייט פון אַ ליטעראַרישער סביבה האָבן געשטערט פּ'ן צו אַנטוויקלען זיין ליטעראַרישע באַגאַבונג אין דער פולער מאָס. ער האָט זייער ווייניק געדרוקט, אַ סקיצע „אין דער פינסטער" אין לאָנדאָנער זמ"ה „גרינס אויף שבועות" 1905, „אויגען" אין לאָנדאָנער וואָכנבלאַט „די נייע צייט", אַ פּאָר זאַכעלעך דורך זיין פריינד זישע לאַנדוי אין „אידישען"

קעמפּפער״ 1906 און פינסקיס „אַרבייטער״, אַ סעריע לידער אין פּראָזע אין ווייסענבערגס „יודישע זאַמעלביכער״ 1918—19, ווילנער „טאָג״, „שעדלעצער וואָכנבלאַט׳ א״פ אביגדור סקאַלף, ווייסענבערגס „אינזער האָפנונג״. באַזונדערס אויסגעצייכנט זיינע שילדערונגען אויס דעם לעבן פון די בעלי=חיים, פול פיינעם צאַרטן חוש פאַר „אונזערע פאַרוואַנדטע אין דער געטלעכקייט״ (צום טייל פאַרעפנטלעכט אין ווילנער „טאָג״).

פלאַקסער מנחם (/IV 1898 —) געבױ אין אָסטראָלענקאָ, לאָמזשער געגנט. אַרבעטנדיק אַלס קאָרעקטאָר אין וואַרשע, האָט ער זיין ליטעראַרישע טעטיקייט אָנגעהויבן מיט אַ ריי לידער און ווייסע פערזן אין די זמ״ה „רינגען״ III 1921. „כאַליאַסטרע״ 1922, „וואַרשעווער אַלמאַנאַך״ 1923. שפּעטער האָט ער אַ געוויסע צייט פאַרבראַכט אין פאַריז, פון וואַנען געשריבן אייניקע בריוו וועגן יידישע קינסטלער (מאַרק שוואַרץ, מאַרק שאַגאַל, מאַנע קאַץ, אַדאָלף=אייזיק פעדער) אין „ליט׳ בלעטער״ 1924. צוריקגעקומען קיין וואַרשע, איז ער אַריין אַלס מיטאַרבעטער אין דעם 1926 געגרינדעטן טאָגבלאַט „וואַרשאַווער עקספּרעס״ (שפּעטער רעאָרגאַניזירט א״ט „אונזער עקספּרעס״). האָט אויך פאַרעפנטלעכט אייניקע דערציילונגען, צ״אַ „אויף דער מיל״ — אין „וואַרשעווער שריפטן״ 1926, און האָט איבערגעזעצט: „אינגעבאָרג״ — ראָמאַן פון בערנאַרד קעלערמאַן (פ״ג ש. יאַטשקאָווסקי, 1924; 2טע אויפלאַגע — פ״ג ח. בזשאָזאַ, 1927), „כוליאָ כורעניטאָ מיט זיינע זיבן תלמידים״—ראָמאַן פון איליאַ ערענבורג (פ״ג „קולטור=ליגע״, וואַרשע, 1925, מיט אַ הקדמה פון דעם אַוטאָר צו דער יידישער אויסגאַבע), אויך זיין ראָמאַן „דאָס לעבן און טויט פון ניקאָלאַי קורבאָוו״, „בלומען״ — פון אַנאַטאָל פראַנס (פ״ג „קולטור=ליגע״), „דאָס געזאַנג פון ליבע און טויט״ — פון ריינער מאַריאַ רילקע (אין „ליט׳ בלעטער״) אאַ״זוו.

פליגעלמאַן חיים=מרדכי (ט״ו אדר 1873 —) געבױ אין דאָרף באָבראָוניקי, קאָזשעניצער געגנט, פוילן. געלערנט אין דערבייַיקן שטעטל גלאָוואַטשאָוו ביי מלמדים, אין בית=המדרש, שטילערהייט זיך אויך אָפּגעגעבן מיט חקירה-ספרים, השכלה, פויליש און רוסיש. נאָך דער חתונה קיין ראָדעם אַ געוויסע צייט געזעסן אויף קעסט און געלערנט, דאַן געוואָרן אַ וואַלד=סוחר, רויִנירט פון דער וועלט=מלחמה — געווען אַן אָנגעשטעלטער, אויף דער ליסטע פון די פ״צ אויסגעווילט געוואָרן אין ראָדעמער שטאָטראַט. פון ייִנגלווייז אויף געשריבן אין העברעיִש, יידיש און פויליש, האָט ער פאַרעפנטלעכט אַ היסטאָרישן ראָמאַן פון דער חשמונאים=עפּאָכע א״ט „העלדען״ (פ״ג י״א צוקער, וואַרשע, 1927, ז׳ 413). בכלל זייער אומבאַהאָלפן און שָמְריש=באַנאַל ביים שילדערן די פּסיכאָלאָגיע פון די העלדן, ביים איבערגעבן די געשפּרעכן זייערע, פרימיטיוו אין זיין נאַציאָנאַליסטישן פאַטריאָטיזם פאַר די גבורות פון די יידן איבער די סיריער, ווייזט דאָך פ׳ אַרויס אַ געוויסע אויסדרוקסקראַפט אין באַשרייבן געשעענישן, ווי למשל די קריגס=אָפּעראַציעס, וואָס זיינען דורכגעפירט געוואָרן בשעת דעם מכּבייער=אויפשטאַנד, אויך אין אויסמאָלן די געאָגראַפישע סביבה, וואו די אַלע פּאַסירונגען האָבן זיך אָפּגעשפּילט.

ש. ניגער, אין „טאָג״ פון 27/VI 1927.

פליישמאַן עוזיאל (ג׳ אדר 1875 —) געב׳ אין פראָבוזשנאָ, לעבן טשאָרטקאָוו, מזרח-גאַליציע. באַקומען אַ חסידישע דערציִונג, געלערנט ש״ס און פוסקים, פון 13 יאָר אָן אין ראַדוין, בוקאָווינע, וואוהין זיינע עלטערן האָבן זיך אַריבערגעצויגן, צו 15 יאָר זיך גענומען צו וועלטלעכע לימודים



און זיך באַקענט מיט דער העברעישער און דייטשער ליטעראַטור. 1896 אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע, 10 יאָר געאַרבעט אַלס שניידער. זינט 1904 געדרוקט לידער און קורצע סקיצן אין נ״יער צייטונגען, זשורנאַלן און זמ״ב, צ״אַ אין „פאָרווערטס״, אויך זייער פיל הומאָריסטישע פערזן אין „קונדס״, „קיבעצער״ און אין דער הומאָריסטישער אָפּטיילונג כון „טאָג״, פון וועלכער צייטונג ער איז אַ אינעווייניקסטער מיטאַרבעטער זינט איר גרינדונג, שרייבט פאַר איר אויך ראָמאַנען (למשל, „אַלץ פאַר ליעבע / ראָמאַן פון היינטיגען אידישען לעבען״, אין „טאָג״ 1925). געצוואונגען צו שוואַרצער צייטונגסאַרבעט, האָט פ׳ פאַרנאַכלעסיקט זיין דיכטערישן באַרוף, אָבער בשעת דעם אויפקומען פון די „יונגע״ איז ער געווען איינער פון די צוזאָגנדיקסטע יידישע דיכטער אין אַמעריקע, זיך אויסצייכענענדיק מיט פרישקייט אין טאָן, אינטימער האַרציקייט, שפּילעוודיקן הומאָר און פיינער טעכניק; זיין ליד „טריאָ״ אין זמ״ב „ליטעראַטור״ II איז אַ פערל אין דער נייער יידישער פּאָעזיע.

ראובן אייזלאַנד, אין זמ״ב „שריפטען״ I; מ. באַסין, „אַנטאָלאָגיע״ II; א. גלאַנץ, צו פ — ס 50 יאָריקן יובל, אין „טאָג״ מערץ 1926.

פלעג עדמאָנד (1874 —) געב׳ אין זשענעווע. 1897 געענדיקט די באַרימטע Ecole Normale, האָט ער זיך קונה-שם געווען אין דער פראַנצויזישער ליטעראַטור דורך אַ ריי דראַמען, ווי „דאָס הויז פון גוטן גאָט״ (וואו ער פירט אַרויס דאָס צוזאַמענלעבן פון אַ גלח, פון אַ פּאַסטאָר און פון אַ ראַבינער בשעת מלחמה; אויפגעפירט אין מלחמה-צייט אין פראַנצויזישן קונסט-טעאַטער), „דאָס שליחות״, „די חיה״, האָט באַאַרבעט פאַר דער פראַנצויזישער בינע שעקספּירס „מאַקבעט״ אַלס אָפּערע (מיט מוזיק פון ערנסט בלאָך), „דעמאָן״ א״אַ, איז אויך באַקאַנט אַלס דיכטער, פילם-שרייבער, קאָמפּילאַטאָר. צוזאַמען מיט אַנדרע ספּיר, דעם ערשטן פראַנצויזישן שריפטשטעלער, וואָס איז אַרויס אָפן אַלס ייד און ניט אַלס „איזראַעליט״ (מיט זיין בוך Quelquel juifs, 1913), איז ער איינער פון די הויפּט-פאַרטרעטער פון דעם יידישן נאַציאָנאַליזם אין דער פראַנצויזישער ליטעראַטור און האָט אויסגענוצט יידישע, דערהויפּט יודאַיִסטישע מאָטיוון אין אַ ריי פון זיינע ווערק, ווי די פּאָעמען „שמע ישראל״, „די וואַנט פון טרערן״, „דער תהילים פון געגאַרטן לאַנד״, „סאַמועל בריזאַך״ — אַ פּיעסע, וואו ער פירט אַרויס אַ טיפּ פון אַ גרויסן יידישן קאָמערסאַנט אין פראַנקרייך, „דער ייד פון פּויפּסט״ — אַ פּיעסע מיט שלמה מולכו אַלס הויפּטהעלד, „דאָס נביא-קינד״ — וואו ער פאַרהערלעכט דאָס יידנטום לגבי דעם קריסטנטום, א״אַ. ער האָט אויך אַרויסגעגעבן אַ Authologie juive (פּאַריז, 1923; I ב׳ פון די עלטסטע צייטן ביז מיטלעלטער; ב׳ II — פון מיטלעלטער ביז היינטיקן טאָג), וואָס ברענגט אויך

איינציקע פראַגמענטן פון דער ליטעראַטור אויף יידיש מיט קורצע נאָטיצלעך וועגן די ציטירטע שריפטשטעלער. האָט איבערגעזעצט מיט דער הילף פון אַ געוויסן לעאָן בערמאַן ש"ע'ס „טוביה דער מילכיקער" א"ט L'histoire de Tèvié, אָנווענדנדיק פאַר דער איבערזעצונג דעם יידיש־פראַנצויזישן דיאַלעקט פון עלזאַס, כּדי כאָטש וויפיל ניט איז אָפּצושפּיגלען דעם אומאיבערזעצלעכן יידיש פון ש"ע, די איבערזעצונג אָבער האָט דערפון שטאַרק געליטן, בפרט אַז פּ' איז, ווייזט אויס, אַ שוואַכער קענער פון דער יידישער שפּראַך; דאָס בוך איז אַרויס אין דעם פ"ג פ. ריעדער און קאָ. (פּאַריז, 1925), וועלכער האָט אַ ספּעציעלע אָפּטיילונג פאַר Judaïsme אונטער דער אָנפירונג פון פּ' און וואו ס'איז אויך ערשינען אַנ—סקיס Le dybouk.

א. אלפערן, „וואָס איז געוואָרן פון טוביה דעם מילכיקן" אין א „איבערזעצונג אויף יודעאָ־פראַנצויזיש פון עלזאַס", אין „ליטעראַרישע בלעטער", 59; נ. פראַנק, אין „טאָג", סוף 1926; ל. בלומענפעלד, „אידישע ליטעראַטור און זשווי־וואַמאַניע אין פראַנקרייך", אין „אידישע צייטונג", בוענאָס־איירעס, 23/XII 1926.

פּעדער שמואל־זאַנוול (1857 — כ"ג אדר 1915) אַדאָפּטירטער נאָמען פון ש. ז. באַרלאַש. געב' אין קליוואַן, וואָלין, אַלס זון פון אַן אָרעמען חסידישן גמרא־מלמד. שוין לערנענדיק ביים פאָטער אין חדר אַרויסגעוויזן פעיִקייטן צו בדחנות, ווי אויך צו פאַרשיידענע אַנדערע קונצשטיק און אַלס 12יעריק ייִנגל אויפגעטרעטן אויף חתונות. צו 20 יאָר חתונה געהאַט, איז ער בשעת דער טערקיש־רוסישער מלחמה צוגענומען געוואָרן פאַר אַ זעלנער, אָפּגעגט דאָס ווייב, וואָס האָט אים שוין געהאַט געבוירן אַ קינד, און אַנטלאָפן פון מיליטער; מ'האָט אים אָבער געכאַפּט און אַ געשמידטן אין קייטן געפירט קיין ראָוונע; אויפן וועג האָט דער קאָנוואָי־פּאָליציאַנט זיך אָפּגעשטעלט אין אַ יידישער קרעטשמע; דער קרעטשמער האָט דערקענט זאַנוולען און, אָנשיכּורנדיק דעם פּאָליציאַנט, באַפרייט אים פון די קייטן, און ער איז אַנטלאָפן קיין בראָד, דאַן געקומען קיין סאַסאָוו, וואו ער האָט אָפּגעלעבט אַלע זיינע יאָרן. אין סאַסאָוו האָט ער אויס מורא פאַר דער רוסישער מאַכט אָנגענומען דעם נאָמען פּ', חתונה געהאַט מיט אַ טאָכטער פון אַלטער קלעזמער, וועלכער האָט געשטאַמט פון די בראָדער און איז אינגיכן באַרימט געוואָרן אַלס בדחן, אַזוי אַז זיינע נסיעות אויף פאַרשיידענע שמחות האָבן געגרייכט אַזש קיין אונגאַרן. דאָך האָט ער שטענדיק געלעבט אין גרויס דחקות. ער איז אויך געווען אַ באַגאַבטער מאָלער און שניצער, געמאָלט „מזרחס" פאַר שולן, באַזונדערס זיך אויסגעצייכנט אַלס פידלשפּילער, אָבער דערפון ניט געמאַכט קיין פּרנסה, מיט מוזיק זיך באַשעפטיקט, ווי ער פלעגט זאָגן, בלויז פאַר זיינעטוועגן; ער פלעגט שפּילן זיינע אייגענע קאָמפּאָזיציעס, האָט אַליין געשריבן נאָטן און געהאַט אַ זעלטן געהער; זיין שפּילן, דערציילט מען, איז געווען אַזוי האַרציק, אַז מ'פלעגט צעגאָסן ווערן פאַר געוויין הערנדיק אים. אויף רבנישע חתונות פלעגט ער אָפּשרייבן אַ"ג „קוויטלעך", אָנגעהויבן מיטן נאָמען פון דעם רבין און געענדיקט אויף זיין אייגענעם נאָמען זיינוול. אין שטעטל פלעגט ער צוזאַמען מיט ים־הציוני (זע מרגליות) העלפן דורכפאָרנדיקע טרופּעס, וואָס פלעגן אויפשלאָגן זייער בינע אין שטעטלשן מאַרק. זיינע לידער, צו וועלכע ער האָט צוגעפּאַסט אייגענע ניגונים, פלעגן דערהויפּט געזונגען ווערן אין די געגנטן פון טאַר־

נאָפּאָל, ריישע און לעמבערג. זיי האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער לירישן טאָן; אַ סך פון זיי טראָגן אויך אַן אַווטאָביאָגראַפישן כאַראַקטער. פאַרעפנטלעכט האָט ער אייניקע זאַמלונגען, צ״אַ איינע א״ט „שירה חדשה״ (12 לידער, לעמבערג 1891; אונטער דעם אייגענעם טיטל איז אויך אַרויס אַ זאַמלונג פון זיינע 3 לידער, וואַרשע 1894). ער האָט אויך געשריבן אין העברעיִש און אַפילו מיטגעאַרבעט אין לעמבערגער „מחזיקי הדת״ — דעם אָרגאַן פון דער בעלזער רבין, הגם אַליין איז ער געווען אַ משכיל, אַן אַפּיקורוס, אין מאַנכע פון זיינע לידער אויסגעלאַכט די רביים, דעם גלויבן אין גיהנום אאַז״וו. ער איז געשטאַנען אין נאָענטער פאַרבינדונג מיט זיין חבר משה פּריזאַמענט, וועלכער האָט אויך געשטאַמט פון רוסלאַנד און פּאָפּולער געווען אין גאַליציע אַלס בדחן א״נ משהלע היוונערווער. פּ׳ מיט היוונערוועער זיינען בשעתּם געווען די פּאָפּולערסטע בדחנים אין גאַליציע. נאָכן אויסבראָך פון דער וועלט-מלחמה האָט ער אַוועקגעשיקט זיין משפּחה קיין לעמבערג און אַליין פאַרבליבן אין סאַסאָוו היטן דאָס הויז. פון די קלעפּ, וואָס ער האָט באַקומען פון די קאָזאַקן, איז ער קראַנק געוואָרן און איז אָפּגעפאָרן צו זיינע צוויי טעכטער אין לעמבערג, וואו ער האָט געלעבט אין גרויס נויט ביזן טויט. זיינע ניגונים האָט ער געזונגען ביזן לעצטן טאָג, און אויפן טויטבעט האָט ער געשפּילט אַ ליד „די ווידוי״.

פּריוואַטע מיטטיילונג פון באָמזע.

פּעדערבוש שמעון (15/II 1890 —) געב׳ אין נאַראָל, מזרח-גאַליציע. זיין פאָטער, צבי, אַ גרויסער סוחר (אַ זון פון אברהם פּ׳, וואָס איז געווען אויסגעוויילט אַלס בירגערמייסטער אין נאַראָל — אַ זעלטענער פאַל יענע צייטן, בפרט אין אַ שטאָט מיט אַ קריסטלעכער מערהייט), האָט אים דערצויגן אין חסידישן גייסט, אַראָפּגעבראַכט פאַר אים קיין נאַראָל ספּעציעלע מלמדים, ביי וועמען ער האָט געלערנט ש״ס און פּוסקים; גלייכצייטיק האָט ער אויך באַזוכט די פּוילישע פאָלקסשול, דערנאָך געלערנט העברעיִש, פּויליש און דייטש ביי אַ לערער אַ ציוניסט, אָבער אונטער דער ווירקונג פון דעם בעלזער רבי, ר׳ ישכר-דוב, האָט דער פאָטער אים אָפּגעגעבן צו אַ קריסטלעכן לערער, וואָס „איז ווייניקער שעדלעך פאַר יידישקייט ווי אַ ציוניסט״. פון 14 יאָר אָן געלערנט אין ראַוואַ-רוסקאַ ביים ראב״ד ר׳ יַענקעלע טעפּין, געשריבן פיל תּלמודישע פּילפּולים, ווי ס׳איז געווען דעמאָלט דער מנהג ביי די לומדים, 1909 באַקומען סמיכה אויף רבנות, ביים אויסבראָך פון דער וועלט-מלחמה אַנטלאָפן קיין ווין, וואו אין אַ פּאָר יאָר אַרום דורכגעמאַכט די מאַטורע-עקזאַמענס, שטודירט דאַן פילאָסאָפיע און אָריענטאַליסטיק אין ווין, קראָקע, לעמבערג, 1922 באַקומען דעם טיטל ד״ר פאַר זיין דיסערטאַציע „די אַנטוויקלונג פון דער וואָרהאַפטיקייט אין ליכט פון דער סאָציאָלאָגישער עטיק״. אין ווין געגרינדעט און אָנגעפירט 1918 — 20 די רעליגיעז-נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציע „צעירי-ישראל״, וועלכע האָט שפּעטער אָנגענומען דעם נאָמען „צעירי מזרחי״, געאַרבעט אין דער לייטונג פון „מזרחי״, 1922 אויסגעוויילט געוואָרן אַלס דעפּוטאַט צום סיים, זינט 1926 מיטגליד פון וועד-ראשי פון וועלט-„מזרחי״, זינט 1927 פאָרזיצער פון „מזרחי״ אין מזרח-גאַליציע, אויפן 15טן קאָנגרעס אין באַזעל אויסגעוויילט אַלס מיטגליד פון ציוניסטישן אַקציאָנסקאָמיטעט, אויף דער ציריכער קאָנפערענץ אויסגעוויילט אין קאָמיטעט

פאַר די יידישע מינדערהייטסרעכט. האָט זינט 1918 זיך פון צייט צו צייט באַטייליקט אין קראָקעווער „המצפה“, די „מזרחי“־אָרגאַנען „בת־קול“ און „המסילה“ אין לעמבערג, פון וועלכע אויך געווען מיטרעדאַקטאָר, „הצפירה“, „היום“, אויך אין דער לעמבערגער Chwila. זיין אַרבעט „תולדות הכתב העברי“ איז געווען איבערגעזעצט אין דער „וואָך פון לעמבערגער טאָגבלאַט“ 1925, נומ׳ 5, 6, 7 און 8. יידישע אַרטיקלען האָט ער געשריבן אין דעם וואָכנבלאַט „דאָס יודישע לעבען“, וואַרשע, 1925. זינט 1926 מיטרעדאַקטאָר (צוזאַמען מיט אַ. נייפעלד און י. גרינבערג) פון דעם צווייוואָכנבלאַט „אונזער שטימע“, וואַרשע — צענטראַל־אָרגאַן פון „צעירי מזרחי“ און „החלוץ המזרחי“ אין פוילן, און אַרויסגעבער און רעדאַקטאָר (צוזאַמען מיט א. קופפערט) פון דעם מזרחיסטישן וואָכנבלאַט „יודישע בלעטער“ מיט אַ העברעישער אויסגאַבע „גליונות“ אין לעמבערג. אין בוכפאָרם פאַרעפנטלעכט „שלמות היהדות“ (פ״ג „מרכז המזרחי העולמי“, ירושלים, תרפ״ז).

פעדערמאַן אליהו (אַרום 1830 — אַרום 1900) האָט געלעבט אין ווילנע, וואו ער איז געווען איינער פון די חשובע משכּילישע באַלעבאַטים און פּאָפּולער אַלס פּריוואַטער אַדוואָקאַט. גלייך נאָכן פּובליקירן דעם נייעם געזעץ פון מיליטערפליכט דורך דער רעגירונג פון אַלעקסאַנדער II האָט ער עס איבערגעזעצט „וואָרט אין וואָרט“ און אַ שטאַרק רוסיפיצירטן יידיש צוזאַמען מיט מיכאל וואָלפער א״ט „דער אוסטאַוו וועגין וואָינסקי פּאָווינאסט (זאָלדאַטען פפליכטיגקייט)“ (ווילנע, דרוק הלל דוואָרזשעץ, 1874, ז׳ 96).

פעדערמאַן רפאל (24/III 1892 —) געב׳ אין טשענסטאָכאָוו. דורכגעמאַכט דעם קורס פון אַ מיטלשול אַלס אַווטאָדידאַקט. באַשעפטיקט אַלס האַנדלס־אָנגעשטעלטער, האָט ער אָנגעהויבן זיין געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט אַלס „פּאַראייניקטער“, ביז 1922 געווען מיטגליד פון הויפּטקאָמיטעט פון דער פּאַרטיי, דאַן אַריבער צום „בונד“, פּאָרזיצער פון טשענסטאָכאָווער פּאַרטיי־קאָמיטעט, ראָטמאַן און סעקרעטאַר פון טשענסטאָכאָווער שטאָטראַט, מיטגליד פ׳ן דער יידישער קהילה. האָט ביי דער נאָענטסטער מיטאַרבעט פון אלקנה כראָבאָלאָווסקי רעדאַקטירט די אָרגאַנען פון די „פּאַראייניקטע“ „אונזער וואָרט“ (3 נומ׳, 6/II 1919 — 7/III 1919) און „דאָס נייע וואָרט“ — וואָכנבלאַט (זינט 26/III 1920; נאָך פ׳ס אַרויסטריט פון דער פּאַרטיי „פּאַראייניקטע“ אַרויס א״ר פון א. כראָבאָלאָווסקי ביז 1/V 1925); פון 20/II 1923 ביז 1/I 1926 מיט הפסקות) רעדאַקטירט די בונדישע „אַרבעטער־צייטונג“ — אַ וואָכנבלאַט געווידמעט דעם אַרבעטער־ און געזעלשאַפטלעכן לעבן פון טשענסטאָכאָוו, זאַגלעמביע און געגנט, ביי דער הויפּטמיטאַרבעטערשאַפט פון ח. ווילטשינסקי און יצחק סאַמסאָנאָוויטש; 4/IX אַרויסגעגעבן אַ איינמאָליקע אויסגאַבע „דער פּראָלעטאַריער“ — אָרגאַן פון ראַט פון די פּראָפ׳ קלאַסנפאַראיינען (יידישער קולטור־אַמט). זיך אויך באַטייליקט אין אַנדערע פּאַרטיי־אָרגאַנען פון די פּאַראייניקטע און שפּעטער פון „בונד“ אויך א״פ רפאל, Amicus, נישט קיין וויצלער.

פעלדמאַן אהרן (VII/ 1880 —) געב׳ אין פּינסק, פּאָליעסיע. געלערנט אין דער קאַרלינער תּלמוד־תּורה און צו 16 יאָר געענדיקט די רוסיש־

יידישע פאָלקסשול, אַ געוויסע צ״ט גע=
דינט אין מיליטער, דערנאָך זיך באַשעפ=
טיקט מיט שטונדן געבן אין פינסק,
אויך געשריבן אין אָרטיקן בלעטל, 1911
אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע, געאַר=
בעט אין אַ שאַפּ, געווען טעטיק אין אַ
יוניאָן אַלס סעקרעטאַר. פון צייט צו
צייט זיך באַטייליקט אין „פאָרטשריט״
(1915 — 18), „פרייהייט״ (זינט 1923)
מיט סקיצן, בילדער און מיניאַטורן
אויס דעם לעבן פון שאַפּ, אויך אין
„פ. א. ש״, „יונג=קוזניע״ 1924, און
דערהויפּט אין דער פילאַדעלפיער „יודי=
שער וועלט״. 1925 — 26 געווען מיט=
רעדאַקטאָר פון דעם חודש=זשורנאַל פאַר
אָנפאַנגער „דער באַגינען״, 1927 רע=
דאַקטירט מיט שלמה עדעלהייטן אַן
אָנפאַנגער=זשורנאַל „צוזאַמען״. פאַרעפנט=
לעכט אַ זאַמלונג נאָוועלן א״ט „דורך טעג
און נעכט״ (פ״ג „צוזאַמען״, 1927, ז׳ 171).

פעלדמאַן ווילהעלם (8/IV 1868 —
25/XI 1919) געב׳ אין זבאַראַזש, מזרח=
גאַליציע, אין אַ חסידישער משפחה. ערשט
צו 13 יאָר זיך אויסגעלערנט דעם פּוילישן
אַלף=בית, האָט ער זינט 1886 אָנגעהויבן
צו נעמען אַ נאָענטן אָנטייל אין דער
לעמבערגער אַסימילאַטאָרישער וואָכנ=
שריפט Ojczyzna, אַרויסטרעטנדיק פאַר
אַקטיווער אַסימילאַציע אין אַ ריי אַרטיק=
לען, ווי, Asymilatorzy, Sionisci i Polacy
Stosunek Mickiewicza, Kościuszko, do
Żydów, Berek Joselewicz א״אַ. צו יענער
צייט, ווען ער האָט זיך אויסשליסלעך
באַשעפטיקט מיט דער יידישער פראַגע,
געהערט אויך זיין אַרבעט Żargon Ży-
dowski (צוערשט פאַרעפנטלעכט אין דער
Ojczyzna און שפּעטער צוזאַמען מיט די
אַרטיקלען פון איגנאַצי זיסער און פעלד=
שטיין אַרויסגעגעבן אין בוכפאָרם א״ט
O Żargonie Żydowskim, (1891 — אַלס
רעזולטאַט פון דעם אינטערעס צו דער
יידישער ליטעראַטור, וועלכער איז דער=
וועקט געוואָרן אין דער פּוילישער געזעל=
שאַפט דורך קלעמענס יונאָשאַס איבער=
זעצונג פון מענדעלע מוכר=ספרים און
דורך דער דיסקוסיע, וועלכע האָט זיך
אין צוזאַמענהאַנג דערמיט געפירט אין
די אַסימילאַטאָרישע אָרגאַנען Izraelita
אין וואַרשע און Ojczyzna אין לעמבערג
(1887). פ׳ס שטעלונג צו דער יידישער
שפּראַך איז פון אַן עקסטן אַסימילאַטאָר
און פּאָלאָניזאַטאָר; ער האַלט זי פאַר
אַ „באַרבאַרישן אויספלוס פון באַרבאַרישע
צייטן״; די אייגענע באַציִונג ווייזט ער
אַרויס צו דער יידישער ליטעראַטור, הגם
ער שטעלט ליניעצקין לעבן דיקענסן און
אין מענדעלעס ווערק זעט ער „אַ פּרעכ=
טיקע סימבאָליק און אַ טיפע אמתע
פּאָעזיע״. פון די יידישע ליריקער שטעלט
ער צום העכסטן פרוגן און זיין בן=עיר *)
וועלוול זבאַרזשער ערענקראַנץ, וועמעס
לידער ער האַלט פאַר „בריליאַנטן פון
דיכטערישן התלהבות״. שפּעטער, ווען ער
איז געוואָרן דער הויפּט=קריטיקער פון
דער פּוילישער ליטעראַטור פון דער
מאָדערנער עפּאָכע, רעדאַקטאָר פון דעם
זשורנאַל Krytyka (קראָקע 1901—1914),
פּראָפעסאָר פון זיינע מאָנומענטאַלע ווערק
Współczesna literatura polska (1902,
6טע אויפלאַגע — 1918–19) און Dzieje
polskiej myśli politycznej w okresie
porozbiorowym (1914–20), האָט ער
זיך אינגאַנצן דערווייטערט פון יידישע
טעמעס, אַפילו אַלס בעלעטריסט, מיט
דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור גע=
ווען באַקאַנט בלויז פון איבערזעצונגען און
זיך אינגאַנצן אָוועקגעגעבן דער אַרבעט
פאַר פּוילנטום. נאָכן אויסבראָך פון דער

*) זבאַראַזש נעמט זיך איבער מיט אירע „דריי
וועלוועלעך״: וועוול זבאַרזשער — אַ באַוואוסטער
חסידישער רבי, וועלוול זבאַרזשער=ערענקראַנץ
און וועלוול=ווילהעלם פעלדמאַן.

וועלט=מלחמה אַלס דעלעגאַט פון דער „פוילישער מיסיע" — אין בערלין געווירקט לטובת דער אומאָפּהענגיקייט פון פוילן, שפּעטער אַרויסגעשיקט געוואָרן, צוריקגעקומען קיין קראָקע, אַנטטוישט און צעבראָכן פון דער אומדאַנקבאַרקייט פון דעם אויפגעלעבטן פוילן, פאַר וועלכן ער האָט אַוועקגעגעבן זיין גאַנץ לעבן, אַלע זיינע כוחות. דאָך אויפן טויטנבעט, בשעת גסיסה, נאָך באַוויזן אָנצונעמען קאַטויליציזם צו אונטערשטרייכן, ווייזט אויס, זיין פולשטענדיקע צונויפגיסונג מיטן „פוילנטום".

JE, V; EƏ, XV; די יידישע פּרעסע סוף 1919; ד"ר י. שאַצקי, אין „טאָג"; לעאָן פינקעלשטיין, אין „ליט' בלעטער", 66.

פעפּער איציק

(23/IX 1900 —) געב' אין שפּאָלע, קיעווער גוב', אַלס זון פון אַ יידישן לערער און זאָקנאַרבעטערין. מיט זיין בילדונג האָט זיך פאַרנומען זיין פאָטער, שלום, אַ היינטוועלטיקער מענטש, וועלכער האָט געהאַט אויף אים אַ גרויסע ווירקונג און אין אים איינגעוואָרצלט אַ ליבשאַפט צום ניים.

צו 12 יאָר איז פ' אַוועק אַלס זעצער אין אַ דרוקעריי. נאָך דער אָקטאָבער=רעוואָלוציע, וועלכע האָט אויף אים געהאַט אַ אומגעהייערע השפּעה, גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין דעם פרייהייטסקאַמף, 1919 אַריינגעטרעטן אין דער ק"פּ, בשעת דעניקין — געבליבן אויף אונטערערדישער אַרבעט, געווען אַרעסטירט, אָפּגעזעסן 6 וואָכן, געווען אין דער רויטער אַרמיי און אויף די פראָנטן, געאַרבעט אויף פאַרשיידענע געזעלשאַפטלעכע און פּאַרטייִשע פּאָסטנס. — אָנגעהויבן צו שרייבן נאָך דער אָקטאָבער=רעוואָלוציע, האָט ער דעביוטירט 1920, זינט דאַן זיך באַטייליקט כמעט אין אַלע יידישע אויסגאַבן פון ראַטנפאַרבאַנד, ווי די קיעווער צייטונגען „נייע צייט", „פאָלקסצייטונג", „קאָמוניסטישע פאָן", אָדעסער „קאָמוניסטישן וועג", מאָסקווער „עמעס", מינסקער „וועקער" — „אָקטיאַבר", כאַרקאָווער „שטערן", אין די זשורנאַלן און אַלמאַנאַכן „באַרג=אַרויף", קיעוו, „ביי=ערד", מאָסקווע, „רויטע וועלט", כאַרקאָוו, „שטערן", מינסק, „אוקראַינע", קיעוו, אין די יוגנט=אויסגאַבן „יונגוואַלד", „פיאָנער", „יונגע גוואַרדיע" אאַז"וו, אויך אין די ב"יער „פרייהייט" און „האַמער", „ליטעראַרישע בלעטער" א"אַ. אַלס איינער פון די פירער פון דער יונגער קיעווער ליטעראַטנגרופּע „ווידערוואוקס" האָט ער אין דעם פ"ג פון דער דאָזיקער גרופּע אַרויסגעגעבן זיין ערשטע לידער=זאַמלונג א"ט „שפּענער" (קיעוו, 1922, ז' 32), וואו ס'איז געקומען צום אויסדרוק די יונג צעזונגענע פרייד פון דעם נייעם דור סאָוועטישע דיכטער. אין זיין ווייטערדיקער אַנטוויקלונג האָט פ' צוזאַמען מיט איזי כאַריקן זיך געשטעלט בראש פון יענער גרופּע יידישע דיכטער פון ראַטנפאַרבאַנד, וואָס האָבן זיך געווענדט „מיטן פנים צום שטעטל", אַריינגעפירט אין דער יידישער פּאָעזיע אַ נייע פאָלקסטימלעכקייט, סיוזשעטישקייט, אָט די „פּראָסטקייט", וואָס פ' זאָגט וועגן איר אין דעם שלום=ליד פון זיין לעצטער זאַמלונג „אַ שטיין אויף אַ שטיין": „וואָס קאָן איך טון מיט אייך, אָ ליבע כאָרוועס (חורבות) / פון יעדערן פאַרגעסן און פאַרלאָזט, / איך האָב ליב ווען ווערטער זיינען באָרוועס / איך האָב

ליב, ווען ווערטער זיינען פּראָסט". מיט אָט די פּראָסטע ווערטער האָט ער געשאַפן די פּאָעמע פון נייעם יידישן לעבנסשטייגער. אין דער פּאָעמע „ווען שטיינער שווייגן" („דער האַמער", 1927, II) שילדערט פּ' זיינע איבערלעבונגען אין געפאַנגענשאַפט ביי דעניקינען און גיט איבער די שטימונגען פון יענער צייט. — פון זיינע לידער און פּאָעמען זיינען נאָך אַרויס אין בוכפאָרם: „וועגן זיך און אַזוינע ווי איך" (מלוכה-פ״ג, קיעוו, 1924, ז״ז 96); „פּראָסטע טריט" (פ״ג „קולטור-ליגע", 1925, ז״ז 64); „אַ שטיין צו אַ שטיין" („מלוכה-פ״ג, קיעוו, 1926). דער קיעווער מלוכה-פ״ג גרייט אויך צו דעם I ב' פון זיינע לידער און פּאָעמען. זיין פּיעסע „קוימענקערער"—אַ באַאַרבעטונג פון יעקב גאָרדינס דראַמע „כאַסיע די יתומה" אויפן פּאָן פון דעם נייעם סאָוועטישן לעבנסשטייגער— איז מיט גרויס ערפאָלג אויפגעפירט געוואָרן אין דעם יידישן מלוכה-טעאַטער פון אוקראַינע אונטער דער רעזשי פון אפרים לויטער, איז אויך געגאַנגען אין דעם קיעווער טעאַטער קונסט-ווינקל" 1927. אויף אַ ריי פון זיינע לידער האָבן געשריבן מוזיק די קאָמפּאָזיטאָרן מילנער, פּולווער, געלבאַרט, שיינין, פּאָלאָנסקי, שטרייכער, וועפּריק און לאַנטוך. האָט אויך איבערגעזעצט פון דער אוקראַינישער ליטעראַטור (צ״אַ לידער פון וואַסיל טשומאַק, פּאַוולאָ טיטשינע, וולאַדימיר סאָסיוראַ — אין „האַמער" 1927, IX). סוף 1926 באַשטעטיקט (צוזאַמען מיט דוד האָפשטיינען) אַלס אַספּיראַנט פון דער ליטעראַטור-סעקציע ביי דער יידישער קאַטעדער פון דער אוקראַינישער אַקאַדעמיע אונטער דער אָנפירונג פון נ. אויסלענדער; אַלס איינער פון די פירער (צוזאַמען מיט דוד האָפשטיין, איציק קיפּניס א״אַ) פון דער „אַסאָציאַציע פון רעוואָלוציאָנערע יידישע שרייבער אין אוקראַינע" געהאַלטן די עפענונגסרעדע אויף דער „ערשטער אַל-אוקראַינישער באַראַטונג פון די יידישע פּראָלעטאַרישע שרייבער", כאַרקאָוו דעם 21סטן דעצעמבער 1927. זיינע אָנשויונגען אויף ליטעראַטור, וועלכע „מוז ווערן און וועט ווערן אַ וויכטיקער שטיין אינם קומענדיקן סאָציאַליסטישן בנין", צ״אַ געבראַכט צום אויסדרוק אין זיינע ליטעראַרישע באַטיצן „פאַרבייגייענדיק" (צ״אַ אין „פרייהייט" פון 19/VI 1927).

מ. ליטוואַקאָוו, „אומרו", II; נ. אויסלענדער, אין „דער רויטער וועלט"; י. דאָברושין, אין „בייעדר", I; א. וויעוויאָרקע, אין „אָקטיאַבר", I; אורי פינקעל, אין מינסקער „שטערן"; פרץ מאַרקיש, אין „ביכער-וועלט", 1922, III; מ. אָלגין, אין „פרייהייט"; ד. טשאַרני, „די יידישע ליטעראַטור אין סאָוועט-רוסלאַנד", אין „פּאַריזער בלעטער", 76, 79 א״וו; ב. לאַפּין, אין „אויפקום", 1928; אברהם רייזען, אין „פרייהייט", נאָוועמבער 1927.

פּעפּער דוד (6/V 1892 —) געב' אין לאָדז. 1909 געקומען קיין אַמעריקע, באַשעפטיקט אין דער זייד-אינדוסטריע אין פּעטערסאָן. זינט 1920 פאַרעפנטלעכט לידער אין „פאָרווערטס", „פ. א. ש.", „שטערן", „מאָרגנשטערן", „פעדער", „אויפקום", זמ״ב „שריפטן" VIII, אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער פון דער פּעטערסאָנער אויסגאַבע „זעגלען" א״אַ.

פּערשלייסער עמנואל (1896 —) געב' אין סטאַרעסעלע, לעבן לעמבערג, וואו געענדיקט גימנאַזיע און שטודירט אין אוניווערסיטעט. זינט 1916 ביזן סוף פון דער וועלט-מלחמה געדינט אין דער עסטרייכישער אַרמיי. 1921 געקומען קיין אַמעריקע, זינט דאַן פאַרעפנטלעכט דערציילונגען און הומאָרעסקעס אין „מאָרגן זשורנאַל", „טאָג",

„פרייהייט‟, „פּ. א. ש.‟, „פאָרווערטס‟. מאַנכע פון זיינע דערציילונגען זיינען אויך איבערגעדרוקט אין דער יידישער פראָווינץ=פרעסע פון פוילן, אויך א״פּ ע. האַרטנעק, מ. שוויג. שרייבט אויך דראַמען.

פערשט שמשון (אַרום 1888 —) געב׳ אין עסטרייכיש=נאָוואָסעליץ. פון באַרוף אַ שניידער, פאַרפאַסער פון קופּלעטן, וואָס זיינען גאַנץ פּאָפּולער אין בוקאָווינע. אַרויסגעגעבן? אַ זאַמלונג „געקליבענע לידער‟ (טשערנאָוויץ, 1922).

פראָם דוד (1903 —) געב׳ אין פּאָניעוועזש, ליטע. באַקומען אַ טראַדיציאָנעלע יידישע דערציִונג און געלערנט ביי פּריוואַטע לערער, בשעת דער מלחמה פאַרוואָגלט געוואָרן אַלס 11יעריקער יִנגל קיין סאַמאַרע, וואו באַזוכט די אָרטיקע גימנאַזיע און 1921 געענדיקט אַ סאָוועטישע אַרבעטסשול. דאַן צוריקגעקומען קיין ליטע און, היות די ליטווישע רעגירונג האָט ניט אָנערקענט קיין סאָוועטישע מאַטורע=אַטעסטאַטן, אַריין אין דער יִדישיסטישער גימנאַזיע אין ווילקאָמיר און נאָכן ענדיקן זי—1926 מיט איר אַטעסטאַט אָנגעקומען אין טולוזער אוניווערסיטעט אויף די אַגראָנאָמישע קורסן. אָנהייב 1927 אַוועק קיין יאָהאַנעסבורג, דרום=אַפריקע. — נאָך אין סאַמאַרע געשריבן רוסישע לידער אין שילער=זשורנאַלן, האָט פּ׳ דעביוטירט אין יידיש מיט אַ ריי לידער אין דער קאָוונער „אידישער שטימע‟ 1923, זינט דאַן זיך באַטייליקט אין די קאָוונער „בייס‟, „דאָס לעבן‟, אויך אין „ליט׳ בלעטער‟. צייכנט זיך באַזונדערס אויס מיט זיינע פּאָעמען=אידיליעס אויס דעם יידיש=ליטווישן לעבן (פון זיי ווערט די פּאָעמע „ביים זיידן‟ צוגעגרייט צום אַרויסגעבן אין בוכפאָרם אין קאָוונע), הגם אין זיי פילט זיך אַ געוויסע השפעה פון מ. קולבאַק.

י. מ. שערמאַן, „אידיליען דיכטער‟, אין „אפריקאנער‟, 1927, 15.

פראַנק אברהם (ז׳ אדר 1884 —) געב׳ אין מאַריאַמפּאָל, סוּוואַלקער געגנט. זיין פאָטער, שלמה, אַ זון פון דעם מאַריאַמפּאָלער רב ר׳ שבח, האָט זיך פאַרנומען מיט מסחר, הגם ער איז געווען דער מחבר פון „משנת שלמה‟ אויפן „תפארת ישראל‟ (געדרוקט אין די גרויסע משניותן פון פון ראָם). ביז צו 13 יאָר געלערנט אין חדר, דערנאָך אין בית=מדרש, גלייכצייטיק באַזוכט די שטאָטישע שול, שפּעטער באַקומען אַלס עקסטערן מאַטורע, 1904 אָנגעקומען אין אוניווערסיטעט אין נאַנסי, אין 3 יאָר אַרום איינגעלאַדן געוואָרן קיין א״י אַלס מנהל פון אַ שול אין רחובות, 1909 זיך באַזעצט אין וואַרשע, דאַן אָנגעהויבן זיין ליטעראַרישע טעטיקייט אין „היינט‟ מיט אַ סעריע פעליעטאָנען פון א״י=לעבן. שפּעטער זיך באַטייליקט אויך אין „מאָמענט‟, די וואָכנבלעטער „דער שטראַהל‟, „די וואָך‟, (א״פּ אופיר), „וואָכנבלאַט‟, אין די העברעיִשע „הצפירה‟, „השחר‟, „החבר‟, „הפרחים‟, „הנוער‟ (אַ גרעסערע מאָנאַגראַפיע צו דער געשיכטע פון העברעיִשן טעאַטער), „הכוכב‟, „היום‟, ווי אויך אין דעם רוסישן קינדער=זשורנאַל Юная Россія א״ר פון טיכאָמיראָוו און אין Разсвѣтъ. 1913 אין שליחות פון „מאָמענט‟ באַזוכט און באַשריבן די ישיבות (געררייזט צוזאַמען מיט ש. אַנ=סקי). אין בוכפאָרם פאַרעפנטלעכט: „כנור קטן‟— העברעיִשע לידער מיט נאָטן פאַר שול און קינדער=גאָרטן (פּ״ג „תושיה‟, 1909 ז״ז 32); Въ странѣ Пальмъ (פּ״ג שער=

מאַן, אָדעס, 1913, ז״ז 56); „בצר״ — אַ טרויער־שפּיל אין 3 אַ׳, יידיש־פ״ג „די צייט״, וואַרשע 1922, ז״ז 60); „שיחות ואגדות — לבני הנעורים״ (פ״ג „ברקאי״, וואַרשע, 1923 ז״ז 62). באַשעפטיקט אַלס אייגנטימער פון אַן אַפּטייק־לאַגער אין וואַרשע און רעדאַקטירט זינט 1923 דעם פאַך־זשורנאַל Przegląd Drogistowski, קאָרעספּאָנדירנדיק אויך אין California Jewish Review אין לאָס־אַנדזשעלעס.

פראַנק העלענע (31/VII 1872 —) געב׳ אין לאָנדאָן, אין אַן אַדעליקער קריסטלעכער פאַמיליע. איר פאָטער, פיליפּ, אַ ד״ר מעדיצין, איז געווען אַ זון פון אַ יידישן, ניט געטויפטן סוחר אויס מאַנטשעסטער, מאיר פ׳, וועלכער איז געקומען קיין ענגלאַנד פון דייטשלאַנד; איר מוטער, ליידי אַגנעס פ׳, געבוירענע גראָווענער (Grosvener), איז געווען אַ טאָכטער פון מאַרקיז פון וועסטמינסטער, אַזוי אַז העלענע פ׳ איז פאַרוואַנדט מיט דעם העכסטן ענגלישן אַדל. איר קינדהייט האָט העלענע טיילווייז פאַרבראַכט אין דרום־פראַנקרייך, וואו איר פאָטער האָט פּראַקטיצירט אַלס דאָקטאָר. דערצויגן אין קריסטלעכן גייסט, האָט זי איבערגענומען פון די עלטערן אַ ליבשאַפט צו דער ביבל און אין צוזאַמענהאַנג מיט איר טיילווייזער יידישער אָפּשטאַמונג און מיט איר נייגונג צו שפּראַכן האָט זי אָנגעהויבן צו לערנען העברעיש און זיך צו אינטערעסירן מיטן יידנטום, דאַן זיך פאַראינטערעסירט מיט יידיש, אונטער דער ווירקונג פון פּראָפ׳ לעאָ ווינערס „געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור״, אויפגעמונטערט פון ווינערן גופא, האָט זי זינט 1902 פאַרעפנטלעכט אין פאַרשיידענע ענגלישע צייטשריפטן, דערהויפּט אין Jewish Quarterly אַ״ר פון ד״ר ישראל אייבראַהאַמס אַ ריי אירע איבערזעצונגען פון יידישע שריפטשטעלער (שירים פון ש. פרוג, „די שחיטה־שטאָט״ און „דער מתמיד״ פון ח. נ. ביאַליק, י״ל גאָרדאָנס „יונגע יאָרן״, דערציילונגען פון אברהם רייזען א״א). אויך מיטגעאַרבעט אין לוסיען וואָלפס Jewish World, וואָס האָט אַ געוויסע צייט אויך געהאַט אַ יידישע ביילאַגע „די אידישע וועלט״. לויט דער איינלאַדונג פון דער Jewish Publication of America האָט זי איבערגעזעצט אַ בוך דערציילונגען פון י״ל פּרץ א״ט Stories and Pictures (נ״י—פילאַדעלפיע, 1906), אַרויסגעגעבן דאָ אַ אַנטאָלאָגיע פון 21 יידישע שריפטשטעלער א״ט Yiddish Tales (1912), זי האָט אויך איבערגעזעצט זייער פיל לידער פון מאָריס ראָזענפעלד, אָבער ניט פאַרעפנטלעכט. אירע אַרטיקלען איבער דער יידישער ליטעראַטור זיינען געווען געדרוקט אין דער צייטשריפט Nineteenth Century, אָקטאָבער 1904, און אין Jewish Literary Annual 1906. באַזיצנדיק גוט די יידישע שפּראַך, איז זי אַמאָל געשטאַנען אין אַ קאָרעספּאָנדענץ מיט די באַדייטנדיקסטע יידישע שריפטשטעלער, צ״אַ מיט יעקב דינעזאָן, י״ל פּרץ, אברהם רייזען. שפּעטער האָט זי זיך דערווייטערט פון דער ליטעראַרישער טעטיקייט און פון דער יידישער ליטעראַטור, זיך צוריקגעקערט צום שטודיום פון העברעיש, איבערגעזעצט אייניקע שירים פון ח. נ. ביאַליק, וואָס זיינען אַריין אין דער ענגלישער ביאַליק־אויסגאַבע פון ד״ר סאַלאָמאָן (לאָנדאָן, 1925), אַלס אָנהענגערין פון ציוניזם באַזוכט 1927 א״י.

פראַנק הערמאַן (18/XII 1892 —) געב׳ אין ביאַליסטאָק אין אַ סוחרישער פאַמיליע. זיין פאָטער וואָלף, אַ ייד אַ משכיל, איז געווען אַ

תלמיד פון אַברהם מאַפּו. אַ קורצע צייט
געלערנט אין חדר און שפּעטער אין דער
היים ביי מלמדים און לערער, גלייכצייַ=
טיק באַזוכנדיק די קאָמערץ=שול, וועלכע



געענדיקט 1910
מיט אַ גאָלדענער
מעדאַיל, 15—1911
שטודירט אין קיַ=
עווער קאָמערץ=
אינסטיטוט, גע=
בומען אַן אָנטייל
אין דער סטודענ=
טיש = ציוניסטי=
שער אָרגאַניזאַציע „החבר", די דייט=
שע אָקופּאַציע דורכגעמאַכט אין ביאַ=
ליסטאָק, וואו געווען טעטיק אין דער
יידישער אַרבעטער=באַוועגונג, צוזאַמען
מיט יעקב פּאַטן 1916 געגרינדעט די
„פּרץ=קינדערהיים", „פּאָלקס=טייהויז און
לעזעזאַל" א"אַ קולטור=אַנשטאַלטן; אַלס
סעקרעטאַר פון „צענטראַל=קאָנסום=פאַר=
אַיין" פאַרעפנטלעכט 1918 אַ פּאָפּולער=
וויסנשאַפטלעך בוך א"ט „דריי יאָר פון
דער ביאַליסטאָקער קאָנסום=קאָאָפּעראַ=
ציע" (1819, ז' 96, מיט אַ הקדמה, וואו
עס ווערט געגעבן אַן אויספירלעכע אי=
בערזיכט איבער קאָאָפּעראַציע בכלל און
קאָנסום=קאָאָפּעראַציע בפרט), אָפּט אויפ=
געטרעטן מיט לעקציעס אין דעם פון
אים סוף 1918 געגרינדעטן „זשיטלאָוו=
סקי=קלוב" (פאַרמאַכט פון דער פּויליַ=
שער מאַכט אין פעברואַר 1919). צוזאַ=
צוזאַמען מיט ס. בלאַנקשטיין אַלס פאַר=
וואַלטערס פון דער סטאַטיסטישער אָפּ=
טיילונג ביים ביאַליסטאָקער קהילה=ראַט
צונויפגעשטעלט אַ בוך „וועגן דער באַ=
וועגונג פון דער יידישער באַפעלקערונג
אין ביאַליסטאָק אין משך פון די לעצטע
10 יאָר — 1909—1919" (געבורטן, טויט=
פאַלן, חתונות און גטן — אויפן יסוד

פון מעטריקאַציע=אַרכיוו, מיט דיאַגראַמעס
און צייכענונגען; אַרויסגעגעבן פון דער
קהילה=פאַרוואַלטונג, ביאַליסטאָק, 1920).
גלייכצייטיק מיטגעאַרבעט אין דער לאָ=
קאַלער פּרעסע „דאָס נייע לעבן" און
Голос Бѣлостока, 1920—23 שטודירט
אין בערלין סאָציאַל=עקאָנאָמישע וויסנ=
שאַפטן און באַקומען דעם טיטל ד"ר
פאַר זיין סאָציאַל=עקאָנאָמישער דיסער=
טאַציע „ביאַליסטאָק אין שלום = און
מלחמה=צייטן". אין בערלין זיך פאַר=
נומען מיט ליטעראַרישער טעטיקייט
אויף יידיש, רוסיש און דייטש, פאַר=
עפנטלעכט אַ יידישע איבערזעצונג פון
ד"ר מאַרטין בובערס „דריי רעדען אי=
בער דאָס אידענטום" („יידישער פ"ג",
1921). רעדאַקטירט ב. ראָזענטאַלס יידי=
שע איבערז' פון גוסטאַוו לאַנדויערס
בוך „אויפרוף צום סאָציאַליזם" (וועלט=
פ"ג, בערלין, 1921, ז' 250, מיט פ'ס
אַ נאָכוואָרט „גוסטאַוו לאַנדויער — דער
מענטש, דער סאָציאַליסט, דער איד"),
אַרויסגעגעבן אַ אילוסטרירט ביכל „די
גריכישע חכמים" (פ"ג „פרדס", בערלין
1923, ז' 32, אָגעפירט מיט דעם רו=
סישן פ"ג „אַרגאָנויטען", רעדאַקטירט
דעם אַלמאַנאַך פון פ"ג, איבערזעצט פון
דייטש ד"ר ק. פּיאָרקאָווסקיס בוך „די
מענשליכע אינטעליגענץ" (אַריינפיר אין
די פּראָבלעמען פון דער פּראַקטישער
פּסיכאָלאָגיע). סוף 1923 אַוועק קיין
אַמעריקע, זיך באַזעצט אין נ"י, וואו
ער פאַרנעמט זיך מיט ליטעראַרישער
אַרבעט אין יידיש און ענגליש אַלס
מיטאַרבעטער פון דער אַרבעטער=פּרע=
סע, ווי „געריכטיגקייט", „פאָרטשריט",
„פ. א. ש." (צ"אַ אַ גרויסע אַרבעט „די
געזעצן פון סאָציאַלען פּראָגרעס",
„פריינד" (צ"אַ „אידישע אָרדענס אין
אַמעריקע"), „צוקונפט" (צ"אַ „אידישע
פאַרמעריי אין די פאַראייניגטע שטאַטען",

„דער אַנטיסעמיטיזם אין אַמעריקע"),
„פאָרווערטס", „וועקער" א"אַ, פון דער
„ביאַליסטאָקער שטימע" (צ"אַ אַ ריי אַר=
טיקלען וועגן ביאַליסטאָקער האַנדל און
פאַבריקאַציע), פון די זמ"ב „פרייע
שריפטן", פון Jewish Tribune א"אַ,
אויפטרעטנדיק דערהויפט מיט אַר=
טיקלען אויף עקאָנאָמישע און סאָציאַלע
טעמעס. האָט אויך איבערגעזעצט פון
רוסיש אויף ענגליש מ. גערשענזאָנס
בוך „דער קוואַל פון גלויבן" (פ"ג
.(The Macmillan Co

פראַנק נימן (1889—)
געב' אין מאַריאַמפּאָל, סוואַלקער געגנט,
אַלס זון פון יואש פ'. באַקומען אַ יידי=
שע דערציִונג אין חדר=מתוקן, איז ער
צו 14—15 יאָר
אַוועקגעשיקט גע=
וואָרן קיין א"י,
עטלעכע יאָר גע=
לערנט אין דער
אַגריקולטור=שול
פון דער „אַליאַנס
איזראַעליט", דער=
נאָך געווען בוכ=

האַלטער אין דער „פּראָפעסיאָנעלער שול"
פון דער „אַליאַנס" אין ירושלים, אין
דער „באַנק קרעדי ליאָנע" אין קאַיִראָ,
וואו צוזאַמען מיט חברים געגרינדעט
אַ „פילאָדראַמאַטישן פאַראיין", וואָס האָט
אויפגעפירט יידישע פיעסן, דערהויפט
פון יעקב גאָרדין מיט פ'ס אָנטייל אַלס
אַמאַטאָר. 3 יאָר פאַרבראַכט אין קאַיִראָ,
האָט ער אַ געוויסע צייט געלעבט אין
אַלעקסאַנדריע, זיך דערהויפט אָפּגעגעבנ=
דיק מיט טעאַטראַלישער טעטיקייט. שפּע=
טער זיך באַזעצט אין פּאַריז. נאָך אַלס
ייִנגל געשריבן אין העברעיִש און שפּע=
טער אין קאַיִראָ זיך באַטייליקט מיט
ליטעראַרישע כראָניקעס אין דער פראַנ=
צויזישער פרעסע, בפרט Bource Egyp-
tiena. 1911 פאַרעפנטלעכט אַן איינאַקטער
„דער זיעג / אַ לעבנס=בילד" (אַרויסגעבער
וואָלף שפייזער, פּאַריז, ז' 16), 1913—14
האָט ער אָנגעהויבן זיין זשורנאַליסטישע
טעטיקייט אין יידיש אַלס קאָרעספּאָנ=
דענט פון פּאַריז, דאַן געגומען אַן אָנ=
טייל אין אברהם רייזענס וואָכנבלאַט
„דער נייער זשורנאַל". זינט 1915 פּאַ=
ריזער קאָרעספּאָנדענט פון דער לאָנדאָ=
נער „צייט", וואו ער האָט אויך פאַר=
עפנטלעכט אַ סעריע „גן=עדן=מעשהלעך",
צו וועלכע ד"ר מאַקס נאָרדוי האָט גע=
שריבן זייער אַ וואַרעמע הסכמה (אין
בוכפאָרם נאָך ניט ערשינען). זינט 1922
דרוקט ער אויך זיינע פּאַריזער בריוו
אויף פּאָליטישע, געזעלשאַפטלעכע און
ליטעראַריש=קינסטלערישע טעמעס אין
נ"יער„ טאָג", ווי אויך אין דעם וואַרשע=
ווער „מאָמענט" א"אַ, באַטייליקט זיך
פון צייט צו צייט אויך אין דער פראַנ=
צויזישער און פראַנצויזיש=יידישער פרע=
סע. 19/I 1923 אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן
מיט נ. בלומענטאַל אַלס אַדמיניסטראַ=
טאָר „דאָס פּאַריזער לעבן / וואָכענבלאַט
געווידמעט די פּאַריזער אידישע אינטע=
רעסען", ביי דער מיטאַרבעט פון ד. רצ=
פּאָפּאָרט, נ. הערמאַן א"אַ, נאָך דער אָפּ=
שטעלונג פון דעם וואָכנבלאַט זיך באַ=
טייליקט אין די „פּאַריזער בלעטער"
(צוערשט אַ וואָכנבלאַט, דערנאָך אַ טאָג=
בלאַט), לעצטנס אויך אַ מיטאַרבעטער
פון דעם „פּאַריזער היינט". אין בראָ=
שורפאָרם אַרויסגעגעבן: „באָן / די גע=
בורטשטאָט פון בעטהאָווען / רייזע=איינ=
דרוקן" (פּאַריז, 1922, ז' 16) און „פּאַרי=
זער מאָטיוועז" (פּאַריז, 1924, ז' 78).
נאָך ניט אַרויס אין בוכפאָרם זיין סע=
ריע בריוו „אַלטע יידישע שטעט אין
דייטשלאַנד", אין כתב=יד אַן אָריגינע=
לער ראָמאַן „ראַשעל"—אויס דעם לעבן

פון דער גרויסער פראַנצויזיש=יידישער טראַגיקערין, אַ יידישע איבערזעצונג פון עמיל זאָלאַס לירישער פּאָעמע „דער שטורעם”, וואָס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן ערשט נאָך זאָלאַס טויט.

פראָסטיג משה (6/XI 1887 — געב' אין זשאָלקיעוו, מזרח=גאַליציע — זיין פאָטער קאָפקע (יעקב) איז געוועזן אַ שענקער. ביז 11 יאָר געלערנט אין חדר, דערנאָך באַזוכט אַ פוילישע גימנאַזיע אין לעמבערג און געענדיקט דעם יורידישן פאַקולטעט פון לעמבערגער אוניווערסיטעט. זיין זשורנאַליסטישע טעטיקייט האָט ער אָנגעהויבן 1905 אין די ציוניסטיש=פוילישע אָרגאַנען Wschód און Moriah (די לעצטע צייטשריפט — פאַר דער יוגנט — האָט ער אויך רעדאַקטירט 1907) און אין לעמבערגער „טאָגבלאַט” א״ר פון משה קליינמאַן. 1909 האָט ער איבערגענומען די שעף=רעדאַקציע פון „טאָגבלאַט” און געפירט די צייטונג ביז זי האָט זיך 1926 צָפּגעשטעלט, מיט אַ הפסקה פון די 4 מלחמה=יאָרן, בשעת וועלכע ער איז אַלס עסטרייכישער בירגער געוועזן אינטערנירט אין ענגלאַנד. אין די יאָרן 1909 — 13 האָט ער אויך אַרויסגעגעבן ליטעראַריש=וויסנשאַפטלעכע יאָרביכער א״ט „יודישער קאַלענדער”, וועלכע זיינען געוועזן אַ מין המשך פון גרשם באַדערס „פאָלקסקאַלענדער”. נאָך דער באַנייונג פון אַ יידיש טאָגבלאַט אין לעמבערג א״ט „דער מאָרגען” איז ער שעף=רעדאַקטאָר פון דער צייטונג און שרייבט זייער פיל פובליציסטישע אַרטיקלען און



נאָטיצן, וועלכע ווערן אויך איבערגעדרוקט אין די פאַרשיידענע יידישע פּראָווינץ=צייטונגען פון פוילן. ער האָט זיך אויך באַטייליקט אין אַנדערע ציוניסטישע אָרגאַנען פון פוילן און גאַליציע, זינט 1913 געוועזן גאַליצישער קאָרעספּאָנדענט פון „וואַרהייט” און פון „טאָג” אין נ״י, די לעצטע יאָרן — פון „מאָרגען זשורנאַל”. פאַרעפנטלעכט אַ ריי בראָשורן, ווי „די אידישע עקאָנאָמיק און דער ציוניזמוס” (צוערשט געדרוקט אין „אידישען קעמפּפער”, נ״י), „די שענקער=פראַגע”, „איבער דעם פועלי=ציוניזמוס” א״אַ. אין זיין בראָשור „די פאָלקס צעהלונג און איהר בעדייטונג פאַר יודען” („פּ״ג פונ׳ם ציוניסטישען צענטראַל=קאָמיטע” אַלס I ב' פון אַ „יודישער פאָלקסביבליאָטעק”, לעמבערג, 1910, ז' 61, 3טע אויפלאַגע 20000—30000 עקז') איז ער נאָך אַרויסגעטרעטן פאַר יידיש. אַלס איינער פון די פירער פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין גאַליציע איז ער 1922 אויסגעוויילט געוואָרן אין סיים און האָט געהערט צו די טעטיקסטע מיטגלידער פון „יידישן קאָלאָ”, דערהויפּט אויפן עקאָנאָמישן געביט.

פרוג שמעון=שמואל (1860 * — 22/IX 1916) געב' אין באָבראָווי=קוט, איינער פון די ערשטע יידישע ערד=אַרבעטער=קאָלאָניעס אין כערסאָנער גוב', געגרינדעט אין די צייטן פון ניקאָלאַי I (איצט איז עס צוזאַמען מיט דער קאָלאָניע שדה=מנוחה אָדער קאַלינינדאָרף דער צענטער פון דעם ערשטן אַוטאָנאָמען יידישן ראַיאָן אין ראַטנפאַרבאַנד).

* לויט דער יידישער צייטרעכענונג — אין תרכ״א, אלזא אין די לעצטע חדשים פון יאָר 1860. די דאַטע תרכ״ב, וואָס ווערט אָנגעגעבן אין „דור רבניו וסופריו”, ח' ב, איז, ווייזט אויס, אַ פאַלשע.

פ׳ס זיידע איז געווען אײנער פון די ערשטע אויסוואַנדערער פון מאָהליעוו אין די ניי-געגרינדעטע יידישע קאָלאָניעס זיין פאָטער, משה-צבי, האָט ביז 14 יאָר געלערנט אין חדר, דאַן חתונה געהאַט, אָבער אין אַ האַלב יאָר אַרום אָפּגעגט דאָס ווייב און אַוועקגעלאָזט זיך זוכן אַ תכלית; פון קינדווייז אויף

אַ שוואַכער, ניט פעיק צו ערדאַרבעט און אָן מיטלען צום האַנדלען, האָט ער אין דער נאָענטסטער שטאָט בעריסלאַוו אין משך פון אַ פאָר יאָר געגעבן אין באַלעבאַטישע הייזער „יידישע שטונדן" — פון א"ב ביז חומש און לייענען און שרייבן יידיש, גלייכצייטיק אַליין זיך געלערנט רוסיש, אויפן 17טן יאָר צוריקגעקומען קיין באָבראָווי-קוט, וואו געוואָרן אַ שרייבער אין דער דאָרפספאַרוואַלטונג („פריקאַז") צוערשט פאַר אַ געהאַלט פון 20 רובל אַ חודש, וועלכעס קהל האָט שפעטער געהעכערט ביז 42 רובל — יענע צייטן אַ גאַנצער קאַפּיטאַל; דערצו האָט ער אויך געהאַט זייטיקע הכנסות, אַזוי אַז אין אַ יאָר 10 אַרום איינגעאָרדנט אַ באַלעבאַטישקייט און דאַן אויך צום צווייטן מאָל חתונה געהאַט מיט פ׳ס מוטער, אַ סך אַ יינגערער פון אים. פ׳ איז ביי די עלטערן געווען אַ „ציטערדיק קינד", דאָס ערשטע, וואָס איז לעבן געבליבן (די פיר קינדער וואָס פאַר אים זיינען קליינערהייט געשטאָרבן); דער רבי ר׳ מענדעלע ליבאַוויטשער האָט אויף אים תפילה געטאָן, געשיקט פאַר אים דורך זיין משולח ר׳ הילל פאַרעצער אַ אייגנהענטיק געשריבענע קמיע, דער טאַטע האָט נאָך זיין געבורט געלאָזט אַ ספר שרייבן, די מוטער האָט אויפגענייט סאַמעטענע מענטעלעך מיט גאָלד און גאַנץ באָבראָווי-קוט איז געווען אויף דער ברייט אַראַנזשירטער סעודה אאַז"וו.

צו 6–5 יאָר האָט פ׳ אָנגעהויבן צו גיין אין חדר, פון וואַנען ער האָט „אַרויסגעטראָגן" עפּעס אַ מטושטשע השגה פון אַ „ביצה שנולדה ביום טוב", פון אַ „שור שנגח", פון „דער מלכה פון די שדים, וועלכע מאַכט אַ שפּאַציר איבער דער וועלט ביינאַכט, באַגלייט פון פערציק טויזנט מאַן חייל" אאַז"וו אאַז"וו. „אָבער איך האָב געהאַט דאָס גליק זיך צו פאַרקאָכן אין דער העברעישער שפּראַך — שרייבט פ׳ אין זיין אַוטאָביאָגראַפישער נאָטיץ — איך האָב ליב באַקומען די נביאים מיט אַלע כוחות פון מיין יונגער נשמה; איך האָב זיי פאַרגעטערט. אין חדר האָט מען מיט מיר אַפילו יאָ געלערנט תנך, אָבער צוליב דעם געוויסן מעטאָדיום פון אונזערע מלמדים בכלל האָב איך געקאָנט אַרויסטראָגן זייער ווייניק. האָב איך זיך אַליין גענומען צום לערנען די נביאים און דיקדוק. ווי שווער דאָס איז ניט געווען פאַר מיר צוליב דעם פעלן פון יעטווידער זייטיקער הילף, האָב איך פונדעסטוועגן געהאַט אַ גוטע פעולה און איך קען אויף זיכער זאָגן, אַז די ערשטע מעגלעכקייט צו פילן און צו דענקען, וואָס דער חדר האָט ווייט אין מיר ניט געקענט אַנטוויקלען, האָב איך צו פאַרדאַנקען אויסשליסלעך יענער טיפער אַלצאַרומנעמענדיקער פּאָעזיע, מיט וועלכער עס זיינען אַזוי פול די נביאים — ישעיה, יחזקאל א"אַ". 1869, ווען אין די יידישע קאָלאָניעס זיינען געגרינדעט געוואָרן די ערשטע רוסישע שולן, איז

פ׳ אויך אָנגעקומען אין ד ר באָבראָווי=
קוטער שול, וואו ער האָט פאַרבראַכט 4
יאָר, באַקומען עלעמענטאַרע ידיעות אין
רוסישער גראַמאַטיק, אַריטמעטיק און
געקענט לייענען און שרייבן (די פּראָ=
גראַם פון די דאָזיקע שולן איז געווען
אַ ברייטערע, אָבער פ׳ן איז אויסגעקו=
מען צו לערנען ביי אַזעלכע לערער,
וואָס זייבען אַליין אין דעם פּרט ניט
אַוועק ווייטער איידער ער). נאָכן ענדיקן
די שול איז פ׳ געבליבן לעבן ביים
פאָטער, פאַרפולקומענדיק זיין זעלבסט=
בילדונג סיי אין רוסיש סיי אין העב=
רעיש. דער פאָטער זיינער, אַ כראָניש
קראַנקער, איז ניט פעיק געווען צו אַרבעטן
אַליין אין פעלד, און דערצו נאָך איז
ער בדיל=הדל געוואָרן פון די אומגערע=
טענישן אין משך פון 5—6 יאָר כסדר,
אַזוי אַז דער יינגל פ׳ האָט געמוזט
אָנהייבן צו טראַכטן וועגן אַ תכלית, און
צו 15 יאָר האָט מען אים אָפּגעפירט
קיין כערסאָן און צוליב זיין שיינער
האַנטשריפט אָפּגעגעבן פאַר אַ שרייבער
אין דער קאַנצעלאַריע פון דעם ראַבינער
פעסקער, וועלכער האָט צוגעזאָגט „צו
מאַכן פון אים אַ לייט״, אָבער ניט דער
ראַבינער, ניט די סביבה פון דער שטודירנ=
דיקער יוגנט סיי דער רוסישער סיי דער
יידישער האָבן געקענט האָבן אַ גינסטיקע
ווירקונג אויף זיין אַנטוויקלונג, און ער
האָט אַליין זיך געמוזט דורכשלאָגן אַ וועג.
דאָך האָט ער אַדאַנק זיין אַרבעט אין
דער ראַבינער=קאַנצעלאַריע געהאַט די
געלעגנהייט זיך צו באַקענען מיט דעם
לעבן פון דער אָרעמער גרויסשטעטישער
יידישער באַפעלקערונג. צו יענער צייט
געהערן זיינע ערשטע פרוון צו שרייבן
רוסישע לידער. דורך אַ צופאַל האָט ער
זיך באַקענט מיט אַ קליינעם רוסישן
באַאַמטן אין כערסאָן, וועלכער איז גע=
ווען קאָרעקטאָר אין די אָרטיקע Губерн-
скія Вѣдомости און האָט פון צייט צו
צייט אויך קאָרעספּאָנדירט אין די אָדע=
סער רוסישע צייטונגען, און ער איז עס
געווען דער ערשטער, וואָס איז אויפ=
מערקזאַם געוואָרן אויף דעם טאַלענט
פון דעם יונגן יידישן בחור און אים
געלערנט די כללים פון דער פּאָעטיק.
1880 האָט פ׳ דעביוטירט אין דעם רוסיש=
יידישן וואָכנבלאַט Разсвѣтъ מיט אַ פּאָר
שירים, צ״אַ Къ ребенку, וועלכע האָבן
געמאַכט אַ גרויסן רושם, און די מיטגלי=
דער פון דער רעדאַקציאָנעלער קאָלעגיע
פון Разсвѣтъ, צווישן וועלכע עס זיינען
געווען מאַרק וואַרשאַווסקי, ג. באָגראָוו,
יעקב ראָזענפעלד, נ. מינסקי=ווילענקין
א״אַ, האָבן זיך גלייך פאַראינטערעסירט
מיט דעם ביזאַהער אומבאַקאַנטן דיכטער,
אַרויסגעפאָדערט ביי אים פּרטים פון
זיין ביאָגראַפיע און דאַן אים איינגע=
לאַדן צו קומען קיין פּט״ב. דאָרט האָט
פ׳ זיך באַפריינדעט מיט ד״ר י״ל קאַנ=
טאָר און ד״ר י״ל קאַצענעלסאָן, יהודה=
לייב גאָרדאָן (וועלכער האָט אים שפּע=
טער אין זיין שיר אין „האסיף״ 1884
געקרוינט פאַר זיין יורש). די נייע סביבה
האָט פיל מיטגעווירקט אין זיין אַנטוויקלונג,
און מען האָט אין די יידישע קרייזן פון
דער דעמאָלטיקער רוסישער רעזידענץ גע=
לייגט די גרעסטע האָפענונגען אויף דעם
יונגן דיכטער. צו יענער צייט האָט אויף
דעם רוף פון אַ נאַציאָנאַלן יידישן דיכטער
אין רוסיש פּרעטענדירט מ. אַבראַמאָוויטש,
דער זון פון מענדעלע מוכר=ספרים (אגב
דער רוסישער איבערז׳ פון די „קליאַטשע״).
ד״ר קאַנטאָר האָט דאַן ביידע דיכטער
אויפגעגעבן אַ קאָנקורס=טעמע — אָנצו=
שרייבן אַ שיר אויף דעם סיוזשעט פון
דעם בעכער מיט טרערן. די לידער פון
ביידע דיכטער זיינען פאַרעפנטלעכט גע=

וואָרן אין Рус. Еврей 1882, 52, און פ׳ איז אָנערקענט געוואָרן אַלס דער יידיש=נאַציאָנאַלער דיכטער אין דער רוסישער שפּראַך. ניט האָבנדיק קיין וואוינרעכט אין פּט"ב, איז פ׳ צוגעשריבן געוואָרן פון זיין נאָענטן פריינד, דעם קאַנדידאַט פון יוסטיץ מאַרק ווארשאַווסקי אַלס לאַקיי. צוליב אַ סיכסוך צווישן וואַר=שאַווסקין מיטן פּאָליציי=שעף פון פּט"ב, האָט דער לעצטער אַרויסגעגעבן אַ באַפעל אַרויסצושיקן דעם שוין דאַן באַרימטן דיכטער פון פּט"ב אין משך פון 24 שעה, און ערשט אַדאַנק דער השתדלות פון דעם פּט"ב׳ער שטאָט=פּרעזידענט און דעם רוסישן „ליטעראַטור=פאָנד" איז אים דער=לויבט געוואָרן צו בלייבן אין דער צאַרי=שער רעזידענץ. אַחוץ די צרות מיט וואוינרעכט האָט פ׳ אויך שטאַרק גע=ליטן מאַטעריעל, און ער האָט די ערשטע צייט געמוזט אָננעמען אַ שטעלע אַלס שריפטפירער אין דער „חברה מפיצי השכלה" פאַר 25 רובל אַ חודש. אַ ביסל האָט זיך זיין לאַגע פאַרבעסערט, ווען עס האָט אָנגעהויבן אַרויסצוגיין דער Восходъ, וואו ער האָט פיל געדרוקט— לידער אין די מאָנאַטסביכער פון דעם זשורנאַל און פעליעטאָנען אין דער וועכנט=לעכער אויסגאַבע. דערצו האָט ער אויך אָנגעהויבן מיטצואַרבעטן אין „יודישען פאָלקסבלאַט", האָט אויך געדרוקט לידער אין די אַלגעמיינע רוסישע זשורנאַלן, ווי Вѣстникъ Европы, Русская Мысль, Недѣля א"א. געהאַט אַ געוויסע הכנסה פון זיינע רוסישע ביכער, וואָס האָבן אויסגעהאַלטן אַ ריי אויפלאַגעס. ווען ד"ר שמואל גרוזענבערג, דער פאַקטישער רעדאַקטאָר פון Восходъ אין די 90קער יאָרן און זיין לייטאַרטיקלער, האָט 1900 געגרינדעט אַ נייעם רוסיש=יידישן אָרגאַן Будущность, איז צו אים צוגעשטאַנען פ׳, וואָס איז אויך געווען באַליידיקט פון דער נייער Восходъ=גרופּע, וועלכע האָט געהאַלטן אין אָפּקויפן די צייט=שריפט ביי לאַנדויען, און ער איז גע=וואָרן סעקרעטאַר פון דער רעדאַקציע פאַר אַ געהאַלט פון 50 רובל אַ חודש. געדרוקט אויך דאָרט זיינע נייע ציון=שירים, אָבער אין אַ יאָר צוויי אַרום—ווען די Будущность, וואָס האָט ניט באַפרי=דיקט ניט די ציוניסטן ניט די אַסימילאַ=טאָרן און משכילים, האָט איינגעשלונגען גרוזענבערגס גאַנץ פאַרמעגן און ער האָט פ׳ן ניט געקענט אויסצאָלן אַפילו די אָרעמע שכירות, האָט פ׳ פאַרלאָזט די שטעלע און איז געצוואונגען געווען אַריינצוטרעטן אַלס מיטאַרבעטער אין דער רוסישער בולוואַר=צייטונג Петер-бургскій Листокъ, וואו ער האָט גע=שריבן וועכנטלעכע פעליעטאָנען א"פּ קאַפּיטאַן קוק פאַר אַ געהאַלט פון 800 רובל אַ חודש. ער האָט אָבער מאָראַליש שווער געליטן, וואָס ער האָט צוליב חיונה געמוזט פאַרקויפן זיין פעדער און אין 2 יאָר אַרום האָט ער זיך אָפּגע=זאָגט פון דער „גלענצנדער" שטעלע. האָט די ערשטע צייט געלעבט פון דעם, וואָס ער האָט אָפּגעשפּאָרט, האָט אויך פיל געשריבן אין „פריינד" און אין דער רוסיש=יידישער פרעסע. אַחוץ דער מאַטעריעלער נויט, האָט פ׳ פיינלעך איבערגעלעבט די טראַגעדיע פון אַ דיכ=טער, וואָס זיין טאַלענט גייט אַלץ אַרונ=טער און אַרונטער, בלויז זעלטן זיך דערהייבנדיק צו דער מדרגה פון זיין שאַפן אין זיין גלאַנץ=פעריאָד. דאָס אַלץ, צוזאַמען מיט דעם געפיל, אַז ער איז פאַרלאָזן פון דער יידישער געזעלשאַפט אין זיין נויט, האָט אים פאַרביטערט און באַוואויגן צוריקצוציען זיך אַלץ מער אין די ד׳ אמות פון זיין הויז, וואו די

צערטלעכע ליבשאַפט פון זיין פרוי האָט
אים פאַרלייכטערט די שווערע איבער=
לעבונגען. אָבער אַפילו דאָס פאַמיליען=
לעבן איז פאַר פ׳ן אויך געווען פאַר=
בונדן מיט אַ טראַגעדיע. שיין, הויך גע=
וואַקסן, קלוג און וויציק, מיט אַזאַ נאָמען
אַלס פּאָעט, האָט ער געהאַט גרויס ער=
פאָלג ביי פרויען, און כאָטש ער איז
אין פּט״ב ניט געווען גלענצנד איינגע=
אָרדנט, האָט מען אים גערעדט שידוכים
מיט זייער רייכע יידישע טעכטער; דער
דיכטער אָבער האָט זיך פאַרליבט אין דער
קינדער=פרײלין פון ד״ר י״ל קאַנטאָר, ביי
וועמען ער האָט געוואוינט — יעוודאָקיאַ
אילאַינישנאַ פּראָלאָוואַ, אַ רוסין, זייער
אַ שיינע און מיט אַ גוטן כאַראַקטער,
און ער האָט זיך פאַרבונדן מיט איר
אויפן גאַנצן לעבן, האָט געזאָרגט פאַר
איר אַנטוויקלונג (שפּעטער האָט זי גע=
ענדיקט אַן אַקושערינשול, כדי צו האָבן
אַ פאַך אין דער האַנט); לויט דעם
דעמאָלטיקן צאַרישן געזעץ, האָט זי ניט
געקענט זיך מגייר זיין, און אַז ער זאָל זיך
אָפּזאָגן פון יידנטום אַפילו צוליב זיין
געליבטער — דערפון האָט, פאַרשטייט
זיך, ניט געקענט זיין קיין קלער, אַזוי
אַז די דאָזיקע אומשטענדן האָבן נאָך
מער אים דערווייטערט פון אַ לעבעדיקן
קאָנטאַקט מיט דער יידישער סביבה.
אַרום 1906 איז פ׳ קראַנק געוואָרן אויף
די נירן און ער האָט סוף=כל=סוף גע=
מוזט פאַרלאָזן דאָס קאַלטע פּעטערבורג,
וואו ער האָט אָפּגעלעבט 28 יאָר; דעם
8טן יוני 1909 איז ער אַוועקגעפאָרן
קיין אָדעס, וואו ער איז געווען באַשעפ=
טיקט אַלס אינספּעקטאָר פון אַ פאַרזי=
כערונגס=געזעלשאַפט (נאָך פריער, אין
פּט״ב, האָט ער שוין אין משך פון אַ פּאָר
יאָר זיך פאַרנומען מיט דער דאָזיקער
פּראָפעסיע, ניט צו דאַרפן זיך אַזוי

מאַטערן מיט דער ליטעראַטור=פרנסה).
צו יענער צייט האָט ער אויך געמאַכט
אַ טורנע איבער די שטעט פון יידישן
תחום, וואו ער איז אויפגעטרעטן אויף
ליטעראַרישע אָוונטן מיט רעציטאַציעס
פון זיינע לידער אין רוסיש און יידיש,
און די באַרירונג מיט די לעבעדיקע
יידישע פאָלקסמאַסן, פון וועלכע ער איז
כמעט זיין גאַנץ רייף לעבן געווען אָפּ=
געריסן, די באַגייסטערונג פון דער אינ=
טעליגענץ האָבן דעם מידן אינערלעך
געבראָכענעם דיכטער אַ ביסל אויפגע=
מונטערט, אָבער ניט אויף לאַנג. דערנאָך
איז געקומען דער טויט פון זיין איינ=
ציקער, הייסגעליבטער 13יעריקער טאָכ=
טער, וואָס האָט אים אינגאַנצן דערשלאָגן,
די נירנקראַנקהייט האָט זיך געשטאַרקט,
ער האָט געמוזט דורכמאַכן אַ גאַנצע ריי
שמערצלעכע אָפּעראַציעס, האָט שוין
כמעט ווי אויפגעהערט צו שרייבן אין
רוסיש, בלויז אויף יידיש געשריבן זיינע
זכרונות, אויפן קראַנקנבעט מיט אַ מאָד=
נעם אימפּעט זיך גענומען פאַרפולקומען
אין העברעיש און אַ פּאָר טעג פאַר זיין
טויט איבערראַשט אַלע זיינע אָדעסער
פריינד, ווי ח. נ. ביאַליקן, י. ח. ראַב=
ניצקין, דוד פרישמאַנען, מיט זיינע העב=
רעישע שירים „על ערש דוי״, די לעצטע
ווערק, וואָס זיינען אַרויס פון זיין פעדער.
צענדלינגער טויזנטער מענטשן פון די
פאַרשיידנסטע קרייזן און שיכטן האָבן
באַלייט דעם דיכטער צו דער אייביקער
רו; זיין ארון האָבן געטראָגן ביאַליק,
קלויזנער, דוד פרישמאַן, מ. ספּעקטאָר,
י. ראַבניצקי א״אַ; צוליב דער מיליטע=
רישער צענזור, וואָס האָט געדאַרפט
געבן איר הסכמה אויף די רעדעס,
זיינען די רעדעס ניט געהאַלטן געוואָרן.
זיין אלמנה, וואָס איז געווען פאַר אים
אַן אמתער מלאך=הגואל, איז געבליבן

אָן שום מיטלען צום לעבן און איז אין אַ פּאָר יאָר אַרום געשטאָרבן עלנט און פאַרלאָזן. פון דעם פלאַן פון אַ גרופּע אָדעסער כלל-טוער אַרויסצוגעבן אַלע ווערק פון פ׳ אין רוסיש, העברעיש און יידיש איז אויך גאָרניט געוואָרן, און ס׳איז אויך ניט באַקאַנט, וואו עס איז אַהינגעקומען דער עזבון פון פ׳ — דעם אַמאָל באַרימטסטן רוסיש-יידישן דיכטער.

פ׳ אין דער רוסישער שפּראַך רעכנט זיך פאַר דעם באַדייטנדסטן יידישן-נאַציאָנאַלן דיכטער. די לעבעדיקע לייכטע שפּראַך, דער מוזיקאַלישער פערז און די אויפריכטיקייט און האַרציקייט פון זיינע שירים האָבן אים געשאַפן אַ היבשן קרייז לעזער. דערצויגן אויף די בעסטע טראַדיציעס פון דער השכלה, איז ער אונטער דעם רושם פון די פּאָגראָמען פון 1881 געוואָרן דער „זינגער פון דעם געיאָגטן פאָלק" און דער באַגייסטערטסטער אויסדריקער פון די געפילן פון ביטערקייט און יאוש, וואָס האָבן באַהערשט די יידישע אינטעליגענץ נאָך דעם בראָך פון אירע אידעאַלן. פ׳ האָט זיך אויף אַזוי פיל דורכגעדרונגען מיט דעם פאָלקס ליידן און פריידן, אַז ביי אים, דעם ליריקער אין תוך, איז ניט געבליבן קיין אָרט פאַר פערזענלעכע איבערלעבונגען, פאַר די רעגונגען פון דער אייגענער נשמה. אין די לפי-ערך ווייניקע שירים, וואו די דאָזיקע דערשטיקטע עמאָציעס רייסן זיך אַדורך, קומט פ׳ פאָר קאַלט, מליצהדיק און אָן אייגנאַרטיקייט. דערפאַר קלינגט נאָך שטאַרקער זיין פערז, ווען ער באַוויינט דעם גורל פון דעם גערודפטן פאָלק. אין דער ליריק פון נביאישן זשאַנר האָט פ׳ דערגרייכט דעם פולסטן אויסדרוק פון זיין טאַלענט, דער פּאַטאָס זיינער האָט דאָ באַקומען די בעסטע אָנווענדונג. דורכגעדרונגען מיט דעם גייסט פון די נביאים, האָט ער באַוויזן צו באַהערשן אויך דעם גייסט פון זייער שפּראַך און געגעבן גלענצנדע מוסטערן פון נאָכאַמונגען די דאָזיקע טריבונען פון פאָלקס-צער. דורך דער גאַנצער שאַפונג זיינער קלינגט דער לייט-מאָטיוו: „צוויי קנינים האָט מיר דער גורל געגעבן: דעם דאָרשט נאָך פרייהייט און די מערכה פון אַ שקלאַף".

אונטער די קלעפּ פון מזל האָט פ׳ס מוזע זיך געבייגט דאָ אין איין זייט דאָ אין דער צווייטער, אָפט געוואָרן אָפּהענטיק אין קאַמף, אָבער אַלץ ווידער און ווידער געשעפּט נייע כוחות און בטחון אין דער באַהעפטונג מיט דער נאַציאָנאַלער באַוועגונג אין איר ענגן זין — מיט דעם ציוניזם און העברעיזם, פון וועלכע פ׳ איז געווען דער געשוואָרענער זינגער.

פ׳ האָט אויך אָנגעשריבן אַ ריי עפּישע ווערק אין דער פאָרם פון באַלאַדעס, אידיליעס, לירישע פּאָעמעס, וואָס די קריטיק האָט זיי געהאַלטן פאַר שוואַכער ווי זיינע לירישע שאַפונגען, ווייל אין זיי פילט זיך אַ געוויסע איינטעניקייט פון דער אַרכיטעקטאָניק, טיילמאָל — אַ אָנהויפונג פון בילדער און ס׳פעלט די אָריגינאַליטעט פון געדאַנק, וואָס איז אייגנטימלעך פ׳ס לידער; אַפילו די פאַרביקע שפּראַך ווערט דאָ עפּעס בלאַסער. אָבער אויך אַלס עפּיקער האָט פ׳ גרויסע פאַרדינסטן פאַר דער רוסיש-יידישער פּאָעזיע, און אַחוץ זייער קינסטלערישן ווערט האָבן די מאָטיוון פון זיינע עפּישע ווערק, געשעפּט פון תנך, תלמוד, מדרש, זוהר, יידישער געשיכטע און פאָלקסלעגענדע, בשעתם געהאַט אַ גרויסע נאַציאָנאַל-דערציערישע באַדייטונג אויף זיין רוסיפיצירטער אוידיטאָריע, וועלכע האָט זיך דורך זיי באַקענט מיט דער יידישער

פאָלקסשאַפונג. ער איז אויך געווען דער ערשטער דיכטער אפשר, וואָס האָט אויסגעניצט סיוזשעטן פון יידישן מיטלעלטער אַלס רייכן קוואַל פון פּאָעטישער איבערשאַפונג. שפּעטער האָט פ׳ זיך אָפּגעגעבן דער ליטעראַטור פון לייכטערן זשאַנר, געשריבן לידלעך און פעליעטאָנען מעניני דיומא; אין זיינע ערשטע ווערק פון דעם מין האָט זיך אַרויסבאַוויזן די ווירקונג פון היינריך היינע; דערנאָך האָט ער זיך באַפרייט פון דער דאָזיקער ווירקונג און אַפילו אויסגעאַרבעט אַן אייגענעם סטיל, פּאַריידישנדיק זיין לייכטע און בייגעוודיקע רוסישע שפּראַך דורך יידישלעכע ווענדונגען און ווערטלעך. אַפילו הינטער דער לפנימדיקער אומענדלעך לוסטיקער גוטמוטיקייט פון די דאָזיקע זאַכן פּ׳ס פילט זיך אויך דאָס ביטערניש פון דעם דיכטערס אַנגעווייטאָגטער נשמה. אין זיינע רוסישע ווערק, וואָס זיינען צונויפגעזאַמלט א״ט „עסקיזן און מעשהלעך״, „באַגעגענישן און איינדרוקן״, סקיצירט דער דיכטער מיט אַן אומעטיקן שמייכל די אָריגינעלע טיפּן און סצענעס פון זיין היימישער „שמורנעווקע״ און „גרוינאַווקע״ אויפן שיידוועג פון קולטור־היסטאָרישע תקופות. אין דער אַלגעמיינער רוסישער ליטעראַטור פאַרנעמט פּ׳ קיין אָרט ניט, אָבער אין דער רוסיש־יידישער פּאָעזיע האָט ער געהאַט אַ סך נאָכאַמער און קיינער פון די רוסיש־יידישע דיכטער איז ניט געווען אַזוי פּאָפּולער, ניט געהאַט אַזאַ ווירקונג אויף דער רוסיפיצירטער יידישער יוגנט און אינטעליגענץ ווי פ׳ בשעתו. דער רוסישער ליטעראַטור־היסטאָריקער א. מ. סקאַביטשעווסקי גיט אַזאַ אָפּשאַצונג פון פּ׳ דעם רוסישן דיכטער: „פ׳ס לירע איז ניט קיין הויכע. ער וועט ניט פאַרנעמען קיין אָנגעזעענעם

אָרט אין דער רוסישער פּאָעזיע, ניט שאַפן קיין שול, ניט צווינגען די מיטצייטלער, בפרט די נאָכקומענדיקע דיכטער צו זינגען מיט אים אין איין שטים, אָבער דאָס שטערט אים ניט צו זיין איינער פון די סימפּאַטישסטע, אויפריכטיקסטע און דער עיקר אמתדיקע דיכטער. דאָס פעלן פון פּרעטענציעזקייט און הויכמליצהדיקייט, די איינפאַכקייט, קלאָרקייט, באַשטימטקייט און קלאַנגפולקייט פון דעם דרייסטן און ענערגישן פערז, די רייכע בילדלעכקייט און די האַרציקע וואַרעמקייט זיינען די אינטעגראַלסטע מעלות פון פּ׳ס פּאָעזיע. ער שטעלט זיך ניט קיין ברייטע און טיפע וועלט־פּראָבלעמען, פילאָסאָפישע אָדער פּאָליטישע; אין דאָס רוב שירים איז ער בלויז אַ באַשיידענער זינגער פון זיין געיאָגטן, געפּלאָגטן, פון גורל און מענטשן באַעוולטן פאָלק... צו גלייכער צייט איז פּ׳ אינגאַנצן פרעמד דעם ענגן נאַציאָנאַליזם. די קינדהייט, וואָס ער האָט פאַרבראַכט אין דער סביבה פון ערדאַרבעט, האָט געלייגט אַ חותם ניט אָפּצומעקן אויף דעם דיכטערס וועלטאָנשויונג, דעם חותם פון שלום, ליבשאַפט און ברידערלעכקייט; אים רעגן אידעאַלן ברייטע און ליכטיקע פון באמת ערדאַרבעטערישן כאַראַקטער און אין זייער זכות זאָגט ער זיינע לאַנדסלייט פאַרויס אַ ראַציאָנעלע מונטערע צוקונפט...
...עס זיינען זיך טועה די קריטיקער, וואָס זיינען אויך פּ׳ן, ווי אַנדערע יונגע דיכטער, חושד אין פעסימיזם. אמת, די לידער זיינע זיינען פול טרויער און אומעט, ער רופט אָן די נשמה זיינע אַ קראַנקע, זאָגט, אַז ער אַליין ווערט דערציטערט פּנים־אל־פּנים מיט די ליידן, וואָס ער האָט באַזונגען, רופט זיך קרבן, וועלכער האָט פון דער צאַרטסטער קינד־

הייט אָן געבלאָנקעט צווישן קברים, גע=
הערט בלויז קרעכצן, און אַז ער זינגט=
אויף אַמאָל אַ ליד, קלינגען אין איר
בלויז יללות און ווייגעשרייען... ער
גלייבט אָבער אין דעם נצחון פון גוטס
און אמת אויף דער וועלט, ווען דאָס
זאָל ניט זיין..." אאַז"וו. אָבער אויב
סקאַביטשעווסקי האָט נאָך אַריינגענומען
פ'ן אין דער געשיכטע פון דער רוסישער
פאָעזיע, ווערט זיין נאָמען בלויז דער=
מאָנט „עם כל הנערים" אין דער נייער
(Исторія русской литературы אַרויס
א"ר פון ד. נ. אָווסיאַניקאָ=קוליקאָווסקי,
פ"ג Міръ). פ'ן איז אָבער אויך ניט
באַשערט געווען אין דער יידישער
שפראַך צו אַנט=לעקן זיין גאַנצן דיכ=
טערישן טאַלענט, און אויף אים האָט
זיך אויסגעגאָסן די שטראָף צו בלייבן
קרח מכאן וקרח מכאן. ער האָט באַ=
הערשט יידיש בשלמות, געקענט די שפראַך
מיט אַלע קליפּערלעך, געווען אויסגעבונדן
מיט אַלע אירע באַהאַלטנסטע ווינקעלעך
און געוואוסט, ווי אַזוי אויסצוניצן אויפן
גלענצנדסטן אופן אירע אייגנאַרטיקע
טענער און פאַרבן, אָבער ער האָט צו
דער יידישער שפראַך געהאַט אַ באַציִונג
אי ווי פון אַ משכיל אי ווי פון אַ העב=
רעיִסט, און די דאָזיקע אומווערדיקע
באַציִונג צו יידיש האָט זיך ביטער אין
אים נוקם געווען, און זיינע דערגרייכונגען
אין דער יידישער פאָעזיע זיינען אַ סך
נידעריקער און מינערווערטיקער, ווי זיי
וואָלטן געקענט זיין, ווען ער וואָלט זיך מיט
דער יידישער פאָעזיע אָפּגעגעבן ערנסט ווי
מיט דער רוסישער. אין די ערשטע יאָרן
פון זיין ליטעראַרישער טעטיקייט האָט
ער קיין יידיש גאָרניט געשריבן, הגם אין
פּט"ב איז דאַן אַרויס „דאָס יודישע
פאָלקסבלאַט" (בלויז אַ פּאָר איבערזעצונ=
גען פון זיינע רוסישע זאַכן זיינען דאָרט

פאַרעפנטלעכט געוואָרן, ווי „אויף מאָנ=
טעפיאָרעס טויט"—איבערז' פון פ' [פריש=
מאַן ?] — 1885, 33, און „דער שופר —
אַ עראיננערונג פון דער קינדהייט" —
1887, 36). ערשט ווען די רעדאַקציע פון
„יודישען פאָלקסבלאַט" איז פון א. צעדער=
בוימען אַריבער צו ד"ר י"ל קאַנטאָר,
האָט קאַנטאָר צוגעצויגן פ'ן צו שטענדיקער
מיטאַרבעט אין דעם וואָכנבלאַט, וואו ער
האָט אין משך פון 1888 פאַרעפנטלעכט
זייער פיל לידער און פעליעטאָנען, אָפּט
אויספילנדיק גאַנצע נומערן פון דער
„ביילאַגע צום יודישען פאָלקסבלאַט". צו
זיין ערשטער דערציילונג „אַ חתן" („ביי=
לאַגע" נומ' 3) איז דאָ אַ פאָרוואָרט פון
דער רעדאַקציע, וואָס פרייט זיך צו זען,
אַז דער ווייט און ברייט באַקאַנטער
רוסישער דיכטער פ' ווידמעט זיין פעדער
אויך „אונזער פאָלקסשפראַכע", און דריקט
אויס די האָפענונג, אַז ער וועט דינען
אַלס ביישפיל אויך פאַר אַנדערע שרייבער,
וואָס שרייבן אין אייראָפּעיִשע שפראַכן,
זיי זאָלן אָנהייבן שאַפן פאַר די יידישע
פאָלקסמאַסן אין זייער שפראַך; די דער=
ציילונג גופא, געשריבן אין אַ לעבעדיקן
סטיל, איז אַ מעשה פון יידיש=קאָלאָניס=
טישן לעבן מיט אַ חתן אַן אַפּעריסט, אַ
מאַן פון אַ ווייב און צוויי קינדער; אינ=
טערעסאַנט איז דעם אַוטאָרס הערה
אונטערן טעקסט, אַז די געשיכטע איז
ניט כאַראַקטעריסטיש פאַר די קאָלאָניעס,
וואָס „די יודען לעבען זעך דאָרט פיעל
רוהיגער און פיינער ווי אין אַנדערע
מקומות... יענע אומגליקליכע שטעדטליך,
וואו יידן זעניך נעביך אָבגעריססען פון
אֶכט פיינע אונ רוהיגע פרנסות אונ מוזען
זיך ווארפען אויף אַללערליי ניעדער=
טראֶכטיגע געשעֶפטלעך, וואָס ברענגען
נאָר שאַנד אונ שנאה דעם כלל ישראל".
אין „ביילאַגע" נומ' 4 געפינען מיר זיין —

משמעות — ערשט ליד, פון אַלעגאָרישן כאַראַקטער, אין יידיש, „אל תפתח פה לשטן" אין ווייסן פערז, אָבער מיט יענעם פיינעם ריטם, וואָס איז די וויכטיקסטע דערגרייכונג פּ'ס פאַר דער יידישער פּאָעזיע. די ערשטע יידישע איבערדיכטונגען פון תּלמודישע משלים און אגדות זיינען: „דער בעל=רחמן" (נומ' 9 — אַ גלענצנדע באַאַרבעטונג פון דער פּאָפּולערער פאַבל וועגן די געיאָגטע פיש און דער עצה פון דעם פוקס, זיי זאָלן אַנטרינען אויף דער יבשה, און די תּלמודישע לעגענדע „דער גאָלדענער שליססעל" (נומ' 13 — 14). ערשט אין נומ' 16 פון דער „ביילאַגע" קומען פּ'ס נאַטור=לידער (פריהלינג'ס=ליעדער"), די ערשטע פון דעם מין אין אונזער פּאָעזיע. אַחוצדעם האָט ער אין דעם זעלביקן יאָרגאַנג פון דער „ביילאַגע" פאַרעפנטלעכט: „מענדעלע משוגענער" (נומ' 6–7), „דער גרינער יום=טוב — אַנ'עררינערונג פון דער קינדהייט" (נומ' 18), „אויפ'ן בית=עָלמָן" (נומ' 20), „אַ חלום" (נומ' 22), „נאַכט=ליעדער" (דער גאַנצער נומ' 23, מיט דעם עפּילאָג אין נומ' 27), „אַ משוגענער טאָג"—פּראָזע מיט לידער (נומ' 25), „זומער=ליעדער" (נומ' 28), „ליעדער פון דעם יודישען זשאַרגאָן" (דער גאַנצער נומ' 30), „די נאַטור" (נומ' 32), „חינעזישע דיכטונגען און סקיצען" (נומ' 35), „ניט וויללענדיג—בילדער און געדאַנקען" (דער גאַנצער נומ' 36), „דער שופר" (דער גאַנצער נומ' 38); אין נומ' 49 איז פאַרעפנטלעכט זיין „ליד דער אַרבייט", וואָס איז געוואָרן איינס פון די פּאָפּולערסטע יידישע אַרבעטסלידער. אין לעצטן יאָרגאַנג „יודישען פאָלקסבלאַט" 1889 האָט ער צ"אַ פאַרעפנטלעכט זיינע לידער און פּאָעמען „הייס און קאַלט", „פּהאַנטאַזיע", „צוויי בילדער", „ווי גאָט האָט חוה'ן בעשאַפפען", „זאַמד און שטערן", „ביי'ם ירדן" (איבערז' פּאָעמע), „בעגנב'עט", „צו גאָווי=גאָד", „געוואַלד יודישע קינדער" — אַ סאַטירישער פעליעטאָן קעגן די גראַפאָמאַנען, וואָס פאַרפּלייצן די רעדאַקציע מיט זייערע כּתבים אין דרייערליי יידיש: א) פּראָסט יידיש, ב) פּראָסט יידיש מיט אַ ביסעלע דייטשעריש, ג) ריין דייטשעריש. זיין חנוכּה=פעליעטאָן „דאָס ביססעלע בוימאָל" (1888) האָט אגב געבראַכט צו אַ כאַראַקטעריסטישער פּאָלעמיק צווישן פּ'ן און מ"ל ליליענבלום, וועלכער האָט אים אויפגעוואָרפן (אין נומ' 51) די פראַזע, אַז „יידן עקסיסטירן שוין מער ניט אַלס אַ פּאָליטיש פּאָלק". ער האָט זיך אויך באַטייליקט אין ספּעקטאָרס „הויזפריינד" (אין ב' I, צענזורירט יאַנואַר 1888, פאַרעפנטלעכט איינס פון זיינע שענסטע לידער אין יידיש „דאָס יודישע קינד"—משמעות פון זיינע ערשטע יידישע לידער, אויב ניט דאָס ערשטע), אין ש"ע'ס „יודישער פאָלקס=ביבליאָטעק" I און II (פאַרן III ניט ערשינענעם ב' פון דעם דאָזיקן זמ"ב אָנגעשריבן זיין גרויסע פּאָעמע אין יידיש „דער וכוח", וואָס איז ערשט פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין חודש=זשורנאַל „דאָס לעבען", 1905, I), אין זמ"ב „דאָס הייליגע לאַנד", אַרויסגעגעבן פון בערטע פלעקסער און ישראל נאַראָדיצקי, א"אַ אויסגאַבן פון יענער צייט. אין די 90קער יאָרן, ווען די איינציקע יידישע ליטעראַרישע אויסגאַבן זיינען געווען י"ל פּרצעס, אין וועלכע פּ' האָט זיך ניט באַטייליקט, משמעות, צוליב זיין נאַציאָנאַליסטישער וועלטאָנשויונג (הגם פּרץ האָט אין זמ"ב „די יודישע ביבליאָטעק" II פאַרעפנטלעכט זיין גלענצנדע איבערזעצונג פון פּ'ס שיר „דער בעכער", און פּ' איז געווען איינער פון די ערשטע צו אָנערקענען פּרצעס

טאַלענט און איינער פון די ערשטע צו
איבערזעצן פרצן אויף רוסיש), איז אַנט=
שוויגן געוואָרן פ׳ס יידישע מוזע; צו
יענער צייט איז אַרויס זיין ערשטע
זאַמלונג שירים אין יידיש א״ט „ליעדער
און געדאַנקען״ מיט אַ מאָטאָ „...איך
לאַך און איך קרעכץ, / איך זינג, און
פון שמערץ / צוגעהט זיך, צורייסט זיך
מיין הערץ...״ (אָדעס, דרוק מ. א. בעלינ=
סאָן, 1896, ז׳ 160). ערשט מיט דער
ערשיינונג פון „יוד״ און שפּעטער פון
„פריינד״ האָט ער באַנייט זיין ליטעראַ=
רישע טעטיקייט אין יידיש און אין די
דאָזיקע צייטשריפן פאַרעפנטלעכט זייער
אַ גרויסע צאָל לידער, פּאָעמען, פעליע=
טאָנען. מיט זיין אַריבערפאָרן קיין אָדעס
האָט ער זיך ווידער, ווייזט אויס, דערוויי=
טערט פון דער יידישער ליטעראַטור, בלויז
אַרום 1914 אָנגעהויבן צו שרייבן פאַרן
„מאָמענט״ זיינע „זכרונות״ (א״אַ), אָבער
צוליב דעם אויסבראָך פון דער מלחמה זיי=
נען זיי אָפּגעשטעלט געוואָרן כמעט סאַמע
ביים אָנהייב, און ס׳איז אַפילו ניט באַ=
קאַנט, צי ער האָט זיי בכלל פאַרענ=
דיקט און וואָס איז געוואָרן מיט דעם
כתב=יד. — אין דער געשיכטע פון דער
יידישער פּאָעזיע האָט פ׳ געעפנט אַ נייעם
פּרק, כאָטש ער האָט אין יידיש ניט
דערגרייכט די מדרגה, וואָס אין רוסיש.
די גרעסערע קינסטלערישע שלמות פון
פ׳ דעם רוסישן דיכטער דערקלערט זיך
אפשר אויך דערמיט, וואָס אין דער
יידישער פּאָעזיע האָט ער אַליין געמוזט
שאַפן דעם סטיל, בשעת ווען אין רוסיש
האָט ער געהאַט שוין פאַר זיך גרויסע
דיכטערישע גאונים מיט ריינע און פעסטע
שפּראַכפאָרמען. אָבער די הויפּט=סיבה
דערפון בלייבט דאָך זיין אויבנדער=
מאָנטע באַציִונג צו דער שפּראַך. שוין
נאָכדעם ווי ער האָט אָנגעהויבן אַליין

צו שרייבן יידיש, האָט ער אין זיין
סדרדיקן אַרטיקל אין Нед. Хроника
Восхода 1888, 31, „אַ שטורעם אין
אַ גלאָז וואַסער״, אַרויסטרעטנדיק קעגן
די יידישע זאַמלביכער, בפרט קעגן ש״ע,
מבטל געווען ווי אַ טיפּישער משכיל=אַסי=
מילאַטאָר דעם „אומגליקלעכן זשאַרגאָן״
אַלס „אַ גרויסע צרה, אמת אַ צייטווייליע=
קע און אומפאַרמיידלעכע״ אאַז״וו. טייל=
מאָל איז פ׳ס משכּילישער ביטול צו יידיש
דערגאַנגען ממש צו אַ שנאה, בפרט אין
דער צייט פון דער אויפוואַכונג פון דער
יידישיסטישער באַוועגונג, ווען ער האָט
מיט אַן אויסטערלישן האַס געשענדט
אין זיינע פעליעטאָנען אין דעם ציוניס=
טיש=העברעיִסטישן Разсвѣтъ די יידישע
שפּראַך. אַ באַזונדערס שווערן איינדרוק
האָט געמאַכט זיין לעצטער ווילדער
אַרויסטריט (אין „פריינד״, 1913, 121)
קעגן יידיש, דער „במקום שפּראַך פאַר
מיליאָנען פינסטערע און עלענדע יודי=
שע נשמות, דער טרויעריגסטער און
שענדליכסטער ערשיינונג אין יודישען
גלות און וואָס מעהר פערשפּרייט איז
דער זשאַרגאָן איז די מכה מעהר טרוי=
עריג און מעהר שענדליך״. אָבער ניט
נאָר צו דער שפּראַך פון זיין יידישער
מוזע, „אונזער ליבער טייערער יידישער
זשאַרגאָן=מוזע״, וועלכע ער שטעלט פאָר
אַלס „אַ זקנה, אַ דאַרע, אַ קוואַרע, פאַר=
חושכט, פאַריאָמערט, אָפּגעריסן, אָפּגע=
שליסן״ אאַז״וו, האָט ער געהאַט אַזאַ
באַציִונג; ער האָט אויך ניט געהאַט
קיין צו גרויסע אַכטונג צו דעם יידישן
עולם, צו די מענטשן פון תוכחהוועקע,
זלידניוועקע, שחינעוועקע, צפרדעוועקע און
דאָס האָט ווידעראַמאָל אַרויפגעלייגט
אַ באַזונדערן שטעמפּל אויף זיין יידי=
שער ליריק, געמאַכט זי ביליגער, וואול=
גאַרער אין פאַרגלייך מיט זיינע ווערק

אין רוסיש. בלויז אַ קליינער טייל פון די לעצטע האָבן ביי פּ׳ן עקוויוואַלענטן אין יידיש (אייניקע פון זיינע באַלאַדן און לעגענדעס, צ״אַ זיין פאָלקס-לעגענדע „דעם שמשס טאָכטער״ — אייגע פון זיינע שענסטע פּאָעמען אין יידיש). אָפּגעריסן פון דער יונג-יידישער סביבה מיט אירע מאָדערנע באַוועגונגען און שטרעמונגען, האָט פ׳ געזען אין דעם יידישן לעזער בלויז דעם פאַרשימלטן געטאָ-מענטש, דעם סוחר, דעם קרעמער, דעם בעל-מלאכה, די טשאָלנט-יידענע, און פאַר דעם דאָזיקן עלעמענט דעם ניט אַנטוויקלטן, פאַר דעם יידישן באַלעבעסל אָן חוש פאַר קונסט און פאַר די מאָדערנע קולטור- און לעבנס-פאָרמען האָט ער דאָס רוב געשריבן זיינע יידישע זאַכן און זיך צוגעפּאַסט צו דער ענגער אידעען- און באַגריפן-וועלט פון דער אָפּגעשטאַנענער קליינבירגערלעכער מאַסע, באַווינט פאַר איר די יידישע צרות, די יידישע דערשלאָגנקייט, באַזונגען די פּאַסיווע טרוימערייען אירע וועגן ציון, וועגן אַן אייגן לאַנד אאַז״וו, אָבער נאָר זעלטן זיך דערהויבן איבער איר ענגן האָריזאָנט. נאָר זעלטן אין זיינע ציוניסטישע און יידישלעכע לידער געבראַכט צום אויסדרוק זיין אייגענע דיכטערישע אינדיווידואַליטעט, זיינע פּערזענלעכע אינטימע איבערלעבונגען, נאָר זעלטן געגעבן עכט קינסטלערישע ווערק, מייסטנטיילס — בלויז מיטלמעסיקע, אָפּטמאָל דעקלאַמאַטאָרישע, אָפּטמאָל סענטימענטאַלע גלאַטע לידער, אָרעם אין בילדער און אויסדרוק. פ׳ דער יידישער דיכטער איז דערהויפּט אַ פּובליציסט און אַ סאַטיריקער, אַ שטראָפער און אַ וועקער, אַ מוסר-זאָגער און אַן אָפּשפּעטער. אים פעלט אָבער דער געזעלשאַפטלעכער אידעאַל, און זיין סאַטירע ווערט אָפט פאַרוואַנדלט אין לצנות אָדער גאָר בדחנות. פונדעסטוועגן בלייבט פ׳ איינער פון די יידישע קלאַסיקער אין דער יידישער פּאָעזיע. ער איז געווען דער ערשטער יידישער דיכטער (אַוועקגעקוקט פון פאַראיינצלטע פרווון פון אַנדערע), וואָס האָט אָנגעהויבן צו שרייבן יידישע שירים אין לייכטע פרייע און גראַציעזע פערזן, לויט די כללים פון דער טאָנישער מעטריק, מיט אַ ריטם און מיט קלינגעדיקע גראַמען. דער מוזיקאַלישער משקל פון זיינע שירים איז געווען אַ איבערראַשנדיקער קאָנטראַסט מיט די ווערק פון די דיכטער-משכילים און בדחנים, וואָס פאַר אים, הגם אין זיינע סאַטירישע, הומאָריסטישע און שטייגערישע שירים שליסט ער זיך אָן צו די בדחנים און איז ביז צו אַ געוויסער מאָס געווען זייער רעפאָרמירטער נאָכפאָלגער. ער איז אויך געווען דער ערשטער, וואָס האָט אַריינגעבראַכט אין דער יידישער פּאָעזיע אַ פשוטע און אוממיטלבאַרע באַציונג צו דער נאַטור. אויסגעוואַקסן אויפן שויס פון פעלד און סטעפּ, צווישן יידישע ערדאַרבעטער, האָט ער געגעבן די ערשטע נאַטורשילדערונגען אין אַ ריי לידער, וואו עס ווייזט זיך אַרויס זיין געפיל און זיין חוש פאַר די פאַרבן און קלאַנגען פון דער נאַטור און אַ שטאַרקע ליבשאַפט צו דער ערד און דער ערדאַרבעט; דאָ קלינגט דער טאָן פון זיין ליד צאַרטער, ווייכער און דערהויבענער, אינהאַלט און פאָרם גיסן זיך האַרמאָניש צונויף און שאַפן פּערלען פון יידישער פּאָעזיע; הגם אויך אין די נאַטורלידער האַלט דער דיכטער ניט אַלעמאָל אויס ניט צו צעשטערן די שטימונג מיט פובליציסטישע אָדער גאָר בדחנישע דרושים און מוסר-השכלס, וואו עס קומט צום אויסדרוק די ציוניסטישע

וועלטאָנשויונג פון דעם דיכטער, מאַכן זיי אַ שטאַרקן איינדרוק מיט דעם טיף לירישן מעלאַנכאָלישן טאָן, מיט דער איינפאַכקייט און אויפריכטיקייט פון דעם געפיל, וואָס איז אויסגעדריקט אין זיי, ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס זיי זיינען מאַנכמאָל צו צעצויגן. און אַפילו זיינע סאַטירישע לידער און פעליעטאָנען האָבן אָפטמאָל אַ באַזונדערן חן אַדאַנק דעם גוטמוטיקן הומאָר און דער לעבעדיקייט און וויציקייט פון דער שפּראַך. פאַרהאַן ביי אים אויך אייניקע לידער פון פרייהייט און סאָציאַלן קאַמפּ, וואו ער דערהייבט זיך צו אמתן פּאַטאָס („די פאָן“, „אָ פרייהייט“ א״אַ). קלאַסיש אין אונזער פּאָעזיע זיינען זיינע לעגענדעס און פּאָעמען אויף ביבלישע און פאָלקסטימלעכע מאָטיוון און סיוזשעטן (ווי „נבוזראדן“, „מחוץ למחנה“ א״אַ). אויך אין פּראָזע האָט ער געגעבן אַ ריי אויסגעצייכנטע מוסטערן פון פעליעטאָניסטישן זשאַנר.—צו אייניקע פון זיינע יידישע און רוסישע לידער איז קאָמפּאָנירט מוזיק און זיי זיינען געזונגען געוואָרן פון די ברייטסטע מאַסן (ווי, למשל, „זאַמד און שטערן“, „ליד דער אַרבעט“, „האָט רחמנות“—אויפן קעשעניעווער פּאָגראָם א״אַ), און נאָך מער זיינען זיינע רוסישע לידער בשעתו געזונגען געוואָרן, דערהויפּט אין דרום-רוסלאַנד, מיט די פאַרשיידנסטע צוגעפּאַסטע מעלאָדיעס.—פון פּ׳ס ווערק אין רוסיש זיינען אין בוכפאָרם אַרויס: Стихотворенія (1885, 1890, 1897), Думы и Пѣсни (1887, 1890, 1897), Встрѣчи и Впечатлѣнія (1898), Эскизы и Сказки (1898), Сіониды (1901). 1905 האָט דער פ״ג פון חודש-זשורנאַל Евр. Жизнь אַרויסגעגעבן אַלע ווערק פון ש. פ׳ אין 6 ב׳ (2טע פאַרמערטע אויפלאַגע — אָדעס 1912). — אויף העברעיש זיינען

דער גרעסטער טייל פון זיינע רוסישע לידער אַרויס אין דער איבערז׳ פון יעקב קאַפּלאַן א״ט „שירי פרוג“ (פ״ג „תושיה“, וואַרשע, 1898, ז׳ 382; רעצענזירט פון ב״ק אין „השלח“ ב׳ IV, ז׳ 466—467 אַלס ניט באַפרידיקנדיקע איבערזעצונג). — פון די אַנדערע אַרבעטן פּ׳ס אויף רוסיש דאַרף באַזונדערס דערמאָנט ווערן זיין איבערזעצונג פון ביאַליק-ראַווניצקיס „יידישע אגדות“ אין 4 ט׳ (1910). פּ׳ האָט אויך געשריבן א״פ בן-צבי, באָבראָוואָקיטסקי, ס. פ., ג. ס., Случайный фельетонистъ, פ. ס., Іеронимъ Добрый א״אַ.—די ערשטע אויסגאַבע פון פּ׳ס „אַלע ווערק“ אין יידיש (1887—1904) איז אַרויסגעגעבן געוואָרן דורך דער רעדאַקציע „דער פריינד“ (פּט״ב, 1904, אין 2 ט׳, ז׳ 156 און 149). אַ פולשטענדיקערע, אָבער אויך ווייט ניט קיין פולע אויסגאַבע פון זיינע יידישע „שריפטען“ איז אַרויס אין 3 ב׳ אין נ״י (פ״ג „היברו פּאָבלישינג קאָ“, 1910, מיט אַ ביאָגראַפיש-קריטישן אַריינפיר פון ראובן ברײנין), אַגב אָן דער דערלויבעניש פון דעם דיכטער, און ערשט אַדאַנק דער אַריינמישונג פון א. לעווינסקי און א. לובאַרסקי האָט די נ״יער פאַרלאַגס-געזעלשאַפט געמוזט באַצאָלן פּ׳ן אַ האָנאָראַר פון 800 רובל. דערזעלבער פ״ג האָט אויך אַרויסגעגעבן אייניקע באַזונדערע זאַכן פּ׳ס, ווי „דער נייער ראַבינער“ און אַ זאַמלונג פון זיינע ווערק פאַר דער שול אין דער באַאַרבעטונג פון יעקב לעווין. פאַרהאַן אויך אַן אויסגאַבע פון פּ׳ס קינדער-דערציילונג „דאָס שטייסעל“. אויך אייניקע רוסישע זאַכן פּ׳ס זיינען איבערגעזעצט געוואָרן אויף יידיש, צ״אַ „דער ווילנער באַלעבעסל“—פון ז. רייזען (אין „ווילנער טאָג“, 1922). — צוזאַמען מיט אַגראַנאָם מ. וועללער האָט פּ׳ רעדאַק-

טירט „דעם לאַנדאַרבייטער / לוח פאַר
קאָלאָניסטען און גאָרטנער" (I יאָרגאַנג,
ווילנע, דרוק פיראָזשניקאָוו, 1901, ז' 247+
מודעות), וואו ער האָט פאַרעפנטלעכט
אויך אייניקע לידער, ווי „די תפילה",
„דאָס וויגע=ליעד" א"אַ (פון די אַנדערע
אַרבעטן אין דעם זמ"ב איז צו פאַרציי=
כענען: ד"ר משה=אליעזר אייזענשטאַדט—
„די ערד=אַרבייט ביי יודען", מ. וועל=
לער — „דאָס בעאַרבייטען די ערד /
פראַקטישע אַגראָנאָמיע", מיט געמעלן,
„דאָס בעמיסטיגען פון דעם פעלד" א"אַ,
מ. ליפשיץ — „דער באַראָן הירש אונד
דיא קאָלאָניזאַציאָן-געזעלשאַפט", „ווי מען
דאַרף זיך באַגייהן מיט קליינע קינ=
דער", ד"ר י"ל קאַצענעלסאָן — „דער
סאָלאָוויי זינגט", פאַרקירצטע איבערז',
ב. ברוצקוס — „די יידישע קאָלאָניען
אין „ארץ ישראל"). — אייניקע פון פ'ס
זאַכן זיינען איבערגעזעצט אויף אַנדערע
שפּראַכן, אויף דייטש, פויליש (צ"אַ אין
הירשאָרנס „אַנטאָלאָגיע", אין באַלאַבאַנס
Nowe Życie אין דער איבערז' פון יאַן
קרופּיצקי) אאַז"וו.

אוטאָביאָגראַפישער בריוו פון ש. פ' צום
רעדאַקטאָר פון Разсвѣтъ, איבערגעדרוקט אין
Евр. Жизнь, 1916, 39—40; אַ. מ. סקאַבי=
טשעווסקי, Исторія новѣйшей русской
литературы; id, אין Русскія Вѣдомости,
1885, 15; ארסעניעוו, אין Вѣстникъ Европы,
1885, X; אַ. וואָלינסקי, אין Восходъ, 1886,
XI; מאָרדאָווצעוו, אין Восходъ, 1886; בורענין,
אין Новое Время, 1884, 3168; ש. גינזבורג,
„די זשאַרגאָנישע לידער פון ש. פ'", אין Вос-
ходъ, 1897, VIII; id, אין Разсвѣтъ, 1910,
44; ל. יפה, „דער דיכטער פון אויפלעבונג", ib,
44; id, אין „העולם", 1910, 1—3; id, אין
Евр. Жизнь, 1916, 38—40; ח. גרינבערג,
„פ'ס טראַגעדיע", ib; שאול טשערניכאָווסקי, אין
EЭ, XV; ל. אי. לאַזאַרעוו, „דער זינגער פון
פאָלקס-צער", אין Евр. Недѣля, 1916, 38;
וו. לוואָוו-ראָגאַטשעווסקי, ib; ס. מ., אין Вѣст-
никъ Опе, 1916, 45; אָסקאַר גרוזענבערג, אין
Разсвѣтъ, 1925, 29 (איבערז' אין לאַדזשער „אונ=
זער טאָגבלאַט", 1925, 16); Систематическій
указатель литературы о евреяхъ; JE, V;
ל. בלומענפעלד, Conteurs Yidish, V (אויך די
איבערז' פון פ'ס „שטייסעל"); ע. פלעג, Antologie
(די איבערז' פון „בעכער" און „ליד דער אַר=
בעט"); צ. פ. פינקעלשטיין, Stürmer des
Ghetto; ד"ר י"ל קאַצענעלסאָן, אין „העבר",
II; י. ח. ראַבניצקי, „דור וסופריו"; נ. ד.
פינס, „פ'ס העברעישע שאַפונגען", אין „השלח";
לקטיקון ציוני; נ. ספעקטאָר, אין „הויזפריינד",
IV; רב קצין, אין ש"ע'ס „יודישער פאָלקס=
ביבליאָטעק", I; בעל-מחשבות, „געקליבענע שריפ=
טען", I, ז' 123—130; id, אין יאָהאַנעסבורגער
„דאָס נייע וואָרט", 1916, V—VI (איבערדרוק);
ד"ר מ. פינעס, „די געשיכטע פון דער יודי=
שער ליטעראַטור", II, ז' 7—39; „פ'ס מיינונג
וועגן „זשאַרגאָן", אין „יודישער וועלט", 1913,
VI; דוד איינהאָרן, אין „פריינד", 1913; ש. ל.
ציטראָן, „דריי ליטעראַרישע דורות", III; צום
[illegible] פ'ס פון פט"ב, „פריינד", 1909, 116;
בעל-דמיון, „דאָס נייע לעבען", 1910; יעקב
פיכמאַן, „די יודישע מוזע"; מ. אָלגין, „אין
דער וועלט פון געזאַנגען", ז' 99—128; מלך
ראַוויטש, „פינף בטרים"; מ. י. בערדיטשעווסקי,
„יודישע כתבים", V, ז' 122—123; שכנא עפ=
שטיין, „פ' אין רוסיש און פ' אין יידיש", 1916;
דוד פינסקי, אין „ווארהייט" (איבערדרוק אין
„דער אידישער שטימע" א"ר פון ד"ר י. מ.
זאַלקינד, לאָנדאָן 1916, .0); נעקראָלאָגן אין דער
יידישער פרעסע; „לעצטע נייס", ווילנע 1916,
227; בנציון כץ, „אידישע פיהרער פון פאַר=
שטאָרבענעם דור", אין „מאָרגען זשורנאַל" פון
1/VIII 1923; id, „די פאַמיליען-טראַגעדיע פון
פ'", ib, 1926, איבערגעדרוקט אין „היינט"
1926, 271; ב. עפּעלבוים, „וואָס איז געבליבען
פון פ'ן" ib, פון 24/III 1924; י. רויטבערג,
„פאַרגעסען ביים לעבען און אויף זיין קבר איז
אַפילו קיין ברעטעל נישטאָ", אין לעמבערגער
„טאָגבלאַט", 1926; ד"ר לעאָפּאָלד גרינשטאַם,
„אַ פ'-אָוונט אין בערלין", אין יידישען טאַגע=
בלאַט" פון 22/VI 1926; מ. קיטאַי, אין „ליטע=
ראַרישע בלעטער" 1926, דאָס זעלבע אין „וויל=
נער טאָג" 1926.

פּרוכטער נתן (י"ח אלול 1891 —
) געב' אין באָלעכאָוו, מזרח=
גאַליציע, אין אַ פשוטער פאַמיליע. האָט
געלערנט אין חדר און דורכגעמאַכט אַ 6=

קלאַסיקע פאָלקסשול. אַרום 1914 אויסגעוואַנדערט קיין אַרגענטינע. דעביוטירט מיט אַ פּאָר סקיצן און דערציילונגען אין דער ערשטער טעגלעכער צייטונג פון בוענאָס־איירעס „דער טאָג", 1914—15, דאַן זיך באַטייליקט אין דער „אידישער צייטונג", 1917 געוואָרן שטענדיקער מיטאַרבעטער פון דעם וואָכנבלאַט די „געזעלשאַפט", וואו אַחוץ סקיצן, דערציילונגען, אַ ראָמאַן פון יידישן לעבן אין אַרגענטינע א"ט „אין דער פרעמד" (אין די נומ' 33—58, ניט פאַרענדיקט) געגעבן וועכנטלעכע פּאָליטישע איבערבליקן פון מלחמה, בילדער אדג"ל, אויך א"פ יתום, נתן בן חיים, בן הגולה, רעדאַקטירט אויך די לעצטע 27 נומערן (פון אַלע 58) פון דער צייטשריפט, זינט מערץ 1919 מיטרעדאַקטאָר פון טאָגבלאַט „די פּרעסע" און זינט פעברואַר 1922 ביז פעברואַר 1923 — אויך פון דעם אילוסטרירטן וואָכנזשורנאַל „פאַר קליין און גרויס" צוזאַמען מיט פּנחס כץ, דאַן צוזאַמען מיט ל. מלאך, י. באָטאָשאַנסקי און ש. גלאַזערמאַן. האָט אין „דער פּרעסע" אויך פאַרעפנטלעכט אַ ריי איבערזעצונגען פון מאָדעסט לעוויצקיס אוקראַינישע מעשהלעך, אויך פון פאַרשיידענע דייטשע שריפטשטעלער. גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין פאַרשיידענע קולטור־אינסטיטוציעס, געוועזן איניציאַטאָר און גרינדער פון לאַנדסמאַנשאַפטלעכן „גאַליציאַנער פאַרבאַנד" (מערץ 1925) און צוזאַמען מיט נחמיה צוקער רעדאַקטירט דעם אַלמאַנאַך פון גאַליציאַנער פאַרבאַנד. פון זיינע איבעריקע פס"נ: מאַניס סופר, ניטיפּעטער, נ. בינשטאָק (אַ גרינדער — אין „אַלמאַנאַך").

פרומקין אברהם (פסח 1873 —) געב' אין ירושלים, אַ זון פון דעם באַקאַנטן ירושלימער ליטעראַט און כלל־טוער ישראל־דוב פ' (1850 — אַרום 1914), דעם אַרויסגעבער פון דעם העבּרעישן וואָכנבלאַט „החבצלת" (אַ געוויסע צייט, אין יאָר 1874, האָט ער אויך

אַרויסגעגעבן אַ וואָכנבלאַט אין ירושלים א"ט „די ראָזע"—די ערשטע יידישע צייטונג אין א"י). פ' האָט געלערנט אין דער לעמעלשול און נאָכן ענדיקן זי געוועזן, 1889, לערער פון אַראַביש אין בעלקינדס שול אין יפו. אַרום 1890 איז ער אוועק קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל שטודירן די טערקישע שפּראַך און יוריספּרודענץ. אָנגעהויבן זיין זשורנאַליסטישע טעטיקייט אין זיין פאָטערס „החבצלת", ווי אויך אין „המליץ" און „הצפירה", האָט ער אין יידיש דעביוטירט 1896 אין דעם אַנאַרכיסטישן אָרגאַן „דער אַרבייטער פריינד", וועלכער איז נאָך אַ הפסקה פון אַ 10 חדשים דאַן באַנייט געוואָרן א"ר פון וו. וועס. פון נומ' 30 יאָרגאַנג 1896 האָט פ' איבערגענומען אויך די רעדאַקציע פון דעם אָרגאַן, וועלכער האָט זיך אַלץ נאָך געהאַלטן אויף הינערשע פיסלעך, ביז ער איז אונטערגעגאַנגען (שפּעטער איז ער באַנייט געוואָרן א"ר פון רודאָלף ראָקער), און פ' האָט דאַן — אָנהייב 1897 — אַרויסגעגעבן אין לאָנדאָן אַ אַנאַרכיסטישן אָרגאַן א"ט „דער פּראָפּאַגאַנדיסט" („ערשיינט ווי מעגליך"), ביי דער מיטאַרבעטערשאַפט פון א. מינץ (?), וועלכער האָט זיך אָפּגעשטעלט אויפן 11טן נומ'. די צייט פון 1899 ביז 1904 האָט פ' פאַרבראַכט אין נ"י אַלס שטענדיקער מיטאַרבעטער פון „פאָרווערטס" און „דער אידישער וועלט",

אויך פון שיקאַגער „הפסגה". דאַן האָט ער זיך ווידער באַזעצט אין פּאַריז, וואו ער איז געווען אַ טעטיקער קאָרעספּאָנדענט און מיטאַרבעטער פון פט"ב'ער „פריינד" א"פ אביב. אין איינקע יאָר אַרום זיך ווידער באַזעצט אין לאָנדאָן, האָט ער באַזונדערס גענומען אַ טעטיקן אָנטייל אין די אַנאַרכיסטישע אָרגאַנען „דער אַרבייטער פריינד" און „דער זשערמינאַל" א"ר פון רודאָלף ראָקער, וואו ער האָט פאַרעפנטלעכט זייער פיל איבערזעצונגען פון דער מאָדערנער אייראָפּעישער און אויך רוסישער ליטעראַטור (די לעצטע משמעות ניט פון אָריגינאַל), באַטייליקנדיק זיך פון צייט צו צייט אויך אין „פאָרווערטס", „היינט" א"אַ. פון זיינע איבערזעצונגען זיינען צ"אַ אין בוכפאָרם אַרויס אין לאָנדאָן, דער הויפּט אין פ"ג פון „אַרבייטער פריינד" אָדער אין פ"ג פון ל. פרידמאַן, די פאָלגנדיקע ווערק: אַנטאָן טשעכאָווס קאָמעדיעס „דער בער" און „דער שידוך"; הענריק איבסענס דראַמען — „די שטיצן פון דער געזעלשאַפט", „די ווילדע ענטע", „יאָהן גאַבריעל בערקמאַן"; ווען מיר טויטע ערוואַכען"; ל. אַנדרעיעווס דערציילונג „אַזוי איז עס געווען"; מאַקסים גאָרקיס—„דריי מענשען", „מאַלוואַ", „דער רויטער וואַסקאַ", „דער כאַן און זיין זוהן", „די הערצען פון לעבען", „די שטונדען"; קנוט האַמסונס ראָמאַנען „הונגער", „פאַן", „מיסטעריען" און אַ זאַמלונג פון זיינע קלענערע דערציילונגען; אַ ב' דערציילונגען פון ביערנסטערנע-ביערנסאָן; געראַהאַרדט הויפּטמאַנס דראַמע „איינזאַמע מענשען"; אָסקאַר וויילדס דראַמע „סאַלאָמע" און אַ זאַמלונג דערציילונגען; ישראל זאַנגווילס „טרוימער פון גהעטאָ" (אין 8 ביכער); דזשאָן הענרי מאַקאַיס „די אַנאַרכיסטען"; מולטאַטוליס „ליעבעס בריעף"; „לואיזע מישעלס לעבענס-בעשרייבונג, געשריבען פון איהר אַליין" (פ"ג „אַרבייטער פריינד", 1906); אָקטאַוו מירבאָס דראַמע „געשעפט איז געשעפט"; מאָריס מעטערלינקס „דער אומגעבעטענער גאַסט", „די בלינדע", „מאָנאַ וואַנאַ"; ראָבערט סטיווענסאָנס „מעשה'ליך" און צוזאַמען מיט ב. ראוז — זיין ראָמאַן „דר. דזשייקעל און מר. הייד"; אַ ב' דערציילונגען פון אַנאַטאָל פראַנס; פּרצעס „די אַכטע אָבטיילונג פון גיהנם און אַנדערע ערצעהלונגען" (פון העברעיש); פעטער קראָפּאָטקינס „ברויט און פרייהייט", „די אַנאַרכיסטישע פילאָזאָפיע"; עליזע רעקליוס „עוואָלוציאָן און רעוואָלוציאָן", א"אַ. אויסערדעם האָט ער גענומען אַן אָנטייל אין דער יידישער אויסגאַבע פון בערנשטיינס „נאַטור-וויסנשאַפטליכע פאָלקס-ביכער" (אַרויסגעגעבן פון ל. פרידמאַן, לאָנדאָן, 1908—13, אין 18 ט' און אויסגעהאַלטן איינקע אויפלאַגן), מייסטנטיילס באַאַרבעט פון דעם אַנאַרכיסט מ. שאַפּיראָ (געוואוינט אַ צייט לאַנג אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל; געשט' דאָרטן 1911). הגם זיינע איבערזעצונגען קענען ניט אינגאַנצן באַפרידיקן, דאָך געהערט פ'ן דער פאַרדינסט, וואָס ער האָט איינער פון די ערשטע אַריינגעבראַכט אין דער יידישער ליטעראַטור די מאָדערנע אייראָפּעישע שריפטשטעלער. פ' האָט אויך אָנגעשריבן אַ גאַנצע ריי דערציילונגען אויס דעם יידישן לעבן אין ארץ-ישראל און טערקיי (פאַרעפנטלעכט אין „פאָרווערטס", „אַרבייטער פריינד" א"אַ) און האָט פאַרעפנטלעכט אין פאַרשיידענע אַמעריקאַניש-יידישע צייטשריפטן „מעשהלעך פון דער גמרא און פון מדרש", פאַרפאַסט די ביאָגראַפיע פון ר' ישראל בעל-שם-טוב (פ"ג „אינטערנאַציאָנאַלע ביבליאָ-

טעק״, נ״י, 1904) בשעת דער וועלט-מלחמה האָט פ׳ פאַרלאָזט לאָנדאָן און איז אַריבערגעפאָרן קיין נ״י, וואו ער האָט צ״אַ מיטגעאַרבעט אין דער אַנאַרכיסטישער וואָכנשריפט „פ. א. ש.״, ביי דער רעאָרגאַניזאַציע פון דעם אָרגאַן סוף 1920–צוליב דער ענדערונג פון דער שטעלונג פון דער צייטונג צו ראַטנרוסלאַנד — אַריין אין דער רעדאַקציאָנעלער קאָלעגיע (צוזאַמען מיט ד״ר מיכאל קאָהן, ל. פינקלעשטיין, א. מינץ און ב. אַקסלער). צ״אַ איבערגעזעצט אין דער „פ. א. ש.״ פעליקס האָלענדערס „דער אַדאָפּטירטער זון״, בערנאַרד קעלערמאַנס „בענקשאַפט״ אאַז״וו. פון זיינע לעצטע איבערזעצונגען, וואָס זיינען אַרויס אין בוכפאָרם אין נ״י, איז צו דערמאָנען: ס. סטעפּניאַקס „דאָס אונטערערדישע רוסלאַנד״ (פ״ג מאַקס מייזעל, נ״י), געאָרג בראַנדעסעס „אַנאַטאָל פראַנס״ (פ״ג „אידיש״, נ״י), אַלעקסאַנדער בערקמאַנס „געפענגנים ערינערונגען״ (פ״ג מ. פיצגעראלד, אין 2 ב׳), רודאָלף ראָקערס „הינטער גראַטעס״. די לעצטע יאָרן איז ער געווען אַ מיטאַרבעטער פון אַ יידישער פּראָווינץ-צייטונג אין אַמעריקע, דערנאָך פון „טאָג״, וואו דערהויפּט געשריבן טעאַטער-אַרטיקלען, לעצטנס שטענדיקער מיטאַרבעטער און טעאַטער-רעצענזענט פון „מאָרגען זשורנאַל״.

„חכמי ישראל באמריקא״; „ספר זכרון״; „לקסיקון ציוני״; א. רייזען, „עפּיזאָדן פון מיין לעבן״.

פריד י. — מחבר פון „די אידעשע גליקען / אַ טראַגעדיע אין 5 אַ׳ אין 6 קאַרטינעס מיט 3 זינג-לידער, / אַ געשיכטע וואָס האָט זיך געטראָפן אין איין אידישער שטאָדט אין ליטא״, אין גראַמען, מיט שירים אין יידיש און העברעיש אַלס הקדמה (פט״ב, תרמ״ט), אַראָפּגעריסן פון י״ח ראַבניצקי אין ש״ע׳ס „יודישער פאָלקסביבליאָטעק״, II.

פרידבערג אברהם-שלום (י״ח חשוון 1838 — 20/III 1902) געב׳ אין גראָדנע. געבליבן צו 13 יאָר אַ יתום פון פאָטער, איז ער אַנגעקומען אויף דער לער צו אַ זייגערמאַכער, ביינאַכט געלערנט גמרא אין בית-מדרש. פון 16 יאָר אָן האָט ער געוואָגלט אין משך פון יאָרן איבער די שטעט פון דרום-רוסלאַנד, שיר ניט אַריינגעפאַלן צו די כאַפּערס, 1858 זיך צוריקגעקערט אין זיין געבורטשטאָט און, דורכגעדרונגען זיך בשעת זיינע וואַנדערונגען מיט השכלה-אידעען, האָט ער זיך גענומען צו זעלבסטבילדונג, געלאָזט די זייגערמאַכעריי און געוואָרן אַ לערער פון העברעיש. ער איז אַריין אין אַ קאָרעספּאָנדענץ מיט אברהם מאַפּו, וועלכער איז נתפעל געוואָרן פון זיין סטיל און אים צוגעגעבן חשק צום שרייבן. אָבער ערשט 1876 האָט פ׳ געמאַכט זיין ערשטן דעביוט אין דער העברעישער ליטעראַטור — מיט אַ באַאַרבעטונג פון דעם היסטאָרישן ראָמאַן פון גראַציע אַגילאַר Vale of Cedars א״ט „עמק הארזים״, וואָס האָט געהאַט אַ אומגעהייערן ערפאָלג און גלייך אַרויסגערוקט פ׳ן אַלס איינעם פון די בעסטע העברעישע סטיליסטן. נאָך די פּאָגראָמען פון 1881 איז ער צוגעשטאַנען צו דער חיבת-ציון-באַוועגונג און אָנגעהויבן צו פּראָפּאַגאַנדירן דעם רעיון פון ישוב א״י אין „המליץ״, פון וועלכער צייטונג ער איז 1883 — 86 געווען דער פאַקטישער רעדאַקטאָר און פאַרעפנטלעכט דאָרט אַ ריי פעליעטאָנען „מעניני דיומא״ א״פ ה״ש

(הר־שלום) און אַ מאַסע אַנדערע אַרטיק־
לען. 1886 זיך באַזעצט אין וואַרשע,
האָט ער גענומען אַ נאָענטן אָנטייל אין
סאָקאָלאָווס „הצפירה" און „האסיף".
1888 האָט ער רעדאַקטירט די אַלגעמיינע
ענציקלאָפּעדיע אין העברעיִש „האשכול",
פון וועלכער עס זיינען אַרויס בלויז 6 ה'.
צו דערזעלבער צייט איז ער באַשטימט
געוואָרן אַלס צענזאָר פאַר העברעיִשע
און יידישע ביכער און אָנגעהאַלטן דעם
אַמט ביז 1891.—אַ נייער אינטענסיווערער
פּעריאָד אין פ'ס ליטעראַרישער טעטי־
קייט האָט זיך אָנגעהויבן מיט דער גרינ־
דונג פון דעם העברעיִשן פ"ג „אחיאסף",
וועלכער האָט אַרויסגעגעבן זיינע „קורות
היהודים בספרד" (1893), אַן אויסגעצייכנ־
טע איבערזעצונג פון גידעמאַנס קאַפּיטאַלן
ווערק Geschichte des Erziehungswesens
א"ט „התורה והחיים" (1896 — 99, צו
בעל־דמיון). באַזונדערס האָט ער זיך
דאַן קונה־שם געווען מיט זיין העברעיִ־
שער באַאַרבעטונג פון הערמאַן רעקענ־
דאָרפס ראָמאַנען און דערציילונגען אויס
דער יידישער געשיכטע Geheimnisse der
Juden, וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן א"ט
„זכרונות לבית דוד" („אחיאסף", וואַרשע,
1893 — 1900; אויסגעהאַלטן אַ סך אויפ־
לאַגעס); דאָס איז געווען ניט קיין
פּשוטע איבערזעצונג: פ' האָט אַלע
רעקענדאָרפס דערציילונגען איבערגע־
שאַפן, צוגעגעבן נייעם מאַטעריאַל, פאַר־
גרעסערט, פאַרברייטערט, אַ סך דער־
ציילונגען אויס די תקופות, וואָס רעקענ־
דאָרף האָט דורכגעלאָזט, אָנגעשריבן
אָריגינעל, זוכנדיק און פאָרשנדיק אין
אַלע ווינקלען פון דער אַלטער העב־
רעיִשער ליטעראַטור. דאָס בוך, וואָס גיט
איבער אין אַ בעלעטריסטישער פאָרם
די יידישע געשיכטע פון בית שני ביזן
סוף XVIII, י"ה, איז געוואָרן איינס פון
די פּאָפּולערסטע און באַליבטסטע ביכער
פאַר דער העברעיִש־לייענענדיקער יוגנט.
פ' האָט אויך אַרויסגעגעבן אַ לערנבוך פון
העברעיִש א"ט „שפה לנאמנים" (1902,
דער 2טער ט' געבליבן אין כתב־יד),
האָט רעדאַקטירט די ב' VI — VIII פון
„לוח אחיאסף", מיטגעאַרבעט אין סאָקאָ־
לאָווס „ספר השנה". — פ' איז אויך גע־
ווען אַ פריינד פון דער יידישער שפּראַך
און ליטעראַטור, האָט אין דעם זמ"ב
פון זיין איידעם מ. ספּעקטאָרס „הויז־
פריינד" I פאַרעפנטלעכט איינס פון זיינע
בעסטע ווערק – זכרונות וועגן א. מאַפּו,
אין ספּעקטאָרס „פאַמיליען־פריינד" I —
די איבערזעצונג פון זיין פריינד קאָנ־
סטאַנטין שאַפּיראָס פּאָעמע „מחזיונות
בת עמי" א"ט „דוד המלך'ס קבר", זאָל
אויך האָבן דאַן מיטגעאַרבעט אין „יודי־
שען פאָלקסבלאַט". אויך זיין הויפּטווערק
די „זכרונות לבית דוד" האָט ער שפּע־
טער אָנגעהויבן צו באַאַרבעטן אין יידיש
און פאַרעפנטלעכט זיי אין „יוד" 1899—
1900 א"ט „די פאַמיליען־פּאַפּירען אָדער
זכרונות פון דוד המלך'ס פאַמיליע",
אָבער די דאָזיקע באַאַרבעטונג ניט
פאַרענדיקט (אין די איבעריקע 2 יאָרגענג
פון „יוד" זיינען געדרוקט בלויז אייניקע
קאַפּיטלען פון די „זכרונות" א"ט „די
חשמונאים" — אין די חנוכה־נומערן). אין
דערזעלבער צייטשריפט זיינען צ"אַ גע־
דרוקט זיינע „זכרונות פון דער רוסיש־
טערקישער מלחמה" (1900, 48—49). —
זיין עזבון געפינט זיך אין רשות פון
זיין זון, אַ צאַנדאָקטאָר אין וואַרשע.

ספר זכרון; „ספר השנה", III, ז' 82 — 101
(זייער אינטערעסאַנטע זכרונות); ib IV, ז'
301 — 305; „דער יוד" 1902, 13; „אחיאסף"
I — II, 45 — 7; XV ,EЭ; י. ח. רבניצקי,
„ספר לאומי", אין „דור וסופריו", ז'

פרידלאַנד צבי (1897 —
) געב׳ אין מינסק אין דער פּאַמיליע
פון אַן אַרבעטער אַ בערשטער. פון 16
יאָר אָן גענומען אַן אָנטייל אין דער פּ״צ־
באַוועגונג, אין די

מלחמה־יאָרן גע־
ווען טעטיק אין
דער רעוואָלוציאָ־
נערער באַוועגונג
אין פּט״ב, מיט־
געאַרבעט אין די
פּ״צ־אָרגאַנען, ווי
„דאָס וואָרט״,
„דאָס פרייע וואָרט״ (מינסק, 1918),
Авангардъ ,Евр. Рабочая Хроника,
וועלכן אויך רעדאַקטירט, Накануне —
אָרגאַן פון דער יידישער קאָמוניסטישער
פּאַרטיי פּ״צ א״אַ, אויך אין די אַלגע־
מיינע צייטונגען אין די ערשטע יאָרן
נאָך דער רעוואָלוציע, ווי Известия,
מינסקער Звезда, א״פ ג. ס. מיראָזיע־
מעץ. 1918 — 21 געאַרבעט אין דער
רויטער אַרמיי אַלס רעדאַקטאָר פון
אַ פּאָפּולער־וויסנשאַפטלעכן זשורנאַל
Знание—Сила און אין אַ ריי אַרמייישע
צייטונגען. 1921 אַריינגעטרעטן אין דער
אַלק״פּ און צו יענער צייט פּאַרעפנט־
לעכט א״פּ צבי אַ בוך אין יידיש און
רוסיש א״ט „דער קאָמוניסטישער אינ־
טערנאַציאָנאַל און דער קאָמוניסטישער
פּועלי־ציוניזם״ (אַרויסגעגבן פון דער
יידסעקציע, מינסק, 1922). אַלס היסטאָ־
ריקער לויט זיין ספּעציאַליטעט (מערב־
אייראָפּע פון XIX—XX י״ה) האָט ער
געאַרבעט זינט 1920 אין קאָמוניסטישן
אוניווערסיטעט אויפן נאָמען פון סווערד־
לאָוו, אויך אין ערשטן און צווייטן מלוכה־
אוניווערסיטעט אין מאָסקווע; איז אויך
פּאָרזיצער פון דער יידישער ליטעראַריש־
לינגוויסטישער אָפּטיילונג ביים צווייטן
מלוכה־אוניווערסיטעט (אויף וועלכער
עס אַרבעטן אַלס לעקטאָרן אחוץ פ״ן
י. דאָברושין, נוסינאָוו, מ. זאַרעצקי,
א. גורשטיין), מיטגליד פון ראַט פון
„געזערד״, מיטגליד פון פּרעזידיום פון
דער „געזעלשאַפט היסטאָריקער־מאַרק־
סיסטן״ ביי דער קאָמוניסטישער אַקאַ־
דעמיע, מיטאַרבעטער פון דער סעקציע
פאַר דער נאַציאָנאַלער פראַגע ביי דער
דאָזיקער אַקאַדעמיע, מיטאַרבעטער פון
דעם פראַנצויזישן קאַבינעט ביי דעם
אינסטיטוט מאַרקס־ענגעלס (אין שליחות
פון דעם קאַבינעט באַזוכט פּאַריז, וואו
שטודירט די מאַטעריאַלן צו דער גע־
שיכטע פון דער פראַנצויזישער רעוואָ־
לוציע), גענעראַל־סעקרעטאַר פון די
סאָציאַל־היסטאָרישע אויסגאַבן פון דעם
אינסטיטוט, איינער פון די רעדאַקטאָרן
פון די געזאַמלטע ווערק פון מאַרקס
און ענגעלס, וואָס ווערן אַרויסגעגעבן
פון דעם אינסטיטוט, מיטגליד פון דער
רעדאַקציאָנעלער קאָלעגיע פון דעם
זשורנאַל Историк-Марксист, מיטאַרבע־
טער פון דער גרויסער סאָוועטישער
ענציקלאָפּעדיע (וואו צ״אַ פאַרעפנטלעכט
דעם אַרטיקל „אַנטיסעמיטיזם״), שטענדי־
קער מיטאַרבעטער פון „עמעס״, „שטערן״,
„פרייהייט״, Под ,Печать и Революция
Знаменем Марксизма א״אַ. פון זיינע
היסטאָרישע אַרבעטן זיינען פאַרעפנט־
לעכט אין רוסיש: „סען סימאָן״, „מאַראַט
ביז דער רעוואָלוציע״, „מאַראַט און די
יאַקאָבינער״, „געשיכטע פון מערב־איי־
ראָפּע אין XIX יאָרהונדערט״ (אַרויס
I און II ט׳), „לענין וועגן מלחמה און רע־
וואָלוציע״ א״אַ. צוזאַמען מיט א. סלוצקי
פאַרפאַסט אויף יידיש: „געשיכטע פון
דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין
מאַירעוו־אייראָפּע (1789—1923) / לערנ־
בוך און כרעסטאָמאַטיע״ (צענטראַלער פ״ג

פאַר די פעלקער פון פסס"ר, מאָסקווע 3 ט׳, 1927 — 28). גרייט אויך צו צום אַרויסגעבן די „געשיכטע פון יידן אין דער נייסטער צייט".

פרידמאַן אהרן=מתתיהו (מאָטעסל) (כ"א כסלוו 1892 — VIII/ 1917) געב׳ אין יאַנישפאליע (?), קיעווער גוב׳, אַלס זון פון דעם אַדזשודער רבין ר׳ אברהם=יהושע=העשל (דעם עלטסטן זון פון דעם באַרימטן בוהושער רבין, ר׳ יצחק פ׳, אויס דער באַרימטער רביישער דינאַסטיע פון ר׳ ישראל ריזינער) און זיין ווייב פערל (אַ טאָכטער פון דעם מיליאָנער און צוקערפאַבריקאַנט זלמן אַרנשטיין פון יאַנישפאליע). אַלס קומענדיקער ממלא=מקום פון זיין פאָטער איז ער דערצויגן געוואָרן אין שטרענגסטן חסידישן גייסט אין די ד׳ אמות פון די רביישע הויפן פון אַדזשוד און בוהוש (רומעניע), אָבער — ווי מ׳זאָגט, אַדאַנק דער באַקאַנטשאַפט מיט אַ קריסטלעכן סטודענט - זיך אויך אָנגעהויבן ערנסט אָפצוגעבן מיט וועלטלעכע לימודים. אַ הייסער קעמפער=טעמפעראַמענט, מיט אַ וואַרעם האַרץ און זענקערישן מוח, האָט ער געשטרעבט אַרויסצורייסן זיך אין דער גרויסער וועלט, פאַרלאָזט זיין היים און אַוועק קיין טשערנאָוויץ, אַזוי ווי אַמאָל זיין עלטערפעטער ר׳ בער לאָוועער, אָבער מ׳האָט אים מיט געוואַלד צוריקגעבראַכט אין אַדזשודער הויף, מיט געוואַלד אים חתונה געמאַכט, און ער האָט שוין ווייטער געמוזט בלייבן אין דער גוטיידישער סביבה, הגם ער האָט זיך אויסגעקעמפט אַ געוויסע מאָס זעלבשטענדיקייט. ער איז געקומען אונטער

דער השפעה פון דעם סאָציאַליזם און זאָל אַפילו האָבן זיך באַטייליקט אַנאָנים אין דעם בוקאַרעשטער סאָציאַליסטישן אָרגאַן Romania Muncitoare. אַ ווירקונג האָט אויף אים אויך געהאַט דער אחד=העמיזם. זיך פאַראינטערעסירט מיט די יידישע קולטור-פראָבלעמען, זאָל ער האָבן גענומען אַן אָנטייל אין דער ציוניסטישער באַוועגונג, זאָל האָבן געווען איינער פון די גרינדער און דער סעקרעטאַר פון דער „הסתדרות לשפה ולתרבות העברית ברומניה" אין פאָקשאַן 1916 (?), פון וועלכער אָרגאַניזאַציע ד"ר יעקב נאַכט איז געווען פרעזידענט. נאָך דער ערשיינונג פון דעם 1טן ה׳ פון די זמ"ב „ליכט" — דעם ערשטן פרווו פון אַ מאָדערנער יידיש=ליטעראַרישער אויסגאַבע אין רומעניע, אַרויסגעגעבן אין יאַס (פ"ג „קדימה" 1915) פון אַ גרופע יונגע יידישע שריפטשטעלער (יעקב באָטאָשאַנסקי, יעקב גראָפער, אפרים וואַלדמאַן, מרדכי ראַבינאָוויטש, חנה לעווי) איז פ׳ אויך צוגעשטאַנען צו דער דאָזיקער גרופע, האָט א"פ אהרן, ג. חשמונאי, פ. מ. אהרן, א. מ. תלמודי א"אַ (אויס מורא פאַר דעם „הויף") פאַרעפנטלעכט אין די איבעריקע 3 נומערן פון דער פערטליאָרשריפט אַ רייע אָפהאַנדלונגען, ווי „אויס׳ן טאָגבוך פון אַ נאַטור=מענש", „יודען און יודישקייט", „דער קונסט=חוש ביי יודען" א"אַ, געשריבן אין אַ שיינער, הגם צו פיל העברעיזירטער שפראַך און דורכגעדרונגען מיט אַ רעוואָלוציאָנערער ראָמאַנטיק, מיט געוויסע רעמיניסצענצן פון זשאַן=זשאַק רוסאָ, ניצשע. אין דער באַוועגונג פאַר אַ יידישער ליטעראַטור און קולטור אין רומעניע, וואָס די זמ"ב „ליכט" האָבן געשאַפן און וועלכע איז לכתחילה אויך אונטערגעהאַלטן געוואָרן פון דער רומענישער ליבעראַלער פרעסע

און אַפילו פון בראַטיאַנוס רעגירונג (צוליב פּאָליטישע טעמים — צו דערווייזן, אַז יידן זיינען ניט קיין רומענער, אין קעגנזאַץ צו דעם אַסימילאַטאָרישן „פאַרבאַנד פון די איינגעבוירענע יידן אין רומעניע", וועלכער האָט באַקעמפט, פונקט ווי ער טוט עס אויך היינט, יעדן פּרוּוו פון יידיש-קולטורעלער טעטיקייט)— האָט פ' געשפּילט אַ היבשע ראָלע; דורך זיין בריוו-חילוף מיט דעם רומעניש-יידישן דיכטער פיליפּ אַדערקאָ אין אַ רומענישן זשורנאַל האָט ער מיטגעהאָלפן צו פּאָפּולאַריזירן די יידישע ליטעראַטור צווישן דער יידישער אַסימילירטער אינטעליגענץ און אויך צווישן די רומענער בכלל; צוזאַמען מיט דער גרופּע פון „ליכט", ווי אויך מיט די אַרויסגעבער פון דעם סאָציאַליסטישן „וועקער" מאַקס וועקסלער (זע), יצחק מאָסקאָוויטש א"אַ אָנגעפירט אַ קאַמפּ פאַר יידיש, הגם צום טייל זיינען די וואָרטפירער פון דער דאָזיקער אייגנאַרטיקער יידישיסטישער באַוועגונג געווען נאָך דורכגעדרונגען מיט ציוניסטישע און אַפילו העברעיִסטישע שטימונגען, וועלכע זיינען אויך געקומען צום אויסדרוק אין זייער גרויסן רומעניש-יידישן צו יענער צייט אין גאַלאַץ געגרינדעטן חודש-זשורנאַל Hatikwah, וואו עס האָט זיך אויך באַטייליקט פ' — דער שאַרפסטער פאַרטרעטער פון דעם פּראָ-יידיש-שטאַנדפּונקט. שפּעטער האָט ער זיך אויך באַטייליקט אין „דעם האַמער", וואָס יעקב באָטאָשאַנסקי האָט אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן אין בראַילע, אָבער אין הויף איז מען געוואָר געוואָרן פון פון זיין טעטיקייט אין די אפּיקורסישע צייטשריפטן און דורך אונטערקויפן דעם שעף פון דער פּאָסט האָט מען באַוואָרנט, אַז זיינע אַרטיקלען זאָלן ניט דערגיין לויט באַשטימונג. נאָך דעם אַריינטריט פון רומעניע אין דער וועלט-מלחמה, ווען די יידישע אויסגאַבן דאָרט זיינען פאַרמאַכט געוואָרן, איז פ' אינגאַנצן אָפּגעריסן געוואָרן פון דער אויסערלעכער וועלט, ביז ער איז אומגעקומען אין דער שרעקלעכער טיפוס-מגפה פון קריגסיאָר 1917, איבערלאָזנדיק אַן אלמנה און אַ יתומה. אַרויפוואַרפנדיק די שולד אויף דער רומענישער מיליטער-פּאָליציי, האָט די רביישע סביבה אומגעבראַכט פ'ס איבערגעבליבענע כתבים, בתוכם צוויי דראַמען, איינע פון זיי „דער רבי ר' בער" — אויס דעם לעבן און די גילגולים פון דעם „פאַרפירטן" רבין ר' בער לאָעווער, דעם ריזינערס זון, מיט געוויסע שטריכן פון פ'ס אָוטאָביאָגראַפיע. די יידישע קולטור-פעדעראַציע אין בוקאַרעשט האָט געפייערט זיין צענטן יאָרצייט דורך אַ ספּעציעלער פאָלקס-פאַרזאַמלונג.

ק. מרמר, „ליכט אין רומעניען", אין „אידישען קונסט פריינד", 1916, 2; פּריוואַטע מיטטיילונגען פון יעקב גראָפער און פון ש"ס-ראָמאַן; יעקב באָטאָשאַנסקי, „די ערשטע פּרואוון פון דער אידישער ליטעראַטור אין רומעניע", אין „דער פּרעסע", בוענאָס-איירעס, נאָוועמבער—דעצעמבער 1927, טיילווייזער איבערדרוק אין „דער וואָך", ריגע, 1927, 10; „אונזער וועג", 1927, 19.

פרידמאַן אַלכּסנדר-זושא (י"א אב 1897 —) געב' אין סאָכאַטשעוו, וואַרשעווער געגנט, אין אַ חסידישער משפּחה פון קרעמער, וועלכע שטאַמט פון פאָטערס צד פון דער פראַנקפורטער פאַמיליע סופר. באַקומען אַ שטרענג אָרטאָדאָקסישע דערציִונג, געלערנט אין חדרים און ישיבות, געשעמט פאַר אַן עילוי, צו 13 יאָר געשריבן חידושי-תורה, אויך העברעיִשע שירים. קוים ניצול געוואָרן פון טויט ביים אויסבראָך פון דער וועלט-מלחמה, ווען ביי סאָכאַטשאָוו איז

געווען אַ שלאַכט=פּאָזיציע, איז ער, נאָכדעם ווי דער פאָטער איז באַפרייט געוואָרן פון די רוסן אַלס ערבניק, אַוועק מיט די עלטערן צו פוס קיין וואַרשע, וואו געלעבט עטלעכע יאָר אַלס היימלאָזער. נאָך דער חתונה — צו 22 יאָר באַקומען סמיכה, זינט 1919 אַ טוער פון דער „אגודת ישראל", אויף דער „כנסיה גדולה" אין ווין אָנגעפירט מיט דער יוגנט=פראַקציע. פאַרעפנטלעכט מאמרים, בילדלעך און שירים אין דער אגודיסטישער פּרעסע, ווי „דער יוד", „בית יעקב", די יוגנט=זשורנאַלן „דער צעיר" און „פלאַקער" (דאָרט געדרוקט דעם אָנהייב פון זיין איבערז׳ פון מ. ח. לוצאַטיס „מסלת ישרים"), „מוריה", „הדרך", רעדאַקטירט דעם העברעיִשן חודש=זשורנאַל „דגלנו" — אָרגאַן פון דער „אגודת צעירי אמוני ישראל" אין פּוילן, וואָס ערשיינט אין וואַרשע זינט כסלוו תרפ״א, וואו ער האָט צ״אַ איבערגעזעצט ד״ר י. ברויערס „עקבות משיחא" (אין יידיש אַרויס אין בוכפאָרם א״ט „די שפּורען פון משיח", פ״ג „ישרון", וואַרשע, תרפ״ד, ז׳ 108), פאַרעפנטלעכט אייניקע בראָשורן, אין העברעיִש און יידיש ווי „אגודתנו" (וואַרשע, 1921), „בית יעקב — אַ רוף צו די יידישע פרויען און טעכטער" (1921), „צו די יודישע מוטערס" — פריי איבערז׳ פון ד״ר שמשון=רפאל הירש (1922), „כסף מזוקק"—דאָס ערשטע ה׳ פון אַ גרעסערן לערנבוך פון די כללים פון תלמוד און די יסודות פון פּילפּול פאַר די העכערע קלאַסן פון די חדרים (וואַרשע, תרפ״ג, ז׳ כ״ט) א״אַ. געשריבן א״פ פּז, אַ היימישער, איש שלום, אגודתי, אלכסנדרוני, אפר, א. אהרנזון, בן=אהרן, א. מוקדוני. פון באַרוף אַ בוכהאַלטער און ביוראַליסט, איז פ׳ באַשעפטיקט אַלס דירעקטאָר פון חינוך= און קרן=התורה=צענטראַלע פון „אגודת ישראל" אין פּוילן; איז מיטגליד פון פּרעזידיום פון דעם וואַרשעווער וועד=הקהילה, מיטגליד פון וועד=הפועל פון דער אגודה אין פּוילן און מיטגליד פון אַלוועלטלעכן צענטראַלראַט פון „אגודת=ישראל".

פרידמאַן אריה=דוב (לייב=בער) (ט״ו חשוון 1845 * — 1920) געב׳ אין סוואַלק. ביז 13 יאָר געלערנט אין חדר, דערנאָך אין ישיבות, אויך ביי ר׳ חיים פיליפּאָווער. צו 18 יאָר חתונה געהאַט, איז ער אַוועק קיין מערן און געלערנט ביי ר׳ אברהם פלאָטשעק אין באָסקאָוויץ און באַקומען סמיכה אויף רבנות. פון דאָרט אַוועק קיין בערלין, וואו ער האָט באַזוכט אַ האַנדלסשול. דאַן זיך באַזעצט אין וואַרשע, זיך באַשעפטיקט אַלס לערער פון העברעיִש און בוכהאַלטעריע, געווען אויך אָנגעשטעלט אַלס בוכהאַלטער, אַ געוויסע צייט געפירט אַ וואַרשטאַט צום ליניִרן פּאַפּיר. אין וואַרשע, וואו ער האָט פאַרבראַכט אַ יאָר צוואַנציק, איז ער אויך געווען טעטיק אַלס איינער פון די ערשטע חובבי=ציון און זיך זייער פיל אָפּגעגעבן מיט ליטעראַרישער טעטיקייט, וועלכע ער האָט אָנגעהויבן אַלס אָפטער מיטאַרבעטער פון „המגיד", דערהויפּט מיט מאמרים וועגן ישוב א״י. 1892 איז ער אַוועק קיין אַמעריקע, געווען אַ לערער אין וואוסטער (מאַסאַטשוזעטס), טראָי, ראָטשעסטער, דערנאָך אויפגענומען געוואָרן אַלס לערער און מזכיר פון דער תלמוד=תורה אין פילאַדעלפיע, אַ געוויסע צייט אויך געווען רב, פון צייט צו צייט געשריבן אין דער קאָנסערוואַטיווער יידישער פּרעסע און ווייטער געפירט זיין ליטעראַריש=פּעדאַגאָגישע טעטיקייט. געשטאָרבן איז ער אין אינדיאַנאַפּאָליס. — פ׳ האָט פאַרפאַסט אַ גאַנצע ריי חיבורים

*) לויט „ספר זכרון"; לויט אַן אנדערער קוועלע — 1847.

אין העברעיש און אין יידיש, דערהויפּט
לערנביכער און פּאָפּולער-וויסנשאַפטלעכע,
אויך איבערזעצונגען, וועלכע זיינען גע=
דרוקט געוואָרן אין וואַרשע, ווילנע, נ״י,
דהיינו: „יחש המדות״ — מעטראָלאָגיע
(1870), „תורת הבוכהאלטונג״ (1874, ז׳
134), „קרוא מקרא״ (1879), „שומר
ישראל״ — סיפּור פון VX י״ה, איבערז׳
פון דייטש (1880, ז׳ 96), „גמול אלהים״—
איבערז׳ פון יעקב פּאשעלעס (1891), „נצח
ישראל״ – וועגן יידישער שליחות, גאולה,
ישוב א״י (1883); „תורת הלשון״ (1889),
„הפּדגוג העברי״, „עמק שוה״, „מכתבים
לבני נעורים״, „אלופי ישראל / תולדות
גדולי עמינו מימות עזרא עד חתימת המשנה״
(1892, ז׳ 142), „שבי פשע / ספּור מימי
הבינים״, איבערז׳ פון דייטש, „שולחן
ערוך לבני הנעורים״ (פ״ג היברו פּאָב=
לישינג קאָ׳, נ״י), „מקרא קדש״ — אָנ=
פאַנגסמעטאָדע פאַר קינדער (דערז׳ פ״ג),
„קורות ישורון״ — אַ פּאָפּולערע יידישע
געשיכטע ביז חורבן בית שני—אין ענגליש
(דערז׳ פ״ג) אאַז״וו. פון זיינע יידישע
ווערק האָט אַ באַזונדערס גרויסן ערפאָלג
געהאַט זיין זאַמלונג יידישע אגדות, באַ=
אַרבעט אין אַ גאַנץ ריינעם פאָלקסטימלעכן
יידיש א״ט „כפר לקוטים נפלאים / ...וואונ=
דערבאַרע געשיכטען. ערצעהלונגען. בע=
שרייבונגען פון תנאים ערקלעהרונגען
איבער פיל וויכטיגע זאַכען משלים אין
רמזים. שפּריך ווערטער אונ נאָך אזעלכע
טהייערע זאַכֶן אַרויס געקליבען פון גמרא
אין מדרשים״ (פ״ג נחמה הערשענהאָרן,
שלמה-שמעון שטרייזבערגער און מנחם=
מנדל שניידמעסער, לובלין, 1911—איינע
פון די לעצטע פולע אויסגאַבן — 207
קאַפּיטלען, ז׳ 108). פון זיינע אַנדערע
חיבורים אויף יידיש איז צו דערמאָנען:
„תולדות רש״י״ (וואַרשע, 1882), „וואונ=
דערליכע פּראָגער ספּורים״ (וואַרשע,
1889); „דיא נייע פּראַקטישע אַריפמע=
טהיקאַ אָדער רעכען-לעהרער״ (אין 2 ט׳,
פ״ג חנינא-ליפּא מרגליות, באַרדיטשעוו,
1891, ז׳ 56); „דער נייער פּראַקטישער
בריפענשטעללער / אין פיער טהייל /
זעקסטע פיל פערמעהרטע אונד אויסגע=
בעסערטע אויפלאַגע״ (דערז׳ פ״ג וואַרשע,
1895, ז׳ 96); „דיא דאָפּעלטע בוכפיהרונג״
(באַרדיטשעוו, תרמ״ט). ער האָט אויך
איבערגעזעצט אויף יידיש אַ ריי מעשה=
ביכלעך, ווי: „דער עדלער עם הארץ פון
פּראָג / אַ שיינע היסטאָרישע ערצעהלונג פון
דעם פאָריגען יאָהר הונדערט: / פערפאַסט
פאַן ס. קאהן״ (פ״ג י״ל מאָרגענשטערן,
וואַרשע, 1890, ז׳ 45), „די שעהנע
רייזעלע״ און אַלט המשך דערפון „דער
צויבער שלאָס אָדער דער חרם. / העכסט
אינטערעסאנטער ראָמאַן״ — איבערז׳ פון
ד״ר פיליפּזאָן (פ״ג יצחק פונק, ווילנע,
1910 ז׳ 24; מסתמא אַן איבערדרוק),
„דיא צוויי אלמנות, אָדער דער זעלטענער
יעקב׳ל. / אַ העכסט אינטערעסאַנטער ראָ=
מאַן / פערפאַסט פון דאָקטאָר מענדעל. /
בעשריבען אין פּראָגער פנקס״ (דערז׳ פ״ג,
1910, ז׳ 18) און אַלס המשך דערפון
„דער גרויסער בעל-תשובה״. פ׳ס אַ סיפּור,
מסתמא אַן איבערגעזעצטער, גייט אויך
אַריין אין דעם „ראָמאַן-אַלבום״ — אַ זאַמ=
לונג פון 8 ראָמאַנען און דערציילונגען
פון א. טאַנענבוים, ד. מ. הערמאַלין, נ. מ.
שייקעוויטש און פ׳ (פ״ג „היברו פּאָבלישינג
קאָ.״, נ״י).

„ספר זכרון״; „חכמי ישראל באמריקא״; ליפּפּא,
„אסף המזכיר״, I; צייטלין, „קרית ספר״; „לקסיקון
ציוני״; „האסיף״, תרמ״ה; זמ״ב „דאָס הייליגע
לאנד״; פּריוואַטע מיטטיילונג פון ק. מרמר.

פרידמאַן בצלאל (1897 —
) געב׳ אין בריסק דליטא אַלס
זון פון אַן אַרבעטער אין אַ מעל-פאַב=
ריק. האָט דעביוטירט מיט אייניקע לי=
דער אין י. מ. ווייסענבערגס „יודישע

זאַמעלביכער" 1919, שפּעטער זיך באַטייליקט אין די פּ"צ־אויסגאַבן פון וואַרשע, אין דעם זמ"ה „אויפ'ן וועג", לאָדז. אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע, אַ געוויסע צייט מיטרעדאַקטירט דעם חודש־זשורנאַל פאַר אָנפאַנגער „אויפגאַנג", געדרוקט דערציילונגען און לידער אין „מאָרגען זשורנאַל", זמ"ב „שריפטן" VIII. פאַרפאַסט אַ קינדער־אָפּערע „דער רעטאַך" מיט מוזיק פון לעאָ ליאָוו (אַרויסגעגעבן פון בילדונגס־קאָמיטעט פון אַרבעטער־רינג). באַשעפטיקט אַלס לערער אין די יידיש־וועלטלעכע שולן.

פרידמאַן דוד־אריה (י"ז ניסן 1889 —) געב' אין סוואַלק, דער פאָטער, חיים־מנחם, אַ ייד אַ למדן און אַ משכיל, איז געווען אַ גרויסער סוחר. געלערנט אין חדר און ישיבה, שפּעטער געענדיקט כהנס גימנאַזיע אין ווילנע, שטודירט מעדיצין אין מאָסקווער אוניווערסיטעט, אַלס מיליטער־אַרצט זיך באַטייליקט אין דער וועלט־מלחמה, געווען פאַרוואונדעט, די לעצטע יאָרן געאַרבעט אין פאַרשיידענע געביטן פון מעדיצין אין האַמבורג און בערלין. זינט 1911 פאַרעפנטלעכט אין פאַרשיידענע העברעיִשע אויסגאַבן, ווי „השלח", ביאַליקס „כנסת", „מקלט", „התקופה" א"אַ אַ ריי קריטישע אַרטיקלען איבער ביאַליק, טשערניכאָווסקי, שניאור, פיכמאַן, פרישמאַן, שמעונאָוויטש, ברענער, בערקאָוויטש, עגנון אאז"וו, אויך איבער אַ ריי פאַרשטייער פון דער וועלט־ליטעראַטור, און בעלעטריסטישע זאַכן א"פּ מן השלומים, צורילי. 1923 רעדאַקטירט צוזאַמען מיט וויסלאָווסקין אַ קריטיש־ביבליאָגראַפישן זשורנאַל אין העברעיִש „עין הקורא" (2 ה'). אין יידיש געשריבן אַ סך, אָבער געדרוקט ווייניק, א"פּ ארי מאַנפריד פאַרעפנטלעכט אַ דראַמע „לילית" („צוקונפט" 1923), געדרוקט אויך אַרטיקלען, פעליעטאָנען, דערציילונגען אין „צוקונפט", קאָוונער „אידישע שטימע", בערלינער „אונזער באַפרייאונג" 1920, פון וועלכער אַ פּאָר חדשים געווען רעדאַקטאָר. אָנגעשריבן פאַר „אָזע" אין מאָסקווע פּאָפּולער־מעדיצינישע בלעטלעך, פאַר „אָזע" אין בערלין — אַ ביכל איבער טראַכאָמע. — וואוינט לעצטנס אין א"י.

פרידמאַן ישראל (11/IV 1878 —) געב' אין באָטאָשאַן, רומעניע. געלערנט אין חדרים און אין ליצײ אין באָטאָשאַן. יונגערהייט צוגעשטאַנען צו דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, געגאַנגען צופוס איבער די דערפער פראָפּאַגאַנדירן דעם סאָציאַליזם צווישן די פויערים, געפירט אגב אַן אַגיטאַציע אין רומעניע פאַר שטיצן די טליתים־וועבער אין קאָלאָמיי, וועלכע זיינען געשטאַנען אין אַ שיר ניט פערמאַנענטן שטרייק. זשורנאַליסטישע טעטיקייט אָנגעהויבן נאָך אַלס סטודענט אין רומעניש און אין משך פון 1893 — 99 מיטגעאַרבעט אין די גרויסע טעגלעכע צייטונגען פון בוקאַרעשט און יאַס, ווי Lumea Nove, Adverul, Evenimentul, Dreptatea. יידיש געשריבן דאַן מיט לאַטייניש אותיות און זיך באַטייליקט מיט לידער, סקיצן און אַרטיקלען אין פּשעמישלער „אַרבייטער" (?), לעמבערגער

„יודישען פאָלקסבלאַט" (?). אין רומעניע
האָט פ׳ אויך פאַרפאַסט פילע סאָציאַליס=
טישע בראָשורן. פאַר אַרטיקלען קעגן
דער רומענישער רעגירונג אַרעסטירט,
איז ער 1900 אַרויסגעשיקט געוואָרן פון
לאַנד. אָן אַ שיפסקאַרטע, בלויז מיט
אַ רעקאָמענדאַציע=בריוו צו פויל זינגער,
דעמאָלט רעדאַקטאָר פון Hamburger
Echo, איז פ׳ געקומען קיין האַמבורג,
זינגער זאָל אים העלפן אַריבער קיין
אַמעריקע. צוליב דעם געזעץ, וואָס האָט
פאַרווערט יידישע עמיגראַנטן זיך אָפּצו=
שטעלן אין דייטשלאַנד און זיי געצוואונ=
גען צו פאָרן קיין אַמעריקע דווקא מיט
דער „האַמבורגער ליניע", וועלכע האָט
געהאַט דערויף אַן אָפּמאַך מיט דער
דייטשער רעגירונג, איז פ׳ אַרעסטירט
געוואָרן אַלס עמיגראַנט און מ׳האָט
אים אינטערנירט אין רועלעבן, וואו
מ׳פלעגט די יידישע עמיגראַנטן פייניקן
ביז צום טויט. פ׳ן איז אָבער געלונגען
זיך אַריבערצוכאַפּן איבער דעם הויכן
פלויט פון דעם עמיגראַנטנלאַגער, און
ער האָט זיך געלאָזט גיין צופוס קיין
בערלין, איבער פעלדער און וועלדער,
אויס מורא אויפן שליאַך אָנצוטרעפן
דייטשע זשאַנדאַרן. אין בערלין האָט ער
איבערגעגעבן אַלע פאַקטן פון דעם
ענין זינגערן, און דער Vorwärts האָט
דאַן צום ערשטן מאָל אויפגעדעקט די
רציחות פון דער דייטשער רעגירונג
לגבי די יידישע עמיגראַנטן, געשיקט
אויפן אָרט אַ רעפּאָרטער פאַרקליידט
פאַר אַ יידישן עמיגראַנט און אויפגע=
הויבן אַ קאַמף קעגן דער געהיימער גזרה.
די געשיכטע האָט אויפגערודערט די
עפנטלעכע מיינונג, און ווען פ׳ איז
געבראַכט געוואָרן צום האַמבורגער פּאָרט,
האָט ער דאָרט געטראָפן אַלע עמיגראַנטן
פון רועלעבן באַפרייט, און זיי זייענדיק
אים געפאַלן אויפן האַלז אים קושן פאַר
דער אויסלייזונג פון די עינויים. געקו=
מען קיין נ״י, יולי 1900, האָט פ׳ אָנגע=
הויבן מיטצואַרבעטן אין דער סאָציאַ=
ליסטישער Volkszeitung, שפּעטער זיך
געווידמעט דער יידישער זשורנאַליסטיק,
צוערשט געווען אַ מיטאַרבעטער פון
דער יידישער אַרבעטער=פּרעסע, ווי
„פאָרווערטס", „אבענד בלאַט", „אבענד
צייטונג", „צוקונפט", אויך פון „מאָרגען
זשורנאַל" און „אַמעריקאַנער", די לעצטע
15 יאָר שטענדיקער מיטאַרבעטער פון
„יידישען טאַגעבלאַט". אַחוץ זשורנאַ=
ליסטישע און פּובליציסטישע אַרטיקלען,
שרייבט פ׳ דערהויפּט טעאַטער=קריטיק
א״פ ישראל דער יענקי (זיינע אַנדערע
פּס״נ זיינען בן=יצחק, דיאָגענעס, קריטי=
קוס), אויך פעליעטאָנען און דערציילונ=
גען — דאָס רוב פון טעאַטער=לעבן (צום
טעאַטער געשטאַנען נאָענט נאָך אין דער
אַלטער היים, געשפּילט אַליין אין רומע=
ניע, בוקאָווינע, עסטרייך); האָט אויך
פאַרפאַסט אַ פּיעסע, וועלכע איז אויפגע=
פירט געווען פון יעקב אַדלער אין „ווינד=
זאָר=טעאַטער" אַרום 1904. אַלס פּובליצי=
סטישער און פּאָליטישער אינטערוויוער
געמאַכט 1911 אַ רייזע איבער אייראָפּע
און געדרוקט זיינע אינטערוויוען מיט
מאַקס נאָרדוי, אַלפרעד דרייפוס, י״ל פּרץ,
סאָלאָמאָן ריינאַק, ד״ר קוראַנדאַ, אַלפרעד
לעווי, ד״ר יהודה, דזשיימס סימאָן, ד״ר
קאַמינקאַ, פּראָפ. אָפּענהיימער, בעבעל,
ליבקנעכט, זשאָרעס א״אַ, אָנגעשריבן
די ביאָגראַפיע פון פויל זינגער, ביי
וועמען ער האָט געוואוינט 2 וואָכן צייט
בשעת זיין ערשטער נסיעה קיין אַמע=
ריקע. געווען אויך אַ דורכרייזנדיקער
מיטאַרבעטער פון דער ברעסלער Volks-
wacht, בערלינער Vorwärts א״אַ. אַרום
1918 רעדאַקטירט אַ וועכנטלעכן זשור=

נאל „טעאטער און מואווינג פיקטשורס". מאנכע פון זיינע אַרטיקלען און סקיצן זיינען איבערגעזעצט אין ענגליש, פראַנצויזיש, העברעיש (פון ג. זעליקאָוויטש אין „הדבורה"). — אין אַמעריקע בשעתו געגרינדעט די אַ"ג „רומענישע ליגע", וואָס האָט געזאַמלט טויזנטער דאָלאַרן אויף צו קויפן געווער און אַמוניציע פאַר די יידישע אַרבעטער אין רומעניע צום שוץ קעגן די פּאָגראָם-באַנדיטן בשעת די גרויסע פּאָגראָמען אין רומעניע. — זיין זון, דייוויד פ׳, איז דער פאַרפאַסער פון דעם ראָמאַן „מענדל מאַראַנץ" (פ"ג „האַרפּער קאָ.", נ"י, 1925), וואָס איז פון ענגליש איבערגעזעצט אין פילע שפראַכן (אין יידיש פון מאַרק ראַזומני אין ריגער „פרימאָרגן" און „ווילנער טאָג" 1927) און געהאַט אַ באַזונדערס גרויסן ערפאָלג אין ראַטנרוסלאַנד, וואו ער איז אויך דראַמאַטיזירט געוואָרן (אויפגעפירט צ"אַ אין מאָסקווער קינסטלערישן טעאַטער) און אויסגענוצט געוואָרן אַלס קינאָ-בילד. צוזאַמען מיט אירווינג סיזאָר האָט דייוויד פ׳ פאַרפאַסט אַ ליברעטאָ פון דער ענגליש-יידישער אָפּערעטע „בעטסי", אויפגעפירט אין דעם „ניו-אַמסטערדאַם-טעאַטער" אין נ"י אָנהייב 1927.

„חכמי ישראל באמריקא".

פרידמאַן יעקב-ישראל (23/I 1880*—) געב׳ אין שאַוול, ליטע. 1899 אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע, האָט זיך באַטייליקט אין פאַרשיידענע נ"י׳ער צייטונגען, ווי „יידי טאַגעבלאַט", „העראָלד", „אָבענד פּאָסט", „מאָרגען זשורנאַל", „פ. א. ש." א"פ לינע פערלמוט. אין בוכפאָרם פאַרעפנטלעכט אַ זאַמלונג בילדער און סקיצן א"ט „פרידמאַנ׳ס מעשה׳ליך" (נ"י, 1904).

*) לויט „דור רבניו וסופריו", VI — 1883.

פרידמאַן לווי (25/XII 1896 —) געב׳ אין וואַרשע. שפּעטער האָט ער אויסגעוואַנדערט קיין נ"י, וואו ער איז באַשעפטיקט אַלס אַרבעטער. אין דער ליטעראַטור האָט ער דעביוטירט מיט אַ בוך א"ט „דער רוף צו זיך" (ליטעראַרישער פ"ג, נ"י, 1923, ז׳ 276)— אַ מין נאָכמאַכונג פון ניצשעס „אַזוי האָט גערעדט זאַראַטוסטראַ", וואו דורך דעם העלד פון די ליריש-פילאָסאָפישע מיניאַטורן, ליידן, דריקט פ׳ אויס געדאַנקען וועגן גאָטהייט, מיטלייד, רחמנות גליק, האָפענונג, רעוואָלוציע, מוטערשאַפט, ליבע אאַז"וו. אין די דאָזיקע מיניאַטורן פילט זיך טיילמאָל דאָס זוכן און שטרעבן פון אַ פיינפילנדיקער נשמה, אָבער די הילפלאָזיקייט פון שפראַך און סטיל מינערט שטאַרק דעם דאָזיקן פרווו אַרויסצוברענגען די פילאָסאָפיע פון אינדיווידואַליזם. פ׳ האָט אויך פאַרעפנטלעכט אַ ריי מיניאַטורן אין „טאָג", „פרייהייט", „פ. א. ש.", „דער פעדער" („איבער דעם לעבן" א"אַ).

א. אלמי, אין „ליט׳ בלעטער", 30; ב. גראַבארד, אין „דער פעדער"; ש. ניגער, אין „טאָג".

פרידמאַן מנחם-נחום (ח׳ חשוון 1879 —) געב׳ אין שטעפאַנעשט, רומעניע, אין אַ רבניש-רביישער משפחה, סיי פון פאָטערס צד סיי פון דער מוטערס—אַן אוראורייניקל פון ר׳ ישראל ריזינער, עלטערער ברודער — פון איין פאָטער—פון אהרן-מתתיהו פ׳. דערצויגן געוואָרן אין בוהוש ביים זיידן ר׳ יצחק פ׳, צו 18 יאָר חתונה געהאַט מיט אַ טאָכטער פון ר׳ ישראל טשאָרטקאָווער, אויך אַן אוראייניקל פון ר׳ ישראל ריזינער, מיט וועלכער ער איז געווען פאַרקנסט צו 6 יאָר, האָט ער זיך באַזעצט אין טשאָרטקאָוו ביים שווער און אין משך פון 10 יאָר געלערנט. 1907 פאַרלאָזט

טשאָרטקאָוו און געוואָרן רבי אין איצקאַן, בוקאָווינע, נאָכן אויסבראָך פון דער מלחמה איז ער אַנטלאָפן קיין ווין, וואו פאַרבראַכט ביז 1921, דאַן זיך באַזעצט אין זיין געבורטשטאָט שטעפאַנעשט. ער האָט פאַרעפנטלעכט פאָלגנדיקע ספרים: „דברי מנחם" (קראָקע, 1913); 3 ט׳ פון זיין גרויסן פירוש אויף דער מסכת „אבות" א"ט „מן" (ווין, 1920 און 1922, טשערנאָוויץ, 1925), וואו ער ווייזט אַרויס גרויס בקיאות אין דער העברעיִשער און אַלגעמיינער ליטעראַטור, שטרעבנדיק שלום צו מאַכן צווישן אמונה און השכלה; „החלום ופתרונו" (טשערנאָוויץ, 1925), וואו ער ברענגט צונויף אַ גרויסן מאַטעריאַל וועגן חלומות, סיי פון די חכמי התלמוד און די מיטלעלטערלעכע יידישע פילאָסאָפן, סיי פון דער אַלגעמיינער פילאָסאָפיע, אָנגעהויבן פון סאָקראַטעס און אויסגעלאָזט מיט קאַנטן, שאָפּענהויערן, שלייערמאַכערן, פרוידן א"אַ, אויך די אייגענע ערפאַרונג אויף דעם געביט (ער האָט אין משך פון עטלעכע יאָר פאַרצייכנט אין אַ טאָגבוך אַלע זיינע חלומות און פּרוּווט זיי באַשיידן אויפן גרונד פון פרוידס שיטה). ער האָט אויך געשריבן אַרטיקלען אין דער יאַסער יידישער צייטשריפט „ביבליאָטעק אידישע וויסענשאַפט" און אין אַנדערע העברעיִשע און יידישע צייטונגען א"פ כלאי. איז טעטיק אין דער „מזרחי"=באַוועגונג.

ד"ר ש. א. האָראָדעצקי, „צדיק מיוחד במינו", אין „הדאר", כ"ז טבת תרפ"ד; id, אין „היום", י"ד אייר תרפ"ה.

פרידמאַן משה—געווען לערער אין כערסאָן. מחבר פון איינעם פון די ערשטע מאָדערנע לערנביכער פון יידיש א"ט „היהדיה / אַ נייע מעטאָדע צו אויסלערנען אין אַ גיכער צייט און זעהר גרינג לייענען און שרייבען יודעש" (I ט׳ אָדעס, 1905; 4טע אויפלאַגע, 1912, ז׳ 80; II ט׳ — „אַ חרעסטאָמאַטיע צום לעזען אין שולע און אין דער היים" — 3טע אויפלאַגע — 1912, ז׳ 144). ער האָט אויך איבערגעזעצט אויף יידיש י. ב. לעווינזאָנס „בר כוכבא / איינע אַלטע און אימער נייע געשיכטע" (אין 2 ט׳, פ"ג „היהודיה", אָדעס, 1906, ז׳ 76). — אַ געוויסער מ. פרידמאַן האָט אויך פאַרפאַסט אַ „שעהנע געשיכטע" א"ט „חמצדיגער ברכו" (וואַרשע, 1880).

Y, אין „דאָס לעבען", פט"ב 1905, I.

פרידמאַן פעליקס (14/V 1897 —) געב׳ אין וואַרשע אַלס זון פון אַ סוחר. נאָכן ענדיקן גימנאַזיע אַריין 1916 אין דער וואַרשעווער אַקאַדעמיע פאַר מאָלעריי, וועלכע געענדיקט 1919. זינט 1918 זיך באַטייליקט אין אַלע אויסשטעלונגען פון דער וואַרשעווער פּוילישער קונסט=געזעלשאַפט „זאַכענטאַ". ער איז געווען גרינדער פון דער „יידישער געזעלשאַפט צו פאַרשפרייטן קונסט", אין וועלכער ער האָט אָגב 1925 דעמאָנסטרירט אַ קאָלעקטיווע אויסשטעלונג פון זיינע ווערק, וואָס האָט געהאַט גרויס ערפאָלג. שפעטער געפאָרן קיין פאַריז, וואו זיך באַטייליקט אין פאַרשיידענע אָפיציעלע סאַלאָנען, געמאָלט ביאַליקן, אַנדרע ספּירן, אַנרי טאָרעסן. האָט אויך אויסגעשטעלט זיינע בילדער אין אייניקע יידישע שטעט פון פוילן, ווי ביאַליסטאָק, ווילנע א"אַ. אַחוץ אַרטיקלען איבער קונסט און קינסטלער אין „ליט׳ בלעטער" און די פּויליש=יידישע Nowe Życie און Nasz Przegląd האָט ער אַרויסגעגעבן אַ בוך צייכענונגען „הינטערקוליסן = מאַסקעס", מיט אַן איינלייטונג פון ב. ווייניג (פ"ג ח. בזשאָזאַ, וואַרשע, 1925), וואו עס גייען אַריין איבער 80 צייכענונגען פון

וואַרשעווער יידישע שוישפּילער און ליטע=
ראַטן (ווי אַש, אָפּאַטאָשו, א. גאָלדבערג,
ש. גילבערט, העפּטמאַן, מ. מ. הורוויץ,
מ. וואַנווילד, א. זאַק, יוסף טונקעל, יאוש=
זאָן, מ. לייזעראָוויטש, מאַסטבוים, מאָ=
רעווסקי, מיכאַלעוויטש, נחמן מייזיל, נאָמ=
בערג, סעגאַלאָוויטש, י. פּערלע, קאַציזנע,
א. קליינמאַן, ב. קרעמער, מ. ראַקאָווסקי,
ב. שוואַלבע, י. שטערן, דוד הערמאַן א״אַ).

נ. ווייניג, אין „ליט. בלעטער״, 54; נ. קאַזשען,
ib, 57; אַלטער קאַציזנע, ib, 57; יצחק ליכטנ=
שטיין, אין „הײַנט״, 9/VI 1925; מאַקס געלער,
אין „פּאָלק און לאַנד״, 19/VI 1925.

פרידמאַן קלמן (1/V 1895 —
) געב׳ אין וואַרשע. געלערנט
ביז 9 יאָר אין חדר, 2 יאָר באַזוכט
אַ פאָלקסשול. צו 17 יאָר אַריין אין
„בונד״, שפּעטער אויסגעוויילט געוואָרן
אין צענטראַלן ראַט פון די פּראָפ׳ פאַר=
איינען אין וואַרשע, צוליב אַ פּראָוואָ=
קאַציע געמוזט פאַרלאָזן וואַרשע און
אַוועק 1913 קיין אַמעריקע, זיך באַ=
טייליקט אין דער אַרבעטער=באַוועגונג,
אַ יאָר צייט געווען אַ פּראָפעסיאָנאַליסט
אין דעם פאַראיין פון די שטריקער,
איצט אַרבעט ער אין אַן אייגענער פאַבריק
פון דאַמענהיט. — דעביוטירט מיט אַ פּאָר
לידער אין וואַרשעווער „אונזער לעבען״
1912, האָט ער אין אַמעריקע געשריבן
אין פאַרשיידענע צייטונגען און זשור=
נאַלן, ווי „די נייע וועלט״, „די גלייכ=
הייט״, שיקאַגער „קונסט=פריינד״ און
„אידישע אַרבייטער וועלט״, „די וואָך״,
„דער טאָג״, רעדאַקטירט אַ פאַך=זשור=
נאַל „די האָפנונג״. אין בוכפאָרם אַרויס=
געגעבן אַ זאַמלונג לידער א״ט „לעבענס=
טענער״ („ליטעראַרישער פ״ג״, נ״י,
1916).

פרידמאַן שמואל (1897 —
) געב׳ אין פּינסק, אַן אייניקל
פון ר׳ דוד קאַרלינער, פון דער מוטערס
צד — אַ פּלימעניק פון בעל=מחשבות.
דערצויגן אין קאָוונע, געענדיקט קאָוונער
קאָמערץ=שול, וועלכע איז צוליב דער
מלחמה עוואַקוירט געוואָרן קיין ריאַזאַן,
דאָרט געשאַפן אַ קרייזל פאַר יידישער
ליטעראַטור ביים אַלגעמיינעם יוגנט=קלוב,
און אין קרייזל האָבן זיך אַקטיוו באַ=
טייליקט אויך רוסישע חברים פון דער
יוגנט און אינטעליגענץ; שפּעטער אַרי=
בערגעפאָרן קיין אוקראַינע, 1920 גע=
ענדיקט דעם יורידישן פאַקולטעט אין
כאַרקאָוו, גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל
אין דער צ״צ=באַוועגונג, 1921 צוריקגע=
קומען קיין ליטע, דערנאָך געלעבט אין
בערלין, לעצטנס—אין פּאַריז אַלס סעק=
רעטאַר פון דעם „בעל=מחשבות=קאָמיטעט״
(זע עליאַשעוו איסידאָר).—זשורנאַליסטישע
טעטיקייט אָנגעהויבן אין רוסישע און
אוקראַינישע צייטונגען פון פּאָלטאַווע,
אין קיעווער אָרגאַן פון צ״צ „ערד און
אַרבעט״, אונטער דעם דאָזיקן טיטל
רעדאַקטירט 1921 — 22 דעם צווייוויכנט=
לעכן אָרגאַן פון די צ״צ אין קאָוונע,
געווען אַ מיטאַרבעטער פון „דער איד׳
שטימע״, וואו פאַרעפנטלעכט אַ גרויסע
צאָל עסקיזן און פעליעטאָנען, אַרטיקלען
וועגן די פראַגן פון דער יידישער אַווטאָ=
נאָמיע — אויך אין דער אַרגענטינער
„נייער וועלט״ א״פ סאַמועל, און אין
דער „טריבונע״ א״ר פון מ. גראָסמאַן
א״פ סאַפּרי. אין בוכפאָרם אַרויסגעגעבן
„אוקראַינישע מאָטיוון / זיבן נאָוועלן״
אויס דער צייט פון דעם בירגערקריג
און די פּאָגראָמען אין אוקראַינע (פ״ג
„פונקען״, בערלין — פּאַריז, 1926).

פרידמאַן שמואל=דוד כ״ץ — דיין
אין הוסט, אונגאַרן, מחבר פון ספרל
„שרגא בטהרה״ — דינים פון נידה אויף
עברי=טייטש (הוסט, 1912).

פרידענזאָן אליעזר=גרשון (י"ח חשוון 1899 —) געב' אין וויסקיט, ביי וואַרשע, אין אַ משפחה, וואָס איז זיך מתיחס מיט די אויערבאַכס און רוקחס. אַן אייניקל פון דעם באַוואוסטן לאָדזער רב דעם מחבר פון ספר „מנחת שמואל". געלערנט אין חדר און ישיבות און מיט פריוואַטע לערערס דורכגעמאַכט דעם קורס פון 4 קלאַסן מיטלשול. זינט 1920 באַטייליקט אין דער אַגודיסטישער פרעסע, געשריבן פובליציסטישע אַרטיקלען אין „יוד", „אָרטאָדאָקסישע בלעטלעך", לאָדז 1920—23, און בעלעטריסטיק אין דער העברעיִשער אויסגאַבע „דגלנו", זינט 1924 רעדאַקטירט דעם מאָנאַטלעכן אילוסטרירטן פאַמיליענזשורנאַל „בית=יעקב" אין יידיש מיט אַ פוילישער ביילאַגע Wschód, וואָס פירט אַ רעליגיעזע פּראָפּאַגאַנדע צווישן יידישע פרויען און איז אויך דער אָרגאַן פון די אַ"ג „בית=יעקב"=שולן; זינט 1926 איז דער זשורנאַל דער אָפיציעלער אָרגאַן פון די אָרגאַניזאַציעס „בנות אגודות ישראל". זינט יולי 1925 אַרויסגעגעבן אויך אַ אָרטאָדאָקסישן קינדער=זשורנאַל א"ט „דער קינדער=גאָרטן". פאַרעפנטלעכט אַ בראָשור „צו דער יודישער יוגענד" (1922, ז' 20). 1919—1922 געווען אינסטרוקטאָר פון „אגודת ישראל", באַזוכט 300 שטעט און שטעטלעך אין פוילן מיט רעפעראַטן פאַר דער אגודה. אַלס פאָרשטייער פון דער לאָדזער אגודה אויסגעוויילט געוואָרן 1922 אין דער צענטראַלער הנהלה פון דער „אגודה" אין פוילן, אַלס מיטגליד פון דעם פּרעזידיום אויף דער „כנסיה גדולה" אין ווין אאז"וו. לייטער פון צענטראַלן סעקרעטאַריאַט פון די „בנות אגודות ישראל" און פון די יידישע לימודים אין די „בית=יעקב"=שולן אין לאָדז.

פרידקין אייזיק (1892 —) געב' אין וועסקע, האָמלער געגנט. צו 5 יאָר געבליבן אַ יתום פון פאָטער, ביז 14 יאָר געלערנט אין חדר און פאַרשיידענע ישיבות פון

מאָהליעווער גוב', דאַן אונטער דער השפעה פון דער העברעיִשער ליטעראַטור אַרויס „לתרבות רעה", געוועזן אַ לערער אויף דערפער און ישובים, צו 17 יאָר אַוועק אָן שום מיטלען קיין ווילנע, געווען אַ קאָרעקטאָר אין „הזמן", דאַן אין די „לעצטע נייס", 1916—18, וואו פאַרעפנטלעכט זיינע ערשטע ליטעראַרישע פרווון—אייניקע לידער, פעליעטאָנען און אַרטיקלען. שפּעטער פון צייט צו צייט פאַרעפנטלעכט לידער, דאָס רוב אין עקספּרעסיאָניסטישן טאָן, ווי אויך אַרטיקלען און ליטעראַריש=קריטישע עסייען—אין „דער נייער וועלט", די זמ"ה „לעבען" שאַליטס, „רינגען", „ליט' בלעט", בונדישער „אונזער שטימע" א"אַ, צוזאַמען מיט ש. דרייער און פאַלק היילפּערין 1926 אַרויסגעגעבן 3 נומערן פון אַ וואָכנבלאַט א"ט „קונסט און לעבן". באַזונדערס אויסגעצייכנט דורך זיינע הומאָריסטישע פעליעטאָנען און פּאַראָדיעס א"פ הוליע קבצן, וואָס ער האָט זינט 1921 פאַרעפנטלעכט אין „ווילנער טאָג", צוערשט וועכנטלעך, דאַן בלויז פון צייט צו צייט. די לעצטע יאָרן באַשעפטיקט אין ווילנע ביים פאַרלאַג פון ב. קלעצקין. האָט אין בוכפאָרם פאַרעפנטלעכט: „אברהם=בער גאָטלאָבער און זיין עפּאָכע" (פ"ג פון ב. קלעצקין, 1926). וואו ער האָט קודם=כל צונויפגעזאַמלט און איבערגעזעצט אויף יידיש די זכרונות פון גאָטלאָבערן און

דערגאַנצט זיי מיט ביאָגראַפישע מאַטעריאַלן פון פאַרשיידענע קוועלן, אַזוי אַז דאָס בוך איז גלייכצייטיק אויך אַ וויכטיקער צושטייער צו דער געשיכטע פון דער השכלה אין רוסלאַנד מיט גאָטלאָבערן אַלס צענטראַלע פיגור. צוזאַמען מיט ז. רייזען האָט ער צונויפגעשטעלט די „מגילות" פון י. ל. פרץ מיט אַלע זייערע וואַריאַנטן און „א. ב. גאָטלאָבערס יידישע ווערק" (דערז׳ פ״ג, ווילנע, 1927, ז׳ 257). ער האָט אויך איבערגעזעצט פ. אַנ—מאַנס „דער קאַמף פאַר וועלט=הערשאַפט און וועלט=וועגן" (דערז׳ פ״ג, 1924, ז׳ XVII + 288), די ראָמאַנען פון איליאַ ערענבורג „דער רייסער" און פון קאָנסטאַנטין פעדין „שטעט און יאָרן" (פ״ג „טאָמאָר" פון יוסף קאַמערמאַכער, ווילנע, 1927 און 1928).

ד״ר י. שאַצקי, אין „פנקס", נ״י, 1927.

פרייד מאיר=יעקב (31/VIII 1871 —) געב׳ אין קאַלוואַריע, סוּוואַלקער געגנט, אין אַ באַלעבאַטישער פאַמיליע. ביז 12 יאָר געלערנט אין אַ מאָדערניזירטן חדר, געהאַט געגרייט זיך פאַר אַ דייטשן ראַבינער, אָבער צוליב ביסמאַרקס גזרה ניט געקענט אָנקומען אין ווירצבורגער סעמינאַר,



באַזוכט די גימנאַזיע אין מאַריאַמפאָל. 1889 זיך באַזעצט אין וואַרשע, צוערשט געווען אַ האַנדלס=אָנגעשטעלטער, שפעטער געעפנט אַ אַנאָנסנביוראָ מיט אַ פאַרלאַג און בוכהאַנדלונג, דערהויפט פאַר יודאַיקאַ און העבראַיקאַ. ער האָט פון צייט צו צייט זיך באַטייליקט אין „הצפירה" א״פ בן=רשי א״אַ, אונטער פרצעס השפעה אָנגעהויבן צו שרייבן יידיש און פאַרעפנטלעכט אין פרצעס זמ״ב („יודישע ביבליאָטעק", III, „ליטעראַטור און לעבען", „יום=טוב=בלעטלעך") אייניקע בילדער אויס דעם לעבן פון בהמות („די רויטע קאַראָלינאַ / אַ ראָמאַן פון בהמה׳שען לעבען", „מורזאַ" — פון הינטישן לעבן א״אַ) — די ערשטע פון דעם זשאַנר אין דער יידישער ליטעראַטור, וואָס זיינען אויך איבערגעזעצט געוואָרן אויף אַנדערע שפראַכן. (פרץ האָט געהאַלטן, אַז די שילדערונג פון בעלי=חיים איז פ׳ס אייגנטלעכער געביט). ער האָט אויך געשריבן בילדער פון דער פראָווינץ אין „הויזפריינד" V, קאָרעספאָנדירט פון וואַרשע אין דער ווילנער „וועלט", אין פט״ב׳ער „פריינד". בשעת דעם דרייפוס=פראָצעס האָט דער בוכהענדלער לאַזאַר צוקערמאַן בשותפות מיט מ. ספעקטאָר, דעם פאַפירהענדלער י. באָרנשטיין און דעם אַדמיניסטראַטאָר פון „הצפירה" א. בערמאַן זיך געווענדט צו אים, ער זאָל באַאַרבעטן אויף יידיש — פאַר אַ האָנאָראַר פון 12,50 רובל אַ דרוקבויגן — אַ דייטשן סענסאַציאָנעלן דרייפוס=ראָמאַן, און אַזוי זיינען אַנטשטאַנען די העפטן פון זיין „קאַפיטאַן דרייפוס / אַ העכסט אינטערעסאַנטער ראָמאַן פון היינטיגער צייט" צו 5 קאָפ׳ אַן עקז׳ (אַגב די ערשטע יידישע ראָמאַן=העפטן אין פוילן), וועלכע האָבן געהאַט אַ אומגעהייערן ערפאָלג, זיך אָנהייבנדיק מיט אַ טיראַזש פון אַ 25000 עקז׳ און ערשט שפעטער אַראָפפאַלנדיק ביז אַ 8000 (בסך=הכל אַרויס אַ 56 ה׳; אין איינעם פון זיי געפינט זיך אויך אַ ציגיינער=לידל, געשריבן פון י. ל. פרץ); דער ראָמאַן איז אויך איבערגעזעצט געוואָרן אויף רוסיש, פויליש, העברעיש (?). בשעת ל. צוקערמאַן האָט אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן אַ סעריע יידישע ביכער א״ט „צוקערמאַנ׳ס פאָלקס=ביבליאָטהעק" (וואַרשע 1898), האָט פ׳ באַאַרבעט פאַר דער דאָזיקער סעריע „די

גאָלדמאַכער / אַ אמת אינטערעסאַנטע געשיכטע / ... נאָך היינריך טשאָקע" (ז' 56), שעקספּירס טראַגעדיע „דער קויפמאַן פון ווענעדיג" אין דער פאָרם פון אַ דערציילונג; ער האָט אויך באַאַרבעט ד. מאָרדאָווצעווס היסטאָרישן ראָמאַן „די העלדען פון ירושלים" (אויסגאַבע פון מ. ספּעקטאָר, וואַרשע, 1899), האָט פאַרפאַסט אַ בראָשור „די גרויסע ציוניסטען-אסיפה אין מינסק" (אָפּדרוק פון „דער יודישער פאָלקס-צייטונג", פ"ג „פאָלקס-בילדונג", וואַרשע, 1902), אין „יוד" צ"אַ פאַרעפנטלעכט אַן אַרבעט „דון יצחק אברבנאל" (1899). 1910 האָט ער אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן אַ אילוסטרירטע וואָכנשריפט „דער שטראַהל" אונטער דער פאַקטישער רעדאַקציע פון א. ל. יאַקובאָוויטש, וואו ער האָט געשריבן כמעט אַלע וואָך לייטאַרטיקלען, פעליעטאָנען, אַרטיקלען און רעצענזיעס איבער פוילישע און יידישע שריפטשטעלער, ביכער, טעאַטער א"פ אַ פרעמדער, מי"ף א"אַ (דער זשורנאַל האָט עקסיסטירט 15 חדשים און זיך פאַרמאַכט מיט אַ דעפיציט פון 15000 רובל). לעצטנס האָט ער פאַרעפנטלעכט אייניקע קאַפּיטלען זכרונות איבער יהואש, מענדעלע מוכר-ספרים, י. א. לייזעראָוויטש, זיין דרייפוס-ראָמאַן — אין די „ליט' בלעט'" (1927).— באַטייליקט אין יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן צוערשט אַלס חובב-ציון און דערנאָך אַלס ציוניסט, געוועזן לאַנגיאָריקער מיטגליד פון פאַרוואַלטונג און אַ געוויסע צייט אויך פאָרזיצער פון „הזמיר", „עבריה" א"אַ קולטור-פאַראיינען, דערהויפּט ציוניסטיש-העברעיסטישע, אויפגעטרעטן אַלס פרעלעגענט איבער העברעישער און יידישער ליטעראַטור, יידישער געשיכטע, ציוניזם, פרנס פון דער וואַרשעווער קהילה פון דער ציוניסטישער פראַקציע.

„לקסיקון ציוני"; „דער פאַרבאַנד", נ"י, 1925, 11.

פריידוס אברהם-זלמן (1/V 1867—2/X 1923) געב' אין ריגע, די יוגנט פאַרבראַכט אין פאַריז און א"י, צו 22 יאָר געקומען קיין נ"י, וואו ער האָט שטודירט ביבליאָטעק-פירונג, 1897 איינגעלאַדן געוואָרן אַלס ביבליאָטעקאַר פון דער יידישער (און העברעישער) אָפּטיילונג פון דער נ"יער עפנטלעכער ביבליאָטעק און דורך זיין געטרייער אומפאַרמאַטערלעכער אַרבעט, אַדאַנק זיינע פילזייטיקע און גרינדלעכע קענטענישן און זיין גרויסער איבערגעגעבנקייט דעם ענין פון יידישן בוך איז די דאָזיקע קליינע פאַרוואָרלאָזטע אָפּטיילונג אונטער זיין אָנפירונג אין משך פון 25 יאָר—פון אַ קליינער קאָלעקציע ספרים פון דער אַלטער אַסטאָר-ביבליאָטעק פאַרוואַנדלט געוואָרן אין איינעם פון די גרעסטע און געאָרדנטסטע יידישע ביכער-אוצרות אין דער וועלט מיט איבער 25 טויזנט ביכער און בראָשורן, דערפון איבער 2000 אין יידיש, מיט אַ מוסטער-קאַטאַלאָג לויט פ'ס אַ גלענצנדער און געניוסטער קלאַסיפיקאַציע, וועלכע אַנטהאַלט איבער 500 רובריקן — דער ערשטער פרווו פון אַ קלאַסיפיקאַציע פון די ווערק פון אונזער ליטעראַטור (איינצלנע רובריקן פון דעם דאָזיקן קאַטאַלאָג, ווי אַ רשימה פון יידישע צייטשריפטן, פון יידישע דראַמאַטישע ווערק, פון ווערק איבער יידישער געשיכטע, איבער דער לאַגע פון די יידן אין פאַרשיידענע לענדער, איבער אַנטיסעמיטיזם אאַז"וו, האָט פ' פאַרעפנטלעכט אין די ביולעטענס פון דער New York Public



Library). איינער פון די בעסטע יידישע ביבליאָגראַפן, אַ לעבעדיקע ענציקלאָפּעדיע פון יידישן וויסן, מיט אַ מערקווערדיקן זכּרון, אַ פריינד פון דער יידישער ליטעראַטור און פון יידישן טעאַטער, האָט ער מיט זיינע ידיעות געדינט אַלע יידישע שריפטשטעלער, זשורנאַליסטן, פאָרשער אין אַמעריקע, האָט אַ סך געשריבן איבער יידישע ביכער און זשורנאַלן (ביבליאָגראַפיע), געזאַמלט צייטונגס-אויסשניטן אאַז״וו. זיין טויט האָט אַרויסגערופן אויפריכטיקן טרויער אין די יידיש-ליטעראַרישע קרייזן פון נ״י, וואו ער איז געווען זייער פּאָפּולער און באַליבט

מאַנדעלקערן, אין Allg. Ztg d. Jud. פון 19/X 1900; מ. רייזין, אין „השלח״, 1901, VIII, ז׳ 551—553; „חכמי ישראל באמריקא״; JE, 507; EЭ, XV; בער באָראָכאָוו, „דער עמוד האש פון דער יידישער ביכער-וועלט״, איבערדרוק אין לאָדזער „פאָלקסבלאַט״, 1919, 188; לעאָן גאָטליב, אין „פאָרווערטס״ פון 4/X 1923; נ. ב. ליגדער, „דער מאָנומענט פאַר א. ש. פריידוס / זיין אידישע אָפּטיילונג אין דער שטאָדט-ביבליאָטעק וועט בלייבן אומגעריהרט״, אין „טאָג״ פון 18/XI 1923, אחוץ אַ גאַנצער ריי נעקראָלאָג-אַרטיקלען אין דער יידישער און ענגליש-יידישער פּרעסע פון אַמעריקע.

פרייליכאָוו משה (20/X 1884 —) געב׳ אין טשערניגאָוו. אין עלטער פון איין יאָר געקומען מיט די עלטערן קיין לאָנדאָן, וואו זיין פאָטער, יצחק, פון דער משפחה פון דעם גרויסן חסידישן רבין ר׳ מענדל ליובאַווי־טשער, אַ פרומער ייד אַ מתנגד, אַ באַגייסטערטער אָנהענגער פון חיבת-ציון און שפּעטער פון ציוניזם, איז געווען אַ סופר (אויך זיין זיידע, זלמן פ׳ פון שקלאָוו, איז געווען אַ סופר.



אַ קינסטלער אין זיין פאַך). באַקומען אין לאָנדאָן אַ טראַדיציאָנעלע יידישע דערציונג און אויך אַ ברייטע אַלגעמיינע בילדונג, פלעגט פ׳ אין דער יוגנט באַזוכן די עפנטלעכע פאַרזאַמלונגען פון די ענגלישע סאָציאַליסטן, שטאַרק באַאיינפלוסט געווען פון וויליאַם מאָריס, היידמאַן, עלעאָנאָרע מאַרקס, קראָפּאָטקין א״אַ און איז פרי געוואָרן אַ סאָציאַליסט, גלייכצייטיק אויך צוגעשטאַנען צו דער יידיש-נאַציאָנאַלער באַוועגונג, 1900 געגרינדעט איינעם פון די ערשטע ציוניסטישע יוגנט-קלובן אין ענגלאַנד, דאַן זיך באַפריינדעט מיט ד״ר נחמן סירקין און מיט די יונגע ראַדיקאַלע ציוניסטן-סאָציאַליסטן ק. מרמר, ד. אַבערסאָן, אורי מוניק, סוף 1902 געקומען מיט די עלטערן קיין אַמעריקע, זיך באַזעצט אין באַלטימאָר, 1911 פאַרענדיקט זיין שטודיום אַלס יוריסט אין „נאַציאָנאַלן אוניווערסיטעט״ פון וואַשינגטאָן, וואו ער וואוינט עד-היום, גיט זיך אָבער ניט אָפּ מיט געריכטספּראַקטיק.—אָנגעהויבן צו שרייבן לידער און אַרטיקלען אין ענגליש און יידיש נאָך אַלס יינגל פון 15 יאָר, האָט ער דעביוטירט מיט אַ ליד „מאַי״ אין ק. מרמרס וואָכנבלאַט „דער לאָנדאָנער איד״ 1904; אין אַמעריקע, וואו ער איז געווען איינער פון די ערשטע פּ״צ, פאַרעפנטלעכט אַ ריי פּאָעמען פון נאַציאָנאַל-רעוואָלוציאָנערן אינהאַלט אין פאַרשיידענע ענגליש-יידישע צייטשריפטן, אויך אין בראָשור-פאָרם (A message of hope, 1907), אויך אין יידיש — אין „אידישען פאָלק״, 1913. זינט דאַן זיך געווידמעט אויסשליסלעך דער פּובליציסטיק, דערהויפּט אין דער יידישער שפּראַך, פון צייט צו צייט זיך באַטייליקט אין „דעם אידישען קעמפּפער״ 1916—18, אין פילאַדעלפיער זמ״ב „דער שטערן״ 1907,

אין פאַרשיידענע ענגליש=יידישע צייטשריפטן, ווי The Maccaben, ב"י, Jewish Commont, באַלטימאָר, 1905 — 1907 — 9 רעדאַקטירט די מאָנאַטשריפט The Zionist אין וואַשינגטאָן, 1920 — 22 געשריבן אַ סך אַרטיקלען איבער אַלגעמיינע און ציוניסטישע פראַגן אין טאָגבלאַט „די צייט", צ"א אַ סעריע אַרטיקלען וועגן דעם לעבן פון די נעגערס אין די דרום=שטאַטן. אין בוכפאָרם פאַרעפנטלעכט: „דזשוזעפּאַ מאַציני / דענקער און באַפרייער" (אַרויסגעגעבן פון דער ליטעראַרישער גרופּע „חרות", וואַשינגטאָן, 1925, ז' 350) — אַ ביאָגראַפיש=היסטאָריש ווערק, וואָס שילדערט דעם גרויסן קאַמף פון איטאַליענישן פאָלק פאַר נאַציאָנאַלער באַפרייונג; מאַציני ווערט דאָ אַרויסגעפירט אַלס דער ערשטער נביא און פאָרקעמפער פון דעם אוניווערסאַלן רעוואָלוציאָנערן נאַציאָנאַליזם. זיך אויך באַטייליקט אין רעדאַקטירן די ציוניסטיש=סאָציאַליסטישע שריפטן פון ד"ר נחמן סירקין. — געשעפטלעך פאַרנומען מיט דער „ב"י'ער לעבנס=פאַרזיכערונגס=געזעלשאַפט", איז פ' טעטיק אין יידישן געזעלשעפטלעכן לעבן, גענומען אַן אָנטייל אין דער יידישער קאָנגרעס=באַוועגונג, אין דער רעליף=אַרבעט, אויפגעטרעטן אַלס לעקטאָר אין פאַרשיידענע שטעט איבער געזעלשאַפטלעכע, פּאָליטישע און היסטאָרישע טעמעס, דערהויפּט איבער דער געשיכטע פון דער אַרבעטער=באַוועגונג. לעצטנס שטענדיקער מיטאַרבעטער פון צענטראַלן אָרגאַן פון די רעכטע פ"צ אין אַמעריקע, „דער אידישער אַרבייטער", באַטייליקט זיך פון צייט צו צייט אויך אין „יוגענט", „פּיאָנערן=פרוי", Vangurd, ספּעציעלער וואַשינגטאָנער קאָרעספּאָנדענט פון דעם טאָגבלאַט „קאַליפאָרניער אידישע שטימע", וואָס ערשיינט זינט סוף 1927 אין לאָס=אַנדזשעלעס א"ר פון א. וואָלינער.

ק. מרמר, אין „פרייהייט" פון 5/VII 1925; י. זאר, אין „אידישען ארבעטער" פון 25/III 1925; פ. וויערניק, אין „מארגען זשורנאל" פון 18/IV 1926; מ. מלמד, אין פילאדעלפיער „אידישער וועלט" פון 13/VII 1926; משה קאטץ, id; ד"ר הערמאן פראנק, אין „פ. א. ש." פון 27/VIII און 3/IX 1926; מ. בראון, אין „אידישע ארבייטער שטימע" פון 15/IX 1926; ד"ר ל. הערבערט, אין „דאס אידישע פאלק" פון 10/XII 1926; י. ליפשיץ, אין „דער פעדער", 1927, I.

פריימאַן אַהרן (5/VIII 1871 —) געב' אין פילענע, פּויזן, אַלס זון פון ד"ר ישראל=מאיר פ' (ראַבינער אין פילענע און שפּעטער אין אָסטראָוואָ, אַרויסגעבער, פון „והזהיר לספר שמות") און זיין פרוי העלענע, אַ טאָכטער פון יעקב עטלינגער (ראַבינער אין אַלטאָנע, מחבר פון „ערוך לנר"). האָט באַזוכט די גימנאַזיע אין אָסטראָוואָ, דאַן דעם אוניווערסיטעט אין בערלין, שטודירט געשיכטע און אָריענטאַליסטיק, 1896 באַקומען דעם טיטל ד"ר אין ערלאַנגען אויפן גרונד פון זיין דיסערטאַציע Die Isagoge des Porphyrius in den Syrischen Übersetzungen (בערלין, 1897). ספּעציעל זיך געווידמעט דעם שטודיום פון ביבליאָטעק=קענטעניש און אַרכיוו=קענטעניש, זינט 1897 וויסנשאַפטלעכער הילפסאַרבעטער אין דער פראַנקפורטער שטאָטישער ביבליאָטעק, זינט 1/XI 1904 ביבליאָטעקאַר אירער, זינט 31/VIII 1919 פּראָפעסאָר, האָט ער פאַרעפנטלעכט אַ גאַנצע ריי אַרבעטן אויף פאַרשיידענע געביטן פון חכמת=ישראל אין וויסנשאַפטלעכע צייטשריפטן, זמ"ב, ענציקלאָפּעדיעס, ווי אויך אין באַזונדערע אויסגאַבן, צ"אַ Geschichte der israelitischen Gemeinde Ostrowo (אָסטראָוואָ, 1896), צונויפגעשטעלט דעם קאַטאַלאָג

פון דער ביבליאָטעק פון דער איזראַ-
ליטישער רעליגיאָנסשולע פפ"מ (פפ"מ,
Literatur über die Juden in (1909,
Frankfurt a. M. (פפ"מ, 1914), אַרויס-
געגעבן די פעסטשריפט צום 70סטן גע-
בורטסטאָג פון א. בערלינער (פפ"מ, 1903)
און פון פראָפ' דוד סימאָנסען (קאָפּענ-
האַגן, 1923), Germania Judaica (פפ"מ,
זינט 1917), „הדפוס העברי הראשון
בלובלין" (ווין 1926; אויס דער פעסט-
שריפט צום 65סטן געבורטסטאָג פון
לודוויג בלוי) אאַז"וו. אין די יאָרן
1900—21 די Zeitschrift für hebräische
Bibliographie, וואו ס'איז אויך פאַרעפנט-
לעכט געוואָרן אַ היבשער מאַטעריאַל צו
דער ביבליאָגראַפיע און געשיכטע פון
דער יידישער ליטעראַטור. פון זיינע
אַרבעטן אויפן געביט פון דער יידישיס-
טיק איז צו דערמאָנען: „מגלת שמואל"
פון חיים טויסק, אין „קובץ על יד", אַרויס-
געגעבן פון דער חברה „מקיצי נרדמים",
IX, בערלין, 1899; Jüdisch-deutsche
Schriften אין Zeitschrift für hebr. Bib-
liogr., III, ז' 62 און 127; Dyhernfurter
privilegierte Zeitung, id., V, ז' 159;
Jona Gerondi Igeret ha-Teschuba,
Frankfurt M. 1717, id., VI, ז' 28; די
אויסגאַבע פון משה וואַליכס Die Fabeln
des Kuhbuches אין דער איבערז' פון
ר. קעאַטוס (בערלין, 1926); „אַ ביי
קלאָגליד אויף אַ משרת פון פראַנקפורט",
אין די „פילאָלאָגישע שריפטן" II פון
יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט (וויל-
נע, 1928). צו יידישיסטיק האָבן אויך
אַ שייכות אַ גרויסער טייל פון זיינע
ביבליאָגראַפישע אַרבעטן.

JE, V; ЕЭ, XV.

פריינד שלום (5/X 1881 —
) געב' אין פּשעקאָפּאַנע, ביי
פּרעמיסל, מזרח-גאַליציע. באַקומען אַ
חסידישע דערציִונג, געלערנט תלמוד
ביים פּרעמיסלער (שפּעטער — לעמבער-
גער) רב ר' יצחק שמעלקעס, דערנאָך זיך
גענומען צו אַלגעמיינער בילדונג, צו
17 יאָר געענדיקט אַ האַנדלסשול, גע-
ווען טעטיק אין די סאָציאַליסטישע און
אויפקלערערישע קרייזלעך „ברידערלעכ-
קייט", „ישורון", 1902 זיך באַזעצט אין
קראָקע, 1903 — 5 געאַרבעט און אַגיטירט
פאַר דעם עסטרייכישן פּ"צ, דאַן אַרי-
בער צו די ס"ס, פון מאַי ביז אָקטאָבער
1905 אַרויסגעגעבן אַ וואָכנבלאַט א"ט
„פרייהייט", וואו ער האָט פּראָפּאַגאַנדירט
דעם סאָציאַליסטישן טעריטאָריאַליזם;
דורך דער דאָזיקער אונטערנעמונג רויִנירט
מאַטעריעל, האָט ער געמוזט פאַרלאָזן
קראָקע, געלעבט אין ריישע, פּרעמיסלע,
לעמבערג, געקעמפט פאַר אינטערנאַ-
ציאָנאַלע פּראָפ-פאַראיינען (פּויליש-
יידיש-אוקראַיִנישע), פאַר אַ 10שעהדיקן
אַרבעטסטאָג פאַר די יידישע האַנדלס-
אָנגעשטעלטע, וועלכע האָבן ביז דאַן
געאַרבעט 14 — 16 שעה אין מעת-לעת.
נאָך דער וועלט-מלחמה, אין וועלכער
ער האָט זיך באַטייליקט, איז ער געווען
מיטגליד פון דעם „יידישן נאַציאָנאַל-
ראַט" אין קראָקע, 1918 — 21 מיטגליד
פון דער עקזעקוטיווע פון „דזשאָינט"
אַלס פאַרטרעטער פון די פּ"צ, געגרינדעט
אַ גאַנצע ריי פּראָדוציר- און קאָנסום-
קאָאָפּעראַטיוון אין גאַליציע און אין
דער וואַרשעווער „אַרבייטער-צייטונג"
אָנגעפירט אַ טעאָרעטישע און פּראָפּאַ-
גאַנדיסטישע אַרבעט פאַר דער יידישער
קאָאָפּעראַציע. נאָך דער שפּאַלטונג פון
דער פּ"צ-פּאַרטיי—פירער פון די רעכטע
פּ"צ אין קראָקע, זייער פאָרשטייער אין
קולטור-ראַט פון דער קהילה 1920—24,
פאָרזיצער פון צ"ק, רעדאַקטאָר פון דעם
פּאַרטיי-אָרגאַן „דאָס אַרבעטער-וואָרט"

ביז זיין אַריבערפירן אין וואַרשע. זינט 1924 פאָרזיצער פון דעם איבערפאַרטייִשן „פאַראיין פון ליבהאָבער פון יידישער קונסט", וואָס האָט 1926 געשאַפן די געזעלשאַפט צו גרינדן אַ יידיש טעאַטער אין קראָקע, וועלכער האָט מיט גרויס ערפאָלג געשפילט ווינטער 1926–27 אונטער דער אָנפירונג פון יאָנאַס טורקאָוו, און ווינטער 1927 אונטער דער רעזשי פון אברהם מאָרעווסקי. אַן אויספירלעכן באַריכט וועגן דעם קראָקעווער יידישן טעאַטער האָט פ' פאַרעפנטלעכט אין קוואַרטלבוך „יידיש טעאַטער" 1927, II, ז' 214 — 230 („דאָס ערשטע יידישע געזעלשאַפטלעכע טעאַטער אין פוילן"). פ' האָט זיך אויך באַטייליקט אין לעמבערגער „טאָגבלאַט" 1902–3, „פּרעמיסלער וואָכנבלאַט" א"אַ, אויך אין קראָקעווער Czasopismo techniczne, געשריבן דערהויפּט וויסנשאַפטלעכע אַרטיקלען, וועגן יידישער עקאָנאָמיק, קאָאָפּעראַציע, קהילה-ענינים, אויך פעליעטאָנען, זכרונות, איבער טעאַטער און ליטעראַטור.

פרימאַן סיימאָן (5/III 1862 —) געב' אין קאָוונע אין אַ באַלעבאַטישער פאַמיליע, בילדונג באַקומען אין פאָלקסשול און ביי אַ קרייז גימנאַזיסטן, וואָס האָבן זיך אָפּגעגעבן מיט לערנען אָרעמע קינדער. צו 14 יאָר געוואָרן שרייבער אין קאָוונער פאָליציי און שפּעטער פּריוואַטער אונטער-סעקרעטאַר ביים פאָליציימייסטער. 1880, אַז דאָס רוב יידישע פאָליציי-אָנגעשטעלטע זיינען אָפּגעזאָגט געוואָרן, אַוועק קיין לאָנדאָן, וואוהין זיינע עלטערן האָבן אויסגעוואַנדערט מיט אַ יאָר פריער, זיך שטאַרק געפּלאָגט, זיין חיונה געצויגן שפּעטער פון שווערער אַרבעט אַלס גלעזער און ראַמענמאַכער, גלייכצייטיק גענומען אַן אָנטייל אין דער יידישער אַרבעטער-באַוועגונג, געוועזן איינער פון די גרינדער פון יידישן אַרבעטער-קלוב, פאַרפאַסט אייניקע סקיצן פאַר דער בינע, געשריבן לידער פאַר ווינטשעווסקיס „פוילישן אידעל" און שפּעטער — פאַרן „אַרבייטער פריינד", וועלכן מיטגעהאָלפן צו גרינדן, — א"פ נאָמערף, אויך וועכנטלעכע אַרטיקלען „פיצלעך און ברעקלעך" — פון אַנאַרכיסטיש-קאָמוניסטישן שטאַנדפּונקט, איבערגעזעצט פון ענגליש ראָבערט אינגערסאָלס „די טעות'ן פון משה רבנו" („אַרבעטער פריינד", 1892; אין בוכפאָרם — 4טע אויפלאַגע, פ"ג פון א. גאָלוב, לאָנדאָן, 1910, ז' 94) און טאָם פיינס „די צייט פון פאַרשטאַנד" (ניט פאַרענדיקט צוליב דער אָפּשטעלונג פון „אַרבייטער פריינד").

פרישמאַן דוד (ה' טבת 1865 * — VIII/ 1922) געב' אין זגערזש, ביי לאָדז, אין אַ זייער בכבודיקער און חוסידקער פאַמיליע, וואָס רבנים האָט „זי ווי פיש אין וואַסער", אָבער זיינע עלטערן און עלטער-עלטערן, ווי אויך דאָס רוב פון זיין פאַמיליע, זיינען געוועזן סוחרים און פאַבריקאַנטן, „אַדירים, גבירים, עשירים", און דער דאָזיקער אומשטאַנד צוזאַמען מיט דער אַטמאָספערע

*) די דאזיקע דאטע גיט פ' אליין אן אין זיין אויטאביאגראפישער נאטיץ; לויט די געבורטספּיכער פון דער זגערזשער קהילה איז ער אבער געבוירן מיט 5 יאר פריער — חנוכה תר"כ; א ראיה פאר דער לעצטער דאטע איז אגב אויך די באמערקונג פון ח. ד. ליפּפּא וועגן פ'ן אין זיין „אסף המזכיר" 1881 — „סוחר נכבד, משורר ומחובר", וואס לאזט זיך שווער שיקן אויף א 16 יעריקן ייִנגל. אין אייניקע קוועלן איז אנגעגעבן אלס פ'ס געבורטסיאר 1864.

פון לאָדז, דער גרויסער האַנדעלס=אינ=
דוסטריעלער שטאָט, וואוהי׳ן פ׳ס עלטערן
זיינען אַריבערגעפאָרן ווען ער איז נאָך
געווען אַ קינד, האָט געהאַט אַ גרויסע
השפעה אויף דער אויסבילדונג פון זיין
כאַראַקטער. „די לאָדזער לופט—שרייבט
פ׳ אין זיין אַווטאָביאָגראַפישער נאָטיץ
צו ציטראָנען — מאַכט קלוג אויף אַלע
אופנים און דערלאָזט ניט אַפילו דעם
גרעסטן שוטה צו ווערן אַ בטלן און
באַזונדערס אַזעלכן, וואָס האָדעוועט זיך
צווישן סוחרים און אין אַ סביבה, וועל=
כע האָט שטענדיק אַ מגע=ומשא מיט
פאַרשיידענע מענטשן; דאָס גיט עפּעס
צו דעם מענטשן אַ מין שטייפקייט אָדער
אַ מין זיכערקייט ביים אויפשטיין און
ביים גיין און ביי אַלץ, וואָס ער טוט
אָדער זאָגט, אויב איר ווילט, אַ מין
חוצפה.״ פ׳ס פאָטער, שאול, האָט געהאַט
אַ שטאַרקן און אַ געשליפענעם שכל,
וואָס „ס׳איז ניטאָ זיין גלייכן״, און דער
קומענדיקער שריפטשטעלער האָט פון
אים געירשנט דעם גייסט פון קריטיק;
פון דער מוטערס צד און אירע קרובים,
צווישן וועלכע עס זיינען געווען אויך
באַרימטע מאָלערס (שמואל הירשענבערג
איז געווען זיינס אַ שוועסטערקינד) האָט
ער באַקומען בירושה די נייגונג צו חלומען
און צו פאַנטאַזירן. „דער גייסט פון
קריטיק און דער גייסט פון פּאָעזיע—
שרייבט פ׳—זיינען ווירקלעך געווען יענע
גייסטער, וועלכע האָבן מיך באַהערשט
צו גלייכער צייט און וואָס האָבן זיך
נאָך אין מיר ניט אויפגעהערט צו ראַנג=
לען ביז אויפן הייטיקן טאָג״. ער האָט
באַקומען אַ גוטע דערציִונג ביי גוווער=
נערן און גוווערנאַנטינס, ביי לערערס
און לערערינס. „אפשר ניט קיין סך אין
מיינע יאָרן—שרייבט פ׳—האָבן זיך גע=
פונען אין אַזאַ גליקלעכן צושטאַנד ווי

איך, אַז זיי זאָלן גיין למשל צום רב
הערן זיין שיעור און מפלפל זיין זיך
מיט אים אין אַ שווערן רמב״ם און אין
דער זעלבער צייט זאָלן זיי ריידן פראַנ=
צויזיש מיט זייער באָנע אָדער זאָלן
נעמען אונטעררייכט אין געזאַנג אָדער
גיין אויף טאַנץ=שטונדן״. לערנענדיק
מיט דער גרעסטער התמדה סיי די יידי=
שע לימודים, בתוכם אַפילו קבלה — צו
8 יאָר! (צווישן זיינע לערער פון
העברעיִש איז געווען דער משכיל און
העברעיִשער מחבר חיים גאָלדשטיין פון
פּעטריקאָוו)—סיי די אַלגעמיינע, ווי אויך
שפּראַכן, באַזונדערס דייטש, וואָס איז
כמעט געווען זיין מוטערשפּראַך, איז
פ׳ פון קינדווייז אויף געווען אַ ביכער=
וואָרעם און געלייענט אַלץ, וואָס איז
אים געקומען אונטער דער האַנט. זיינע
ערשטע ליטעראַרישע פּרוּוון האָט ער
געמאַכט נאָך יִנגלווייז, שוין צו 14 יאָר
איבערגעזעצט אויף העברעיִש אַלעק=
סאַנדער דיומאַס ראָמאַן „גראַף מאָנטע
קריסטאָ״, געשריבן יידישע לידער, צ״אַ
אַ סאַטירישן שיר „דער שטילער נדר״—
אַ באַאַרבעטונג פון אַ יידישן פאָלקס=
אַנעקדאָט. צו יענער צייט געהערט אויך
זיין דעביוט אין דער העברעיִשער ליטע=
ראַטור מיט דער קליינער דערציילונג
„המורה צדק״ און די שירים „לטובת
הכלל״ (אין „השחר״, IX), און „ביום
מלאת לי חמש עשרה שנים״ (אין
„הבקר אור״, II). שוין די דאָזיקע
ערשטע שירים פ׳ס האָבן צוגעצויגן
די אויפמערקזאַמקייט פון דעם העב=
רעיִשן לעזער, און פרץ סמאָלענסקין
האָט באַגריסט מיט באַגייסטערונג „דעם
נייעם שטערן, וואָס האָט זיך באַוויזן
אויף די הימלען פון דער העברעיִשער
דיכטונג״. גלייכצייטיק האָט פ׳ אויך
געשריבן אין די דייטשע צייטונגען פון

לאָדז א״אַ. דערווײלע זיינען דעם פאָטערס געשעפטן אַוועק שלעכט, ער האָט געמוזט באַנקראָטירן און האָט זיין טיכלעך־פאַבריק איבערגעשריבן אויפן נאָמען פון דוד פ׳, און אַזוי איז דער יונגער שריפטשטעלער געוואָרן אַ ניי־געבאַקענער לאָדזער פאַבריקאַנט, געהאַנדלט, געוואַנדלט, געשריבן וועקסלען, גענומען און געגעבן פעקלעך אאַז״וו, די מסחרים זיינען אָבער געווען ניט געהויבן, און ער האָט סוף־כל־סוף ליקווידירט דאָס געשעפט, די פאַמיליע האָט אָנגעהויבן צו ליידן גרויס נויט, און אין 1881 האָט פ׳ פאַרלאָזט דאָס עלטערנהויז און אַוועק קיין דייטשלאַנד. אין בערלין האָט ער זיך שטאַרק באַפריינדעט מיט דעם דייטשן שריפטשטעלער אהרן בערנשטיין, וועלכער האָט אים זייער ליב געהאַט און געהאַט אויף אים אַ גרויסע השפעה, אים אַפילו געפרווט צוריידן זיך צו ווידמען דער דייטשער ליטעראַטור, האָט אויך אים באַוואויגן צו איבערזעצן זיינע נאַטורוויסנשאַפטלעכע פאָלקסביכער (פ׳ אַליין האָט זיך דאַן שטאַרק באַשעפטיקט מיט נאַטורוויסנשאַפט), און די „ידיעות הטבע“, וואָס פ׳ האָט אַרויסגעגעבן (1882 — 1885, אין 4 ב׳) האָבן געהאַט דעם גרעסטן ערפאָלג און די העברעישע לעזער האָבן דערפון געשעפט וועגן דער נאַטור ידיעות אין משך פון לאַנגע יאָרן. ביי בערנשטיינען אין שטוב האָט פ׳ זיך אויך באַקענט מיט בערטאָלד אויערבאַך, פרידריך שפילהאַגען א״אַ און זיך נאָך מער דערנעענטערט צו דער דייטשער ליטעראַטור, צ״אַ פאַרעפנטלעכט אין זאַכער־מאַזאָכס זשורנאַל Auf der Höhe זיין איבערזעצונג פון יל״גס פאָעמע „במצולות ים“. צוריקגעקומען קיין פוילן, האָט ער אין 1883 אַרויסגעגעבן — אונטער דער

ווירקונג פון א״י שאַפיראָ—זיין בראָשור „תהו ובהו (סגולה לדבר אחר), נתונה ומסורה לכל עדת בני ישראל חוץ מן המחברים והמול״ים והסופרים“ (וואַרשע, תרמ״ג, ז׳ 60), וואו ער איז מיט אַ אויסערגעוויינלעכער דרייסטקייט אָנגעפאַלן אויף דער בטלנות און מליצהדיקער פוסטקייט פון דער העברעישער ליטעראַטור. דער פאַמפלעט האָט אָנגעמאַכט אַ רעש און פ׳ איז גלייך באַרימט און אָנערקענט געוואָרן אַלס איינער פון די ערשטע קעמפער פאַר נייע פאָרמען און אַ נייעם אינהאַלט אין דער העברעישער ליטעראַטור, פון דער אַנדערער זייט אַרויסרופנדיק קעגן זיך אַ שטורעם פון פראָטעסטן און פאָלעמישע אַרטיקלען מצד די פאַרטרעטער פון דער העברעישער פרעסע און געוויסע שרייבער, וועלכע זיינען אים באַפאַלן מיט זילזולים און שענדלעכע באַליידיקונגען. זיין אויפריכטיקע און ערלעכע איבערגעגעבנקייט צו דער העברעישער ליטעראַטור, זיין שטרעבונג צו פאַרפיינערן דעם געשמאַק פון דעם העברעישן לעזער האָט מען אָנגענומען פאַר פערזענלעכע פניות, און ער האָט זיך געפילט עלנט, אויסדריקנדיק זיינע שטימונגען און איבערלעבונגען פון יענער וויכטיקער עפאָכע אין זיין לעבן אין זיין קאָרעספאָנדענץ מיט איינעם פון זיינע געציילטע פריינד, דעם העברעיש־יידישן שריפטשטעלער י. י. ווייסבערג. צו יענער צייט האָט פ׳ אויך פאַרעפנטלעכט אין פאַרשיידענע צייטשריפטן מאמרים, שירים און נאָוועלן, צ״אַ אין סאָקאָלאָווס זמ״ב „האסיף“ I און II. 1885 איז ער איינגעלאַדן געוואָרן צו קומען קיין לייפציג מיטצואַרבעטן אין דער רעדאַקציע פון „סאַלאָן“, וואו ער האָט פאַרעפנטלעכט זיין דערציילונג „יוליאַנוס אַפאָסטאַטאַ“, אָבער

אָנשטאָט לייפּציג איז ער גאָר געפאָרן
קיין פּט"ב, וואוהין י"ל קאַנטאָר האָט
אים אַרויסגערופן אַלס מיטאַרבעטער פון
דעם ביי=געגרינדעטן העברעישן טאָג=
בלאַט „היום". אין דער דאָזיקער צייטונג
האָט פ' כמעט טעגלעך געשריבן פּאָלי=
טישע אַרטיקלען און די סעריעס פון זיינע
גלענצנדע און גייסטרייכע ליטעראַרישע
פּעליעטאָנען, „אותיות פורחות", אפשר
דאָס שענסטע בלאַט פון זיין שאַפן,
וואָס באַצייכנט אַן עטאַפּ אין דער העב=
רעישער ליטעראַטור און פּרעסע, אַ שייד=
פּונקט אויף דער גרענעץ צווישן אַלטן
און נייעם, און די פיינע אינטימע קריטי=
שע עסייען „מכתבים על דבר הספרות".—
לכתחילה האָט פ' זיך געוועדט צו שרייבן
יידיש, זיך ניט געוואָלט אַריינלאָזן אין
דער „זשאַרגאָנישער" ליטעראַטור, אָבער
נאָך דעם אונטערגאַנג פון „היום", ווען
די איבעריקע העברעישע צייטונגען זיינען
געווען פאַר אים געשלאָסן צוליב זיין
שאַרפער פּאָלעמיק קעגן פּרץ סמאָלענ=
סקין, א. צעדערבוימען, מ"ל ליליענבלו=
מען, יהל"לן א"אַ, האָט ער אָנגעהויבן
צו שרייבן יידיש (זע זיינע בריוו צו
י"י וויסבערגן), משמעות ניט אָן דער
השפעה פון י"ל קאַנטאָר, וועלכער האָט
דאַן איבערגענומען די רעדאַקציע פון
„יודישען פאָלקסבלאַט". אין יידיש האָט
פ' דעביוטירט אין דעם וואָכנבלאַט מיט
זיין שיר „אויפן בערגיל" („ביילאַגע"
1888, 3 — אין דעם אייגענעם נומער
אַלזאָ, וואו עס האָט דעביוטירט אויך
פרוג)—אַ באַלאַדע (ביי פ'ן—אַ „לעגענדע")
אין ווייסן פערז וועגן דער אומגליק=
לעכער ליבע פון אַן עילוי מיט אַ שמשס
טאָכטער (דער שמש האָט אים ביי=
נאַכט געכאַפּט אין אַ חורבה אויף אַ
בערגל מיט זיין געליבטער, געשלאָגן
זיי און די געליבטע זיינען געשטאָרבן).

אין דער „ביילאַגע" פון דעם אייגענעם
יאָר, נומ' 26—28, האָט ער פאַרעפנט=
לעכט זיין דערציילונג „הזכרת נשמות"
און זינט דאַן הייבט זיך אָן זיין ליטע=
ראַרישע טעטיקייט אין יידיש. איבער=
געלייענט די דאָזיקע ערשטע יידישע
זאַכן פ'ס, האָט ש"ע אים באַלד איינגע=
לאַדן אַלס מיטאַרבעטער פון זיין „יודי=
שער פאָלקסביבליאָטעק", אַריבערטע=
לעגראַפירנדיק אים אַ פאַר יענער צייט
גאַנץ אומגעווייגלעכן האָנאָראַר פון
100 רובל אַלס אַוואַנס. פ' האָט דאַן
איבערגעאַרבעט אויף יידיש אין ווייסן
פערז זיין פּאָעמע „אופיר" (ער האָט זי
געהאַט אָנגעשריבן מיט עטלעכע יאָר
פריער אויף העברעיש, אָבער קיינמאָל
ניט פאַרעפנטלעכט), וועלכער ער האָט
אַליין צוגעגעבן זייער אַ גרויסע באַדיי=
טונג. די פּאָעמע האָט געמאַכט זייער אַ
גרויסן רושם און באַצייכנט אַ דאַט ; אין
דער געשיכטע פון דער יידישער פּאָ=
עזיע. צוליב דעם, וואָס זי איז פאַרעפנט=
לעכט געוואָרן אין דעם אייגענעם זמ"ב
וואָס י"ל פּרצעס באַלאַדע „מאָניש", האָט
מען ניט ווילנדיק פאַרגלייכט ביידע
דעביוטאַנטן פון דער יידישער ליטעראַ=
טור און אויף דעם באָדן איז אַנטשטאַנען
דער לאַנג = דויערנדיקער ליטעראַרישער
קאַמפּ פ' — פּרץ; בשעת ווען אַ טייל
שריפטשטעלער מיט יעקב דינעזאָן
בראש האָבן זיך באַגייסטערט פאַר
פּרצעס „מאָניש", האָבן די אַנדערע, און
ש"ע גופא, אָפּגעגעבן די בכורה פ'ן.
כאַראַקטעריסטיש איז דער אָפּרוף אויף
די דאָזיקע צוויי ריוואַל=ווערק פון ש.
דובנאָוו (קריטיקוס) אין זיין ליטעראַרי=
שער איבערזיכט איבער די נייע ווערק אין
דער יידישער ליטעראַטור (אין Восходъ
1889, VII), וואו ער שרייבט: „ביידע
זיינען זיי שיין געשריבן, בפרט די

ערשטע („אופיר״), אָבער לויט דעם אינהאַלט זיינען זיי קוים צוטריטלעך די געוויינלעכע לעזער פון זשאַרגאָן. אין דער פּאָעמע פון ה׳ פרישמאַן איז ניטאָ קיין איין גאַנצער געדאַנק, נאָר פאַרהאַן אַ מאַסע אָפּגעריסענע געדאַנקען, יוגנטלעכע זכרונות, האַלב פילאָסאָפישע באַטראַכטונגען און טונקעלע פאַרלאַנגען; ס׳ווערט אין איר אַגב דערציילט אויך וועגן איינעם אַ געצל חקרן, וועלכער האָט אויסגעשטודירט די ווערק פון אַלע יידישע פילאָסאָפן, זיך פאַרטיפט אין דער קבלה און אַלכעמיע (?) און לסוף זיך איינגעשמועסט, אַז ער זאָל האָבן געפונען דאָס מעשהדיקע אידעאַלע לאַנד אופיר. נאָך נידעריקער פון דער דאָזיקער פּאָעמע איז די „באַלאַדע״ פון ה׳ פרץ, אין וועלכער עס ווערט באַזונגען אַ יונגער און שיינער עילוי, וואָס האָט זיך פאַרליבט אין אַ שיין קריסטלעך מיידל און משמעות (וואָרעם קלאָר פאַרשטיין איז ניט מעגלעך) באַשלאָסן זיך צו טויפן. די פרעטענציעזע, פאַנטאַסטישע סביבה, צו וועלכער עס זיינען צוגעשפּאַנט אי נחס תבה אי דער באַרג אַררט אי דער ס״ם אי חקירות וועגן זשאַרגאָן אי נאָך אַנדערע טונקעלע רמזים אויף עפּעס אַזוינס, וואָס קיינער פאַרשטייט עס ניט, — דאָס אַלץ מאַכט זייער און זייער שווער דעם געוויינלעכן לעזער צו לייענען פרצעס „באַלאַדע״ און פאַרשטיין איר אינהאַלט״. כאָטש פ׳ האָט זיך צו יידיש באַצויגן מיט אַ געוויסן ביטול (דאָס איז אויך צו זען פון זיין אַרטיקל איבער ממ״ס), האָט ער צו יענער צייט געהאַט שוין אָנגעשריבן זייער פיל יידישע לידער און 1889 ווענדט ער זיך צו ווייסבערגן מיט דער בקשה, ער זאָל אים געפינען אין קיעוו אַ פאַרלעגער פאַר זיינס אַ בוך לירישע לידער (130 אין צאָל) אין יידיש. „וואָלט איך ניט געווען — שרייבט ער דערביי — דער מחבר פון די דאָזיקע שירים, וואָלט איך מיט אַ פולן מויל געזאָגט, אַז די לידער זיינען זייער גוטע, זיי זיינען דאָס בעסטע פון אַלץ, וואָס איך האָב געשאַפן״. דאָס בוך איז ליידער קיינמאָל ניט ערשינען און ס׳איז אַפילו ניט באַקאַנט, צי האָבן זיי זיך אויפגעהיט אין כתב־יד, הגם דעם שרייבער פון די שורות איז באַקאַנט, אַז נאָך אין 1914 האָט פ׳ געוואָלט זיי אַרויסגעבן. אין דער זעלבער צייט האָט ער געשריבן אייניקע שירים אין „יודישען פאָלקסבלאַט״ 1889, ווי די חסידישע סאַטירע „די נסיעה קיין סאַנדעץ / אַ בת־קול פון היינריך היינע״ א״פ היינע הקטן (נומ׳ 23), „די אָרטהאָגראַפיע פון די האָהנער״ (נומ׳ 31), „דער לעצטער לוי״—צו תשעה באב, „דאָס לעצטע מאָל — צו חנוכה (נומ׳ 51—52). אַלס פריינד און פאַרערער פון מ. ספעקטאָר האָט ער זיך דאַן אויך באַטייליקט אין „הויזפריינד״ II, וואו ער האָט פאַרעפנטלעכט שירים („אַ האַרטער ביססען״), דערציילונגען („ער איז נפטר געוואָרען״) און רעצענזיעס („פון מיין ספרים־טישעל״ — וועגן ממ״ס, ש. בעקערמאַן, ש״ע, ספּעקטאָר — אין ב׳ II), וועלכע מאַכן אים פאַר איינעם פון די גרינדער פון אַן ערנסטערער יידישער קריטיק; בפרט דאַרף באַטאָנט ווערן זיין אָפּשאַצונג פון ממ״ס — איינע פון די ערשטע אין דער יידישער ליטעראַטור. 1890 איז פ׳ ווידער אַוועק קיין אויסלאַנד און אין משך פון 4 יאָר שטודירט אין ברעסלער אוניווערסיטעט פילאָסאָפיע, געשיכטע און געשיכטע פון קונסט, דאַן צוריקגעקומען קיין לאָדז, זיך באַטייליקט אין די אויסגאַבן פון „אחיאסף״, איבערגעזעצט פאַר דעם פ״ג אייניקע גרעסערע ווערק,

ווי דזשאָרדזש עליאָטס „דניאל דירונדה"
(1893), שומאַכערס „בירוניקה" (1895),
ליפּערטס קולטור=געשיכטע (וועלכע איז
אַרויס ערשט אין יאָרן אַרום), אַרויסגע=
געבן אַ ב' נייע „מכתבים על דבר
הספרות". צו דער יידישער ליטעראַטור
באַציט ער זיך נאָך אַלץ ווי אַ פרעמ=
דער און אַ זייטיקער, הגם ער דרוקט
דאַן אייניקע זאַכן אין „הויזפריינד" IV
און V (די דערציילונגען „געגעסען" און
„דאָס קליינע מלאכ'ל / אַן אַראַבישע
באָבע=מעשה" און אייניקע שירים, צ"אַ
„דער יודישער אַזראָ"—טראַוועסטירט פון
היינריך היינע, וועמעס השפעה עס האָט
זיך בכלל שטאַרק געלאָזט פילן אין זיינע
לידער). פאַר זיין ריין משכילישער באַ=
ציונג צו יידיש דעמאָלט איז אַגב
כאַראַקטעריסטיש זיין „הקדמה צו דער
זשאַרגאָנישער איבערזעצונג" פון זיינע
צוויי דערציילונגען „מטות און מסעי"
און „אים יום=כפור" („יודישע פאָלקס=
ביבליאָטהעק" /פ"ג פון דעם עקסעקוטיוו=
קאָמיטע דער ציוניסטישען פאַרטיי", טאַר=
נאָוו, תרנ"ד), וואו ער שרייבט צ"אַ:
„מען זאָלל נישט דאָס אומריינע וואַס=
סער אויסגיעססען איידער מען האָט
דאָס ריינע—אַזוי לאַנג ווי דער המון עם
איז נישט אים שטאַנד זיין בעדאַרף פון
בילדונג אינ פון וויססען אויס אַ—ב—איי=
ראָפּאָאישער שפּראַכע צו שאָפּפען, אַזוי
לאַנג זענען מיר מחויב, איהם די דאָזיגע
זאַכען אין זיין זשאַרגאָנישער שפּראַכע
צו געבען". צו דער צייט געהערט אויך
פ'ס אַרויסטריט קעגן פּרצן און זיינע
ראַדיקאַל=סאָציאַליסטישע יום=טוב=בלעט=
לעך. מיט דער אונטערשטיצונג פון פ"ג
„אחיאסף" און באַהאַלטנדיק זיך א"פּ
אַברהם גאָלדבערג האָט פ' פאַרעפנטלעכט
צוויי שאַרף פאַרביסענע פאַמפלעטן,
„לאָקשען, אַ בלעטעל צור אונטער=
האַלטונג" און „אַ פלוי פון תשעה
באב, / אַ שוואַרץ, שפּרינגענדיג, לעבע=
דיג, בייסענדיג בלאָטטעל" (אַרויס=
געגעבן דורך א. יאַלאָוו, וואַרשע, תרנ"ד,
ז' 26 און 30), וואָס אַנטהאַלטן בייזע
און בייזוויליקע, צום טייל גאַנץ צווייפל=
האַפטיקע פּאַראָדיעס און שטעכווערט=
לעך אויף פּרצן און אויף די אַנדערע
מיטאַרבעטער פון די „יום=טוב=בלעטלעך",
ווי דוד פינסקי, י. גוידאָ. דערנאָך איז
געקומען די אַרונטעררייסנדיקע קריטיק
פ'ס אויף פּרצעס „העוגב", אויך שפּעטער
האָט פ' ניט דורכגעלאָזט די געלעגנהייט
אָנצופאַלן אויף פּרצן. 1901 איז פ', וועל=
כער האָט געלעבט אין לאָדז און זיך
באַשעפטיקט אַלס פאַרזיכערונגס=אַגענט,
פון פ"ג „אַחיאסף" איינגעלאַדן געוואָרן
קיין וואַרשע אַלס רעדאַקטאָר פון אַ ניי=
עם וואָכנבלאַט „הדור", וואָס האָט אי=
בערגעלאָזט אַ גרויסן רושם אין דער
העברע'ישער ליטעראַטור אַלס דער שענ=
סטער העברע'ישער אָרגאַן (כאַראַקטע=
ריסטיש איז די באַמערקונג פון פ', אַז
ער גיט אַרויס דעם „הדור" ניט ווייל
מ'דאַרף אים, נאָר דווקא דערפאַר ווייל
מ'דאַרף אים ניט, כדי צו שאַפן די דאָזיקע
באַדערפעניש), ער האָט אָבער עקסיס=
טירט בלויז אַ יאָר צייט; קיין אריכת=
ימים האָט אויך ניט געהאַט דער אין
דריי יאָר אַרום באַנייטער „הדור", שוין
אַלס אייגענע אונטערנעמונג פ'ס, וועל=
כער האָט זיך צו יענער צייט, נאָך זיין
חתונה מיט לאה (לילי) בת תנחום לע=
ווין געהאַט באַזעצט אין וואַרשע
אויף שטענדיק. פון דאַן אָן איז פ' גע=
וואָרן אַלץ אַן אָפטערער מיטאַרבעטער
פון דער אויפגעבליטער יידישער פּרעסע,
זיך באַטייליקט מיט שירים, דערציילונגען
און דערהויפּט פעליעטאָנען אין די פאַר=
שיידנסטע יידישע צייטשריפטן, ווי „יוד"

(וואו צ״אַ פאַרעפנטלעכט 1902 זיין פּאָ־
עמע „פאַר משיח׳ן״, וועלכע האָט אגב
קיין שייכות ניט צו דער העברעישער
אונטער דעם דאָזיקן טיטל—געדרוקט אין
„השלח״), „פריינד״ (בשעת זיין וואוינען
אין פּט״ב אַלס רעדאַקטאָר פון וואָכנבלאַט
„הזמן״), אין זמ״ב „הילף״ (זיין שיר,
געשריבן נאָכן קעשעניעווער פּאָגראָם,
„דניאל אין לייבענגרוב״), „וועג״, די
ווילנער „צייט״ און בונדישער „פאָלקסציי־
טונג״, יאַצקאַנס „אידישען וואָכענבלאַט״,
„דעם לאַנד־שדכן״, „דעם שטראַהל״ אאַז״וו.
זינט דער גרינדונג פון „היינט״ האָט ער
אין דער צייטונג געשריבן וועכנטלעכע
פעליעטאָנען, פון וועלכע עס האָט
בשעתו אַרויסגערופן אַ גרויסע פאַרבי־
טערונג אין די יידישיסטישע קרייזן די
סעריע „אונזערע ליטעראַטען״ און בכלל
זיין פּאָלעמיק אין צוזאַמענהאַנג מיט
דער אַקציע, וואָס פּרץ צוזאַמען מיט
אַנדערע יידישע שריפטשטעלער און
געזעלשאַפטלעכע טוער האָט אָנגעפירט
פאַר אַ מאָדערנעם יידישן קינסטלערישן
טעאַטער (1909–10). קעגן אים זיינען דאַן
אַרויסגעטרעטן, דערהויפּט אין „פריינד״,
ה. ד. נאָמבערג, א. ליטוואַק א״אַ. די
דאָזיקע טיף־פערזענלעכע און אומגע־
רעכטע באַציִונג פ׳ס צו פּרצן, וועלכע
האָט דעם גרויסן יידישן דיכטער ניט
געשטערט מיטצואַרבעטן אין פ׳ס „הדור״,
האָט אים אין 1914 אויך ניט אָפּגע־
האַלטן צו באַטייליקן זיך אין פ׳ס יובילײ,
זיין אַפילו פאָרזיצער און האַלטן די
עפּענונגסרעדע אויף דער יובילײ־פייע־
רונג אין „הזמיר״, אין וועלכער רעדע
ער האָט אגב זיך נוקם געווען אין זיין
קעגנער מיט אָט די ווערטער: „פ׳ האָט
שטענדיק געקוקט אויף יידן, יידישקייט
און יידישע ליטעראַטור דורך אַ געדיכטן
שוואַרצן פאָרהאַנג, און האָט זיי דערום

ניט געזען... ניטאָ קיין פאָלק, ניטאָ קיין
ליטעראַטור... האָט פ׳ אַ יובילעום און
ער האָט געמוזט דאָס אַלץ דערזען...
אַ יובילעום—פּעטערבורג, מאָסקווע, וואַר־
שע, בערלין, כל תפוצות ישראל... ווער
מאַכט דאָס יובילעום? — דאָס יידישע
פאָלק. — וועמען? — אַ יידישן שריפט־
שטעלער. — פאַרוואָס? פאַר זיינע 17
בענדער... אַלזאָ פאַרהאַן! פאַרהאַן אַ
פאָלק; פאַרהאַן אַ ליטעראַטור... אין
נאָמען פון דער כנסת ישראל, וואָס
לעבט אין מיין פאָרשטעלונג, זאָג איך
פ׳ן: אַ קאַפּריזנע קינד, דאָך אַ קינד״.
און נאָך פּרצעס טויט האָט שוין פ׳ גע־
שריבן גאָר אין אַן אַנדערן טאָן וועגן אים
(אין זיין אַרטיקל אין אָדעסער זמ״ב
„כנסת״, איבערגעדרוקט אין די „העפ־
טען פאַר ליטעראַטור און קונסט״ פון
יצחק קאַצענעלזאָן א״אַ, לאָדז, 1919),
הגם אויך דאָ זאָגט ער זיך נאָך ניט אָפּ
פון אַלע באַשולדיקונגען קעגן פּרצן,
דערהויפּט, אַז „ער איז געווען פון די,
וועלכע קאָנען אַ מינוט נישט לעבן אָן
אַפּלאָדיסמענטן״. 1909 האָט פ׳ אַרויס־
געגעבן אַ טאָגבלאַט „הבקר״, וואָס האָט
עקסיסטירט בלויז אַ האַלב יאָר צייט,
דאַן איז ער מיט דער עקסקורסיע פון
„היינט״ צוויי מאָל געפאָרן קיין א״י
(1911 און 1912) און זיינע איינדרוקן
פאַרעפנטלעכט אין אַ ריי פעליעטאָנען
אין „היינט״ און „הצפירה״, פון וועלכער
ער איז דאַן אויך געווען אַ שטענדיקער
מיטאַרבעטער. ערב דעם אַריינקומען
פון די דייטשן קיין וואַרשע אַוועק קיין
אָדעס, וואו ער האָט געשריבן אַלע
פרייטאָג פעליעטאָנען אין ש. האָכבערגס
„אונזער לעבען״, נאָך דער רעוואָלוציע
אַריבערגעפאָרן קיין מאָסקווע, אַלס רע־
דאַקטאָר פון דעם דאַן געגרינדעטן שטיבל־
פ״ג און די זמ״ב „התקופה״ (פ׳ האָט

רעדאַקטירט די ערשטע 9 ב׳ פון די דאָזיקע גרויסע זמ״ב), וואו ער האָט פאַרעפנטלעכט אַחוץ אָריגינעלע דערציילונגען, שירים און אַרטיקלען, אויך אַ גרויסע צאָל איבערזעצונגען פון האָמער („איליאַס״, דאָס ערשטע געזאַנג; די דאָזיקע איבערזעצונג האָט אגב געבראַכט צו אַ ליטעראַרישן סקאַנדאַל מיט שאול טשערניכאָווסקין, וועלכער האָט באַשולדיקט פ׳ן אין פּלאַגיירן זיין, טש׳ס, אַרבעט), געטע, ראַבינדראַנאַט טאַגאָר („הגנן״, „הירח העולה״, „אספי פרי״), היינריך היינע („ים הצפון״), ר. באָרכאַרדט („ספר יורם״), לאָרד בייראָן („מאַנפרעד״, „שמים וארץ״). אַרום 1919 האָט פ׳ זיך צוריקגעקערט קיין וואַרשע, שפּעטער זיך באַזעצט אין בערלין, ווייטער אָנגעהויבן זיין מיטאַרבעט אין „היינט״ אַלס פעליעטאָניסט, אויך פאַרעפנטלעכט אין דער צייטונג און אין נ״יער „מאָרגען זשורנאַל״ זיינע ביבלישע דערציילונגען אויס דער סעריע „במדבר״—איינס פון זיינע שענסטע און שטאַרקסטע ווערק, וואו ער האָט אין זיין שטרעבונג צו געבן עפּעס מאָנומענטאַלערס זיך געווענדט צו דער ווייטער ביבלישער פאַרצייטיקייט מיט איר ווילדקייט, גבורה, ליידנשאַפטלעכקייט און גאַנצקייט.—זייער אָנגעשטרענגט געאַרבעט, ווי בכלל זיין גאַנץ לעבן, געקליבן זיך אַרויסצוגעבן אַלע זיינע ווערק אין 40 ב׳, אָבער די שווערע פאַרצויגענע קראַנקהייט און דער צוגעקומענער קרעבס האָבן אים סוף־כל־סוף אויף לאַנגע חדשים צוגעשמידט צום קראַנקנבעט; דעם 26סטן יולי איז ער אָוועקגעפירט געוואָרן אין דער קליניק פון פּראָפ׳ באָרכאַרדט, וואו מ׳האָט אים אָפּערירט, ער איז שוין אָבער פון דעם קראַנקנבעט ניט אויפגעשטאַנען. אויפן קבר האָבן אים מספיד געווען ח. נ. ביאַליק, דוד בערגעלסאָן און י׳יאַקאָבסאָן און די דייטשע יאַהודים האָבן אים אויפן בית־עלמין ניט געגעבן אַפילו קיין אָרט צווישן די שריפטשטעלער. דער פ׳־קאָמיטעט אין דעם באַשטאַנד פון זיינע אַפּוטרופּסים ח״נ ביאַליק, ז. שניאור, י״ח ראַבניצקי, בנציון האָבן געזאָלט אַרויסגעבן אַ פולע אויסגאַבע פון זיינע ווערק אין העברעיִש און אין יידיש, אָבער, ווי דער שטייגער איז, איז פון דעם פּלאַן גאָרניט געוואָרן. זיין פרוי לילי פ׳, געבליבן נאָך זיין טויט אָן שום מיטלען צום לעבן מיט 3 קינדער, האָט 1926 געמאַכט אַ טורנע איבער פּוילן, מערב־אייראָפּע און אַמעריקע מיט אַ רעפעראַט „וואָס קיינער האָט נאָך ניט דערציילט וועגן דוד פ׳ן״ און אַדאַנק איר איניציאַטיווע איז אָנהייב 1927 געגרינדעט געוואָרן אין נ״י אַ קאָמיטעט פון די מנדבים בנימין ווינטער, מאָריס אייזענמאַן און מאָריס וויינבערג אַרויסצוגעבן אַ נייע אויסגאַבע פון פ׳ס ווערק.—פ׳ס אייניקע נאָוועלן און שירים זיינען אויך איבערגעזעצט געוואָרן אויף אַנדערע שפּראַכן, אויף פּויליש, רוסיש, דייטש (צ״אַ פון מאַקס בראָד—זיין „משיח״ פון העברעיִש—אין בראָדס זאַמלונג שירים Das gelobte Land). פ׳ האָט זיך אין זיין איבער 40־יעריקער ליטעראַריש־זשורנאַליסטישער טעטיקייט אויך באַנוצט מיט אַ ריי פּס״נ, ווי א. ב. ג. ד., איפּסלון, אפרתי, ד. פ., D. F., ד. פ. מ., דויד, דן, יחיאל־בער, משורר הלוח, nn, ד. שאולזאָהן, שופר.—אין דער נייער העברעיִשער ליטעראַטור האָט פ׳ איבערגעלאָזט טיפע שפּורן אַלס איינער פון אירע גלענצנדסטע פאָרשטייער אויף די פאַרשיידנסטע ליטעראַרישע געביטן — פון דער קריטיק, דעם לירישן געדיכט, דער קורצער נאָוועלע, דער עסיי און דער איבערזעצערישער

קונסט. אַלס קריטיקער האָט ער געמאַכט פאַר דער אויפגאַבע פון זיין לעבן דעם קאַמף קעגן דעם בטלנות, דער קליינשטעטלדיקער מאַמריסטיק, דער גאַנצער געשמאַקלאָזיקייט פון דער העברעישער ליטעראַטור און פּרעסע און האָט כל-ימיו געהאַלטן די שבועה, וואָס ער האָט זיך געגעבן אין זיין היסטאָרישן פאַמפלעט „תהו ובהו": „דאָס וועט ניט זיין! איך שווער ביי מיין לעבן, אויב איך וועל מיט גוואַלד אייך ניט צווינגען אָפּצוטאָן פון זיך דעם גומען און דעם געשמאַק און דעם חן און דעם שכל דעם באַזונדערן, וואָס איר האָט, און איינפליסן אין אייך דעם גוטן געשמאַק; ניט קיין באַזונדערן געשמאַק און באַזונדערע טראָפּ, נאָר דעם געשמאַק און די טראָפּ, מיט וועלכע עס לעבן אַלע מערב-לענדער". אַלס קריטיקער האָט פ' געלערנט צו זוכן שיינקייט און געפיל אומעטום, אין יעדער ליטעראַרישער ריכטונג, צו באַטראַכטן אַ קונסטווערק ווי אַ זאַך פאַר זיך, ניט ווי אַ מוסר-השכל פאַר אַ פּראָבלעם. זיין גאַנצע קריטיק איז געווען איין לאַנגער באַשולדיקונגסאַקט קעגן דער העברעישער (און אויך יידישער) ליטעראַטור, וואָס די ליבשאַפט צו דער ריינער קונסט האָט אים געמאַכט פאַר איר שטרענגסטן שופט. אַפילו ווען אונזער פּראָזע און פּאָעזיע האָט זיך שוין צעוואַקסן אַזוי רייך, האָט ער אַלץ ניט אויפגעהערט צו מאָנען „דאָס גרויסע, דאָס מאָנומענטאַלע, דאָס קאָלאָסאַלע ווערק" און אָפט דערגאַנגען צום מבטל זיין די דערגרייכונגען. אין זיין קריטיק האָט ער ניט געשוינט קיין גדולים און קיין אַוטאָריטעטן, געשמיצט מיט דער בייטש פון זיין סאַטירע דאָס געשמאַקלאָזע און אומווערדיקע און האָט פיל מיטגעווירקט רייכער צו מאַכן די פאַרשטיקטע לופט, וואָס האָט געהערשט אין די „המגידס", „המליצס", „הצפירהס" און „הכנסתן", אָפּשפּילנדיק אַ גרויסע דערציערישע ראָלע אין דער העברעישער ליטעראַטור און מיטווירקנדיק אין דער גרעסטער מאָס דעם פּראָגרעס, וואָס זי האָט דורכגעמאַכט אין זין פון פאָרם. ער האָט ניט נאָר גערעדט וועגן ליטעראַטור, וועגן אייראָפּעישן גייסט און געשמאַק, וועגן וויסן און טאַלענט, ער האָט אויך דירעקט געגעבן מוסטערן דערפון אַלס מייסטער פון סטיל, פון דער ריין שריפטשטעלערישער קונסט.

„אין פ'ס שרייבן איז דאָ די געמאָסטנקייט פון אַרכיטעקטור, די קלאָרקייט און איינדייטיקייט פון אַ מאַטעמאַטישן זאַץ... די פעסטסטע און זיכערסטע פון זיינע בנינים זיינען די עסייס און די פעליעטאָנען. אין זיי גיט ער אונז ניט פרעמדע לעבנס, ווי אין די דערציילונגען, פאַר וועלכע ער האָט צו ווייניק געשטאַלטונגסקראַפט, נאָר זיין אייגענעם לעבן, זיין אייגענע וועלט, וועלכע ער קען אויסגעצייכנט קאָנטראָלירן; פאַר זיי איז גענוג ביי אים דאָ עמאָציאָנעלע קראַפט און בילדלעכקייט (פאַר ריינער ליריק איז זיין פסיכיש לעבן אָפּטמאָל צו באַוואוסטזיניק, צו אינטעלעקטואַליסטיש),—אין זיי, אין די עסייס און פעליעטאָנען, דערגרייכט ער די העכסטע מדרגה פון זיין שריפטשטעלערישער קונסט... / מיטלען: ער באַאַרבעט, ערשטנס, די פּרטים און, צווייטנס, פאַרגרעסערט ער זיי, ווען מען דאַרף, און מאַכט זיי בולט... אין דער קונציקייט און גראַציע, ווי ער מאַכט דאָס, האָט ער ניט קיין גלייכן צו זיך ניט אין דער העברעישער ניט אין דער יידישער ליטעראַטור. ער צעגלידערט, טיילט אַרויס און מאַכט קענטיק די

דעטאַלן פון דעם געדאַנק אָדער געפיל אָדער בילד, וואָס לעבט אין אים, אַזוי אַז איר באַקומט צום סוף ניט קיין בינטל מער אָדער ווייניקער אינטערעסאַנטע, מער אָדער ווייניקער כאַראַקטעריסטישע איינצלהייטן, נאָר אַ גאַנצע זאַך, אַן אָרגאַניזם: ביי אים גיסן זיך מאָדנע האַרמאָניש צונויף דער האַרמאָנישער מיט דעם סינטעטישן אופן שרייבן" (ש. ניגער). — אין העברעיִש איינער פון די שענסטע און גלעצנדסטע סטיליסטן, מיט אַ אויסערגעוויינלעך שיינער און עלאַסטישער שפראַך, פול חן און גראַציע, האָט פ' אין יידיש אַרויסגעוויזן אַ אָפגעלאָזנקייט אין סטיל און זיך קיינמאָל ניט באַפרייט פון דעם דייטשמערישן עלעמענט אין אים. נאָך אין די יונגע יאָרן זיינע האָט ער אין אַ בריוו צו ש"ע זיך מודה געווען, אַז ער באַהערשט ניט גענוג די יידישע שפראַך און אויך שפעטער האָט ער ניט געהאַט פאַר יידיש דעם פאַטאָס, וואָס ער האָט אַרויסגעוויזן פאַר העברעיִש. כאַראַקטעריסטיש, אַז ער, וואָס האָט אַזוי פיל אויפגעטאָן פאַר אַריבערטראָגן אין העברעיִש די ווערק פון דער וועלט-ליטעראַטור, וועלכע ער האָט ממש איבערגעשאַפן (זיינע איבערזעצונגען פון בייראָנס "קין", ניצשעס "זאַראַטוסטראַ", ראַבינדראַנאַט טאַגאָרס "גיטאַני'אַלי", אָסקאַר ווילדס "ממעמקים", אַנאַטאָל פראַנסנס "תאיס" אאַז"וו; זיינען אמתע קונסטווערק, פון זיינע איבעריקע איבערזעצונגען איז צו דערמאָנען: פושקינס אויסגעוויילטע שירים, אַנדערסענס און גרימס מעשהלעך, שפילהאַגנס ראָמאַן "על שפת הים", שעקספירס "קוריולנוס"—זיין לעצטע אַרבעט, געשריבן שוין אויפן קראַנקבעט), — האָט אויף יידיש קיין זאַך ניט איבערגעזעצט; אַז ער, וואָס האָט אַלס רעדאַקטאָר געשאַפן די שענסטע ליטעראַרישע העברעיִשע אָרגאַנען, האָט אין יידיש קיין שום זשורנאַל ניט אַרויסגעגעבן און ניט רעדאַקטירט. פ' האָט אין דעם שפראַכנקאַמף קיין דירעקטן אָנטייל ניט גענומען *), האָט אַפילו געהאַט דעם מוט מיט בייסיקן סאַרקאַזם אויסצולאַכן די "חובבים" דווקא אין יידיש (אין זיין סאַטירישער פאָעמע "מיין פזמון"— אין דער יובליי-ביילאַגע פון "פריינד" 1912), איז אָבער לויט זיין גאַנצן מהות געווען אַ העברעיִשער שריפטשטעלער, אין אַ געוויסן זין אַפילו אַ העברעיִסט. בטבע אַ סקעפטיקער, וואָס האָט זיך צו אידעאַלן און פראָבלעמען באַצויגן מיט אַ סאַרקאַסטישן שמייכל, וואָס האָט אויס פיינדשאַפט צו דער אָנגענומענער פראַזעאָלאָגיע באַקעמפט אַלע נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע באַוועגונגען אונזערע, אָנגעהויבן פון דעם חיבת-ציון, האָט ער אין זיין גלויבן אין דער שיינער ליטעראַטור געהאַט די אילוזיע, אַז מ'קען איינהאַלטן אונזער יוגנט אין יידישקייט נאָר דורכדעם, וואָס מ'וועט איר געבן אַ מעגלעכקייט צו לייענען אין העברעיִש דאָס שענסטע און דאָס בעסטע, וואָס די וועלט-ליטעראַטור פאַרמאָגט, ווען די העברעיִשע ליטעראַטור וועט ווערן פאַר

*) פאַר פ'ס שטעלונג צו דער שפראַכפראַגע איז כאַראַקטעריסטיש זיין ענטפער אויף דער אַנקעטע "די שפראַכען-פראַגע אין ארץ-ישראל" אין דעם חודש-זשורנאַל "אַלטניילאַנד", אב 1919: "דאָס לייזן די יידישע שפראַכפראַגע קומט מיר פאָר פונקט ווי מען זאָל מאַכן אַ פאָלקס-אָפשטימונג, צי עס איז פאַראַן אַ גאָט. — עס איז אַ באַוואוסטער פאַקט, אַז יידן זענען געוואַלדיק קאָנסערוואַטיוו בנוגע דער שפראַך. די יידן, וואָס וועלן קומען קיין פאַלעסטינע, וועלן מיטברענגען מיט זיך זייערע שפראַכן, און עס איז זיך נישט צו ריכטן, אַז זיי זאָלן זיך דערפון איינגיכן אָפגעוויינען. — איך בין נאַטירלעך קעגן יעדע באַגרענצונג".

איר אַ קוואַל פון שײנקײט. „גיט מיר אײן מיליאָן רובל—האָט ער געזאָגט אין זײן רעפעראַט אויף דער קאָנפערענץ פאַר דער העברעיִשער קולטור און שפּראַך אין ווין, זומער 1913—און אונזער יוגנט איז געראַטעוועט". און אין דער זעלבער צײט האָט ער אינגאַנצן פאַרזען די אומגעהײערע קולטור־נאַציאָנאַלע ראָלע פון ייִדיש, האָט גערעדט וועגן דער ייִדישער ליטעראַטור און אירע פאָרשטײער (מיט אײניקע אויסנאַמען, ווי ממ"ס, ש"ע) מיט אַ טאָן פון ביטול און חוזק, משמעות פילנדיק, אַז זײן גאַנצער כּוח שטעקט אין דער העברעיִשער שפּראַך און אַז מ'קען ניט זײן גלײך גרויס אין צוויי שפּראַכן. און דעריבער, ניט קוקנדיק דערויף, וואָס פ' האָט אויך אין ייִדיש זײער פיל געשריבן, בפרט די לעצטע 15 יאָר פון זײן ליטעראַרישער טעטיקײט, איז זײן באַדײטונג אין דער ייִדישער ליטעראַטור ניט ד"ר ערך קלענער. אַפילו די באַוועלן פ'ס, וואָס זײנען כּמעט אַלע דאָ אין בײדע שפּראַכן, פעלט אין ייִדיש די שלמות פון דער שפּראַך, וואָס זײ האָבן אין העברעיִש, און דאָס אײגענע לאָזט זיך אויך זאָגן וועגן זײנע פעליעטאָנען, וואָס ער האָט אין ייִדיש געשריבן אין די הונדערטער. דאָך האָט פ' אויך פאַר דער ייִדישער ליטעראַטור געוויסע פאַרדינסטן. זײנע לידער האָבן אַרײַנגעטראָגן אין דער ייִדישער פּאָעזיע נײַע צאַרטע טענער, אַ געשליפענע פאָרם, אײראָפּעיִשע מאָטיוון און ריטמען. זײן קלײנע באַוועלע, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש מיט איר ליריזם און דעם ראָמאַנטיש־עלעגישן טאָן, הגם דער דאָזיקער ליריזם גרענעצט אָפט מיט אַ זיסלעכן סאַנטימענטאַליזם, איז געווען אַן אויפטו ניט נאָר אין דער העברעיִשער ליטעראַטור, נאָר אויך אין דער ייִדישער. און אויך זײנע פעליעטאָנען, האָבן בשעתם ניט געהאַט זײער גלײכן אין דער ייִדישער ליטעראַטור מיט דער עלעגאַנץ און קלאָרקײט פון זײער סטיל, מיט זײער קונסט צו רײדן גרינג וועגן דער שווערסטער זאַך, מיט זײער—אַפילו אַ ביסל אײנטעניקן סאַרקאַזם, וואָס גיט זײ צו אַזאַ חן; מאַנכע פון זײ זײנען ליריש־פילאָסאָפיש און זײנען אַזוי אָפּגעשלאָסן אין דער פאָרם, אַז זײ מאַכן דעם אײנדרוק פון קלײנע קונסטווערק. און צולעצט דאַרף אויך אָנגעוויזן ווערן, אַז אַפילו דער העברעיִשער פ' האָט געהאַט אַ אומדירעקטע ווירקונג אויף דער ייִדישער ליטעראַטור אין אַ צײט, ווען זי איז נאָך ניט געווען אַזוי זעלבשטענדיק און אומאָפּהענגיק פון דער העברעיִשער, ווי זי איז עס אין דער נײַער ליטעראַרישער עפּאָכע אונזערער.

די ערשטע פולע אויסגאַבע פון פ'ס ווערק אין העברעיִש איז אַרויס צו זײן 50יעריקן יוביליי, וואָס איז געפײַערט געוואָרן 1914 — „כל כתבי דוד פרישמאַן ומבחר תרגומיו" (פ"ג מרכז", וואַרשע), אין 17 ב', פון וועלכע דער לעצטער — „ספר הבקורת" — אַנטהאַלט אַ ביאָגראַפיע פון פ', געשריבן פון פ' ליאַכאָווער, אַרטיקלען איבער זײן שאַפן פון ד"ר י"ל קאַנטאָר, ד"ר מ"י בערדיטשעווסקי, יעקב פיכמאַן, בן־אליעזר, א. שטײנמאַן, י"א נײדיך און אַ רײ פאָטאָגראַפישע בילדער. שוין נאָך זײן טויט זײנען אַרויס נאָך 2 בענד פון זײנע ווערק, „מכתבים בדבוי הספרות" און „במדבר" און אַ ב' „אגרות דוד פרישמאַן / עם תמונתו ועצם כתב ידו / נערכו בצרוף תולדות פ', מבוא, הקדמות, והערות על ידי א. ר. מלאכי" (פ"ג לילי פ', מיט דער אונטערשטיצונג פון מאָריס אײזענמאַן, נ"י, 1927, ז' 180), וואָס האָבן זײער אַ גרויסן ווערט פאַר פ'ס ביאָגראַפיע, פאַר דער פראַגע פון זײן באַציִונג צו ייִדיש אין משך פון 1880—1905, ווי בכלל פאַר דער געשיכטע פון דער העברעיִשער און אויך ייִדישער ליטעראַטור, און צײכענען זיך אויס נאָך מיט אַ גרעסערער שאַרפקײט און אָפנקײט אין אַרויסזאָגן מײנונגען און געדאַנקען וועגן ליטעראַרישע ענינים; די דאָזיקע בריוו זײנען דאָס רוב אַדרעסירט צו י"י ווײסבערג און ש"ע, וועלכער

איז געווען באפריינדעט מיט פ'ן ביז זיין טויט, אויך צו משה קאלמאנסאן, מבש"ן, לעווענער, ש"ל ציטראן, ג. זעליקאוויטש, דאווידזאן, העלמאן א"א); אין יידישער איבערזעצונג האט מלאכי זיי נאך פריער פארעפנטלעכט אין „מארגען זשורנאל" סוף 1923 און אנהייב 1924; ער האט אויך פארעפנטלעכט א טייל פון פ'ס יידישע בריוו — דאס רוב צו ש"ע און מ. ספעקטאר — אין „אונדזער בוך" 1926, V, ז' 308—319, „טאג", יוני—יולי 1927 און „צוקונפט", 1928, I.

פון פ'ס ווערק אין יידיש זיינען אין בוכפארם ארויס בלויז 7 ב' (פון זיי די ערשטע 2 — לכתחילה פון דעם פ"ג „פעדאגאג", לאדז, 1909, די ווייטערדיקע 3 — פון פ"ג „צענטראל" 1914), דהיינו: I „ערצעהלונגען", ז' 189 („דאס קליינע מלאכ'ל", „קידוש לבנה", „נאר איין שבת", „תתחדש", „ליכט", „דער גולם", „אויף זומער-וואוינונג", „ביי א ספר תורה", „דער קינסטלער", „ווען די טויטע וואלטען קענען רעדען", „רבי מאיר בעל-נס פושקע", „ווי איך האב זיך אליין א פאגראם געמאכט", „געגעסען", „מצוה", „וועגען איין איינציג פינטעלע", „ער איז נפטר געווארען"); II „ערצעהלונגען", ז' 231 („צו כל נדרי", „מטות" און „מסעי", „קאפערניקס געגנער", „דער טאנץ", „תקון ליל שבועות", „דער כהן", „הרי את", „הזכרת נשמות", „עכן אין ווארשע", „סיני", „דאס לעצטע מאל"); III „יודיש טעאטער און יודישע ליטעראטור", ז' 201; IV „שאטענבילדער" (ארטיקלען: ד"ר שלמה רובין, ש"י אבראמאוויטש, משה-לייב ליליענבלום, יהל"ל, ד"ר י"ל קאנטאר, בן-יהודה, רבי קרוב, דוד גינצבורג, טעאדאר הערצל, דוד וואלפסאן, עמנואל מאנדעלשטאם, מנשה מרגלית, טאלסטאי, עליזא ארזשעשקא, בארטאלדי, ראטשילד, יוסף פעלדמאן, סובארין, פעני וואדי-עפשטיין, מאדאם לאבעל); V „פעליעטאנען" (צ"א זיינע רייזע-איינדרוקן פון א"י, מצרים, מאנטע-קארלא א"א). נאך 2 ב' פון פ'ס פעליעטאנען האט ארויסגעגעבן פ"ג „אחיספר" א"ט „ווארט און בילד" און „מלחמה און שלום" (ווארשע, 1927, ז' 152 און ז' 188). נאך ניט צונויפגעזאמלט אין בוכפארם זיינען פ'ס שירים אין יידיש, ווי אויך א גאנצע ריי פון זיינע ארטיקלען, פעליעטאנען, פאמפלעטן און די סעריע פון זיינע ביבלישע דערציילונגען „אין דער מדבר", פון וועלכע איניקע זיינען אויך איבערגעזעצט געווארן אויף יידיש פון אנדערע (ווי „עגלה ערופה" און „סורר ומורר" — דורך יצחק איסאקסאן, אין „דער פרעסע", בוענאס-איירעס, פעברואר-מערץ 1927, הגם פ' אליין האט זיי געשריבן אויך אין יידיש); אויף יידיש איז אויך איבערגעזעצט צ"א פ'ס „חמשה עשר בשבט" — אין „ביבליאטעק אידישע וויסענשאפט" (יאס, 1925, נומ' 81).

א פולשטענדיקע ביבליאגראפיע פון פ'ס העברעישע ווערק, איבערזעצונגען, דורך אים רעדאקטירטע צייטשריפטן, ווי אויך פון די ארטיקלען איבער זיין לעבן און שאפן אין העברעיש, איז צונויפגעשטעלט געווארן פון זכריה פישמאן (אין „עין הקורא", 1923, א, ז' 83 — 96); פון די שפעטער פארעפנטלעכטע ארטיקלען איבער פ'ן אין העברעיש איז צו פארצייכענען: די ארטיקלען פון ר' בנימין, ג. שאפמאן, יעקב פיכמאן און בפרט פון נחום סאקאלאוו — אין „התקופה", XVI, וואו ס'איז אויך אפגעדרוקט דאס פאקסימילע פון פ'ס אווטאביאגראפיע, געשריבן 1898 צו ש"ל ציטראנען פאר א געפלאנטן לעקסיקאן פון דער העברעישער ליטעראטור; א"ל מינץ, אין „השלח", מ"א, ירושלים, תרפ"ד; א. שטיינמאן, אין „העולם", 1927, 39, פישל לאכאווער, „מחקרים ונסיונות"; צ"א איז אויך צו דערמאנען די פאלגנדיקע פ'-ארטיקלען אין העברעיש: ג. באדער, אין זמ"ב „זר פרחים", תרנ"ו, א' (קעגן פ'ס ארויסטריט קעגן פרצן אין זיין „מכתב ספרותי"); ש. ראזענפעלד אין „הד הזמן", 1908, 219 (וועגן פ'ס ארטיקל „די ליעבע אין בעל-הבתישען זין" — אין „דעם לאנד-שדכן", 1); י. בן-עזריאל, אין גליקסאנס זמ"ב „משואות" וועגן פ'ס אפהאנדלונג איבער מענדעלע מוכר-ספרים צו זיין 80סטן יובילעי).

גאנץ היבש איז אויך די ליטעראטור וועגן פ'ן אין יידיש, זי איז נאך אבער גארניט רעגיסטרירט, און פון דער גאנצער מאסע פ'-ארטיקלען אין צוזאמענהאנג מיט זיין ארויסטריט קעגן דער יידישער ליטעראטור און פרצן, צו זיין יובל און נאך זיין טויט אדער צו זיינע יארצייטן, ווי אויך צו דער ערשיינונג פון זיינע פארשיידענע ווערק האבן מיר די מעגלעכקייט צו פארצייכענען נאר א טייל: מ. ספעקטאר, אין „הויזפריינד", V; „פרישמאנ'ס יובילעאום-בוך. / צו זיין פופציג-יאהריגען געבורטס-טאג (תרכה—תרעה)" מיט ארטיקלען און זכרונות פון ד"ר מאקס נארדוי, ד"ר י"ל קאנטאר, בעל-מחשבות, יצחק קאצענעלסאן, א. שטיינמאן, ידידיה מרגלית, דוד דרוק, מ. ספעקטאר און ש"ע, ווי אויך מיט אן אלגעמיינעם בעלעטריסטישן און פאלקלאריסטישן טייל (ארויסגעגעבן פון פנחס גראובארד, ווארשע,

1914, ז׳ 215)؛ ש. ראָזענפעלד, אין „פריינד״
(„דאָס לעבען״) 1914, 75 ; צוויי רעדעס צו פ׳ס
יובילײ—פון פרץ און בעל־מחשבות, ib, 75 און
93 ; א. ריקליס, אין „דאָס יודישע פאָלק, 1914,
3—5 ; בעל־דמיון, אין „דער יודישער וועלט״
1914, VI, ז׳ 364 — 382 ; ib, „פ׳ און זיין
צייט״, אין „צוקונפט״, 1922, X ; ש. ניגער,
אין „דער יודישער וועלט״, 1915, III ; id, אין
„דאָס נייע לעבען״, 1922, I ; ש״ע, „צווישן יו־
דישע שרייבער״ ; נחמן מייזיל, „נאָענטע און
ווייטע״, II ; id, „פרץ אין פ׳ אין זייערע פער־
זענלעכע באַציאונגען״, אין „פילאָלאָגישע שריפטן״,
ב׳ II, ז׳ 467 — 484 ; י״ד בערקאָוויטש, אין
„ש״ע־בוך״ ; פ׳ס אווטאָביאָגראַפיע, אין „אונזער
פריינד״, 1922 (איבערדרוק אין „לאָדזער טאָג־
בלאַט״, 1922, 205, א״א) ; י״א טריוואוש, ib,
1922, 210 ; ד״ר ג. לעווין, אין „נ. היינט״,
1922, 186 ; א. קאַגאַנאָווסקי, „פ׳־פּאָרטרעט״,
ib ; א. פויגעל, „אויף פ׳ס לויה״, ib ; עמנואל,
„פ׳ דער איינזאַמער״, אין „מאָמענט״, 1922,
186 ; י״ח זאַגאָראָדסקי, „דוד שאולזאָהן״, ib ;
נ. ש. (שוואַלבע ?), „פ׳—אינטים״, ib, 192... ;
ז. שניאור, „פון פ׳ס לעבען און שטאַרבען״,
ib, 1922 (איבערדרוק אין דער בוענאָס־איירעסער
„אידישער צייטונג״ פון 10/IX 1922) ; ירמיה
פרענקעל, אין „לאָדזער טאָגעבלאַט״, 2922, 205 ;
אליהו באָרוכין, „פ׳ האָט געוויינט״, ib ; מאיר
הער, אין „אונזער טאָג״, 1922, 943 ; א. מ. בן־
יעקב, אין „אונזער באַוועגונג״, בערלין, 1922,
15—16 ; א. שטיינמאַן, ib ; צביון, אין „פרייהייט״
פון 13/VIII 1922 ; א. גראָדנער, אין „פאָרווערטס״
פון 12/VIII 1922 ; גורסקי, אין דער בונדישער
„אונזער שטימע״, 1922 ; ש. האָכבערג, „פ׳ אין
אָדעס״, אין ביאַליסטאָקער „דאָס נייע לעבן״,
1922 ; ד. איידעלסבערג, א לענגערע אָפּהאַנדלונג
אין דער אַמעריקאַנער יידישער פרעסע, וואָס דאַרף
אויך ערשיינען אין בוכפאָרם ; ח. גוטמאַן, אין
„דער פעדער״, 1922 ; מ. קליינמאַן, אין „מילגרוים״,
III ; אין „וועקער״, פון 16/IX 1922 ; לעאָ קעניג,
אין „צייט״ פון 22/VIII, 1922 ; הענעך גליצענ־
שטיין, „פ׳ און הערשענבערג״, ib, 1/IX 1922 ;
יוסף מענדעלסאָן, „פון פ׳ס לעבען און שאַפען״, אין
דער בוענאָס־איירעסער „אידישער צייטונג״ פון
10—29 סעפּטעמבער 1922 ; י. קלינאָוו, „פ׳ס לעצטע
טעג, פטירה און לויה״, ib ; ז. טיגעל, ib, 13/IX ;
ישראל שטערן, אין „היינט״ 1924, 261, 267 ;
א. אַלפּערין, „נייע אינטערעסאַנטע בלעטער פון
פ׳ס ביאָגראַפיע״, ib, 21/VII 1926 ; id, „פ׳ס
פאַרגעסענער מאַנוסקריפּט פון 1874״, אין „ליט׳
בלעטער״, 116 ; id „די, צו וועלכער פ׳ האָט
געשריבן זיינע „מכתבים על דבר הספרות״, אין
„היינט״, 1927, 178, און אין „פרימאָרגן״, 1927,
180 ; ר״מ ניימאַן, פ׳ס בריוו, אין „היינט״ 21/VII
1926 ; מ. קיטאַי, אין „פרימאָרגן״ פון 12/VIII
1927 ; אב. גאָלדבערג, אין „מאָרגען זשורנאַל״
פון 30/III 1927 ; א״ר—מלאכי, „פ׳ס בריוו״, אין
„מאָרגען זשורנאַל״ פון 4/XI 1923 (אויך אין
„הדאר״, 1925, 28 — 29), אין „אונדזער בוך״,
1926, V, און אין „צוקונפט״, 1928, I ; יואל
מאַסטבוים, אין „ליט׳ בלעטער״ 15 ; EƎ, XV ;
ס. ראַווידאָוויטש, אין Jüd. Rundschau, 1922.

פרענק עזריאל־נתן (1863 — 1/II 1924) געב׳ אין וואָדזיסלאַוו, קעלצער געגנט, אין אַ פאַרמעגלעכער חסידישער פאַמיליע. באַקומען אַ טראַדיציאָנעלע יידישע דערציִונג,

האָט ער ערשט בחורווייז זיך גע־נומען צו השכלה, אָנגעהויבן צו לערנען שפּראַכן און אייגיכן פאַר־לאָזט זיין גע־בורטסאָרט, גע־קומען קיין וואַרשע, וואו ער האָט גע־פונען אַ קרייז פון פריינד און אַ פעלד פאַר אַרבעט. לויט ש. ראָזענפעלד האָט פ׳ אין דער יוגנט געהערט צו אַ נאַציאָ־נאַל־פוילישער רעוואָלוציאָנערער אָרגאַ־ניזאַציע, געשטאַנען אין נאָענטע באַ־ציִונגען מיט די פירער פון די פוילישע רעוואָלוציאָנערע פאַרטייען, איבערגע־זעצט פוילישע רעוואָלוציאָנערע ליטעראַ־טור, שפּעטער אָבער זיך דערנעענטערט צו דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט, צו 20 יאָר אָנגעהויבן זיין זשורנאַ־ליסטישע טעטיקייט אין דער העברעיִ־שער פרעסע. 1887 איז ער איינגעלאַדן געוואָרן אַלס מיטאַרבעטער פון דער העברעיִשער ענציקלאָפּעדיע „האשכול״

א"ר פון א. ש. פרידבערג און אין די 6 ערשינענע ה׳ געשריבן די אַרטיקלען פון דער פּוילישער און פּויליש-יידישער געשיכטע, גלייכצייטיק פאַרעפנטלעכט פעליעטאָנען אין „הצפירה", אָבער די „הצפירה" איז געווען צו צוריקגעהאַלטן און צו פשרהדיק פאַר זיין טעמפּעראַמענט פון אַ קעמפער און ער איז אַריבער צום „המליץ", וואו ער האָט אין משך פון 1897 — 1902 דורך זיינע פּובלוציסטישע בריוו, קאָרעספּאָנדענצן און פעליעטאָנען פון וואַרשע א"פ פענח און נתן שיר ביט אַ טאָג איבער אַ טאָג געשמיצט דאָס אָפיציעלע פּוילישע יידנטום. 1904 — 5 האָט ער מיטגעאַרבעט אין „הזמן", שפּעטער געווען אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער פון „הבקר" א"ר פון דוד פרישמאַן, צ"אַ א"פ — קי, פּ—ק. ווען די „הצפירה" איז 1911 באַנייט געוואָרן, איז ער אַריין אַלס מיטגליד פון דער רעדאַקציע און נאָכן אויסבראָך פון דער וועלט-מלחמה, ווען אַלע מיטאַרבעטער פון דער צייטונג האָבן פאַרלאָזט וואַרשע, האָט ער כמעט איינער אַליין, בלויז מיט דער הילף פון אפרים זינגער, אויסגעהאַלטן די אויסגאַבע, אַזוי-אַרום געראַטעוועט די אונטערנעמונג פון אַ פולשטענדיקן חורבן אונטער די דייטשע אָקופּאַנטן. ניט נאָר די צייטונג רעדאַקטירט, נאָר אויך געשריבן אַלע טאָג די לייטאַרטיקלען, פעליעטאָנען, צונויפגעשטעלט די כראָניק און די טעלעגראַמען, ניט באַקומענדיק חדשים-לאַנג קיין פּרוטה באַלוינונג, ביז עס איז שוין ניט געווען קיין שום מעגלעכקייט צו פירן די צייטונג, און זי האָט זיך סוף 1916 אָפּגעשטעלט. פון אָנגעשטרענגטער שווערער אַרבעט, שרעקלעכן דחקות און די ליידן פון רוסישער און דייטשער צענזור דערוואָרבן אַ שמערצלעכע נערוונקראַנקהייט, פון וועלכער ער האָט געליטן ביזן סוף פון זיין לעבן. ווען די „הצפירה" איז אָנהייב 1917 ווידעראַמאָל באַנייט געוואָרן אַלס וואָכנבלאַט, איז ער ניט קוקנדיק אויף זיינע פאַרדינסטן פאַר דער צייטונג ניט איינגעלאַדן געוואָרן אין דער רעדאַקציע, אָבער געצוואונגען געווען ווייטער צו אַרבעטן פאַר דער „הצפירה", געשריבן אַלע וואָך פּובליציסטישע, היסטאָרישע, בעלעטרי-סטישע אַרטיקלען. 1918, ווען יצחק גרינבוים איז צוריקגעקומען קיין וואַרשע און באַשטימט געוואָרן פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אַלס רעדאַקטאָר פון „הצפירה", האָט פ׳ ווידער פאַקטיש רעדאַקטירט די צייטונג, אָבער ווען די „הצפירה" איז אָנהייב 1920 פאַרוואַנדלט געוואָרן ווידער אין אַ טאָגבלאַט, איז ער ווייטער באַעוולט געוואָרן און זיך געמוזט באַנוגענען בלויז מיט שרייבן פּובליציסטישע אַרטיקלען א"פ נדח, גולה; שפּעטער האָט מען אים אויך פאַרווערט צו באַנוצן די דאָזיקע פּס"נ און ער האָט אינגאַנצן אויפגעהערט צו שרייבן פּובליציסטיק, געשריבן בלויז היסטאָרישע אַרטיקלען און ביזן טויט אַריין געבליבן פאַרביטערט קעגן דער אָנפירונג פון דער ציוניסטישער פּאַרטיי, וועלכע האָט ניט געפונען פאַר מעגלעך צו באַפרידיקן זיין אַמביציע צו זיין רעדאַקטאָר פון דער צייטונג, פאַר וועלכער ער האָט זיך אַזוי פיל מוסר-נפש געווען. די דאָזיקע פאַרביטערונג און פאַרדראָס, בפרט קעגן ש. ראָזענפעלד, האָט ער געבראַכט צום אויסדרוק אין זיין לעצטן אַרטיקל — „וועגן דעם קיום פון אַ העברעאישער צייטונג אין וואַרשא" -- וואָס איז ערשינען אין „מאָמענט" אין דעם טאָג פון זיין טויט. — פאַר די 40 יאָר פון זיין ליטע-

ראַרישער טעטיקייט האָט פּ׳ זיך באַ־
טייליקט אַלס זשורנאַליסט, בעלעטריסט,
איבערזעצער און היסטאָריקער כּמעט אין
אַלע צייטונגען און זשורנאַלן פון פּוילן
און מחוץ פּוילן, סיי העברעיִשע (צ״אַ גע־
ווען הויפּטמיטאַרבעטער פון פרישמאַנס
״הדור״) סיי יידישע. אין יידיש האָט פּ׳
דעביוטירט מיט אַ סקיצע ״ממה־נפשך״
און אַן אַרטיקל קעגן בן־אביגדורס ״ספרי
אגורה״ אין י״ל פּרצעס ״יודישער ביבליאָ־
טעק״ II, זינט דאַן געשריבן דערציילונ־
גען, פעליעטאָנען, פּובליציסטישע, קריטי־
שע און היסטאָרישע אַרטיקלען אין פּרצעס
״ליטעראַטור און לעבען״, ״יום־טוב־בלעט־
לעך״, ספּעקטאָרס ״הויזפריינד״ (״דער
יודישער פירשט״ — דאָן יוסף נשיא,
אין ב׳ III, ״מחמד און די יודען״—אין
ב׳ V א״פ ענ״ף), ״דעם יוד״, ״דער
וועלט״ (צ״אַ ״אָהן מזל / אַ בילד פונ׳ם
יודישען לעבען אין פּוילען״, 1900,
19 — 21), ווילנער ״צייט״, יאַצקאַנס
״טאַגעבלאַט״ און ״היינט״, קרינסקיס
״ראָמאַן־צייטונג״, דעם טאָגבלאַט ״די נייע
וועלט״ 1909, פריידס ״דער שטראַהל״,
דעם וואָכנבלאַט ״דאָס יודישע פאָלק״
1917 און די לעצטע יאָרן — דערהויפּט
אין ״היינט״, וואו ס׳איז נאָך אין דעם
טאָג פון זיין טויט געווען געדרוקט דער
המשך פון זיין סעריע ״עפּיזאָדען פון
דער געשיכטע פון אידען אין וואַרשע״.
פון זיינע אַרבעטן האָבן אַ דויערנדיקן
ווערט נאָר די היסטאָרישע אָפּהאַנדלונ־
גען, הגם זיי שטייען ניט אַלעמאָל אויף
דער הייך פון דער מאָדערנער וויסנ־
שאַפט. פּ׳ איז געווען אַן אַוטאָדידאַקט
(כאָטש ער האָט באַזוכט אַ געוויסע צייט
דעם ראַבינער־סעמינאַר אין קראָקע),
און אים האָט געפעלט דאָס קענטעניש
פון דער היסטאָרישער מעטאָדע און פון
די הילפסוויסנשאַפטן, בפרט פון דער
לאַטיינישער שפּראַך, וועלכע איז אַזוי
וויכטיק ביי דער קריטישער קוועלנ־
פאָרשונג פון דער געשיכטע פון די יידן
אין פּוילן. דאָך האָט ער זיך אַן עצה
געגעבן מיט געוויסע אָפּטיילונגען פון
דער געשיכטע, און אמת ווערטפול זיי־
נען זיינע שטודיען פון דעם יידישן
לעבנסשטייגער, פון דער יידישער קול־
טור. זיין היסטאָרישע אַרבעט האָט פּ׳
אָנגעהויבן פון דער היסטאָרישער דער־
ציילונג, אָדער נאָכמער — פון שטייגער־
בילדלעך. דערצויגן אין דער חסידישער
סביבה, האָט ער געגעבן בילדער פון
חסידישן לעבן אין אַ סעריע דערציילונ־
גען א״ט ״מחיי החסידים בפולין״ (״ספרי
אגורה״ פון בן־אביגדור, וואַרשע, 1896,
ז׳ 92), אויסגעצייכנט דורך זייער פאַרבי־
קייט און לעבעדיקייט. אָבער דער מחבר
קען זיי ניט פאַרבינדן דורך אַ סיפּור־
המעשה, און אויך דער דיאַלאָג איז אָפּט־
מאָל לאַנגווייליק און צו דאָגמאַטיש. גע־
לונגענער איז זיין צווייטע גרעסערע היס־
טאָריש־שטייגערישע דערציילונג ״יצחק
מאיר בילדותו״ (״ביבליותיקה עברית״,
פ״ג ״תושיה״, 1904, ז׳ 141, אין צוויי ט׳),
וואו מיר באַקענען זיך מיט דער חסידי־
שער דערציִונג, מנהגים אאַז״וו. (זיינע
חסידישע דערציילונגען אין יידיש זיינען
ליידער ניט צונויפגעזאַמלט אין בוכ־
פאָרם). מיט חסידות האָט זיך פּ׳ באַ־
שעפטיקט זיין גאַנץ לעבן, באַאַרבעט
חסידישע לעגענדעס, צ״אַ אויף דעם גע־
ביט פאַרעפנטלעכט: ״אגדות החסידים״
(פ״ג ״ברקאי״, וואַרשע, 1923, ז׳ 156) —
אַ זאַמלונג פּאָעטישע דערציילונגען וועגן
די ערשטע חסידישע רביים, ״אגדות
הזהר״ (פ״ג ״אחיאסף״ 1926, אין 2 ט׳),
״אגדות הזהר לבני הנעורים״ א״אַ. פון
די דאָזיקע האַלב היסטאָרישע אַרבעטן
און האַלב בעלעטריסטישע איז פּ׳ אַריבער

צו ריינער געשיכטע און דאָ זיך ספּע=
ציאַליזירט אויף דער געשיכטע פון די
יידן אין וואַרשעווער פירשטנטום און
בפרט אין קאָנגרעס=פּוילן. ער האָט
געקענט אויסזוכן די געהעריקע אַקטן
אין דעם אַרכיוו פון דער קהילה און
אויך אין אַנדערע אַרכיוון און אַרום זיי
אַרומוויקלען אַ נעץ פון דערציילונגען,
מעשיות און לעגענדעס, מאַכנדיק דעם
שטאָף זייער אינטערעסאַנט. פון זיינע ריין
היסטאָרישע אַרבעטן איז צו דערמאָנען:
„די יודענפראַגע אין פוילען אין פּאָניאַ=
טאָווסקיס צייטן" (אין „הויזפריינד", V,
ז' 165 — 175); „לקורות החזקה" —
אויפן גרונט פון דעם מאַטעריאַל פון
אַפּטער פּנקס (אין „השלח", 1896—7);
„יהודי פולין בימי מלחמת נפליון"
(וואַרשע, 1912 ז' 55+16) און אַלס דער=
גאַנצונג דערצו—די שפּעטערע אָפּהאַנדלונג
„לתולדות היהודים בנסיכות ורשה" (אין
„התקופה", IV), וואו פ' ערשיינט אַלס
עכטער היסטאָריקער און צייכנט אויפן
גרונד פון אַרכיוו=מאַטעריאַלן דאָס אינע=
ווייניקסטע לעבן פון די פּוילישע יידן,
די ענינים פון קאָראָבקע, „טאָגצעטל",
שולן אאַז"וו (דער געשיכטע פון די יידן
אין קיניגרייך פּוילן זיינען אויך געווידמעט
זיינע ספּעציעלע אַרבעטן אין „התקופה"
XIII, XIV און XVIII); „דער אינעווי=
ניקסטער לעבנסשטייגער פון די יידן אין
פּוילן און ליטע אין XVII — XVIII י"ה"
(אין דער „געשיכטע פון דעם יידישן פאָלק",
ב' XI, פ"ג Міръ, מאָסקווע, 1914, רוסיש);
„יודישע עלעמענטאַר=שולען אין פוילען"
(אין זשורנאַל „שול און ערציהונג", וואַר=
שע, 1916); „די מלחמה געגען הפקרות
אין אַמאָליגען וואַרשא" (אין „אַלמאַנאַך"
„מאָמענט", 1921); „העירונים והיהודים
בפולין", וואו ער שילדערט דעם קאַמף
פאַרן רעכט צו וואוינען און האַנדלען,
וואָס דאָס פּוילישע יידנטום האָט געפירט
מיט די פּוילישע בירגער (וואַרשע, 1921,
ז' 164; צוערשט פאַרעפנטלעכט אין
„הצפירה", וואו ער האָט צ"אַ נאָך פאַר=
עפנטלעכט די מאָנאָגראַפיעס „לתולדות
הצנזורה בפולין", „עבודת האדמה והיהודים
בפולין", „מחית מכירת משקים" — ניט
געענדיקט—אאַז"וו); וועגן ש. הירשהאָרנס
„געשיכטע פון די יידן אין פוילן" (אין
„ביכער=וועלט", 1923, I — II); וועגן ד"ר
נ. מ. געלבערס בוך (אין דייטש) „די יידן
און דער פּוילישער אויפשטאַנד" (אין
„צוקונפט", 1923, XII); דער „יום=טוב
און זיין היסטאָרישער הינטערגרונד. / ווער
איז אַזוינס געוועזן דער אַרויסגעבער און
דער רעדאַקטאָר פון דער ערשטער אי=
דישער צייטונג?" — וועגן אַנטאָני אייזענ=
בוים (אין „צוקונפט", 1924, III); „די צאָל
אידן און זייערע באַשעפטיגונגען אין די
שטעט און דערפער פון קעניגרייך פּוילן
אין 1843=טן יאָר" (אין „בלעטער פאַר
אידישע דעמאָגראַפיע, סטאַטיסטיק און
עקאָנאָמיק", 1923, III); „צו דער געשיכ=
טע פון דער אידישער קאָלאָניזאַציע אין
קאָנגרעס=פּויל" (ib, V) — איינע פון פ'ס
לעצטע ערנסטע און געוויסנהאַפטע אַר=
בעטן אויפן געביט פון דער געשיכטע
פון דער יידישער עקאָנאָמיק; „עפּיזאָדן
פון דער געשיכטע פון די אידען אין
וואַרשע"—אַ ניטפאַרענדיקטע סעריע אַר=
טיקלען אין „היינט" א"אַ. די אַרטיקלען,
וואָס ער האָט צוערשט געדרוקט אין
המשכים אין „היינט" און דאַן צום טייל
אַרויסגעגעבן אין בוכפאָרם א"ט „משומדים
אין פוילען אין 19=טען יאָהרהונדערט" (פ"ג
מ"י פרייד, I ט', 1923, ז' 136: דער שמד
און זיינע סיבות, שמואל פרענקעל מיט
זיין הויזגעזינד, יחזקאל האגע, לעאָפּאָלד
קראָנענבערג; II ט' 1924, ז' 201 —
וואַרשעווער משומדים: יאָנאַש בוכנער,

די עפשטיינס, שאול קראַדניק-סאַלוויאַן יאַקובאָווסקי, שלמה לעווענטאַל, יאַן בלאָך, יואל-משה יוזעף מאַטעאוש בירנבוים, איגנאַצי ראָזענגאָלד א״אַ), שטאַמען שוין ניט אַזוי פיל פון אַרכיוון און געדרוקטע מאַטעריאַלן, וויפיל פון דעם רייכן זכרון און בונטער פאַנטאַזיע פון דעם אַווטאָר, וועלכער האָט זיך זייער גוט אָריענטירט אין דעם יחוס פון די וואַרשעווער משפחות און האָט געוואוסט אַ שלל אַנעקדאָטן וועגן יעדער איינער פון זיי; פונדעסטוועגן האָבן אויך די דאָזיקע אַרבעטן אַ היסטאָרישן ווערט, און מיט פ׳ן איז אָפּגעשטאָרבן אפשר איינער פון די לעצטע, וואָס האָט געקענט און געוואָלט דערציילן דערוועגן. פון זיינע אַנדערע אַרבעטן אויף יידיש זיינען אין בוכפאָרם אַרויס: „דער אַלפאָנסען-פּאָגראָם אין וואַרשאַ״ — אַ בילד פון דעם פּאָגראָם, וואָס די יידישע אַרבעטער האָבן געמאַכט בשעת די פרייהייטס-טעג אין וואַרשע אויף די אַלפאָנסן און לאָפּאַנאַשן (וואַרשע, 1908, ז׳ 22); „די געשיכטע פון די אידען אין פוילען״ („פאַמיליען-ביבליאָטעק״ פון פ״ג „יהודיה״, וואַרשע, 1910); „די פאַמיליע דאַווידזאָן / מיט בילדער און פאַקסימיליען / בעאַרבייט דורך פ׳ און י. ח. זאַגאַראָדסקי („מאָנאָגראַפיע-ביבליאָטעק. / מאַטעריאַלן און דאָקומענטען צו דער געשיכטע פון יודען אין פוילען״, דערז׳ פ״ג, 1924, ז׳ 105 + XIX); די איבערזעצונגען פון באָלעסלאַוו פּרוסנס ראָמאַן „פרעה״ (דערז׳ פ״ג, 1910; וויטערע אויפלאַגעס—א״ט „די קרוין פון מצרים״—פ״ג א. גיטלין, ז׳ 1296) און פון עליזאַ אָרזשעשקאָס ראָמאַן „מירטאַלאַ״ (פ״ג „צענטראַל״, אַרום 1912). פון זיינע אַנדערע איבערזעצונגען איז צו דערמאָנען דעם ראָמאַן פון האַל קעין אויס דעם יידישן לעבן אין מאַראָקאָ א״ט „דאָס כפרה-היהנדעל״ (אין „דער יודישער פאַמיליע״, 1902). פון זיינע איבערזעצונגען אויף העברעיש זיינען די וויכטיקסטע: גראַציע אַגילאַרס „גנון והציל״ (וואַרשע, 1893, ז׳ 23), ראָבערט זאַנדאַקס איינאַקטער „יהוד יונים״ (קראָקע, 1907). ה. סענקעוויטשעס „באש ובחרב״ (פ״ג שטיבל, 1920—21) און „דער מבול״ (אין כתב-יד), סווען העדינס „מן הציר אל הציר״ (וואַרשע, 1923), אָרזשעשקאָס „מירטלה״ — באַאַרבעט פאַר דער יוגנט (וואַרשע, 1924) א״אַ. אין כתב-יד צ״א איבערגעלאָזט אייניקע דראַמען אין יידיש, אויך אַ ניט-פאַרענדיקטע היסטאָרישע דראַמע א״ט „טעמערל״ — געבויט אויף די לעגענדעס און פאַקטן אויס דעם לעבן פון דער משפחה פון ר׳ שמואל זביטקאָווער, דעם שטאַמפאַטער פון דער פאַמיליע בערגסאָן (די הויפּטהעלדין פון דער דראַמע—טעמערל—איז די צענטראַלע פיגור איז דער זביטקאָווער-משפחה; דער I אַקט פאַרעפנטלעכט אין „הייַנט״ 1924, 94 — 98). פ׳ האָט זיך אויך באַטייליקט אין אייניקע ליבעראַלע פוילישע צייטונגען, צ״אַ געדרוקט היסטאָרישע אָפּהאַנדלונגען אין Przegląd Codzienny א״ר פון מענדעלסאָן. אין זיינע היסטאָרישע אַרבעטן טיילמאָל דורכגעפירט די טענדענץ אי צו פאַרענטפערן די פּאָליאַקן אַלס אַנטיסעמיטן אי אַרויסשטעלן די יידן אַלס פּאַטריאָטן, פאַרהערלעכט אין זיינע אַרבעטן בערעק יאָסעלעוויטשן, הרב בעריש מייזעלסן, יאַרנלאַנג דורך דער „הצפירה״ געגעבן דעם פוילישן יידן אַ יידיש-נאַציאָנאַלע און פויליש-פּאָליטישע דערציִונג אַלס אויסגעצייכנטער העברעיִשער פּובליציסט, גלענצנדער קענער פון דער פוילישער ליטעראַטור און פון די פויליש-יידישע באַציִונגען, בכלל אַלס זשורנאַליסט מיט געשמאַק

און פאַרנעם, וואָס האָט ניט ווייניק מיטגעהאָלפן אַרויסצוטרייבן דעם שימל פון דער העברעיִשער פרעסע. כאָטש געהאַלטן זיך פאַר אַ ציוניסט, איז פ׳ געווען שטענדיק אין דער אָפּאָזיציע, אַ פאַרביסענער קעמפער, זיין אומצופרידנקייט אַלעמאָל אויסגעדריקט אין דער שאַרפסטער פאָרם, ניט געשוינט קיינע אַוטאָריטעטן, ניט אָנערקענט קיינע פשרות, בפרט די לעצטע יאָרן געווען זייער פאַרביטערט און געררייצט, זיך געפילט עלנט, אַרומגערינגלט מיט שונאים, אַרויסגעטרעטן אויך קעגן יידיש און יידישיסטן, הגם קיינמאָל ניט אויפגעהערט צו שרייבן אין דער יידישער פרעסע. — זיינע רייכע אַרכיוו־מאַטעריאַלן, וואָס ער האָט געזאַמלט און געסדרט אין משך פון צענדליגער יאָרן, ווערן לעצטנס באַאַרבעט אין אַרטיקלען פאַר דער פויליש־יידישער פרעסע פון זיין זון לודוויג פ׳, וועלכער האָט אויך איבערגעזעצט פ׳ס „גאַלעריע פון פוילישע משומדים” אין קראָקעווער Nowy Dziennik און וואַרשעווער Nasz Przegląd.

ЕЭ, XV: א. גאָלדבערג, „אומרוהיג געלעבט און רוהיג געשטאָרבען”, אין „טאָג” פון 11/III 1924; ש. ראָזענפעלד, אין „צוקונפט”, 1924, IV; ד״ר מ. באַלאַבאַן, אין Nowe Życie, 1924 I (איבערז׳ מיט פאַרקירצונגען אין „דעם פאַרבאַנד”, נ״י, 1925, I, ביים איבערדרוק פון זיין אַרטיקל ר׳ הערשעלע צענצעמינער”); ע. נ. פ׳, „וועגן דעם קיום פון אַ העברעאישער צייטונג אין וואַרשע” — אין „מאָמענט” אין טאָג פון זיין טויט; נעקראָלאָגן אין דער יידישער און העברעיִשער פרעסע; א. נ. פערלבערג, אין „הדואר”, תרפ״ז, כ״ט.

פרענקעל אהרן (13/V 1886 —) געב׳ אין מערעטש, ווילנער געגנט, אין אַ באַלעבאַטישער פאַמיליע. דערצויגן געוואָרן אין דרוזגעניק און ביאַליסטאָק, וואו ער האָט באַקומען אַ יידישע און אַלגעמיינע בילדונג. 1903 אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע, וואו ער האָט זיך פאַרפולקומט אין זיינע יידישע און וועלטלעכע לימודים. 1907—10 געווען אָנגעשטעלט אַלס פרינציפּאַל פון די יק״אַ־שולן. זשורנאַליסטישע טעטיקייט אָנגעהויבן מיט אַ סעריע אַרטיקלען א״ט „המושבות היהודיות בקנדה” אין ווילנער „העולם” 1910, זינט דאַן מיטגעאַרבעט אין פאַרשיידענע העברעיִשע און יידישע צייטשריפטן, 1913 געווען א״י־קאָרעספּאָנדענט פון „דער וואַרהייט” א״פ אינדעפּענדענט, 1915 אַרויסגעגעבן אַ העברעיִש וואָכנבלאַט אין נ״י „האומה”, געווען מיטגליד פון דער רעדאַקציע פון די טאָגבלעטער „היום” און „הדאר”, געהילפס־רעדאַקטאָר פון „התורן” 1916—17 און פון „אידישען פאָלק” 1920—21 אַאַז״וו. 1918 זיך אָנגעשלאָסן אָן יידישן לעגיאָן און צום צווייטן מאָל באַזוכט א״י, דאָרט איבערגעזעצט קאָלאָנעל פּעטערסאָנס בוך „במעון אריות” אין ירושלימער יוגנט־זשורנאַל „עלומות”.

פרענקעל (Frankel) אהרן־צבי (1852 — נאָך 1903) געב׳ אין סוואַלק. שפּעטער אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע, האָט געלעבט אין באָסטאָן, פילאַדעלפיע און צולעצט אין נ״י. ער האָט פאַרפאַסט איינציקע ווערק אין ענגליש, צ״אַ „In gold we trust — אַ דערציילונג אויס דעם געטאָ”, דערהויפּט אָבער האָט ער זיך געמאַכט אַ נאָמען אַלס הייסער פּראָפּאַגאַנדיסט פאַרן וועגעטאַריזם (אַ וועגעטאַריער איז ער, ווי ער שרייבט, געוואָרן צו 27 יאָר) און אַחוץ אַ ריי אַרטיקלען אויף דער טעמע אין העברעיִש און אויך אין דער יידיש־אַמעריקאַנישער פרעסע, ווי למשל אין ג. זעליקאָוויטשעס באָסטאָנער „אידישען אָדלער” 1895, האָט ער פאַרעפנטלעכט אַ בוך וועגן וועגעטאַריזם אין ענגליש א״ט

Thou Shalt Not Kill, וואָס ער האָט שפּעטער באַאַרבעט אויף ייִדיש א״ט „לא תרצח״ (I און II — פ״ג ב. ראַבי־באָוויץ, נ״י, 1899, ז׳ 54 און 79, מיט אַ הסכּמה פון ג. זעליקאָוויטש; III ט׳ — 1903, ז׳ 96, מיט אַ הסכמה פון א. ד. דוב־זעוויץ; IV ט׳ — פ״ג „היברו פּאָבלישינג קאָ״, ז׳ 94). געשריבן אין אַ לעבעדיקן, הגם גענוג פאַרדייטשטן סטיל, מיט טיפער איבערצייגונגסקראַפט און טעמפּעראַמענט און ניט אָן אַ געוויסן הומאָר, מיט אַ אָנלענונג אויף תּורת משה און דעם ייִדישן לעבנשטייגער, האָט עס בשעתו ווייזט אויס, געמאַכט אַ שטאַרקן רושם אויף די ייִדישע לעזער.

„אוצר ישראל״, V, ז׳ 227 („ירק״).

פרענקעל בערל — מחבר פון ספר „תורת אמונה״ — מוסר פאַר יונגע קינדער (פּרעסבורג 1831).

פרענקעל ירמיהו (30/V 1885 —) געב׳ אין נאָוואָ־אוקראַינקאַ, ביי יעליסאַוועטגראַד. זיין פאָטער, בנימין, אַ ייד אַ למדן און שפּעטער אַ משׂכּיל, איז געווען אַ סוחר, און האָט זיך 1897 באַזעצט מיט דער פאַמיליע אין מאָשציסק, גאַליציע. פון 4 יאָר אָן געלערנט אין חדר, אויך דיקדוק און תּנך, און ביי פּריוואַטע לע־רער — רוסיש, דאַן באַזוכט די מאָשציסקער פּוילישע פאָלקסשול, 1899 אַריין אין לעמבערגער גימנאַזיע, 1906 מאַטורירט מיט אַן אויסצייכענונג, שטודירט יוריס־פּרודענץ אין די אוניווערסיטעטן פון לעמבערג און ווין, וואו 1911 באַקומען דעם טיטל ד״ר און פּראַקטיצירט אַלס אַדוואָקאַטור־קאָנציפּיענט אין נייסאַנדץ, דורכגעמאַכט איבער 4 יאָר וועלט־מלחמה אויפן רוסישן און סערבישן פראָנט, זיך דערדינט אין עסטרייכישן מיליטער ביזן ראַנג פון פעלדפעבעל, געווען פאַרוואונ־דעט מיט אַ שראַפּנעל אין פּנים. זינט 1919 לערער און שפּעטער אויך דירעקטאָר פון דער העברעיִשער גימנאַזיע „יבנה״ אין לאָדז. — 1902 צוגעשטאַנען צו דער ציוניסטישער באַוועגונג, האָט פ׳ זיך באַ־טייליקט אין פאַרשיידענע העברעיִשע, פּויליש־ייִדישע און ייִדישע צייטשריפטן פון גאַליציע, לעמבערגער „טאָגבלאַט״, „יודישען אינטערעסאַנטען בלאַט״ א״ר פון נתן טשאַטשקעס און צבי פאַסט, אין דער „וויענער מאָרגענצייטונג״ א״ר פון נ. מ. ראַקער, אין די זמ״ה „יום־טוב־ביכער״, ווין־ברין 1917 („די חסידות־שיטה״), אין די אָרגאַנען פון די פּ״צ „יודישע אַרביי־טער־צייטונג״, וואַרשע, „אַרבייטער־וואָרט״, קראָקע, „פאָלקסצייטונג״, טשער־נאָוויץ, א״אַ, אַליין רעדאַקטירט 2 נומ׳ פון דער העברעיִשער אָרטאָדאָקסישער מאָנאַטשריפט „השחר״, מאָסציסק־טאָרנע, 1908 (צוערשט א״ר פון משה וויזענפעלד), אַרויסגעגעבן אַ פּוילישע איבערזעצונג פון דער רוסישער בראָשור „פּאַלעסטינאַ״ פון בראָדאָווסקי (לעמבערג, 1905), די לעצטע יאָרן געשריבן זייער פיל קריטישע אַר־טיקלען און רעצענזיעס אין „לאָדזער טאַגעבלאַט״ (צ״אַ אַן אָפּהאַנדלונג „די העברעיִשע פּאַראָדיע״ — אין נומ׳ 53 פון 1923), און שפּעטער אין „נייעם פאָלקס־בלאַט״, דערהויפּט איבער העברעיִשער ליטעראַטור. אין מ. באַלאַבאַנס Nowe Życie איבערגעזעצט אויף פּויליש ח״נ ביאַליקס „מגלת אש״, דעם ראָמאַן פון י. בורלאַ „די וואָס ער האָט ניט פאַר־טראָגן״, ווי אויך אַן אָפּהאַנדלונג „ביאַליקס „מגלת אש״ און סלאָוואַצקיס Anhelli״, אַן אַרטיקל וועגן שטיבל־פ״ג. לעצטנס טרעט פ׳ זייער זעלטן אויף אין דער ייִדישער פּרעסע, הגם זיינע ליטעראַריש־קריטישע אַרטיקלען דערהויבן זיך איבערן דורכשניט אַדאַנק דער ערנסטער באַציִונג און דער גרויסער ערודיציע פון מחבר.

פרענקעל לודוויג (1868 —) געב׳ אין לייפּציג. געווען דאָצענט פון ליטעראַטור אין שטוטגאַרטער טעכ־נאָלאָגישער שול, אויך הויפּטסעקרעטאַר פון דעם נאַציאָנאַלן מוזיי אין נירנבערג, לערער אין מינכען. האָט זייער פיל גע־שריבן, דערהויפּט איבער דער געשיכטע פון דער ענגלישער און דייטשער ליטע־ראַטור, געפירט די אָפּטיילונג פאַר דער מערב־אייראָפּעיִשער ליטעראַטור אין דעם ענציקלאָפּעדישן ווערטערבוך פון בראָק־הויז אין לייפּציג, 14טע אויפלאַגע, רע־דאַקטירט די אויסגאַבן פון די ווערק פון שעקספּיר, שיללער, מאַנצאָני, באָיאַרדאָ, אולאַנד אפ״אַ, פאַרעפנטלעכט אויך אַר־טיקלען איבער ביבליאָגראַפיע, פאָלקלאָר אאַז״וו — צ״אַ אין די דייטש־יידישע צייטשריפטן, וואָס אַ טייל פון זיי האָבן אַ שייכות צו יידישיסטיק, ווי, למשל, זיין אַרבעט איבער יויזל וויצנהויזן אין דער Allg. Deutsche Biographie.

JE, V; ЕЭ, XV.

צ.

צאַדיקאָוויטש צדוק (— אַרום 1890) געב׳ אין מינסק (?), געווען באַשעפטיקט אַלס העברעיִשער לערער. ער האָט איבערגעזעצט אויף יידיש: „ספר ברית אברהם / דיזעם ספר האט מחבר גיוועזן הרב הצדיק והחסיד איש האלהים מורינו ורבינו הרב ר׳ אברהם במהור״ר שבתי הלוי הורוויץ זצ״ל. וועל־כער האט מחבר גיוועזן זייער טייערע ספרים. דהיינו דעם ספר עמק הברכה. יש נוחלין אונד חסד אברהם. דער מחבר ז״ל וואר דער פאטער פון דעם של״ה הקדוש: דער תכלית פון דעם ספר איז: דאש מען זאל דורך אים לערנען חכמה. אונ צו נעמען קלוגע שטראַף רייד אין אַכט. אויך צו טאָן גירעכטיקייט אונ רעכטפּערטיקייט מיט בעדאַכט" (דפוס ר׳ ש״י פין ור׳ אברהם ראָזענקראַנץ, ווילנע, 1865, ז״ז 120, מיטן העברעיִשן אָריגינאַלטעקסט); „ספר נעימות יעקב / דיא זיסע רייד פון הרב ר׳ יעקב (דובנער מגיד) / דאָ האָבין מיר מעתיק גיוועזן אויף עברי טייטש דרושים פון דעם גרויסן באַרימטין דרשן הרב ר׳ יעקב דובנער מגיד. דרינען געפינט זיך מוסר השכל אונ שיינע רייד אין עניני שבת ויו״ט. אונ ר״ה ויום כפור. אויך זייער שיינע משלים. ווער עס וועט לעזין וועט גרויס פערגעניגען האָבין (והיה לו למשיב נפש)" (וואַרשע, 1882, דרוק נתן שריפט־גיסער, ז׳ 51).

צאַנגען בנציון (29/X 1901 —) געב׳ אין ראַזוואַדאָוו, מערב־גאַליציע, אין אַ רייכער חסידישער פאַ־מיליע. פון 4 יאָר אָן געלערנט אין חדר, צוליב דער מלחמה 1914 אַוועק פון זיין געבוירנשטאָט, אַ געוויסע צייט פאַרבראַכט אין בעליץ, שלעזיע, דאַן זיך באַזעצט אין טאַרנע, וואו ער וואוינט עד־היום. ביז 17 יאָר זיך געגרייט צו סמיכות אויף רבנות, דערנאָך אויך אָנגעהויבן זיך אָפּצוגעבן מיט וועלטלעכע לימודים, אַלס עקסטערן דורכגעמאַכט דעם קורס פון אַ גימנאַזיע. זינט 1922 פאַרעפנטלעכט אַרטיקלען און רעצענזיעס, ווי אויך אייניקע איבערגעזעצ־טע נאָוועלן אויס דער וועלט־ליטעראַטור אין דער לעמבערגער „פאָלקסשטימע" — אָרגאַן פון דער פאָלקס־פּאַרטיי אין מזרח־גאַליציע א״ר פון באָגראַד (אַרויס בלויז 2 נומ׳), „יידישען ליטעראַרישען קאַלענ־דער" פון ד״ר אַנזעלם קליינמאַן (וועגן מ. ד. בראַנדשטעטער און איבערגעזעצטע אַפאָריזמען זיינע אויסן כתב־יד), „ליט׳ בלעטער", „אַרבעטער־וועלט", „פאָלק און

לאַנד״, לעמבערגער „טאָגבלאַט״ און „מאָרגען״״, ווי אויך אין „שבועון״ א״ר פון ש. מ. לאַזאַר. — אַרבעט אויף אַ העבּרעיש-פויליש-יידישן ווערטערבוך.

צאַצקין באָרים (אַרום 1835 —) געב׳ אין קאַטערינאָסלאַוו (?), איצט דניעפּראָ-פּעטראָווסק). געענדיקט זיין שטודיום אויפן היסטאָריש-פילאָלאָגישן פאַקולטעט (אין כאַרקאָוו אָדער אָדעס?), האָט ער געזאָלט איבערגעלאָזט ווערן ביים אוניווערסיטעט בתּנאַי, ער זאָל זיך שמדן, אָבער אַדאַנק דער ווירקונג פון זיין חבר און פריינד פון די קינדער-יאָרן אליהו אָרשאַנסקי, דעם באַרימטן יוריסט און רוסיש-יידישן פּובליציסט, האָט ער דעם אָנבאָט ניט אָנגענומען און זיך מפרנס געווען אַלס פּריוואַט-לערער אין גבירישע הייזער אין די שטעט פון דרום-רוסלאַנד, אויסניצנדיק די רעקאָמענדאַציעס פון אָרשאַנסקין, וועמעס וואָרט איז פאַר די יידישע גבירים געווען אַ חוב. נאָך אָרשאַנסקיס טויט (1875) געבליבן מיט אַ קראַנקער פּרוי׳ און אַ סך קינדער, האָט ער אָנגעהויבן צו ליידן מאַטעריעלע נויט, בפּרט אַז יידישע דיפּלאָמירטע לערער איז געוואָרן אַלץ מער. ער איז געקומען קיין קערטש זוכן אַ שטעלע אין דער יידישער קהילה אָדער גאָר ווערן ראַבּינער, אָבער דאָס איז אים ניט געלונגען, ווייל אים האָט געפעלט געזעלשאַפטלעכער טעמפּעראַמענט און ער איז אויך משמעות געווען אַן עם-הארץ אין יידישע זאַכן. ניט קענענדיק זיך איינאָרדענען, האָט ער זיך געלאָזט איבעררייידן פון דעם דירעקטאָר פון דער קערטשער גימנאַזיע זיך צו שמדן און נאָכן שמד באַשטימט געוואָרן אַלס לערער פון רוסישער שפּראַך און ליטעראַטור אין דער גימנאַזיע, שטאַרק געליטן פון חרטה, דערצו געהאַט פיל אויסצושטיין פון זיינע שילער אין גימנאַזיע סיי די יידישע סיי די ניט-יידישע, וועלכע האָבן זיך מיט פאַראַכטונג באַצויגן צו דעם רענעגאַט, וואָס האָט נאָך אַגב געהאַט זיי״ער אַ יידישלעך אויסזען און אָפּשניצלעך פון אַ געטאָ-ייד,—ביז ער האָט געמוזט פאַרלאָזן קערטש און איז אַריבערגעפירט געוואָרן אין אַן אַנדערער שטאָט.—צ׳ איז דער מחבר פון „פּראַקטישעס לעהרבוך אום גרינדליך צו ערלערנען דיא רוסישע שפּראַכע נאָך אַלענדארפס מעטהאָדע אין אַ האַלב יאהר / פערפאַסט פאָן קאַנדידאַט איסטאָריקאָ פילאָלאָגישע פאַקולטעט ב. צאַצקין. אין 3 טהיילע / זעקסטע פאָללשטענדיגע אויפלאַגע פערקויפט גיוואָרען צו (יוסף ח.) שוכמאַן אין אדעסס״ (וואַרשע, דרוק אַלעקסאַנדער גינז, 1909, ז״ז 39+220, 36+116, 30+86). אין דער הקדמה אין רוסיש (אין דער 6סטער אויפלאַגע, וואָס מיר האָבן אין אונזער רשות, גייט זי אין 2טן ט׳) שרייבט צ׳ צ״אַ: „אָן ספק הייבן די רוסישע יידן אָן צו שטרעבן אויסצולערנען די רייכע פּאָטערלענדישע שפּראַך. מיטפילנדיק דער דאָזיקער שיינער (הערלעכער) שטרעבונג און האַלטנדיק פאַר אַ חוב מיצוווירקן כאָטש וויפיל ניט איז דער פאַרשפּרייטונג פון דער רוסישער שפּראַך צווישן יידן, האָב איך זיך עס אַנטשלאָסן אַרויסצוגעבן דאָס דאָזיקע ווערק... דאָס האַנטבוך איז פאַרפאַסט אויף זשאַרגאָן. לויט מיין מיינונג איז עס דער איינציקער וועג, מיט וועלכן מ׳קען דערגרייכן מער-ווייניקער געלונגענע רעזולטאַטן. די האַנטביכער, וואָס זיינען פאַרפאַסט אויף העברעיִש, דערגרייכן ניט, ווי מיר דאַכט זיך, דעם ציל. ערשטנס איז די העברעיִשע שפּראַך פאַר אַ סך אַ terra incognita. צווייטנס,

איז די אויסלערנונג פון אַ פרעמדער שפּראַך מעגלעך נאָר אויף דעם לשון, אויף וועלכן מ'רעדט און מ'טראַכט. דער ייִד, ריידנדיק רוסיש, זעצט איבער ניט פון העברעיִש, נאָר פון זשאַרגאָן. יעדן איינעם איז מער־ווייניקער באַקאַנט, ווי אַזוי אַ ייִד, אַדאַנק די זשאַרגאָניזמען, פאַרדרייט די ווענדונגען פון דער רוסישער שפּראַך *)... ווייטער איז צ' זיך מתנצל, אַז די „דערקלערונג פון דער גראַמאַטיק און פון די ווענדונגען פון דער רוסישער שפּראַך אויף זשאַרגאָן, וואָס האָט ניט קיין גראַמאַטיק, און איז אָרעם אין ווערטער, איז ניט קיין גרינגע זאַך. מיין אַרבעט איז דער ערשטער שוואַכער פּרווו". דאָס ייִדיש פון צ—ס לערנבוך איז גאַנץ ריין און גוט וואָלינעריש, ניט קוקנדיק אויף די אייניקע רוסיציזמען דערהויפּט אין דער גראַמאַטישער טערמינאָלגיע, הגם ער האָט אויך געשטרעבט אַריינצופירן אַ ריין ייִדישע טערמינאָלאָגיע, ווי, למשל: „דיא ציגויפליייגונג פון אותיות (טראַף)", טהו־עכטס, פּעולה, מאמר — אָנשטאָט זאַץ, מין זכר, מין נקבה, מין סתמי, סימן פון מין זכר, לשון פרט, לשון כלל, סוף־אותיות, דרכים (наклонения), צונויפּ־בינדונג פון דער פּעולה מיט דער פּערזאָן (Спряжения) אאַז"וו. צ' האָט אויך פאַר־עפנטלעכט אַן אַרטיקל וועגן מיכה־יוסף לעבענסאָן אין איינעם פון די ערשטע רוסיש־ייִדישע אָרגאַנען, Сіонъ, 1861, 5.

ד"ר יעקב מזא"ה, „די טראַגעדיע פון אַ משומד", אַ קאַפּיטל פון זיינע זכרונות, „מאָרגען זשורנאַל" פון VIII/6—10 1926

*) „אַזוי אַ שטייגער: וואָרט אויף מיר. ער האָט אים אַ קלאַפּ געטאָן מיט אַ שטעקן. פינף מינוט אויף אַכט. מיר טוט וויי דער קאָפּ. אַ מעשה מיט אַ ייִדן. דאָס קאָסט גלייך אַ רובל".

צביון (ו' אייר 1874—)

פס"נ פון בנציון האָפמאַן (האָפען). געב' אויפן ישוב קרוג ביי בויסק, קורלאַנד, וואו זיין פאָטער, יצחק, אַן אָרעמער בעל־מלאכה, אַ יודע־ספר, זייער אַ פּע־ יקער און אַ וויצ־לינג, אַ בעל־טובה און אַן עוסק בצרכי ציבור, האָט געהאַלטן ערד אין אַרענדע

(ער איז געשטאָרבן 1924 אין באַלטי־מאָר, אין עלטער פון 84 יאָר). די מו־טער, לאה, איז אויך געווען אַ וואויל־קענעוודיקע אין ייִדישע ספרים, און ניט קוקנדיק אויף דעם אָרעמען לעבן, האָבן זיי ניט געשפּאָרט קיין כוחות צו בילדן די קינדער. צ' האָט געלערנט אין חדר אין וואַסקי, אַ קליין ליטוויש שטעטל, און שפּעטער אין פאַרשיידענע ישיבות און ביי הגאון ר' מרדכילע בויסקער (עליאַשבערג), אַדאַנק זיין ביבליאָטעק זיך באַקענט מיט דער השכלה־ליטעראַטור און אויך איבערגעלייענט אייניקע נאַטורוויסנשאַפטלעכע ביכער אין דייטש. צו 16 יאָר אַוועק קיין ווילנע, וואו גע־לערנט מיט גרויס התמדה, גרייטנדיק זיך צו סמיכות אויף רבנות און צום עק־זאַמען אויף ראַבינער, אָבער צופעליק זיך באַקענט מיט אַ אינטעליגענטן אַר־בעטער, אַ מיטגליד פון אַ סאָציאַליסטישן פּראָפּאַגאַנדע־קרייזל, און אין אַ קורצער צייט אַרום אַליין אַריין אין אַזאַ קרייזל. געלערנט אין דער ווילנער צייכנשול, גרייטנדיק זיך ווייטער צו די עקזאַמענס און פאַרנעמענדיק זיך מיט לערעריי, אַ פּאָר יאָר געווען אויך לערער אין די ליטווישע שטעטלעך סאַלאַט און

פּאַשוויטין. 1896 זיך באַזעצט אין ריגע, מיטן ציל אָנצוקומען אין פּאָליטעכניקום, 1898 צוזאַמען מיט עטלעכע סטודענטן פון פּאָליטעכניקום געגרינדעט אַ ציוניסטיש-סאָציאַליסטיש קרייזל, אפשר דאָס ערשטע קרייזל פון דעם מין אין דער געשיכטע; דעם אייגענעם יאָר זיך דערוואוסט וועגן דער גרינדונג פון „בונד", באַקומען אַ פּעקל בונדיסטישע ליטעראַטור און צוגעשטאַנען צו דער פּאַרטיי. סוף 1900 אַוועק קיין אויסלאַנד, שטודירט אין בערלין אין פּאָליטעכניקום און אין בערן פילאָסאָפיע, סעמיטישע שפּראַכן און נאַטורוויסנשאַפטן. — נאָך יינגלווייז, אונטער דער ווירקונג פון מאַפּוס „עיט צבוע", פון שמרס ראָמאַנען אאַז"וו, אָנגעשריבן אַ ראָמאַן אין העברעיש, האָט ער דעביוטירט מיט אַ פּאָר אַרטיקלען אין „המליץ" 1895, געפּרוּווט אויך שרייבן אין רוסיש און דייטש, זיין ערשטן גרעסערן אַרטיקל אין יידיש פאַרעפנטלעכט 1901 אין „אידישען אַרבעטער" — דעם אָרגאַן פון אויסלענדישן קאָמיטעט פון „בונד" אין זשענעווע א"פ איש תקוה— וועגן דער נייטיקייט פון אַ נאַציאָנאַלער פּראָגראַם פאַר דער פּאַרטיי. 1901 געווען דער קאָרעספּאָנדענט פון „פּאָרווערטס" אויפן 5טן ציוניסטישן קאָנגרעס אין באַזעל, צו יענער צייט אויך אָנגעהויבן צו באַטייליקן זיך אין „צוקונפט", מיטגעאַרבעט אין דער אומלעגאַלער בונדישער פּרעסע. צוריקגעקומען 1904 קיין ריגע, קאָרעספּאָנדירט אין דעם פּט"ב'ער „פריינד" א"פ צביון (די אותיות פון בנציון), איינגעפירט אין דער צייטונג דעם קליינעם פעליעטאָן, 1905 אָנגעהויבן שרייבן אין „הזמן" וויסנשאַפטלעכע און פּובליציסטישע אַרטיקלען, אויך א"פ אפנה. אָנהייב 1906 אַלס איינער פון די בעסטע יידישע זשורנאַליסטן און סטיליסטן אין „בונד" — איינגעלאַדן געוואָרן קיין ווילנע אַלס הויפּט-מיטאַרבעטער פון דעם בונדישן אָרגאַן „דער וועקער" (שפּעטער „פאָלקסצייטונג"), וואו ער האָט אַחוץ רעדאַקטאָריש-סטיליזאַטאָרישער אַרבעט געפירט די אָפּטיילונג „פון דער פּראָווינץ", געשריבן קליינע הומאָריסטישע פעליעטאָנען א"ט „מכה דאָס און יענץ" א"פ צ' און — זעלטענער — „איש תקוה". סוף 1906 צוריק אַוועק קיין דייטשלאַנד שטודירן, באַקומען אַלס אינזשעניער דעם טיטל ד"ר אין בערלין, געשריבן קאָרעספּאָנדענצן, אַרטיקלען, פעליעטאָנען פאַרן „פאָרווערטס", „צייטגייסט" און „דער פאָלקסצייטונג". סוף 1908 אַוועק קיין אַמעריקע, אַ פּאָר יאָר זיך באַשעפטיקט אַלס אינזשעניער, נאָכדעם זיך אינגאַנצן אָפּגעגעבן דער זשורנאַליסטיק. געווען רעדאַקטאָר פון דער ערשטער טעגלעכער העברעישער צייטונג אין אַמעריקע „היום" (1909), ערשטער רעדאַקטאָר פון מאָנאַטלעכן זשורנאַל „דער פריינד"—אָרגאַן פון דעם אַרבעטער-רינג (זינט נאָוועמבער 1910 ביז אָקטאָבער 1912), פון דעם וואָכנבלאַט „די נייע פּאָסט"—אָפיציעלער אָרגאַן פון די קלאָוק- און סקוירט-מאַכערס יוניאָנס פון נ"י, מיטגליד פון דער רעדאַקציאָנעלער קאָלעגיע פון „דער צוקונפט", ליטעראַרישער רעדאַקטאָר פון „טאָג" (1915), דערנאָך יאָרנלאַנג מיטאַרבעטער פון „פאָרווערטס". נאָך דער שפּאַלטונג פון דער יידישער סאָציאַליסטישער פעדעראַציע אַרויסגעטריטן צוזאַמען מיט אָלגינען, ראַגאָזין, נאָוויקן א"אַ פון „פאָרווערטס", געוואָרן איינער פון די פירער פון דעם פּראָקאָמוניסטישן אָרגאַן „די נייע וועלט", (וואו אויך פריער מיטגעאַרבעט אַלס אַקטיווער טוער פון דער „יידישער סאָציאַליסטישער פעדעראַציע"), און „נייע וועלט-עמעס", דערנאָך איינער פון די

הויפּטמיטאַרבעטער פון „דער פרייהייט", אָנהייב 1922 אַרויסגעטרעטן פון דער „וואָרקערס פּאַרטיי" און אויך פון דער „פרייהייט", — די לעצטע יאָרן ווידער איינער פון די הויפּט־מיטאַרבעטער פון „פאָרווערטס", וואו ער שרייבט אַחוץ אַרטיקלען אויף פּאָליטישע, געזעלשאַפטלעכע און ליטעראַרישע טעמעס („צייט־נאָטיצן") און פעליעטאָנען אויך וועכנטלעכע איבערזיכטן א"ט „אידישע אינטערעסען" — ביז דער לעצטער צייט א"פ ב. ראָזמאַן — פון צייט צו צייט הומאָרעסקעס, וויסנשאַפטלעכע אָפּהאַנדלונגען און עסייען. באַטייליקט זיך אויך אין אייניקע אַנדערע צייטשריפטן. האָט פאַרעפנטלעכט אין בוכפאָרם: „פרויען־האַנדעל און פּראָסטיטוציע" (פ"ג „די וועלט", ווילנע, 1906; צוערשט געדרוקט אין חודש־זשורנאַל „דאָס לעבען", פט"ב, 1905); „וואָס איז באָלשעוויזם" (נ"י, 1917, ז' 100); „אַסטראָנאָמיע" (אַרבעטער־רינג־ביבליאָטעק, נומ' 6, נ"י, 1918, אַרום ז' 275); „דאָס לעבען פון חיות / זאָאָלאָגיע" („אַרבייטער־רינג־ביבליאָטעק — 16, אַרויסגעגעבן פון דער „עדיוקיישאָנאַל קאָמיטע פון אַרבייטער רינג", נ"י, 1919, ז' 502+IV+V)—דאָס ערשטע גרעסערע ווערק אין יידיש אויף דעם געביט פון דער זאָאָלאָגישער וויסנשאַפט, אין וועלכן דעם מחבר איז אויסגעקומען גובר צו זיין אַ סך שוועריקייטן אין פּרט פון טערמינאָלאָגיע, אויפזוכנדיק די נעמען און אַנאַטאָמישע באַצייכענונגען, וואָס די יידישע שפּראַך פאַרמאָגט, אָדער פאַרייִדישנדיק די נאָמענקלאַטור פון אַנדערע שפּראַכן; „קאָמוניסטען, וואָס האָבן אויפגעגעסען דעם קאָמוניזם" (נ"י 1923, ז' 64); „מיין רייזע אין ארץ־ישראל" (פ"ג „די וועלט", וואַרשע, 1923, ז' 200). געווען מיט־רעדאַקטאָר פון דעם „ענגליש־אידישן ענציקלאָפּעדישן ווערטער־בוך" (נ"י, 1915; זע סאַפּירשטיין יעקב), רעדאַקטירט דאָס בוך פון ס. פּיינסטאָון (זע) „כעמיע", אין אויפטראָג פון דער בילדונגסקאָמיסיע פון אַרבעטער־רינג. שרייבט אַ בוך איבער דער געשיכטע פון מיטלעלטער. — איינער פון די געבילדעטסטע יידישע זשורנאַליסטן, אַן אויסגעצייכנטער קענער פון דער סאָציאַליסטישער וויסנשאַפט און פון דער אַרבעטער־באַוועגונג, פון דער אַלטער און נייער העברעיִשער ליטעראַטור, צייכנט זיך צ' אויס מיט זיין לייכטן הומאָריסטישן סטיל, קורצקייט פון זאַץ, קלאָרקייט און לייכטקייט פון שפּראַך — וואָס מאַכט אים פאַר איינעם פון די פּאָפּולערסטע און וויציקסטע יידישע פּובליציסטן און פעליעטאָניסטן. אַן אויסגעשפּראָכענע אינדיווידואַליטעט, וועלכע אידענטיפיצירט זיך קיינמאָל ניט אינגאַנצן מיט דער צייטונג, בכלל מער דענקער ווי קעמפער, מער אָבסערוואַטאָר ווי טוער, האָט ער אַפילו אין דער סביבה פון דעם אַסימילאַטאָרישן ספּעציפישן אַמעריקאַניש־יידישן סאָציאַליזם אויפגעהיט זיין איבערגעגעבנקייט צו דער מאָדערנער יידישער קולטור, שפּראַך און שול, פאַר וועלכע ער טרעט סיסטעמאַטיש אויף אַלס פּובליציסט און אַלס טוער; 1910 אַריין אין בילדונגס־קאָמיטעט פון אַרבעטער־רינג, איז ער אין די יאָרן 1917 — 20 געווען פאָרזיצער פון דעם דאָזיקן קאָמיטעט, מיטווירקנדיק צו פאַרשטאַרקן די יידישע קולטור־טעטיקייט פון דעם גרויסן יידישן אַרבעטער־אָרדן. ער טרעט אויך אַרויס אַלס לעקטאָר; אויך אויף די אַרבעטער־רינג־לערער־קורסן. געווען טעטיק אין אַרבעטער־רינג אַלס מיטגליד

פון דער עקזעקוטיווע, אַ קורצע צייט (1915) אַפילו פאַרנומען דעם אַמט פון גענעראַל=סעקרעטאַר אויפן אָרט פון ד״ר פרענק ראָזענבלאַט, אָבער זייענדיק שטענדיק אין דער אָפּאָזיציע געמוזט רעזיגנירן, אָפּטרעטנדיק דעם אַמט יוסף באַסקינען. אַלס אַקטיווער טוער פון „פיפּלס-רעליף״ און קאָרעספּאָנדענט פון „פאָרווערטס״ 1920 — 21 באַזוכט כמעט אַלע אייראָפּעיִשע לענדער, ווי אויך מצרים און א״י. 1927 אויסגעוויילט גע=וואָרן אַלס פּרעזידענט פון דעם „י. ל. פּרץ=שרייבער=פאַראיין״.

ה. בורגין, „געשיכטע פון דער אידישער אַר-בייטער-בעוועגונג״; א. ש. זאקס, „געשיכטע פון אַרבייטער רינג״; הלל ראָגאָף, „אַ יום-טוב לכבוד גענאָסע צ׳״ (צו דער פייערונג פון דעם 25יע-ריקן יובילײ פון זיין ליטעראַרישער טעטיקייט), אין „פאָרווערטס״ פון IX/7 1927; צ׳, אין „צוקונפט״, 1919, IV; id, „מיין ערשטע באַ-קאַנטשאַפט מיטן „בונד״, אין „וועקער״ צום 30יעריקן יובילײ פון „בונד״, 1927, 309.

צווייפעל אליעזר=צבי (לייזער)

געב׳ (IV/15 1815 — II/18 1888) אין מאָהליעוו. זיין פאָטער, אַ מלמד, באַ=קאַנט אין שטאָט א״נ ר׳ דוד יאשיהס, איז געווען אַ בקי ניט נאָר אין גמרא און תוספות, נאָר



אויך אין תנך, דיקדוק און העב-רעיִש, אַ שונא פון פּילפּול, דערצו אַ פאַרברענטער חסיד פון ר׳ מענ=דעלע ליבאַווי-טשער, וועלכן אויך לייזער פלעגט אָפט באַזוכן, אַמאָל אַפילו געגאַנגען צו אים צופוס. דערצויגן אויף דער תלמודישער און חסידישער ליטעראַטור, האָט צ׳ נאָך אַלס ייִנגל, אגב זייער אַן איינדרוקספולער, זיך גע=פונען אונטער דער שטאַרקער ווירקונג פון חסידות. די עלטערן האָבן אים גאָר יונג חתונה געמאַכט בשעת אַ „בהלה״, ווען אונטער דעם רושם פון קלאַנגען וועגן פאָרשטייענדיקע שווערע גזרות האָבן יידן אין רוסלאַנד זיך געאיילט וואָס גיכער אויסצוגעבן זייערע יונגיטשקע קינדער. צוליב אומגינסטיקע פאַמיליענ=פאַרהעלטענישן האָט צ׳ פאַרבראַכט זיין יוגנט אין דער פרעמד, פאַר די יאָרן פון זיין נע=ונד זיך באַקענט מיט דער העב-רעיִשער השכלה=ליטעראַטור און זיך דורכגעדרונגען מיט אירע אידעאַלן. באַגאַבט ביז גאָר, מיט אַ גרויסן דאָרשט נאָך וויסן, האָט ער נאָך יונגערהייט זיך קונה=שם געווען מיט זיין לומדות און 1853 איז ער באַשטימט געוואָרן אַלס לערער פון תלמוד אין דער זשיטאָמירער ראַבינערשול. אַן אויסגעצייכנטער לעק-טאָר, אַ לעבעדיקע אָריגינעלע פּערזענ=לעכקייט, אַ זעלטענער בקי אין דער אַלטער און נייער העברעיִשער ליטעראַ=טור, דערצו אַ גרויסער עניו, האַרציק און פריינדלעך אין מגע=ומשא מיט מענטשן, שאַרפזיניק און לעבעדיק אין שמועס, האָט ער צוגעצויגן צו זיך יעדערן, וואָס איז מיט אים געקומען אין באַרירונג, און איז געוואָרן דער ליבלינג פון דער יוגנט אין זשיטאָמיר; זיינע לעקציעס אין דער ראַבינערשול זיינען שטענדיק געווען געפּאַקט, הגם ער האָט געלערנט אַזאַ טרוקענעם לימוד ווי משניות, און ער פלעגט ממש באַגיי=סטערן זיינע צוהערער. דעביוטירט האָט צ׳ ערשט אין 1858 מיט אַ זאַמלונג שירים און מאמרים א״ט „מינים ועוגב״, דאַן פאַרעפנטלעכט אַ ריי וויסנשאַפטלעכע אַרטיקלען אין דער ערשט אויפגעקומע-נער העברעיִשער פּרעסע. להיפוך צו דאָס רוב שרייבער פון יענער עפּאָכע,

וועלכע האָבן געשריבן אין ריין ביבלישן סטיל, האָט צ׳ זייער פיל אויסגעניצט אויך עלעמענטן פון דער תּלמוד־שפּראַך און פון דער מיטלעלטערלעכער ליטעראַטור; דער אייגנאַרטיקער סטיל צ׳ס, וואָס האָט אַרויסגערופן שטוינונג צווישן די אָנהענגער פון דער מליצה, האָט באַלד געפונען אַ סך נאָכטוער און ביסלעכווייז זיך איינגעבירגערט אין דער העברעיִשער ליטעראַטור. שאַרף אויסגעטיילט צווישן די דעמאָלטיקע משכּילים האָט זיך צ׳ אויך מיט זיין באַציִונג צו דער אָרטאָדאָקסאַלער יידישקייט און חסידות. אין דער עפּאָכע פון פאַרשאַרפטן קאַמף פאַר תיקונים בדת און פאַר אויפקלערונג האָט ער אין משך פון יאָרן געאַרבעט אויף אַ גרויס ווערק „שלום על ישראל", וואו ער האָט געשטרעבט צו מאַכן שלום צווישן די צוויי קעמפנדיקע מחנות און געבן אַן אָביעקטיווע אָפּשאַצונג פון דער חסידישער שיטה. הגם צ׳ האָט געפונען פאַר נייטיק אונטערצושטרייכן, אַז די הייגטצייטיקע גוטיִדנשאַפט האָט אין אַ סך אופנים אָפּגעווייכט פון דער אָריגינעלער לערע פון בעש"ט און זיינע תּלמידים, האָט צ׳ס בוך אַרויסגערופן אַ גרויסע אומצופרידנקייט אין די קרייזן פון די משכּילים, וועלכע האָבן אין דעם חסידיזם געזען די הויפּטפעסטונג פון אָפּגעשטאַנענקייט, פאַנאַטיזם און פינסטערניש. לכתּחילה האָט ח"ז סלאָנימסקי אַלס יידישער צענזאָר אין זשיטאָמיר געפּרוווט ניט דערלאָזן צו פאַרעפנטלעכן דעם ערשטן טייל פון צ׳ס ווערק, און ער האָט אויך שיר ניט פאַרלוירן זיין שטעלע אין דער ראַבינערשול אַלס „אָבסקוראַנט". אָבער אַדאַנק די הסכּמות פון אַזעלכע גדולים ווי א. יעלינעק, אברהם קראָכמאַל א"אַ, ווי אויך אַדאַנק דער אונטערשטיצונג פון אַ טייל משכּילים, וואָס האָבן זיך געשטעלט אויף צ׳ס צד, ווי מ. שטראַשון, ש"י פין, אליהו אָרשאַנסקי, מ"ל ליליענבלום, האָט דער ספר „שלום על ישראל" (אין 4 ט׳ — 1868, 1869, 1870 און 1873) געהאַט גרויס ערפאָלג, ניט קוקנדיק [אויף די אַרויסטרעטונגען פון סלאָנימסקי, גאָטלאָבער א"אַ קעמפער פאַר אויפקלערונג. די דאָזיקע קאַפּיטאַלע אַרבעט, וואו ס׳איז געמאַכט דער ערשטער פּרווו אויפצוקלערן די ראָלע פון חסידות אין היסטאָרישן צוזאַמענהאַנג מיט פריערע גייסטיקע שטרעמונגען און דורך וועלכער צ׳ קען באַטראַכט ווערן אַלס אָנזאָגער פון דער איבערשאַצונג פון דער חסידישער באַוועגונג, וואָס מיר האָבן צו פאַרדאַנקען דובנאָוון, פּרצן, בערדיטשעווסקין א"אַ נעאָחסידיסטן, — אַנטהאַלט גאָר אַ סך ווערטפולן מאַטעריאַל פאַר דער פאָרשונג פון חסידות און פאַר דער געשיכטע פון דעם רעליגיעזן קאַמף, סוף XVIII י"ה. אויך וויכטיקע טעקסטן פון דער קלאַסישער חסידישער ליטעראַטור. אָבער ניט באַזיצנדיק קיין שטרענג וויסנשאַפטלעכע אייראָפּעיִשע בילדונג, איז צ׳ ניט געווען בכּוח פון דעם אומגעהייער גרויסן אָנגעזאַמלטן מאַטעריאַל אויפצובויען אַ האַרמאָנישן בנין, און דאָס ווערק ליידט שטאַרק פון מאַנגל אין יעדער אַרכיטעקטאָניק. די זעלביקע מעלות און חסרונות האָט אויך זיין צווייטע גרויסע אַרבעט — דאָס אַפּאָלאָגעטישע ווערק „סניגור" (1885), געשריבן אַלס ענטפער אויף דעם אַנטי־תּלמודישן בוך „נתיבות עולם" פון דעם ענגלישן מיסיאָנער מעקאָל, וועלכעס האָט בשעתו געמאַכט אַ גרויסן רושם אין אייראָפּע (די מיסיאָנערן אין וואַרשע האָבן עס אויך אַרויסגעגעבן אין יידישער איבערזעצונג א"ט „נתיבות עולם" /

דיא אַלטע שטעגין / איין פערגלייך צווי=
שען דעם יעציגען יודישען דת אונד
צווישען דעם דת פון תורת משה און דיא
נביאים / זעכציג פרקים״, וואַרשע, 1876,
דרוק א. גינס, ז׳ 752 ; נאָך פאַר צ׳ האָט
אויף דעם „נתיבות עולם״ אָפּגעענט=
פערט ריב״ל אין זיינע פּאָלעמישע ווערק
„זרובבל״ און „אחיה השלוני״). די פּראָב=
לעמען פון יידנטום, פון דער יידישער
אמונה באַהאַנדלט ער אויך אין זיינע
רעליגיאָנס = פילאָסאָפישע ווערק „נצח
ישראל״ (1884) און „חשבונו של עולם״
(1878) — געדאַנקען וועגן דער השגחה,
וואו עס פילט זיך אגב זיין אומבאַ=
האַוונטקייט אין די סאָציאַל=עקאָנאָמישע
און פּאָליטישע פאַקטאָרן, זיין אָפּהענ=
גיקייט פון פאַרשיידענע השפעות, בפרט
פון דעם ענגלישן בורזשואַזן מאָראַליסט
סעמיועל סמיילס, וואו ס׳קומט אָבער
אויך צום אויסדרוק זיין פרומע ערלעכע
נשמה און דער זוכנדיקער גייסט; ס׳איז נאָך
אויך צו דערמאָנען זיין זאַמלונג סיפּורים
און שירים א״ט „תושיה (1867). —
דער ערשטער שריפטשטעלער פון
דער השכלה=עפּאָכע, וואָס איז אויפגע=
טרעטן צו פאַרטיידיקן דאָס חסידות,
איז צ׳ אויך געווען פון די געציילטע
גדולים צווישן די משכילים, וואָס האָבן
זיך גאַנץ וואַרעם באַצויגן אויך צו
יידיש און אין דער שפּראַך געשריבן
אייניקע ווערקלעך, וועלכע זיינען אַ
איבערגאַנג פון דער טראַדיציאָנעלער
פרומער יידישער ליטעראַטור צו דער
השכלה=און בדחנים=ליטעראַטור. אין זיין
ערשט ווערקל אויף יידיש, „ספר מוסר
השכל / הערויס גיגעבין פון איזראַעל
עפלווייץ [אַנאַגראַם פון אליעזר צוויי=
פעל מיט אַן איבעריקן אַלף] מאבה לים/
פיל חכמה פיל מוסר. פיל קלוגע אונ
פרומע רייד הערויס גינומען פון חובת
הלבבות. פון מנורת המאור. פון שבט
מוסר. פון מסילת ישרים. אונ פון נועם
המדות. אונ פון אַנדערע הייליגע אונ
טייערע ספרים. אונ צום סוף אצוואה
פון אחכם. געשריבין מיט גרויס חכמה״
(ווילנע, פ״ג ראָם, 1862, 2טע אויפלאַגע
1882, ז׳ 52, שפּעטער אייניקע מאָל אי=
בערגעדרוקט) אין דער קורצער העב=
רעישער הקדמה איז ער זיך פאַר זיין
שרייבן יידיש סומך אויף דעם רמב״ם
און בפרט אויף מענדל לעפין סאַטאַנאָ=
ווער (רמ״ס), וועלכער האָט גערעדט
מיטן פאָלק אויף זייער לשון, איבערגע=
זעצט משלי שלמה אויף דער אומגאַנגס=
שפּראַך אאַז״וו. און אין דער העברעי=
שער הקדמה צו זיין צווייטן ביכל אין
יידיש א״ט „תוכחות חיים / שטראָף רייד /
הערויס גינומען פון לעבין, פון פער=
שטאַנד, אונ פון פיל טייערע ספרים.
צו לערנען דעם מענטשין וויא ער זאָל
זיך פירין, וואָס ער מוז בעסערין ביי
זיך און וויא מען דאַרף פאַרשטיין דיא
וועלט״ (צום ערשטן מאָל אַרויס אַנאָנים,
ווילנע, 1865 ; 2טע אויסגאַבע — דרוק
א״צ ראָזענקראַנץ און מנחם שריפט=
זעצער, ווילנע, 1894, ז׳ 47) ווייזט ער
אויף די נייטיקייט צו ריידן מיט דעם
פאָלק ווייכע און גוטע ווערטער אויף
זיין שפּראַך, מעג אַפילו די שפּראַך זיין
אַ פאַרמישטע. די דאָזיקע צוויי ביכלעך
אַנטהאַלטן קורצע אָפּהאַנדלונגען, אַפאָ=
ריזמען און לידער, אין וועלכע דער
מחבר לערנט דעם פשוטן לעזער פון
פאָלק גוטע מידות און באַמיט זיך צו
געפינען אַ פשרה צווישן דער פאַרציי=
טיקער פרומער יידישקייט און די אידעען
פון דער נייער צייט. אַלס מאָראַליסט
און דידאַקטיקער טרעט ער אויך אויף
אין זיין גרעסערן יידישן ווערק „די
קליינע וועלט אָדער אַהער און אַהין״=

—אין געגראַמטע פערזן (צוערשט פאַר=
עפּנטלעכט אין ש"ע'ס "יודישער פאָלקס=
ביבליאָטעק" I און II און שפּעטער
אַרויסגעגעבן אין אַ געענדערטער און פאַר=
מערטער אויסגאַבע - אפשר דער אָריגי=
נאַל=פאָרם — א"ט "קליין װעלטעל אָדער
ביטער און פינסטער" מיט אַ מאָטאָ
אויפן שערבלאַט — "אונזערע צרות און
פעהלער, צולייגט וויא אויף'ן טעלער"—
אַלס סעפּאַראַטער אָפּדרוק פון דער "איינ=
ציגער אידיש=אָרטהאָדאָקסישער צייטונג
אין ענגלאַנד", "הצופה", לאָנדאָן, 1894,
ז' 80). עס איז אַ מין סאַטירישע ענציק=
לאָפּעדיע — אין 299 זעקסשורהדיקע
סטראָפעס— פון אַלע פעלערן און נעגאַ=
טיווע זייטן אין יידישן לעבן, אין כאַ=
ראַקטער און אין שטייגער פון דעם יידן,
געזען דורך דער פּריזמע פון אַן אַלט=
מאָדישן משכיל ("אונזער ניט שיינעם
פיהרונג האָב איך געמוזט בערירען, /
אונזערע הויפט פעהלער וועלכע ביי
אונז עקזיסטירן, / מיט ליבע, מיט מיט=
לייד, מיט הייסע טרערין, / האָב איך
זייא בעשריבען, קען איך כמעט שווע=
רין..."). דער מחבר ווייטאָגט אויף דער
געפאַלנקייט פון די מידות, אויף דער
קנאה=שנאה, די קריגערייען און מחלוקת,
דער גלייכגילטיקייט צום טובת = הכּלל,
דעם פאַנאַטיזם און פינסטערניש, דעם
לוקסוס און פוסטן גלאַנץ פון דער אַסי=
מילאַציע און דער אייבערפלעכלעכער
בילדונג, דעם עם=הארצות אין יידישקייט
אאַז"וו און ברענגט צום אויסדרוק דעם
טיפן צער, וואָס די שיינע האָפענונגען
פון דער השכלה=עפּאָכע זיינען ניט מקוים
געוואָרן. ווי אַלע צ'ס ווערק, איז אויך
די דאָזיקע סאַטירע געשריבן אין אַ אינ=
טימען פריינדלעכן טאָן און אין זייער אַ
איינפאַכן ריינעם יידישן סטיל. אין איי=
ניקע פערזן פון זיין מוסר און שטראָפּ=

רייד דערהייבט זיך דער אַווטאָר אַפילו
צו אַ געוויסן ליריזם, וואָס פאַרשטאַרקט
דעם איינדרוק פון דער גוטמוטיק שטראָפּנ=
דיקער געגראַמטער און ערלעכער פּוב=
ליציסטיק. דעם זעלביקן מאָראַליש = די=
דאַקטישן כאַראַקטער האָט אויך צ'ס
דערציילונג "דער גליקליכער מפטיר /
אַ שיינע מעשה, וואָס האָט געטראָפען
צוריק מיט אייניגע יאָהרען; / ווי אַ
שניידער אינגל איז דורך אַ מפטיר
העכסט גליקליך געוואָרען" (וואַרשע, 1886,
ז' 46), וואָס דער אַווטאָר אַליין זאָגט
וועגן איר אויפן שער בלאַט: "אַלעמען
קען דיא געשיכטע מעהר אָדער וויינ=
גער נוטצען; / דיא מעשה אַליין איז שען,
נאָר שענער זיינען די שפּיטצען"; אין
דער דאָזיקער דערציילונג מיט אַן אויפ=
געקומענעם יינגל אַ יתום פּלעכט ער
אַריין זיינע געדאַנקען וועגן דער פאַר=
ערונג פון מלאכה, וועגן כבוד אב ואם
און דער עיקר וועגן דער עטישער
השתלמות פון כאַראַקטער — אַ אידעע,
וואָס באַשעפטיקט אים באַזונדערס
שטאַרק. פון זיינע קלענערע זאַכן אויף
יידיש זיינען פאַרעפנטלעכט געוואָרן:
"מוסר פאַר אַלע" און "אַ מעשה פון
פאַרצייטען" (אין ספּעקטאָרס "הויז=
פריינד", I און II). — נאָך צ'ס טויט
האָט זיין משפחה איבערגעגעבן זיין אַר=
כיוו זיין נאָענטן פריינד אלחנן קאַל=
מאַנסאָנען, ליידער איז דער אַרכיוו
בשעת דער מלחמה אומגעקומען אין תל=
אביב, אַחוץ 19 בריוו פון פאַרשיידענע
געלערנטע צו צ'ן (וואָס קאַלמאַנסאָן האָט
איבערגעגעבן ד"ר א. צפרונין צום פאַר=
עפנטלעכן) און די כתבי = יד פון זיינע
ווערק "סניגור" און "ספר המדרש"—אַ
מין אַנטאָלאָגיע פון מדרש, וועלכע מוז
האָבן אַ גרויסן ווערט, ווייל צ' איז גע=
ווען אַ גרויסער מומחא אויף אויסצו=

קלייבן באַלערנדיקע ציטאַטן, ווי דאָס האָט שוין אָנגעוויזן אייזיק-הירש ווייס אין „האסיף", III (ביידע מאַנוסקריפּטן אין רשות פון דער ביבליאָטעק פון דער „חברה מפיצי השכלה" אין פּט"ב).

„האסיף", V; „המליץ", 1888, 34, 38; א. פּאפּירנא, אין „ספר השנה", I; מ. מרגליות, אין Восходъ 1897, VI, ז' 85—89; JE, XII; צינבערג, אין EЭ, XV; „אוצר ישראל"; „הויזפריינד", I; קריטיקוס, אין Восходъ, 1889, VII, ז' 29; ל. ווינער YL; ד"ר מ. פּינעס, „געשיכטע פון דער יודישער ליטעראטור", I, אלחנן קאלמאנסאָן, אין „פּרימאָרגן" הארבסט 1927.

צונזער אליקום (28/X 1840 *— 22/IX 1913) געב' אין ווילנע.

זיין עלטערזיידע, ר' אליהו צ', איז געווען אַ תּלמיד פון דעם ווילנער גאון, זיין זיידע, עקיבא, איז געווען אַ קרעמער (אין דער קראָם פון יצחק דאַנציג, דעם זון פון „חיי-אדם"), זיין פאָטער, פייווע, האָט אָבער ניט געהאַט קיין



פעיִקייטן צום לערנען און ער איז געוואָרן אַ סטאָליער, און הגם ער איז געווען אַ קינסטלער אין זיין פאַך, האָט ער תּמיד געלעבט אין גרויס דחקות. צו 5 יאָר האָט אליקום אָנגעהויבן צו גיין אין חדר, צו 6 — אָנגעקומען אין ר' מעלהס ישיבה; נאָך דעם אומגעריכטן טויט פון פאָטער איז די נויט אין דער פאַמיליע געוואָרן נאָך גרעסער, די אלמנה, איבערגעבליבן מיט דריי קליינע קינדער, האָט זיי קוים געקענט מפרנס זיין פון אַרומטראָגן מילך, און צ' האָט געמוזט לאָזן די ישיבה, איז געוואָרן אַ שמוקלער, אָפּגעבנדיק זיך אין דער פרייער צייט מיט לערנען תּנך, העברעיִש און אַפילו אַלגעמיינע לימודים. צו יענער צייט געהערט זיין ערשטער שיר אין העברעיִש „ציון מכלל יופי" (1853). אומצופרידן מיט די אַרבעטס-באַדינגונגען ביי זיין באַלעבאָס, איז ער אוועק צופוס קיין בויסק, וואו ער האָט געאַרבעט צוויי יאָר, אין אָוונט געלערנט ביים שטעטלשן רב, זיך פאַרפולקומט אין העברעיִש, אַ סך געלייענט פון דער השכלה-ליטעראַטור. דערנאָך איז ער מגולגל געוואָרן קיין באָברויסק, זיך פאַרדונגען איבער ימים-נוראים אַלס משורר ביי אַ חזן פאַר צוויי רובל שכירות, געשלאָפן אין בית-המדרש און דאַן אָנגעשריבן זיין ערשט ליד אין יידיש „רב תּחנון". אָנדערטהאַלבן זמנים איז ער געווען אַ דאָרפסמלַמֵד, אָבער אַז ער האָט אָנגעהויבן צו מאָנען ביים באַלעבאָס שכר-לימוד, האָט אים דער ישובניק פאַרקויפט פאַר 25 רובל צו די כאַפּערס, וועלכע האָבן אים אָפּגעגעבן פאַר אַ סאָלדאַט (אויף זיינער אַ יינגערער ברודער, אַ קינד פון 9 יאָר, איז אַריינגעפאַלן צו די כאַפּערס אין די הענט). אין קאַזאַרמע האָט ער פאַרפאַסט דאָס ליד „די פאָימאַנעס" און געזונגען עס מיט די קינדער, וואָס האָבן געטיילט זיין אומגליקלעכן גורל; אין עטלעכע

*) די דאָזיקע דאַטע איז אָנגעגעבן אין צ'ס אווטאָביאָגראַפיע, זי לאָזט זיך אָבער ניט גאָר צונויפשטימען מיט די אַנדערע צייט-דאַטן פון זיין יוגנט. נאָך ווייניקער קרוב לאמת איז דאָס יאָר 1845 (תּר"ו), וואָס איז אין אייניקע ערטער פאַרצייכנט אַלס זיין געבורטסיאָר. לויט די „סקאַזקעס" פון דער יידישער באַפעלקערונג אין ווילנע, וואָס פּנחס קאָן האָט אויפגעזוכט אין ווילנער מלוכישן ארכיוו, איז צ' ביי דער צענטער „רעוויזיע" (פאָלקסציילונג) פון יאָר 1858 אָנגעגעבן אַלס 23-יעריקער, וואָס ס'זאָל באַטייטן, אַז ער איז געבוירן אין 1835.

וואָכן אַרום האָט דער געוויסער מאַניפעסט פון אַלעקסאַנדער II, וואָס האָט בטל געמאַכט די גזרה פון אָפּגעבן יידישע קינדער פאַר רעקרוטן, אים באַפרייט פון דער קאַזאַרמע. פון באָברויסק איז צ׳ אַוועק קיין קאָוונע, וואו ער האָט ווידער געאַרבעט אַלס שמוקלער און ביינאַכט געלערנט אין ר׳ ישראל סאַלאַנטערס מוסר־שטיבל. צו דער צייט האָט ער שוין געהאַט פאַרפאַסט אַ ריי לידער, ווי „דאָס ליכט", „די ישועה", „די בלום", „דער זייגער", „דער פאַראָם", מיט אייגענע ניגונים צו זיי, וואָס האָבן שטאַרק אויסגענומען, און מ׳האָט אים אָנגעהויבן איינצולאַדן אויף אָוונטן און שמחות, וואו ער האָט דעקלאַמירט אָדער פאָרגעזונגען זיינע ווערק. דאַן האָט ער געוואָרפן די שמוקלעריי, פון וועלכע ער האָט פאַרדינט 3 רובל אַ וואָך, זיך באַזעצט 1861 אין ווילנע און איז געוואָרן אַ פּראָפעסיאָנעלער בדחן. לכתחילה פלעגט מען אים איינלאַדן נאָר אויף אָרעמע חתונות, און דערצו פלעגן די קלעזמער ביי אים צונעמען זיין קליינעם האָנאָראַר פאַר אַקאָמפּאַנירן אים; אויך האָט זיין דעמאָלטיקער קאָנקורענט, דער בדחן משה וואַרשעווער, אים געצוואונגען צו מאַכן מיט אים שותפות. אָבער ביסלעכווייז איז זיין שם געוואַקסן, בפרט נאָכדעם אַז ער האָט אָפּגעדרוקט זיין ערשט ביכעלע לידער „שירים חדשים" (1862), און צוזאַמען דערמיט איז אויך געוואַקסן זיין האָנאָראַר, דערגרייכנדיק שפּעטער ביז צו דער היבשער סומע פון אַ הונדערט רובל פאַר אַן אַרויסטרעטונג און אויך מער. 1871 האָט אים געטראָפן אַ גרויס אומגליק: אין משך פון 3 טעג זייגען אים אומגעקומען פון כאָלערע אַלע זיינע פיר קינדער; לויט דער עצה פון ר׳ ישראל סאַלאַנטער האָט ער באַשלאָסן משנה מקום צו זיין און האָט זיך באַזעצט אין מינסק, וואו אין אַ קורצער צייט אַרום איז אים אויך געשטאָרבן די פרוי. שפּעטער האָט ער חתונה געהאַט אַ צווייט מאָל מיט אַ פּראָסט אומגעבילדעט מיידל, אָבער אַ שיינער און פון אַן אָנשטענדיקער משפחה, און זי האָט אים באַפרייט פון זיין קלעזמערישער סביבה, האָט אים פאַרשאַפט אַ שטילן אינטימען ווינקל, וואו ער פלעגט זיך אָפּרוען נאָך די וואָכנלאַנגע אַרומפאָרענישן איבער שטעט און שטעטלעך און די טומלענישן פון די חתונות און וואוהין עס פלעגן זיך צייטנווייז צונויפקומען פאַרשיידענע פאַרערער פון זיין טאַלענט—באַלעבאַטישע יונגעלייטלעך, מלמדים פון ייִנגערן דור, לערער און אַפילו אויך די אָנגעזעענע מינסקער משכילים יוסף בריל („איו״ב ממינסק"), ישראל־מאיר וואָלמאַן, יהודה־זאב נפך, יעקב זעליגמאַן, דער יונגער ש״ל ציטראָן אאַז״וו. אַ באַזונדערע ראָלע האָט דער דאָזיקער „אליקום־קרייז" אָנגעהויבן צו שפּילן ביי דעם אויפקומען פון חיבת־ציון נאָך די פּאָגראָמען פון 1881—2. אונטער דער השפּעה פון די מינסקער חובבי־ציון האָט צ׳ אָנגעהויבן צו פאַרפאַסן „ציאָנאַדן" און זינגען זיי אויף די חתונות. אַ באַזונדערס גרויסן רושם האָבן געמאַכט זיינע ציון־לידער „די סאָכע", וואו ער האָט באַזונגען דעם אידעאַל פון ערדאַרבעט, און „וואָס זע איך דורך די שויבן", געשריבן לכבוד די בילויי״ם; פון צייט צו צייט פלעגן די חובבי־ציון איינלאַדן צ׳ן אין פאַרשיידענע שטעט אויף אָוונטן לטובת דער באַוועגונג. 1886 האָבן די פאַרערער זיינע אין מינסק געפייערט דעם 25־יעריקן יובילײ פון זיין טעטיקייט אַלס פאָלקסזינגער און די פירער פון חיבת־

ציון פון פאַרשיידענע שטעט האָבן אים ביי דער געלעגנהייט האַרציק באַגריסט. די פּראָפעסיע פון אַ בדחן האָט אים, ווייזט אויס, שוין אויפגעהערט צו באַפרידיקן און צוזאַמען מיט אַ שותף האָט ער געעפנט אַ מאַנופאַקטור-געשעפט, דאָס געשעפט איז אָבער אַוועק שלעכט, ער האָט פאַרלוירן זיין קאַפּיטאַל, נעמען זיך צוריק צו בדחנות האָט ער שוין ניט געוואָלט, איז ער אַ געוויסע צייט אַרומגעפאָרן איבער פאַרשיידענע שטעט, אַרויסטרעטנדיק אויף קאָנצערטן. צי צוליב דעם, וואָס די מאַכט האָט אויף אים אָנגעהויבן צו קוקן קרום פאַר זיינע לידער, וואו ער האָט אָנגערירט די פּאָגראָמען, אָדער דערפאַר ווייל די קאָנצערטן האָבן אים אַריינגעטראָגן ווייניק פרנסה, אָדער אפשר גאָר צוליב דעם באַנקראָט פון זיין מאַנופאַקטור-געשעפט — אַזוי צי אַזוי האָט ער 1889 אָנגענומען די איינלאַדונג צו קומען קיין אַמעריקע. אין אַמעריקע איז ער נאָך אַ געוויסע צייט אויפגעטרעטן אַלס פאָרזינגער פון זיינע לידער, האָט אויך פאַרפאַסט אַ ריי נייע לידער, געדרוקט זיי אין „יידישען טאַגעבלאַט", „פאָלקס-אַדוואָקאַט" א"אַ, און הגם ער האָט זיך געפּרווט אויך אין דער נייער וועלט צוצופּאַסן צו דעם נייעם לעבנסשטייגער, זינגענדיק וועגן קאָלומבוסן, וואַשינגטאָנען, די שוויצשעפּער א"אַ, איז שוין זיין גלאַנץ-פּעריאָד געווען הינטער אים. אַרום 1893 האָט ער אין נ"י געעפנט אַ דרוקעריי, פון וועלכער ער האָט ווי עס איז געצויגן חיונה. 1905 איז אין נ"י געפייערט געוואָרן זיין יובּיליי און ביי דער געלעגנהייט האָט דער יובּיליי-קאָמיטעט אַרויסגעגעבן צ'ס אַווטאָביאָגראַפיע צוזאַמען מיט אַ ענגלישער איבערזעצונג. געשטאָרבן איז ער פון אַ לונגענאַנט-צינדונג אין נ"י.—צ' אָדער—ווי ער איז געווען באַקאַנט אין פאָלק — אליקום בדחן (אַזוי פלעגט ער זיך דאָס רוב אויך חתמענען אויף זיינע ווערק) איז געווען דער פּאָפּולערסטער פאָרשטייער פון די פאָלקסדיכטער בדחנים. זיינע אומצייליקע לידער זיינען אין משך פון צענדליגער יאָרן ביז אין היינטיקן יאָרהונדערט אַריין געזונגען געוואָרן פון די ברייטסטע פאָלקסמאַסן. אַ גרויסן, אויב ניט דעם גרעסטן חלק אין דעם דאָזיקן אויסערגעוויינלעכן ערפאָלג פון צ'ס לידער, האָט געהאַט די מעלאָדיע, וואָס איז געווען דער עיקר אין זיי; „אויב איר לייענט אין ביכל מיינע לידער, / און די מעלאָדי האָט מען אייך ניט איבערגעגעבן, / איז דאָס ווי אַ פאָטאָגראַפישע בילד, ליבע ברידער! / דאַכט זיך אַלעס ריכטיק, נאָר עס פעלט — לעבן"—אַזוי זאָגט צ' אַליין אין איינער פון זיינע לידער-זאַמלונגען („המנגן"). די מעלאָדיע האָט גערעדט צום געפיל, צום האַרצן פון דעם צוהערער; זיין געדאַנק האָבן געוועקט די ווערטער פונעם ליד. אין די ווערטער אָבער איז קיין געפיל ניט געווען; קיין לירישן טאַלענט האָט צ' ניט פאַרמאָגט... נאָר ניט געקוקט אויף דעם, וואָס זיינע לידער זיינען, להיפּוך צו די אמתע פאָלקסלידער, ניט ליריש, האָט דער עולם זיך געקוויקט מיט זיי... אַחוץ די מעלאָדיעס, וואָס זיינען דעם פאָלק משמעות זייער געפעלן געווען, האָט דאָ געווירקט נאָך די באַזונדערע ראָלע, וואָס דער בדחן האָט געשפּילט אין יענער צייט און וואָס צ' האָט אַריינגעגאָסן אין איר אַ נייעם שטראָם לעבן און איר צוגעגעבן אַ נייעם חן... אין דער תקופה פון וועלוול זבאַרזשער אין גאַליציע און אליקום צ' אין רוסלאַנד איז די בדחנות

שוין געווען אַן איבערגאַנג פון חזנות צום טעאַטער און פון מגידות צום זשורנאַליזם... צ׳ס לידער, וואָס ריידן וועגן השכלה, ערדאַרבעט, חיבת-ציון, לוקסוס, „פאַרדאָרבענער בילדונג", ריינער געלייטערטער אמונה אדג"ל, זיינען מער בישט ווי אין גראַמען אָנגעשריבענע מאמרים פון „המגיד" אָדער „השחר". „...אליקום בדחן האָט פאַר דער פּאָפּולאַריזירונג פון די אידעען פון זיין צייט מער אפשר אויפגעטאָן, ווי די מאמרים פון די דעמאָלטיקע צייטונגען, וואָס די מאַסע פלעגט ווייניק לייענען און נאָך ווייניקער פאַרשטיין ... צ׳ איז געווען אַ מענטש פון פאָלק, און ער איז פון פאָלק ניט אַוועק, נאָר מיט איין טרעפּ איז ער העכער פון אים געשטאַנען אין בילדונג און אַלע זיינע השגות—האָט דאָס פאָלק אים גוט פאַרשטאַנען און מיט אַ באַזונדערע ליבע און צוטרוי האָט עס זיך צוגעהערט צו זיינע ווערטער. אין אַ פאָררעדע צו זיינער אַ לידער-זאַמלונג זאָגט ער: „גייא זע (זשע), מיין ספריל, גייא דיר אין דער וועלט אַרום / בייא אַלע כתות, זיי פול אומעטום, / שטייא מיט הכנעה פאַר דיא אידען דיא פרומע/ זייא ניט שטאָלץ קעגן דיא משכילים פון דער אומה" — און אויך דאָס האָט אים געמאַכט פאַר אַ רצוי לעם". „...אין זיינע לידער געפינט איר אי וויציקע לייכטע פעליעטאָנען אי ערנסטע שווערע לייטאַרטיקלען אי סאַטירע אי נעקראָלאָגן, אין די אַלע פאַרשיידענע פאָרמען ליגט אָבער איין אינהאַלט-דער לעבנס-אינהאַלט פונעם דעמאָלטיקן שוין האַלב-משכילישן יידישן מיטלשטאַנד, וואָס זיינע שמחות פלעגט צ׳ באַשיינען מיט זיינע לידער. דער יידישער מיטלשטאַנד איז דאַן געווען דער צענטער פונעם יידישן לעבן, האָבן דערפאַר צ׳ס ווערק, אין וועלכע עס איז אויסגעדריקט דער גייסט פון דער דאָזיקער הערשנדער גרופּע, אַ גרויסן ווערט פאַר דעם קולטור-היסטאָריקער פון יענער עפּאָכע בכלל. אויב צ׳ האָט ניט איבערגעלאָזט קיין ירושה דעם היינטיקן יידישן לעזער, זיינען געבליבן פון אים אוצרות, וואָס דער סאָציאַל-פּסיכאָלאָג, דער פאָלקלאָריסט און דער ליטעראַטור-היסטאָריקער וועט זיי ווי געהעריק אָפּשאַצן" (ש. ניגער) פאַר צ׳ס ליריק, ווי בכלל פאַר דעם זשאַנר פון דער בדחנישער פּאָעזיע, איז כאַראַקטעריסטיש די נייגונג צו מאָראַליזירן אין פערזן און גראַמען אויפן טראַדיציאָנעלן פרום-יידישן שטייגער און דראַמאַטיש צו פּערזאָניפיצירן זאַכן פון דער נאַטור (למשל, „זומער און ווינטער") און פון מענטשלעכן לעבן („דאָס ליכט", „די שרייב-פעדער", „דער זייגער", „דער פאַראָם" — אַגב איינס פון זיינע שענסטע און האַרציקסטע לידער, וואָס איז מיט רעכט געוואָרן אַ פאָלקסליד, אַזוי פאָלקסטימלעך איז עס און לויטער אין טאָן), אָפּלערנענדיק פון זיי אַ מוסר-השכל. אין איינעם פון זיינע ערשטע לידער, „ר׳ תחנון", דראַמאַטיזירט ער די דאָזיקע תפילה פון דאַווענען אַזוי לעבעדיק און מיט אַזאַ חנעוודיקן הומאָר, אַז דאָס ליד קען באַטראַכט ווערן ווי אַ מייסטערווערק פון דער בדחניש-פאָלקסטימלעכער פּאָעזיע. פאַר צ׳ס באַציִונג צו יידיש איז כאַראַקטעריסטיש זיין בריוו פון כ׳ תמוז תרמ"ט (פאַרעפנטלעכט אין ביאַליסטאָקער „דאָס נייע לעבן"), וואו ער שרייבט צו אַ פריינד: „...וואָלט דאָס חלילה וויסן פון דעם אַלעם, היינו: פון מיינע פאָרטרעגע — אַלע אין טעאַטערן אויף יידיש, פון דער נייער צייטונג „שולמית" און פון דער איבערזעצונג ר׳ יהודה הלויס שיר אין יידיש (צ׳ האָט

פאַר דער דאָזיקער צייטונג פון די חובבי־
ציון אין נ״י דאַן איבערגעזעצט „ציון הלא
תשאלי״) — ר׳ אהרן קאַמינקאַ פון פאַ־
ריז, וועלכער שרייט נאַ געוואַלד אויפן
„פאַרפלוכטן״ יידיש מיט זיינע שרייבער,
אין „הצפירה״ אין זיין אַרטיקל „הזהרה
למכתבי עמל״, וואָלט ער זיך אפשר אַ
מעשה אָנגעטאָן. ער איז געקומען מיט
דעם אַלטן פרעהס טענות: „הבה נתחכמה״
קעגן דעם יידיש, פן ירבה, ווי איינער
זאָגט, אַז מיט דער צייט וועט זיין מיטן
העברעיש „יעלה מן הארץ״, בכן זאָל
מען די יידישע קינדער, דאָס הייסט —
זשורנאַלן, ביכער און לידער וואַרפן אין
טייך, און לסוף לאָזט זיך אויס „וכאשר
יענו אותו כן ירבה וכן יפרוץ״... הכלל,
עס פאַסירט מיט דער יידישער שפּראַך
וואָס עס האָט פאַסירט מיט דעם כלל
האומה, און ווי זיינע שונאים אויף להכעיס
איז ער מוליד ששה בכרס אחד״.

די צאָל פון צ׳ס לידער איז זייער גרויס
און דער גרעסטער טייל פון זיי זיינען אלס
געלעגנהייטסלידער ניט פארעפנטלעכט געוואָרן.
די פארעפנטלעכטע (ביז 600 ?) זיינען צונויפ־
גענומען אין 65 (?) זאמלונגען, וואס זיינען אין
פארשיידענע צייטן ערשינען אין רוסלאנד (ווילנע)
און אמעריקע, אָפט אויסגעהאלטן זייער פיל אויפ־
לאגן און צום טייל איבערגעדרוקט ביז גאר דער
לעצטער צייט. די ערשטע זאמלונגען פון צ׳ס לידער
זיינען, ווייזט אויס: „שירים חדשים / 10 הערי־
ליכע לידער״ (ווילנע, 1862) און „שירה חדשה /
דאס איז / אפערפאסונג פון אכט לידער פערי־
שידענע וואס מען האט גיזונגען אין געזעלשאפ־
טען צום פערגעניגען / פון אליקים בַּדְחָן /
אין ווילנא״ (דרוק א. דוואַרזשעץ, 1865, ז׳ 76:
„דיא פייגיל״, „ר׳ תחנון״, „דיא ליכט״, „דער
זומער מיט דעם ווינטער״, „דיא אכסניא״ —
די לעצטע דריי „מיט א צושפיל״—„דער אייזען
באַן״, „דיא אויג״, „דער רוביל״); ש. ווינער
פארצייכנט נאך אין זיין רשימה די פאלגנדיקע
לידער־זאמלונגען צ׳ס: „שירה חדשה״ (דרוק
פין און ראזענקראנץ, 1867, ז׳ 72); „שירים
חדשים״ (דרוק א. דוואַרזשעץ, 1867, ז׳ 72,
צען לידער, נייע אויסגאבע פון „שירה חדשה״
מיט פיר נייע לידער: „דיא ליד פון איצטיגען
פיהרונג״, „דיא ליד פון דיא אוהר״, „פון דיא
וואלוועלע משקה״, „פון דיא קליידער״; דריטע
אויסגאבע — 1869, ז׳ 64; 4טע און 5טע —
איידטקונען, קאצענעלענבויגן און ראבינאוויץ,
1871 און 1873, ז׳ 58; 6טע — הלל דוואר־
זשעץ, 1874, ז׳ 60; 7טע — י״ל מ״ץ, 1877,
8טע — 1879, 9טע — האלמנה והאחים ראם,
1885, 10טע — 1892, ז׳ 30); „דער קארגער
מיט יעקעלע באס״ (1869, ז׳ 32); „הגיון בכנור /
בייעה פינף לידער״ (א. דוואַרזשעץ, 1869, ז׳ 68:
„די שרייב פעדער״, „דער קלוגער ארעמאן״ —
איבערזי׳ פון אדם הכהנס שיר „דל מבין״,—„מיר
זיינען קינדער״, „דעם גאליציאנערס ירושה״,
„די געדאנקען פאר טאג״ — „צום זינגען מיט
אינסטרומענטאילנעם בעגלייטונג״; 2טע אויס־
גאבע — 1870, ז׳ 60; 3טע — איידטקונען,
א. צ״ה קאצענעלענבויגן און ש. ראבינאוויץ,
1872, ז׳ 60; 4טע — האלמנה והאחים ראם,
1897); „קול רנה... לידער... געזונגען געווארען
מיט מעלאדיען...״ (אברהם־יצחק דוואַרזשעץ, 1869,
ז׳ 28: „פארערדע״, „דיא בלום״, „דער ישובניק
מיט דעם שטאטמאן״, „דיא אטלעס״, „ויכוח דיא
אלטע וועלט מיט דיא נייע״, „דיא פאר מאס־
קירטע וועלט״, „דיא געהיימניסע פון ערב יום־
טוב״, „דער פראם״; 2טע אויסגאבע — איידט־
קונען, 1872, ז׳ 60; 3טע — איידטקונען, תרל״ג,
ז׳ 58; 4טע — הלל דוואַרזשעץ, 1874, ז׳ 60;
5טע — י״ל מ״ץ, 1877; 6טע — א. צ״ה קאצע־
נעלענבויגן, ווילנע, 1879; 7טע — 1885; 8טע —
האלמנה והאחים ראם, 1892); „שירי עם / פאלקס
לידער / דראי נייע לידער צום זינגען מיט
מעלאדיען״ (א. און זיין זון ש״י דוואַרזשעץ,
1871, ז׳ 32: „רוחל מבכה על בניה״, „דער
פוסטער פראנט״, „פון חדר זאגט מען ניט אויס״;
2טע און 3טע אויסגאבע — הלל בן אברהם־
יצחק דוואַרזשעץ, 1872, 1874; 4טע — 1875;
5טע—10טע, י״ל מ״ץ—1876, 1878, 1880, 1887,
1890, 1896); „דער סנדק״ (איידטקונען, 1872, ז׳ 64,
2טע אויסגאבע — ווילנע 1879, 3טע — י״ל מ״ץ,
1897; 4טע מיט גרויסע אותיות און אין גרויסן
פארמאט — 1898); „המנגן / פיר נייעה... לידער
מיט מילאדיען״ (א. קאצענעלענבויגן, איידטקונען,
1873, ז׳ 32: „שכר פרי הבטן — דער אלטער
פאטער״, „צום צעהנרובילדיקן בילעט״, „דיא
שטאק שפיל״, „זאגט קדיש נאך דער וועלט״ —
„אונ צום סוף איין רעטענעס״; 2טע אויס־
גאבע — הלל דוואַרזשעץ, 1875, 3טע — 1876,

4טע — ראָזענקראַנץ און שריפטזעצער, 1897); „דיא אייזענבאַן / מיט נאָך צווייא... לידער: דיא פערדאָרבענע בילדונג, צום נייעם יאָהר. אונ... צווייא חידות אין לשון הקודש. פון ר׳ אליקום צונזער בדחן כעת במינסק" (פין, ראָזענקראַנץ און שריפטזעצער, 1875, ז׳ 30; 2טע אויסגאַבע — 1876, 3טע — 1890; 4טע — 1897); „המזמר / נייע פיר לידער" (פין, ראָזענקראַנץ און שריפטזעצער, 1878, ז׳ 32: „דער אום גיגיטער מלוה", „דער אייזערנער שראַנק", „דער צבויאַק", „די פערשידענע וועלט"; 2טע און 3טע אויסגאַבע א״ט „דער זינגער" — 1890 און 1897); „דער זינגער / דריי לידער מיט מאַטיוון צום זינגען" (י״ל מ״ץ, 1883, 30: „דער וועלט־טעאַטער", „דער איזבאָרשציק — נאָך דעם נייעם סיסטעם פון וואָינסקי פּאָווינאָסט", „מה נשתנה"; 2טע — 1884, 3טע — 1895); „צעהען אידעשע פאָלק׳ס־ליעדער / פערפאַסט מיט דיא הארמאָניה פון מוזיק בעגלייטונג. / טעקסט מיט געזאַנג" (4טע אויפלאַגע — 1891, ז׳ 96; 5טע — ראָזענקראַנץ און שריפטזעצער — 1894, ז׳ 95; 6טע — 1897, ז׳ 96); „נייע צוועלף אידעשע פאָלקס ליעדער / פערפאַסט מיט די הארמאָניה פון מוזיק בעגלייטונג / טעקסט מיט געזאַנג" (2טע פאַרבעסערטע און פאַרמערטע אויפלאַגע — האלמנה והאחים ראָם, 1899 ז׳ 2+124, מיט דעם בילד פון מחבר). אייניקע מאָל איז אויך איבערגעדרוקט געוואָרן זינט 1874 זיין פורים־שפּיל „מכירת יוסף / איין טעאַטער שטיק אין זיבין אַקטין אונ אין זיבעצעהן סצענען. / גיפאָרמירט נאָך די בעסטע און גלייכסטע דעות פון גמרא, פון מדרשים, פון ילקוט, פון מפרשים, אונ פון אַנדערע קלוגע ספרים, פערפאַסט דורך אויס אין לידער מיט גיזאַנג, צום פאָר שטעלין אויף דער סצענע, באַשריבין די קאָסטיומען מיט דיא דעקוראַציאָנען, נאָך דיא עגיפּטישע זיטין, און זייער מיטהעלאָגיי" (פ״ג מרדכי קאַצענעלענבאָגן, ווילנע, נייע אויפלאַגע 1914, אין 2 ט׳, ז׳ 194) מיט א זייער כאַראַקטעריסטישער הקדמה, וואו צ׳ שטעלט זיך דערהויפּט אָפּ אויף די מאָמענטן פון דער יוסף־געשיכטע, וואָס לאָזן זיך ניט שיקן על־פּי שכל, פרעגט „אייניקע קשיות, וואָס פאַרצאַמען די וועג פאַר דעם שרייבער, וועלכער וויל פון קבלת חכמים ניט אָפּטרעטן", איז אויך מבטל די אָרעמע בחורים אָדער די פּאַרצייטיקע בדחנים, וואָס האָבן דאָס געשפּילט אויף א חתונה, וואָס „פון זייער געפּיל אָף אַדראַמאַ האָבין מיר גיקענט צו דער גישיכטע זייער ווייניג הילפע באַקומען", און „אין דיזע קליינע ווערקיל מיינע איז אַלע(ס) פאַרענטפערט". פון צ׳ס אויסגאַבן אין אַמעריקע איז צו דערמאָנען: א גרעסערע זאַמלונג לידער מיט די ניגונים צו זיי (נ״י, 1891), „פיר וועמען איז דיא גאָלדענע לאַנד / טעקסט מיט געזאַנג" (דרוק א. צונזער, נ״י, 1893) און „צוואַנציג אידישע פאָלקס־לידער" (נ״י, 1898). זיין אַמעריקאַנער ליד „דער פעדלער" האָט מען בשעתו געזונגען אויף אַלע ראָגן פון יידישן קוואַרטאַל אין נ״י. ארום 1921 האָבן צ׳ס קינדער באַזאָרגט א פולע אויסגאַבע פון זיינע לידער אין 3 גרויסע בענד, וואו עס איז אויך איבערגעדרוקט זיין אוטאָביאָגראַפיע, א ווערק פון א היבשן קולטור־היסטאָרישן ווערט, וועלכעס שפּיגלט אָפּ די תקופה, אין וועלכער דעם באַרימטן פאָלקסזינגער איז אויסגעקומען צו לעבן און צו ווירקן. — צ׳ האָט אויך פאַרעפנטלעכט אייניקע לידער און פּאָעמען אין ספּעקטאָרס „הויזפריינד" און „פאַמיליען־פריינד" („דער קאָנטראַקט"), אין זמ״ב „דער יודישער וועקער" (זיין נאַציאָנאַליסטיש־ציוניסטישע אַלעגאָרישע פּאָעמע „יודעשקע" — קעגן דער אַסימילאַציע און די האָפענונגען פון די עמאַנציפּאַטאָרן), אין ש״ע׳ס „יודישער פאָלקסביבליאָטעק" א״א אויסגאַבן פון יענער צייט. — אייניקע לידער צ׳ס זיינען איבערגעזעצט אויף רוסיש, ווי „די סאָכע" (אין Нед. Хр. Восхода, 1887, 45) און די עלעגיע אויף דעם טויט פון י״ל לעוואַנדע — פון מ. ריוועסמאַן. ד״ר י. ה. באַנדי האָט אין זיין בוך סקיצן Aus dem jüdischen Russland von vierzig Jahren (פראַנקפורט־דמאַין, 1927) געווידמעט א באַזונדערן קאַפּיטל (ז׳ 39 — 56) אליקום צ׳ן, וואו ער ברענגט דערהויפּט פּראָבן פון זיין זאַמלונג „צעהען אידישע פאָלקסלידער" אין יידישן אָריגינאַל (מיט לאַטיינישער שריפט) און פּאַראַלעלער איבערזעצונג אין דייטש („די קאָנטראַסטן", „ענווה און גאווה", „אמונה און כפירה", „דער אַריסטאָקראַט", „די סאָכע", „נאָך דעם נייסטן זשורנאַל", „דער ניינצענטער יאָרהונדערט", „דער ענטפער", „שיבת ציון בימי זרובבל ועזרא", „בטוח אני באלה", „רבי יעקב משלם", „דער חילוף", „קלוג, איידל און שטיל"). — אין העברעיש זיינען דאָ בלויז א פּאָר פון זיינע לידער (למשל, „די בלום") אין זיין אייגענער איבערז׳, הגם אַלע פלעגט ער אויך איבערזעצן און אפילו זינגען (?) אויף העברעיש לויט דעם ביישפּיל פון וועלוול זבאַרזשער.

צ׳ס אויטאָביאָגראַפיע, אין „מיניקעס ימים־נוראים און סוכות־בלאַט״, תרס״א; ל. ווינער, YL; JE, XII; „צ׳ס ביאָגראַפיע, געשריבען פון איהם אליין״; ד״ר מ. פינעס, „געשיכטע פון דער יודישער ליטעראַטור״, I, 130 — 138 (אין דער פראַנצויזישער אויסגאַבע פון דער „געשיכטע״ ווערט אויך געבראַכט אַ גאַנץ אויספירלעכע ביבליאָגראַפיע פון צ׳ס לידער־זאַמלונגען); „חכמי ישראל באמריקא״; ש. ניגער, אין „דער יודישער וועלט״, 1913, IX; נעקראָלאָג־אַרטיקלען אין דער יידישער פרעסע; בעל־מחשבות, „געקליבענע שריפטען״, IV, ז׳ 172—174; ש״ל ציטראָן, „דריי ליטעראַרישע דורות״ I, 28—55; id, „לקסיקון ציוני״; נ׳ ד. האָפמאַן, „ספר הזכרונות״, ז׳ 50—56; מ. ריוועסמאַן, זכרונות, אין Евр. Мысль, III; י. ענטין, „אידישע פאָעטן / האַנטבוך פון אידישער דיכטונג״, נ״י. 1927, I, ז׳ 95—103; id, אין „צוקונפט״ 1920, VI—IX; ש׳ העלער אין „פאָרווערטס״ פון 7/X 1923; מ. פיקסמאַן, „צ׳ אין ביאַליסטאָק״, אין דאָס „נייע לעבען״, 1923; „אַ אידישיסט פאַר פערציק יאָר״ — אַ בריוו פון צ׳, ib; אַב. קאַהאַן, „בלעטער פון מיין לעבען״.

צונזער פרץ (אַלטער) (1896 —) געב׳ אין ווילנע אַלס זון פון אַ קרעמער. געענדיקט אַ רוסישע אָנפאַנגס־שול און די ערשטע יידישע פעדאַגאָגישע קורסן אין ווילנע (1916), וואו ער איז איצט באַשעפטיקט אַלס האַנדלס־אָנגעשטעלטער. האָט פאַרעפנטלעכט עטלעכע דערציילונגען אין די ווילנער צייטונגען „דער טאָג״ 1912, „דער שטערן״ 1913 און 1919, דער „כל־בוניק״ 1919, און לעצטנס אַ ריי ליטעראַרישע אָפּהאַנדלונגען אין „פ. א. ש.״ (צ״אַ „דער אידעאַליזם אין דער נייער יידישער ליטעראַטור״, 1925, 25 — 34. אויך א״פ פ. אָדער א. ווילנער – פובליציסטישע אַרטיקלען וועגן דער יידישער שול א״אַ), אין שיקאַגער „קולטור״ 1926, אין די זמ״ב „פרייע שריפטן״, א״ר פון א. נ. שטיינבערג („די אידעע פון פאַלן אין אַנ־סקיס דיבוק״).

צונץ יום־טוב־ליפמאַן (לעאָפּאָלד) (10/VIII 1794 — 17/III 1886) געב׳ אין דעטמאָלד, פירשטנטום ליפּע, אַלס זון פון מנחם־מענדל־עמנואל צ׳, וואָס האָט געשעמט פאַר אַ גרויסן למדן. צו 8 יאָר געבליבן אַ יתום, געליטן גרויס דחקות, געלערנט אין דער תלמוד־תורה אין וואָלפנביטל צוזאַמען מיט מ. יאָסט, געוואוינט אין בית־מדרש און ביי דעם שוואַכן שיין פון די שטיקלעך יאָרצייט־ליכט און בענטשליכט פאַרבראַכט די אָוונטן אויף תנך און תלמוד. 1815 געענדיקט אין וואָלפנביטל די גימנאַזיע (אַלס איינער פון די ערשטע יידן אין דייטשלאַנד, וואָס האָבן באַקומען גימנאַזיאַלע בילדונג), דאַן אָנגעקומען אין בערלינער אוניווערסיטעט, וואו געהערט לעקציעס אויף פילאָסאָפיע ביי שלייערמאַכערן, אויף ביבל־קריטיק און עקזעגעזע — ביי דע־וועטע, אויף רעכט — ביי סאַוויני, פּראָטעזשירט געוואָרן פון דעם בערלינער ראש־הקהל ראובן־שמואל גאָמפּערץ, געלעבט אין דעם הויז פון העניריעטע הערץ אַלס לערער, אַריין אין דעם קרייז פּערזאָנען, וואָס האָבן געפּריידיגט די נויטווענדיקייט צו רעפאָרמירן דעם יידישן רעליגיעזן לעבנסשטייגער, 1817 באַשטימט געוואָרן אַלס פּריידיגער אין טעמפּל פון ישראל יאַקאָבזאָן, 1818 פאַרלאָזט זיין שטעלע ביי העניריעטע הערץ און זיך איינגאַנצן אָפּגעגעבן דעם שטודיום פון דער העברעישער ליטעראַטור לויט האַנטשריפטלעכע קוועלן, צוזאַמען מיט עדואַרד גאַנז, משה מאָזער, עמנואל וואָלף, לודוויג מאַרקוס און היינריך היינע געגרינדעט די געזעלשאַפט „יונג־איזראַעל״, וואָס האָט שפּעטער זיך משנה־שם געווען אויף „פאַראיין פאַר קולטור און וויסנשאַפט פון יידנטום״ מיט דעם דע־

וויז „האַרמאָניש צו באַהעפטן די יידישע טראַדיציע מיט דער מאָדערנער קולטור". חיונה האָט צ' געצויגן פון געבן שטונדן און מיטאַרבעטן אַלס מיטגליד פון דער רעדאַקציע אין דער Haude und Spener'sche Ztg, 1818 אויך אַרויסגעגעבן דעם I (און איינציקן) ב' פון דעם אָרגאַן פון דעם דערמאָנטן פאַראיין Zeitschrift für die Wissenschaft des Judentums, 1826 פאַרנומען דעם פּאָסטן פון אַ פאַרוואַלטער פון דער געמיינדעשול אין בערלין, אָבער 1830 לויט דער פאָדערונגען פון די אָרטאָדאָקסן באַזייטיקט געוואָרן, 1835 איינגעלאַדן אַלס פּריידיגער אין פּראָג, 1837—אַלס דירעקטאָר פון דעם יודאַיִסטישן סעמינאַר אין בערלין; 1864 איז לכּבוד זיין 70-יעריקן יובל געגרינדעט געוואָרן דורך ניימאַן און בלייכרעדער די Zunz'sche Stiftung — צו שטיצן די וויסנשאַפט פון יידנטום לכבוד איר גרינדער; 1871 באַשאָנקען געוואָרן מיט דעם טיטל ד"ר honoris causa פון האַלער אוניווערסיטעט, 1875 — לכבוד זיין 80-יעריקן יובילײ — זיינען אַרויס זיינע Gesammelte Schriften אין 3 ב', 1884 — צו זיין 90סטן געבורטסטאָג — די Zunz Jubelschrift, וואָס איז געווען בלויז איינער פון די אויסדרוקן פון טיפסטן יראת-הכבוד, וואָס דאָס דייטשע און צום טייל אויך אַלוועלטלעכע יידנטום האָט אַרויסגעוויזן צו דעם „גיבור פון דער יידישער וויסנשאַפט". — דעם ערשטן אימפּולס צו דעם געדאַנק וועגן שאַפן די וויסנשאַפט פון יידנטום האָט צ'ין געגעבן וואָלפס Bibliotheka Hebraea, און דאָס שטודיום פון דעם קריטיש-היסטאָריאָגראַפישן ווערק פון עזריה דע ראָסי „מאור עינים" האָט ביי אים אַרויסגערופן דעם פאַרלאַנג אָנצוווענדן די מעטאָדן פון דער וויסנשאַפטלעכער קריטיק אויף דעם געביט פון דער יידישער געשיכטע און ליטעראַטור. זיין אָפּהאַנדלונג Etwas über die rabbinische Literatur nebst Nachrichten über ein altes bis jetzt ungedrucktes Werk, מיט וועלכן ער האָט דעביוטירט 1818 און וואָס אַנטהאַלט אַ מין פּראָגראַם פאַר דער ווייטערער טעטיקייט פון די פּיאָנירן פון חכמת ישראל צ. ראַפּאָפּאָרט, שמואל-דוד לוצאַטאָ, זכריה פראַנקל און מ. לאַנדויער, באַצייכנט אַן עפּאָכע אין דער געשיכטע פון דעם יודאַיִסטישן געדאַנק— אַלס ערשט בוך אויף דעם געביט פון דער נייער חכמת ישראל. איינס פון זיינע קאַפּיטאַלסטע ווערק איז Die gottesdienstlichen Vorträge der Juden, historisch entwickelt (בערלין, 1832, ז' XVI+483, 2טע פאַרבעסערטע אויסגאַבע — 1892), וואָס אַנטהאַלט אַן אויסשעפּענדיקע אויסלייגונג פון דער געשיכטע און אַנטוויקלונג פון דער האָמילעטישער ליטעראַטור ביי יידן. דעם דאָזיקן ווערק איז באַשערט געווען צו שפּילן אַ גרויסע ראָלע אין דער אַנטוויקלונג פון חכמת ישראל, אָבער לויט דער פּינקטלעכקייט פון מעטאָד און דעם גלענצנדן צוגאַנג, דעם מייסטערהאַפטן פאָרטראָג, דער אויסערגעוויינלעכער ערודיציע און דער קונסט אויפצוויקלען פאַר דעם לעזער אַ גראַנדיאָז בילד אויפן גרונד פון אַ מאַסע צופעליקע און צעוואָרפענע דאַטן, געהערט עס בכלל צו די קלאַסישע וויסנשאַפטלעכע אַרבעטן פון XIX יר"ה. דאָס ווערק האָט אויך געשפּילט אַ געוויסע ראָלע אין דעם קאַמף קעגן יידיש אין דייטשלאַנד, אין מערב-אייראָפּע בכלל און טיילווייז אויך אין גאַליציע. אין דעם דאָזיקן ערשטן פּעריאָד פון זיין וויסנשאַפטלעכער און געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט

איז צ' געשטאַנען אונטער דער השפעה פון דעם רעפאָרמיסטישן קרייז פון יאַקאָבּסאָן און הענריעטע הערץ. געווען אַ פאַרברענטער אַנהענגער און טריבון פון דער רעליגיעזער רעפאָרם, געפּריידיגט אין זיינע דרשות און עפנטלעכע רעדעס די נויטווענדיקייט אַריינצופירן אין דעם יידישן דת און אויך אין דעם יידישן לעבנסשטייגער די אויסערלעכע מנהגים פון די אַרומיקע פעלקער און דעם אויסערלעכן גלאַנץ פון דער מאָדערנער קולטור, האָט ער ווי אַלע דייטשע משכילים, בפרט פון דער רעפאָרמיסטישער שיטה, אַרויסגעוויזן אַ שאַרפע קעגנערשאַפט צו דער יידישער שפּראַך. אין דעם 23סטן קאַפּיטל פון זיין ווערק, ריידנדיק וועגן דעם ענין דרשות ביי די אשכנזישע יידן פון דייטשלאַנד און די שכנישע לענדער, ווידמעט ער עטלעכע זייטן דער יידישער שפּראַך, זוכט פעסטצושטעלן, אַז לכתחילה האָבן די יידן גערעדט אַ „צימליך ריכטיגעס דייטש", דיזעלביקע שפּראַך, וואָס זייערע קריסטלעכע לאַנדסלייט — אַ טעזע, וואָס איז געווען אַזוי נאָענט צום האַרצן די יאַהודיסטישע וויסנשאַפטלער און שריפטשטעלער. אָנשטאָט צו זען אין דער אַנטוויקלונג פון דייטש צו יידיש אַ רעזולטאַט פון אַן אייגענעם נאַציאָנאַל-קולטורעלן לעבן און שאַפן, האַלט ער דאָס „יידיש-דייטש" פאַר אַ רעזולטאַט פון קולטורלאָזיקייט און דעגענעראַציע; ער באַדויערט, וואָס דורך די ספרים אין יידיש האָט „דער פאַרדאָרבענער דיאַלעקט זיך נאָך טיפער איינגעוואָרצלט"; פרייט זיך, וואָס נאָך מענדעלסאָנען איז „דער יידיש-דייטשער דיאַלעקט אַנטרונען צוזאַמען מיט דין פוילישע דערציער", פרייט זיך איבער די ערשטע פרווון „אַריינצופירן די הויכדייטשע שפּראַך אין דער נאַציאָנאַלער ליטעראַטור", וואו „דער געניוס פון דער העברעישער און דער דייטשער שפּראַך האָבן מיט פאַראייניקטער קראַפט דערלאַנגט דעם יידיש-דייטש דעם טויט-קלאַפּ"; דערמאָנט מיט צופרידנקייט דעם בערלינער אייבערלאַנדראַבינער ר' הירש לעווין און זיין זון ר' שאול, ראַבינער פון פראַנקפורט אויפן אָדער, וואָס האָבן די ערשטע אָנגעהויבן אַ קאַמף קעגן יידיש לטובת הויכדייטש; די דריי ראַבינער אין בערלין, מעקלענבורג און קורלאַנד, וועלכע האָבן די עלטערע יידישע תנך-איבערזעצונג פון 1679 (פון יוזל וויצנהויזן) ערקלערט פאַר שלעכט; דעם ראָטערדאַמער רב און דעם האַמבורגער רב ר' נח-חיים הירש, וועלכע האָבן דאָס זעלבע ערקלערט וועגן די יידישע מחזור-איבערזעצונגען; דעם נפתלי-הערץ ווייזלען, „וואָס האָט אויסגעגאָסן זיין צער און צאָרן אויף דער שפּראַך פון די דייטשע און פוילישע יידן, וועלכע איז אים פאָרגעקומען ווי אַ שיר ניט אומהיילעוודיקע קראַנקהייט", — און לאָזט אויס מיט באַגייסטערונג, אַז „ווען אַצונד האָט אַרום און אַרום די פאַרבעסערונג פון שול-לימוד, די איינפירונג פון גוטע לערנביכער און די פאַרשפּרייטונג פון דייטשע לעקטורן זיך צונויפגעטראָפן מיט דער בירגערלעכער באַפרייונג פון די יידן, מיט ציוויליזירנדיקע, תמיד די דייטשע שפּראַך באַגינסטיקנדיקע געזעצן, איז דאָס יידיש-דייטש לחלוטין פאַרשטויסן געוואָרן פון דער אומגאַנגס-שפּראַך, פון די שולן, אויס דעם מויל פון די לערערס און ראַבינערס, אויס דער ליטעראַטור און דער עבודה". זייענדיק אַזוי-אַרום איינער פון די ערשטע צו פאָרמולירן די נעגאַטיווע שטעלונג קעגן יידיש, אַ שטעלונג, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר זיין דור, פאַר דעם זיך יאַהודיזירנ-

דיקן יידנטום בכלל, האָט ער אָבער פון דער אַנדערער זייט אַלס וויסנשאַפטלעכער פאָרשער ניט געקענט מבטל זיין דעם פענאָמען פון דער יידישער שפּראַך און ער איז געווען דער ערשטער פון די חכמי ישראל צו שענקען אויפמערקזאַמקייט דער יידישער שפּראַכפאָרשונג, וואָס איז ביז אים געלעגן נאָר אין די הענט פון קריסטלעכע פאָרשער אָדער שונד־פילאָלאָגן. ער האָט דער ערשטער אָנגעווענדט וויסנשאַפטלעכע פּרינציפּן ביים פאָרשן יידיש און אויף די עטלעכע זייטלעך פון די Vorträge (438 — 442) האָט ער באַוויזן צו געבן כאָטש זייער אַ קורצן, אָבער אַ מייסטערהאַפטן אַנאַליז, בפרט פאַר זיין צייט — פון די באַזונדערע שפּראַכעלעמענטן פון יידיש און אַ דעפיניציע פון דעם העברעיִשן עלעמענט, אילוסטרירנדיק זיינע אויספירונגען מיט אַ גאַנץ רייכן מאַטעריאַל פון די פיר הויפּטבאַשטאַנדטיילן פון דער יידישער שפּראַך — דעם העברעיִשן, דעם יידיש־דייטשן, דעם אַלט־אָדער פּראָווינציעל־דייטשן און דעם פון אַנדערע פרעמדע שפּראַכן.

שאול־פּנחס ראַבינאָוויץ, „ר׳ יום טוב ליפּמאַן צונץ / הייו, זמנו וספריו" (פ"ג „אחיאסף", 1897, ז׳ 361+VII); י. בערלין, אין ΕΘ, XV.

צוקער נחמיה (3/XI 1894 —) געב׳ אין גדווו, ביי קראָקע, אין אַ חסידיש־רבנישער משפּחה. דערצויגן געוואָרן אין קראָקע, וואו דער פאָטער איז געווען אַ מלמד פון גבירישע קינדער און די מוטער האָט געהאַנדלט אויף דעם מאַרק, כדי ווי עס איז מפרנס צו זיין דאָס בני־בית. צ׳ האָט געלערנט אין ראַדאָמסקער שטיבל, פלעגט מיט מסירת־נפש פאָרן איבער דער רוסישער גרענעץ קיין ניי־ראַדאָמסק צום רבין, אָבער אונטער דעם רושם פון דינעזאָנס „אבן נגף" זיך אָנגעהויבן אָפּצוגעבן מיט וועלטלעכע לימודים, ביז מ׳האָט אים אויסגעשלאָסן פון דער ישיבה. איז ער אַוועק קיין ביליץ־ביאַלע, דאָרט אָנגעקומען אין אַ שניטגעשעפט. נאָכן אויסבראָך פון דער מלחמה אַריינגעצויגן געוואָרן אין עסטרייכישן מיליטער. פעברואַר 1916 פאַרוואונדעט געוואָרן, זיך אַרומגעוואַלגערט איבער שפּיטאָלן, ענדלעך אַריינגענומען געוואָרן אין קראָקע אין דער אינוואַלידן־שול, דאָרט זיך באַקענט מיט דער דייטשער און פּוילישער ליטעראַטור, דאַן אָנגעהויבן צו שרייבן לידער, הומאָרעסקעס און סצענישע זאַכן, וועלכע שפּעטער פאַרעפנטלעכט אין „דעם לוסטיגען יוד". געווען אויך קראָקעווער קאָרעספּאָנדענט פון לעמבערגער „טאָגבלאַט" א"פּ צוהר. געגרינדעט און אָנגעפירט אין קראָקע אַ דראַמאַטישן קרייז, וואו אויפגעפירט יוני 1921 זיינע איינאַקטערס „דער רעצענזענט" און „דער הילפסקאָמיטעט", אויפגעפירט אין קראָקעווער יידישן טעאַטער זיין פּיעסע „דער קרבן פון פאַנאַטיזם" (אָנהייב 1921). מאַי 1923 געקומען קיין בוענאָס־איירעס, זיך געפּרוווט לערנען היטלמאַכעריי, געווען אַ „קלאַפּער" (פּעדלער), דערנאָך געעפנט אַ „מערקאַדע" פון לעבנסמיטלען, גאַלאַנטעריע און שניט־סחורה, פון וואָס ער ציט עד־היום חיונה, זיך באַטייליקנדיק פון צייט צו צייט אין דעם הומאָריסטישן זשורנאַל „פּנים׳ער און פּנים׳לעך" מיט סאַטירישע לידלעך א"פּ האַמונקולוס, רעצענזיעס אויף טעאַטער און ביכער א"פּ גון צדיק אאַז"ו, 1926 צוזאַמען מיט נ. פּרוכטער רעדאַקטירט דעם „אַלמאַנאַך פון גאַליציאַנער פאַרבאַנד", אָרגאַניזירט אַ דראַמאַטישן קרייז „אַרטיסטיש ווינקעלע", וואָס האָט אויפגעפירט זיינע איינאַקטערס „ווען די נאַכט

פאַלט צו", "דער מישמאַש = חלום" (אַ פּאַפּורי פון אַלע הויפּטהעלדן פון א. גאָלדפאַדענס פּיעסן, וועלכע זאָגן אַרויס מיינונגען וועגן א. גאָלדפאַדען, פאַרעפנטלעכט אין "פאַר גרויס און קליין" א"פ סאַכאַרינקוס). אין בוכפאָרם פאַרעפנטלעכט: "די חליצה"—דראַמע אין 3 אַ' (קראָקע, 1922, ז' 56); "ווען די נאַכט פאַלט צו" און "אויפן קאַמפּ"—איינאַקטערס, כלומרשט אויס דעם לעבן פון די יידישע קאָלאָניסטן אין אַרגענטינע (פ"ג "אַרטיסטיש ווינקעל", בוענאָס איירעס, 1924, ז' 32); "דער רעצענזענט / קיבעץ אין איין אַקט" (פ"ג פון "דראַמאַטישן קרייז ביים גאַליציאַנער פאַרבאַנד", בוענאָס איירעס, 1926, ז' 16).

צוקערמאַן אברהם (18/I 1843 — 22/IV 1892) געבּ' אין אָשמענע, ווילנער געגנט. יינגלווייז געקומען קיין קאָוונע, וואו ער האָט געלערנט אין דער ישיבה און אין בית=המדרש, נאָך דער חתונה געוואָרן אַ לערער און אַן אַגענט פון פאַרשיידענע צייטשריפטן, לויט דער בקשה פון פּרץ סמאָלענסקין אַריבערגעפאָרן 1870 קיין וואַרשע אַלס הויפּטאַגענט פון "השחר", געעפנט דאָרט אויך אַ בוכהאַנדלונג, וואָס איז געוואָרן אַ מין צענטער פאַר השכלה. ער האָט אויך געשריבן מאמרים אין "המגיד", "המליץ", "הצפירה" א"אַ, אין משך פון אייניקע יאָר געווען געהילפס=רעדאַקטאָר פון א. ב. גאָטלאָבערס "הבקר אור". אין בוכפאָרם אַרויסגעגעבן אייניקע סיפורים, ווי "המתנחם" (וואַרשע, 1876), "בת ציון" (1891, 3טע אויסגאַבע 1900, ז' 133), "מעשים אשר לא יעשו" (1892), "יד ושם" — איבערז' פון לעהמאַן (1890). אויף יידיש האָט ער געשריבן אַרטיקלען אין "יודישען פאָלקסבלאַט" און אַרויסגעגעבן אַ דערציילונג "יענטע דיא נגידה / אָדער איין קליינער איבער בליק איבער דעם יודישען ערציהונגס שטאַנד בפרט, אונד אַנדערע זאַכען בכלל" (1886, ז' 30) מיט משכּילישע טענדענצן און אין אַ שלעכטן סטיל.—זיין זון, אליעזר (לאַזאַר), איז געווען דער גרינדער פון "צוקערמאַן'ס פאָלקסביבליאָטהעק", אין וועלכער עס זיינען אַרום 1897—8 אַרויס אייניקע איבערזעצונגען און באַאַרבעטונגען פון דער אייראָפּעישער ליטעראַטור אויף יידיש (זע מ. י. פריד).

"ספר זכרון"; וו. צייטלין, "קרית ספר"; "האסיף", VI; "הויזפריינד", III ז' 317.

צוקערמאַן הוגאָ (15/V 1881—24/XII 1914) געבּ' אין עגער, דייטש=בעמען. נאָך אַלס סטודענט פון ווינער אוניווערסיטעט צוגעשטאַנען צו דער ציוניסטישער באַוועגונג, האָט ער געהערט צו יענעם קרייז פון דער יידיש=געשטימטער מערב=אייראָפּעישער אינטעליגענץ, וואָס האָט געזוכט אַ דערנענטערונג מיט דעם לעבעדיקן יידישן פאָלק דורך דער יידישער שפּראַך און דער יידישער ליטעראַטור. ער האָט געלערנט יידיש, געפלייסט זיך צו שאַפן אַ יידישע בינע אין ווין, פּאָפּולאַריזירט די יידישע ליטעראַטור דורך זיינע איבערזעצונגען אין דער צייטשריפט פאַר דער יידישער יוגנט אין עסטרייך Unsere Hoffnung, וואָס ער האָט רעדאַקטירט, געדרוקט איבערזעצונגען פון יידיש אויך אין דער ציוניטישער Welt (לידער און דערציילונגען פון אברהם רייזען א"אַ), אַראַנזשירט "יונג=יידישע אָוונטן" אאַז"וו. געענדיקט זיין שטודיום אין ווין, האָט ער זיך באַזעצט אין מעראַן, וואו ער האָט פּראַקטיצירט אַלס אַדוואָקאַט, ווייטער פירנדיק זיין ציוניסטישע און נאַציאָנאַל=יידישע טעטיקייט, ווי אויך זיין ליטעראַרישע טעטיקייט אַלס דייטשער דיכטער און איבערזעצער פון יידיש. ביים אויסבראָך פון דער מלחמה האָט ער צוליב

נאַציאָנאַל-יידישע און אַלגעמיין-פּאָליטישע מאָטיוון געאײַלט צום פראָנט, זיך באַטייליקט אין די שלאַכטן און איז געשטאָרבן אין עגער פון די וואונדן, וואָס ער האָט באַקומען אויפן שלאַכטפעלד, אויף דעם צעשאָסענעם, געשענדטן יידישן בית-עלמין אין ראַדימנאַ. זיין פרוי, אידע צ', פון קריסטלעכער אָפּשטאַמונג, האָט זיך נאָכן טויט פון איר געליבטן מאַן דערשאָסן אויף זיין קבר, וואו ס'איז אים לעצטנס געשטעלט אַ דענקמאָל. — פון צ'ס פילע איבערזעצונגען און נאָכדיכטונגען פון אַש, פּרץ, רייזען, שניאור א"אַ איז ערשט נאָך זיין טויט פאַרעפנטלעכט געוואָרן „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק" מיט אַ הקדמה פון מאַרטין בובער (1919). אַן אויסוואַל פון זיינע דייטשע דיכטונגען איז אַרויס א"ט Gedichte א"ר און מיט אַ הקדמה פון אָטטאָ אַבעלעס, און אַנטהאַלט ציוניסטיש-נאַציאָנאַלע לידער (Mein Volk), ביבל-געזאַנגען (צ"אַ אַ נאָכדיכטונג פון שיר השירים), ליבעסלידער, בילדער און קריגסלידער, פון וועלכע דאָס Reiterlied איז געווען אומגעהייער פּאָפּולער אין עסטרייך און דער עסטרייכישער אַרמיי בשעת דער מלחמה.

מאקס עריק, אין ווייסענבערגס „יודישע זאמעלביכער".

צוקערמאַן וויליאַם (1885 —)

געב' אין בריסק דליטא אין אַן אָרעמער פאַמיליע פון אַ רוסישן לערער. באַזוכט די בריסקער רוסיש-יידישע פאָלקס-שול און פון קינדווייז אויף זיך דורכגעדרונגען מיטן גייסט פון דער רוסישער ליטעראַטור.

צו 16 יאָר אויסגעוואַנדערט מיט דער פאַמיליע קיין אַמעריקע, 8 יאָר געאַרבעט אין פאַבריקן און שפּעטער און דערביי באַזוכט העכערע שולן, דעם אוניווערסיטעט אין שיקאַגאָ, דערהויפּט זיך אָפּגעגעבן מיט פילאָסאָפיע. אַלס שיקאַגער פאַרטרעטער פון „פאָרווערטס" אָנגעהויבן אויך צו שרייבן יידיש—קאָרעספּאָנדענצן, קריטישע אַרטיקלען, דערציילונגען אין „פאָרווערטס", „פ. א. ש.", דוד פּינסקיס „אַרבייטער", שיקאַגער „אַרבייטער וועלט" א"אַ. זיינע ערשטע ליטעראַרישע אַרבעטן זיינען געווען דורכגעדרונגען מיט אַ מיסטיש-רעליגיעזער זוכעניש אין דעם גייסט פון בערגסאָן און די רוסישע גאָטזוכער; שפּעטער פאַרשווינדט דער מיסטיציזם, עס בלייבט אָבער די טיפע גייסטיקע זוכעניש און אינטעלעקטועלע ערלעכקייט, וועלכע כאַראַקטעריזירן אַלץ, וואָס ער שרייבט.—נאָך דער מלחמה האָט צ' זיך באַזעצט אין אייראָפּע אַלס קאָרעספּאָנדענט פון אייניקע יידישע און ענגלישע צייטונגען, די לעצטע יאָרן אין לאָנדאָן—פאַרוואַלטער פון דעם אייראָפּעישן ביוראָ פון „מאָרגען זשורנאַל" און אייראָפּעישער קאָרעספּאָנדענט פון דער צייטונג, באַטייליקט זיך אויך אין „ווילנער טאָג", אין ענגלישע צייטשריפטן און בפרט אין דער „פ. אַ. ש."— איינער פון די בעסטע און געבילדעטסטע יידישע זשורנאַליסטן, האָט ער צ"אַ פאַרעפנטלעכט זייער פיל אַרטיקלען איבער דעם סאָציאַלן, פּאָליטישן, אינטעלעקטועלן און ליטעראַרישן לעבן פון ענגלאַנד (זיי ווערן צוגעגרייט פאַר אַ בוך-אויסגאַבע), אַלגעמיינע יידישע קולטור-פּראָבלעמען (למשל, זיין סעריע אַרטיקלען וועגן אונטערגאַנג פון יידיש, וועגן דער ירידה פון יידישן סאָציאַליזם אין אַמעריקע — אין „פ. אַ. ש." 1927), איבער רוסלאַנד און דער רוסישער רעוואָלוציע, „מאַנדיזם און סאָציאַליזם" (אין „פרייע שריפטן", IV) אאַז"וו. — איז סעקרעטאַר פון דעם פאַראיין פון די יידישע ליטעראַטן און זשורנאַליסטן אין לאָנדאָן.

צוקערמאַן שמואל=זלמן (ח׳ אלול, 1890 —) געב׳ אויף אַ ישוב ניט ווייט פֿון איליע, ווילנער געגנט. ייִנגלווייז אויסגעוואַנדערט קיין דרום=אַפֿריקע, 1905 קאָרעספּאָנדירט פֿון קייפּטאָון אין לאָנדאָנער Jewish Cronicle 1906. געקומען קיין אַמעריקע, 1909—10 מיטגעאַרבעט אין אַ ענגלישן וואָכנבלאַט אין ברוקלין, דאַן ווידער אַוועק קיין דרום=אַפֿריקע, 1912—13 מיטגעאַרבעט אין די יאָהאַניסבורגער „אידישע פּאָהן״ און Jewish Cronicle, 1916 צוריקגעפֿאָרן קיין אַמעריקע, מיטגעאַרבעט אין American Jewish Cronicle, 1917 געווען מיטפּאַרוואַלטער און מיטאַרבעטער פֿון דער ערשטער יידישער נייס=אַגענטור „די יידישע קאָרעספּאָנדענץ״ אין נ״י (אין יידיש און ענגליש), 1920 געווען נ״י׳ער קאָרעספּאָנדענט פֿון לאָנדאָנער Cronicle Jewish, 1920—21 גרינדער און פּאַרוואַלטער פֿון דער ענגלישער אָפּטיילונג פֿון דער יט״אַ אין נ״י. זינט 1924 רעדאַקטירט די אָפּטיילונג פֿון אַרבעטער=נייס און „די ביזנעס=וועלט״ אין „טאָג״.

ציאָנסאָן נחמה (1868 —) געב׳ אין ווילנע אין אַ מיוחסדיקער פֿאַמיליע שניפּיסקי. איר פֿאָטער איז געווען אַ בוכהאַלטער, אַ ייד אַ משכּיל. צו 14 יאָר געענדיקט אַ 6קלאַסיקע פּראָגימנאַזיע, צו 18 יאָר חתונה געהאַט, אין אַ פּאָר יאָר אַרום זיך באַזעצט אין לידע, וואו איר מאַן צ׳ האָט געהאַלטן אַ דרוקעריי. זי האָט אַ סך געלייענט רוסישע און דייטשע קלאַסיקער, געלערנט תּנך און העברעיִש, זיך אָפּגעגעבן מיט פֿילאַנטראָפּישער טעטיקייט, אָבער נאָך דער גרויסער שׂרפֿה אין לידע (אַרום 1901), ווען 600 הייזער זיינען אַוועק מיטן פֿייער, איז אויך די פֿאַמיליע צ׳ געבליבן הויל און איז אַריבערגעפֿאָרן קיין ווילנע, פֿון די צרות איז דער מאַן אירער געשטאָרבן, זי איז קראַנק געוואָרן אויף די פֿיס און מ׳האָט איר אַ פֿוס געמוזט אַמפּוטירן, געבליבן עלנט אָן מיטלען צום לעבן מיט ניט קיין פֿאַרזאָרגטע טעכטערלעך. זי האָט אַרויסגעגעבן אייניקע ביכלעך, דהיינו: „אַ הויזאַרצט אָדער מיטלען געזונד אונד פֿריילִיך צו זיין״, געזאַמלט פֿון דייטשע מעדיצין ביכער (1896), „די אַמעריקאַנער, זייער לאַנד און זייער אַרט לעבען״ (ווילנע, 1907, ז׳ 16); „די יאַפּאַנער, זייער לאַנד און זייער לעבען״ (1905 ז׳ 16); „די בוכדרוקעריי אונד איהר ערפֿינדער״ (1912), „ראָמעאָ און דזשולעטאַ אין דער יידישער געטאָ / אָדער ווער וועט שופֿר בלאָזען״ (ווילנע, 1922, ז׳ 30), „וואוהין זאָל איך געהן״ — אַ בילד פֿון 1905טן יאָר (1925) — דאָס רוב איבערזעצונגען אָדער באַאַרבעטונגען אין אַ שלעכטן זשאַרגאָניזירטן יידיש. האָט אויך געשריבן אייניקע פֿעליעטאָנען אין דער ווילנער „יידישער צייטונג״ 1920.

ציגעל יחיאל—בּדחן פֿון לאָדז, האָט פֿאַרפֿאַסט „די שעהנע וואונדערליכע געשיכטע פֿון הרב הצדיק ר׳ ישראל מרדכי דער רב פֿון דער שטאָדט גאָלאָמב און די רביצין דבורה׳לע מיט זייער מחותן ר׳ לייבעל פֿאַריך וואַסער=טרעגער מיט די מחותנת׳טע טריינא די הויקערין, די וועשין, און דער חתן דער בחור המופלג זקן אַלטערל מיט דער כלה חיי׳ דבורה די וועשין״ (פּיעטרקאָוו, 1911, ז׳ 31).

ציוני ישראל (8/IX 1862 — VII/ 1927) געב׳ אין לוצין, וויטעבסקער גוב׳ (איצט — לעטלאַנד), אין אַ משפּחה, וואָס זאָל שטאַמען פֿון שפּאַניע (דורך פֿראַנקרייך, דייטשלאַנד און פּוילן). זיין עלטער=עלטערזיידע ר׳ דוד, זיין עלטערזיידע ר׳ נפֿתּלי און זיין זיידע ר׳ אהרן=זעליג, מחבּר פֿון „ציוני״,

האָבן איינער נאָכן אַנדערן פאַרנומען דאָס כסא=הרבנות אין לוצין, אָבער זיין פאָטער רפאל האָט זיך צוליבן שוואַכן געזונט אָפּגעזאָגט פון רבנות און זי איז אַריבער צו זיין שוואָגער ר׳ אליעזר דון=יחייא, מחבר פון ספר „אבן שתיה“ א״אַ (די פאַמיליעס צ׳ און דון=יחייא האָבן אַ קבלה, אַז זיי קומען אַרויס פון דוד המלך). פון דער מוטערס צד איז צ׳ געווען אַן אייניקל פון הלל אימעניטאָוו פון רעזשיצע און פון ר׳ בונים שקלאָווער. זיינע עלטערן האָבן געצויגן חיונה פון אַ שניטקרעמל, און ער האָט באַקומען אַ יידישע דערציִונג אין חדר, דערנאָך געלערנט אין קרוינישע שולן און זיך אָפּגעגעבן מיט זעלבסטבילדונג. זיין זשורנאַליסטישע טעטיקייט האָט ער אָנגעהויבן צו 18 יאָר אין Русскій Еврей, שפּעטער געשריבן אַרטיקלען אויך אין Восходъ, 1884 איינגעלאַדן געוואָרן קיין פּט״ב איינצואָרדענען אַ ביבליאָטעק פאַר אַ יידישן גביר, ניט געקענט אָבער דאָרט לענגער פאַרבלייבן צוליב וואוינרעכט און זיך צוריקגעקערט קיין לוצין. צוליב רדיפות פון דער שטעטלשער פּאָליציי (פאַר ניט אַראָפּנעמען דאָס היטל פאַר דעם „איספּראַווניק“) 1894 אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע, די ערשטע צייט געווען באַשעפטיקט אַלס נ״י׳ער קאָרעספּאָנדענט פון די פּט״ב׳ער צייטשריפטן Недѣля, Новости און Восходъ, אַרום 1897 אָנגעהויבן צו שרייבן אין דער יידישער פּרעסע, ווי אין „טעגליכען העראָלד“, „יידישען טאַגעבלאַט“, „דער אידישער וועלט“. נאָך דער גרינדונג פון „מאָרגען זשורנאַל“ איז ער אין משך פון איבער 20 יאָר געווען אַ מיטאַרבעטער פון דער צייטונג, ווי אויך פון איר וואָכנבלאַט „דער אַמעריקאַנער“, האָט אויך רעדאַקטירט די פילאַדעלפיער „מאָרגענצייטונג“, וואָס האָט עקסיסטירט אַ קנאַפּן יאָר צייט, אַ יאָר געווען רעדאַקטאָר פון שיקאַגער „אידישען קוריער“, אין שיקאַגאָ אויך אַרויסגעגעבן אַ צייטשריפט א״ט „דער אַמעריקאַנער איד“ (נומ׳ 2 — 19/II 1909, ז׳ 22) — „אַ וועכנטליכער זשורנאַל פיר פּאָליטיק, ליטעראַטור, וויסענשאַפט און פּובליציסטיק“, ביים אָנטייל פון ד״ר דזש. סולטאַן (שיקאַגער מעדיצינער), הערמאַן עליאַשאָוו, ס. בערנשטיין א״אַ. האָט זיך אויך באַטייליקט אין אַנדערע נ״י׳ער טעגלעכע און וועכנטלעכע צייטשריפטן, געשריבן אויך א״פּ בן=רפאל, י. אימעניטאָוו, י. אשכנזי, ד״ר שערשעווסקי, ליוצינסקי א״אַ. אַרום 1924 קראַנק געוואָרן, האָט ער זיך געמוזט צוריקציען פון דער זשורנאַליסטישער טעטיקייט. פון דער נאַטור באַשיידן, אַ נחבא אל הכלים אין פולן זין פון דעם וואָרט, פלעגט צ׳ אויסמיידן פירסום און זיין גאַנצע פרייע צייט פאַרברענגען איבער ספרים און ביכער, בלויז יונגערהייט אין רוסלאַנד גענומען אַן אָנטייל אין דער חובבי=ציונישער באַוועגונג. געשטאָרבן איז ער אין ברוקלין, איבערגעלאָזט אַן אלמנה מיט פיר קינדער.

„חכמי ישראל באמריקא“; נעקראָלאָגן אין דער יידישער פּרעסע.

ציטראָן שמואל=לייב (כ״ד אייר 1860 * —) געב׳ אין מינסק אין אַ סוחרישער פאַמיליע פון מיטלשטאַנד, אַ אָנגעזעענער אין שטאָט (זיין פעטער, וואָלף צ׳, איז יאָרנלאַנג געווען ראש=הקהל אין מינסק). פון פיר יאָר ביז 6 געלערנט אין חדרים, מער אָבער קיינמאָל אין אַ חדר ניט געגאַנגען, ווייל זיין פאָטער, משה=יעקב, אַ גרויסער בעל=

*) די אַנדערע דאַטן פון צ׳ס געבורטסיאָר זיינען ניט קיין גענויע.

תנך, אַ מדקדק און אַ װאױלערנער אין
ש״ס און פוסקים, האָט זײַן זײער גע־
ראָטן קינד ניט געװאָלט אָנטרױען צו
מלמדים און מיט אים אַלײן געלערנט.
צו צען יאָר איז
אים דער פאָטער
געשטאָרבן און אין
משך פון 3 יאָר
האָט צ׳ אַרומגע־
װאַנדערט איבער
די ישיבות פון
מינסק גופא (אין
„קלײנעם בית־

המדרש״ און „רבקה־בלומקעס״ קלױז)
און פון אַנדערע שטעטלעך, דאַן אַרײַן
אין דער װאָלאָזשינער ישיבה, געװען
דער ייִנגסטער צװישן די 300 תּלמידים,
דאָרט אָנגעהױבן בגנבה צו לײענען העב־
רעיִשע ביכלעך, צוליב דעם געמוזט לסוף
פאַרלאָזן װאָלאָזשין און גענומען זאָרגן
װעגן אַ תּכלית. נאָך אין דער ישיבה
זײַענדיק האָט ער קאָרעספּאָנדירט מיט
פּרץ סמאָלענסקינען און זײַן אידעאַל
איז געװאָרן צו באַקענען זיך פּערזענ־
לעך מיט דעם רעדאַקטאָר פון „השחר״,
האָט ער אױף זײַן עצה אין משך פון
װינטער 1876 זיך צוגעגרײט אין דײַטש
און באַלד נאָך פּסח אָפּגעפאָרן קײן װין,
װאו פאַרבראַכט אַ האַלב יאָר צײַט,
געהאַט גרױס התקרבות פון סמאָלענסקי־
נען און, באַזאָרגט מיט רעקאָמענדאַציעס
צו די גרעסטע פאָרשטײער פון די חכמי־
ישראל, איז ער פון װין אַװעק קײן
ברעסלע אָנצוקומען אין דעם ראַבינער־
סעמינאַר, אָבער צוליב פאַרשײדענע
סיבות געמוזט לאָזן זײַנע שטודיום. פון
ברעסלע פאַרעפנטלעכט זײַן ערשטע
קאָרעספּאָנדענץ אין העברעיִש אין „המגיד״
1877, 7, מיט אַ יאָר שפּעטער — זײַן
ערשטע דערצײלונג „כּגוונא״ אין סמאָ־
לענסקינס „המבית״ (ניט פאַרענדיקט,
װײַל צום 26סטן נומ׳ האָט זיך די צײַט־
שריפט אָפּגעשטעלט). װינטער 1882—3
געװען אַ לערער אין דעם דײַטשן שטעטל
פּראָסטקען, אײן אײַזנבאַן־סטאַנציע פון
ליק, װאו ס׳איז אַרױס דער „המגיד״, און
אַדאַנק דעם געװאָרן אַ נאָענטער מיט־
אַרבעטער פון דער צײַטשריפט, פאַר־
עפנטלעכט דאָרט אַלע װאָך פאַרשײדענע
אַרטיקלען אָריגינעלע און איבערגעזעצטע,
אַמאָל אױך צװײ זאַכן אין אײן נומער.
צוריקגעקומען 1883 קײן מינסק, האָט ער
ממשיך געװען זײַן מיטאַרבעט אין „המגיד״,
געפירט דאָרט די פּרעסע־איבערזיכט,
בפרט פון די רוסיש־ייִדישע צײַטשריפטן,
גלײַכצײַטיק זיך באַטײליקט אין „השחר״,
װאו פאַרעפנטלעכט אַרטיקלען (װעגן די
שטרעבונגען פון דער חיבת־ציון־באַװע־
גונג, װעגן מזחס זמ״ב „גן פרחים״ ב׳
1, װעגן דאָליצקיס „שבט סופר״), 1884
אַרױסגעגעבן דורך די װילנער חובבי־
ציון זײַן איבערז׳ פון פּינסקערס „אױטאָ־
עמאַנציפּאַציע״ א״ט „אם אין אני לי מי לי״
(צוערשט פאַרעפנטלעכט אין „המגיד״;
פון דער צענזור אין פּט״ב דערלױבט
געװאָרן צום דרוק בלױז אין בוכפאָרם
מיט השמטות און גרױסע קיצורים), מיט
אַ צוגעגעבענעם אַרטיקל קעגן סאָקאָ־
לאָװן פאַר זײַן אַרױסטריט אין „הצפירה״
קעגן איבערזעצן פּינסקערס בראָשור. אין
דעם אײגענעם יאָר אָנגעהױבן אױך מיטצו־
אַרבעטן אין „המליץ״ (זײַן ערשטער אַר־
טיקל אין דער צײַטונג א״ט „אל המהרסים
והמחריבים״ איז געװען אַ שאַרפער פּראָ־
טעסט קעגן ש. דובנאָװס דעמאָלטיקע
אַסימילאַטאָרישע און אַנטירעליגיעזע טענ־
דענצן אין (Восходъ), 1885 געקומען
קײן װאַרשע, געפּלאַנט דאָרט אַרױס־
צוגעבן אומפּעריאָדישע העפטן פאַר
אָריגינעלער און איבערזעצטער בעלעט־

ריסטיק א"ט „אספת ספורים", אַרויס איז אָבער בלויז איין ה' (דורך דעם פאַרלעגער יעקב סאַפּירשטיין), דאַן אויך אַרויסגעגעבן אַ זאַמלונג א"ט „משוק החיים... שלשה ספורים מחיי בני ישראל: א) הטאת הקהל, ב) בעבור ביצה [איבערז' פון ק"ע פראַנצאָז], ג) שלומיאל" (פ"ג אברהם משכיל לאיתן, וואַרשע, 1886) און אַ דערציילונג „יונה פותה" (וואַרשע, תרמ"ח, ז' 51), אין וועלכער ער האָט אַרויסגעפירט אַ טיפּ פון אַ פאַרשייט יידיש מיידל—דעמאָלט אַ נייס אין דער העברעישער ליטעראַטור, צוליב וואָס דער מחבר האָט פאַרמאַסקירט דאָס ווערק, אַז ס'איז כלומרשט געשריבן „בעקבות ספור בשפת הארץ". 1886—7 געווען הויפּטמיטאַרבעטער פון שפ"רס גרויסן זמ"ב „כנסת ישראל", וואו צ"אַ איבערגעזעצט פון כתב־יד לעוואַנדעס דערציילונג „אברהם בן יוסף" (שפּעטער אַרויס אין בוכפאָרם אין פ"ג „צענטראַל"). דאַן פאַרעפנטלעכט אייניקע גרויסע מאָנאָגראַפיעס אין גרעבערס „אוצר הספרות" II („על ישראל ועל סופריו"—וועגן די ערשטע בעלעטריסטן אין דער העברעישער ליטעראַטור; אין בוכפאָרם אַרויס א"ט „מאפו וסמולנסקין וסיפוריהם"), „המגיד" תרמ"ט (וועגן לעוואַנדען, מיט וועמען געווען זייער נאָענט באַפריינדעט), ראַבינאָוויצקיס „פרדס" („הספרות והחיים", אַרויס אויך אין בוכפאָרם, און „המהלך החדש בספרותנו היפה") א"אַ. חתונה געהאַט אין סוואַלק און שפּעטער אויך געוואוינט אין מאַריאַמפּאָל און אין נאָוואָזיבקאָוו, טשערניגאָווער גוב', אַלס לערער פון העברעיש, האָט ער 1898—1903 באַזונדערס אינטענסיוו מיטגעאַרבעט אין „המליץ" מיט קריטישע און געזעלשאַפטלעכע אַרטיקלען און פעליעטאָנען, זיך באַטייליקט אַלס פובליציסט און קריטיקער

אויך אין „לוח אחיאסף", פוקסנס „האשכול", אחד־העמס „השלח", „הצפה", אין קראָקעווער „השבוע" אַחוץ קריטישע אַרטיקלען א"ט „מאחרי העמרים" — געדרוקט וועכנטלעכע איבערזיכטן איבערן יידישן לעבן א"ט „הצופה לבית ישראל", יערלעכע איבערזיכטן איבער דער העברעישער ליטעראַטור אאַז"וו. סוף 1904 זיך באַזעצט אין ווילנע, וואוהין ער איז איינגעלאַדן געוואָרן אַלס אינעווייניקסטער מיטאַרבעטער פון „הזמן", אין דער צייטונג געשריבן—אויך א"פ בן־זומא, הסוקר, ש. סופר א"אַ—פאַרשיידענע זשורנאַליסטישע און קריטישע אַרטיקלען און פעליעטאָנען, צ"אַ דעם ערשטן ט' פון דער געשיכטע פון חיבת־ציון, זכרונות וועגן שריפטשטעלער אדג"ל, זינט 1911 אין משך פון 3 יאָר פאַרעפנטלעכט וועכנטלעך אין „העולם" איינע פון זיינע וויכטיקסטע און גרינדלעכסטע אַרבעטן די געשיכטע פון דער העברעישער פרעסע, וואו באַשריבן און כאַראַקטעריזירט דעם „המגיד", „הכרמל", „הלבנון" און „המליץ" (דעם „המביט" באַשריבן אין „השלח", ב' ל"ג, דעם „הקול" — אין זיין נייער סעריע אין „העולם" 1927). 1914 געפירט אַ געוויסע צייט דעם ליטעראַריש־געזעלשאַפטלעכן פעליעטאָן אין „השלח" א"ט „הספרות והחיים" א"פ בן־אדם, אין זמ"ב „רשומות" I פאַרעפנטלעכט אַ גרויסן מעמואַריסטישן אַרטיקל וועגן דעם קאַמף פון די דינאַסטיעס אין דער וואָלאָזשינער ישיבה. זינט דער אָפּשטעלונג פון „הזמן" 1915 האָט אויפגעהערט די סיסטעמאַטישע זשורנאַליסטישע אַרבעט צ'ס אין העברעיש און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייער אינטענסיווער פעריאָד אין זיין ליטעראַרישער טעטיקייט, וועלכער איז שוין דערהויפּט פאַרבונדן מיט יידיש. — אין משך פון די ערשטע 40

יאָר פון זיין ליטעראַרישער טעטיקייט
האָט צ׳ נאָר פון צייט צו צייט געשריבן
יידיש, הגם שוין אין 1878 האָט ער דע=
ביוטירט אין יידיש מיט אַ פעליעטאָן „אַ
טאַגעבוך פון אַ קדחת׳ניק״ אין ראָדקינסאָנס
„קול לעם״; נאָך אַ הפסקה פון 10
יאָר האָט ער פאַרעפנטלעכט „בריעף פון
פוילען״ אין „יודישען פאָלקסבלאַט״ 1888,
זכרונות און בריוו פון לעוואַנדען אין
ש״ע׳ס „יודישער ביבליאָטעק״ I, אַ פע=
ליעטאָן „שבת״ אין „הויז=פריינד״ II; דאַן
קומט ווידער אַ 10=יעריקער איבעררייס
אין צ׳ס ליטעראַרישער טעטיקייט אויף
יידיש און ערשט מיט דער גרינדונג פון
דער מאָדערנער יידישער פרעסע הייבט
ער אָן אָפטער זיך צו באַטייליקן אין איר.
אין „יוד״ פאַרעפנטלעכט ער אַ דערציילונג
„ירחמיאל׳קע אָדער יודישע מוחות און
יודישע תכליתים״ (1899) — אַ בילד פון
אַ יונג יידיש בחורל, וואָס באַזיצט גרויסע
פעיִקייטן צו מאָלעריי און גייט אוועק
לאיבוד צוליב דחקות און נויט, אייניקע
„בריעף פון דער יודישער גאַס״ (1899) —
וועגן שידוכים, די פעליעטאָנען „גלות=
בלעטלעך״ (1901) און די מאָנאָגראַפיע
„אָנפאַנגס=שולען ביי יודען לויט דעם
תלמוד״. אָנהייב 1904 איז ער איינגעלאַדן
געוואָרן פון לעאָן ראַבינאָוויטש קיין פט״ב
אַלס אינעווייניקסטער מיטאַרבעטער פון
„דעם טאָג״, אין וועלכער צייטונג ער
האָט פאַר דעם האַלב יאָר פון איר קיום
געשריבן לייטאַרטיקלען, פּאָליטישע אַר=
טיקלען (וועגן דער רוסיש=יאַפּאַנישער
מלחמה), קליינע פעליעטאָנען א״ט „פון
טאָג צו טאָג״, דערהויפּט א״פ בן=זומא,
דערציילונגען (צ״אַ די דערציילונג „מאַר=
יאַשע״ אין דער פסח=ביילאַגע צו דער
צייטונג). שפעטער האָט ער מיטגעאַרבעט,
דערהויפּט א״פ, אין די יידישע טאָגבלע=
טער „די צייט״, „די אידישע צייטונג״

און דעם קליינעם מלחמה=בלעטל „דער
פריינד״, וואָס פייוול מאַרגאָלין האָט
אַרויסגעגבן ביים „הזמן״ (1905 —
6, 1909 און 25/VII 1914 — 31/III 1915).
נאָך דעם אונטערגאַנג פון „הזמן״ איז
ער אַריין אַלס מיטאַרבעטער אין דער
קאָאָפּעראַטיווער צייטונג „דאָס פאָלק״,
וואָס האָט פאַרביטן דאָס בלעטל „דער
פריינד״, האָט אויך געשריבן פעליעטאָנען
א״פ פלאָרין אין מ. קאַרפּינאָוויטשעס
„ווילנער טאַגעבלאַט״, די ערשטע פּאָר
חדשים אויך מיטגעאַרבעט אין די „לעצטע
נייס״, אָבער פרילינג 1916 אַרויסגעטרעטן
פון דער צייטונג און בשעת דער דייטשער
אָקופּאַציע געווען טעטיק אַלס אינספּעק=
טאָר פון די יידישע שולן פון אַלע ריכ=
טונגען אין ווילנע, וואָס זיינען אויסגע=
האַלטן געוואָרן פון דעם אַ״ג „יודישן
צענטראַל=קאָמיטעט״. צו יענער צייט א״פ
איש עברי אַרויסגעגעבן אַ בראָשור
וועגן דער מעגלעכקייט צו אונטערריכטן
אין העברעיִש, הגם קיינמאָל ניט געהערט
צו די אויסגעשפּראָכענע העברעיִסטן. ער
האָט אויך גענומען אָן אָנטייל אין די
„ווילנער זאַמעלביכער״ I און II פון ד״ר
צ. שאַבאַד (צ״אַ. דאָרט פאַרעפנטלעכט
אַ היסטאָרישע אָפּהאַנדלונג וועגן דער
ווילנער קהילה, „פון היסטאָרישען אַר=
כיוו — דער ערשטער יאָר מלחמה״ —
אויס די מאַטעריאַלן און זכרונות פון
ראַבינער יצחק רובינשטיין, א״אַ), אין
מאַרטין בובערס חודש=זשורנאַל Der Jude
(צ״אַ „די ערשטע סאָציאַליסטן אין דער
העבּרעיִשער ליטעראַטור״), Jud. Ruud-
schau, Neue Jüd. Monatshefte, אין
„יודישען פאָלק״ א״ר פון ד״ר י. גאָטליב,
די לאָדזער זמ״ה „בלוי=ווייס״, צוזאַמען מיט
מ. שאַליטן רעדאַקטירט „אונזער עתיד —
אַ ליטעראַריש=געזעלשאַפטלעך וואָכנבלאַט,
אָרגאַן פון צ״צ אין ליטע״ (אַרויס 19

נומ׳, 1918), אין יעדן ה׳ פון דער וואָכנבלאַט געשריבן פובליציסטישע אַרטיקלען, זכרונות, רעצענזיעס אאַז״וו, אויך איבערגעזעצט ד״ר א. קלאַטשקאָס דערציילונג אויס דעם יידישן לעבן בשעת דער מלחמה אין רוסלאַנד „דער יודישער באַטאַליאָן״; סוף 1918 ביים איבערגיין פון די „לעצטע בייס״ צו דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע מיט ל. יפהן אַלס רעדאַקטאָר ווידער אַריין אַלס מיטאַרבעטער פון דער צייטונג, צ״אַ פאַרעפנטלעכט דאָ די איבערזי׳ פון ח. נ. ביאַליקס דערציילונג „דער פאַרשעמטער טרומייט״. נאָכן פאַרנעמען ווילנע דורך די פּאָליאַקן מיטגעאַרבעט אין דער „יידישער צייטונג״ (1919—20), וועלכע נאָכן אָפּפאָר פון ל. יפה קיין א״י אויך רעדאַקטירט, אין דער זעלבער צייט אויך געווען רעדאַקטאָר פון די זמ״ה „מעת = לעת״ (5 נומ׳), פון דער העברעיִשער ביילאַגע צו דער „יידישער צייטונג״—„השבוע״ (3 נומ׳), פון די זמ״ה „החיים״ (3 נומ׳). סוף 1920 געוואָרן אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער פון „מאָמענט״, וואו זינט דאַן פאַרעפנטלעכט אויסער ליטעראַרישע און פובליציסטישע אַרטיקלען די פאָלגנדיקע סעריעס: „משומדים״ און „טיפּען פון יודישע אָבטריניגע״ (די ערשטע קאַפּיטלען פון דער דאָזיקער סעריע, וועלכע האָט זיך דערוואָרבן אַ אומגעהייערע פּאָפּולאַריטעט ביי די ברייטסטע יידישע לעזער=קרייזן, זיינען געווען געדרוקט אין ווילנער „טאָג״ א״ר פון ז. רייזען), „די ערשטע שוואַלבען״ — טיפּן פון דער חיבת = ציון = באַוועגונג, „שתדלנים״, „בעריהמטע יודישע פרויען״. ער האָט זיך אויך באַטייליקט אין פאַרשיידענע אַנדערע יידישע צייטונגען, זשורנאַלן און זמ״ב, ווי „די יודישע וועלט״ און „די נייע וועלט״ א״ר פון ש. ניגער (א״פ יאַקאָבסאָן די אַרטיקלען וועגן העסיע העלפמאַן און א. ליבערמאַן), „ווייטער=בוך״ („די האָנאָראַר=באַדינגונגען אין דער יידישער ליטעראַטור״—איבערגעדרוקט און פאַרענדיקט אין דער „ביכער=וועלט״, 1922), „פנקס״, מ. שאַליטס „לעבען״, ווילנער „טאָג״, אונזער פריינד״ און „די צייט״, נ״יער „טאָג״ א״אַ. רעדאַקטירט דאָס העברעיִש=יידישע זמ״ב „ספר זכרון להרבנית אסתר רובינשטיין ז״ל״ (ווילנע, 1925, ז׳ 90).—פון צ׳ס אומצייליקע אַרבעטן אין יידיש און העברעיִש זיינען אין בוכפאָרם אַרויס: „דריי ליטעראַרישע דורות / כאַראַקטעריסטיקעס און זכרונות וועגן יידישע שריפטשטעלער״ (פ״ג ש. שרעבערק, ווילנע, אין 3 ב׳, 1920, 1921 און 1922, ז׳ 175, 159 און 164), וואָס ברענגט זייער אַ גרויסן, דער עיקר מעמואַריסטישן מאַטעריאַל וועגן א״מ דיק, אליקום צונזער, י. דינעזאָן, ממ״ס, פרץ, ש״ע, א. ליבערמאַן, אליעזר צוקערמאַן, העסי העלפמאַן, מ״ל ליליענבלום, די ערשטע יידישע סאָציאַליסטן אין דער העברעיִשער ליטעראַטור, משה אַראָנסאָן, י״ל דאַווידאָוויטש (בן = דוד), א. ווייטער, לעוואַנדע, א. גאָלדפאַדען, ש. פרוג, אברהם = אליהו האַרקאַווי, י״ל קאַנטאָר, בער באָראָכאָוו, ש. אַנ—סקי, א. צעדערבוים, פרץ סמאָלענסקין, ישראל לעווי; „די געשיכטע פון דער יידישער פרעסע״ (פ״ג פון „פאַראיין פון די יידישע ליטעראַטן און זשורנאַליסטן אין ווילנע״, 1923, ז 172+VI), וואו עס ווערן באַשריבן און כאַראַקטעריזירט דער „קול מבשר״, די „וואַרשויער יודישע צייטונג״, „קול לעם״ און „יודישעס פאָלקבלאַט״; „משומדים / טיפּן און סילועטן פונם נאָענטן עבר״ (פ״ג „צענטראַל״, I ט׳ און II, 1923, ז׳ 175 און 166, III ט׳ א״ט „אַוועק פון פאָלק״—1927, ז׳ 307), וואו ער פירט אַרויס אַ לאַנגע גאַלעריע

פון פאַרשיידענע טיפּן הויכגעשטעלטע
אָדער באַרימט געוואָרענע משומדים, צ״א
י. בראַפמאַן, יוסף סאָרקין, נ. זוסמען,
א. קאָוונער, קאָנסטאַנטין שאַפּיראָ, וולאַ־
דימיר פּיאָדראָוו, יוסף ראַבינאָוויטש,
ניקאָלאַי פּרושאַנסקי, יאָאַקים צימער־
מאַן, וואָלף נאַכלאַס־אַלעקסייעוו, ל. קו־
פּערניק, אָ. נאָטאָוויטש, יצחק־עדואַרד
זאַלקינסאָן (יע״ס), יוליאַן קליאַטשקאָ,
א. גאַסמאַן, א. י. ברימאַן, משה קושע־
לעווסקי, ס. ווענגעראָוו, פּראָפ׳ איליאָ
ציאָן, גריגאָרי באָגראָוו, אַנטאָן רובינ־
שטיין, טעוועלע מלאָדעצקי, יצחק־איסר
לאַנדוי, אשר טעמקין, יצחק פיינערמאַן־
טענאָרעמאָ, לייזער־ברוך אשכנזי (פּוילוס
מאיר) אאַז״וו; „שתדלנים״ (דערז׳ פ״ג,
1926, ז׳ 376): ר׳ לייב מייטעס, נחום׳קע
לין, יהושע צייטלין, אברהם פּרץ, לייב
נעוואַכאָוויטש, ר׳ נאָטע נאָטקין, זונדל
זאָנענבערג, ל. דילאָן, ר׳ איצעלע מאַנאַס־
טירשטשינער, דודל לוריא ביכאָווער, ליט־
מאַן פייגין, ליפמאַן זעלצער, יעקב יצחק
אַלטאַראַס, משה מאָנטעפיאָרע, יוסף הייל־
פּערן, יַענקעלע קאָוונער, יויזל און האָראַץ
גינזבורג (די „שתדלנים״ האָט צ׳ טיילוויַיז
אויך איבערגעזעצט אויף העברעיִש, אין
„הדאר״, און די סעריע „משומדים״ אויך
אַרויסגעגעבן אין בוכפאָרם א״ט „מאחורי
הפרגוד / מומרים, בוגדים, מתכחשים״, פ״ג
הירש מ״ק, ווילנע, 2 ט׳, 1923; פון מ.
קאַמפּער זיינען אַ טייל פון „משומדים״
אויך איבערגעזעצט אויף פּויליש אין קראָ־
קעווער Nowy Dziennik); „תולדות חבת
ציון״ (פ״ג פון „ועד חובבי ציון״ אין אָדעס
צום 25סטן יאָרטאָג זינט זיין גרינדונג,
אָדעס, 1914, ז׳ 383); „הרצל / חייו
ופעולותיו״ (פ״ל ש. שרעבערק, ווילנע,
1921); „לקסיקון ציוני / תולדות אנשי־
שם שהצטיינו על שדה הרעיון הציוני /
עם תמונותיהם״ (דערז׳ פ״ג, וואַרשע,
1924, שפּאַלטן 824); „אנשים וסופרים
(זכרונות ורשמים מימי בכורי חבת ציון
והציונות)״ (פ״ג ש. שרעבערק, 1921, ז׳
164; צ״א וועגן ר׳ אליהו גוטמאַכער,
ד״ר חיים לוריא, רבי יהודה אַלקלעי, לע־
וואַנדע און יל״ג, אברהם־יעקב סלוצקי,
יהושע אייזנשטאַדט, ברוידעס און הערצל,
טשלענאָוו, אסתר חורגין א״א); „יוצרי
הספרות העברית החדשה״ (דערז׳ פ״ג,
1922 אין 2 ט׳ — וועגן אדם הכהן, מיכה־
יוסף לעבענזאָן, קלמן שולמאַן, מ״א גינצ־
בורג־מאַפּו; יל״ג, ליליענבלום און ר״א
ברוידעס). האָט איבערגעזעצט אויף העב־
רעיִש אַ טייל פון דעם 1טן ב׳ פון „כל כתבי
ש. אַנ—סקי״ (ווילנע, 1921, ז׳ 152);
ש. שאַכנאָוויטשעס ראָמאַן „היהודים
בממלכת כוזר״ (פ״ג „אמנות״, פראַנק־
פורט־דמאַין, 1924). האָט פאַרטיק צום
דרוק: „משומדים״, ב׳ IV; „באַרימטע
יידישע פרויען״; „דריי ליטעראַרישע
דורות״, ב׳ IV; „געשיכטע פון דער יידי־
שער פּרעסע״, ב׳ II; „יוצרי הספרות
העברית החדשה״, ב׳ III און IV; די
העברעיִשע איבערז׳ פון ש. אַנ—סקיס
„חורבן גאַליציע״, יהואָשעס „פון ניו־
יאָרק ביז רחובות און צוריק״, פּראָפ׳
גרעצס פאָלקסטימליכע געשיכטע דער
יודען״, ב׳ I און II; נייע פאַרבעסערטע
אויסגאַבע פון „לקסיקון ציוני״ א״א. אין
די אַלע אַרבעטן צייכנט זיך צ׳ אויס
מיט זיין זייער לייכטן סטיל, אָפט שפּאַ־
נענדיקן האַלב בעלעטריסטישן דערציילן;
גליַיכצייטיק האָט ער אויך גרויסע פאַר־
דינסטן פאַר דער העברעיִשער און יידי־
שער ליטעראַטור־געשיכטע, פאַר דער
היסטאָריאָגראַפיע פון דער ציוניסטישער
באַוועגונג, מיט וועלכער ער איז מער
אָדער ווייניקער פאַרבונדן זינט דעם
אויפקומען פון חיבת־ציון (אַלס קאָרעס־
פּאָנדענט פון „המליץ״, „הזמן״ און „מאָ־

מענט״ זיך אויך באַטייליקט אין VI, XI און XII ציוניסטישן קאָנגרעס), בשעתו אויפגעטרעטן אַלס רעדנער אין העברעיִש און יידיש. לעצטנס פּאָרזיצער פון דעם פּאַראיין פון די יידישע ליטעראַטן און זשורנאַליסטן אין ווילנע.

„ספר זכרון״; „דור רבניו וסופריו״ IV; JE, XII; EЭ, XV; „לקסיקון ציוני״; י״ל לעוואַנדע (אונטער צוויי שטערנדלעך), אין Восходъ, 1886, VII; ש. דובנאָוו, ib 1887; צינבערג, ib, 1902, I; id, אין Евр. Вестник, 1928; א. דרויאַנאָוו, „ספר הכתבים״, ז׳ 6, 36; מרדכי בן הלל הכהן, אין ווילנער „טאָג״; ד״ר י. שאַצקי, אין „ביכער-וועלט״, 1922, I; ש. גינזבורג, אין Евр. Мысль, I; א״י גאָלדשמידט, „די יידישע פּרעסע אין ווילנע״, אין „פּנקס״ א״ר פון ז. רייזען; ש״ל צ׳, ib, „די העברעיִשע פּרעסע אין ווילנע צייט דער מלחמה״.

צייטלין אהרן (=אליעזר) י״ג סיון 1889 — ( ) געב׳ אין אוואַראָוויטשי, ווייסרוסלאַנד. עלטסטער זון פון הלל צ׳. די קינדער-יאָרן פאַרבראַכט אין האָמעל, דערנאָך אין ווילנע, זינט 1907 אין וואַרשע, וואו געענדיקט גימנאַזיע און באַזוכט אַ הויכשול. ניט געענדיקט זיין שטודיום, 1920 צוזאַמען מיט דעם ייִנגערן ברודער, אלחנן, אַוועק קיין א״י, אויפן וועג באַזוכט טשעכאָסלאָוואַקיע, אונגאַרן, יוגאָסלאַוויע, סוף 1921 זיך צוריקגעקערט פון א״י, איבער פראַנקרייך קיין פוילן. — נאָך אַלס ייִנגל פון 11 יאָר זיך געדרוקט אין העברעיִשע קינדער-זשורנאַלן, האָט צ׳ אין יידיש דעביוטירט מיט אַ קבלה-זאַך „די מטרוניתא (אויף אַ מאָטיוו פון ר׳ חיים וויטאַל)״ — אין דער „יודישער וועלט״, 1914, IV, א״ר פון ש. ניגער. שפּעטער זיך באַטייליקט אין פאַרשיידענע יידישע און העברעיִשע אויסגאַבן מיט לידער און פּאָעמען, אַרטיקלען און עסייען דערהויפּט אויף ליטעראַרישע טעמעס, רעצענזיעס, סאַטירישע לידער, פּאַמפלעטן אאַז״וו. אויך א״פ, צ״אַ אין „ביכער-וועלט״ 1923—24 („דאָס העברעיִשע בוך און דער העברעיִשער לעזער״, וועגן בער האָראָוויץ, נסתר), „ליטעראַרישע בלעטער״ („העברעיִשע ליטעראַטור״, ג. שאָפּמאַן, א. נ. גנעסין, „מוסאָלינישער פוטוריזם״, „וואַריאַציעס, אויף דער טעמע טאַלאַנט״, „געטע, דאָקטאָר פויסט און דאָקטאָר מאַניאַנוס״, „דער הספד איבערן בוך״, יאַקאָב בעהמע, פּאָלעמיק מיט משה גראָס, סטעפאַן זשעראָמסקי, „ראַציאָנאַליזם אין אייראָפּע און ביי אונז״ אאַז״וו), „התקופה״ (שירים, שטודיעס וועגן דעם סימבאָל אין דער קונסט, וועגן פּערז, אַ גרעסערע אַרבעט וועגן בייראָנען אאַז״וו), „השלח״ (ירושלים 1921—אַ גרויסע מיסטישע פּאָעמע „יונה בן אמתי״), אין „בליץ״ א״ר פון הלל צ׳ (פּאַמפלעט אויף אורי-צבי גרינבערגן) אאַז״וו. האָט אַרויסגעגעבן אַ אילוסטרירטע מאָנאַטשריפט פאַר קינדער „שבלים״, וואַרשע 1924 (מיט אַ יאָר פריער געגרינדעט אַלס וואָכנבלאַט א״ר פון א״ל יאַקובאָוויטש), איבערגעזעצט אויף העברעיִש סעטאָן טאָמפּסאָנס „מזמור הרחוב״ (ווילנע 1922, ז׳ 20), אויפגעטרעטן מיט רעפעראַטן אויף מיסטיש-פילאָסאָפישע טעמעס. זינט האַרבסט 1926 איינער פון די הויפּט-מיטאַרבעטער און רעדאַקטאָר פון דער ליטעראַרישער אָפּטיילונג פון דעם טאָגבלאַט „אונזער (צוערשט — „וואַרשעווער) עקספּרעס״, וואו אַחוץ אַרטיקלען, לידער (צ״אַ איבערזעצונגען פון יוליוס סלאָוואַצקי), פאַרשיידענע זשורנאַליסטישע אַרבעטן פאַרעפנטלעכט אַ סעריע ליריש-פילאָסאָפישע עסייען א״ט „אַזוי האָט געזאָגט דער רבי ר׳ בונם״

(זינט האַרבסט 1927). פון צ׳ס גרעסערע
בעלעטריסטישע ווערק האָט אַ באַזונדערע
אויפמערקזאַמקייט אַרויסגערופן זיין אַפּאָ=
קאַליפּטישע פּאָעמע „מטטרון" (פ״ג „אַלט=
יונג", וואַרשע, 1922, מיט אַ באַגייס=
טערטער הקדמה פון העברעיִשן קריטיקער
א. ד. פרידמאַן), אין וועלכער ער פּרוּווט
פאַראייניקן די מאָדערנע קונסטפאָרמען
און מאָטיוון מיט דער אידעען=וועלט פון
דער יידישער מיסטיק, זוכנדיק אין דער
קבלה דעם וועג צו אַ יידישער קונסט,
וועלכע זאָל גלייכצייטיק זיין אי אוניווער=
סאַל אי ספּעציפיש יידיש. שטרעבנדיק
איבערצוגעבן אָביעקטיוו זוהרישע אויפ=
פאַסונגען אין מאָדערנע דיכטערישע פאָר=
מען, פּרוּווט צ׳ אין „מטטרון" לויט דער
אָנשויונג פון זהר צו משפטן הן די ווייטע
פאַרגאַנגענהייט הן די צאַפּלדיקע געגנ=
וואַרט, צו ענטפערן אויף די אַקטועלע
פּראָבלעמען אויס דעם שטאַנדפּונקט פון
דעם מַטַטרוניִשן, פון דעם געטלעך=
אַקטיוון אין דער געשיכטע. פון זיינע
לירישע לידער איז אַרויס אַ זאַמלונג א״ט
„שאָטענס אויפן שניי" (פ״ג פון דער
בעלעטריסטן=פאַראייניקונג ביים פאַראיין
פון די יידישע ליטעראַטן און זשורנאַליסטן,
וואַרשע, 1922, ז׳ 136). פון זיינע אין
בוכפאָרם נאָך ניט פאַרעפנטלעכע אַרבעטן
איז צו דערמאָנען די פראַגמענטן פון זיין
גרעסערן בוך „כתר" (אין „וואַרשעווער
אַלמאַנאַך") און די מיסטישע פּאָעמע „יוסף
דילה רינה" (אין „וואַרשעווער שריפטן"),
ווי אויך זיין דראַמע „יעקב פראַנק", וואָס
באַהאַנדלט די טראַגעדיע פון דעם פראַנ=
קיזם, אַרומנעמענדיק גלייכצייטיק די
וויכטיקסטע פּראָבלעמען פון דער מענטש=
לעכער גאולה.

ד״ר י. ב. צפור, אין „ביכער-וועלט", 1922, VI;
ש. ניגער, ib, V, און אין „טאָג"; ב. עפּעלבוים,
אין דער „פעדער", 1924, III; ב. גראַבאַרד ib, VII.

צײטלין אלחנן (15/III 1900 —
) געב׳ אין האָמעל. זון
פון הלל צ׳. יידישע לימודים געלערנט
אין דער היים, טיילווייז ביים פאָטער
און טיילווייז ביי מלמדים, 1920 גע=
ענדיקט אַ פּויליש=יידישע גימנאַזיע אין
וואַרשע, צוזאַמען מיטן ברודער אהרן
דורכגעמאַכט די רייזע קיין א״י, געווען
אַ יאָר צייט סעקרעטאַר פון דער פראַנ=
צויזיש=העברעיִשער אַליאַנס-שול אין קאָ=
לאָניע זכרון=יעקב, דאַן צוריק געקומען
קיין וואַרשע. צו יענער צייט אָנגעהויבן
זיין זשורנאַליסטישע טעטיקייט אין „מאָ=
מענט" מיט אַ סעריע רייזעבילדער פון
א״י און אונגאַרן ווי אויך מיט אַרטיקלען,
געשריבן אין „יוד", ירושלימער „התור",
אין דער פּראָווינצער פּרעסע, ווי „זאַ=
גלעמביער צייטונג", „שעדלעצער וואָכנ=
בלאַט", לעמבערגער „יידישע פאָלקס=
שטימע" א״אַ. אַלס טעטיקער מיטגליד
פון דער יידישער פאָלקספּאַרטיי (גע=
ווען פאָרזיצער פון פאָלקיסטישן יוגנט=
פאַרבאַנד „פּרץ" און פון פאָלקיסטיש=
אַקאַדעמישן „יוגנט=פאַרבאַנד", שפּעטער —
אַ געוויסע צייט גענעראַל=סעקרעטאַר פון
צענטראַלראַט פון דער פ״פ און פאָרזי=
צער פון איר וואַרשעווער ראַט, גרינדער
פון דער נאַציאָנאַל = סאָציאַליסטישער
פראַקציע ביי דער פ״פ) זיך באַטייליקט אין
איר אָרגאַן „דאָס פאָלק", רעדאַקטירט אַ
זמ״ב „פאַרן פאָלק" (1923), אַ זמ״ה „דאָס
גרינע בלאַט", דאָס וואָכנבלאַט פאַר
עמיגראַציע=ענינים „דער וואַנדערער",
זיך אויך באַטייליקט אין דעם וואָכנ=
בלאַט „דער בליק" א״פ ד״ר ח. שטאַרקער,
דער „אילוסטרירטער וואָך", „ליט׳ בלע=
טער", „וואַרשעווער שריפטן", געווען
רעדאַקטאָר פון דער וואַרשעווער כראָניק
אין „מאָמענט", גענעראַל-סעקרעטאַר פון
דער וואַרשעווער „טאָז" (געזעלשאַפט

אָפּצוהיטן דאָס געזונט פון דער יידי-
שער באַפעלקערונג), זינט האַרבסט 1926
איינער פון די הויפּטמיטאַרבעטער פון
דעם טאָגבלאַט אונזער „לכתחילה "וואַר-
שעווער) עקספּרעס", וואו ער שרייבט
פאַרשיידענע זשורנאַליסטישע אַרטיקלען,
טעאַטער-רעצענזיעס אדג"ל. אין בראָ-
שורפאָרם אַרויסגעגעבן „דאָס ציוניסטי-
שע ארץ-ישראל / אין ליכט פון פערזענ-
ליכע באָאַבאַכטונגען" (פ"ג „קולטור-
פאָנד", 1922, ז' 32) — אַ שאַרפע קריטיק
פון דער ציוניסטישער טעטיקייט אין א"י.

ציטלין הלל (1872 —)
געב' אין קאָרמע, מאָהליעווער גוב', אין
אַ אָנגעזעענער פאַרמעגלעכער פאַמיליע.
זיין פאָטער, אַ למדן מופלג, איז אין
דער יוגנט געווען



אַ מלמד, דער-
נאָך אַ סוחר,
אָבער צוליב זיין
תמימות און גוטס-
קייט גיך אַראָפּ
פון מעמד. אויפ-
געצויגן געוואָרן
אין דער חסידיש-
לומדישער סביבה פון דעם קליינעם
שטעטל, אונטער די איינדרוקן פון דער
מוטערס מוסר-ספרים און די חסידישע
מעשיות, וואָס פלעגן דערציילט ווערן
אין דער משפחה, איז צ' פון 5 ביז 12
יאָר געגאַנגען אין חדר, געלערנט גמרא
און פוסקים, דערנאָך אָנגעהויבן צו לער-
נען אונטער דער השגחה פון זיין פאָטער
און שפּעטער פאַר זיך אין בית-מדרש
אין פאַרשיידענע שטעט פון דער ליטע,
אַדאַנק זיינע גרויסע כשרונות, דער-
הויפּט — דעם זעלטענעם זכרון, געשמט
אַלס „קאָרמער עילוי". שלינגענדיק דאָר-
שטיק יעדן ספר, וואָס איז אים געקומען
אונטער דער האַנט, איז ער נאָך יינגל-
ווייז געוואָרן אַ גרויסער בקי אויך אין
דרוש, קבלה, חקירה און מוסר-ספרים.
צו 13 יאָר האָט ער איבערגעלעבט אַ
קורצן פעריאָד פון ורויסן רעליגיעזן
עקסטאַז, אָבער צו דער צייט הייבט זיך אָן
זיין באַקאַנטשאַפט מיט דער העברעישער
ליטעראַטור, וואָס האָט אָנגעמאַכט אַ גאַנ-
צע איבערקערעניש אין זיין רעליגיעזער
וועלטאַנשויונג. באַזונדערס שטאַרק גע-
ווירקט אויף אים האָט ברוידעסעס „הדת
והחיים", נאָר דאָס טיפע רעליגיעזע געפיל
האָט פיל-ווייניק אָפּגעשוואַכט די השפעה
פון די נייע אַפּיקורסישע אידעען. צו
15 יאָר האָט צ' פּלוצלונג דערוואַכט
פון זיינע שטילע יוגנט-חלומות און גע-
מוזט דערקענען דאָס לעבן פנים אל
פנים. זיין פאָטער האָט פאַרלוירן זיין
גאַנצן פאַרמעגן און איז קראַנק געוואָרן
אויף אַ שווערער און פאַרצויגענער
קראַנקהייט, פון וועלכער ער איז גע-
שטאָרבן, און פון 16 יאָר אָן האָט
צ' זיך אָנגעהויבן צו באַשעפטיקן מיט
לערעריי אין פאַרשיידענע שטעטלעך
און ישובים, אַזוי אַז אין משך פון 8 יאָר
איז אים אויסגעקומען איבערצוזיין אויף
16 ערטער. פון 18 יאָר אָן האָט ער זיך
אָנגעהויבן ערנסט אָפּצוגעבן מיט אַלגע-
מיינע לימודים און זעלבסטבילדונג, האָט
שטודירט נאַטורוויסנשאַפט און דאַן אַרי-
בער צום שטודיום פון דער מעטאַפיזישער
שיטה אין דער פילאָסאָפיע. אַ באַזונדערס
טיפן איינפלוס האָט געהאַט אויף אים שפּי-
נאָזע, וואָס זיין פאַנטעיזם איז נאָענט צו
די חסידישע אַנשויונגען. אָנהייב די 90קער
יאָרן האָט צ' זיך באַזעצט אין האָמעל, וואו
ער האָט זיך באַשעפטיקט מיט העברעישע
לעקציעס. דאָ אין האָמעל, וואָס איז
דאַן געווען אַ צענטער פון די נייע
יידיש-דעמאָקראַטישע באַוועגונגען, האָט
ער זיך דערנעענטערט צו דעם קריי-

יידישע אינטעליגענץ, צו וועלכן עס האָבן אויך געהערט י"ח ברענער, אנכי, גנעסין א"אַ, און דאָס האָט געהאַט אַ דעצידירנדיקע ווירקונג אויף צ׳ס אַנטוויקלונג. ער האָט זיך אָנגעהויבן צו אינטערעסירן מיט געזעלשאַפטלעכע פראַגן, וואָס ס׳האָט אים אָפּגעצויגן פון דער מעטאַפיזיק און דערנעענטערט צום פּאָזיטיוויזם פון די ענגלישע דענקער ספּענסער, דאַרווין, מילל און צו דער רוסישער אידעאַליסטישער ליטעראַטור. צו דער צייט געהערט דער אָנהייב פון זיין ליטעראַרישער טעטיקייט. דעביוטירט האָט ער מיט אַן אָפּהאַנדלונג „הטוב והרע", וואו ער באַהאַנדלט די פּראָבלעמען פון אָפּטימיזם און פּעסימיזם אין דער געשיכטע פון דער פילאָסאָפיע (אין „השלח"); מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער האָט ער פאַרעפנטלעכט זיינע מאָנאָגראַפיעס וועגן ברוך שפּינאָזע (פ"ג „תושיה" 1900) און וועגן ניצשען (אין די חודשביכער פון „הזמן"). דאַן האָט ער אויך אָנגעהויבן צו נעמען אַן אַקטיוון אָנטייל אין דער ציוניסטישער באַוועגונג און איז געוועזן דעלעגאַט פון האָמעל אויפן פינפטן קאָנגרעס. זיין שפּעטערדיקע אומצופרידנקייט מיט די פאָרשטייער פון ציוניזם האָט געפונען אַ שאַרפן אויסדרוק אין אַ ריי אַרטיקלען אין פרישמאַנס „הדור", ווי „הרהורים" און „מכתבי אחד הצעירים"; געשריבן אין אַ שיינער בילדלעכער שפּראַך און דורכגעדרונגען מיט אַ טיפן אויפריכטיקן געפיל, האָבן זיי געמאַכט אַ רושם און אַרויסגערוקט צ׳ן. וואוינענדיק אין די יאָרן 1902—5 אין ראָסלאַוול, סמאָלענסקער גוב׳, האָט ער זיך באַטייליקט אין פאַרשיידענע העברעישע צייטשריפטן. אונטערן איינדרוק פון דעם קעשעניעווער פּאָגראָם און אין צוזאַמענהאַנג מיטן אוגאַנדע־פּראָיעקט איז ער געוואָרן אַן איבערצייגטער אָנהענגער פון טעריטאָריאַליזם און אָנפירנדיק די שאַרפסטע פּאָלעמיק קעגן די ציוני ציון, האָט ער אַגיטירט פאַר אים אין אַ לאַנגער ריי אַרטיקלען אין „הזמן", פון וועלכן ער איז געווען אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער, נאָכדעם ווי ער האָט זיך באַזעצט אין ווילנע. אונטער דער דירעקטער ווירקונג פון אברהם רייזען האָט ער אין ווילנע אָנגעהויבן צו שרייבן יידיש, דעביוטירנדיק מיט אַ סעריע ליריש־פילאָסאָפישע אַרטיקלען א"ט „די בענקשאַפט נאָך שענהייט" אין „דאָס יודישע פאָלק" 1906. נאָך דער צייטווייליקער אָפּשטעלונג פון „הזמן" 1906 איז ער איינגעלאַדן געוואָרן פון ש"י יאַצקאַן קיין וואַרשע אַלס רעדאַקטאָר פון „דעם אידישען וואָכענבלאַט", וואו ער האָט אין זיין בשעתו באַרימטער סעריע „ערנסטע שמועסן" ווייטער ממשיך געווען די אין „הזמן" אָנגעהויבענע בייזע מלחמה קעגן דער רעוואָלוציע און בפרט קעגן די יידישע לינקע פּאַרטייען, וועלכע צעברעקלען, לויט זיין מיינונג, און שוואַכן אָפּ די קרעפטן פון פאָלק. הגם ער האָט נאָך פון צייט צו צייט פאַרעפנטלעכט אַרטיקלען און עסייען אין העברעיש, אָבער דער עיקר איז ביי אים זינט דאַן געוואָרן די פּובליציסטישע טעטיקייט אין יידיש, דורך וועלכער ער האָט געזוכט צו קעמפן קעגן די אַסימילאַטאָרישע און אַנטירעליגיעזע טענדענצן פון דער יידישער גאַס און אויפקלערן איר די יידיש־רעליגיעזע אָנשויונג אין צוזאַמענהאַנג מיט די מאָדערנע אידעען. באַזונדערס האָבן אים דעם פּרט זיך אויסגעצייכנט זיינע „בריוועלעך צו דער אידישער יוגענד"—אין „היינט", פון וועלכער צייטונג ער איז געווען אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער אין

משך פון די ערשטע 3 יאָר פון איר ערשיינען. ביי דער גרינדונג פון „מאָמענט" (סוף 1910) איז ער אַריבער אין דעם דאָזיקן באַלעבאַטיש-יידישלעכן אָרגאַן, וואו ער איז עד-היום איינער פון די הויפט-מיטאַרבעטער און שרייבט צוויי מאָל אַ וואָך אַרטיקלען איבער די פאַרשיידנסטע ענינים, דערהויפט אויף יידישע, געזעלשאַפטלעך-קולטורעלע און ליטעראַרישע טעמעס, קריטישע אָפּהאַנדלונגען וועגן יידישע און העברעיִשע ביכער און רעליגיעזע ספרים. דעם גרויסן נאָמען ביי דעם קאָנסערוואַטיוו געשטימטן יידישן בירגערלעכן עולם פון פוילן, בפרט די ערשטע יאָרן פון זיין טעטיקייט אין וואַרשע, האָט אים אָבער געמאַכט זיין ניט גאַנץ באַשטימטע, אָבער הייסע רעליגיעז-נאַציאָנאַלע פּראָפּאַגאַנדע און זיין ניט שטענדיק אָביעקטיווע און טאַקטפולע, אָבער טעמפּעראַמענטפולע און שאַרפע פּאָלעמיק מיט די קעגנערס פון זיינע אידעען. און הגם אָביעקטיוו האָט צ'ס פּובליציסטישע טעטיקייט געשפּילט און שפּילט צום טייל אויך איצט די ראָלע פון אַ פאַקטאָר, וועלכער האָט מיטגעווירקט אין אַ געוויסער מאָס צו פאַרשטאַרקן רעאַקציאָנערע שטימונגען אין דער יידישער געזעלשאַפט פון פוילן, האָט ער אָבער דעם פאַרדינסט פון אַריינברענגען אין דער יידישער ליטעראַטור די טיפסטע פּראָבלעמען פון רעליגיעזן דענקען און פילן, באַהאַנדלט אויף אַ פּאָפּולערן אופן, אָפט אין אַ זייער האַרציקן טאָן. צ' האָט זיך אויך באַטייליקט אין פאַרשיידענע יידישע און העברעיִשע זשורנאַלן און זמ"ה, ווי „יודישע יוגענד", „הערבסט", „ביי-צייט", „בייע הימלען" א"אַ. האָט אַליין זינט 1918 אַרויסגעגעבן אייניקע ה' פון „הלל צייטלינס בלעטלעך" און בשעת דער שאַרפער וואַל-קאַמפּאַניע צום סיים 1922 אַ וואָכנבלאַט „דער בליץ", וואו ער האָט באַקעמפט דעם בלאָק פון די ציוניסטן און דער אגודה, שטייענדיק נעענטער צו דער פאָלקספּאַרטיי. שפּעטער אָבער, מיט דער פאַרשטאַרקונג פון די ציוניסטישע שטימונגען, האָט ער זיך ווידער דערנעענטערט צום ציוניזם, וועלכן ער זוכט צו פאַרבינדן מיט דער רעליגיעזער אויפלעבונג פון פאָלק, הגם ער מאַכט ניט מיט די אָפיציעלע באַוועגונג און טרעט אויך אַרויס קעגן דעם ציוניסטיש-אַסימילאַטאָרישן העברעיִזם, זייענדיק אַ איבערצייגטער אָנהענגער פון דער יידישער שפּראַך. געקוקט לכתחילה אויף יידיש בלויז ווי אויף אַ מיטל אויפצוקלערן דאָס פאָלק, האָט ער באַלד אָבער איינגעזען איר גרויסע נאַציאָנאַלע באַדייטונג און פון דעם שטאַנדפּונקט באַטראַכט די שפּראַכפראַגע, צוערשט אין דער סעריע אַרטיקלען א"ט „אַנ'אמת וועגן העברעאיש און אידיש" אין „היינט" און שפּעטער אין אַ גאַנצער ריי אַרטיקלען אין „מאָמענט". פון צ'ס אַרבעטן סיי אויף יידיש סיי אין העברעיִש, וואָס מאַכן אויס צענדלינגער בענד, איז אין בוכפאָרם אַרויס גאָר אַ קליינער טייל, היינו: „דאָס פּראָבלעם פון גוטס און שלעכטס ביי יודען און אַנדערע פעלקער (פילאָזאָפיש-היסטאָרישע אָבהאַנדלונג"), א"ר פון אַוטאָר איבערז' פון ב. קאַרלינסקי (פ"ג „וועלט-ביבליאָטעק" פון ב. שימין, וואַרשע, 1911, ז' 246) ; „שריפטען" (דערזי' פ"ג, 1910, I בוך ז' 164), אַנטהאַלט די אָפּהאַנדלונגען „די בענקשאַפט נאָך שיינהייט", „די פרוי ביי יודען", „רבי נחמן (בראַצלאַוועער) — זיין וועלט-אַנשויאונג", אויך אייניקע פון זיינע ליריש-פילאָסאָפישע און בעלעטריסטישע עסייען („אַ

רחמנות אויפ'ן אַלטען גאָט", מיין שטעד־
טיל", "די אינערליכע וועלט", "גע־
דאַנקען־בילדער", יוסף נע־ונד'ניק" —
פראַגמענט פון אַ ערציילונג, "אונזער
אידעאַל" און אייניקע פראַגמענטן פון
זיינע "ערנסטע שמועסען"; "דער אלף־
בית פון יודענטום" (פ"ג אַלט־יונג",
וואַרשע, 1922, I ב' ז' 213), וואו צ'
שטרעבט צו געבן די יידישע וועלט־
אַנשויונג, באַטראַכטנדיק דערביי "פיל
ענינים אי פון דער יידישער טעאָלאָגיע,
אי פון דער יידישער תורה אין ברייטערן
זין פון דעם וואָרט, אי פון דער פילאָ־
זאָפיע פון דער יידישער רעליגיע, אי
פון דער פילאָזאָפיע פון דער יידישער
געשיכטע, אי פון פאַרשיידנסטע צווייגן
פון דער יידישער עטיק, פון דער יידי־
שער יוריספּרודענץ וכדומה, אי פון קבלה,
אי פון חסידות, אי פון אַלע אַנדערע
צווייגן פון דער יידישער וויסנשאַפט";
"חסידות" ("בייער פ"ג", וואַרשע, 1922,
ז' 165), וואו צ' פרווט געבן ניט קיין
בילדער פון חסידישן לעבן און ניט קיין
אָפּהאַנדלונגען וועגן חסידות, נאָר "חסידי־
שע געדאַנקען און איבערלעבונגען אין
ריין חסידישן לבוש", פאַרחסידישנדיק
דערביי די מאָדערנע פילאָסאָפישע אָדער
קינסטלערישע אויסדרוקן; אין אַ ריי
קאַפּיטלען פון דעם בוך ברענגט ער
ווערטלעכע איבערזעצונגען פון חסידישע
ספרים און גיט איבער חסידישע שמועסן
אויף יידיש, אַנדערע קאַפּיטלען ווידער
באַשטייען פון קאָמענטאַרן אויף חסידות
און אויסטייטשונגען פון די בילדער און
סימבאָלן פון דער חסידישער ליטעראַ־
טור; "רבי נחמן מברסלב / חייו ותורתו /
ספר ראשון" (פ"ג "ספרות", וואַרשע,
1910, ז' 48); "רבי ישראל בעל שם
טוב" (וואַרשע, 1911, ז' 27); "כתבים
נבחרים / עם תמונת המחבר ותולדותיו
על ידי יעקב פיכמאַן" (פ"ג "תושיה",
1911, ז' XI+144); "דבר לעמים" (1928).
צ' האָט אויך זיך באַטייליקט אין דער
יידישער אויסגאַבע פון גרעצס "יודי־
שער געשיכטע" (פ"ג ב. שימין, 1913),
צוזאַמען מיט ש"י סטופּניצקי געווען
אַלגעמיינער רעדאַקטאָר פון דעם "ערשט
יודיש ענציקלאָפּעדיש ווערטער־בוך",
צוזאַמענגעשטעלט דורך ד. קאַסעל,
ב. קאַרלינער א"אַ (פ"ג "האַנדביכער",
וואַרשע, 1917, I ה'—140 קליינע שפּאַלטן;
די איבעריקע 2 ערשינענע ה' זיינען שוין
צוזאַמענגעשטעלט פון אַ. י. טריוואַקס).
פון זיינע אַרבעטן, וואָס זיינען נאָך
ניט פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין בוכ־
פאָרם, איז צו פאַרצייכענען: "דער אַל־
טער רבי" — אויספירלעכע מאָנאָגראַפיע
וועגן ר' שניאור־זלמן (אין "מאָמענט",
1912 — 13); וועגן י. ח. ברענער (ib,
מאַי — יולי, 1921; אין העברעיש — אין
"התקופה", 1921); "דער לעבענסוועג פון
ש. אַנ—סקי" (אין "אַלמאַנאַך "מאָמענט",
1921, ז' 49 — 72) און אַ ריי אַרטיקלען
וועגן אַנ—סקיס "דיבוק" אין די פאַר־
שיידענע אויפפירונגען (אין "מאָמענט");
"יודיש אין רעליגיעז־נאַציאָנאַלען בע־
וואוסטזיין פון פאָלק" (ib, 1916—17);
אַ גאַנצע ריי אַרבעטן וועגן דער יידישער
מיסטיק און זוהר אין "התקופה" ("קדמת
המסתרין בישראל", V; "מפתח לספר
הזהר", IX—VI; "על הכמוס והנעלם",
XI) אאַז"וו. נאָך ניט פאַרעפנטלעכט
איז זיין רעליגיעז־פילאָסאָפיש און דיכ־
טעריש ווערק א"ט "וואָס עס לעבט און
זינגט אין מיר". איינע פון זיינע לעצטע
אַרבעטן איז זיין ענטפער אויף דוד
איינהאָרנס אָפּהאַנדלונג קעגן דער יידי־
שער אָרטאָדאָקסיע (אין איינהאָרנס חודש־
זשורנאַל "די עפּאָכע", פּאַריז, 1928, I) א"ט
"זיבעצן זינד פון דער אָרטאָדאָקסיע" און

זיבעץ און זיבעציק זינד פון דער פריידענקעריי" (אין „מאָמענט", מערץ, 1928). האָט אויך געשריבן א"פ עממי. טרעט אויך אויף אַלס לעקטאָר; זיך באַטייליקט אין דער אַרבעט פון „פאַראיין פון די יידישע ליטעראַטן און זשורנאַליסטן" אין וואַרשע אַלס מערמאַליקער פאַרוואַלטונגס-מיטגליד, געפּרוּווט אָרגאַניזירן אַ פּאַרטיי פון „אומפּאַרטייאישע" יידן צו באַקעמפן דעם פּאַרטיי-קאַמף אויף דער יידישער גאַס; לערנט, שוין אין משך פון יאָרן, די חסידישע, בפרט חבדישע שיטה מיט זיינע יונגע אָנהענגער, וואָס קומען צו אים פון וואַרשע און דער פּראָווינץ אַלס צו דעם בולטסטן פאַרטרעטער פון חסידות אין דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור.

EЭ, XV; פּ. ליאַכאָווער, אין „רשפים", ב' תרע"ד; id, אין „התקופה", XII; ש. ערנסט, „משורר החסידות", אין „העברי", תרפ"א, ל"ח, און אין Jüd. Rundschau פון 7/VIII 1921; ש. ניגער, אין „דער יודישער וועלט", 1913, I, ז' 131—135; id, „הלל צ'ס „חסידות", אין „טאָג" (איבערגעדרוקט אין „ביכער-וועלט", 1923, V); „צום 25-יעהריגען יובילעאום פון הלל צ"", אַרטיקלען פון נח פּרילוצקי, ד"ר א. גליקסמאַן, י"ח זאַגאַראַדסקי, אין „מאָמענט" פון 10/VI 1921, אויך אַ ריי אַרטיקלען צו יענער צייט אין פאַרשיידענע אַנדערע צייטשריפטן, ווי פון ש. טשערנאָוויטש אין „הצפירה", ב. צ—ן אין ביאַליסטאָקער „דאָס נייע לעבן", לאַזאַר קאַהאַן, אין „לאָדזשער פאָלקסבלאַט", ג. זעליקאָוויטש, אין „יידישען טאָגעבלאַט" פון 28/VI, ש. לעשצינסקי, אין זעצערס „דאָס וואָרט".

צייטלין (זאב) ווילהעלם (אַרום 1850 —) געב' אין האָמעל.

שטודירט אין בערלין (?), וואו באַקומען דעם טיטל ד"ר פילאָסאָפיע. האָט זיך באַטייליקט אין פאַרשיידענע העברעיִשע און דייטש-יידישע צייטשריפטן, ווי „השחר", „מגיד משנה", „העברי", „המליץ", „הצפירה", „המגיד" (צ"אַ אין יאָרגאַנג 1873, I — אַ רשימה פון די העברעיִשע צייטשריפטן), „כוכבי יצחק", קיניגסבערגער Jüd. Grenzbote, ח"י גורלאַנדס Евр. Календарь 1882 (אַ רשימה פון העברעיִשע און יידישע ביכער איבער לוח-קענטעניש) א"אַ. זיך קונה שם געווען מיט זיין ביבליאָגראַפישן לעקסיקאָן א"ט „קרית ספר, Bibliotheca Hebraica, Post-Mendelssohniana", לייפּציג 1891—95, וואָס נעמט אַרום די העברעיִשע ליטעראַטור פון דער מענדעלסאָן-עפּאָכע ביז 1891; וועגן דאָס רוב מחברים ווערן געבראַכט קורצע ביאָגראַפישע דאַטן; עס ווערן רעגיסטרירט ניט נאָר אַרבעטן אין בוכפאָרם, נאָר אויך גרעסערע אַרטיקלען פון צייטשריפטן; הגם יידיש ווערט אין דעם דאָזיקן לעקסיקאָן אַזוי גוט ווי איגנאָרירט, פונדעסטוועגן קען מען אים ניט אינגאַנצן אויסמיידן ביי דער לעקסיקאָגראַפיע און ביבליאָגראַפיע פון דער יידישער ליטעראַטור. וואוינענדיק אין לייפּציג, האָט צ' דערהויפּט מיטגעאַרבעט אין דער Zeitschrif für hebr. Bibliographie, וואו פאַרעפנטלעכט (1905) אַ רשימה פון 449 אַנאַגראַמען, איניציאַלן און פּס"נ פון העברעיִשע שריפטשטעלער און פּובליציסטן זינט „מאספים" א"ט „תעלומות סופרים".

ח. ד. ליפּפּא, „אסף המזכיר", I; JE, XII; EЭ, XV; „אוצר ישראל", IX, 38 (זע אויך ib, קאַליש).

ציינבערג ישראל (סערגעי) (1873 —) געב' אין אַ דאָרף צוויי קילאָמעטער פון לאַנאָוויץ, וואָלין.

זיין פאָטער, אליעזר, אַ פאַרמעגלעכער גוטספּאַקטער, איז געווען אַ הייסער משכיל, האָט געהאַלטן אַן עולם ומלואו פון שפּינאָזעס „חקר אלוה", און זיין אידעאַל איז געווען, אַז זיין געליבטער זון ישראל זאָל זיין אַ „סופר בישראל", און אים האָט עס צ' צו פאַרדאַנקען, וואָס די

העבּרעישע ליטעראַטור איז געווען זיין יוגנט-ליבע. אין חדר האָט צ׳ קיינמאָל ניט געלערנט, און דער פאָטער האָט פאַר אים און זיין עלטערן ברודער געהאַלטן

ספעציעלע לערערס. העכערע בילדונג האָט צ׳ באַקומען אין אויסלאַנד און, געענדיקט דאָס פּאָליטעכניקום אין קאַרלסרוע מיט אַ דיפּלאָם פון אינזשעניער-כעמיקער און געמאַכט דעם ד״ר-עקזאַמען אין באַזעלער אוניווערסיטעט, האָט ער זיך 1898 באַזעצט אין פּט״ב, וואו ער איז זינט אַ פּאָר צענדלינג יאָר אָנגעשטעלט אַלס שעף פון דער כעמישער לאַבאָראַטאָריע אויף איינער פון די גרעסטע אייזנבאַנפאַבריקן אין רוסלאַנד—דעם „פּוטילאָווער זאַוואָד״, אָפּגעבנדיק די גאַנצע פרייע צייט זיינע דער ליטעראַטור.—זיין ליטעראַרישע טעטיקייט האָט צ׳ אָנגעהויבן אויף יידיש מיט אַ פּאָפּולער-וויסנשאַפטלעכן ווערקל א״ט „וואָס טהוט זיך אויף דער וועלט״—וועגן כעמיע, פיזיק, געאָלאָגיע אאַז״וו (פ״ג „אַחיאסף״, קראָקע, 1899, אַלס ביילאַגע צום „יוד״). אין רוסיש האָט ער דעביוטירט מיט אַ מאָנאָגראַפיע И. Б. Левинзонъ (1900), דאַן געוואָרן אַ מיטאַרבעטער פון Восходъ, וואו זינט 1901 א״פ Z. געפירט די אָפּטיילונג „איבערזיכט פון דער יידישער פּרעסע״ און פאַרעפנטלעכט אַ גאַנצע ריי קריטישע אַרטיקלען און אָפּהאַנדלונגען איבער דער געשיכטע פון העבּרעישער און יידישער ליטעראַטור און קולטור, פון וועלכע עס איז באַזונדערס צו דערמאָנען Жаргонная литература и ея читатели (1903, III-IV)—איינע פון די ערשטע גרינדלעכערע אַרבעטן אויף דעם געביט פון יידישער ליטעראַטור-געשיכטע. אַלס הייסער אָנהענגער פון דער יידישער שפּראַך און ליטעראַטור האָט ער צו יענער צייט צוזאַמען מיט נאָך אייניקע יונגעלייט געגרינדעט אין פּט״ב אַ פ״ג פאַר יידישע פאָלקסביכער א״ט „די נייע ביבליאָטהעק״, וועלכער האָט אָבער צוליב געלטמאַנגל באַוויזן אין משך פון 1903—5 אַרויסצוגעבן בלויז אייניקע איבערגעזעצטע און אָריגינעלע ביכלעך, ווי וול׳ קאָראָלענקאָס „אגדה וועגן פלאָר אַגריפּפּאַ און מנחם בן יהודה״, דזשיאָוואַניאָליס „ספּאַרטאַק״, פּייערבערגס אַ זאַמלונג דערציילונגען, איבערז׳ פון אסתּר, א. רייזען י. י. פּראָפּוס, „דזוזעפּפּאָ גאַריבאַלדי / דער פאָלקסהעלד און באַפרייער פון איטאַליען״, איבערז׳ פון ליפּמאַן לעווין, ש. אַנ—סקיס „אשמדאי״ (שפּעטער האָט זיך דער פ״ג פאַראייניקט מיט דעם דאַן געגרינדעטן געזעלשאַפטלעכן פ״ג „קולטור״ אין מינסק אונטער דער אָנפירונג פון ד״ר לאַזאַר וויגאָדסקי). אין דער זעלבער צייט האָט צ׳ פאַרעפנטלעכט אין „פריינד״ אַ ריי אַרטיקלען א״ט „אונזערע וועכטער״, וואו ער האָט באַהאַנדלט די פראַגע וועגן די התחייבותן פון דער יידישער אינטעליגענץ צום פאָלק, און אין פּט״ב׳ער „הזמן״ האָט ער פּאָלעמיזירט אין אַ ריי אַרטיקלען מיט די קעגנערס פון דער יידישער שפּראַך. דער שפּראַכפראַגע האָט ער אויך שפּעטער געווידמעט אַ סך אַרטיקלען אין די רוסיש-יידישע צייטשריפטן, פון וועלכע ער איז געווען אַ נאָענטער מיטאַרבעטער אָדער מיטרעדאַקטאָר, ווי Свобода и Равенство (1907), Евр. Міръ (1909—10), Евр. Обозрѣніе (1910), Новый Восходъ (1910—15), Евр. Недѣля (1915—18)

א״א, באַמיענדיק זיך אונטערצושטרייכן
די גרויסע קולטור-נאַציאָנאַלע באַדייטונג
פון דער יידישער שפּראַך. אין די דאָ-
זיקע צייטשריפטן, ווי אויך אין דער
(ארויסגעגעבן Еврейская Энциклопедія
פון דער „געזעלשאַפט פאַר וויסנשאַפט-
לעכע יידישע אויסגאַבן״ און פון פ״ג
בראָקהויז-עפראָן, פּט״ב, 1907 — 14 אין
16 ב׳), וואו ער איז געווען רעדאַקטאָר
פון דער אָפּטיילונג פאַר העברעיִשער
און יידישער ליטעראַטור, האָט ער פאַר-
עפנטלעכט זייער פיל קריטישע אַרטיק-
לען איבער יידישע (און העברעיִשע)
שריפטשטעלער. אים געהערן אויך די אַל-
געמיינע אַרטיקלען איבער דער העברעיִ-
שער (זינט XVI י״ה) און דער יידישער
ליטעראַטור אין דער ЕЭ (ב׳ X, ז׳
392—373), ווי אויך דער אַרטיקל וועגן
דער אַלטער יידישער ליטעראַטור אין
דער גרויסער История Евр. Народа
(פ״ג Міръ, מאָסקווע, 1914, ב׳ XI), פון
וועלכער ער איז איז געווען מיטרע-
דאַקטאָר. אָבער צ׳ האָט זיך ניט באַנוגנט
מיט דער ראָלע פון אַ פּאָפּולאַריזאַטאָר
און אַן אָפּשאַצער פון דער העברעיִשער
און יידישער ליטעראַטור פאַר דעם רו-
סיש לייענענדיקן פּובליקום, נאָר האָט
זיך אויך פאַרנומען מיט זעלבשטענדיקער
פאָרשונגסאַרבעט אויף דעם געביט און
ביי יעדער געלעגנהייט, וואָס ער האָט
געהאַט אין דעם רוסיפיצירטן פּט״ב,
דירעקט זיך באַטייליקט אין דער יידי-
שער פּרעסע (אין העברעיִש האָט ער
געדרוקט בלויז אייניקע אַרטיקלען אין
„המליץ״ און „הזמן״). צוזאַמען מיט שאול
גינזבורג, ש. דובנאָוו, ה. ד. הורוויץ און
י. עפרען האָט ער געגרינדעט „די אי-
דישע וועלט / אַ ליטעראַריש-געזעלשאַפט-
ליכע מאָנאַטשריפט״ (פּט״ב, 1912, מערץ—
יולי), וואו ער האָט פאַרעפנטלעכט די

אַרטיקלען „דאָס בוך פון דער ערד״
(וועגן זמ״ב „יזכר״—צום אָנדענק פון די
געפאַלענע יידישע אַרבעטער פון א״י),
„איין יובל-צוויי דורות״ (צו דעם יובל
פון דער „הצפירה״ פון ח״ז סלאָנימסקי
און נ. סאָקאָלאָוו); שפּעטער, ווען דער
זשורנאַל איז אַריבערגעטראָגן געוואָרן
קיין ווילנע א״ר פון ש. ניגער, האָט ער
דאָרט צ״א פאַרעפנטלעכט די אַרטיקלען
„פּעטער שלעמיאל און זיין יובל״ (וועגן
אַדאַלבערט שאַמיסאָ און זיין ווערק,
1915, I), „צעריסען די קייט״ (וועגן י״ל
פּרץ-1915, V—IV) א״א. בשעת דער
וועלט-מלחמה האָט ער צוזאַמען מיט אַ
גרופּע יידישע שריפטשטעלער מיט ש. ני-
גער בראש געגרינדעט דעם פ״ג „דער
טאָג״, וואָס האָט 1916 אַרויסגעגעבן חודש-
העפטן, יעדעס ה׳-צוליב דעם פאַרבאָט
אויף דער יידישער פּרעסע—אונטער אַן
אַנדער נאָמען, וואו ער האָט פאַרעפנט-
לעכט אַ ריי פּובליציסטישע און ליטע-
ראַריש-קריטישע אַרטיקלען; האָט זיך
אויך באַטייליקט אין דעם אָרגאַן פון
דער פאָלקס-פּאַרטיי „דאָס פאָלקסבלאַט״
א״ר פון בעל-דמיון מיט אַן אַרטיקל וועגן
גוסטאַוו מעירינקס ראָמאַן „גולם״; צוזאַ-
מען מיט ש. ניגער רעדאַקטירט דאָס
זמ״ב „צום אָנדענק פון שלום עליכם״
(אַרויסגעגעבן דורך דעם י. ל. פּרץ-פאַנד,
וואָס ביי דער געזעלשאַפט פאַר אידישע
ליטעראַטור און קונסט, פּט״ב, 1917,
ז׳ 178). פון זיינע ליטעראַטור- און קול-
טור-היסטאָרישע אַרבעטן זיינען אין בוכ-
פאָרם אַרויס: Происхожденіе Шейлока,
(1902), Два теченія въ евр. жизни
(1905), Исаак Беръ Левинзонъ и его
Исторія еврейской און (1910) время
печати въ Россіи въ связи съ обще-
ственными теченіями (פּט״ב, 1915, ז׳
XI+264, מיט 22 בילדער, וואָס איז באַ-

שאָנקען געוואָרן מיט דער פרעמיע פון דער „יידישער היסטאָריש-עטנאָגראַפישער געזעלשאַפט" צום יובל פון דער רוסיש-יידישער פרעסע; אין דער דאָזיקער גרויסער אַרבעט, דער איינציקער אויף דעם געביט לויט איר גרינדלעכקייט און אויסשעפנדיקייט פון דער טעמע, וועלכע נעמט אַרום די געשיכטע פון דער פרעסע פון רוסלענדישן יידנטום אין העברעיש, רוסיש און יידיש (ביזן יאָר 1881), האָט צ' אויסגעניצט אַ גאַנצע ריי פון זיינע פאָראַרבעטן, וואָס זיינען פריער פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין די רוסיש-יידישע זמ"ב Пережитое (פון וועלכע ער איז געווען מיטגרינדער) און Евр. Старина, ווי אויך זיין אַרבעט אין יידיש דער „קול מבשר" און זיין צייט" (אין דער „יודישער וועלט", 1913, I—IV); אַחוץ דעם „קול מבשר" באַהאַנדלט צ' אין דעם בוך אויך די אַנדערע צייטשריפטן אין יידיש, ווי „דער בעאָבאַכטער אַן דער ווייכסעל", „וואַרשויער יודישע צייטונג" אאַז"וו, ווי אויך די ערשטע פרוּוון פון יידישע פעריאָדישע אויסגאַבן אין XVII און XVIII י"ה. פון זיינע גרעסערע אַרבעטן, וואָס זיינען ניט פאַרעפנטלעכט אין בוכפאָרם, איז צו דערמאָנען: „אַסימילאַציע", אַקאָסטאַ", אין דער ЕЭ, און זיינע לעצטע קולטור-היסטאָרישע אַרבעטן אין די זמ"ב „העבר" (1918), Евр. Старина (1918, 1924 און 1928), אין דעם לעצטן — אַ איבערזיכט איבער די נייסטע אַרבעטן פון דער יידישער עטנאָגראַפיע און פילאָלאָגיע), פון וועלכער ער איז מיט-רעדאַקטאָר צוזאַמען מיט ס. לאָזינסקי, י. קליינמאַן, מ. מאַרגאָלין מיט פראָפ' ל. שטערנבערג אַלס הויפט-רעדאַקטאָר (נאָכן טויט פון פראָפ' שטערנבערג 1927 — איז צ' אויך ממלא-מקום פון דעם פאָרזיצער פון דער יידישער היסטאָריש-עטנאָגראַפישער געזעלשאַפט אין פט"ב), Евр. Альманахъ (1922), Евр. Мысль (1923; דאָרט אַ גרויסער אַרטיקל וועגן די נייסטע יידישע דיכטער). נאָך ניט פאַרעפנטלעכט זיינען זיינע מאָנאָגראַפיעס: „עטיודן צו דער געשיכטע פון דעם יידישן טעאַטער" (אַ קאַפיטל דערפון—„די גלגולים פון אחשורש-שפיל"—געדרוקט אין „צוקונפט", 1923, I), „די אָנזאָגער פון דער יידישער אויפקלערונג אין רוסלאַנד" און זיין ריזנווערק „די געשיכטע פון דער העברעישער און יידישער ליטעראַטור", אויף וועלכער ער האָט געאַרבעט זינט 1915; דאָס ווערק איז געשריבן ספעציעל לויט די ערשטע מקורים, די געשיכטע פון דער ליטעראַטור ווערט געגעבן אויפן פאָן פון דער גאַנצער יידישער קולטור, וועלכע ווערט באַלויכטן אין ענגן צוזאַמענהאַנג מיט דער אַלגעמיינער אייראָפעישער קולטור; פון אַלע 9 ב' פון דער געשיכטע נעמען די ערשטע שוין דרוק-פאַרטיקע 4 אַרום די גאַנצע אייראָפעישע תקופה פון נאָך די גאונים (אַלזאָ „פון דעם מאָמענט אָן זינט מיר זיינען פון אַן אַזיאַטיש פאָלק געוואָרן אַן אייראָפעיש און די העגעמאָניע פון דער יידישער קולטור האָט זיך איבערגעפעקלט פון פאָדעראַזיע קיין מערב- און דרום-אייראָפע") ביז צו דער השכלה-עפאָכע, די 5 לעצטע זיינען געווידמעט דער נייער ליטעראַטור. געשריבן צוערשט אויף רוסיש, איז צ' אַרום 1923 צוגעטרעטן איבערצואַרבעטן עס אויף יידיש, און די ערשטע 5 ט' פון דעם דאָזיקן גראַנדיאָזן ווערק — דעם ערשטן פרווו פון אַ פולער ליטעראַטור-געשיכטע פון דעם יידישן פאָלק אויף יידיש — דאַרפן איינגיכן ערשיינען אין ווילנער פ"ג „טאָמאָר"

פון יוסף קאַמערמאַכער. אַ פּאָר פּראָג=
מענטן פון דער „געשיכטע" האָט ער
לעצטנס פאַרעפנטלעכט אין „ליטעראַ=
רישע בלעטער" 131 („די מקורים פון
מעשה=בוך") און די „פילאָלאָגישע שריפטן"
ב' II פון דעם יידישן וויסנשאַפטלעכן
אינסטיטוט („דער קאַמף פאַר יידיש אין
דער אַלט=יידישער ליטעראַטור").

Eə, XV.

ציפּין מנחם=מענדל (11/VII 1874—
30/XI 1925) געב' אין טשער=
ניגאָוו אין אַ באַלעבאַטישער פאַמיליע
אַלס יִינגסטער פון 13 קינדער. זיין
פאָטער חנן, אַ
וואויללערנער
און ליבאַוויטשער
חסיד, האָט אים
געגעבן אַ שטרענג
אָרטאָדאָקסישע
דערציִונג. צו 15
יאָר זיך באַקענט
מיט אַ קרייזל

סטודענטן און אַדאַנק זיי אָנגעהויבן זיך
אָפּצוגעבן מיט אַלגעמיינער בילדונג, אָנגע=
קומען אין גימנאַזיע, אָבער פון 7טן קלאַס
אויסגעשלאָסן געוואָרן פאַר אַ שטרייק.
צו 21 יאָר האָט מען אים חתונה גע=
מאַכט פאַר אַ רייכן מילנערס טאָכטער
אין יעליסאַוועטגראַד און געעפנט פאַר אים
אַ גרויסן גאַלאַנטעריי=מאַגאַזין, ער האָט
זיך אָבער מער אינטערעסירט מיט דער
רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג ווי מיט
דעם געשעפט. נאָך דעם אַטענטאַט פון
באַלמאַשאָוו 1902 געמוזט פאַרלאָזן
רוסלאַנד, זיך געגעט מיט זיין פרוי, אײַ=
בערלאָזנדיק איר זיין גאַנץ פאַרמעגן,
און אַוועק קיין אַמעריקע. געאַרבעט
אַלס שטריקער ביי סוועטערס, געהאָלפן
אָרגאַניזירן די שטריקער=יוניאָן און אַ
געוויסע צייט אַפילו געווען איר פּרעז=
זידענט. זיך באַקענט מיט ש. יאַנאָווסקין,
האָט ער אָנגעהויבן צו שרייבן סקיצן
אין דער „פ. א. ש." (שוין אין רוסלאַנד
האָט ער צו 15 יאָר געשריבן העברעיִשע
שירים, שפּעטער זיך באַטייליקט אין
רוסישע צייטונגען און זשורנאַלן, ווי
Русское Слово, Русская Мысль, אין
דער אָדעסער פּרעסע א"אַ), פאַראינ=
טערעסירט מיט זיי אַב' קאַהאַנען, וועל=
כער האָט אים איינגעלאַדן מיטצואַרבעטן
אין „פאָרווערטס", צו דער זעלבער צייט
אויך געדרוקט זיינע דערציילונגען און
סקיצן אין „פריינד" און „דאָס לעבן",
א"ר פון שאול גינזבורג. צוליב דעם
שטרייק פון די זעצער אין „פאָרווערטס"
אַלס געטרייער יוניאָן=מאַן איינגעריסן
מיטן „פאָרווערטס", מחמת שוואַכן גע=
זונט אויך געמוזט דאַן לאָזן די שטרי=
קעריי, געפּרוּווט אויך ווערן אַ צייטונגס=
פאַרקויפער, מאַטעריעל שטאַרק געליטן,
דערנאָך אַ קורצע צייט מיטגעאַרבעט
אין דער ניי=געגרינדעטער „וואַרהייט",
פון וואַנען אַלס איבערגעגעבענער אַנאַר=
כיסט אַריבער אין דעם אַנאַרכיסטישן
טאָגבלאַט „די אַבענד צייטונג", אָבער
די דאָזיקע אויסגאַבע האָט ניט געהאַט
קיין אריכת=ימים, און צ' איז 1907 אַריבער=
געפאָרן קיין פילאַדעלפיע, די ערשטע
צייט ווידער געאַרבעט אַלס שטריקער,
מיטרעדאַקטירט דאָ אַ אַנאַרכיסטיש
וואָכנבלאַט „ברויט און פרייהייט", צוליב
זיין קראַנקהייט געמוזט אָננעמען די
שטעלע פון אַ מיטאַרבעטער אין דעם
קאָנסערוואַטיוון „אידישען קוריער" פון
שיקאַגאָ א"ר פון גינזבורג, קאָרעספּאָנ=
דירט אויך אין „דער וואַרהייט". נאָך
דעם גרויסן שניידער=שטרייק אין שי=
קאַגאָ 1910 געוואונען די צייטונג פאַר
זיין שטאַנדפּונקט אין שטרייק, געוואָרן
שטאָטרעדאַקטאָר פון „קוריער" און אין

משך פון 24 וואָכן אונטערגעהאַלטן די שטרייקער, אָבער נאָך דער ליקווידאַציע פון דעם שטרייק, ווען די צייטונג האָט זיך ווידער צוריקגעצויגן פון צ׳ס ריכ־טונג, פאַרלאָזט שיקאַגאָ, אַוועק קיין נ״י, ניט צו דאַרפן ווערן ווידער אַ „האַנט״ אין דער פרעסע־געפּרוווט עפּענען אַ גע־ווועלבל, האָט אָבער ניט מצליח געווען און ביי דער גרינדונג פון „טאָג״ גע־וואָרן דאָרט אַ מיטאַרבעטער, אָבער אין 2 חדשים אַרום אַריבער אין מילערס צייטונג „דער פיהרער״, וואו ער איז געווען רעדאַקטאָר פאַר אַרבעטער־ענינים, ביז זי איז אונטערגעגאַנגען, דאַן געווען געהילפס־רעדאַקטאָר פון „פאָרטשריט״. נאָך דער פעברואַר־רעוואָלוציע מאַי 1917 צוזאַמען מיט אַ סך רוסישע עמיגראַנטן צוריקגעפאָרן קיין רוסלאַנד, פון יאַפּאָניע קאָרעספּאָנדירט קיין אַמעריקע וועגן דער שרעקלעכער לאַגע פון די אימיגראַנטן דאָרט, וואָס ס׳האָט געצוואונגען די „היאַס״ צו שיקן אַהין אירן אַ פאָרשטייער, אין וולאַדיוואָסטאָק זיך באַטייליקט אין דער רעוואָלוציאָנערער אַגיטאַציע און איז געוואָרן דאָרט איינער פון די פּאָפּו־לערסטע טוער, אָבער לאַנג דאָרט ניט געקענט פאַרבלייבן, אַוועק קיין מאָסקווע, באַרייזט דאָס לאַנד און קאָרעספּאָנדירט אין „יידישען טאַגעבלאַט״, „טאָג״, פילאַ־דעלפיער „אידישע וועלט״, „פאָרטשריט״, זייענדיק איינער פון די ערשטע צו אינפאָרמירן דעם אַמעריקאַנער עולם וועגן דער לאַגע אין ראַטנרוסלאַנד, אָבער צוליב זיין שוואַכן געזונטצושטאַנד ביי די דעמאָלטיקע שווערע פאַרהעלטענישן אין ראַטנרוסלאַנד געמוזט צוריקפאָרן קיין פילאַדעלפיע, אָנגעהויבן צו שרייבן פאַר דעם באַוואוסטן אָרגאַן The Nation וועגן די סאָוועטן, אויך פאַרן „פאָר־ווערטס״, Sowjet Russia, New Republica, The Call א״אַ, געוואָרן טעטיק אין דער קאָמוניסטישער באַוועגונג און אַריין אַלס מיטאַרבעטער אין דער „פרייהייט״, פרילינג 1925 אַוועק ווידער קיין רוס־לאַנד דאָרט צו פאַרבלייבן, זיך באַזעצט אין אָדעס, וואו ער האָט פאַרנומען אַ סאָוועטישן פּאָסטן, אָבער זיין שווערע קראַנקהייט, דער קרעבס, האָט שוין צו יענער צייט אינגאַנצן אונטערגעגראָבן זיין געזונט. ער איז צוריקגעקומען קיין נ״י, וואו ער איז אין עטלעכע וואָכן אַרום געשטאָרבן אין שטאָטישן שפּיטאָל. צ׳ האָט איבערגעלאָזט אין כתב־יד ביז 20 טעאַטערשטיק. אַן אויסוואַל פון זיינע סקיצן און דערציילונגען ווערט צוגע־גרייט צום אַרויסגעבן דורך דעם פ״ג „פרייהייט״.

נעקראָלאָג־אַרטיקלען אין דער יידישער פרעסע; פּריוואַטע מיטטיילונגען פון זיין אלמנה.

צירלסאָן יהודה־לייב (23/XII 1859—) געב׳ אין קאָזעליץ, טשער־ניגאָווער גוב׳. דערצויגן אויף ש״ס און פוסקים, האָט ער אַדאַנק זיינע גרויסע פעיִקייטן אויך באַהערשט אייניקע אײ־ראָפּעיִשע שפּראַכן און צו 20 יאָר אויס־געוויילט געוואָרן אַלס רב אין פרילוק, 1895 אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען אויף ראַבינער, אין 1907 באַקומען אויך די ראַבינערשטעלע אין פרילוק, 1909 איינגע־לאַדן געוואָרן אַלס אַב־בית־דין און ראַ־בינער קיין קעשעניעוו, וועלכע התמנות ער פירט אויס ביזן היינטיקן טאָג. 1910 איז ער באַשטימט געוואָרן אַלס פאָרזי־צער פון דער רבנים־קאָמיסיע — דעם העכסטן אָפיציעל אָנערקענטן אָרגאַן פאַר די רעליגיעז־יידישע ענינים ביי דער צאַרישער מאַכט. 1911 בשעת דעם ביילים־פּראָצעס האָט צ׳ אַלס באַפול־מעכטיקטער פון 318 רבנים אָפּגעדרוקט אין דער רוסישער פרעסע אַ פּראָטעסט

קעגן דעם עלילת־דם. לויט דער באַ־
פולמעכטיקונג פון דער רבנים־קאָמיסיע
האָט ער צוגעשטעלט דעם מיניסטעריום
פאַר אינעווייניקסטע ענינים אַ קאָמפּ־
לעקס פון יידישע נעמען (איבער 7000),
כדי אַריינצוברענגען אַ סדר ביים פאַר־
רעגיסטרירן יידישע נעמען אין אָפיציעלע
דאָקומענטן. ביי דעם 300־יעריקן יובילײ
פון דער ראָמאַנאָוו־דינאַסטיע האָט ער
צוזאַמען מיט אַ דעפּוטאַציע פון 12 פער־
זאָן באַגריסט אין צאַרישן פּאַלאַץ ניקאָ־
לאַי II, פון וועלכן ער האָט אַגב באַ־
קומען צו פאַרשיידענע צייטן מעדאַילן
און דעם טיטל „פּערזענלעכער ערנ־
בירגער". זינט דעם אויסבראָך פון דער
וועלט־מלחמה פיל געאַרבעט פאַר די
מלחמה־געליטענע און היימלאָזע, וועלכע
טעטיקייט ער האָט אויך אָנגעפירט שפּע־
טער אונטער דער רומענישער ממשלה
דורך זיין שתדלנות ביי די פאַרשיידענע
רומענישע פרעמיערן, איז פון קיניג פער־
דינאַנד באַערט געוואָרן מיט אָרדנס,
דורך זיין טעטיקייט און פאַרבינדונגען
פאַקטיש געוואָרן דער רב הכולל פון
גאַנץ בעסאַראַביע, אַרויסרופנדיק אָפט
קעגן זיך די ראַדיקאַלערע יידישע גע־
זעלשאַפטלעכקייט. 1922 אויסגעוויילט
געוואָרן אַלס דעפּוטאַט אין רומענישן
פאַרלאַמענט, וואו ער איז אַלס גוטער
רעדנער אייניקע מאָל אויפגעטרעטן מיט
רעדעס אין רומעניש וועגן דער יידישער
לאַגע, צ"א אויך פאַר העברעיִש און
יידיש אַלס די אונטערריכטס־שפּראַכן
פון די יידישע שולן. 1926 אויסגעוויילט
געוואָרן פון קעשעניעוו אַלס סענאַטאָר.
ווען דער סענאַט האָט אומגעזעצלעך
באַשטימט ניט צו פאַרעפנטלעכן זיין
רעדע פון 25/XI 1926 קעגן דעם רו־
מענישן אַנטיסעמיטיזם אין דעם אָפיצי־
עלן רעגירונגס־אָרגאַן, האָט צ' דעמיסי־
אָנירט פון זיין סענאַטאָרשאַפט.—איינער
פון די אָנגעזעענסטע אַוטאָריטעטן ביי
דער יידישער אָרטאָדאָקסיע, שטייט צ'
אין אַ קאָרעספּאָנדענץ מיט דער רבנישער
וועלט וועגן רעליגיעזע ענינים, איז לי־
דער פון דער „אגודת ישראל" אין בע־
סאַראַביע, געווען פרעזידענט פון דער
„כנסיה גדולה" אין ווין אאז"וו, האָט
1920 געגרינדעט אין קעשעניעוו אַ
אָרטאָדאָקסיש־העברעיִסטישע גימנאַזיע
אאז"וו.—צ' האָט געדרוקט מאמרים אין
פאַרשיידענע העברעיִשע צייטונגען, ווי
„המגיד", „השבוע", „המליץ", „הזמן",
„הפלס", „הצפירה" און „הפסגה", אַרויס־
געגעבן צוויי ספרים שאלות־ותשובות,
„גבול יהודה" און „עצי לבנון", אַ זאַמ־
לונג מאמרים און שירים „דרך סלולה",
בראָשורן אין רוסיש, „די רוסיש־יאַפּאַ־
נישע מלחמה" און „די אַנאַליזירונג פון
זייפנבלאָזן"—אַ פּאָלעמיש ווערק. אויף
יידיש האָט ער געדרוקט מאמרים אין
וואַרשעווער אָרטאָדאָקסישן טאָגבלאַט
„דער יוד", די קעשעניעווער צייטונגען
„דער מאָרגן", „דער איד" און „אונזער
צייט", ווי אויך פאַרעפנטלעכט די בראָ־
שורן „געגנוג שלאָפן"—לטובת דעם הערצל־
וואַלד, „הילף פאַר הילף" — לטובת די
ארץ־ישראלדיקע אתרוגים, „קול קורא"—
פאַר דער אגודת ישראל און „לא זו
הדרך" — וועגן דעם מאָרד פון פּראָפ'
ישראל דע־האַן. ער האָט אַ געוויסע צייט
אויך אַרויסגעגעבן אין קעשעניעוו אַן אָר־
טאָדאָקסיש וואָכנבלאַט א"ט „דער פונק".

EЭ, XV; „ביבליאָטעק אידישע וויסענשאַפט", יאַס, 1922, 58 (פּראָטעסט פון די בעסאַראַבער רבנים קעגן די אָנפאַלן פון דער קעשעניעווער „אונזער צייט" אויף צ'ן); ib, 1926, 96 (צ'ס רעדע וועגן העברעיִש און יידיש ביים דעבאַטירן אין רומענישן פאַרלאַמענט דעם געזעץ־פּראָיעקט וועגן פּריוואַטע שולן); איש פלוני (שמואל שוועמער), „אונזערע גדולים", ib, 1924, 66.

צע מאַקסים (25/IX 1898 —
) פּס"נ פון מנחם־מענדל
ציבולניק. געב׳ אין קיעוו. ביז 10
יאָר געלערנט אין חדר, דערנאָך אין
דער רעאַלשול, וועלכע געענדיקט צו
16 יאָר מיט אַן אויסצייכענונג, דאַן זיך
באַקענט מיט דעם באַרימטן יידישן מאָ־
לער אברהם מאַניעוויטש און אונטער זיין
ווירקונג אָנגעהויבן צו שטודירן מאָלעריי
אין קיעווער קונסטשול, זיך אויסגע־
צייכנט מיט זיינע פּייזאַזשן פון דער
קיעווער נאַטור, פּאָרטרעטן און אויך
יידישע קאָמפּאָזיציעס. צו 19 יאָר אַריינ־
געטרעטן אין מיליטער אַלס פריייוויליקער,
אָבער אין עטלעכע חדשים אַרום אַוועק
קיין אַמעריקע, געענדיקט די נאַציאָ־
נאַלע קונסט־אַקאַדעמיע אין נ"י, זיך
באַטייליקט אין קאָלעקטיווע אויסשטע־
לונגען, געהאַלטן לעקציעס איבער קונסט
אין פאַרשיידענע קלובן, ביים אַריינ־
טרעטן פון אַמעריקע אין דער וועלט־
מלחמה געפאָרן קיין קיעוו דורך יאַפּאָניע,
וואו געבליבן שטעקן אַ פּאָר יאָר, שטו־
דירנדיק די יאַפּאָנישע דעקאָראַטיווע
קונסט, נאָכן וואָפנשטילשטאַנד זיך צו־
ריקגעקערט קיין אַמעריקע, זיך באַזעצט
אין לאָס־אַנדזשעלעס, וואו געמאַכט אַ
לעבן פון מאָלן פּאָרטרעטן און לאַנד־
שאַפטן פון דער פּרעכטיקער קאַליפאָר־
ניער נאַטור, פון בערג און ימען. 1922 גע־
קומען אויף אַ באַזוך קיין נ"י, אונטער דער
ווירקונג פון אברהם רייזען אָנגעהויבן
צו שרייבן פאַר זיין זשורנאַל „ביי־
אידיש" עסייען וועגן קונסט און קינסט־
לער (אברהם מאַניעוויטש, „די קונסט־
מעטאַמאָרפאָזען", ביומאַ פאַטלאַזשאַן —
אַ יידישער סקולפּטאָר, „קונסט און
לעבן", לעוויטאַן, וועגן „מילגרוים"
א"אַ). נאָך דעם אונטערגאַנג פון „ביי־
יידיש" געשריבן עסייען וועגן קונסט און
קינסטלער אין „אָטעם" (וועגן דעם סקולפּ־
טאָר אהרן גודעלמאַן), „צוקונפט" (וועגן
אברהם מאַניעוויטשן—1924, VII, מאַרק
שאַגאַלן — 1926, III), „פעדער" (וועגן
דער טאַלאַנטפולער סקולפּטאָרין מינאַ
האַרקאַווי, 1926, VII, וועגן דער יאַפּאָני־
שער מאָמבושאַ־אויסשטעלונג אין טאָקיאָ),
„טאָג" א"אַ. צ׳ שרייבט אויך דערציי־
לונגען.

צעדנער יוסף (/II 1804—10/X 1871)
געב׳ אין גרויס = גלאָגע, פּרייסן. געווען
לערער אין מעקלענבורג = סטרעליץ און
זינט 1832 ביים בוכהענדלער אשער אין
בערלין, דערנאָך זיך אַליין פאַרנומען מיט
בוכהאַנדל. 1845 באַשטימט געוואָרן אַלס
ביבליאָטעקאַר פון דער יידישער (העב־
רעאישער) אָפּטיילונג אין בריטישן מוזיי
און אָט דער שטעלע צ׳ס האָבן מיר צו
פאַרדאַנקען זיין הויפּטווערק—Catalogue
of the Hebrew Books in the Library
of the British Museum (לאָנדאָן, 1867,
ז׳ VIII+884), וואָס צייכנט זיך אויס
מיט אויסערגעוויינלעכער פלייסיקייט,
פּינקטלעכקייט און צימצום. צ׳ ברענגט
אין דעם דאָזיקן קאַטאַלאָג נאָר געדרוקטע
ביכער, און די יידישע זיינען אין אינ־
דעקס ניט אויסגעטיילט, דאָך איז דער
קאַטאַלאָג אַ וויכטיקער מקור אויך פאַר
יידישער ביבליאָגראַפיע.

מ. שטיינשניידער אין Magazin für Lite-
ratur des Auslandes, 1871, 49; Allg.
Ztg d. Jud.; Jahrbuch für jüd. gesch.
und Lit. 1889, 551; 1871, ז׳ 116 — 18;
ש. ל. ציטראָן, „אנשים וסופרים", ז׳ 11;
General-anzeiger für die gesammten
Interessen des Judentums, פון 1904
22/II; JE, XII; EЭ, XV.

צעדערבוים אַלעקסאַנדער (ג׳ אלול
1816 — כ״ו אלול 1893) געב׳ אין זאַמאָשץ,
לובלינער געגנט. זיין פּאָטער, יוסף, פון
פאַך אַ זייגערמאַכער, איז געווען אַ גרוי=
סער למדן און

אַ משכּיל, קלאָר
אין דער אַלטער
און דער נייער
פילאָסאָפישער לי=
טעראַטור, אַ קע=
נער אין דייטש
און פּויליש, אַ
שיינער מליץ אין
העברעיִש לויט דעם געשמאַק פון זיין
צייט, אַ מחבר און אַן איבערזעצער פון
שירים; זיין הויז איז געווען אַ צענטער
פאַר די משכּילים און אויפגעקלערטע
פון שטאָט און צווישן די איינגייער צו
אים זיינען געווען צ״אַ דער מאַטעמאַ=
טיקער יעקב אייכענבוים *), דער היס=
טאָריקער שמשון בלאָך, ד״ר שלמה
עטינגער, און די דאָזיקע סביבה האָט
שטאַרק משפּיע געווען אויף אַלעקסאַנ=
דערן. צוזאַמען מיט גמרא און מפרשים
האָט ער אויך געלערנט דייטש און
פּויליש און אַ ביסל פראַנצויזיש און
מער פון אַלץ — העברעיִש. צו 19 יאָר
חתונה געהאַט קיין לובלין, האָט ער
געלעבט אין גרויס אָרעמקייט, אָבער
ניט אויפגעהערט זיך אָפּצוגעבן מיט
זעלבסטבילדונג און אין 1840 האָט ער
זיך אַוועקגעלאָזט זוכן גליק אין אָדעס—
דעם דעמאָלטיקן קולטור=צענטער פון
דרום=רוסלענדישן יידנטום. דאָרט האָט
ער צוערשט באַקומען אַ שטעלע פון
אַ בוכהאַלטער אין אַ טוכגעשעפט, דער=

*) לויט סאָקאָלאָווס רעדע אויף פּרצעס
יובּיליי זאָל י. אייכענבוים אויך האָבן געשריבן
אין יידיש, אָבער פון אַנדערע קוועלן איז דאָס
אונז ניט באַקאַנט.

נאָך האָט ער אַליין געעפנט אַ מאַגאַזין
פון פאַרטיקע קליידער, האָט געהאַלטן
אַ וואַרשטאַט מיט אַרבעטער און זיך
אַפילו אויסגעלערנט פון פראַנצויזישע
מאָדע=זשורנאַלן צושניידער״י, און שפּע=
טער, שוין אַלס רעדאַקטאָר און שריפט=
שטעלער, פלעגט ער שטאָלצירן דערמיט,
וואָס ער האָט זיך ניט געשעמט אויס=
צולערנען אַ פּראָסטע אַרבעט, מיט
וועלכער צו דערנערן זיך אין אַ נויט,
און פלעגט גאָרניט אַראָפּפאַלן, ווען
מ׳פלעגט אים אין אַ צייטונגס=פּאָלעמיק
אויפוואַרפן זיין געוועזענע שניידעריי.
זייענדיק שטאַרק פאַרנומען מיט זיין
געשעפט, האָט צ׳ פונדעסטוועגן זיך
פיל אָפּגעגעבן מיט כּלל=טוערייַ, איז
געוואָרן אַן עסקן אין אַלע וואוילטע=
טיקע און דערציערישע אינסטיטוציעס
און באַקומען אומעטום אַ גרויסע דעה,
דורכדעם געוואָרן אַ מקורב צו די שררות,
ניט קוקנדיק אויף זיין קנאַפּער בילדונג
און פאַרדאָרבענעם רוסיש פאַרשטאַנען
ווי אַזוי צו פּועלן ביי זיי פאַרשיידענע
זאַכן, פאַראייניקנדיק אין זיך די אָפּשניצ=
לעך און געגנג פון אַ שתדלן פון אַלט=
מאָדישן האַלב=פאַקטאָרישן שניט מיט
אַ זעלטענער איבערגעגעבנקייט די יידישע
פאָלקס=אינטערעסן און מיט אַן אייזערנער
ענערגיע. אין יחוס ביי דער מאַכט האָט
זיך צ׳ אגב אויך איינגעקויפט דערמיט,
וואָס להיפוך צו די גערמאַניזאַטאָרישע
טענדענצן פון דער דעמאָלטיקער אַדעסער
יידישער אינטעליגענץ אונטער דער
השפּעה פון די „בראָדער״, וועלכע
האָבן פון גאַליציע מיטגעבראַכט דאָס
משכּילישע דייטש, האָט צ׳ געהערט צו
דעם קליינעם הייפל, וואָס איז געווען
פאַר רוסיפיקאַציע און אים איז אַפילו
אין דעם פּרט אויסגעקומען צו קעמפן
קעגן זיין איידעם דעם דאָקטאָר אהרן=

יצחק גאָלדענבלום. דורך זיין געזעל־
שאַפטלעכער אַרבעט, בפרט אַלס ערנ־
משגיח פון דער תלמוד־תורה און
אַנדערע אַנשטאַלטן האָט ער געמוזט
זיך משתדל צו זיין, אַז די ניט אויסגע־
ניצטע דערלויבעניש אויף אַ העברעיִשן
אָדער „יידיש־דייטשן" וואָכנבלאַט זאָל
אים איבערגעגעבן ווערן. פאַרהאַן אַ סך
לעגענדעס, ווי אַזוי צ' האָט אָפּגעשלאָגן
די שוועלן פון די שררות צו פועלן אַ
דערלויבעניש אויף זיין צייטונג; צ"אַ
דערציילט מען, אַז אַ צוטריט צו די
הויכע שררות האָט ער באַקומען אַדאַנק
דעם, וואָס ער זאָל אַמאָל האָבן מציל
געווען אַ זיך טרענקענדיקע טאָכטער פון
אַ גרויסן שררה. סוף־כל־סוף האָט ער
די געגאַרטע דערלויבעניש באַקומען
(משמעות אַדאַנק ד"ר גאָלדענבלומען,
וועלכער איז געווען זייער אָנגענומען
ביי פּיראָגאָוון פאַר זיין מוסטערהאַפטן
פירן די אָדעסער תלמוד־תורה) און דעם
21סטן סעפּטעמבער איז אַרויס דער 1טער
נומ' פון דער ערשטער העברעיִשער
צייטונג אין רוסלאַנד „המליץ", צוזאַמען
מיט אַן אָפּטיילונג אין דייטש מיט יידי־
שע אותיות (די דאָזיקע אָפּטיילונג האָט
געפירט גאָלדענבלום), וואָרעם ווי דאָס רוב
משכילים פון זיין צייט האָט צ' געהאַלטן
פאַר ניט פאַסיק צו דרוקן די דאָזיקע אָפּטיי־
לונג אין יידיש, האָט אַפילו געגעבן אין
„המליץ" (1862, 5) אַן אָרט פאַר דעם
שאַרפסטן אָנפאַל אויף יידיש פון דעם
פויליש־יידישן היסטאָריקער הילל נוסבוים.
אָבער מיט זיין פּראַקטישן חוש האָט צ'
באַלד איינגעזען, אַז די דייטשע אַרטיקלען
פון „המליץ" זיינען בלויז אַ ברכה לבטלה,
קיינער דאַרף זיי ניט און קיינער ליי־
ענט זיי ניט. דערצו איז די מאַטעריעלע
לאַגע פון „המליץ" געווען אַ גאָר טרויע־
ריקע און אָט האָט דער אונטערנעמע־
רישער רעדאַקטאָר באַשלאָסן צוצוגעבן
צום „המליץ" אַ יידישע ביילאַגע, כדי־
צוציען דערמיט אַ ברייטערן קרייז לעזער
(משמעות, אַז אין דעם דאָזיקן באַשלוס
האָט געהאַט אַ חלק י"מ ליפשיץ, וועל־
כער האָט זיך נאָך פריער זיך משתדל
געווען וועגן אַ יידישן אָרגאַן). צוזאַמען
מיט נומ' 42 פון „המליץ" 1862 האָט ער
צעשיקט אַ גרויסע מודעה אין יידיש, אַז
בקרוב וועט ביים „המליץ" אָנהייבן אַרויס־
צוגיין אַ וועכנטלעכע צייטונג א"ט „קול
מבשר", „אויף פּראָסט יידיש, כדי דער
פּראָסטער עולם אונ אַפילו ווייבער זאָל־
לען וויסען, וואָס טיהט זיך אויף דער
וועלט", און ענדלעך איז דעם 11/23
אָקטאָבער 1862 אַרויס דער 1טער נומער
פון דער ערשטער יידישער צייטונג אין
רוסלאַנד, און אייגנטלעך אין דער גאַנ־
צער וועלט, אויף וויפיל עס רעדט זיך
וועגן אַן אָרגאַן אין מאָדערנעם פאָלקס־
טימלעכן יידיש. וואָרעם כאָטש אויף דעם
שער־בלאַט פון „קול מבשר" צו די ערשטע
יאָרגענג איז אָנגעגעבן דאָס אונטערקעפּל
„ביילאַגע צום „המליץ" אין יודיש־דייט־
שער שפּראַכע", מוז מען באַטאָנען, אַז
להיפוך צו דעם „בעאָבאַכטער אַן דער
ווייכסעל" האָט דער „קול מבשר" פון
סאַמע אָנהייב אָן זיך געפליסט צו שרייבן
אין דער עכטער פאָלקסשפּראַך, אויף
וויפיל דאָס איז נאָר, פאַרשטייט זיך, גע־
ווען מעגלעך ביי יענעם צושטאַנד, ביי
דעם מאַנגל פון ליטעראַרישע כוחות,
ביי דעם פולשטענדיקן פעלן פון אַ יידי־
שער צייטונגס־טראַדיציע. דער הויפּט־
מיטאַרבעטער פון „קול מבשר" איז געווען
צ' אַליין (גאָלדענבלום האָט בלויז נאָמי־
נעל פיגורירט אַלס רעדאַקטאָר־אַרויס־
געבער צוזאַמען מיט זיין שווער), וועל־
כער פלעגט זיך ניט באַנוגענען מיט
שרייבן לייטאַרטיקלען, דאָס רוב א"פּ

אר ז, נאָר פלעגט אויך אויסשטאַטן מיט
זיינע צושריפטן און הערות די אַרטיקלען
פון די אַנדערע. צוליב טאַקטישע טעמים
לגבי דער רעגירונג און די „פראָגרע=
סיסטן" פרווט צ׳ ביי דער אָדער יענער
געלעגנהייט אונטערצושטרייכן, אַז זיין
יידישע צייטונג איז נייטיק, ווייל דאָס
פּראָסטע פאָלק פאַרשטייט נאָך ניט די
לאַנדסשפּראַך, אָבער גלייכצייטיק איז —
ביי אַלע זיינע וואַקלונגען און ריין
משכּילישע ספקות וועגן יידיש — צו
מערקן זיין אינערלעכע צוגעבונדנקייט
און אַפילו ליבשאַפט צו דער יידישער
שפּראַך, און וואָס ווייטער ווערט ער
אַלץ דרייסטער אין פאַרטיידיקן זי קעגן
אירע שונאים און שענדער. אין נומ׳ 24
פון ערשטן יאָרגאַנג אין דער לאַנגער
אָנמערקונג צו דעם אַרטיקל פון י״ל ליפּ=
שיץ (זע) „דיא 4 קלאַססען" גייט שוין צ׳
אַרויס מיט אַ געוויסער פּראָגראַם = ער=
קלערונג וועגן יידיש; שילדערנדיק די
חילוקי=דעות אין דער פראַגע און פעסט=
שטעלנדיק דעם גרויסן ערפאָלג און באַ=
שיינפערלעכן נוצן פון קו״מ, שרייבט ער:
„נאָ מעג שוין איצט לאַבען ווער עס
ווילל, מיר ווייסען בייא זיך, אַז מיר
געהען אויף אַ זיכערען וועג צו אונזער
ציעל אונזערע ברידער אויף פשוט יודיש
בעקאַנט צוא מאַכען מיט דער וועלט
און וואָס עס טוהט זיך אויף איהר, זייא
לערנען אורטהיילען ריכטיג איבער זיי=
ערע פפליכטען געגען זייער רעליגיע,
געגען דעם קאיסער און דער רעגירונג,
געגען דער מענשליכען געזעלשאַפט בכלל
און געגען זייער נאַציע בעזונדער, אויך
געגען יעדען מענש וויא גאָטטס בעשעפ=
ניש. דוכט זיך אַז דאָס הייסט דיא
אמתע בילדונג און עס איז גאָר לתכלית
קיין חילוק ניט אויף וועלכער שפּראַכע
דאָס איז געזאָגט געוואָרען, אַבי מען

פערשטעהט אונץ, און ווער שמיעסט פאַר
דיא וואָס קעננען קיין אַנדערע און עס איז
זיי אוממעגליך בייא זייערע יאָהרין איין
אַנדערע צוא לערנען.—אַ חוץ דעם איז
דאָס פּיסטע חלומות וואָס טהייל מיינען,
עס וועט אַ מעגליכקייט זיין יודען זאָללען
זיך אָבגעוועהנען פין יודיש. מיר האָבען
שוין געזעהן אַז מלכים האָבען זיך פער=
לעגט שפּראַכען אויסצוראָטטען און דאָס
איז אוממעגליך געוועזען, חיבא מען זאָלל
דיא 2 מיללאָן יודען אין אונזער לאַנד
צוטהיילען עס זאָללען קיין צווייא יודען
ניט צוזאַמען בלייבען, און דאָס וועט
ער רעדין יודיש מיט אַ גאַליצישען יוד.
זאָגט אייך וואָס איהר ווילט, דיא שפּראַ=
כע שטעהט דעם יודען צום האַרץ און [אין]
איהר זאָגט ער אַ ווערטיל וואָס מען
קען עס אין קיין אַנדערער ניט איבער=
זעטצען..." דאַן שטעלט ער זיך אָפּ אויף
דער פראַגע, „וואָס זאָלל זיין אייגענטליך
אונזער צוועק, ציא זאָללען מיר דיא
יודישע שפּראַכע ביסלעכווייס אויסבעס=
סערין אַביסיל מיט דעם אויסלייגען און
אַביסיל מיט דייטשע ווערטער וואָס מיר
וועלין אַללע מאָהל אַריינמישען און פער=
טייטשען ביז דער עולם וועט געוואָהנט
ווערין מיט זייא, מיט דער צייט וועט
זיא איין אַרט גערינג דייטש און וועט
גילטען פאַר אַ ביכערשפּראַכע, וויא
דיא דייטשע שפּראַכע אַלליין וואָס האָט
פיעלערלייא אויסשפּראַכען. אָדער זאָללען
מיר אונזער יודיש אויסבילדען פאַר אַ
באַזונדערע שפּראַכע"; צום גליק האָט
צ׳ אַליין, אפשר ניט אינגאַנצן באַוואוס=
זיניק, בוטה געווען „אונזער יודיש אויס=
בילדען פאַר אַ באַזונדערע שפּראַכע,
גאָר פאַר זיך"; און מיט זיין פילזייטיקן
חוש האָט ער פאַרשטאַנען אין צוזאַ=
מענהאַנג דערמיט צו שטעלן די פראַגן
וועגן שאַפן אַ גראַמאַטיק און אַ ווערטער-

בוך, איינזעענדיק אויך די שוועריקייטן דערפון צוליב דער פאַרשיידנקייט פון די יידישע דיאַלעקטן; ער האָט אויך אין אָט דעם אַרטיקל געשטעלט—אפשר דער ערשטער—די פראַגן פון אַ איינהייטלעכער יידישער אָרטאָגראַפיע, פון אַ איינהייטלעכער יידישער ליטעראַטור־שפּראַך בכלל און צו דער פראַגע פון אָרטאָגראַפיע און איינהייטלעכקייט אין שפּראַך פלעגט ער זיך אָפט אומקערן, אויך מיט 20 יאָר שפּעטער אין „יודישען פאָלקסבלאַט", כסדר אונטערשטרייכנדיק, אַז אין דעם פרט מוז קומען די הילף פון געבילדעטע און פילאָלאָגן און אַז אָרטאָגראַפיע איז בכלל אַן אָפּגעמאַכטע זאַך, וועלכע איז ניט אויסגעהאַלטן אין קיין שום שפּראַך. מ׳מוז אויך אָנערקענען, אַז צ׳ האָט די דאָזיקע קאַרדינאַלע פראַגן גאַנץ באַפרידיקנדיק געלייזט, אַזוי אַז ער קען באמת באַטראַכט ווערן פאַר דעם גרינדער פון דער מאָדערנער יידישער אויסלייגונג, וואָס מיט געוויסע רעפאָרמען גילט זי נאָך עד־היום אין דער „גרויסער" יידישער פרעסע. פאַר זיין חוש פאַר דער פראָבלעם פון אַנטוויקלען די יידישע שפּראַך, צ"אַ דורך אַריינפירן פרעמדווערטער, איז אגב כאַראַקטעריסטיש זיין ענטפער אַ געוויסן יעקב גאָלדוואַרג, וועלכער טרעט אַרויס קעגן די פרעמדווערטער, קעגן יידיש בכלל („נאָך וואָס זשע טויג אונז פאַרשענערן, פערעדעלן דעם זשאַרגאָן, וואָס ער דאַרף אונז גאָר דיענען אויף אַ קורצער צייט?"). וואָס שייך דעם אינהאַלט פון „קול מבשר", איז ער די ערשטע צייט בכלל געווען ענלעך צו דעם אינהאַלט פון זיין עלטערן ברודער, דעם „המליץ", איז באַשטאַנען פון ידיעות פון לאַנד און פון אויסלאַנד, קאָרעספּאָנדענצן פון יידישן תחום, אויך פּאָליטישע איבערזיכטן, לעבנסבאַשרייבונגען פון באַרימטע יידישע פערזענלעכקייטן, פּאָפּולער־וויסנשאַפטלעכע אַרטיקלען פון יידישער געשיכטע, דערציִונגספראַגן און בפרט פון נאַטור־קענטעניש, וועלכע איז אין די 60קער יאָרן געווען שטאַרק אין דער מאָדע. אָבער שוין פון די ערשטע נומערן אָן האָט זיך אין „קול מבשר" אָנגעהויבן צו מערקן עפּעס אַזוינס, וואָס האָט אין די העברעישע צייטונגען בכלל געפעלט: דאָס איז דער גייסט פון אמתער פאָלקסטימלעכקייט, די נאָענטקייט און פאַרבונדנקייט מיט די ברייטע שיכטן פון פאָלק. צ׳ האָט מיט זיין פּראַקטישן חוש באַלד איינגעזען, אַז ער גייט אויפן ריכטיקן וועג, און זיין יידישע צייטונג איז וואָס אַמאָל באַליבטער און פּאָפּולערער געוואָרן ביים פאָלק, וואָס ס׳איז אויך געקומען צום אויסדרוק אין די בריוו און קאָרעספּאָנדענצן פון די לעזער, און ער איז געוואָרן אַלץ פעסטער אין זיין שטעלונג פאַר יידיש. אין זיין „מודעה רבה" צום נומ׳ 39, 1863, שרייבט ער צ"אַ: „דאָס, וואָס קלאַמערשט אויפגע[ק]לערטע שרייען—מען מאַכט לייט אויס דעם שטימלשון און דאַריבער וועט זיך דער עולם ניט וועלין געוועהנען צו לערנען רוסיש אָדער דייטש, דאָס איז גאָר פאַלש; ערשטענס איז דאָס לשון אָהן אונץ געניג שטאַרק אַז רעדען דרינען אַזוי פיעל מיליאָן מענשען; צווייטענס, איז עס גאָר ניט אַזוי מיאוס וויא זייא מאַכען, עס זעגין דאָ אַזעלכע אויסדריקע אין דער שפּראַכע וואָס האָבען דעם זיבעטען חן, ווער שמיסט יודישע ווערטליך האָבען דען אַ שם צווישען אַללע נאַציעס. ווער זעגין דענן דיא גרעסטע ווערטעלזאָגערס אין דיא אויסלענדישע צייטונגען, ניט יודען? און זאָגען זייא ניט יודישע ווערטליך וואָס דיא גאַנצע וועלט האַלט זיך בייא דיא זייטען?—

דריטענס, איז גראָד פאַרקעהרט, פין דער ציַיטונג וועלין יודען געוואָהר ווערין אַז ווענן צווישען זיך איז פאַר זייא גענוג יודיש, נאָר אין דער וועלט קומט מען דערמיט נישט אויס. היינט בערעכענט נאָר וויפיעל נייע ווערטער האָבען דיא—וואָס האָבען פלייסיג געליינט דעם „קול מבשר"—מקבל געוועזען אין דעם יאָהר? וויפיעל נייע געדאַנקען האָבען זייא געקריגען? אונ מיט וויפיעל זאַכען זענין זיי בעניטער געוואָרן? אונ דאָס איז דעך ערשט דער אָנהייב. מיר האָבען נאָך ניט פיעל גוטע קאָררעספאָנדענטען וואָס זאָללען גוט שרייבען אונ אויסלייגען וויא מיר האָבען אָנגעהויבען; כדי דעם עולם ניט דעם קאָפּ צו פערדרייען"... און באמת האָט צ' געזוכט צוצוציען צום קו"מ ליטעראַרישע קרעפטן. צוערשט איז דער בעלעטריסטישער טייל פון דער צייטונג באַשטאַנען כמעט דורכאויס פון איבערזעצונגען אויס דער דייטש-יידישער ליטעראַטור (למשל „דער קדיש פאַר כל נדרי", „דער גואל" און אַנדערע פון די פראָגער „סיפורים", „ר' אפרים"—איבערז' פון רחל הורוויץ, געבּ' אייכענבוים, „דער רב און דער מיניסטער" אאַז"וו), אָבער שוין אין ערשטן יאָרגאַנג וואַרפן זיך דורך אָריגינעלע זאַכן, דערהויפט שירים און פאַבלען פון יוסף וויינשטיין (אפשר אויך אונטער די איניציאַלן י. וו. ש.). א. ב. גאָטלאָבער (אויך א"פ טלגרב), משה-דוד אַטלאַס, מנשה מרגליות, יוכבד לערנער, יוסף ראַטקוס, קלמן סאָבּל א"אַ, אַחוץ אַ גאַנצער ריי אַנאָנימען און פס"ב, וואָס לאָזן זיך ניט דעשיפרירן און אונטער וועלכע עס באַהאַלטן זיך מסתמא טיילמאָל אָנגעזעענע השכלה-שרייבער. אין דעם ערשטן יאָרגאַנג דעביוטירט מיט אַ שיר אַברהם גאָלדפאַדען, סוף 1864—מענדעלע מוכר-ספרים, שפעטער אויך יצחק-יואל ליניעצקי, שמואל בערנשטיין א"אַ, אַזוי אַז דער „קול מבשר" באַצייכנט אַן עפּאָכע ניט נאָר אין דער געשיכטע פון דער יידישער פרעסע, נאָר אויך אין דער געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור.

וואָס איז שייך דער יידישער פובליציסטיק, איז צ' געווען איר שעפער (פונקט ווי ער איז אויך געווען דער שעפער פון דער העברעישער זשורנאַליסטיק). ניט קוקנדיק אויף זיין קנאַפער קולטור און בילדונג, אויף זיין טיילמאָל אומגעלומפערטן פאַרדייטשמערישטן סטיל האָט ער דאָך אַרויסגעוויזן אַן עכט זשורנאַליסטישן טעמפעראַמענט, דעם חוש פון אַן אמתן פובליציסט, וועלכער האָט רעאַגירט אויף אַלע פראַגן און ערשיינונגען פון דעם יידישן און אַלגעמיינעם לעבן, דערהויפט זיך אָפגעגעבן מיט די פראַגן פון יידישער דערציִונג און השכלה, בירגער-פליכטן — אמת, אין „טרייאונטערטעניקסטן", פאַר געוויסע קרייזן פון דער משכילישער אינטעליגענץ טיפישן נוסח, מיט אָנפאַלן אויף ניהיליסטן, מיטן רופן צו ערפילן געטריי דעם חוב פון מיליטערדינסט („ווייל זי איז אַ לעבענספראַגע פונ'ם קינפטיגען יודענטהום") און דערעיקרשט מיט פראָפאַגאַנדירן די נייטיקייט פון דער לאַנדספראַך פאַר יידן. זייער אַ וויכטיקן אָרט האָט ער אָפגעגעבן דעם קאַמפ קעגן „פאַנאַטיזמוס", אָבערגלויבן, חסידים, האָט אָבער אויך ניט געשוינט דעם אַנדערן צד, „די נייע יידישע פאַרזאָרגער" פון די משכילים און פראָגרעסיסטן. די דאָזיקע שטעלונג איז געקומען צום אויסדרוק ניט נאָר אין צ'ס אַרטיקלען, נאָר אויך אין די קאָרעספאָנדענצן, וואו מ'האָט אָפט מיט אַ געזונטן פאָלקסטימלעכן הומאָר אויסגעלאַכט די פינסטערע זייטן פון דעם יידישן לעבן, די אָפשניצלעך און שטיק פון די יידישע בעלי-

טובות, די משונהדיקע הנהגות פון די יידישע חברות און אַנשטאַלטן. דעם „קול מבשרס" געווער—שפּאָט און הומאָר—וואָס איז נאָך מענדעלעס און ליניעצקיס אויפטרעטן געוואָרן אַ נוסח,—איז געוואָרן אַזוי שאַרף און קרעפטיק, אַז „דיא גרעסטע עזות־פּנימער — ווי עס שרייבט איינער אַ קאָרעספּאָנדענט — ציטערין אימת מות אַז מען שטראַשעט זיי מען וועט זיי בעשרייבען אין „קול מבשר"... דוקא דאָס קוידערוועלש, דער זשאַרגאָן, וואָס אונזערע פּראָגרעסיסטען חלישען אַז זיי הערין מען רעדט דערפון, דוקא דיא קאַליקע טהוט וואונדער און די געשיכטע וועט ערשט שפּעטער וויסען צו שעצען זיין ווערטה אונ זיין ווירקונג". און שוין אין זיין יערלעכן לייטאַרטיקל „צייט צו אַבאָנירען" (1865, 40) שרייבט צ': „...אַללע, אַללע זענין מודה אַז דער „קול מבשר" איז זעהר וויכטיג; אַללע געשטעהן, אַז עס לאָזט זיך אין דער שפּראַכע אַללעס שרייבען; אַללע קענין ניט גענוג אויסלויבען וויא גוט דיא גאַזעטע ווערד געלייטעט; אַללע ריהמען וויא נוטצליך זי ווירקט אויף דעם פאָלק אונ מיר אַלליין זעהען איין אונ האַלטען עס נישט פאַר בעריהם אַרויסצוזאָגען, אַז עס האָט איבערגעטראָפען אונזערע אייגענע ערוואַרטונגען אין יעדער בעציהונג. מיר האָבען זיך אַלליין אַזוי פיעל ניט גערעכט וויפיעל דיא צייטונג האָט געווירקט. דאָרט ווי דער „קול מבשר" געהט נאָר, ווער עס איז נאָר אַבאָנירט אונ ווער עס לייענט איהם אפילו אומזיסט, איז שוין אַזוי צו צו איהם געוועהנט, אַז עס פעהלט זייא שוין, ווען ער פערשפּעטעט זיך דורך עפּיס אַ הינדערניס איין טאָג. וויפיעל שולען זענין שוין דורך איהם געגרינדעט געוואָרין; וויפיעל האָט מען שוין אויף זיינע ווערטער פערבעססערט דיא ערציהונג דער קינדער; וויפיעל האָט ער שוין בעווירקט שלום אין דיא געמיינדען; וויפיעל אָרדנונגען האָט ער שוין בעווירקט אין די שילן, בתי מדרשים, תלמוד תורה'ס אונ קראַנקענהייזער; וויפיעל גוטע וואָהלטהעטיגע חברות האָט ער אַרויסגעבראַכט; וויפיעל נדבות זענין דורך איהם געפאַללען; וויפיעל שלעכטע זיטען אונ נאַרישע פאראורטהיילע האָט ער שוין אויסגעוואָרצעלט; וויפיעל מענשען, בעזונדערס אונטער דעם פאָלק, האָט ער אָבגעפיהרט פין שלעכטע וועגען; וויפיעל אָרימע לייט האָבען דורך איהם געקריגען פּאַשפּאָרטען; וויפיעל האָרעפאַשנע מענשען, וואָס פלעגען שבת זוכען זייער אַבריה אין דיא שענקהייזער, אין דיא טשיינים, אין דיא קעלערס, מיט זייערע קאָמפּאַניעס, האָבען געלד אויסגעברענגט, דיא גרעסטע נאַרישקייטען געפּלוידערט, זיך געווערטעלט בייא אַ גלעזיל משקה, ביז עס איז געקוממען צו אַ געשלעג, אונ דערפין זענין פּראָצעססע ענטשטאַנדען, מען האָט זייא איינגעזעצט אונ עס האָט געלד געקאָסט; היינט זיטצען זייא זיך שבת אונ לייענען דעם „קול מבשר", פיהלען איין עונג שבת, צוזאַממען מיט זייער פאַמיליע. וויפיעל גוטע טהאַטען זענין שוין געוואָרין אונ האָבען דיא וואָהלטהעטער אָנגעאייפערט מעהר גוטס צו טהון אונ אַנדערע אויפמערקזאַם געמאַכט זיך אָן זייא מקנא צו זיין אונ נאָכצוטהון; וויפיעל שלעכטע מעשים זענין שוין אין „קול מבשר" אָפּגעשילדערט געוואָרין, אַזוי אַז יענע האָבען זיך געשעמט אונ חרטה געהאַט אונ אַנדערע האָבען מורא עפּיס איין עוולה צו טהון, אַט וועט מען זייא בעשרייבען אין קול מבשר, וועלין זייא זיין צו שאַנד פאַר דער גאַנ-

צער וועלט אונ אויף אייביג פערשריבען
זיין אין דער געשיכטע פאַר שלעכטע
מענשען. וואָרין מיר האָבען אויף זיך
גענוממען קיינעם ניט צו שוינען. אַוודאי
מיר היטען זיך פאַר זידלען, בעליידיגען;
נאָר פאַקטען, מעשים נעמען מיר אויף
און שילדערן אָהנע ריקזיכט. אמת, מיר
האָבען זיך דאַדורך שונאים געקויפט;
נאָר דאָס אַארט אונז נישט. מיר ווייסען
אונזער אויפגאַבע, דעם כלל ישראל לטובה
צוווירקען, דאַריבער געהט אונז נישט
אָן וואָס איינצעלנע וועלין זיך געקרענקט
פיהלען, אדרבה, דאָס איז אַ סימן אַז
מיר ערפיללען אונזער פפליכט געטרייא...״
אָבער ניט קוקנדיק אויף דעם גרויסן
מאָראַלישן ערפאָלג פון „קול מבשר״, איז
זיין מאַטעריעלע לאַגע, ווייזט אויס, ניט
געווען גלענצנד, און אויף זיין באַרע=
דעווודיקן נוסח פלעגט צ׳ פון צייט צו
צייט זיך אויסטענהן מיט די לעזער
(„דאָס איינציגע יודישע בלאַטט זאָלל
האָבען אזוי וועניג אַבאָננענטן, איז באמת
אַ חרפה אונ אַ בושה. ניט איינמאָל
שעמען מיר זיך פאַר קריסטליכע גרויסע
לייט אַז זייא ווערין געוואָהר מיר האָבען
אַ סך לעזער, נאָר וועניג וואָס צאָהלען״...).
אין זיין ווענדונג „צו אונזערע געעהרטע
לעזער אונ לעזערינען״ (1869, 48) צום
נייעם, 8טן יאָר, רעדנדיק ווידעראַמאָל
וועגן דער ניצלעכקייט פון „קול מבשר״,
קלאָגט ער זיך ווידער און פרעגט זיך:
„וואָס האָסט דוא פין דער שווערען אַר=
בייט, פאַר דיא אַללע אָנשטרענגונגען,
אויפרעגונגען, פאַר דער פערלוירענער
צייט אונ דיא אַללע געלדאָפּפער?... וויא
זענין דיא בעווייזע אַז דאָס פאָלק ווייסט
צו שעטצען דיא האָראָוואַניע? פאַר וואָס
זאָלל גראָד דאָס איינציגע יודישע בלאַטט,
וואָס קיין אַנדערס וועט מען שוין ניט
ערלויבען, פאַר וואָס זאָלל נאָר דאָס

דאַרפען אַרבייטען אויף עולם הבא אונ
זיך מיטשען זיך קיממערליך צו ערהאַל=
טען?״ און מאַכנדיק אַ חשבון, אַז דער
„קול מבשר״ וואָלט געדאַרפט האָבן לכל
הפחות אַ 10.000 אַבאָנענטן, שטעלט ער
פעסט, אַז „עס איז אַ חרפה אויסצוזאָגען
וויא פערהעלטניסמעססיג וועניג אַבאָנ=
נענטען מיר האָבען. עס איז גענוג אַז
איינער שרייבט אויס איין עקזעמפּלאַר אין
אַ שטעדטיל ענטוועדער לשם מצוה אָדער
אויף שפּעקולאַציע (ער נעהמט אַ קליי=
ניגקייט פאַר דעם איבערלעזען בייא פיעלע
פאַמיליען), לייענט דער גאַנצער עולם—
דערמיט איז מען יוצא. קיינעם קיממערט
גאָר ניט צו פרעגען פין וואַניט האָט
דיא רעדאַקציע אויסצוהאַלטען דיא צייטונג,
דרוק, פּאַפּיר, פּאָרטאָ, מענשען אונ אַנ=
דערע שפּעזען? פין וואַניט לעבט דער
רעדאַקטאָר וואָס פערברענגט זיינע בעס=
טע יאָהר אונ טעג דער יודישען וועלט
נוטצען צו ברענגען, פערגניגטע שטונדען
צו מאַכען? ער איז דאָך אַ פאַמיליענ=
פאָטער, ער האָט דאָך פפליכטען געגען
זיך און דיא זייניגען, ער דאַרף דאָך
עקסיסטירען? ער איז דאָך אַ מענש מיט
פעהיגקייטן, פאַר זיין צייט, פאַר זיין
אָנשטרענגונג, פאַר זיין פלייס, פאַר זיינע
קענטניססע וואָלט ער תמיד געקענט זיין
לויהן בכבוד קריגען, וויא ער האָט פריי=
הער געלעבט אָהן דעם „קול מבשר״.
... דאָך מיר האָבען עס געטהון אונ האָבען
קיין חרטה ניט דאַרויף, וועניגסטענס,
האָבען מיר יוצא געוועזען פאַר אונזערע
געוויססען״, און ער לאָזט אויס מיט דער
האָפענונג, אַז די „פינ׳ם הערצען געשפּראָ=
כענע אויפריכטיגע וואָרטער וועלין פין
אונזערע געפיהלפאָללע ברידער אונ
שוועסטער אַזוי ערנסט אונ אין דעם
זינן אויפגענוממען ווערין, וויא מיר דענ=
קען אונ מיינען עהרליך אונ עס וועלין

איינלויפען צום אַכטען יאָהר צייטליך פיעל אַבאָנענטען, כּדי מיר זאָללען קעננען בּעצייטענס זאָרגען נאָטהיגע פערבעססערונגען צו מאַכען..." אאַז"וו. ניט קוקנדיק אָבער אויף די ניט גאָר גלענצנדע געשעפטן, וואָס צ' האָט געמאַכט מיטן „קול מבשר", איז די ווירקונג פון דעם אָרגאַן אַלץ מער געוואַקסן, און ער איז געוואָרן ניט נאָר דער פאַרהאַסטסטער און געפערלעכסטער שונא פון די פינסטערע קרעפטן, וועלכע האָבן זיך גרופּירט אַרום די חסידישע צדיקים און בעל=מופתים, נאָר אויך אַ דאָרן אין אויג דער רוסיפיקאַטאָרישער אינטעליגענץ, וועלכע האָט שוין די בלויזע עקסיסטענץ פון אַ צייטונג אין יידיש באַטראַכט פאַר אַ גרויסער מניעה אויפן וועג צו דער געגאַרטער „צונויפשמעלצונג" מיט דער עכט רוסישער געזעלשאַפט. בפרט נאָך אַז דער „קול מבשר" האָט גאַנץ אָפט אַריינגעטראָגן אַ דיסאָנאַנס אין דער רוסיפיקאַטאָרישער אידיליע מיט זיינע דירעקטע אַרויסטרעטונגען פאַר יידיש און קעגן די בולטע אַסימילאַטאָרישע און אַנטיפאָלקסטימלעכע האַנדלונגען פון די פּראָגרעסיסטן (אין דעם פּרט איז אגב כאַראַקטעריסטיש די פּאָלעמיק אין 1865 צווישן אַ געוויסן י"א ריבקין פון קעשעניעוו, צ' און סירקין פון מאָסקווע, „פּאַרוואָס דיא נייע שטודירטע רבנים אָדער דיא רבנים=אויטאָדידאַקטען האַלטען רעדעס אויף רוסיש אָדער דייטש", אָדער די סעריעס אַרטיקלען צ'ס „שווער אויסצוקוממען הייַנטיגע צייטען", 1870, 15 — 17, „מזל טוב מיט דער קאַטערינקע!", 1870, 38—40 — וועגן דער רעפאָרמירטער סינאַגאָגע אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם פּרווו איינצופירן אין דער בראָדער שול אַן אָרגל). די קעגנערשאַפט צום „קול מבשר" איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז מצד געוויסע אָדעסער שונאים זיינען זיינען אַפילו געמאַכט געוואָרן פּרווון אָפּצושטעלן מיט דער הילף פון דער מאַכט די יידישע צייטונג, צ'ן איז אָבער געלונגען דורך פּערזענלעכע השתדלותן אין פּט"ב אָפּצושרייען די גזרה און נאָכמער — ער האָט דערביי אויך געפּועלט אַ דערלויבעניש אַרויסצוגעבן דעם „קול מבשר" אינגאַנצן אומאָפּהענגיק פון „המליץ", אַלס אַ זעלבשטענדיקן אָרגאַן, וואָס ער האָט פאַרווירקלעכט מיטן אָנהייב פון יאָר 1869. גלייכצייטיק האָט ער אויך באַקומען אַ דערלויבעניש אויף אַ יידישער צייטונג אין רוסיש א"ט Посредникъ (שפּעטער האָט ער דעם דאָזיקן טיטל, וואָס האָט געזאָלט באַצייכענען די פּראָגראַם פון דעם אָרגאַן אַלס „פּאַרמיטלער" צווישן דער יידישער באַפעלקערונג און דער רעגירונג, ווי אויך דער רוסישער געזעלשאַפט, געענדערט אויף (Вѣстникъ Русскихъ Евреевъ), אָבער אָט די דערלויבעניש האָט סוף=כל=סוף געבראַכט צו דעם אונטערגאַנג פון „קול מבשר" דווקא דעמאָלט, ווען ער האָט שוין פאַרנומען אַזאַ וויכטיקן פּלאַץ אין יידישן לעבן. צוליב דעם רוסישן אָרגאַן, וועלכער האָט געדאַרפט ערשיינען אין פּט"ב (ווייל אין אָדעס איז שוין אַרויסגעגאַנגען אַ יידיש וואָכנבלאַט (День), האָט צ' באַשלאָסן אויך דעם „המליץ" און דעם „קול מבשר" אַריבערטראָגן אין דער רעזידענץ, אָבער ער האָט עס געפּועלט בלויז בנוגע דעם „המליץ"; אין דעם פּאַרלעצטן, 51סטן נומ' פון 1870 אין זיין פון פּט"ב צוגעשיקטן לייטאַרטיקל „צו דיא לעזער פינ'ם קול מבשר" גיט ער אַ איבערבליק פאַר די פאַרגאַנגענע 8 יאָר פון דער צייטונג,

טענהט זיך יידער אויס מיט די קעג=
נערס פון „זשאַרגאָן", דערציילט ווידער־
אַמאָל וועגן די שוועריקייטן צו פירן
אַ ציישונג אין יידיש, וועגן די צרות
און אומבאַלוינטער מי, וועגן די באַשול=
דיקונגען פון די קעגנערס, סיי פון
חסידים, קהלסטוער, חברה=קדישא גבאים,
שול=גבאים, גבירים און בלויזויגער,
בפרט אָבער פון די „קאַריקאַטורנע
פראָגרעסיסטן", וואָס „קוים האָט מען
דיא זאַטשעפּיט איז וועניג געוועזען
וואָס זייא האָבען אויסגעגאָסען זייער
גאַנצע גאַלל אין דיא רוסישע ציישונ=
גען, וואָס קוויקען זיך מיט אַזעלכע
פאַסקווילע, זייא האָבען פשוט אויף אונז
דאָנאָסען געגעבען מיט אַללע אויסגע=
טראַכטע מסירות"..., זאָגט צו אויף דעם
נייעם יאָר די מיטאַרבעט פון די בעסטע
שריפטשטעלער, ווי פון הירש ראַבינאָ=
וויץ, גאָטלאָבער, ליפשיץ, אייזיק=מאיר
דיק, אַבראַמאָוויטש, גאָלדפאַדען, ליניעצ=
קי, דלוגאַטש, הערשענהאָרן אפ"א. אָבער
דער גורל פון „קול מבשר" איז שוין
געוועזן געחתמעט. ניט באַקומען קיין
דערלויבעניש אויך דעם „קול מבשר"
אַריבערצופירן אין דער צאַרישער רעזי=
דענץ, האָט צ' אים געמוזט איבערגעבן
אין אַנדערע הענט. ער האָט געשלאָסן
אַן אָפּמאַך מיט דעם דרוקער מ. בעלינ=
סאָן, ביי וועמען דער קו"מ האָט זיך
שוין געהאַט געדרוקט, און בעלינסאָן
האָט זיך מתחייב געווען אַרויסצוגעבן
דעם קו"מ אויף זיינע הוצאות אין משך
פון 3 יאָר צייט, דערביי האָט צ' גע=
זאָלט רעדאַקטירן אים אויך פון פט"ב
אויס, צושיקן פון צייט צו צייט מאמרים
און ער האָט אויך איבערגעלאָזט אַלס
געהילפסרעדאַקטאָר אין אָדעס משה=
לייב ליליענבלומען. בעלינסאָן אָבער,
וועלכער האָט שוין לאַנג געשטרעבט צו

ווערן אַן אמתער „רעדאַקטאָר", האָט
דערוייטערט ליליענבלומען און אַריינ=
גענומען די ציישונג אין זיינע הענט,
אויפגעהערט אַפילו צו דרוקן צ'ס אַרטיק=
לען, געענדערט דעם גאַנצן כאַראַקטער
און די ריכטונג פון קו"מ צום שלעכטן,
סוף=כל=סוף פאַרנומען דאָס אַבאָנעמענטס-
געלט און סוף 1872 (אויפן 40סטן נומ')
אָפּגעשטעלט די איינציקע יידישע ציי=
טונג אין רוסלאַנד, וואָס איז אויפגע=
בויט געוואָרן מיט אַזוי פיל שוועריקייטן.
צ' האָט פאַרפירט קעגן בעלינסאָנען אַ
פראָצעס, אים אויך אָנגעקלאָגט פאַר דער
עפנטלעכער מיינונג, גלייכצייטיק גע=
מאָלדן אין „המליץ" (1873, 6), אַז ער
זוכט, וועמען איבערצוגעבן די ציישונג,
אָבער דערפון איז גאָרניט געוואָרן. אין
משך פון יאָרן האָט צ' ניט אויפגעהערט
זיך משתדל צו זיין פאַר דער מאַכט
וועגן אַ דערלויבעניש צו באַנייען זיין
יידישן אָרגאַן, און אַלע זיינע בקשות
זיינען אָפּגעוואָרפן געוואָרן מיט דעם
מאָטיוו, אַז אין דער רוסישער הויפט=
שטאָט איז ניט קיין אָרט פאַר אַ יידי=
שער ציישונג; ערשט אין 1881 האָט
ער סוף=כל=סוף די לאַנג געגאַרטע דער=
לויבעניש געפועלט און אַלס ביילאַגע צום
„המליץ" פון 23/VIII האָט ער פונאַנ=
דערגעשיקט אַן אויספירלעכע מודעה
וועגן זיין נייער ציישונג „יודישעס פאָלקס-
בלאַט" מיט אַ ברייטער פראָגראַם פון
אַ אייראָפּעישן אָרגאַן, און דעם 13/X
1881 איז אַרויס דער 1טער נומער פון
דער ציישונג, וועלכע האָט אין משך פון
אַ יאָרצענדלינג געשפּילט ניט קיין קלע=
נערע ראָלע אין דעם יידישן געזעל=
שאַפטלעכן לעבן און אין דער אַנטוויק=
לונג פון דער יידישער ליטעראַטור, ווי
איר עלטערע שוועסטער, דער „קול
מבשר". וואָס איז שייך דער ריכטונג

פון דער צייטונג, האָט זיך שוין אין „פאָלקסבלאַט“ אָפּגעשפּיגלט דער באַנקראָט פון די אַסימילאַטאָרישע האָפענונגען און דער אויפקום פון דער יידישנאַציאָנאַלער באַוועגונג; די פּראָבלעמען פון עמיגראַציע און פון ישוב ארץ-ישראל האָבן שוין אין „פאָלקסבלאַט“ פאַרנומען דעם אָרט פון דעם קאַמף פאַר השכלה אין „קול מבשר“. אויך אַרום דעם „יודישען פאָלקסבלאַט“ האָט צ׳ ניט נאָר גרופּירט אַ גאַנצע ריי העברעיִשע און יידישע שריפטשטעלער שוין באַקאַנטע פון פריער, ווי א״ב גאָטלאָבער, משה-לייב ליליענבלום, יעקב דינעזאָן, משה האַשקעס-דאַנציג, י״י וויסבערג, אברהם-יצחק בוכבינדער, אליקום צונזער, נאָר אויך יונגע קרעפטן מיט מ. ספּעקטאָר און ש״ע בראש, וועלכע האָבן זייער ליטעראַרישע טעטיקייט אָנגעהויבן אונטער צ׳ס רעדאַקציע. בנוגע דער באַציִונג צו דער יידישער שפּראַך האָט צ׳, ביי אַלע זיינע אָפּווייכונגען אין דער זייט פון העברעיִזם אָדער דער לאַנדסשפּראַך, דורכגעמאַכט אַזאַ עוואָלוציע, אַז ער האָט אַפילו געהאַלטן פאַר מעגלעך, יידיש זאָל ווערן אונזער נאַציאָנאַלע שפּראַך אין א״י, ווי ס׳איז צו זען פון זיין הערה אין אַן אַרטיקל פון „פאָלקסבלאַט“ (1883, 19), וואו ער שרייבט: „איבריגענס זעהען מיר באמת גאָר ניט איין פאַר אונמעגליך, אַז דער זשאַרגאָן זאָל זיך אַמאָל אויסבילדען נאָר אַ זעלבשטענדיגער יידישער שפּראַך, ווי אַלע שפּראַכען, וואָס האָבען זיך אויסגעבילדעט פון עלטערע. לאָמיר נאָר קלערען, אַז עס וועט זיך אויספיהרען דער פּלאַן פון בעזעצען יודען אין קאָלאָניעס אין פּאַלעסטינאַ. וואָס פאַר אַ שפּראַך וועלען זיי דאָרט קאָנען געברויכען? העברעאיש וועלען זיי ניט זיין אימשטאַנד

אויסצולערנען אַזוי, אַז זי זאָל ווערען אַ לשון, וואָס מען רעדט אויף איהר אַלעס; אַראַביש, וואָס ווערט דאָרט גערעדט, איז אויך ניט לייכט... דעריבער בלייבט צום בעסטען פון זייערטוועגען דער זשאַרגאָן, אויסגעאַרבייט און אויסגעבעסערט. און אַז דער זשאַרגאָן זאָל ווירקליך אָנגענומען ווערען פאַר אַ נאַציאָנאַל-שפּראַך אין פּאַלעסטינאַ, דאַרף מען איהם שוין געוויס ניט פערנאַכלעסיגען און פעררעטען ביי אונז“... דער ערפאָלג פון „פאָלקסבלאַט“ איז כסדר געוואַקסען, אָבער סוף-כל-סוף איז ער ווידעראַמאָל געפאַלן אַ קרבן פון צ׳ס נייע אונטערנעמונגען אויפן געביט פון דער העברעיִשער און רוסיש-יידישער פּרעסע. אַרויסגעבנדיק זינט 1871 דעם „המליץ“ אין פּט״ב, האָט ער זיך ניט באַנוגנט מיט דער ראָלע פון אַ טאָנגעבער אין דער העברעיִשער פּרעסע, נאָר האָט אויך געגרינדעט 1871 אַ רוסיש וואָכנבלאַט Вѣстникъ Русскихъ Евреевъ, הגם ער אַליין איז גאָר ניט אימשטאַנד געווען צו פירן אַ צייטונג אין רוסיש, ניט באַהערשנדיק גענוג די שפּראַך. דאָס האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַטאַל פאַר דעם „המליץ“. צ׳ איז אַריין אין חובות און אים איז אויסגעקומען אָנקומען צו דער אונטערשטיצונג פון די קרייזן, וועלכע האָבן פון אים געפאָדערט אויפצוהערן די אַגיטאַציע פאַר תיקונים בדת. דאָך זיינען די פינאַנציעלע שוועריקייטן ניט באַזייטיקט געוואָרן און צ׳ האָט אין אָקטאָבער 1871 געמוזט אָפּשטעלן דעם „המליץ“ אויף גאַנצע 9 חדשים. באַנייט יולי 1872, האָט ער עקסיסטירט בלויז אַ קורצע צייט, און אין דער ערשטער העלפט 1873 ווידער אויפגעהערט צו ערשיינען, דאָסמאָל שוין אויף גאַנצע 5 יאָר; ווידער אויפגעלעבט האָט דער

„המליץ" ערשט אין 1878 שוין ביי גאַנץ אַנדערע באַדינגונגען און ניט אַזוי גיך איז אים געלונגען ווידער צו פאַרנעמען אַ אָנגעזעענעם אָרט אין דעם יידישן לעבן; דערצו נאָך האָט אים אין אַ יאָר אַרום אומגעריכט געטראָפן די שטראָף פון דער מאַכט: אַלס איינער פון די טיכטיקסטע און איבערגעגעבנסטע יידישע שתדלנים, וועלכער האָט געהאַט אַ צוטריט צו די העכסטע שררות אין פט"ב, האָט צ' גענומען זייער אַן אַקטיוון אָנטייל אין דעם באַרימטן קוטאַיסער בלוט=בילבול=פּראָצעס און אים איז עס אַ סך געווען צו פאַרדאַנקען, וואָס דער פּראָצעס האָט זיך געענדיקט בשלום פאַר יידן; שלמה מאַנדעלקערן, דעמאָלט געהילף=ראַבינער אין אָדעס, האָט דאַן אונטער אַן אויסגעטראַכטן נאָמען אָפּגעדרוקט אין „המליץ" אַ ידיעה וועגן אַן עלילת=דם אין שטעטל טאַטאַרבונאַר, לעבן אָדעס, און דערנאָך אויס נקמה אויף צ'ן געמסרט, אַז צ'ס אָרגאַן פאַרשפּרייט פאַלשע קלאַנגען, האָט דער מיניסטער פאַר אינעווייניקסטע ענינים פאַרמאַכט דעם „המליץ" אויף 5 חדשים. ערשט אין די 80קער יאָרן איז די השפּעה פון „המליץ" ווידער אויסגעוואַקסן. אָבער נאָכדעם ווי י"ל קאַנטאָר האָט געגרינדעט די ערשטע טעגלעכע העברעישע צייטונג, דעם „היום", אָנהייב 1886, איז ווידער געקומען אַ קריזיס: כּדי אויסצוהאַלטן די קאָנקורענץ, איז צ' געצוואונגען געווען אויך דעם „המליץ" צו פאַרוואַנדלען אין אַ טאָגבלאַט; דעם „היום" האָט ער אַראָפּגעטריבן פון פלאַץ, אָבער אַליין איז ער אַריין אין קאָלאָסאַלע חובות, געפּרוווט דעקן די דעפיציטן אויס דער קאַסע פון „פאָלקסבלאַט", אויף וועלכן דאָס האָט זיך געלייגט ווי אַ צו שווערע לאַסט, און די צייטונג האָט נאָך געהאַט אַן ערגערן סוף ווי מיט 20 יאָר צוריק דער „קול מבשר"— איז אַריבער סוף 1887 אין רשות פון איר דרוקער, דעם משורף און פאַרביסענעם האַסער פון יידיש ישראל לעווי (זע), וועלכער האָט זי דערפירט צום אונטערגאַנג. דערמיט האָט זיך פאַרענדיקט די זשורנאַליסטישע טעטיקייט צ'ס אויף יידיש; די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן האָט ער געפירט בלויז דעם „המליץ", אָבער זיינע פאַרדינסטן פאַר דער יידישער פּרעסע, ליטעראַטור, שפּראַך בלייבן היסטאָריש, הגם זיי זיינען נאָך אין דער פולער מאָס ניט אָפּגעשאַצט געוואָרן. צ' האָט ביי יעדער געלעגנהייט פּאָפּולאַריזירט אין זיינע צייטונגען די יידישע ליטעראַטור, דער ערשטער אויפמערקזאַם געמאַכט אויף זיין בן=עיר שלמה עטינגער, אויף זיין אָדעסער פריינד ישראל אַקסענפעלד (וועגן אים געשריבן נאָך אין „המליץ", 1861, 40, הגם ס'איז אַ שטיקל חידוש, וואָס ניט אין „קול מבשר" ניט שפּעטער אין „יודישען פאָלקסבלאַט" האָט ער ניט געדרוקט גאָרנישט פון דעם דאָזיקן ערשטן יידישן ראָמאַניסט — ביי אַזאַ מאַנגל דאַן אין בעלעטריסטישן שטאָף). ער איז אויך געווען דער גרינדער פון דער יידישער קריטיק, אמת אין דעם גאָר פּרימיטיוון זין פון דעם וואָרט, און אין זיין סעריע אַרטיקלען „יודישע ביבליאָגראַפיע" („קול מבשר", 1869, 22, א"וו) האָט ער רעצענזירט די ערשטע ווערק פון דער נייער יידישער ליטעראַטור, ווי אברהם גאָלדפאַדענס „דיא יודענע", א. ב. גאָטלאָבערס פּאָעמע „דער פּעים פין דיא חיות", מענדעלע מוכר=ספרימס „דיא טאַקסע אָדער דיא באַנדע שטאָדט בעלי=טובות" און „דעם לופט=באַללאָן", די ערשטע געדרוקטע ביכלעך

פון ישראל אַקסענפעלד א״אַ. אַרויסווייזנדיק אַלס רעדאַקטאָר און כלל־טוער אַן איבערמענטשלעכע אַרבעטסקראַפט און ענערגיע, האָט ער אויך געגרינדעט אַ העברעאישן חודש־זשורנאַל „המצפה” (1885), נאָך דעם אונטערגאַנג פון Вѣстникъ (1873) אַרויסגעגעבן צוזאַמען מיט א. גאָלדענבלומען אַ וואָכנבלאַט Разсвѣтъ (1879—1883, ביי דער פאַקטישער אָנפירונג פון ג. באָגראָוו, מ. וואַרשאַווסקי, ב. מינסקי, מ. קולישער, י״ל ראָזענפעלד) און אַליין דערהויפּט פיל געשריבן אין זיינע העברעאישע און יידישע צייטונגען. פון זיינע לענגערע סעריעס אַרטיקלען אין יידיש איז באַזונדערס צו דערמאָנען: „די מאָדע” („קול מבשר”, 1866)—וועגן די אַקטועלע פּראָבלעמען פון יידישן לעבן, בפרט דער קינדער־דערציאונג; „די יודיש־דייטשע בריק” („קול מבשר”, 1869)—וועגן דער יידישער שפּראַך אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם יידישיסטישן אַרויסטריט פון י״מ ליפשיץ; „אַ גאַסט איף אַ וויל זעהט אויף אַ מייל” (1868—70) — איינדרוקן און באַשרייבונגען פון זיין רייזע איבער רוסלאַנד, וואָס האָבן אַ היבשן קולטור־היסטאָרישן אינטערעס. צ׳ האָט אויך אַרויסגעגעבן אין בוכפאָרם צ״אַ: „כתר כהונה או דברי הימים לכהני האמונה הישראלית ובנותיה” — צו דער געשיכטע פון חסידות (אָדעס, 1868); „בין המצרים או יחוס עצמו” — אַ דערציילונג אויס דעם יידישן לעבן אין רוסלאַנד (אָדעס, 1864); „אהרן” (1868); „די געהיימניסע פון בערדיטשעוו — וועגן דער געשיכטע פון דער שטאָט, דער אָרטיקער יידישער געמיינדע, איר עקאָנאָמישן צושטאַנד, אירע געזעלשאַפטלעכע אַנשטאַלטן און חברות אאַז״וו, געשריבן אין אַ שלעכטער פאַרדייטשטער שפּראַך (1870); „אַן ערנסט וואָרט צו דיא יודישע טעכטער”. — זיין עלטערער זון, יוסף צעדערבוים, דער פאָטער פון די באַוואוסטע רוסישע ס״ד מאַרטאָוו, יעזשאָוו, לעוויצקי, אַ געענדיקטער גערטנירער, אין די 60קער יאָרן אַ באַגייסטערטער אָנהענגער פון אַלעקסאַנדער הערצען, צו וועמען ער איז אַפילו געפאָרן אַמאָל קיין לאָנדאָן אויס פאַרערונג, האָט זיך באַטייליקט אין דער רוסיש־יידישער פרעסע, דעביוטירנדיק משמעות נאָך אין Сіонъ (1861, 25). דינענדיק אין משך פון אַ סך יאָרן אויפן מזרח אין דער „רוסישער געזעלשאַפט פאַר נאַוויגאַציע און האַנדל”, איז ער געווען קאָנסטאַנטינאָפּאָלער קאָרעספּאָנדענט פון די Петербургскія Вѣдомости און פון דער דעמאָלט נאָך ליבעראַלער Новое Время, צוליב דער רוסיש־טערקישער מלחמה זיך געמוזט צוריקקערן קיין רוסלאַנד, געלעבט אַ געוויסע צייט אין אָדעס, שפּעטער אַריבערגעפאָרן קיין פּט״ב, וואו געהאָלפן דעם פאָטער צו רעדאַקטירן „דאָס יודישע פאָלקסבלאַט”, פאַרעפנטלעכט אין דער צייטונג צ״אַ „אַ בלאַט געשיכטע (די יודענפראַגע אין דייטשלאַנד אין דעם XIX יאָהרהונדערט)” (1887, 10—37). נאָכדעם ווי דאָס „פאָלקסבלאַט” איז אַריבער צו לעווין, האָט ער געעפנט אין פּט״ב אַ ביוראָ פאַר אינפאָרמאַציעס און עצות בנוגע ענינים פון האַנדלסהייזער און אָפיציעלע אַמטן, שפּעטער געאַרבעט אין אַ פאַרזיכערונגס־געזעלשאַפט און אין צוזאַמענהאַנג דערמיט פאַרעפנטלעכט די ביכלעך „לעבענס־אַססעקוראַנץ אויף בעשטימטע יאָהרען אונ אויף נדן” (פּט״ב, 1893) און „אַססעקורירען אים פאַל אַז מען שטאַרבט” (פּט״ב, 1893). ניט קוקנדיק דערויף, וואָס ער איז געווען אַן אַרבעלעכער ערנבירגער האָט ער געהאַט אויסצושטיין צרות מיט וואוינרעכט

און בלויז אַדאַנק דער אינטערוועניץ פון זיין פאָטער, אַלכּסנדר, איז איינמאָל אָפּגעהאַלטן געוואָרן דאָס אַרויסשיקן אים מיט זיין גאַנצער פאַמיליע פון פּט"ב. אויך צ'ס אַ יינגערער זון, ד"ר אַדאָלף צעדערבוים, וואָס האָט שפּעטער אָפּגעלעבט לאַנגע יאָרן אין דייטשלאַנד און איז באַוואוסט געוואָרן אַלס איבערזעצער פון טורגעניעוון אויף דייטש, האָט זיך באַטייליקט ניט נאָר אין דער רוסיש-יידישער פּרעסע (אַלס בערלינער קאָרעספּאָנדענט פון Восходъ, Разсвѣтъ, Нед. Хр. Восхода, Евр. Обозрѣніе א"אַ אויף דער גרענעץ פון די 70קער און 80קער יאָרן), נאָר אויך מיטגעאַרבעט אין „יודישען פאָלקסבלאַט" א"פ אד"צ מיט פּאָפּולערוויסנשאַפטלעכע אַרטיקלען, למשל: „ווי אַזוי האָבען זיך מענשען אויסגעלערנט שרייבען", 1881, 2, „היימישע מעדיצין", 1883, א"א. כאַראַקטעריסטיש איז זיין קאָרעספּאָנדענץ פון בערלין אין „פאָלקסבלאַט" 1885, 1, וואו ער דערציילט מיט עכט משכּילישער התפּעלות, ווי אַזוי די 39 פּאָגראָם-קינדער, וואָס ווערן דערצויגן אין בערלין, רעדן שוין דייטש „גלייך ווי זיי וואָלטען היער געבוירען געוואָרען... עס האָט געקאָסט גענוג מיה, זיי אָפּצוגעוואָהנען פונ'ם זשאַרגאָן, און צו ברענגען אויף דעם איצטיגען שטייגער..."

צ', „תולדות ר' יוסף", אין „המליץ", 1861; id, „אַ גאַסט אויף אַ וויילע זעה אויף אַ מייל", „קול מבשר", 1869, 47—49; id, „שפה מדוברת", אין „המליץ", 1873, 6; id, „דאָס יודישע פאָלקסבלאַט צו זיינע לעזער און לעזערינען" (צום 25סטן יאָרטאָג זינט דער גרינדונג פון „קול מבשר"), אין „יודישען פאָלקסבלאַט", 1887, 40; סטענאָגראַפישער באַריכט פון צ'ס עפנטלעכן וויכּוח מיטן אַנטיסעמיט איפּאָליט לוטאָסטאַנסקי, אין Разсвѣтъ און Рус. Еврей, 1880; Нед. Хр. Восхода, 1893, 35—36; ספר „זכרון"; „האסיף", VI; „לוח אחיאסף", II; ראובן ברײַנין, „שרטוטים", 1899; א. ש. פרידבערג, אין „ספר השנה", I; מ. ספּעקטאָר, אין „הויזפריינד", III; א. שולמאַן, אין „יוד", 1900, 17—18; JE, XII; א. קויפמאַן, אין Евр. Старина, 1912; צינבערג, אין ЕЭ, XV; id, „דער „קול מבשר" און זיין צייט", אין „דער יודישער וועלט", 1913, I — IV; id, „מיין ענטפער ש. ל. ציטראָנען", ib, VIII; id, Исторія евр. печати, אין Евр. Вестник, 1928; ש. ל. ציטראָן, תולדות העתונות העברית", אין „העולם", 1913; id, „תולדות חבת ציון"; id, „לקסיקון ציוני"; id, „דריי ליטעראַרישע דורות", III, ז' 96 — 129; id, „די געשיכטע פון דער יידישער פּרעסע", ז' 5 — 74, 117 — 152; ש. דובנאָוו, „פון זשאַרגאָן צו יידיש"; ד"ר ש. בערנשטיין, „בחזון הדורות", 1928, ז' עז—קב („ד"ר אהרן גולדנבלום ותקופתו", „חיים זעליג סלונימסקי ואלכּסנדר הלוי צדרבוים"); י. מאַרטאָוו, „זכרונות פון אַ סאָציאַל-דעמאָקראַט"; Систематическій указатель литературы о евреяхъ; ד"ר י. מזא"ה, זכרונות.

צעזאַר משה (מאָרים) (1868 — 2/VII 1924) געב' אין יאַס, רומעניע. צו 20 יאָר איז ער שוין געווען איינער פון די פירער פון דער דאָרטיקער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. 1891 געקומען קיין אַמעריקע, וואו ער געווען טעטיק אין דער יידישער אַרבעטער-באַוועגונג, געווען איינער פון די גרינדער און די ערשטע צייט אויך מיטאַרבעטער פון „פאָרווערטס" (דער דאָזיקער דייטשער נאָמען פון דער פאַרשפּרייטסטער יידישער צייטונג זאָל טאַקע שטאַמען פון צ'ן, אָבער לויט אַב' קאַהאַנס זכרונות האָט דעם נאָמען „פאָרווערטס" פאָרגעלייגט גאָר לואי מילער). צוזאַמען מיט מ. ווינטשעווסקי, מ. זאַמעטקין, לואי מילער און אַב' קאַהאַן געהערט צו דער פּרעסע-קאָמיסיע, מיט וועלכער דער רעדאַקטאָר פון דעם ניי-געגרינדעטן „פאָרווערטס" האָט זיך געדאַרפט באַראַטן אין

טאַקטישע פראַגן. אַ געוויסע צייט איז צ׳ אויך געווען פאַרוואַלטער פון דער „צוקונפט". ער איז געווען זייער פּאָפּולער אַלס כלל־טוער צווישן די רומענישע יידן אין אַמעריקע (ער האָט זיין שטודיום געענדיקט אַלס אַדוואָקאַט, אָבער ניט פּראַקטיצירט). די לעצטע יאָרן האָט ער צוליב שווערער קראַנקהייט זיך געמוזט צוריקציען פון עפנטלעכן לעבן. — פון זיינע זין פאַרפאַסט איינער דראַמען פאַר דער ענגלישער בינע און דער אַנדערער — לידער און מוזיק פאַר מעלאָדראַמען.

ה. בורגין, „געשיכטע פון דער אידישער ארבייטער באוועגונג"; נעקראָלאָגן אין דער פּרעסע פון נ״י.

צענטנערשווער ר.—פאַרפאַסערין פון דעם פּעדאַגאָגישן ווערק O wspólnem obu płci kształceniu w szkole średniej (1905). זי האָט פאַרעפנטלעכט אַ בראָשור א״ט O języku Żydów w Polsce, na Litwie i Rusi (וואַרשע, 1907, ז׳ 43), אין וועלכער זי וויל, אויס בולט מהיפית־פּאָלאָניזאַטאָרישע טענדענצן, דערווייזן, אַז די יידן אין פּוילן האָבן ביז צום XVII י״ה גערעדט אויף דער פּוילישער שפּראַך און ערשט שפּעטער אָנגענומען דאָס יידישע לשון, לכתחילה אַלס דייטש „אין אַ פיינער געשטאַלט" און נאָכדעם אין „אַ פאַרקריפּלטער און אַ פאַרהויקערטער"; דערביי טרעט זי אויך אַרויס קעגן יידיש אַלס נאַציאָנאַלער שפּראַך. אַלס ענטפער אויף איר „היסטאָרישער סקיצע" האָט באַלאַבאַן פאַרעפנטלעכט זיין אַרטיקל Jakim językiem mówili żydzi w Polsce (אין Kurjer Lwowski, 1907, 26; איבערגעדרוקט אין זיין בוך Z historji Żydów w Polsce, וואַרשע, 1920). אויך דובנאָוו האָט אין זיין באַקאַנטער אַרבעט קעגן די אָנהענגער פון דער אַ״ג „סלאַווישער טעאָריע" אויפגעוויזן די גרונדלאָזיקייט פון דער טעזע צ׳ס, וועלכע קען אגב אַליין אַפילו קיין וואָרט יידיש ניט.

צעשינסקי משה (17/X 1889 —) געב׳ אין טשענסטאָכאָוו. געענדיקט די שטאַטישע פאָלקסשול, גענומען אַן אָנטייל אין דער פּ״צ־באַוועגונג, קאָרעספּאָנדירנדיק אין וואַרשעווער „וועג" 1905, „מאָמענט" א״אַ, שפּעטער געגרינדעט אַ וועכנטלעכע אויסגאַבע א״ט „טשענסטאָכאָווער רעקלאַמען־בלאַט", וועלכע פאַרוואַנדלט אין „טשענסטאָכאָווער וואָכנבלאַט" און צולעצט — אין „טשענסטאָכאָווער טאַגעבלאַט", וואו געשריבן אַרטיקלען, דערציילונגען אאַז״וו. צוליב די רעפּרעסיעס פון דער זשאַנדאַרמעריע פאַר געהערן צו די פּ״צ 1914 אַוועק קיין אַמעריקע, געאַרבעט אין פאַבריקן, געדרוקט פון צייט צו צייט אַרטיקלען איבער פּאָליטישע, געזעלשאַפטלעכע און ליטעראַרישע ענינים אין שיקאַגער „אידישען קוריער", טאָראָנטער „אידישען זשורנאַל", פילאַדעלפיער „אידישער וועלט", „קענעדער אָדלער", זמ״ה „אינאיינעם". אין בוכפאָרם אַרויסגעגעבן „טורמע־ערינערונגען" (1914). די לעצטע יאָרן געווען באַשעפטיקט אַלס רייזנדער אַגענט פון יידישע ביכערפאַרלאַגן און צייטונגען. האַלט איצט אַ בוכהאַנדלונג אין שיקאַגאָ.

צפּור י. ב. (20/I 1888 —) פּס״נ פון יצחק שטערקמאַן. געב׳ אין פאַלעשטי, בעסאַראַביע. צו 4 יאָר געקומען מיט די עלטערן קיין פאַריז, וואו ער האָט דורכגעמאַכט די פראַנצויזישע פאָלקסשול, מיטלשול און הויכשול און געענדיקט זיין שטודיום מיטן טיטל ד״ר פילאָסאָפיע. ליטעראַרי-

שע טעטיקייט אָנגעהויבן 1908 אין פראַנצויזישן זשורנאַל Revue Bleue. 1912 פאַרלאָזט פאַריז און זיך באַזעצט אין וואַרשע, וואו ער האָט דעם אייגענעם יאָר דעביוטירט אין יידיש מיט אַ סעריע 15 אַרטיקלען א"ט „פסיכאָלאָגישע באַטראַכטונגען" — אַ מין אַריינפיר אין דער אַלוועלטלכער פילאָסאָפיע — אין „דער אידישע וואָך". י"ל פרץ האָט זיך פאַראינטערעסירט מיט דעם יונגן יידיש=פראַנצויזישן שריפטשטעלער און אים אויפגעמונטערט צום שאַפן אין יידיש. דאַן האָט ער פאַרעפנטלעכט אַ מיסטעריע אין 5 אַ' א"ט „די שכינה אין גלות" (פ"ג א. גיטלין, תרע"ג, ז' 163), וואָס איז געבויט אויף דער באַקאַנטער לעגענדע וועגן יוסף דילא ריינה, וועלכער האָט זיך געשטעלט אַלס ציל אַראָפּצוברענגען משיחן פאַר דער צייט; צ' האָט די לעגענדע געפּרוּווט באַאַרבעטן אויף אַ מאָדערנעם אופן, אַרויסברענגענדיק דערביי אַלס הויפט=אידעע דעם געדאַנק, אַז ניט דער וואָס טוט שלעכטס איז דער שלעכטער. ניט קוקנדיק אויף געוויסע חסרונות פון דער מיסטעריע, אויף דער צו בולטער השפעה פון דער קריסטלעכער מיסטיק, האָט זי אַ סך דראַמאַטישע מאָמענטן און איז בשעתו זייער וואַרעם אויפגענומען געוואָרן פון דער קריטיק מיט בעל=מחשבותן בראש. בשעת דער דייטשער אָקופּאַציע האָט צ' פון צייט צו צייט געדרוקט אַרטיקלען אין „וואַרשאַווער טאַגעבלאַט" א"ר פון ה. ד. נאָמבערג. 1918 צוזאַמען מיט י. מ. וויסענבערג רעדאַקטירט די „יודישע

זאַמעל=ביכער" (אַ חוץ דעם 5טן בוך וואו ער פיגורירט שוין ניט אַלס מיטרעדאַקטאָר) און דאָרט פאַרעפנטלעכט לידער, קריטישע אַרטיקלען, ווי „ביי אַנדערע און ביי אונז / בעמערקונגען צו דער יידישער ליטעראַטור=געשיכטע", „אַ טויט=געשוויגען בוך" — וועגן דעם בוך „דער משוגענער דאָקטאָר עלדאָד" פון פיליוס=האָמיניס (פּס"נ פון צ'ס אַ ברודער), „קריטיק און קריטיקער" א"אַ. שפּעטער האָט ער אַלס איידעם פון הרב קאָוואַלסקי (זע) געלעבט דאָס רוב אין וולאָצלאַוועק, געווען אַ לערער אין אַ פּויליש=יידישער גימנאַזיע, בשעת די וואַלן צום סיים 1922 געווען אַגיטאַטאָר פון דער פאָלקספּאַרטיי, דערנאָך אַריבער צו די רעכטע פּ"צ און געווען אינסטרוקטאָר פון קרן=היסוד, לעצטנס רעדאַקטאָר פון דעם וואָכנבלאַט „אונזער ראַיאָן=צייטונג" (ערשיינט זינט 1927 אין וולאָצלאַוועק), וואו ער שרייבט דערציילונגען און אַרטיקלען. פון זיינע בעלעטריסטישע ווערק זיינען אין בוכפאָרם אַרויס: „אין בבל" — דראַמאַטישע פּאָעמע אין 5 ט' און 7 בילדער (פ"ג „די צייט", וואַרשע, 1922), געשריבן אין לייכטע און פליסיקע גראַמען, וואָס גיבן צו דעם ווערק דעם טאָן פון קלאַסיציזם; די עצם דראַמע אָבער, אין וועלכער צ' האָט געפּרוּווט געבן אַ נייע אינטערפּרעטאַציע פון די ביבלישע נבוכדנאצר=לעגענדעס און פון די שפּראָצונגען פון יידיש=נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין, ליידט פון צעצויגנקייט; אַ איבעראַרבעטונג פון זיין מיסטעריע „די שכינה אין גלות" שטעלט פאָר מיט זיך זיין דריטע דראַמאַטישע לעגענדע, אויך אין פּערזן, א"ט „ביי די טויערן" (פ"ג „אַלט=יונג", וואַרשע, 1923, ז' 135). צ' האָט אויך געפּרוּווט שרייבן קינדערפּיעסן, פון וועלכע עס זיינען פאַרעפנטלעכט: „נחת פון קינדער / קינ=

דערשפּיל אין צוויי בילדער" און „דער ליגנער / קינדער־דראַמע אין צוויי בילדער" („דערז' פ"ג, 1922, ז' 51), ביידע אַרויס אויך אין העבּרעיִשער איבערזעצונג („צער גדול בנים" און „השקרן", פ"ג „תיאטרון לבני הנעורים", וואַרשע תּרפּ"ג). אין כּתבֿ־יד אַ גאַנצע ריי ווערק, ווי אַ גרויסער ראָמאַן „דער זיווג", — אַ פּרווו פון אַ פּסיכאָאַנאַליטישער שטודיע מיט אַטאַוויזם אַלס יסוד, „דער פוקס" — אַ דראַמע פון יידישען עמיגראַנטנלעבן אין פּאַריז; „נייע דורות" — אַ דראַמע, געבויט אויף דעם קאָנפליקט צווישן אַלטע און נייע אָנשויונגען אויפן געביט פון דער פאַמיליען־עטיק; איבערזעצונג פון מאָליערס „טאַרטיף" אין פּערזן און פון וויקטאָר הוגאָס „לוקרעציאַ באָרדזשיאַ"; אַ בוך קריטישע אַרטיקלען א"ט „יונגע יידישע דיכטער אין ליכט פון דער פּאָזיטיווער וויסנשאַפט".

בעל־מחשבות, אין „דאָס לעבן, 1914, 91; י. מ. ניימאַן, „דאָס בוך פון די אינצופרידענע" (וועגן די „יודישע זאמעלביכער"), אין לאָדזער „פאָלקסבלאַט", 1918; א. ל. יאַקובאָוויטש, „ליטעראַרישע געשפּרעכען", XXXVIII און XXXIX, אין „היינט"; יואל מאַסטבוים, אין „דאָס פאָלק"; הלל צייטלין, אין „מאָמענט"; ח. ש. קאַזדאַן, אין „פּיכער־וועלט", 1923 III — IV; היינריך בעש, אין Jüd. Rundschau; בינענשטאָק, אין לעמבערגער „טאָגבלאַט" און אין Chwila; ד"ר מ. קאַמפּער, אין Nasz Kurjer פון 22/IV 1922 ל. בלוימענפעלד, אין Mercure de France, 1924, XI.

צפּורי אַברהם (20/IX 1893 —) געב' אין אַלעקסאַנדריע, לעבן ראָוונע, וואָלין. זיין פאָטער, אלימלך בליי, אַ העבּרעאישער לערער, וואָס האָט געדרוקט פעליעטאָנען און דערציילונגען אין פאַרשיידענע העבּרעאישע אויסגאַבן, האָט אים געגעבן אַ נאַציאָנאַל־העבּרעיִשע דערציִונג. גאָר יונג געקומען קיין אַמעריקע, האָט ער שטודירט אויפן פילאָסאָפישן פאַקולטעט פון קאָלומביאַ־אוניווערסיטעט אין נ"י, געשטאַנען נאָענט צו דער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג, צוליב אַנטימיליטאַריסטישע איבערצייגונגען זיך אָנגעשלאָסן אָן דעם יידישן לעגיאָן אַלס מיטל צו קענען פאַרלאָזן אַמעריקע. וואָס איז אים געלונגען סוף 1917, און קומענדיק מיטן לעגיאָן קיין א"י, זיך ביי דער ערשטער געלעגנהייט באַפרייט פון מיליטער.—אָנגעהויבן זיין ליטעראַרישע טעטיקייט אין אַמעריקע 1913, האָט ער פאַרעפנטלעכט דערציילונגען, לידער, הומאָרעסקעס און אַרטיקלען אין „וואַרהייט", „טאָג", „פ. א. ש.", „דעם אידישען קעמפּפער", „מילערס וואָכענשריפט", „קונדס", דער פילאַדעלפיער „אידישער וועלט", דעם טאָראָנטער „אידישען זשורנאַל", לאָנדאָנער „אַרבייטער פריינד" און „צייט", ווינער „מאָרגענפּאָסט" און „אוואַנגאַרד"—דעם אָרגאַן פון די קאָמוניסטישע פ"צ אין ווין. אין א"י זיך באַטייליקט אַ געוויסע צייט אין דעם טאָגבלאַט „הארץ", רעדאַקטירט (צוזאַמען מיט נ. בנארי) די העבּרעיִשע זמ"ה „רגב / חוברות לעניני הפועל במושבות" (תּל־אָביב, 1924), די הומאָריסטישע איינמאָליקע אויסגאַבן „לצחוק" און „אפיקומן", צוזאַמען מיט א. אבן אַרויסגעגעבן אַ אָפּערנבוך אין העבּרעיִש „ספר האופירות" מיט אַן אַריינפיר פון יואל ענגעל (אַגב נאָך ענגעלס טויט געשריבן וועגן אים אַן אַרטיקל אין „מאָרגען זשורנאַל" פון 13/III 1927). אַלס דעלעגאַט פון דער יידישער קאָמ' פאַרטיי (מפ"ס פ"צ) צו דער 5טער וועלט־קאָנפערענץ פון די פ"צ אין ווין זיך אָפּגעשטעלט אין לאָנדאָן, וואו פאַרעפנטלעכט אַ פּראָפּאַגאַנדע־בראָשור „וואָס ווילן מיר" (אַרויסגעגעבן פון אַ גרופּע לינקע פ"צ, דרוקעריי „עקספּרעס", לאָנדאָן, 1920).

אין כתב-יד אַ באַנד אַראַבישע פאָלקס-מעשיות אין יידיש. געשריבן אויך א״פ א. ב., א. צ., בליי-צפורי, בן אלימלך, עופרת, אבץ.

צפנת אהרן (1893 —)
געב׳ אין קאַרטוז-בערעזע, גראָדנער געגנט. געלערנט אין חדר, טעכנישער שול, פּעדאַגאָגישע קורסן, געווען אַן עקסטערן, יאָרנלאַנג געאַרבעט אַלס לערער אין די יידישע שולן. 1922 פאַרעפנטלעכט אין דער וואַרשעווער „פאָלקס-צייטונג" לידער, שפּעטער אַ קורצע צייט געפירט אין דער צייטונג אַ הומאָריסטישע אָפּטיילונג א״ט „דער רויטער געלעכטער" א״פ צפנת-פענח, אויך מיטגעאַרבעט אין דער הומאָריסטישער אָפּטיילונג פון „מאָמענט" („דער קרומער שפּיגעל"). 1925 אַריינגעטרעטן אַלס אינוויניקסטער מיטאַרבעטער פון דעם העברעישן טאָגבלאַט „היום", וואו כמעט אַלע טאָג פאַרעפנטלעכט סאַטירישע לידער אויף פּאָליטיש-געזעלשאַפטלעכע טעמעס א״ט „פרק שירה לרוח היום", אויך רעדאַקטירט אַ וועכנטלעכע הומאָריסטישע אָפּטיילונג א״ט „שפתי חכמים" און געשריבן פעליעטאָנען א״ט „מן הילקוט" א״פ בן הא הא. נאָכן אונטערגאַנג פון „היום" אַ לענגערע צייט מיטגעאַרבעט אין דעם טאָגבלאַט „דער וואַרשעווער עקספּרעס", וואו געשריבן טאָג-לידער א״ט „גוט מאָרגען" א״פ בעל-הטורים, געפירט די הומאָריסטישע אָפּטיילונג „רויטער פעפער" און די פעליעטאָנען „פון פּראָווינץ-קאָרב". לעצטנס — מיטאַרבעטער פון „הצפירה" א״פ עורך לשבת. אַרויסגעגעבן אַ ביכעלע לידער א״ט „אָן אַ זייט פון ברייטן שליאַך" (פּינסק, 1925).

ק.

קאַבאַק אהרן-אברהם (1882 —)
געב׳ אין סמאָרגאָן, ווילנער געגנט. באַקומען אַלס זון פון אַ רב אַ טראַדיציאָנעלע יידישע דערציִונג, געלערנט אין ישיבות, שפּעטער זיך גענומען צו אַלגעמיינער בילדונג, וועלכע ער האָט פאַרענדיקט אַרום 1913 אין זשענעווער אוניווערסיטעט. ער האָט דעביוטירט מיט אַ דערציילונג „המפיל" אין „השלח" 1904 און מיט דעם ראָמאַן „לבדה" (וואַרשע, 1905), וואָס האָט צוגעצויגן די אויפמערקזאַמקייט אַלס ערשטער ראָמאַן אין דער העברעישער ליטעראַטור מיט אַ פרוי אַלס צענטראַלער פיגור. צו יענער צייט האָט ער באַזוכט דעם אָריענט, צ״אַ געשריבן קאָרעספּאָנדענצן פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל אין „הזמן", דאַן אויך אָנגעהויבן צו שרייבן יידיש, פאַרעפנטלעכט אַ ריי דערציילונגען אין „פריינד" (צ״אַ אַ גרעסערע דערציילונג „ברודער און שוועסטער" — 1907, 212 א״ון), „דאָס יודישע פאָלק" („דער נביא" — 1906, 20), שפּעטער צוגעגרייט אַפילו אַן אויסגאַבע פון זיינע 2 ב׳ שריפטן אין יידיש, צווישן זיי דערציילונגען און סקיצן אויס דעם טערקישן, יידיש-טערקישן און יידיש-פּערסישן לעבן פאַרן פ״ג ש. שרעבערק, אָבער נאָכדעם ווי ער האָט זיך אויף שטענדיק באַזעצט אין א״י, האָט ער זיך אינגאַנצן דערווייטערט פון דער יידישער ליטעראַטור. אין העברעיש האָט ער פאַרעפנטלעכט אַ ריי ראָמאַנען, ווי „דניאל שפרנוב", (1912), „נצחון" (1923), „אהבה" (1926), דערציילונגען, איבערזעצונגען, (לאָטיס „דער פישער פון איסלאַנד"), אַ ראָמאַן-טרילאָגיע „שלמה מולכו" (אין „העולם", 1927) אאַז״וו. איז לערער אין לערער-סעמינאַר פון ירושלים.

ЕЭ, IX.

קאָבּרין לעאָן (* 15/III 1872 —
) געבּ׳ אין וויטעבּסק. זיין פאָטער,
רפאל, אַ קרעמער, איז געווען אַ מענטש פון
אַלטן שניט, וואָס האָט ווייניק געזאָרגט פאַר
דער וועלטלעכער

דערציִונג פון זיי=
נע קינדער. ק׳
האָט ביז 12 יאָר
געלערנט אין חדר,
אָבּער צו די חדר=
לימודים קיין אי=
בּעריקן חשק ניט
אַרויסגעוויזן,
דערפאַר אָבּער זיך אַריינגעטאָן אין
לייענען רוסישע בּיכער, זיי ממש גע=
שלונגען דורך גאַנצע נעכט. דער פאָטער
איז געווען דערפון שטאַרק אומצופרידן
און אים געשטערט אין דעם, אָבּער פון
דער אַנדערער זייט האָט דער יינגל גע=
פונען הילף בּיי אַ געוויסן קרייז אינטעלי=
גענטן אין שטאָט, וואָס האָבּן אים געגעבּן
אומזיסטן אונטעררעכט אין פאַרשיידענע
געגנשטאַנדן, און אָט די דאָזיקע לערער,
שפּעטער — אויך חברים זיינע, האָט ער
געהאַט צו פאַרדאַנקען אַלץ: „דאָס האָבּן
זיי מיר — שרייבּט ער אין זיין אַווטאָ=
בּיאָגראַפישער נאָטיץ צו ראָמבּראָן —
אָנגעוויזן אויף יענעם בּלענדנדיקן און
צוציענדיקן שיין, וועלכער איז געווען
בּאַהאַלטן הינטער די פינסטערע און
טרויעריקע וואָלקנס פון תחום המושב״.
די ליידנשאַפט צום שרייבּן האָט זיך
אין אים דערוועקט גאַנץ פרי און שוין
צו 15 יאָר האָט ער געהאַט געשריבּן
דערציילונגען, עטלעכע אַפילו געשיקט
אין Восходъ אַריין, אָבּער זיי זיינען
ניט געדרוקט געוואָרן. פון דער יידישער
ליטעראַטור איז ער געווען אינגאַנצן
פרעמד, און בּלויז פון הערן געהאַט
וועגן איר זייער אַ שלעכטע מיינונג.
אָבּער די דאָזיקע מיינונג האָט ער גע=
ענדערט אין אַמעריקע, וואוהין ער האָט
אויסגעוואַנדערט 1892. ער איז פּשוט
געוואָרן איבּערראַשט, ווען ער האָט דאָס
ערשטע מאָל דערזען טשעכאָווס אַ דער=
ציילונג אין אַ גאַנץ געלונגענער איבּער=
זעצונג אין „דער אַרבּייטער צייטונג״
און אים האָט זיך פאַרגלוסט אַליין אויך
עפּעס אָנשרייבּן אין יידיש. די ערשטע
צייט איז אים אָנגעקומען זייער שווער
צוצוקלייבּן ריין יידישע אויסדרוקן פאַר
בּילדער, אָבּער בּיסלעכווייז האָט ער
בּאַהערשט די שפּראַך און זי איז אים
פאָרגעקומען גאָר ניט אָרעם, אַזוי אַז
ער האָט געמוזט איינזען, אַז „אויבּ מיר
האָבּן ניט קיין טאָלסטאָיס און קיין טשע=
כאָווס, איז יידיש דערין צום ווינציקסטן
שולדיק״. אין אַמעריקע האָט ער די
ערשטע יאָרן שטאַרק זיך געפּלאָגט,
צוערשט געפּרוווט נייען העמדלעך, אָבּער
די דאָזיקע אַרבּעט איז בּיי אים ניט
געגאַנגען, ער האָט זיך קיין עצה ניט
געקענט געבּן מיט דער ניימאַשין, וועלכע
האָט זיך בּאַוועגט דורך עלעקטריע, און
איינמאָל האָט די מאַשין אים שיר ניט
צעשעדיקט די האַנט. דאַן האָבּן אים
די לאַנדסלייט אַריינגעמאַכט אין אַ ציִ=
גאַרנפאַבּריק אין פילאַדעלפיע, אָבּער
אויך דאָ האָט ער ניט געהאַט קיין
בּעסערע מערכה, און ער האָט געמוזט
לאָזן די ציגאַרן און איז אָנגעקומען צו
אַ בּעקער; די דאָזיקע בּיינאַכטיקע עבודת=
פּרך האָט אים אַזוי אויסגעמאַטערט, אַז
שוין אויף דער דריטער נאַכט איז ער
געפאַלן אין אָנמאַכט. פון זיינע צרות
און דחקות האָט ער זיך פאַרגעסן בּלויז
דעמאָלט, ווען ער האָט עפּעס געשריבּן
און טאַקע אָט דער דאָזיקער בּרען צום

*) לויט Who's Who in America
Jewry — 1873.

שרייבן איז עס געווען די הויפּט=סיבה,
וואָס ער האָט זיך ניט געקענט צופּאַסן
צו אַ פיזישער אַרבעט; ביי דער אַרבעט
האָט אים אַלע מאָל באַשעפטיקט עפּעס
אַ סיוזשעט און די הענט פלעגן זיך
אים אַראָפּלאָזן, האָט ניט געקענט לויז
ווערן פון די „היימישע און אַמעריקאַ=
נישע בילדער, וואָס האָבן זיך געמישט
און געטומלט אין זיין פאַנטאַזיע, האָבן
אים געבריט און גערעגט און אים גע=
טריבן צו געבן זיי אַ פאָרם, אַ גע=
שטאַלט", און ער פלעגט אַרבעטן ווי
אין חלום. זיין ערשטע ליטעראַרישע
אַרבעט איז געווען אַן איבערזעצונג
פון גליעב אוספּענסקי, פאַרעפנטלעכט
אין „פ. אַ. ש." 1893. דאַן האָט ער גע=
שריבן אין דער „פילאַדעלפיער שטאָדט=
ציי טונג" אַ סעריע ליטעראַריש=קריטישע
אַרטיקלען א"ט „בריעף נאָך רוסלאַנד
וועגן דער זשאַרגאָנישער ליטעראַטור
אין אַמעריקאַ", צ"אַ אַן אַרטיקל וועגן
מאָריס ראָזענפעלד, — דער ערשטער
פּרווו אָפּצושאַצן ראָזענפעלדן אַלס דיכ=
טער. — זיין דעביוט אַלס בעלעטריסט
האָט ק' געמאַכט אין דער דערמאָנטער
ציי טונג 1894 מיט אַ סקיצע א"ט „אַ
מערדער אויס ליעבע" און דאַן פאַר=
עפנטלעכט עטלעכע סקיצן אין דעם
„אָבענד בלאַט", וואָס האָבן געצויגן אויף
אים די אויפמערקזאַמקייט פון די ליטע=
ראַרישע קרייזן בפרט פון דעם רעדאַק=
טאָר פיליפּ קראַנץ, און ער איז איינגע=
לאַדן געוואָרן אַלס שטענדיקער מיט=
אַרבעטער פון דעם „אָבענד בלאַט", איז
אַריבערגעפאָרן קיין נ"י, נאָך אַ פּאָר
יאָר געמוזט ציען זיין הויפּט=חיונה פון
פאַרקויפן ציי טונגען, אַ געוויסע צייט
אויך געאַרבעט אַלס וועבער אין אַ זיידנ=
פאַבריק אין האָבאָקען, אָבער זיין שם
אַלס שריפטשטעלער איז אַלץ געוואַקסן
און זינט דאַן האָט ער זיך אינגאַנצן אָפּ=
געגעבן דער ליטעראַרישער טעטיקייט,
באַטייליקט זיך אין די פאַרשיידנסטע
ראַדיקאַלע ציי טונגען פון אַמעריקע, ווי
„אַרבייטער צייטונג", „אָבענד בלאַט" (מיט
וועלכע אָרגאַנען ער איז געווען פאַר=
בונדן אַ 5 — 6 יאָר ביז דער צווייטער
שפּאַלטונג אין לס"פ, ווען אַלע מיט=
אַרבעטער מיטן רעדאַקטאָר פיליפּ קראַנץ
האָבן די פּאַרטיי פאַרלאָזן), „צוקונפט",
„פאָרווערטס" א"אַ. אַ באַזונדערן ערפאָלג
האָט געהאַט זיין גרעסערע דערציי=
לונג „יענקעל בוילע" (נ"י, 1898) —
אויס דעם יידישן פישערלעבן אין
רוסלאַנד, וואָס האָט פאַראינטערעסירט
מיט דער נייקייט פון דער טעמע, מיט
דעם געזונטן רעאַליזם און אויך באַ=
קאַנט געמאַכט ק'ס נאָמען אין רוסלאַנד
און פוילן. אַ געשעעניש אין דער יונ=
גער יידישער בעלעטריסטיק איז אויך
געווען זיין צווייטע זאַמלונג דערציילונ=
גען א"ט „גהעטאָ=דראַמען" (נ"י, 1903,
פ"ג „היברו פּאָבלישינג קאָ", ז' 225),
וואָס האָט באַפעסטיקט זיין נאָמען אַלס
פון איינעם פון די וויכטיקסטע פאָר=
שטייער פון דער יידישער ליטעראַטור
אין אַמעריקע. גלייכצייטיק איז ער אויך
געוואָרן פּאָפּולער אַלס דראַמאַטורג. זיין
ערשטע פּיעסע איז געווען „מינאַ אָדער
די צעשטערטע פאַמיליע פון דאַון=טאַון",
וועלכע איז אין דער באַאַרבעטונג פון
יעקב גאָרדין אויפגעפירט געוואָרן 1899.
צו יענער צייט איז זאַנגוויל געקומען קיין
אַמעריקע אויפצופירן אין אַן ענגלישן
טעאַטער זיין דראַמע „קינדער פון געטאָ",
און דאַן האָט ק' אָנגעשריבן זיין צווייטע
פּיעסע „די אייסט=סייד=געטאָ", וועלכע
האָט געהאַט אַ גרויסן ערפאָלג און אגב
געגעבן דער טאַלענטפולער אַרטיסטין
בערטע קאַליש די ערשטע געלעגנהייט

אַרויסצוטרעטן אַלס דראַמאַטישע שוישפּילערין. פון דאַן אָן האָט ק׳ פאַרפאַסט איבער 30 פּיעסן—קאָמעדיעס און דראַמען, ווי „נאַטור, מענטש און חיה אָדער סאָניע פון איסט־בראָדוויי", „דער קרבן"—לעבנסדראַמע, „צעריסענע קייטן" (1900), „דער פאַרלאָרענער גן־עדן" — רעאַליסטישע דראַמע (1902), „גאָט און דער טראָסט", „דער בלינדער מוזיקאַנט אָדער יידישער אָטעלאָ" — טראַגעדיע (1903), „די צוויי שוועסטער אָדער דער יידל פון דער סאָוט" (1904), „אַמעריקאַנער גליקן אָדער דזשייקאָב בלומבער" — לאָקאַלע דראַמע (1905), „זיין ווייב" — לאָקאַלע דראַמע, „דער גרויסער ייד" (1906), „די מאַכט פון ליבע" (1907), „ווער איז שולדיק אָדער פרויענליבע", „די שפּין" (1909), „דער שטורעם פון לעבן" — לעבנסבילד, „דער גאָלדענער מבול" — קאָמעדיע־דראַמע (1910), „שונאים" (1912), „בריטש אָוו פראָמיס" — קאָמעדיע, „יאַנקל בוילע אָדער דער נאַטור־מענטש" (1913), „דער כּישוף" (1914), „ישראלס האָפענונג אָדער הייליקע ליבע" — לעבנסבילד (1915), „די נעקסטדאָריקע" — קאָמעדיע, „טיר נומער דריי" (1916), „דעם דאָקטאָרס ווייבער" — קאָמעדיע, „צוריק צו זיין פאָלק" — נאַציאָנאַלע דראַמע (1917), „אויפן מיטן ים" (1918), „די אויגן פון ליבע" (1919), „דאָס אייביגע פייער" — היסטאָרישע דראַמע („צוקונפט", 1920), „שטורם־פייגעל" (ib, 1921), „פרינץ לולו" (1922) א״אַ. ער האָט אויך איבערגעזעצט פאַר דער בינע אַ ריי ווערק פון דעם אייראָפּעישן רעפּערטואַר, ווי געטעס „פאַוסט" (1903), שעקספּירס „האַמלעט", ישראל זאַנגווילס „קינדער פון דער געטאָ" (1904), טשיריקאָווס „די יידן פון רוסלאַנד", לעוו טאָלסטאָיס „דער לעבעדיקער מת" א״אַ. גלייכצייטיק האָט ניט אויפגעהערט די טעטיקייט ק׳ס אַלס בעלעטריסט און אַחוץ הונדערטער דערציילונגען און סקיצן (אַן אויסוואַל פון זיי אין בוכפאָרם א״ט „געזאַמעלטע שריפטען", פ״ג „היברו פּאָבלישינג קאָ", נ״י 1910, ז׳ VIII+924), האָט ער אויך אָנגעשריבן אַ גאַנצע ריי ראָמאַנען, פאַרעפנטלעכט אין „וואַרהייט", „פאָרווערטס", „טאָג", פון וועלכער צייטונג ער איז די לעצטע צען יאָר אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער, שרייבט דאָרט אויך פאַרשיידענע האַלב זשורנאַליסטישע אַרבעטן (ווי די סעריע „גרויסע פערזענליכקייטן און זייערע ראָמאַנען" — שעלי, בייראָן, לאָנגפעללאָ, דיקענס, נאַטאַניעל האַוטהאָרן, הוגאָ, וואַשינגטאָן אירווינג, טורגעניעוו, אַנטאָן טשעכאָוו, דזשיימס ראַסעל לאָועל, דזשאָרדזש עליאָט, ראַלף וואַלדאָ עמערסאָן, עדגאַר פּאָו, שאָפּען, אַלפרעד מיסע, זשאָרזש זאַנד, קלעאָפּאַטרע, לאָלאַ מאַנטעז, נינאָן, מאַדאַם דזשומעל, טאָמאַס קאַרלייל און זיין ווייב דזשעין א״אַ), איבערזעצונגען און באַאַרבעטונגען אאַז״וו. — ק׳ איז ניט נאָר איינער פון די פּיאָניערן פון דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע, נאָר אויך איינער פון אירע באַדייטנדסטע פאָרשטייער, בפרט אין דעם ערשטן פעריאָד פון איר אַנטוויקלונג. אַ שטרענגער רעאַליסט, האָט ער זיך אַלס דערציילער אַנטוויקלט אונטער אַ געוויסן איינפלוס פון טשעכאָוו און מאָפּאַסאַן. אין זיינע דערציילונגען און נאָוועלן, וואָס שילדערן סיי די אַלטע היים, סיי די נייע וועלט, ווייזט ער אַרויס אַ פיין אויג און אַ גרויסע רייכקייט פון טעמעס, הגם ער פאַלט אָפט אַריין אין דער נאַטוראַליסטישער מאַניר מיט אירע צו געדיכטע פאַרבן, איז טיילמאָל אויך צו עפּיזאָדיש און

אייבערפלעכלעך. ער האָט איינער פון די ערשטע אין דער יידישער בעלעטריסטיק אַריינגעפירט דעם עראָטישן מאָטיוו און איז אויך געווען צווישן די ערשטע, וואָס האָבן אַפילו אין די שילדערונגען פון דעם יידישן אַרבעטערלעבן ניט איגנאָרירט די נאַציאָנאַלע מאָמענטן און טענער. ק׳ האָט געשטרעבט איינצופלאַנצן אין די יידישע לעזערמאַסן פון דער נייער וועלט אַ געפיל פאַר קונסט, אַ פאַרשטענדעניש פאַר די פּראָבלעמען פון דער צייט, אָפּגעשפּיגלט אין זיינע ווערק דאָס לעבן פון דעם אַמעריקאַנישן יידנטום. ער האָט אויך זייער גרויסע פאַרדינסטן פאַר דער יידישער בינע, פאַר וועלכער ער האָט אומדערמידלעך און פרוכטבאַר געאַרבעט צענדליגער יאָרן, אָפט געווען איר איינציקער שפּייזער, וואָס האָט מער-ווייניקער זי אויפגעהאַלטן אויף אַ געוויסן גראַד פון ליטעראַרישקייט. אויפגעטרעטן אַלס דראַמאַטורג אין אַ קורצער צייט אַרום נאָך יעקב גאָרדין, האָט ק׳ געאַרבעט זייט ביי זייט מיט דעם באַרימטן באַנייער פון יידישן טעאַטער, אַזוי אַז די נייע עפּאָכע אין דער געשיכטע פון אונזער טעאַטער איז פאַרבונדן ניט נאָר מיט יעקב גאָרדינען, נאָר אויך מיט דער טעטיקייט פון ק׳, וועלכער האָט דערגאַנצט גאָרדינען, הגם ער איז גאַנץ פאַרשיידן פון דעם לעצטן סיי אין די מעטאָדן, מיטלען און ריכטונג און סיי אין טעמפּעראַמענט. אַ גוטער קענער פון דער בינע, אַ דראַמאַטורג, וואָס ברויזט מיט ליידנשאַפט, האָט ק׳ דורך זיינע פולבלוטיקע געשטאַלטן געגעבן אַ מעגלעכקייט די אַקטיאָרן צו אַנטוויקלען זיך, צו שאַפן ראָלן, און אַ יעקב אַדלער, בערטע קאַליש, דוד קעסלער, זיגמונד מאָגולעסקאָ, באָריס טאָמאַשעווסקי, טאָרנבערג האָבן אים אַ סך צו פאַרדאַנקען אין זייער אַנטוויקלונג, און אַנדערע, ווי בינע אַבראַמאָוויטש און בערטע גערסטין, האָבן ערשט אַדאַנק ק׳ן געשאַפן זייער אַרטיסטישע קאַריערע. פון דער אַנדערער זייט אָבער איז ק׳ ניט פריי פון די חסרונות פון אונזער שונדרעפּערטואַר, פון אַלטמאָדישע פאָרמען פון סיוזשעט און האַנדלונג, „שטייט ניט תמיד אויף דער נייטיקער אינטעלעקטועלער הייך, ענג אין האָריזאָנט, ניט אָפּגעהיט טיילמאָל אין דעם איבערגאַנג פון כאַראַקטער צו קאַריקאַטור, פון הומאָר צו אָפּלאַכעריי, פון מאָלערישן טאָן צום טאָן פון אינטעליגענטישער שרייבערישקייט" (ענטין). פון זיינע פּיעסן איז באַזונדער צו דערמאָנען: „דער דאָרפסיונג / אַ פישערדראַמע" (פ"ג „עליזעאום", וואַרשע 1914, ז' 72; נייע אויפלאַגע — 1927; באַאַרבעט פון זיין דערציילונג „יענקעל בוילע")— אַ פאָלקסשטיק, אויסגעצייכנט דורך זיכערער קראַפט אין שילדערן די פּראָסטע געזונטע דאָרפסמענטשן און אין אַנטפּלעקן דעם אמת דראַמאַטישן קאָנפליקט אויפן באָדן פון אָבערגלויבן; „שונאים" — דראַמאַטיזירט פון זיין אויסגעצייכנטער סאָציאַלער דערציילונג „קאַרל מאַרקס"; „דעם דאָקטאָרס ווייבער" — וואָס איז אין דער הינזיכט פון כאַראַקטערמאָלעריי און דראַמאַטישע סיטואַציעס איינע פון די בעסערע יידישע קאָמעדיעס; „ריווערסייד דרייוו" („צוקונפט", 1928)— באַהאַנדלט דעם נייעם אַמעריקאַניזירטן יידן מיט דעם געזונטן זאַטן קערפּער, אָבער אָן גייסט און נשמה, די פּראָבלעם פון דער יידישער שפּראַך און פון דער רעפאָרם-יידישקייט, פון לעבעדיקע יידן, וואָס זיינען אָפּגעשטאָרבן, און פון טויטע, וואָס לעבן. צוליב דער ספּעצי-

פּישער יידיש-אַמעריקאַנישער טעאַטער-
און פּרעסע-פּאָליטיק ווערן ק'ס פּיעסן
לעצטנס זעלטן אויפגעפירט; וואָס איז
שייך די-יעניקע פּיעסן זיינע, וואָס גייען
אויף דער יידישער בינע אין אייראָפּע,
ווערן זיי דאָס רוב אויפגעפירט לויט פאַר-
גרייזטע מאַנוסקריפּטן, ווייל נאָר ווייניקע
פון זיי זיינען געדרוקט. — פון ק'ס ראָ-
מאַנען זיינען אין בוכפאָרם אַרויס:
„אימיגראַנטען" (פ"ג „היברו פּאָבלישינג
קאָ'", נ"י, 1909); „אָרע די באָרד" —
אייגס פון זיינע בעסטע ווערק און פון
די קרעפּטיקסטע ראָמאַנען אין דער
יידישער ליטעראַטור (פ"ג „פאָרווערטס",
נ"י, אַרום 1918, ז' 280); „די ערוואַכונג"—
וואָס צייכנט זיך אויס מיט דער קרעפ-
טיקער שילדערונג פון ליבע און פירט
אַגב אַריין נייע טיפּן אין דער יידיש-
אַמעריקאַנישער ליטעראַטור (פ"ג „ל.
קאָברין", נ"י, 1920, ז' 366); „אויף
ווילדע וועגן / ראָמאַן אויס דעם לעבען
אין דער גרויסער שטאָדט" (פ"ג „ל. קאָב-
רין", נ"י, 1925, ז' 350); אין בוכפאָרם
איז אויך אַרויס זיין סעריע דערציילונגען
א"ט „פון אַ ליטוויש שטעדטעל ביז'ן טענע-
מענט הויז", וואָס אַנטהאַלט, אַחוץ אַ
גרעסערער דערציילונג „די געשיכטע
פון אַן אָרימער מיידעל", די שילדערונג
פון אַ יידיש שטעטל אין דער ליטע
(קאַפּיטלען געדרוקט אויך אין „דער
יודישער וועלט", 1915) און פון דעם
יידישן געטאָ אין נ"י (פ"ג „פאָרווערטס";
2טע אויסגאַבע, 1918, ז' 350); די דאָ-
זיקע סעריע האָט געהאַט זייער אַ גרויסן
ערפאָלג און איז אויך איבערגעזעצט
פון ד"ר יצחק גאָלדבערג אויף ענגליש
אין דעם אָנגעזעענעם זשורנאַל Century
Magazine, דאַן אויך אַרויסגעגעבן אין
בוכפאָרם דורך דעם ענגלישן פ"ג
Brentano, זייער גינסטיק אויפגענומען

געוואָרן פון דער ענגלישער קריטיק.
אויך אַ ריי אַנדערע פון ק'ס ווערק
זיינען איבערגעזעצט אויף רוסיש (צ"אַ
פון פיליפּ קראַנץ-ראָמבראָ, אין Восходъ,
1899, XII), דייטש, פראַנצויזיש און
ענגליש. פון זיינע ראָמאַנען, וואָס זיינען
נאָך ניט אַרויס אין בוכפאָרם, איז צו
דערמאָנען: „פרייע ליבע" (אין „צו-
קונפט", 1919), „דער פּראָפעסיאָנעלער
חתן" (המשך פון „ט"ר נומער 3"—אין
„פאָרווערטס"); „דאָס רעכט אויף גליק",
„מוטער און טאָכטער", „דער רוף צום
לעבען", „די פייערדיגע בייטש", „ער
און בערטע" (אַלע געדרוקט אין „טאָג").
ער האָט אויך געשריבן אין „טאָג" 1921
„עראינערונגען פון אַ פערטעל יאָהר-
הונדערט אידיש לעבען אין אַמעריקאַ",
וואָס האָבן אַ גרויסן ווערט פאַר דער
געשיכטע פון דער יידישער אַרבעטער-
באַוועגונג, מיט וועלכער ער איז יאָרנ-
לאַנג געווען פאַרבונדן, און פון דער
יידישער ליטעראַטור און פּרעסע. פון זיי
זיינען אָבער אַרויס אין בוכפאָרם בלויז
אַ טייל א"ט „עראינערונגען פון אַ אידי-
שען דראַמאַטורג / אַ פערטעל יאָהר-
הונדערט אידיש טעאַטער אין אַמע-
ריקאַ" (אַרויסגעגעבן פון אַ קאָמיטעט
אַלס אָנהייב פון אַ געזאַמלטער אויסגאַ-
בע פון זיינע ווערק) נ"י, 1925, אין 2
ב' (אויפלאַגע פאַר פוילן—ווילנער פ"ג
ב. קלעצקין, 1926, אין 1 ב', ז' 344, מיט
16 בילדער). געשריבן קינסטלעריש-לע-
בעדיק, שפּאַנענדיק-אינטערעסאַנט, האָט
דאָס בוך אויך דעם גרעסטן ווערט פאַר
דער געשיכטע פון דעם יידישן טעאַטער
אין אַמעריקע, פאַר דער ביאָגראַפיע און
כאַראַקטעריסטיק פון אַ גאַנצער ריי טוער
פון דער יידישער בינע, פּרעסע און
ליטעראַטור (צ"אַ פון קעני ליפּצין, דוד
קעסלער, זיגמונד מאָגולעסקאַ, בערטאַ

קאַליש, יעקב אַדלער, סאַראַ אַדלער, באָריס און בעסי טאָמאַשעווסקי, מאָריס מאָשקאָוויטש, סאַמועל טאָרענבערג), ווי אויך פאַר דער ביאָגראַפיע און ליטעראַרישער כאַראַקטעריסטיק פון ק' אַליין. ק' האָט אויך זייער פיל איבערגעזעצט פון אייראָפעיִשע שריפטשטעלער, ווי דאָסטאָיעווסקי, עטשעגעריי, זאַנגוויל, טאָלסטאָי, הוגאָ (צ"אַ Les Miserables, אין 5 ב'), זאָלאַ (אין בוכפאָרם זיין ראָמאַן „געלד"), גאָרקי (קורצע דערציילונגען — 3 ב'), אַרציבאַשעוו (צ"אַ זיין סענסאַציאָנעלן ראָמאַן „סאַנין"), אַנטאָן טשעכאָוו (4 ב'—פ"ג „היברו פּאָבלישינג קאָ"), איוואַן טורגעניעוו (4 ב'—דערז פ"ג), מאָפּאַסאַן (אַלע ווערק אין 15 ב'—פ"ג „פאָרווערטס", אויסגאַבע פאַר פוילן — פ"ג „קולטור-ליגע", וואַרשע, 1926—28), פעליקס האָלענדער (די ראָמאַנען „דער טענצער", „די גויאישע שנור", „דאָס לעבען פון אַ יונגער פרוי" — אין „טאָג", 1923, 1924, 1927), זאַכער מאַזאָך („די ליעבעס פון אַ קייזערין / היסטאָרישער ראָמאַן פון דעם לעבען אין רוסישען קייזערליכען הויף" — אין „טאָג", סוף 1925) א"אַ, אָבער אין די אַלע איבערזעצונגען האָט דעם גרעסטן חלק זיין פרוי פוילינע.

ל. ווינער, YL; י. ראַמבראָ, אין Восходъ, 1899, XII; „חכמי ישראל באמריקא"; ח. אלעקסאנדראָוו, אין דער ביילאגע צום „פריינד" 1904, 142; בן-קלמן, אין „יאהרבוך פראגרעס", 1904; די פאררעדע צו ק'ס „געזאמעלטע שריפטען"; בעל-מחשבות, „געקליבענע שריפטען", III; דוד פינסקי, „דאס יודישע דראמא", ז' 36 — 39; יהואש, „נאטור-שילדערונגען אין דער יידישער ליטעראטור", אין „צוקונפט", 1911, XI; ש. ניגער, „יודישע וועלט", 1914, III; id, אין „טאג", 1921 און 1925; ב. וויינשטיין, „פערציג יאהר", ז' 161; „ק'ס פינף און צוואנציג יאהריגער יובילעאום", אין „טאג" פון 3/III 1921; ב. צ. גאלדבערג, id; יואל ענטין, „מיין אלטער פריינד לעאן ק'", יובילײ-נאַט־צן, אין „דער צייט", 1921; משה קאַץ, „אַ פּיאָנער פון אונזער ליטעראַטור", אין „פ. א. ש." פון 5/III 1921; מזל, צו ק'ס יובילײ, אין „קריטיק", ה' ט'; ב. גאָרין, „די געשיכטע פון אידישען טעאטער"; בערטא קאַליש, „מיין לעבען", „קאַפּיטל קאָברין און ליבין", אין „טאָג", 1925; ק. מרמר, אין „פרייהייט", 1925.

קאָברין פוילינע (1875 —) געב' אין ביאַליסטאָק. באַקומען אַ יידישע דערציִונג, האָט זי שפעטער דורכגעמאַכט דעם קורס פון אַ 5 — 6 קלאַסן גימנאַזיע. אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע, האָט זי 1893 חתונה געהאַט מיט לעאָן קאָברינען אין פילאַדעלפיע, און זינט דאַן צוזאַמען מיט אים איבערגעזעצט אַ גאַנצע ריי ווערק, וואָס זיינען צוליב פאַרלעגערישע טעמים אָפט פאַרעפנטלעכט געוואָרן בלויז אויפן נאָמען פון איר מאַן. זי האָט אויך געשריבן סקיצן אין „אבענד בלאַט" און „צוקונפט" אונטער איר מיידלשן נאָמען פוילינע סעגאַל און האָט אויך פאַרפאַסט אַ דראַמע א"ט „די טראַגעדיע פון אַ פרוי", וועלכע איז אויפגעפירט געוואָרן אין נ"י 1913.

„מיין ערשטע דראמא" — זכרונות פון דער קינדהייט, אין „ביאליסטאָקער שטימע", נ"י, 1923, 6.

קאַגאַנאָווסקי אפרים (1893 —) געב' אין וואַרשע, אין אַ באַלעבאַטישער פאַמיליע. צו 10 יאָר אַרויסגעוויזן פעיִקייטן צום מאָלן און צו 12 אָנגעקומען אין דער צייכענונגס-שול אין וואַרשע, וועלכע באַזוכט בלויז אַ האַלב יאָר צייט, און ניט האָבנדיק קיין מיטלען צו שטודירן ווייטער, האָט ער זיך גענומען צו גאַלאַנטעריי-מאָלעריי אַלס מיטל צו פאַרדינען. זיין געפיל פאַר פאַרבן

האָט אים דאַן געטריבן צו באַנוצן זיך מיטן וואָרט און ער האָט אָנגעהויבן צו באַשרייבן פאַרשיידענע מאָלערישע קאָמפּאָזיציעס. דעביוטירט האָט ק׳ מיט אַ קליינער נאָוועלע א״ט „ביינאַכט אין דאָרף״ אין דעם וואָכנבלאַט „די טעאַטערוועלט״ א״ר פון נח פּרילוצקי. ער האָט געצויגן אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט פון י״ל פּרץ, וועלכער האָט אים שטאַרק מקרב געווען, פאַרעפנטלעכט זיין נאָוועלע „אין דער אַלטער מיהל״ אין זמ״ב „יודיש״, וועלכער ש. ניגער האָט געווידמעט אַ וואַרעמען אָפּרוף אין זיין רעצענזיע אויף דעם זמ״ב (אין „פריינד״, 1910). זינט דאַן געדרוקט פון צייט צו צייט נאָוועלן אין פאַרשיידענע אויסגאַבן, ווי „פריינד״, אַ. רייזענס „דאָס נייע לאַנד״ א״אַ. די צייט פון דער מלחמה און רעוואָלוציע האָט ק׳ פאַרבראַכט אין אוקראַינע, דערהויפּט אין אָדעס, פון וואַנען ער איז אָנהייב 1921 צוריקגעקומען קיין וואַרשע, פאַרעפנטלעכט אין „היינט״, און אייניקע אַנדערע צייטשריפטן, בילדער און דערציילונגען אויס דעם לעבן אין רוסלאַנד בשעת דעם בירגער־קריג און די פּאָגראָמען (צ״אַ „אין דער אָדעסער טשרעזוויטשייקע״ — „צוקונפט״, 1922—23), סקיצן, נאָוועלן, פעליעטאָנען און ליטעראַרישע עסייען. לעצטנס אַ מיטאַרבעטער פון דעם וואַרשעווער טאָגבלאַט „אונזער עקספּרעס״, וואו ער דרוקט אַחוץ טאָגבילדער און פעליעטאָנען אַ גרויס ווערק אין וועכנטלעכע המשכים א״ט „פונ׳ם סטאַווסקי־געסעל״—אויס דעם לעבן אין דער אָרעמער יידישער וואַרשעווער גאַס. אַ זאַמלונג פון זיינע 15 נאָוועלן, געשריבן אין משך פון 1911—14, איז אַרויס א״ט „טירען און פענסטער״ (פ״ג „ליטעראַטור־פאַנד״ ביים פאַראיין פון די יידישע ליטעראַטן און זשורנאַליסטן אין וואַרשע, 1921, ז׳ 248, הילע געצייכנט פון בערלעווי; 2טע אויפלאַגע — פ״ג ש. יאַטשקאָווסקי, 1923; 3טע – פ״ג ב. קלעצקין). די דאָזיקע נאָוועלן, עלעגיש אין זייער גרונדטאָן, פול שטימונג און צאַרטן ליריזם, באַהאַנדלען דאָס רוב מאָטיוון פון ליבע מיט אַ פּסיכאָלאָגישן הינטערגרונד, שילדערן אויך דאָס מיליע פון דער אונטערוועלט, פון גנבים, וואָס ק׳ איז געווען איינער פון די ערשטע אַריינצופירן אַלס געשטאַלטן אין דער יידישער ליטעראַטור. אַ צווייטער באַנד פון זיינע נאָוועלן גייען אַרויס א״ט „לייב און לעבן״ (פ״ג ב. קלעצקין, 1928, אַרום ז׳ 255). פאַראַן אויך אַ קליינע זאַמלונג פון זיינע סקיצן א״ט „מיידלעך / יוגענד־עפּיזאָדען״ (פ״ג „קולטור״, וואַרשע, 1914, ז׳ 54).—דורך און דורך אַ באָהעמע־מענטש, גייסטרייך און שאַרפזיניק אין געשפּרעך, אַ אינטערעסאַנטער דערציילער און אַפאָריסט, האָט ק׳ ליב צו אונטערשטרייכן, אַז ער „געהערט צו די שרייבער, וואָס האָבן אָנגעהויבן אין פּרצעס צייטן, ניט נאָכגעלאָפן קיין ריכטונגען, ניט געוואָרן קיין זשורנאַליסט, קיין רעדאַקטאָר״, באַטראַכט זיך פאַר „אַ סאָלדאַט פון פּרצעס גוואַרדיע״, וואָרעם „פּרץ, ניט נאָר פּרץ, נאָר יעדער שטיין פונעם ברוק, וואָס האָט צו זיין שטוב געפירט, איז פאַרבונדן מיט אַלע האָפענונגען און אַלע ליכטיקע בלעטלעך פון מיין יוגנט״. זיין שאַרפן חוש פאַר דעם קאָמיזם פון דעם גרויען לעבן, פאַר די באַנאַלע העלדן פון דער פאַרטעמפּטער יידישער גרויס־שטאָט האָט ער געבראַכט צום אויסדרוק אין אַ ריי פון זיינע פעליעטאָנען און הומאָרעסקעס, פאַרעפנטלעכט אין וואַרשעווער „מאָרגנשטערן״, ווילנער „טאָג״, ריגער „פּרימאָרגן״, „מאָמענט״, „אילוסטרירטער וואָך״ א״אַ.

פּ. קאַרליניוס, „דאָס עכאָ", אין „מאָמענט", 1921, 285; ביבליאָגראַפישע נאָטיצן, אין „לאָדזער טאָגעבלאַט", סוף 1921; ד״ר מ. קאַמפּער, אין Nasz Kurjer פון 11/XII 1921; ש. מענדעלסאָן, אין „ביכער־וועלט", 1922, II.

קאַגאַראָוו יעווגעני (29/IX 1882 —) געב׳ אין טיפליס, קאַווקאַז, אַלס זון פון אַן אַרמעניער און אַ דייטשקע. 1901—6 שטודירט פילאָלאָגיע אין אָדעסער אוניווערסיטעט, 1909—11 געשיקט קיין אויסלאַנד מיט וויסנשאַפטלעכע צוועקן, זינט 1912 פּריוואַט־דאָצענט פון קלאַסישער פילאָלאָגיע אין כאַרקאָווער אוניווערסיטעט, זינט 1914 — פּראָפעסאָר, 1919 באַקומען דעם טיטל ד״ר פילאָלאָגיע, 1925 אַריבער אין לענינגראַדער אוניווערסיטעט. האָט פאַרפאַסט אַרום 100 גרעסערע און קלענערע אַרבעטן אויפן געביט פון דער אַנטיקער קולטור־געשיכטע.—נאָך אַלס סטודענט אין אָדעס זיך פאַראינטערעסירט מיט דער יידישער שפּראַך, האָט ער די לעצטע יאָרן אָנגעהויבן אַקטיוו צו אַרבעטן אויפן געביט פון דער יידישער פילאָלאָגיע, זינט 1921 געווען אַ מיטגליד פון דער יידישער פילאָלאָגישער קאָמיסיע ביים כאַרקאָווער יידישן ביוראָ פון פאָלקס־קאָמיסאַריאַט פאַר בילדונג, וואו געלייענט אַ רייִ רעפעראַטן איבער דער יידישער שפּראַך, אין דעם אָרגאַן פון דער דאָזיקער קאָמיסיע („יידיש / ערשטע זאַמלונג פון דער יידישער פילאָלאָגישער קאָמיסיע" כאַרקאָוו, 1923, ז׳ 48) פאַרעפנטלעכט זיין ערשטע אָפּהאַנדלונג „וועגן דעם באַשטאַנד און דער אָפּשטאַמונג פון יידיש". פאַרנעמט זיך דערהויפּט מיט פאָרשונגען פון יידישן סינטאַקסיס און פון דער יידישער היסטאָרישער גראַמאַטיק, האָט ער פאַרעפנטלעכט די אַרטיקלען „די סטיכיע פון יידישן סינטאַקסיס" און „צו דעם געברויך פון די בייגפאַלן אין יידיש" (אין „לאַנדוי־בוך" און „די פילאָלאָגישע שריפטן" II פון יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט—אין דער איבערז׳ פון ז. רייזען), אויך באַטייליקט אין דער מינסקער „צייטשריפט" II. האָט אויך געשריבן רעצענזיעס איבער יידישע פילאָלאָגישע אַרבעטן אין פאַרשיידענע וויסנשאַפטלעכע אויסגאַבן פון ראַטנפאַרבאַנד, צ״אַ אין Наука на Украине, 1922, Евр. Летопись, 1924, III (אַ איבערזיכט „נייע אַרבעטן אויפן געביט פון דער יידישער שפּראַך"— וועגן מיזעסעס Entstehungsursachen, ז. רייזענס „גראַמאַטיק פון דער יידישער שפּראַך", שלמה בירנבוימס Jüd. Grammatik, וועגן די ווערטערביכער פון פּראָפ׳ הערמאַן שטראַק און פון שולץ).

ז. ר., אין „יידישער פילאָלאָגיע" I, ז׳ 81.

קאָדרעסקאָ ט. — אַרויסגעבער פון דער ערשטער יידישער צייטשריפט אין רומעניע א״ט „עדות העתים", געגרינדעט 1855 אין יאַס אַלס האַלבוועכנטלעכע אויסגאַבע. זינט יולי 1860, ווען די צייטונג האָט אָנגעהויבן אַרויסצוגיין ניט רעגלמעסיק, איז אַרויסגעבער געווען הירש גאָל(ד)נער, פון 12טן יאָרגאַנג אָן (1867) — איז אַלס רעדאַקטאָר אָנגעגעבן פּ. לעווינשטיין; יאַנואַר — פעברואַר 1871 איז די צייטונג אַרויס שוין א״ט „קורות העתים" מיט פּ. לעוועטאַל אַלס אַרויסגעבער. אונטער דעם טיטל „קורות העתים" איז בשעת דער קרימער מלחמה, 1855, אויך אַרויס אין יאַס איינער פון די ערשטע יידישע אָרגאַנען, אין יידיש און רומעניש, מיט איטציג זינגער אַלס אַרויסגעבער, און עס קען אפשר גאָר זיין, אַז דאָס איז די אייגענע צייטשריפט, וואָס ק׳ס, ווייל גענויע דאַטן איבער ביידע צייטשריפטן פעלן.

מיטטיילונג פון ש״ס ראַמאַן.

קאַהאַן אברהם (6/VII 1860 —) געב׳ אין פּאָדברעזיע, ווילנער געגנט, וואו זיין זיידע פון פּאָטערס צד, ר׳ יעקב פון נעמענטשין, איז געווען רב און דערנאָך שטאָט־מגיד (שפּעטער האָט ר׳ יעקב זיך באַזעצט אַלס שטאָט־מגיד אין ווידז, פלעגט אויך פיל אַרומפאָרן איבער ליטע, וואו זיינע

דרשות זיינען געווען זייער פּאָפּולער; ער האָט פאַרפאַסט אַ פּירוש אויף קהלת א״ט „דברי חפץ“, ווי אויך אייניקע אַנדערע חיבורים, וואָס זיינען געבליבן אין כתב־יד, צווישן זיי אַ חיבור וועגן שמות הנרדפים). ק׳ס פּאָטער, שכנא, זייער אַ פרומער אויף דעם גאַנץ פאַרצייטיקן שטייגער, אָבער גלייכצייטיק מיט אַ געוויסער נייגונג צו השכלה, אַ בעל־לשון, מיט אַ אומגעהייערן דאָרשט נאָך בילדונג, מיט אַ שטאַרקן חוש פאַר נגינה, בכלל אַ שטימונגסמענטש, האָט צום לעבנסקאַמפּ ווייניק געטויגט און איז כל ימיו געווען אַן אָרעמאַן. אַ געוויסע צייט געהאַלטן אַ קרעמל אין פּאָדברעזיע, דערנאָך געוואָרן אַ מלמד. די מוטער, שרה־שיינע, אַ טאָכטער פון אַ ווילנער שמוקלער, שלמה גאָלדאַרבעטער, שוין מיט מער כאַראַקטער און מער פּראַקטישן שכל ווי דער מאַן, האָט אין דער יוגנט באַזוכט אַ פּריוואַטע שול און זיך אַחוץ יידיש אויסגעלערנט אַ ביסל דייטש און רוסיש, און נאָך דער חתונה האָט זי געלערנט די מיידלעך שרייבן, ביז אירע פאַרמעגלעכע ווילנער קרובים האָבן זי און איר מאַן באַפרייט פון מלמדות, אַראָפּברענגענדיק זיי קיין ווילנע און זיי איבערגעבנדיק צו פירן אַ שענק. אין דעם דאָזיקן שענק האָט ק׳, וועלכער האָט שוין אַ יאָר צייט געהאַט געלערנט אין חדר אין פּאָדברעזיע, פאַרבראַכט פון זיין 6טן לעבנסיאָר ביז איבער בר־מצווה, לערנענדיק די גאַנצע צייט אין חדר און אַ ביסל אויך אין דער ישיבה, אויך מיטן פּאָטער — העברעיִש, גלייכצייטיק באַזוכנדיק, לכתחילה — בגנבה, אַ רוסיש־יידישע פּאָלקסשול, וואו מ׳פלעגט לערנען פון 2 ביז 4 בייטאָג. צו דער צייט האָבן די עלטערן געמוזט לאָזן די שענק, וואָס איז סיי ווי סיי געגאַנגען שלעכט, און הגם דער פּאָטער האָט באַקומען אַ שטיקל שטעלע אַלס בוכהאַלטער אין אַ פּרוכטגעשעפט, אָבער דער 13־יעריקער ק׳ האָט שוין געמוזט טראַכטן וועגן אַ תכלית און איז אַוועק אויף דער לער צו אַ שניַצער, אים איז אָבער ניט געפעלן געוואָרן די פאַרגרעבטע בעל־מלאכישע סביבה, האָט ער ווידער אַ קורצע צייט געלערנט אין ראַמיילעס ישיבה, נאָר קיין אינטערעס צום לימוד פון תלמוד ניט אַרויסגעוויזן, דען זיין הויפּט־אַמביציע איז געווען צו קענען גוט רוסיש, „צו זיין אַ געבילדעטער מענטש“, און אַזוי ווי צוליב דער אָרעמקייט פון די עלטערן האָט ער ניט געהאַט קיין מעגלעכקייט צו שטודירן, איז ער ווידער אַריין אין אַ רוסיש־יידישער פּאָלקסשול, אַבי צו פאַרפולקומען זיך אין רוסיש, צוליב דעם זעלבן צוועק שפּעטער — אונטערן איינפלוס פון זיין חבר יעקב גאָלדבלאַט (דעם קינפטיקן מאָלער־אַקאַדעמיקער) — אָנגעקומען אין אַ צייכנשול, אויך דאָרט לאַנג ניט פאַרבליבן, ניט אַרויסווייזנדיק קיין פעיִקייטן צום צייכענען, אָנגעהויבן צו געבן שטונדן, זיך אָפּגעגעבן מיט זעלבסט־בילדונג, פאַרבראַכט די פרייע צייט אין

דער עפנטלעכער ביבליאָטעק, ביז אים
איז ענדלעך געלונגען אין 1877 אָנצו=
קומען אין יידישן לערער=אינסטיטוט. —
ביז בר=מצווה זייענדיק אינגאַנצן אונ=
טער דער השפּעה פון דער טראַדיציאָ=
נעלער יידישער סביבה, האָט ער שפּע=
טער=צו אָנגעהויבן איינצוזאַפּן אין זיך דעם
גייסט, וואָס האָט געהערשט אין די קרייזן
פון דער רוסיפיצירטער יידישער אינ=
טעליגענץ, וועלכע האָט זיך גרופּירט
אַרום די קרוינישע יידישע פאָלקסשולן,
דער ראַבינער=שול, דעם לערער=אינ=
סטיטוט אדג״ל. אין אינסטיטוט איז ער
מיטגעריסן געוואָרן פון דעם נייעם
גייסטיקן שטראָם, וואָס האָט צו יע=
נער צייט פאַרכאַפּט די שטודירנדיקע
יוגנט אין רוסלאַנד, און אַלס שילער
פון 4טן קלאַס אָנגעהויבן צו לייענען
די אומלעגאַלע סאָציאַל=רעוואָלוציאָנערע
ליטעראַטור, איז אַריין אין אַ רעוואָלו=
ציאָנערן קרייז אין ווילנע, געטאָן אויפ=
קלערונגס=אַרבעט צווישן יידישע אַרבע=
טער, לערנענדיק מיט זיי רוסיש. נאָכן
ענדיקן דעם לערער=אינסטיטוט 1881
איז ער באַשטימט געוואָרן אַלס לערער
אין אַ קרוניש=יידישער פאָלקסשול אין
וועליזש, וויטעבסקער גוב׳, אָבער צוליב
די רעוויזיעס, וואָס די זשאַנדאַרמעריע
האָט ביי אים געמאַכט, און דער פּער=
ספּעקטיווע אַרעסטירט צו ווערן, איז ער
אַנטלאָפן קיין מאָהליעוו, דאָרט זיך גע=
טראָפן מיט ישראל בעלקינדן, וועלכער
האָט דאַן, נאָך די ערשטע פּאָגראָמען
אויף יידן אין יעליסאַוועטגראַד, באַלטע
א״אַ, געפירט אַ פּראָפּאַגאַנדע צווישן
דער יידישער אינטעליגענץ פאַר עמיגרירן
קיין פּאַלעסטינע, געוואָר געוואָרן פון
אים וועגן דער באַוועגונג צווישן יידישע
סאָציאַליסטן צו פאָרן קיין אַמעריקע
גרינדן דאָרט קאָמוניסטישע קאָלאָניעס,
און פרילינג 1882 איז ער מיט אַ פאַלשן
פּאַס אַריבער די גרענעץ, אין בראָד זיך
באַקענט מיט אליעזר משביר, ספּיוואַ=
קאָווסקי (זע ספּיוואַק) און שאַמראַיעוו=
סקי (זע ראַיעווסקי), די פירער פון
„עם עולם״, איז אויך אַריין אין דעם
קרייז און געקומען קיין אַמעריקע, אָבער
באַלד נאָכן אָנקומען קיין נ״י זיך אַנט=
טוישט אין דער צוועקמעסיקייט פון די
קאָמוניסטישע קאָלאָניעס — אונטער דעם
איינפלוס פון דער סאָציאַליסטישער נ״י=
קער Volkszeitung (א״ר פון אַלעקסאַנ=
דער יאָנאַס און סערגעי שעוויטש) און
פון דער דייטשער אַרבעטער=באַוועגונג,
אָנגעקומען אויף אַ פאַבריק פון ציגאַרן
פאַר 3—4 דאָלאַר אַ וואָך, אין עטלעכע
וואָכן אַרום באַקומען אַרבעט אין אַ
בלעכעריי, אָבער אָפּגעזאָגט געוואָרן,
ווייל זיך ניט געקענט צופּאַסן צו דער
מאַנאָטאָנער אַרבעט, פלייסיק זיך גענו=
מען שטודירן ענגליש, געאַרבעט אויף
אַ גוטער אויסשפּראַך, צוליב דעם אָנגע=
קומען אין אַן אַמעריקאַנער פאָלקסשול
צוזאַמען מיט 12—14יעריקע אַמעריקאַ=
נער קינדער, נאָך איידער אַליין פּראַק=
טיש באַהערשט די שפּראַך — אָנגעהויבן
צו געבן ענגלישע שטונדן צווישן די
יידישע פּעדלער, האַרבסט 1883 באַקו=
מען שוין אַ שטעלע אַלס לערער פון
ענגליש אין אַן אָוונטשול פאַר יידישע
אימיגראַנטן. גלייכצייטיק האָט ק׳ אָנגע=
הויבן צו נעמען אַן אַקטיוון אָנטייל אין
דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, אויף
איינעם פון די ערשטע מיטינגען פון
דעם אַ״ג „פּראָפּאַגאַנדע=פאַראיין״ — דער
ערשטער יידישער אָרגאַניזאַציע (געגרינ=
דעט פון אַ געוויסן מיראָוויטש אָדער מע=
יעראָוויטש, אַ רעוואָלוציאָנער פון פּט״ב),
צו פאַרשפּרייטן סאָציאַליזם צווישן די
יידישע אימיגראַנטן — געהאַלטן דעם

3טן אַווגוסט 1882 די ערשטע סאָציאַליסטי=
שע רעדע אין יידיש אין אַמעריקע וועגן
קאַרל מאַרקס מערוווערט=טעאָריע, קלאַסנ=
קאַמפּ אאַז"וו, וועלכע האָט געהאַט זייער
אַ גרויסן ערפאָלג, אַזוי אַז זינט דאַן האָט
ער אָנגעהויבן אויפצוטרעטן מיט לעק=
ציעס וועגן סאָציאַליזם אין יידיש, גע=
ווען אויך אַ מיטגליד און לעקטאָר פון
דעם אַ"ג „רוסישן אַרבעטער=פאַראיין",
פון וועלכן דער פירער פון „עם עולם"
ניקאָלאַי אָלעיניקאָוו איז געווען דער
גרינדער און פאָרזיצער, צוליב אַ סיכ=
סוך — צוזאַמען מיט ל. מיללער געגרינ=
דעט אַ צווייטן „רוסישן" פאַראיין א"ט
„לייבאָר ליסעום", אָנגעהויבן אויך אויפ=
צוטרעטן מיט ענגלישע רעדעס, אַלס
רעדנער און אויפקלערער זיך אויך באַ=
טייליקט אין דער גרינדונג פון דער
ערשטער יידישער יוניאָן אין אַמעריקע
(1884).—ניט רעכענענדיק זיינע ערשטע
פעדער=פרווון, ווי די יידישע איבער=
זעצונג פון אייניקע קרילאָווס פאַבלען
נאָך יינגלווייז, אָדער זיין אָנטייל אין
דעם אינסטיטוט = זשורנאַל, האָט ק'
זיין זשורנאַליסטישע טעטיקייט אָנגע=
הויבן אַלס נ"י'ער קאָרעספּאָנדענט פון
Русскій Еврей אין משך פון 1882—83
(אין דעם דאָזיקן וואָכנבלאַט האָט ער
נאָך פון ווערליזש אויס פאַרעפנטלעכט
אַן אַרטיקל וועגן דער נייטיקייט פון
פּראָפעסיאָנעלער בילדונג), אין 1884
פאַרעפנטלעכט אין דעם גרויסן רוסישן
חודש = זשורנאַל Вѣстникъ Европы אַן
אַרטיקל וועגן דער אַמעריקאַנער פּאָלי=
טיק אין צוזאַמענהאַנג מיט די פּרעזי=
דענט=וואַלן. זיינע אַ רעדע בשעת דער
דאָזיקער וואַל=קאַמפּאַניע האָט פאַראינ=
טערעסירט דעם אַמעריקאַנישן זשורנאַ=
ליסט דזשאָן סווינטאָן און ק' האָט פאַר=
עפנטלעכט אין „סווינטאָנס פּייפּער" אַ
פּאָר אַרטיקלען, דאַן געשריבן פאַר די
נ"י'ער זונטאָג=בלעטער „סאָן", „סטאַר"
און „פּרעס" באַריכטן און בילדער וועגן דעם
לעבן פון דער יידישער איסט=סייד אָדער פון
אַנדערע אימיגראַנטישע קוואַרטאַלן אין
נ"י (1884 — 86), זיך אויך באַטייליקט
אין דעם סאָציאַליסטישן אָרגאַן The Leader א"ר פון סערגעי שעוויטש, וואו
צ"אַ פאַרעפנטלעכט אַ ענגלישע איבער=
זעצונג פון סיענקעוויטשעס דערציילונג
„יאַנקאָ מוזיקאַנט". צו דער צייט זיך
שוין געהאַט באַפרייט פון זיינע האַלב
אַנאַרכיסטישע שטימונגען, אַריינגעטרעטן
אין דער סאָציאַליסטישער פאַרטיי, גע=
וואָרן אַ מיטאַרבעטער פון דעם סאָציאַ=
ליסטישן אָרגאַן Workman's Advocate,
וואו 1886 — 89 געשריבן פּובליציסטישע
אַרטיקלען און טעאָרעטישע אָפּהאַנדלונגען
איבער סאָציאַליזם, פאַרעפנטלעכט אויך
אַ בראָשור Social Demands (אַרויסגע=
געבן פון דער סאָציאַליסטישער פאַרטיי,
1888). ער האָט אויך געהאַט אָנגעהויבן
שטודירן יוריספּרודענץ און פּראַקטיצירט
אין אַן אַדוואָקאַטנביוראָ, אָבער עס אינ=
גיכן געוואָרפן, 1887 — 8 געווען לערער
פון ענגליש אין דער שול ביי דער
ישיבה „עץ חיים". אינגאַנצן אַריינגעצויגן
אין דער אַמעריקאַנער באַוועגונג (צ"אַ
געווען זייער טעטיק אין דער וואַל=
קאַמפּאַניע פאַר הענרי דזשאָרדזש), האָט
ער זיך דאַן אין דער יידישער שוין
ווייניק באַטייליקט, האַלטנדיק, אַז „די
יידישע אימיגראַנטן וועלן אין אַמעריקע
קיין רעוואָלוציע ניט מאַכן", אָבער אויך
אויס דער שטרעבונג זיינער זיך צו
אַמעריקאַניזירן, אין דער יידישער באַ=
וועגונג אָנטייל גענומען נאָר אַלס רעד=
נער אויף מאַסנפאַרזאַמלונגען פון צייט
צו צייט און אַמאָל אַלס לעקטאָר, אָבער
קיין מיטגליד פון דער יידישער פאַרטיי=

גרופּע ניט געווען. דאָך האָט ער צוזאַמען מיט זיין פריינד טש. ראַיעווסקי (זע) יוני 1886 געמאַכט אַ פּרווו אַרויסצוגעבן אַ וואָכנבלאַט „די נייע צייט" — די ערשטע יידישע סאָציאַליסטישע צייטונג אין אַמעריקע, דערצו נאָך אין דעם איינפאַכסטן יידיש, ניט אין דעם דייטשמעריש פון דער דעמאָלסטיקער יידישער פּרעסע און בינע, אָבער אויפן 3טן נומ' האָט דאָס וואָכנבלאַט, ניט האָבנדיק קיין שום פינאַנציעלן יסוד אונטער זיך, געמוזט אָפּטרעטן דעם פּלאַץ דער מאַטעריעל מער געזיכערטער „פאָלקסצייטונג" פון משה מינץ און אַבא בראַסלאַווסקי (ליידער האָט זיך פון ק'ס בלאַט ניט אויפגעהיט, ווייזט אויס, קיין איין עקז'; אין איר האָט זיך אגב אויך באַטייליקט א. האַרקאַווי מיט אַן אַרטיקל „די אַרבייטער אין משה רבינו'ס צייטען"). ערשט אין 4 יאָר אַרום, ביי דער ערשיינונג פון דער „אַרבייטער-צייטונג", פון וועלכער ק' איז געווען איינער פון די גרינדער (צוזאַמען מיט ל. מיללער און מאָריס הילקאָוויץ-הילקוויט), האָט זיך אָנגעהויבן זיין אינטענסיווע זשורנאַליסטישע טעטיקייט אין יידיש. ער איז געווען דער טעטיקסטער מיטאַרבעטער און זינט 1891 (ווען דער רעדאַקטאָר פיליפּ קראַנץ איז אַוועקגעפאָרן קיין שיקאַגאָ און שפּעטער נאָכן צוריקקומען אָנגעהויבן שטודירן כעמיע) אויך רעדאַקטאָר פון דער „אַרבייטער-צייטונג", האָט אין יעדן נומער געהאַט 3—5 אַרטיקלען, פון וועלכע עס האָבן באַזונדערס אויסגענומען די הומאָריסטישע פעליעטאָנען א"ט „די סדרה", וואו ער האָט א"פ דער פּראָלעטאַרישקער מגיד געדרשנט די פּרשה פון דער וואָך אויף אַ סאָציאַליסטישן שטייגער; שפּעטער האָט ער אויך געפירט אַ ספּעציעלע סעריע פעליעטאָנען א"ט „פון אַ וואָרט אַ קוואָרט", אין וועלכע ער האָט אויסגעדריקט האַלב-בעלעטריסטישע געדאַנקען וועגן מענטשלעכן לעבן, פאַרפלאָכטן מיט שטריכן און בילדלעך. ער האָט אויך פּאָפּולאַריזירט די לערע פון קאַרל מאַרקס און דעם דאַרוויניזם (בכלל אין יענער צייט פיל זיך אָפּגעגעבן מיט אַ וויסנשאַפטלעכער אַרבעט צו דערווייזן די שייכות צווישן סאָציאַליזם און דאַרוויניזם, געליינט וועגן דעם לעקציעס אין ענגליש און יידיש, זייענדיק דאַן אויף זיין העכסטן שטאַפּל אַלס רעדנער), געשריבן וועגן טעאַטער, פּאָפּולער-וויסנשאַפטלעכע אַרטיקלען, אינפאָרמאַטיווע, אַגיטאַציאָנעלע (צ"אַ „קורצע לעסאָנס איבער התחלה סאָציאַליזם"), א"אַ א"פ דוד בערנשטיין, סאָציוס, העסטער-סטריט-רעפּאָרטער, בן שלום אָדער אָן אונטערשריפט, איבערגעזעצט פון סיענקעוויטש (זיין דערציילונג „זאַ כליעבאָם" — וועגן פּוילישע פּויערים, וואָס פאָרן קיין אַמעריקע זוכן ברויט — א"ט „פאַרוואָגעלט און פאַרלאָרען"), וויקטאָר הוגאָ, טורגעניעוו, טאָמאַס האַרדי (די דערציילונג „איהר אינטעליגענטער זוהן"), נאַומאָוו (די גרויסע דערציילונג אויס דעם יידישן לעבן אין רוסלאַנד „אין אַ פאַרוואָרפענע שטעדטעלע", וועגן וועלכער ער האָט אַפילו געהאַלטן צוויי לעקציעס — אַזאַ איינדרוק האָט זי אויף אים געמאַכט), מאַקס נאָרדוי (די וויכטיקסטע שטעלן פון דעם בוך „די קאָנווענציאָנעלע ליגענס פון אונזער ציוויליזאַציע"), זשאָרזש אָנע (ראָמאַן „די לעצטע ליבע"), עמיל זאָלאָ (ראָמאַן „זשערמינאַל"), טיילן פון דער אוטאָפּיע „אַ רייזנדער פון אַלטרוריאַ" פון דעם באַוואוסטן אַמעריקאַנישן שריפטשטעלער וויליאַם האַוועלס, וועלכער האָט אויף אים פערזענלעך גע-

ווירקט, ער זאָל זיך אויך נעמען צו בעלעטריסטיק. „אַדאַנק דער וואַכער, טעמפּעראַמענטפולער און געפּילפּולער נאַטור, וועלכע איך האָב געירשנט פון מיין פאָטער"—שרייבט ק' אין זיינע זכרונות—ווי אויך אַדאַנק דער השפּעה פון דער ענגליש-אַמעריקאַנישער און רוסישער קלאַסישער ליטעראַטור, דערהויפּט די ווערק פון טאָלסטאָי, האָט ער האַוועלס עצה געפאָלגט. זיין ערשטע אַרבעט פון אַ בעלעטריסטישן כאַראַקטער איז געווען דאָס פּראָפּאַגאַנדע-ווערק אין דער פאָרם פון אַ דערציילונג א"ט „ווי אַזוי רפאל נעריצך איז געוואָרן אַ סאָציאַליסט" („אַרבייטער-צייטונג", זינט יוני 1894), וואָס האָט געהאַט אַ גרויסן ערפאָלג ניט נאָר אין אַמעריקע (אין אַ יאָר אַרום איבערגעדרוקט אין „אבענד בלאַט"), נאָר אויך אין דער אונטערערדישער יידישער אַרבעטער-באַוועגונג אין רוסלאַנד, דאַן אויך פאַרעפנטלעכט זיין דערציילונג „די צוויי שידוכים" אין „אַרבייטער צייטונג", יאַנואַר — פעברואַר 1895. זיין ערשטע דערציילונג אין ענגליש א"ט A providential Match — אַ באַאַרבעטונג פון זיין יידישער הומאָרעסקע „מאָטקע אַרבל" — האָט ער פאַרעפנטלעכט אין דעם זשורנאַל Short Stories, 1895, דאַן אָנגעשריבן אויף ענגליש זיין ראָמאַן Yekel — וואו עס ווערט געשילדערט אַ כאַראַקטעריסטישע סיטואַציע אין דעם לעבן פון די יידישע אימיגראַנטן — זייער פאַרפרעמדונג צו זייערע ווייבער אין צוזאַמענהאַנג מיט זייער אַמעריקאַניזירונגס-פּראָצעס. דער ראָמאַן, וואָס איז אַרויס אין איינעם פון די צוויי וויכטיקסטע אַמעריקאַנישע פאַרלאַגן (אַפּעלטאָן און קאָ., 1896, ז' 133; אַ באַזונדערע אויסגאַבע פאַר ענגלאַנד—פ"ג וויליאַם היינעמאַן, לאָנדאָן, אָנהייב 1897; אין דעם אַוטאָרס אייגענער איבערזעצונג א"ט „יאַנקעל דער יאַנקי" פאַרעפנטלעכט אין דער „אַרבייטער-צייטונג" זינט 18/X 1895; אין רוסישער איבערזעצונג—אין Восходъ), איז זייער וואַרעם אויפגענומען געוואָרן פון דער אַמעריקאַנישער קריטיק מיט האַוועלס בראש און אַרויסגערוקט ק'ן אין דער ערשטער ריי פון דער דעמאָלטיקער אַמעריקאַנישער רעאַליסטישער ליטעראַטור צוזאַמען מיט העמלען גאַרלאַנד, סטיווען קרעין. צוגלייך מיט זיין אַרבעט אין דער „אַרבייטער-צייטונג" איז ק' אויף דעם יערלעכן צוזאַמענפאָר פון די יידישע סעקציעס פון דער סאָציאַליסטישער אַרבעטער-פאַרטיי, נואַרק, ניי-יאָר 1894, אויסגעוויילט געוואָרן אַלס רעדאַקטאָר פון דעם חודש-זשורנאַל „דיא צוקונפט", און זינט דאַן אַרויסגעלאָזט דעם זשורנאַל רעגלמעסיק אין משך פון די 3 יאָר, וואָס ער האָט אים רעדאַקטירט; אויך די „צוקונפט" האָט ק' געפירט אַלס מאָנאַטשריפט פאַר פּאָפּולער-וויסנשאַפטלעכע אַרטיקלען, פּובליציסטיק, ליטעראַטור און ליטעראַרישער קריטיק, פאָדערנדיק פון יעדן אַרטיקלשרייבער, ער זאָל אין זינען האָבן דעם מאַסנלעזער (אויך שפּעטער האָט ק' אַ קורצע צייט, יאַנואַר—יוני 1902, רעדאַקטירט „די צוקונפט", נאָכדעם ווי זי איז באַנייט געוואָרן נאָך אַ 3-יאָריקער הפסקה). דורך זיין אַרבעט אין דער „אַרבייטער-צייטונג", ווי אויך דורך זיין טעטיקייט אין דער אַלגעמיינער סאָציאַליסטישער פאַרטיי אַלס מיטגליד פון דער נאַציאָנאַלער פאַרטיי-עקזעקוטיווע און אַלס איינער פון אירע בעסטע ענגלישע רעדנערס, איז ק' געוואָרן איינער פון די פּאָפּולערסטע סאָציאַליסטישע און יידישע פירער אין אַמעריקע, צוויי מאָל דעלעגירט געוואָרן אויפן אינ-

טערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן קאָנגרעס,
אין בריסעל, אַווגוסט 1891 (אויף וועלכן
קאָנגרעס אַוועקגעשטעלט אַ פונקט „ווי
זאָלן זיך די אָרגאַניזירטע אַרבעטער פון
אַלע לענדער פאַרהאַלטן צו דער יידנ=
פראַגע", געהאַלטן אויך אַ רעדע צו
באַגרינדן דעם דאָזיקן פונקט, וואָס האָט
אַרויסגערופן אַ שאַרפע דעבאַטע און גע=
בראַכט צו אַ פאַרדעכטיקער רעזאָלוציע
פון וואָלדערס, אַז „דער קאָנגרעס פאַר=
דאַמט אי דעם אַנטיסעמיטיזם אי דעם
פילאָסעמיטיזם"; זע פלעכאַנאָווס דריי=
מאָנאַטשריפט Соціалъ-демократъ, IV,
און די סאָציאַליסטישע פרעסע פון יענער
צייט) און אין ציריך, 1893, אייניקע
מאָל באַזוכט אויך לאָנדן, פאַריז א״אַ
מערב=אייראָפּעישע צענטערס, וואו אויפ=
געטרעטן עפנטלעך, שוין ניט ריידנדיק
וועגן זיינע אָפטע באַזוכן—אַלס לעקטאָר—
פון די פאַרשיידנסטע שטעט אין די
שטאַטן (מחוץ נ״י האָט ק׳ אָנגעהויבן
אַרויסצוטרעטן מיט רעדעס זינט 1889).
דער גרויסער ערפאָלג פון דער „אַר=
בייטער = צייטונג" האָט געבראַכט צו
דער גרינדונג פון אַ טעגלעכער סאָציאַ=
ליסטישער צייטונג „אבענד בלאַט" א״ר
פון פיליפ קראַנץ. צוליב די חלוקי=דעות
צווישן ק׳ן און קראַנצן פון איין זייט
און די שפאַלטונגס=טענדענצן אין דער
יידישער אַרבעטער = באַוועגונג אין צו=
זאַמענהאַנג מיט דער טעטיקייט פון דעם
„אַמעריקאַנישן לענין"—דאַניעל דעליאָן,
וועלכן ק׳ האָט באַקעמפט, האָט ק׳ רע=
זיגנירט פון זיין אַמט אַלס רעדאַקטאָר
פון דער „אַרבייטער=צייטונג", וועלכע
איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין דער זונ=
טאָג=אויסגאַבע פון „אבענד בלאַט". אויף
אַ קורצער צייט איז געלונגען שלום צו
מאַכן צווישן די צדדים, ביז ס׳איז גע=
קומען צו אַן ענדגילטיקער שפאַלטונג,
דאַן האָט די אָפּאָזיציע מיט ק׳ן און
מיללערן בראש געגרינדעט אַ נייע ציי=
טונג א״ט „פאָרווערטס", פון וועלכער
דער ערשטער נומער איז אַרויס דעם
22/IV 1897, א״ר פון ק׳. נאָכדעם
ווי דעליאָן האָט די פאָרווערטסיסטן
אויסגעשלאָסן פון דער סאָציאַליסטישער
אַרבעטער = פאַרטיי, האָט דער „פאָר=
ווערטס" געפונען אַן אָנהאַלט אין דער
דאַן פון יודזשין דעבס געגרינדעטער
„סאָציאַלדעמאָקראַטיע פון אַמעריקע".
אין עטלעכע חדשים אַרום האָט ק׳ צוליב
אינעווייניקסטע חלוקי=דעות רעזיגנירט
אַלס רעדאַקטאָר פון „פאָרווערטס" און
אין משך פון 5 יאָר, 1897 — 1902, זיך
אָפגעגעבן דער ליטעראַרישער אַרבעט
אין ענגליש. גראָד האָט ער דאַן אויך
פאַרלוירן זיין לערער=שטעלע אין דער
אָוונטשול, און נאָכדעם ווי ער האָט
רעגלמעסיק געגעבן באַשרייבונגען פון
פאַרשיידענע קוואַרטאַלן, טיפן, סצע=
נעס אאַז״וו אין נ״י׳ער „סאָן", „איוו=
נינג פאָסט" און „קאָמוירשעל אַדווער=
טייזער", איז ער נאָוועמבער 1897 איינ=
געלאַדן געוואָרן פון דער לעצטער
צייטונג אַלס שטענדיקער פאָליציי = רע=
פּאָרטער (אין בריטן, אַמעריקאַנישן זין
פון דעם וואָרט), צוערשט מיט אַ געהאַלט
פון 15 דאָלאַר אַ וואָך, וועלכער איז
שפעטער געהעכערט געוואָרן; אין דער
שבת=ביילאַגע פון דער דאָזיקער צייטונג
אויך געדרוקט האַלב בעלעטריסטישע
פעליעטאָנען, סקיצן, אַרטיקלען וועגן
ליטעראַטור אאַז״וו. זיך אויך באַטייליקט
אין די אָנגעזעענסטע אַמעריקאַנישע
זשורנאַלן מיט דערציילונגען און אַר=
טיקלען, אַרויסגעגעבן זיין צווייטן בוך
דערציילונגען אין ענגליש פון יידישן
לעבן אין אַמעריקע א״ט The Imported
Bridegroom and Other Stories (פ״ג

הוטאָן, מיפלין און קאָ., באָסטאָן 1898, ז' 120), גלייכצייטיק געהאַלטן ענגלישע לעקציעס אין ליטעראַרישע קלובן וועגן ליטעראַטור, אויך פּאַרלעזונגען פון זיינע ווערק אין פאַרשיידענע שטעט, אויך פאַר יידישע אימיגראַנטן אויף יידיש און רוסיש. זינט אָנהייב 1900 ווידער פון צייט צו צייט אָנגעהויבן צו שרייבן פאַרן „פאָרווערטס", אָבער אָן האָנאָראַר און אָן דער אונטערשריפט, כדי ניט אַריינגעצויגן צו ווערן אין די פּאַרטיי-סיכסוכים, צ"אַ פאַרעפנטלעכט דאַן אַ נעקראָלאָג אויף דובזעוויטשן, אַ סעריע פעליעטאָנען א"ט „די דימענטען פון דעם קוואַרטאַל", 17/XI 1900 — 19/I 1901 די סעריע סקיצן א"ט „די נשמה יתירה", וועלכע האָבן געהאַט זייער אַ גרויסן ערפאָלג, דאַן נאָך עטלעכע אַרטיקלען, ביז ער איז פרילינג 1902 איינגעלאַדן געוואָרן פאַרן רעדאַקטאָר פון „פאָרווערטס", נאָכדעם ווי די צייטונג האָט אין משך פון די 5 יאָר ניט געהאַט קיין שטענדיקן פירער און די רעדאַקטאָרן האָבן זיך כסדר געביטן (ל. מיללער, מ. זאַמעטקין, ש. פּעסקין, עליזאָוויטש, ב. האָלצמאַן, מ. קאַטץ א"א). אָבער ניט וועלנדיק זיך אונטערוואַרפן דער קאָנטראָלע פון די „קענגורוס", וועלכע זיינען דאַן געקומען צו הילף דער צייטונג אין אירע פינאַנציעלע שוועריקייטן, האָט ער ווידער פאַרלאָזט די רעדאַקציע, זיך באַזעצט אין דער פּראָווינץ (וואודביין, ניו-מיופאָר), פון וואַנען געשריבן בילדער אין דער שבתדיקער ביילאַגע פון דעם „קאָממוירשעל אַדווערטייזער", בכלל אַ סך געשריבן אין ענגליש, אין 4 חדשים אַרום אָנגעהויבן רעגלמעסיק צו שרייבן פאַרן „פאָרווערטס" א"ר פון טש. ראַיעווסקי און א. ליעסין, צוויי לייטאַרטיקלען און אַ 2 — 3 אַנדערע אַרטיקלען אַ וואָך, האַרבסט 1903 ווידער אויסגעוויילט געוואָרן פון דער „פאָרווערטס-אַסאָציאַציע" אַלס רעדאַקטאָר מיט „אַבסאָלוט פולער מאַכט" און זינט דאַן איז ער אין משך פון איבער 25 יאָר דער פירער פון „פאָרווערטס". ער האָט גלייך פאַרגרעסערט די צייטונג פון 6 זייטן אויף 8, איינגעפירט פאַרשיידענע נייסן, גרינדלעך רעפאָרמירט דעם גאַנצן איינהאַלט קעגן די פּראָטעסטן פון אַ טייל יידישע אַרבעטער-פירער, וועלכע האָבן געהאַלטן, אַז ק'ס רעפאָרמען מאַכן די צייטונג צו ווייניק סאָציאַליסטיש. ק' האָט אָבער דורכגעפירט זיין שטאַנדפּונקט, אַז דער „פאָרווערטס" דאַרף זיין ניט נאָר פאַר סאָציאַליסטן, נאָר פאַרן גרויסן עולם, האָט געגעבן אַלץ מער לייכטע אַרטיקלען, אין אַ פּראָסטן ניט געשליפענעם יידיש, דעם אַזוי-גערופענעם „יידישן יידיש", ד"ה דער שפּראַך ווי זי ווערט גערעדט פון גאַס, אָן העברעיזמען, דערפאַר מיט אַן איבערפלוס פון די נייע אַמעריקאַניזמען. אין זיין שטרעבונג צוצופאַסן זיך צו דער ברייטער מאַסע, האָט ק' זיך אַלץ מער אַראָפּגעלאָזט צו איר, אָבער דער ערפאָלג פון דער צייטונג, וואָס איר טיראַזש איז פאַר די ערשטע 4 חדשים פון ק'ס צוריקקומען געשטיגן פון 6000 ביז 19.000, און שפּעטער — נאָך דער מלחמה — ווייט איבערגעשטיגן די צאָל פון 200.000, האָט פאַרזיכערט ק'ס פּאָזיציע אַלס אַלמעכטיקער פירער פון דער פאַרשפּרייטסטער יידישער צייטונג אין דער וועלט. זי ערשיינט אַלס נאָכמיטאָג-צייטונג, אַחוץ שבת, זונטאָג און יום-טוב, ווען זי גייט אַרויס פרימאָרגן, פון 8 ביז 32 זייטן גרויסן פאָרמאַט, די לעצטע יאָרן אויך מיט אַ ספּעציעלער זונטאָגדיקער קונסט-

בײלאַגע, בײ דער מיטווירקונג פון אַ גרויסער צאָל מיטאַרבעטער און קאָרעספאָנדענטן אין דער גאַנצער וועלט. אַ געוויסע צייט (סעפטעמבער 1905 — יולי 1908) האָט די „פאָרווערטס=אַסאָציאַציע", כדי צו שאַפן אַן אָרט פאַר ערנסטערע וויסנשאַפטלעכע אַרטיקלען, אַרויסגעגעבן אַ וואָכנבלאַט „דער צייט=גייסט" א"ר פון ק', וועלכער האָט צ"אַ פאַרעפנטלעכט דאָ אַ פאָפולאַריזאַציע פון דעם ערשטן קאַפיטל פון קאַרל מאַרקס „קאַפיטאַל" („פריי איבערזעצט און ערקלערט פאַר'ן פאָלק"—אין 31 נומערן), געשריבן פאַרן „צייטגייסט" אויך פאַרשיידענע אַנדערע אָפהאַנדלונגען, צ"אַ „רעאַליזם אין ליטעראַטור און רעאַליזם אין מירמלשטיין"— וועגן די אַלט=גריכישע סקולפטאָרן, וועגן דאַרוויניזם (איבערגעדרוקט פון די ערשטע נומ' „צוקונפט"). האָבנדיק די מיטאַרבעט פון די בעסטע יידישע שריפטשטעלער און זשורנאַליסטן, האָט „דער צייטגייסט" אין אַ קורצער צייט דערגרייכט אַ טיראַזש פון 28.000, אָבער אין אַ 8–10 חדשים אַרום האָט ק' איבערגעגעבן די רעדאַקציע ד"ר ש. פעסקינען און ה. בורגינען. בײ דעם „פאָרווערטס" איז געמאַכט געוואָרן דער פרווו אַרויסצוגעבן אויך אַ אינדערפרייִק טאָגבלאַט „די מאָרגענצייטונג" א"ר פון ב. פייגענבוים און בײ דער הויפטמיטאַרבעט פון מ. זאַמעטקין, אין וועלכער עס זיינען געקומען צום וואָרט די מער ראַדיקאַלע עלעמענטן פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, אָבער אין 10 וואָכן אַרום, דעם 25/III 1906, האָט זי אויפגעהערט צו ערשיינען, ווייל זי האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַרן „פאָרווערטס" פאַר אַ צו שווערער פינאַנציעלער לאַסט. אָנהייב 1906 האָט ק' איינגעפירט די אָפטיילונג „אַ בינטעל בריף", איינעם פון די הויפט=„פיטשורס" פון „פאָרווערטס" און די ערשטע צוויי=דריי יאָר אַליין געענטפערט אויף אַלע בריוו אין „בינטל" (שפעטער האָט אין משך פון 3 יאָר די דאָזיקע אָפטיילונג געפירט ב. פייגענבוים). די אָפטיילונג האָט געהאַט אַזאַ ערפאָלג, אַז אַן אַמעריקאַנער פראָפעסאָר פון שיקאַגער אוניווערסיטעט וויליאַם י. טאָמסאָן האָט זיך ספעציעל אויסגעלערנט יידיש צו לייענען דעם „בינטל" און האָט וועגן די בריוו געשריבן. פון דער אַנדערער זייט איז דער „בינטל" געוואָרן דאָס הויפט=צילבערעט פאַר די פיילן פון די קעגנערס פון „פאָרווערטס", וועלכע האָבן די צייטונג באַשולדיקט אין געלקייט, אין אָפאָרטוניזם, אין איר ליבעראַליזירן די סאָציאַליסטישע באַוועגונג. באַקעמפט פון איין זייט פון די ראַדיקאַל=סאָציאַליסטישע עלעמענטן, האָט דער „פאָרווערטס" אויך אַרויסגערופן קעגנערשאַפט בײ די אָנהענגער פון דער יידישער קולטור=באַוועגונג פאַר דער נעגאַטיווער, ריין אַסימילאַטאָרישער שטעלונג זיינער צו יידיש, צו דער מאָדערנער יידישער שול, צו דעם יידישיזם בכלל אאַז"וו („אין זיין יידישקייט הויפטזעכלעך אַ געפילס=ייד, פון טעאָרעטישער יידישקייט האַלט איך ניט", איז ק' אַליין מודה אין זיינע זכרונות).— אין משך פון איבער 30 יאָר האָט ק' פאַרעפנטלעכט אין „פאָרווערטס" אָן אַ שיעור אַרטיקלען איבער ליטעראַטור, טעאַטער, פעליעטאָנען, רייזע=באַשרייבונגען אאַז"וו. פרילינג 1919 האָט ק' צום ערשטן מאָל נאָך 38 יאָר באַזוכט זיין אַלטע היים, שפעטער — 1924 — ווידער פאַרבראַכט זומער אין מערב=אייראָפע און אין פוילן, 1925 באַזוכט ארץ=ישראל און 1927 — ראַטנפאַרבאַנד

און די איינדרוקן פון די אַלע באַזוכן
און רייזעס באַשריבן אין צענדלינגער
און הונדערטער אַרטיקלען אין „פאָר־
ווערטס", צום טייל אויך אין דער ענג־
לישער אָפּטיילונג פון „פאָרווערטס", וועל־
כע איז די לעצטע יאָרן איינגעפירט
געוואָרן. — אַלס בעלעטריסט אין יידיש
טרעט ק׳ די לעצטע יאָרן ניט אויף און
זיינע ראָמאַנען The Red Terror and the
White (1907, ז׳ 389, איבערגעזעצט אויך
אויף רוסיש), וואו עס שפּיגלט זיך אָפּ
די רוסישע רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג,
און The Rise of David Levinsky (1917,
ז׳ 530, אין רוסיש איבערגעזעצט פון
סערגעי יעזשאָוו, אַ ברודער פון י. מאַר־
טאָוו), וואָס האָט געמאַכט אַ רושם
אין דער ענגלישער ליטעראַרישער
וועלט, — זיינען אין יידיש ניט ערשי־
נען. בעלעטריסטישע עלעמענטן זיינען
אָבער דאָ אין זיין גרויסער, נאָך
ניט פאַרענדיקטער אויטאָביאָגראַפיע
„בלעטער פון מיין לעבען" (פ״ג „פאָר־
ווערטס", נ״י, 1926—28, אויסגאַבע פאַר
פּוילן — פ״ג ב. קלעצקין, מיט בילדער,
אין 4 ב׳.: I ב׳ „אין דער אַלטער היים",
ז׳ 516; II „מיינע ערשטע אַכט יאָהר
אין אַמעריקאַ", מיט אַ ווערטערבוך
פון ענגליש־יידישע אויסדרוקן, ז׳ 458;
III „זיבן יאָהר קהל׳שע טעטיגקייט",
ז׳ 493; IV „אין די מיטעלע יאָה־
רען", ז׳ 607). דאָס דאָזיקע ווערק
ברענגט אויך אַ אומגעהייערן אינטערע־
סאַנטן און וויכטיקן קולטור־היסטאָרישן
מאַטעריאַל, אויך מאַטעריאַל צו דער
געשיכטע פון דער יידישער און אַלגע־
מיינער אַרבעטער־באַוועגונג אין אַמע־
ריקע (טיילווייז אויך אין אייראָפּע—דורך
ק׳ס פאַרבינדונגען מיט די פירער פון
דעם אייראָפּעישן סאָציאַליזם, פון וועל־
כע ער האָט אָגב זייער פיל צוגעצויגן
אַלס מיטאַרבעטער פון „פאָרווערטס",
צ״א — די לעצטע צייט — קאַרל קאַוט־
סקי, רעמזי מאַקדאָנאַלד, פיליפּ סנאָו־
דען אאז״וו), צו דער געשיכטע פון
יידישער ראַדיקאַלער זשורנאַליסטיק אין
אַמעריקע אאז״וו. פון זיינע אַנדערע
אַרבעטן איז צו דערמאָנען: די גרויס
געפּלאַנטע „היסטאָריע פון די פאַראיי־
ניקטע שטאַאַטען", געשריבן לויטן פּאָר־
שלאַג פון דעם פאַרוואַלטער פון „פאָר־
ווערטס" בנימין שלעזינגער אַלס פּרעמיע
פאַרן „פאָרווערטס", פון וועלכער עס
זיינען אַרויס בלויז די ב׳ I — „די
ענטדעקונג פון אַמעריקע דורך קאָלומ־
בוס" (נ״י, 1910, ז׳ 669) און ב׳ II —
ענטדעקונגס־רייזעס נאָך „קאָלומבוס׳ען"
(נ״י, 1912, ז׳ XIV+768, מיט ביבליאָ־
גראַפיע, לאַנדקאַרטעס און צייכענונגען),
וואָס זיינען זיך צעגאַנגען אין אַ צאָל
פון איבער 25,000. פון ק׳ס בעלע־
טריסטישע ווערק אין יידיש זיינען
אין בוכפאָרם אַרויס: „רפאל נעריצן / אַן
ערצעהלונג וועגען אַ סטאָליער וואָס איז
געקומען צום שכל" (נ״י, 1897, אַרום
200 ז׳, נייע פאַרגרעסערטע אויסגאַבע—
מיט אַ גלאָסאַר פון יידיש־ענגלישע
ווערטער — נ״י, 1907, ז׳ 206); „דיא
נשמה יתירה" — אַ געמיש פון בעלעטריס־
טיק מיט פּראָפּאַגאַנדיסטישע פעליעטאָ־
נען (האָט זיך צוערשט געדרוקט אין „פאָר־
ווערטס", 1900) און „פענני׳ס חתנים"—
נאָוועלע, צוערשט געשריבן אויף ענגליש
(1904, ז׳ 1—88, 89—211). אויף יידיש
איז צ״א אַרויס אין אַ באַזונדערער
אויסגאַבע ק׳ס דערציילונג אויס דעם
לעבן פון ניט־יידישע אימיגראַנטן אין
אַמעריקע „דמיטרי און זיגרידע" (איבער־
געזעצט פון מ. עהרליך, פ״ג „קולטור",

מינסק, 1906, ז' 20). אַ קאָמיטעט האָט אויך געפּלאַנט אַרויסצוגעבן אין בוכפאָרם „פון אַ וואָרט אַ קוואָרט — געקליבענע פעליעטאָנען פון דעם פּראָלעטאַרישקען בעל דברן", „חמשה חומשי תורה — געקליבענע דרשות אויף סדרות פון דעם פּראָלעטאַרישקען מגיד", „סאָציאַליסטישע משלים" — פון סאָציוס, „סאָציאַליסטישע פאַנטאַזיעס" — געקליבענע מאמרים פון סאָציוס, „די פיר הויפּט-געדאַנקען פון קאַרל מאַרקס", אָבער דער פּלאַן איז ניט רעאַליזירט געוואָרן. עס איז אויך צו דערמאָנען ק'ס בראָשורן „דער אלף בית פון סאָציאַליזמוס" (1898), אַ פּאָפּולאַריזאַציע פון קאַרל מאַרקס „לאָהן-אַרבייט און קאַפּיטאַל" (1898), „עולם הזה און עולם הבא פון דער אַרבייטער בעוועגונג / דריי בריעף צו אַן אימיגראַנט פון זיין פאָטער'ס אַן אַלטען פריינד" (אַרויסגעגעבן פון דער איסט-סייד אַגיטאַציאָנס קאָמיטע, ס. פּ., נ"י, ז' 32), „דער מאָסקווער קונסט טעאַטער" — אַ זאַמלונג פון ק'ס אַרטיקלען און רעצענזיעס אין „פאָרווערטס" איבער די גאַסטראָלן פון דער באַרימטער טרופּע („אַרויסגעגעבן פון דער שיקאַגאָ'ר אַרבייטער קולטור ליעג", שיקאַגאָ 1923, ז' 64 מיט בילדער), די ערשטע איבערזעצונג פון „קאָמוניסטישן מאַניפעסט" אויף יידיש א"אַ. — אַלע ק'ס ענגלישע דערציילונגען זיינען אויך איבערגעזעצט געוואָרן אין פאַרשיידענע רוסישע זשורנאַלן, צ"אַ דורך זיין פרוי אַננאַ ק' (געב' אין קיעוו, פון דער היים בראָנשטיין, געוועזן אַ מיטגליד פון „עם-עולם", האָט זיך אויך באַטייליקט מיט איבערזעצונגען — דערהויפּט פון רוסישע דער-

ציילונגען אויס דעם יידישן לעבן, למשל פון ר. מ. גינן, — אין „פאָרווערטס" און „צוקונפט").

„יובילעאום-שריפט צו אב. קאהאנ'ס 50סטען געבורטסטאג / ארויסגעגעבען פון דעם יובילעאום-קאמיטע / נ"י, 11טען נאוועמבער, 1910" א"ר פון ד"ר אב. קאספע, ב. פייגענבוים, אלעקסאנדער הארקאווי, ז' 111, מיט זכרונות און שירים וועגן ק'ן פון א. ליעסין, שאול באדאנעס, ד"ר ראיעווסקי, אלעקסאנדער הארקאווי, ד"ר ח. ספיוואק, ב. וויינשטיין, ב. פייגענבוים, ק', מאָריס ראזענפעלד, ש. יאנאָווסקי, מ. באראנאָוו, וויליאם דיען האועלס („אב. קאהאן אלס ענגלישער ליטעראט"), פעלפס סטאוקס און טשארלז עד. ראסעל (באגריסונגען), טאן („אב. ק'ס ענגלישע ווערק אין רוסלאנד"), ביבליאָגראפיע פון ק'ס ווערק אין יידיש, ענגליש און רוסיש און וועגן אים; „פאָרווערטס" פון XI/12 1910 (צו ק'ס יובל); יובילײ-אויסגאבע פון „פאָרווערטס", 1922, 1927; The New International Encyclopedia, 1902, III, 727; The National Encyclopedia of American Biography, XI, 171; JE, III, 490; The Encyclopedia Americana; Who's Who in America; Who's Who in New York; The Bookman, IV, 157; V, 513; Who's Who in American Jewry; י. ראמבראָ, אין Восходъ, 1899, X; טאן-באגאראז, אין Міръ Божій, 1902, X; ד"ר ק. פארנבערג, אין ЕЭ, IX, 96—97; „חכמי ישראל באמריקא"; פרידריך ענגעלס, בריוו צו זאָרגע (דייטש); יעקב גאָרדין, אין זיין מאָנאטשריפט „די דראמאטישע וועלט", 1904, 1—4 (מער קיין נומ' איז ניט ארויס); id, אין „וואָרהייט" פון XI/30 1907; ח. אלעקסאנדראָוו, אין „פריינד", 1904; ד"ר אב. קאספע, „אב. ק' אלס היסטאָריקער", אין „צוקונפט", 1910, V, X—XII; ד"ר ח. זשיטלאָווסקי, „אינטעליגענץ און עם-הארצות", אין „דאָס נייע לעבען", 1910, V; ד"ר י. א. הורוויטש, „די אידיש-אמעריקאנישע געלע פרעסע", „אויסגעוועהלטע שריפטען", II, ז' 105—128 (איבערגעדרוקט פון „דאָס נייע לעבען", יוני—יולי 1910); שלום אש, אין „פריינד", 1910; מ. לאזערסאָן, ib, 1912; ה. בורגין, „די געשיכטע פון דער אידישער ארבייטער בעוועגונג"; יעקב מאגידאָוו, אין „אידישען אלמאנאך"; id, „דער שפיגעל פון דער איסט-סייד", ז' 11—34;

ל. קאָברין, „אַ פערטעל יאָרהונדערט״; ס. דינגאָל, אין „טאָג״ פון 5/VII 1925; ז. ווײַנפער, אין „פעדער״, 1926, V; א. רייזען, „עפּיזאָדן פון מײַן לעבן״; ש. ניגער, אין „טאָג״ פון 18/IV—25, 2/V 1927; ז. שניאור, אין „פאָרווערטס״, 1927.

קאַהאַן אברהם (9/I 1901—)

געב׳ אין באַרדיטשעוו אין אַ חסידישער קליינהענדלער־משפחה. באַקומען די ערשטע דערציִונג אין חדר, צו 14 יאָר געענדיקט די קרויניש־יידישע שול, צו 19—די קאָמערץ־שול אין טולטשין, שטודירט אויך אין קיעווער אוניווערסיטעט. טעטיק אַלס לערער, ביז 1925 — אין די יידישע שולן אין באַרדיטשעוו, דערנאָך אין כאַרקאָוו; אַ געוויסע צייט אויך אַרומגעפאָרן מיט אַ יידישער טרופּע אַלס אַקטיאָר און סופלער. האָט דעביוטירט אין די ליטעראַרישע בײַלאַגעס פון דער קיעווער „קאָמפאָן״ 1922, דאַן אַלס מיטגליד פון דער גרופּע יונגע יידישע דיכטער „ווידערוואוקס״ פאַרעפנטלעכט אַ זאַמלונג לידער א״ט „קאַרבן״ (ליטעראַטן־פ״ג „ליריק״, קיעוו, 1923, ז׳ 32, מיט אַ הקדמה פון דוד האָפשטיין), שפּעטער געדרוקט לידער, דערציילונגען און פּאָעמען, אויך איבערזעצונגען פון רוסישע און אוקראַינישע דיכטער אין „דער רויטער וועלט״, די זמ״ב „אוקראַינע״, „טריפּאָליע״, דעם כאַרקאָווער „שטערן״, וואו ער איז לעצטנס אַ נאָענטער מיטאַרבעטער. צונויפגעשטעלט אַ הילפסבוך פאַר קלובן א״ט „קאָמיוגישע זאַמלונג״ (מלוכה־פ״ג פון אוקראַינע, כאַרקאָוו, 1926, ז׳ 228), וואָס אַנטהאַלט לידער, דערציילונגען און אינסצעניראונגען, איינגעטיילט אין ציקלען, לויט די רעוואָלוציאָנערע יום־טובים, ווי 1טער מאַי, אָקטאָבער, פּאַריזער קאָמונע אאַז״וו. שטודירנדיק טעאַטראַלע קונסט, פאַרפאַסט די טעקסטן צו די לידלעך פון א. גאָלדפאַדענס „צוויי קונילעמלעך״ פאַר דער באַנייטער אויפפירונג פון „יידישן מלוכה־טעאַטער פון אוקראַינע״ סוף 1925, מיט מוזיק פון קאָמפּאָזיטאָר שטיינבערג. אין דער מינסקער „צײַטשריפט״ I פאַרעפנטלעכט אַן אַרבעט וועגן י״מ ליפשיץ אויפן גרונד פון נייע מאַטעריאַלן. אין בוכפאָרם אַ גרויסע דערציילונג א״ט „מענטשן פונם אַלקער״ (צענטראַלער פעלקער־פ״ג פון פסס״ר, מאָסקווע, 1927, ז׳ 112), וואו ער שילדערט די סביבה פון לפנים קאָמוניסטישע טוערס, וועלכע זיינען אָבער אין תוך קליינבירגערלעך און קאָנטר־רעוואָלוציאָנער, נעפּמאַניש און ספּעקולאַנטיש, און אַלס איינציקן פּאָזיטיוון טיפּ אין קעגנזאַץ צו דער דאָזיקער דעמאָראַליזירטער סביבה שטעלט ער אַרויס אַ יונגן יידישן לערער, וואָס זיין אידעאַל איז איבערצובויען די אַמאָליקע יידישע גימנאַזיע אין אַ יידישער שול. פון זיינע לעצטע אַרבעטן איז צו דערמאָנען דערציילונגען אויס דעם לעבן פון דער יידישער אינטעליגענץ אין ראַטנפאַרבאַנד, אַ ציקל „קאַווקאַזער לידער״, אַ ראָמאַן. אייניקע פון ק׳ס לידער זיינען איבערגעזעצט געוואָרן אויף אוקראַיניש פון וואַסיל אַטאַמאַניוק אין דער אַנטאָלאָגיע פון דער יונגער יידישער דיכטונג, וואָס איז אַרויס אויף אוקראַיניש (פ״ג Друкарь, קיעוו, 1923). — אויפן אַלאוקראַינישן צוזאַמענפאָר פון יידישע שרייבער (זעפּטעמבער), פון וועלכן געווען איינער פון די אָרגאַניזאַטאָרן, אויסגעוויילט אין ביוראָ פון דער יידסעקציע ביים Вуспп (אַלאוקראַינישע פאַראייניקונג פון פּראָלעטאַרישע שרייבער).

א. קושניראָוו, אין „שטראָם״ V—VI; שיפּרעס, אין „אָקטיאַבר״, מינסק, 1927, 280.

קאַהאַן יוסף (1878 —)

געב. ניט ווייט פון קאָסעווע, גראָדנער געגנט. זיין פאָטער, אריה=לייב קאַנטאָראָוויטש, איז געווען אַ שאַפער אין וואַלד. ביז 9 יאָר געלערנט ביי מלמדים, דערנאָך אין די תּלמוד=תּורהס פון האָראָדישץ, מיר, מינסק, פון 12 ביז 14 יאָר געלערנט אין דער מירער ישיבה, און ווען זי האָט אָפּגעברענט, אַריבערגעפאָרן קיין מינסק, אַלס ישיבה=בּחור פון דער „שואבי=מים=שול" אַריינגעטרעטן אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, זיך גענומען לערנען אַ מלאכה — שלאָסעריי — און געהאָלפן בויען די ערשטע יידישע אַרבעטער=אָרגאַניזאַציעס אין מינסק. אַז די עלטערן האָבן זיך דערפון דערוואוסט, האָבן זיי אים געצוואונגען צוריקצוקומען אַהיים און פאַרנעמען זיך מיט דעם פאָטערס עסקים, 4 יאָר פאַרבראַכט אין פעלד און וואַלד, אָפּגעריסן פון יעדן געזעלשאַפטלעכן לעבן, דאַן 4 יאָר געדינט אין מיליטער אין גראָדנע, זיך באַקענט אַדאַנק דער אָרטיקער ציוניסטישער ביבליאָטעק מיט דער העברעישער און רוסישער ליטעראַטור (גאַנץ שמ"ר, בלאָשטיין, דיק א"אַ האָט ער איבערגעלייענט נאָך אַלס יינגל), געגרינדעט אַ לייענקרייז פאַר יידישע זעלנער, געלייגט דעם פונדאַמענט פאַר אַ רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין גראָדנער גאַרניזאָן, וועלכע האָט מיט אַ פאָר יאָר שפּעטער געפירט צו אַן אָפענעם אויפשטאַנד. 1903 געקומען קיין אַמעריקע, געוואָרן אַן אַרבעטער, זיך אָנגעשלאָסן אָן דער יידישער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג, געשריבן פון צייט צו צייט אין דער „פ. אַ. ש." א"ר פון ש. יאַנאָווסקי, 1905 אָרגאַניזירט די „ראַדיקאַלע לייברערי" — אַ דערציִונגס=אינסטיטוציע, וועלכע עקסיסטירט ביז דעם היינטיקן טאָג, געפּרוּווט אַרויסגעבן אין פילאַדעלפיע אַ אַנאַרכיסטישע וואָכנשריפט א"ט „ברויט און פרייהייט" (זע ציפין), אָבער אויפן 9טן נומ' האָט זיך די אויסגאַבע אָפּגעשטעלט. זיך דערהויפּט אינטערעסירט מיט דער פראַגע פון פרייער דערציִונג און אין משך פון 10 יאָר צייט געאַרבעט פאַר דער אויפבויונג פון דער פערער=שול און קאָלאָניע אין סטעלטאָן, שטאַט ניו=דזשוירסי, יאָרנלאַנג געווען דער פאָרזיצער פון דער „מאָדערנער שול=אַסאָציאַציע פון צפון=אַמעריקע". 1920, בשעת דעם קריזיס אין דער יידישער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג, צוריקגעקערט זיך צו דער יידישער אַרבעט, פון וועלכער יאָרנלאַנג געווען דערווייטערט,— צוערשט אַלס פאַרוואַלטער פון דער „פ. אַ. ש." און זינט 1921 אַלס רעדאַקטאָר פון דעם איצט איינציקן אַנאַרכיסטישן אָרגאַן אין דער יידישער שפּראַך. שרייבט איבער געזעלשאַפטלעכע און עקאָנאָמישע פראַגן, אויך א"נ י. קאַנטאָראָוויטש.

קאַהאַן ישראל (=אברהם) (19/IX 1888 —) געב' אין גאָלדינגען, קורלאַנד. באַקומען אַ יידישע און אַלגעמיינע דערציִונג, האָט ער צו 17 יאָר אָנגעהויבן צו קאָרעספּאָנדירן אין „הזמן" און פּט"ב'ער „פריינד", 1906 געקומען קיין וואַרשע, געאַרבעט אין דער רעדאַקציע פון „וועג" אַלס סעקרעטאַר פון צבי פּרילוצקי און דערנאָך אַלס נאַכט=רעדאַקטאָר, 1907 געווען מיטאַרבעטער פון דער ערשטער יידישער צייטונג אין באַלטיש,

קאַנט „די נאַציאָנאַל-צייטונג", אַרויסגע-
געבן פון דעם דייטשן באַראָן גאָטהאַרד
פאָן בודבערג אין ריגע א"ר פון ה"ד
נאָמבערג, דאַן צוריקגעקומען קיין וואַר-
שע, זיך באַטייליקט אין מ. ספּעקטאָרס
„פרייטאָג" און „אונזער לעבען", 1908
זיך באַזעצט אין לאָדז אַלס איינער פון
די הויפּטמיטאַרבעטער פון „לאָדזער טאַ-
געבלאַט", 1912 געווען איינער פון די
גרינדער פון אַ קאָפּיקענער צייטונג
„נייעס לאָדזער מאָרגענבלאַט", אַרויסגע-
געבן פון א"י אָסטראָווסקי א"ר פון ד"ר
י. גאָטליב, וועלכע איז אינגיכן אויסגע-
וואַקסן אין אַ גרויסן טאָגבלאַט א"ר פון
ד"ר א. מוקדוני און עקסיסטירט ביז
דעם אויסבראָך פון דער וועלט-מלחמה.
זינט 1916—20 אָנגעפירט די רעדאַקציע
פון דעם דורך זיין ברודער לאַזאַר ק'
געגרינדעטן „לאָדזער פאָלקסבלאַט" (ביי
דער צייטונג איז אַ שטיק צייט אויך
אַרויסגעגאַנגען אַן אָוונטצייטונג „לאָדזער
עקסטראַבלאַט" אונטער ק'ס רעדאַק-
ציע); 1920, ווען דאָס „פאָלקסבלאַט"
איז פאַרמאַכט געוואָרן, מיטרעדאַק-
טירט מיט לאַזאַר ק'ן אַ ניי געגרינדעטע
צייטונג „לאָדזער פאָלקסשטימע", 1923
געווען מיטגרינדער און ביז יולי 1924
רעדאַקטאָר פון „נייעם פאָלקסבלאַט"
(איצט רעד' לאַזאַר פוקס), דאַן רע-
דאַקטירט אַ דריטע יידישע טעגלעכע
צייטונג אין לאָדז, „אידישער קוריער",
וועלכע האָט אָבער קיין אריכת-ימים
ניט געהאַט. זינט אָנהייב 1926 שעף-
רעדאַקטאָר פון דעם דאַן באַנייטן „לאָד-
זער טאַגעבלאַט". האָט אויך רעדאַק-
טירט איניקע וואָכנבלעטער און ספּע-
ציעלע אָרגאַנען, ווי „די ערשטע יידישע
שאָך - צייטונג" (לאָדז, 1912, 5 נומ'),
„די האַנדלסוועלט" (לאָדז — וואַרשע —
דאַנציג, 30 נומ'). און „לאָדזער מערקור"
(1924, 30 נומ'). קאָרעספּאָנדירט אויך
אין פאַרשיידענע יידישע צייטונגען פון
פוילן און אויסלאַנד א"פ י. קורלאַנד,
י. גאָלדינגער, ק. איזראַעל. אין זיין זשור-
נאַליסטישער טעטיקייט באַנוצט ביי 35
פּס"נ, צ"א י. ס—ן, אַ סימן, א. פרומעס,
איקס, איק"אַ, קין, בן-שמעון, י. קויפ-
מאַן. אחוץ זשורנאַליסטישע אַרטיקלען
(צ"א אַ גרעסערע אָפּהאַנדלונג „פישעל-
כאַמיד-פּאַשאַ — דער טערקיש-יודישער
גרויס-וויזיר", פאַרעפנטלעכט אין אַ סך
יידישע צייטונגען סוף 1925) געדרוקט
איניקע צייטונגס - ראָמאַנען, ווי „דער
אידישער רעקרוט", „אין תהום פון זינד"
(אין „לאָדזער טאַגעבלאַט", 1908 און
1912), אויך איבערגעזעצט ווערסאַיעווס
„אויפן קריג", בענואַס ראָמאַן „אַטלאַנ-
טידאַ" (אין „לאָדזער פאָלקסבלאַט",
1915 און 1921), היינץ-עווערסנס „אַל-
רוינע", ס. יושקעוויטשעס „לעאָן דרעה"
(אין „לאָדזער טאַגעבלאַט", 1926).

קאַהאַן לאַזאַר (6/I 1885 —
) געב' אין גאָלדינגען, קורלאַנד.
וואו זיין פאָטער, ר' שמעון כהן,
מחבר פון „שער שמעון" א"א, איז

געווען מגיד און
מורה-הוראה (שפּע-
טער—שטאָט-מגיד
און רב אין מי-
טאַוו). געלערנט
אין חדר, אין די
ישיבות פון זאַגער
און אויך מיטן פאָ-
טער, צו 14 יאָר
אָנגעהויבן זיך אָפּצוגעבן מיט אַלגעמיינע
לימודים, גלייכצייטיק זיך באַשעפטיקט
אַלס לערער פון העברעיש, צו 17 יאָר
געקומען קיין דווינסק אַלס עקסטערן.
אָבער זיך אַריינגעצויגן אין דער צעירי-
ציוניסטישער באַוועגונג, 1905 געשיקט

פון דער דווינסקער אָרגאַניזאַציע קיין לאָדז, וואו אַ געוויסע צייט אָנגעפירט די פאַרטיי־אַרבעט, נאָכדעם ווי די צ"צ־אָרגאַניזאַציעס האָבן זיך פאַראייניקט מיט די פ"צ געאַרבעט אין וואַרשע, אָנהייב 1906 אַריין אַלס מיטאַרבעטער אין „דעם וועג", געשיקט געוואָרן פון דער צייטונג אַלס קאָרעספאָנדענט אין אין די פאָגראָם־שטעט האָמעל און ביאַליסטאָק, קיין דרום־רוסלאַנד, אַ קורצע צייט געווען טעטיק אין ווילנע אין דער סיימיסטישער באַוועגונג, דאַן געווען נאַכט־רעדאַקטאָר אין „וועג". נאָך דעם אונטערגאַנג פון „וועג" זיך באַטייליקט אין „אונזער לעבען", „ראָמאַן־צייטונג", אין צייטלין־יאַצקאַנס „אידישען וואָכענבלאַט" געשריבן פאָפולער־וויסנשאַפטלעכע און פובליציסטישע אַרטיקלען, סוף 1907 געוואָרן רעדאַקטאָר פון דער ערשטער יידישער פראָווינץ־צייטונג אין פוילן — „לאָדזער נאַכריכטען" און נאָך איר אונטערגאַנג אין משך פון 7 יאָר געווען הויפטמיטאַרבעטער פון דעם „לאָדזער טאַגעבלאַט" (געגרינדעט פון האַמבורסקי, טענענבוים און י. אוגער אַלס רעדאַקטאָר), געווען דער קאָרעספאָנדענט פון דער צייטונג אויפן 11טן ציוניסטישן קאָנגרעס אין ווין און אויפן ביילים־פראָצעס, גלייכצייטיק זיך באַטייליקט אין „מאָמענט", „היינט" (צ"אַ „אַ רייזע איבער דער פוילישער פראָווינץ"), „פריינד", „הויזפריינד" (אַ סעריע גרויסע אַרטיקלען „בעריהמטע אידישע דאָקטוירים") א"אַ, רעדאַקטירט לאָדזער קאַלענדאַרן אין משך פון 4 יאָר, די זמ"ה „פייערליך", „פאַקלען" (אַרויסגעגעבן פון דער יידישער ליטעראַרישער געזעלשאַפט אין טשענסטאָכאָוו), „גאַנץ לאָדז" (1913). געווען טעטיק אין „הזמיר", אין פאַר־איין „דראַמאַטישע קונסט", פון וועלכן

אַ ריי יאָרן געווען פאָרזיצער און אַלס דעלעגאַט פון דעם פאַראיין זיך באַטייליקט אין דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ, וואו געווען אויסגעוויילט אַלס סעקרעטאַר. נאָכן אָקופירן לאָדז פון די דייטשן געגרינדעט, מערץ 1915, אַ טאָגבלאַט „דאָס לאָדזער פאָלקסבלאַט", וואָס האָט בשעת דער דייטשער אָקופאַציע געהאַט אַ גרויסע פאַרשפרייטונג אַלס די איינציקע יידישע צייטונג, וואָס איז צוגעלאָזט געוואָרן אין אַלע אָקופירטע ערטער. אָקטאָבער 1915 האָט ק' געגרינדעט און רעדאַקטירט דאָס „וואַרשאָווער טאַגעבלאַט" מיט ה. ד. נאָמבערג אַלס ליטעראַרישן לייטער און ווען די דאָזיקע צייטונג איז מערץ 1917 פאַרמאַכט געוואָרן—אין משך פון אַ האַלב יאָר אַרויסגעגעבן דאָס וואָכנבלאַט „דאָס פאָלק", וועלכעס שפעטער איבערגעגעבן דער פאָלקספאַרטיי. זינט יולי 1917 ווידער איבערגענומען די רעדאַקציע פון „לאָדזער פאָלקסבלאַט". 1918 געגרינדעט אַ פאַרלאַג, אין וועלכן אַרויסגעגעבן דאָס זמ"ה „אויפגאַנג", לידער פון בראָדערזאָן, ל. בערמאַן, הערשעלע, „די נאַציאָנאַליטעטן־פראַגע אין פוילען" — פון געאָרג גאָטהיין, „די ענגלישע מלוכה־מענער" — פון סיל־באַראַ א"אַ, אויך זיינע אַרבעטן „די פאָלקסבילדונג ביי לייטען און ביי אונז", „די לאַגע און די אויפגאַבען פון יודישען האַנדווערקער", שענהערס דראַמע „טייוועלס־ווייב" (איבערז' פון ק' און זיין פרוי, דער אַרטיסטין שושנה), ה. מנישעקס „מצורעת" א"אַ. 1918 אַרויסגעגעבן אויך אין משך פון אַ האַלב יאָר צייט דאָס טשענסטאָכאָווער „טאַגעבלאַט". נאָך דעם אונטערגאַנג פון „פאָלקסבלאַט" און דער „פאָלקסשטימע" — אין „מאָמענט" 1923—24 געשריבן אַ סעריע אַרטיקלען

„יודען אַלס פּיאָנערען פון טעקסטיל=
אינדוסטריע" (זיי אויך אַרויסגעגעבן
אין בוכפאָרם, 1924), אַרויסגעגעבן
„לאַזאַר ק׳ס אילוסטרירטען יאָהרבוך
פאַר אינדוסטריע, האַנדעל און פינאַנ=
סען" (לאָדז — וואַרשע, 1925, ז׳ 130) —
אַלס „פּרווו פון אַ לעקסיקאָן פון יידישע
אינדוסטריעלע, האַנדעלס= און פינאַנץ=
דערגרייכונגען אין פוילען", געפאָרן איבער
פוילן מיט רעפעראַטן וועגן ליבע אאַז״וו
און אַרויסגעגעבן אַזעלכע ביכעלעך, ווי
„דאָס בוך פון ליבע / אַן אָפּשאַצונג
וועגן ליבע, פלירט, ליידנשאַפט און
אייפערזוכט", „פלירט און קושן" (וואַרשע,
פ״ג ל. צימערמאַן און פ״ג „ביליגע בי=
כער", 1927). זינט 1926 איינער פון די
הויפּטמיטאַרבעטער און מיטרעדאַקטאָרן
פון וואַרשעווער „עקספּרעס". האָט אַחוץ
זשורנאַליסטישע און פּובליציסטישע אַר=
טיקלען, פעליעטאָנען, רעצענזיעס וועגן
ביכער און טעאַטער אאַז״וו, אויך א״פּ
לאַזאַר י., Lik, רזיאל, פּלוני א״אַ, גע=
דרוקט אויך אָריגינעלע און באַאַרבעטע
צייטונגסראָמאַנען ווי „פאַר די טויערן
פון גליק" (א״ט „די שיינע סאַלטשע"
געדרוקט אין לאָנדאָנער „צייט"), „אויפן
מזבח פון ליבע", יאָהאַן פאָן ווילדענ=
ראַדטס „דער יודישער פירשט" (אין
„לאָדזער טאַגעבלאַט", 1914) א״אַ. זייענ=
דיק אַ געווויסע צייט פאַרבונדן מיטן
יידישן טעאַטער אַלס דירעקטאָר, איבער=
געזעצט אייניקע פיעסן, פּראָפאַנס „די
רעטער פון דער מאָראַל" א״אַ, וועלכע
זיינען ניט געדרוקט געוואָרן. — זינט דער
גרינדונג פון דער פאָלקספּאַרטיי 1916
געווען טעטיק אין איר אַ לענגערע צייט
אַלס סעקרעטאַר, אַלס פאָרזיצער פון
דעם „פאָלקסקלוב" אין לאָדז אאַז״וו.
ביי די וואַלן צום סיים 1928, ווען נח
פּרילוצקי האָט געשלאָסן אַ בלאָק מיט
דער „אגודה", אַרויסגעשטעלט געוואָרן
אויף דער ליסטע צום סענאַט, אָבער
ניט אויסגעוויילט געוואָרן.

קאָהן (יחיאל=) **מיכאל** (חנוכה
1867 —) געב׳ אין מאַקאָווע,
לאָמזשער געגנט. זיין פאָטער, אברהם=
יצחק מיכעס, אַ פּשוטער ייד, פון פאַך אַ
סטאָליער, אַ פאַר=
ברענטער מתנגד,

איז געווען אָנגע=
זען אין שטאָט,
אַ סך יאָרן געווען
„ד אָ ז אָ ר", גע=
שפּילט אויך אַ
ראָלע ביי דער
מאַכט, געהאַלטן
אַ שענק, געאַרבעט אַלס פּאָדריאַדטשיק
פון דער רעגירונג ביי שאָסייען, געווען
אַ וואַלד=סוחר אאַז״וו. באַקומען אַ שטרענג
יידישע דערציִונג, פון 3 יאָר אָן גע=
לערנט אין חדר און ביי מלמדים גמרא,
צו 12 יאָר — ביים רב אין גאָוואָרעווע
(אָסטראָלענקער קרייז), וואו דער פאָטער
האָט געהאַלטן די פּראָפּינאַציע, זיך אויס=
געצייכנט מיט זיינע פעִיקייטן, התמדה
און גרויסער פרומקייט, הגם געווען צו
לעבנסלוסטיק צו שלעפן דעם שווערן
יאָך פון חדר, צו 13 יאָר אַנטלאָפן פון
דער היים קיין ווילנע, געלערנט אין
ר׳ מעלהס קלויז, אין ר׳ שמואל פעס=
קינס כיתה, שטאַרק אָפּגעקומען אַלס
אָרעם=בחור, זייער פיל זיך אויסגע=
שטאַנען אין דער ישיבה פאַר זיין פוי=
לישער אויסשפּראַך, דאָך געלערנט מיט
גרויס התמדה, זיך געגרייט צו פאָרן
קיין וואָלאָזשין און באַקומען סמיכה
אויף רבנות, אָבער צו דער צייט אָנגע=
הויבן אַריינצוקוקן אין טרייף=פּסול, גע=
כאַפּט געוואָרן אויפן אָרט פון פאַרברעכן
דורך זיינעם אַ ברודער, וועלכער האָט

דעמאָלט אויך געלערנט אין ווילנע, שיר
פון אים ניט דערוואָרגן געוואָרן אויף
טויט דערפאַר, געמוזט פאַרלאָזן די ישיבה
און צערייסן מיט די עלטערן, וועלכע האָבן
זיך פון אים אינגאַנצן אָפּגעזאָגט. ליידנ=
דיק הונגער אָנגעהויבן צו לערנען רוסיש,
אַריטמעטיק אאַז״וו, אַריבערגעפאָרן קיין
וואַרשע, וואו אַדאַנק דער התקרבות פון
פּראָפ׳ דיקשטיין אָנגעקומען אין זיין
רעאַלשול, זיך קוים דערשלאָגן אַ סטי=
פּענדיע פון 5 רובל אַ חודש פון דער
יידישער גמינע, כּדי ניט אויסצוגיין פאַר
נויט — געגעבן גראָשענע לעקציעס, גע=
שריבן קלייניקייטן פאַר דער „הצפירה״,
אויף סאָקאָלאָווס באַשטעלונג צוזאַמען
מיט זיינעם אַ פריינד נאַטאַן פון לאָדז
איבערגעזעצט פון פּויליש אויף העב=
רעיִש עפּעס אַ ביכל (סאָקאָלאָוו האָט אגב
מיט אים און מיט אַנדערע געוועזענע
ישיבה=בחורים געלערנט תּלמוד מיט
מפרשים אויף פּויליש אין דער סינאַ=
גאָגע!), ניט האָבנדיק קיין אויסזיכט —
צוליב דער פּראָצענט=נאָרמע — אָנצוקו=
מען אין אוניווערסיטעט און דערגרייכנ=
דיק די מיליטער=עלטער אַוועק קיין
אַמעריקע, געפּעדלט אין באָסטאָן מיט
צעלניק, געריייניקט די גאַסן פון שניי,
דערנאָך געוואָרן אַ שניידער, גלייכצײ=
טיק געלערנט ענגליש, געלאָזט דעם
שאַפּ, געגעבן שטונדן און דאַן אָנגע=
קומען אין דער לאַטיינישער הויכשול.
צו דער צייט (1886) געהערט זיין
דעביוט אין דער „ניו=יאָרקער אידישער
פאָלקסצייטונג״ א״ר פון מ. מינץ און
ד״ר בראַסלאַווסקי. אונטער דעם רושם
פון דעם פּראָצעס איבער די שיקאַגער
אַנאַרכיסטן, נאָוועמבער 1887 (וואָס האָט
אויפגערודערט דאָס גאַנצע לאַנד), זיך
פאַרטיפט אין דעם שטודיום פון דעם
אַנאַרכיזם, אָנגעהויבן אויפצוטרעטן אַלס
רעדנער און אַגיטאַטאָר, זינט דער באַ=
נייונג פון דער „פ. אַ. ש.״ יוני 1890
געוואָרן אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער
און צו יענער צייט, שוין אַ סטודענט
פון מעדיצינישן פאַקולטעט פון נ״י׳ער
אוניווערסיטעט, אַריבערגעפאָרן קיין
באַלטימאָר, וואו ווייטער שטודירט מעדי=
צין, אָנגעפירט אַ אינטענסיווע אַגיטאַציע
פאַר אַנאַרכיזם, צוויי מאָל איינגעזעצט
געוואָרן אין תּפיסה און באַשריבן זיינע
איינדרוקן און איבערלעבונגען אויס דער
געפענגעניש אין אַ ריי אַרטיקלען אין
„אַרבייטער פריינד״, זיך אויך באַטיי=
ליקט אין דער אָרטאָדאָקסישער וואָכנ=
צייטונג „דער איזראַעליט״, וואָס אַלעק=
סאַנדער האַרקאַווי האָט דאַן אַרויסגעגעבן
אין באַלטימאָר, אָבער צוליב זיין, ק׳ס,
מיטאַרבעטערשאַפט האָט דער דרוקער
זילבערמאַן אָפּגעשטעלט די צייטונג ניט
איינצורייסן מיט די אָרטאָדאָקסן, וועלכע
האָבן פאַרפאָלגט ביטער אי ק׳ן אי זיין
פרוי (די טאָכטער פון א״י נעטער), זיי
אַריינגעלייגט אין חרם אאַז״וו. דאַן זיך
באַטייליקט אין האַרקאַוויס ראַדיקאַלער
צייטשריפט „דער יידישער פּראָגרעס״,
געווען דער פירער פון דעם קאַמף קעגן
דער יידישער אָרטאָדאָקסיע אין באַלטי=
מאָר און פאַר אַ שאַרפער רעדע אַפילו
געווען אַרעסטירט. דאָך, ניט קוקנדיק
אויף די רדיפות און אויף דער נויט,
אַדאַנק דער פרוי, וועלכע האָט געאַר=
בעט אַלס נייטאָרין, געענדיקט זיין שטוד=
יום, זיך אַרום 1893 באַזעצט אין בראָנז=
וויל, נ״י, און אין אַ פּאָר יאָר אַרום אין
ברוקלין, וואו ער פּראַקטיצירט עד=היום
אַלס איינער פון די ערפאָלגרייכסטע
יידיש=אימיגראַנטישע דאָקטוירים. האָט
איינִיקע מאָל אויך באַזוכט אייראָפּע,
שטודירט אין בערלין, געאַרבעט אין
דער שאַריטע א״אַ שפּיטעלע ר, דעם

לעצטן באַזוך (1923) אַלס קאָרעספּאָנדענט פון דער גרויסער ענגלישער צייטונג The New York Evening Mail באַשריבן אויך אין אַ סעריע אַרטיקלען אין דער „פ.אַ.ש." בשעת דער וועלט=אויסשטעלונג אין פּאַריז 1900 זיך אויך באַטייליקט אַלס דעלעגאַט אין אַנאַרכיסטישן קאָנגרעס. פון זיינע אומצייליקע אַרטיקלען אין דער „פ.אַ.ש." (מיט וועלכן אָרגאַן ער איז אַלס איינער פון די ערשטע פירער פון דעם אַנאַרכיזם אין אַמעריקע פאַרבונדן איבער 27 יאָר פון איר עקסיסטענץ), פּובליציסטישע פּאָליטיש=עקאָנאָמישע, סאָציאָלאָגישע, קולטור=היסטאָרישע, אויך א"פ מיכאַעל, מ. מאַנסאָן, טיקטין, מ. לאָרבער, איז צו דערמאָנען די סעריע „וואָס ווילען די אַנאַרכיסטען" (1921), וועלכע באַהאַנדלט די טעאָריע און די היסטאָרישע אַנטוויקלונג פון דעם אַנאַרכיזם, פון די פאַרשיידענע שטרעמונגען און פאָרשטייער פון דער דאָזיקער באַוועגונג. האָט אויך איבערגעזעצט בעללאַמיס „לוקינג בעקוואָרד" (אין לאָנדאָנער „אַרבייטער פריינד"), פּ. קראָפּאָטקינס „מעמואַרען פון אַ רעוואָלוציאָנער" (אין „פ.אַ.ש."; אַ אַנדערע איבערז'—פון דוד איזאַקאָוויץ — איז שפּעטער אַרויס אויך אין בוכפאָרם), געשריבן אַ גרעסערן אַריינפיר צו די געזאַמלטע לידער פון י. באָוושאָווער. נאָך ניט פאַרעפנטלעכט אַ ריי גרעסערע אַרבעטן, ווי אַ פולע אויטאָביאָגראַפיע, אַ בוך „די מיטלען צום צוועק און וואָס איז דער צוועק?", „רעליגיאָן און וויסנשאַפט".

ה. בורגין, „די געשיכטע פון דער אידישער אַרבייטער באַוועגונג"; צו ק'ס 60סטן געבורטס=יאָר, אין „פ.א.ש." פון 9/XII 1927.

קאָהן מיכאַל (1884 —)
געב' אין פּאָדהאַיצע, מזרח=גאַליציע, אין אַ משכּילישער פאַמיליע. פון צוויי ביז ניין יאָר געלעבט מיט דער מוטער אין סטרי ביים זיידן, אַ לערער פון העברעיש און דייטש, מיט וועמען ער האָט געלערנט אויסער די דאָזיקע שפּראַכן אויך יידיש אַלס שפּראַך, גלייכצייטיק באַזוכט די פּוילישע שול. שפּעטער געקומען קיין ווין, וואו ער האָט אָנגעהויבן זיין זשורנאַליסטישע טעטיקייט אין דעם בשעת דער מלחמה באַגייסטן אָרגאַן פון די פּ"צ „דער יודישער אַרבייטער", געשריבן פּאָליטישע און קריטישע אַרטיקלען, אויך איבערגעזעצט פון האָלענדיש מולטאַטוליס „מעשהלעך פון אַוטאָריטעט" א"אַ. זיצנדיק אין געפענגעניש איבערגעזעצט פראַנץ אָפּענהיימערס אַרבעטן „דער שטאַט" און „די סאָציאַלע פראַגע". 1919—21 געווען רעדאַקטאָר פון „אַוואַנגאַרד"—דעם אָרגאַן פון דעם אָרגאַניזיר=ביוראָ פון די לינקע פּ"צ, 1922 — פון „דעם אינטערנאַציאָנאַל" — דעם אָרגאַן פון דער אָנשלוס=פראַקציע פון דער יידישער קאָמוניסטישער פאַרטיי. שפּעטער האָט ער איבערגעזעצט און רעדאַקטירט עטלעכע בראָשורן פון לענין, ראַדעק א"אַ פון דייטש אויף יידיש.

קאָהען (כהן) אוריה — איינער פון די ערשטע מיטאַרבעטער פון „קול מבשר", וואו ער האָט א"פ איש פלוני וכהן דעביוטירט מיט אַן אַרטיקל „עטליכע ווערטער איבער דער ווייבערישער בילדונג" (1863, 41), אין וועלכן ער טרעט אַרויס קעגן דעם, וואָס „כמעט אַללע גיבען זיך נאָר אָב יונגליך צו לערנען אונ אויף מיידליך ווילל גאָר קיינער ניט אַכטינג געבען"; קריטיקירנדיק די טראַדיציאָנעלע דערציִונגס=סיסטעם, האַלט ער אָבער, אַז „נאָך ערגער איז אַז מען זעהט וויא אַ טהייל עלטערן וואָס קערין שוין קלאמערשט צו דער געבילדעטער קלאססע בעגראַבען נאַך מעהר דיא קינדער... ביי

זייא איז דיא בילדונג נאָר אַ מאָדע וויא אַ גרויסער קרינצאלין אונ נאָך אַנדערע זאַכען, אָבער אין אמת'ן ווייסען זייא פֿין בילדונג גאָר ניט צו זאָגען. אונ אָט די לעדיגע מענשען נעמען זיך נאָך איבער אונ שטאָלצירען דער מיט וואָס זייא לעבען אייראָפּעיש, זייא רופען זיך אַריס־טאָקראַטען אונ ווילען גילטען פֿאַר דער גילדענער פּאָהן...״, שעמען זיך מיט יידיש אאַז״וו. דער אַרטיקל האָט געבראַכט צו אַ שטיקל פּאָלעמיק אין קו״מ. אין זיין צווייטן אַרטיקל „עטליכע ווערטער איבער מענליכער ערציהונג״ (1864, 42) טרעט ער אַרויס קעגן פינסטערן חדר, רעדט וועגן שאַפן קאָמיטעטן, וואָס זייער אויפגאַבע זאָל זיין אויסצואַרבעטן אַ פּראָגראַם פאַר די חדרים, נאָרמירן דאָס מלמדות, אויסקלייבן גוטע מלמדים אאַז״וו. די דערציִונגס־פראַגע באַהאַנדלט ער אויך אין זיינע קאָרעספּאָנדענצן פון פאַרשיי־דענע ערטער, וואו אים איז אויסגע־קומען צו פאַרברענגען געשעפטלעך (ווי ס'איז צו זען פון זיינע קאָרעספּאָנדענצן פון ליטין און כמעלניק, אין קו״מ 1867, 2, 1868, 24, 36, איז ער געווען קאַסירער אין דער קאַנטאָר פון יויזל גינצבורג). ער האָט אויך געשריבן פּאָפּולערוויסנ־שאַפטלעכע אַרטיקלען, צ״אַ אַ סעריע אין בעלעטריסטיש־דיאַלאָגישער פאָרם א״ט „תנחום אונ גרונה״ (1865, 6 — 16) וועגן דער ניצלעכקייט פון לערנען תנך, דיקדוק, וועגן לאָגיק, דער קונסט פון שרייבן און ריידן, וועגן עלעקטריע אאַז״וו, ביאָגראַ־פיעס, למשל, פון ר' שלמה מולכו, גר צדק (1865), פון ר' מרדכי מייזיל — לויט Galerie der Sipurim (1866, 12), פון מ. יאָסט (26), פון מנשה בן ישראל (28), אברבנאל אאַז״וו. האָט אויך געדרוקט קאָרעספּאָנדענצן אין „המליץ״ (למשל, פון דאָרף וואָיטאָוועץ, פּאָדאָליע — 1871, 25).

קאָהען (כהן) יעקב — האָט רע־דאַקטירט איינע פון די ערשטע יידישע צייטשריפטן אין אַמעריקע, „אידישע נייעס״, וואָס איז אַרויס וועכנטלעך אין נ״י, 1871, אין ענגליש, דייטש, העב־רעיש און יידיש.

קאַוואַ שלמה־לייב (1889 —) פּס״נ פון משה־יוסף דיקשטיין. געב' אין קאָצק, שעדלעצער געגנט. זיין פאָטער, שלמה־לייב, אַן אייניקל פון לייזער סוכאָוואָליער, איינעם פון די רייכסטע יידן אין

פוילן, אַ אָנגעזע־ענער באַלעבאָס אין שטאָט און אַ גרויסער מקורב פון דעם ביאַלער רבין ר' יעקב־יצחק, איז יונג געשטאָרבן און אַ פאָר יאָר נאָך זיין טויט, ווען ק' איז געווען אַ יאָר זיבן, האָט זיך די מוטער מיט די קינדער באַזעצט אין וואַרשע. אַ קורצע צייט בלויז איז ק' געגאַנגען אין חדר און זיין בילדונג זיך שפּעטער דער־וואָרבן אַלס אַווטאָדידאַקט. נאָך אַלס ייִנגל פון אַ יאָר 14 צונויפגעשטעלט צוויי נומ' פאַר הומאָר און סאַטירע, א״ט „דאָס יידישע וואָכענבלאַט״ און „דער אַשמדאי״, פאַר דעם וואַרשעווער בוכהענדלער דוד סאָוואַ, האָט ער זיין ערשטע בעלעטריסטישע זאַך פאַרעפנט־לעכט אין סאָקאָלאָווס „טעלעגראַף״ 1905, שפּעטער רעדאַקטירט די זמ״ב „ניי־צייט״ („אַרויסגעגעבען דורך אַ קאָלעגיום פון יונגע אידישע שרייבער״, I—II פּ״ג „יוגענד״, III—„פּ״גס־ביוראָ״ פון ב. שי־מין, וואַרשע 1907); וואו אַחוץ י״ל פּרץ, ד. פרישמאַן, אַ. רייזען, הילל צייטלין, בעל־מחשבות, משה טייטש, האָבן זיך

דערהויפּט באַטייליקט די יונגע, ווי מנחם, מ. סטאַווסקי, שלמה גילבערט, יואל מאַסטבוים, ב. לאַפּין, דוד איינהאָרן, יונה ראָזענפעלד, ז. סעגאַלאָוויטש און די אָנפאַנגער נ. אייזען און י. גערשטענמאַן; אין די דאָזיקע זמ"ה האָט ק' אַחוץ סקיצן און שטימונגסבילדער אין פּראָזע און אין פערזן פאַרעפנטלעכט אויך אַ קריטישן אַרטיקל קעגן ש"עס ראָמאַן „דער מבול" א"פ מ. וואַנווילד, אונטער וועלכן פּס"נ ער האָט אויך אַרויסגעגעבן די פלוגשריפט „די יודישע פּרעסע ביי יאַצקאַן=האָכבערג אין די הענד", וועלבע האָט בשעתו געמאַכט אַ רושם און די בראָשור „יודיש" (ביי דע — פ"ג „יוגענד", 1908). 1909 — 12 געווען פערזענלעכער סעקרעטאַר פון י"ל פּרץ, אויך סעקרעטאַר פון זיין „יודישער וואָכענשריפט", אין משך פון די יאָרן 1908—12 פון צייט צו צייט זיך באַטייליקט אין צייטלינס „יודישען וואָכענבלאַט", אין „אונזער לעבען", אויך אין אַנדערע צייטשריפטן און זמ"ב, ווי „די יודישע יוגענד" א"ר פון ד"ר א. מוקדוני, „אייראָפּעאישע ליטעראַטור" א"ר פון א. רייזען, „אונזער זשורנאַל", אין „פריינד" אַ לענגערע צייט כמעט טעגלעך געדרוקט איבערזעצונגען פון קליינע נאָוועלן אויס דער אייראָפּעישער ליטעראַטור, אין „מאָמענט" 1913 פאַרעפנטלעכט א"פ דניאל טעבימאָ אַ פּאַמפלעט „געבוירענע פּלאַגיאַטאָרען", 1916—17 געשריבן אַרטיקלען א"פ צ. ברוידאָ אין „וואַרשאַווער טאַגעבלאַט" (וואו אויך געווען רעדאַקטאָר פון די דעפּעשן) אונטער דער ליטעראַרישער לייטונג פון ה. ד. נאָמבערג און אין וואָכנבלאַט „דאָס פאָלק" א"ר פון ש"י סטופּניצקי, 1918—19 מיטגעאַרבעט אין וואָכנבלאַט „אונזער וועג" א"פ אייקיש, אייב. גידאָ, 1919 געמאַכט אַ פּרווו אַרויסצוגעבן אַ שבת = צייטונג א"ט „לעצטע נייעס" (אַרויס בלויז 2 נומ'), 1920 רעדאַקטירט דאָס זמ"ה „מלוה מלכה / בלעטער פאַר געלעגנהייטס=ליטעראַטור און געלעגנהייטס = גראַפיק", אַרויסגעגעבן פון פאַראיין פון יידישע ליטעראַטן און זשורנאַליסטן אין וואַרשע. אין משך פון 6 יאָר צוגעגרייט „ביי אונז יודען / זאַמעלבוך פאַר פאָלקלאָר און פילאָלאָגיע / רעדאַגירט פון מ. וואַנווילד" (פ"ג פּנחס גראַובאַרד, ז' 222 אין פאָליאָ, מיט בילדער און 15 האָלצשניטן פון שלמה יודאָווין) — איינע פון די וויכטיקסטע אויסגאַבן אויף דעם געביט פון יידישן פאָלקלאָר, אויך מיט אַ ריי מאַטעריאַלן צו דער יידישער פילאָלאָגיע פון י. טריוואַקס (גנבים=, כלי=זמר= און בעל=עגלה=זשאַרגאָן), שמעון שפּיגעל, יהודה עלזעט („אידיאָטיזמען", נח פּרילוצקי און מיט אַן אַריינפיר פון ק' וועגן יידישן פאָלקלאָר. 1915 האָט ק' א"פ ד"ר א. שטיגליץ צונויפגעשטעלט אַ קליינעם „אַליינלעהרער פון דייטש" און בשותפות מיט פישל לאַכאָווער אַ גרעסערן „אַליינלעהרער פון דער דייטשער שפּראַך", געפּלאַנט אויף 18 ה', פון וועלכע עס זיינען אַרויס בלויז 4, בשותפות מיט א"י טריוואַקס געאַרבעט אויף אַ דייטש=יידישן ווערטערבוך, באַרעכנט אויף העכער 60 דרוקבויגן, אַרויס איז אָבער בלויז אַ זעקסטחלק (אַלע 3 אויסגאַבן — פ"ג „אוניאָן" פון ל. פרענקעל, וועלכער איז שפּעטער געוואָרן אַ גרויסער פּריוואַט=פאַרלעגער אין מאָסקווע), זיך אויך באַטייליקט אין דעם „ענציקלאָפּעדישען ווערטערבוך" (זע טריוואַקס), רעדאַקטירט די ערשטע 27 לעקציעס פון ווילהעלם אָסטוואַלדס „שול פון דער כעמיע", איבערז' פון א. ריינהאַרץ און ש. מענ=

דעלסאָן (פ״ג „קולטור־ליגע, 1924), געשריבן אַן אַריינפיר „עסטעטישע פּראָבלעמען״ צו טרונקס אָפּהאַנדלונג „דאָריאַן גריי״ און אויך אַ הקדמה צו טרונקס גרויסן ווערק „אידעאַליזם און נאַטוראַליזם אין דער יידישער ליטעראַ־טור״ (פ״ג פ. גראובאַרד, 1927). פון זיינע אַנדערע אַרבעטן זיינען אין בוכפאָרם אַרויס: לודוויג יאַקובאָווסקיס ראָמאַן „ווערטהער דער יוד״ (פ״ג ב. שימין, 1913, ז׳ 320, מיט אַ ביאָגראַפיע פון מחבר און אַ קריטישן אַרטיקל איבער אים פון געאָרג בראַנדעס); „אַ קלאַסי־קער פון דער יידישער ליטעראַטור (אַ שטיקעל אָבשאַצונג פון שלום־עליכמ׳ס ליטעראַרישער טעטיגקייט)״ (פ״ג לאַזאַר קאַהאַן, לאָדז, 1918, ז׳ 36); „פסיידאָ־קונסט און פסיידאָ־קריטיק״ — וועגן ש. אַנ—סקיס „דיבוק״ און דעם רעזשיסער פון דער פיעסע דוד הערמאַן (1921); פון זיינע נאָך ניט פאַרעפנטלעכטע, דערהויפּט — געפלאַנטע ווערק איז צו פאַרצייכענען: „די פילאָסאָפיע פון דער יידישער שפּראַך״; „ערינערונגען פון מיין צוקונפט״; „גאָט, שטראָף די ציוניסטן״; „פראַגן און אויפגאַבן פון דער קריטיק״; „אינטואיטיווע ווירקלעכקייטן״ (נייע טעאָריע פון עסטעטיק); „מיט פאַר־מאַכטע אויגן — מיט אַן אָפן האַרץ״ (אַ זאַמלונג אייגענע סענטענצן און באַטראַכ־טונגען). אין זיין ניט רעגלמעסיקער זשורנאַליסטיש־ליטעראַרישער טעטיקייט זיך אויך באַנוצט מיט די פס״נ: שייקעלץ, ז. אפרת, פ. גאָלדפלאַם, נ. בענע־דיקטוס אפ״א.—געווען אַ געוויסע צייט וויצעפאָר־זיצער פון פאַראיין פון די יידישע ליטעראַטן און זשורנאַליסטן אין וואַרשע, פאָרזיצער פון זיין פּראָפעסי־אָנעלן ראַט, גרינדער פון דעם פ״ג „ליטעראַטור־פאָנד״ ביים פאַראיין, גרינ־דער און אָנפירער פון אַ צענטראַלן פרעסע־ביורא ביים פאַראיין צו באַדינען די יידישע צייטונגען פון דער פּראָווינץ מיט אַרטיקלען (האָט פונקציאָנירט בלויז אַ פאָר חדשים), מיטגרינדער פון דער „יידישער געזעלשאַפט צו פאַרשפּרייטן קונסט״.

י. דן, אין „ביכער־וועלט״, קיעוו, 1919, I, ז׳ 31; ד״ר מ. ווייַנרייך, ib, 1923, VI (וועגן זמ״ב „ביי אונז יודען״).

קאָוואַלסקי יהודה־לייב (1862 — 19/V 1925) געב׳ אין פּאָוואָנזעק, הינטער וואַרשע, אַלס זון פון אַ רב, וואָס האָט געצויגן זיין יחוס פון פינף דורות רבנים. צו 12 יאָר שוין געלערנט

שיעור מיט אַ חברה בחורים אין בית־מדרש אין גראַבאָוו, וואו זיין פאָטער האָט דאַן פאַרנומען דאָס כסה הרבנות, אין אַ יאָר אַרום געווען אַ תלמיד פון באַוואוסטן סאָכאַטשעווער רבין ר׳ אברהמעלע, פאַר זיינע גרויסע פעיִקייטן געשמט א״נ „גראַבאָווער עילוי״, צו 17 יאָר באַקומען סמיכות אויף רבנות, צו 18 יאָר חתונה געהאַט מיט אַ טאָכטער פון אַ לענטשיצער סוחר און אונטער איר השפעה זיך גענומען צו וועלטלעכער בילדונג, אין אַ קורצער צייט אַרום אויס־געהאַלטן דעם עקזאַמען אויף 5 קלאַסן פון אַ רוסישער רעגירונגסגימנאַזיע, צו 23 יאָר געוואָרן אין גראַבאָווע רב, דאָרט געגרינדעט אַ גרויסע ישיבה, זיך אָפּגע־געבן מיטן שטודיום פון פילאָסאָפיע, געשיכטע און דער אייראָפּעיִשער ליטע־ראַטור, געשאַפן אויך אַ ריי געזעלשאַפט־לעכע מוסדים, אַרום 1897 געוואָרן רב

אין כּאָרזשעל בײַ דער פּרײַסישער גרענעץ און אין 2 יאָר אַרום אײַנגעלאַדן געוואָרן אויפֿן כּסא־הרבנות אין וולאָצלאַוועק, וועלכן ער האָט פֿאַרנומען ביז זײַן טויט. בײַם אויפֿקומען פֿון פּאָליטישן ציוניזם איז ק׳ געוואָרן אַ הייסער ציוניסט און אַ לאַנגע צײַט געווען דער איינציקער ציוניסטישער רב אין פּוילן, געשטאַנען אין נאָענטער פֿאַרבינדונג מיטן לידער רב, ר׳ יצחק־יעקב ריינעס, צוזאַמען מיט אים געגרינדעט די מזרחיסטישע פּאַרטיי אין פּוילן און אָרגאַניזירט די ערשטע מזרחיסטישע קאָנפֿערענץ, אַ לאַנגע צײַט געווען פֿאָרזיצער פֿון צ״ק פֿון „מזרחי״ און געשפּילט אַ אָנגעזעענע ראָלע אין די נאַציאָנאַל־אָרטאָדאָקסישע קרייזן פֿון פּוילישן יידנטום, 1922 אויסגעוויילט געוואָרן אויף דער ליסטע פֿון דעם בלאָק פֿון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן אַלס מיטגליד פֿון סענאַט. זײַן זשורנאַליסטישע טעטיקייט האָט ק׳ אָנגעהויבן אין „היום״ 1906 א״ר פֿון צבי פּרילוצקי מיט אַ סעריע אַרטיקלען „לשאלות החדר״ — וועגן רעפֿאָרמירן דעם חדר, דאַן האָט ער אין דוד פֿרישמאַנס „הבקר״ 1909 פֿון 27—29סטן יאַנואַר פֿאַרעפֿנטלעכט איינציקע שאַרפֿע אַרטיקלען קעגן דער אַגרעסיווער ראָלע פֿון די הײַנטיקע רבנים אין יידישן לעבן (אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם רבנים־צוזאַמענפֿאָר אין וואַרשע צו יענער צײַט). זינט דעמאָלט אָן האָט ער אין משך פֿון לאַנגע יאָרן זיך באַטייליקט אין „הצפירה״, „הײַנט״, „מאָמענט״, „המזרחי״ און אין די ארץ־ישראלדיקע צײַטונגען מיט אַרטיקלען אויף אַקטועלע טעמעס, צ״אַ געפֿירט אַ פּאָלעמיק מיט הלל צייטלין און דער „אַגודה״, אַרויסגעטרעטן קעגן דער ענגלישער פּאָליטיק אין א״י אין שייכות מיטן יפֿוער פּאָגראָם אדג״ל, אין „המזרחי״ פֿאַרעפֿנטלעכט אַ גרעסערע פֿילאָסאָפֿישע חקירה „היהדות והיונות״, אין דעם פֿון אים רעדאַקטירטן זמ״ה „נרותינו״ (תרפ״ג)—אַ שטודיע „נר ישראל ואבוקת יון״. איבערגעלאָזט אין כּתב־יד אַחוץ אַ רײ יודאַיִסטישע ווערק אין העברעיִש, אַ בוך רעדעס און דרשות אין יידיש אויף נאַציאָנאַל־פּאָליטישע און רעליגיעז־פֿילאָסאָפֿישע טעמעס, אַ רײ אַרטיקלען וועגן ציוניזם, אַסימילאַציע און פֿילאָסאָפֿישע באַטראַכטונגען, אַ ב׳ אַפֿאָריזמען אין יידיש און העברעיִש. אַן אויסגעצייכנטער העברעיִשער סטיליסט און פֿליסיקער רעדנער אין העברעיִש, פֿלעגט ער דאָך פֿיינט האָבן אויף עפֿנטלעכע פֿאַרזאַמלונגען צו מאַכן העברעיִסטישע דעמאָנסטראַציעס און קאָקעטירן מיט העברעיִשע רעדעס, און אַפֿילו אויף דעם פֿײַערלעכן קבלת־פּנים לכבוד אים בשעת זײַן באַזוך אין א״י האָט ער געהאַלטן זײַן רעדע אין יידיש, אָנווייזנדיק, אַז אין אַ מאָמענט, ווען זײַן האַרץ איז איבערפֿולט פֿון געפֿילן, קען ער ניט זײַן קינסטלעך און מוז ריידן אין זײַן נאַטירלעכער שפּראַך; די דאָזיקע ערקלערונג האָט אַרויסגערופֿן אַ שטורעם פֿון פּראָטעסטן אַפֿילו מצד זײַנע וואַרעמסטע אָנהענגער, וועלכע האָבן דורכאויס געפֿאָדערט, ער זאָל ריידן העברעיִש; ער איז אָבער געבליבן פֿעסט בײַ זײַן באַשלוס און זײַן רעדע אויף דעם אָוונט אינגאַנצן ניט פֿאַרענדיקט.

נעקראָלאָגן אין דער יידישער פּרעסע; „ליטעראַרישע בלעטער״; „וולאָצלאַווקער וואָכנבלאַט״, 1926, 21—ספּעציעלער נומער צו ק׳ס יאָרצײַט; יצחק גור אריה, „יהודה ליב קובלסקי ז״ל״ (פּ״ג „כּנסת״, ירושלים, 1927, מיט אַן אַרײַנפֿיר פֿון ר׳ בנימין).

קאָוואַלעק פּיליפּ — האָט פּאַרעפנט־
לעכט אַ ביכל שירים א״ט „הנבל / דיא
לייער״ אין יידיש מיט אַ פּאַראַלעלער
העברעישער איבערזעצונג, „פּערפאַסט
אין דיא יאָהרען 1879 — 1880״ (דרוקעריי
פּיליפּ קאָוואַלעק, הוסיאַטין 1908, ז״ז
85), מיט אַ פאָרוואָרט און נאָכוואָרט בלויז
אין יידיש. דאָס ביכל איז געשריבן אונ־
טער דער ווירקונג פון דער משׂכּיליש־
בדחניש־פאָלקסזינגערישער פּאָעזיע פון
אַ זבאַרזשער אדג״ל (פאַרהאַן אַ פּ״לו ביי
אים אַ ליד „די האָפענונג״, האַלב פּלאַ־
גיִירט פון מיכל גאָרדאָן), מיט פּרעטענזיעס
אויף הומאָר, למשל, אין דער פּאָלעמיק
מיט פּרץ סמאָלענסקינס מיינונג וועגן
יידיש.

קאָוואַרסקי הערץ (7/V 1869 —
) געב' אין סוּוענציאַן, ווילנער
געגנט. 1889 געענדיקט מיט אַ מעדאַיל
די גימנאַזיע אין ריגע, 1894—דעם מעדי־
צינישן פאַקולטעט
פון דערפּטער
אוניווערסיטעט,

געאַרבעט אין
פּט״ב אין קינ־
דערשפּיטאַלן און
אין מאָסקווע—אין
כעמיש־באַקטע־
ריאָלאָגישן אינ־
סטיטוט פון בלומענטאַל, זינט 1898 אין
ווילנע, וואו ער איז טעטיק אַלס ספּע־
ציאַליסט פאַר קינדערקראַנקהייטן. זיין
געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט האָט ק' אָנ־
געהויבן אין ווילנער וואוילטעטיקע אַנ־
שטאַלטן, דערהויפּט דערציערישע, אַלס
מיטגליד פון דער ציוניסטישער אָרגאַני־
זאַציע (פון וועלכער באַלד אַרויסגע־
טרעטן)—געהאַלטן אַ ריי רעפעראַטן אויף
רוסיש, פון וועלכע אייניקע זיינען אָפּ־
געדרוקט געוואָרן („די פיזישע דערציִונג
פון יידן אַמאָל און איצט״, „ניצשע וועגן
יידן״ א״א—אין רוסיש); אָרגאַניזירט אין
ווילנע צום ערשטן מאָל פּאָפּולער־מעדי־
צינישע פאָרטראָגן און זינט 1901 פאָר־
טראָגן פאַר די ברייטע שיכטן פון דער
יידישער באַפעלקערונג אויף פאַרשיידענע
טעמעס, ליטעראַרישע, היסטאָרישע אאז״וו.
זיך באַטייליקט אין דער רוסיש־יאַפּאַני־
שער מלחמה, פון וועלכער קאָרעספּאָנדירט
אין די ווילנער רוסישע צייטונגען, נאָך
פריער מיטגעאַרבעט אין Сѣверо-Запад-
ное Слово און אין אַ ריי פּאָפּולער־
מעדיצינישע זשורנאַלן, אַרויסגעגעבן אויך
אייניקע בראָשורן אין רוסיש (וועגן דער
דערציִונג פון קינד ביז 3 יאָר, וועגן
אינפעקציאָנעלע קראַנקהייטן א״א). ניט
באַפרידיקט פון דער פילאַנטראָפּישער
אַרבעט, האָט ער שפּעטער אָרגאַניזירט
אין ווילנע די „געזעלשאַפט פאַר קינדער־
פאַרזאָרגונג״ מיט אַ ברייטן קולטורעלן
כאַראַקטער, וועלכע האָט געעפנט אַ מאָ־
דערנע שול פאַר מיידלעך (איצט איינע
פון די בעסטע און גרעסטע יידיש־וועלט־
לעכע שולן א״נ פון ש. פרוג), אָרגאַני־
זירט אַ „סעקציע פאַר פיזישער דערציִונג״
(ביסלעכווייז אויסגעוואַקסן אין אַ זעלב־
שטענדיקער געזעלשאַפט „יידישער טורן־
און ספּאָרט־פאַראיין „מכבי״, מיט דער
יידישער קאָמאַנדע־שפּראַך), אַרויסגעגעבן
אַ 5—6 ביכלעך אויף יידיש, געעפנט אַ
קינדער־ביבליאָטעק א״נ פון לאַנדוי (איצט
די יידישע קינדער־ביבליאָטעק פון יידישן
„צענטראַלן בילדונגס־קאָמיטעט״—צב״ק),
אַראַנזשירט פאָרלעזונגען מיט צויבער־
בילדער און קינאָ פאַר קינדער אויף
יידיש און פאַר דערוואַקסענע אויף רוסיש
אאז״וו. נאָך דער וועלט־מלחמה, אין
וועלכער ק' האָט זיך באַטייליקט אַלס
מיליטערישער אַרצט און זיך דערדינט
ביזן ראַנג פּאָלקאָווניק, צוריקגעקומען קיין

ווילנע, אויסגעוויילט פון דער פאָלקס-פּאַרטיי אין דער ערשטער יידישער דעמאָקראַטישער קהילה (1918), בשעת דער ראַטנמאַכט אין ווילנע 1919 צוזאַמען מיט א. חפץ (זע) אָרגאַניזירט דעם רוסלענדישן „רויטן קרייץ" פאַר ליטע און אַנטוויקלט אַ גרויסע מעדיציניש-סאַניטאַרע אַרבעט. נאָך ש. ניגערס אַוועקפאָר אויסגעוויילט געוואָרן אַלס פּאָרזיצער פון צבי"ק און זינט דאַן געווען זייער אַקטיוו אין דער אַרבעט פאַר דעם יידיש-וועלטלעכן שולוועזן, זינט 1925 ערן-פּאָרזיצער פון צבי"ק. אַרבעט אויפן געביט פון פּסיכאָלאָגיע און פּעדאַגאָגיק, צ"אַ פאַרעפנטלעכט אַ גרעסערע אַרבעט „דעפעקטיווע קינדער" (אין דער „נייער שול", 1920), לעצטנס אַלס איינער פון די הויפּט-טוער פון דעם יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט — אָנפירער פון זיין פּסיכאָלאָגיש-פּעדאַגאָגישער סעקציע צוזאַמען מיט א. גאָלאָמב. גרייט צו אַ בוך וועגן דער מאָניסטישער פּסיכאָלאָגיע, אויף וועלכער טעמע אויך געהאַלטן אַ ציקל פאָרלעזונגען פאַר די יידישע לערער אין ווילנע.

„שול-פּנקס / פינף יאָר אַרבעט פון צענטראַלן בילדונגס-קאָמיטעט / 1919—1924" (אַרויסגעגעבן פון צבי"ק, ווילנע, 1924, ז' 391).

קאַוועצקי שמואל (אַרום 1885—) געב' אין ווינקאָוויטש, פּאָדאָליע. געלערנט ביים ברודער, דעם יאַמפּאָלער רב ר' יחיאל ק', גלייכצייטיק אויך געזונגען סאָפּראַנאָ ביים שטאָטישן חזן. שפּעטער איז ער געווען כאָר-דיריגענט אין טאַרנאָפּאָל, חזן אין דראָהאָביטש און דאַן ווידער אין טאַרנאָפּאָל, אַ געוויסע צייט שטודירט מוזיק אין ווין, 1913 געקומען קיין אַמעריקע און איז חזן אין נ"י. צוזאַמען מיט דעם חזן און קאָמפּאָזיטאָר יהושע ווייסער האָט ק' אַרויסגעגעבן אַ זאַמלונג חזנישע ניגונים א"ט „שירה חדשה" און אַ לידער-זאַמלונג א"ט „דער לידער-קראַנץ".

„די געשיכטע פון חזנות", ז' 180.

קאָזאַקעוויטש הענעך (1883—) געב' אין דאָרף יעלאָווקע, סוראַזשער קרייז, טשערניגאָווער גוב', אַלס זון פון אַן אָרעמען ערדאַרבעטער.

צו 9 יאָר אַוועק אין דער ישיבה, פריער אין קראַסנאָפּאָליע, דערנאָך אין וועטקע, געשמט פאַר אַן עילוי, אין וועטקע זיך באַקענט מיט אורי-ניסן גנעסין און י"ח ברענער, צו 12 יאָר פאַרלאָזט די ישיבה אַ „מלא וגדוש", אַרויס „לתרבות רעה", זיך גענומען צו וועלטלעכע למודים, צו 15 יאָר געוואָרן לערער אויף ישובים, 1903 אין נאָוואָזיבקאָוו זיך באַקענט מיט דער אַרבעטער-באַוועגונג, געוואָרן אַ מיטגליד פון דער ס"ס-פּאַרטיי, געהאַט אויסצושטיין רדיפות פון דער פּאָליציי, 1908 אַרעסטירט געוואָרן אין קיעוו און געמוזט פאַרלאָזן די שטאָט. 1910 אָנגעקומען אויף די גראָדנער פּעדאַגאָגישע קורסן, וועלכע געענדיקט 1912, זינט דאַן געווען אַ לערער אין פאָלקסשולן ביז 1918, ווען זיך אינגאַנצן אָפּגעגעבן דער זשורנאַליסטיק. האָט רעדאַקטירט דעם אָרגאַן פון די „פאַראייניקטע" אין קאַטערינאָסלאַוו „דער קעמפער", 1918 (אין וועלכער צייטשריפט עס האָט אַגב דעביוטירט פּרץ מאַרקיש), נאָך דער שפּאַלטונג פון די „פאַראייניקטע" און פון „בונד" און נאָך דער גרינדונג פון „קאָמפאַרבאַנד" געווען אַ מיטגליד פון צ"ק צוזאַמען מיט מ. ראַפּעסן, י. נאָוואַקאָווסקין, מ. לעוויטאַנען א"אַ,

1919 געווען אַ שטענדיקער מיטאַרבע=
טער פון דער „קאָמוניסטישער פאָן"
א"פ ה. העניס, ה. פרייער, א"אַ, 1920
אין האָמעל צוזאַמען מיט ליבערטע רע=
דאַקטירט „דעם האָרעפּאַשניק", דאַן
געווען רעדאַקטאָר פון „קאָמוניסטישן
וועג", דער יידישער אויסגאַבע פון
„רוסטאַ", 1921 ווידער אין קיעוו רע=
דאַקטאָר פון דער „קאָמוניסטישער פאָן",
זינט 1924 אין כאַרקאָוו, געווען דער
ערשטער רעדאַקטאָר פון דעם חודש=
זשורנאַל „די רויטע וועלט" און איז
אויך איצט מיטגליד פון זיין רעדאַק=
ציאָנעלער קאָלעגיע, 1925 רעדאַקטירט
דאָס טאָגבלאַט „דער שטערן", לעצטנס
רעדאַקטאָר פון דעם ייִדסעקטאָר ביים
„צענטראַלן פאַרלאַג פאַר די פעלקער
פון פסס"ר". האָט איבערגעזעצט אַ גאַנ=
צע ריי ביכער אויף יידיש, ווי די
3בענדיקע „באַטורוויסנשאַפט" פון קאָ=
פעלקין און ציגער, פרידריך ענגעלסנס
„אָפּשטאַם פון פאַמיליע", גאָריעווס „פון
טאָמאַס מאָר ביז לענין" אפ"אַ. אין
זשורנאַל „די יידיש שפּראַך" פון דער
קאַטעדרע ביי דער אוקראַיִנישער אַקאַ=
דעמיע א"ר פון נ. שטיף פאַרעפנטלעכט
אַן אַרבעט „נאָמענקלאַטור פון פייגלען".

קאַזדאַן חיים=שלמה (פסח 1883 —
) געב' אין כערסאָן. זיין
פאָטער שמשון איז געווען אַ מלמד.
האָט געלערנט אין חדר, ביי העברעישע
לערער, געווען אַן עקסטערן. זיין טע=
טיקייט אַלס פּעדאַגאָג אָנגעהויבן 1902—
3 אין אַ פּראָפעסיאָנעלער מיידלשול, דאַן
איייניקע יאָר געווען אַ אָנגעזעענער טוער
אין דער אַרבעטער=באַוועגונג, צוערשט
אין דער רסדאַ"פ און דערנאָך אין „בונד",
זינט 1908 אָן הפסקות זיך פאַרנומען מיט
שול=אַרבעט, אין די ת"ת פון כערסאָן, פון
ניקאָלאַיעוו, אין דער האָלטער פרויענשול,
אין מאַריופּאָלער שול=היים פאַר קינדער
פון היימלאָזע א"אַ. גלייכצייטיק זיך
אויך אָפּגעגעבן מיט געזעלשאַפטלעכער
אַרבעט, בשעת דער רעוואָלוציע 1917
געשטאַנען בראש

פון דער אַלגע=
מיינער באַוועגונג
אין כערסאָן, גע=
ווען געהילף פון
שטאָט = פּרעזי =
דענט, פון דער
צווייטער העלפט
1918 געווען סעק=
רעטאַר און שפּעטער מיטגליד פון אויס=
פיר=ביוראָ און צ"ק פון דער קולטור=ליגע
אין קיעוו, סוף 1920 געקומען קיין פוילן,
וואו ער איז טעטיק אַלס אָנפירער פון
דעם פּעדאַגאָגישן אַמט ביי דער ציש"אָ
(צענטראַלע יידישע שול=אָרגאַניזאַציע).—
זיין ליטעראַרישע טעטיקייט האָט ק'
אָנגעהויבן אין דער בונדישער „האָפ=
נונג" 1906 מיט אַן אַרטיקל וועגן דער
ענגלישער אַרבעטער=באַוועגונג און מיט
בראָשורן וועגן דער שטאָטישער און
זעמסטווישער זעלבסטפאַרוואַלטונג פאַרן
פ"ג „די וועלט", וועלכע זיינען צוליב
אויסערלעכע סיבות נית פאַרעפנטלעכט
געוואָרן. 1908 מיטגעאַרבעט אין קאַדע=
טישע צייטונגען אין כערסאָן און אַרום
1910 געווען מיטרעדאַקטאָר פון Нико-
лаевскіе Отклики, געשריבן דאָרט אויך
א"פ י. דאַווידאָוו. זינט 1911 איז זיין
ליטעראַרישע טעטיקייט געווען דערהויפּט
פאַרבונדן מיט זיין פּעדאַגאָגישער אַרבעט.
ער איז געווען אַ שטענדיקער מיטאַרבע=
טער פון דעם חודש=זשורנאַל פון דער
„חברה מפיצי השכלה" Вѣстникъ Еврей-
скаго Просвѣщенія, וואו 1911 — 1917
פאַרעפנטלעכט אַ ריי אַרטיקלען וועגן
שול=פראַגן, קינדער=ליטעראַטור, רעצענ=

זיעס, אויך א״פ ס. קאַן, ח. ש. ק., ס. ק.,
גלייכצייטיק אויך געשריבן אין „דער
יודישער וועלט״ די אַרטיקלען „צו
דער כאַראַקטעריסטיק פון דעם יודישען
פאָלקס=לערער״ און „צו די אויפגאַבען
פון דער חברה מפיצי השכלה״. 1913
מיט דער הילף פון זיין חבר ש. באָנ=
דאַרטשוק אָפגעדרוקט אין אָדעס „אַ
בריף צו יידישע עלטערן״ אַלס אָנהייב
פון אַ גאַנצער סעריע בראָשורן אויף
פעדאַגאָגישע טעמעס, אָבער דער שאַר=
פער טאָן פון דער בראָשור, קעגן די
אַסימילאַטאָרישע טענדענצן פון די רע=
פאָרמירטע ת״ת און מיידלשולן, דער
הנהגה פון די „פּאָפּעטשיטעלעס״ אאַז״וו,
האָט ניט נושא=חן געווען ביי דעם
יידישן צענזאָר אין אָדעס, דעם געוויסן
ליפשיץ, וועלכער האָט די גאַנצע אויס=
גאַבע געלאָזט קאָנפיסקירן. אַלס מיט=
גליד פון דער רעדאַקציע פון דעם
ערשטן יידישן פעדאַגאָגישן זשורנאַל
„שול און לעבן״ (אַרויסגעגעבן אין קיעוו
1918 — 20, צוערשט אַלס „אָרגאַן פון
יידישן דעמאָקראַטישן לערער=פאַרבאַנד״
און שפּעטער פון דער בילדונגס=סעקציע
ביי דער קולטור=ליגע), האָט ער דאָרט,
אַחוץ אַ ריי אַרטיקלען און רעצענזיעס,
פאַרעפנטלעכט איינע פון זיינע וויכטיק=
סטע אַרבעטן „וועגן דעם לימוד פון
יידיש״ — דער ערשטער ערנסטער פּרוּוו
אויפצובויען אַ מעטאָדיק פון דער יידי=
שער שפּראַך און ליטעראַטור. גלייכ=
צייטיק געווען אַ שטענדיקער מיטאַרבע=
טער פון דער „ביכער=וועלט״ אין קיעוו,
וואו געשריבן אַ גאַנצע ריי רעצענזיעס
און קריטיש = ביבליאָגראַפישע נאָטיצן,
דערהויפּט וועגן דער יידישער קינדער=
ליטעראַטור. זינט זיין באַזעצן זיך אין
וואַרשע זיך באַטייליקט אין „פאָלקס=
צייטונג״ (צ״אַ אַ סעריע פון ביין „בריוו
וועגן ערציהונג״, איבערגעדרוקט אין
„פאָרווערטס״, „נייע וועלט״ און „דעם
וועג״), „אַרבייטער=לוח״ 1922 (וועגן די
אויפגאַבן און אינהאַלט פון דער נייער
יידישער שול), „די וואָך״, „ליט' בלע=
טער״, דעם בונדישן חודש=זשורנאַל „אונ=
זער צייט״ 1927—28 („קינסטלער׳שע פאָר=
מען און פאָלקס=שפּראַך״, „צו מענדע=
לעס צענטן יאָרצייט״, „דער וועג פון
ה. ד. נאָמבערג אַלס קינסטלער״, „סאָ=
ציאַלע מאָטיוון אין שלום אַשס ווערק״).
מיטאַרבעטער און מיטרעדאַקטאָר פון
די אָרגאַנען פון דער ציש״אָ „שול און
לעבן״ און „די נייע שול״, וואו צ״אַ פאַר=
עפנטלעכט די אָפּהאַנדלונג „דאָס פּראָ=
בלעם פון אונזער קינדערליטעראַטור״.
אַלס אָנפירער פון דעם פעדאַגאָגישן
אַמט ביי דער ציש״אָ פאַרפאַסט אַ גאַנצע
ריי פלוגבלעטער און בראָשורן, צ״אַ „אַ
שול אויף יידיש אָדער אויף פויליש. / צו
די עלטערן פון קינדער אין פאָוושעכנע
שולן״ (וואַרשע, 1926, ז' 21), „פּראָ=
גראַם פון יידיש=לימוד אין דער 7=קלאַ=
סיקער פאָלקסשול״, וועלכע איז אויף
דער לערער=קאָנפערענץ 1926 אָנגענומען
געוואָרן אַלס יסוד פאַר דער פּראָגראַם
פון די ציש״אָ=שולן און אַרויסגעגעבן
געוואָרן פון דער ציש״אָ. האָט אַרויס=
געגעבן דריי זאַמלונגען פון דער יידי=
שער קלאַסישער ליטעראַטור אין דער
פאָרם פון אַ באַוועגלעכער כרעסטאָמאַ=
טיע א״ט „פאַר שול און היים״ — פאַר
עלטערע קלאַסן (קיעוו, 1919 ; איבער=
דרוק אין ביאַליסטאָק און וואַרשע), אויך
געמאַכט אַ פּרוּוו פון אַ באַוועגלעכער
כרעסטאָמאַטיע פאַר קלענערע קינדער,
פון וועלכער עס איז אַרויס בלויז איין
זאַמלונג א״ט „מעשהלעך״ (קיעוו, 1919) ;
צוזאַמען מיט יעקב פאַט פאַרפאַסט אַ
לערנבוך פאַרן 2טן און 3טן לערניאָר

„מיין יידיש בוך" (פ"ג „קולטור=ליגע", וואַרשע, 1926). אַלס מיטגליד פון דער רעדאַקציע פון פ"ג „קולטור=ליגע" אין וואַרשע, רעדאַקטירט ער צוזאַמען מיט ד"ר מ. זילבערפאַרב און יוסף לעשטשינסקי די אָנהייב 1928 באַנייטע „ביכער=וועלט". באַטייליקט זיך אויך אין דער איבערזעצונג פון ש. דובנאָווס 10=בענדיקער געשיכטע אויף יידיש. — איינער פון די וויכטיקסטע אָנפירער פון דער יידישער שול=באַוועגונג, האָט ק' באַזונדערס גרויסע פאַרדינסטן פאַר דעם לימוד פון יידיש אין דער שול, וועלכן ער האָט אגב פון צייט צו צייט אַליין געפירט אויך פראַקטיש. 1926 באַזוכט דייטשלאַנד, וואו שטודירט די וועלטלעכע און „געמיינשאַפטלעכע" שולן אין בערלין און האַמבורג (פאַרעפנטלעכט וועגן דעם אַ ריי אַרטיקלען אין „פאָלקסצייטונג" און אין א. ליטוואַקס „בלעטער"). פון זיינע אַלגעמיין ליטעראַרישע אַרבעטן איז צו פאַרצייכענען זיין בוך „אין די טעג פון רעוואָלוציע / 1917 — 18 אין איינער אַ שטאָט" (פ"ג ח. בושאַזא, 1928, ז' 111).

קאַזיניץ שמואל=יצחק (III/ 1891—) געב' אין טשאַשניקי, וויטעבסקער גוב', אַלס זון פון אַ אָנגעשטעלטן ביי געהילץ. צו 9 יאָר אַריבערגעפאָרן מיט די עלטערן קיין ריגע. פון 6 יאָר ביז 15 געלערנט אין חדר, גלייכצייטיק אויך באַזוכט אַן אַלגעמיינע שול, דאַן געוואָרן אַ זעצער. 1910—14 געדינט אין גראָדנע אין אינפאַנטעריע, נאָכן אויסבראָך פון דער וועלט=מלחמה ווידער מאָביליזירט געוואָרן, 5 חדשים געדינט אין אירקוטסק, 7 חדשים אין אָמסק, לויט דעם געהיימען באַפעל פון ניקאָלאַי ניקאָלאַיעוויטש צו שיקן אַלע יידישע סאָלדאַטן אויפן פראָנט — אין אַ ספעציעל פאָרמירטן יידישן עשעלאָן אָפגעשיקט געוואָרן אויפן מלחמה=פלאַץ, אויפן וועג דעזערטירט און אַנטלאָפן קיין ריגע, זיך צוריק געמאָלדן אין דער אַרמיי נאָך דער רעוואָלוציע, געדינט אין קאַזאַן אין דער אַרטילעריע, נאָך דער אָקטאָבער=רעוואָלוציע אַוועק אויפן פראָנט און אַריינגעפאַלן אין געפאַנגענשאַפט צו די דייטשן ביי פסקאָוו, באַלד אַנטלאָפן קיין ריגע, נאָכן פאַרנעמען די שטאָט דורך די באָלשעוויקעס אַריין אין דער רויטער אַרמיי, אַריינגעפאַלן אין געפאַנגענשאַפט צו די „ווייסע" און על=פי נס ניצול געוואָרן פון טויט, סוף 1921 פאַרלאָזט ריגע, וואו ער איז געווען אין „בונד" און זיך באַטייליקט אין זיינע אויסגאַבן, און אַוועק קיין נ"י. האָט אַרויסגעגעבן אין בוכפאָרם: „אַפן טייך. / אַ דראַמע אין 5 אַקטן" — אויס דעם לעבן פון פליטנטרייבער און „יאַקערשטשיקעס" (ריגע, 1921, ז' 56) און „צווישן וועלטן / דראַמען" (אַרויסגעגעבן פון דער גרופע „נאָענטע", נ"י, 1925, ז' 122), איינע פון זיי — „איינ'ם ליכט פון באַגינען" — שילדערט דעם ריס צווישן עלטערן און קינדער בשעת דער סאָוועטישער רעוואָלוציע, די צווייטע — „אין די זאַמדן" (טראַגעדיע אין 5 אַקטן"), — באַהאַנדלט די פראָבלעם פון פירער און מאַסן אין אויפשטאַנד אויפן פאָן פון די ביבלישע דערציילונגען וועגן די יידן אין דער מדבר. דער קינסטלערישער און אויך סצענישער ווערט פון ק'ס דראַמען איז אָבער זייער אַ קליינער.

מ. אַלגין, „נייע דראַמען", אין „האַמער", 1926, I; ק. מרמר, אין „פרייהייט".

קאַטיק אברהם=הערש (ג' אלול 1867 אָדער 68 —) געב' אין קאַמעניץ=ליטאָווסק, גראָדנער געגנט, אַ זון פון יחזקאל ק'. ביז 8 יאָר דערצויגן

געוואָרן אין פאַרשיידענע ישובים פון גראָדנער געגנט, געלערנט פון פיר יאָר אָן ביי מלמדים, וואָס מ'האָט אויסגעשריבן פון שטעטל, דאַן מיט די עלטערן



אַריבערגעפאָרן קיין קיעוו, אין אַ יאָר אַרום פאַרענדיקט זיין חדר־בילדונג, צוויי יאָר באַזוכט אַ רוסישע שטאָט־שול, 1881 אַריין אין אַ רעגירונגס־גימנאַזיע אין וואַרשע, אָבער 1886 אויסגעשלאָסן געוואָרן פאַר רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט און ערשט אין יאָרן אַרום (1898) פאַרענדיקט זיין בילדונג אין וואַרשעווער אוניווערסיטעט אַלס פּראָוויזאָר. פון דער יוגנט אָן זיך באַטייליקט אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג און, פירנדיק די פּראָפּאַגאַנדיסטישע און אויפקלערערישע אַרבעט אויף רוסיש, זיך אָנגעשטויסן אויף דעם פאַקט, וואָס די יידישע אַרבעטער פאַרשטייען ניט קיין רוסיש, און געקומען צום געדאַנק וועגן דער נויטווענדיקייט צו שאַפן אַ פּאָפּולער־וויסנשאַפטלעכע ליטעראַטור אין יידיש, זיך וועגן דעם אגב צונויפגעשריבן מיט דער באַוואוסטער רוסישער קולטור־טוערין און רעוואָלוציאָנערין קאַלמיקאָווא אין פּט"ב, וועלכע האָט אים אויפגעמונטערט צו דעם פּלאַן, זיך צוליב דעם ענין אויך געפּרוווט דורך איזאַבעללאַ פאַרבינדן מיט פּרצן, וועלכער האָט דאַן אָרגאַניזירט „די יודישע ביבליאָטעק", אָבער ערשט אין 1894 איז אים געלונגען עס צו פאַרווירקלעכן און צוזאַמען מיט א. ברעסלערן האָט ער אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן אַ סעריע „וויסענשאַפטליכע פאָלקס־ביכער", דאָס ערשטע פון וועלכע עס איז געווען „ווי אַזוי האָבן מענשען געלעבט מיט אייניגע טויזענט יאָהר צוריק". צום זעקסטן ביכל (1896) איז צוגעגעבן געוואָרן אַ מוסטער־קאַטאַלאָג פון יידישע ביכער — די ערשטע פּראָבע פון דעם מין אין דער יידישער ליטעראַטור. די טענדענץ פון דעם פאַרלאַג האָט כאַראַקטעריזירט דאָס ביכל „אַרבייט און קאַפּיטאַל". הגם די שפּראַך און די גאַנצע באַאַרבעטונג פון די ביכלעך איז געווען שטאַרק ניט געלונגען, דאָך האָט די אויסגאַבע געשפּילט אַ געוויסע ראָלע אין די יאָרן פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג פון פאַרן „בונד" און די ערשטע צייט נאָך זיין גרינדונג. נאָך אַ הפסקה פון עטלעכע יאָר האָט ק' 1900 באַנייט זיין פאַרלעגערישע טעטיקייט אין ביאַליסטאָק, וואו ער איז זינט 1892 געווען באַשעפטיקט אַלס לערער, און געגרינדעט דעם פ"ג „פאָלקסבילדונג", וואו ס'האָבן געאַרבעט אַלס סעקרעטאַרן א. רייזען און דערנאָך י. ח. ברענער און וועלכער האָט אַרויסגעגעבן צ"אַ נ. רובאַקינס „דער זיידע צייט", ש"ע'ס „אַ מעשה אָהן אַנ'עק", באָגדאַנאָווס „פּאָליטישע עקאָנאָמיע", דוד פינסקיס „דראַבקין" „און ערב יום־כיפור". דער פ"ג האָט אויך אַרויסגעגעבן אַ מוסטער־קאַטאַלאָג און עצות פאַר ביבליאָטעקן — די ערשטע פּראָבע אויף דעם געביט אין יידיש. אויפן סמך פון אַן אַנקעטע וועגן די לעזער פון יידישע ביכער האָט ק' דאַן אויך אָנגעשריבן אַן אַרטיקל „די זשאַרגאָנישע ליטעראַטור און אירע לעזער" אין דעם יאָרבוך Евр. Ежегодникъ, פּט"ב, 1903, וואָס איז אַרויס טיילווייז א"ר פון ק'. 1904 האָט ק' זיך באַזעצט אין מינסק, וואו ער האָט געשאַפן אַ יידישיסטישן קרייז, איינעם פון די

ערשטע, וועלכער האָט זיך געזאָלט
פאַרנעמען מיט צונויפשטעלן אַ יידישע
גראַמאַטיק, יידישע לערנביכער אאַז"וו.
צו דעם קרייז האָבן צ"אַ געהערט דוד
קאַסעל, שרה רייזען, יוסף ציפּקין (שפּע=
טער פון דער יידישער דראַמאַטישער
געזלשאַפט אין ווילנע), זלמן רייזען,
וועלכער האָט דאַן געאַרבעט ביי ק'ן אַלס
סעקרעטאַר ביי זיינע איבערזעצערי=
שע אַרבעטן פאַרן רוסישן פּ"ג „Лучъ"
אין פּט"ב, אין וועלכן ק' האָט צ"אַ
פאַרעפנטלעכט אַ ביכל וועגן דער פּאַרי=
זער קאָמונע, וואָס איז קאָנפיסקירט גע=
וואָרן און ערשט נאָך דער אָקטאָבער=
רעוואָלוציע ווידער אַרויסגעגעבן געוואָרן
פון צ"ק פון דער קאָמפּאַרטיי 1918, אויך
פון מלוכה=פ"ג אין מאָסקווע א"אַ. פאַר
זיינע באַציִונגען צום „בונד" — יולי
1905 אין מינסק אַרעסטירט געוואָרן
און, אַרויס פריי בעת די אָקטאָבער=
געשעענישן, האָט ער שפּעטער געלעבט
אין ביאַליסטאָק און וואַרשע, 1906 גע=
לייענט וועגן דער יידישער ליטעראַטור
אויף די וואַרשעווער יידישע אָוונטקורסן,
1912—13 געווען פאַקטישער רעדאַקטאָר
פון דער וועכנטלעכער ביילאַגע צום
„היינט" — „דער הויזדאָקטאָר", דאַן
אַרויסגעגעבן אַ אילוסטרירט וואָכנבלאַט
„האַנדעל און מלאכה" (אַרויס בלויז
2 נומ' 1913). אַרום 1914 געגרינדעט אַ
ויסנשאַפטלעך אונטערריכטסביוראָ אויף
אַרויסצוגעבן אַ סעריע לערנביכער אין
יידיש, באַגלייט מיט אונטערריכט דורך
בריוו (אַרויס בלויז דער פּראָספּעקט און
אַ פּאָר העפטן), בשעת דער וועלט=מלחמה
מיט ז פאַמיליע פון 8 פּערזאָן געמוזט
בייטן 5 שטעט, אַלס פאָרשטייער פון
דער צייטונג Русскія Вѣдомости באַ=
דינט גאַנץ רוסלאַנד, נאָך דער רעוואָ=
לוציע געלעבט אין יאַראָסלאַוו, וואו

געווען פאַרוואַלטער פון דער פאַר=
לאַגס=אָפּטיילונג פון דעם פאַרבאַנד פון
די קאָאָפּעראַטיוון און רעדאַקטירט זיין
אָרגאַן, דאָרט אויך געווען טעטיק אויפן
יידישן קולטור=געזעלשאַפטלעכן געביט
אַלס פאָרזיצער פון יאַראָסלאַווער גראַ=
סער=קלוב. 1920 צוריקגעקומען קיין
פּוילן, אַלס לייטער פון דער פּראָפּאַ=
גאַנדע=אָפּטיילונג און אינסטרוקטאָריאַט
פון דער צענטראַלער סאַניטאַר=מע=
דיצינישער אָרגאַניזאַציע ביים דד"ק
(דזשאָינט) אין ביאַליסטאָק רעדאַקטירט
דעם אָרגאַן פון דער דאָזיקער אָרגאַ=
ניזאַציע א"ט „זשורנאַל" (אַרויס 2 נומ',
יאַנואַר און מאַי 1922, ביי דער רעד=
קאָלעגיע פון ד"ר ר. פרידמאַן, ד"ר י.
כהן און ד"ר א. רייגראָדסקי). 1923
זיך באַזעצט אין ווילנע, וואו געווען
דער גרינדער פון דעם זשורנאַל „פאָלקס=
געזונט", וואָס גייט אַרויס עד=היום א"ר
פון ד"ר צ. שאַבאַד (זע). פעברואַר
1924 געקומען קיין אַמעריקע, אָבער
צוליב די אימיגראַציע=באַגרענעצונגען
געמוזט 1926 פאַרלאָזן דאָס לאַנד און
איז אַוועק קיין מאָסקווע, וואו פאַר=
נומען אַ הויכע שטעלע אין בילדונגס=
קאָמיסאַריאַט, געווען פאַרוואַלטער פון
אַ אָפּטיילונג אין „הויפּטפּאָליטאויפקלער=
קאָמיטעט" (פאַר דער פּאָליטישער און
אַלגעמיינער דערציִונג פון דערוואַקסענע),
1927 אַריבער קיין כאַרקאָוו, וואו ער
שרייבט אין „שטערן" פּאָפּולער=וויסנ=
שאַפטלעכע אַרטיקלען. — אַחוץ די פריער
דערמאָנטע „א. ק'ס אויסגאַבען", האָט
ק' נאָך רעדאַקטירט אָדער אַרויסגעגעבן:
„אַרבייטער=קאַלענדער" (וואַרשע, 1906),
„דער אידישער ביבליאָגראַף" — דער
ערשטער פּרווו פון אַ יידישן ביבליאָ=
גראַפישן אָרגאַן (אַרויס בלויז 1 ה',
ביאַליסטאָק, 1910); Вопросъ о языкѣ—

אַ יידישיסטיש זמ"ב, וואו ס'איז פאַרעפנטלעכט אַ באַריכט איבער דער טשערנאָוויצער שפּראַכקאָנפערענץ (ביאַליסטאָק, 1910); „נאַטורוויסענשאַפט" (וואַרשע, 1913; נייע אויסגאַבע—מאָסקווע, 1918); „די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן און אידן אין פוילן" (פ"ג „די צייט", וואַרשע, 1922 ז' 86), „דאָס לעבן פון אַ יידישן אינטעליגענט" (פ"ג ה. טויבענשלאַג, ב"י, 1925, ז' 259) — וואו די באַשרייבונג פון זיין פערזענלעכן לעבן אויפן פאָן פון דער סביבה און אין אַ געוויסער מאָס אויך פון דער עפּאָכע ווערט דערפירט ביזן 1888, ביז צו דעם אָנהייב פון דער יידישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. ק' האָט פון צייט צו צייט אויך פאַרעפנטלעכט פּובליציסטישע און פּאָפּולערוויסנשאַפטלעכע אַרטיקלען אין פאַרשיידענע צייטונגען, ווי „פאָלקס-צייטונג", „פריינד", „אידישע צייטונג", „מאָרגענבלאַט", „אַרבייטער-שטימע", ביאַליסטאָקער „דאָס נייע לעבן", ווילנער „טאָג", „מאָרגען זשורנאַל", אויך אין רוסיש-יידישע און אין אַלגעמיין-רוסישע אָרגאַנען. געשריבן וועגן קולטור- און שול-פראַגן, ביבליאָגראַפיע, ביבליאָטעקריי, עקאָנאָמישע פראַגן, געזעלשאַפטלעכער היגיענע אאַז"וו. פאַר דער עוואָלוציע, וואָס ק' האָט צוזאַמען מיט דער יידישער משכילישער אָדער סאָציאַליסטישער אינטעליגענץ דורכגעמאַכט בנוגע דער באַציִונג צו יידיש זיינען כאַראַקטעריסטיש די פאָררעדע צו זיין ערשטן ביכל „ווי אַזוי האָבען מענשען געלעבט" (1895), צו דעם פּראָספּעקט פון פ"ג „בילדונג" (1901), זיינע אַרטיקלען אין Восходъ 1901 — 2 („די זשאַרגאָנישע ליטעראַטור און איר לעזער") און זיינע שפּעטערע שוין אויסגעשפּראָכן יידישיסטישע אַרויסטרעטונגען אין „פאָלקס-צייטונג" 1906 („דער קלאַסן-כאַראַקטער פון דער אידישער שפּראַך"), Евр. Міръ, נומ' 25 א"אַ.

י. ל. פּרץ, אין די יום-טוב-בלעטלעך; מ. קריינין, „וועגן די זשאַרגאָנישע אויסגאַבן פון פ"ג בילדונג", אין Восходъ, 1902, V; בקי, אין „יודישער פאַמיליע", 1902; — י —, „אַ פערשוויגענער 25-יעהריגער יובילעאום", אין „מאָמענט", אַרום 1920; אַלטער עפּשטיין, אין „פאַרבאַנד", מערץ 1925; „דאָס נייע לעבן", ביאַליסטאָק, 1925, 32; ש. ניגער, אין „טאָג", 1926; פּ. נאָוויק, אין „האַמער", 1926, II; אברהם רייזען, „עפּיזאָדן פון מיין לעבן", XXV.

קאַטיק יחזקאל (ח' ניסן 1847 — 13/VIII 1921) געב' אין קאַמעניץ-ליטאָווסק, גראָדנער געגנט, אין אַ קליין-שטעטלדיק-נגידישער חסידישער פאַמיליע. ביז 17



יאָר דערצויגן געוואָרן אין חדר אויף גמרא און פּוסקים, דאַן חתונה געהאַט און געוואוינט אין משך פון אַ צענדלינג יאָרן אין פאַרשיידענע דערפער פון דער גראָדנער געגנט אַלס גוטספּאַקטער. שפּעטער האָט ער זיך באַזעצט אין קיעוו, וואו ער איז פאַרבליבן ביז נאָך די פּאָגראָמען, דאַן איז ער אַריבערגעפאָרן קיין וואַרשע, וואו ער האָט יאָרנלאַנג געהאַלטן אַ קאַפעהויז אויף די נאַלעווקעס, וואָס איז אַ געוויסע צייט געווען אַ צענטער פאַר די יידישע ליטעראַטן, ווי אויך פאַר די טוער פון דער יידישער אַרבעטער-באַוועגונג. פון יונגוויז אויף אַרויסווייזנדיק אַ שטאַרקע נייגונג צו קהלשער אַרבעט, איז ער אינגיכן באַקאַנט געוואָרן אין וואַרשע אַלס כלל-טוער און גרינדער פון אַ גאַנצער ריי חברות און

צדקה=אַנשטאַלטן, פון וועלכע אייניקע זיינען געווען זייער פּאָפּולער אין משך פון לאַנגע יאָרן. ער האָט אויך אַרויסגעגעבן אייניקע בראָשורן אין העברעיש און יידיש מיט פּראָיעקטן און סטאַטוטן פאַר פאַרשיידענע חברות, אַ בוך וועגן דערציִונג א״ט „עשרת הדברות לבנות ציון״ (די צעהען געבאָט פיר די בני ציון, וואַרשע, 1899, ז׳ 128, אין יידיש און העברעיש), אַן „אַרבייטער=קאַלענדאַר״ (1907), אַ בראָשור וועגן די וואַלן אין דומע א״ט „דער יודישער דעפּוטאַט״ (1910) א״אַ. אַ נאָמען אין דער גאַנצער יידישער וועלט האָט ער זיך געמאַכט מיט זיינע מעמואַרן, וואָס זיינען אַרויס א״ט „מיינע זכרונות״ (פ״ג א. גיטלין, אין 3 ב׳, 1912 און אין 1914; נייע אויפלאַגע—„כלל=פ״ג״, בערלין, 1922, I ט,—ז׳ 347, II ט׳ 266). אַ באַזונדערן אינטערעס האָט אַרויסגערופן דער I ט׳, וואו דער מחבר האָט געגעבן אַ ברייט בילד פון דעם יידישן לעבן אין רוסלאַנד אין דער ערשטער העלפט פון דעם פאָריקן י״ה, שילדערנדיק די סאָציאַלע, עקאָנאָמישע און קולטורעלע צושטאַנדן פון יענער תקופה און אירע מענטשן, דעם קאַמף צווישן חסידים און מתנגדים אאַז״וו. אָבער אַחוץ דעם זייער גרויסן קולטורהיסטאָרישן ווערט פון דעם בוך, האָט עס אויך אַ ריין ליטעראַרישן; די פּערזאָנען, וואָס פיגורירן אין די זכרונות, זיינען בולט און זייער לעבעדיק געשילדערט און דערצו איז דאָס גאַנצע ווערק געשריבן אין אַזאַ האַרציקן אויפריכטיקן טאָן, אין אַ גוטער שפּראַך, אַז עס געהערט צו די שענסטע ביכער פון דער יידישער מעמואַרנליטעראַטור. די איבעריקע 2 ט׳ פון די „זכרונות״ (פון וועלכע דער 3טער ט׳ איז געבליבן אין כתב=יד) ליידן שוין פון צעצויגנקייט, און אויך דער מאַטעריאַל איז ווייניקער אינטערעסאַנט.

בעל-מחשבות, אין „פריינד״, דעצעמבער 1912; א. איינהאָרן, אין „היינט״, 1912, 202; א. שטילער, אין „נייעם זשורנאַל״, וואַרשע, 1913, 2; „הצפירה״, 1914, 50; „דער חבר״, 1921, 9; ש״ע, זיינע בריוו צו ק׳ן, אין „מיינע זכרונות״ I, אין „ש״ע-בוך״, און אין די „פילאָלאָגישע שריפטן״ ב׳ III פון יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט; ד״ר ירמיהו פרענקעל, אין „לאָדזער טאָגעבלאַט״, 1922.

קאַטלער יאָסל (אלול 1896 —) געב׳ אין טראָיאַנעץ, וואָלין.

זיין פאָטער, מיכל, האָט געהאַלטן אַ כשרע יאַטקע, און נאָך זיין טויט, ווען ק. איז געווען 6 יאָר אַלט, איז די נויט אין דער פאַמיליע נאָך גרעסער געוואָרן, און די מוטער האָט געמוזט שווער האָרעווען, באַקן ברויט אויף צו

פאַרקויפן, כדי צו שפּייזן די דריי ברידער, פון וועלכע יאָסל איז געווען דער ייִנגסטער, און די דריי שוועסטער. געלערנט אין חדר, אָבער מיט קנאַפּ חשק, דערפאַר אַרויסגעוויזן גרויס נייגונג צו צייכענען, צו 11 יאָר אַוועקגעשיקט צו זיינע קרובים אין זשיטאָמיר, וואו מ׳האָט אים אָפּגעגעבן אין אַ ווייִנשענק; די שטעלע איז אים זייער געפעלן געווען און ער האָט געאַרבעט אין שענק ביי אַ יאָר צייט, ביז אַ שיכורער אַדוואָקאַט האָט איינמאָל באַמערקט, ווי ער צייכנט אויזאָרן אויפן טיש מיט פאַרגאָסענעם וויין און ער האָט געפּועלט ביי ק׳ס קרובים, מ׳זאָל אים אָפּגעבן אויף דער לער צו אַ שילדנמאָלער. גאָר אין אַ קורצער צייט האָט ק׳ זיך אויסגעלערנט די תורה פון שילדנמאָלעריי, ווי מאָלן

אַ טערק מיט אַ פּיפּקע פאַר אַ טאַבאַקקראָם, אָדער ליכט מיט אַ היטל צוקער פאַר אַ באַקאַליי-קלייט, אַפּטייקוואַרג, היטלען און קליידער אאַז״וו. שפּעטער האָט ער אַ יאָר צייט געאַרבעט אין באַרדיטשעוו. ווען ער איז אַלט געווען 15 יאָר, איז זיינער אַן עלטערער ברודער געפאָרן קיין אַמעריקע, האָט ער זיך איינגעשפּאַרט, אַז ער מוז מיטפאָרן און האָט אויסגעפירט. „אין אַמעריקע — שרייבט ק׳ אין זיין אווטאָביאָגראַפישער נאָטיץ — איז מיר גאָר געפעלן געוואָרן. איך בין געווען אַ געלונגענער פריילעכער גרינער, געשפּאַסט מיט מיינע אַמעריקאַנער פעטערס, מומעס און פּלימעניקעס און פיל פאַרגעניגן געהאַט פון דער ענגלישער שפּראַך, וועלכע איך האָב ניט פאַרשטאַנען. גייענדיק אין די גאַסן און הערן, ווי מען בעבעט, איז געווען פאַר מיר אַ נחת". ער האָט דאָ באַלד געפונען אַרבעט, פאַרדינט גאַנץ פיין, מיט דער הילף פון די אַנדערע ברידער אַראָפּגעבראַכט די גאַנצע פאַמיליע, אין דער זעלבער צייט „פאַרשפּילט אַ שטיקל ליבע" און „ס׳ערשטע מאָל אין מיין לעבן דערזען, אַז חוץ פרייד זיינען אויך דאָ גרויסע צרות אויף דער וועלט"... ביים אַריינטרעטן פון די שטאַטן אין דער מלחמה זיך אָפּגעזאָגט צו גיין אין מיליטער ניט צו הרגענען קיין מענטשן, סוף-כל-סוף אָבער באַפרייט געוואָרן, ווייל ניט געווען קיין אַמעריקאַנישער בירגער. אין אַמעריקע, אַזוי ווי פריער אין רוסלאַנד, זיך כמעט ווי גאָרניט אָפּגעגעבן מיט לייענען, דערהויפּט געלערנט מאָלעריי, אַ קורצע צייט שטודירט אין דער „נאַציאָנאַלער אַקאַדעמיע" פון נ״י, אַ פּאָר יאָר באַזוכט די אַטעליעען פון דער „עדיוקיישאָנאַל אַלייענס", גע-אַרבעט אויך אין דעם מאָלער-קלוב אין פילאַדעלפיע, דאָס רוב בעסערע זאַכן געמאַכט אין זיין אייגענעם אַטעליע, צעטיילנדיק זיי צווישן פריינד אָדער פאַרקויפנדיק פאַר וואָלוועלע פרייזן. 1921 געקומען זיך אָפּרוען און אגב אויך געפונען אַרבעט אין משה נאַדירס זומער-האָטעל, דאָרט געהאַט די געלעגנהייט צו זען, ווי שרייבער גייען אַוועק מיט נאַדירן און לייענען אים פאָר זייערע מאַנוסקריפּטן, איז אים איינגעפאַלן אויך עפּעס אָנצושרייבן און אויף מאָרגן אָדער איבערמאָרגן אָנגעשריבן אַ לידל, פון וועלכן נאַדיר איז באַגייסטערט געוואָרן, אים אויפגעמונטערט ווייטער צו שרייבן און אין משך פון זומער האָט ק׳ אָנגעשריבן אַ ריי זאַכן, מיט אילוסטראַציעס צו זיי. צוריקגעקומען קיין נ״י, האָט ער שוין געפונען, אַז ער איז אין שרייבער-קאַפּע זייער פּאָפּולער. אברהם רייזען איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט געבעטן ביי אים אַ מאַנוסקריפּט צום אָפּדרוקן, און אין זיין חודש-זשורנאַל „ביי-יידיש", אָקטאָבער-נאָוועמבער 1922, איז ערשינען ק׳ס ערשטע מעשהלע „די פאַלשע וועלט-געשיכטע" — אַ גראָטעסקע, צוזאַמען מיט אַ בריוו פון נאַדירן, וועלכער שרייבט צ״אַ: „כ׳פיל, וואָרהאַפטיק, אַ שטיקל פרייד אַרויפצופירן די בלאָנדזשענדיקע פיס פון מיין יונגן חבר, יוסף קאָטלער, אויף מיינע „אויסגעטראָטענע טריט", וואָס כ׳האָב אַליין פאַרשאָטן. עס איז אי זיסלעך-וואויל, אי ביטערלעך-געשמאַק צו הערן זיך אַליין ריידן דורך אַ ניי פרעמד קול, וואָס איז פאָרט ניט אינגאַנצן ניי, פרעמדס, וויוואויל. עס איז אַזוי רוי און איבעראַשנדיק, ווי ווען מ׳זאָל הערן פידל-קלאַנגען אויף אַ פּויק"... זינט דאַן האָט ק׳ פאַרעפנטלעכט אַ ריי לידער,

הומאָרעסקעס, מעשהלעך, קינדער־זאַכן אין פראָזע און פערזן אין „אויפגאַנג", „אָטעם", „פעדער", „קונדס", „קינדערלאַנד" און „קינדער־זשורנאַל" און דערהויפט אין „פרייהייט", וואו אַ צייט געפירט אַ טעגלעכע אָפטיילונג, ווי אויך אין אייניקע אַנדערע אויסגאַבן, דאָס רוב מיט זיינע אייגענע צייכענונגען, וועלכע זיינען פונקט אַזוי גראָטעסק, אָריגינעל און שפילעוודיק, פול מיט יונגן חן און קינדישער פרייד, ווי זיינע מעשהלעך און לידלעך. יאַנואַר 1925 האָט ער צוזאַמען מיט דעם מאָלער זוני מאַוד און דעם מאַריאָנעטנמייסטער זשאַק טוואַרקאָוו געעפנט אַ יידיש מאַריאָנעטנטעאַטער א"נ „מאַדיאַקאָט", וואָס האָט צ"אַ אויפגעפירט זיין קליינע שפיל אין פערזן „אויף וואָס טוסטו קרענקען", אויך מאַודס „אחשורוש־שפיל", משה נאַדירס „יענע וועלט", אברהם רייזענס „דעם שדכנס טאָכטער" און צולעצט „דעם דיבוק" — מאַודס אַ פאַראָדיע אויף אַן־סקיס באַרימטער פיעסע. ער האָט פאַר דעם דאָזיקן טעאַטער געשאַפן נאָך אַ ריי פריילעכע לידלעך און פיעסן, ווי „די פעפערדיקע יידעלעך" (מוזיק פון מ. געלבאַרט), אָבער ניט קוקנדיק אויף דעם גרויסן קינסטלערישן ערפאָלג פון די מאַריאָנעטנשפילן, האָבן זיי זיך ניט געקענט באַצאָלן און לעצטנס הערט מען זעלטן פון דעם דאָזיקן שיינעם אויפטו אויפן געביט פון דער יידישער טעאַטראַלישער קונסט. — זיין סעריע Befor J Was Born ווערט געדרוקט אין דער ענגלישער איבערז' פון לואיס בערג אין The Menorah Journal, זינט פעברואַר 1927.

קאָטלער מ. — אויס טראַב, ווילנער געגנט. האָט פאַרפאַסט אַ ביכעלע „יודישע פאָלקס לידער" (פ"ג מ. קאַצענעלענבאָגן, ווילנע, 1897, ז' 34; געווידמעט דער שוועסטער כאַראַ ראָמבראָ אויס מיטאַווע), וואָס אַנטהאַלט די לידער „צום יוד, נאָך בייראָן", „דער עוויגער יוד" (געשריבן אין סעוואַסטאָפאָל) א"אַ, אויך געלעגנהייטס־לידער, אַלץ אָבער איז געשמאַקלאָז און טאַלענטלאָז סיי אין אינהאַלט סיי אין פאָרם; אין דער הקדמה („אַבריף צו דיא לעזער") איז דער מחבר איבעריקנס אַליין מודה, אַז „געוויינליך, יעדער זאַך איז צום ערשטין מאָל ניט אזויא גיראָטען. דאָך האָפע איך מיט אייך נאָך אַ צווייטין מאָל צו זעהן אין אַ בעסערין אָרט וויא יעצט", משמעות אָבער, אַז די דאָזיקע האָפענונג זיינע איז ניט מקוים געוואָרן.

קאָטלער (קאָטליאַר) זלמן (ט"ו חשוון 1874 —) געב' אין מאָנאַסטירישטשע, קיעווער גוב', אין אַ רייכער חסידישער פאַמיליע. ביז בר־מצווה געלערנט אין חדרים, דערנאָך פאַר זיך אונטערן פאָטערס השגחה, ווי אויך אין בית־מדרש.

גלייכצייטיק אָנגעהויבן צו לייענען בסוד השכלה־ און חקירה־ספרים, צוליב דעם געהאַט אויסצושטיין רדיפות פון די שטעטלשע פאַנאַטיקער, און נאָכן פאָטערס טויט איז ער אַוועק קיין אָדעס, וואו ער איז געווען אָנגעשטעלט אַלס ביבליאָטעקאַר פון דער ביבליאָטעק פון דער געזעלשאַפט פון יידישע האַנדלס־אָנגעשטעלטע און צונויפגעשטעלט איר קאַטאַלאָג א"ר פון ש. דובנאָוו און אחד־העם (אָדעס, 1904, ז' IV+140; „מחלקה V—ספרי זרגון", ז' 120—140), וואָס איז פאַרעפנטלעכט אין יאָר 1904. אָנהייב 1908 האָט ק' פאַרלאָזט אָדעס און אַוועק קיין נ"י, וואו ער האָט געלעבט ביז 1921,

דאַן זיך באַזעצט אין ירושלים.—זיין לי־
טעראַרישע טעטיקייט האָט ער אָנגעהויבן
א״פ מיט מאמרים פון לומדות און
פילפול אין „הצפירה״ 1892 און די זמ״ב
פון שאַלתּיאל אייזיק גרעבער „אוצר
הספרות״. זינט 1903 געווען דער אָדע־
סער קאָרעספּאָנדענט פון „הצפירה״,
„פריינד״, „וועג״, ווילנער „צייט״, „הזמן״,
„היום״ און נ״יער „מאָרגען זשורנאַל״,
מיטגעאַרבעט אויך אין האַלבוועכנטלעכן
„אָדעסער פאָלקסבלאַט״ א״ר פון ה. ד.
הורוויץ (1906), ראַווניצקיס „לכבוד שבת
און יום טוב״ (אָדעס, 1907), אבא רובענ־
טשיקס „די אידישע ווירקליכקייט״ א״אַ,
אויך א״פ ז. ק—ר, זלמן, זלמן איציס,
ז. צירלס, ניט קיין אַדעסער, טאַקע אַן
אַדעסער, ניט קיין פּריכאָזשאַן, זאַלמינקע,
עליכם־שלום. אין נ״י געווען אַ שטענ־
דיקער מיטאַרבעטער פון „יידישן טאַ־
געבלאַט״ (1908 — 1921), זיך אויך באַ־
טייליקט אין אַ ריי אַנדערע צייטשריפטן,
ווי „אַמעריקאַנער״, „דאָס פאָלק״, „דער
קעמפּפער״, „דאָס אידישע פאָלק״, צביונס
„דאָס נייע וואָרט״, „דער אידישער גייסט״,
„דיא מאַנטאָס״, ריכטערס וואָכנבלאַט
„דער אידישער שרייבער״, „דער אידי־
שער בעקער״, „דער אידישער טעאַטער״,
„אידישער פאָרם אַלמאַנאַך״ (1917), אויך
העבּרעיִשע. האָט געשריבן חסידישע
מעשיות, לעגענדעס, בילדער, סקיצן פון
יידישן לעבן, ליטעראַרישע אַרטיקלען,
וועגן יידישע שריפטשטעלער, ביבליאָ־
גראַפיע, ביבליאָטעק־ווזען. טעטיק אין
דער ציוניסטישער באַוועגונג אַלס אָרגאַ־
ניזאַטאָר און פּראָפּאַגאַנדיסט, איצט באַ־
שעפטיקט אין „קרן־קימת״.—האָט אַרויס־
געגעבן אַ ריי בראָשורן, אין צוזאַ־
מענהאַנג מיטן אָדעסער פּאָגראָם 1905,
אויך ציוניסטישע, ווי „אַ סגולה געגען
פּאָגראָמען״, „שטיינער שרייען״, „נאָך
דעם גרויסען אומגליק״, „שלוח מנות״,
„לא תרצח אָדער דער עשאַפאָט״, „אין
די רויטע און שוואַרצע טעג״ — סקיצן
און בילדער צום 10טן יאָרצייט פון דער
רעוואָלוציע און די פּאָגראָמען״ („ליטע־
ראַרישער פ״ג״, נ״י, 1915, ז׳ 80, מיט ביל־
דער), „דער שקל״, „החלוץ״ (פ״ג צ״צ, נ״י,
תרפ״א, ז׳ 32) א״אַ. זיין אָפּהאַנדלונג וועגן
יידישן נאַציאָנאַל־פאָנד, צוערשט אַרויס
אין יידיש אין לאָנדאָן, איז אויך ערשי־
נען אין העברעיִש, פראַנצויזיש, טשעכיש
א״אַ שפּראַכן. האָט איבערגעזעצט „מאַקס
נאָרדוי׳ס הספד״ אויף ד״ר הערצל, „בלוט
און טרעהרען אָדער די פּעראָומגליקטע״
פון א. ביילין, „די סאָציאַל דעמאָקראַטען
איבער דער נאַציאָנאַלער פראַגע״ פון
ד״ר פּאַסמאַניק (פ״ג „קדימה״, ז׳ 78),
„אַנטיסעמיטיזם און די אידען פראַגע אין
ל. טאָלסטאָיס שריפטען (פ״ג ש. דרוקער־
מאַן, נ״י 1910, ז׳ 24), „דאָס אידישע
בוך״ פון ח. נ. ביאַליק (פ״ג פון הסתדרות
עברית באמריקה נ״י, 1918, ז׳ 32).

קאָטלער שמואל (אַרום 1885 —
) געב׳ אין קורשאַן, קאָוונער
געגנט, אין אַ רבנישער פאַמיליע. זיינע
ערשטע לידער האָט ער געשריבן אין
העברעיִש און נאָך אַלס 15יעריקער ייִנגל
פאַרעפנטלעכט זיי צ״אַ אין פרישמאַנס
„הדור״. שפּעטער האָט ער אויסגעוואַנ־
דערט קיין אַמעריקע, וואו ער האָט
אָנגעהויבן צו שרייבן אין יידיש און זיך
באַטייליקט אין „פאָרווערטס״ א״אַ אויס־
גאַבן פון אַמעריקע. מיט לידער פון אַ
יידיש־אידילישן און צום טייל סאָציאַלן
כאַראַקטער, צ״אַ פאַרעפנטלעכט אין זשיט־
לאָווסקיס „דאָס נייע לעבן״ 191 אַ פּאָעמע
„בערגלאַנד״ (פראַגמענטן פון איר — אין
באַסינס אַנטאָלאָגיע). ק׳ס לידער האָבן
געצויגן אויף זיך אויפמערקזאַמקייט, אָבער
אין אייניקע יאָר אַרום האָט ער זיך צו־
ריקגעצויגן פון דער ליטעראַרישער טעטי־

קייט. וואוינט איצט אין דעטראָיט, וואו ער איז טעטיק אַלס אָנגעזעענער געשעפטסמאַן.

מ. באַסין, אַנטאָלאָגיע, II; י. ענטין, „אידישע פּאָעטן", II.

קאָיגען פישל (אַרום 1870 — 22/X 1923) געב׳ אין אַלט=קאָנסטאַנטין, וואָלין, אין אַ פאַנאַטיש=פרומער פאַמיליע. באַקומען אַ שטרענג חסידישע דערציִונג, איז ער צו 15 יאָר געוואָרן אַ משכיל, צעריסן מיט דער רעליגיע, זיך אָנגעהויבן צו אינטערעסירן מיט געזעלשאַפטלעכע פראַגן, אינגיכן



אַריבער צום טאָלסטאָיִזם און פון אים — צו דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ", 1888 אַנטלאָפן קיין אָדעס, וואו אַרבעטנדיק אַלס צאָנטעכניקער גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין אָרגאַניזירן קרייזלעך פאַר זעלבסטבילדונג פון נאַראָדאָוואָלישן טיפּ, 1889 אַריין אין דער אָרגאַניזאַציע פון „אַלטע נאַראָדאָוואָליסטן", אונטער דער השפעה פון פלעכאַנאָווס בראָשורן און מאַרקס „קאַפּיטאַל" און אויך פון די תלמידים פון דעם ערשטן ס"ד אין אָדעס גאָלדענדאַך=ריאַזאַנאָוו—סוף 1893 געוואָרן אַ ס"ד, 1894 געווען איינער פון די אָרגאַניזאַטאָרן פון אַ ס"ד=קרייזל, און ווען עס איז אין דעם אייגענעם יאָר אַרעסטירט געוואָרן די ערשטע ס"ד=גרופּע פון נאַכאַמקעס=סטעקלאָוו, האָט ק׳ס קרייזל פאַרנומען איר אָרט, שטרעבנדיק פון שמאָלער קרייזל=אַרבעט מיט איר דערהויפּט אויפקלערערישן כאַראַקטער אַריבערצוגיין צו אַ ברייטער אַגיטאַציע צווישן די אַרבעטער, וואָס זאָל צוגרייטן מאַסנאַרויסטרעטונגען. צו דער צייט אַדאַנק דער באַקאַנטשאַפט מיט צמח קאָפּעלזאָן=טימאָפיי זיך פאַראינטערעסירט אויך מיט דער יידישער אַרבעטער=באַוועגונג, סוף 1895 צוגעצויגן געוואָרן דורך דער זשאַנדאַרמעריע צו פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר אָרגאַניזירן אַ פּראָפּאַגאַנדיסטישן קרייז פון יידישע שלאָסער, צוויי יאָר אָפּגעזעסן אין טורמע און דאַן פאַרשיקט געוואָרן אויף 4 יאָר קיין מזרח=סיביר, אין יאַקוטער געגנט, דאָרט געוואָרן אַ בונדיסט און נאָכן צוריקקומען 1901 פון פאַרשיקונג זיך איינגאַנצן אָפּגעגעבן דער בונדישער אַרבעט א"פ יונה, יאַנאָוו. אין דער דערהויפּט ליטוואַקישער באַוועגונג פון „בונד" האָט ק׳ אַריינגעטראָגן דעם הומאָר און די רירעוודיקייט פון אַ דרום=מענטש. נאָך דעם אַקט פון הירש לעקערט געווען אַן אָנהענגער פון אָרגאַניזירטער נקמה. 1904—7 געווען פאָרשטייער פון צ"ק אין דרום=רוסלאַנד, אָנגעפירט מיט דעם געגנט=קאָמיטעט און מיט אַלע אָרגאַניזאַציעס, 1904—10 געווען אויך אַ מיטגליד פון צ"ק, זיך באַטייליקט אין אַלע פאַרטיי=צוזאַמענפאָרן, קאָנפערענצן און וויכטיקע באַראַטונגען, אויספירנדיק אָפט די פאַראַנטוואָרטלעכסטע שליחותן, פון דער זעקסטער קאָנפערענץ (1906) צוזאַמען מיט ק. ליבערן און ר. אַבראַמאָוויטשן דעלעגירט געוואָרן אויף דעם פאַראייניקונגס=צוזאַמענפאָר פון דער רסדאַ"פּ אין שטאָקהאָלם, וואו עס זיינען אָנגענומען געוואָרן די תנאים פון פאַראייניקונג מיטן „בונד", דאַן צוזאַמען מיט אַ. קרעמערן אַ צייט געווען פאָרשטייער פון „בונד" אין דעם אַלגעמיין פאַרטייִשן צ"ק. דערהויפּט אַ פּראַקטיקער, אַן אָרגאַניזאַטאָר, האָט ק׳ מער געהאַט צו טאָן מיט די קאָמיטעטן און

קאָלעקטיוון פון „בונד“, איידער מיט די ברייטע מאַסן. בנוגע די פאַרשיידענע חילוקי־דעות אין דער פאַרטיי געווען אַלע מאָל אַ אָנהענגער פון שלום מאַכן צווישן די עקסטרעמען אין נאָמען פון דער פּראַקטישער אַרבעט. ווידעראַמאָל אַרעסטירט אין ווילנע, איז ער פאַרמשפּט געוואָרן צום פאַרשיקט ווערן אויף 3 יאָר אין וואָלאָגדער גוב׳, אָבער צוליב זיין קראַנקהייט אַרויסגעשיקט געוואָרן קיין אויסלאַנד, וואו ער איז יאָרנלאַנג געווען אָפּגעריסן פון אַקטיווער אַרבעט, דורכגעמאַכט עטלעכע שווערע אָפּעראַציעס (מ׳האָט אים אויסגעשניטן אַ טובערקולאָזע ניר), דאָך באַוויזן צו זיין דעלעגאַט פון צ״ק פון „בונד“ אויף דעם צוזאַמענפאָר פון דער לעטישער ס״ד אין בריסעל, יאַנואַר 1914, אויף דער קאָנפערענץ פון 2טן אינטערנאַציאָנאַל וועגן פאַראייניקן די צעשפּאָלטענע פראַקציעס פון דער רסדאַ״פּ, אויך אין בריסעל, ערב דער וועלט־מלחמה. בשעת דער וועלט־מלחמה האָט ער פּראַקטיצירט אַלס דאַנטיסט אין זשענעווע, דאַן ווידער זייער ערנסט קראַנק געוואָרן, אַ יאָר צוויי געמוזט ליגן אומבאַוועגלעך אויפן רוקן סיי זומער סיי ווינטער אין אַ סאַנאַטאָריום אין לאָזאַנע, ביז ער האָט זיך דערהוילט. נאָך דער פעברואַר־רעוואָלוציע איז ער געווען קעגן קערענסקיס קאָאַליציע־פּאָליטיק, פאַר דעם לאָזונג „די גאַנצע מאַכט די ראַטן“, נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע געהאַלטן פאַר אַ קאָאַליציע פון אַלע סאָציאַליסטישע פאַרטייען, נאָך דער דייטשער רעוואָלוציע, נאָוועמבער 1918, געוואָרן אַ קאָמוניסט, אָבער אין דער ק״פּ ערשט אַריין נאָכדעם ווי דער קאָמבונד האָט זיך צונויפגעגאָסן מיט דער פאַרטיי. אַ געוויסע צייט איז ער געווען טעטיק אין בערלין אַלס איינער פון די אָנגעזעענסטע פאָרשטייער פון דער סאָוועטישער מיסיע, דאַן אַרויסגערופן געוואָרן אַלס אויסגעצייכנטער פּראַקטישער טוער קיין רוסלאַנד אויפצוריכטן דעם גרויסן ניזשני־טאַגילסקער זאַוואָד אויפן אוראַל. 1923 ווידער קראַנק געוואָרן אויף טובערקולאָז, געמוזט פאָרן זיך קורירן קיין בערלין, פון דאָרט אָפּגעפאָרן קיין מעראַן, וואו ער איז געשטאָרבן אויף מאָרגן נאָכן אָנקומען אַהין. דערהויפּט אַ אָרגאַניזאַטאָרישער טאַלענט, האָט ק׳ בכלל ווייניק געשריבן, דערהויפּט איבער פראַגן פון אָרגאַניזאַציע אין די פאַרשיידענע בונדישע אָרגאַנען.

מעדעם, „מיין לעבען“, II, ז׳ 20; „רויטער פּנקס“, II, ז׳ 178—179; צ. קאַפּעליאָן, אין „פרייהיים“, 1923; נעקראָלאָגן אין דער יידישער סאָציאַליסטישער און קאָמוניסטישער פּרעסע.

קאַיזער וויליאַם (26/IX 1876 —) געב׳ אין קאָוונע, זיין פאָטער, הירש איזראַעל, איז געווען אַ מיליטערישער שניידער, אַ שתדלן פאַר די יידישע זעלנער פון דעם „וואָלגער פאָלק“, פלעגט צוזאַמען מיטן פאָלק און פאַמיליע זומערן אין שאַוול, וואו ק׳ איז פון 12 יאָר אָן שוין פאַרבליבן צו באַזוכן די שטאָטישע יידישע שול, צו 15 יאָר זיך אומגעקערט קיין קאָוונע, זיך געלערנט פּריוואַט און געגעבן אויך שטונדן, סוף 1893 געקומען קיין אַמעריקע. — אָנגעהויבן צו שרייבן זייער פרי, שוין צו 14 יאָר געשיקט פּרצן לידער פאַר „דער יודישער ביבליאָטעק“ און אויפגעמונטערט געוואָרן פון גרויסן דיכטער צום שרייבן,

דעביוטירט ערשט אין אַמעריקע, אין די „יידישע גאַזעטטען", נאָוועמבער 1893, מיט אַ ליד „הערבסט", דערנאָך געדרוקט לידער אָריגינעלע און אויך אַ סך איבערגעזעצטע פון רוסיש, דייטש און ענגליש, אין „פאָלקס-אַדוואָקאַט", „לאַנד-חכם" א"אַ צייטשריפטן פון יענער צייט, אויך אין ספּעקטאָרס „הויזפריינד" IV, שפּעטער זיך באַטייליקט אין „אַרבייטער צייטונג" און „אָבענד בלאַט" און זינט דער גרינדונג פון „פאָרווערטס" געווען אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער פון דער צייטונג, אָבער דער האָנאָראַר פון 6 דאָלאַר אַ וואָך און דערהויפּט די אומזיכערע עקסיסטענץ פון „פאָרווערטס" האָט אים באַוואויגן צו לערנען אַ פאַך, און ניט האָבנדיק די מעגלעכקייט צו שטודירן מעדיצין, האָט ער זיך באַנוגנט מיטן שטודיום פון אַפּטייקערייַ, וואָס ער האָט פאַרענדיקט 1901 און זינט 1903 געוואָרן אַ באַלעבאָס פאַר זיך, פירנדיק מיט הצלחה זיין געשעפט עד-היום. פון זיינע לידער, וועלכע זיינען דאָס רוב אויף די מאָטיוון פון צער און רעזיגנאַציע, אין אַ האַרציקן לירישן טאָן, איז אין בוכפאָרם אַרויס אַ זאַמלונג א"ט „לידער און געדיכטע" (נ"י, 1895).

ל. ווינער, YL; מ. באַסין, אַנטאָלאָגיע, II; אברהם רייזען, „עפּיזאָדן פון מיין לעבן", קאַפּ' X.

קאַלוואַרי משה (1/II 1876 —) באַקאַנטער יידיש-דייטשער פּעדאַגאָג, האָט גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין דער ציוניסטישער באַוועגונג אין דייטשלאַנד, 1922 אַוועק קיין א"י, וואו ער איז טעטיק געווען אין די דערציִונגס-אַנשטאַלטן פון כפר-ילדים. בשעת דעם אויפגעוואַכטן אינטערעס צו דער יידישער שפּראַך אין דייטשלאַנד, צוליב דער באַרירונג מיטן מזרח-יידנטום דורך דער דייטשער אָקופּאַציע פון פּוילן און ליטע, האָט ק' פאַרעפנטלעכט אין מאַרטין בובערס חודש-זשורנאַל Der Jude (I, 1916) זייער אַן אינטערעסאַנטן אַרטיקל Jiddisch, וואו פּאָלעמיזירנדיק מיט ד"ר לודוויג פיליפּזאָנען א"אַ אָנהענגער פון דער לאַנדסשפּראַך אַלס יסוד פאַר דער יידישער שול, שטעלט ער זיך דערהויפּט אָפּ אויף דער פראַגע, צי יידיש איז אַ דייטשער דיאַלעקט, אָדער עס האָט געשאַפן אַן אייגענעם סטיל, און פאַרגלייכדיק כוסטערן פון דער יידישער פּאָעזיע (למשל, פּרצעס איבערזעצונג פון ש. פרוגס ליד „דער כּוס") מיט געוויסע ליטעראַרישע ווערק פון דייטשע דיאַלעקטן, קומט ער צו אַ פּאָזיטיוון ענטפער, אַז יידיש האָט אַרויסגעשטאַלטיקט אַן אייגענע קונסטפאָרם, איז דעריבער ניט קיין דיאַלעקט, נאָר אַ זעלבשטענדיקע שפּראַך, און ווי גרויס עס איז די שפּראַכשטאַמיקע קרובהשאַפט פון דער יידישער שפּראַך און דער דייטשער, אַזוי נישטיק איז זייער שפּראַכגייסטיקע קרובהשאַפט. ער פרעגט אויך אָפּ דעם אַרגומענט פון די קעגנערס פון יידיש וועגן דער כלומרשטער אומשיינקייט פון דער יידישער שפּראַך.

קאַלושינער יוסף-לייזער (ט"ו תּמוז 1893 —) געב' אין וואַרשע, אין אַן אָרעמער פאַמיליע. צו 3 יאָר געבליבן אַ יתום פון דער מוטער, איז ער דערצויגן געוואָרן ביי זיין זיידן ר' אליה קוטנער, אַן אָנגעזעענעם וואַרשעווער כלל-טוער, און נאָך זיין טויט — צו 12 יאָר געמוזט אַוועקגיין אַרבעטן אין אַן אייזנגעשעפט, אויסגעשטאַנען די גרעסטע באַליידיקונגען פון דעם באַלעבאָס, און זייענדיק פאַרנומען ביי 14 שעה אַ טאָג — ניט געהאַט די מינדסטע מעגלעכקייט צו לערנען זיך. אין אַ געוויסער צייט אַרום איז אים אָבער געלונגען

זיך צוצוגרייטן צו דער האַנדלסשול, וועלכע ער האָט געענדיקט צו 18 יאָר. 1911 אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע, וואו ער האָט געאַרבעט ביי דאַמענהיט. זיך באַקענט מיט דער יידישער ליטעראַטור, האָט ער דעביוטירט מיט לידער אין ז. ווײַנפּערס זשורנאַל „דער אָנהייב" 1918, זינט דאַן זיך באַטייליקט אין פאַרשיידענע צייטשריפטן, ווי „מילער'ס וואָכענשריפט", „טאָג", „קונדס", „אידישען פאָלק", „נייע וועלט", „פאָרווערטס", „אַרבייטער פּרעסע", „פ. אַ. ש.", „פריינד", „קינדער-זשורנאַל", פילאַדעלפיער „אידישער וועלט", שיקאַגער „אידישער קוריער", לאָנדאָנער „אַרבייטער פריינד", טאָראָנטער „אידישער זשורנאַל", זעצערס „דאָס וואָרט", לעצטנס אויך אין „פרייהייט", „פאַרבאַנד", „גערעכטיגקייט" א"אַ. דערהויפּט אָבער אין „דער פּעדער", פון וועלכן זשורנאַל ער איז געווען איינער פון די גרינדער און וואו ער האָט אויך געשריבן רעצענזיעס (למשל, וועגן לוי גאָלדבערג—1924, I). פון זיינע לידער, דאָס רוב אין פרייען פערז, אָפט גרענעצנדיק מיט ריטמישער פּראָזע, געדאַנקלעך און אַבסטראַקט, מיט מאָטיוון פון שטאָט און לאַנדשאַפט, דורכן אַספּעקט פון פערזענלעכע שטימונגען, איז אין בוכפאָרם אַרויס די זאַמלונג „אַרום מיר" (פ"ג „פּעדער", 1922, ז' 1927, מיט צייכענונגען און וויניעטן פון ז. מאַוד).

לוי גאָלדבערג, אין „פּעדער", 1922, I; פּ. כּץ, אין „דער פּרעסע" פון 16/X 1922; י. דאָבּרושין, ib, 1925, IV (איבערגעדרוקט פון „שטראָם", V—VI); העלער, ib, 1926, I; ב. ריווקין, „פינף דורות אידישע פּאָעטן אין אײן קאַפּע", ib, 1927, III—IV.

קאַלטהאַן צמח-דוד—פון שדה-לבן,

קיעווער גוב', פאַרפאַסער פון אַ ביכל א"ט „דיא גרויסע קראָם מיט גרויסע וועהטאָגין. / איין העכסט אינטערעסנטע בעשרייבונג" (באַרדיטשעוו, 1898, ז' 48), וואו ער שילדערט די צרות פון אַ קרעמער, וואָס די וועלט איז אים מקנא זיין גרויסע מיט סחורה געפּאַקטע קלייט, בשעת ווען דער אמת איז, אַז—„וואָס דיא קראָם איז גרעסער, / האָט דער סוחר מעהר שמערץ! / דיא וועקסלען וויא אַ מעסער, / שניידען שטענדיג זיין הערץ!" אַאַז"וו—אין פּראָזע און אין גראַמען, אָן שום ליטעראַרישן ווערט, דאָך כאַראַקטעריסטיש פאַר דער באַלעבאַטיש-קרעמערישער פּסיכאָלאָגיע פון אַ באַנקראָטירטן סוחר, וועלכער קלאָגט, אַז „נאָר צו קלייטען האָבען זיך אַללע גינימען,/ רייך, אָרים, פשוט דיא גאַנצע וועלט! / איטליכער וויל אַ נאָמען סוחר באַקימען, / און נעמען סחורה אָהן געלד!..../ איטליכער זאָהל אָבער פאַרשטעהן, (טאַקע איך אַליין) / אַז אַ קרעמער האָרעוועט מיט טוידט, / און איז נעבעך אָרים, גימיין.../ מיט שמערצען פאַרדינט ער דאָס ברויט"...

קאַליך יעקב (18/XI 1895—)

געב' אין רימאַנאָוו, גאַליציע. דערצויגן געוואָרן אונטער דער השגחה פון דעם רימאַנאָווער רבינס הויף, שפּעטער געלערנט אין די אונגאַרישע ישיבות און ביים בוהושער רבין, אין בוהוש זיך בגנבה באַקענט מיט דער יידישער ליטעראַטור, מיט דעם ציוניזם, זיך אָפּגעקערט פון חסידות, אָנגעשריבן אייניקע בראָשורן „צום יונגן דור", וואָס זיינען אַרויסגעגעבן געוואָרן פון היימישע גרופּעס און שפּעטער טיילווייז פאַרעפנטלעכט אין „נייעם לעמבערגער טאָגבלאַט" א"ר פון גרשם באַדער. פון בוהוש אַנטלאָפן קיין בוקאַרעשט, וואו זיך געווידמעט דעם יידישן טעאַטער אונטער דער דירעקציע פון מ. סעגאַלעסקאָ, פאַרפאַסט אַ 4אַקטיקע דראַמע א"ט „דער תם",

וועלכע איז אויך איבערגעזעצט געוואָרן אויף רומעניש, געשריבן איינאַקטערס פאַר אַמאַטאָרן־גרופּעס, געווען טעטיק, אויך אין באָטאָשאַן און טשערנאָוויץ. שפּעטער אַלס מענעדזשער פון דעם שוישפּילער און טעאַטער־דירעקטאָר **יוסף קעסלער** (געב׳ אין אונגאַרן) אַריבערגעקומען קיין אַמעריקע, האָט ער איבערגענומען אַן אייגענעם טעאַטער אין באָסטאָן, 1919 חתונה געהאַט אין פילאַדעלפיע מיט דער יונגער סובּרעטין מאַלי פּיקאָן (געב׳ 1/VI 1898 אין נ״י), געמאַכט מיט איר אַ 2יעריקן טורנע איבער אייראָפּע (לאָנדאָן, פּאַריז, ווין, רומעניע, פּוילן א״אַ), וואו זי איז דערהויפּט אויפגעטרעטן אין זיין אָפּערעטע „יענקעלע" אין דער טיטל־ראָלע (פון אַ יינגעלע), דאַן מיט איר צוריקגעקומען קיין אַמעריקע, וואו זי איז גאָר גיך באַרימט געוואָרן אַלס טאַלענטפולסטע אָפּערעטנשוישפּילערין און מיט איר הילף האָט ק׳ אַוועקגעשטעלט די יידישע אָפּערעטע אויף אַ העכערער מדרגה און דערגרייכט אַ זייער גרויסן ערפאָלג. צוערשט אָפּערעטן־רעזשיסער און שוישפּילער פון „סעקאָנד־עוועניו־טעאַטער" (אַמאָל דער טעאַטער פון דעם גרויסן יידישן שוישפּילער דוד קעסלער), האָט ער 1926 בשותפות מיט דעם קאָמפּאָזיטאָר יוסף רומשינסקי איבערגענומען דעם דאָזיקן גרעסטן יידישן טעאַטער אויף דער וועלט מיט מאַלי פּיקאָן אַלס סטאַר.—ק׳ האָט פון צייט צו צייט געדרוקט חסידישע סקיצן, נאָוועלן, בילדלעך, רייזע־באַשרייבונגען, אַרטיקלען, לידער אאַז״וו אין די נ״י׳ער יידישע צייטונגען, ווי „וואַרהייט", „די צייט", „דער אידישער קעמפּפער", „דער טאָג", „יידישעס טאַגעבּלאַט", אויך אין דער פּראָווינציעלער יידישער פּרעסע פון אַמעריקע, קאַנאַדע און פּוילן, אין דעם וואָכנבּלאַט פון ק. מרמר „דער קונסטפריינד" (דער אָנהייב פון אַ סעריע „לעגענדען פון אידישע פאָלקס זשעניען. / וועלוועלע בּדחן"—וואָלף ערענקראַנץ), דעם נ״י׳ער „טעאַטער שטערן" (פּאָרטרעטן פון יידישע שוישפּילער) אאַז״וו. זיין פּאָפּולערסטע פּיעסע „יענקעלע", געשריבן פאַר מאַלי פּיקאָן, איז מיט גרויס ערפאָלג אויפגעפירט געוואָרן אויך פון פאַרשיידענע אַנדערע יידישע אָפּערעטנטעאַטערס. האָט אויך פאַרפאַסט די דראַמען „דער קצב", „דער שמש", „גאָטס משפט". זיין קינדער־פאַנטאַזיע „אַ קינדער־שפּיל" איז איבערגעזעצט געוואָרן אויף העברעיש, פּויליש, רומעניש, דייטש, טשעכיש און אונגאַריש. נאָך ניט אויפגעפירט געוואָרן זיינען זיינע „פּיניע — אַ בבא־מעשהלע" און „מאָטעלע — אַ קינדער־פאַנטאַזיע". — איז נאָמן פון דעם פאַרלאַגסקאָמיטעט פון זלמן זילבערצווייגס „לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער", וואָס ווערט אַרויסגעגעבן אונטער דער השגחה פון דער „יידישער אַקטיאָרן־יוניאָן" אין נ״י (פאָרזיצער פון קאָמיטעט—מאַקס געביל).

י. מעסטעל, „גאַליציאַנער ביים אַמעריקאַניש־יודישן טעאַטער", אין לעמבערגער „טאָגבלאַט", 1926, 63; Who's Who in American Jewry (פּיקאָן מאַלי); ד״ר א. מוקדוני, „טעאַטער", ז׳ 121—133; משה נאַדיר, „מיינע הענט האָבן פאַרגאָסן דאָס דאָזיקע בלוט" (אויסגאַבע פון פ״ג ב. קלעצקין).

קאַלמאַנסאָן אלחנן (י״ד שבט 1857—) געב׳ אין שקלאָוו, מאָהליעווער גוב׳, אין אַ משפחה פון תלמידי־חכמים און שריפטשטעלער. זיין זיידע, אלחנן ק׳, נאָך וועמען ער איז אַ נאָמען, האָט קאָרעספּאָנדירט מיט שמואל־דוד לוצאַטאָ און מיט אַנדערע גדולים פון זיין דור, און נאָך זיין טויט האָט א. צווייפעל געשריבן אויף אים: „אלחנן

„כמות ירגז ארץ ושמים, כי מעטים כמהו נשארים בין החיים". זיין פאָטער, משה קאַלמאַנסאָן (געב׳ ח׳ כסלוו 1836 אין מאָהליעוו), אַ העברעיִשער שריפטשטעלער, דער מחבר פון „עשרה מאמרות", וואָס האָט זיך בשעתו גערעכנט פאַר אַ וויכטיק ווערק אין דער העברעיִשער דערציִונגס־ליטעראַטור,



פון „ענות עני" (בראָד, 1884, ז׳ 152), פון „דברים אחדים / מאמרים ושירים חדשים גם ישנים" (ווילנע, 1894), האָט זיך אויך באַטייליקט אין „יודישען פאָלקסבלאַט". צו 13 יאָר האָט אלחנן ק׳ פאַרלאָזט זיין געבוירנשטאָט און אַ יאָר 4 פאַרבראַכט אין אָסטער, טשערניגאָווער גוב׳, דאַן געקומען מיט די עלטערן קיין קיעוו, וואו אונטער דער דירעקטער השפּעה פון ד״ר יצחק קאַמינער און יהל״ל אָנגעהויבן צו נעמען אַן אַקטיוון אָנטייל אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, דורך קאַמינערן און יהל״לן געשיקט קיין באַרדיטשעוו מיט אַ טראַנספּאָרט פּראָקלאַמאַציעס אויף יידיש און רוסיש צו פּראָפּאַגאַנדירן דעם סאָציאַליזם אויף דער יידישער גאַס, זיך דאָרט באַקענט מיט יהושע־מרדכי ליפּשיצן, וויזט אויס אונטער זיין ווירקונג געוואָרן אַן איבערצייגטער אָנהענגער פון דער יידישער שפּראַך און פאַרטיידיקט זי קעגן די „זשאַרגאָן־פרעסערס", באַטייליקט זיך אין די דעמאָלטיקע העברעיִשע אויסגאַבן, ווי „המגיד", „המליץ", „הצפירה", „עברי אנכי", כנסת הגדולים" א״אַ. וואוינענדיק ביזן ביילים־פּראָצעס אין קיעוו, וואו ער איז געווען בוכהאַלטער ביים קיעווער פאַבריקאַנט וואַרשאַווסקי, איז ער אונטער דעם איינפלוס פון ד״ר פינסקער אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער ציוניסטישער באַוועגונג, שפּעטער אַגב צוגעצויגן צום ציוניזם אויך פּראָפ׳ מאַנדעלשטאַמען, געשטאַנען אין נאָענטע באַציִונגען מיט דער דעמאָלטיקער ליטעראַרישער משפּחה אין קיעוו (יהל״ל, א״מ שאַצקעס, אליעזר אַטלאַס, א׳ צווייפעל, אלעזר שולמאַן, מ״מ וואַרשאַווסקי א״אַ), געווען אַן אַקטיווער אָנטיילנעמער פון ש״ע׳ס אינטימען ליטעראַרישן קרייז „מאָנטאָג און דאָנערשטאָג", איינער פון די ערשטע אויפגעמונטערט צום שרייבן דוד בערגעלסאָנען, מיטגעהאָלפן ב. באַלזאַקן אַרויסצוגעבן זיין ספר „תורת האדם" אאַז״וו. האָט אויך פון צייט צו צייט פאַרעפנטלעכט פאַרשיידענע אַרבעטן אויף יידיש, העברעיִש און רוסיש אויף טעמעס פון ליטעראַטור, רעליגיע, יידישער עטיק, סאָציאַליזם אאַז״וו, צ״אַ אין בוכפאָרם Земля и Народъ (קיעוו, 1906) און „דאָס לעבעדיגע וואָרט / היסטאָריש־קריטישער עטיוד" (קיעוו, 1910, ז׳ 29), וואו ער טרעט אַרויס אַלס הייסער איבערצייגטער יידישיסט, אָפּפרעגנדיק די אַרגומענטן פון די העברעיִסטן מכּל המינים און קומענדיק צום אויספיר, אַז „נישט לשון־קדש האָט בעשאַפען דעם יודענטום, נאָר דאָס יודענטום האָט בעשאַפען דעם לשון־קדש ווי אַ נויטיגעס ווערקצייג און דאָס יודישע פאָלק האָט, כדי צו בעהיטען זיך פון פרעמדע שפּראַכען, פון פרעמדע פליסונגען, בעשאַפען אַ נייעם ווערקציג — די אידישע שפּראַך. פון דעם שטאַנדפּונקט איז די [יידישע] שפּראַך „דאָס יודענטום אַליין..." אאַז״וו. נאָכן ביילים־פּראָצעס איז ק׳ אַריבערגעפאָרן קיין א״י, וואו ער האָט באַקומען דעם פּאָסטן פון אַ פרידנסריכטער, גלייכצייטיק ווייטער געפירט

זיין געזעלשאַפטלעכע און ליטעראַרישע טעטיקייט, צ״אַ פאַרעפנטלעכט אַ בראָשור א״ט „הרהורים / על שירתנו הצעירה״ (יפו, תרע״ט, ז׳ 39). 1922 פאַרלאָזט א״י און זיך באַזעצט אין ריגע, וואו באַטייליקט זיך אין דער אָרטיקער יידישער פרעסע, לעצטנס פאַרעפנטלעכט אין „פרימאָרגן״ (טיילווייז איבערגעדרוקט אין „ווילנער טאָג״) אַ סעריע ווערטפולע זכרונות וועגן ד״ר יצחק קאַמינער, יהל״ל, שאַצקעס, ב. באַלזאַק, י״מ ליפשיץ, יהושע מזה, אליעזר אַטלאַס, מיכל גאָרדאָן א״אַ.

קאַלמוס אולריך — האָט געלעבט אין אָדעס, אויף פערעסיפ, וואו ער האָט געהאַט אַן אייגן הויז, קיין אַנדערע ביאָגראַפישע פרטים זיינען פון אים ניט באַקאַנט, אַחוץ וואָס ער שרייבט אַליין אין זיין בריוו צו ש״ע 1889 (אַן אַלטער מאַן, „וועלכער האָט ב״ה אָהן ירושה פערזאָרגט קינדער, אונ לעבט ב״ה יעצט, אויף דער אֶלטער, פון אַ רענטע מיט, ניט צו פערזינדיגען, אַ גאַנץ שאֶנעם נאָמען, וואָס עס איז נאָך אַ גאַנץ גרויסער ספק, אויב זיינע קריטיזירער וועלען האָבען אין זיין אֶלטער אַזאַ נאָמען״). זיין ליטעראַרישע טעטיקייט האָט ער אָנגעהויבן אין „קול מבשר״, 1866, מיט אַ נאָטיץ וועגן אָננעמען זיך פאַר די אָרעמע מענטשן, וואָס פאַלן אַריין צוליב אַ פאַספאָרט אין דער אָדעסער פאָליציי (ז׳ 466) און מיט אַ מעשה וועגן אַ וואָכערניק („דער בעל יושר—אַ שקאָנטיסט פון וואָכענגעלד״, 1869, ז׳ 514). שפּעטער, ווען דער „קול מבשר״ איז אַריבער צו בעלינסאָנען (זע צעדערבוים), האָט ער, ווייזט אויס, באַקומען אַ נעבענטערן צוטריט צו דער צייטונג, געשריבן דאָרט אַפילו אייניקע לייטאַרטיקלען, אויך א״פ U. K. („אחינו בני ישראל הנתונים בצרה ובשביה״, „צעקת הדל״, „דער יודישער תכלית״, „די ווינטערפראַגע״, „אַ פרנסה בכבוד״), אין וועלכע אַרויסגעוויזן פונקט אַזאַ קנאַפּע פובליציסטישע באַגאַבונג, ווי אין זיינע פעליעטאָנען „צדוק לאָקש״ און די „צואה״ (קו״מ, 1871, 41 — 42) אַ פעליעטאָניסטישע. איין פעליעטאָן „יעקעלע״ האָט ער אויך פאַרעפנטלעכט אין דעם יורש פון „קול מבשר״—ליניעצקיס „ישראליק״. אַ קנאַפּן ליטעראַרישן ווערט האָבן אויך זיינע דראַמאַטישע און בעלעטריסטישע ווערק, פון וועלכע עס זיינען אין בוכפאָרם אַרויס: „אַ זעלטענער ברית אונ אַ גינאַרטע חתונה / טהעאַטער אין פיער אַקטען״ (אָדעס, דרוק אולריך און שולצע, 1871; נייערע אויסגאַבע א״ט „גישיכטע פון אַ זעלטנים ברית״ — וואַרשע, 1882, ז׳ 72) — אַ פאַרס, מיט אַ אַנטיחסידישער טענדענץ, אויסגעצייכנט דורך אַ זאַפטיקער פאָלקסטימלעכער דיאַלעקטיש-פוילישער שפּראַך און דורך דעם וואולגאַרן גראָבלעכן הומאָר, וואָס איז שפּעטער געוואָרן אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר דער יידישער אָפּערעטע; „דער לעבעדיגער יתום״ (אָדעס, 1876); „דער קאָמיסיאָנער וועלוועלע טאַרעראַמשטשיק״ — טעאַטער-שטיק אין 5 אַ׳ (ווילנע, 1879); „אַ ווייב איין ארורה אונ אַ מאַן אַ מלאך / איינע זעהר אינטערעססאַנטע בעגעבענהייט״, ביילאַגע צום „יודישען פאָלקסבלאַט״ (פט״ב, 1887, ז׳ 24); „מוזיניקל״ — דערציילונג (וואַרשע). זיין לעצטער חיבור איז, ווייזט אויס, געווען „דער גרויסער טראָפּפער אָדער דער געווינסט פון די 200,000 רובל. / טהעאַטער אין פיער אַקטען״ („ביילאַגע צום יודישען פאָלקס-בלאַט״, 1888, 6—12, ניט פאַרענדיקט), וואָס איז אויסגעלאַכט געוואָרן פון ש״ע אין זיין פאַמפלעט „שמר׳ס משפט״ (ז׳ 93). דערויף האָט

ק׳ אָפּגעדרוקט „א׳ב־אַפּפּענעם בריעף אַן שלום־עליכם" (אין „יודישען פאָלקסבלאַטט", 1889, 9 — 10), פול זילזולים און טעמפּקייטן, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר די ליטעראַרישע זיטן פון יענער צייט און אויך פאַר דער פּערזענלעכקייט פון ק׳ (צ״אַ שרייבט ער אין זיין בריוו מיט גאווה: „חאָטש איך האָב פיעל געשריעבען, אונ שרייב נאָך עד היום הזה אין זשאַרגאָן, אָבער לעזען, לעזי איך קיינמאָל ניט קיין זשאַרגאָנ־חבורים" אאַז״וו). נאָך דעם דאָזיקן בריוו, אין צוזאַמענהאַנג מיט דער גאַנצער ווילדער קאַמפּאַניע פון י. לעווי אין „פאָלקסבלאַט" קעגן דער יידישער שפּראַך, ליטעראַטור און די יידישע שריפטשטעלער מיט מענדעלען, ש״ע און ספּעקטאָרן בראש, האָט ש״ע איבערגעריסן מיט דער צייטונג.

L—M (ליליענבלום), רעצענזיע אויף ק׳ס „זעלטענעם ברית" אין „קול מבשר", 1871, 20—21; ל. ווינער, YL.

קאַמזאָן יעקב־דוד (13/V 1900 —) געב׳ אין וואַרנע, קאָוונער געגנט. ביז 12 יאָר געלערנט אין חדר, דערנאָך—ביז 18 יאָר—אין דער טעלזער ישיבה, וואו ער האָט אָנגעהויבן צו שרייבן שירים. זינט 1919 פאַרבראַכט עטלעכע יאָר אין דייטשלאַנד, האָט ער דעביוטירט 1920 אין דער העברעישער און יידישער אָפּטיילונג פון דער בערלינער Jüdische Presse, דערנאָך פאַרעפנטלעכט זיינע לידער אין אַנדערע אויסגאַבן, ווי דעם בערלינער אילוסטרירטן וואָכנבלאַט „די וועלט", „העולם", „הפועל הצעיר" אאַז״וו, געאַרבעט אויף איבערזעצונגען פון דער קלאַסישער מיטלעלטערלעכער העברעישער ליטעראַטור אויף יידיש, אַרויסגעגעבן די קינדער־ביכלעך אין פערזן „חתונה ביער", „התינוקות", „צעצועים ופרחים" (פ״ג „מנורה", בערלין־ווין, 1922). לעצטנס זיך באַזעצט אין א״י, וואו געהאַט דעם מוט אַרויסצוגעבן — אמת בתנאי ניט צו פאַרשפּרייטן עס אין לאַנד—דאָס יידישע ביכעלע „פון ספר רזיאל המלאך" (ירושלים, תרפ״ו, ז׳ 32, מיט אַ הקדמה פון דוד האָפּשטיין), וואָס האָט געצויגן אויף דעם יונגן דיכטער די אויפמערקזאַמקייט אין די יידישע ליטעראַרישע קרייזן, אויך פון ש. ניגער, וועלכער האָט אים געווידמעט אייניקע וואַרעמע שורות אין „טאָג". האָט אויך פאַרעפנטלעכט לידער אין „צוקונפט" זינט 1925, צ״אַ די סעריע „ירושלים", וואו ער באַזינגט אין דורכגעפילטע פערזן די אַלט־נייע הייליקע שטאָט, און אַ ריי לידער פון זיין היימישן שטעטל, אויסגעצייכנט מיט זייער אייגנאַרטיקן טאָן.

קאַמייקאַ ז. ב. (15/IX 1879 —) געב׳ אין אָניקסט, קאָוונער ליטע, אין אַ באַלעבאַטישער פאַמיליע. געלערנט אין דער אַלטער קלויז אין ווילנע און אַלעקסאָט. 1899 אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע. האָט געשריבן סקיצן אין „אידישען העראַלד" און „פאָלקס־אַדוואָקאַט" און זינט 1903 פאַרן שיקאַגער „אידישען קוריער", געווען אויך אַ מיטאַרבעטער פון ב״ר־ער „יידישען טאַגעבלאַט", זיך אויך באַטייליקט אין דער ווינער יידישער „וועלט" 1899—1900. זינט 1910 זיך צוריקגעצויגן פון ליטעראַרישער טעטיקייט און פירט אַן אַסעקוראַציע־געשעפט אין שיקאַגאָ, וואו ער איז אויך טעטיק אַלס כלל־טוער אין פאַרשיידענע פילאַנטראָפּישע אַנשטאַלטן און ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס. אַלס וויצעפּרעזידענט פון דער ליטוויש־אַמעריקאַנישער האַנדלס־קאַמער האָט ער

1923 באַזוכט ליטע, דאַן אויך געפאָרן אויפן ציוניסטישן קאָנגרעס אין קאַרלס־באַד. אין בוכפאָרם אַרויסגעגעבן: „אידי־שע וועלטען / ערצעהלונגען / סקיצען / און בילדער" (דרוק פון י. שאַפּיראָ, שיקאַגאָ, 1912, ז' 200, מיטן בילד פון מחבר), וואו עס ווערן אַרויסגעפירט אין רעאַליסטישע טענער טיפּן און ביל־דער פון דער אַלטער היים און דעם יידישן געטאָ אין דער נייער וועלט.

קאַמינסקי אַברהם־יצחק (1867—III/1918) געב' אין וואָליאַ, פאַרשטאָט פון וואַרשע, אין אַ פרומער באַלעבאַ־טישער פאַמיליע. געבליבן צו 7 יאָר אַ יתום פון פאָטער, איז ער אָפּגעגעבן געוואָרן אין וואַרשעווער תּלמוד־תּורה, שוין דאַן אַרויסגעוויזן זיינע פעיִקייטן אַלס קאָמיקער, פריילעך מאַכנדיק די חברים זיינע דורך פאַרשטעלן זיך פאַר אַ „בייזן טאַטן", אַ „קאַפּריזן רבין" אדג"ל. צו 11 יאָר האָט אים די מוטער אָפּגעגעבן פאַר אַ קאַמאַשנמאַכער און צו 16 האָט ער שוין געעפנט אַן אייגע־נעם וואַרשטאַט מיט 5 מאַשינעס. איינ־מאָל האָט אים זיינער אַ קוזין גענומען אין טעאַטער „עלדאָראַדאָ", וואו גאָלד־פאַדנס טרופּע האָט געשפּילט „דעם טרייפניאַק"; דאָס טעאַטערשטיק האָט געמאַכט אויף אים אַ געוואַלדיקן איינ־דרוק, ער האָט אָנגעהויבן צו פאַרנאַכ־לעסיקן זיין פּרנסה און איז געוואָרן אַן אָפטער באַזוכער פון דעם יידישן טעאַטער, ביז ער האָט ענדלעך פעסט באַשלאָסן אַליין צו ווערן אַן אַקטיאָר. 1887 האָט ק' צוזאַמענגעשטעלט אַ טרופּע פון אַמאַ־טאָרן און איז אַוועקגעפאָרן אין אַ קליין שטעטל שפּילן טעאַטער. באַלד איז אָבער צוגעשפּרונגען דער פּריזיוו, מ'האָט אים אָפּגעגעבן אין מיליטער און אויך אין פּאָלק האָט ער מיט זיינע קאָלעגן זעל־נער אויפגעפירט טעאַטער־שטיק אין רוסיש און אין יידיש. צוריקגעקומען פון מיליטער איז ער נאָך גרויס מי אָנ־גענומען געוואָרן אַלס אַקטיאָר אין דעם טעאַטער פון אַ געוויסער אַלגינסקאַיאַ, אַ רוסינטע, וועלכע האָט באַקומען דער־לויבעניש צו שפּילן אַ פּאָר מאָל אין וואָך אויף יידיש אין איר טעאַטער. אין דעם טעאַטער האָט אויך געשפּילט אַ פריילין האַלפּערן, אין 1893 האָט ער מיט איר חתונה געהאַט, און שפּעטער איז זי באַרימט געוואָרן אַלס „די מאַמע פון יידישן טעאַטער", „די יידישע דוזע", די גרויסע יידישע דראַמאַטישע אַרטיסטין אסתר־רחל קאַמינסקי (1870—27/XII 1925). שטרעבנדיק זיך צו פאַרפולקומען אין דער שוישפּילערישער קונסט, האָט ק' זיך אויך אָנגעהויבן לערנען אַלגעמיינע בילדונגסגעגנשטאַנדן און דאָס האָט אים מיטגעהאָלפן צו אַנטוויקלען זיינע פעיִ־קייטן און געשמאַק. ער האָט פאַרפאַסט אַ קאָמעדיע א"ט „די אידישע אַקטיאָרען אויף דער רייזע" (צוערשט פאַרעפנט־לעכט אין דער „ראָמאַנצייטונג", דאַן אַרויס אויך אין בוכפאָרם אין פ"ג „בי־כער פאַר אַלע" (וואַרשע, 1908, ז' 64), אין וועלכער ער שילדערט די צרות און טילטולים פון אַ יידישער וואַנדער־טרופּע. גאָרין פאַרצייכנט נאָך צוויי דראַמען פון אַלעקסאַנדער (?) ק' — „די צעריסענע נשמות" און „די פאַרבלאָנדזשעטע". אַחוץ דעם האָט ק' אויך איבערגעזעצט אויף יידיש מ. גאָרקיס „אויפן דעק", שילערס „רויבער", מאָליערס „דער איינ־געבילדעטער קראַנקער" און נאַידיאַנאָווס „וואַניושינס קינדער", מיט וועלכע עס איז פאַרבונדן אַ נייע עפּאָכע אין דער געשיכטע פון יידישן טעאַטער נאָכדעם ווי ס'איז אַראָפּגענומען געוואָרן דער פאַרבאָט. אַלס שוישפּילער האָט ער

באַזעסן גרויסע פעיִקייטן מיט אַ זייער אַנטוויקלטער אַקטיאָרישער טעכניק, הגם אַ ביסל פּרימיטיוו, פון דעם אַלטן חדר; עס האָט אים אויך געשאַדט, וואָס ער האָט געזוכט צו שפּילן אין אַלע מינים פון דער סצענישער קונסט, אין דראַמע, אָפּערעטע, וואָדעוויל און פאַרס. ער איז ליידנשאַפטלעך איבערגעגעבן געווען דעם יידישן טעאַטער און אַלס דירעקטאָר האָט ער אויך געהאַט היבשע פאַרדינסטן פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער יידישער בינע.

מ. קיפּניס, „נאָכן טויט פון א. י. ק׳“, אין „היינט“, מערץ 1918; בריוו פון אסתר=רחל ק׳ן מיט דערקלערונגען און אריינפיר פון מארק טורקאָוו“ (פ״ג ב. קלעצקין, 1927, ז׳ 158); אווטאָביאָגראַפיע פון א״ר ק׳, אין „ליטעראַרישע בלעטער“, 87; „דערנער און בלומען“—מעמוארן פון א״ר ק׳, אין „מאָמענט“, 1926; ד״ר א. מוקדוני „טעאַטער“, ז׳ 99—105.

קאַמענעצקי אַבּרהם=שלום (3/X 1874—) געב׳ אין סלאָנים, גראָדנער געגנט, אין אַ פאַרמעגלעכער פאַמיליע. באַקומען אַ יידישע חדר=דערציִונג און געלערנט ביי פּריוואַטע לערער אויך גימנאַזיאַלע לימודים, זינט 1898 שטודירט אָריענטאַלישע שפּראַכן און פילאָסאָפיע אין היידעלבערג, ברעסלע, בערלין, גיסען און בערן, 1903 באַקומען דעם טיטל ד״ר פילאָסאָפיע פאַר זיין דיסערטאַציע Die P'šita zu Koheleth (פאַרעפנטלעכט אין דער Zeitschrift für die alttestamentliche Wissenschaft, 1904). האָט רעדאַקטירט פון ב׳ VIII אָן די ביבלישע אָפּטיילונג פון דער EЭ, וואו אויך פאַרעפנטלעכט אַ ריי אַרטיקלען, געהאַלטן לעקציעס איבער תּנך, העברעיִשער און כאַלדעיִשער גראַמאַטיק אויף די הויכע קורסן פאַר אָריענט=קענטשאַפט אין פּט״ב (געגרינדעט פון באַראָן גינצבורג), אַרויסגעגעבן אַ קריטישע איבערזעצונג פון „תּהלות שלמה“ און „עלית משה“ אאַז״וו. שפּעטער זיך באַזעצט אין וואַרשע, אַ געוויסע צייט געווען ביבליאָטעקאַר פון דער סינאַגאָגע = ביבליאָטעק, לעצטנס לערער אין לאָדז. האָט זיך באַטייליקט אין פאַרשיידענע העברעיִשע צייטשריפטן, צ״אַ אין „השלח“, 1920 געווען מיטאַרבעטער פון „הצפירה“. אין יידיש געשריבן פון צייט צו צייט אין „היינט“, „מאָמענט“, „אַלטניילאַנד“, „ביכערוועלט“ א״אַ, דערהויפּט אויף טעמעס פון יידישער געשיכטע, ביבל=קריטיק אדג״ל.

EЭ, IX.

קאַמעניעצקי יוסף (ו׳ אב 1876 —) געב׳ אין פּינסק. זיין פאָטער, שמואל, אַ תּלמודיסט און אַ משכּיל, האָט זיך באַטייליקט אין דער העברעיִשער פּרעסע. צו 6 יאָר געבליבן אַ יתום פון דער מוטער, ביז 10 יאָר געלערנט אין חדר, דאַן אַריבערגעפאָרן צום פאָטער קיין לידע, געלערנט העברעיִש



און גמרא, צו 14 יאָר אָנגעקומען אין אַ יידיש=רוסישער אָנפאַנגסשול, צו 16 — אין ווילנער יידישן לערער=אינסטיטוט. 1896 באַשטימט אַלס לערער אין נעוועל, וויטעבסקער גוב׳, גענומען אַן אָנטייל אין דער אַרבעטער=באַוועגונג, אָרגאַניזירט דעם ערשטן שטרייק פון די אָרטיקע בערשטער (1898), דאַן געאַרבעט אין אַ יידיש=רוסישער שול אין וועליזש, אַ סעמעסטער שטודירט אין בערלינער אוניווערסיטעט, 1902 זיך באַזעצט אין ווילנע אַלס לערער פון נאַטורוויסנשאַפט און געשיכטע אין די רוסיש=יידישע מיטלשולן פון פר׳ מאַרקוסאָן

און סאָפיע גורעוויטש, 1906—7 געאַר=
בעט אויף צו אָרגאַניזירן די יידישע
סעקציע פון אַלרוסלענדישן לערער=
פאַראיין, געווען פאָרזיצער פון צ"ב,
געגרינדעט גרופּעס אין וויטעבסק, מינסק,
אָרשע, מאָהליעוו, האָמעל, געווען אַרעס=
טירט אויף דער ערשטער קאָנפערענץ
פאַר אַ יידישער שול אין ווילנע, פּסח
1907 (זע פלודערמאַכער), 1908 — 15
געווען טעטיק אין דער ליטעראַריש=מו=
זיקאַלישער געזעלשאַפט, געהאַלטן לעק=
ציעס פאַר קינדער און דערוואַקסענע אויף
רוסיש און יידיש, אָרגאַניזירט יידישע
אָוונטן פאַר קינדער, איבערגעזעצט לי=
דער און קליינע פּיעסן פאַר קינדער
(דריי פון זיי אַריין אין בולקינס זאַמל=
בוך פון קינדער=לידער), 1912 א"פ
י. לידער און И. Лидскій אָפּגעדרוקט
אַ פּאָר אַרטיקלען אין „לעבען און וויסענ=
שאַפט" („וואָס איז אַזוינס ליקוי חמה"
א"אַ) און Вѣстнккъ Ope. 1915 אַרויס=
געפאָרן פון ווילנע אַלס מורשה פון
„חברה מפיצי=השכלה" פאַר וויטעבסקער
און מאָהליעווער גוב', אָרגאַניזירט יידישע
שולן אין ניזשעגאָראָדער גוב', געאַר=
בעט אויך אין די גוב' טולע, ריאַזאַן,
וולאַדימיר, טאַמבאָוו און וואָראָניעזש.
נאָך דער ליקווידאַציע פון חמ"ה געווען
1919 — 22 לערער אין סאַראַטאָוו אין
יידישן שול=קלוב „יוגנט" און דערנאָך
אין דער יידישער קינדערהיים, אַלס
אָנפירער פון דראַמאַטישן קרייז אָנגע=
שריבן עטלעכע קינדערפּיעסן, אינסצע=
נירט ש"עיס „מאָטל פּייסי דעם חזנס",
איבערגעזעצט פּאָעמען און לידער פון
זשוקאָווסקי, לערמאָנטאָוו, נעקראַסאָוו,
יאַזיקאָוו, טיוטשעוו, פעט א"אַ. זינט
1922 אין מאָסקווע, געאַרבעט אַלס לע=
רער פון געאָגראַפיע אויף אַ אַרבפאַק
(אין רוסיש), צונויפגעשטעלט אין יידיש
אַ געאָגראַפישע כרעסטאָמאַטיע (צום טייל
פון אָריגינעלע באַשרייבונגען, צוליב
וואָס באַזוכט קאַווקאַז, דאָנבאַס, מור=
מאַנער געגנט, וואָלגע, לענינגראַד, מאַר=
יענוואַסערוועג אאַז"וו), א"ט „די ערד—
אַ ווערקשטוב פאַרן מענטשן" (צענטראַ=
לער פ"ג פון די פעלקער פון פסס"ר,
מאָסקווע, 1925, אין 2 ט', ז' 152 און
144 ; געווידמעט דעם אָנדענק פון זיין
פרוי, דער לערערין און רעוואָלוציאָנע=
רער טוערין העלענע ק', געב' שערע=
שעווסקאַ). אין דער באַאַרבעטונג פון
דעם מחבר איז דאָס בוך נאָכדעם אויך
אַרויס אויף רוסיש א"ט Земля и Человек
(מלוכה=פ"ג, 1925). איבערגעזעצט אויף
יידיש ג. א. איוואַנאָווס „העפטן פאַר
זעלבשטענדיקע אַרבעטן אויף געאָגראַ=
פיע" א"אַ. שרייבט אויך פּאָפּולערוויסנ=
שאַפטלעכע און געאָגראַפישע אַרטיקלען
און רעצענזיעס אין „עמעס", „אויף די
וועגן צו דער נייער שול" אויך א"פ
י. ק., י. קאַמ., לערער.

קאַמפּער מ. (1883 —)
געב' אין בוטשאַטש, מזרח=גאַליציע. שטו=
דירט יוריספּרודענץ און פילאָסאָפיע אין
ווין, קראָקע און לעמבערג און באַקומען
דעם טיטל ד"ר יורי. זיין ליטעראַרישע
טעטיקייט אָנגעהויבן אין דער סאָציאַליס=
טישער און אַנאַרכיסטישער פּרעסע אויף
פּויליש און דייטש. שפּעטער אייניקע
יאָר געלעבט אין כעלעם אַלס לערער
אין אַ פּויליש=יידישער מיטלשול, זיך באַ=
קענט מיט דער יידישער ליטעראַטור און
זינט 1919 פאַרעפנטלעכט אין דער פּויליש=
יידישער פּרעסע, ווי וואַרשעווער Nasz
Kurjer, לעמבערגער Chwila און קראָ=
קעווער Nowy Dziennik זייער פיל אַר=
טיקלען און רעצענזיעס וועגן יידישער
ליטעראַטור און יידישן טעאַטער. ניט
דורכלאָזנדיק כמעט קיין איין ערשיינונג

אויף דעם געביט. די לעצטע יאָר וואוינט ק׳ אין קראָקע אַלס איינער פון די הויפּטמיטאַרבעטער פון דעם ציוניסטישן Nowy Dziennik, א״ר פון ד״ר בערקעלהאַמער, וואו ער פירט די ליטעראַרישע אָפּטיילונג. איז געווען אַ מיטגליד פון דעם יידישן טעאַטער־קאָמיטעט, וואָס האָט אין ווינטערסעזאָן 1926—27 געגרינדעט אַ יידישן קינסטלערישן טעאַטער אונטער דער אָנפירונג פון יאָנאַס טורקאָוו און שפּעטער פון אברהם מאָרעווסקי.

קאַמראַש וואָלף (1822 — ?)

געב׳ אין בערדיטשעוו, משמעות — אין אַן אָרעמער פאַמיליע. אַלס שילער פון דעם 7טן קלאַס פון דער ראַבינערשול אין זשיטאָמיר, וואוהין ער איז אָנגעקומען 1847 — אין דעם יאָר, ווען די שול האָט זיך געעפנט — האָט ער דעם 5טן נאָוועמבער 1854 צוזאַמען מיט נאָך 8 שול־חברים אויפגעפירט אין טעאַטער אין באַרדיטשעוו לטובת די פאַרוואונדעטע סאָלדאַטן פון דער קרימער מלחמה אַ פּיעסע אין יידיש. אויפגעמונטערט פון דעם מאָראַלישן און מאַטעריעלן ערפאָלג פון דעם ספּעקטאַקל, ווי אויך פון דעם דאַנק פון דער מאַכט פאַר דעם „פּאַטריאָטישן" אַקט, האָט ק׳ מיט די חברים געהאַט בדעה אויפצופירן אויך אין דעם זשיטאָמירער טעאַטער רוסישע און יידישע פּיעסן און האָט דערלאַנגט אַ השתדלות וועגן אַ דערלויבעניש צו שטעלן זיין פּיעסע אין יידיש „קהל און שטעטל" (ווייזט אויס, דיזעלביקע פּיעסע, וועלכע איז אויפגעפירט געוואָרן אין באַרדיטשעוו), אָבער די פּיעסע האָט ניט אויסגענומען ביי דער צענזור (ביי דעם יידישן צענזאָר דעם משומד פּיאַדאָראָוו) און די געהעריקע מאַכט האָט אַפילו געפונען פאַר נייטיק אויפמערקזאַם צו מאַכן, אַז די באַגריפן וועגן פערזענלעכע און געזעלשאַפטלעכע באַציונגען, וואָס ק׳ האָט אויסגעדריקט אין זיין דראַמע, באַווייזן ניט, אַז ער זאָל האָבן געקראָגן אין זיין בילדונג אַ גוטע „ריכטונג" און דער אינספּעקטאָר פון דער ראַבינערשול יעקב אייכענבוים האָט באַקומען אַ אינסטרוקציע אַכטונג צו געבן אויף דעם פאַרפאַסער פון דער „געפערלעכער" פּיעסע. אַזוי־אַרום איז דערשטיקט געוואָרן דער ערשטער פּרוּוו פון אַ יידישן טעאַטער אין רוסלאַנד. און אויך די פּיעסע ק׳ס איז פאַרלוירן געגאַנגען. געענדיקט די ראַבינערשול 1856, האָט ק׳ זיך משתדל געווען וועגן אָנקומען אויף דער שטעלע פון אַ „געלערנטן ייד" ביים קיעווער גענעראַל־גובערנאַטור, אָבער דאָס איז אים ניט געלונגען, און ער איז געוואָרן אַ לערער אין די קרוינישע יידישע שולן, צ״אַ געווען טעטיק אין שדה־לבן (1864) און אין אַ יאָר אַרום — אין לעטיטשעוו. פון יענער צייט שטאַמט זיין מעמאָראַנדום צום קיעווער גענעראַל־גובערנאַטאָר וועגן קרוינישע יידישע שולן, ראַבינערשולן, וועגן יידישער בילדונג בכלל; דער דאָזיקער מעמאָראַנדום איז געווען אַן ענטפער אויף דער אַנקעטע פון קיעווער גענעראַל־גובערנאַטור אין „קיעווליאַנין" 1864, 58 (צווישן די אַנדערע ענטפער־געבערס אויף דער אַנקעטע זיינען געווען אַזעלכע אָנגעזעענע פּערזענלעכקייטן, ווי ש״י אַבראַמאָוויטש, וואָס זיין ענטפער איז שפּעטער אַרויס מיט געוויסע הוספות אַלס בראָשור א״ט „עין משפט", אברהם־אורי קאָוונער, וועלכער האָט אויך טייל־ווייז פאַרעפנטלעכט זיין ענטפער אין בראָשורפאָרם א״ט „חקר דבר", ח״ז סלאָנימסקי, ראובן קולישער א״אַ). אין זיין מעמאָראַנדום, וואו ק׳ האָט אַגב אַרויסגעוויזן אַ ליטעראַרישן טאַלענט.

האָט ער פאָרמולירט דעם קוק, וואָס האָט בכלל געגאָלטן יענע יאָרן ביי דער יידישער אינטעליגענץ בנוגע די פראַגן פון יידישן לעבן, בנוגע די שטרייטנדיקע פאַרטייען פון דער אָרטאָדאָקסיע און דער פּראָגרעסיווער השכלה, ספּעציעל בנוגע דער פראַגע וועגן די צוועקן און וועגן פון דער יידישער בילדונג.

נ. שטיף, „וואָלף ק׳ און דער ערשטער יידישער ספּעקטאַקל אין רוסלאַנד״, אין „טעאַטער=בוך / זאַמלונג צום פופציקיאָריקן יובליי פונם יידישן טעאַטער״ (קאָאָפּעראַטיווער פ״ג „קולטור=ליגע״, קיעוו, 1927), ז׳ 21—38 (טיילווייז נאָך פריער פאַרעפנטלעכט אין „טעאַליט״, 1922, I).

קאַנטאָר אברהם (27/VII 1886 —) געב. אין דובראָווע, גראָדנער געגנט, אין אַ משפחה פון כלי=קודש. זיין פאָטער, אהרן, אַ קאָווגער פרוש, איז געשטאָרבן אַ חודש פאַר זיין געבורט, די מוטער איז געווען אַ שניטקרעמערין. געלערנט אין חדר און דערנאָך ביז 14 יאָר אין די ישיבות פון ביאַליסטאָק און ווילנע, אַלס ישיבה=בחור זיך באַקענט מיט דער העברעישער ליטעראַטור, געוואָרן אַן עקסטערן, זיך באַשעפטיקט מיט לערעריי, אַריין אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, געפירט אַ פראָפּאַגאַנדע צווישן מיליטער, אין רעזולטאַט פון וועלכער דער דובראָווער גאַרניזאָן האָט זיך צעבונטעוועט (1907), און ק׳ האָט געמוזט אַנטלויפן, אַוועק קיין ביירוט, וואו אַ סעמעסטער שטודירט אין אַמעריקאַנישן קאָלעדזש, צוליב מאַנגל אין מיטלען געמוזט פאַרלאָזן דעם קאָלעדזש, אַ האַלב יאָר געלעבט אַלס ערדאַרבעטער און שומר אין א״י, דערנאָך אַוועק קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, געלערנט זיך טערקיש אָנצוקומען אין אוניווערסיטעט, דאָרט זיך באַקענט מיטן יידישן אַנאַרכיסט מ. שאַפּיראָ, זיך ביי אים אויסגעלערנט שריפטזעצעריי און געוואָרן אַ זעצער, צוגעשטאַנען צום אַנאַרכיזם (הגם אין אַ אַנאַרכיסטישער אָרגאַניזאַציע זיך קיינמאָל ניט באַטייליקט), און 1911 אָנגעהויבן זיך צו באַטייליקן אין דער „פ. א. ש.״, אויך א״פ אַנאַרכיסט = אינדיווידואַליסט. שפּעטער אַוועק קיין לאָנדאָן, צוערשט געאַרבעט אַלס זעצער, דערנאָך אַלס פּרעסער ביי שניידעריי, געשריבן אין אַנאַרכיסטישן „אַרבייטער פריינד״ און אין ס״ד׳ישן „אַרבייטער=וואָרט״, בשעת דער מלחמה געווען סעקרעטאַר פון „דעם אַרבעטער=פאָנד״ — אַ אָרגאַניזאַציע צו העלפן די יידישע מלחמה=קרבנות אין רוסלאַנד, און פון „לאָנדאָנער יידישן טרייד=קאָנסול״ (ראַט פון די פּראָפּפאַראיינען), נאָך דער מערץ=רעוואָלוציע דעלעגירט פון דעם „טרייד=קאָנסול״ אין דעם אַ״ג „רוסישן דעלעגאַטן=קאָמיטעט״ — דער אָפיציעלער פאָרשטייערשאַפט פון דער רוסלענדישער עמיגראַציע אין לאָנדאָן, וועלכע האָט זיך דערהויפּט פאַרנומען מיט קאָנטראָלירן דעם צוריקפאָר פון די רוסישע פּאָליטישע עמיגראַנטן קיין רוסלאַנד. נאָך דער אָקטאָבער = רעוואָלוציע געקומען קיין פּט״ב, אַדאַנק דער רעקאָמענדאַציע פון געאָרג טשיטשערין, מיט וועמען זיך באַקענט אין „דעלעגאַטן=קאָמיטעט״, צוגעצויגן געוואָרן צו דער מיטאַרבעט אין דער ערשטער יידישער קאָמוניסטישער צייטונג „די וואַרהייט״, פון וועלכער געווען טעכנישער רעדאַקטאָר, זינט דאַן מיטאַרבעטער פון די יידישע סאָוועטישע צייטונגען, ווי „וואַרהייט״ פּט״ב, דערנאָך מאָסקווע, „קולטור און בילדונג״, א״ר פון ש. ניגער, „אמת״ און „עמעס״, „שטערן״, מינסק, דערנאָך ווילנע, „פרייער אַרבעטער״, וויטעבסק, א״אַ. נאָכן פאַרנעמען ווילנע דורך דעם פוילישן מיליטער געווען איינער פון די מיטגרינדער און מיטרעדאַקטאָר פון די „שבת=

נייס״, 1919, אַ געוויסע צייט אויך מיט=
געאַרבעט אין ווילנער „טאָג״, געווען אַ
לערער אין דער אָוונט=שול פון דער געז׳
„הילף דורך אַרבעט״, דערנאָך לערער
און פאַרוואַלטער פון דער יידישער שול
אין געלוואַן, לעבן קאָוונע. זינט 1920
אין מאָסקווע אַ מיטאַרבעטער פון „עמעס״
אַלס איבערזעצער. אַ ריי פון זיינע
איבערזעצונגען זיינען אויך אַרויס אין
בוכפאָרם, ווי: „די געשיכטע פון דער
רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין מיירעווי=
אייראָפּע״ פון צ. פרידלאַנד און א. סלוצקי
(זע); „דער וועג צום סאָציאַליזם און דער
אַרבעטער=פּויערישער בונד״—פון נ. בוכאַ=
רין (צענטראַלער פ״ג פאַר די פעלקער פון
פסס״ר, מאָסקווע, 1926, ז׳ 106); „טע=
טיקייט און פּערספּעקטיוון פון קאָמ=
אינטערן (באַריכט פון אויספּירקאָם פון
קאָמאינטערן אויפן 5טן קאָנגרעס)״—פון
ע. וואַרגאַ און ג. זינאָוויעוו (פ״ג „שול
און בוך״, מאָסקווע, 1924, ז׳ 110);
„סטאַטוט פון דער אַלפאַרבאַנדישער
קאָמוניסטישער פּאַרטיי״ (דערז׳ פ״ג,
1926, ז׳ 60); „די אָרדנטלעכע פּראָב=
לעמען פון דער אינטערנאַציאָנאַלער
קאָמוניסטישער באַוועגונג״—פון ג. זינאָווי=
יעוו (ביילאַגע צום „עמעס״, 1926, ז׳ 38);
„פּאָליטישער באַריכט פון צ״ק פאַרן
14 צוזאַמענפאָר״—איבערז׳ צוזאַמען מיט
קושנירעוו און כאַשטשעוואַצקי (פ״ג פאַר
די פעלקער, 1926, ז׳ 124); „די פּראָטאָ=
קאָלן פונ׳ם 14 פּאַרטיי=צוזאַמענפאָר״—
פון נ. בוכאַרין (ביילאַגע צום „עמעס״,
1926, ז׳ 118); „פּראָגראַם און סטאַטוט
פון אַלק״פ(ב)״ (פ״ג „שול און בוך״,
1927, ז׳ 144); „דער סאָציאַלדעמאָקראַ=
טישער אָפּנויג אין דער אַלק״פ(ב)״—פון
י. סטאַלין, איבערז׳ צוזאַמען מיט כאַשטשע=
וואַצקין (דערז׳ פ״ג 1927, ז׳ 171); „רע=
זאָלוציעס פון דער 15 קאָנפערענץ פון
אַלק״פ (ב)״—צוזאַמען מיט כאַשטשעוואַצ=
קין (פ״ג פאַר די פעלקער פון פסס״ר, 1927,
ז׳ 67); „מיר זיינען גרייט״—פון נ. בוכאַרין
(פ״ג „שול און בוך״, 1927, ז׳ 90); „קוקי=
רוזע״ — פון טאַלאַנאָוו — אַ ביכל פאַר
יידישע פּויערים, א״אַ פּאָליטישע און
וויסנשאַפטלעכע בראָשורן.

קאַנטאָר בער (15/III 1880 —
) געב׳ אין וואָרנאָ, קאָוונער געגנט,
אַלס זון פון שמואל חזן. באַקומען אַ
טראַדיציאָנעלע יידישע דערציִונג, גע=
לערנט גמרא. 1900 אויסגעוואַנדערט קיין
אַמעריקע, זיך באַשעפטיקט מיט פאַר=
שיידענע מלאכות און געשעפטן, גענומען
אַן אָנטייל אין דער אַרבעטער=באַוועגונג,
צוערשט אין דער סאָציאַליסטישער און
לעצטנס אין דער קאָמוניסטישער. זינט
1905 פאַרעפנטלעכט סקיצן און בילדער
פון אַרבעטער=לעבן אין אַמעריקע אין
„פ. א. ש.״, „פאָרווערטס״, „וואַרהייט״,
לאַנדאָנער „צייט״, געווען רעדאַקטאָר פון
דער אַרבעטער=אָפּטיילונג אין לואי מי=
לערס טאָגבלאַט „דער פיהרער״ 1915,
לעצטנס אַ מיטאַרבעטער פון דער „פריי=
הייט״, וואו ער שרייבט נייס און איבער=
זיכטן פון וויסנשאַפט און קונסט.

קאַנטאָר יאַנקל (1886 —)
געב׳ אין פינסק אין אַ פרומער סוחרישער
פאַמיליע. זיין פאָטער איז געווען אַ וואַלד=
מענטש, אַ וואַלד=בראַקאַר און צום סוף אַ
וואַלד = מעקלער.
ביז 13 יאָר גע=
לערנט אין חדר
און ביי מלמדים,
וואָס טייל פון
זיי זיינען שוין
געווען משכילים
געשטימט, און ער
האָט זיך גרינד=
לעך באַקאַנט מיט דער העברעישער
ליטעראַטור, צו 16 יאָר אַריין אין דער אָר=

טיקער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, אַרום 1903 געוואָרן אַ פּ"צ=טעריטאָריאַליסט, געפאָרן קיין וואַרשע אָנקומען אין אַ טעכנישער שול, אָבער אָנשטאָט דעם זיך פאַרנומען מיט אָנפירן די שטרייק=קאָמיסיע פון ס"ס, אין משך פון 1904—9 געאַרבעט אין די אָרפירנדיקע אָרגאַנען פון דער פאַרטיי אין פאַרשיידענע שטעט, ווי האָמעל, נאָוואָזיבקאָוו, מאָזיר, וואַרשע, ביאַליסטאָק, אַלס פאַרטיי=פּראָפּעסיאָנאַליסט. 1909—15 געווען טעטיק אין זיין געבורטשטאָט, וואו געווען גרינדער און לערער פון דער אָוונטשול פאַר דערוואַקסענע, אָנפירער פון אָרטיקן ס"ס=קאָמיטעט און פון פּראָפּ׳ ביוראָ, פון דער אָפּטיילונג פון „חברה מפיצי השכלה" אאַז"וו. 1916 געווען אויף קאַווקאַז, 1917—19 אין לעניגראַד, וואו זיך באַטייליקט אין דער אַרבעט פון „אָרט", „חמ"ה"; נאָך דער רעוואָלוציע — פאָרזיצער פון לעניגראַדער קאָמיטעט פון ס"ס, מיטגליד פון אָרגאַניזיר=קאָמיטעט צונויפצורופן דעם קהילות=צוזאַמענפאָר, איין צייט אויך אָנפירער פון דער לעניגראַדער אָפּטיילונג פון דער קיעווער „נייער צייט". 1919—24 פאַרוואַלטער פון בילדונגס=ביוראָ אין נאָוואָזיבקאָוו, פון גובערניאַלן ביוראָ אין האָמעל, מיטגליד און אויך פאָרזיצער פון האָמלער קאָמיטעט פון די „פאַראייניקטע", נאָכדעם פון „בונד" און שפּעטער מיטגליד פון יידביוראָ ביים פאַרקאָם, פאַרוואַלטער פון גובבילדביוראָ אין קיעוו און זינט 1925 — מיטגליד פון צענטראַל=קאָמיטעט פאַר נאַצ׳ מינד׳ ביים „וואוציק" און פאַראַנטוואָרטלעכער סעקרעטאַר פון אוקראַינישן „קאָמערד". — ליטעראַרישע טעטיקייט האָט ק׳ אָנגעהויבן מיט אַרטיקלען און אויך בעלעטריסטישע זאַכן אין „דעם נייעם וועג" (צ"אַ „דער פּראָוואָקאַטאָר") אין 1906 און זינט דאַן זיך באַטייליקט אַלע אין לעגאַלע און אומלעגאַלע אויסגאַבן פון ס"ס און די „פאַראייניקטע", זינט 1920 — פון „בונד" און דערנאָך אין די יידישע אויסגאַבן פון דער קאָמפּאַרטיי מיט אַרטיקלען אויף פּאָליטישע, עקאָנאָמישע און בילדונגס=טעמעס. האָט רעדאַקטירט אַ ספּעציעלע וועכנטלעכע אויסגאַבע אין האָמעל „בילדונגס=פראַגן", אַ שטיק צייט אויך די בונדישע צייטונג „האָמלער וועקער". פון זיינע אַרבעטן זיינען אין בוכפאָרם אַרויס: „ראַטנבויאונג אין דער אידישער סוויוועע"; „צו הילף דעם איבערוואַנדערער" (פ"ג „קולטור=ליגע", קיעוו 1926, ז׳ 67); „10 יאָר נאַציאָנאַלע פּאָליטיק פון דער ראַטנמאַכט"; „וואָס דאַרף וויסן יעדער בירגער צו די וואַלן אין די ראַטן" (מלוכה=פ"ג פון אוקראַינע, כאַרקאָוו, 1926, ז׳ 25) אאַז"וו. פון פּעדאַגאָגישע אַרבעטן איז ביי זיין אָנטייל און אונטער זיין רעדאַקציע אַרויס דאָס בוך „צו הילף דעם שטעטלדיקן לערער". באַטייליקט זיך אויך אין דער רעדאַקציע פון דעם פּעדאַגאָגישן זשורנאַל „ראַטנבילדונג"; אין „דער רויטער וועלט", 1926, VII—VIII, פאַרעפנטלעכט אַן אַרטיקל וועגן דעם יידישן מלוכה=טעאַטער פון אוקראַינע.

קאַנטאָר יהודה=לייב (ו׳ אייר 1849—כ"ח אייר 1915) געב׳ אין ווילנע. זיין פאָטער איז געווען חזן אין דער „גרויסער שול". באַקומען אַ טראַדיציאָנעלע דערציונג אין חדר און ישיבות, האָט ער אונטער דער השפּעה פון זיין מוטער, וועלכע האָט געקענט אויסגעצייכנט העברעיש, זיך אָנגעהויבן אָפּצוגעבן מיט דער העברעישער השכלה=ליטעראַטור, איז אָנגעקומען אין דער ווילנער ראַבינער=שול, אַריבער אין דער זשיטאָמירער, וועלכע ער האָט אויך געענדיקט 1873.

דאַן איז ער אַוועק קיין בערלין, וואו ער האָט שטודירט מעדיצין. אין דעם דערמאָנטן יאָר האָט ער אויך דעביוטירט אין דער ליטעראַטור אין „השחר" א"ט „מאמינים אנחנו",



וואו ס'האָבן צום ערשטן מאָל אין דער העברעיִשער ליטעראַטור געפונען אַן אָפּקלאַנג די ראַדיקאַלע און קאָסמאָפּאָליטישע שטרעבונגען פון דער דעמאָלטיקער רוסישער אינטעליגענץ; אין דעם דאָזיקן שיר פאַרטיידיקט ק' די יידישע יוגנט קעגן די באַשולדיקונגען, אַז זי האָט ניט קיין גאָט אין האַרצן. אין בערלין איז ק' אויך געווען דער פאַקטישער רעדאַקטאָר פון דער „הצפירה" און קאָרעספּאָנדענט פון Голосъ Москвы. געענדיקט זיין שטודיום 1879, איז ער געקומען קיין פּט"ב, וואו ער איז געוואָרן פאַקטישער רעדאַקטאָר פון Русскій Еврей. אייר 1886 האָט ער געגרינדעט אין פּט"ב די ערשטע העברעיִשע טעגלעכע צייטונג „היום", וואָס האָט געעפנט אַ נייע עפּאָכע אין דער געשיכטע פון דעם העברעיִשן וואָרט און געמאַכט ק'ן פאַר אַ פירער און וואָרטזאָגער אין דער יידישער וועלט און פאַר איינעם פון די בעסטע העברעיִשע פעליעטאָניסטן. נאָכן אונטערגאַנג פון „היום", סוף 1887, ווען „דאָס יודישע פאָלקסבלאַט" איז פון צעדערבוימען אַריבער אינגאַנצן צו זיין שותף ישראל לעווי (זע), איז ק' איינגעלאַדן געוואָרן אַלס רעדאַקטאָר פון דעם דאָזיקן, אין רוסלאַנד דעמאָלט איינציקן וואָכנבלאַט, וואו ער האָט אָנגעהויבן זיין ליטעראַרישע טעטיקייט אין יידיש און

אין משך פון יאָר 1888 האָט ער אין דער צייטונג געשריבן די לייטאַרטיקלען און די פּאָליטישע איבערזיכטן אַנאָנים, ווי אויך אייניקע פעליעטאָנען א"פ משה גלעזל, וועלוול צאַפּצעריק א"אַ, וואָס מאַכן אים פאַר איינעם פון די שעפער פון דעם דאָזיקן זשאַנר אין דער יידישער פרעסע. אין דער „ביילאַגע צום יודישען פאָלקסבלאַט' 1888 האָט ער א"פ כלב בן יפונה איבערגעזעצט פאַרצאָס שילדערונגען „דער סאַדאַגאָראַ'ר צדיק און זיין הויף" און פאַרעפנטלעכט אַ פּאַראָדיע אויף היינען א"ט „אַ מין לאָרעליי" (נומ' 17). ווייזט אויס, אַז אין דעם לעצטן יאָר פון „פאָלקסבלאַט" (1889), ווען דער מטורף לעווי האָט זיך שוין צעלייגט אין דער צייטונג מיט אַלע זיינע ווילדקייטן, שטותערייען און נבלות, איז ק' געוואָרן ווייניקער אַקטיוו אין דער צייטונג, הגם ער האָט ביז צום סוף אונטערגעשריבן זי אַלס רעדאַקטאָר. ער האָט אויך קיינמאָל ניט רעאַגירט אויף די משוגעתן פון זיין באַלעבאָס, כאָטש ש"ע האָט יאָ געפּרוווט אים אויסנוצן אין שוץ פון דעם באַליידיקטן און פאַרשוועכטן יידישן וואָרט. דערפאַר געהערט אים אָבער דער פאַרדינסט פון צוצוציען צו דער יידישער ליטעראַטור זיינע נאָענטע פריינד ש. פרוג און דוד פרישמאַן, פונקט ווי ער האָט געמאַכט פאַר אַ שריפטשטעלער אין רוסיש און העברעיִש י"ל קאַצענעלסאָנען. צוליב זיין האַרץ-קראַנקהייט האָט ק' שפּעטער געמוזט פאַרלאָזן די ליטעראַטור און איז געוואָרן ראַבינער, 1890 — 1904 אין ליבאַווע, דערנאָך אין ווילנע, און זינט ח' אייר 1909 אין ריגע. אויפטרעטנדיק נאָר פון צייט צו צייט אין דער העברעיִשער („השלח", „העולם") און יידישער פרעסע, דערהויפּט אַלס מיטאַרבע=

טער פון „פריינד“, וואו ער האָט געשריבן פעליעטאָנען א"פ מימיקרי און אונטערן אַלגעמיינעם טיטל „אַ וועלט מיט וועלטעלעך“, אויך אייניקע ליטעראַטור־היסטאָרישע אַרטיקלען, צ"אַ „אדם הכהן לעבענזאָהן“ (1903, 242 — 243), וועגן אייזיק־מאיר דיק (אין חודש־זשורנאַל „דאָס לעבען“), „די אַפּוטרופּסים איבער די יודישע ספרים“ (אין „דאָס יודישע פאָלק“, 1906 2—3) א"אַ. — זיין אַרכיוו געפינט זיך אין רשות פון זיין טאָכטער, דער פרוי פון דעם באַרימטן אַרטיסט פון יידישן קאַמער־טעאַטער אין מאָסקווע, וואָפסי־מיכאָעלס.

„ספר זכרון“; ЕЭ, IX; „לוח אחיאסף“, VII; נעקראָלאָגן אין דער ווילנער „וואָך“, 1915, 16, „דער יודישער וועלט“, 1915, V-IV, א"אַ, ד"ר י"ל קאַצענעלסאָן, אין „העבר“, II; נחום סאָקאָלאָוו, איבערדרוק אין Евр. Жизнь, 1916, 6—10; ש"ל ציטראָן, „דריי ליטעראַרישע דורות“, III; „פרימאָרגן“, 1926, 95; י. ציני־בערג, Історія Евр. Печати; ק"ס זכרונות, אין „השלח“, I, אין Пережитое (צ"א וועגן שייקע פייפער).

קאַנטאָר יחזקאל (8/XII 1878 —) געב' אין ראָגאַטשאָוו, מאָהליעווער (איצט האָמלער) גוב. זיין פאָטער, דוד, אַ בוכהאַלטער, איז געווען אַ געזעלשאַפטלעכער טוער אין

שטאָט. האָט געלערנט אין חדר און פאָלקסשול, שפּעטער געענדיקט דעם יידישן לערער־אינסטיטוט און אַגעוויסע צייט אויך שטודירט אין בערלינער אוניווערסיטעט. שוין אַלס אינסטיטוט־שילער אַריין אין „בונד“, געאַרבעט אַלס מיטגליד פון פאַרשיידענע קאָמיטעטן, אייניקע מאָל געווען אַרעסטירט, פאַרשיקט קיין סיביר, געלעבט אַלס עמיגראַנט אין אויסלאַנד, שפּעטער אין משך פון 8 יאָר געווען באַפולמעכטיקטער פון דער „חברה מפיצי השכלה“, בשעת דער רעגירונג פון דער צענטראַלער ראַדע אין אוקראַינע געווען פאַרוואַלטער פון דער שול־אָפּטיילונג פון יידישן מיניסטעריום אין קיעוו, אויך יידישער קאָמיסאַר פאַר די שול־ענינים פון קיעווער קרייז, שפּעטער געאַרבעט אין קאָמיסאַריאַט פאַר פאָלקסבילדונג אין מאָסקווע אַלס פאַרטיי־טוער און ליטעראַט. — זיין ליטעראַרישע טעטיקייט אָנגעהויבן מיט יידישע אומלעגאַלע פלוגבלעטלעך אין אָנהייב פון זיין פּאָליטישער טעטיקייט, שפּעטער זיך באַטייליקט אין Кіевская Мысль (1908—9), Вѣстникъ Опе (1913—15), קיעווער „פאָלקסצייטונג“ (1917—18), דעם זשורנאַל „שול און לעבן“, Киевские Вести (1922), „עמעס“ א"אַ, אויך א"פ דאַווידאָוו, י. ק., ק—ר. אין בוכפאָרם אַרויסגעגעבן: „פּאָליטישער אַלעפבייס“ (ז"ז 96)—18 שמועסן אויף פאַרשיידענע פּאָליטיש־עקאָנאָמישע פראַגן לויט אַ באַשטימטער פּראָגראַם, צ"אַ אויך וועגן דער נאַציאָנאַלער פראַגע אין רוסלאַנד און די יידישע פּאָליטישע פּאַרטייען. האָט אויך פאַרעפנטלעכט אייניקע אַגיטאַציאָנעלע ביכלעך אין רוסיש אין דעם מלוכה־פ"גווי: В мире королей золота (Госиздат), О всеобуче א"אַ.

קאַנטאָראָוויטש וולאַדימיר (1886— 29/X 1923) געב' אין מינסק (?). דערצויגן אין אַן אַסימילירטער סביבה, טיף און אינטים פאַרבונדן מיט דער רוסישער ליטעראַטור און פּאָעזיע, איז ער דורך דעם סאָציאַליזם פון „בונד“ צוריקגעקומען צום יידנטום, און די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג איז פאַר אים גע־

וואָרן אַ קוואַל פון נאַציאָנאַלע שטימונגען און צוזאַמענבונד מיט יידישקייט. געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין דער סטודענטישער באַוועגונג אַלס גלענצנדער רעדנער, איז ער פאַרשיקט געוואָרן, דאַן צוריקגעקומען קיין פּט״ב, וואו פּראַקטיצירט אַלס פּאָפּולערער אַדוואָקאַט, דערהויפּט אין פּאָליטישע פּראָצעסן. בשעת דער מלחמה איז ער געווען אַקטיווער אָנטיילנעמער פון יענער קליינער גרופּע, וועלכע האָט זיך צוזאַמענגעקליבן אַרום די איבערגעבליבענע רעשטלעך פון צ״ק און געהאָלפן אויפשטעלן די פון דער רעאַקציע צעקלאַפּטע בונדישע אָרגאַניזאַציע אין רוסלאַנד, געווען רעדאַקציע־מיטגליד און טעטיקער מיטאַרבעטער פון דעם לעגאַלן בונדישן אָרגאַן Евр. Вѣсти, אַרויסווייזנדיק זיין באַדייטנדע פּובליציסטישע באַגאַבונג, דערנאָך מיטגעאַרבעט אין Голос Бунда — דעם אָפיציעלן אָרגאַן פון צ״ק בשעת דער מערץ־רעוואָלוציע, אָבער צוליב זיין ניט קענען שרייבן יידיש האָט ער ניט געקענט פאַרנעמען קיין אָנפירנדיקע ראָלע אין דער פּאַרטיי, און אויך זיין פּובליציסטישע טעטיקייט האָט ער מיט פולן גלאַנץ אַנטוויקלט אין די אַלגעמיינע סאָציאַליסטישע אָרגאַנען, דערהויפּט אין День, פון וועלכער צייטונג געווען אַ נאָענטער מיטאַרבעטער. ער האָט זיך דירעקט באַטייליקט אין דער אָרגאַניזאַציאָנעלער אַרבעט פון דער רעוואָלוציע, געווען פאַקטישער אָנפירער פון דעם Иногородний Отдел פון דעם ראַט פון די אַרבעטער־דעפּוטאַטן, 1917 אָרגאַניזירט שלוחים פון צענטער צו קעמפן מיטן אַנטיסעמיטיזם אין דער פּראָווינץ, דעלעגאַט פון „בונד" אין דער קאָמיסיע צו אָרגאַניזירן די גרינדונגס־פאַרזאַמלונג אַלס אייגער פון די צוויי פאָרשטייער פון דער יידישער נאַציאָנאַליטעט, נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע אַוועק קיין אוקראַינע, אין אָדעס מיטגעאַרבעט אין Одескія Новости, דערנאָך צוריקגעקומען קיין פּט״ב, זיך צוריקגעצויגן פון דער פּאָליטישער אַרבעט, געשריבן אַרטיקלען פאַר Былое, אָנגעהויבן אַן אַרבעט איבער דער געשיכטע פון די יידן אין דער רעוואָלוציע, געווען אַ מיטגליד פון קאָמיטעט פון דער יידישער היסטאָרישער־עטנאָגראַפישער געזעלשאַפט אאַז״וו. געשטאָרבן אין פּט״ב, און ערשט נאָך זיין טויט איז אַרויס זיין בוך Хроника Февральской Революции.

ק׳, „דער „בונד" ערב דער פעברואַר־רעוואָלוציע", זכרונות אין Евр Летопись, 1923, II; ד. זאסלאווסקי, ib, III.

קאַנטאָראָוויטש חיים (1891 —) געב׳ אין לאַכווע, מינסקער גוב. געלערנט אין חדר און געענדיקט די אָרטיקע רוסישע פאָלקסשול. 1907 אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע און שטודירט אין באָסטאָן יוריספּרודענץ. ליטעראַרישע טעטיקייט אָנגעהויבן 1914 אין לאָנדאָנער „אַרבייטער פריינד" מיט אַרטיקלען וועגן דער אַמעריקאַנער אַרבעטער־באַוועגונג און איבערזעצונגען פון רוסישע און פוילישע שריפטשטעלער. שפּעטער געוואָרן אַקטיוו אין דער פּ"צ־באַוועגונג, געווען אַ מיטגליד פון צ״ק פון דער פּאַרטיי און אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער פון „דעם אידישען קעמפער", אַ לענגערע צייט אויך מיטגעאַרבעט אין „גלייכהייט" און „פּ. א. ש.", געשריבן אויך אַ״פּ גאָלדין, ח. ק—ץ.

נאָך דער שפּאַלטונג אין דער פּאַרטיי
געוואָרן איינער פון די פירער פון דער
אַ"ג יידישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי
(לינקע פּ"צ) און מיטרעדאַקטאָר פון
אירע אָרגאַנען — „אידיש=סאָציאַליסטישע
זאַמעל = ביכער" (סעפּטעמבער 1919),
„אידיש=סאָציאַליסטישע מאָנאַט=שריפט /
געווידמעט די פּראָבלעמען פון פּועלי
ציוניזם" [זינט יאַנואַר 1920, אַרויסגע=
געבן פון דעם „סאָציאַל = דעמאָקראַטישן
(פּוע"צ) פּראָפּאַגאַנדע=קאָמיטעט" און זינט
1922 — אַלס „אָרגאַן פון דער סאָציאַליס=
טישער פּאַרטיי (לינקע פּוע"צ)"], „יוגענט /
אָרגאַן פון דער אידישער סאָציאַליסטי=
שער אַרבייטער אָרגאַניזאַציע „יוגענט"
(זינט מאַי 1922) און „פּראָלעטאַרישע
שטימע", אין די דאָזיקע צייטשריפטן
פאַרעפנטלעכט אַ ריי אַרטיקלען, דער=
הויפּט פּראָגראַמאַטישע („די סאָציאַל=
דעמאָקראַטישע ריכטונג אין פּועלי ציו=
ניזם", „אוטאָפּיסטישער און וויסנשאַפטלי=
כער פּוע"צ", „דער פאַראייניגטער פראָנט
און די פּוע"צ" אאַז"וו). — לעצטנס
געווען אַ מיטאַרבעטער פון דעם אָרגאַן
פון דעם יידישן סאָציאַליסטישן פאַר=
באַנד „דער וועקער", זיך אויך באַטיי=
ליקט אין אַנדערע צייטשריפטן, ווי „די
פעדער" („דער אייגציגער און די קונסט",
1922, I). אין בוכפאָרם פאַרעפנטלעכט:
„דער סאָציאַליזם" (פּ"ג פון די פּ"צ,
נ"י, 1917); „די געשיכטע פון דער אַמע=
ריקאַנער אַרבייטער באַוועגונג" (אַרויס=
געגעבן פון דעם א. ס. א. פּ. פּוע"צ
„ברענטש זעקס", פּאַרטיי=שול, אָפּטיי=
לונג נ"י, 1920, ז' 143), וואו ער באַ=
האַנדלט די שטרייטפראַגן אין דער אַמע=
ריקאַנער סאָציאַליסטישער און געווערק=
שאַפטלעכער באַוועגונג, אויספירנדיק,
אַז די אויפגאַבן פון אַ סאָציאַליסטישער
פּאַרטיי איז ניט איגנאָרירן די עקאָנאָ=
מישע אָרגאַניזאַציעס, נאָר אָפּגעבן זיך
מיט דער רעוואָלוציאָנער = סאָציאַליס=
טישער פּראָפּאַגאַנדע, מיט שאַפן אַ
קלאַסנבאַוואוסטזיניקע עקאָנאָמישע און
פּאָליטישע באַוועגונג. האָט איבערגעזעצט
פאַר דעם פּ"ג „היים", נ"י, 1920, אַ ריי
וויסנשאַפטלעכע ווערק, ווי: קאַרל קאַוט=
סקיס „עטיק און די מאַטעריאַליסטישע
געשיכטס=אויפפאַסונג", אַכילעס לאָריעס
„סאָציאָלאָגיע", באָגדאַנאָווס „פּאָליטישע
עקאָנאָמיע". צוזאַמען מיט ד"ר א. וואַטענ=
בערג איבערגעזעצט דעם ערשטן באַנד
פון דער „געשיכטע פון סאָציאַליסטישען
געדאַנק / פון קאַרל קאַוטסקי, פּאַול לאַ=
פאַרג, עדואַרד בערנשטיין, קאַרל הוגאָ,
פראַנץ מעהרינג, געאָרג פּלעכאַנאָוו, ני=
קאָלאַי לענין און אַנדערע" (פּ"ג „קול=
טור", נ"י, 1921, ז' 281, וואָס אַנטהאַלט
קאַרל קאַוטסקיס מאָנאָגראַפּיעס: I „דער
פּלאַטאָנישער און אורקריסטליכער קאָ=
מוניזם, II די לוין=אַרבעטער אין מיטעל=
אַלטער און אין דער צייט פון רעפאָר=
מאַציע, III דער קאָמוניזם אין מיטעל=
אַלטער און אין דער עפּאָכע פון דער
רעפאָרמאַציע). צוגעגרייט צום דרוק אַ
ב' פון זיינע געזאַמלטע אַרטיקלען,
מערסטנטיילס וועגן פראַגן פון סאָציאַ=
ליסטישער טאַקטיק.

קאַנטאָראָוויטש פּ. (הושענא = רבה
1866 — סוף 1927) געב' אין סלאָנים,
גראָדנער געגנט, אַלס זון פון אַ דיין, אַ
פאַרבאַהאַלטענעם משכיל. צו 4 יאָר
געבליבן אַ יתום, דערצויגן געוואָרן אין
רוזשינאָי, וואוהין די מוטער האָט התונה
געהאַט צום צווייטן מאָל, געלערנט אין
חדרים און ישיבות, 1886 געקומען קיין
וואַרשע אַלס הויזלערער ביי זאב יעבץ,
ביי וועמען עס פלעגן פאַרקערן צ"אַ די
העברעישע שריפטשטעלער, ווי זאָסניץ,
פרידבערג, שפ"ר, חיים=יחיאל באָרנשטיין,

פּסח רודערמאַן, סאָקאָלאָוו, מיט דעם לעצטן זיך באַזונדערס באַפריינדעט און שפּעטער אַרויסגעגעבן זיינע יידישע שריפטן. ק׳ האָט זיך באַטייליקט דערהויפּט מיט פּאָפּולערוויסנשאַפטלעכע אַרטיקלען אין „הצפירה“, „הצפה“, „הזמן“, „לוח אחיאסף“, „עולם קטן“, „הטבע והחיים“, „הכוכב“ (1924), אין „דער יודישער פאָלקסצייטונג“ א״ר פון מ. ספּעקטאָר און ח״ד הורוויץ געווען אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער, אויך אין סאָקאָלאָווס „טעלעגראַף“, צייטלינס „אידישען וואָכענבלאַט“, „דאָס יודישע וואָרט“, אויך א״פ פּ. ק. אַלס פאַרלעגער פון העברעיִשע און יידישע ביכער האָט ער אַליין פאַרפאַסט, איבערגעזעצט אָדער באַאַרבעט פאָלגנדיקע ווערק: „תורת החימיא“, פּראָפ׳ לאַסאַר־קאָהנס „החימיא בחיי יום יום“, „הארץ“, „די ערשטע ידיעות פון דער נאַטור־לעהרע“ („די ערד“ — פון לונקעוויטש, „מאַגנעטיזם, עלעקטריציטעט“—נאָך נעטשאַיעוו, „אָנפאַנג פון פיזיק“ — פון ד״ר קראַמשטיק; 3טע אויפלאַגע — וואַרשע, 1921, ז״ז 64+20+23, מיט 33 געמעלן; לכתחילה אַרויס אין באַזונדערע ה״ה אַלס „וויסענשאַפטליכע פאָלקסביבליאָטעק“), „ווי אַזוי ווערט מען ווידער יונג“, „פרעמדווערטערבוך, פּאָליטישע בראָשורן, מ. גאָרקיס „אויפן דעק“, „מאָדערנער יודישער פאָלקסבריוונשטעלער“ א״פ ד״ר פּ. בערלינער (1925, ז׳ 117 יידיש+70 אין פּויליש). צווישן זיינע אויסגאַבן זיינען אויך פאַרהאַן 34 יידישע טעאַטערשטיק צוגלייך מיט סידורים, חומשים, לערנביכער פון פּויליש און העברעיִש אאַז״וו, אָבער פון אַלעם דעם האָט ער קוים געקענט דורכשלאָגן זיך מיט דער היונה.

קאַניקאָוו משה־יוסף (27/III 1868—) געב׳ אין וויטעבסק. זיין פאָטער ראובן, אַ קירזשנער, האָט זיך שפּעטער באַזעצט מיט דער פאַמיליע אין אוסטי־מעדוועדיצקאַיאַ, אויפן דאָן, וואו די ק׳ס זיינען יאָרנלאַנג געווען די די איינציקע יידישע משפּחה. צו 5 יאָר האָט מען ק׳ן געשיקט צום זיידן קיין וויטעבסק, וואו ער האָט געלערנט אין חדר, צו 10 יאָר איז ער אַריין אין דער גימנאַזיע אין אוסטי־מעדוועדיצקאַיאַ, 1886 געענדיקט די גימנאַזיע אין צאַריצין, וואוהין זיינע עלטערן זיינען אַריבערגעפאָ־ן נאָכן גירוש פון די יידן פון דאָנער קאַ:ט. אַלס סטודענט פון קאַזאַנער אוניווערסיטעט אַרעסטירט געוואָרן צוזאַמען מיט נאָך 150 קאָלעגן (צווישן זיי איז אַגב געווען נ. לענין) פאַרן אָנטייל אין אַ אומלעגאַלער פאַרזאַמלונג, 1888—93 שטודירט מעדיצין אין ציריך און בערן, וואו באַקומען דעם טיטל ד״ר. אין ציריך האָט ק׳ צופעליק געוואוינט אין איין הויז מיט בערנשטיין־דעמבאָ און ווען יענער איז אויף טויט פאַרוואונדעט געוואָרן פון אַ באָמבע־עקספּערימענט, איז ער אַרעסטירט געוואָרן און נאָך דער באַפרייונג שוין ניט געקענט זיך צוריקקערן קיין רוסלאַנד, אייניקע חדשים פאַרבראַכט אין פּאַריז, מאַי 1893 געקומען קיין באָסטאָן, וואו ער פּראַקטיצירט עד־היום אַלס מעדיקער. — נאָך אין שווייץ פאַרעפנטלעכט אייניקע אַרטיקלען אין די דייטשע סאָציאַליסטישע צייטונגען, האָט ער אונטער מ. ווינטשעווסקיס השפּעה אָנגעהויבן צו שרייבן פּאָפּולערע מעדיצינישע אַרטיקלען פאַרן „אמת“, פון וועלכער צייטשריפט ער איז געווען איינער פון די מיטגרינדער. שפּעטער האָט ער פון צייט צו צייט געדרוקט מעדיצינישע און פּאָליטיש־עקאָנאָמישע

אַרטיקלען, פון סאָציאַליסטישן שטאַנדפונקט, אין „צוקונפט", „פאָרווערטס", „וואַרהייט", „טאָג". זינט דער גרינדונג פון דעם „אומאָפּהענגיקן אַרבעטער־רינג" באַטייליקט ער זיך אין זיין אָרגאַן „דאָס נייע וואָרט", אויך א"פ עמקין. שרייבט אויך אין ענגליש.

קאָנסטאַנטינאָווסקי מנשה (ט"ו אב 1897 —) געב' אין לובאַר, וואָלין, אין אַ מיוחסדיקער משפחה. באַקומען אַ גרינדלעכע יידישע דערציִונג, האָט ער שפּעטער געענדיקט אַלס עקסטערן די גימנאַזיע. איבערגעלעבט דעם שרעקלעכן פּאָגראָם אין לובאַר, וואָס האָט געדויערט 3 וואָכן, פון 28טן סעפּטעמבער ביזן 17טן אָקטאָבער 1920, איז אים ממש מיט ניסים געלונגען ניצול צו ווערן פון די באַנדיטישע הענט און צוזאַמען מיט זיין ברודער, משה, אַנטלאָפן קיין גאַליציע, וואו ער האָט דעביוטירט 1921 אין לעמבערגער „טאָגבלאַט" מיט צוויי פּאָגראָם־לידער און אַרויסגעגעבן מיט דער הילף פון זיינע פריינד און שילער אין ריישע אַ ביכל לידער אין פּויליש א"ט Poezje (1923, ז' 16), וואָס ער האָט געהאַט אָנגעשריבן נאָך אין אוקראַינע, אַלס סגולה פאַר די פּאָליאַקן, וואָס האָבן פאַרנומען זיין שטעטל. ווען די פּוילישע רעגירונג האָט אַרויסגעשיקט פון לאַנד די אוקראַינישע פּליטים, האָט ער טראָץ די פּויליש־פּאַטריאָטישע לידלעך פון זיין דערמאָנטן ביכעלע געמוזט פאַרלאָזן גאַליציע און אויסגעוואַנדערט קיין בוענאָס־איירעס, וואו ער האָט זיך צוערשט באַשעפטיקט אַלס לערער, דערנאָך זיך אויסגעלערנט זעצעריי, אין די אָרטיקע אויסגאַבן, ווי „די פּרעסע", „די אידישע וועלט", „פּנים׳ער און פּנים׳לאַך", „די פען", „אַוועזשאַנעדער שטימע" א"אַ. געזדרוקט פעליעטאָנען און לידער, פּאָפּולער־וויסנשאַפטלעכע אַרטיקלען, רעצענזיעס, אויך א"פ מ. קאָן, מנשהקעלע קאָנאַלעס, מענש, קאָנסט, מאַק

זאָלאַ, קאָנסטאַנטין נאָוואָסקי, זינט דעצעמבער 1924 אין משך פון 3 חדשים רעדאַקטירט דעם אילוסטרירטן וואָכנזשורנאַל „פאַר גרויס און קליין" (פון נומ' 158 איז די רעדאַקציע פון „גרויס און קליין" ווידער אַריבער צו ל. מלאך און ש. גלאַזערמאַן, וועלכע האָבן געפירט דעם זשורנאַל ביז ער האָט זיך יולי 1925 פאַרמאַכט), דאָרט צ"אַ געדרוקט אַ סעריע אַרטיקלען „פילאָזאָפיע און רעליגיע / פּאָפּולער־וויסנשאַפטלעכער טראַקטאַט". אין בוכפאָרם אַרויסגעגעבן: „שירים ואגדות" (בוענאָס־איירעס, 1925, ז' 42); „דאָס ליד פון דעם טויער... / הומאָריסטיש־סאַטיריש ליד פונ'ם בוענאָס־איירעסער „טויער־לעבען" מיט מוזיק פאַר געזאַנג און פּיאַנאָ / אַראַנזשירט דורך י. שקליאַר" (פ"ג „ברידער קאָנסטאַנטינאָווסקי, בוענאָס־איירעס). — זיין ברודער משה קאָנסטאַנטינאָווסקי (געב' 1998 אין ליובאַר, וואָלין), אַ פּעדאַגאָג, האָט אין דעם בוענאָס־איירעסער וואָכנזשורנאַל „פאַר גרויס און קליין" (147 — 155), פאַרעפנטלעכט אַ סעריע אַרטיקלען א"ט „אין לאַנד פון אסתר המלכה", וואו עס ווערט באַשריבן דאָס לעבן פון די יידן אין פּערסיע, וועלכעס לאַנד ער האָט געהאַט די געלעגנהייט צו שטודירן זייענדיק בשעת דער וועלט־מלחמה מיט אַן אָפּטיילונג פון דער רוסישער אַרמיי אין אייניקע גרויסע שטעט פון פּערסיע. ער האָט זיך אויך באַטייליקט מיט דערציילונגען אין די אַרגענטינער אויסגאַבן „פּנים׳ער און פּנים׳לאַך", „אַוועזשאַנעדער שטימע" „עתידנו".

קאַנעל ליבע (189... —) געב' אין ביאַליסטאָק, געענדיקט אין זשענעווע 1917 די פּעדאַגאָגישע אָפּטיילונג פון דעם פאַקולטעט פאַר סאָציאַלע וויסנשאַפטן מיט דעם גראַד Licenciée ès Sciences Sociales 1919 און דעם זשאַן־זשאַק־רוסאָ־אינסטיטוט (פאַר פּעדאַ־

גאָגישע וויסנשאַפטן) מיט דעם דיפּלאָם
פון פּעדאָלאָגיע, דאַן אויך אָנגעהויבן
איר ליטעראַרישע טעטיקייט מיט פּעדאַ⸗
גאָגישע אַרטיקלען אין Interme diaire
des educateurs. 1919 צוריקגעקומען
קיין ביאַליסטאָק, אָנגעהויבן מיטצואַר⸗
בעטן ביי דעם אויפבוי פון דער נייער
יידישער שול, שטרעבנדיק אַריינצופירן
אין דער יידישער שול⸗אַרבעט דעם
גרונד⸗פּרינציפּ פון דער וויסנשאַפטלע⸗
כער פּעדאַגאָגיק — צוצופּאַסן די פּראָ⸗
גראַמען, מעטאָדן, דיסציפּלין⸗כּללים פון
דער יידישער פּעדאַגאָגיק צו דער ספּע⸗
ציפישער אייגנאַרטיקייט פון דער פיזי⸗
שער, מאָראַלישער און אינטעלעקטועלער
אַנטוויקלונג פון דעם יידישן קינד. גע⸗
זאַמלט דערצו די נייטיקע מאַטעריאַלן
און באַהאַנדלט די פראַגע אין אַ ריי
אַרטיקלען אין דער „נייער שול", 1920—
28, ווי: „עקספּערימענטאַל⸗פּעדאַגאָגישע
לאַבאָראַטאָריעס ביי דער יידישער שול",
„צו דער פראַגע וועגן סיסטעמאַטישן באַ⸗
אָבאַכטן די קינדער", „צו דער כאַראַק⸗
טעריסטיק פון אונזער שול⸗קינד", —
רעזולטאַטן פון אַ ריי אַנקעטעס, דורכ⸗
געפירטע 1922 — 24 אין אַלע יידישע
פאָלקסשולן אין וואַרשע און טיילווייז אין
לאָדז, פּינסק, בריסק און ביאַליסטאָק;
„אינדיווידואַליזאַציע פון דער דערציִונג
אין פאָלקס⸗שולן"; „שול און באַרופֿ⸗
באַראַטונג"; „צי פאַרלאָזן די קינדער
אונזערע שולן מיט געזעלשאַפטלעכע
אידעאַלן" א"אַ, אויך אייניקע אַרטיקלען
אין ביאַליסטאָקער „דאָס נייע לעבן".
נאָך ניט פאַרעפנטלעכט אַ גרעסערע
אַרבעט „פאָרשונגען איבער די פּסיכישע
אייגנאַרטיקייטן פון יידישן קינד"; אַלס
באַזע פון די דאָזיקע פאָרשונגען האָבן
געדינט די רעזולטאַטן פון די בינע⸗
טעסטן, וועלכע ק' האָט געפירט אין
יידישע שולן און קינדערהיימען אין
וואַרשע און ביאַליסטאָק אין משך פון
1922—23, ווען די ציש"אָ האָט אויס⸗
געטיילט אין וואַרשעווער צענטער אַ
ספּעציעלן אַמט פאַר דער עקספּערימענ⸗
טאַל⸗פּעדאַגאָגישער אַרבעט. זינט 1925
אין ביאַליסטאָק, טעטיק אַלס מיטגליד
פון דער קאָלעגיע פון דער פּסיכאָלאָגיש⸗
פּעדאַגאָגישער סעקציע פון יידישן וויסנ⸗
שאַפטלעכן אינסטיטוט.

קאָסאָווסקי וולאַדימיר (אַרום 1870—)

געב' אין דענעבאָרג (?), לאַט⸗
גאַליע, אין זייער אַ פאַרמעגלעכער פאַ⸗
מיליע. זיין פאָטער, לעווינסאָן, אַ זון
פון באַוואוסטן

גראָדנער רב ראָ⸗
בינזאָן, איז גע⸗
ווען אַ גרויסער
למדן, געהאַט
סמיכה אויף
רבנות, אָבער
שפּעטער בשתיקה
פון די עלטערן
זיך גענומען צו וועלטלעכע לימודים און
אזוי ווייט אַוועק, אַז ער איז געוואָרן
אַ אינזשעניער פון קאָמוניקאַציע, דערצו
נאָך שטודירט אין אויסלאַנד פילאָסאָפיע,
נאַטורוויסנשאַפט און מאַטעמאַטיק, גע⸗
קענט אַ וועלט מיט שפּראַכן, געווען אַ
גוטער מוזיקער, האָט אויך געהאַט אַ
נייגונג צו פילאָסאָפיע און אַפילו געדרוקט
אויף העברעיִש אַן אָפּהאַנדלונג וועגן
משה מענדעלסאָנס פילאָסאָפישער שיטה.
ק' איז דערצויגן געוואָרן אין קאָוונע,
וואוהין ער איז געבראַכט געוואָרן אין
עלטער פון עטלעכע חדשים, באַזוכט די
דאָרטיקע גימנאַזיע, אָבער צוליב באַשול⸗
דיקונג אין רעוואָלוציאָנערער אַגיטאַציע
געמוזט אַרויסטרעטן פון 7טן קלאַס, גע⸗
פּרוווט באַקומען מאַטורע אַלס עקסטערן,
אָבער דורכגעפאַלן אויפן עקזאַמען פון
לאָגיק. נאָכן פאַרלאָזן די גימנאַזיע האָט
ק', ציענדיק חיונה פון לעקציעס, זיך
אָפּגעגעבן סיסטעמאַטיש מיט רעוואָלו⸗
ציאָנערער פּראָפּאַגאַנדע, צוזאַמען מיט
נאָך עטלעכע שול⸗חברים געבילדעט אַ
געהיימען קרייז, וואָס האָט פאַרשפּרייט

סאָציאַליסטישע אידעען און אַגיטירט קעגן
דער רעגירונג, דערהויפּט צווישן באַאַמטע,
אָפיצירן, יונגע לערער, סטודענטן. צוליב
רדיפות פון דער זשאַנדאַרמעריע סוף=
כל=סוף געמוזט אַנטלויפן פון קאָוונע און
נאָך פאַרשיידענע וואַנדערונגען זיך באַ=
זעצט אין ווילנע. די ערשטע צייט זיך
געהאַלטן אָן אַ זייט פון דער אָרגאַני=
זאַציע און זיך פאַרנומען מיט טעאָרע=
טישער פּראָפּאַגאַנדע, געפירט קרייזלעך
פון פּאָליטישער עקאָנאָמיע צווישן דער
אינטעליגענץ און די אַרבעטער, געשריבן
פּאָליטישע אַרטיקלען, וואָס מ׳האָט פאַר=
שפרייט אין כתב=יד, אאַז״וו. אַ גרויסע
מניעה צו דער אַרבעט איז געווען, וואָס
ער האָט ניט געקענט כמעט קיין יידיש,
אָבער אַריין טיפער אין דער באַוועגונג
און געקומען אין שטענדיקער באַרירונג
מיט די אַרבעטער, האָט ער זיך ביסלעכ=
ווייז אויסגעלערנט די שפּראַך. 1897 איז
ער שוין געווען אַ מיטגליד פון דער
צענטראַלער איינריכטונג, וואָס האָט אָנ=
געפירט די אַרבעטער=באַוועגונג אין
ווילנע, זיך באַטייליקט אין רעדאַקטירן
און צונויפשטעלן „דעם אידישען אַרביי=
טער״ (אונטער דער ווילנער רעדאַקציע
זיינען אַרויס די ערשטע 4 נומ׳), אויפן
גרינדונגס=צוזאַמענפאָר פון „בונד״, סעפּ=
טעמבער 1897, געווען דעלעגאַט פון
דער ווילנער אָרגאַניזאַציע, אויסגעקליבן
געוואָרן אין צ״ק, רעדאַקטירט דעם
צענטראַלן אָרגאַן פון „בונד״, „די אַרביי=
טער שטימע״, געשטאַנען בראש פון
ווילנער קאָמיטעט ביז מערץ 1898, ווען
ער איז אַריבערגעפאָרן קיין מינסק, וואו
ס׳האָבן זיך שוין געפונען די איבעריקע
צוויי מיטגלידער פון צ״ק. אין מינסק
געפירט זייער אַן אָנגעשטרענגטע אַרבעט,
אחוץ ליטעראַרישער אַרבעט אַרום דער
„אַרבייטער שטימע״ געהאַט צו טאָן מיט

טראַנספּאָרטירן ליטעראַטור, קאָרעספּאָנ=
דירן אויף אַ שיפרירטן לשון אאַז״וו, דערצו
געדאַרפט פאַרדינען אויף צום לעבן. דאַן
אויך אָנגעשריבן זיין ערשטע אומלעגאַלע
בראָשור „די מלחמה פון פּ. פּ. ס. געגען
דעם אַלגעמיינעם אידישען אַרבייטער=
בונד״. יולי 1898, בעת דעם גרויסן דורכ=
פאַל פון „בונד״, אַרעסטירט, אָפּגעפירט
געוואָרן קיין מאָסקווע, וואו אָפּגעזעסן
ביז אַפּריל 1900, דאַן באַפרייט „בין
פּסק=דין״, אַרויסגעשיקט געוואָרן אונטער
פּאָליציי=אויפזיכט קיין ווילנע; אָנגעשריבן
פאַר דער „אַרבייטער שטימע״ אַן אויס=
פירלעכן אַרטיקל וועגן דער זובאַטאָוו=
סיסטעם, אין אווגוסט אַנטלאָפן קיין
אויסלאַנד, אָנטייל גענומען אַלס מיטגליד
פון דער בונדישער דעלעגאַציע אין דעם
אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן קאָנ=
גרעס אין פּאַריז, צונויפגעשטעלט פאַר
דעם דאָזיקן קאָנגרעס אַ גרויסן באַריכט
וועגן דער באַוועגונג צווישן די יידישע
אַרבעטער אין רוסלאַנד (דער דאָזיקער
באַריכט, וואָס זיין ערשטן טייל — ביז
דער גרינדונג פון „בונד״ — האָט אָנגע=
שריבן מכבי, איז שפּעטער אַרויסגעגעבן
געוואָרן אויף רוסיש און יידיש א״ט „די
געשיכטע פון דער אידישער אַרבייטער=
בעוועגונג״). זינט אָקטאָבער 1900 גע=
לעבט אין זשענעווע און אין בערן אַלס
מיטגליד פון אויסלענדישן קאָמיטעט פון
„בונד״ און פון דער רעדאַקציע פון די
אויסלענדישע בונדישע אויסגאַבן, גע=
שריבן אין „אידישען אַרבייטער״, אין
דעם וואָכנבלאַט Послѣднія Извѣстія
און „לעצטע פּאַסירונגען״, וואו כמעט
אַלע לייטאַרטיקלען געהערן זיין פעדער.
1902 אַריבער קיין לאָנדאָן, וואו עס האָט
זיך באַזעצט דער אויסלענדישער קאָמיטעט
פון „בונד״, 1904 צוזאַמען מיטן קאָמי=
טעט צוריקגעקומען קיין זשענעווע, אחוץ

די פריער דערמאָנטע אויסגאַבן געגומען
אַ טעטיקן אָנטייל אין רעדאַקטירן און
צונויפשטעלן די ניי געגרינדעטע וויסנ=
שאַפטלעך=פּראָפּאַגאַנדיסטישע צייטשריפט
Голос Бунда, פאַרפאַסט אַ ריי בראָשורן
אויף רוסיש, אויף פאַרשיידענע טעמעס,
ווי וועגן טעראָריזם (קעגן דער טאַקטיק
פון די ס״ר), ציוניזם, איסקריזם, דער
נאַציאָנאַל=קולטורעלער אַווטאָנאָמיע און
דעם איבערבוי פון דער רסדאַ״פּ אויף
פעדעראַטיווע יסודות, אויך באַריכטן
וועגן דער טעטיקייט פון „בונד״, אַקטיוו
געאַרבעט צווישן די בונדישע „הילפס=
גרופּעס״ אין אויסלאַנד, געלייענט רעפע=
ראַטן אויף זייערע צוזאַמענפאָרן אאַז״וו.
בשעת דער ערשטער רעוואָלוציע צוריק=
געקומען, אין נאָוועמבער 1905, קיין
רוסלאַנד, ווידער אַריין אין דער קאָלע=
גיע פון צ״ק, צוזאַמען מיט מ. ליבערן
אַרויסגעגעבן אין פּט״ב אַן אָרגאַן פאַר
דער אינטעליגענץ Евр. Рабочій, אָבער
די דאַן שוין תקיף געוואָרענע רעאַקציע
האָט קאָנפיסקירט דעם ערשטן נומער,
אָפּגעשטעלט די אויסגאַבע און פאַרמאַכט
דעם לאָקאַל פון דער רעדאַקציע, און
ק׳ האָט זיך דאַן באַזעצט אין ווילנע,
וואו עס האָט זיך געפונען דער צ״ק,
באַשטימט געוואָרן אַלס הויפּטרעדאַקטאָר
פון דעם ערשטן לעגאַלן אָרגאַן פון „בונד״,
דעם טאָגבלאַט „די פאָלקסצייטונג״, (נאָכ=
דעם ווי „דער וועקער״ איז אָפּגעשטעלט
געוואָרן פון דער מאַכט), געטראָגן
פאַר דער פּאַרטיי די אחריות פאַר זיין
ריכטונג, אַחוץ דער אייגנטלעכער רעדאַק=
ציאָנעלער אַרבעט געשריבן דאָרט אויך
לייטאַרטיקלען, נאָטיצן, פעליעטאָנען, צו
יענער צייט אויך אַרויסגעגעבן לעגאַל
אין ווילנע די בראָשור Вопросы нацi-
ональности, וועלכע איז גלייך קאָנפיס=
קירט געוואָרן. אויסגעמאַטערט פון דער

אָנגעשטרענגטער ליטעראַרישער אַרבעט—
באַפרייט זיך סוף זומער 1907 פון זיין
פּאָסטן אין „פאָלקסצייטונג״ און ווידער
אַוועק קיין אויסלאַנד, אַריין אין אויס=
לענדישן קאָמיטעט, אָנטייל גענומען אין
רעדאַקטירן און צונויפשטעלן די Откли-
ки Бунда, אויך מיטגעאַרבעט אין די
לעגאַלע בונדישע אויסגאַבן, ווי פּט״ב׳ער
„צייט״, „צייט=פראַגען״ א״אַ און אין
די אַלגעמיינע ס״ד׳ישע צייטשריפטן, ווי
Наша Заря, Рабочая Газета, בשעת דער
וועלט=מלחמה ניט אויפגעהערט זיין ליטע=
ראַרישע און אָרגאַניזאַציאָנעלע אַרבעט,
געהאַלטן רעפעראַטן אויף פאַרשיידענע
אַקטועלע טעמעס, ווי די מלחמה, די
פּויליש=יידישע באַציִונגען, די רעסטאַוו=
ראַציע פון דער פּוילישער מלוכה, די
פּאָליטיק פון דער אַנטאַנטע, די באַנייונג
פון אינטערנאַציאָנאַל, דער באָלשעוויזם
אאַז״וו, 1915 אַרויסגעגעבן דורך דעם
אויסלענדישן קאָמיטעט פון „בונד״ זיין
בראָשור אויף רוסיש „דער חורבן פון די
יידן אין רוסלאַנד״ (אין יידיש אַרויס
אין נ״י). זומער 1918 אַרויסגעגעבן אויף
דייטש אַ בראָשור Das bolschewistische
Regime in Russland מיט אַ הקדמה
פון באַקאַנטן שווייצאַרישן ס״ד הערמאַן
גריילִיך. זיך אויך באַטייליקט אין משך
פון יאָרן אין דעם וויסנשאַפטלעכן זשור=
נאַל פון דער דייטשער ס״ד Neue Zeit
א״ר פון קאַרל קאַוטסקי. זינט נאָך דער
מלחמה אַרבעט ער מיט אין דער בונ=
דישער פּרעסע פון פּוילן („לעבנספראַ=
גען״, „פאָלקסצייטונג״, חודש=זשורנאַל
„אונזער צייט״ א״אַ) און איז אויך אַ
שטענדיקער מיטאַרבעטער (זינט 1912)
פון „דער צוקונפט״, שרייבט אַרטיקלען
איבער אַלגעמיין סאָציאַליסטישע און
יידישע פראַגן, אינטערנאַציאָנאַלער און
סאָוועטישער פּאָליטיק, נאַציאָנאַלער יידי=

שער פראַגע, קאָלאָניזאַציע אאַז״וו (צ״אַ אַן אָפּהאַנדלונג צו 65סטן געבורטסטאָג פון קאַרל קאַוטסקי, 1925, I). האָט אויך מיטגעאַרבעט אין „דער נייער וועלט״— דעם אָרגאַן פון דער יידישער סאָציאַליסטישער פעדעראַציע אין אַמעריקע, איידער זי איז אַריבער צו די קאָמוניסטן.— איינער פון די גרינדער און פירער פון „בונד״, די ערשטע צייט זיין הויפּטטעאָרעטיקער, האָט ק׳ פאַר דער צייט פון זיין רעוואָלוציאָנער-סאָציאַליסטישער טעטיקייט זיך באַטייליקט אין אַ ריי צוזאַמענפאָרן און קאָנפערענצן פון „בונד״, פון רסדאַ״פּ און פון אינטערנאַציאָנאַלן פּראָלעטאַריאַט, צ״אַ פאַרטרעטן דעם „בונד״ אין פּוילן אויף דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער קאָנפערענץ אין בערן, פעברואַר 1919. הגם אָנגעהויבן צו שרייבן דירעקט אין יידיש האָט ק׳ ערשט אַרום 1912, האָט ער שוין אַ לאַנגע צייט פאַר דעם אויף אַזוי פיל באַהערשט די שפּראַך, אַז זינט 1901 האָט ער רעדאַקטירט די איבערזעצונגען אויף יידיש, וואָס דער אויסלענדישער קאָמיטעט פון „בונד״ האָט אַרויסגעגעבן. איז געווען אַ קעמפער פאַר דער נאַציאָנאַלער פּראָגראַם פון „בונד״, געהערנדיק צו די האַרטע.—אין דער יוגנט האָט ק׳ אויך געשריבן בעלעטריסטישע זאַכן, שירים, דערציילונגען, געשיקט אַפילו אַ דערציילונג צו ניקאָלאַי מיכאַילאָווסקין, דעם רעדאַקטאָר פון Рус. Богатство, און באַקומען פון אים אַן ענטפער, אַז זי קען ניט געדרוקט ווערן צוליב צענזור-טעמים. זינט דאַן זיך מער ניט אומגעקערט צו בעלעטריסטיק, בלייבנדיק בלויז פּובליציסט.

קאַסטעליאַנסקי נאָטע (13/I 1894—) געב׳ אין אַ לומדישער משפחה, פון דער מוטערס צד—שטאַמט פון ר׳ חיים וואָלאָזשינער, דעם גרינ-

דער פון דער באַרימטער ישיבה, האָט ער זיין יידישע בילדונג באַקומען אין די ישיבות פון וואָלאָזשין און לידע, שפּעטער אַלס עקסטערן דורכגעמאַכט דעם קורס פון גימנאַזיע, אָבער צו די מאַטורע-עקזאַמענס ניט צוגעלאָזט געוואָרן צוליב דער פּראָצענט-נאָרמע (אין דער צייט פון די פאַרנאַנטע צאַרישע בילדונגס-מיניסטאָרן קאַסאָ און שוואַרץ). בשעת דער העצע אויף יידן אָנהייב דער וועלט-מלחמה אַרעסטירט געוואָרן פון רוסישע זעלנער און שיר ניט דערשאָסן געוואָרן. אין דער יוגנט געווען אַ ציוניסט, דערנאָך אַ פּ״צ, שפּעטער — ביז 1920 — געווען טעטיק אין „בונד״ אַלס פאָרזיצער פון אַ פּראָווינציעלער פּאַרטיי-אָרגאַניזאַציע און ראָטמאַן פון שטאָטראָט, זיך אויך באַטייליקט אין צוזאַמענפאָר פון די בונדישע ראָטמענער אין וואַרשע, 1919. זינט 1921 איינער פון די הויפּטמיטאַרבעטער פון ווילנער „טאָג״, וואו ער פירט די אָפּטיילונג פון דער פּוילישער און אויסלענדישער פּרעסע, שרייבט אויך אַרטיקלען אויף פּאָליטישע און געזעלשאַפטלעכע טעמעס א״פּ Tel, ענסקי, א״אַ. אין „פּנקס״ א״ר פון ז. רייזען פאַרעפנטלעכט די איבערזיכטן איבער די פּאָליטישע פאַרהעלטענישן אין ווילנע און דעם קאַמפּ פאַר דער דאָזיקער שטאָט צווישן ליטע און פּוילן (זינט די פּויליש-ליטווישע אונטערהאַנדלונגען אין בריסעל מאַי 1921 ביז דעם סוף פון מיטל-ליטע מערץ 1922).

קאַסעל דוד (18/I 1881 —) געב׳ אין מינסק. זיין פאָטער, שמחה קיסעל, איז געווען באַקאַנט אין שטאָט אַלס דער איינציקער פּראָלעטאַרישער משכיל; פון פאַך אַ בעל-מלאכה, האָט ער געהאַט אַ גוואַלדיקע ליבע צום

בוך און ניט קוקנדיק אויף זיין גרויס אָרעמקייט פאַרמעגט איינע פון די שענסטע ביבליאָטעקן אין מינסק סיי פון רעליגיעזע ספרים סיי פון דער השכלה־ליטעראַטור אין

העברעיִש און אין יידיש (פאַר דער דאָזיקער ביבליאָטעק איז ער אַ פּאָר מאָל באַשריבן געוואָרן פון דורכפאָרנדיקע מחברים אין דער העברעיִשער פּרעסע, אין „היום" און „המליץ", און שפּעטער האָט א. ליטווין אין זיין בוך „אידישע נשמות" III געגעבן אַ פּאָרטרעט פון דעם דאָזיקן מערקווערדיקן יידישן פאָלקסטיפּ). אים האָט ק' געהאַט צו פאַרדאַנקען זיין פריע באַקאַנטשאַפט מיטן בוך, אַזוי אַז צו 6 יאָר האָט ער שוין געלייענט שמ"רן און ניט נאָר פאַר זיך, נאָר אויך פאַר די שטוביקע. באַקומען די ערשטע דערציִונג אין חדר, איז ער אָנגעקומען פאַר אַ בערשטער, ייִנגלווייז געווען אויך אַ משורר ביים מינסקער שטאָט־חזן, פרי אַריין אין דער דאַן אויפגעשפּראָצטער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג, זיך דערצויגן אין „בונד" אונטער דער דירעקטער השפעה פון באָריס פרומקין, אַ געוויסע צייט געווען אַ תּלמיד פון אברהם וואַלט (ליעסין), בשעת די זובאַטאָוו־אַרעסטן געזעסן 3 חדשים אַרעסטירט אין מאָסקווע. צו יענער צייט אָנגעהויבן צו דרוקן זיינע ערשטע לידער אין אומלעגאַלע בונדישע אויסגאַבן, זיך באַקענט מיט אברהם רייזען און פון אים אויפגעמונטערט געוואָרן צום שרייבן, אַדאַנק אים פאַרעפנטלעכט זיין ערשט לעגאַל ליד אין „דער יודישער פאָלקס־צייטונג" א"ר פון מ. ספּעקטאָר, זיך באַטייליקט אין א. רייזענס אויסגאַבן, פון לידער שפּעטער אַריבער צו דערציילונגען, 1903—4 געוואוינט מיט זיין פרוי שרה רייזען אין וואַרשע, דערנאָך צוריקגעפאָרן קיין מינסק, וואו ער האָט ווייטער געאַרבעט אַלס בערשטער, נאָר פון צייט צו צייט זיך אָפּגעריסן פון בערשטעריי צו ליטעראַרישער אַרבעט אַלס איבערזעצער פאַרן פ"ג „קולטור" (וו. גאַרשינס „דאָס איאַסלאַרער געפעכט" א"אַ), אַלס מיטאַרבעטער פון דער בונדישער „פאָלקסצייטונג" און פ"ג „די וועלט", וואו עס זיינען אַרויס זיינע ערשטע צוויי קליינע ביכלעך, די דערציילונג „מאַיר'קע פון קליינעם בונד" (1907, ז' 14) און די אַלעגאָריש־רעוואָלוציאָנערע פּאָעמע „ביט בעזיעגט" (1907, ז' 23). אַ נאָמען אין דער יידישער ליטעראַטור האָט אים געמאַכט זיין ראָמאַן „אין דאָרף" (פ"ג „א. גיטלינ'ס פאָלקס־ביבליאָטעק", וואַרשע, 1912, ז' 186, צוזאַמען מיט די דערציילונגען „אומעט" און „דבורה'לע"; 4טע פאַרגרעסערטע אויפלאַגע — פ"ג „צענטראַל", 1923, ז' 210). זיך באַזעצט 1910 אין וואַרשע, האָט ער זיך אָנגעהויבן אָפּצוגעבן מיט פאַרשיידענע ליטעראַרישע אַרבעטן, איבערזעצונגען, קאָמפּילאַציעס אאַז"וו פאַר פאַרשיידענע פאַרלאַגן. ער האָט רעדאַקטירט די באַרימטע געוואָרענע זכרונות פון יחזקאל קאָטיק, איבערגעזעצט און באַאַרבעט אַ ריי קינדער־זאַכן פאַרן פ"ג „מעשה'ליך" פון מ. בירנבוים, 1913—14 (צ"אַ פון קופּרין, אַנדערסען, קאָראָלענקאָ, קיפּלינג, ד'אַמיטשיס, פּושקין), צוזאַמען מיט מ. בירנבוים אין משך פון 1916 — 21 צונויפגעשטעלט יידישע לערנביכער, ווי „געאָגראַפיע" אין 2 ט', „אַלגעמיינע געשיכטע", אין 2 ט', „יודישע געשיכטע".

אין 2 ט׳, „קינדער־פריינד״ — כרעס־
טאָמאַטיע פאַרן 2טן לערניאָר (פ״ג
ש. שרעבערק און „צענטראַל״), „פראַק־
טישע יודישע גראַמאַטיק״, אין 2 ט׳,
„נאַטור־וויסענשאַפט״, אין 3 ט׳, פון
וועלכע דער 3טער איז פאַרעפנטלעכט
א״פ מינקאָווסקי, „מיין בוך״ — כרעס־
טאָמאַטיע פאַרן 2טן לערניאָר (פ״ג
א. גיטלין), אָבער די באַדייטונג פון
דעם גרעסטן טייל פון די דאָזיקע לערנ־
ביכער איז נאָר אין דעם, וואָס זיי
זיינען געווען די ערשטע צו באַפרידיקן
די נויט פון דער נייער יידישער שול
אין טעקסט־ביכער. ק׳ איז געווען
רעדאַקטאָר פון פ״ג „יודיש״, געגרינדעט
אַרום 1917 פון יעקב לידסקי, וואו
ס׳זיינען אַרויס אויך זיינע איבערזע־
צונגען פון דמיטרי מערעזשקאָווסקיס
ראָמאַן „אַלעקסאַנדער דער ערשטער״,
אין 4 ט׳, ל. טאָלסטאָיס „די געשיכ־
טע פון מיין קינדהייט״ (ז׳ 262), גיי־
דע מאָפּאַסאַנס ראָמאַן „שטאַרקער פון
טויט״, זשאַן־זשאַק רוסאָס „קאָנפעסיאָן״
(ז׳ 334) און די ערשטע 2 ביכער פון
דער סעריע „לענדער און פעלקער״,
באַאַרבעט צוזאַמען מיט מ. בירנבוים
(I „כינאַ און מאַנדושוריען, מאָנגאָליען,
טיבעט, קאָרייע א״אַ״, 1918, ז׳ 160,
מיט 50 אילוסטראַציעס, II „אַפריקע״,
א״פ ד״ר ש. צירליך, ז׳ 112, מיט 38
אילוסטראַציעס). פאַר דעם פ״ג „יודיש״
האָט ער אויך צונויפגעשטעלט די סעריע
„קינדער־ביבליאָטעק״, אין וועלכער עס
זיינען אַחוץ אייניקע ביכעלעך פון
רפאל גוטמאַן, שרה רייזען א״אַ
אַריין זיינע באַאַרבעטונגען פון בי־
טשער סטאָוס „פעטער טאָם״, סוויפטס
„קליינע מענשעלאַך״, ווי אויך „גור
אריה״, „דער פערכישופטער שלאָס״,
„מאַי־זשוק״, „די וועלט פון חיות״,
„חיות וואָס זענען ענליך אויף מענשען״,
„די לעבעדיגע נאַטור״, „דער מענש
און דער הונט״, „די ערד און דער
הימעל״, „די קינדהייט פון אַ גרויסען
מענשען״ (וועגן בעטהאָווען), „ביים ים״
א״אַ. פאַרן פ״ג „קולטור״, וואַרשע, צו־
נויפגעשטעלט אַ סעריע „קינדער־טעאַ־
טער״ („אין ווינטער־וואַלד״, „רויטהי־
טעלע״, „דער האָלצהעקער״, „פייוועלע
באַרימער״, „לאַכבלימעלע״ א״אַ, 1920—
21) און פאַרן פ״ג א. גיטלין אַ ריי
אַנטאָלאָגיעס, ווי: „געזאַנג און דעקלאַ־
מאַציע״ (אין 2 ט׳, ז׳ 92 און 126),
„פאַר אָוועגדען און פערוויילונגען (מוס־
טערן פון דער יודישער ליטעראַטור:
פון שאַצקעס ביז קאָברין, צוזאַמען 24
שריפטשטעלער מיט קליינע נאָטיצען
וועגען יעדער שריפטשטעלער בעזונ־
דער״ (1918, ז׳ 235), „דער אַרבעטער־
דעקלאַמאַטאָר״ (1920, ז׳ 191), „דער
אילוסטרירטער קינדער־דעקלאַמאַטאָר״.
אַן אויפטו א׳ז געווען זיין „יוגנט־ביב־
ליאָטעק״—אַ סעריע פון 28 איבערגע־
זעצטע ביכער, אַרויסגעגעבן פון פ״ג
ב. שימין, 1921—24, א״ר פון ק׳, פון
וועלכע ק׳ אַליין האָט איבערגעזעצט
וו. לאָנגס „אין די ווייסע צפון וועלדער״.
אַלס המשך פון דער „יוגנט־ביבליאָטעק״
קען באַטראַכט ווערן זיין אַרבעט אויף
דער אויסגאַבע פון אַ סעריע ראָמאַנען
פון זשול ווערן („אויפן שאַנסאָלער״,
„אין דער הימלישער אימפעריע״, „מענטש
און וואונדער״, „אויף די וועגן פון דער
וועלט״, „די קינדער פון קאַפיטאַן גראַנט״,
„דער צאַרישער קוריער״, „די שולע פון
די ראָבינזאָנס״) און מיין־ריד („אין דער
מלוכה פון פייער״, וואַלד־קינדער״, „דער
קאַמף מיטן לויתן״, „אַ שפיל מיטן טויט״),
איבערגעזעצט פון אים אַליין א״פ פ. גאָלד־
שטיין, מ. לאַנדוי, א. שאַבאַסזאָן, א. בלום,
ר—וויטש א״אַ, און פון אַנד׳ א״פ (פ״ג

א. גיטלין, 1926—27). פאַר דעם זעל-
ביקן פ"ג האָט ק' אויך איבערגעזעצט
ל. טאָלסטאָיס דערציילונג „דער טייוול"
(1912), מיכאַיל לערמאָנטאָווס ראָמאַן
„דער העלד פון אונזער צייט" (1818),
ווי אויך צייט-ליטעראַטור. עס איז אויך
צו פאַרצייכענען זיין ניט גאָר געלונגענער
פרווו אַרויסצוגעבן אין אַ מאָדערניזירטן
לבוש 2 ב' „געקליבענע ווערק פון א. מ.
דיק" (פ"ג ש. שרעבערק, 1922, ז' 400,
מיט אַן אַריינפיר פון ק'). אַרבעט
לעצטנס ביי דער אויסגאַבע פון אַלע
ווערק פון מ. ספעקטאָר פאַרן פ"ג „צענ-
טראַל". האָט אויך געשריבן אַרטיקלען
איבער ליטעראַטור און קונסט אין
„לעבענס - פראַגען", „פאָלקסצייטונג",
„אַרבעטער-לוח", „פאָרווערטס" א"אַ. אויך
א"פ אַרנאָלד, בן-שמחה, ב. גאָלדשטיין,
ראַקאָווער אאז"וו. לעצטנס אַפילו פאַר-
עפנטלעכט אונטער אַ פס"נ לידער. זיין
הויפטבאַדייטונג אָבער ליגט אין זיינע
נאָוועלן, אין וועלכע ער האָט אפשר
דער ערשטער אין דער יידישער ליטע-
ראַטור געגעבן אַ פיינעם אַנאַליז פון
דעם ליבע-געפיל. קלאָר און זיכער איז
ער אויך אין זיינע נאַטור-באַשרייבונגען,
ווייזט אָפט בכלל אַרויס אַ שאַרף אויג
און האָט געוויסע פאַרדינסטן פאַר דער
פאָרמעלער זייט פון דער יידישער פראָזע,
הגם ער איז אָפט צו מאַנירלעך און
רעטאָריש. פון זיינע בעלעטריסטישע
ווערק זיינען אין בוכפאָרם נאָך אַרויס:
„שריפטען" (פ"ג „ביכער פאַר אַלע",
1912, ז' 240); „אָווענדבלאַסקייט / נאָ-
וועלען" (פ"ג א. גיטלין, 1913, ז' 272);
„אומעט. דבורה'לע" (פ"ג „אידיש", כאַר-
קאָוו, 1919); „אָהן אַנ'אויסוועג" —
נאָוועלן (וואַרשע, 1922, ז' 207); „אונ-
טער אַ ווייסען פאָרהאַנג" — אַ ראָמאַן,
וואו ער האָט אויפן פאָן פון אַ ברייטער
נאַטורשילדערונג געפרווט געבן אַ פסי-
כאָלאָגישע צייכענונג פון קינדערשער
עראָטיק אין צוזאַמענהאַנג מיט אַ שטאַרקן
רעליגיעזן געפיל (פ"ג „יידיש", 1922,
ז' 277; פראַגמענטן פון בוך א"ט
„משה'לעס קינדער-יאָרן" — אַרויסגעגעבן
פון צענטראַלן דינעוואַן-שול-קאָמיטעט,
תרפ"א, ז' 114). נאָך ניט פאַרעפנטלעכט
איז זיין גרויסער ראָמאַן „אין קריג".
זיין דערציילונג „מאַירקע פון קליינעם
„בונד" איז איבערגעזעצט געוואָרן אין
רוסיש, דייטש, דעניש און איז איצט ווי-
דער פאָפולער געוואָרן אין ראַטנפאַרבאַנד
אַלס איינע פון די ווייניקע שילדערונ-
גען פון דעם העראָיזם פון דער יידישער
יוגנט בשעת דער ערשטער רעוואָלוציע.

ש. ניגער, אין „יודישע וועלט", 1913, VII; id, „ליטעראטור", אין „צוקונפט", 1921, V, איבערגעדרוקט אין „ביכער-וועלט", 1922, I; ע. קארמאן, ib, 1919, I; א. גאלאמב, ib, 1919, III; id, ib, 1923, ז' 504; מ. ווײנרייך, ib, 1922, I—IV; ח. ש. קאזדאן, ib, 1923, III—IV; ז' רייזען, „אידישע לערנביכער", אין „לעצטע נייס", יאנואר 1917.

קאַספע אברהם (....186—)

געב' אין טשעריקאָוו, מאָהליעווער גוב',
אין אַ סוחרישער פאַמיליע. געלערנט אין
דער ווילנער גימנאַזיע, האָט ער נאָך
אַלס שילער פון



דער גימנאַזיע
נאָך די פּאָגראָ-
מען אָרגאַניזירט
אין חילנע אַ גרו-
פע „עם עולם",
געווען דער נאָמען
פון דער גרופע
און צוזאַמען מיט
דער אָדעסער גרופע, בראש פון וועל-
כער עס איז געשטאַנען מ. זאַמעטקין.
אָנגעקומען 20/VIII 1882 קיין נ"י. די
ערשטע צייט איז אים, ווי אַלע איבע-

ריקע אימיגראַנטן, אויסגעקומען שווער צו אַרבעטן, אַלס אַרבעטער ביי אַ קאַנאַל הינטער עליזאַבעט צוזאַמען מיט נאָך 50 „גרינע" אָרגאַניזירט איינעם פון די ערשטע יידישע סימפּאַטיע־שטרייקן אין אַמעריקע, שפּעטער איז ער צוריקגעפאָרן קיין רוסלאַנד, געענדיקט דעם נאַטורוויסנשאַפטלעכן פאַקולטעט פון פּט"ב׳ער אוניווערסיטעט, אַרום 1894 צוריקגעקומען קיין נ"י, וואו ער האָט אין אייניקע יאָר אַרום געענדיקט זיין שטודיום אַלס ד"ר מעדיצין. נעמענדיק אַן אַקטיוון אָנטייל אין דער יידיש־אַמעריקאַנישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, האָט ק׳ זיין ליטעראַרישע טעטיקייט אָנגעהויבן אַרום 1894 מיט פּאָפּולער־וויסנשאַפטלעכע אַרטיקלען איבער כעמיע אדג"ל אין „צוקונפט" א"ר פון אַב׳ קאַהאַן, 1894—97 און די ערשטע 6 חדשים פון 1902 געווען רעדאַקטאָר פון „צוקונפט", אין וועלכער צייטשריפט ער האָט זיך אויך שפּעטער באַטייליקט. ער איז אויך געווען איינער פון די ערשטע מיטאַרבעטער פון „פאָרווערטס", זיך באַטייליקט אין „דער נייער צייט" א"ר פון ב. פייגענבוים (1898), „סאָציאַל־דעמאָקראַט" (1900), „ליטעראַטור און לעבען", „יודישע וועלט" (V ,1914) א"אַ. בשעת דעם גרויסן אינעווייניקסטן קאַמף אין דער אַמעריקאַנישער אַרבעטער־באַוועגונג, וועלכער איז געווען פאַרבונדן מיט דעם דעליאָניזם, איז ק׳ געווען איינער פון די פירער פון די א"ג „קענגורוס" (קענגערס פון דעליאָן). די לעצטע יאָרן געהערט ער צו דעם לינקן פליגל פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, טרעט אָבער זעלטן אויף אין דער פּרעסע און אין דער עפנטלעכקייט, צ"אַ פאַרעפנטלעכט אין דער קאָמוניסטישער „פרייהייט", יאַנואַר—פעברואַר 1926, אַ סעריע אַרטיקלען „די געשיכטלעכע אַנטוויקלונג פון די קלאַסנ־געזעלשאַפטן". פון זיינע פּאָפּולערוויסנשאַפטלעכע אַרבעטן זיינען אַרויס אין בוכפאָרם: „מעכאַניק", „אַסטראָנאָמיע", „אָנפאַנג פון כעמיא" (נ"י, 1899; נייע אויסגאַבע — פ"ג „אינטערנאַציאָנאַלע ביבליאָטעק", נ"י, אַרום 1904), „פיזיק", „געאָלאָגיע" (אַרבעטער־רינג־ביבליאָטעק, נ"י, אַרום 1918, צו 100 ז׳).

ה. בורגין, „די געשיכטע פון דער אידישער אַרבעטער באַוועגונג"; אַב. קאַהאַן, „בלעטער פון מיין לעבען", ב׳ III, ז׳ 372.

קאַפּ יהודית (1887 —) געב׳ אין באַרדיטשעוו. געלערנט אין דער היים און אין אַ פּריוואַטן פּאַנסיאָן, 1907 געקומען קיין אַמעריקע, וואו זי האָט 1913 געענדיקט דעם סימאָנס־קאַלעדזש אין שטאַט מאַסאַטשוזעטס און ביז 1918 געווען הויפּטאַרבעטערין אין דער געזעלשאַפטלעכער אינסטיטוציע „קאָונסיל אָוו דזשויש ווימען". שפּעטער געאַרבעט אין געריכט און אין אויסבעסערונגס־אַנשטאַלטן פאַר פרויען. זינט 1920 געשריבן פאַרן „פאָרווערטס" וועגן פרויען־אינטערעסן, קינדער־דערציִונג, בילדונגס־פראַגן אאַז"וו

קאַפּיטאַנטשיק יעקב־יצחק (15/V 1882 —) געב׳ אין סלאָוועטיטש, שעדלעצער געגנט, אין דער פאַמיליע פון אַן אָרעמען דאָרפסגייער. צו 5 יאָר אַריבערגעפאָרן מיט די עלטערן קיין בריסק, געבליבן אַ יתום פון פאָטער, צו 7 יאָר, און האָט קיין שום דערציִונג ניט באַקומען, אין קיין חדר קיינמאָל ניט געגאַנגען, זיך געוואַלגערט אין די בתי־מדרשים, זיך געחברט מיט שלעכטע חברים, צו 12 יאָר אָפּגעגעבן געוואָרן פאַר אַ בעקער, אין וועלכן פאַך ער איז באַשעפטיקט עד־היום. 1895 זיך באַטייליקט אין דער היסטאָרישער דעמאָנסטראַ־

ציע אין בריסק, וואָס אַ טייל פון אירע אָנטיילנעמער האָט מען דאַן געשמיסן, און נאָך עטלעכע טעג אַרעסט איז ער אַוועק קיין אָדעס, דאָרט זיך זייער פיל אויסגעשטאַנען און אין 4 יאָר אַרום געפּרוווט זיך דערשלאָגן קיין בריסק, אָבער געבליבן שטעקן אין באַרדיטשעוו, דאָרט זיך אויסגעלערנט לייענען און שרייבן יידיש, אַריין אין „בונד" און געוואָרן אַן אַקטיווער טוער א"ב יאַנקעלע. 1902 אַרעסטירט, פאַרמשפּט געוואָרן צו פאַרשיקונג קיין סיביר, אויפן וועג פון דער מאָסקווער איבערשיקונגסטורמע אַנטלאָפן, אין 6 חדשים אַרום זיך ווידער דערשלאָגן קיין באַרדיטשעוו, וואו ער האָט זיך ווידער אַריינגעוואָרפן אין דער באַוועגונג, אַפּריל 1904 פאַרראַטן פון זיינעם אַ חבר „דווידקע" (וועלכער האָט שפּעטער באַצאָלט מיטן לעבן), אָבער אַנטלאָפן קיין אָדעס, בשעת דעם פּאָגראָם אָקטאָבער 1905 אָנגעפירט מיט אַן אָפּטיילונג פון דעם יידישן זעלבסטשוץ, דעם 23סטן דערשאָסן אַ גלח, וועלכער האָט געהאַלטן אין סאָבאָר אַ פּאָגראָם-רעדע, יאַנואַר 1906, אַנטדעקט פון אַ שפּיאָן און אומגעבראַכט אים, אַנטלאָפן קיין באַרדיטשעוו, דאַן זיך אַריבערגעכאַפּט קיין עסטרייך און אַוועק קיין אַרגענטינע, וואו זיך אָנגעשלאָסן אָן דער גרופּע „אַרבעטער-פריינד", זיך באַטייליקט אין דעם אָרגאַן אירן „דאָס פרייע וואָרט" (אַרויס עטלעכע נומ׳) און אויך אין ד. ר יידישער ביילאַגע פון דעם אַנאַרכיסטישן טאָגבלאַט אין שפּאַניש La Protesta (אַרויס 19 נומערן), זינט 1908 אויך געשריבן בריוו צום לאָנדאָנער „אַרבייטער פריינד". נאָך דער קעפּונג פון פראַנציסקאָ פערער, ווען אין אַרגענטינע האָט זיך אָנגעהויבן אַ שטאַרקע אַנאַרכיסטישע פּראָטעסט-אַקציע און דער מיטגליד פון דער גרופּע „אַרבעטער-פריינד", דער 18יעריקער ראַדאָוויצקי, האָט דערהרגעט מיט אַ באָמבע דעם פּאָליציי-שעף פון בוענאָס-איירעס אַלס נקמה פאַר שיסן אין אַ דעמאָנסטראַציע פון 1טן מאַי, האָט די אַרגענטינישע רעגירונג אַרעסטירט אַ גאַנצע ריי אַרבעטער-טוער, צ"אַ אויך לעאָן כאַזאַנאָוויטשן, און זיי אַרויסגעשיקט פון לאַנד, בתוכם אויך ק׳ן מיט זיין פרוי און 3 קינדער. זינט דאַן וואוינט ער אין לאָנדאָן, וואו געשריבן פון אַרבעטער-לעבן אין „אידישען זשורנאַל" און „אידישען עקספּרעס" און זינט 1913 — אין „דער צייט". אַרויסגעגעבן אַן איינאַקטער א"ט „סלעק / אַ בילד פון אַרבייטער לעבען אין לאָנדאָן" (לאָנדאָן, 1922, ז׳ 16).

קאַפּלאַן אברהם (27/III 1892—)

געב׳ אין בריסק דליטא. באַזוכט אַ אָנפאַנגס-שול, אַ שטאָטישע שול און אַלס עקסטערן געענדיקט די גימנאַזיע אין כעלם, אין די יאָרן 1912—15 געדרוקט אַרטיקלען אין „היינט", „מאָמענט", ווילנער „שטערן", אָדעסער „גוט מאָרגען", שפּעטער געווען באַשעפטיקט אַלס לערער אין ווילנע און אַלס פאַרוואַלטער פון אַ גאַנצער ריי שולן אין שעדלעץ און בריסק, וואו ער וואוינט אויך איצט. האָט געזאַמלט און באַאַרבעט מאַטעריאַלן איבער דער געשיכטע פון אַ ריי שטעט און שטעטלעך פון פּאָליעסיע, פון וועלכע פאַרעפנטלעכט: „די געשיכטע פון דער שטאָדט בריסק-דליטא, פון 890—1915" (אין דעם בריסקער וואָכנבלאַט „פּאָליעסער שטימע", 1923—24), „פּאָליעסער שטעדט און שטעדטלעך — פּרוזשאַני, פּינסק, קאָבר און סלאָנים" (אין „פּאָליעסער וואָכנבלאַט", 1925). צום 10טן יאָרצייט פון גירוש בר סק פאַרעפנטלעכט אַ בראָשור א"ט „דער ח ר-ן פון בריסק

אין דער וועלט־מלחמה" (בריסק, 1925, ז' 29, מיט אילוסטראַציעס). האָט אויך געדרוקט אַרטיקלען אין דער פּראָווינציעלער פּרעסע, ווי „פּאָליעסער שטימע", „אונזער מאָרגען", „פּאָליעסער טאָגבלאַט".

קאַפּלאַן אפרים (24/IX 1878 —) געב' אין שאַט, קאָוונער געגנט, אַלס זון פון זלמן־פּנחס הכהן, וואָס איז געוועזן רב אין יעזנא און גילוואַן (ווילנער געגנט), אַן



אייניקל פון דעם באַרימטן גאון און צדיק ר' מאיר־מיכל ראַבינאָוויטש, רב אין שאַט און דערנאָך מו"ץ ור"מ אין ווילנע, און אַן אוראייניקל פון ווילנער גאונס ברודער ר' אברהם. געלערנט תּלמוד ביים פאָטער און ביים זיידן און אין דער קצבישער קלויז אין ווילנע, וואו ער האָט אויך באַזוכט און געענדיקט די קרוי־ישע שול, וואָס האָט פונקציאָנירט ביי דער דאָזיקער ישיבה. צו 16 יאָר אָנגעקומען אין דער סלאָבאָדקער ישיבה, געווען פאַררעכנט צווישן די בעסטע בחורים, גלייכצייטיק בגנבה זיך אָפּגעגעבן מיט דער אַלטער און נייער העברעישער ליטעראַטור און מיט דער רוסישער און דייטשער שפּראַך. צו 18 יאָר אַריבער קיין קאָוונע, וואו זיך איינגאַנצן געווידמעט דער השכלה און וועלטלעכער בילדונג. זיין ליטעראַרישע טעטיקייט אָנגעהויבן מיט קאָרעספּאָנדענצן און אַרטיקלען אין „המליץ" און „הצפירה", אין יידיש דעביוטירט אין „יוד" מיט אַ פעליעטאָן א"ט „משיח'ס צרות". 1904 אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע, וואו אָנגעהויבן צו שרייבן פּובליציסטישע אַרטיקלען אין היסטאָרישע אָפּהאַנדלונגען אין „יידישען טאַגעבלאַט", אין דעם ערשטן יאָר אויך מיטגעאַרבעט אין דעם העברעישן וואָכנבלאַט „הלאום", וואו געדרוקט פעליעטאָנען, קריטישע איבערבליקן. זינט 1907 אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער פון „מאָרגען זשורנאַל" און דעם וואָכנבלאַט „דער אַמעריקאַנער", וואו ער פאַרעפנטלעכט פּובליציסטישע אַרטיקלען איבער יידישע און אַלגעמיינע פראַגן, אין גייסט פון קאָנסערוואַטיוו־טראַדיציאָנעלן יידנטום, פון וועלכן ער איז איינער פון די וואָרטפירער אין אַמעריקע, אויך עסייען, פעליעטאָנען, סקיצן, דערציילונגען און לעבנסבילדער, אויך א"פ פלוני וכהן, בן זלמן, א. בהרב. זיך אויך באַטייליקט אין אַנדערע יידישע צייטשריפטן און אין „הדרור" און „העברי". צווישן די לענגערע סעריעס פון זיינע היסטאָרישע אָפּהאַנדלונגען איז צו פאַרצייכענען: „די פאַרצייטיגע אידישע פאַרטייען און סעקטען", „די ראשי הגולה", „מחמד און דער אַלקאָראַן", „אַ אידישע ממשלה אין אַראַביען", „אידישע רייזענדע אין מיטעלאַלטער", „באַריהמטע אידען אין אַמעריקא" (אין „יידישען טאַגעבלאַט"), „די רעליגיעז־אידישע פילאָזאָפיע" (אין „אַמעריקאַנער", 1918—19). איז אויך טעטיק אַלס כלל־טוער, דערהויפּט אויפן פעלד פון דער אָרטאָדאָקסיש־יידישער דערציִונג און ציוניזם.

בנציון אייזענשטאַדט, „דורות האחרונים", I, נ"י, 1925.

קאַפּלאַן דן (1879 * —) געב' אין זעלווע, גראָדנער געגנט. צו 15 יאָר אַריין אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין מינסק, 1898 אַרעסטירט

*) לויט מיניקעס פּסח־בלאַט תר"פ ז' 31 — 1880.

געוואָרן אין וואַרשע אַלס מיטגליד פון „בונד" און געזעסן אין טאַגאַנקער טורמע אין מאָסקווע, אָנהייב 1900 אַנטלאָפן קיין אַמעריקע, 1904 פאַרעפנטלעכט א"פ צדוק הכהן זיינע ערשטע לידער אין ה. אַלעקסאַנדראָווס „פרייער

שטונדע" און שפּעטער אין פינסקיס „דער אַרבייטער". זינט 1908 שטענדיקער מיטאַרבעטער פון „פאָרווערטס", וואו טעטיק אַלס איבערזעצער, אויך פון פאַרשיידענע בעלעטריסטישע ווערק, אַלס בייס־רעדאַקטאָר אאַז"וו. פון סעפּטעמבער 1921 ביז אַפּריל 1923 רעדאַקטירט דעם וועכנטלעכן אָרגאַן פון יידישן סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד „דער וועקער", וואו געשריבן פּאָליטישע אַרטיקלען און צ"אַ איבערגעזעצט מאָריס הילקוויטס ווערק „פון מאַרקס ביז לענין" (שפּעטער אַרויס אויך אין בוכפאָרם), לעוו דייטשס זכרונות א"ט „אַ האַלב יאָרהונדערט רוסישע רעוואָלוציע", הומאָרעסקעס און דערציילונגען פון אַרקאַדי אַווערטשענקאָ, פראַנץ מאָלנאַר, דזשעימס אָניעל, אַ. דאָמאַנסקאַיאַ, וו. קאָראָלענקאָ („הויז נומער 13"), ח. טאָסין („זאָאָטאורען" — פון זיין ראָמאַן „די קאַטאַסטראָפע") א"אַ.

קאַפּלאַן חיים־אהרן (ערב סוכות 1880 —) געב' אין האָראָדישטש, מינסקער געגנט, אַלס זון פון אַ סוחר. געלערנט אין חדר און אין די ישיבות פון דער מיר, מינסק און לידע, 1900 זיך באַזעצט אין וואַרשע, וואו געוועזן אַן עקסטערן, 1905 בשותפות מיט דעם העברעיִסטישן פּעדאַגאָג ש. ז. פּוגאַטשאָוו — איצט מנהל פון „כפר ילדים" אין א"י — געעפנט אַ העברעיִשע עלעמענטאַרשול און פירט זי עד־היום. האָט פאַרפאַסט אַ ריי העברעיִשע לערנ־און לייענביכלעך, אַרויסגעגעבן אין זיין איינגענעם פ"ג „למוד", צ"אַ אויך אַ „הגדה של פסח / רייך אילוסטרירט / איבערזעצט אידיש" (1924, ז' X+88+XXXII, וואָס אַנטהאַלט צ"אַ אַן אַריינפיר וועגן דער הגדה, פּסח־מנהגים אין פאַרשיידענע לענדער אאַז"וו). האָט פון צייט צו צייט געשריבן מאמרים אין פיורקאָס „גן שעשועים" (1899), אין „פריינד", „אונזער לעבן", אין העברעיִשע צייטשריפטן, אין Вѣстникъ Опе, אויך קאָרעספּאָנדענצן אין „יידישן טאַגעבלאַט".

קאַפּלאַן יוסף (צרום 1868 —) געב' אין סוויסלאָטש, גראָדנער געגנט, אין אַ באַלעבאַטישער פאַמיליע. חתונה געהאַט קיין וואַרשע, וואו ער האָט צוזאַמען מיט זיין רייכן שווער געפירט אַ גרויס געשעפט פון שפּיצן און געהאָפטענע סחורות, איז ער פון אברהם רייזענען צוגעצויגן געוואָרן אַלס אַרויסגעבער פון דעם זמ"ב „דאָס צוואַנציגסטע יאָרהונדערט", וואו ער האָט פאַרעפנטלעכט עטלעכע לידער, צ"אַ אַ נאָכאַמונג פון אַלעקסאַנדער פּעטעפי, אויך אַפאָריזמען. ער האָט זיך אויך באַטייליקט מיט לידער אין די פאַרשיידענע צופעליקע אויסגאַבן פון א. רייזען. שפּעטער האָט ער זיך באַזעצט אין לייפּציג, וואו ער האָט געפירט גרויסע געשעפטן. דאָרט האָט ער פאַרעפנטלעכט אין אַ פרעכטיקער אויסגאַבע אַ לידער־זאַמלונג א"ט „אין שווערע מינוטען" (דרוק פון וו. דרוגולין, לייפּציג, אַרום 1912, ז' 64), א"ר פון אברהם רייזען. אין דער זאַמלונג גייט צ"אַ אַריין אויך זיין איבערזעצונג פון היינעס ליד „די לאָרעליי".

אברהם רייזען, „עפּיזאָדן פון מיין לעבן", XIX.

קאַפּלאַן מיכל (28/II 1882—)

געב׳ אין טשערנאָביל, קיעווער גוב׳. האָט דעביוטירט מיט אַ ליד „אַמאָל איז געווען“ אין „יוד“ 1899, דאַן געדרוקט לידער

אין „דער יודישער פאָלקסצייטונג“ א״ר פון מ. ספּעקטאָר און אין „פריינד“. אַרויסגעגעבן אויך אַ קליינע זאַמלונג לידער א״ט „די פידעל“ (באַרדיטשעוו, 1900 אָדער 1902). וואוינענדיק אין קרעמענטשוג, מיטגעהאָלפן דעם ראַבינער א. פריידענבערג ביים רעדאַקטירן דעם Сіонисткій Альманахъ (1903). 1905 איבערגעלעבט דעם פּאָגראָם אין קרעמענטשוג, וואָס האָט אים שטאַרק אויפגערודערט און פאַרטריבן קיין אַמעריקע. דאָרט האָט ער געדרוקט לידער און סקיצן אין „פאָרווערטס“, „צוקונפט“, „פ. א. ש.“, „פרייע געזעלשאַפט“ א״אַ צייטשריפטן. פאָלקסטימלעך לויט זייער איינפאַכן טרויעריק-הומאָריסטישן טאָן, בילדנדיק אַ מין בריק איבער דעם תהום, וואָס טיילט אָפּ דאָס היימישע פאָלקס-לעבן פון דעם נייעם אַמעריקאַנישן געטאָ, זייַנען ק׳ס לידער געווען זייער פּאָפּולער אויף דער אַמעריקאַניש-יידישער גאַס, און אַ טייל פון זיי זייַנען אַריין אַלס שטענדיקע נומערן אין דעם רעפּערטואַר פון אַלערליי שוישפּילער און דעקלאַמאַטאָרן אויף די פאַרשיידענע קאָנצערטן און ליטעראַרישע אָוונטן, פלעגן אויך אַריינגערעדט ווערן אין פאָנאָגראַף-פּלאַטעס. אַ זאַמלונג פון זייַנע לידער איז אויך אַרויס אין בוכפאָרם א״ט „גהעטאָ קלאַנגען“ (פ״ג „אינטערנאַציאָנאַלע ביבליאָטעק“, נ״י, 1910) און איז זייער וואַרעם אויפגענומען געוואָרן, רעצענזירט געוואָרן צ״אַ אין „צוקונפט“, „פאָרווערטס“, א״אַ. 1912 האָט ק׳ צוזאַמען מיט ב. באָטווינניק אַרויסגעגעבן אַ קליינע יידישע זאַמלונג א״ט „אונזער שריפט“ אין לאַטיינישע אותיות, צו פּראָפּאַגאַנדירן די אידעע פון לאַטייניש אַלפאַבעט פאַר דער יידישער שפּראַך, מיט הסכמות פון ד״ר חיים זשיטלאָווסקי, אברהם רייזען און א. האַרקאַווי (דער דאָזיקער פּרווו האָט בשעתו אַרויסגערופן אַ גרויסע פּאָלעמיק אין דער יידישער פּרעסע). פאַר די לעצטע 12 יאָר האָט ק׳ אינגאַנצן אָפּגעשטעלט זיין ליטעראַרישע טעטיקייט, זיך באַזעצט אין נוואַרק, זיך פאַרשלאָסן אין זיין קליין אַפּטייקל און זיך צוריקגעצויגן פון דער עפנטלעכקייט. 1926 האָבן זיך אַ פּאָר ענגליש-יידישע דיכטער זיך פאַראינטערעסירט מיט זייַנע שאַפונגען און האָבן איבערגעזעצט אין ענגליש 60 פון זייַנע לידער, פאַר אַ שיינער אויסגאַבע, באַצירט מיט פילע צייכענונגען פון שאול ראַסקין.

י. ע(נטין), „די נייע יידישע באַלאַדע“, אין זמ״ב „ליטעראַטור“, I; id, „אידישע פּאָעטען“, I; דאַלעד, אין „דאָס נייע לעבן“, נ״י, 1910, V.

קאַפּלאַן מרדכי (1881 —)

געב׳ אין סיערניק, לעבן פּינסק. יאָרנלאַנג געווען פאַרוואַלטער פון פ״ג „תושיה“, 1908 געגרינדעט אין וואַרשע דעם פ״ג „השחר“, וועלכער האָט אַרויסגעגעבן אין יידיש ווערק פון מ. ספּעקטאָר, רחל פייגענבערג, ז. שניאור, י. קאַצענעלסאָן, דוד פּינסקי, אויך אַ ליטעראַריש זמ״ה א״ט „שוואַלבען“ (1909, ז׳ 30) און האָט זיך 1910 פאַראייניקט מיטן פ״ג „פּראָגרעס“ פון יעקב לידסקי. שפּעטער איז ק׳ געווען דער איניציאַטאָר פון דעם פ״ג-סינדיקאַט „צענטראַל“, פון

וועלכן ער איז עד־היום איינער פון די אייגנטימער און פירער. ווען „צענטראַל" האָט 1914 איבערגענומען די צייטונג „דאָס לעבן" (געווי' „פריינד"), האָט ק. פיגורירט אַלס אָפיציעלער רעדאַקטאָר (זע ראָזענפעלד ש.). 1926 איז ער געווען איינער פון די גרינדער פון קאָאָפּעראַטיוו „ביכער" (זע קלעצקין ב.) און איז פאַרוואַלטונגס־מיטגליד פון קאָאָפּעראַטיוו.

קאַפּלאַן מרדכי־אהרן (3/IX 1889—) געב' אין מעדוועדיק, מינסקער געגנט. פון 10 יאָר אָן געלערנט אין די ישיבות פון מינסק, סלוצק, מיר, באָברויסק, גלייכצייטיק זיך אויך אָפּגעגעבן מיט ספרי השכלה. 1908 צוליב מיליטערדינסט אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע, וואו פאַרענדיקט זיינע לימודים אין דער באַרימטער ישיבה א"נ פון ר' יצחק־אלחנן און באַקומען סמיכה אויף רבנות פון ר' אברהם־אהרן יודעלעוויץ און ר' שמואל ווייִן, דאַן געווען רב אין „איסט נ"י" 5 יאָר צייט און אין דער „נחלת־צבי־שול" אין האַרלעם, נ"י, 10 יאָר, לעצטנס רב פון דער „בני־יהודה־סינאַגאָגע" אין באָראָ־פּאַרק. האָט זיך באַטייליקט מיט אַרטיקלען אין פאַרשיידענע יידישע צייטונגען, ווי „מאָרגען זשורנאַל", „יידישעס טאַגעבלאַט", „וואַרהייט", „טאָג", „דאָס יודישע ליכט" און די וואָכנבלעטער „דער אידישער וועכטער" און „דער אידישער וועגווייזער", אַרויסגעגעבן אַ ספר „רוח הדעת" — דרשות אויף ספר בראשית א"אַ אין לשון־קודש (1920) און אַ ספר „טהרת המשפחה" — אין יידיש און אין ענגליש (1923), וואָס האָט געהאַט אַ גרויסן אָפּגאַנג.

Who's Who in American Jewry, 1926.

קאַפּלאַן נחמיה (IX/ 1880 —) געב' אין ביאַליסטאָק, וואו זיין פאָטער, כתריאל, איז 50 יאָר געווען אַ רעגירונגסלערער. האָט געלערנט אין לאָמזשער א"אַ ישיבות, אַלגעמיינע בילדונג באַקומען אין אַ רוסישער מיטלשול און אויסגעהאַלטן עקזאַמען אויף הויזלערער. שפּעטער אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע. אַ געוויסע צייט געאַרבעט אין „היאַס" א"אַ אינסטיטוציעס. געשריבן זינט 1910, אויך א"פּ בן



חורין, אין „יודישען עמיגראַנט" פון פּט"ב, „דעם אידישען אימיגראַנט" פון נ"י, „יידישען טאַגעבלאַט", „היינט", „פּ. אַ. ש." א"אַ, אין „קינדער־זשורנאַל", פון וועלכן געווען פאַרוואַלטער. געווען געהילפס־סעקרעטאַר פון שלום־עליכם־פאָלקס־אינסטיטוט אין נ"י. אין בוכפאָרם אַרויסגעגעבן: „געקליבענע פּערל פון תנך און כתובים אחרונים" — אין יידיש, העברעיִש און ענגליש (נ"י, 1914, ז"ז 192); לערנבוך פון עספּעראַנטאָ (נ"י, ז"ז 96); „דער שטעכעדיגער" — ראָמאַן פון וואָיניטש, איבערגעזעצט פון ענגליש (נ"י, 1915, ז"ז 300); פיר מעשהלעך פון פּשיבישעווסקי, אָסקאַר ווײַלד, מעטערלינק און ראַבינדראַנאַט טאַגאָר (פ"ג „אידישע ליטעראַטור־געזעלשאַפט", נ"י, 1916, בסך־הכל ז"ז 128); אַנטאָלאָגיע פון אָפּערן־ און קלאַסישע לידער אין דער אָריגינעלער שפּראַך און ענגלישער איבערזעצונג (פ"ג Classique Art Publ. Co, נ"י, 1922, ז"ז 534); „סימפאָניע מוזיק" (נ"י, 1925)—אַ זאַמלונג פון די שענסטע שאַפונגען אין טאָן, ווי אויך אין וואָרט, מיט קורצע דערקלערונגען איבער דעם אינהאַלט פון די וויכטיקסטע סימפאָניעס, סימפאָנישע פּאָעמעס, סויִטעס, אוווער־

טורן, ראַפסאָדיעס, אדג"ל מוזיקאַלישע קאָמפאָזיציעס, מיט ביאָגראַפישע נאָטיצן און בילדער פון די וועלט=באַרימטע קאָמפאָזיטאָרן און אַ ווערטערבוך פון מוזיקאַלישע טערמינען, געשריבן אין אַ ריינעם יידיש; „אין בלומען לאַנד"— אַ קינדער=אָפערע (פ"ג „מתנות", נ"י, 1925). זיין איבערזעצונג פון אַרציבאַשעווס פיעסע „דאָס געזעץ פון ווילדן" איז אויפגעפירט געוואָרן פון מאָריס שוואַרץ אין פילאַדעלפיע און נ"י.

ל. זיסלמאַן, אין „פעדער", 1925, VII.

קאַפלאַן פסח (ח' אלול 1870 —) געב' אין סטאַוויסק, לאָמזשער געגנט, וואו זיין פאָטער, בנימין=נח, אַן אוראייניקל פון ר' כתריאל—דעם בעל=קריאה ביים ווילנער גאון, איז געווען חזן=שוחט. ביז 12 יאָר געלערנט אין חדר, וואוהין איין זמן איז אויך געגאַנגען אַ לערער אויף פויליש און רוסיש. אויפן 13טן יאָר האָט זיין פאָטער פאַרלוירן די שטעלע און איז אַוועק וואַנדערן אַלס חזן און מגיד, ביז ער האָט זיך איינגעאָרדנט אין האָראָדישטש, קיעווער גוב', און אַהין 1883 אַראָפגעבראַכט אויך זיין זון, געלאָזט אים לערנען אין דער ישיבה, וואָס האָט זיך דאַן געעפנט אין קאָרסון דורך ר' צבי שלעז. שפעטער האָט ק' געלערנט אין די ישיבות פון ראָזשינאָי און פון זעלוו, געהאַלטן ביי הוראה, פסח תרמ"ז געקומען קיין וואַרשע, וואו זיין פאָטער איז געוואָרן חזן אין רייכמאַנס שול, זיך גענומען צו השכלה, געלייענט די העברעישע ליטעראַטור, אָנגעהויבן צו שרייבן

מליצה, אין אַ האַלב יאָר אַרום אַוועק צו אַ פעטער קיין ביאַליסטאָק, וואו זיך געטראָפן מיט ישעיה דאָמאַשעוויצקי (י. בערשאַדסקי), זיך שטאַרק באַפריינדעט מיט אים, צוזאַמען געלערנט דייטש (רוסיש האָט ק' זיך אויסגעלערנט אַלס אַווטאָדידאַקט און אין יאָרן אַרום אויך באַקענט זיך מיט דער ענגלישער שפראַך), צוזאַמען מיט אים דעביוטירט אין „המליץ" (תמוז תרמ"ט; ק'—א"פ בן איש ימיני, דאָמאַשעוויצקי—א"פ לאַנדמאַן), צוזאַמען רעדאַקטירט אַ געשריבענעם חודש=זשורנאַל „כנסת סופרים" (דאָמאַשעוויצקין האָט ק' שפעטער געווידמעט אַ לענגערע סעריע זכרונות אין זיין „דאָס נייע לעבן", 1926). וואוינענדיק פון דאַן אָן אין ביאַליסטאָק אַלס העברעישער לערער, האָט ק' קאָרעספאָנדירט אין „הצפירה", איבערגעזעצט אַ ריי ווערק פון דייטש אויף העברעיש, ווי „כפרת פשע" (צוליב די יידנפיינדלעכע טענדענצן כמעט די גאַנצע אויפלאַגע פאַרניכטעט), „יוסף הנשיא" („הצפירה", תרנ"ג, אין 101 המשכים), קאָמפערטס „ליד מחרשה" און אַ ריי קלענערע קינדער=ביכלעך (פ"ג בן אביגדור). צו יענער צייט אויך געשריבן אין „הצפירה" און „המליץ" פאַרשיידענע מאמרים, דערהויפט ליטעראַרישע אַרטיקלען, רעצענזיעס אויף ביכער, שירים, פאָעמען, דערציילונגען, צ"אַ א"פ חנן, אָבסערוואַטאָר, אבא, צוזאַמען מיט נח זאַבלודאָווסקין געפירט אין „המליץ" די אָפטיילונג „ממשכנות ישראל" א"פ פלוני ואלמוני. זיך אויך באַטייליקט אין „הצופה", „הזמן", „עולם קטן", „החיים והטבע" אאַז"וו, פאַרפאַסט אַ העברעישע כרעסטאָמאַטיע פאַר „תושיה" א"ט „מקרא ולמוד". אַן אַקטיווער מיטגליד פון „חובבי שפת עבר", דערצו נאָך אונטער דער השפעה פון זיין שווער, מנחם=מענדל מערלינסקי, אַ גרויסן משכיל און באַ=

וואוסטן העברעיִשן לערער אין ביאַליס=
טאָק און שפּעטער אין לאָדז, איז ק׳
געווען אַ פאַרביסענער שונא פון יידיש,
אַפילו אין אַן אַרטיקל אין „הצפירה"
תרנ"ז ביטער אויסגעלאַכט עוזר בלאָ=
שטיינס פּלאַן צו שאַפן אַ יידישע גראַ=
מאַטיק, אָנגערופן יידיש „שפה בזויה"
אאַז"וו. אָבער שפּעטער, לויט דער איינ=
לאַדונג פון פּט"ב'ער „טאָג", 1904 אָנגע=
שריבן אַ פּסח=ליד „די וועלגערקע", וואָס
איז אים געלונגען אַ סך בעסער ווי זיינע
העברעיִשע ווערק. זינט דאַן פון צייט צו
צייט געשריבן אין „טאָג" און שפּעטער
אין „פריינד", איבערגעזעצט אויף יידיש
אַ בראָשור פון פּראָפ׳ מאַנדעלשטאַם,
„אַן אָפענער בריעף צו די רוסישע ציוֹ=
ניסטען" — קעגן די ביין=זאָגער (ווילנע,
1905, ז׳ 16), פאַרפאַסט אַ בראָשור וועגן
נאַציאָנאַל = פאָנד, קאָרעספּאָנדירט אין
„היינט", „מאָמענט", זינט 1914 שרייבט
שוין בלויז יידיש, רעדאַקטירט 1913—14
וועכנטלעכע זמ"ה, אויך „דאָס ביאַליס=
טאָקער וואָרט" — צוערשט אַלס וואָכנ=
בלאַט, דערנאָך אַלס טאָגבלאַט, זיך
אויך באַטייליקט אין מ. שיבהס וואָכנ=
בלאַט „די היינטיגע צייט". זינט פעב=
רואַר 1919, אין דעם טאָג, ווען די
פּאָליאַקן האָבן פאַרנומען ביאַליסטאָק,
געעפנט די צייטונג „דאָס נייע לעבן",
וועלכע ער רעדאַקטירט ביזן היינטיקן
טאָג אַלס איינע פון די בעסטע יידישע
פּראָווינץ = צייטונגען אין פּוילן, שרייבט
כמעט טאָג=טעגלעך אַרטיקלען, רעצענ=
זיעס, פעליעטאָנען, אויך בעלעטריסטישע
זאַכן אאַ"וו, אונטער די פאַרשיידנסטע
פּס"ב, ווי פּ. ק., חנן, מ. פוקסמאַן,
ב. צ—ן, ז. גאָלדשטיין א"אַ.— באַזונדערע
פאַרדינסטן האָט ק׳ פאַר דער יידישער
מוזיק. זיך אָנגעהויבן לערנען מוזיק
ערשט צו 21 יאָר אַלס אַווטאָדידאַקט,
האָט ער אויף דעם געביט אַזוי פיל
דערגרייכט, אַז ער איז זינט 1907 אין
משך פון 10 יאָר געווען כאָר=דיריגענט
פון דער געז׳ „יידישע קונסט" (אויך
סעקרעטאַר פון דער געזעלשאַפט), אויפ=
געטרעטן מיטן כאָר אין צענדליגער קאָנ=
צערטן און געשאַפן אַ גרויסן רעפּער=
טואַר פון יידישע און העברעיִשע טעקסטן
צו קלאַסישער מוזיק. דער רעזולטאַט פון
דער דאָזיקער אַרבעט איז געווען זיין
„לידער=בוך"—איבערזעצונגען פון קלאַ=
סישע לידער מיט מוזיק פון מענדעלסאָן,
שובערט, שומאַן א"אַ (פ"ג „ביכער פאַר
אַלע", 1912, ז׳ 160), ווי אויך זיין
„ספר הזמירות" און די „שירי זמרה" —
אַ לידערביכל מיט נאָטן, געזאַמלט פון
פאַרשיידענע מחברים, אויך פון סידור
און מחזור, צום טייל אויך אייגענע
(פ"ג מ. קרינסקי). האָט אויך איבער=
געזעצט אויף יידיש אַ ריי אָפּערעס
און אָפּערעטעס, פון וועלכע עס זיינען
געדרוקט „די דאָרפישע עהרע" און „די
פּאַיאַצען" (דערז׳ פ"ג) און עס זיינען
אויפגעפירט געווען אויף דער יידישער
בינע, 1912—14, „שושנה די צנועה",
„חווה", ציגיינער=ליבע", „פּופּטשיק" און
„מיידל = מאַרק". אָנהייב דייטשע אָקו=
פּאַציע אַלס אָנפירער פון אַ יידישער
קינדערהיים געשאַפן לידלעך פאַר אַלע
יידישע קינדערהיימען אין ביאַליסטאָק,
שפּעטער געזאַמלט אין בוכפאָרם א"ט
„געזאַנג=אוצר פאַר שול און היים"—108
נייע יידישע לידער מיט נאָטן צום זינגען,
שפּילן, באַוועגונגען, מאַרשירן אאַז"וו
אין קינדערגערטנער, פאָלקסשולן און
אין דער היים (ביאַליסטאָק, 1924
ז׳ 105+64). עס איז אויך צו דערמאָנען
זיין אויסגאַבע פון בערמאַנס צוויי
לידער „משמר הירדן" און „עם אחד",
קאָמפּאָנירט אונטער זיין אָנווייז און

השפּעה (1898), ווי אויך זיין רעדאַקציע פון דעם ערשטן העברעיִשן לידערביכל „נבל עשור“.—פון די אַנדערע אַרבעטן ק׳ס זיינען די וויכטיקסטע: די איבערזעצונג פון אַלע „קרילאָווס משלים“ אויף יידיש (פ״ג „קולטור=ליגע“, ביאַליסטאָק, 1917; פולע אויסגאַבע — פ״ג א. אַלבעק, ביאַליסטאָק, 1921—22, אין 3 ט׳); וו. קאָראָלענקאָס „אָן אַ לשון“ (דערז׳ פ״ג, ביאַליסטאָק, 1920), היינריך מאַנס „די אָרימע“. נאָך ניט פאַרעפנטלעכט אין בוכפאָרם אַ גרויסע זאַמלונג „ביבלישע דיכטונגען“ — באַאַרבעטונג אין פערזן פון „שיר השירים“, טיילן פון די נביאים אאַז״וו. האָט רעדאַקטירט אויך אַ ריי איבערזעצונגען פון דעם פ״ג „בוך“ אין ביאַליסטאָק, צ״אַ איבערגעזעצט אויף העברעיִש מאַרק אַרנשטיינס „השיר הנצחי“ פאַר דער „הבימה“, וועלכע האָט זיך געגרינדעט אין ביאַליסטאָק אַרום 1913. איז קאָרעספּאָנדענט פון „פאָרווערטס“ א״פ צמח און פון „מאָמענט“ א״פ ז. ווייִנשטיין. זינט דעם ערשטן קאָנגרעס אַ הייסער ציוניסט, איז ק׳ צום 7טן קאָנגרעס אַריבער צום טעריטאָריאַליזם, 1908 זיך באַטייליקט אויף דער טעריטאָריאַליסטישער קאָנפערענץ אין לאָנדאָן, 1918 געווען איינער פון די מיטגרינדער פון דער יידישער פאָלקספּאַרטיי אין ביאַליסטאָק, געווען איר פאָרזיצער, ראָטמאַן פון דער דעמאָקראַטישער קהילה. אויף דער קאָנפערענץ פון דער יידישער פּראָווינץ=פּרעסע, ווילנע 1927, אויסגעוויילט געווען אין פּרעזידיום.

קאַפּלאַנאָוויטש דן (י׳ טבת 1880—) געב׳ אין וואָרניאַן, ווילנער געגנט. געבליבן אַ יתום פון דער מוטער אין 4 טעג אַרום נאָך דער געבורט, איז ער דערצויגן געוואָרן אין גרויס דחקות, ווייל זיין פאָטער האָט זיך קוים דורכגעשלאָגן פון זיין מסחר מיט תבואה, מיט וואָל, מיט פעל, מיט סעדער אדג״ל. ביז 11 יאָר געלערנט אין חדר, דאַן אין דער ישיבה אין סמאָרגאָן, צו 15 יאָר אָנגעהויבן צו לערנען פאַר זיך אין

סוויר, גלייכצייטיק אויך אָנגעהויבן צו לייענען בגנבה העברעיִשע ביכער און אויך די ראָמאַנען פון שמ״ר, בלאָשטיין, דינעזאָן אאַז״וו. אַ באַזונדערס שטאַרקן רושם האָט אויף אים געמאַכט ליניעצקיס „פּוילישע יינגל“, און ליליענבלומס „חטאת נעורים“ און ברוידעסעס „הדת והחיים“ האָבן אים אינגאַנצן צעטרייסלט און צו 19 יאָר האָט ער פאַרלאָזט דעם בית=מדרש, איז געקומען קיין ווילנע, וואו דער פאָטער האָט געהאַט זיך באַזעצט אַלס בעל=אכסניא, זיך גענומען צו אַלגעמיינער בילדונג, אַדאַנק אַן אומזיסטן לערער אויסגעלערנט די רוסישע גראַמאַטיק, געווען אַ לערער אויף אַ קאָנדיציע, דערנאָך אַלס עקסטערן דורכגעמאַכט דעם קורס פון 4 קלאַסן, זייער פיל געלייענט פון דער רוסישער און אייראָפּעיִשער ליטעראַטור, 1902 אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, דאַן אויך געפּרווט שרייבן סקיצן, נאָכדעם ווי ער האָט זיך באַקענט מיט די ווערק פון פּרץ, ספּעקטאָר און מענדעלע מוכר=ספרים און נאָכדעם ווי זיין חדר=חבר משה טייטש האָט פאַרעפנטלעכט זיינע ערשטע לידער. 1903 פאַרשיקט געוואָרן קיין סיביר, וואו געלעבט אין איין דאָרף מיט אַ. ווייטערן (זע ק׳ס זכרונות וועגן אים אין „ווייטער=בוך“), 1904 דעביוטירט אין „פריינד“

מיט אַ בילד אויס דעם לעבן פון די פאַרשיקטע, זינט דאַן געדרוקט דערצייגען, סקיצן און בילדער אין „פריינד“ און נאָכן צוריקקומען פון סיביר—1905— אויך אין פאַרשיידענע אַנדערע אויסגאַבן, ווי „דאָס יודישע פאָלק“, „פאָלקסצייטונג“, „יודישע ווירקליכקייט“, „לעבען און וויסענשאַפט“, „צוקונפט“, „דאָס ביייע לעבען“ א״אַ, ציענדיק חיונה פון לערעריי אויף קאָנדיציעס, פון בוכהאַלטעריי אאַז״וו. צו יענער צייט אויך אַרויסגעגעבן די ערשטע זאַמלונג פון זיינע דערציילונגען און סקיצן א״ט „שריפטען“ (פ״ג „די וועלט“, ווילנע, 1909, ז׳ 130; 2טע אויפלאַגע — פ״ג „פּראָגרעס“, אַרום 1910). 1910 האָט ער אָנגעהויבן צו שרייבן א״פ Don וועכנטלעכע פעליעטאָנען אין „ווילנער וואָכענבלאַט“ און דערנאָך אין די ווילנער טאָגבלעטער „דער טאָג“ און „דער שטערן“ און זיך קונה־שם געווען אַלס פעליעטאָניסט. זינט דאַן איז ער פאַרבונדן מיט דער יידישער פּרעסע, 1911 מיטגעאַרבעט אין די אָדעסער צייטונגען „שלום עליכם“ און „דער איד“, 1913 רעדאַקטירט דאָס „ביאַליסטאָקער טאָגבלאַט“, 1914 געווען מיטרעדאַקטאָר פון דעם טאָגבלאַט „דאָס פאָלק“ אין ווילנע, 1916—1918 איינער פון די הויפּטמיטאַרבעטער פון די „לעצטע נייס“, וואו ער האָט אַחוץ זיינע פעליעטאָנען און „ווילנער בילדלעך“, ווי אויך פּובליציסטישע אַרטיקלען אויף פּאָליטישע און יידיש־געזעלשאַפטלעכע טעמעס פאַרעפנטלעכט זייער פיל איבערזעצונגען, ווי אַ גאַנצע ריי נאָוועלן פון סטעפאַן זשעראָמסקי, גי׳ דע מאָפּאַסאַן א״אַ, פּ. קראָפּאָטקינס „זכרונות פון אַ רעוואָלוציאָנער“, הערמאַן זודערמאַנס „געשיכטע פון אַ שטילער מיל“, קאָנאַן דאָילס „דער הונט פון באַסקערוויל“ א״אַ; בשעת די צייטונג איז אַריבער צו דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, סוף 1918, אַרויסגעטרעטן, 1919—21 מיטגעאַרבעט אין ווילנער „טאָג“, דערנאָך אין „אונזער פריינד“, די לעצטע יאָרן מיטרעדאַקטאָר פון דער ווילנער „צייט“. פון זיינע ווערק אָריגינעלע און איבערזעצונגען זיינען אין בוכפאָרם אַרויס: „איינזאַמע מענטשן — דערציילונגען און הומאָרעסקעס“ (פ״ג פון דעם פאַראיין פון די יידישע ליטעראַטן און זשורנאַליסטן אין ווילנע, 1920, ז׳ 80); „אין אַ פאַרגליווערטער שטאָט / ווילנע אונטער די דייטשן / בילדער און הומאָרעסקן“ (דערז׳ פ״ג, 1921, ז׳ 128); „חברים“—אַ גרעסערע דערציילונג (פ״ג ב. קלעצקין, 1920, ז׳ 24); „זכרונות פון אַ ניקאָלאַיעווער סאָלדאַט“—באַאַרבעט פון מ. מערימזאָן לויט דעם אָריגינאַל־מאַנוסקריפּט, וואָס איז אויך אויסגעניצט געוואָרן אין Еврейская Старина 1912—13 (דערז׳ פ״ג, 1921, ז׳ 106); ע. פּימענאָווס „אין דעם לאַנד פון אייביקן אייז“ (דערז׳ פ״ג, 1922, ז׳ 94); מאַרק טווענס „יונגע גזלנים“ (פ״ג ב. שימינס „יוגנטביבליאָטעק“, וואַרשע, 1923, ז׳ 140). — אַלס דערציילער געהערט ק׳ צו דער רעאַליסטישער שטרעמונג אין דער יידישער ליטעראַטור, וואָס איר הויפּטפאַרטרעטער איז אברהם רייזען פון דעם ערשטן פעריאָד פון זיין שאַפן. זיינע דערציילונגען שילדערן דאָס מאַטעריעל אָדער גייסטיק אָרעמע לעבן פון די קליינע מענטשעלעך פון יידישן קליינשטעטל אָדער גרויסער שטאָט מיט זייערע ליידן, מיט זייער איינזאַמקייט, מיט דעם גאַנצן אומעט פון זייער וואָכעדיקייט. ער פאַרמאָגט אַ שאַרף אויג, אַ קלאָרע, הגם ניט גאָר אָריגינעלע שפּראַך, אַן אויפריכטיקייט אין טאָן און אַ חוש פאַר

הומאָר. דער דאָזיקער הומאָר קומט אויך צום אויסדרוק אין זיינע בעסערע פעליעטאָנען, וואָס זיינען אַ באַזונדערער זשאַנר אין אונזער צייטונגס-בעלעטריסטיק און צייכענען זיך אויך אויס מיט דער לעבעדיקייט פון דעם דיאַלאָג פון די פּראָסטע פאָלקספאַרשוינען — די העלדן פון זיינע שטייגער-בילדלעך און פעליעטאָנען. ק' האָט די לעבעדיקייט פון זיין דיאַלאָג געפּרוווט אויסניצן פאַר אַ קאָמעדיע „די ירושה", וועלכע איז אויפגעפירט געוואָרן אין יידישן פאָלקסטעאַטער אין ווילנע 1918. — אייניקע פון ק'ס דערציילונגען זיינען געווען איבערגעזעצט אויף רוסיש, דייטש און העברעיש.

בעל-מחשבות, אין „פריינד", 1910; בן-קלמן, אין זמ"ה „פרייע טעג", 1910; ז. רייזען אין „לעצטע נייס", 1918; מ. ר(יבאַלאָ)ב, אין „חודש", II; י. ל. יאַקובאָוויטש, „ליטעראַרישע געשפּרעכען", אין „היינט"; הלל צייטלין, אין „מאָמענט"; א. י. גראָדזענסקי, אין „ליטעראַרישע בלעטער", 56.

קאַפּלין אהרן (1874 —) אַמעריקאַניזירטער נאָמען פון **אברהם קאַפּלאַנאָוויטש**, אַ ברודער פון דן ק'. געבוירן אין וואָרניאַן. ביז 15 יאָר געלערנט אין חדרים און ישיבה, דערנאָך אַ פּאָר יאָר פאַר זיך, געהאַט אַ שם פאַר אַ וואוילערנער, געלייענט אויך די השכלה-ליטעראַטור און זיך גערעכנט פאַר דעם גרעסטן מדקדק אין שטעטל, אָבער אָפּצוגעבן זיך מיט אַלגעמיינער בילדונג האָט ער ניט געהאַט קיין מעגלעכקייט און ערשט צו 21 יאָר אָנגעהויבן דערמיט זיך צו פאַרנעמען, אויף אַ פּליט זיך אַוועקגעלאָזט קיין קיניגסבערג, וואו פאַרבראַכט אַ פּאָר יאָר און זיך פאַרפולקומט אין זיין בילדונג, דאַן צוריקגעקומען אַהיים און געוואָרן אַ לערער. 1905 אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע, וואו זיך אָפּגעגעבן מיט זשורנאַליסטיק, צוערשט מיטגעאַרבעט אַ לאַנגע צייט אין דער „וואַרהייט" א"ר פון ל. מיללער, דאַן אַ קורצע צייט אין „טאָג", עטלעכע יאָר אין שיקאַגער „אידישען קוריער" און צולעצט אין דער פילאַדעלפיער „אידישער וועלט", דערהויפּט געשריבן לייטאַרטיקלען און גאַנץ לעבעדיקע פעליעטאָנען.

קאָפּמאַן בנימין (25/XII 1887 —) געב' אין וויטעבסק. דערצויגן אין קאַטערינאָסלאַוו, וואוהין זיינע עלטערן זיינען אַריבערגעפאָרן, ווען ער איז אַלט געווען אַ האַלב יאָר, 1903 געקומען קיין אַמעריקע. טעטיק דערהויפּט אַלס מאָלער און קינסטלער, האָט ער שוין פון 16 יאָר אָן צו ביסלעך געשריבן,

דעביוטירט 1919 אין דוד איגנאַטאָווס זמ"ב „שריפטען" V מיט אַ מיסטיש-פילאָסאָפישער פּאָעמע א"ט „פון דעם בוך „אין דער וועלט פון פאַלנדיקע שטערן", געצייכענט פון אים אַליין, אין די ווייטערע ב' „שריפטען" פאַרעפנטלעכט עטלעכע קלענערע פאַנטאַסטיש-פּראָפעטישע עסייען, ווי „ליבע, לעבען און קונסט", לידער, „די רייד און זעאונגען פון זינדיקן גלאַטיוס" אאַז"וו, דאָס רוב אין ניטשעאַניזירנדיקן סטיל. געשריבן אויך עסייען איבער די פּלאַסטיקער טאָפּעל, וואָלקאָוויץ, ל. יאַכינסאָן — דעם טראַגיש אומגעקומענעם קינסטלער, וויליאַם בלייק, יעקב עפּשטיין א"אַ אין „אידישען קונסט-צענטער", „פרייהייט", „צוקונפט" 1927, אויך א"פ ב. בענווענו. נאָך ניט פאַרעפנטלעכט אַ גרויס בוך אָפּהאַנדלונגען וועגן קונסט און לעבן, קורצע פּאָעטישע זאַכן און לידער. האָט

אילוסטרירט דוד איגנאַטאָווס „בערל פּראַגער", „גאָלד, זילבער און בריליאַנטן" א"אַ, געצייכנט אויך דאָס שערבלאַט פון די „שריפטן" VIII, פאַרעפנטלעכט אין עטלעכע עקזעמפּלאַרן אַ Kopman Port-folio פון אַ פּאָעמע אין ענגליש, אָריגינעלע ראַדירונגען, האָלצשניטן און פאָטאָגראַפיעס פון זיינע סקולפטורן (פ"ג Weyhe, נ"י, 1925), געווען איינער פון די גרינדער פון „יידישן קונסט-צענטער" אין נ"י און זיך באַטייליקט אין די אויסשטעלונגען פון די יידישע קינסטלער אין דעם דאָזיקן „קונסט-צענטער". ק'ן דעם קינסטלער כאַראַקטעריזירט דוד איגנאַטאָוו אַזוי: „ק' איז אינגאַנצן און דורכאויס באַרבאַריש. ער האָט געלערנט פון בליק פון אל. גרעקאָ, פון גאָגען און וואו ניט וואו פון סיזאַן, נאָר זיין אייגענער באַרבאַריזם (אין גוטן זין פאַרשטייט זיך), זיין אייגענער פרימיטיוו ברעכט זיך ביי אים דורך איבער אַלץ מיט אַ באַרבאַרישער קראַפט און אָפט מיט אַ שטילער גוטער תמימותדיקער ריינקייט".

דוד איגנאַטאָוו, „קונסט און קינסטלער" (וועגן די אויסשטעלונגען אין „יידישן קונסט-צענטער"), אין „פרייהייט" פון 9/I 1927.

קאָפּילאָוויטש-האָפּמאַן לאה (י' טבת 1898 —) געב' אין וואָרקלאַן, וויטעבסקער געגנט, אַלס טאָכטער פון מענדל ק'. אין עלטער פון איין יאָר אַריבערגעפאָרן מיט די עלטערן אין שטעטל ליווענהאַל, צו 6 יאָר אָנגעהויבן צו לערנען ביים שטע-לשן לערער עברי, יידיש לייענען און שרייבן,

אַ ביסל רוסיש. צו 12 יאָר אויסגעוואַנדערט מיט דער פאַמיליע קיין לאָנדאָן, וואו געאַרבעט ביי היטלען און נאָכדעם ביי קליידער, גלייכצייטיק געלערנט אין אַ אָוונטשול ענגליש, אַ סך געלייענט, דערהויפּט רוסישע און סקאַנדינאַווישע שריפטשטעלער אין יידישער איבערזעצונג און אויך אַליין אָנגעהויבן צו שרייבן, צו 14 יאָר דעביוטירט מיט אַ סקיצע אין דעם לאָנדאָנער וואָכנבלאַט „דער פאָנאָגראַף". אַרום 1914 אַריבערגעפאָרן מיט די עלטערן קיין אַמעריקע, צוערשט געלעבט אין דעטראָיט און זינט 1917—אין נ"י, וואו באַשעפטיקט זיך מיט שניידעריי. ליב באַקומען דאָס נייע לאַנד און זיך דערפילט דאָ פריי און גוט, האָט זי אַ סך געלייענט אין ענגליש וועגן קינדער-פּסיכאָלאָגיע און פּעדאַגאָגיק און געדרוקט אַ סעריע אַרטיקלען וועגן קינדער אין דעם קליוולענדער טאָגבלאַט „די אידישע וועלט". אין נ"י אויך אָנגעהויבן צו שרייבן לירישע לידער, וואָס זיינען זייער וואַרעם אויפגענומען געוואָרן פון אברהם רייזען און שפּעטער פון מאָריס ווינטשעווסקי, וועלכער האָט איר אויך געגעבן דעם נאָמען האָפּמאַן, ווייל דער נאָמען ק' — האָט ער געזאָגט — קלינגט שלעכט. אויף דער איינלאַדונג פון יעקב מאַרינאָוו איז זי אין משך פון דריי יאָר, 1918 — 1921, געווען אַ שטענדיקע מיטאַרבעטערין פון זיין „קונדס", וואו איר טאַלענט האָט זיך אַנטוויקלט און וואו זי האָט אויך שפּעטער געדרוקט דערציילונגען, הומאָרעסקעס און לידער. אַחוץ דעם האָט זי זיך באַטייליקט אין דער „וואַרהייט", „אידישען קעמפּפער" (צ"אַ אַ גרעסערע דערציילונג „אין וואַלד"), „צוקונפט", „פאָרווערטס", „פרייהייט", „טאָג" (אַ גרויסע דערציילונג „סיידי די שאַפּ מיידעל / די איבערלעבונגען פון אַ יידישער אַרבייטער מיידעל", — סוף

1925), „קינדער=זשורנאַל" אאַז"וו. פון אירע ווערק זײַנען אין בוכפאָרם אַרויס: „אין קינדער=לאַנד" — קינדער=לידער, מיט בילדער פון א. וואָלקאָוויטש און יואל לעוויט און אַ פּאָררעדע פון אברהם רייזען (פ"ג „לעבען", נ"י, 1919, ז' 224; 2טע אויפלאַגע — פ"ג „קולטור", 1921); „קליינע אין דער גרויסער וועלט" — דערציילונגען, מיט אַ פּאָררעדע פון מאָריס ווינטשעווסקי (פ"ג „לעבען", 1920). איינע פון די אינטערעסאַנטסטע יידישע שריפטשטעלערינס, צייכנט זיך ק' באַזונדערס אויס מיט אירע צאַרטע, תמימותדיקע און הומאָרפולע קינדער=לידער, וועלכע געהערן צו די פּאָפּולערסטע אין דער יידישער קינדער=ליטעראַטור און ווערן דעקלאַמירט אויף די קינדער=אָוונטן.

מ. אלגין, אין „דער נייער וועלט"; משה כץ, ib, 22/X 1920; א. גלאנץ, אין „טאָג", 1919; ש. קורץ, אין „צוויג"; חיים גוטמאַן, אין „קונדס", 1920; ש. ניגער, אין „פריינד", 1920, X.

קאָפּעלאַנסקי (אהרן=שלמה) הערי (אַרום 1870—) געב' אין קאָוונע, איז ער אַלס יינגל פון 9 יאָר געקומען קיין לאָנדאָן אָפּגעריסן=אָפּגעשליסן, אָן שום בילדונג, געוואָרן אַ פּאַפּיראָסנמאַכער, אונטער דער השפעה פון דעם באַרימטן אַנאַרכיסטישן פירער יאָהאַן מאָסט איז ער געוואָרן אַ ענטוזיאַסטישער אָנהענגער פון דעם אַנאַרכיזם און איינער פון די פּיאָניערן פון דער יידישער אַרבעטער=באַוועגונג אין ענגלאַנד. אַדאַנק דער ווירקונג פון זיינע לערער, ווי פּייליפּ קראַנץ, מאָריס ווינטשעווסקי, ב. פייגענבוים, ש. יאַנאָווסקי, ק. גאַלאָפּ א"אַ, באַקומען אַ געוויסע גייסטיקע אַנטוויקלונג, א"פ ערוואַך זיך באַטייליקט אין „אַרבייטער פריינד", פון וועלכן געווען איינער פון די גרינדער, דער אַדמיניסטראַטאָר, הויפּט=רעפּאָרטער און דערנאָך אויך געהילפס=רעדאַקטאָר, אין זיינע אַרטיקלען אויפגעטרעטן קעגן עקאָנאָמישן קאַמף פאַר אַ באַלדיקער סאָציאַלער רעוואָלוציע, בכלל פאַרטראָטן דעם אומקאָמפּראָמיסלעכן אַנאַרכיזם און געווען אַ קעגנער פון אַ צוזאַמענאַרבעט מיט די סאָציאַליסטן, זיך אויסגעצייכנט מיט זיין שאַרפסטן פּאָלעמישן טאָן קעגן זיי. אַ געוויסע צייט האָט ער אויך פאַרבראַכט אין נ"י, וואו ער איז געווען איינער פון די גרינדער פון דער אַנאַרכיסטישער גרופּע „פּיאָניערן פון דער פרייהייט" (1886), דאַן צוריקגעפאָרן קיין לאָנדאָן, פון וואַנען ער האָט אויך יאָרנלאַנג געשריבן קאָרעספּאָנדענצן אין דער נ"י'ער „פ. א. ש.", וועלכע זיינען געווען זייער פּאָפּולער.

ה. בורגין, „געשיכטע פון דער אידישער ארבייטער בעוועגונג"; ב. רודערמאַן, זכרונות; ה. ק', זכרונות, אין „ארבייטער פריינד", 1922, 26.

קאָפּעלאָף י. (15/IX 1858 —) אַמעריקאַניזירטער נאָמען פון ישראל=יחיאל קאָפּעליעוו. געב' אין באָברויסק, מינסקער גוב', אין אַ פרומער באַלעבאַטישער פאַמיליע פון קרעמער. זיין פאָטער, יעקב=קאָפּל, אַ גרויסער למדן און אַ פאַרברענטער ליובאַוויטשער חסיד,



האָט אים געגעבן אַ שטרענגע יידישע דערציונג. ער האָט געלערנט פון פיר ביז צוועלף יאָר אין חדר, דערנאָך אין די ישיבות און קלויזן פון סלוצק, שקלאָוו, אויך פאַר זיך אין

בית־מדרש און מיטן פאָטער, געווען
אַ גרינדלעכער קענער פון תלמוד, תּנך,
חסידות און קבלה. שפּעטער זיך גענו־
מען צו השׂכּלה, זיך באַקענט מיט דער
רוסישער און דייטשער שפּראַך, צוליב
מיליטערדינסט אַוועקגעשיקט געוואָרן
קיין דענעבאָרג צו אַ קרוב, דעם גביר
יודל נאַשאַטיר, דאָרט פאַרבראַכט 8
חדשים, געקומען אין באַרירונג מיט
סאָציאַליסטן, אַליין געוואָרן אַן „אַפּי־
קורס, סאָציאַליסט און קאָסמאָפּאָליט"
און צוליב רדיפות פון דער פּאָליציי
זומער 1882 אַוועק קיין אַמעריקע, געווען
אַן אַרבעטער אויף פאַבריקן, אין אַ
ציגעלניע, אין פּאָרט ביים אָנלאָדן
סחורות, געווען אַ ציגאַרנמאַכער, אַ נייער
פון פּאַסט־זעק, געפּעדלט איבער דער־
פער און שטעטלעך מיט ברעטלעך פאַר
שטולן, זיך צוקוקנדיק צו דעם לעבן
פון די יידן תּושבים דעמאָלט, געווען
אַן אַגענט פון ניי־מאַשינען, פון לעבנס־
פאַרזיכערונג, דערנאָך פאַרוואַלטער פון
אַ גרויסן וואורשטגעשעפט אין משך פון
16 יאָר, צוליב זיין געזונט־צושטאַנד
יאַנואַר 1916 רעזיגנירט און לעבט זינט
דאַן פון דער הכנסה פון אַ פּאָר הייזער
זיינע.— זינט זיין קומען קיין אַמעריקע
באַטייליקט אין דער יידישער אַרבעטער־
באַוועגונג, בפרט דער אַנאַרכיסטישער,
געווען אַ טוער פון דעם „רוסישן פּראָ־
גרעסיוון פאַראיין" — צו פּראָפּאַגאַנדירן
דעם סאָציאַליזם אין אַמעריקע און העלפן
די רעוואָלוציאָנערן אין רוסלאַנד, געווען
אַ מיטגליד אין דער צענטראַלער קער־
פּערשאַפט פון דער „רוסיש־אַמעריקאַני־
שער נאַציאָנאַלער ליגע", וועלכע האָט
1887 — 88 באַקעמפט דעם סענאַטישן
געזעצפּראָיעקט וועגן אַרויסגעבן פּאָלי־
טישע אַנטלאָפענע, געווען איינער פון
די גרינדער פון „דער פרייער אַרביי־
טער שטימע" 1889. שפּעטער האָט ער
זיך אָפּגעגעבן מיט דער אַרבעט פאַר
די רוסישע ס"ר, געאַרבעט אַלס נאמן
אין דער קאַמפּאַניע, ווען ד"ר זשיט־
לאָווסקי איז צוזאַמען מיט דער „באַבען
פון דער רוסישער רעוואָלוציע" קאַטע־
רינע ברעשקאָ־ברעשקאָווסקאַיאַ 1904
געקומען קיין אַמעריקע אַלס דעלעגאַט
צו זוכן מאַטעריעלע הילף פאַר דער
פּאַרטיי ס"ר, באַזונדערס שטאַרק זיך
באַטייליקט אין דער קאַמפּאַניע, ווען
גריגאָרי גערשוני איז געקומען קיין אַמע־
ריקע 1906 אאַז"וו. איינאיינעם מיט אַ סך
פון די יידישע ס"ר, אַדאַנק דער וויר־
קונג פון ד"ר חיים זשיטלאָווסקי, אַריין
אין דער יידישער נאַציאָנאַל־סאָציאַלי־
סטישער באַוועגונג, געהאָלפן גרינדן
„דאָס נייע לעבען" פון ד"ר זשיטלאָוו־
סקי, געווען אַ דעלעגאַט צום ערשטן
יידישן קאָנגרעס אין פילאַדעלפיע 1917,
געווען איינער פון די גרינדער פון
דער גרויסער טעגלעכער צייטונג פון
די פּ"צ „די צייט" און איר פאַרוואַל־
טער, אָבער אומצופרידן פון דעם, וואָס
די פּאַרטיי האָט זיך צו פיל געמישט
אין דער געשעפטספירונג און וואָס
זי האָט באַטראַכט די צייטונג אַלס
זעלבסטצוועק, ניט בלויז אַלס מיטל פון
פּראָפּאַגאַנדע, איז ער דעצעמבער 1921
אַרויס פון דער צייטונג און אויך פון
צ"ק פון דער פּאַרטיי. לעצטנס פאַראינ־
טערעסירט אין דעם אויפבוי פון דעם
יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט און
שטיצט אויך אַנדערע יידישע קולטור־
אונטערנעמונגען.— אָנגעהויבן צו שרייבן
אין 1880 (ווען גענומען פירן אַ טאָג־
בוך, צוערשט אין יידיש און שפּעטער
אין רוסיש), האָט ק' זינט 1888 קאָרעס־
פּאָנדירט פון צייט צו צייט אין „אַרביי־
טער פריינד", זיך באַטייליקט מיט אַר־

טיקלען און נאָטיצן אין „פ. א. ש.“ זינט 1890, צ"אַ די סעריע „הפטורות“ אַלס קעגנגיפט קעגן אַב. קאַהאַנס „סדרות“ אין „אַרבייטער צייטונג“, אייניקע אַרטיקלען געשריבן אויך אין „פאָרווערט“, „וואַרהייט“, „דאָס נייע לעבען“, „טאָג“, „צייט“, אויך א"פ נחבי בן ופסי און חיים שרייבער. אַ גרויסן קולטור-היסטאָרישן אינטערעס האָט זיין בוך „אַמאָל איז געווען / זכרונות פון דעם יידישן לעבן אין ליטע אין די יאָרן 1860—1882“, מיט אַ הקדמה פון ד"ר ח. זשיטלאָווסקי (פ"ג מאַקס ב. מייזעל, נ"י, 1926, ז' 379). דער מחבר ווייזט דאָ אַרויס אַ ריין בעלעטריסטישן אָדער, וואָס באַלעבט די זכרונות, גיט זיי צו בילדלעכקייט און פרישקייט, אָפּשפּיגלענדיק אַלזייטיק דעם יידישן לעבנסשטייגער פון רייסישע שטעט, שטעטלעך און דערפער מיט אַ האַלבן יאָרהונדערט צוריק. דער צווייטער ט' פון די זכרונות, וואו ק' באַשרייבט זיין לעבן זינט 1882 ביז 1904 אין אַמעריקע, די איבערלעבונגען און די צרות פון די גרינע, די הילפּסקאָמיטעטן, דעם גייסטיקן און עקאָנאָמישן צושטאַנד פון די יידן און די באַציונג פון די יידן „קאָנטרי“-תושבים צו די עמיגראַנטן, די ראַדיקאַלע יידישע באַוועגונג און איר אַנטוויקלונג, די פאַזן, וואָס זי איז דורכגעגאַנגען, די פאַרשיידענע ריכטונגען, פּאַרטייען מיט זייערע אָרגאַנען און פירער, בפרט די אַנאַרכיסטישע באַוועגונג און אירע שעפער אאַז"וו, איז אַרויס א"ט „אַמאָל אין אַמעריקאַ“ (פ"ג ח. בזשאָזאַ, 1928, ז' 463).

ש. ניגער, אין „טאָג“ פון 2/V 1926; ק. מרמר, אין „פרייהייט“ פון 16/V 1926; יואל ענטין, אין „אידישען ארבייטער“, 1926, XV; אלטער עפשטיין, אין „אונדזער בוך“, 1926, II; ד"ר יעקב שאצקי, אין „צוקונפט“, 1926, XI.

קאַפּעלזאָן צמח (21/II 1869 —) געב' אין ווילנע אין אַ סוחרישער פאַמיליע. זיך נאָך ייִנגלווייז באַקענט מיט דער סאָציאַליסטישער לערע, אַלס שילער פון

דער ווילנער גימנאַזיע צוזאַמען מיט חברים זיך פאַרטיפט אין דער ראַדיקאַלער רוסישער פּובליציסטיק, אין דער רעאַל-שול אין פּאָניעוועזש, וואו ער האָט פאַרענדיקט זיין מיטעלע בילדונג, אָרגאַניזירט אַ קרייזל צו שטודירן פּאָליטישע עקאָנאָמיע און געפּריידיגט די סאָציאַליסטישע אידעען צווישן דער יוגנט, 1886 זיך באַקענט מיט דעם באַוואוסטן נאַראָדאָוואָליסט איסאַק דעמבאָ, באַקומען פון אים אומלעגאַלע רעוואָלוציאָנער-סאָציאַליסטישע ליטעראַטור און, צוריקגעקומען 1887 קיין ווילנע, זיך צונויפגעגאַנגען מיט אירע פאָרשטייער, ווי חנן ראַפּאָפּאָרט, ליובע אַקסעלראָד (שפּעטער באַוואוסט געוואָרן אַלס שריפטשטעלערין איבער פילאָסאָפישע און סאָציאַליסטישע פּראָבלעמען א"פ אָרטאָדאָקס), לייב יאָגיכעס (שפּעטער טוער פון דער פּוילישער ס"ד א"פ טישקאָ, 1919 אומגעבראַכט אַלס פירער פון די קאָמוניסטן אין דייטשלאַנד), . אייזנשטאַדט-וויטאַלי א"אַ, וועלכע האָבן געבילדעט די ערשטע ס"ד-אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט זיך ספּעציעל פאַרנומען מיט פאַרשפּרייטן סאָציאַליסטישע אידעען צווישן יידישע אַרבעטער און אינטעליגענץ. 1888 געדינט אין מיליטער אַלס פרייוויליקער, געווען אַרעסטירט און אָפּגעגעבן אונטער שטרענגער מיליטערישער אויפזיכט. דערנאָך געווען

טעטיק אין דער ס"ד-אָרגאַניזאַציע א"פ טימאָפּיי, גרישין, פּאָליאַקעוויטש, 1891 אַרעסטירט אין וואַרשע און געזעסן 7 חדשים, זינט 1897 זיך באַזעצט אין זשענעווע אַלס ערשטער פאַרשטייער פון „בונד", ביז 1905 מיטגליד פון אויסלענדישן קאָמיטעט פון „בונד", אַ געוויסע צייט אויך געווען סעקרעטאַר פון דעם „בונד פון די רוסישע ס"ד אין אויסלאַנד", באַשעפטיקט זיך טיילווייז מיט קאָנספּיראַטיווער אַרבעט, טיילווייז מיט פּראָפּאַגאַנדע, זיך אויך באַטייליקט אין דער פאַרלאַגסטעטיקייט פון „בונד", 1905 אומלעגאַל צוריקגעפאָרן קיין רוסלאַנד, געגרינדעט דעם בונדישן פּ"ג „די וועלט" אין ווילנע און געווען זיין פאַרוואַלטער ביז סוף 1908, ווען געמוזט עמיגרירן, זיך באַזעצט אין נ"י, 1917 געענדיקט דאָרט זיין שטודיום אַלס דאַנטיסט, טיילווייז געווען טעטיק אין דער רוסישער ס"ד-באַוועגונג און אין „בונד", אַ געוויסע צייט אויך מיטגליד פון דער עקזעקוטיווע פון דער יידישער סאָציאַליסטישער פעדעראַציע אין אַמעריקע, געווען איינער פון די גרינדער און מיטגלידער פון דער רעדאַקציע פון דער סאָציאַליסטישער צייטונג Новый Міръ, זיך באַטייליקט אַלס טעכנישער רעדאַקטאָר און קאָרעקטאָר אין דעם פּ"ג מ. גורעוויטש, וואָס האָט צ"אַ אַרויסגעגעבן אָלגינס „די נשמה פון דער רוסישער רעוואָלוציע", לונאַטשאַרסקיס „רעליגיע און סאָציאַליזם", הילקוויטס „די געשיכטע פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין אַמעריקע". פאַרעפנטלעכט אייניקע אַרטיקלען אין דער בונדישער אומלעגאַלער „אַרבייטער-שטימע", „פּאָרווערטס", „נייע וועלט", אויך אין Рабочее Дѣло און Новый Міръ. אַ אינטערעס פאַר דער געשיכטע פון דער יידישער אַרבעטער-באַוועגונג האָבן זיינע זכרונות אין דעם זמ"ב „דאָס רעוואָלוציאָנערע רוסלאַנד" א"ר פון י"ב סאַלוצקי און א. ליטוואַק (נ"י, 1917), דערהויפּט אין „אַרבעטער-לוח", 1922 („די ערשטע שפּראָצונגען — זכרונות פון די יאָרן 1887—90"). סוף 1923 אַלס מיטגליד פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אָפּגעפאָרן קיין ראַטנרוסלאַנד און פאַרנעמט אַ שטעלע אין מלוכה-פאַרלאַג אין מאָסקווע. מיטגליד פון דער סעקציע צו שטודירן די געשיכטע פון דער יידישער אַרבעטער-באַוועגונג, געגרינדעט אָנהייב 1928 אין מאָסקווע ביי דער אַלפאַרבאַנדישער געזעלשאַפט פון די געוועזענע פּאָליטישע פאַרשיקטע אונטער דער אָנפירונג פון ש. דימענשטיין, ב. קאַנטאָר און אַלבערט-לוריע.

נעמאַנסקי, זכרונות אין „ארבייטער שטימע", 45.

קאַפּף יצחק — דיין אין ערלוי, אונגאַרן, מחבר פון „ברית אברהם" — די דינים פון מילה אויף עברי-טייטש, מונקאַטש 1892.

קאַץ (כּץ) ל. (22/I 1892—) געב' אין סערעט, בוקאָווינע, אַלס זון פון אַ סוחר. שטודירט אין ווינער אוניווערסיטעט און באַקומען דעם טיטל ד"ר פילאָסאָפיע. זיין ליטעראַרישע טעטיקייט אָנגעהויבן אַרום 1919, שרייבט דערהויפּט פאַר דייטשע צייטונגען פּובליציסטישע אַרטיקלען, פעליעטאָנען, קאָרעספּאָנדענצן, איז קאָרעספּאָנדענט פאַר צענטראַל-אייראָפּע פון דער נ"יער „פרייהייט", מאָסקווער „עמעס" א"אַ.

קאַץ (קאַטץ) משה (סוף 1864 —) געב' אין מאָהליעוו-אויפן-דניעסטער, אין אַ באַלעבאַטישער פאַמיליע. באַקומען שוין אַ האַלב וועלטלעכע דערציִונג, האָט ער נאָך אַלס יינגל זיך פאַראינטערעסירט מיט די

ביַיע יידישע באַוועגונגען, געווען אונטער דער השפּעה פון אַ משה־לייב ליליענבלום, צו 16 יאָר אַוועק קיין דייטשלאַנד שטודירן, אַ קורצע צייט פאַרבראַכט אין קיניגסבערג, וואו אים האָט מקרב געווען ד״ר באַמבערגער, אָבער אויס בענקשאַפט אַהיים און דערהויפּט צוליב מאַטעריעלע שוועריקייטן צוריקגעפאָרן קיין רוסלאַנד, מגולגל געוואָרן קיין קאָוונע, אויס דער כוונה צו לעבן פון אייגענער פיזישער פּראַצע — געאַרבעט אַלס שוואַרצאַרבעטער ביי גראָבן ערד, ביי שלעפּן משא, ביי טראָגן ציגל, זיך אָבער אַרויסגעשלאָגן פון די כּוחות און געצוואונגען געווען פון זיין חבר, דעם שפּעטער באַוואוסטן ד״ר וויקטאָר ווייסבראָט זיך צו נעמען צו אַ גרינגערער פּרנסה—צו לערעריי. 1883 אַוועק קיין מאָסקווע צו ווערן אַ פּרייער צוהערער אין אוניווערסיטעט, זיך באַקענט דאָרט מיט דער נאַראָדאָוואָלישער באַוועגונג און געוואָרן אַ סאָציאַליסט־רעוואָלוציאָנער, אָבער צו דערזעלבער צייט אויך געווען אונטער דער השפּעה פון דער יידישער נאַציאָנאַלער באַוועגונג, צוזאַמען מיט אַ גרופּע יונגעלייט געפּלאַנט אַפילו צו פאָרן קיין א״י גרינדן דאָרט אַ פּרייע קאָמונע, אָבער דערפון האָט זיך גאָרנישט אויסגעלאָזט און ק׳ איז צוריקגעפאָרן קיין קאָוונע. צוליב פּאָליציי־רדיפות איז ער 1888 אַנטלאָפן פון קאָוונע און אַוועק קיין אַמעריקע, וואו ער האָט אָנגעהויבן צו נעמען אַן אַקטיוון אָנטייל אין דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג, אין משך פון לאַנגע יאָרן געווען איינער פון די פירער פון דעם יידישן אַנאַרכיזם, אַלס רעדאַקטאָר, פּובליציסט און רעדנער. ער איז געווען מיטגליד פון דער רעדאַקציאָנעלער קאָלעגיע פון דעם ערשטן אַנאַרכיסטישן אָרגאַן אין אַמעריקע „די וואַרהייט״ 1889 א״ר פון יוסף יאַפּפאַ (זע), אין דעם דאָזיקן וואָכנבלאַט צ״אַ געשריבן אַ סעריע אַרטיקלען איבער דעם יידישן נאַציאָנאַליזם, דורכפירנדיק אַלס הויפּט־געדאַנק, אַז ווען ניט די פאַרפאָלגונגען און צרות, וואָלט דאָס יידישע פאָלק זיך שוין לאַנג געהאַט אַסימילירט. נאָך דעם אונטערגאַנג פון „דער וואַרהייט״ גענומען אַ טעטיקן אָנטייל אין דעם קאַמף צווישן די סאָציאַליסטן און אַנאַרכיסטן פאַר אַ פּאַרטייאָרגאַן, אָנגעפירט די אַנאַרכיסטישע פּראָפּאַגאַנדע דאַן אין באָסטאָן און אַז ס׳איז ענדלעך געגרינדעט געוואָרן די „פרייע אַרבייטער שטימע״ (אַלס קעגנגעוויכט קעגן דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער „אַרבייטער צייטונג״), נאָכדעם ווי אירע ערשטע רעדאַקטאָרן ר. לואיס, ד״ר בראַסלאַווסקי, ד״ר מעריסאָן, האָבן זיך צוריקגעצויגן און ד. עדעלשטאַדט איז קראַנק געוואָרן, האָט ער איבערגענומען די רעדאַקציע און געפירט די צייטשריפט ביז זי איז אונטערגעגאַנגען 1894 (1899 איז זי באַנייט געוואָרן א״ר פון ש. יאַנאָווסקי). 1898 געווען רעדאַקטאָר פון „אידישען פאָלקסאַדוואָקאַט״ און פון „טעגליכען אידישען העראָלד״, זיך אויך באַטייליקט אין פאַרשיידענע אַנאַרכיסטישע אָרגאַנען, ווי „פרייע געזעלשאַפט״, וועלכע מאָנאַטשריפט צוזאַמען מיט ל. מאָיסעיעוון 1895 אויך רעדאַקטירט, „אַרבייטער פריינד״ און „זשערמינאַל״, אויך אין סאָציאַליסטישע און אַלגעמיין־יידישע, ווי „פאָרווערטס״, אין וועלכער צייטונג

ער האָט אַרום 1900—1 געטאָן אַפּילו רע=
דאַקציאָנעלע אַרבעט, „דער נייער גייסט״,
„די אידישע וועלט״ (1902—3). נאָכן קע=
שעניעווער פּאָגראָם איז ער אַריבער צו
די ס״ר, שפּעטער אויך צום ציוניזם,
יאָרנלאַנג געווען פאַרבונדן מיט דער
„וואַרהייט״, אויך רעדאַקטירט אַ געוויסע
צייט דעם אָרגאַן „דאָס פאָלק״ (?), אַרום
1912 זיך באַזעצט אין פילאַדעלפיע, וואו
ער רעדאַקטירט זינט דעמאָלט די טעג=
לעכע צייטונג „די אידישע וועלט״—
איינע פון די בעסטע יידישע צייטונגען
אין אַמעריקע, הגם מיט אַ ציוניסטישער
ריכטונג. — אין די אַלע צייטונגען און
זשורנאַלן, ווי אויך אין אַ ריי אַנדערע,
האָט ער געשריבן א״פ בן אמוץ פעליע=
טאָנען א״ט „ערנסטע פלוידערייען״,
„רעיונות פון אַ בעל־מחשבה״ א״אַ. קרי=
טישע אַרטיקלען און געמאַכט זייער פיל
איבערזעצונגען, צ״אַ פון מאָפּאַסאַן דאָס=
טאָיעווסקי (דער ראָמאַן „ערנידעריגטע
און באַליידיגטע״—אין „וואַרהייט״, 1912),
גאַבריעל ד׳אַנונציאָ (דער ראָמאַן „די
צנועה״—איבערגעדרוקט אין דער לאָנ=
דאָנער „צייט״, 1922) אפ״אַ. אייניקע
פון זיינע איבערזעצונגען זיינען אויך
אַרויס אין בוכפאָרם, ווי אָפּהאַנדלונגען
איבער אַנאַרכיזם פון פּ. קראָפּאָטקין,
לעוו טאָלסטאָיס ראָמאַנען „אַננאַ קאַרע=
נינאַ״ (פ״ג „וואַרהייט״, 1911) און „תחית
המתים״ (פ״ג „אינטערנאַציאָנאַלע ביב=
ליאָטעק״, 1912; די דאָזיקע ביידע ראָ=
מאַנען, ווי אויך טאָלסטאָיס גרעסט
ווערק „קריעג און פריעדען״, זיינען נאָך
פריער אַרויס אויף יידיש אין פ״ג „היברו
פּאָבלישינג קאָ״, אָבער אין אַ שטאַרק
פאַרקירצטער און אומבאַפרידיקנדיקער
איבערזעצונג, בשעת ווען די איבערזע=
צונג פון ק׳ איז בכלל אַ געטרייע),
לעאָניד אַנדרעיעווס „געקליבענע שריפ=
טען״ אין 4 ב׳ (פ״ג „היברו פּאָבלישינג
קאָ״, נייע אויסגאַבע אין איין ב׳—1926,
ז׳ 130+251+253+257), אַנטהאַלט דערציי=
לונגען, נאָוועלן און די דראַמען „אַנפיסאַ״,
„ואהבת לרעך״ און „דער אשמדאי״),
טורגעניעווס אָפּהאַנדלונג „האַמלעט און
דאָן קיכאָט״ מיט אַן אַריינפיר פון ק׳,
א״אַ. האָט אויך אָנגעשריבן די ביאָ=
גראַפיע פון עמיל זאָלאַ (ז׳ 72), פאַר=
פאַסט אַ ראָמאַן פון דער נ״יער אונ=
טערוועלט „דער גענגסטער״. איז יאָרנ=
לאַנג אויך געווען פאַרבונדן מיטן יידישן
טעאַטער אַלס פאַרפאַסער פון אַ ריי
דראַמען, פון וועלכע „דער יידישער
דאָן־קיכאָט״ און „די ערשטע חובבי=
ציון״ האָבן געהאַט אַ גרויסן ערפאָלג.
ב. גאָרין פאַרצייכנט נאָך פאָלגנדיקע
דראַמען—ק׳ס: „די פינסטערע נאַכט״
(אַדאַפּטירט, 1899), „גדליה בעל־עגלה״
(אַדאַפּטירט פון הויפּטמאַנס „פורמאַן
הענשעל״), „דער גבור״—פון א. האָלם
(1900), „לא מיט אַן אלף אָדער די
עשרת הדברות״ (1901), „תחית המתים״
(פון טאָלסטאָי, 1903), „גאָטס משפטים
אָדער די שרעקלעכע שבועה״ (1906),
„וועמעס שולד אָדער מינע גרוביאַן״
(סיוזשעט פון א. פינגערט, 1908), „פּימ=
קאַ די סיגאַרעטנמאַכערין״ (איבערז׳),
„אשמדאי״ און „די טעג פון אונזער
לעבן״ (פון ל. אַנדרעיעוו), „דער בוי=
מייסטער״ (פון ה. איבסען, 1910), „קריי=
צער = סאָנאַטאַ״ (דראַמאַטיזירט פון
ל. טאָלסטאָי אין 3 אַ׳ מיט אַ פּראָלאָג
און אַן עפּילאָג, 1912), „רב ישראל״
(1913), „דאַרף אַ פרוי דערציילן״, „אין
גלות״ (1914). לעצטנס פירט ער אין
זיין צייטונג אַ באַזונדערע אָפּטיילונג „לעק=
ציעס איבער ליטעראַטור און דראַמע״,
פון וועלכער ער האָט פאַרעפנטלעכט אַ
150 קאַפּיטלען. צו זיין 60יעריקן יובליי=

וואָס איז זייער אימפּאָזאַנט געפייערט געוואָרן פעברואַר 1925 דורך אַ קאָמיטעט פון פאָרשטייער פון עטלעכע הונדערט אָרגאַניזאַציעס, איז אויך אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ זמ"ב געווידמעט דעם יובילאַר, וועלכער איז איינע פון די אָנגעזעענסטע פיגורן פון דער יידישער אינטעליגענץ און פרעסע אין אַמעריקע.

„חכמי ישראל באמריקא"; נ. ב. לינדער, „אַט איז אַ רעדאַקטאָר וואָס האָט ניט פאַרלאָרען זיינע יוגענד-אידעאַלען", אין „טאָג" פון 20/III 1925; די יידיש-אַמעריקאַנישע פרעסע פון פעברואַר-מערץ 1925; י. קאָפּעלאָוו, „אַמאָל אין אַמעריקא".

קאַץ פּנחס (1891 —) געב' אין לאָדז אין אַ סוחרישער משפּחה, וואָס איז שפּעטער אַראָפּ פון מעמד אַזוי אַז צו 12 יאָר האָט ער געמוזט פאַרלאָזן דעם חדר און זיך לערנען אַ מלאכה, 1907 אָנגעקומען אין דער אַדמיניסטראַציע פון די „לאָדזער נאַכריכטן", 1909 זיך באַזעצט אין וואַרשע אַלס אָנגעשטעלטער פון אַ רעקלאַמענגעשעפט, זינט 1911 געדרוקט הומאָריסטישע פערזן אין „ערב-שבת", „מאָמענט", „לאָדזער מאָרגענבלאַט", „היינט", וואו 1914 אויך אָנגעהויבן צו דרוקן לידער, פעליעטאָנען און בילדלעך א"פ פּינקאַץ, פּ. ק., זינט 1915 געפירט אין דער צייטונג די הומאָריסטישע אָפּטיילונג „דעה לעדיג-געהער" א"פ פּינקוס ביז 1923. זיך אויך באַטייליקט אין „פאָרווערטס" 1920 — 24 און אין אייניקע אַנדערע אויסגאַבן, אַרויסגעגעבן אַ וויצבלאַט „דער מחבל" (1919— 19 נומ' און 1924—4 נומ'), די „געלע" וואָכנצייטונגען „וועלט-קוריער" (3 נומ' 1924) און וועלט-עקספּרעס" (1926). זינט 1926 רעדאַקטירט ק' אַ וועכנטלעך וויצבלאַט א"ט „דער בלאָפער".

קאַצאָוויטש ישראל-איסר (ט"ו אלול 1859 —) געב' אין דאָרף מאַליסקע, ווילייקער קרייז, ווילנער געגנט, אַלס זון פון אַן אָרעמען קרעטשמער. דערצויגן געוואָרן אין פאַרשיידענע דערפער, וואו דער פאָטער האָט געמוזט זוכן פרנסה, ביז 8 יאָר געלערנט מיטן פאָטער, דערנאָך אין דערבייִקן שטעטל קורעניץ, דאַן פאַרבראַכט אַ פּאָר יאָר אין די ישיבות פון מינסק, זיך אויסגעשטאַנען צרות און לייד, שפּעטער געלערנט אין זאַסלאַוו, האָראָדאָק, צו 14 יאָר געווען אַ מלמד אין אַ דאָרף, געווען אויף אַ שטעלע ביי פעלדאַרבעט, דאַן ווידער געלערנט אין קורעניץ צווישן חסידים. צו 18 יאָר זיך אַוועקגעלאָזט מיט 3 רובל אין קעשענע קיין קליין-פּערעשטשעפּינע, ביי פּאָלטאַווע, צו אַ רייכן פעטער, דאָרט חתונה געהאַט מיטן פעטערס טאָכטער, געהאַנדלט מיט תבואה, זיך באַקענט מיט דער השכלה-ליטעראַטור, זיך אויסגעלערנט רוסיש און ליב באַקומען די רוסישע ליטעראַטור, געפאָרן קיין ווילנע אָנצוקומען אין דעם לערער-אינסטיטוט, אָבער אים איז ניט געפעלן געוואָרן די אַסימילאַטאָריש-קאַריעריסטישע אַטמאָספערע פון דער אַנשטאַלט און ער איז צוריקגעפאָרן אַהיים, דערנאָך געפאָרן שטודירן קיין קאַטערינאָסלאַוו, געגרייט זיך פאַר אַ יוריסט, אונטער דעם רושם פון די פּאָגראָמען פון 1881 זיך אָנגעשלאָסן אָן אַ גרופּע פון „עם עולם" און מיט דער גאַנצער פאַמיליע, מיט פרוי און קינד, שווער און שוויגער זיך אַוועקגעלאָזט קיין אַמעריקע, אָבער פון די חלומות צו גרינדן דאָרט אַ קאָלאָניע האָט זיך גאָרנישט אויסגעלאָזט, געפּרוווט

מזל אַלס פּעדלער, אַלס קרעמערל און לסוף אין פערטהאַלבן חדשים אַרום צוריקגעפאָרן קיין קליין=פּערעשטשעפּינע, געוואָרן אַ לערער בײַ רײַכע ייִדישע גוטסבאַזיצער, אויך אין פּאָלטאַווע, דערנאָך אַ סוחר פון פאַרב אין לובען, דערנאָך פון יעקב מאַרקס בריוו זיך אויסגעלערנט בוכהאַלטעריע און אָנגעקומען אויף אַ שטעלע צו אַ פּאָלטאַווער גביר, דאַן ווידער געהאַנדלט מיט תבואה, צוגעשטאַנען צו די חובבי=ציון און אָפט אויפגעטרעטן אַלס זאָגער פאַר דעם רעיון פון ישוב א״י, געווען איינער פון די 5 ברידער פון דעם אָרדן „בני משה״ אין פּאָלטאַווע, צוליב דעם אידעאַל פון תחיה געוואָרן אַ לערער פון העברעיִש, 1890 אויסגעהאַלטן אויך דעם עקזאַמען אויף פאָלקסלערער, אָבער די לערערײַ האָט שלעכט געווירקט אויף זײַן געזונט און אין 3 יאָר אַרום זיך גענומען צום מסחר מיט שטיינקוילן, 1897 געוואָרן פאַרוואַלטער פון קאַמענטקאָוויטשעס קוילנשאַכטעס פון אין קריוואָראָג, אויך דאָ געווען טעטיק אַלס ציוניסט און כלל=טוער, גרינדער פון אַ ביבליאָטעק, טוער פון רעפאָרמירן די תלמוד=תורה אַז״וו, זיך באַטייליקט אַלס דעלעגאַט אויף דעם צוזאַמענפאָר פון די ציוניסטן אין מינסק (1902), נאָך דעם קעשעניעווער פּאָגראָם און די רעפּרעסיעס קעגן דער ייִדישער יוגנט, בשעת וועלכע אויך זײַנע אַ טאָכטער איז אַרעסטירט געוואָרן, ניט קוקנדיק אויף זײַן גלענצנדער מאַטעריעלער לאַגע פאַרלאָזט מיט זײַן פרוי און די 6 קינדער רוסלאַנד און ווידער אַוועק קיין אַמעריקע, זיך אָבער דאָרט ניט געקענט אײַנאָרדענען, געלאָזט די פאַמיליע אין נ״י און צוריקגעפאָרן קיין אוקראַינע, וואו ווידער גלײַך באַקומען זײַן שטעלע בײַ קאַמענטקאָוויטשן, שוין דאָסמאָל אין קאַטערינאָסלאַוו, אָבער אינגיכן זײַנען אויסגעבראָכן די פּאָגראָמען אין מעליטאָפּאָל און אין זשיטאָמיר און אַווגוסט 1905 האָט ער צום לעצטן מאָל פאַרלאָזט רוסלאַנד, אין נ״י זיך געפּרוווט נעמען צו פאַרשיידענע פּרנסות, אויך צו לערערײַ, 1907—8 געווען אַ פאַרמער, זיך שטאַרק פאַראינטערעסירט מיט דער אַגריקולטור, אָנגעהויבן צו שטודירן די געהעריקע ליטעראַטור אין ענגליש און 1910 אײַנגעלאַדן געוואָרן אַלס מיטרעדאַקטאָר פון דעם חודש=זשורנאַל „דער אידישער פאַרמער״, וואָס ווערט זינט 1908 אַרויסגעגעבן פון דער ייִדישער אַגריקולטור=געזעלשאַפט, און אין משך פון אַ יאָר 15 פאַרבליבן אויף דעם אַמט, פלעגט צונויפשטעלן כמעט די גאַנצע צײַטונג אויף ייִדיש, באַאַרבעטנדיק דעם מאַטעריאַל פון דער ענגלישער אַגריקולטור=פּרעסע. זײַן אינטערעס פאַר ייִדישער פאַרמערײַ האָט אים אויך געבראַכט צו פאַרפאַסן אַ ווערק „היימישע עופות / אַ לעהר=בוך וועגען היהנער, גענז, ענטלעך, אינדיקעס און טויבען״ (אַרויסגעגעבן פון דער „דזשואיש אַגריקולטשורעל סאָסייעטי״, נ״י, 1921; צווייטע פאַרגרעסערטע און פאַרבעסערטע אויפלאַגע — 1924, ז׳ 290). אַ נאָמען אין דער אַלגעמיינער ייִדישער ליטעראַטור האָט אים געמאַכט זײַן בוך „זעכציג יאָהר לעבען / עראינערונגען / אייגענע און אַלגעמיין=אידישע / (1859—1919) / מיט אַ פאָרוואָרט פון דוד פינסקי״ (פ״ג מאַקס נ. מייזעל, נ״י 1919; 2טע אויסגאַבע — 1924, ז׳ 375) — איינס פון די שענסטע ווערק פון אונזער מעמואַרנליטעראַטור, געשריבן מיט רירנדיקער אויפריכטיקייט, אין אַ פּשוטער קלאָרער שפּראַך און אָפּשפּיג=

לענדיק געטריי דאָס לעבן און דאָס שטרעבן פון יידישן מיטלשטאַנד אין רוסלאַנד און טיילוויַיז אויך אין אַמע־ריקע. די ערשטע אָפּטיילונג פון דעם בוך, „דער ליטווישער אינגעל" (אַרויס אין אַ באַזונדערער אויסגאַבע), איז גע־וואָרן אַ באַליבט לייענבוך אין דער יידישער שול אין אַמעריקע און גאַנצע קאַפּיטלען דערפון זיינען אויך אַריין אין די יידיש־אַמעריקאַנישע כרעסטאָ־מאַטיעס. דאָס ווערק א״ז איז אויך אַרויס אין דעם אַוטאָרס איבערזעצונג אויף העברעיִש א״ט „ששים שנות חיים" (פ״ג „דביר", בערלין, 1925). דאָס דריטע ווערק ק׳ס, „דאָס אייביגע פאָלק / יום־טוב שטימונגען און געדאַנקען וועגן אידען און אידענטום" (נ״י, 1925, ז׳ 320), איז אַ מין מוסר־ספר, געשריבן אויף אַ היינטוועלטיקן שטייגער. אין גייסט פון דער היינטיקער, מער אינעוויינקסטער, ווי דאָגמאַטישער פרומקייט, לויט דעם פּראָגראַם פון דעם מאָדערנעם, האַלב ציוניסטישן, האַלב סאָציאַליסטישן יידישן נאַציאָנאַליזם, הגם מיט צופיל אידעאַלי־זאַציע פון דער יידישער געשיכטע און דעם יידישן לעבן.

ע. ברוידעס, אין „צוקונפט" 1919, ז׳ 512; ש. ניגער, אין „טאָג" נומ׳ 3802; ש. ערנסט, אין „הישוב", תרפ״ה, י״ד; י. י. סיגאַל, אין „שריפטן", VIII.

קאַצאָוויטש נח (כ״ד אייר 1862—) געב׳ אין סלאָנים, גראָדנער געגנט, אין אַ באַלעבאַטישער משפחה. ביז 12 יאָר געלערנט ביי מלמדים, דער־נאָך אין די ישיבות פון סלאָנים און מינסק. אַלס אַוטאָדידאַקט זיך אויך אָפּ־געגעבן מיט העברעיִש, רוסיש און דייטש. צו 20 יאָר חתונה געהאַט אין שטעטל אַמסיבאָוואָ, וואו בעל־פרחה זיך געמוזט פאַרנעמען מיט דער פאַרהאַסטער קרע־מעריי, צוגעפּאַרדינט פון רוסישער שריי־בעריי, געווען טעטיק אין שטעטל אַלס כלל־טוער, זיך באַזונדערס אינטערעסירט מיט דער קאָלאָניזאַציע אין אַרגענטינע, האַלטנדיק אין דעם פּרט מיט סאָקאָ־לאָווס „הצפירה" לגבי דעם „המליץ", כאָטש ער איז געווען אַן אַקטיווער חובב־ציון, און אין 1894, ווען אין גראָד־נער געגנט איז אויפגענומען געוואָרן אַ גרופּע קאָלאָניסטן פאַר אַרגענטינע, אַלס איינער פון די איניציאַטאָרן דער־פון אָפּגעפאָרן אַלס דעלעגאַט פון דער גרופּע קיין אַרגענטינע און פאַרטרעטן אירע אינטערעסן ביים אָרגאַניזירן אירע מיטגלידער אין מאָזעסוויל. וואוינט זינט דאַן אין מאָזעסוויל, פאַרנעמענדיק זיך עד־היום מיט ערדאַרבעט צוגלייך מיט דעם גרעסטן טייל חברים פון דער גרופּע. 1899 און 1901 באַזוכט די אַלטע היים אויפצונעמען נייע קאָלאָניסטן פאַר דער קאָלאָניע און איינגעאָרדנט 3 גרופּעס פון 120 פאַמיליעס אין מאָזעסוויל. פיל אויפ־געטאָן פאַר דעם ישוב, געשאַפן די ערשטע ביבליאָטעק, געאַרבעט אויפן געביט פון שולוועזן, איבער 20 יאָר געווען טעטיק אין דעם קאָאָפּעראַטיוו „לאַ מוטואַ אַגריקאָלאַ" — איצט איינעם פון די אָנגעזעענסטע אין דער רעפּובליק. געווען מיטגליד פון פּרעזידיום פון דעם ערשטן אַלייִדישן קאָנגרעס, בוענאָס־איי־רעס 1916, אויף וועלכן געהאַלטן דעם רעפעראַט וועגן דער נויטיקייט צו גרינדן אַן אַלייִדישע אַליאַנץ אין אַרגענטינע. אין צוזאַמענהאַנג מיט זיין אַקטיווער געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט זיך באַטיי־ליקט מיט אַרטיקלען אין יידישע, העב־רעיִשע, שפּאַנישע און אויך רוסישע אויסגאַבן, אויך א״פ נח איש האדמה, בן קיש און ק״ן, צ״אַ — אין „הצפירה", לאָנדאָנער „היהודי", בוענאָס־איירעסער „הבימה", „טאָג", „אידישע ציי‌טונג",

„האַנדעלס = וואָך", „אידישע וועלט", דאָמינגעזער „אידישער קאָאָפּעראַטאָר", מאָזעסווילער „טריבונע".

דוד גאָלדמאַן, „די יודען אין ארגענטינא", ז' 193.

קאַציזנע אַלטער (שלום) (31/V 1885 —) געבּ' אין ווילנע אין אַ פּאַראָרעמטער אַרבּעטער=משפּחה. זיין פאָטער, שמואל=הירש, אַ זון פון אַ שמיד, איז געווען אַ מו= ליער, די מוטער— אַ שניידערין. באַ= קומען אַ גאַנץ שוואַכע יידישע דערציִונג ביי אַ פּאָר מלמדים און ניט קיין בעסערע אַלגעמיינע ביל= דונג אין דער רוסיש=יידישער אָנפאַנגס= שול פון פּאַס, האָט ער אָבער פון קינד= ווייז אויף אַ סך געלייענט. צו 14 יאָר, נאָך זיין פאָטערס טויט, האָט ער זיין אָפיציעלע בילדונג איבערגעריסן און אַדאַנק אַ פעטער זיינעם, וועלכער האָט בכלל געהאַט אויף אים אַ השפּעה, זיך אויסגעלערנט פאָטאָגראַפיע, מיט וועלכן פאַך ער פאַרנעמט זיך עד=היום. שפּע= טער, לעבנדיק אין קאַטערינאָסלאַוו אין אַ רוסיפיציר=טער סביבה, האָט ק' זיינע ערשטע ליטעראַרישע שריט געמאַכט אין רוסיש און האָט זיך אָנגעהויבן דורכ= צושרייבן מיט ש. אַנ—סקין, וועלכער האָט אָפּגעדרוקט אייניקע נאָוועלן ק'ס אין Еврейскій Міръ 1909. צו יענער צייט זיינען אים צופעליק געקומען אין דער האַנט אַריין פּרצעס ווערק, וועלכע האָבן אויף אים געמאַכט אַ גרויסן רושם און אים איבערצייגט אין דעם, אַז אַ ייד דאַרף שרייבן יידיש. ער איז אַוועק קיין וואַרשע, האָט זיך באַקענט מיט פּרצן און

אונטער זיינע אָנווייזונגען גענומען אָפּ= פרישן אין זכרון זיין ווילנער ביסל יידישקייט. מיט זכרונות וועגן פּרצן נאָך זיין טויט האָט ק' אויך דעביוטירט אין יידיש (אין פּרק=בוך פון „דער יודישער וועלט", 1915, IV—V). זיין ערשטע בעלעטריסטישע זאַך אין יידיש איז גע= ווען די דראַמאַטישע פּאָעמע „דער גייסט דער מלך" (פראַגמענט אין זמ"ב „איי= גענס", קיעוו, 1918, I), וועגן וועלכער בעל=מחשבות האָט געגעבן פאָלגנדיקן אָפּרוף: „די מאָטיוון זיינען ניט אַזוי אָריגינעל, ווי מייסטערהאַפט אויסגעפירט. א. ק' איז געווען דער, וואָס האָט יאָרנ= לאַנג געלעבט מיט ליבשאַפט און איבער= געבנקייט אין שאָטן פון י"ל פּרץ, און גרויס איז אויך דער פּרצישער איינפלוס אויף אים. מען מעג אויף אים זאָגן, אַז ער איז דער ערשטער פון פּרצעס שולע... נאָר ק' האָט שטאַרק געמייסטערט זיין שפּראַך און האָט דערגרייכט אַזוינע שיינקייטן, וואָס שטעלן אים שוין אַוועק ווי אַ פּאָעט פאַר זיך. חוצדעם האָט ק' אויסער דעם פּרצישן איינפלוס נאָך זיין אייגנס—אַ פיין געפיל פאַר פאַרבן און פאַרבן איבערגעגוג, מיט וואָס פּרץ האָט זיך בכלל ניט אויסגעצייכנט. אין ק'ן שטעקט אַ תּלמיד פון פּרצן, אָן אויג פון אַ מאָלער און עפּעס אַ מיסטיש געפיל, וואָס האָט אָבער אויך אַ ניצוץ פון פּוי= ליש=קאַטוילישן, ווי ביי אַלע פּויליש= יידישע שרייבער". ציענדיק זיין חיונה פון דער פאָטאָגראַפישער אַנשטאַלט, וועלכע ער האָט געפירט אין וואַרשע (ביז 1926), האָט ק' זינט דאַן זיך פון צייט צו צייט באַטייליקט אין „הייטער=בוך" (פראַגמענט פון זיין דראַמאַטישער פּאָעמע „דער טורעם פון בבל"), שאַליטס „לעבען", „אילוסטרירטער וועלט", „פאָלקסצייטונג", „ווילנער טאָג" א"אַ. צוזאַמען מיט דוד

איינהאָרן געפּרוּווט אַרויסצוגעבן זמ"ה „די תיבה" און צוזאַמען מיט יעקב וואַסערמאַנען „די גלאָקן", אָבער פון ביידע אויסגאַבן זיינען אַרויס נאָר צו איינציקע נומ'. גליקלעכער איז געווען דער פּרווו פון דעם חודש-זשורנאַל „רינגען", וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן צוזאַמען מיט מיכאל ווייכערט (אַרויס 10 ה' זינט יאַנואַר 1921), וואו ער האָט אַחוץ אַ ריי בעלעטריסטישע זאַכן (ווי „דער טערק", „דעם לויס טאָכטער", „נאַסטורציעס", אַ פראַגמענט פון דער פּאָעמע „דער טורעם פון בבל" א"אַ) פאַרעפנטלעכט איינעם פון זיינע ערשטע קריטישע אַרטיקלען (וועגן אורי-צבי גרינבערגס „מעפיסטאָ"), זינט דאַן געשריבן אַרטיקלען אויף ליטעראַרישע און געזעלשאַפטלעכע טעמעס, וועגן קונסט און טעאַטער אין „ביכער-וועלט", אין די „ליטעראַרישע בלעטער", בפרט דעם ערשטן יאָר פון זייער ערשיינען, ווען ער איז אַלס גרינדער געווען איינער פון די פינף רעדאַקטאָרן. אינטים פאַרבונדן מיט אַנ-סקין ביז די לעצטע טעג פון זיין לעבן און איינער פון די אַפּוטרופּסים פון אַנ-סקיס ליטעראַרישער ירושה, בילדנדיק צוזאַמען מיט יצחק גרינבוימען און ד"ר צ. שאַבאַדן די עקזעקוטיווע פון דעם אַנ-סקי-קאָמיטעט, וואָס גיט צ"אַ אַרויס אַלע אַנ-סקיס ווערק, האָט ק' פאַרענדיקט די דראַמע אַנ-סקיס „טאָג און נאַכט", רעסטאַווירנדיק פון אַנ-סקיס אָנגעוואָרפענע פראַגמענטאַרישע נאָטיצן די ערשטע צוויי אַקטן, אַריינשטעלנדיק די דערגאַנצנדיקע סצענעס און צושרייבנדיק דעם דריטן אַקט. אין אָט דער פאָרם איז „טאָג און נאַכט" אויפגעפירט געוואָרן צום ערשטן יאָרצייט נאָך אַנ-סקין פון דער „ווילנער טרופּע", אָבער אַראָפּגעריסן געוואָרן פון דער יידישער פרעסע, און ערשט ווען די דראַמע האָט שטאַרק אויסגענומען אויף דער פּוילישער בינע, איז זי ווידער אַריין אין דעם רעפּערטואַר פון די ערנסטערע יידישע טרופּעס אין אַלע לענדער, איז לעצטנס אויך איבערגעזעצט געוואָרן צום אויפפירן אויף דייטש א"ט Die Pest. אַ גרויסן סצענישן ערפאָלג האָט געהאַט ק'ס פּיראַקטיקע דראַמע „דער דוכוס", אויפגעפירט צוערשט אין וואַרשע פון אברהם מאָרעווסקי (וועלכער האָט געשאַפן אַ פּרעכטיקע געשטאַלט פון דעם אַלטן דוכוס, פאַרוואַנדלענדיק זי אין אַ הויפּטפיגור פון דער דראַמע) פעברואַר 1925 און דערנאָך צענדליגער מאָל איבערגעחזרט אויך אין ווילנע, לעמבערג, קראָקע, לאָדז, בוקאַרעשט, אַרגענטינע אאַז"וו. אויסניצנדיק אַלס סיזשעט פאַר „דעם דוכוס" די לעגענדע מיטן ווילנער גר-צדק, איז ק' דאָ „אין אַ גרעסערער מאָס אויסן געווען די סאָציאַלע אידישע דראַמע, ווי די פּערזענלעכע דראַמע פון דעם גר" און האָט געגעבן די דראַמע אויף דעם פאָן פון די צוויי קעגנגעזעצטע וועלטן, דער מאַגנאַטיש-פּוילישער און דער געטאָ-יידישער. און הגם פּסיכאָלאָגיש און קינסטלעריש ליידט די דראַמע פון שווערע פעלערן—פון אַ „גויישן" צוגאַנג צו די הויפּט-פּראָבלעמען, פון אַ ניט-איינהייטלעכקייט אין סטיל און קאָנסטרוקציע, האָט זי דאָך באַרייכערט דעם מאָדערנעם יידישן רעפּערטואַר מיט אַ שטאַרק פאַרביק און טעאַטראַליש ווערק. קינסטלעריש אַ סך מער געלונגען איז ק'ן זיין צווייט וויכטיק טעאַטער-ווערק „הורדוס", געשריבן אין אַ מייסטערהאַפטן סטיל פון דער קלאַסישער טראַגעדיע, וואָס ס'איז אויך אַ גרויסע פאָרם-דערגרייכונג פאַר דער יידישער ליטעראַטור, אָבער ליידער איז נאָך „הורדוס" פון דעם יידישן טעאַטער ניט רעאַליזירט געוואָרן, באַ-

טראַכטנדיק זיך דערהויפּט פאַר אַ דראַמאַטישן שריפטשטעלער, אַ אידעאָלאָגישער קעגנער פון רעאַליזם, מיט אַ נייגונג צו סימבאָלישקייט, וועלכע ווערט ביי אים טיילמאָל פאַרוואַנדלט אין אַלעגאָריע, ווי למשל אין זיין סאַטירישער דראַמע „דער גייסט דער מלך", האָט ער אויך אין זיינע נאָוועלן און באַלאַדעס געפּרוּווט אַריינברענגען דראַמאַטישן שטאָף, זיין חוש פאַר ריטם און פּלאַסטיק און זיין וויכטיקסטע מעלה — דעם דראַנג נאָך פאָרם. — פון ק׳ס ווערק זיינען אַרויס אין בוכפאָרם: „דער גייסט דער מלך / דראַמאַטישע פּאָעמע / דריי אַקטען, אַכט פראַגמענטן" (וואַרשע, 1919, ז׳ 312, שערבלאַט געצייכנט פון י. זיידנבייטל); „צוועלף" — פּאָעמע פון אַלעקסאַנדער בלאָק, מיט אַן אָפּהאַנדלונג פון שאַכנע קאַראָלסקי (וואַרשע, 1920, ז׳ 24, געדרוקט אין דער פאָנעטישער אָרטאָגראַפיע); „פּראָמעטעוס / אַ דראַמאַטישע פּאָעמע" (וואַרשע, 1920, ז׳ 56); „אַראַבעסקן" — נאָוועלן און מעשהלעך (1922, ז׳ 180); „דוכוס", דראַמע אין 4 אַ׳, און „הורדוס", טראַגעדיע אין 5 אַ׳ (פ״ג ב. קלעצקין, ווילנע, 1926, ז׳ 138 און 160). נאָך ניט פאַרעפנטלעכט אין בוכפאָרם איז צ״אַ אַ ב׳ פון זיינע פאָלקס=באַלאַדעס, וואָס אייניקע פון זיי האָבן זיך געדרוקט אין „ליטעראַרישע בלעטער". ק׳ האָט אויך געשריבן אייניקע לידער פאַר דער יידישער קליינקונסט=בינע, פון וועלכע „דער פעטער אין אַמעריקע" (מוזיק פון הענעך קאָן) איז געווען איינער פון די פּאָפּולערסטע נומערן פון דעם „אַזאַזעל"=טעאַטער. — אַלס פאָטאָגראַף=קאָרעספּאָנדענט פון „פאָרווערטס" האָט ק׳ דורכגעוואַנדערט גאַנץ פּוילן, אויך באַזוכט א״י און לעצטנס צפון=אַפריקע (פאַרעפנטלעכט זיינע איינדרוקן אין „אונזער עקספּרעס" 1927—28 א״ט „איבער לענדער און מדבריות / געדאַנקען און בילדער פון אַ „רייזע קיין אַפריקע").

בעל=מחשבות, אין זרח גרינבערגס „קאַמף און לעבן", 1919, I—II; מ. ליטוואַקאָוו, אין „ביכערוועלט", קיעוו, 1919, I; ש. אַנ—סקי, „אַרטיקלען און עסייען"; א. לעזער, אין לעבענס=פראַגען", 1919, 206; פע ד׳עם, אין „ליטעראַרישע בלעטער", 3; נ. מ., ib, 42; ש. ניגער, אין „צוקונפט", 1927, II; י. רובין, אין „אונזער האָפענונג", 4.

קאַצענעלסאָן ברוך (21/XII 1900—) געב׳ אין סלוצק, מינסקער גוב׳. געלערנט אין חדרים און אין דער ישיבה, אָבער זיך פרי באַקענט מיט דער העברעישער ליטעראַטור, אָנגעהויבן צו שרייבן שירים און צו 17 יאָר אַרויסגעטריבן געוואָרן פון דער ישיבה. אונטער דער השפעה פון דער רעוואָלוציע אַריבער צו שרייבן לידער אין יידיש, געדרוקט זיי אין מינסקער „שטערן", 1919, און „פאַרן פאָלק", 1920. סוף 1921 געקומען קיין אַמעריקע, וואו ער איז באַשעפטיקט אַלס העברעישער לערער. פאַרעפנטלעכט לידער אין „אַמעריקאַנער", „יידישן טאַגעבלאַט", וויניפעגער „אידישען וואָרט", „פ. א. ש.", „קונדס", „אויפגאַנג", „די פעדער" א״אַ, אויך אַ ריי קריטישע אַרטיקלען (אין „פעדער"). זיינע העברעישע שירים אין „הדאר" האָבן געפונען אַ וואַרעמען אָפּרוף פון יעקב ראַבינאָוויטש אין „דבר".

קאַצענעלסאָן יהודה=לייב=בנימין (1847—1/II 1917) געב׳ אין טשערניגאָוו. ביז 10 יאָר געלערנט אין חדר, אַ פאָר יאָר געווען אויף דער לער ביי אַ סופר, צו 15 יאָר אַנטלאָפן קיין באָברויסק, וואו געלערנט אין ישיבה, אַלס אויטאָדידאַקט זיך אויך באַקענט מיט דער דייטשער שפּראַך און דער רוסישער, 1866 אָנגעקומען אין דער זשיטאָמירער

ראַבינער=שול, נאָכן ענדיקן זי—1872— שטודירט אין דער מעדיציניש=כירורגישער אַקאַדעמיע אין פּט"ב, 1877 אַלס מיליטערישער דאָקטאָר זיך באַטייליקט אין דער רוסיש = טערקישער מלחמה, נאָכן צוריקקומען זיך באַזעצט אין פּט"ב, וואו אין משך פון צענדלינגער יאָרן געווען אָרדינאַטאָר אין דעם אַלעקסאַנדער=שפּיטאָל. — צוגעצויגן פון י"ל קאַנטאָר צו ליטעראַרישער מיטאַרבעט אין Русскій Еврей און שפּעטער אין „היום", האָט ער זיך קונה שם געווען א"פ בוקי בן יגלי מיט זיינע פעליעטאָנען, לעגענדעס א"אַ (אין בוכפאָרם פאַרעפנטלעכט אויף רוסיש א"ט Мысли и грезы—1902, און אויף העברעיִש א"ט „חזיונות והרהורים" — 1905), אויסגעצייכנט דורך זייער אָריגינעלן העברעיִשן, ריין ביבלישן סטיל, דעם פיינעם הומאָר און דער קינסטלערישער האַרמאָנישקייט. נאָך אַ גרעסערע פּאָפּולאַריטעט האָט ער זיך דערוואָרבן מיט זיינע וויסנשאַפטלעכע אַרבעטן, דערהויפּט אויפן געביט פון מעדיצין אין תלמוד, ווי „רמ"ח אברים" (1888), „יסודי טומאה וטהרה" („הזמן", 1903), „צרורות ורסיסים" („המליץ", 1896—97), „התלמוד וחכמת הרפואה"— זיין לעבנס=ווערק, וואָס ער האָט קוים באַוויזן צו פאַרענדיקן אויפן קראַנקנבעט (אַרויס ערשט צו זיין 10טן יאָרצייט, פ"ג „חיים", בערלין, תרפ"ח, א"אַ. געווען אויך איינער פון די הויפּט=רעדאַקטאָרן פון דער EЭ, וואו פאַרעפנטלעכט אַ ריי אָפּהאַנדלונגען אויפן געביט פון תנך און תלמוד; נאָך באַראָן דוד גינצבורגס טויט געווען דירעקטאָר פון די יודאַיִסטישע קורסן, וואָס יענער האָט געגרינדעט; אַלס אָנהענגער פון דער יידישער קאָלאָניזאַציע אין אַרגענטינע — זינט 1892 געווען מיטגליד פון צ"ק פון דער יק"אַ. — אין דער יוגנט האָט ק' געשריבן זייער שיינע לידער אין יידיש, און אייניקע פון זיי זיינען שפּעטער פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין איינעם פון די רוסיש = יידישע זמ"ב, אָבער שפּעטער, אונטער דער השפּעה פון זיינע חברים, די פּט"ב'ער משכילים, היילפעריין און באַקשט, איז ער געוואָרן אַ קעגנער פון יידיש, אַ פאַרטרעטער פון דעם העברעיִסטיש=רוסיפיקאַטאָרישן שטאַנדפּונקט (ער איז אַגב געווען וויצע=פאָרזיצער פון דער געזעלשאַפט „חובבי שפת עבר"). שפּעטער אַלס פאָרזיצער פון דער „חברה מפיצי השכלה"—זינט 1910— אין דעם פעריאָד, ווען די „חברה" איז אַלץ מער און מער אַטאַקירט און טיילווייַז באַהערשט געוואָרן פון דער יידישיסטישער דעמאָקראַטיע, האָט ער אָנגעהויבן צו פאַרשטיין, אַז מ'קען ניט מבטל זיין די לעבעדיקע שפּראַך פון יידישן פאָלק און אויף די לעצטע צוזאַמענפאָרן פון דער חמ"ה איז ער שוין געגאַנגען אויף פשרות לגבי יידיש. ער האָט אַפילו אַליין אָנגעהויבן צו שרייבן יידיש קורץ פאַר זיין טויט, ווען בנציון כץ האָט 1915 אַלס מיטרעדאַקטאָר פון „פּעטראָגראַדער טאָגבלאַט" זיך געווענדט צו אים, ער זאָל פאַר דער צייטונג שרייבן זיין אויטאָביאָגראַפיע, ליידער איז די צייטונג אויפן 11טן נומ' אָפּגעשטעלט געוואָרן פון דער מיליטערישער מאַכט און מער ווי די ערשטע פיר קאַפּיטלען פון זיינע זכרונות האָט ק' אין יידיש—און אין זייער אַ שיינעם יידיש— ניט באַוויזן צו פאַרעפנטלעכן (ער האָט זיי דאַן פאָרגעזעצט אין העברעיִש—אין „העם", אָבער זיי ניט פאַרענדיקט, ווי אויך זיין ווערק „הילל ובית מדרשו" — וועגן דער אַנטוויקלונג פון תורה=שבעל=פה, און אַ ראָמאַן אויס דער שפּאַני=

שער עפּאָכע איבער יידנטום און קריסטנטום). אויך זיין טאָגבוך, וואָס ער האָט געפירט פון די 60קער יאָרן אָן, איז געשריבן ניט נאָר אין העברעיִש און רוסיש, נאָר אויך אין יידיש (ער געפינט זיך אין רשות פון שאול גינזבורג). אייניקע פון זיינע בעלעטריסטישע זאכן, בפרט זיין „שירת הזמיר", זיינען איבערגעזעצט געוואָרן אויף יידיש צו פאַרשיידענע צייטן, אָנהייבנדיק פון „יודישען פאָלקסבלאַט" און אויסגעלאָזט מיטן „יודישען טאַגעבלאַט" פון יולי, 1927, וואו יוסף דאַנאָווסקי האָט אין אַ ריי נומ' פאַרעפנטלעכט ק'ס „צוויי מאַנוסקריפּטען".

דוד פרישמאַן, אין „היינט", 1917; י"ל קאַנטאָר, אין ЕЭ, IX; בנציון כ"ץ, „די אידישע פיהרער פון פאַרשטאַרבענעם דור", אין „מאָרגען זשורנאַל", 1922; id, „דער יחיד בדורו", ib, 20/II 1927; י. י. גלאַט, „זכרונות", אין „לאָדזער טאַגעבלאַט", 1922, 72.

קאַצענעלסאָן (קאַצענעלזאָן) יצחק (=יחיאל) (תמוז 1886 —)

געב' אין קאַרעליץ, ביי נאָוואָרעדאָק, מינסקער געגנט, אין אַ משפחה, וואָס שטאַמט פון דורות רבנים ביזן תוספות־יום־טוב, דעם סדר־הדורות, דעם של"ה און נאָך העכער. זיין פאָטער, יעקב־בנימין קאַצענעלסאָן (געב' 1859 אין

קאַפּוליע, געלערנט אין די ישיבות פון וואָלאָזשין און קאָוונע), אַ העברעיִשער און צום טייל אויך יידישער שרייבער, פאַרפאַסער פון „עוללות אפרים" (1889), אַ פּאָעמע, וואָס האָט געצויגן אויפמערקזאַמקייט מיט דער נעגאַטיווער באַציִונג צו די משכילים, צו די באַליבטע און אידעאַליזירטע העלדן די אויפגעקלערטע ישיבה־בחורים מיט זייער חשק צו בילדונג, וועלכע ק' שילדערט אַלס אומסימפּאַטישע קאַריעריסטן), פון „חזון בן ימיני", „יהודה המכבי ויונתן ופסי", „גדליה דרגא" — אַ פּאָעמע אין יידיש, פאַרעפנטלעכט א"פ בן ימיני א"א, איז דאַן געזעסן אין וואַרשע אַלס מיטאַרבעטער פון דער העברעיִשער ענציקלאָפּעדיע „האשכול", און יצחק איז ביז 6 יאָר דערצויגן געוואָרן פון דער מוטער, אין דעם הויז פון דער באָבען, דער אלמנה פון קאַרעליצער רב ר' יצחק־יחיאל דווידזאָן. דאַן איז ער אַריבערגעפאָרן קיין זגערזש, וואו דער פאָטער האָט געעפנט אַ שול פאַר געקליבענע תלמידים, און אָט אין דער שול האָט ער געלערנט ביז 12 יאָר העברעיִשע און אַלגעמיינע לימודים. דער שווערער מאַטעריעלער מעמד האָט געצוואונגען דעם פאָטער ווידער צו פאַרלאָזן די פאַמיליע און אַוועק קיין וואַרשע אַלס מיטאַרבעטער אין דער „הצפירה", די מוטער האָט געעפנט אין לאָדז אַן אַכסניא פאַר באַקאַנטע, ווי העברעיִשע לערער וכדומה, און יצחק, וועלכער האָט געהאַט בדעה אָנצוקומען אין אַ מיטלשול, איז גאָר אָנגעקומען אין אַ מאַנופאַקטור־געשעפט, אָבער זיך לאַנג ניט געקאָנט האַלטן און אַריבער אויף אַ פאַבריק צו זיינעם אַ פעטער אין זגערזש זיך לערנען וועבעריי, אָבער אויך די וועבער־מלאכה איז אים ניט געווען צום האַרצן. צו יענער צייט האָט ער שוין געהאַט אָנגעשריבן זיינע ערשטע שירים אין העברעיִש, גלייכצייטיק זיך אָפּגעגעבן מיט זעלבסט־בילדונג און פיל געליינט, אַ באַזונדערן אינטערעס אַרויסגעוויזן צום טעאַטער, און די פּיעסן פון שעקספּיר, געטע, שילער, גרילפּאַרצער, העבעל, קלייסט

א"אַ, וואָס ער האָט געזען פאַר דעם לעצטן אָפּגעשפּאָרטן גראָשן דער מאַמעס אין לאָדזער דייטשן טעאַטער האָבן אויף אים געהאַט נאָך אַ סך אַ גרעסערע השפּעה, ווי דער מישמאַש פון צבי פּערלאָס (זע) ליי-ביבליאָטעק אין לאָדז. נאָך ניט פאַרשטייענדיק גוט די דייטשע טעקסטן פון די פּיעסן, האָט ער דעקלאַמירט אויסווייניק גאַנצע שטיקער מיטן גאַנצן שוישפּילערישן פּאַטאָס און מיט דער גאַנצער מימיק פון אַן אַקטיאָר— פאַר דער מוטער, אַ גרויסער ליבהאָבערין פון טעאַטער, וועלכע האָט בכלל געהאַט אַ גרויסע השפּעה אויף איר זון. אויף דעם רייכן פאָלקס-אוצר פון דעם יידישן גאָלדפאַדן-טעאַטער פלעגט ק׳ אָפט מיטברענגען אַהיים צו דער מוטער צוזאַמען מיט דער יידישער ליטעראַטור, אָנגעהויבן פון שמ"ר און געענדיקט מיט מענדעלען. אויפן 17טן לעבנסיאָר האָט ער פאַרלאָזט די וועבער-פאַבריק און געפאָרן צו גאַסט צו די קרובים אין דער ליטע, אויפן וועג זיך פאַרהאַלטן אין וואַרשע, זיך געשעמט נאָך צו ווייזן אין דער רעדאַקציע פון „עולם קטן", וואו ער האָט שוין געהאַט אָפּגעדרוקט עטלעכע לידער, נאָר איז אַוועק צו אברהם רייזענען, וועלכער האָט מיט זיינע דערציילונגען און לידער געוואונען זיין גאַנצן צוטרוי. דער באַרימטער דיכטער האָט אים אַרויסגעוויזן אַ סך האַרציקייט, אים צוגעגעבן מוט צום שרייבן, פאַרפירט צו פּרצן, וועלכער האָט אויך פריינדלעך אויפגענומען דעם יונגן אָנפאַנגער און אדאַנק דעם האָט זיך ביי ק׳ן געביטן און געשטאַרקט די די באַציִונג צום יידישן בוך. פּרץ האָט אויך פאַרעפנטלעכט זיינע ערשטע יידישע לידער אין פאָלקסטאָן אין זיין „יודישער ביבליאָטעק", 1904 (נאָך פריער האָט ק׳ אָפּגעדרוקט איניקע לידער אין מ. ספּעקטאָרס „יודישער פאָלקס-צייטונג"). פאַרבראַכט דאַן עטלעכע חדשים אין דער ליטע, וואו דאָס „זיין ביים גרויסן ליטווישן רב אין שטוב איז אים געווען ווי אַ בוך, אַ לעבן אַ קריסטאַליזירטעס, מיט חן און קדושה פון אַ ווייטן אַמאָל", האָט ק׳ פון דאָרט אַוועקגעפירט אַן אוצר מיט טיפע איינדרוקן. אַ ביסל שפּעטער האָט ער אָנגעהויבן צו שרייבן זיין פּאָעמע „בגבולות ליטא", פון וועלכע די ערשטע קאַפּיטלען פאַרעפנטלעכט אין צווייטן פרישמאַנישן „הדור", די ווייטערדיקע — אין די זמ"ב „הזמן" און אין „השלח"; די פּאָעמע האָט אים געמאַכט אַ נאָמען אין דער העברעיִשער ליטעראַטור. זינט דאַן האָט ער זיך באַטייליקט אין פאַרשיידענע העברעיִשע און אויך אין יידישע אויסגאַבן, בפרט אין פרישמאַנס, אין „הצפה" צ"אַ געשריבן לאָדזער פעליעטאָנען אין פערזן א"פּ יצחק הבכיין. צו 21 יאָר אָפּגעגעבן געוואָרן פאַר אַ זעלנער, אָבער אין עטלעכע חדשים אַרום זיך באַפרייט און דאַן אָנגעשריבן זיין צווייטע דראַמע „קאַריקאַטורן" (זיין ערשטע דראַמע א"ט „עצבים" איז דורך אַ צופאַל פאַרברענט געוואָרן בשעת זיין מיליטערדינסט), גלייכצייטיק פאַרעפנטלעכט אין העברעיִש (אין „השלח", 1909, VII—X) און אין יידיש. דאַן פאַרבראַכט אַ געוויסע צייט אין זשענעווע, אין בערן, אין בערלין, וואו עס האָט אויף אים אַ שטאַרקן רושם געמאַכט דער לעסינג-טעאַטער, זיך אויך באַקאַנט מיט דעם ריינהאַרדט-טעאַטער, דאָרט געשריבן זיין קאָמעדיע „די מאָדערנע" (דערווייל פאַרעפנטלעכט בלויז אין העברעיִשער איבערזעצונג א"ט המעגל"—פ"ג „ספרות", 1911). צוליב מאַטעריעלע סיבות זיך צוריקגע-

קערט קיין לאָדז, האָט ער דאָרט גע=
עפנט אַ העברעיִשע שול, וועלכע ער
פירט עד־היום, דורכדעם אַריינגעקומען
אין דעם אינטערעסנקרייז פון דער העב=
רעיִשער פעדאַגאָגיק, פאַרפאַסט אַ גאַנצע
ריי העברעיִשע לערנביכער, צ״אַ דאָס
בוך „צפרירים״ אין 3 ט׳, מיט ק׳ס
אייגענע צייכענונגען, דאָס לידער־בוך
„גן ילדים״, אַ דיקדוק, אַ באַאַרבעטונג
פון תנ״ך א״אַ. אויך די זאַמלונגען פון
דערציילונגען און לידער פאַר קינדער
און יוגנט „תלתלים״ (פ״ג מרכז״, וואַר=
שע, 1922) און „מחמדים״ (פ״ג „ברקאי״,
וואַרשע, 1924). אין משך פון דער צייט
האָט ער זיך באַטייליקט אויך אין פאַר=
שיידענע יידישע אויסגאַבן, דערהויפּט
די לאָדזער צייטונגען און זמ״ה, אייניקע
זמ״ה אויך מיטרעדאַקטירט, ווי „העפטען״,
1919, א״אַ. אַרום 1921 האָט ער באַ=
זוכט אַמעריקע, 1925 פאַרבראַכט אַ האַלב
יאָר אין א״י, צ״אַ געשריבן זיינע רייזע=
איינדרוקן אין „אונזער טאָגבלאַט״. דעם
6טן מאַי 1928 איז געפייערט געוואָרן
אין לאָדז דער 25יעריקער יובילײ פון
זיין ליטעראַרישער טעטיקייט און די
גאַנצע יידישע פרעסע האָט אים געוויד=
מעט וואַרעמע אַרטיקלען. — הגם ק׳
ווערט דערהויפּט באַטראַכט פאַר אַ העב=
רעיִשן דיכטער, האָט ער זייער פיל,
אפשר ניט ווייניקער ווי אין העברעיִש,
געשריבן אויך אין יידיש, סיי לידער
אין פערזן און פּראָזע, סיי קינדער־לי=
דער, סיי נאָוועלן און דראַמאַטישע
ווערק. אין דער העברעיִשער פּאָעזיע
אַריינגעבראַכט אַ לייכטקייט און אַ פריש=
קייט, די לעבנסלוסטיקייט פון צעזונגע=
נער יוגנט, צייכנט ער זיך אויך אין
זיינע יידישע לידער אויס מיט דיזעל=
ביקע מעלות, מיט דעם אייגנאַרטיקן
סטיל אין ריטם, מיט דער באַהעפטונג

פון שפּילעוודיקייט און טיפן, אָפט שווער=
מוטיקן ערנסט, בפרט אין זיינע עלעגיעס,
אַ באַזונדערס באַליבטע פאָרם זיינע. אָבער
זיין הויפּטווערק, וואו ער האָט געפונען
זיין סטיל און זיין כוח, די פּאָעמע
„בגבולות ליטא״ (פ״ג „ספרות״, 1909),
וואו ער האָט אַנטפּלעקט אַ נייע ליטע,
אַ פאַרביקע, אַ פריידיק־פאַרטרוימטע מיט
געזונטע ערדישע מענטשן, מיט באַהאַל=
טענע יונגע קרעפטן, האָט ער אין יידיש
ניט געגעבן, דאָסגלייכן דעם צווייטן
טייל פון דער פּאָעמע — „גלות״ (אַרויס
צוזאַמען מיט דער העברעיִשער איבער=
זעצונג פון דעם איינאַקטער „בחורים״,
פ״ג „ספרות״, 1911), און אויף יידיש
איז אויך ניט געשריבן זיין גרויסע דראַ=
מאַטישע פּאָעמע „הנביא״, וואָס ער
באַטראַכט פאַר זיין הויפּטווערק און אויף
וועלכן ער האָט געאַרבעט אין משך פון
8 יאָר (פ״ג „ספר״, לאָדז, 1922). ק׳ן
דעם ליריקער אין יידיש וועט מען ערשט
קענען אָפּשאַצן, ווען זיינע יידישע לידער
וועלן צונויפגעזאַמלט ווערן אין בוכ=
פאָרם (אין העברעיִש זיינען זיי טיילווייז
געזאַמלט אין די 2 ט׳ פון דעם בוך
„דמדומים״ — פ״ג „תושיה״, 1910). בלויז
אַ טייל פון זיינע קינדער־לידער אין
יידיש, וואָס צייכענען זיך אויס ניט
ווייניקער ווי די העברעיִשע מיט נאַטיר=
לעכער שפּילעוודיקייט, מוזיקאַלישקייט
און חנעוודיקן הומאָר, געהערנדיק צו די
בעסטע מוסטערן אויף דעם געביט אין
אונזער ליטעראַטור, זיינען אַריין אין
זיין אַנטאָלאָגיע „געזאַנג און שפּיל״.
„ק׳ס טראַגישער שטריך איז, וואָס ער
איז אַלס קינסטלער פון איין זייט אינ=
גאַנצן פאָלקס־מענטש, מיט דראַנג צו
נאַטירלעכקייט, צו די נאָענט דערגרייכטע
מיטלען, און פון דער צווייטער זייט —
צו פיל ראַפינירט און פאַרצווייגט קאָמ=

פּליצירט צו באַנוגענען זיך מיט פּרימיטיוון. צווישן די צוויי עקסטרעמען באַוועגט זיך זײן קונסט, ניט שטענדיק דערגרײכנדיק דעם סינטעז פון בײדע" (י. פיכמאַן).— פון ק׳ ווערק אין יידיש זײנען אין בוכפאָרם אַרויס: „דאָס ווײסע לעבען" — דערצײלונגען, דראַמאַטישער אײנאַקטער „די זון פּערגעהט אין פלאַמען", לידער (פ״ג „השחר", וואַרשע 1909); „קאַריקאַטורען"—דראַמע אין 3 אַ׳ (דערז׳ פ״ג); „דער דעקאַדענט" און „בחורים" — צוויי אײנאַקטיקע קאָמעדיעס (פ״ג ב. שימין, 1911); „פּאַטימאַ" — דראַמאַטישע פּאָעמע אין 3 אַ׳ (פ״ג „יונג־אידיש", לאָדז, 1920, ז׳ 95); „אונזערע באָענטע באַקאַנטע / לירישע דראַמע אין דרײ טײל" (פ״ג „ספינקס", וואַרשע—דאַנציג—לאָדז, 1922, ז׳ 141, צײכענונגען פון קונסטמאָלער שטערלינג; אין העברעיִש א״ט „אנו חיים ומתים"— פ״ג „אחיספר", וואַרשע—בערלין, 1913, ז׳ 136). ניט פאַרעפנטלעכט אין בוכפאָרם זײנען: די דרײאַקטיקע קאָמעדיע „איסטהאַראַ" (1912); די פּאָעמע „די וועלט אָן וואונדער" (געדרוקט זינט 1916 אין פאַרשיידענע צײטונגען און זשורנאַלן); די 3אַקטיקע דראַמע „תרשיש", וואָס באַהאַנדלט דעם געזעלשאַפטלעכן אַנטאַגאָניזם צווישן דער יידישער און פּוילישער באַפעלקערונג בײם אָנהײב פון דער וועלט־מלחמה (אין העברעיִשער איבערזעצונג געדרוקט אין „מקלט"); „איך פאָר קײן אַמעריקע" — אַ גרעסער ווערק (1923); אַ גרויסע פּאָעמע אין יידיש; די פּאָעמע „בני הרים" אין העברעיִש; אַ ביבלישע דראַמע „שאול הנביא", אַ רײ קלענערע מאָטיוון אאַז״וו. פון זײנע דראַמאַטישע ווערק זײנען אויפגעפירט געוואָרן אין יידישן טעאַטער: „קאַריקאַטורן" — דורך רודאָלף זאַסלאַווסקין אין רוסלאַנד, דורך טיטעלמאַנען אין לאָדז און דורך דער „ווילנער טרופּע"; „דער דעקאַדענט" — דורך לעווי אין לאָדז; „בחורים" — דורך פּרץ הירשבײנס טרופּע; „פּאַטימאַ" — אין קאַמינסקיס טעאַטער אין וואַרשע און מאָריס שוואַרץ אין נ״י מיט מוזיק פון י. גלאַטשטײן; „תרשיש" — אין נ״י; „די מאָדערנע" („606"?) — קאָמעדיע, אויפגעפירט 1910 אין לאָדזער גרויסן טעאַטער (אין העברעיִש איבערגעזעצט א״ט „המעגל" — פ״ג „ספרות", וואַרשע, 1911); „החמה! החמה!" — דער ערשטער טײל פון דער טרילאָגיע „אנו חיים ומתים" — פון וואַכטאַנגאָוון אין מאָסקווער „הבימה". די „הבימה" האָט אויך אָנגענומען צום אויפפירן זײן ביבלישע דראַמע אין 3 אַ׳ „אמנון". צו אַ רײ פון ק׳ס לידער סײ אין העברעיִש סײ אין יידיש איז קאָמפּאָנירט מוזיק און זײ ווערן געזונגען. ק׳ האָט איבערגעזעצט אויף העברעיִש—אויפן דרינגלעכן פאַרלאַנג פון דוד פרישמאַן — הײנריך הײנעס „בוך דער לידער" (א״ט „שירים" אַרויס אין שטיבעל־פ״ג) און הענריק איבסענס דראַמע „דער בוימײסטער סאָלנעס" (אין כתב־יד). זײן דראַמע „תרשיש" איז אַרויס אין פּוילישער איבערזעצונג פון יאַן זאַנדמער א״ט Odwrót (פ״ג Scena, וואַרשע — לאָדז, 1923, ז׳ 112).

ЕЭ, IX; צינבערג, Пѣвцы молодой Іудеи, אין Евр. Обозрѣніе, 1910, 14; ארטיקלען און רעצענזיעס פון בעל־מחשבות, ש. ניגער, פ. ליכאַווער, הלל צײטלין, דוד פרישמאַן א״א; ש. ראָזענשטײן, אין „הצפירה", 1928, 77; י. העפטמאַן א״א, ib, 97; יעקב פיכמאַן, צו ק׳ס 25יאָריקן יובילײ, אין „ליטעראַרישע בלעטער", 1928, 18; הערשעלע, „זײן קינדער־שמײכעל", אין „לאָדזער טאַגעבלאַט", 1928, 105; י. מ. ניימאַן, אין „הײנט", 1928, ה״ל זשיטניצקי, ib.

קאַצענעלענבאָגען אוריה (1885 —
) געב׳ אין ווילנע אין אַ משפּחה
פון שניטקרעמער, וואָס פירט איר יחוס
פון דעם אַלטאָנער און האַמבורגער רב
ר׳ יחזקאל ק׳.

באַקומען די ער=
שטע דערציִונג אין
חדר, האָט ער זיך
שפּעטער פאַרנו=
מען מיט זעלבסט=
בילדונג, צו 15—
16 יאָר, נאָך דעם
טויט פון זיין על=
טערן ברודער משה (ער האָט זיך דער=
טרונקען צו 20 יאָר), וועלכער האָט גע=
האַט אויף אים אַ גרויסע השפּעה, איינ=
געפלאַנצט אין אים אַ הייסע ליבע צו
יידיש און דער יידישער ליטעראַטור,
האָט ק׳ פאַרלאָזט דאָס עלטערנהויז און
איז אַוועק אין דעם ליטווישן שטעטל
בירז מיט דער כּוונה צו ווערן אַ בעל=
מלאכה, אין אַ יאָר צוויי אַרום אין
שאַוול אַריין אין „בונד", זיך באַקענט
מיט געהיימע ליטווישע קרייזן און זייער
קאַמף פאַר דער אויפלעבונג פון זייער
שפּראַך האָט געמאַכט אויף אים אַ גרויסן
רושם. צוריקגעקומען קיין ווילנע, זיך
באַקענט אויך מיט די טרעגער פון דער
ווייסרוסישער באַוועגונג, אָנהייב 1906
געזעסן עטלעכע חדשים אין ווילנער
טורמע. דאַן זיך צוריקגעצויגן פון „בונד",
וואָס איז פאַר אים געווען ניט גענוג
נאַציאָנאַל. אָנגעהויבן זיין ליטעראַרישע
טעטיקייט מיט פאָלקס=מאָטיוון און קליינע
נאָוועלן אין „פאָלקסצייטונג", „נייעם וועג",
„טעלעגראַף", „ראָמאַנ=צייטונג", איז ק׳
1912—13 אַרויסגעטרעטן אין דעם וויל=
נער „טאָג" און אין דער ליטווישער
צייטונג „ליעטוווָאס זשיניאָס" מיט אַר=
טיקלען וועגן ליטוויש=יידישער פאַר=
שטענדיקונג און די דאָזיקע אידעע אויך
דורכגעפירט אין די זמ״ב „ליטאַ", וואָס
ער האָט אַרויסגעגעבן צוזאַמען מיט
א״י גאָלדשמידט און ביי דער מיטאַר=
בעטערשאַפט און מאַטעריעלער אונטער=
שטיצונג פון זיין עלטערן ברודער שאול;
דאָס זמ״ב האָט אַרויסגערופן אַ וואַרעמען
אינטערעס און ק׳ס אַרטיקל „אונזער
אינטעליגענץ" איז אויך איבערגעזעצט
געוואָרן אין ווייסרוסיש און ליטוויש.
שפּעטער האָט ער אין פּאָנעוועזש רע=
דאַקטירט צוזאַמען מיט אַ ליטווינער אַ
וואָכנבלאַט אין רוסיש, כּדי צו שאַפן
אַ בריק צווישן דער ליטווישער און יידי=
שער אינטעליגענץ, אָבער צוליב דער
מלחמה האָט זיך די צייטונג אָפּגעשטעלט
אויפן 7טן נומ׳. ביים גירוש פון די ליט=
ווישע יידן געשריבן אַרטיקלען אין דער
ווילנער „וואָך" און דעם ליטווישן אָרגאַן
„ליעטוווָאס זשיניאַס", אַז די ליטווישע
אינטעליגענץ איז מחויב איינצוהיטן דאָס
יידישע האָב און גוטס, אָבער די צענזור
האָט די דאָזיקע אַרטיקלען פאַרווערט. 1917
זיך באַטייליקט מיט עטלעכע אַרטיקלען
אין „פּעטראָגראַדער טאָגבלאַט", פאַרפאַסט
דעם מעמאָראַנדום „יידן און ליטווינער"
פאַר דעם געזעלשאַפטלעכן ליטווישן אויס=
פיר=קאָמיטעט (פאַרעפנטלעכט אין Евр.
Недѣля, 1917, 43), ביי די שלום=אונטער=
האַנדלונגען פון ליטע מיט ראַטנפאַרבאַנד
דערלאַנגט דער ליטווישער שלום=דעלע=
גאַציע מעמאָראַנדומס, אַז די אַרויסגע=
טריבענע יידן מוז מען אומקערן קיין
ליטע אין דער ערשטער ריי אאַז״וו. 1921
צוריקגעקומען קיין ליטע, זיך באַטייליקט
אין פאַרשיידענע קאָוונער אויסגאַבן,
דערהויפּט די דעמאָקראַטישע „נייס",
אויך אין „וועלט", „פון צייט צו צייט"
(1927) א״אַ, באַנייט די אויסגאַבע „ליטע",
פון וועלכער עס זיינען ערשינען 2 בייע
ה׳ (1922 און 1923) מיט דעם אָנטייל

פון יידישע, ליטווישע, ווייסרוסישע און פוילישע שריפטשטעלער און זשורנאַליסטן, באַרירנדיק אין דעם פּובליציסטישן טייל בלויז די ליטוויש־יידישע באַציִונגען און באַקעמפנדיק דעם אויפגעקומענעם שאָוויניזם און אַנטיסעמיטיזם פון די רעגירנדיקע ליטווינער אין דער יונגער מדינה. אין די דערמאָנטע אויסגאַבן האָט ער, אויך א"פ בודד און מ. אוריזאָן, געשריבן אַרטיקלען וועגן דער שפּראַכפראַגע פון יידישיסטישן שטאַנדפּונקט און פאַרעפנטלעכט אַ ריי דערציילונגען, אין וועלכע אָפּגעשפּיגלט די יידיש־ליטווישע סביבה. אייניקע זיינע דערציילונגען זיינען אויך איבערגעזעצט אין ליטוויש און גוט אויפגענומען געוואָרן. אַ באַזונדערע באַדייטונג האָט זיין איבערזעצונג פון די ליטווישע און לעטישע פאָלקסלידער, די אַזויגערופענע „דיינאָס", פאַרעפנטלעכט צוזאַמען מיט אַן אָפּהאַנדלונג איבער די דאָזיקע לידער אין זמ"ב „ליטא", „צוקונפט", 1924, VI, און 1927. אָנהייב 1927 איז ער אַלס דעלעגאַט פון דער יידישער בילדונגס־געזעלשאַפט אין ליטע געפאָרן קיין אַמעריקע.

ש. ניגער, אין „טאָג", 1927; „אויפקום", 1927, IV.

קאַצענעלענבאָגען ש. י. (רש"י) — האָט געשטאַמט פון ווילנע, אויס דער משפחה פון דעם באַוואוסטן ווילנער משכיל הירש ק' (הירשל שמחהס), געב' אַרום די 40ער—50ער יאָרן פון פאָריקן יר"ה, איינמיטן די 80קער יאָרן געלעבט אין אָדעס. קיין אַנדערע און גענויערע פּרטים פון זיין ביאָגראַפיע זיינען דערווייל ליידער ניט פעסטגעשטעלט געוואָרן, הגם ער האָט זיכער פאַרדינט אויף אַ גרעסערער אויפמערקזאַמקייט פון זיינע בני־הדור פאַר זיינע לידער, וועלכע זיינען געווען באמת אַ גרויסע דערגרייכונג, בפרט מצד זייער פאָרם. ווייזט אויס, אַז די דאָזיקע לידער זיינען געווען באַקאַנט אין געוויסע קרייזן נאָך איידער זיי זיינען פאַרעפנטלעכט געוואָרן, ווייל אין זיין הקדמה צו זיין אייניציקער לידער־זאַמלונג קלאָגט ער זיך אויף די פּלאַגיאַטאָרן, „וואָס לא די וואָס זייא האָבען מיינע פערפאַסונגען פאַר זייערע אייגענע אַרויס געגעבען. האָבען זייא זייא נאָך אַזוי ענטשטעלט אונ פאַרדאָרבען. אַזוי וויא איינער וואָס גנבעט גוט גענייטע קליידער אונ מאַכט זייא איבער אויף אַזעלכע זאַכען. וואָס בעקומען נאָך דעם קיין פנים אונ קיין צורה ניט". און ער האָט פון זיינע לידער טאַקע זייער שטאַרק געהאַלטן; „ווייניגסטענס — שרייבט ער ווייטער אין דער הקדמה — שטייען זייא אַ סך העכער פאַר די ליעדער, וואָס אַנדערע פערפאַסער האָבען ביז איצט אין אונזער זשאַרגאָן געשריבען, ווייל זייא זיינען צוזאַמענשטעלט געוואָרען נאָך אַלע געזעטצע אונ רעגעלען (כללים), וועלכע דיא קונסט פון דער פּאָעזיע פאָדערט אונ ניט אַזוי וויא אַנדערע אונזערע אָרעמע פּאָעטען שרייבען, אַז זייערע ליעדער זאָלען זיך נאָר גראַמען, דאָס הייסט פאָרנט פּיקס אונ אינעווייניג ניקס, אַבי עס זאָל נאָר זיין גראַם, סטראַם. אַזעלכע לידער הייסען נאָר בדחנות, אָבער ניט פּאָעזיע. — אין אייניגע ליעדער פון אַ צוויי דרייא אונזערע זשאַרגאָנען־שרייבער געפינען זיך אפילו שיינע געדאַנקען; נאָר דיזע געדאַנקען זיינען אין בעטרעף פון דער פּאָעזיע פול מיט פעלער, ווייל זייא זיינען ניט צוגעפּאַסט געוואָרען צו דער מאָס אונ צום מאַסשטאַב, וויא דיא דיכט קונסט פאָדערט פון אונז אונ דעריבער קומט אויס, אַזוי ווי זיזע זייערע שיינע געדאַנקען וואָלטען אַרום שטשאָגעלי־

רעדן, ווי דאָס קליינע מוזשיקעל פעטרושקע אין זיין טאַטענס פעלץ אונ טשאָבאָטעס". אונ באמת צייכענען זיך ק'ס לידער אויס מיט דעם גאַנץ רעגלמעסיקן פערזנבוי, אַ גאָר זעלטענע מעלה ביי די יידישע דיכטער פון יענער צייט, איידער פרוג האָט נאָך אָנגעהויבן צו שרייבן יידישע לידער לויט די כללים פון דער טאָנישער מעטריק. וואָס איז שייך דעם אינהאַלט פון זיינע לידער, איז ער אַ גאַנץ פאַרשיידנאַרטיקער; פאַרהאַן ביי ק'ן נאַציאָנאַלע לידער, פון וועלכע „דער אומפאַרברענטער דאָרן" איז אַפילו איבערגעזעצט געוואָרן אויף רוסיש פון ס. גרינבלאַט אין Восходъ, IV, 1884, איבערדיכטונגען פון היינע, לערמאָנטאָוו, קרילאָוו („דער זאַק", „דער גביר אונ דער שוסטער"), איבערדיכטונגען פון אייניקע תפילות און זמירות, אַ גאַנצע ריי לירישע לידער, סאַטירישע לידער און קופלעטן. אין מאַנכע פון זיינע לידער ווייזט ק' אַרויס אַן עכטן דיכטער-טעמפעראַמענט, אַ קורצקייט או. אויסדריקלעכקייט פון סטיל און אויך אַן אָדער פון אַ סאַטיריקער (ווי, למשל, אין זיין „דאָס פאַנאַטישע ליעד", וואָס איז אַן אויסגעצייכנט פאַמפלעטל אויף דער כלומרשטער אויסערלעכער בילדונג). אַ פאָר לידער האָט ער געהאַט פאַרעפנטלעכט אין צעדערבוימס „יודישען פאָלקסבלאַט", 1884—85, אָבער דער אָנהייב פון זיין דיכטערישער קאַריערע מוז געהערן צו די 60ער יאָרן, ווייל צו זיין ליד „דאָס יודעל" גיט ער צו פאָלגנדיקע הערה: „דאָס ליעד האָב איך שוין גאַנץ לאַנג איבערזעטצט אונ אומגעאַרבייט פון אַ דייטשען זשורנאַל, וואָס האָט זיך אַ מאָל אין ווין אַרויס געגעבען, דעריבער קען מען דער פון אַרויס זעהן, אַז דיזעס ליעד איז ניט גלייך צו דעם „יודעל" פון גאָלדפאַדען, וואָס ער האָט פערפאַסט און פיליכט אויך פון דעם זעלבען זשורנאַל איבערזעטצט אונ אומגעמאַכט"; און כידוע איז גאָלדפאַדענס „יודעל" פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין בוכפאָרם 1869 (נאָך פריער אין „קול מבשר"). אגב אַ ענלעכע הערה גיט אויך ק' צו צו זיין ליד „דער קלויזנער", כדי מ'זאָל עס ניט צונויפמישן מיט גאָטלאָבערס ליד אונטער דעם אייגענעם טיטל. — אָט מיט דער זאַמלונג פון זיינע לידער איז ק' איינמאָל געקומען קיין ווילנע און האָט זיי פאָרגעלייגט פאַר דעם דרוקער אברהם-הירש ק' (וועלכער האָט געפירט אַ דרוקעריי אין ווילנע זינט 1871); די לידער האָבן ביי דעם דרוקער אויסגענומען און ער האָט זיי אַרויסגעגעבן, — בפרט אַז דער מחבר האָט קיין האָנאָראַר ניט פאַרלאַנגט, —מיט אָט דעם שערבלאַט: „יודישע מעלאָדיען / אָדער פאָלקס ליעדער / פערפאַסט פון / ר' ש"י קאַטצענעללענבאָגען. / אויסגעווייلטע ליעדער קופלעטען אונ פאַבעלען פון זיינע פערפאַסטע טהעאַטערשטיק: „ר' ש"י". „אלחנן". „דאָס פערלאָרענע קינד". „יהודית". „דער פּיינער קבצן". „אַ שיינער משא ומתן". „קאַמלעט פרינץ גנילאָפיאַטסקי" אונ אַנדערע מעהר" (ווילנע, 1887, ז' 11+86). דאָס ביכל האָט קיין אָפגאַנג ניט געהאַט, פשוט געלעגן ווי אַ שטיין, און ערשט אין אַ יאָר 27 אַרום האָט יצחק-לייב ק' (אברהם-הירשס אַ זון, וועלכער האָט נאָכן פאָטערס טויט, 1904, איבערגענומען די דרוקעריי און זי געפירט ביז דער דייטשער אָקופאַציע, ווען ער איז געשטאָרבן) אויסגעניצט די פלאַטן פון דעם ביכל און אָפגעדרוקט אַ נייע אויסגאַבע פון דעם ביכל מיט אַ נייעם טיטל — „ליעדער זאַמלונג / 38 אויס-

געווילטע לידער אונד טהעאַטערשטיק״ (ווילנע, 1914). — ק׳ האָט אויך אָנגע=
שריבן אַ גאַנצע ריי טעאַטערשטיק, ווי
ס׳איז צו זען פון דעם שערבלאַט פון
זיין ביכל, אָבער ס׳איז אונז אומבאַ=
קאַנט, צי זיי זיינען אויפגעפירט גע=
וואָרן, און נאָר פון די אייניקע לידער
און קופּלעטן, וואָס ער האָט אַרויסגע=
נומען פון די דאָזיקע פּיעסן און אַריינ=
געשטעלט אין זיין לידערזאַמלונג, קען
מען האָבן אַ געוויסע אַנונג וועגן דעם
כאַראַקטער און דעם ווערט פון די
דאָזיקע טעאַטערשטיק, וועלכע געהערן
אַלנפאַלס צו דעם ערשטן פּעריאָד פון
דעם נייעם יידישן טעאַטער. כאַראַקטע=
ריסטיש פאַר ק׳ס באַציִונג צום יידישן
טעאַטער איז זיין „קלאַגע=ליעד (הספד
אויף דאָס אידישע טהעאַטער)״, וואו
ער לאַכט אויס די טענצלעך, דאָס ניבול=
פּה, די דומע פּיעסן און פּלאַגיאַטן מיט
זייערע מחברים — די „פּראָפעסאָרען
פון אונזער יודישען זשאַרגאָן״, די אַק=
טיאָרן און אַקטריסעס אאַז״וו. צי איז דער
ק׳ אידענטיש מיט אַ געוויסן ש. (Ш. Д.)
קאַצענעלענבאָגען, דעם מחבר פון
אייניקע שירים אין רוסיש, פאַרעפנט=
לעכט אין דער רוסישער בייל‍אַגע פון
„הכרמל״ 1860, נומ׳ 4 און 10, און אין
אַ באַזונדערער אויסגאַבע א״ט Былое и
настоящее (ווילנע, 1866, ז׳ 8), איז
שווער אונז צו באַשטימען; דער הוראַ=
פּאַטריאָטישער טאָן פון די דאָזיקע
שירים רעדט אַלנפאַלס קעגן דער דאָזי=
קער אידענטישקייט.

ל. ווינער, YL, 99—100, 238, 371; מ. באַ=
סין, אנטאָלאָגיע, I; ב. גאָרין, „געשיכטע פון
אידישען טעאַטער״, I, ז׳ 231, II, רשימה.

קאָראַלניק אברהם (16/X 1883 —
) געב׳ אין אומאַן, קיעווער
גוב׳. זיין פאָטער, דוד, אַ ייד אַ למדן,
אַ משכיל און אַ הויכגעבילדעטער (ער
וואוינט איצט אין ירושלים) איז געווען
אַ סוחר פון קרעלן (דאָס איז געווען
דער טראַדיציאָנעלער באַרוף פון דער
משפחה ק׳). באַ=



קומען אַ גרינד=
לעכע יידישע
דערציִונג אין
דער היים, האָט
ק׳ זיך אויסגע=
צייכנט אַלס עילוי,
געלערנט אין די
גימנאַזיעס פון
בראָד און זשיטאָמיר, דערנאָך שטודירט אין
די אוניווערסיטעטן פון קיעוו, פלאָרענץ,
בערלין, באָן און ווין, וואו 1908 באַ=
קומען דעם טיטל ד״ר פאַר זיין אַרבעט
איבער דער סקעפּטישער פילאָסאָפיע.
זיין ליטעראַרישע טעטיקייט האָט ער
אָנגעהויבן 1903 אין דעם צענטראַל=
אָרגאַן פון דער ציוניסטישער אָרגאַני=
זאַציע Die Welt, וועלכע צייטשריפט אַ
געוויסע צייט אויך רעדאַקטירט, ניט
קוקנדיק אויף זיין יונגקייט געשפּילט
דאַן אַ אָנגעזעענע ראָלע צווישן די
גדולים פון ציוניסטישן ווין, זיך שוין
דעמאָלט אויסגעצייכנט מיט זיין זעל=
טענער ערודיציע, באַהערשנדיק אַ 10—12
שפּראַכן. ער האָט רעדאַקטירט דייטשע
צייטונגען אין ווין, אין אַגראַם, אין
טשערנאָוויץ, געשריבן איבער כל המיני
אַקטועלע און פּאָליטישע ענינים אָדער
אַרטיקלען פון אַ זעלטענער ערודיציע
איבער קינסטלער, דיכטער, פאַרעפנט=
לעכט אויך אָפּהאַנדלונגען אין די
חשובסטע דייטשע פילאָסאָפישע זשור=
נאַלן, דערהויפּט איבער דער פילאָסאָפיע
פון דער רענעסאַנס=עפּאָכע, געווען יאָרנ=
לאַנג מיטאַרבעטער פון די גרעסטע
דייטשע צייטונגען, ווי די Vossische

Zeitung ,Frankfurter Zeitung ,Die Zeit
א"אַ, אויך פון Ost und West. שפּעטער
אָנגעהויבן אויך צו שרייבן אין רוסישע
צייטונגען, זינט 1911 געווען דער קאָרעס=
פּאָנדענט פון דער גרויסער רוסישער צײַ=
טונג Рѣчь—דעם אָרגאַן פון די קאַדעטן—
אין רוים, בערלין און קאָפּענהאַגן. בשעת
דער מלחמה סוף 1915 צופעליק געקומען
קיין אַמעריקע, וואו אָנגעהויבן צו שרייבן
יידיש אַלס מיטאַרבעטער פון דעם „טאָג"
(דעביוטירט אין יידיש האָט ק' נאָך מיט
יאָרן פריער — מיט אַ לירישן שיר אין
פּט"ב'ער „טאָג", 1904, און מיט אַן עסיי
„די יודען און קונסט" אין דעם וואָכנ=
בלאַט „דאָס יודישע וואָרט" פון א. ריי=
זען, מיט וועמען ער האָט זיך באַקענט
אין ווין און וועלכער האָט אויף אים
משפּיע געווען, ער זאָל שרייבן אין יידיש,
אָבער ק' האָט נאָך דאַן געהאַלטן, אַז
אויף יידיש איז ניטאָ קיין פּלאַץ פאַר
זיין עסעיִסטישן נוסח). נאָך דער רעוואָ=
לוציע 1917 צוריקגעפאָרן קיין רוסלאַנד,
רעדאַקטירט רוסישע צייטונגען און אַ
זשורנאַל אין פּט"ב, מאָסקווע, קיעוו,
אָנגעשריבן אויך אַ ביכל וועגן ווילסאָנען
אין רוסיש. זינט 1920 ווידער אין אַמעריקע,
שטענדיקער מיטאַרבעטער (פּאָליטישע
אַרטיקלען און עסייען) און אויך מיטרע=
דאַקטאָר פון „טאָג", באַטייליקט זיך אויך
פון צייט צו צייט אין אַנדערע צייטשריפטן,
ווי „פ. א. ש.", „טעאַליט", „פעדער"
אאַז"וו. פון זיינע עסייען זיינען געזאַמלט
אין בוכפאָרם נאָר אַ טייל אין 5 ב' (פ"ג
„אחיספר" ביי דער געז' „צענטראַל",
וואַרשע, 1928), דהיינו: I „דאָס בוך פון
וואָרצלען", (ז' 263—וועגן ברוך שפּינאָזאַ,
אחד=העם, איינשטיין און מאַרקס, דוד
פרישמאַן, ש. פרוג, יהואש, ה"ד נאָמ=
בערג, הערצל, ד"ר חיים ווייצמאַן, זאַנג=
וויל, בראַנדעס, גערשענזאָן, ס. אַ. ווענגע=
ראָוו, יעקב וואַסערמאַן, סעמיאָן יושקע=
וויטש, יצחק=אייזיק הלוי הורוויטש, ש"י
איש הורוויץ, פראַנץ ווערפעל, לאַסאַל,
דיזראַעלי, לואידזשי לוצאַטי, פאַול נאַ=
טאַן, מאָנטען, עדואַרד בערנשטיין א"אַ);
II — III („דאָס בוך פון בלעטער", ז' 236+
240—וועגן סאָקראַטעס, פּלאַטאָן, עמנואל
קאַנט, ניצשע, ספּענסער, ווילהעלם
וואונדט, פאַולוס, מאַק אַוועלי, דזשאָר=
דאַנאָ ברונאָ, מאָליער, דאַנטע, דאַ
ווינטשי, בעטהאָווען, וואָלטער, רענאַן,
אַנאַטאָל פראַנס, ראָמען ראָלאַן, אָקטאַוו
מירבאָ, זשאָרזש דע פּאָרטאָריש, אַרטור
מייער, מעטערלינק, ווערהאַרן, מאָריס
באַרעס, קלאָד מאַנע, דזשאָזעף קאָנראַד,
שעקספּיר, איבסען, טאָמאַס האַרדי, דזשע=
ראָם ק. דזשעראָם, בלאַסקאָ איבאַניעס,
זשול ווערן, הויפּטמאַן, רילקע, ריכאַרד
דעמעל, העגעל, קאַרל מאַרקס, פּרודאָן,
קראָפּאָטקין, קאָראָלענקאָ, אַנדרעיעוו,
אַרציבאַשעוו, סאָלאָגוב, ריימאָנט, נאַפּאָ=
לעאָן, לינקאָלן, טשעמבערלען, ווילסאָן,
ברייען, לאַפּאָלעט, עדווין פילעד, אַס=
קוויט); IV — V „ווידערקלאַנגען און ווי=
דערשפּרוכן" (ז' 236+226 — עסייען און
אַרטיקלען, דערהויפּט וועגן יידישקייט
און יידנטום). ק' האָט איבערגעזעצט
פּיער=זשאָזע פּרודאָנס ווערק „וואָס איז
אייגענטום? / אַ פאָרשונג פונ'ם פּרינציפּ
פון רעכט און רעגירונג" (פ"ג „קראָפּאָט=
קין=ליטעראַטור=געזעלשאַפט", נ"י 1919,
ז"ז 341, מיט אַן אַריינפיר פון ק'),
האָט פאַרפאַסט אין דייטש אייניקע דראַ=
מען („ראָטער שנעע", „די זינד", „דאָס
געבאָטענע טאָר" א"אַ) און אַ בוך
וועגן זוהר, איבערגעזעצט אויף דייטש
אייניקע דערציילונגען פון אברהם
רייזען. האָט אויך געשריבן אייניקע
אַרטיקלען אין העברעיִש, ווי, למשל,
אין „העתיד". — איינער פון די שענסטע

און גייסטרייכסטע יידישע פובליציסטן און עסעיִסטן, מיט אַ שאַרפן אַנאַליטישן שכל, מיט אַ רייכן אָריגינעלן סטיל, מיט אַ גרויסער ערודיציע אין ליטעראַטור, קונסט און פילאָסאָפיע, האָט ק׳ פיל מיטגעווירקט אויפצוהייבן די יידישע זשורנאַליסטיק אויף אַ העכערער מדרגה, צו פאַראיידלען דעם יידישן צייטונגסטיל, צו פאַרטיפן די טעמעס און מאָטיוון. ער באַהאַנדלט לייכט און שפּילעוודיק די האַרבסטע ענינים, שרייבט אָפט וועגן דברים העומדים ברומו של עולם, וועגן אַבסטראַקטע פּראָבלעמען פון וועלט און יידנטום, וואָס מאַכט זיין פובליציסטיק טיילמאָל לעבנספרעמד און ווייט פון די קאָנקרעטע רעאַלע פראַגן. די יידישע פּראָבלעם באַשעפטיקט אים דערהויפט ניט פּאָליטיש, ניט אַפילו נאַציאָנאַל, נאָר קולטור־רעליגיעז, געשיכטס־פילאָסאָפיש. אין זיין פאָרוואָרט צו „דעם בוך פון וואָרצלען" כאַראַקטעריזירט ק׳ אַליין זיין שרייבן אַזוי: „...די צייט האָט צו מיר גערעדט און איך האָב איר געענטפערט. קורץ און אימפּעטיק איז אָפט געווען איר פרעגן — און דער ענטפער אויך מיט דעם אייגענעם ריטם: אָפּגעהאַקט. איך וואָלט געזאָגט: „פּראָזע־ליבּריסטיש"... עס קומט אפשר פון אַ גרונדאָנשויונג: איך גלויב נישט אין אויסשעפּנדיקע ענטפערס. און אויך נישט אין אַלזייטיקע באַלייכטונגען". ניט קיין פאַרטיימענטש לויט זיין גאַנצן מהות פון אַ סקעפּטיקער, האָט ק׳ זיך דאָך לעצטנס אַריינגעצויגן אין דער ציוניסטישער באַוועגונג, זיך באַטייליקט אין די לעצטע ציוניסטישע קאָנגרעסן, אויפן 15טן קאָנגרעס אַפילו אויסגעוויילט געוואָרן אין גרויסן אַקציאָנס־קאָמיטעט, זיך אויך באַטייליקט אין דער קאָנפערענץ פאַר די יידישע מינדערהייטס־רעכט אין ציריך (זע פינקעלשטיין עוזר), עטלעכע מאָל באַזוכט די פאַרשיידענע לענדער פון מערב־אייראָפּע, אויך א״י, דעם אָריענט און פוילן. איז פּרעזידענט פון דעם פאַרבאַנד פון די אוקראַינישער יידן אין אַמעריקע. — זיין ברודער, **אשר קאָראַלניק**, געב׳ 1900, האָט זיך בשעת דער מלחמה געפונען אין רומעניע, וואו ער איז געווען אַ טוער פון „אָרט", רעדאַקטאָר פון אַ צעירי־ציוניסטישן אָרגאַן, אַ מיטאַרבעטער פון דעם קעשעניעווער טאָגבלאַט „אונזער צייט". 1923 איז ער אַלס חלוץ אָפּגעפאָרן קיין א״י, און אין 2 יאָר אַרום געשטאָרבן אין צפת.

Who's Who in American Jewry; אלטער עפּשטיין, „ד״ר אברהם ק׳ — דער „גיין־זאָגער", אין זונטאָג־ביילאַגע פון „טאָג", 15/VII 1923; יצחק ליבמאַן, פראַגמענט פון אַ גרויסער אַרבעט איבער ק׳, אין „אונזער בוך", 1926, II; א. רייזען, „עפּיזאָדן"; ד״ר א. גליקסמאַן, אין „וואַרשאַווער עקספּרעס", 1926; ש. ניגער, „תנאי־אידען", אין „טאָג" פון 11/IV 1925; שאול ראַסקין, „צוויי טאַטעס", אין זיין בוך וועגן א״י.

קאַרטאָזשינסקי אשר (26/II 1882 —*) געב׳ אין ליובטש, מינסקער גוב׳, אַלס זון פון אַ שוחט, וועלכער איז שפּעטער געוואָרן אַ סוחר. אין עלטער פון 8 חדשים געבראַכט געוואָרן קיין ראָסטאָוו־דאָן, וואו ער איז דערצויגן געוואָרן ביזן 16טן לעבנסיאָר. שפּעטער האָט ער שטודירט אין אויסלאַנד אין אַ טעכניקום, אָבער שוין האַלטנדיק ביים ענדיקן עס געלאָזט און אַוועק קיין בערן, וואו שטודירט אין אוניווערסיטעט פילאָסאָפיע. זיין ליטעראַרישע טעטיקייט האָט ער אָנגעהויבן 1903 אין דער רוסישער פּרעסע, אין וועלכער ער איז באַקאַנט געוואָרן

*) לויט דער אויטאָביאָגראַפישער נאָטיץ פאַר דער ערשטער אויסגאַבע פונעם לעקסיקאָן — 1884.

א"פ אָסקאַר נאָרוועזשסקי. אונטער דעם דאָזיקן פסעוודאָנים האָט ער אויך אַרויסגעגעבן זיינע ביכער Литературные Силуэты (1906) און Въ Нью-Іоркѣ. אַרום 1911 האָט ער פאַרלאָזט פט"ב און זיך באַזעצט אין בערלין אַלס מיטאַרבעטער-קאָרעספּאָנדענט פון דער Московская Газета. צו יענער צייט זיך פאַראינטערעסירט מיט דער יידישער ליטעראַטור, האָט ער אָנגעהויבן זיין זשורנאַליסטישע טעטיקייט אין יידיש אין „פריינד", וואו פאַרעפנטלעכט רייזע-איינדרוקן, קאָרעספּאָנדענצן, בריוו וועגן ליטעראַטור, נאָוועלן אאַז"וו. שפּעטער האָט ער זיך פון צייט צו צייט אויך באַטייליקט אין „היינט". זינט דעצעמבער 1914 וואוינט ער אין נ"י, וואו ער האָט מיטגעאַרבעט אין „וואַרהייט", „טאָג", „פאָרווערטס", „צוקונפט", „פ. אַ. ש.", „קונדס". די לעצטע יאָר טרעט ער כמעט ניט אויף אין דער יידישער פּרעסע. האָט איבערגעזעצט סעמיאָן יושקעוויטשעס פּיעסע „דער לופטמענטש" פאַר דער אויפפירונג פון מאָריס שוואַרץ אין יידישן קונסט-טעאַטער סוף 1925.

קאַרטאָן משה בן יעקב (אָנהייב 1888 —) געב' אין מיאַסטקיווקע, פּאָדאָליע. אויס דחקות האָבן די עלטערן פאַרלאָזן דאָס שטעטל, איבערגעלאָזט אים אַלס 2יאָריק קינד ביי אַ באָבען, וועלכע האָט אים ביז 13 יאָר דערצויגן אין חדר, דאַן אָפּגעגעבן אין דער קעשעניעווער ישיבה, וואו ער האָט פאַרבראַכט אַ יאָר צייט, דערנאָך זיך אַרומגעבלאָנקעט איבער פאַרשיידענע שטעט, געאַרבעט אין פאַרשיידענע פאַכן, זיך ניט קענענדיק צופּאַסן צו קיין שום באַשטימטער מלאכה, 1910—14 געדינט אין מיליטער אויף קאַווקאַז, דאַן חתונה געהאַט און געקליבן זיך קיין אַמעריקע, אָבער צוליב דעם אויסבראָך פון דער וועלט-מלחמה געבליבן אין רוסלאַנד נאָך דער מערץ-רעוואָלוציע אַריינגעטרעטן אין דער אַרמיי און געווען אויפן רומענישן פראָנט ביז אָנהייב 1918. בשעת דעם בירגערקריג 2 יאָר צייט זיך פאַרנומען מיט ערדאַרבעט און גערטנעריי אין אַ דאָרף ביי קרובים, צוליב די פּאָגראָמען אַוועק מיט דער פאַמיליע קיין נעמיראָוו, צוויי יאָר געאַרבעט אַלס פעלדשער-סאַניטאַר, ביז זיינער אַ ברודער האָט אים אַריבערגענומען קיין פילאַדעלפיע. געווען באַשעפטיקט אין פאַרשיידענע שעפער, געאַרבעט ביי אַ קצב אאַז"וו, 1922 געקומען קיין נ"י.—שוין צו 15 יאָר אָנגעהויבן צו שרייבן העברעישע און יידישע לידער, האָט ער אָבער ניט געהאַט זיי וועמען צו ווייזן, ערשט אין אָדעס 1917 זיך באַקענט מיט ביאַליקן און פיכמאַנען, וועלכע האָבן אים מקרב געווען, האָט ער דעביוטירט אין דער קעשעניעווער צייטונג „דער איד", אין אַמעריקע פאַרעפנטלעכט לידער אין דעם טאָגבלאַט „די צייט", אין א. רייזענס „ניי-אידיש", „פ. א. ש.", „צוקונפט" א"אַ, אין בוכפאָרם זיי אַרויסגעגעבן א"ט „אוקראַינע 1919" (נ"י, 1926, ז' 207, מיטן בילד פון אַוטאָר) אויפן נאָמען פון דעם ערשטן טייל פון דעם בוך, דעם ציקל „1919", וואָס אַנטהאַלט די לידער, אין וועלכע ער גיט איבער דעם גרויל און די פאַרצווייפלונג פון די שוידערלעכע שחיטות און פּאָגראָמען („דער ציקל „1919" — דערציילט ק' אין דער „באַמערקונג" צום בוך — איז פיבערהאַפט אָנגעשריבן אין אַ צייט פון דריי וואָכן אין דאָרף זשאַבוזשאַ, דריי ווערסט פון מיין איינגאַנצן פאַרטיליקטן שטעטל פּעטשאַרע אין פּאָדאָליען, אויסבאַהאַלטנ-

דיק זיך ביי די ברידער סעקטאַנטן-יעוואַנגעליסטן סאַוואַ און מיקיטאַ סאַווראַנין"). אומבאַהאָלפן אין דער פאָרם, מאַכן אייניקע לידער ק'ס אַן איינדרוק מיט דער אוממיטלבאַרקייט און אויפריכטיקייט פון געפיל.

ד"ר לעאָן ריווקעס, „אַ פאָלקס-דיכטער פון אידישן פאָלקס-אומגליק אין אוקראַינאַ" (אַ בריוו פון נעמיראָוו, אין „דער צייט", אַרום 1920).

קאַרטוז(ש)ינסקי אהרן-אליעזר (אַרום 1853 — כ"ד ניסן 1922) געב' אין נאָווי-דוואָר, וואַרשעווער געגנט, אין דער פאַמיליע עפשטיין, אָבער צוליב טעמים פון מיליטערדינסט זיך שפּעטער משנה שם געווען אויף ק', ביז 15 יאָר געלערנט אין ישיבות, געשמט אין זיין געבורנשטאָט אַלס „פוילישער עילוי", צו 17 יאָר חתונה געהאַט קיין וואַרשע, וואו געהאַט אַ געשעפט פון זייף, ליכט, פאַרב, דערנאָך געפירט אַ עקספּעדיציע-געשעפט, צולעצט געעפנט אַ קראָם פון שוסטערשע צודאַטן, געווען אויך אַ זעצער אין דער דרוקעריי פון יצחק גאָלדמאַן. ער האָט פאַרפאַסט אַ גאַנצע ריי לוחות פאַר די וואַרשעווער מוכרי-ספרים, פּייוול ראָזען, א. כהנא א"אַ, אויך אַליין אַרויסגעגעבן דעם דאָזיקן מין ליטעראַטור, ווי: „גאַסטפריינדליכער לוח תרנ"ד" מיט טראַמוויי-וועגווייזער, געריכטס-לערער, רייזעפּלאַן, מאַפּע און „דער זעלטענער עוויגער וואונדערבאַרער קאַלענדער / לוח אוצר החכמה ועשר עולמים / משנת תרנ"ח עד סוף העולם, ומשנת תקנ"ז עד תרנ"ז מאה שנים שעברו. / אין 6 טייהל. / דיעזער לוח איז אַ זעלטענע זאַך, ער ערקלערט קינסטליך, צוא האָבען אין אַ קורצע צייט אַ בעגריפליכען פערשטאַנד פאָן דעם גאַנצען ערד קוגעל, דיא יבשה מיט איהרע ימים, טייכן, ברואים, מדבריות, גיבערג, פייער גיבערג, די 5 וועלט טהיילען: איראָפּאַ, אַזיאַ, אַפריקאַ, אַמעריקאַ, מיט זייערע פערשידענע מדינות, אויך דיא „אַסטראָנאָמיע" דיא זוהן, די לבנה, מיט דיא מזלות, ביז דאָס וויסענשאַפט צוא קענען זעלבסט מאַכען אַ שטענדיגען קאַלענדאַר. בעזונדער איז ער אַ טיכטיגער וועג ווייזער אונ אַ ריכטיגער אַדרעסען שרייבער פאָן גאַנץ אימפעריע ראָסיסקי, דאָס כמעט יעדען אידישען סוחר וועט דער לוח וויכטיג נוטצען צום געשעפט" (וואַרשע, 1898, אַרום 300 ז'); פאַר דעם אייזנבאַן-פירער אין דעם דאָזיקן קאַלענדאַר האָט ק' באַקומען פון דעם פּט"ב'ער פּאָליאַקאָוון אַ לויב-כתב מיט 10 רובל. ער האָט אויך פאַרפאַסט אָדער איבערגעזעצט אייניקע מעשה-ביכלעך, ווי „דער פאַרלאָרענער פאָטער" (וואַרשע, 1882), „דער אַריסטאָקראַטישער מערדער"—ראָמאַן (וואַרשע, 1892), האָט איבערגעזעצט דעם „אוצר מכתבים", וואָס זיין פּראָטאָטיפּ איז געווען דער בריוונשטעלער פון שלום הכהן, באַאַרבעט אַ ביכל א"ט „רוסיש-יודישער אַדרעס שרייבער" (וואַרשע, 1900) אאַז"וו און זאָל אויך האָבן געשריבן מאמרים אין „הצפירה". האָט סימפּאַטיזירט מיט „מזרחי".

פּריוואַטע מיטטיילונגען פון זיינע קינדער.

קאַרלין אהרן (חנוכה 1887 —) געב' אין טערנעווקע, פּאָדאָליע. זיין פאָטער, אברהם, פון ר' אַרעלע קאַרלינערס און ר' פאַלק קאָוולערס משפּחה,

איז געווען אַ משולח ביים ווייץ-מסחר. ביז 13 יאָר געלערנט אין חדר, דערנאָך געאַרבעט אין פאַרשיידענע קאַנטאָרן, 1901 געקומען קיין אַמעריקע, געווען אַ קאָמיוואָיאַזשער, אַ הענדלער. האָט דעביוטירט מיט אַ שיר אין דוד פינסקיס „אַרבייטער" אַרום 1905, דערנאָך זיך באַטייליקט אין „פ. א. ש.", „קונדס", „קיבעצער", אַרויסגעגעבן א"ר פון י. אַדלער און יואל סלאָנים דאָס זמ"ב „טרוימען און ווירקלעכקייט" (1909), א"ר פון י. אַדלער און יצחק רייז דאָס הומאָריסטישע בלאַט „דער אידישער גזלן" (1910), א"ר פון אַברהם רייזען דאָס וואָכנבלאַט „די ליטעראַרישע וועלט" (1913), אויך דאָס ערשטע ביכל פון דוד איגנאַטאָוו. צוזאַמען מיט אייניקע יונגע דיכטער אַפּריל 1919 געגרינדעט „די פעדער" („מאָנאַטליכער זשורנאַל פאַר ליטעראַטור, קריטיק, מוזיק און מאָהלעריי / אַרויסגעגעבן פון דער גרופּע ליטעראַרישע קאָלעגען"), וועלכע רעדאַקטירט ביז 1924 (אַחוץ נומ' 2 פון 1923, רעדאַקטירט פון לוי גאָלדבערג, י"ל קאַלושינער און משה שיפריס). זינט יאַנואַר 1924 ביז יוני 1926 איז דער זשורנאַל איבערגעגעבן געוואָרן צום רעדאַקטירן ז. ווײַנפּערן, אָבער אומצופרידן מיט זיין באַציִונג צו די אָנפאַנגער און יונגע דיכטער, וואָס פון זייערטוועגן איז דער זשורנאַל געגרינדעט געוואָרן, האָט די גרופּע ווידער איבערגענומען „די פעדער", וועלכע איז זינט דאַן ערשינען ניט גאַר רעגלמעסיק אַלס חודש-זשורנאַל פאַר ליטעראַטור און קונסט א"ר פון ק' (אַחוץ

אייניקע נומ', וועלכע זיינען מיטרעדאַקטירט געוואָרן פון ל. זיסעלמאַן, א. לוצקי, נח שטיינבערג; ז. ווײַנפּער ווידער גיט זינט יולי 1926 אַרויס אַ חודש-זשורנאַל פאַר ליטעראַטור און קולטור-ענינים א"ט „דער אויפקום"). 1928 איז די „פעדער" פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ דריימאָנאַטשריפט. אַחוץ אַ גאַנצער ריי אָריגינעלע לידער, וואָס ער פלאַנט אַרויסצוגעבן אין אַ בוך א"ט „ליבע און לעבן", האָט ק' איבערגעזעצט אין „דער פעדער" לידער און פאָעמען פון עדגאַר פאָו, לאָנגפעללאָ, טאָמאַס, עמיל ריוז, עלאַ ווילער א"אַ און — אין בוכפאָרם — אָסקאַר ווײַלדס „באַלאַדע פון רעדינגער טורמע" (פ"ג „די פעדער", 1925).

ק' „די געשיכטע פון דער פעדער", אין „פעדער", 1926, VII; ב. גראַבארד, ib, 1925, VI, חיים ליבערמאַן, ib, 1925, I; ק. מרמר, אין „פרייהייט"; ק', „אַן אָפענער בריוו צו ש. ניגער", אין „פעדער", 1926, VIII (וועגן דער איבערזעצונג פון ווײַלדס „באַלאַדע").

קאַרלינסקי בער (1886 —)

געב' אין קאָלנע, לאָמזשער געגנט, אין אַ באַלעבאַטיש-לומדישער משפחה, וואָס איז זיך מתיחס מיטן תוספות יום-טוב און דעם ווילנער גאונס ברודער ר' אברהם, דעם מחבר פון „מעלות התורה". געלערנט אין חדרים און ישיבות, אין לאָמזשע, אין נאַוואַרעדאָק, אין דעם כולל פון די מוסרניקעס, וואָס איז געפירט געוואָרן פון דעם באַרימטן ר' יויזל, צו 15 יאָר אַריבער קיין ביאַליסטאָק, וואו זיך אָנגעהויבן אָפּצוגעבן מיט זעלבסטבילדונג. ליטעראַרישע טעטיקייט אָנגע-

הויבן מיט לידער אין פּראָזע („צום שונא", „די שבועה") אין סאָקאָלאָווס „טעלעגראַף", דאַן אויך אָנגעשריבן אַ צייטונגס־ראָמאַן א"ט „דאָס טאָגבוך פון אַ געוועזענער פּאַרטיי־פיהרערין", (אַרויס אין בוכפאָרם 1908), וואָס ביט קוקנדיק אויף זיין נאַיִוויטעט און אומבאַהאָלפנקייט האָט ער פאַראינטערעסירט פּרצן. וואוינענדיק שוין דאַן אין וואַרשע, האָט ק' געאַרבעט אַלס רעדאַקטאָר פון דעם דאַן געגרינדעטן פאַרלאַג פון ב. שימין „וועלט־ביבליאָטעק", פאַר וועלכן איבערגעזעצט אַ ריי ווערק, ווי „חתונה און ליעבע" — פון עללען קעי, „שטאַרבען", „קאַראַהאָד" און אַ באַנד נאָוועלן פון אַרטור שניצלער, אַ טייל פון מאַקס נאָרדויס בוך „פּאַראַדאָקסען", אַ זמ"ב „משה", הלל צייטלינס „דאָס פּראָבלעם פון גוטס און שלעכטס", יהודה שטיינבערגס „אין יענער צייט", קלענערע זאַכן פון קנוט האַמסון, דזשעק לאָנדאָן א"אַ, מיטגעאַרבעט אין דער קאָמפּילאַציע פון דער „יודישער געשיכטע" (לויט גרעץ, דובנאָוו א"אַ), באַאַרבעט די ביאָגראַפיע פון „נאַפּאָלעאָן I" און רעדאַקטירט אַ גאַנצע ריי יום־טוב־בלעטלעך, צ"אַ אַ זמ"ה „ערבות", וואו פאַרעפנטלעכט אַ גרעסערן אַרטיקל „דער נייער העלעניזם". זינט 1915 אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער פון „מאָמענט", וואו פאַרעפנטלעכט זייער פיל אַרטיקלען איבער ליטעראַטור און טעאַטער און פירט זינט 1924 דאָס ליטעראַטור־בלאַט פון דער צייטונג א"ט „מענשען און ווערק". 1916 אָנגעשריבן אַ דרייאַקטיקע דראַמע „שטורעם־בלעטער", וואָס איז עטלעכע מאָל געשפּילט געוואָרן אין וואַרשעווער „הזמיר" אונטער דוד הערמאַנס רעזשי.

קאָרמאַן משה (3/II 1884 — 15/IV 1928) געב' אין פּעטריקאָוו אַלס זון פון אַ מעקלער. באַקומען די ערשטע דערציִונג אין חדר און דער קרוינישער פאָלקסשול, האָט ער שפּעטער גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין דער ס"ס־פּאַרטיי אין לאָדז און אין פּעטריקאָוו, געמוזט אַנטלויפן קיין אויסלאַנד, זינט 1911 געלעבט אין פּעטערסאָן אַלס וועבער. זינט 1912 פאַרעפנטלעכט לידער און דערציילונגען, אויך א"פ מ. פּיעטרקאָוו, אין „קונדס", „אידישער אַרבייטער וועלט", „פ. א. ש.", „פריינד" פון אַרבייטער־רינג, „קינדער־לאַנד", „אידישער קעמפּפער", „דאָס אידישע פאָלק", „נייע וועלט", „צוקונפט" (בלויז 1919), „צייט", „וואַרהייט", „נייע צייט", „נייע פּאָסט", „גלייכהייט", „האַמער", „פרייהייט" א"אַ. אין בוכפאָרם אַרויסגעגעבן: „אין דער שטיל" — אַ זאַמלונג פון אַ 40 סקיצן און דערציילונגען („ליטעראַרישער פ"ג", נ"י, 1924) און „צווישן זון און רעגן" — לידער און פּאָעמען דערהויפּט אויס דעם לעבן פון וועבער (אַרויסגעגעבן פון אַ גרופּע פריינד, פּעטערסאָן, 1928, ז' 96). געשטאָרבן נאָך אַ לאַנגיעריקער קרעבס־קראַנקהייט און נאָכן טויט איז אים צוגעמשפּט געוואָרן די ערשטע פּרעמיע פון 100 דאָלאַר אין דעם לידער־קאָנקורס פון „פאָרווערטס", א"פ א. גלגול.

משה שיפריס, אין דער „פּעדער", 1925, IV.

קאָרמאַן עזרא (4/VII 1888 —) געב' אין קיעוו. ביז אַ יאָר 12 געלערנט אין חדר, אַרום 1906 געענדיקט די קיעווער האַנדלסשול, דערנאָך געווען אַ עקסטערן. ליטעראַרישע טעטיקייט אָנגעהויבן 1910 מיט איבערזעצונגען פון טורגעניעוו און שאַרל באָדלער אין ש. גאָרעליקס „אידישען אַלמאַנאַך", שפּעטער געאַרבעט אַלס טעכנישער רעדאַקטאָר און קאָרעקטאָר אין „קונסט־פאַרלאַג" און אין זיין המשך — דעם „קיעווער פאַרלאַג", פון וועלכן געווען מיטגרינדער

צוזאַמען מיט ב. מייזיל, אָנהייב 1917 געווען סעקרעטאַר פון דעם ס"ס-אָרגאַן „דער אידישער פּראָלעטאַריער", דערנאָך געווען פאַרוואַלטער פון דעם צענטראַלן ביכער-לאַגער פון דער „קולטור-ליגע" אין קיעוו, 1919 דעלעגירט געווען פון דער „קולטור-ליגע" אין אַלאוקראַאינישן „ליטקאָם" אַלס סעקרעטאַר פון דער יידישער ליטעראַרישער סעקציע, זיך באַטייליקט אין איר זמ"ב „אויפגאַנג" מיט דער איבערזעצונג פון דעם 1טן אַקט פון דזשאָן גאָלסוואָרטיס דראַמע „דער קאַמף". 1921 פאַרלאָזט קיעוו, געאַרבעט אין פ"ג „קולטור-ליגע" אין וואַרשע, זינט 1923 אַ געוויסע צייט פאַרבראַכט אין בערלין, דאַן אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע און זיך באַזעצט אין דעטראָיט, טעטיק דאָרט אין דער יידישער קולטור-באַוועגונג, אַרויסגעגעבן אַ זמ"ה „קולטור-ליגע", לעצטנס צוזאַמען מיט דעם דיכטער ל. מילער און דעם לערער ש. בערקאָוויטש אָרגאַניזירט אַ גרופּע פריינד פון יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט. — ק' האָט פון צייט צו צייט פאַרעפנטלעכט אַרטיקלען און רעצענזיעס און איבערזעצונגען אין פערזן און פּראָזע אין די אָדעסער טאָגבלעטער „שלום עליכם" און „גוט מאָרגען", קיעווער אויסגאַבע „דער עזות-פּנים" (סאַטירישע לידער א"פ ע. מ.), „ווילנער וואָך" און „גרינינקע בוימעלאַך", כאַרקאָווער „דער אידישער אַרטיסט" (דער אָנהייב פון זיין איבערזעצונג פון קאָקלען דעם עלטערנס אַרבעט „די קונסט פון אַקטיאָר"), קיעווער „שול און לעבן", „ביכער-וועלט" 1919 און 1922, „מילגרוים" V (ליד פון אַרנאָ האָלץ), „פּעדער" („פּאַריז ברענט" — פון איוואַן גאָל, 1926, V — VI, ליד פון ראַינער מאַריאַ רילקע, 1927, III — IV), שיקאַגער וואָכנבלאַט „קולטור" (צ"אַ וועגן נפתלי גראָסנס בוך „דער ווייסער רייטער", 1, די איבערז' פון איוואַן גאָלס פילם-דיכטונג „טשאַפּלינאַדע", 19 — 20), „אויפקום" (וועגן בערגלסאָנען, 1927, 1) א"אַ. פון זיינע איבערזעצונגען און באַאַרבעטונגען זיינען אין בוכפאָרם אַרויס: „לידער" פון היינריך היינע („קליינע ביבליאָטעק" פון „קונסט-פ"ג", קיעוו, 1917, ז' 72); „די פאַרלוירענע האָפענונג / פּיעסע פון האָלענדישן פישער-לעבן פון הערמאַן הייערמאַנס / צ"אַ אויפגעפירט פון דער „ווילנער טרופּע" (פ"ג „קולטור-ליגע", קיעוו, 1920, ז' 128; 2טע אויסגאַבע — פ"ג „דער טורעם", וואַרשע, 1922 ז' 180); די קינדער-מעשהלעך פון ווילהעלם בוש „דער גוטער קאַרליק", „די מאַלפּעס און דער שטעכלטיר" (פ"ג ב. קלעצקין, פּט"ב, 1916, אילוסטרירט); „וואָס באַשערט איז באַווערט" — פאָלקסמעשהלע (סעריע פאַר „קליינע קינדער" פון „קיעווער פ"ג"); „אַ מעשה מיט דריי ברידער", „דער פראָש אויף דער רייזע" פון וו. גאַרשין (סעריע „שול-ביבליאָטעק" פון „קיעווער פ"ג", 1919); „אין פייערדיקן דויער-רינג" (פ"ג „קולטור-ליגע" — „מלוכה פ"ג", קיעוו, 1921), צווייטע פאַרגרעסערטע אויפלאַגע א"ט „ברענענדיקע בריקן / אַנטאָלאָגיע פון רעוואָלוציאָנערער ליריק / ...מיט אַ פאָרוואָרט" און ביאָביבליאָגראַפיע („יידישער ליטעראַרישע פ"ג", בערלין, 1923, ז' 158, מיט צייכענונגען פון א. מינטשין) לעוו דייטשס „זכרונות" א"אַ. זיין וויכטיקסטע אַרבעט איז די אַנטאָלאָגיע „יידישע דיכטערינס", וועלכע נעמט אַרום די פאַרשיידענע פעריאָדן פון דער יידישער פרויענשאַפונג, מיט אַ פאָרוואָרט, ליטעראַטור-היסטאָרישן אַריינפיר, ביאָגראַפיעס, ביבליאָגראַפישע נאָטיצן, טראַנסקריבציעס און פאָטאָסטאַטן פון די ווערק פון 70 דיכטערינס פון דער אַלטער און

נייער יידישער ליטעראַטור (פ״ג ל. מ. שטיין, שיקאַגע, 1928, ז׳ 480, אילוסטרירט מיט 35 בילדער פון דעם קינסטלער טאָדרעס געלער; פרייז 3,75 דאָלאַר).

ש. ניגער, אין „יודישער וועלט״, 1914, VI (קעגן ק׳ס איבערזעצונג פון היינע); „ליט׳ בלעטער״, 1927, 30.

קאָרן רחל ה. (15/I 1898 —

) געב׳ אין דאָרף פאָדליסקי, ביי מאָשציסק, גאַליציע. איר פאָטער האָט געשריבן לידער און פילאָסאָפישע עסייען אין העברעיִש און

איז געשטאָרבן, ווען זי איז אַלט געווען 11 יאָר. אין דער איינזאַמקייט, אין וועלכער זי איז געוואַקסן, האָט זי אָנגעהויבן צו 12 יאָר שרייבן לידער אין פויליש. 1918 דעביוטירט מיט צוויי נאָוועלן אין Nowy Dziennik און Głos Przemyślski. מיט דער יידישער ליטעראַטור זיך באַקענט ערשט 1919, האָט זי געשטרעבט צו באַהערשן פולקום די יידישע שפּראַך און אירע ערשטע ליטעראַרישע פּרוּוון אויף יידיש פאַרעפנטלעכט אין דעם אייגענעם יאָר אין די פשעמישלער „פאָלקסשטימע״ און „דאָס יודישע וואָרט״, שפּעטער געדרוקט לידער אין לעמבערגער „טאָגבלאַט״, וואו געווען אַ שטענדיקע מיטאַרבעטערין ביז 1924, ד״ר אַ. זעלם קליינמאַנס „יידישן ליטעראַרישן קאַלענדער״ III, „וואַרשעווער אַלמאַנאַך״ און „וואַרשעווער שריפטן״, „פאָלקסצייטונג״, „ליטעראַרישע בלעטער״, וואו געשריבן אויך רעצענזיעס, א״אַ.—איינע פון די ערשטע יידישע דיכטערינס פון גאַליציע, ברענגט זי אין אירע לידער צום אויסדרוק די איבערלעבונגען פון אַ פרויען־נשמה, צייכנט זיך אויס מיט פרישקייט פון טאָן, אוממיטלבאַרקייט פון געפיל, איינפאַכקייט און דאָרפישקייט פון בילד, פיינעם חוש פאַר ריטם און מאָדערנע לידער־פאָרמען, און הגם אירע לידער זיינען נאָך ניט געזאַמלט אין בוכפאָרם, האָט זי שוין צוגעצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון די ליטעראַרישע קרייזן אלס איינע פון די טאַלענטפולסטע פאָרשטייערינס פון דער יונגער יידישער פאָעזיע. — וואוינט אין פשעמישל.

ד״ר אנזעלם קליינמאַן, אין „יידישן ליטעראַרישן קאַלענדער״, III, ז׳ 152; ב. גראָפּאַרד, אין „פעדער״ 1927, VII.

קאָרנבליטה זיסל (1/IX —

) געב׳ אין טשאַן, וואָלין. זיין פאָטער, הלל, אַ הייסער זינקעווער חסיד און איינער פון די חשובסטע מקורבים

פון די זינקעווער רביים ר׳ היימל און ר׳ פינחסל, איז געווען אַ מלמד, אַ גרויסער לערנער, אָבער גלייכצייטיק אַ קלוגער וועלטלעכער מענטש. די מוטער האָט געהאַלטן אַ קלייט, כדי ווי עס איז אויסצוקערעווען זיך מיט דער הוצאה. ביז 15 יאָר האָט ק׳ געלערנט גמרא און תנך, אונטער דער השפעה פון אַ פּאָר איבערגעלייענטע מליצה־ביכלעך און עטלעכע יידישע ראָמאַנען אַליין אָנגעהויבן צו שרייבן מליצות מיט שירים, אָבער נאָכדעם ווי ער האָט זיך אויסגעלערנט לייענען רוסיש און דייטש און זיך באַקענט מיט דער ליטעראַטור אין די דאָזיקע שפּראַכן, האָט ער דאָס שרייבן אָוועקגעוואָרפן. 1892 אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע, און די איינדרוקן פון דער נייער וועלט האָבן אין אים ווידער דערוועקט אַ דראַנג צום

שרייבן. ער האָט דעביוטירט מיט אַ פּאָר
לידער אין דער „אַרבייטער צייטונג“,
דאַן אָנגעהויבן צו שרייבן קורצע דער=
ציילונגען, וועלכע האָבן שטאַרק אויס=
גענומען ביי די רעדאַקטאָרן, אָבער דער
האָנאָראַר איז געווען צו קליין, און כּדי
צו מאַכן אַ לעבן האָט ער געמוזט ווערן
אַ צייטונגס = אַרבעטער, וואָס ס'האָט ביי
אים אַוועקגערויבט די צייט און די ביי=
טיקע שטימונג פאַר ערנסטערער בעלעט=
ריסטיק. ער האָט געאַרבעט אין אַלע
צייטשריפטן פון יענער צייט (אַ חוץ די
אָרטאָדאָקסישע), פון צייט צו צייט אויך
פאַרעפנטלעכט אַ דערציילונג און אָנגע=
שריבן איבער 30 צייטונגס=ראָמאַנען, פון
וועלכע בלויז אייניקע האָבן אַ געוויסן
ליטעראַרישן ווערט. די לעצטע יאָרן איז
ער אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער פון
„פאָרווערטס“. זינט 1903 איז ק' אויך
פאַרבונדן מיטן יידישן טעאַטער אַלס
פאַרפאַסער פון אַ גאַנצער ריי מעלאָדראַ=
מען, וואָס געהערן צו דעם בעסערן מין
פון דעם דאָזיקן שונד=רעפּערטואַר. זיין
ערשטע פּיעסע „די אידישע טאָכטער“,
אויפגעפירט פון בערטאַ קאַליש, האָט
געהאַט אַ דורכפאַל. דערפאַר האָט געהאַט
אַ גרויסן ערפאָלג זיין צווייטע פּיעסע
„דאָס אמתע גליק“ — אַ קאָמעדיע=דראַמע,
אויפגעפירט צוערשט פון יעקב גאָרדין
אין זיין „טאַליאַ = טעאַטער“ 1904 און
דערנאָך געשפּילט אין משך פון יאָרן
אויף אַלע יידישע בינעס (אויך אין איי=
ראָפּע א"ט „מאָטי מלך דער סטאָליער“;
פּ"ג אַמקרויט עט פריינד, פּשעמישל, 1908);
די באַרימטע יידישע שוישפּילער מאָריס
מאָשקאָוויטש און לעאָן בלאַנק האָבן זיך
אין דער דאָזיקער פּיעסע באַזונדערס
אַרויסגעוויזן, און אויך דער אומפאַרגלייכ=
לעכער מאָגולעסקאָ איז אין איר אויפ=
געטרעטן. נאָך אַ גרעסערן ערפאָלג האָט

געהאַט זיין ראָמאַנטישע דראַמע „דער
טיגער“ (1911), פאַר וועלכער ער האָט
זיך באַנוצט מיט דער הויפּט=סיטואַציע
פון מעטערלינקס „מאָנאַ וואַנאַ“. פון זיינע
אַנדערע פּיעסן זיינען די פּאָפּולערסטע
„איר ערשטע זינד“ — דראַמע (1912) און
„דאָס געטלעכע ליד“ — ראָמאַנטיש לעבנס=
בילד (1913), „אַפּ=טאַון און דאַון=טאַון“ —
קאָמעדיע (1916), „דזשעני לויפט פאַר
מעיאָר“ (1920), „אונזערע קינדער“ —
דראַמע (1913), וואו עס ווערט געוויזן,
ווי אַזוי די אַמעריקאַנער לופט מאַכט די
יידישע קינדער פאַר הפקר = מענטשן,
„פאַרשפּילטע וועלטן“ — אַ דראַמאַטיזירונג
פון מאָפּאַסאַנס באַרימטער דערציילונג
„פּיער און זשאַן“, „דער באַנקראָטירטער
דור“, „דער שטן סטרייקט (אַ לאַנד אָן
זינד“) — פאַנטאַסטישע קאָמעדיע אין 4
אַ' (אין „פּ. א. ש.“, 1926) „סודות
פון ליבע“ א"אַ. ב. גאָרין פאַר=
צייכנט נאָך די פאָלגנדיקע פּיעסן
ק'ס: „צרות פון קינדער“ — דראַמע
(1907), „די פאַרבלאָנדזשעטע קינדער“
(1912), „גלייכע רעכטע“ (גענומען פון
באָט ענד פייד פאַר“; 1912); „די בונ=
דיסטקע“ (1912), „דעם סטאָליערס
טרערן“ (1913). זיין נאָענטקייט צום
יידישן טעאַטער האָט אים אויך געגעבן
מאַטעריאַל פאַר טעאַטער=אַרטיקלען, פע=
ליעטאָנען און אויך ראָמאַנען, ווי „הינטער
די קוליסן / ראָמאַן פון דעם יידישן
טעאַטערלעבן“, פאָרווערטס“, זומער 1924.

משה נאַדיר, „מיינע הענט“...

קאָרעטץ יהודה = לייב (ט"ז תמוז
1863 —) געב' אין טאָרנע,
מערב = גאַליציע. באַקומען אַ שטרענג
אָרטאָדאָקסישע דערציִונג, האָט ער אַדאַנק
זיין חבר אין בית=מדרש, יוסף מאַרגאָ=
שעס (זע), זיך באַקענט מיט דער העב=

רעיִשער ליטעראַטור און בײַ יהודה נײַ=
מאַן, דעם מחבר פון „ספר הזכרון" א"אַ
העברעיִשע בראָשורן, געלערנט לשון=
קודש און דײַטש. ק' איז געווען אײנער
פון די ערשטע צו פּראָפּאַגאַנדירן דעם
רעיון פון ישוב=ארץ=ישראל אין גאַליציע.
אַחוץ אַ סך מאמרים אין „מחזיקי הדת",
„קול מחזיקי הדת", „המגיד", „הצפירה",
„המליץ", לאָנדאָנער „היהודי", „המצפה",
„לעמבערגער טאָגבלאַט", „דראָהאָביטשער
צײַטונג" א"אַ, דערהױפּט װעגן א"י און
ארץ=ישראלדיקע אתרוגים, האָט ק' פאַר=
עפנטלעכט די פאָלגנדיקע בראָשורן:
„זכרון ציון או אבן בוחן"—װאו ער באַ=
גרינדעט דעם ציוניסטישן געדאַנק על=פּי
חז"ל (אַרויסגעגעבן פון דער רעדאַקציע
„העם" אין קאָלאָמײ, 1896, ז' 28),
„תוכחת מגולה—אל הצדיקים ואל החסידים
ואל זקני שארית ישראל העומדים עוד
מנגד להרעיון הקדוש והנשגב ישוב ארץ
ישראל" (דראָהאָביטש, 1898, ז' 24), „דער
אתרוג" (דראָהאָביטש, 1898). איז זומער 1900
פון דער חברה „אהבת ציון" אין טאַרנע
געשיקט געװאָרן קײן ארץ=ישראל אײנצו=
קױפן אתרוגים, און דעם דאָזיקן באַזוך
האַלט ער פאַר דער װיכטיקסטער געשעע=
ניש אין זײַן לעבן. 1904 האָט דער װילנער
דרוקער און חובב=ציון ל. עפּעל לױט דער
איניציאַטיװע פון ר' יצחק=יעקב רײַנעס
אַרויסגעגעבן אַ נײַע פאַרבעסערטע אױס=
גאַבע פון „זכרון ציון" / ערקלערונגען
איבער דער ציוניסטישער אידעע לױט
גמרא און מדרשים (ז' 59) און „דער
אתרוג" (ז' 55). זינט 1897 װאױנט ק'
אין ראָפּטשיץ, װאו ער פירט אַ בשמים=
געשעפט.

EЭ, IX.

קאַרפּ האַריאַ (1869 —)
געב' אין האַרלױ, מאָלדאַװיע. האָט שטו=
דירט מעדיצין, אָבער זײַן שטודיום ניט
געענדיקט און איז פאַר די לעצטע 25
יאָר טעטיק אַלס אײנער פון די אָנגע=
זעענסטע רומעניש=יידישע זשורנאַליסטן,
מיטאַרבעטער פון כמעט אַלע רומעניש=
יידישע אױסגאַבן, אױך אַלײן אַרויסגע=
געבן אין רומעניש צײַטונגען, אַלמאַנאַכן,
עטלעכע ב' אײגענע דערצײלונגען און
נאָװעלן פון דעם יידישן לעבן אין רו=
מעניע, פון יידישע צרות און דחקות
דאָרט אאַז"װ, צ"אַ איבערגעזעצט אױף
רומעניש ד"ר הערצלס „אַלטנײלאַנד",
אַ טײל פון גרעצס יידישער געשיכטע
א"אַ. ער האָט זיך אױך באַטײליקט אין
דער יידישער פּרעסע, צוזאַמען מיט
אליעזר רוקח אַרויסגעגעבן אין יאַס
די צײַטשריפט „דער יודישער גײסט",
1897—98, מיטגעאַרבעט אין דער ציו=
ניסטישער „װעלט", װין 1900—1, אַרויס=
געגעבן אין בוקאַרעשט דעם רומעניש=
יידישן אָרגאַן „מבשרת ציון", 1901—3.
איז אױך געװען פון די ערשטע פּאָפּו=
לאַריזאַטאָרן פון דער יידישער ליטע=
ראַטור אין רומעניע, אין זײַן רומענישן
זשורנאַל Cultura געדרוקט איבערזע=
צונגען פון מענדעלע מוכר=ספרים א"אַ
יידישע שריפטשטעלער, אַרויסגעגעבן
אין רומעניש אַ ב' פון י"ל פּרץ א"ט
La fakir מיט אַ שטודיע איבער דער
יידישער ליטעראַטור אַלס אַרײַנפיר
און אַ קריטישער ביבליאָגראַפיע איבער
פּרצעס װערק (ערשינען נאָך דעם טױט
פון גרויסן דיכטער), אַ ב' מאָנאָלאָגן
און דערצײלונגען פון ש"ע מיט אַ קרי=
טישן אַרײַנפיר װעגן זײַן שאַפן, אױך
אַ מאָנאָגראַפיע װעגן יידיש און יידי=
שער ליטעראַטור (פ"ג „ישורון", בוקאַ=
רעשט). אַלס געזעלשאַפטלעכער און
ציוניסטישער טוער געװען סעקרעטאַר
פון די פאַרשײדנסטע יידישע פּאָליטי=
שע און פילאַנטראָפּישע אָרגאַניזאַציעס.

לעצטנס אויך אויסגעוויילט געוואָרן אין
רומענישן סענאַט. מאַי 1924, באַשול=
דיקט פון דעם אַנטיסעמיטישן פירער
פּראָפ' קוזאַ אין רכילות, פאַרמשפּט
געוואָרן פון אַ געריכט פון געשוואָרענע
אין גאַלאַץ צו 6 חדשים תּפיסה און
100,000 ליי קנס.

מיטטיילונגען פון י. גראַפּער.

קאַרפּילאָוו מרים (תמוז 1888 —
) געב' אין דאָבריאַ=מיסלי,
ביי מינסק. איר פאָטער, אליהו, האָט
זיך באַשעפטיקט מיט וואַלד=מסחר, בויען
הייזער און שאָ=

סייען אדג"ל. באַ=
קומען אַ יידישע
דערציִונג, האָט
זי שפּעטער גע=
אַרבעט אַלס רע=
טושירערין און
פאָטאָגראַפיסטין.
אויסגעוואַנדערט
קיין אַמעריקע, האָט זי די ערשטע עט=
לעכע יאָר געוואוינט אין ברידזשפּאָרט,
קאָנעקטיקוט, דערנאָך אין נ"י. איר
ליטעראַרישע טעטיקייט האָט זי אָנגע=
הויבן אין אַמעריקע, 1906, און זינט
דאַן האָט זי פאַרעפנטלעכט פעליעטאָנען,
דראַמען, נאָוועלן, דערציילונגען, סקיצן,
אַפאָריזמען, אַרטיקלען, קריטישע אָפּ=
האַנדלונגען, ווי אויך אייניקע גרויסע
ראָמאַנען אין די פאַרשיידנסטע יידישע
צייטשריפטן פון נ"י, ווי „די אידישע
פאָהן" (?), „אידישער קעמפפער", „קיבע=
צער", „פאָרווערטס", „פ. אַ. ש.", „דאָס
אידישע פאָלק", „צוקונפט", „וואַרהייט",
„טאָג", „גלייכהייט", „היינט" אפ"אַ. פון
אירע ווערק זיינען אַרויס אין בוכ=
פאָרם: „אין די שטורם=טעג" — דראַמע
אין 4 אַ' (פ"ג גרייזעל און קאָ', נ"י
1909); „יהודית" — אַ ראָמאַן אין בריוו
(פ"ג מאַקס מייזעל, נ"י, 1911); „דאָס
טאַגעבוך פון אַן עלענדער מיידעל"
(פ"ג קאַנטאָראָוויטש, נ"י, 1918). פון
אירע גרויסע ראָמאַנען איז צו פאַרציי=
כענען: „די שטומע", „די איינגעשפּאַר=
טע", „אָהן אַ פּאַרוואָס", „סטרוזשקעס",
„דער ראָמאַן פון אַ קרעטשמערקע",
„רייזקע", „ברכה", „זינדיגע נשמות /
סענסאַציאָנעלער ראָמאַן פון אידישען
לעבען אין אַמעריקע" („טאָג" פון 4/III
1925), „שטילע ליידען" („טאָג", זומער
1925) א"אַ. איינס פון אירע לעצטע
ווערק איז די נאָוועלע „אַ פּראָווינץ=ציי=
טונג" (נ"י, 1926, ז"ז 100), וואו זי
שילדערט אין אַ הומאָריסטיש=סאַטירישן
טאָן די פּראָווינציעלע יידישע פּרעסע
פון אַמעריקע, פירט אַרויס רעדאַק=
טאָרן, פּאָעטן, מיטאַרבעטער, אַרויסגע=
בער אאַז"וו, אַרויסווייזנדיק אַ שאַרף
אויג פאַר די קאָמישע בילדער און
אַ וואָרהאַפטיקייט אין דער שילדערונג.
איז געווען טעטיק אין פּ"צ=באַוועגונג
און לעצטנס געפאָרן קיין א"י.

ג. זעליקאָוויץ, אין „יידישען טאַגעבלאַט",
25/VI 1926.

קאַרפּעלעס גוסטאַוו (11/XI 1848—
21/VII 1909) געב' אין לאָשיץ, מערן.
שטודירט אין יידיש=טעאָלאָגישן סעמינאַר
אין ברעסלע, גלייכצייטיק אויך שטודירט
פילאָסאָפיע, ליטעראַטור און געשיכטע
אין אוניווערסיטעט. נאָך אַלס סטודענט
זיך ספּעציעל פאַראינטערעסירט מיט
היינריך היינע און איז שפּעטער באַ=
קאַנט געוואָרן אַלס איינער פון די בעס=
טע היינע=פאָרשער. זינט 1890 ביזן
טויט האָט ער רעדאַקטירט די Allge-
meine Zeitung des Judentums, וועלכע
געפירט אין מעסיק ליבעראַלער ריכטונג.
אין דעם דערמאָנטן יאָר אויך געגרינ=
דעט דעם „פאַראיין פאַר יידישער גע=

שיכטע און ליטעראַטור אין דייטשלאַנד"
און אַלס גלענצנדער אָרגאַניזאַטאָר אין
משך פון עטלעכע יאָר באַדעקט דאָס
לאַנד מיט אַ גאַנצער נעץ פון אַזעלכע
פּאַראיינען און זינט 1891 ביזן טויט
געווען פּרעזידענט פון צענטראַלן אָרגאַן.
ער איז אויך געווען פּאָרזיצער פון דער
„געזעלשאַפט צו פּעדערן די וויסנשאַפט
פון יידנטום", וואָס ער האָט געגרינדעט
1903 צוזאַמען מיט מאַרטין פיליפּזאָן.
אַחוץ זיינע הײנע־אַרבעטן האָט ער זיך
באַזונדערס קונה שם געווען מיט זיין
גרויס ווערק Geschichte der jüdischen
Literatur (1888, 2 ב'; 2טע פאַרבע=
סערטע אויסגאַבע — 1908, נייע אויס=
גאַבע 1920) — דער ערשטער פּרווו פון
אַ סיסטעמאַטישער אויסלייגונג פון דער
גאַנצער ליטעראַטור פון דעם יידישן
פאָלק זינט איר אָנהייב. דאָס ווערק איז
אויך איבערגעזעצט געוואָרן אויף העב=
רעיִש און א"ר פון א. הרכבי אויף רוסיש;
אויף יידיש איז עס אַרויס אין דער
איבערזעצונג פון פאַלק הײלפּערין א"ט
„געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַ=
טור / ערשטער באַנד / פון דער אַנט=
שטייונג פון דעם תנך ביז דעם אַראַביש=
שפּאַנישן פּעריאָד" (פ"ג „טאָמאָר" פון
יוסף קאַמערמאַכער, 1927, ז' 2+421).
אין זיין Geschichte גיט ק' אויך אָפּ
אַ באַזונדער קאַפּיטל דער עלטערער יידי=
שער ליטעראַטור זינט אירע אָנהייבן ביז
דער מענדעלסאָן־עפּאָכע, איגנאָרירנדיק
אינגאַנצן די נייע אַנטוויקלונג אירע.
אָבער אויך אין דעם ביסל, וואָס ער
ברענגט שוין יאָ וועגן דער יידישער לי=
טעראַטור, איז ער בלויז אַן איבערפלעכ=
לעכער קאָמפּילאַטאָר פון דעם, וואָס די
פריערדיקע יידיש־פאָרשער האָבן אויפ=
געטאָן, און זיין אַרבעט האָט ניט קיין
שום זעלבשטענדיקן ווערט. דערפאַר גע=
הערט ק'ן דער פאַרדינסט, וואָס ער האָט
אין זיין אַרטיקל אין דער פעסטשריפט
לכּבֿוד דעם 70־יעריקן געבורטסטאָג פון
ד"ר אברהם בערלינער דער ערשטער
געמאַכט אַ סוף צו דעם טעות פון יאָהאַן
קריסטאָפאָר וואָלף וועגן ליטא פון רע=
גענסבורג אַלס מחברטע פון דעם „שמואל=
בוך", איבערלייענענדיק אין דעם האַמ=
בורגער כתב־יד פון דער באַרימטער פּאָע=
מע דעם נאָמען ריכטיק — ליווא (לייב).
פון זיינע אַלגעמיינע ווערק איז צו
דערמאָנען Allgemeine Geschichte der
Literatur (1899, 2 ב'; נייע אויפלאַגע—
1901). צווישן די דייטשע חכמי ישראל
האָט ק' געהערט צו די קעגנערס פון
דער אַסימילאַציע. געשטאָרבן איז ק'
אין נויהיים.

ש. בערנפעלד, אין EЭ, XII.

קודלי ברכה

(20/VII 1893 —) געב' אין יאָזעפּפאָל, פּאָדאָליע.
איר פאָטער, יהושע שטוק, האָט געהאַלטן
אַ בשמים־קראָם. דורכגעמאַכט דעם קורס
פון פיר קלאַסן, לערנענדיק ביי פּריוואַטע
לערער, געווען אונטער אַ שטאַרקער
השפּעה פון דער רוסישער פּאָעזיע, אויך
פון פרוג, ביאַליק און יהואש, די ערשטע
לידער געשריבן אין 1914, אָבער דער=
נאָך אויפגעהערט, און ערשט 1922, אונ=
טער דער ווירקונג פון שאַרפע איבער=
לעבונגען, פון צער און אַנטוישונג,
ווידער אָנגעהויבן צו שרייבן, פאַרעפנט=
לעכט אירע לידער אין „פ. אַ. ש.",
ל. מעלצערס „אַרבייט", א. רייזענס „ניי=
אידיש", „צייט", „פרייהייט", שיקאַגער
„איינאיינעם", „פעדער", „האַמער" א"אַ,
ווי אויך אין די זשורנאַלן „מערב" און
„זונלאַנד" פון לאָס־אַנדזשעלעס, וואו די
דיכטערין וואוינט זינט 1917.

קהת ש"ז — האָט אינמיטן די 90ער יאָרן געלעבט אין קיעוו (זשאַנדאַרמענגאַס 37), וואו ער האָט, ווייזט אויס, שטודירט אין אוניווערסיטעט. אין דער צייט פון די אַ"ג „זשאַרגאָנישע קאָמיטעטן", ווען אין אַ סך רוסלענדישע און אויסלענדישע אוניווערסיטעט־צענטערס האָבן זיך געגרינדעט קרייזלעך, דערהויפּט פון סטודענטן, אַרויסצוגעבן פּאָפּולערוויסנשאַפטלעכע ליטעראַטור אויף יידיש, האָט ק' געגרינדעט אין קיעוו אַ פ"ג א"ט „קהת'ס אויסגאַבען", האָט אָבער באַוויזן אַרויסצוגעבן בלויז דעם נומ' 1 פון דער געפּלאַנטער סעריע — דאָס בוך „וואונדער אויף דער וועלט / אויף רוסיש געשריעבען פון נ. רובאַקין / אויף יידיש בעאַרבעט פון ש"ז קהת" (קיעוו, 1895, ז' 84). אין זיין הקדמה ווענדט ער זיך צו די לעזער צו פאַרבינדן זיך מיט אים וועגן זייערע אָנווייזונגען, ווייל ער „קלאָרט מיט דער צייט אַרויסצוגעבען נאָך ביכלעך אויף דעם זעלביגען שטייגער מיט פאַרשיידענעם אינהאַלט, וויע למשל בעשרייבונגען פון אַלערליי לאָנדער און מענשען, ביאָגראַפען פון גרויססע מאָננער און דעסגלייכען... מיט דער צייט וועלען זיך אפשר יאַווען „ראָמאַנען" אויך און ליעדער אויך, נאָר אויך אמת'ע פונ'ם אמת'ן מענשליכען לעבען מיט מענשליכע געפיהלען און געשריבען מיט אַ רייגער און גוטער שפּראַך, ניט אויף ציגיינער לשון, וויע שמר'ס מיט זיין קאָמפּאַניעס שרייבעכצען". און באמת איז דאָס ערשטע בוך ק'ס פאַרפאַסט אין אַ גוטן, ריינעם און געגוג פאָלקסטימלעכן יידיש. ק' איז, ווייזט אויס, געשטאַנען אין פאַרבינדונג מיט דעם פ"ג פון א. קאָטיק און ברעסלער אין וואַרשע (זע דוד פינסקי), דעם פ"ג „צייטגייסט" אין בערלין; ער אַנאָנסירט די ערשיינונג אין ווילנע פון „ספּאַרטאַק", „סאָקראַטעס", „וועגן וואַסער אין דער נאַטור" — לויט רובאַקין און זשיוואָטאָווסקי, „אַ ביסעל כעמיע — Простое слово о мудреной наукѣ, Якова Пасынкова, „וויע האָבען מענשען געלעבט פאַרצייטען", קודריאַווסקיס און „דיע ענגלאָנדער, בעאַרבעט נאָך וואָדאָוואָזאָוואַ".

אסף המזכיר החדש.

קוהן אברהם — געוועזן לערער אין אָפּען. פאַרפאַסט אַ שיר אין יידיש־דייטש א"ט „ימי צרה ומהומה" (אָפּען, 1831), וואו עס ווערט באַשריבן די פאַרשווערונג אין אָפען.

מיטטיילונג פון לעאָפּאָלד גרינוואלד.

קוואַשאַ גר' (188... —)

געב' אין מעזשיבאָזש, פאָדאָליע, דערצויגן אין דעם חסידישן שטעטל פון בעל־שם־טוב, שפּעטער שטודירט אין פּט"ב, וואו זיך פאַרנומען מיט איבערזעצן וויסנשאַפטלעכע ליטעראַטור אויף רוסיש, געוועזן פאַרבונדן מיט דער רוסלענדישער ס"ד'ישער באַוועגונג. בשעת דער מלחמה געוועזן טעטיק אין דער הילפס־אַקציע פאַר די יידישע היימלאָזע, ווי ס'איז צו זען פון זיין אַרטיקל אין Евр. Недѣля, נומ' 30, 1915. אין משך פון אַ יאָר צוואַנציק אָפּגעריסן פון דער יידישער סביבה און דער יידישער שפּראַך, האָט ק', קומענדיק קיין אַמעריקע, אָנגעהויבן זיין זשורנאַליסטישע טעטיקייט אין יידיש אַלס מיטאַרבעטער פון „פאָרווערטס" און דערהויפּט פון „צוקונפט", וואו ער האָט אין משך פון די יאָרן 1919—1922 געשריבן אַרטיקלען אויף סאָציאַל־עקאָנאָמישע און פּאָליטישע טעמעס. שפּעטער צוריקגעפאָרן קיין רוסלאַנד.

ק', „ווי ליעסין האָט מיר צוריק דערמאָנט מיין יודישקייט", אין „צוקונפט", 1919, IV.

קוויטקאַ לייב (31/XII 1893 —) געב׳ אין אָלעסקאָוו, פּאָדאָליע (איצט אָדעסער קרייז), אין אַ יחוסדיקער, פון דורות רבנים שטאַמענדיקער, אָבער זייער אָרעמער פאַמיליע. זיין פאָטער, משה, אַ לערער, ווי אויך די מוטער, זיינען אים יונג געשטאָרבן און ער איז דערצויגן געוואָרן ביי אַ באָבען, וועלכע האָט געהאַט אויף אים גאָר אַ גרויסע ווירקונג. צו 10 יאָר געמוזט גיין פאַרדינען, געאַרבעט אין פאַרשיידענע שטעט און שטעטלעך פון דרום-אוקראַינע אַלס פערד-אָנטרייבער, אַלס לעדערוואַרגער, אַלס פאַרבער, אַלס קאַמאַשנשטעפּער, אַלס אָנגעשטעלטער אין באַקאַליי-מאַגאַזינען, אַלס טרעגער אין די האַפנשטעט ניקאָלאַיעוו און כערסאָן. צוערשט אונטער פאָלקסטימלעכע השפּעות, איז ער זינט 1905 געשטאַנען אונטער דער ווירקונג פון דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער-באַוועגונג; די אָקטאָבער-רעוואָלוציע איז געווען פאַר אים דאָס וויכטיקסטע געשעעניש אין לעבן און זינט דאַן הייבט זיך אויך אָן זיין ליטעראַרישע טעטיקייט. — נאָך אַלס יינגל פון אַ יאָר 12 אָנגעהויבן צו שרייבן („אויפן בוידעם ביים רייבן פּאָסטעלעס, ביים שפּיליעווען די פעל"), האָט ער דורך דער פאַרמיטלונג פון דוד בערגעלסאָן דעביוטירט אין זמ"ב „אייגענס", קיעוו 1918, מיט אייניקע לידער, וואָס האָבן אים גלייך אַרויסגערוקט אין דער ערשטער ריי פון די דיכטער פון דעם אַ"ג קיעווער פּעריאָד, לעבן דוד האָפשטיין און פּרץ מאַרקיש. זינט דאַן האָט זיך ק׳ באַטייליקט אין אַלע יידישע אויסגאַבן פון ראַטנפאַרבאַנד, ווי „באַגינען", „קאָמפּאָן", „שטראָם" אאַז"וו, אויך אין די קאָמוניסטישע צייטונגען און זשורנאַלן פון אייראָפּע און אַמעריקע, אין „קריטיק", „רינגען", „דרום-אַפריקע", „צוקונפט", „מילגרוים", „אונזער באַוועגונג", זמ"ב „גייענדיק" (צוזאַמען מיט נסתר און משה ליוושיץ) אאַז"וו. אייניקע יאָר פאַרבראַכט אין דייטשלאַנד, דערהויפּט אין בערלין, האָט ער זיך נאָכן צוריקקער קיין אוקראַינע באַזעצט אין כאַרקאָוו, וואו ער איז אַ מיטגליד פון דער רעדאַקציע פון דעם פּאָליטיש-געזעלשאַפטלעכן, ליטעראַריש-קינסטלערישן און וויסנשאַפטלעכן זשורנאַל „די רויטע וועלט", אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער פון כאַרקאָווער „שטערן", מיטגליד פון פּרעזידיום פון „געזקולט"—דער געזעלשאַפט מיטצוהעלפן דעם אויפבוי פון דער יידישער קולטור, טעטיק אין אַרבעטער-קלובן אדג"ל. — שוין ק׳ס ערשטער אויפטריט אין דער ליטעראַטור האָט אַרויסגערופן אַ באַגייסטערטן אָפּרוף פון בעלי-מחשבות („לייב ק׳ איז פשוט די אַנטפּלעקונג פון אַ גרויסן יידישן פּאָעט, וואָס אונזער ליטעראַטור האָט שוין דאָס ניט געהאַט צייט צען יאָר. ער שטייגט אַריבער אַלע די, וואָס האָבן זיך באַוויזן פון דוד איינהאָרנען אָן ביז צו די לעצטע"...). אוניווערסאַל אין זיין דיכטונג, זוכט ער צו פאַראייניקן דאָס אייראָפּעישע מיטן יידישן, באַהאַנדלט די וועלט-פּראָבלעמען פון המון און פון גאָט, מענטש און טייוול, אאַז"וו. ק׳ איז דער דיכטער פון שרעק און פון שאָטנס, פון טויבן אומרו, פון דעם בלינדן פחד פאַר דעם גרויסן פּלאָנטער פון לעבנסערשיינונגען. „קיין זאַך שפּירט ער ניט אַזוי שאַרף, ווי דאָס אומפאַר-

שטענדלעכע, דאָס געהיימע, דאָס טונ-
קעלע, דאָס שווייגנדיקע, דאָס נאַכטישע״
(ש. ניגער). ער איז דער פאָרזעצער פון
דעם נסתּרישן עלעמענט אין דער יידי-
שער פּאָעזיע, און פאַר אים איז כאַ-
ראַקטעריסטיש „יענע מיט אַ כּיוונדיקע
צונויפ־זישונג פון פּרימיטיוו און מאָ-
דערניטעט, פאָלקסטימלעכער פּשטות און
ראַפינירטער פאַרטיפונג, וואָס איר פּאָ-
טער אין דער יידישער פּאָעזיע איז
נסתּר״ (ש. ניגער). ער איז אָפט אומ-
קלאָר, ניט רייך אין אויסדרוק, אומ-
באַהאָלפן אין דער אַרכיטעקטאָניק פון
זיינע לידער, אָבער ער איז פריש אין
טאָן, בילדעריש און אייגנאַרטיק. „אין
אַ סך לידער איז זיין אייגנאַרטיקייט
אַ צעבראָכלטע, אַ שטאַמלדיקע אָדער
גאָר אַ שטומע״, אָבער דאָס נעמט זיך
אויך פון יענער אינעווייניקסטער נייגונג
ק׳ס „צו טאַנצן אַ שווייגנס מיט דער
שטילקייט״ און אָפּצוגעבן זיך אין רשות
פון יענע טונקעלע, טיף נאַכטיקע, אָפט
משונהדיקע גראָטעסקע זעונגען און ביל-
דער, וועלכע פילן אָן, מאַכן אומהיימלעך
און צערייסן אויף שטיקער פילע פון
פון זיינע לידער. אַחוצדעם האָט דער
אַלגעמיינער כאַאָטישער צושטאַנד פון
דער וועלט און ספּעציעל פון דעם יידישן
לעבן (און טויט) אין אוקראַינע געמוזט
אַריינברענגען אַ צעמישונג אין זיין „צע-
שטראָמטער צעפלויגענער נשמה״ (ניגער).
ווידמענדיק אַ גאַנץ בוך די פּאָגראָמען
אין אוקראַינע, איז אָבער ק׳ געווען
איינער פון די ווייניקע, וואָס האָט „גע-
פונען דעם דיכטערישן צוגאַנג צו דער
פּאָגראָם־טעמע. ק׳ס פּאָגראָם־ליד, וועלכע
האָט באַפרייט זיך פון די צושווינג-
עפעקטן, האָט זיך צוגלייך באַפרייט אויך
פון דעם צושויערס באַרעדעוודיקייט,
וואָס איז אפשר געווען פּונקט אַזוי
„נביאיש״, ווי רעזאָנעריש און שריפט-
שטעלעריש... ער דרינגט אַריין אין אַזאַ
טיף פון דעם מרה־שחורה־געפיל, אַז עס
הייבט שוין אָן מער צו דערמאָנען אָן
עדגאַר פּאָ, איידער אָן ביאַליקן... אָנ-
שטאָט אַ הוילער ליטעראַרישער טעמע
האָבן מיר באַקומען אַ קונסטווערק, אָנ-
שטאָט אַ פּאָגראָם־דענקמאָל מיט רעדנע-
ריש אויסגעדריקטע באַציִונגען האָבן
מיר באַקומען אַן עפּאָפּעע פון טראַגיש
יוגנטלעכע איבערלעבונגען״ (נ. אויסלענ-
דער). אָבער ניט נאָר שרעק און שוידער
איז דער אינהאַלט פון ק׳ס פּאָעזיע;
פאַרהאַן אויך ביי אים לידער, בפרט
פון זיין ערשטן שאַפונגספּעריאָד, וואָס
טעמען מיט יונגער פרייד, מיט רעוואָ-
לוציאָנערן אימפּעט, מיט דער דרייסט-
קייט פון באַפרייטער מאַסנסטיכיע. די
שפּראַך פון זיינע לידער איז אַ
פאָלקסטימלעכע, רייך מיט עלעמענטן
פון אוקראַינישן יידיש. — פון ק׳ס לידער
און פּאָעמען זיינען אַרויס אין בוכפאָרם:
„טריט״ („קיעווער פ״ג״, 1919, ז׳ 128),
„רויטער שטורם״—רעוואָלוציאָנערע פּאָע-
מע (דערז׳ פ״ג), „גרין גראָז״ („יידישער
ליטעראַרישער פ״ג״, בערלין, 1923, ז׳
210), „1919״ — פּאָגראָם־ליריק (דערז׳
פ״ג, 1923, ז׳ 168). נאָך ניט פאַרעפנט-
לעכט אין בוכפאָרם: אַ גרעסערע פּאָעמע
א״ט „יוינע לייעס״, וואָס נעמט אַרום
דעם בירגער־קריג און דעם בוי־פּעריאָד
אין ראַטנלאַנד, דעם סאַטירישן ראָמאַן
א״ט „געץ בימבאַם״, אַ בוך לידער א״ט
„וועגעלעך קאַלעך״, אַ בוך פּאָעמעס א״ט
„באָמבאַבול״, אַ סעריע דערציילונגען
„ביי ריאָגראַנדער פעל״ א״אַ. ק׳ האָט
אויך געשריבן זייער פיל קינדער־לידער
און קינדער־דערציילונגען אין פערזן און
פּראָזע, ווי: „לעמל נאַשער״ („קיעווער
פ״ג״, 1919, ז׳ 14, אילוסטרירט פון

יוסף טשייקאָוו), „לידלעך פאַר קינדער" („אידישער פאָלקס-פ"ג", קיעוו — פּט"ב, 1920, ז' 15), „דאָס קאַוואָנדל", „דאָס קעצעלע", דאָס ביכעלע לידעלעך פאַר קליינע קינדער א"ט „דער גרויסער קניש" (פ"ג „קולטור-ליגע", קאָוונע, 1921, ז' 17), די בילדער-ביכער „פייגלען" און „אין וואַלד" מיט צייכענונגען פון י. ב. ריבאַק (פ"ג „שוועלן", בערלין, 1922); „בערטשיק" — אַ מעשה אין פערזן (צענטער-פ"ג, 1927), „מע שליסט אויס דערפאַר" (פיאָנערן-ביבליאָטעק פון פ"ג „קניהאָספּילקע", כאַרקאָוו, 1927, ז' 8), „קאַרל און מיזראַ" (דערזי' פ"ג, ז' 12), „דער שענסטער נאָמען" — זמ"ב פאַר קינדער („צענטער-פ"ג", כאַרקאָוו 1927, ז' 96) א"אַ. ער האָט אויך זייער פיל איבערגעזעצט. דערהויפּט פון אוקראַייניש, צ"אַ: „אוקראַינישע פאָלקס-מאַיסעס" (אַרויסגעגעבן פון דער יידישער סעקציע ביים קאָמיסאַריאַט פאַר פאָלקבילדונג רספס"ר, בערלין, 1922, ז' 88), „ווייס-רוסישע פאָלק-מאַיסעס" — פון ווייסרוסיש (דערז' פ"ג, 1923, ז' 103), ביידע ביכער — אילוסטרירט פון אליעזר ליסיצקי; איוואַן פו אַנקאָס „סאַרקע" (מלוכה-פ"ג, כאַר-קאָוו, 1927, ז' 16), באָריס לאַווערעניאָווס „דערציילונג וועגן אַ פּראָסטער זאַך" און „ווינט", דערציילונגען פון מ. קאָציו-בינסקי א"אַ (אין כאַרקאָווער „שטערן" 1926 — 28). אייניקע פון זיינע לידער און דערציילונגען זיינען אויך איבערגע-זעצט אויף אוקראַייניש, ווי „5 קינדער-דערציילונגען" (אוקראַינישער מלוכה-פ"ג), לידער אין זמ"ב Воплите (כאַר-קאָוו, 1926) א"אַ.

בעל-מחשבות, אין זיין גרויסן ארטיקל וועגן זמ"ב „אייגענס" I, אין „קאמף און לעבן" א"ר פון זרח גרינבערג, I — II; id, אין ריגער „פאלק" ארום 1920—21; פ. ריילאנד, „ערשטע טריט", אין זמ"ב „באגינען"; מ. ליטוואקאוו, אין „ביכער-וועלט", I, 24; נ. מינקאוו, אין „אין זיך", 1920, III; אלגין, אין „דער נייער וועלט", 8/XI 1921, איבערגעזעצט אין „דער פרעסע" פון 1921; יונה שפער, אין זמ"ב „לעבען" פון מ. שאליט, I — II; id, אין ווילנער „וואך" 1924, I; ש. ניגער, אין „דאס נייע לעבן", 1922, I; id, אין „צוקונפט", 1922, IV; פרץ מארקיש „מאסקעס" (וועגן ק' און האפשטיין), אין „רינגען", VII; ש. רובינשטיין, אין „מילגרוים", V; א. אלמי, אין „פ. א. ש." פון 26/X 1923; ב. קארליניוס, „דער שטאמלער", אין „מאמענט", 1924, 274; נ. לוריע, אין „דער רויטער וועלט", 1926; נ. אויסלענדער, „וועג איין וועג אויס", ז' 122 — 134; יעקב פאט, אין „ביכער-וועלט", 1923, I; א. מאקאגאן, אין כארקאווער „שטערן" פון 17/I 1928; שטיינבוים, אין „דאס נייע לעבן", X.

קוטשער בערל (26/XII 1893 —)

געב. אין סעמיאַטיטש, גראָדנער געגנט, אַלס זון פון אַ סטאָלעריי-פאַבריקאַנט. פון 4 יאָר אָן דערצויגן געוואָרן אין וואַרשע, געלערנט אין חדר און ישיבה און אין דער היים אַ ביסל פּויליש און רוסיש. זינט 1916 געשריבן פעליעטאָנדלעך און גאַסנבילדלעך אין „היינט", אין דער זעלבער צייטונג פאַרעפנטלעכט אויך די לעבנס-געשיכטע פון דעם יידישן גבור זישע ברייטבאָרד, וואָס איז אַרויס אין בוכפאָרם א"ט „מיין לעבענס-געשיכטע דערצעהלט פון זישע ברייטבאָרד, בע-אַרבייט ב. קוטשער" (וואַרשע 1925—26, ז"ז 320). האָט אויך אַרויסגעגעבן הומאָ-ריסטישע בלעטלעך, ווי „די וויזע", „דער גרינער", „אַ געלעכטער", „דער מלך", „דער שופר" א"אַ, און איין נומער פון „דעם פאַמיליען-זשורנאַל" 1923.

קויפמאַן אהרן (22/VIII 1892 —)

געב' אין דראַזשנע, פּאָדאָליע, אין אַן אָרעמער פאַמיליע. געבליבן צו 6 יאָר אַ יתום, איז ער דערצויגן גע-וואָרן פון זיין ברודער אַברהם ק', איצט אַ לערער אין א"י, צו 13 יאָר אַוועק קיין אָדעס, וואו געאַרבעט אַלס גאָלד-שמיד, זיך אויך פאַרנומען מיט זעלבסט-

בילדונג און מיט געזעלשאַפטלעך־ציוניסטישער טעטיקייט. נאָכן פאַרנעמען די שטאָט דורך דער ראַטנמאַכט איז זיין פאַרמעגן קאָנפיסקירט געוואָרן און ער האָט באַקומען אַ שטעלע אַלס ספּעץ אין אַ רעגירונגס־אַנשטאַלט, אָנהייב 1921 אַוועק קיין בראַזיליע, וואו ער האָט אָנגעהויבן צו נעמען אַן אַקטיוון אָנטייל אין דער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט פון דעם יונגן יידישן ישוב, געווען איינער פון די איניציאַטאָרן פון „דעם אידישען וואָכענבלאַט"—דער ערשטער (?) יידישער צייטונג אין ריאָ־דע־זשאַנייראָ, וועלכע האָט אָנגעהויבן צו ערשיינען 15/XI 1923 צוערשט א"ר פון אַ קאָלעגיע פון יעקב נאַכבין (זע), יוסף כּץ און ש. קאַראַקושאַנסקי; שפּעטער, ווען דער געזעלשאַפטלעכער קאָמיטעט, וואָס האָט די צייטונג געגרינדעט און צו וועלכן עס האָבן אויך געהערט ש. קאַראַקושאַנסקי און י. קישיניאָווסקי אַלס אַרויסגעבער, איז צעפאַלן, און דער רעדאַקטאָר נאַכבין האָט פאַרלאָזט „דאָס וואָכענבלאַט", האָט ק' זינט דעם נומ' 47 איבערגענומען די צייטונג אַלס רעדאַקטאָר־אַרויסגעבער און נאָכן נומ' 166, יאַנואַר 1927, פאַרוואַנדלט זי אין אַ האַלבוועכנטלעכן אָרגאַן א"ט „בראַזיליאַנער אידישע פּרעסע", וואָס ערשיינט עד־היום ביי דער מיטאַרבעטערשאַפט פון עד' האָראָוויץ, מנשה היילפּערן, מנשה פוקס (באַהיאַ), ברוך שולמאַן (קוריטיקאַ).

„דאָס יודישע וואָכענבלאַט", 1924, 27 (צום אָפּפאָר פון יוסף כּץ קיין בוענאָס־איירעס), און יובילעאום־אויסגאַבע, 52—53.

קויפמאַן דוד (1852 — 6/VIII) געב' אין קאָיעטיין, מערן, אין אַ פרומער פאַמיליע, שטודירט אין ברעסלע אין יידישן טעאָלאָגישן סעמינאַר און אין אוניווערסיטעט — אָריענטאַליסטיק, געשיכטע און פילאָסאָפיע, דעם טיטל ד"ר באַקומען אין לייפּציג 1874 פאַר זיין דיסערטאַציע וועגן סעדיה גאון, דעם ראַבינער־דיפּלאָם באַקומען 1877, אָבער אַלס קעגנער פון דער רעפאָרם־באַוועגונג אין דייטשלאַנד—אומצופרידן מיט דער לאַגע פון די ראַבינער ביי די מערב־יידן, זיך אָפּגעזאָגט פון רבנישער טעטיקייט און אין משך פון 25 יאָר — ביזן טויט — געווען טעטיק אַלס לעקטאָר פון ראַבינער־סעמינאַר אין בודאַפּעשט. געשטאָרבן איז ער אין קאַרלסבאַד דורך אַ אומגליקלעכער סיבה אין רעכטן מיטן פון זיין גרויסער וויסנשאַפטלעכער אַרבעט. — איינער פון די אָנגעזעענסטע יודאַיסטן מיט פילזייטיקע גייסטיקע אינטערעסן, מיט אַ ענטוזיאַסטישער באַציִונג צו דער קולטור פון ייִדנטום, האָט ק' צונויפגעזאַמלט אַ אומגעהייער רייכן מאַטעריאַל צו דער יידישער געשיכטע און אַחוץ 30 זעלבשטענדיקע ווערק האָט ער פאַרעפנטלעכט איבער 500 אָפּהאַנדלונגען, אַרטיקלען, רעצענזיעס — אויף די געביטן פון דער רעליגיעזער פילאָסאָפיע, אַלטער און נייערער העברעיִשער ליטעראַטור, קולטור־געשיכטע, רעליגיע, עטנאָגראַפיע, פילאָלאָגיע, פאַלעסטינאָגראַפיע, גענעאַלאָגיע, קונסט (פון שולן און בתי־מדרשים, פון אילוסטראַציעס צו כתב־ידן א"אַ) — אין די פאַרשיידנסטע וויסנשאַפטלעכע צייטשריפטן, אויך אין העברעיִשע. זיינע שפּראַכקענטענישן זיינען געווען אַזוי גרויס, אַז ער פלעגט די אַרטיקלען שרייבן אין דער שפּראַך פון דער באַטרעפנדיקער צייטשריפט, אויך אין העברעיִש און אין אונגאַריש, וועלכע שפּראַך ער האָט גלענצנדיק באַהערשט אין משך פון 3 יאָר, ווי ער האָט זיך עס אָנגענומען ביים באַטרעטן די שטעלע פון אַ לעקטאָר אין בודאַ-

פעשטער סעמינאַר. אַליין באַזיצנדיק אַ ווערטפולע זאַמלונג פון יידישע (העברעישע) מאַנוסקריפּטן (נאָך זיין טויט זיינען זיי אַריבער אין רשות פון דער אונגאַרישער אַקאַדעמיע פאַר וויסנשאַפט), האָט ער אַרויסגעגעבן זייער פיל וויכטיקע האַנטשריפטן, פון וועלכע צו יידישיסטיק האָט אַ שייכות די אויסגאַבע פון די באַרימטע „זכרונות מרת גליקל האמיל / משנת ת"ז עד תע"ט" (דרוק פון אַדאָלף אַלקאַלאַי, פּרעסבורג, פ"ג י. קויפמאַן, פראַנקפורט-דמאַין, 1896, ז' LXXII+400) מיט אַ הקדמה און אַן אַריינפיר איבער דעם דאָזיקן גרויסאַרטיקן מאָנומענט פון דער אַלט-יידישער ליטעראַטור און מיט איר מערקווערדיקער פאַרפאַסערין און הערות צום טעקסט. כדי צו באַלייכטן די „זכרונות" מיט ידיעות פון אַנדערע צייטגעשיכטלעכע מקורים, האָט ער אַלס הוספה צוגעגעבן די אַ"ג „גאַנז-מגילה" — אויפצייכענונגען פון פייבוש גאַנז פון מינדען (כתב-יד פון 908 cod. Oxford) און די נאָטיצן פון שמואל בר' מאיר העקשער. פון ק'ס אַנדערע פּובליקאַציעס האָבן אַ אינטערעס פאַר דער יידישער פילאָלאָגיע זיינע „מקורות לקורות בני-ישראל" (אין „אוצר הספרות", II — III) און „פנקס ק"ק במברג" („קבץ על יד", VII), וואו עס ווערן אויך געבראַכט אַלט-יידישע טעקסטן פון די פּנקסים פון מעץ, דיסעלדאָרף, פּראָסטיץ, באַמבערג אאַז"וו, און די אַלט-יידישע היסטאָרישע לידער, וואָס ער האָט פאַרעפנטלעכט וועגן דעם שוועדישן אָנפאַל אויף קרעמזיר („שוד השודים בקהלות מעהרן בשנת ת"ג" — אין ראובן ברייניס „ממזרח וממערב", III, 1896) און וועגן דעם אָנפאַל פון די קורוצן אויף אונגאַריש-בראָד 1683 (אין Monatsschrift; אַרויס אויך אין אַ באַזונדערער אויסגאַבע אין אונגאַרן).— אַ טייל פון ק'ס אַרבעטן זיינען א"ט אַרויסגעגעבן Gesammelte Schriften געוואָרן אין 3 ב' דורך זיין אלמנה און נאָך איר טויט—דורך זיין שוויגער ראָזע גאָמפּערץ.

Gedenkbuch zur Erinnerung an David K., ארויסגעגעבן פון בראַן און ראָזענטאַל, ברעסלוי, 1900; JE, XII; ש. בערנפעלד, אין EЭ, XII; ד"ר א. לאַנדוי (זע), וועגן דער אויסגאַבע פון גליקל האַמילס „זכרונות"; ד"ר מאַקס ווייַנרייך, „בילדער פון דער יידישער ליטעראַטור-געשיכטע פון די אָנהייבן ביז מענדעלע מוכר ספרים מיט 12 רעפּראָדוקציעס" (פ"ג „טאָמאָר" פון יוסף קאַמערמאַכער, 1928, ווילנע ז' 270).

קויפמאַן מאיר (כ"ה כיסלוו 1899—) געב' אין סוואַלק אַלס זון פון אַ לעדער-הענדלער. שפּעטער אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע, וואו ער איז באַשעפטיקט אין אַ קליידער-פאַבריק. זינט 1918 פאַרעפנטלעכט פון צייט צו צייט אָנפאַנגערישע סקיצן, בילדלעך, נאָטיצן אין די שיקאַגער צייטונגען, „די וועלט", „דער אידישער רעקאָרד", „די אידישע פּרעסע", „דער אידישער קוריער", און אין די אויסגאַבן פון דעם דורך אים מיטגעגרינדעטן „יונגען שרייבער-פאַראיין" אין שיקאַגע — „אין נעבעל", 1919, „יוגענד", 1919, „רענעסאַנס", 1920; רעדאַקטירט צוזאַמען מיט י. קאַגאַן אַ זמ"ה „דער נייער שטראָם", אַרויסגעגעבן פון דעם פאַראיין „אונזער קולטור-היים" אין שיקאַגע, אַפּריל 1922.

קויפמאַן מיכאל (19/VIII 1881 —) געב' אין ליפּקאַן, בעסאַראַביע, אַלס זון פון יעקב ק', בשעתו אַ רייכן סוחר און פּאָסעסאָר. פון דער מוטערס צד — אַ גליידשוועסטערקינד פון יהודה שטיינבערג. באַקומען אַ חסידישע דערציִונג, אַלע יאָר ייִנגלווייז געפאָרן

מיטן פאָטער אויף ימים־נוראים קיין
שטעפּאַנעשט צום רבין, ביז 15 יאָר
געלערנט ביי מלמדים און ביים דיין אין
שטעטל גמרא מיט מפורשים, פוסקים,
קבלה און מוסר־

ספרים, דאַן אָנ־
געהויבן מיט אַר־
טיקן ראַבינער צי־
סין לערנען רו־
סיש, שפּעטער
אויך אָנגעהויבן
צו לייענען רוסישע
ביכלעך, זיך גע־
גרייט אויף „אַפּטייק־שילער", 1902 אַוועק
קיין אָדעס, דאָרט אָנגעהויבן צו דרוקן לי־
דער, — וועלכע געשריבן שוין צו 15 יאָר,
צוערשט אין העבּרעיִש — אין Одесскія
Новости 1904, דאַן, לעבּנדיק אין קע־
שעניעוו אַלס עקסטערן, געוואָרן אַ
שטענדיקער מיטאַרבּעטער פון דער אָרטי־
קער צייטונג Бессарабская Жизнь, וואו
פאַרעפנטלעכט דערציילונגען, פעליעטאָ־
נען און לידער, זיך אויך באַטייליקט —
דערהויפּט מיט לידער—אין פאַרשיידענע
רוסישע זשורנאַלן, בלויז צופעליק פאַר־
עפנטלעכט אין יידיש אַ דערציילונג
„געפלויגען" אין לאָנדאָנער „אידישען
זשורנאַל" 1905 און אַ לעגענדע אין
פערזן א"ט „איש חסיד" א"פ מיקאַעלאַ
אין אַ יובילײ־בײלאַגע פון „פריינד" 1912
(איבערגעדרוקט אין „קינדער זשורנאַל",
1923). וואוינענדיק זינט 1909 אין בערלין
צוזאַמען מיט זיין פרוי, אַ טאָכטער פון
ש"ע, האָט ער ביים אַנטלויפן פון
דייטשלאַנד בשעת דעם אויסבראָך פון
דער מלחמה פאַרלאָרן צוזאַמען מיט זיין
באַגאַזש אויך אַלע זיינע געדרוקטע און
געשריבענע זאַכן, אַזוי־אַרום עפּעס ווי
אָפּגעשניטן געוואָרן פון זיין גאַנצן פאַר־
מלחמהדיקן שאַפן אין רוסיש און, באַזעצט
זיך אָנהייב מלחמה אין אָדעס, איז ער
אַריבער צו דער ליטעראַרישער טעטיקייט
אין יידיש, זיך באַטייליקט אין די אָרטיקע
יידישע אויסגאַבן, ווי „אונזער לעבן",
זמ"ב „אונטערוועגס" א"אַ. סוף 1922
געקומען קיין אַמעריקע. האָט ער אָפּגע־
דרוקט איבער הונדערט דערציילונגען, פון
זיי אייניקע גרעסערע, אינטערעסאַנטע
און פאַרשיידנאַרטיקע לויט סיוזשעט און
געשריבן אין גוטן סטיל פון דער איראָ־
פּע(י)שער נאָוועלע, און צענדליגער פיינע
לידער אין „פאָרווערטס", „טאָג", „קונדס"
(צ"אַ אַ סעריע אַוטאָריזירטע אויסגע־
צייכנטע איבערזעצונגען פון ביאַליקס
„שירי עם"), „פּ. א. ש.", „ביי־יידיש",
„קינדער־זשורנאַל", „צוקונפט", „פעדער"
א"אַ און די לעצטע יאָרן — דערהויפּט
אין „פאָרווערטס", א"פ ק. מיכאַל. אייני־
קע דערציילונגען זיינע זיינען אויך
איבערגעדרוקט געוועזן אין דער וואַר־
שעווער „פאָלקסצייטונג". פּראַקטיצירנדיק
אַלס ד"ר מעדיצין אין נוארק, האָט ער
אין משך פון אייניקע יאָר געשריבן
מעדיציניש אַרטיקלען אין „פאָרווערטס".
אין דעם „ש"ע־בוך" פאַרעפנטלעכט אַן
אַרטיקל „די געשטאַלט פון ש"ע".—זיין
פרוי, ליאַלי קויפמאַן, האָט אַחוץ אירע
זכרונות וועגן פאָטער אין ש"ע־בוך
לעצטנס אויך פאַרעפנטלעכט אייניקע
דערציילונגען אין „צוקונפט".

„שלום־עליכם־בוך".

קויפמאַן פּריץ־מרדכי (13/XII
1888 — 2/III 1921) געב' אין עשוויי־
לער, ביי אַכען, אַלס זון פון אַ פרו־
מער יידיש־ריינישער סוחרים־פאַמיליע.
שוין פון קינדווייז אויף אַרויסגעוויזן
זיין לעבּנסדאָרשטיקייט, נייגונג צום
פאָלקסטימלעכן, אומאָפּהענגיקייט און
פעסטקייט פון כאַראַקטער, און מיט
דעם גאַנצן ברען פון זיין נשמה פלעגט

ער זיך אָפּגעבן די באַוועגונגען, וואָס האָבן אים פאַרכאַפּט אין דעם אָדער יענעם מאָמענט, ווי סאָציאַליזם, שולרעפאָרם, וועגעטאַריזם, אַנטיאַלקאָהאָליזם אאַז״וו. באַזוכנדיק די עשווײלער הומאַניסטישע גימנאַזיע, האָט ער גלייכצייטיק געלערנט מיטן פאָטער לשון-קודש, אָבער ער האָט דערצו

געהאַט בלויז די באַציִונג פון מקיים זיין אַ היימישע טראַדיציע. זינט 1908 האָט ער צוויי יאָר שטודירט אין זשענעווע מעדיצין, דאַן אויס אינערלעכן אימפּלוס אַריבער צום שטודיום פון געשיכטע אין מינכענער אוניווערסיטעט, צו יענער צייט דורכגעוואַנדערט איטאַליע, פון צפון ביז דרום, כמעט אָן שום מיטלען, אַרויסווייזנדיק אין דעם זיין איינגעבוירענע נייגונג צו אַבענטייערס און סכנות, זיך חברנדיק אויפן וועג מיט כלערליי וואָגלער און אַרבעטער און דורכשלאָגנדיק זיך פון שפּילן אויפן פידל אויף די דאָרפסמערק אָדער אין די שטאָט-קאַפעען און דערציילנדיק מעשיות די איטאַלענישע פּויערים אָדער די דייטשע טוריסטן (ער איז אגב אויך געווען אַן אויסגעצייכנטער שווימער, אַ פוטבאָליסט און גימנאַסט). דאַן האָט ער שטודירט גערמאַניסטיק און פּאָליטישע עקאָנאָמיע אין מאַרבורג און לייפּציג, בינתים געדינט אַ יאָר צייט אין מיליטער. אין לייפּציג איז ער געקומען צום ציוניזם און ביי דער אָרגאַניזאַטאָרישער אַרבעט אין דער אָרטיקער ציוניסטישער גרופּע האָט ער זיך צום ערשטן מאָל נעענטער געטראָפן מיט מזרח-יידן און דערקענט דאָס יידנטום אין זיין קאָנקרעטער לעבעדיקער געשטאַלט. ער האָט זיך אויסגעלערנט לייענען און ריידן יידיש, האָט שטודירט דאָס לעבן פון די יידישע מאַסן, און דאָס פריער געלערנטע העברעיִש איז פאַר אים ערשט איצט געוואָרן אַ יש אין דער אָרגאַנישער באַהעפטונג מיט יידיש. אין לייפּציג איז ער זיך אויך צונויפגעגאַנגען מיט אַ יידישקע פון רוסלאַנד, רחל קאַגאַנאָוו, שפּעטער זיין פרוי, וועלכע ער האָט צוריקגעקערט צו דער יידישער שפּראַך און געלערנט זי מבחין זיין צווישן עכט און אומעכט אין די יידישע פאָלקסלידער, וואָס זי האָט ליב געהאַט און געזונגען. דאָס לעבן, וואָס ער האָט געהאַט אויפגעוועקט אין איר, האָט גענערט און געשטאַרקט דאָס לעבן אין אים. אויף זיין אַנטוויקלונג האָט אַ גרויסע ווירקונג געהאַט זיין באַגעגעניש מיט ד״ר נתן בירנבוים, וועמעס לערע און ביישפּיל האָט זיין דראַנג צום מזרח-יידנטום געגעבן אַ טעאָרעטישן באַוואוסטזיין און אים געוויזן דאָס ציל. ער איז געווען דער ערשטער מערב-ייד, וואָס האָט משיג געווען און דורכגעטראַכט ביז צום סוף בירנבוימס אידעען און לאָזונגען און אָנגעהויבן קעמפן פאַר זיי מיט אַן עכט חסידישער התלהבות. ער האָט אויך נאָכגעטאָן בירנבוימען דערמיט, וואָס ער איז אַרויסגעטראָטן (1913) פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, און כאָטש אים האָטן פון בירנבוימען אָפּגעטיילט זיין, ק׳ס, סאָציאַליסטישע שטימונגען און בירנבוימס אַנטוויקלונג צו אָרטאָדאָקסיע, איז ער געבליבן געטריי און דאַנקבאַר בירנבוימען אַלס דעם לערער און פירער, וועמען ער האָט אין אַ גרויסער מאָס געהאַט צו פאַרדאַנקען, וואָס ער איז געוואָרן היימיש אין דעם מזרחדיקן יידנטום און זיך אויסגעלערנט דערקענען

און פּילן אין זיין לעבעדיקער שפּראַך. 1912 אַריבערגעפאָרן קיין בערלין, וואו ער האָט אָנגעהויבן זיין ייִדיש=פּובליציסטישע טעטיקייט מיט אייניקע אַרטיקלען אין דער ציוניסטישער Jüd. Rundschau 1912, האָט ק׳ אין אַפּריל 1913 צוזאַמען מיט זיין ברודער, יוליוס ק׳, געשאַפן אַן אייגענעם אָרגאַן א״ט Die Freistatt / All-jüdische Revue — „אַ חודש=שריפט פאַר קולטור און פּאָליטיק״, „פאַר דער פאַר=אינערלעכונג און שטאַרקונג פון דער מערבדיקער ייִדישקייט״. דאָס איז געווען דער ערשטער דייטשער אָרגאַן, וואָס האָט געדינט דער קולטיווירונג פון דער ייִדישער שפּראַך און דער פולקום אומ=אָפּהענגיקער קריטיק פון דער ייִדישער באַוועגונג. ייִדישע סאָציאַליסטן פון אַלע ריכטונגען, קריטיש געשטימטע ציוניסטן (צ״אַ דייוויס טריטש), מחוץ די פּאַרטייען שטייענדיקע פּערזענלעכקייטן, דייטש=ייִדישע שריפטשטעלער, צונויפגעפירט דורך ק׳ן און מיט אים בשותפות, האָבן געשאַפן אַ פּובליציסטישע ערשיינונג, וואָס קען נאָך עד=היום גילטן פאַר אַ מוסטער אין זיין מין. יעדער נומער פון דער Freistatt איז געווען אַ שטורעמדיקער אָנגריף ניט נאָר אויף דער אַסימילאַטאָרישער צופרידנקייט פון דער זאַטער דייטש=ייִדישער בורזשואַזיע און אויף דער פּוסטער גאווה פון דער מערב=ייִדישער אינטעליגענץ, נאָר קודם=כל אויף דער פלאַכקייט פון דעם פאָרמאַלן ייִדישן נאַציאָנאַליזם און דעם ציוניזם. פּונקט ווי בירנבוימען, אַזוי אויך האָט ק׳ן קיינער ניט אַזוי טיף אין יענער צייט געהאַסט ווי דער אָפיציעלער ציוניזם. מיט זיין קלאָרן חוש פאַר דער ווירקלעכקייט האָט ער געפירט אַ שאַרפן קאַמף קעגן דער אַנטיגלותיסטישער אידעאָלאָגיע פון דעם בירגערלעכן ציוניזם, מיט אַן אומברחמנותדיקן סאַרקאַזם האָט ער אַריינגעלויכטן אין דער נשמה=פּוסטקייט פון דער פּאַרטיי=ציוניסטישער אינטעליגענץ, וועלכער ער האָט אַנטקעגנגעשטעלט די גאַנצקייט און טיפקייט פון דער פאָלקס=נשמה אין די לענדער, וואו די ייִדן פאַרמעגן אַן אייגענע לעבעדיקע שפּראַך און קולטור. די Freistatt איז אָבער געווען ניט נאָר אַ קאַמפּס=אָרגאַן, נאָר אויך אַ דערציִונגס=אָרגאַן, וועלכער האָט געצוואונגען די ערנסטערע ייִדישע יוגנט אין דייטשלאַנד ניט אָפּצוקומען מיט דער ציוניסטישער תורה, וואָס טראָגט אונטער איר נאַציאָנאַליסטישער פראַזע אַסימילאַציע, פאָלקספאַראַכטונג און פאָלקספרעמדקייט, נאָר באַקענען זיך נעענטער מיטן מזרח=ייִדישן לעבן, זיינע אמתע נייטן און פּראָבלעמען, זיין שאַפן און קולטור. די Freistatt האָט איינגעפירט אַ ספּעציעלע אָפּטיילונג Jiddische Dichtung, וואו עס זיינען געבראַכט געוואָרן מוסטערן פון דער ייִדישער פּאָעזיע אין אָריגינאַל אין אַ לאַטייניש טראַנסקריפּציע און מיט אַ פּאַראַלעלער דייטשער איבערזעצונג (פון שלמה בירנבוים), האָט איינגעלאַדן פאַר מיטאַרבעטער ייִדישע שריפטשטעלער פון מזרח=אייראָפּע (צ״אַ ש. ניגער, ב. רובשטיין, יעקב לעשטשינסקי, בערל לאָקער, ב. באָראָכאָוו, ל. כאַזאַנאָוויטש א״אַ), צו פאַרשטאַרקן דעם איינפלוס פון מזרח=ייִדנטום אויפן מערב, און געפירט אַ שאַרפן קאַמף קעגן דעם העברעיִזם און פאַר ייִדיש (דערהויפּט דורך די אַרטיקלען און נאָטיצן פון ק׳, אויך א״פּ פּינקוס באַרבער, מ. בר=נפתלי, פרידריך=מאָטל א״אַ). די ציוניסטישע פּרעסע האָט לכתחילה געפּרוווט פאַרשווייגן דעם נייעם ייִדישיסטישן אָרגאַן, אָבער סוף=כל=סוף איז זי געצוואונגען געווען צו רעכענען זיך מיט אים און זיך ווערן

קעגן אים מיט אַלע מיטלען. ק׳ האָט זיך אָבער ניט איינגעצוימט אין די ד׳ אמות פון בלויז ליטעראַרישער טעטיקייט; ער האָט פאַרמעגט אַ שטאַרקן חוש פאַר סאָציאַלע פּראָבלעמען און באַלד דערקענט די עקאָנאָמישע און סאָציאַלע יסודות פון דעם יידישן לעבן, וועלכע ער האָט געווידמעט אַ סך אויפמערזאַמקייט. אַוגוסט 1913 איז ער געווען אַלס גאַסט אויף דער וועלטקאָנפערענץ פון די פ״צ אין קראָקע, הגם פון די פ״צ האָט אים אָפּגעטיילט זיין שטאַנדפּונקט, אַז די פאַרענטפערונג פון דער יידישער פראַגע ליגט אין די לענדער פון יידישן מאַסן־ישוב; ער האָט אויך ניט געקענט צושטיין צום „בונד" צוליב זיין ברייטערער נאַציאָנאַלער אויפפאַסונג פון דער יידישער פּראָבלעם. זיין דערמאָנטער באַזוך אין קראָקע (און לעמבערג) — איז געווען דאָס איינציקע מאָל, ווען ער האָט זיך פּנים־אל־פּנים געטראָפן מיט דעם פון אים אַזוי געליבטן מזרח. ביים אויסבראָך פון דער וועלט־מלחמה האָט די Freistatt אויפגעהערט צו ערשיינען, ווייל ק׳ און זיין ברודער יוליוס זיינען אַוועק אַלס דייטשע סאָלדאַטן אויפן פראָנט. אַ שווערער טיפוס, וואָס פון זיינע נאָכווייענישן האָט ער אויך אַ לאַנגע צייט נאָכדעם געליטן, האָט אים באַפרייט פון קריגסדינסט, אין וועלכן ער האָט זיך איבעריקנס שטאַרק אויסגעצייכנט אַדאַנק דער גבורה און באַהאַרצטקייט און דעם דראַנג צום העראָיזם, וואָס האָט אַלעמאָל געלעבט אין אים. ער איז צוריקגעקומען קיין בערלין, וואו ער איז געווען טעטיק אין דעם אַמט צו פאַרזאָרגן די געשעדיקטע פון דער מלחמה. אָפּגעצייגט פון דער פּאַרטיי־פּאָליטישער טעטיקייט, ניט זייענדיק קיין מאַרקסיסט, האָט ער אָבער זיך אָנגעשלאָסן אָן דער אומאָפּהענגיקער ס״ד׳ישער פּאַרטיי צו מאַניפעסטירן זיין סאָלידאַריטעט מיט דעם קעמפנדיקן פּראָלעטאַריאַט. אין די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן האָט ער זיך אינגאַנצן איבערגעגעבן דער אַרבעט פאַר די מזרח־יידישע אַרבעטער, וואָס זיינען פאַרשלאָגן געוואָרן קיין דייטשלאַנד. 1920 האָט ער איבערגענומען די אָנפירונג (אַלס גענעראַל־סעקרעטאַר) פון דעם „אַרבעטער־הילפס־אַמט פון די יידישע אָרגאַניזאַציעס אין דייטשלאַנד", פון וועלכן ער האָט געשאַפן אַ ברייט פאַרצווייגטן און נייעם טיפּ אינסטיטוט צו רעגולירן די מזרח־יידישע איינוואַנדערונג און דורכוואַנדערונג (מיט די דאָזיקע פּראָבלעמען האָט ער זיך שוין באַשעפטיקט גרינדלעך אין זיין אַרטיקל Grenzsperre, אין בובערס Der Jude, 1916), צו העלפן די עמיגראַנטן דורך שאַפן פאַר זיי אַרבעט און שיצן זייערע רעכט. אַדאַנק זיין גרויסן אָרגאַניזאַטאָרישן טאַלענט און זיין גרויסער איבערגעגעבנקייט צו צו דער זאַך האָט ער די דאָזיקע הילפס־אַרבעט מיט די אַמעריקאַנישע מיטלען אַוועקגעשטעלט אויף אַ אומפאַרגלייכלעכער מדרגה. אין אַ שטענדיקן קאַמף מיט אַסימילאַטאָרישער אפּוטרופּסות און פילאַנטראָפּישער ענגהאַרציקייט פון איין זייט און מיט דער קליינקעפּלדיקייט און שנאה פון דער פּרייסישער אַדמיניסטראַציע פון דער אַנדערער זייט, האָט זיך אים איינגעגעבן צו דערגרייכן גוטע ממשותדיקע רעזולטאַטן אין ענין אַריבערפירן די איינגעוואַנדערטע יידן צו פּראָדוקטיווער אַרבעט. די צייט זינט זיין צוריקקער פון פראָנט איז געווען די אייגנטלעכע צייט פון זיין רייף ווערן און אויסוואַקסן, זיין באַהעפטונג מיט דעם לעבעדיקן יידישן פאָלק איז געוואָרן

טיפער און פולקומער, ער האָט דעם דערקענטן אמת געזוכט צו פאַרווירקלעכן אין זיין אייגענעם לעבן, מיט ליבשאַפט און יראת־הכבוד האָט ער זיך פאַרטיפט אין דעם שטודיום פון דער יידישער שפּראַך און ליטעראַטור, יידיש איז אַלץ מער געוואָרן זיין צווייטע מוטערשפּראַך, די שפּראַך פון זיין הויז, פון זיין טאָגטעגלעכן לעבן, פון זיינע עפנטלעכע אַרויסטרעטונגען אויף מיטינגען און פאַרזאַמלונגען. ער איז געוואָרן אַ מומחה אין דער יידישער פילאָלאָגיע און אין יידישן פאָלקלאָר. באַזונדערס האָט ער זיך פאַראינטערעסירט מיטן יידישן פאָלקסליד און מיט יידישע פאָלקסניגונים. אַ באַדייטנדיקער מוזיקקענער און וויאָלינשפּילער, האָט ער מיט אַ זעלטענער התמדה געזאַמלט און באַאַרבעט אַ מאַסע פאָלקסלידער, רעליגיעזע תפילות, ניגונים וכדומה. ער האָט אויך אָנגעהויבן אַ ניט דורכגעפירטע איבערזעצונג פון מענדעלע מוכר־ספרים'ס „שלמה רב חיימס". פון זיינע יידיש־שטודיען זיינען אַרויסגעוואַקסן אַ ריי ווערטפולע אַרטיקלען אין פאַרשיידענע צייטשריפטן, ווי, Der Jude, Jerubbaal, Blauweissblätter, Jüd. Turn-und Sport-zeitung א"אַ. 1919 האָט דער „יידישער פ"ג" אין בערלין אַרויסגעגעבן זיין Merk-blatt איבער דעם יידישן פאָלקסליד — אַן אַריינפירונג אין דער וועלט פון יידישע פאָלקסלידער פאַר דייטשע יידן, וואָס האָט אָבער אויך אַ אינטערעס פאַר די מזרח־יידן, אין 1920 — זיין בוך — Die schönsten Lieder der Ostjuden אַן אויסוואַל פון יידישע לידער מיט נאָטן און טראַנסקריפּציע. 1919 זיינען אין „וועלט פאַרלאַג" אַר"יס זיינע Vier Essais über ostjüdische Dichtung und Kultur („וועגן מענדעלע אין דער איבערזעצעוודיקייט פון זיינע ווערק", „דער דערציילער עגנון", „דער פנקס — וועגן די גילגולים פון דער מזרח־יידישער אינטעליגענץ", „די אויפפירונג פון יידישער פאָלקסמוזיק פון מערב־יידן"). אין די דאָזיקע עסייען איז ק'ס סטיל געוואָרן רייף, סיי אין דער באַטראַכטונג סיי אין דער שפּראַך. און פלוצלונג, אין מיטן פון דער דאָזיקער סאָציאַל־געזעלשאַפטלעכער און ליטעראַריש־קולטורעלער אינטענסיווער אַרבעט, וואו זיינע פילזייטיקע פעיִקייטן האָבן זיך ערשט אָנגעהויבן אַרויסצווייזן אין זייער גאַנצער קראַפט, איז ער אַוועק פון דער וועלט דורך אַ פרייוויליקן טויט — צי אויס דעם טיפן צער איבער די יידישע צרות און דעם יאוש נאָך דער מלחמה, צי אויס פערזענלעכע אימפולסן. אַן אויסוואַל פון ק'ס וויכטיקערע אַרבעטן איז אַרויסגעגעבן געוואָרן פון זיין פריינד, דעם דייטש־יידישן דיכטער לודוויג שטרויס א"ט Gesammelte Schriften („ע. לאַובש'ע פאַרלאַגסבוכהאַנדלונג", בערלין, 1923, ז' 264), מיט אַ גרעסערן אַריינפיר פון דעם אַרויסגעבער, אַ ביבליאָגראַפיע פון אַלע ק'ס פאַרעפנטלעכטע אַרבעטן און אַ גלאָסאַר פון די יידישיזמען, וואָס ווערן אין זיי באַנוצט.

ש. ניגער, „פון ציוניזם צום נאַציאָנאַליזם / (וועגן „פרייסטאַט")", אין „דער יודישער וועלט", 1913, VIII; בערל לאָקער, אין „קריטיק", ט'; אַריינפיר פון לודוויג שטרויס צו ק'ס געזאַמלטע שריפטן; נעקראָלאָג־אַרטיקלען אין דער דייטש־יידישער פרעסע.

קולבאַק משה (מוצאי פסח 1896 —) געב' אין סמאָרגאָן, ווילנער געגנט. זיין פאָטער, שלמה, איז געווען אַ שאַפער פון וואַלד, די מוטער, סימע, שטאַמט פון ערדאַרבעטער (פון דער אַ"ג „קרקע" אין סמאָרגאָן). האָט

געלערנט אין אַ חדר-מתוקן, גלייכצייטיק באַזוכט (דעם ערשטן האַלבן טאָג) די קרוניש-יידישע פאָלקסשול, נאָכדעם אַריבער צו אַ גמרא-מלמד, דערנאָך געלערנט אין דער סווענציאַנער ישיבה און אַ פּאָר זמנים אין וואָלאָזשין ביז דעם אויסבראָך פון דער וועלט-מלחמה.

פון די ערשטע קינדער-יאָרן אָן זייער פ״ל געלייענט — יידיש, העברעיִש, רוסיש, האָט ער אין משך פון דעם ערשטן יאָר מלחמה, לעבנדיק ווידער ביי די עלטערן אין סמאָרגאָן, באַזונדערס זיך אַריינגעטאָן אין לייענען און דאַן זיך אויך פאַרפולקומט אין העברעיִש. די צייט פון דער דייטשער אָקופּאַציע האָט ער פאַרבראַכט אין קאָוונע, וואו ער איז געווען לערער פון העברעיִש אין פּריוואַטע הייזער און אין בית-יתומים. זיך באַפרייט פון אונטער דער השפעה פון אחד-העם, אונטער וועלכער זיך אַ געוויסע צייט געפונען, און געוואָרן אַ טיף איבערצייגטער יידישיסט, צו יענער צייט אויך געשריבן זיינע ערשטע לידער אין העברעיִש און דאַן אין יידיש, אויפגעטרעטן אויך מיט רעפעראַטן אויף ליטעראַריש-קולטורעלע טעמעס. האַרבסט 1916 האָט ער צוגעשיקט אין דער רעדאַקציע פון די ווילנער „לעצטע נייס", צוויי לידער, פון וועלכע ז. רייזען האָט פאַרעפנטלעכט דאָס ליד „שטערנדל" אין די „ליטעראַרישע זאַמלהעפטן", I. דאָס ליד, געשריבן אין פאָלקסטאָן, איז שפּעטער אַריין אין דעם געזאַנג-רעפּערטואַר פון מ. קיפּניס און איז פּאָפּולער געוואָרן אַלס פאָלקסליד. אין אַ יאָר אַרום האָט ער אָפּגעדרוקט אין די „לעצטע נייס" אַ"ר פון ז. רייזען אַ פראַגמענט פון אַ פּאָעמע „די צעשטערונג פון בבל". נאָכן בריסקער שלום אַוועק צו די עלטערן קיין מינסק, געווען לערער אין יידישע פאָלקסשולן, לעקטאָר אויף די יידישע פּראָבעל-קורסן, געדרוקט לידער און אייניקע אַרטיקלען (וועגן י. ל. פּרץ, דעם יידישן פאָלקסליד א"אַ) אין דעם בונדישן „וועקער" אַ"ר פון אסתר. אָנהייב 1919 געקומען קיין ווילנע, אין ש. ניגערס „נייער וועלט" פאַרעפנטלעכט אַ פראַגמענט פון דער פּאָעמע „די שטאָט", וועלכע איז שפּעטער אָפּגעדרוקט געוואָרן צוזאַמען מיט דער פּאָעמע „יאָסטע דער שמיד" אין „ווייטער-בוך". „די שטאָט", וועלכע איז פון דעם דיכטער אויך דעקלאַמירט געוואָרן אויף אָוונטן, האָט אים געמאַכט אַ נאָמען, און דאַן איז אויך אַרויס אין פּ"ג פון די יידישע ליטעראַטן און זשורנאַליסטן אין ווילנע זיין ערשטע זאַמלונג „שירים" (1920, ז' 86, הילע געצייכנט ב. גאָטלער; נייע אויפלאַגע א"ט „לידער" — פ"ג „כלל-ביבליאָטעק", בערלין, 1922, ז' 52). פון ווילנע, וואו ער איז געווען לערער אין יידישע פאָלקסשולן, איז ער האַרבסט 1920 אַוועק קיין בערלין, דאָרט אַריין אין די יידישע ליטעראַרישע קרייזן, באַזוכט די מוזייען, געלייענט אין די ביבליאָטעקן, כדי ניט אויסצוגיין פון הונגער געוואָרן אַ סופלער אין דער „ווילנער טרופּע", ביז ער איז פון די דירעקטאָרן באַזייטיקט געוואָרן פאַר אָנפירן אַ שטרייק. אין בערלין האָט ער אָנגעשריבן אַ ריי נייע לידער און פּאָעמען, וועלכע זיינען אַרויס אין בוכפאָרם א"ט „נייע לידער" (פ"ג „קולטור-ליגע", וואַרשע, 1922, ז' 62), אויך די דראַמע אין 3 אַ' „יעקב פראַנק" (אין „צוקונפט", 1923, IV) און זיין ערשטן

ראָמאַן „משיח בן אפרים" (פ"ג „וואָס-
טאָק", 1924, ז' 132). 1923 צוריקגעקומען
קיין ווילנע, וואו ער האָט 5 יאָר גע-
אַרבעט אַלס לערער פון דער יידישער
ליטעראַטור אין די עלטערע קלאַסן פון
די יידישע גימנאַזיעס און אין יידישן
לערער-סעמינאַר, אָפּט אויפגעטרעטן מיט
רעפעראַטן וועגן יידישער ליטעראַטור,
פון צייט צו צייט פאַרעפנטלעכט ליטע-
ראַריש-קריטישע עסייען, אויך וועגן
קונסט, מאָלעריי אין „ווילנער טאָג" און
לידער און פּאָעמען אין דער „צוקונפט"
(צ"אַ די פּאָעמע „ווילנע", 1926, „בוניע
און בערע", 1927, VI); אויך אָנגע-
שריבן זיין „מאָנטאָג (אַ קליינער ראָמאַן)"
(פ"ג „קולטור-ליגע", 1926, ז' 116).
אַ געזאַמלטע אויסגאַבע פון זיינע ווערק
אין 3 ב' גייט אַרויס אין פ"ג פון ב.
קלעצקין. — אַרויסווייזנדיק פון קינד-
ווייז-אויף אַ נייגונג צו טעאַטער (אַלס
תלמיד פון אַ חדר מתוקן אין סמאָר-
גאָן האָט ער זיך אויסגעצייכנט אין
העברעישע קינדער-פאָרשטעלונגען, וועל-
בע זיינען אגב באַשריבן געוואָרן
אין „הזמן"), האָט ער רעזשיסירט און
אויפגעפירט מיט די שילער פון סאָפיע
גורעוויטשעס יידישער גימנאַזיע י"ל
פּרצעס „די גאָלדענע קייט", האָמערס
„איליאַדע", מיט די שילער פון לערער-
סעמינאַר—וואָלפסזאָנס קאָמעדיע „לייכט-
זינן אונד פרעממעלייא" און די פורים-
שפּילן „דוד און גלית" און „מכירת יוסף",
מיט די שילער פון דער יידישער רעאַל-
גימנאַזיע—דעם דריטן אַקט פון שעקספּירס
„יוליוס צעזאַר", וועלכע פאָרשטעלונג
ער האָט אויך איבערגעחזרט אין וואַרשע
בשעת דער אַקציע פאַר אַ יידישיסטישער
גימנאַזיע דאָרט 1927, אַרויסרופנדיק באַ-
גייסטערטע רעצענזיעס אין דער גאַנצער
יידישער וואַרשעווער פּרעסע. נאָך דעם

באַשלוס פון דעם אינטערנאַציאָנאַלן
פּע"ן-קאָנגרעס אין בריסעל (זע קעניג
לעאָ), יוני 1927, ווען ס'איז אָרגאַניזירט
געוואָרן דער פּע"ן-צענטער פאַר דער
יידישער אַלוועלטלעכער ליטעראַטור אין
ווילנע, אויסגעוויילט געוואָרן אַלס פאָר-
זיצער. אָקטאָבער 1928 זיך באַזעצט
אין מינסק. — ק' האָט אָנגעהויבן מיט
גאָר שטילע טענער, אין וועלכע עס
האָט זיך געהערט דער ציטערדיקער
אָפּקלאַנג פון דעם יידישן פאָלקסליד,
און אויך אין זיין ערשטן בוך „שירים"
זיינען נאָך דאָ לידער, וואָס דערמאָנען
אונז דעם פּאָעטישן שטייגער פון דעם
אַמאָליקן פאַרחלומטן דוד איינהאָרן.
אָבער שוין אין דעם דאָזיקן ערשטן בוך
האָט ער אַנטפּלעקט זיין טיפן חוש פאַר
ערדישקייט, פאַר פשטות, און צוגלייך
מיט דער „שטילער פרייד פון דעם פאַר-
טיילטן גייער" אונז געגעבן צו דערפילן
די קראַפט פון דעם „מעטאַלענעם ליד,
וואָס עס זינגען די באַנען ביינאַכט
צווישן וועלדער און טאָלן". אין זיין
ערשטער גרויסער פּאָעמע „די שטאָט",
איינעם פון די שענסטע ווערק פון דער
יונגער יידישער פּאָעזיע, וואָס פאַרמעגט
אַזאַ עשירות פון ריטם און בילד, האָט
ק' געבראַכט צום אויסדרוק די שטי-
מונגען פון דער ברויזנדיקער „רויטער
צייט", און דאָס ליד פון דער פּאָעמע
„לאָמיר גיין, לאָמיר גיין, לאָמיר דאָ
איבערלאָזן די שוואַכע!", איז געוואָרן
דער באַליבטסטער הימן פון דער יידישער
רעוואָלוציאָנערער יוגנט. אַ נייע מדרגה
האָט ק' דערגרייכט אין זיין צווייטער גרוי-
סער פּאָעמע, „רייסן", דער פּאָעמע פון
דער געזונטער פרישער פּרימיטיווער
ערדישקייט, דער פּאָעמע, וואָס האָט
אַנטפּלעקט פאַר אונז אַ נייע פאַרביקע
יידישקייט אויף דער גרויער ליטוויש-

רייסישער לאַנדשאַפט, קלאַסישע געשטאַלטן פון פּראָסטע נאַטור-און דאָרפסיידן, מיטן רויען געווירציקן ריח פון פעלד, וואַלד און טייך. נאָך אָריגינעלער און שטאַרקער פילן מיר דעם דיכטערס טיפן צוזאַמענבונד מיט דער נאַטור אין זיין ראָמאַן „משיח בן אפרים“, וואו ק׳ ערשיינט אַלס איינער פון די באַדייטנדסטע יידישע ליריקער אַדאַנק דער שפע פון מאָטיוון און דער אינערלעכער עשירות פון דער דאָזיקער מיסטעריע מיט אירע שטאַרקע עקספּרעסיאָניסטישע בילדער, מיט איר לעבעדיקער און אָריגינעלער פאַנטאַסטיק, מיט דער אייגנאַרטיקער פילאָסאָפיע פון פרייד און לייד. ווייניקער געלונגען איז זיין צווייטער ליריש-פילאָסאָפישער ראָמאַן „מאָנטאָג“, וואו ק׳ וואַריִרט זיין באַליבטן מאָטיוו — די סאַרקאַסטישע, די ביטולדיקע באַציִונג צו דער אָנמעכטיקער אינטעליגענטישקייט און דעם אַפּאָטעאָז פון צונויפגיסן זיך מיט דער רויער נאַטור, אַ אידעע, וואָס ער האָט אויך געפּרווט פאַרקערפּערן אין זיין דראַמע „יעקב פראַנק“. וועגן זיין הערלעכער פּאָעמע „בוניע און בערע“ שרייבט צ״אַ ש. ניגער: „...ער לאָזט אויפלייכטן אין דער ממשותדיקייט פון טונקעלן לעבן דאָס ליכט פון מיטאָס. ער צעשטערט ניט די טאָגטעגלעכע רעאַליטעטן, ער וואַרפט אַפילו ניט אַרויף אויף זיי קיין צויבער-שלייער; ער גיט זיי אונז מיט זייער גאַנצער רויער, נאַקעטער פרישקייט; ער עפנט פאַר אונז זייער טיפסטן ערדישן קוואַל; אָבער — פּלוצלונג דערזעען מיר אין דעם וואַסערשפּיגל די הימלען מיט די שטערן מיט די ווייטסטע וועלטן. ק׳ בייט ניט אויס דיווירקלעכקייט אויף אַ לעגענדע; ער איז טיף איינגעוואָרצלט אין דער ערד פון לעבן, נאָר אין די עצם וואָרצלען פון דעם לעבן, וואָס האָט אים אַרויסגעבראַכט, איז דאָ עפּעס אירראַלעס, עפּעס צויבעריש־לעכס. ער איז אַ קינד פון אַ תקופה, וואָס האָט אָפּגעמעקט די גרענעצן צווישן רעאַליטעט און פאַנטאַסטיק, רעאַליזם און מיטאָס“. — אויך די שפּראַך ק׳ס איז אָריגינעל און קרעפטיק, אי רוי-פאָלקסטימלעך, אי ראַפינירט-געמייסטערט, ווי פאָלקסטימלעך און ראַפינירט עס איז די גאַנצע ערשיינונג פון דער דאָזיקער דיכטערישער פּערזענלעכקייט.

ז. רייזען, אין ווילנער „טאָג“, 1920; דוד אייגהאָרן, אין „לעבענס-פראַגען“, 1920; א. לעיעלעס, אין „אין זיך“, מערץ 1920; יונה שפּער, אין משה שאַליטס „לעבען“, I—II; בעל-מחשבות, אין דער קאָוונער „אידישער שטימע“, אַרום 1921; ה. ייבין, אין „אונזער באַוועגונג“, 8; ל. מירער, אין בערלינער „מאָרגנשטערן“ (?), 1921; מלך ראַוויטש, אין „דער וואָג“, III; id, אין „ליטעראַרישע בלעטער“, 36; id, אין „פאָלקסצייטונג“ פון 27/VII 1927; פיניבערג, אין „שטראָם“, IV; א. אלמי, „דאָס מעטאַלענע געזאַנג“, אין „קענעדער אָדלער“ פון 15/V 1922; נ. ש(טיינבערג), אין „פעדער“ 1922, I—II; ז. פייגין, אין „ווייספע“, I; ש. גאָרעליק, אין „מאָמענט“, אַרום 1922; ש. ניגער, אין „טאָג“ פון 27/VII 1924; id, „לעגענדאַרישע ווירקליכקייט“, ib, יוני 1927 (איבערגעדרוקט אין „ווילנער טאָג“ פון 3/VII 1927); אהרן צייטלין, „צווישן למד-וואָווניקעס“, אין „ליטעראַרישע בלעטער“, 2; משה זילבורג, „די ערד, די ערד!“, נאָכוואָרט צו „משיח בן אפרים“, אין „ווילנער טאָג“ פון 18/IV 1924; ש. ראָזענפעלד, אין „הייִנט“, 1923 (?); מאַקס עריק, אין „ליטעראַרישע בלעטער“ 123, 125, 127; פּרץ צונזער, אין „פּ. א. ש.“, 1926; id, „דער ראָמאַן פון פּאַסיוויטעט“, אין זמ״ב „פרייע סאָציאַליסטישע שריפטן“, III; פאַלק היילפּערן, „דער ראָמאַן פון דעם אונטערמענטש“, אין „ווילנער טאָג“, 1926, 219, 225; ק—ס, ib, פון 12/XI 1926; ש. מענדעלסאָן, אין „פאָלקסצייטונג“ פון 9/VII 1926; נפתלי וויַיניג, אין „אַרבעטערצייטונג“, 1927, 35—36; י. ר. ברינמאַן, אין „אויפקום“, VI 1927; ישראל פוריע, אין ביאַליסטאָקער „דאָס נייע לעבן“, 22/IV 1927; א. קאַציזנע, אין „ביכער-וועלט“, 1928, VI; ז. רייזען, מאַקס עריק, ש. דרייער, ש״ל ציטראָן, א. פרידקין — אין „ווילנער טאָג“, אָקטאָבער 1928.

קולטשיק יוסף (13/V 1898 —) געב׳ אין שאַט, קאָוונער געגנט, אַלס זון פון אַ תבואה-סוחר, מאָניש קורליאַנדסקי. צו 11 יאָר געשיקט פון דער פאַנאַטיש-פרומער מוטער אין דער יאַנאָווער ישיבה, דאָרט זיך זייער פיל אָפּגעגעבן מיט לייענען מעשה-ביכלעך, אונטערן רושם פון „פישקע דעם קרומען" צו 12 יאָר אַליין עפּעס אָנגעשריבן און עס דורך „העולם" איבערגעשיקט צו מענדעלען, וועלכער האָט אים אין זיין ענטפער געראָטן צו קומען קיין אָדעס אין דער ישיבה, אָבער די מוטער האָט דערצו ניט דערלאָזט און אים אַוועקגעשיקט קיין דווינסק, וואו ער האָט אַ געוויסע צייט געלערנט אין דער ישיבה, דערנאָך אָנגעקומען אין גימנאַזיע, צוליב דעם אויסבראָך פון דער מלחמה צוריקגעפאָרן אַהיים, דערנאָך צוזאַמען מיט די טויזנטער היימלאָזע זיך געוואַלגערט אין ווילנע, בשעת דער דייטשער אָקופּאַציע געלעבט אין ווילקאָמיר, וואו די רויבירטע פאַמיליע האָט נאָכן חורבן פון שאַט געהאַלטן אַ פּוטער-געוועלב. געשריבן דערציילונגען, דעביוטירט אין דער בונדישער „צייט", קאָוונע 1920, מיט אַ מאָנאָלאָג „דער קרבן", וואָס איז אויך אַ פּאָר מאָל אויפגעפירט געוואָרן אויף דער בינע, סוף 1921 אַלס מיטאַרבעטער פון דער פּ"צ"יסטישער „אַרבעטער-צייטונג" אין קאָוונע געשריבן פּובליציסטישע אַרטיקלען א"פּ בן מנחם, לאַצקי, נאָכן פאַרמאַכן די צייטונג אַרויסגעגעבן אַ פּאָליטיש-ליטעראַרישן זמ"ה „כוואַליעס", דאַן מיטגעאַרבעט אין ק. זינגמאַנס „וויספּע", אין דעם טאָגבלאַט „נייס", אין „דער אידישער וועלט" — דער וועכנטלעכער אויסגאַבע פון דער קאָוונער „אידישער שטימע", אָנהייב 1924 אַריין אַלס מיטאַרבעטער פון דעם שאַוולער טאָגבלאַט „די צייט", געשריבן פּובליציסטישע אַרטיקלען א"פּ בעל-חלומות און דערציילונגען, דערהויפּט אויס דעם לעבן בשעת דער דייטשער אָקופּאַציע. יוני 1924 געקומען קיין אַמעריקע, באַשעפטיקט אַלס האַנדלס-אָנגעשטעלטער אין איסטאָן, פּענסילוואַניע, זיך באַטייליקט אין „פרייהייט", „יונג-קוזניע", „באַגינען", „יוגנט", טאָראָנטער אַרבעטער-וואָכנבלאַט „דער קאַמף" א"אַ. איינער פון די צוזאָגנדיקע פאָרשטייער פון דער יינגסטער יידישער בעלעטריסטיק.

קוסמאַן לעאָן (12/I 1884 —) געב׳ אין דאָרף אַלעקסאַנדערהאָף, ביי מיטוי, וואו זיינע עלטערן האָבן צייטווייליק געוואוינט. זיין פאָטער, אברהם-שלמה, אַ תבואה-סוחר, איז געווען אַן אור-אייניקל פון ר׳ אברהם, דעם ווילנער גאונס ברודער. אויפן דריטן לעבנסיאָר איז ער צוזאַמען מיט די עלטערן אַריבערגעפאָרן אין זייער היימשטאָט זאַגער, וואו באַקומען די ערשטע דערציִונג אין חדר, צו 8 יאָר געבליבן אַ יתום פון פאָטער, דערצויגן געוואָרן ביי אַ פעטער אין שטעטל קרופּ, געלערנט אין חדר און געענדיקט די רוסישע פאָלקסשול, צו 14 יאָר אַריבער צוריק קיין זאַגער, געוואָרן דער פירער פון דער ערשטער עפנטלעכער ביבליאָטעק, וואָס ד"ר הערצבערג האָט באַקומען דערלויבעניש צו עפענען, באַקומען די געלעגנהייט צו לייענען אין יידיש, העברעיִש, רוסיש, דייטש און אַפילו לעטיש, אַליין אָנגעהויבן צו שרייבן לידער, 1901 אַריבערגעפאָרן מיט דער פאַמיליע קיין אָדעס, געווען אַן עקסטערן,

1905 שטודירט פילאָסאָפיע אין בערן, 1907 אַריבער אין זשענעווער אוניווערסיטעט. דעביוטירט מיט אַ „ליד אויס רומעניען" — אויף דעם קעשענעוועער פּאָגראָם — אין „דער אידישער צוקונפט" אָקטאָבער 1904, און מיט „שטריכען און בילדער" אין א. רייזענס „קונסט און לעבען" 1908, אין פאַרשיידענע אויסגאַבן געדרוקט איבערזעצונגען פון היינריך היינע און פאַבלען פון קרילאָוו, לאַפאָנטען, פאַרעפנטלעכט אויך אַ העבּרעישע דערציילונג „הבית הנעזב". 1911 אַריבערגעפאָרן קיין לאָנדאָן, וואו אָנגעהויבן זיין זשורנאַליסטישע טעטיקייט, אַלס מיטאַרבעטער פון די אַרטיקע צייטונגען „דער אידישער עקספּרעס", „דער אידישער זשורנאַל", רעדאַקטירט אַ הומאָריסטיש בלעטל „דער בלאָפער", פאַרבונדן מיטן יידישן טעאַטער אַלס רעצענזענט, אָנגעשריבן אַ פּיראַקטיקע דראַמע „דער וועג צו פרייהייט", פון וועלכער די האַנדלונג שפּילט זיך אָפּ אין אָדעס בעת דעם „שטורעם־און־דראַנג" פון 1905, אויפגעפירט 6/II 1913 אין פּאַוויליאָן־טעאַטער פון דעם באַרימטן (איצט ענגלישן) שוישפּילער מאָריס מאָשקאָוויטש. אויפגעמונטערט פון דעם מאָראַלישן און מאַטעריעלן ערפאָלג פון דער פּיעסע, באַלד אַריבערגעפאָרן קיין נ"י, וואו צוערשט זיך געפלאָגט אַלס העברעישער לערער אין ניו־בראָנזוויל, דאַן פאַרפאַסט זיין צווייטע דראַמע „בערטע" — אַ מין יידישע „נאָרע" — אויפגעפירט א"ט „דער לייכטזיניקער מענטש" דורך דעם שוישפּילער סעמיועל שניידער 1914, זומער 1914 געשריבן „בילדער פון גאַס" א"פ רואה ואינו נראה אין „יידישן טאַגעבלאַט", אָנהייב 1915 רעדאַקטירט אַ אילוסטרירטע צייטשריפט „די וואָך" (7 נומ'), דאַן מיטגעאַרבעט

אין „וואַרהייט", וואו אַחוץ טעאַטעראַרטיקלען, פעליעטאָנען, פּובליציסטישע אַרטיקלען פאַרעפנטלעכט אַ 150 דערציילונגען און סקיצן, אויך א"פ לעאָן בעזאָן, אין משך פון אָקטאָבער און נאָוועמבער 1918 געפירט אַ וויכוח מיט ד"ר ש. מלמד וועגן „ליטע און קונסט", אָפּפרעגנדיק מלמדס טענות, אַז ליטע איז ניט מסוגל צו קונסט בכלל און צו טעאַטערקונסט בפרט. 1918 ביז סוף 1920 רעדאַקטירט דעם ציוניסטישן אָרגאַן „דאָס אידישע פאָלק", זינט דאַן אינעווייניקסטער מיטאַרבעטער פון „מאָרגען זשורנאַל", וואו ער שרייבט טעאַטעררעצענזיעס, דערציילונגען, פּובליציסטיק, פעליעטאָנען אַלע זונטאָג, אויך פאַרעפנטלעכט די איבערזעצונג פון ד"ר הערצלס „טאָגעביכער" (טעגלעך פון 24/VII 1922 ביז 18/X 1923). האָט זיך אויך באַטייליקט פון צייט צו צייט אין „דאָס נייע לאַנד", „פ. א. ש.", „מילערס וואָכענשריפט", „גערעכטיגקייט", „קונדס", „אמעריקאַנער", „פעדער", „פאַרבאַנד" א"אַ, אין „העברי" און „התורן", אויך א"פ ל. איזראַעלי, מ. קריגער, קאַפּריז, אַלאַדין. אייניקע זיינע דערציילונגען זיינען אויך איבערגעזעצט געוואָרן פאַר די ענגליש־יידישע צייטשריפטן. אין בוכפאָרם פאַרעפנטלעכט: „ביים פּרעסער / קאָמעדיע אין איין אַקט" (פ"ג „אַטלאַנטיס", נ"י, 1922); „דער געלער מויער / דראַמאַ אין דריי אַקטען מיט אַ פּראָלאָג און עפּילאָג" (נ"י, 1926, ז' 138) — וואָס שילדערט די דעגענעראַציע פון דער טראַדיציאָנעלער גביריש־יידישער סביבה און דעם אָנקום פון קלאַסנקאַמף אין אַ ליטווישן שטעטל אין דער עפּאָכע פון פאַר דער רעוואָלוציע; די דראַמע איז זייער וואַרעם אויפגענומען געוואָרן פון דער קריטיק, אָבער נאָך ניט אויס־

גענוצט געוואָרן פון טעאַטער. נאָך ניט פאַרעפנטלעכט און ניט אויפגעפירט זיינען זיינע דראַמען: „די באַנק" (1915)— סאָציאַלע דראַמע פון יידישן לעבן אין אַמעריקע: „די טעג פון משיח" (1919)— סימבאָלישע דראַמע, וואו ער באַהאַנדלט דעם יידן אין דער מלחמה און די לאָזונגען פון דערלייזונג פון רעכטס און און לינקס.

אלטער עפשטיין, אין „אונדזער בוך", 1926, VI; ז. ווײנפער, אין „אויפקום", 1926, VI.

קופּערמאַן כאַסיע (2/II 1907 —) געב' אין ניו-יאָרק פון עלטערן, וואָס האָבן אויסגעוואַנדערט פון קיעוו. האָט געענדיקט אַ ענגלישע פּאָלקסשול און מיטלשול און שטודירט אין קאָלעדזש (Hunter College), ספּעציעל פראַנצויזיש און דייטש.

יידישע בילדונג באַקומען אין אַ רעליגיעז-העברעישער שול, וועלכע געענדיקט 1916. דאַן געענדיקט די יידישע עלעמענטאַרע שול פון אַרבעטער-רינג (1921), די מיטלשול פון אַ"ר (1924) און דעם לערער-סעמינאַר פון א"ר (1926). איז באַשעפטיקט אַלס לערערין אין די יידישע אַרבעטער-רינג-שולן. — אָנגעהויבן צו שרייבן צו 15 יאָר, האָט זי זינט 1924 פאַרעפנטלעכט לידער אין „פ.אַ.ש.", „1925", „1926", „אונדזער בוך" א"אַ. דאָס בוך אין אימאַזשיניסטישן סטיל. האָט אויך איבערגעזעצט פּאָל וואַלעריס „מעטאָד פון לעאָנאַרד דאַ ווינטשי".

ע. קאַרמאַן, „אַנטאָלאָגיע".

קופּערמאַן (ישעיה = אריה) לעאָן (24/VI 1883 —) געב' אין יאַס, רומעניע. זיין זיידע, ר' מרדכי אַלטשולער, איינער פון די עלטסטע מוכר-ספרים און אַנטיק-זאַמלער אין רומעניע, האָט זיך געגרייסט מיט זיין יחוס, וואָס ער שטאַמט פון די באַרימטע טולטשינער יידן, וועלכע האָבן צוזאַמען מיט די פּאָליאַקן געקעמפט קעגן די קאָזאַקן בשעת דער באַלאַגערונג פון טולטשין.

זיין פאָטער, שוין געב' אין רומעניע, האָט געענדיקט די איינציקע ישיבה („ר' מעכעלעס") אין רומעניע און איז זינט 1864 אַ מוכר-ספרים, אַ פאַרלעגער און אַן אַנטיקנזאַמלער, וואָס איז באַקאַנט אין גאַנץ רומעניע. אויפגעוואַקסן אין אַ פרומער חסידישער סביבה, געלערנט אין חדר פון 9 ביז 15 יאָר, באַזוכט די דייטש-עוואַנגעלישע שול אין יאַס, דערנאָך געלערנט ביי פּריוואַט-לערערס רומעניש, דייטש און פראַנצויזיש, צו 17 יאָר אָנגעהויבן צו שרייבן רומענישע לידער, פון וועלכע אייניקע פאַרעפנטלעכט, אויך געדרוקט איבערזעצונגען פון פראַנצויזיש אין Adeverul Literar א"פ לעאָן דין יאַש, דאַן באַרייזט רומעניע, גאַליציע, ווין, בודאַפּעשט, דייטשלאַנד, איטאַליע, פראַנקרייך, צוויי יאָר פאַרבראַכט איז פאַריז, וואו געווען אַן איינגייער ביי ד"ר מאַקס נאָרדוי (צו אים געהאַט באַקומען אַ בריוו פון ד"ר הערצלען אין ווין), סוף 1903 געקומען קיין נ"י, דאָרט זיך באַקענט מיט דער יידישער ליטעראַטור, נאָכן באַזוכן אייניקע שטעט — 1905 ווידער געקומען קיין ווין, זיך באַקענט מיט ד"ר נתן בירנבוים, וועלכער האָט פאַרעפנטלעכט אין דער ביילאַגע צו זיין „יידישער וואָכנשריפט" זיינע ערשטע יידישע לי-

דער מיט לאַטיינישע אותיות, דאַן צוריקגעפאָרן קיין נ״י, זיך באַשעפטיקט אַלס לערער פון דייטשער און פראַנצויזישער שפּראַך און ליטעראַטור, געדרוקט אייניקע לידער אין „פ. אַ. ש.", אַ געוויסע צייט געאַרבעט אין „קונדס", זיך באַטייליקט אויך אין אייניקע אַנדערע צייטשריפטן, צ״אַ איבערגעזעצט „דאָס ליד פון דעם העמד" פון טאָמאַס הוד, אַרויסגעגעבן אין בוכפאָרם אַ האַלב ראָמאַנטישע דראַמע „אַזראַעל" (פ״ג רודאָלף ראַסקין, נ״י 1910). צוזאַמען מיט וו. עדלינען פאַרפאַסט אַ דראַמע (לויט ב. גאָרין—אַדאָפּטירט פון אַנרי בערנשטיין) „דער ייד" (אַלס ענטפער אויף י. זאַנגווילס דראַמע „דער שמעלצטאָפּ"), וועלכע איז 1913 אויפגעפירט געוואָרן פון יעקב אַדלער. זינט דער גרינדונג פון „טאָג" אין משך פון עטלעכע חדשים געווען אַ מיטאַרבעטער פון דער צייטונג, דאַן פערטהאַלבן יאָר מיטגעאַרבעט אין פילאַדעלפיער „אידישער וועלט" א״ר פון מ. קאַטץ, דאָרט פאַרעפנטלעכט דאָס רוב פון זיינע לידער, אויך אַרטיקלען, פעליעטאָנען, רעצענזיעס אאַז״וו. 1918 אַ געוויסע צייט געווען אין אַ אַמעריקאַנישן מיליטערישן לאַגער אַלס פאָרשטייער פון אַ יידישער געזעלשאַפט, דערנאָך געווען פאַרוואַלטער פון דער פילאַדעלפיער „היברו ליטעראַטור סאָסייעטי", וואו אויך געהאַלטן לעקציעס וועגן ליטעראַטור און יידישער געשיכטע, אָרגאַנזשירט די ערשטע אויסשטעלונג פון יידישע קינסטלער אין אַמעריקע אאַז״וו. זינט סוף 1919 אין יאַס, באַטייליקט זיך אין די רומעניש-יידישע צייטשריפטן, איינער פון די גרינדער און פרעזידענט פון דעם יידישן קולטור-פאַראיין „המטיב", טרעט אויף מיט רעפעראַטן אויך אין פאַרשיידענע שטעט פון רומעניע.—זיין וויכטיקסטע אַרבעט איז די איבערזעצונג פון געטעס „פאַוסט", וועלכע ער האָט געמאַכט לויט דער באַשטעלונג פון מ. עוואַלענקאָ אין די יאָרן 1912—15, אָבער נאָכדעם ווי עוואַלענקאָ איז דורך בורצעוון דעמאַסקירט געוואָרן אַלס פאַרדעכטיקער אין באַציִונגען מיט דער צאַרישער מאַכט איז די איבערזעצונג אַרויסגעגעבן געוואָרן פון אַ פילאַדעלפיער בוכהענדלער א״ט „פאַוסט / אַ טראַגעדיע אין צוויי טיילען / פון י. וו. פאָן געטהע. / איבערזעצט פון דייטשען אָריגינאַל, מיט קאָמענטאַרען פון די גרעסטע געטהע-פאָרשער" („מאַלערמאַנ'ס ליטעראַרישע פּאָבלישינג קאָמפּאַני", נ״י—פילאַדעלפיע, 1920, מיט אַ פאָררעדע פון איבערזעצער, אַ קורצער ביאָגראַפישער סקיצע פון געטע, אַן איינלייטונג צום ערשטן ט', I—XL+247+באַמערקונגען צו „פאַוסט" ז' 249—298). ליידער איז די דאָזיקע איבערזעצונג פון דעם גרעסטן ווערק פון דער וועלט-ליטעראַטור אַבסאָלוט ניט קיין באַפרידיקנדיקע.

קוקילשטיין משה (אַרום 1845 — אַרום 1906) געב' אין קורעניץ, ביי ווילייקע, ווילנער געגנט, אַלס זון פון אַ הענדלער, אברהם-ישראל. זיך אויסגעצייכנט מיט זיינע פעיִקייטן, געווען אַ גרויסער למדן און אַלס אַוטאָדידאַקט זיך אויך באַקענט מיט וועלטלעכע געגנשטאַנדן, בפרט מיט מאַטעמאַטיק. אַ טיפּ פון אַ פאַרצייטיקן משכיל, האָט ער זיך מפרנס געווען פון מלמדות אין חדר, געגעבן פּריוואַטע שטונדן אין העברעיִש, כמעט זיין גאַנץ לעבן פאַרבראַכט אין ווילנע, נאָר אָפט אַרויסגעפאָרן אין די אַרומיקע שטעט און שטעטלעך דרשענען און דערביי אויך פאַרשפּרייטן זיינע חיבורים איבער די הייזער, אויפן שטייגער פון די אַמאָליקע מחברים. אויך אין

ווילנע איז ער געווען אַ זאָגער. דערהויפּט אין שמוקלערשער קלויז. בכלל זיך אויסצייכענענדיק אַלס ווערטלזאָגער און דערציילער פון וויצן און אַנעקדאָטן, איז ק׳ געווען איינער פון די ערשטע זאַמלער פון יידישע וויצן און פאַרעפנטלעכט אַ „אַנעקדאָטען בוך / צוויי א הונדערט זיבעציג שיינע וויטצען / זייער סאַטיריש צום לאַכען" (ווילנע, אַרום 1891; פינפטע אויפלאַגע פון פ״ג יצחק פונק, ווילנע 1900, ז׳ 96). שפּעטער זיינען אַרויס נאָך 2 ט׳ פון דעם „אַנעקדאָטען בוך" און אויך דער ערשטער און וויכטיקסטער טייל איז נאָך אייניקע מאָל איבערגעדרוקט געוואָרן, לעצטנס אָבער זיינען זיי אַלע ביבליאָגראַפישע זעלטנהייטן (דרויאַנאָוו פאַרצייכנט אין דער הקדמה צו זיין „ספר הבדיחה והחדוד" די אויסגאַבן פון תרס״ב, תרס״ג און תרס״ד). ער האָט אויך פאַרפאַסט אין יידיש אַ זאַמלונג „צדקת תמימים..." / ספּורים... איבער געזעצט פון ספרים" (וואַרשע, דרוק י. אַלאַפין, 1900, ז׳ 90) און אַ פּאָר ביכלעך אין העברעיש, צ״אַ „דברי ספר / כולל חמשה ושבעים מכתבים בין איש לרעהו, בין אב לבנו, בין אוהב לאוהבו. ואחד ועשרים ספורים נעימים נחמדים להשכיל" (ווילנע, דרוק פין, ראָזענקראַנץ און שריפטזעצער, תרמ״ח, ז׳ 64). וועגן דעם ציל פון זיין ליטעראַרישער טעטיקייט איז ער זיך אַליין אָפן מודה אין דער קליינער הקדמה צום „אַנעקדאָטען בוך", אַז ער „פאַרלאַנגט מער ניט טאַקע פּראָסט גירעט עפּעס צו פאַרדינען" („דוכט זיך אַז דאָס איז ניט קיין עולה, איינער האָט אַמאָל גיזאָגט: „פאַרדינען איז ניט קיין קליינינקייט, פאַר דינגה׳ן איז אַמאָל חרוב גיוואָרן אַשטאָדט שכם" אַאַז״וו). פרץ האָט ק׳ס ערשטן „אַנעקדאָטען בוך" אַזוי אָפּגעשאַצט: „די וויצן זענען אַלוא שלעכט אויפגעשריבן, נישט לאָגיש, אויסגעפּראַלט. אויפן אָרט פון אַ נאָדלשפּיץ קריגט מען אַ גלעט מיט אַ בערנלאַפּע. דריי פערטל זענען פאַרלעגערט אַלט, פון פערטן פערטל איז אַ 20 פּראָצענט פרעמד דעם יידישן לעבן, פון דער רעשט, מען זאָל זיי אָפּשיילן ווי פוילע קאַרטאָפל פון דער פּראַלעריי, וואָלט געקענט בלייבן אַ שעור אַרויסצורופן אַ שמייכל ביין אַ מסתפק במועט, וואָס זוכט נישט קיין סדר, קיין לשון, נאָר אַבי אַ רגע צו לאַכן". אָבער ביי דער גאַנצער טרעפלעכקייט פון זיין כאַראַקטעריסטיק האָט דאָך דער גרויסער יידישער דיכטער ניט דערשאַצט דעם ריין פאָלקלאָריסטישן אינטערעס, וואָס ק׳ס זאַמלונגען האָבן. — אַחוץ אַלס וויצלינג איז ק׳ אויך געווען פאַרנאַנט אין ווילנע צוליב זיינע מעשיות מיט ווייבער, זיינע אייגענע און פרעמדע. ער האָט זיך אויך אויסגעצייכנט מיט זיין קאַליגראַפישער האַנטשריפט (זיין גאַנץ לעבן געשריבן נאָר מיט אַ גענדזענער פעדער). צו אַ יאָר 60 איז ער קראַנק געוואָרן איפן האַלדז, געפאָרן קורירן זיך קיין קיניגסבערג און אין אַ האַלב יאָר אַרום דאָרט געשטאָרבן.

פּריוואַטע מיטטיילונג פון דעם ווילנער תושב משה כ״ץ, דעם מחבר פון דעם ביכל „דער קאַראַבעלניק׳ל / אָדער פאַרשיידענע סחורה! / קורצע קריטישע אַרטיקלען, אינטערעסאַנטע און נוציגע / פאַן מ׳כר׳ד" (ווילנע, 2טע אויפלאַגע, 1922, ז׳ 64); בן-תמר, אין „יודישער ביבליאָטעק", II, ז׳ 370—371.

קורץ אהרן (שמואל) (28/VII 1891—) געב׳ אין אָסווע, וויטעבסקער גוב׳. ביז 13 יאָר דערצויגן געוואָרן אין דעם הויז פון זיין זיידן, ר׳ בצלאל הלוי חזן, איינעם פון די חשובסטע לומדים אין שטעטל און אַ חסיד פון ליבאַוויטשער און סיראָטשינער, פון צייט צו צייט אויך ביים פאָטער, דוד-מנחם קורצמאַן, אין דאָרף אַלט-סלאָבאָדאַ, גע-

לערנט תנך און גמרא, אַלס אויטאָדידאַקט זיך אויך באַקענט מיט רוסיש, דייטש און אַפילו ענגליש. צו 13 יאָר איז אים די מוטער, אַ לערערין פון רוסיש, יידיש, העברעיִש מיט דערוואַקסענע מיידלעך, געשטאָרבן און ער האָט פאַרלאָזט דעם זיידנס הויז, אַוועק איבער רוסלאַנד, אין די געגנטן פון ריבינסק, נאָווגאָראָד, פעטערבורג, זיך געוואַלגערט אַלס פאַבריקמאַכער־יינגל איבער פאַרשיידענע פריזירערייען, טעאַטער־גאַרדעראָבעס, צירקן, מייסטנטיילס צווישן שלעכטע חברים, אין 5 יאָר אַרום צוריקגעקומען צום פאָטער אין דאָרף, דאַן אָנגעהויבן צו לייענען פלייסיק די יידישע ליטעראַטור, 1911 אַוועק קיין אַמעריקע, זיך פאַרנומען מיט פאַרשיידענע מלאכות, געפירט אַ מעבל־געשעפט אין פילאַדעלפיע, לעצטנס אַרבעט ווידער אַלס פאַבריקמאַכער אין נ״י.—דעביוטירט מיט אַ ליד אין „דער אידישער וועלט״ א״ר פון מ. קאַטץ 13/1 1916, האָט ער אין משך פון אַ יאָר צייט פאַרעפנטלעכט אין דער צייטונג, אויך א״פ אַזראַעל, ביז 100 לידער, יולי 1919 אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן מיט אייניקע קאָלעגן אַ ליטעראַרישן זשורנאַלכל „דער צווייג״ (אַרויס 4 נומ׳), וואו צ״אַ פאַרעפנטלעכט אַ רעצענזיע וועגן לאה קאָפילאָוויטשהאָפמאַנס בוך „אין קינדערלאַנד״, אַפּריל און מאַי 1922 אַרויסגעגעבן אין פילאַדעלפיע צוויי העפטלעך „קורצ׳ס באָטיצן״ מיט אַרטיקלען וועגן די אינזיכיסטן, פרץ מאַרקיש א״אַ. זיך אויך באַטייליקט אין ה. גודעלמאַנס זשורנאַל „פאָעזיע״, „נייער וועלט״, אין ז. ווייַנפערס „ביים פייער״,

אין „אידישען קעמפפער״, זעצערס „דאָס וואָרט״ א״אַ, „ביכער־וועלט״, 1922. געווען איינער פון די גרינדער פון דעם אינזיכיסטישן זשורנאַל „1925״ און „1926״, א״ר פון מיכל ליכט און נ״ב מינקאָוו, לעצטנס איינער פון די נאָענטסטע מיטאַרבעטער פון דעם חודש־זשורנאַל „אונדזער בוך״, וואו אחוץ לידער, דער פאָעמע „סאַקאָ וואַנזעטי״ פאַרעפנטלעכט אַ ריי עסייען, ווי „פראָלעטאַרישע פאָעזיע און פאָעטישע פרעטענזיע״, „ש. ניגער און דאָס נייסטע״, נ״ב מינקאָוו״, „פראָבלעמען פון פראָלעטאַרישער ליטעראַטור״ א״אַ. באַטייליקט זיך אויך אין די קאָמוניסטישע „פרייהייט״ און „האַמער״, באַטראַכטנדיק זיך פאַר אַ פאָרשטייער פון דער פראָלעטאַרישער פאָעזיע. זיינע ערשטע צוויי ביכער, „כאַאָס״ — אַ זאַמלונג לידער און פאָעמען (פ״ג „ניי־אידיש״, פילאַדעלפיע, 1920, ז׳ 160, שערבלאַט געצייכנט פון אַלעקסאַנדער פאָרטנאָף) און „פיגאַראָ״ — פאָעמע (נ״י, 1924, ז׳ 64), זיינען צו פרעטענציעז אין פאָרם און אומקלאָר אין אינהאַלט. אַ סך געלונגענער זיינען שוין די פאָעמען פון זיין בוך „פלאַקאַטן״ (פ״ג „אידיש לעבען״, נ״י, 1927, ז׳ 80), וואו ער זוכט צו שאַפן אַ נייע פאָרם פאַר דער פאָעזיע פון דער גרויס־שטאָט און אַרבעט און פרווט באַגרינדן זיין „פלאַקאַטן״־סטיל אין דעם פאָרוואָרט צו דעם בוך. נאָך ניט פאַרעפנטלעכט אין בוכפאָרם: די דראַמען „דער גלאָקנציער״ און „ווען די געטער פאַרזאַמלען זיך״, די דראַמאַטישע פאָעמע „איקאַר״, אַ בוך עסייען „פראָבלעמען און מענטשן״ א״אַ.

נ. ב. מינקאָוו, „ש. קורץ״, אין „1925״, I, ז׳ 11—25; יעקב גלאַטשטיין, „אָפענער בריוו צו ש. ק״״, id, I, און ק׳ס ענטפער גלאַטשטיינען, ib II; הערמאַן גאָלד, „וועגן צוויי פאָעטן / לוי בערמאַן — ש. קורץ״, אין „אונדזער בוך״, I, ז׳ 371—373; „אַטאַ־קריטיק״, id, 1927, IV.

קושניראָוו אהרן (אַרום 1891 —) געב' אין באָיערקע, לעבן קיעוו (ביי ש"ע געש לדערט א"נ בויבעריק). זיין פאָטער דוד, אַ אָנגעשטעלטער אין אַ וואַלד, איז אים געשטאָרבן צו 13 יאָר, און ער האָט דאַן פאַרלאָזט דעם חדר און איז אָפּגעגעבן געוואָרן אין אַ מעל-קראָם אין קיעוו, וואו ער האָט

געאַרבעט ביז 1913, זיך פאַרנעמענדיק אין דער פרייער צייט מיט זעלבסטבילדונג, דאַן צוגענומען אין מיליטער, דורכגעמאַכט די וועלט-מלחמה, 1914 — 17, אַלס סאָלדאַט פון דעם 3טן סיבירער שיסער-פּאָלק, זיך באַטייליקט אין אַ ריי שלאַכטן, 1920 אַריין אין דער רויטער אַרמיי, צו יענער צייט דעביוטירט מיט אַ ליד אין אַ איינמאָליקער אויסגאַבע א"ט „דער קאַמף מיט דער פּוילישער שליאַכטע", כאַרקאָוו 1920, דאַן געדרוקט אויך לידער אין כאַרקאָווער „קאָמוניסט" א"אַ אויסגאַבן, אַרויסגעגעבן אַ קליינע זאַמלונג פון זיי א"ט „ווענט" (פ"ג „ליריק", קיעוו, 1921), וואָס האָט געצויגן אויף אים די אויפמערקזאַמקייט. 1922 איז ער אַריבערגעפאָרן קיין מאָסקווע, איז געווען איינער פון די אָנגעזעענסטע מיטאַרבעטער פון דער גרופּע, וואָס האָט אַרויסגעגעבן די ליטעראַריש-קינסטלערישע זמ"ב „שטראָם", זינט דאַן זיך אויך באַטייליקט אין די פאַרשיידנסטע צייטשריפטן און זמ"ב פון ראַטנפאַרבאַנד, ווי מינסקער „שטערן", כאַרקאָווער „רויטער וועלט" א"אַ, אויך איבערגעדרוקט געוואָרן אין די אויסלענדישע אויסגאַבן, ווי די ריגער זמ"ב „פלעקן" און „סאַמבאַטיען", קאָוונער „וויספּע", נ"יער „פרייהייט" און „האַמער" אאַז"וו. אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער פון „עמעס", האָט ער אין דער צייטונג אָנגעהויבן אויך צו פאַרעפנטלעכן דערציילונגען. — איינער פון די טאַלענטפולסטע פאָרשטייער פון דער נייער יידיש-סאָוועטישער ליריק פון דעם נאָכקיעווער פעריאָד, זיך אַנטוויקלט אונטער דער השפּעה פון דוד האָפּשטיין פון איין זייט און דער רוסישער אימאַזשיניסטישער פּאָעזיע פון אַ יעסענין, האָט ק' שוין אין זיין ערשטן ביכל „ווענט" — „פונאַנדערגענומען, אייגנטלעך, די ווענט פון אונזער אינדיווידועלער דיכטונג און איז אַרויס אויף דער רעוואָלוציאָנערער אָקטיאַבער-אַרענע. דער אָקטיאַבער-טאַט, וואָס איז פאַר מאַרקישן און האָפּשטיינען געווען אין בעסטן פאַל אַ באַגייסטערנדיקער באַאָבאַכטונגס-מאַטעריאַל, איז פאַר ק'ן געוואָרן אַ סאָציאַל-פּסיכאָלאָגישע אייגנאיבערלעבונג... אויף אונזערע אויגן האָט ער זיך פאַרנומען מיט אָרגאַניזירן זיין איך טאַקע ביים שיין פונעם אויפגעוואַכטן מאַסעמענטש. האָבן מיר פון אים באַקומען גלענצנדע טעריטאָריאַלע, אַזוי צו זאָגן לאַנד-לידער, ניט בנמצאדיק בילדעריש געזעטיקטע לידער, וואָס זיינען אַזוי האַרציק פאַרבונדן מיטן רעוואָלוציאָנערן לאַנד, וועמעס סאָציאַלער מזל איז פון איצט אָן אַן אייגענער, אַן איינגעבאַקענער... ק'ס יעדעס ליד פאַרמאָגט בעצם איר אינעווייניקסטן טעמאַטיש-אַקטיוון אינהאַלט. דערפאַר איז ק' געוואָרן דער אָריענטיר-פונקט פאַר די אַלע יונגע, וואָס קומען מיט אַנטפּלעקטן בילדערישן מיין פון דער שורה, פאַר די אַלע, וואָס טרויען, ווי ער, די אַרומיקע אָביעקטיווע לעבנסענדערונגען און ווילן און דאַרפן, ווי ער, דורכן טאָג-טעגלעכן געפילנגאַנג, דורכן

שטייגערדיקן וואָרט-נוסח געפינען דעם פּאַטאָס, דעם העכערן סאָציאַל-געשיכטלעכן זין פון די נאָכאָקטיאַבער-טעג און יאָרן. ק' האָט ביי אונז אַנטפּלעקט דעם סוד פון אָביעקטיוויזירן זיך אויפן וואָרט..." (י. דאָברושין). און אַן אַנדערער יידיש-סאָוועטישער קריטיקער האָט אַזוי אָפּגעשאַצט ק'ס שאַפן אַלס ליריקער: "ק' טראָגט אַריין אין אונזער יונגער דיכטונג אַ פרישן שטרענגן טאָן. זיינע לידער לאָזן איבער אַ גאַנץ באַשטימטן איינדרוק; ער איז טיף-קאָנקרעט, ערנסט-שטרענג. זיין אימאַזשיזם איז אין תוך אַריין אַ פּסיכאָלאָגיש-אָרגאַנישער. שוין דאָס ערשטע ליד פון זיינע "ווענט" — "עקראַן" — גיט אונז צו וויסן, אַז דער דיכטער קומט צו אונז מיט לאַנג אויסגעטראָגענע, זיכערע, געפּרעסטע צייט-איבערלעבונגען. יעדעס ליד איז ביי ק'ן אַ סך-הכל פון פילע שטייפע צייט-שפּירונגען; אים איז אינגאַנצן פרעמד די צופעליקייט פון לויפנדיקע אומזיכערע שטימונגען. ער מיידט זיי אויס מיט זיין פאַרטיפטן פּאָעטישן חוש, מיט זיין גלויבן אין דער צייט — דער "אייביק טרייער און מונטערער". ביי ק'ן ווי ביי אַנדערע אימאַזשיניסטן וואַרפן זיך דורך היפּערטראָפירטע אָדער סטאַטישע בילדער... וואָס זיינען אייגנטלעך פאַרמאַסקירטע פאַרגלייכונגען, מער ניט אָן דעם "ווי", נאָר צום גליק פאַרלירן זיך די דאָזיקע שוואַכקייטן אין דער פּסיכאָלאָגישער גאַנצקייט פון זיינע בילדער. ק' איז צו פיל פּסיכאָלאָגיש, כדי איינצושליסן זיך אין די ד' אמות פונעם אימאַזשיניזם, וואָס איז ביי אים אַן אָרגאַנישע סיסטעם, אָבער ניט קיין ציל... ק' איז שטאַרק נוטה שטרענג פאַרטיפן זיך אין די איבערלעבונגען פון אונזער צייט" (ש. גאָרדאָן).— איינער פון די גרינדער פון דער יידסעקציע פון דער אַלפאַרבאַנדישער אַסאָציאַציע פון פּראָלעטאַרישע שרייבער וואַפּ"פּ, האָט ער אין דעם אַלמאַנאַך פון דער דאָזיקער סעקציע "אָקטיאַבער", 1924, פאַרעפנטלעכט אַ גרעסערע דערציילונג א"ט "קינדער פון איין פאָלק", וואָס איז געווען איינע פון די וויכטיקסטע ערשיינונגען פון דער יידישער פּראָזע אין ראַטנפאַרבאַנד, באַצייכענענדיק איר איבערגאַנג פון געקינסטלטער סכעמאַטישקייט צו עכטערער קינסטלערישער שילדערונג. זינט דאַן האָט ק' זיך אָפּגעווענדט פון דער ליריק און שרייבט דערהויפּט דערציילונגען. "דווקא אין דער פּראָזע האָט ק' געפונען דעם מוט צו איינטונקען זיין רייכע מייסטערשאַפט אין די פרישע קוואַלן פון פּרימיטיוו. ק'ס דערציילונג "קינדער פון איין פאָלק" איז דערמיט אייגנאַרטיק, וואָס דער פּרימיטיווער שטאָף פון דער דערציילונג ווערט באַלויכטן מיט די שטראַלן פון אַ רייכער ליטעראַרישער קולטור. עס פילט זיך אין דער דערציילונג, אַז דער יאָרנלאַנג געלייטערטער שאַפונגסווילן זוכט זיך אַן אויסוועג אין דעם קאָנקרעטן לעבנס-אינהאַלט און לעבנס-האַנדלונג" (נ. אויסלענדער). לעצטנס איז ק' אויך אויפגעטרעטן אַלס דראַמאַטורג אין זיין דראַמע "הירש לעקערט", אין פערזן, וועלכע איז אָנהייב 1928 מיטן גרעסטן ערפאָלג אויפגעפירט געוואָרן אין מינסק אין דעם יידישן מלוכה-טעאַטער פון ווייסרוסלאַנד אונטער דער רעזשי פון מ. ראַפּאַלסקי (פראַגמענטן פון דער דראַמע פאַרעפנטלעכט אין מינסקער זשורנאַל "דער שטערן", 1928, I—II, אין "עמעס-זשורנאַל", 1928, 5, אין "ליטעראַרישע בלעטער", 1928, 16). ער האָט פאַר דעם דערמאָנטן טעאַטער

אויך באַאַרבעט אָדער איבערגעזעצט פיעסן פון אייראָפּעיִשן רעפּערטואַר, צ״אַ לאָפּע דע וועגאַס „שעפּסנקוואַל״ (אין יאַמב). האָט אויך זייער פיל איבערגעזעצט, ווי י. ליבעדינסקיס „די וואָך״ (פ״ג „שול און בוך״, מאָסקווע, 1925), ב. פּילניאַקס „ספּעראַנצאַ״ א״אַ. פון זיינע אָריגינעלע ווערק זיינען אין בוכפאָרם אַרויס: „קינדער פון איין פאַלק״ — אַ זאַמלונג דערציילונגען (פ״ג „שול און בוך״, 1928, ז׳ 75); „האוריק״ — אַ מעשה אין פערזן וועגן אַ הימלאָזן ייִנגל (דערז׳ פ״ג, 1928, ז׳ 16); „ברויז / לידער / 1920 — 26״ (ווייסרוסלענדישער מלוכה־פ״ג, מינסק, 1928, ז׳ 88).

שלום גאָרדאָן, אין „שטראָם״, II; דוד בערגעלסאָן, אין „מילגרוים״, I; ש. רובינשטיין, ib, V; א. וויעוויאָרקאַ, „אויפברוך״, אין זמ״ב „אָקטיאַבר״; פּרץ מאַרקיש, אין „ביכערוועלט״, 1922; ד. טשאַרני, „די יידישע ליטעראַטור אין סאָוועט־רוסלאַנד״, אין „פּאַריזער בלעטער״, 76, 79 א״וו; י. דאָברושין, אין זמ״ב „ניי־ערד״, 1925; נ. אויסלענדער, „דער נייער ליטעראַרישער עטאַפּ״, ib; מ. אַשעראָוויטש, אין מינסקער „אָקטיאַבר״, אַפּריל 1928 (ציטירט אין „ליטעראַרישע בלעטער״, 16); ב. אָרשאַנסקי, אין „עמעס״ פון 22/IV, 1928.

קיהן יוחנן (1870 —)

געב׳ אין לאָדז אין אַ משפּחה פון רבנים, רביים, מחברים. אַז״ו. זיך פאַרנומען מיט מסחר, דאַן געווען אַ חזן, פאַרפאַסט פילע חזנישע קאָמפּאָזיציעס, געווען הויפּטמיטאַרבעטער פון בירנבוימס „ירחון החזנים״ אין טשענסטאָכאָוו. קאָרעספּאָנדירט אין „הצפה״, „הצפירה״, גאַליציִשן „העברי הצעיר״. שפּעטער זיך באַזעצט אין ווין, וואו ער איז באַשעפטיקט אַלס לערער פון העברעיִש און קאָרעספּאָנדענט פון דער לאָנדאָנער „צייט״. אַ געוויסע צייט אויך פון „לאָדזער טאָגעבלאַט״, „קענעדער אָדלער״ א״אַ. האָט אויך געשריבן פעליעטאָנען און סקיצן אין „העולם״, ירושלימער „התור״, וואַרשעווער „היום״ א״ר פון י. העפּטמאַן, „ווילנער מאָרגנצייטונג״, 1917 — 18. אין כתב־יד — אַ ביכל אין יידיש איבער שטים־בילדונג.

קיווין ש. (12/VI 1886 —)

פּס״נ פון שלמה־חיים קאַפּעלושניק. געב׳ אין טשעריי, מאָהליעווער גוב׳, אין אַ באַלעבאַטיש־חסידישער פאַמיליע.

זיין פאָטער, אברהם, איז געווען אַ קרעמער. ביז 14 יאָר גע־געלערנט אין חדר און ביי אַ ספּעציעלן רבין, גלייכצייטיק אויך געלערנט ביי פּריוואַטע לערער אַלגעמיינע לימודים, דערנאָך אַוועקגעפאָרן קיין וויטעבסק, וואו געענדיקט אַלס עקסטערן גימנאַזיע. נאָך אין דער יוגנט אַריין אין דער נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישער באַוועגונג, האָט ק׳ סוף האַרבסט 1902 צוזאַמען מיט אַ 12—15 חברים אָרגאַניזירט אין וויטעבסק אַ פ״צ־גרופּע און א״פ עקיבא געווען טעטיק אַלס מיטגליד פון איר קאָמיטעט, אָנגעפירט די פּראָפּאַגאַנדיסטיש־אָרגאַניזאַציאָנעלע אַרבעט, געשטאַנען בראש פון דער אַ״ג „פאָרשטייער־סכאָדקע״, אַרויסגעגעבן אַ 4—5 בלעטלעך, פון זיי אַ פּאָר געדרוקטע — איינע וועגן זעלבסטשוץ — און די איבעריקע העקטאָגראַפירטע (צוזאַמען מיט דעם קאָמיטעט־מיטגליד ליפּקינד). זומער 1903 פאַראייניקט די צוויי פ״צ־אָרגאַניזאַציעס אין פּאָלאָצק, דאַן געשאַפן אַ ריי אַנדערע אָרגאַניזאַציעס אין וויטעבסקער געגנט, סוף 1904 אַרעסטירט געוואָרן אויפן וויטעבסקער וואָקזאַל, 1905 זיך באַטייליקט אין דער

פאַרטיי= באַראַטונג אין טאָלאָטשין
און לויט דעם באַשלוס פון דער באַראַטונג
זיך באַזעצט אין אָרשע, געאַרבעט אין
ראַיאָן, אויף אַ ציוניסטישער ראַיאָן=קאָנ=
פערענץ אין מינסק זיך באַקענט מיט די
פאַרטרעטער פון דער מינסקער שיטה
אין פּ"צ און געהאַט מיט זיי לאַנגע
דיסקוסיעס, אויף דער פאַרקאָנפערענץ
פון די אַ"ג „ציוני ציון" אין פרייבורג
זיך באַגעגנט מיט אַנדערע פּ"צ=דעלע=
גאַטן, אָבער דאָרט האָט זיך זיי נאָך
ניט איינגעגעבן צו אָרגאַניזירן זיך אַלס
פראַקציע, און ערשט אין באַזעל בעת
דעם ציוניסטישן קאָנגרעס האָט זיך
אָנגעהויבן די אַרבעט צו שאַפן די מעג=
לעכקייט פאַר אַ איינהייטלעכער אַרויס=
טרעטונג פון די פּ"צ=כוחות אויפן קאָנ=
גרעס. צוריקגעקומען איבער ציריך און
ווין קיין אָרשע, אָנגעפירט אַ קאַמף קעגן
די סיימיסטן, וועלכע האָבן דאַן אָנגע=
הויבן אַריינצודרינגען אין דער פאַרטיי,
און היות די וויטעבסקער אָרגאַניזאַציע
איז באַהערשט געוואָרן פון די סיימיסטן,
האָט ק' זיך גענומען צו פאַרפעסטיקן די
אָרגאַניזאַציע פון מינסק און ראַיאָן,
געפאָרן פון שטעטל צו שטעטל פער
באַן און פער אַקס, אומעטום אַרויסגע=
טראָטן אויף מיטינגען און פאַרזאַמלונגען,
דורכגעפירט דיסקוסיעס מיטן „בונד",
ס"ס און סיימיסטן. זינט סוף 1905 גע=
שטאַנען אין די ערשטע רייען פון דער
פּ"צ=באַוועגונג, דורכגעמאַכט אַלע אירע
עוואָלוציעס, געהאָלפן אויסקריסטאַליזירן
די פאַרטיי=אידעאָלאָגיע, געווען איינער פון
די ערשטע יידישע רעדנער פון דער פאַרטיי
און פון אירע אָנגעזעענסטע פּובליציסטישע
קרעפטן. 1905—6 דורכגעפירט אַ גרויסע
אָרגאַניזאַציאָנעלע אַרבעט פאַר דער
פאַרטיי אין מינסק, ווילנע, דרום=רוסלאַנד,
אַ געוויסע צייט אָנגעפירט דעם סעקרע=
טאַריאַט פון דעם צ"ק, פון דעצעמבער
1906 ביז סעפטעמבער 1907 געווען טעטיק
אין אָדעס, דאַן אַוועק אין מילטער=דינסט,
בשעת דעם האַלביעריקן אורלויב דורכ=
געפאַלן ביי דער זשאַנדאַרמעריע און
אַריבער אויף אומלעגאַלער אַרבעט אין
פאַרשיידענע שטעט פון ווייסרוסלאַנד
און ווילנער קאַנט, אין די יאָרן פון דער
רעאַקציע, 1909—11, געווען איינער פון
די ווייניקע פאַרבליבענע פּ"צ=פירער אין
רוסלאַנד, אויף דער פאַרטיי=קאָנפערענץ
אין אויסלאַנד אויסגעוויילט געוואָרן אין
רוסלענדישן צ"ק, אין ווילנע אין משך פון
ווינטער 1911—12 רעדאַקטירט די זמ"ה „די
צייט", „דער געדאַנק" און „אונזער צייט",
געהאָלפן אויך צו אָרגאַניזירן אַ ס"ד=אָר=
גאַניזאַציע פון די רוסישע גאַרבער, צוליב
אומזיכערקייט מצד דער פּאָליציי סוף
1912 פאַרלאָזט ווילנע, פיר חדשים פאַר=
בראַכט אין ווין, דאַן שטודירט אין דעם
עלעקטרישן אינסטיטוט אין נאַנסי, גע=
פירט אַ פּ"צ=אַרבעט צווישן דער יידי=
שער סטודענטנשאַפט אין אויסלאַנד, זיך
באַטייליקט אין דעם סטודענטישן צו=
זאַמענפאָר אין ציריך 1913, זומער 1914
געקומען קיין רוסלאַנד און צוליב דער
מלחמה פאַרבליבן ביז 1915 אין וויטעבסק.
סוף 1915 זיך באַזעצט אין מאָסקווע און
דאַן האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייער פעריאָד
פון זיין אַקטיווער אָנפירנדיקער אַרבעט
צוזאַמען מיט באַרו, בערלינרויט, טע=
נענבוים א"אַ, לויטן באַשלוס פון צ"ק
סוף אַפּריל 1917 פאַרלאָזט זיין שטעלע
אין „יעוואָפּאָ" און זיך אינגאַנצן געוויד=
מעט דער פאַרטיי, אַ באַזונדערס גרויסע
ראָלע געשפּילט אין דער פאַרטיי אין די
ערשטע יאָרן פון דער אָקטאָבער=רעוואָ=
לוציע. אויף דער מינסקער קאָנפערענץ
1919, ווען דער ליקווידאַטאָרישער פליגל
פון די לינקע פּ"צ האָט געמאַכט דעם

שאַרפן אָנגריף אויף דער פּאַרטיי, איז
ק׳ ניט אַריין אין הויפּטקאָמיטעט און
אָנגעהויבן אַ אָרגאַניזירטן קאַמף פאַרן
מאַרקסיסטישן פּאַלעסטיניזם אין וויטעב=
סקער ראַיאָן, אַרויסגעגעבן אין וויטעבסק
דעם אָרגאַן „דער יידישער אַרבעטער״,
גענומען אויך אַן אַקטיוון אָנטייל אין די
אַלגעמיינע סאָוועטישע אַנשטאַלטן אַלס
פּאָרזיצער פון 1טן שטאָטישן פינאַנץ=
קאָמיטעט אאַז״וו. 1920 האָט ער אין
שליחות פון דער פּאַרטיי אויף דער
5טער וועלטקאָנפערענץ געשפּאָלטן דעם
„וועלט=פאַרבאַנד פּ״צ״ אויף דער פּאָלי=
טישער ליניע פאַרן 3טן אינטערנאַציאָ=
נאַל, שפּעטער אָנגעפירט אַ קאַמף קעגן
נייטראַלן פּאַלעסטיניזם, כמעט אויף אַלע
צוזאַמענפאָרן און קאָנפערענצן פון דער
פּאַרטיי נאָך דער אָקטאָבער=רעוואָלוציע
געהאַלטן רעפעראַטן אָדער קאָררעפע=
ראַטן וועגן די פּאַלעסטינע=אויפגאַבן,
1922 צוזאַמען מיט אַבראַמאָוויטשן דע=
לעגירט אויף דער 6טער אַלוועלטלע=
כער קאָנפערענץ, און ווען אויף דער
קאָנפערענץ האָבן מנצח געווען די ליק=
ווידאַטאָרישע עלעמענטן — צוזאַמען מיט
אַבראַמאָוויטשן און שלימאָוויטשן געשאַפן
דעם אָ״ק פון די לינקע פּ״צ, 1924 —
נאָך דער פאַראייניקונג פון אָ״ק מיטן
קאָמפּאַרבאַנד – אויסגעוויילט געוואָרן אין
פאַרבאַנדסביוראָ, אין וועלכן ער איז
טעטיק עד=היום, וואוינענדיק די לעצטע
יאָרן אין מאָסקווע אַלס אָנפירער פון
דער פּאַרטיי און רעדאַקטאָר פון „דעם
פּראָלעטאַרישן געדאַנק״ — דער אָרגאַן
פון דער פּאַרטיי, וואָס איז אַדאַנק זיינע
באַמיִונגען אַריבערגעפירט געוואָרן אויף
יידיש. האָט זיך אויך באַטייליקט אין פאַר=
שיידענע אַנדערע פּאַרטיי=צייטשריפטן,
רעדאַקטירט די ערשטע אויסגאַבע פון
דער בראָשור „צו דער געשיכטע פון
דער פּאַרטיי״ (אין רוסיש) און Рабочий
класс и рабочее движение в Палестине,
פאַרעפנטלעכט אויך אַן אַרטיקל „באַם
וויגעלע פון דער פּאַרטיי״, אין דעם
גרויסן זמ״ב „יידישער אַרבעטער=פּנקס/
(צו דער געשיכטע פון דער פּועלי=ציון=
באַוועגונג)״, רעדאַקטירט דורך זרובבל
(ב׳ I, קאָאָפּעראַטיווער פ״ג „נייע קול=
טור״, וואַרשע, 1927, ז׳ 648).

זרובבל, אין „רויטן פּנקס״, I; „דער יידישער
אַרבעטער=פּנקס״, ז׳ 77.

קיטאַי משה=מיכל

(13/IV 1886 —) געב׳ אין ריגע. צוליב די
שטענדיקע עסקים מיט וואוינרעכט זיינען
די עלטערן פאַראָרעמט געוואָרן און פון
7 יאָר אָן איז ער דערצויגן אין זאַגער,
וואוהין די מוטער איז אַריבערגעפאָרן
מיט די קינדער; צו 15 יאָר אַרויס פון
חדר, צוריקגעפאָרן קיין ריגע צום פּאָטער,
מאיר=נח, אָנגעקומען פאַר אַ זייגערמאַכער,
געווען אַ מיטגליד פון „דוברי=עברית״=
קרייזלעך, דערנאָך פון „בונד״ און
צולעצט געווען טעטיק אין דער ס״ס=
פּאַרטיי, זומער 1907 געזעסן אין דער
ריגער תּפיסה, דאַן פאַרבראַכט אַ יאָר
צייט אין קאָפּנהאַגן, דייטשלאַנד און
שווייץ, נאָכן צוריקקער קיין ריגע זיך
אַ פּאָר יאָר באַשעפטיקט אַלס צענאַטנ=
מאַכער. ליטעראַרישע טעטיקייט אָנגע=
הויבן מיט אַ שיר אין „דער אידישער
שטימע״ 1910 א״ר פון בעל=מחשבות,
זינט 1912 אין ווילנע מיטגעאַרבעט אין
„דעם טאָג״ א״ר פון ש. שנייפּאַל, וואו
געפירט אַ הומאָריסטישע אָפּטיילונג „אונ=
זער קינעמאַטאָגראַף״, אויך געווען סעק=
רעטאַר פון ליטווינס „לעבן און וויסענ=
שאַפט״, זיך באַטייליקט אין „ווילנער וואָ=
כענבלאַט״, קאָרעספּאָנדירט אין „פריינד״,
אָנהייב 1913 צוזאַמען מיט שנייפּאַלן
אַריבערגעפאָרן קיין באַרדיטשעוו אַלס

מיטאַרבעטער פון דעם ניי=געגרינדעטן טאָגבלאַט „די פאָלקסשטימע" (אַרויס 48 נומ'), דערנאָך אַוועק קיין אָדעס, וואו 5 יאָר מיטגעאַרבעט אין „אונזער לעבן" (זינט סוף 1917, ווען ש. האָכבערג האָט די „ציַיטונג פאַרקויפט די פּ"צ, האָט זי זיך משנה שם געווען אויף „דאָס נייע לעבן"), געווען סעקרעטאַר פון דעם אָדעסער ראַיאָן=קאָמיטעט פון די „פאַראייניקטע", רעדאַקטירט זיין וועכנטלעכן אָרגאַן „אונזער וואָרט" (אַרויס 7 נומ'), דאַן אַריבער אין קיעוו, מיטגעאַרבעט אין „דער נייער צייט" און אין איר המשך „די קאָמוניסטישע פאָן", נאָך דער אָקופּאַציע פון קיעוו דורך די פּאָליאַקן 1920 אַוועק קיין קאַטערינאָסלאַוו, וואו מיטגעאַרבעט אין דער אָרטיקער רוסישער און יידישער פּרעסע, אַ געוויסע צייט געלעבט אויך אין האָמעל און מאָסקווע, זומער 1921 צוריקגעקומען קיין ריגע, מיטגעאַרבעט אין „פאָלק" ביז סוף 1922, ווען דער גאַנצער רעדאַקציאָנעלער פּערסאָנאַל (נ. אַבראַמאָוויטש, מ. אייזנשטאַט, ה. אַקצין, בן=תמר, מ. הערצבאַך, יאַנוס, מ. יאָ, ב. מאַראַן, מ. מ. ראַזומני, י. שאַצקעס=לעווין, אחוץ מאָושאָוויטש=הערץ) האָט פאַרלאָזט די ציַיטונג צוליב איר פּאַרקויפטקייט (זע דעם פּאַמפלעט „געלע פּרעסע", ריגע, דעצעמבער 1922, ז. 24), צוזאַמען מיטן קינסטלער מיכאל יאָ אַרויסגעגעבן 5 הומאָריסטישע ליטעראַרישע יום=טוב=בלעטער קעגן דער אגודה און די ציוניסטן, געווען סעקרעטאַר און רעדאַקציע=מיטגליד פון פּ"ג „אַרבעטערהיים" און פון דעם וואָכנבלאַט „די נייע צייט" א"ר פון שאַך=אַנין, דאַן טעכנישער רעדאַקטאָר פון „וועג", „אונזער וועג", מיטגרינדער פון די „לעצטע נייס" (1925), וואו געפירט די הומאָריסטישע אָפּטיילונג „דער אשמדאי", זיך אויך באַטייליקט אין ה. אַקצינס וויצבלאַט אונטער דעם דאָזיקן נאָמען, קאָרעספּאָנדירט אין נ"יער „טאָג" אאַז"וו. אָנהייב 1926 געווען איינער פון די גרינדער פון דעם טאָגבלאַט „פרימאָרגן", וואו ער איז סעקרעטאַר פון דער רעדאַקציע. האָט געשריבן דערציילונגען, פעליעטאָנען, טעאַטער-רעצענזיעס, אַרטיקלען אאַז"וו, אויך א"פ מ. ק—י, מ. מ. ק., כי=טוב, לי=כונטשאַנג, מ. טאַנין, תנין, מ. איטעס, אמן, כעסן, א. ז. יאַט, מיכעלע, משהלע, דער רויטער, רונדשטיין, קיט א"אַ. צ"אַ פאַרעפנטלעכט אַרייַ אַרטיקלען צו דער געשיכטע פון דער יידישער פּרעסע, דערהויפּט אין באַלטישן קאַנט, אויך זכרונות וועגן לינעצקי, פּרוג (אין „ליטעראַרישע בלעטער").

קייזער א. מ. — פּאַרפאַסער פון אַ ביכל א"ט „דער באַנדיט פון ירושלם"— אַ פּאַמפלעט קעגן אַ געוויסן האָטעל=אייגנטימער וואַרשאַווסקי אין ירושלים (יפו, תרע"ג) — איינע פון די ווייניקע יידישע אויסגאַבן, וואָס זיינען אַרויס אין ארץ=ישראל.

מיטטיילונג פון ש. ערנסט.

קייזערמאַן (=וויטאַל) חנניה=מאיר (6/III 1884 —) געב' אין פּיאַטראַ=ניאַמץ, רומעניע. געענדיקט די מיטלשול און קאָמערץ=שול אין יאַס, אויסגעוואַנדערט קיין פראַנקרייך, וואו געווען אונטער דער השפעה פון סינדיקאַליזם, שפּעטער אַריין אין דער פּ"צ=באַוועגונג, 1910 געקומען קיין קאַנאַדע, געהאָלפן בויען די שניידער=יוניאָס, געווען איינער פון די גרינדער פון דעם „קאַנאַדער פאָלקס=פאַרבאַנד פאַר די

מלחמה־לייִדנדע", גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין אָרגאַניזירן דעם „קאַנאַדער יידישן קאָנגרעס" און די גאַנצע צייט געווען הויפּט־סעקרעטאַר פון קאָנגרעס, איינער פון די הויפּט־אָרגאַניזאַטאָרן פון דעם יידישן אימיגראַנטן־הילפס־פאַראיין, אַ וויכטיקע אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט 20 אָפּטיילונגען איבער גאַנץ קאַנאַדע און ווערט געשטיצט פון דער יק"אַ. פון יולי 1921 ביז מערץ 1923 פאַרבראַכט אין א"י. — זשורנאַליסטישע טעטיקייט אָנגעהויבן 1908 אין דעם רומעניש־יידישן אָרגאַן Vocea-Dreptetei און דעם סאָציאַליסטישן אָרגאַן Romania Munci-teare, זינט 1910 זיך באַטייליקט אין דער יידישער פּרעסע פון קאַנאַדע, ווי „די פאָלקסצייטונג" א"ר פון ל. כּאַזאַנאָוויטש, אין „קענעדער אָדלער", פון וועלכן ער איז עד־היום אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער, אין טאָראָנטער „אידישען זשורנאַל", אין וויניפּעגער „דער בעזים" א"ר פון י. מאַלאַמוט, אין י. י. סיגאַלס „ביואַנסען", ד"ר יהודה קויפמאַנס „דאָס פאָלק", מאָנטרעאַל 1917, „אידישען אַרבייטער", א"ר פון ל. מעלצער, 1919, דעם „קאַנאַדער וואָכנבלאַט", אויך אין אויסערקאַנאַדישע צייטשריפטן, ווי „דער וועג" א"ר פון ר. ברײנין, „אידישער קעמפּפער", „פּ. אַ. ש."‚ „די צייט" פון נ"י און פון לאָנדאָן, „דואר היום" און „השדה" פון א"י, אין Canadian Jewish Chronicle א"אַ. געשריבן רעצענזיעס איבער טעאַטער, קונסט, מוזיק און ליטעראַטור, פּובליציסטישע, פּאָליטישע און עקאָנאָמישע אַרטיקלען, צ"אַ אַ לאַנגע סעריע „עקאָנאָמישע פּראָבלעמען אין ארץ ישראל" (אין „קענעדער אָדלער" 1923), אַ ריי פּאָעמען און עפּיגראַמען (אין „וועג" 1915), אַ ריי איבערזעצונגען פון וויניפרעד סטאַנערס בוך „נאַטירלעכע דערציִונג", פון מירבאָס דערציילונגען אאַז"וו. וואוינט אין מאָנטרעאַל, וואו איז באַשעפטיקט אַלס בוכהאַלטער־עקספּערט.

קייש אורי (18... —)

זאָל — לויט י. באָטאָשאַנסקי — שטאַמען פון בעסאַראַביע און זאָל האָבן דורכגעמאַכט דעם פּאָגראָם אין קאַלאַראַש, דאַן מגולגל געוואָרן קיין רומעניע, וואו ער האָט אַרום 1907 אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן אַ צווייוועכנטלעכע ציוניסטישע צייטונג א"ט „די ריכטיגע יודישע צוקונפט", וועלכע איז נאָך דער אָפּשטעלונג פון „דעם וואהרען היועץ" געווען אַ צייט די איינציקע יידישע צייטשריפט אין רומעניע. גלייכצייטיק איז ער אויך געווען טעטיק אַלס פאָלקסרעדנער און אַרומפאָרנדיק איבער די שטעט און שטעטלעך פון רומעניע, פלעגט ער אויסנוצן זיינע ציוניסטישע דרשות אין די שולן אויך כּדי צו זאַמלען אַבאָנענטן פאַר זיין בלאַט. אַ פאָלקסטימלעכער מענטש, אָן שום בילדונג, ווייזט אויס, האָט ער דאָס רוב אויסגעפילט די צייטונג מיט אויסשניטן פון די אַמעריקאַנער יידישע צייטונגען, אָבער ביי דעם גאַנצן בטלנישן כאַראַקטער פון „דער ריכטיגער יודישער צוקונפט", מוז מען אונטערשטרייכן, אַז די שפּראַך אירע איז געווען אַ גאַנץ ריינע, וואָס ס'איז נאָך מער חידוש, ווען מען מ'נעמט אין אַכט דאָס באַרבאַרישע טייטשמעריש פון אַ סך אַנדערע יידיש־רומענישע אויסגאַבן. זי איז ערשינען מיט אייניקע הפסקות ביז אומגעפער 1916, אַ געוויסע צייט אין בוקאַרעשט. (דער נומער פון 8/III 1914, וואָס געפינט זיך אין יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט, איז דער 157סטער). לעצטנס האָט ק' ווידער באַנייט זיין אָרגאַן, אין גאַלאַץ, שוין א"ט „די אידישע צוקונפט".

לויט ש״ס־ראָמאַנס דאַטן איז „די יודי־שע צוקונפט״ ערשינען אין יאַס נאָך אין 1899 דריי און 4 מאָל אַ וואָך אַלס „אָרזאַן פיר ציוניזמוס, קולטור אונד אַלגעמיינע יודישע אינטערעססען״.

מיטטיילונג פון יעקב גראַפּער; יעקב באָטאָ־שאַנסקי, „זכרונות וועגן די ערשטע פּרואוון פון דער יידישער ליטעראַטור אין רומעניען״ (זייער אַ נעגאַטיווע כאַראַקטעריסטיק פון ק׳), אין „דער פּרעסע״ פון 15/XI 1927.

קיסין י. (5/VIII 1886 —) פּס״נ פון יקותיאל גאַרניצקי. געב׳ אין קאָוונע. זיין פאָטער, ישראל־יעקב, איז געווען אַ מגיד. באַקומען אַלגעמיינע ביל־

דונג ביי פּריוואַ־טע לערער, באַ־זונדערס שטאַרק באַאיינפלוסט גע־וואָרן פון דער רוסישער ליטע־ראַטור, פון פּוש־קינען ביז די רוסישע סימבאָליסטן, און זייער פרי אָנגעהויבן צו שרייבן. סוף 1904 געקו־מען קיין אַמעריקע, האָט ער זינט 1916 פאַרעפנטלעכט לידער, דערציילונגען, קריטישע אַרטיקלען, איבערזעצונגען אין פאַרשיידענע צייטשריפטן, ווי „ליטע־ראַטור און לעבען״, „טאָג״, „צוקונפט״, „נייע וועלט״, „פ. א. ש.״, „דער איג־זעל״, „דער פריינד״—אָרגאַן פון אַרבע־טער־רינג, „דער וועקער״ א״אַ, אויך א״פ י. גאָרן, זיך באַשעפטיקט מיט אַלערליי ליטעראַרישע אַרבעטן, רעדאַקציאָנעלע קאָמפּילאַציעס, איבערזעצונגען, אַ פּאָר יאָר געאַרבעט אין דער רעדאַקציע פון דעם וואָכנבלאַט „די נייע וועלט״—דעם אָרגאַן פון דער יידישער סאָציאַליסטי־שער פעדעראַציע, דערנאָך געווען סעק־רעטאַר פון „דער צוקונפט״. פון זיינע אַרבעטן זיינען אין בוכפאָרם אַרויס: אַ ב׳ פאָעמען און עסייען פון עדגאַר עללען פּאָו און אַן אָפּהאַנדלונג איבער פּאָו (פ״ג „אידיש״, נ״י, 1920, צווייי אויפלאַגן, די 2טע — אַ פאַרפולקומטע); „דער וועג צו פרייהייט״ ראָמאַן פון אַרטור שניצלער (דערז׳ פ״ג); „דער איד״ — ראָמאַן פון דעם דעניש־יידישן שריפטשטעלער א. גאָלדשמידט, איבער־געזעצט משמעות פון דער רוסישער איבערזעצונג (פ״ג „נייע וועלט״, 1921); „אין רוסישע און פראַנצויזישע תפיסות״ פון פּ. קראָפּאָטקין (פ״ג פון דער „קראָ־פּאָטקין־געזעלשאַפט״, נ״י, 1922). אַליין אַ פיינער פאָרם־דיכטער, האָט ק׳ גע־געבן אויך גוטע איבערזעצונגען פון פרעמדשפּראַכיקע, דערהויפּט רוסישע און ענגלישע דיכטער, צ״אַ פון מאַקסים גאָרקי („דער שטורעמפויגעל״), אַ. פּוש־קין („דער נביא״), מ. לערמאָנטאָוו („דער נביא״) — אין ב. וולאַדעקס אַנטאָלאָגיע „אויס דער טיפעניש פון האַרץ״, עדגאַר פּאָו („עלדאָראַדאָ״) — אין „דער נייער וועלט״ פון 28/V 1920, היינריך היינע — אין דער 8בענדיקער אויסגאַבע פון זיינע ווערק פון פ״ג „אידיש״, סעמיועל טיילאָר קולרידזש („דער אַלטער מאַט־ראָס״ — פּאָעמע, אין „צוקונפט״ 1923, I), אָמאַר כאַיאַמס „רובאַיאַט״ — אַ פרייע איבערדיכטונג פון דעם ענגלישן דיכטער פיצדזשעראַלדס נאָך פרייערער איבער־דיכטונג פון דעם גרויסן פערסישן דיכ־טערס „רובאַיען״ — די פירשורהדיקע עפּיגראַמען אין אַ פיר־ אָדער פינף־פיסיקן יאַמבוס—מיט אַ אינפאָרמאַטיוון אַריינפיר וועגן „רובאַיאַט״ (אַ טייל פון וועלכן נאָך פריער פאַרייִדישט פון יהואש, מאַני־לייב, נתן האָראָוויץ און צולעצט פון ד״ר אברהם אייסען) — אין „צוקונפט״ VII, 1925. פון זיינע אָריגינעלע אַרבעטן

איז צו דערמאָנען זיין אָפּהאַנדלונג „אונזער" קריטיק און אונזערע ווער־ליבריסטען", וואו ער באַהאַנדלט דערהויפּט די טעאָריע פון די יידישע אינטראָספּעקטיוויסטן („די נייע וועלט", 1920, מאַי—יוני), זיינע אָפּשאַצונגען איבער ב. גלאַזמאַן, בריוסאָוו („צוקונפט", 1922,IV, 1924, XII), סערגעי יעסענין (אין „וועקער" פון 16/I 1926), זיין ליד „אַלעקסאַנדער בלאָק" („צוקונפט", 1921, XI) א"אַ. פון זיינע קלענערע איבערזעצונגען—ריינער מאַריאַ רילקעס אַרטיקל וועגן אַוגוסט ראָדען (אין זמ"ב „אינזעל") אאַז"וו. נאָך ניט פאַרעפנטלעכט אַ גאַנצע ריי איבערזעצונגען אין פערזן און פּראָזע, צ"אַ אַ זאַמלונג דערציילונגען פון דזשעק לאָנדאָן.

קיסמאַן יוסף (13/VII 1889—) געב' אין דאָרף פּאַלטינאָסאַ, בוקאָווינע, אין אַ פרומער סוחרישער פאַמיליע. ביז 13 יאָר אויפגעצויגן אין דאָרף, ביז 15 יאָר געלערנט גמרא, גלייכצייטיק פון 12 יאָר אָן אַלס עקסטערן זיך געגרייט צו דער גימנאַזיע, וועלכע פון 5טן קלאַס אָן באַזוכט אין סערעט, 1908—13 יאָר שטודירט אין ווינער אוניווערסיטעט און געענדיקט אַלס ד"ר יורי. נאָך אַלס גימנאַזיסט צוגעשטאַנען צו דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, באַטראַכט זיך פאַר אַ דייטשן סאָציאַליסט, אָפּגרענעצנדיק זיך פון די „זשאַרגאָנישע אידעאַלן", וועלכע האָבן דאַן אָנגעהויבן אַריינצודרינגען אין די קרייזן פון דער יידישער שטודירנדיקער יוגנט. אָבער זיך באַקענט מיט די ווערק פון י"ל פּרץ און ד"ר נתן בירנבוימס איבערזעצונג,

וועלכע האָבן אויף אים געמאַכט אַ שטאַרקן רושם, האָט ער אָנגעהויבן צו לייענען יידישע ליטעראַטור. אונטער דער ווירקונג פון א. רייזען, דער בונדישער פּאַרטיי־ליטעראַטור און בפרט פון דער טשערנאָוויצער שפּראַכקאָנפערענץ זיך „מגייר" געווען פון אַ דייטש־קאָסמאָפּאָליטישן סאָציאַליסט אויף אַ שטאָלצן אָנהענגער פון יידיש. אָנגעהויבן זיין זשורנאַליסטישע טעטיקייט אין יידיש 1907 אין דעם קראָקעווער „סאָציאַל־דעמאָקראַט", האָט ער דאָס וואָכנבלאַט אין די יאָרן 1910—12, ווען עס איז שוין אַריבערגעטראָגן געוואָרן קיין לעמבערג, אויך רעדאַקטירט, שפּעטער רעדאַקטירט „די פרייע יוגענד" אין טשערנאָוויץ, 1913—14, זיך אויך באַטייליקט פון צייט צו צייט אין „פריינד", „פאָרווערטס", אויך אין פאַרשיידענע סאָציאַליסטישע צייטשריפטן פון עסטרייך, דייטשלאַנד, שווייץ, רומעניע, צ"אַ איבערגעזעצט אייניקע זאַכן פון יידיש אין דער בערלינער אויסגאַבע Aus fremden Zungen, בעת דער אינוואַזיע פון די רוסן אין בוקאָווינע אַנטלאָפן קיין רומעניע, פון דאַנען קאָרעספּאָנדירט אין דער Arbeiter-zeitung, נאָכן אַריינטריט פון רומעניע אין דער מלחמה — פאַר זיין קאָרעספּאָנדירן אין דער דאָזיקער צייטונג אַ יאָר צייט געזעסן אין דער רומענישער תפיסה, זינט יולי 1919 אין משך פון אַ יאָר צייט רעדאַקטירט אין ווין דעם אָרגאַן פון דער בונדישער אָרגאַניזאַציע „דער וועקער", אין דעם פ"ג פון דער דאָזיקער צייטשריפט אַרויסגעגעבן די בראָשורן „ראָזאַ לוקסעמבורג און קאַרל ליבקנעכט" (צו זייער ערשטן יאָרצייט, ז' 16) און „די יודען אין דער סאָציאַלער רעוואָלוציע" (ז' 32; געווען אויך איבערגעדרוקט אין דער נ"יער „נייער וועלט", 1921), וואו ער באַהאַנדלט אויף דעם גורל פון

דער יידישער קולטור ביים אויפבויען די סאָציאַליסטישע מלוכה און איז דערהויפּט אויסן די פּאָלעמיק מיט די לינקע פּ"צי. פון זיינע אַנדערע אַרבעטן איז צו פאַרצייכענען: „די לאַגע פון די יידן אין רומעניע" (אין ווינער ס"ד'ישן חודש־זשורנאַל Der Kampf, 1918); „פּראָבלעמען פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע" — אין דעם וועכנטלעכן אָרגאַן פון דעם „בונד" אין גרויס־רומעניע „דאָס נייע לעבן", טשערנאָוויץ 1920, „גרויס־רומעניע און איהרע אידען / די פאַרגאַנגענהייט און די געגענוואַרט" („צוקונפט", 1923, X). ק' איז געווען סעקרעטאַר פון דער יידישער באַנק, געגרינדעט פון דד"ק און צ"ק פון „בונד" מיט דעם ציל אָפּצובויען די בשעת דער מלחמה צעשטערטע יידישע הייזער אין בוקאָווינע. מיטגליד פון צ"ק פון „בונד" אין רומעניע, מיטגליד פון דער רעדאַקציע פון דעם פּאַרטיי־אָרגאַן „דאָס נייע לעבן" (צוליב רעפּרעסיעס פון דער מאַכט שפּעטער זיך משנה שם געווען אויף „שטראַל" און צולעצט אויף „נייע צייטונג", וואָס גייט אַרויס צוויי מאָל אַ וואָך א"ר פון ד"ר יעקב פּיסטינער). געווען אויך מיטגליד פון צ"ק פון דער יידישער קולטור־פעדעראַציע אין רומעניע, איידער זי איז אַריבער צו די לינקע פּ"צ, און פּרעזידענט פון פּ"ג „קולטור". 1923 באַזוכט אַמעריקע אין די אינטערעסן פון די אָרגאַניזאַציעס, וואָס זיינען פאַרבונדן מיטן „בונד". האָט אויך געשריבן א"פּ י. ק—מאַן, קלמן, קיף, אַ רויטער.

קיסעלהאָף זוסמאַן (אַרום 1876 —) געב' אין וועליזש, וויטעבסקער גוב'. באַקומען אַ טראַדיציאָנעלע יידישע דערציִונג, האָט ער שפּעטער געענדיקט דעם יידישן לערער־אינסטיטוט אין ווילנע און געווען לערער אין אַ קרוניש־יידישער פאָלקסשול אין וויטעבסק, 1905 איינגעלאַדן געוואָרן פאַר אַ לערער אין דער שול פון דער „חברה מפיצי השכלה" אין פּט"ב. איינער פון די פּיאָנירן פון דער יידישער פאָלקס־מוזיק, אַ פלייסיקער זאַמלער פון יידישע פאָלקסלידער, האָט ער זיך באַטייליקט אין פאַרשיידענע עטנאָגראַפישע עקספּעדיציעס, אויף וועלכע ער האָט פאַרשריבן די יידישע מוזיקאַלישע פאָלקסשאַפונגען און אויסגעניצט דעם געזאַמלטן מאַטעריאַל פאַר זיין הויפּטווערק, דאָס „לידער־זאַמעלבוך פאַר דער אידישער שול און פאַמיליע" (אַרויסגעגעבן פון דער „געזעלשאַפט פאַר יידישער פאָלקסמוזיק", פּט"ב—בערלין, 1912, 2טע פאַרבעסערטע און פאַרגרעסערטע אויסגאַבע—1913, נייע אויסגאַבע—פאַרלאַגסגעזעלשאַפט פאַר יידישער מוזיק „יובל", בערלין, 1923). די אויסגאַבע איז צוגעגרייט געוואָרן פון אַ קאָמיסיע פון פאָרשטייער פון דעם מוזיקאַלישן קאָמיטעט פון „דער געזעלשאַפט פאַר יידישער פאָלקסמוזיק", פון דער „חברה מפיצי השכלה" און פון די לערער פון די שולן פאַר יידישע קינדער אין פּט"ב; כמעט דער גאַנצער מאַטעריאַל פון דעם זמ"ב איז צונויפגעזאַמלט געווען דורך ק', אייניקע לידער זיינען גענומען פון די קאָלעקציעס, וואָס עס האָבן פאַרשריבן יוליוס ענגעל און לעאָ ווינץ; די מוזיקאַלישע באַאַרבעטונג און די האַרמאָניזאַציע פון די פאָלקסלידער פאַר אַ דריישטימיקן כאָר אָדער סאָלאָ, מיט באַגלייטונג פון קלאַוויר אָדער האַרמאָניום, איז אויסגעפירט געוואָרן פון די באַגאַבטע קאָמפּאָניסטן און אויסגעצייכנטע טעאָרעטיקער אַ. זשיטאָמירסקי און פּ. לוואָוו, דאָס זמ"ב, וואָס אַנטהאַלט 85 לידער, באַשטייט פון 5 אָפּטיילונגען: 1) פאָלקסלידער פון רעליגיעזן כאַראַק־

טער, 2) וועלטלעכע פאָלקסלידער, 3) ניגונים אָן ווערטער—דערהויפּט חסידישע, 4) קינסטלערישע אָפּטיילונג, וואָס אַנטהאַלט די בעסטע קאָמפּאָזיציעס פון יידישע און ניט=יידישע מוזיקער, און 5) טראָפּ; די איבערזעצונגען פון די טעקסטן צו דער פערטער אָפּטיילונג זיינען אויף העברעיש געמאַכט פון שאול טשערניכאָווסקי און אויף יידיש—פון מ. ריוועסמאַן. אַחוץ דעם ריין עטנאָגראַפישן אינטערעס האָט דאָס זמ״ב אויך אַ גרויסע נאַציאָנאַל=קינסטלערישע און פּעדאַגאָגישע באַדייטונג — אַלס ערשטע און סאָלידסטע אויסגאַבע פון יידישע פאָלקסלידער אין אַ קינסטלערישער באַאַרבעטונג. ק׳ האָט אויך צונויפגעשטעלט דעם רעפעראַט „איבער אידישער פאָלקסמוזיק״ פאַר דער ביי זיין אָנטייל געגרינדעטער״ געזעלשאַפט פאַר יידישער פאָלקסמוזיק״, וועלכער איז אין אַ ליטאָגראַפירטער אויסגאַבע פאַרשפּרייט געוואָרן פון דער געזעלשאַפט און האָט מיטגעווירקט צו פּאָפּולאַריזירן אירע אויפגאַבן. באַקאַנט אַלס אויסגעצייכנטער כאָר=דיריגענט, איז ער עד=היום טעטיק אַלס אַזעלכער אין לענינגראַד.

לאַזאַר סאַמינסקי, Объ еврейской музыкѣ, ז׳ 35—40.

קיען אַדעלאַ (1863 —)

געב׳ אין מאָהליעוו=פּאָדאָלסק. איר פאָטער, מענדל כין, אַ משכיל און אַ תלמיד=חכם, איז געווען אַ אָנגעזעענער באַלעבאָס אין שטאָט. באַקומען די בילדונג פון אַ הויז לערערין, האָט זי פון יונגוויז אויף=געגעבן אומזיסטע לעקציעס אָרעמע שילער, דערמיט געצויגן אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט פון דער פּאָליציי, וועלכע האָט זי חושד געווען אין ניהיליזם, 1888 אַוועק קיין אַמעריקע, אַריין אין דער יידישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. חתונה געהאַט מיט דעם באַוואוסטן סאָציאַליסטישן טוער און אַגיטאַטאָר מ. זאַמעטקין, איז זי געקומען אין ענגער פאַרבינדונג מיט דער דעמאָלטיקער יידישער סאָציאַליסטישער פּרעסע „אַרבייטער צייטונג״ און „אבענד בלאַט״, וואו זי האָט פון צייט צו צייט געשריבן, גענומען זייער אַ טעטיקן אָנטייל אין דער גרינדונג פון „פאָרווערטס״ (פון וועלכן איר מאַן איז געווען דער ערשטער רעדאַקטאָר), געווען אויסגעוויילט אַלס קאַסירערין פון דער צייטונג, אָפט דאָ געשריבן, צוזאַמען מיט איר מאַן איבערגעזעצט אויף יידיש טשערנישעווסקיס ראָמאַן „וואָס טוט מען?״ און עמיל זאָלאַס ראָמאַן „די צווייפיסיקע חיה״ (La Bête Humaine), אָבער איר וויכטיקסטע אַרבעט אַלס זשורנאַליסטין איז פאַרבונדן מיט דער צייטונג „דער טאָג״, וואו זי האָט אין משך פון איבער 10 יאָר געשריבן די אָפּטיילונגען „פון אַ פרוי צו פרויען״ און „אין דער פרויען וועלט״. די דאָזיקע וועכנטלעכע אַרטיקלען, וואו זי האָט די ערשטע אין דער יידיש=אַמעריקאַנישער פּרעסע פּאָפּולאַריזירט די נייע אידעען פון נאַטירלעכן עסנוואַרג, מאָדערנער הויזפירונג, קינדער=דערציִונג, פרויענרעכט, געבורטסקאָנטראָל (נעאָמאַלטוזיאַניזם), יודזשעניקס אאַז״וו, זיינען באַלד געוואָרן זייער פּאָפּולער. זי איז אויך אויפגעטרעטן אַלס לעקטאָרין איבער פאַרשיידענע טעמעס.

קיפּנים איציק (12/XII 1896—)

געב׳ אין סלאָוועשניע, אָווּרוטשער דיסטריקט, וואָלין. זיין פאָטער, נחום, אַ יודע=ספר און אַ משכיל, אַ מענטש מיט אַ מוזיקאַלישן חוש, אַ ליבהאָבער פון פידלשפּילן, פון פאַך אַ גאַרבער, האָט אים געלאָזט ביז בר=מצווה לער=

נען אין חדר, אויך ביי פּריוואַטע לערערס אין דעם היים; דאַן האָט איציק אַ יאָר אַכט, מיט קליינע איבעררייסן, געאַרבעט אין פאַרשיידענע גאַרבערייען אין שטעטל און דער נאָענטסטער סביבה. אַרום 1920 געשיקט פון זיין לעדער-פאַראיין קיין קיעוו זיך לערנען, אַ האַלב יאָר געגעבן העברעישע שטונדן,

אַ האַלב יאָר געהאַקט האָלץ איבער די הויפן פון שטאָט. פון 12—13 יאָר אָן געשריבן אין העברעיש, יידיש, רוסיש, האָט ער זיך אין קיעוו געטראָפן מיט דוויד האָפשטיינען, אַריין אין דער סביבה פון די יידישע שריפטשטעלער און ביסלעכווייז זיך אויך אָנגעהויבן צו דרוקן. זינט 1922 האָט ק' זיך באַטייליקט אין מאָסקווער זמ"ב „שטראָם" (III—„געגנאָד", מיניאַטורן אין פּראָזע), אין ביידע זמ"ב „באַרג אַרויף", אין דער קיעווער „קאָמפאָן", וואַרשעווער זמ"ה „די כאַליאַסטרע", זמ"ב „אוקראַינע", אין חודש-זשורנאַל „די רויטע וועלט", כאַרקאָווער „שטערן" א"אַ אויסגאַבן פון ראַטנפאַרבאַנד; זיינע דערציילונגען זיינען אויך איבערגעדרוקט געוואָרן אין אייניקע אויסלענדישע צייטשריפטן, ווי „ליטעראַרישע בלעטער", נ"יער „פרייהייט" אאַז"וו. אַ נאָמען האָט אים געמאַכט סיי אין ראַטנפאַרבאַנד סיי אין יידישן אויסלאַנד זיין בוך „כאַדאָשים און טעג / אַ כראָניק" (קאָאָפּעראַטיווער פ"ג „קולטור-ליגע", קיעוו, 1926, ז' 150, מיט אַ פאָרוואָרט פון פּראָפ' י. נוסינאָוו א"ט „אַ ווינקל פון יאָר 1919") — איינע פון די וויכטיקסטע ערשיינונגען פון דער נייער יידישער

פּראָזע אין ראַטנפאַרבאַנד, וואָס באַצייכנט דעם צוריקקער צו פּשטות און נאַטירלעכקייט און צו די טראַדיציעס פון דעם קינסטלערישן רעאַליזם אין דער יידישער ליטעראַטור. ק'ס בוך „כאַדאָשים און טעג" איז די שילדערונג פון אַ נייעם גילגול, וואָס אַ מאָטל פּייסי דעם חזנס האָט דורכגעמאַכט אין קאַסרילעווקע אין דער צייט פון דער מלחמה און בירגערקריג... דער טאַלענטפולער אָרעמער „פאָלקס-יתום" איז ניט פאַרפאַלן געוואָרן ערגעץ אין אַמעריקע, ניט אומגעקומען אין און בעת די פּאָגראָמען און בירגערקריג, ער האָט באַקומען אַרום זיך אַ נייע סביבה און באַוויזן אַ וואונדערלעך גרויסע בריהשאַפט — זיך אויסגעלערנט דערציילן וועגן זיך און וועגן אַרומיקע מיט זיין אייגענעם מויל אָן דער הילף פונעם גרויסן קינסטלער ש"ע (דוד בערגעלסאָן). אין סטיל פון פּרימיטיוו, פון אידילע שילדערט ק' אין זיין בוך דאָס יידיש-אוקראַיִנישע שטעטל, די מלחמה, די ווייטע רעוואָלוציע, די שרעקלעכע פּאָגראָמען. דער טאָן וואַקלט זיך צווישן כראָניק און ליריק, אָבער דער לירישער עלעמענט וועגט איבער, און ס'איז מער אַ ליריש-אַווטאָביאָגראַפישע דערציילונג, ווי אַ כראָניק. ניט קוקנדיק אויף אַ געוויסער צעצויגנקייט, אויך אויף דעם פעלן פון איינהייטלעכקייט צוליב דעם דיכטערס כוונה צו געבן אי ריין כראָניקאַלישע באַשרייבונג אי אַ שטיק פאַרליבטע יינגלשקייט, האָט ק'ס בוך אַריינגעטראָגן אַן אָפּפרישונג און אַ באַלעבונג אין דער שטרענגער סכעמאַטישער יידיש-סאָוועטישער ליטעראַטור. די שפּראַך פון דעם בוך איז פריש און פאָלקסטימלעך, קערנדיק יידיש, און הגם אויך אין איר פילט זיך די השפעה פון ש"ע, אָבער דאָס גאַנצע

זוערק איז אָריגינעל, ווי אָריגינעל עס
איז די געשטאַלט פון דעם הויפּטהעלד,
אָט פון דעם דאָזיקן דערוואַקסענעם,
וואָס קוקט אויף דער וועלט מיט די
אָפּטימיסטישע אויגן פון אַ פאַרליבט
ייִנגל. דער אידעאָלאָגישער צוגאַנג צום
שטעטל, וואָס איז ביי ק׳ן דער אייגע=
נער, ווי ביי ש״ע, האָט אין דער יידי=
שער קריטיק פון ראַטנפאַרבאַנד אַרויס=
גערופן אַ געוויסע פּאָלעמיק, אָבער די
ריין קינסטלערישע מעלות פון דעם
ווערק, די אָריגינעלע בילדער און פאַר=
גלייכן, די נייע פרישע טענער אין שיל=
דערן די יידישע בעל=מלאכישע שיכט
האָט אין אַ צייט פון דעם לאָזונג „מיטן
פּנים צום שטעטל״ פאַרשאַפט דעם בוך
אין ראַטנפאַרבאַנד זייער אַ גרויסן ער=
פאָלג. אין דעם סטיל און טאָן פון
„כאַדאָשים און טעג״ איז אויך געשריבן
ק׳ס צווייטע גרויסע דערציילונג „אויפן
וויהאָן״, פון וועלכער קאַפּיטלען פאַר=
עפנטלעכט אין „דער רויטער וועלט״,
1927. די פּשטות, די פאָלקסטימלעכ=
קייט פון ק׳ס שטייגער האָט אים אויך
געמאַכט פאַר איינעם פון די בעסטע
קינדערשרייבער פון דער יונגער יידי=
שער ליטעראַטור. דעביוטירט אויף דעם
געביט פון קינדער=ליטעראַטור אין דעם
חודש=זשורנאַל „פריידז״ (קיעוו, 1922—23),
האָט ער שפּעטער פאַרעפנטלעכט אַ גאַנ=
צע ריי קינדער=זאַכן, אָריגינעלע און
באַאַרבעטע, אויך אין בוכפאָרם, ווי:
„מייסעלאַך״ (פ״ג „קולטור=ליגע״, קיעוו,
1923, ז׳ 65, צייכענונגען פון ב. שיפרין
און מ. עפּשטיין, הילע סאַראַ שאָר), „די
פאַרשטערטע כאַסענע״ — קינדער=פּיעסע
אין איין אַ׳, אין פּערזן (דערז׳ פ״ג,
1924, ז׳ 19, מיט צייכענונגען פון מ.
עפּשטיין), „אַ בער איז געפלויגן / מייסע=
לעך״ (דערז׳ פ״ג, 1924, ז׳ 39, צייכע=
נונגען—סאַראַ שאָר), „מייסעלאַך״ (פ״ג
„סאָראַבקאָפּ״, קיעוו, 1924, ז׳ 71, צייי=
כענונגען סאַראַ שאָר); „העגדעלע און
הערשעלע״; „דאָס ציגיינערל״; „דאָס
פּאַנטאָפעלע״; „הויף=כאַוויירים״; „האָן
געלמאַטקע״ א״אַ. ק׳ האָט אויך פאַר=
עפנטלעכט אַ ביכעלע פּערזן א״ט „אָקסן״
(ז׳ 23) און האָט געגעבן אַ גאַנצע ריי
אויסגעצייכנטע איבערזעצונגען, ווי: „רו=
סישע מייסעלאַך״ (פ״ג „סאָראַבקאָפּ״,
1924, ז׳ 51, צייכענונגען פון סאַראַ
שאָר); „פּעדקע כאַלעמיטניק״ — פון
וו. וויניטשענקאָ („שול= און פּיאָנערן=
ביבליאָטעק״ פון פ״ג „קולטור=ליגע״,
1926, ז׳ 41); „דער ווייסער פּודעל״ —
פון א. קופּרין (דערז׳ פ״ג, 1926, ז׳ 53);
„דאָס גומענע אינגעלע״—פון ד. גריגאָ=
ראָוויטש (דערז׳ פ״ג, 1927, ז׳ 64);
„מאַינאַ ווירא״ — פון וו. דמיטריעוו
און „כאַבאַרדאַ״ פון ע. יאַכאָנטאָוו (דערז׳
פ״ג, 1927, ז׳ 67); „די קליינינקע
פראָים״ — פון סעטאָן טאָמפּסאָן (דערז׳
פ״ג, אַרום 225); „בעק״ — פון דזשעק
לאָנדאָן; „אין נאַכט און אייז״ — פון
פריטיאָף נאַנסען; „ביבי און טשיקאַ״ —
פון קאַראַטי (1925, ז׳ 130); „דאָוויד
קאָפּערפילד״—פון טשאַרלז דיקענס (פ״ג
„קולטור=ליגע״, 1928, ז׳ 342); „1905״—
פון מ. נ. פּאָקראָווסקי (פּאָפּולער=וויסנ=
שאַפטלעכע ביבליאָטעק פון „קולטור=
ליגע״, 1927, ז׳ 63) א״אַ. נאָך ניט
אַרויס אין בוכפאָרם זיינען זיינע איבער=
זעצונגען פון פּאַנאַיט איסטראַטיס ביכל
„מיינע וואַנדערונגען״, מאַרק טווענס
„העקלער פין״ א״אַ, ווי אויך אַ ריי אָרי=
גינעלע מעשהלעך און דערציילונגען. —
איז איינער פון די גרינדער פון דער
„אַסאָציאַציע פון רעוואָלוציאָנערע יידי=
שע שרייבער אין אוקראַינע״ (צוזאַמען

מיט ד. האָפשטיין, איציק פעפער, א. אַבטשוק א"אַ).

ש. גאָרדאָן, אין „שטראָם", V—VI; י. כעזין, אין „ביכער־וועלט", 1923, III—IV; ש. דאָבין, אין „פעדאַגאָגישן „ביולעטען", קיעוו, 1923; נ. לוריע און י. נוסינאָוו, וועגן זמ"ב „אוקראַינע", אין „דער רויטער וועלט"; י. בראָנשטיין, אין מינסקער „שטערן", דעצעמבער, 1926; דוד בערגעלסאָן, „אַ נייער טאַלענטפולער פּראָזע־שרייבער אין סאָוועטנפאַרבאַנד", אין „פרייהייט" פון 27/III 1927; id, אין מינסקער „אָקטיאַבר"; י. ב., אין „ליטעראַרישע בלעטער", 1927, 13; א. דמשק, ib, 1928, 5; ש. ניגער, „די שטילע מרידה אין דער יידישער סאָוועטישער ליטעראַטור", אין „טאָג" פון 19/IX 1927; ח. הורוויץ, אין Nasz Przegląd פון 14/VIII 1927.

קיפּנים מנחם (1878 —)

געב' אין אושאָמיר, וואָלין. זיין פאָטער ישעיה, אַ ייד אַ למדן, וואָס האָט געהאַט אַ שם מיט זיינע חכמות, איז געווען חזן און אויך געהאַט די חזקה אויפן ליכט־פאַרקויף אין שטעטל.

צו 8 יאָר געבליבן אַ קיילעכדיקער יתום און זיך אויפגעהאָדעוועט ביי זיין עלטערן ברודער פייסיע חזן (דעם פאָטער פון דעם העברעישן שריפטשטעלער לעווין ק'). ביז 14 יאָר געלערנט ביי די בעסטע מלמדים פון דער קהלשער תלמוד־תורה און גלייכצייטיק צוגעהאָלפן דעם ברודער זינגען אין טשערנאָבילער בית־מדרש און אויף שמחות, האָט געשמט מיט זיין אַלט, אַזוי אַז די חזנים פון די אַרומיקע שטעטלעך פלעגן פאַר אים גוט באַצאָלן, ער זאָל זיי צוהעלפן ימים־נוראים. צו 15 יאָר פאַרלוירן דעם קינדערשן קול, האָט ער צוגעהאָלפן דעם ברודער אין מאַכן חלבנע ליכט, פון 16 ביז 17 יאָר געלעבט ביי זיינעם אַ ברודער אין אַ דייטשער קאָלאָניע אין וואָלין, אַרומגעפאָרן מיט אַ פערד־און־וועגעלע אויפקויפן פּוטער, אייער, און אַז ס'האָט זיך געמאַכט אַ קעלבל, פלעגט ער אויך אָפּשינדן די פעל. אָבער ווי נאָר ס'האָט זיך אים געוויזן די מענער־שטים, דער טענאָר, איז ער אָנגעקומען אַלס זינגער אין דער קאָרשול אין זשיטאָמיר און זיך געלערנט מוזיק און אויך יידישע און אַלגעמיינע לימודים. דערנאָך געזונגען אַלס סאָליסט ביים באַרימטן חזן בערל מוליער (טאַקע אַ געוועזענעם מוליער) אין זוויהיל, וואו זיך באַקענט מיט מ"ז פייערבערגן און ש"צ זעצערן, פון זוויהיל אַוועק קיין באַרדיטשעוו, אַ שטיקל צייט געזונגען ביי ניסן בעלזער און באַלד אַריבער צו זיידעלע ראָוונער, וואָס איז געווען חזן אין דער ניישטאָטיקער שול אויף ירוחם הקטנס אָרט, מיט זיידל ראָוונער אַרומגערייזט גאַנץ וואָלין, פּאָדאָליע, קיעוו, בעסאַראַביע, אויך ליטע און פוילן, דאַווענדיק שבתים און געבנדיק חזנישע קאָנצערטן. אין דער פרייער צייט געלערנט גמרא און העברעיש, פיל געלייענט פון דער השכלה־ליטעראַטור, גלייכצייטיק שטודירט מוזיק דורך די בריוו פון אברהם־בער בירנבוים, אויך געלערנט אומזיסט מיט זיינע חברים די משוררים, צווישן וועלכע עס איז געווען דער איצט באַרימטער יידישער קאָמפּאָזיטאָר משה מילנער. דער באַרדיטשעווער גאָלדשמיד איציקל זוסמאַן האָט אים דאַן אויסגענאַרט פון דער משוררים־קאַפּעליע און געבראַכט קיין וואַרשע. אין וואַרשע איז ק' באַלד אַריין אין קאָנסערוואַטאָריע, זיך אויך געלערנט פּריוואַט ביים באַוואוסטן מוזיקער מתתיהו בענסמאַן, 1902 ביי אַ קאָנקורס אָנגענומען

געוואָרן אַלס איינציקער ייד פאַר דעם ערשטן טענאָר אין כאָר פון דער וואַרשעווער רעגירונגס-אָפּערע, וואו ער האָט געזונגען אין משך פון 16 יאָר.— זיין זשורנאַליסטישע טעטיקייט האָט ק׳ אָנגעהויבן מיט אַ סעריע אַרטיקלען „סגנון זמרתנו", אין „המליץ", 1902— וועגן דעם סטיל און דעם טאָנאַרט פון דער יידישער מוזיק; די אַרטיקלען האָבן אַרויסגערופן אַ לאַנגע פּאָלעמיק אין „המליץ" מיט פּנחס מינקאָווסקין א"אַ. אין „המליץ" האָט ער אויך פאַרעפנטלעכט נאָך אַ ריי אַנדערע אַרטיקלען, דאַן געשריבן פעליעטאָנען אין „הצפה", אויך טעאַטער- און מוזיק-רעצענזיעס א"פ בת-קול. די ערשטע מוזיקאַלישע אַרטיקלען אין יידיש האָט ק׳ פאַרעפנטלעכט אין קרינסקיס וואָכנשריפט „די ראָמאַן-צייטונג", וואו ער האָט געפירט אַ שטענדיקע אָפּטיילונג א"ט „מוזיקאַלישער אַלבום" און אין דער אָפּטיילונג געגעבן ביאָגראַפיעס און אָפּשאַצונגען פון די באַרימטע יידישע קאָמפּאָזיטאָרן און מוזיקער. ער האָט זיך אויך באַטייליקט אין די וואָכנשריפטן „די טעאַטער-וועלט" און „דער שטראַהל" און דאַן געוואָרן שטענדיקער מיטאַרבעטער פון „היינט", וואו אַחוץ זיינע מוזיקאַלישע אַרטיקלען און רעצענזיעס, וואָס האָבן אים געמאַכט אַ נאָמען אַלס דעם ערשטן ערנסטן מוזיק-שריפטשטעלער אין דער יידישער פרעסע, האָט ער אויך פאַרעפנטלעכט רעגלמעסיק פעליעטאָנען, הומאָרעסקעס, רייזע-בילדער אאַז"וו, אויך א"פ מעפיסטאָפעל, מעטראָנאָם, נאַכט-וואַנדערער, ספינקס, איציקל ספירט. פון זיינע הומאָריסטישע אַרטיקלען זיינען באַזונדערס פּאָפּולער געווען די סעריע „יעקע נאַר", „טעאַטער-מעשיות", „בערד" — פון דער נאָך-מלחמה-צייט אין פוילן, ווען מ׳האָט געשניטן יידישע בערד, און די גרעסטע סעריע—„כעלמער מעשיות", געזאַמלט אויף זיינע קאָנצערט-טורנעס און רייזעס איבער די יידישע שטעט און שטעטלעך. פיל פון זיינע הומאָריסטישע מעשיות זיינען איבערגעדרוקט געוואָרן אין נ"י׳ער „טאָג", אויך אין דער דייטשער און פראַנצויזישער פרעסע. — באַזונדערע פאַרדינסטן האָט ק׳ פאַר דער פּאָפּולאַריזירונג פון דעם יידישן פאָלקסליד אין פוילן און ליטע. זינט 1913 האָט ער אָנגעהויבן צו זאַמלען איבער די יידישע שטעט און שטעטלעך די יידישע פאָלקסלידער און אויפטרעטן מיט קאָנצערטן איבער גאַנץ פוילן, אויך אין די גרעסטע שטעט פון מערב-אייראָפּע צוזאַמען מיט זיין פאַרטנערין, און שפּעטער זיין פרוי — זמרה זעליגפעלד. פון זיינע זאַמלונגען פאָלקסלידער זיינען אַרויס 2 ביכער, „60 אידישע פאָלקסלידער" און „80 יידישע פאָלקסלידער"--מיט נאָטן (פ"ג א. גיטלין, 1918 און 1925), וואָס זיינען פאַרשפּרייט געוואָרן איבער דער גאַנצער וועלט אין טויזנטער עקז׳. פון זיינע אַנדערע אַרבעטן זיינען אין בוכפאָרם אַרויס: „בערימטע אידישע מוזיקער" (פ"ג „ביכער פאַר אַלע", וואַרשע, 1912); „ניסים ונפלאות" — אַ זאַמלונג הומאָרעסקעס. גרייט צו צום דרוק אַ גאַנצע ריי ביכער, ווי „חזנים און מנגנים", „יידישע קלעזמער אין פוילן", „פון פרימיטיוון פאָלקסליד ביז דער יידישער סימפאָנישער מוזיק", „מיין רייזע מיט זיידל ראָוונער איבער שטעט און שטעטלעך", „כעלמער מעשיות", „טעאַטער-הומאָרעסקעס", „הונדערט נייע יידישע פאָלקסלידער", אַ בוך פאָלקסלידער מיט מעשיות, וואו יעדעס ליד האָט אַרום זיך אַ מעשה, וועלכע איז אָפט נאָך שענער פון דעם

ליד, אאַז״וו. — האָט צוזאַמען מיט ב. יאושזאָנען פאַרפאַסט אַ קאָמעדיע „מיט דעם כוח פון דיבוק״ — אַ פּאַראָדיע אויף אַן־סקיס „דיבוק״. איז לעצטנס אויך אַ מיטאַרבעטער פון דער קונסט־בײלאַגע פון נ״יער „פאָרווערטס״, וואו ער פאַרעפנטלעכט זייער פיל בילדער פון יידישע טיפּן אין פּוילן אַלס ליבהאָבער פון מאָמענטאַלע פאָטאָגראַפישע אויפנאַמען און זאַמלער פון יידישפאָלקסטימלעכע טיפּן.

ק׳, „הינטער די קוליסען פון ווארשעווער גרויסען טעאַטער״, אין די פרייטאָג־נומערן פון „היינט״, זינט 1928, נומ׳ 86; יואל מאַסטבוים, „מ. ק׳ דער פאָלקסזינגער״, אין זמ״ב „פון פוילען״, 1920; פּ. קאַפּלאַן, אין „דאָס נייע לעבן״, 1925, 257.

קיפּען אַלעקסאַנדער (1870—

) געב׳ אין מעליטאָפּאָל, טאַווערישער גוב׳. 1894 געענדיקט די לאַנדווירטשאַפטלעכע הויכשול אין מאָנפּעליע און שפּעטער געווען לעקטאָר אויף די לאַנדווירטשאַפטלעכע קורסן אין פּט״ב, מיטגעאַרבעט אין פאַרשיידענע רוסישע לאַנדווירטשאַפטלעכע אויסגאַבן. אויף יידיש איז אַרויס זיין האַנטבוך „דער ווייַנגאָרטן״ (פ״ג פון דער יק״אַ, פּט״ב, 1913).—ק׳ האָט זינט 1903 פאַרעפנטלעכט דערציילונגען אין די חשובסטע רוסישע זשורנאַלן, אייניקע—אויך אויס דעם יידישן לעבן (אין Евр. Міръ 1910, אין זמ״ב Знаніе, X א״אַ).

ЭЕ, XI.

קיפּער מאָטל (1896 —)

געב׳ אין טשערניכאָוו, זשיטאָמירער גוב׳, אַלס זון פון אַ שמיד. ביז 10 יאָר געלערנט אין חדר, דערנאָך געאַרבעט אַלס שניידער צוערשט אין שטעטל און דאַן — אין קיעוו, סאַראַטאָוו און זשיטאָמיר. פון 1912 טעטיק אין „בונד״, זינט 1913 מיטגליד פון קיעווער נאָדלפאַראיין, 1914—16 מיטגליד פון קיעווער קאָמיטעט פון „בונד״, מיטגליד פון דער פאַרוואַלטונג פון קיעווער נאָדלפאַראיין, זינט סעפּטעמבער 1917 ביז מיטן 1918 מיטגליד און סעקרעטאַר פון וואָלינער גובערניאַלן קאָמיטעט פון „בונד״, דאַן אַריבער אויף דער קאָמוניסטישער פּלאַטפאָרם, צוזאַמען מיט אַנדערע חברים דורכגעפירט די צעשפּאַלטונג פון דער בונדישער אָרגאַניזאַציע און נאָך דער אָרגאַניזירונג פון „קאָמפאַרבאַנד״, פרילינג 1919, אויסגעוויילט געוואָרן אַלס פאָרזיצער פון וואָלינער גובקאָם פון „קאָמפאַרבאַנד״, גלייכצייטיק געאַרבעט אַלס מיטגליד און אינסטרוקטאָר פון וואָלינער ראַט פון די פּראָפפאַראיינען, 1919 אַרייַנגעטרעטן אין דער ק״פּ, געבליבן אויף אומלעגאַלער אַרבעט בשעת דעניקין אין כאַרקאָוו. נאָכן באַפרייען אוקראַינע, אָנהייב 1920, געאַרבעט אין די יידישע סעקציעס אין כאַרקאָוו און זשיטאָמיר,

פון אָקטאָבער 1920 רעדאַקטירט די קאָמוניסטישע צייטונג „דער שטערן״ אין מינסק, געווען סעקרעטאַר פון הויפּטביוראָ פון די יידסעקציעס פון ווייסרוסלאַנד, אָנהייב 1921 באַשטימט געוואָרן אַלס פאָלקסקאָמיסאַר פאַר נאַציאָנאַלע ענינים אין ווייסרוסלאַנד און גלייכצייטיק—מיטגליד פון פּרעזידיום פון ווייסרוסלענדישן פּראָפּראַט (פאַרוואַלטער פון קולט־אָפּטייל פון פּראָפּראַט), 1921 — סעקרעטאַר פון איהומענער דיסטריקט־קאָמיטעט פון דער פאַרטיי, 1922 — 1924 אין האָמעל פאַרוואַלטער פון דער יידסעקציע ביים גובקאָם און פון אַגיטפּראָפּ ביים שטאָ־

טישן ראַיאָן=קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי, גלייכצייטיק רעדאַקטירט אין האָמעל דאָס וואָכנבלאַט „דער קאָמוניסטישער וועג". פון אַפּריל ביז דעצעמבער 1924 פאַרוואַלטער פון נאַצמינדאָפּטייל ביים אָדעסער גובקאָם קפּ"או. זינט דעצעמבער 1924 — סעקרעטאַר פון די יידישע סעקציעס ביים צ"ק פון דער קפּ"או, אויף דעם דאָזיקן העכסטן פּאָסטן אַנטוויקלט זייער אַ גרויסע אַרבעט אין אַלאוקראַינישן מאָסשטאַב און איז איינער פון די פּאָפּולערסטע יידישע טוער אין ראַטנפאַרבאַנד, בפרט אין אוקראַינע (אין יידישן ראַיאָן פון קאַלינינדאָרף איז פאַרהאַן אַ ישוב אויף זיין נאָמען—קיפּעראָווקע). — מיט זיין פּאַרטייִש=געזעלשאַפטלעכער אַרבעט איז אויך פאַרבונדן זיין פּובליציסטישע טעטיקייט. אָנגעהויבן זי נאָך אין דער בונדישער „פאָלקסצייטונג", קיעוו 1917, האָט ער אַחוץ די שוין דערמאָנטע צייטונגען אַרויסגעגעבן אין זשיטאָמיר 1919 „די קאָמוניסטישע פאָן" (בלויז 1 נומ׳) און „די קאָמוניסטישע שטים" (אויך 1 נומ׳, דאַן איבערגעריסן געוואָרן דורך דער פּעטלורישער אָקופּאַציע). מיטגעאַרבעט אין אַלע יידישע אויסגאַבן פון ראַטנפאַרבאַנד, ווי מינסקער „שטערן", „דער וועקער" (1921), די רויטאַרמייִשע צייטונג „קאָמונע", מאָסקווער „עמעס", כאַרקאָווער „שטערן", „דער פּויער", „דער קוסטאַר", „יונג=גוואַרדיע", „ראַטנבילדונג" אאַז"וו. פון זיינע גרעסערע אַרבעטן איז צו דערמאָנען: „וועגן דער „אידנפראַגע" אין ראַטנפאַרבאַנד און וועגן די ציאָניסטישע ביצכוינעס" („רויטע וועלט", 1926, V—VI), „די אויפגאַבן פון באָלשעוויזירונג און סאָוועטיזירונג פון דער אידאַרבעט" (ib., 1926, XII), „די נאַציאָנאַלע פראַגע אין אוקראַינע" (ib., 1927), „ביראָ=בידזשאַן" (ib., 1928, II—III) אאַז"וו. אין בוכפאָרם פאַרעפנטלעכט: „צען יאָר אָקטיאַבער=רעוואָלוציע / די אָקטיאַבער=רעוואָלוציע און די אידישע אַרבעטנדיקע פון אוקראַינע" (קאָאָפּעראַטיווער פ"ג „קולטור=ליגע", קיעוו, 1927, ז׳ 142). וואָס האָט אַרויסגערופן אַ ריי זייער גינסטיקע אָפּשאַצונגען, צ"אַ אין כאַרקאָווער „שטערן", מאָסקווער „עמעס", Вечерний Клуб א"אַ.

קיץ יוסף (27/VIII 1890 —) פס"נ פון י. קוצענאָגי (פאַרגרייזט פון קצין=נאה). געב׳ אין הייסין, פּאָדאָליע, באַקומען אַ תלמודישע דערציִונג, 1910 באַזוכט פּייגס קאָמערץ=שול אין אָדעס, סוף 1913 אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע, אַ לענגערע צייט געלעבט אין נ"י, געווען באַשעפטיקט אַלס רייזנדער ביכער=פאַרקויפער. האָט דעביוטירט מיט אַ דערציילונג אין „מאָרגן זשורנאַל" פון 4/XI 1911, סוף 1917 פאַרעפנטלעכט אַ זאַמלונג דערציילונגען א"ט „כוואַליעס" (פ"ג „זאַנגען", נ"י, תרע"ח). דאַן זיך באַזעצט אין לאָס=אַנדזשעלעס, וואו מיטגעאַרבעט אין די אָרטיקע צייטשריפטן, אויך אַרויסגעגעבן: אַ זאַמלונג „שלום=עליכמס טייטש=ווערטלאַך" און אַ קליין ביכעלע דערציילונגען א"ט „קוויטלאַך" („קעשענע=פ"ג", לאָס=אַנדזשעלעס, 1926).

קירזשניץ אברהם (אָנהייב 1888 —) געב׳ אין באָברויסק, מינסקער גוב׳, אין אַ רייכער חסידישער משפחה. ביז 13 יאָר געלערנט אין חדר, אַ ביסל אין דער ישיבה און איין זמן פאַר זיך אונטער דער השגחה פון אַ סלאָבאָדקער מוסרניק, דאַן אָנגעקומען אין דער ביאַליסטאָקער קאָמערץ=שול, 1906 צוליב פּאָליטישע טעמים געמוזט פאַרלאָזן די

שול. נאָך זייענדיק אַ שילער צוגעשטאַ=
נען צום „בונד" און געבליבן פאַרבונדן
מיט דער דאָזיקער פאַרטיי ביז גאָר די
לעצטע יאָרן, 1910 געווען אויך אַרעסטירט,
אָבער דורך דעם
געריכט אַרויס
פריי. אָנגעהויבן
די זשורנאַליסטי=
שע טעטיקייט
מיט קאָרעספּאָנ=
דענצן אין דעם
גרויסן טאָגבלאַט
Новости 1905

און אין דער בונדישער „פאָלקס=צייטונג"
1906, האָט ער זינט דאַן געאַרבעט אין
פאַרשיידענע רוסישע פּראָווינץ=צייטונגען
פון מינסק, האָמעל, באָברויסק, זינט 1910
אין די רוסיש=יידישע Евр. Міръ, Евр.
Обозрѣніе, Новый Восходъ א״פ א. ב.
ראַם. אַלס מיטגליד פון דער צענטראַ=
לער קאָמיסיע פאַר ביבליאָטעק=ענינים
ביים צ״ק פון דער „חברה מפיצי השכלה"
1912 באַזוכט אין שליחות פון דער קאָ=
מיסיע אַ 60 יידישע שטעט און שטעט=
לעך פון ווילנער, גראָדנער און בעסאַ=
ראַבער געגנטן, פאַרעפנטלעכט אַ ריי
גרעסערע אַרטיקלען וועגן יידישן לע=
זער און יידישן ביבליאָטעק=וועזן אין
Вѣстникъ Опе, 1910 — 1913, אויך וועגן
דער יידישער שול=סיסטעם, חדר אאַז״וו
אין פּעט״ב׳ער וואָכנבלאַט Школа и Жизнь
1911 — 15, וואו אגב אַרויסגעטרעטן
קעגן דער אַסימילאַטאָריש=פּלוטאָקראַטי=
שער פּאָליטיק פון דער „חברה מפיצי
השכלה", געשריבן אויך אַ ריי סטאַטיס=
טישע אַרטיקלען וועגן דער יידישער באַ=
פעלקערונג אין Вѣстникъ Евр. Общины
1913. אויפן יובּליי=צוזאַמענפאָר פון דער
„חברה" 1913 געווען דעלעגאַט פון דער
ווילנער אָפּטיילונג און אַרויסגעטרעטן
מיט אַ דעקלאַראַציע אין נאָמען פון דער
בונדישער דעלעגאַציע. 1913 — 14 געאַר=
בעט אַלס סעקרעטאַר פון דער רעדאַקציע
פון דעם בונדישן וואָכנבלאַט „די צייט",
אָבער צוליב וואוינרעכט אַרויסגעשיקט
געוואָרן פון פּעט״ב. אין יענעם, ערשטן
פּעריאָד פון זיין זשורנאַליסטישער טע=
טיקייט האָט ער זיך פון צייט צו צייט
אויך באַטייליקט מיט קאָרעספּאָנדענצן,
אַרטיקלען און רעצענזיעס אין „פריינד"
(„דאָס לעבען"), „לעבען און וויסנשאַפט",
„דער יודישער וועלט", האָט אויך אַרויס=
געגעבן און רעדאַקטירט דאָס „באָברויס=
קער וואָכענבלאַט" (צוזאַמען מיט מענדל
עלקין), 1912, אַ הומאָריסטיש בלעטל
„באָברויסקער שייגעץ" (אָדער „יונגאַטש")
1913, אַ פּובליציסטיש בונדיש זמ״ה
„לכבוד יום=טוב", אַ באָברויסקער זמ״ב.
ערב דער מלחמה רעדאַקטירט דאָס ערשטע
האַנטבוך אין יידיש פאַר ביבליאָטעק=
ענינים א״ט „יאָהרבוך פאַר יודישע
ביבליאָטעקען/אויף יאָהר 1914" (פ״ג ב.
קלעצקין, ווילנע, ז׳ 147; ניט צונויפמישן
מיט דעם „האַנדבוך פאַר יודישע ביבלי=
אָטעק=ענינים", צוזאַמענגעשטעלט פון די
ביבליאָטעק=קאָמיסיעס פון דער „חברה
מפיצי השכלה" אין פּט״ב און מאָסקווע,
וואָס איז כמעט גלייכצייטיק אַרויס אין
פּט״ב) און דעם דריימאָנאַטלעכן זשור=
נאַל „דער אידישער ביבליאָטעקאַר", פון
וועלכן עס איז צוליב דעם אויסבראָך
פון דער מלחמה אַרויס נאָר דער ערש=
טער נומער. פאַר בונדישער טעטיקייט
אָנהייב מלחמה=צייט פאַרשיקט קיין קאָבע=
ליאַקי, פּאָלטאַוועער גוב׳, דערנאָך (יוני 1915)
קיין סיביר, פון דאָרט געשריבן אין דער
רוסיש=יידישער פּרעסע, אין „דער וואָך"
פון ש. ניגער, אויך אין מאָסקווער און
דרומדיקע רוסישע צייטונגען און זשור=
נאַלן, אַלס באַפּולמעכטיקטער פון איר=

קוטסקער קאָמיטעט פון „יעקאָפּאָ" און דערנאָך פון צ"ק פון „אָרט" באַזוכט אַלע שטעט און אַ סך שטעטלעך און דערפער פון סיביר, וואו אָרגאַניזירט הילף פאַר די מלחמה־קרבנות, די רייזעס באַשריבן אין Евр. Недѣля, Новый Путь, Вѣстникъ Орта, Евр. Экономическій Вѣстникъ א"אַ, מיטגעאַרבעט אין דער אירקוטסקער מאַרקסיסטישער צייטונג Сибирь, אָרגאַניזירט אַ בונדישע גרופּע, זיך באַטייליקט אין די אומלעגאַלע פּראָפעסיאָנעלע און קולטורעלע אָרגאַניזאַציעס, נאָך דער מערץ־רעוואָלוציע געקומען קיין פּט"ב, אַ קורצע צייט געווען מיטאַרבעטער און סעקרעטאַר פון דער בונדישער „אַרבייטער־שטימע", דערנאָך אַלס מיטגליד פון צפון־מערבדיקן געגנטקאָמיטעט פון „בונד" קאָמאַנדירט געוואָרן קיין מינסק צו אָרגאַניזירן „דעם וועקער", פון וועלכן געווען סעקרעטאַר און אַ געוויסע צייט אויך רעדאַקטאָר, אָנגעשריבן אַ בראָשור „וועמען דאַרף מען קלייבן אין די שטאָט־דומעס?" (אַרויס אויך אין רוסיש), סוף 1917 צוליב פאַמיליען־אָנגעלעגנהייטן זיך צוריקגעקערט קיין סיביר, דורכגעפירט די קאַמפּאַניע צום יידישן צוזאַמענפאָר אין אַ ריי שטעט פון סיביר און מאַנדזשוריע, זיך באַטייליקט אין Сибирскій Вѣстникъ Бунда, רעדאַקטירט די צייטונג Голос Иркутска מיט אַ בונדישער ריכטונג און דערנאָך — זומער 1918 — די אומפּעריאָדישע Отклики Бунда אין באַרגוזין, באַיקאַלער קאַנט, 1918 אָרגאַניזירט אַ פּ"ג Евр. Свободная Мысль, וואָס האָט זיך פאַראייניקט מיט דער לויט זיין איניציאַטיווע אָנהייב 1919 געגרינדעטער סיבירער קולטור־ליגע „צוקונפט", האָט רעדאַקטירט די זמ"ב פון דעם פּ"ג וועגן פּרץ און וועגן ש"ע (אין רוסיש). — אָנהייב 1923 זיך צוריקגעקערט קיין נאָוואָניקאָלאַיעווסק, וואו אָנדערטהאַלבן יאָר געאַרבעט אין דער רוסישער פּרעסע, רעדאַקטירט אַ קאָאָפּעראַטיוון זשורנאַל, פאַרענדיקט אַ גרעסערע ביבליאָגראַפישע אַרבעט אין רוסיש „די פּאַרטיייִשסאָוועטישע פּרעסע" (1917 — 23) פאַר דעם פּ"ג פון דעם „איסט־פּאַרט" (קאָמיסיע פאַר דער געשיכטע פון דער אָקטאָבעררעוואָלוציע ביים צ"ק פון דער אַלפאַרבאַנדישער ק"פּ), פון צייט צו צייט זיך באַטייליקט אין מאָסקווער „עמעס", ב"י־ער „פרייהייט", זומער 1924 אַריבערגעפאָרן קיין מאָסקווע, די ערשטע צייט רעדאַקטירט אַ פּראָפעסיאָנעלן זשורנאַל Московский Пролетарий, פאַרפאַסט איייניקע בראָשורן, מיטגעאַרבעט אין „עמעס" און „גאַרבער־שטימע", אין אויפטראָג פון „איסטפּאַרט" אָנגעהויבן צו אַרבעטן איבער דער געשיכטע פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג און אַלס רעזולטאַט פון דער דאָזיקער אַרבעט פאַרעפנטלעכט פאָלגנדיקע ווערק: „דער אידישער אַרבעטער / כרעסטאָמאַטיע צו דער געשיכטע פון דער אידישער אַרבעטער, רעוואָלוציאָנערער און סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין רוסלאַנד" א"ר און מיט איינלייטונגען פון מ. ראַפעס; פון דער דאָזיקער כרעסטאָמאַטיע זיינען שוין אַרויס 3 ב': „צווייטער באַנד/די יאָרן 1904 — 1907/ערשטע העפט" (ז' 436) אַנטהאַלט 3 ט'—„ערעוו דער ערשטער רעוואָלוציע", „פון יאַנוואַר ביז אָקטיאַבר 1905", „פּאַרטייען אין דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג"; „...צווייטע העפט" (ז' 420) — אַנטהאַלט די טיילן „אָקטיאַבער—דעקאַבער 1905", „די ערשטע דומע", „די פאַרשטאַרקונג פון דער רעאַקציע"; דער „דריטער באַנד / די יאָרן 1908 — 1916 / צווישן

צוויי רעוואָלוציעס" (פ"ג „שול און בוך", מאָסקווע, 1927, ז' 361+9) — „אונטערן פרעס פון דער רעאַקציע", „די נייע אויפלעבונג", „אין די יאָרן פונם אימפעריאַליסטישן קריג"; Еврейское Рабочее Движение / Обзор, Материалы и документы 1905. / א"ר און מיט אַן אַריינפיר פון מ. ראַפעס (פ"ג פון Госиздат, מאָסקווע, 1928, אין דער סעריע 1905. / Материалы и Документы אונטער דער אַלגעמיינער רעדאַקציע פון מ. נ. פאָקראָווסקי / אַרויסגעגעבן פון קאָמיסיע צי"ק סססר צו אָרגאַניזירן די פייערונג פון דעם 20יעריקן יובילײ פון דער רעוואָלוציע פון יאָר 1905 און פון דעם איסטפאַרט ביים צ"ק אַלק"פ, פ"ג Госиздат, מאָסקווע 1928, ז' 407). פון זיינע קלענערע אַרבעטן זיינען אַרויס אין בוכפאָרם: „אין די יאָרן פון דעם אימפעריאַליסטישן קריג" — די געשיכטע פון דער אַרבעטער-באַוועגונג (אין רוסיש; מאָסקווע, 1924, ז' 80); „ביי דער שוועל פון כינע" — די לאַגע פון דער רוסישער באַפעלקערונג אין דער געגנט פון דער מזרח-כינעזישער אייזנבאַן (אין רוסיש, 1925, ז' 88); „לענין אין סיביר" (אין רוסיש; אַרויס אין 2 אויפלאַגעס); „די לענער בלוטבאָד" (אין רוסיש, 1925, ז' 72); „די לענער בלוט-באָד / 1912 (4) 17 אַפּרעל 1927" (פ"ג פון צ"ב פון די פראָפּפאַראײנען אין ווייסרוסלאַנד, מינסק, 1927 ז' 100); „די פראָפבאַוועגונג צווישן די אידישע אַרבעטער אין די יאָרן פון דער ערשטער רעוואָלוציע" — אַ קאַפּיטל פון אַ גרעסערער אַרבעט וועגן דער יידישער פראָפעסיאָנעלער באַוועגונג (פ"ג „שול און בוך", מאָסקווע, 1925, ז' 80). — אַרבעטנדיק זינט יאָרן אויף דער ביבליאָגראַפיע פון דער יידישער פרעסע, האָט ק' שוין צום יאָר 1922 געהאַט

פאַרטיק אַ גרעסערע אַרבעט „מאַטעריאַלן צו דער סטאַטיסטיק און געשיכטע פון דער יידישער פרעסע", פון 1667 ביז 1920, וואָס האָבן אַנטהאַלטן פערטהאַלבן טויזנט נעמען פון פעריאָדישע אויסגאַבן אין 26 שפראַכן מיט טאַבעלעס, דיאַגראַמעס און פאָטאָגראַפיעס, צווישן זיי די פאָטאָגראַפיעס פון די צייטשריפטן, וואָס די יידישע קריגסגעפאַנגענע האָבן אַרויסגעגעבן אין די קאָנצענטראַציאָנעלע לאַגערן; די דאָזיקע מאַטעריאַלן האָט ער געזאַמלט צוזאַמען מיט דעם קריגסגעפאַנגענעם פון סטרי, גאַליציע, מענדל פראָבסט. אין מאָסקווע האָט ער צוזאַמען מיט דעם ביבליאָגראַף זלמן ראַטנער צוגעגרייט מאַטעריאַל פאַר אַ גרעסערער ביבליאָגראַפישער אַרבעט וועגן דער יידישער פרעסע און פאַרלאַגס-אַרבעט אין ראַטנפאַרבאַנד. שפעטער געאַרבעט דערהויפט אויף דער ביבליאָגראַפיע פון דער יידישער אַרבעטער-פרעסע זינט ליבערמאַנס „האמת" און פון דער יידישער פרעסע בכלל, פאַרעפנטלעכט וועגן דעם אַ ריי אַרטיקלען אין „דער צוקונפט" (צ"אַ „די בונדישע פרעסע פאַר 25 יאָר" — היסטאָריש-ביבליאָגראַפישער עטיוד, 1922, XI — XII). זינט האַרבסט 1925 מיטאַרבעטער פון „עמעס" אַלס פאַרוואַלטער פון די אָפטיילונגען „שטאָט, שטעטל און דאָרף" און „ביבליאָגראַפיע", פאַרעפנטלעכט צ"אַ אַ סך אַרטיקלען צו דער געשיכטע פון דער יידישער סאָוועטישער פרעסע, פון צייט צו צייט באַטייליקט זיך אויך אין מינסקער „שטערן" א"אַ אויסגאַבן פון ראַטנפאַרבאַנד. געווען סעקרעטאַר פון דער קאָמיסיע צו אָרגאַנירן דעם יידישן ווינקל פאַר דעם סאָוועטישן פאַוויליאָן אויף דער אינטערנאַציאָנאַלער פרעסע-אויסשטעלונג אין קעלן, מאַי — אָקטאָבער 1928 (פאָרזיצער

פון דער קאָמיסיע — ל. גאָלדבערג, מיט= גלידער — מאַקס אַייזענשטאַט, בעלאָ= בלאָצקע, מ. זיוו און מ. ראַשקעס). — פון זיינע אַנדערע אַרבעטן איז צו דער= מאָנען זיין בראָשור Борьба за идиш на Дальнем Востоке (אַרויסגעגעבן פון דער כאַרבינער אָפּטיילונג פון דער „קולטור=ליגע“, 1921) — אַ מעמאָראַנ= דום, געשריבן דערהויפּט פאַר די 400 פּויערים=דעפּוטאַטן פון דער גרינדונגס= פאַרזאַמלונג פון דער ווייט=מזרחדיקער רעפּובליק, מיטן צוועק צו פאַרטיידיקן די טעזע, אַז יידיש איז די נאַציאָנאַלע שפּראַך פון דעם יידישן פאָלק; אַלס מיטגליד פון דער גרינדונגס=פאַרזאַמלונג האָט ק׳ דורכגעפירט די דאָזיקע טעזע אַלס פונקט פון דער קאָנסטיטוציע פון דער ווייטמזרחדיקער רעפּובליק קעגן דעם ווידערשטאַנד פון די העבּרעיִסטן= רוסיפיקאַטאָרן. ק׳ האָט אויך געגרינדעט און פאַקטיש רעדאַקטירט די ערשטע יידישע אויסגאַבע אין סיביר און כינע א״ט „דער ווייטער מזרח / ליטעראַריש= געזעלשאַפטלעכע צייטונג“, מיט אַ יידי= שיסטישער ריכטונג, וועלכע האָט פון דעם 14טן נומער (מערץ 1922) אָן אָנ= געהויבן צו ערשיינען 3 מאָל אַ וואָך, דאַן ווידער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ וואָכנבלאַט, ביז זי האָט זיך סוף 1922 אָפּגעשטעלט צוליב דעם, וואָס ק׳ האָט פאַרלאָזט כאַרבין.

קירמאַן יוסף (ח׳ ניסן 1896 —) געב׳ אין וואַרשע, אין אַן אַר= בעטער = משפחה. געלערנט אין חדר, שפּעטער געוואָרן אַ שטעקנאַרבעטער. געווען אַרעסטירט צוליב פּאָליטישע טעמים, זיך באַטייליקט אין דער פּויליש= באָלשעוויסטישער מלחמה. אָנגעהויבן שרייבן צו 23 יאָר, האָט ער זיינע ער= שטע לידער פאַרעפנטלעכט אין „רינגען“, VII, דאַן זיי געדרוקט אין „וואַרשע= ווער אַלמאַנאַך“, „אַרבעטער = צייטונג“, „באַפרייונג“, „ליטעראַרישע בלעטער“, „פאָלקסצייטונג“, „וואַרשעווער שריפטן“, „יידישע וועלט“ א״אַ. איינער פון די טאַלענטפולסטע פאָרשטייער פון דער יינגסטער יידישער פּאָעזיע אין פּוילן, אַן אַר= בעטער = דיכטער, אַ דיכטער פון נויט, פון אַרבעטער=האָפענונג, פון געפיל פון אַרבעטערקראַפט, צייכנט ער זיך אויס מיט דער פּראָסטקייט און קרעפטיקייט פון אויסדרוק, הגם ער באַהערשט אויך די מאָדערנע קאָמפּליצירטע לידער=פאָרמען; דאָס מיליע פון זיינע לידער איז נויט; אַ ליידנדיקע ערלעכע נשמה רעדט פון ק׳ס לידער מיט אַ קרעפטיקער און איבערצייגנדיקער בילדער=שפּראַך.

קירשענבוים יעקב (28/x 1885 * —) געב׳ אין דאָלינע, ביי סטרי, גאַליציע. באַקומען די ערשטע דערציִונג אין חדר און פאָלקסשול, איז ער צו 12 יאָר געקומען קיין אַמעריקע, געאַר= בעט אין אַ פּאַ= ריקמאַכעריי, גע= וואָרן טעטיק אין

דער יידישער סאָ= ציאַליסטישער און פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג, זינט 1905 געשריבן קאָרעספּאָנדענצן אין „קע= נעדער אָדלער“, „סט. לואיזער קוריער“, קליוולענדער „אידישער וועלט“, טאָראָנ=

*) לויט — Who's who in American Jewry, 1884.

טער „אידישען זשורנאַל", לעמבערגער „טאָגבלאַט", מיטגעאַרבעט אין די הומאָריסטישע בלעטער „דער קיביצער", א"ר פון לעבעדיקן, „דער אידישער גזלן", אַליין רעדאַקטירט אַ הומאָריסטישע ביילאַגע א"ט „דער שטאָדט-שייגעץ", 1907 אַרויסגעגעבן אַ וואָכנבלעטל „דער פריינד", געווידמעט זיינע לאַנדסלייט, די דאָלינער, אין דעם בלעטל באַזונגען ד"ר שלמה רובינען, וועלכער איז אויך געבוירן אין דאָלינע, מיטגעאַרבעט מיט דערציילונגען און אַרטיקלען וועגן דעם יידישן לעבן אין אַמעריקע און גאַליציע אין י. פּפּעפערס „אידישען וואָכענבלאַט", 1912 געוואָרן איינער פון די הויפּטמיטאַרבעטער און שטאָט-רעדאַקטאָר פון דער קליוולענדער „אידישער וועלט" א"ר פון יהושע ראַקער, דאַן באַרייזט אַמעריקע און באַשריבן די נסיעה אין די יידישע פּראָווינץ-צייטונגען, זינט 1915 אינעווייניקסטער מיטאַרבעטער פון „מאָרגען זשורנאַל", דערהויפּט אַלס רעפּאָרטער און אינטערוויואירער פון די אַלע גדולים, וואָס קומען אָן קיין אַמעריקע, שרייבט אויך אַ סך וועגן יידישן טעאַטער און שוישפּילער (אַליין געווען אַ לענגערע צייט פאַרבונדן מיט דעם יידישן טעאַטער אַלס פאַרוואַלטער פון אַ יידישן טעאַטער אין קליוולאַנד 1914, וואָס איז לויט זיין איניציאַטיווע אויסגעבויט געוואָרן פון אַמעריקאַנישן אַמבאַסאַדאָר אין פראַנקרייך מייראָנט הערליק). באַטייליקט זיך אויך אין אַמעריקאַנער דאָס „אידישע פאָלק", פאַרנעמט זיך אויך מיט כלל-טועריי, בשעת דער מלחמה געווען אונטערהאַלטונגס-דירעקטאָר פון דער „דזשויש וועלפיער באָארד", איינגעפירט יידישע קאָנצערטן פאַר די יידישע סאָלדאַטן, געעפנט יידישע ביבליאָטעקן אין די מיליטערישע באַראַקן, אַ צייט געווען סעקרעטאַר פון פאַרבאַנד פון די גאַליציאַנער און בוקאָווינער יידן אין אַמעריקע, געווען טעטיק אין דער רעליף-באַוועגונג פון די לאַנדסמאַנשאַפטן.

קירשענבוים הירש-מאיר (...189—) געב' אין ליפּסק, ראָדעמער געגנט, אין אַ חסידישער משפחה. באַקומען אַ שטרענג רעליגיעזע דערציִונג, געלערנט אין חדר און ישיבה, געלערנט שחיטה, געווען אונטער דער השפעה פון מיכל וועבער. 1910 פאַרעפנטלעכט אַ תשעה-באב-בילד אין „אונזער לעבען", דערנאָך זיך באַטייליקט אין אייניקע אַנדערע אויסגאַבן, געזאַמלט פאָלקסלידער פאַר נח פרילוצקין. 1913 אויסגעוואַנדערט קיין טאָראָנטאָ, אָנגעהויבן צו שרייבן פאַר דער קאַנאַדער יידישער פּרעסע, פאַרן „קענעדער אָדלער" און טאָראָנטער „אידישען זשורנאַל", אין דער דאָזיקער צייטונג זינט 1916 אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער, שרייבט רעצענזיעס און אַרטיקלען, אויך א"פ בן מנחם, יב"ם, דער לץ; פאַרעפנטלעכט דאָרט די צייטונגסראָמאַנען „דער פאַרברעכער", „די חסידישע טאָכטער", „די אומשולדיקע".

קירשענבוים-מאָרגאָשעס ראָזע (8/V 1887 —) געב' אין דאָלינע, מזרח-גאַליציע. געלערנט אין חדר און אין פאָלקסשול, וועלכע געענדיקט 1899, 1903 געקומען קיין אַמעריקע, דורכגעמאַכט די מיטלשול. שפּעטער געווען פאַראינטערעסירט אין געזעלשאַפטלעכער אַרבעט, באַזוכט די שול פאַר הילפסאַרבעט, 1921 געאַרבעט אַלס איבערזעצערין ביים פּאָרט פאַר דער „געזעלשאַפט צו העלפן אימיגראַנטן", צוליב איר אַרבעט אין דער יידישער אימיגראַציע-געזעלשאַפט אָנגעהויבן צו שרייבן בילדער פון איר דערפאַרונג אין ביידע טיילן וועלט און

פאַרעפנטלעכט זיי אין „פאָרווערטס" און
„טאַגעבלאַט", אויך אין „דעם אידישען
אַלמאַנאַך" פון מירסקי. האָט אויך זינט
1906 געדרוקט פון צייט צו צייט לידער
אין פויליש (Robotnik), ענגליש (Hebrew
Standart, Amrican Hebrew) און יידיש
(„אידישער קעמפפער", „דאָס פאָלק",
טאַגעבלאַט"), געשריבן אויך אין „אמע=
ריקאַנער" א"אַ. אַ געוויסע צייט געוואוינט
מיט איר מאַן ד"ר שמואל מאַרגאָשעס
אין טאָראָנטאָ.

קיש אַרנאָלד (2/XI 1869 —

) מאַדיאַריזירטער נאָמען פון חיים=
צבי קליין. געב' אין אונגוואַר, אונ=
גאַרן, וואו זיין פאָטער, מאיר קליין,
דער איבערזעצער פון „מורה נבוכים"
און „בחינת עולם" אויף אונגאַריש, איז
געווען ראַבינער. שטודירט אין בודאַ=
פעשטער ראַבינער=סעמינאַר און אוני=
ווערסיטעט, 1893 באַקומען דעם ד"ר=
טיטל, דאַן געווען ראַבינער אין פאַר=
שיידענע קהילות פון אונגאַרן, זינט
1901 אייבערראַבינער און אב"ד פון
אָפן (אָפען) — דער עלטסטער יידי=
שער קהילה אין לאַנד. מיטגליד פון
יידישע וויסנשאַפטלעכע און ליטעראַ=
רישע געזעלשאַפטן אין אונגאַרן, מיט=
פרעזידענט פון דעם ראַבינער=פאַרבאַנד
אין אונגאַרן. איינער פון די פאָפולער=
סטע אונגאַריש=יידישע שריפטשטעלער
און זשורנאַליסטן, האָט ק' פאַרעפנט=
לעכט אַ גאַנצע ריי ווערק אין אונגאַריש,
מאָנאָגראַפיעס, צ"אַ איבער דער העברעי=
שער פאָעזיע, ר' שמואל הנגיד, שלמה
אבן גבירול, איבער דעם אונגאַריש=
יידישן דיכטער מאַקאַי, וועמעס לעבן
אויך געשילדערט אין אַ ראָמאַן „דאָס
ווייסע נעגעלע", פאַרפאַסט אַ ראָמאַן
„חלום און וואָר" (1913), וואו געשיל=
דערט די אונגאַריש=יידישע קאָנפעסיאָנע=
לע פאַרהעלטענישן, צוויי בענד נאָוועלן,
אַ ב' שירים, אַ דראַמאַטישע פאָעמע
„איוב" אאַז"וו, איבערגעזעצט אויף אונ=
גאַריש שירים פון יהודה הלוי, גבירול
א"אַ, שיר השירים, קהלת, תהילים, פאַר=
פאַסט אַ געבעטבוך א"ט „מרים", וואָס
האָט אויסגעהאַלטן 100 אויפלאַגעס, מיט=
געאַרבעט אין אונגאַרישע בעלעטריס=
טישע און וויסנשאַפטלעכע צייטשריפטן,
געשריבן אויך געזעלשאַפטלעכע און
פובליציסטישע אַרטיקלען, הומאָרעסקעס,
קאַריקאַטורן פון געמיינדע=לעבן, אַלס
באַרימטער רעדנער אַרויסגעגעבן זיינע
דרשות אין בוכפאָרם. אַ טייל פון זיינע
ווערק זיינען איבערגעזעצט פון אונ=
גאַריש אויף דייטש פון זיין מוטער
אלישבע. איינער פון זיינע וויכטיקסטע
אויפטועז איז זיין אונגאַרישע איבער=
זעצונג פון מאָריס ראָזענפעלדס לידער,
אַרויסגעגעבן 1909 אין אַ גרויסן באַנד
צוזאַמען מיט דעם יידישן אָריגינאַל=
טעקסט אין לאַטיינישער טראַנסקריפציע.
ער האָט אויך פאָרגעשטעלט ראָזענ=
פעלדן אין דער פעטעפי=געזעלשאַפט
פאַרן אונגאַרישן פובליקום, געווען מיטן
באַרימטן יידישן דיכטער נאָענט באַ=
פריינדעט. ק' האָט אויך איבערגעזעצט
אייניקע זאַכן פון פרוג, אברהם רייזען,
פרץ, מענדעלע מוכר=ספרים אין דעם
יאָרבוך Imit 1910 און אָנגעשריבן אַן
אָפהאַנדלונג איבער דער יידישער ליטע=
ראַטור און אירע דיכטער (Imit 1908).

EЭ, IX; מיטטיילונגען פון לעאָפאָלד גרינ=
וואלד און יוסף האלדער.

קישיניאָווסקי אַדאָלף (31/III 1890—

) געב' אין טיראַספאָל, כער=
סאָנער גוב'. פון 11 ביז 13 יאָר גע=
לערנט אין קעשעניעוו אין דער ישיבה
ביי ש. פערלמוטער, דאַן אָנגעקומען
אויף דער לער צו אַ זייגערמאַכער, מיט

וועלכן פאַך ער פאַרנעמט זיך עד=היום. 1905 — 8 געווען טעטיק אין בונד, סוף 1909 אויסגעוואַנדערט קיין אַרגענטינע. זינט 1911 זיך באַטייליקט מיט דערציילונגען, פעליעטאָנען און אַרטיקלען אין פאַרשיידענע צייטשריפטן פון בוענאָס=איירעס, ווי פאַביאַן ש. הלויס וואָכנבלאַט, „דער טאָג", „די יידישע צייטונג", דעם סאָציאַליסטישן חודש=זשורנאַל „אַוואַנגאַרד" 1916—17, אויך א"פ מעלאַנכאָליק און איש יהודי. 1918 זיך באַזעצט אין ריאָ=דע=זשאַנייראָ, געווען מיטגרינדער פון „דעם אידישען וואָכענבלאַט" (זע י. נאַכבין און א. קויפמאַן), אָבער באַלד אַרויסגעטרעטן פון דער רעדאַקציע, 1927 אַרויסגעגעבן אייניקע נומ' פון אַ חודש=זשורנאַל „די נייע וועלט", וואו פאַרעפנטלעכט איינאַקטערס, געשריבן אויך א"פ א. ח. הלוי, דעצעמבער 1927 אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן אַ וואָכנבלאַט „אונזער לעבן", אָבער מער ווי 2 נומ' זיינען ניט אַרויס.

קלאַטשקע באַלבינע — די פרוי פון דעם ראַבינער שלמה ק' אין יאַמפּאָל, ביים דניעסטער, פּאָדאָליע (שפּעטער ראַבינער אין טאָמאַשפּאָל). האָט איבערגעזעצט אויף יידיש וואַלטער סקאָטס באַרימטן היסטאָרישן ראָמאַן „איוועהאָ" א"ט „איוואַנהאָיע / אָדער דאָס אומקעהרונג פון דעם קרייץ ריצער / ראָמאַן אין פיר טהיילע/. איין פאָרטרעפליכע געשיכטע וועלכֶע האָט פּאַסירט אין דער צייט פון דעם קעניג פון ענגלאַנד ריכאַרד דער ערשטער" (וואַרשע, דרוק אַלעקסאַנדער גינז, 1879, ז' 78+82+74+94). די איבערזעצונג איז ערטערווייז גאַנץ אומבאַהאָלפן, בכלל שטאַרק פאַרדייטשמעריש, דאָך האָט דאָס בוך אַ ספּעציעלן אינטערעס אַלס איינע פון די ערשטע און ווייניקע איבערזעצונגען פון דער אייראָפּעיִשער ליטעראַטור אין דער השכלה=עפּאָכע.

קלאַצקין יעקב (10/III 1882 —) געב' אין קאַרטוז=בערעזע, ווייסרוסלאַנד, אַלס זון פון אַ רב. שטודירט אין די אוניווערסיטעטן פון מאַרבורג און בערן און באַקומען דעם טיטל ד"ר פון פילאָסאָפיע. איינער פון די אָנגעזעענע העברעיִשע שריפטשטעלער איבער פילאָסאָפיע, פאַרפאַסער פון אַ גאַנצע ריי ווערק אין העברעיִש און דייטש, איבערזעצער פון שפינאָזעס עטיק אויף העברעיִש, מחבר פון אַ גרויסן „פילאָסאָפישן לעקסיקאָן פון דער העברעיִשער ליטעראַטור" (אַרויס 2 ב' פון די געפּלאַנטע 4), האָט ק' אין יידיש פאַרעפנטלעכט אַ ריי אַרטיקלען אין „צוקונפט", דהיינו: „הערמאַן כהן / אַן אָפּשאַצונג פון גרויסען פאַרשטאָרבענעם אידישען פילאָזאָף" (IX, 1922), „דער אורח / שטריכען וועגען אחד=העם" (VII, 1924), „די רעליגיע פון שכל / וועגען פּראָפעסאָר הערמאַן כהן'ס ווערטפולסטען בוך איבער אידענטום — אַ מאָדערנעם „מורה נבוכים" (1924), „אַסימילאַטאָרען און פילאָסעמיטען / עטוואָס וועגען נאַציאָנאַלער פּאָליטיק" (VI, 1925). איז שעף=רעדאַקטאָר פון דער Encyclopaedia Judaica, וואָס ווערט אַרויסגעגעבן פון פ"ג „אשכול" אין בערלין, אין צוויי אויסגאַבן, אַ דייטשער און אַ העברעיִשער, באַרעכנט אויף 15 ב' יעדערע, צו 40 בויגן אַ ב', מיט דער פינאַנציעלער אונטערשטיצונג פון אַ ריי יאַהודישע אָרגאַניזאַציעס אין אַמעריקע און דייטשלאַנד, ווי אויך פון יחידים פינאַנסיסטן מיט דעם באַנקיר ד"ר יעקב גאָלדשמידט בראש. דער ממלא=מקום פון דעם שעף=רעדאַקטאָר איז דער בערלינער פּראָפ' י. עלבאָגען, בראש

פון דער גאַנצער אונטערנעמונג שטייען ק׳, ד״ר נחום גאָלדמאַן און ד״ר מ. סאָלאָוויטשיק — דער גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער רעדאַקציע; די רעדאַקטאָרן פון די באַזונדערע אָפּטיילונגען זיינען: ד״ר ה. בראָדי (מיטלעלטערלעכע פּאָעזיע; מוסר־ליטעראַטור און האָמילעטיק; רבנישע ליטעראַטור); ד״ר נחום גאָלדמאַן און ד״ר ב. יאַקאָב (דאָס יידנטום פון דער היינטיקער צייט); ד״ר מיכאל גוטמאַן (תלמוד און תּלמודישע ליטעראַטור); פּראָפ׳ ד״ר גאָטהאָלד ווייל (אַראַביש־יידישע ליטעראַטור; איסלאַם); ד״ר מ. ווישניצער (געשיכטע פון די יידן אין די סלאַווישע, ראָמאַנישע און אַנגלזאַקסישע לענדער; סאָציאַלע און ווירטשאַפטלעכע געשיכטע); ד״ר ה. טאָרטשינער (אַלטער מזרח; סעמיטישע שפּראַכוויסנשאַפט); ד״ר י. מאַרקאָן (קאַראַימען; ביבליאָגראַפיע); ד״ר מ. סאָלאָווייטשיק (תנך־וויסנשאַפט); פּראָפ׳ ד״ר י. עלבאָגען (געשיכטע פון יידן אין אַלטער צייט; געשיכטע פון די יידן אין דייטשלאַנד און איטאַליע אין מיטלעלטער און אין דער נייער צייט; ליטורגיע); ד״ר מ. ערענפּרייז (נייהעברעישע ליטעראַטור); ד״ר י. פריימאַן (רבנישע ליטעראַטור פון עלטערן פּעריאָד); ד״ר יעקב קלאַצקין (פילאָסאָפיע און פילאָסאָפיע פון רעליגיע; קבלה; חסידות); ד״ר יצחק שיפּער (יידישע ליטעראַטור).

די ערשטע 2 ב׳ פון דער דייטשער אויסגאַבע (Aa—Apostasie) זיינען אַרויס אין 1928, די איבעריקע דאַרפן ערשיינען אין משך פון 6 — 7 יאָר. עס זאָל אויך אַרויסגעגעבן ווערן אַ פאַרקירצטע אויסגאַבע פון דער ענציקלאָפּעדיע אין ענגליש און אין יידיש.

ש. ניגער, אין „צוקונפט״; גרשם באַדער, אין זיין בוך „אייביגע אמת׳ן / פון ספרים און פּונ׳ם לעבען״, ווין, 1927, ז׳ 304.

קלומאַק אייזיק (1888 —)

געב׳ אין קאָידאַנאָוו, מינסקער גוב׳. אויפן 14טן יאָר געקומען קיין אַמעריקע, געאַרבעט אין די שעפּער, גלייכצייטיק דורכגעמאַכט אַ הויכשול, געוואָרן אַ פאַרמאַצעווט, געאַרבעט אַ ביסל צייט אין אַפּטייקן, דערנאָך אויסגעשטודירט אויף צאָנדאָקטאָר און פּראַקטיצירט אין נ״י. — זיינע ערשטע זאַכן, פּאָעמען, איינאַקטערס, האָט ק׳ געדרוקט אין משך פון 1907—12 אין דער „פ. אַ. ש.״, דאַן האָט ער אין משך פון 6 יאָר גאָרנישט געשריבן און ערשט 1918 ווידער אָנגעהויבן צו שרייבן דערציילונגען, פון וועלכע אַ טייל אַרויסגעגעבן אין בוכפאָרם א״ט „דערציילונגען (פאַרשפּילט און אַנדערע)״ (נ״י, 1921, ז׳ 322). „ניט אָריגינעל אין זיין סטיל, אין וועלכן עס פילט זיך צו פיל ווירקונג פון דער ליטעראַטור, ניט אָפּגעהיט אין זיין שפּראַך, וועלכע איז ביי אים איבערפילט מיט אַמעריקאַניזמען, צייכנט זיך אָבער ק׳ אויס אַלס דערציילער און פּסיכאָלאָג פון דער ליבע אין די פאַרשיידנסטע געשטאַלטונגען אירע. ער האָט די פעיקייט אויסצוטראַכטן ניט באַנאַלע, ניט געוויינלעכע סיטואַציעס, עפּיזאָדן, באַגעגענישן און פאַראינטערעסירט מיט דעם עצם שטאָף פון זיינע דערציילונגען״. די הויפּט־פאַרשוינען פון כמעט אַלע זיינע דערציילונגען זיינען ביי אים פרויען און זיי זיינען אַלע קרבנות אָדער פּריסטערינס פון דעם ניטגעשטילטן דאָרשט נאָך ליבע און דעם סוד פון דער ליבע. דער דאָזיקער דאָרשט און דער דאָזיקער סוד פון דער קיינמאָל ניט צופרידנגעשטעלטער פרויען־נשמה איז די טונקעלע לופט, וואָס פילט אָן כמעט אַלע דערציילונגען, „...וועלכע האָבן כמעט אַלע איין און דעמזעלביקן מאָטיוו — דעם סוד פון

דער אומרויִקער ניט צופרידנגעשטעלטער עראָטישער בענקשאַפט, אָבער דער איין מאָטיוו ווערט געגעבן אין אַ סך וואַריאַציעס... דער טיפּ פון דער פרוי, וואָס ק' האָט ליב צו שילדערן, איז איין דערזעלביקער, אָבער די אומשטענדן, די סיטואַציעס, די אינטריגעס זיינען פאַרשיידן. די מענטשן זיינען כמעט אַלע אָן אַ אינדיווידואַליטעט, אויך אָן אַ אינעווייניקסטער פאַרבינדונג מיט אַזאַ אָדער אַן אַנדערער סאָציאַלער אָדער נאַציאָנאַלער סביבה, דאָס זיינען סתּם־מענטשן, אָבער אָט דאָס סתּם־מענטשלעכע פון זייער לעבן און דערהויפּט פון זייער עראָטישן לעבן ווערט אונז יעדעסמאָל געוויזן אויף אַ נייעם אָדער כמעט אויף אַ נייעם אופן" (ש. ניגער).

ש. ניגער, אין „טאָג", 1921; בנימין גראַבארד, אין „וועגן" א"ר פון נח שטיינבערג, מערץ 1922; שמעון שמעונוביץ, אין „אויפגאנג", 1923, II; יואל ענטין, אין „צוקונפט", 1924, V.

קלויזנער יוסף (1874 —)

געב' אין אָלקעניק, ווילנער געגנט, אין אַ פאַרמעגלעכער פאַמיליע. באַקומען אַ טראַדיציאָנעלע יידישע דערציִונג, 1885 געקומען מיט די עלטערן קיין אָדעס, צו 14 יאָר געענדיקט די מאָדערניזירטע אָדעסער ישיבה, וואו אַחוץ תּלמוד און תּנך געלערנט אויך אַלגעמיינע לימודים, שפּעטער שטודירט פילאָסאָפיע און סעמיטאָלאָגיע אין היידעלבערגער אוניווערסיטעט און 1902 באַקומען דעם טיטל ד"ר און זיך דאַן באַזעצט אין אָדעס. אָנגעהויבן זיין ליטעראַרישע טעטיקייט מיט אַן אַרטיקל „מלים מחודשות וכתיבה תמה" אין „המליץ" תּרנ"ג, האָט ער זינט דאַן פאַרעפנטלעכט אָן אַ שיר אַרטיקלען פּובליציסטיש־ציוניסטישע, ליטעראַריש־קריטישע, פילאָלאָגישע, היסטאָרישע אאַז"וו, אַרויסגעגעבן אַ ריי ווערק, ווי די געשיכטע פון דער ניי־העברעִישער ליטעראַטור (אַרויס אין רוסיש, העברעִיש און דייטש), „ציון למשורר יל"ג", „יוצרים ובונים" (אַן אויסוואַל פון זיינע אַרטיקלען), „היסטורה ישראלית". אַ גרויסן ערפאָלג, דערהויפּט אין דער קריסטלעכער וועלט, האָט געהאַט זיין גרויס ווערק, „ישו הנוצרי", וואו ער האָט צונויפגעבראַכט אַ רייכן וויסנשאַפטלעכן מאַטעריאַל, בפרט פון די קריסטלעכע געלערנטע, מיטן צוועק צו דערווייזן, אַז דער יויזל איז אַן עכטער ייד און זיין תּורה איז אַן ארץ־ישׂראל־דיקער פּראָדוקט, אַרויסטרעטנדיק קעגן די, וואָס לייקענען אין יעזוסעס עקסיסטענץ אָדער פאַרמינערן די ראָלע פון ארץ־ישׂראל אין קריסטנטום; דאָס בוך איז איבערגעזעצט געוואָרן אויף ענגליש און זאָל אויך ערשיינען אויף יידיש. זיין לעצטע גרעסערע אַרבעט איז „הרעיון המשיחי בישראל מראשיתו ועד חתימת המשנה", וואו ער האָט אין דעם צווייטן, מער געלונגענעם טייל אויסגעניצט דערהויפּט דאָס ווערק פון דעם דייטשן ביבלפאָרשער פויל פאָלץ — Jüdische Eschatologie. — אין דעם ערשטן פּעריאָד פון זיין ליטעראַרישער טעטיקייט האָט ק' אַ סך געשריבן אויך אין יידיש, דערהויפּט ציוניסטישע אַרטיקלען — אין „יוד", גרשם באַדערס „יודישען פאָלקס־קאַלענדער" אאַז"וו, אויך אייניקע גרעסערע היסטאָרישע אָפּהאַנדלונגען, ווי „דון יוסף נשיא הערצאָג פון נאַקסאָס / אַ היסטאָריש בילד" (פ"ג „עזרא", באַרדיטשעוו, 1899, ז' 35), „ר' ישׂראל בעל־שם־טוב" (אין „יוד" 1901), „משה", „די נביאים" (אין „דער יודישער ביבליאָטעק" פון י"ל פּרץ, 1904), אָבער זינט דעם אויפקומען פון דער נייער יידישער קולטור־באַוועגונג, וואָס באַטראַכט יידיש אַלס

נאַציאָנאַלע שפּראַך פון יידישן פאָלק, האָט ער אויפגעהערט צו שרייבן יידיש און איז געוואָרן איינער פון די ביטערסטע שונאים פון דער יידישער שפּראַך, צוזאַמען מיט מנחם־מענדל אוסישקינען דער הויפּט־פאַרטרעטער פון דעם עקסטן העברעיִזם מיט זיין פּאַקטיש אַסימילאַטאָרישן לאָזונג „או עברית או רוסית". אַלס פּראָפעסאָר פון העברעיִשן אוניווערסיטעט אין ירושלים, וואו ער וואוינט זינט 1920, איז ער געווען איינער פון די אומקאָמפּראָמיסלעכסטע באַקעמפּער פון דעם פּלאַן צו עפענען אַ קאַטעדרע פאַר יידיש אין אוניווערסיטעט לויט דער איניציאַטיווע פון דעם אַרויסגעבער פון נ"י'ער „טאָג", מ. שאַפּיראָ, וועלכער האָט אויף דעם צוועק געוואָלט מנדב זיין 100,000 דאָלאַר; די דאָזיקע מעשה האָט בשעתו (סוף 1927) אַרויסגערופן אַ גרויסע פּאָלעמיק אין דער יידישער פּרעסע. אין זיין פאַרביסנקייט קעגן יידיש דערגייט ער אַזוי וויט, אַז דערמאָנענדיק אין זיין „ישו הנוצרי" די קריסטלעכע העברעיִשע מליצות פון דעם מיסיאָנער לעווערטאָוו, למשל, פאַרשווייגט ער לחלוטין דאָס אויסגעצייכנטע בוך וועגן קריסטנטום פון דעם יידישן שריפטשטעלער ד"ר איסר גינזבורג. אין עקסט העברעיִסטישן גייסט האָט ער אויך געפירט דעם „השלח", וועלכן ער האָט 1903 איבערגענומען פון אחד־העמען און רעדאַקטירט די דאָזיקע פירנדיקע העברעיִשע מאָנאַטשריפט — מיט געוויסע הפסקות — ביז גאָר דער לעצטער צייט, ווען זי האָט אינגאַנצן אויפגעהערט צו ערשיינען.

ש. סטופּניצקי, זכרונות; אהרן צייטלין, צו ק'ס יובּילײ, אין „מאָמענט", פון 31/XI 1924; אפרים דײנאַרד, „צלם בהיכל" — פּאַמפלעט קעגן ק'ס „ישו הנוצרי" אין העברעיִש, יידיש און ענגליש, ניו־אָרלעאַנס (?), 1926, ז' 184; ק. מרמר, אין „פרייהייט" פון 19/II 1926; ד"ר ז. קאַדיש, „לעבּען זאָלען די גוים!", אין „פאָרווערטס" פון 17/III 1928.

קליבאַנאָוו הילל (תר"ז — תרנ"ה)

געבּ' אין באָריסאָוו, מינסקער גובּ', אין אַ פאַרמעגלעכער פאַמיליע. זיין פאָטער, דוויד, איז אין די ייִנגערע יאָרן געווען אַ האָלצהענדלער, דערנאָך אַ שניטקרעמער. צו 11 יאָר איז ק' פּאַראַליזירט געוואָרן, אַזוי אַז ער האָט געקענט רירן נאָר עטוואָס מיט דער רעכטער האַנט. ניט קוקנדיק אויף אַלע באַמיִונגען פון די עלטערן אים אויסצוהיילן, איז ער געבליבן אַ קראַנקער, צוגעבונדן צום בעט זיין גאַנץ לעבן. שרייבן האָט ק' אָנגעהויבן אַן ערך צו 20 יאָר, לכתחילה — פון אַרומיקן הויף־ און גאַס־לעבן; אַזוי, למשל, איז איינס פון די ערשטע לידער זיינע, „דער סוכאָטניק", געשריבן אונטער דער ווירקונג פון דעם טויט פון אַ שכן, וועלכער איז געשטאָרבן פון דער ד ע ר. שפּעטער איז ער אַריבער דערהויפּט צו „מאָראַלישע" לידער אין דעם גייסט פון דער בדחניש־פאָלקסטימלעכער פּאָעזיע. זיינע לידער זיינען שטאַרק אויסגעניצט געוואָרן פון בדחנים, און טיילמאָל פלעגט ער זיי לכתחילה שרייבן אויף זייער באַשטעלונג (זיין ליד „דער מזל־טוב", אַ שטייגער, איז פאַרפאַסט געוואָרן פאַר חיימקע דעם בדחן פון באָריסאָוו). אַזוי אַז ק' האָט באַקומען אַ גרויסן שם, געווען אפשר דער פּאָפּולערסטער יידישער פאָלקסדיכטער אין דער ליטע און ווייסרוסלאַנד נאָך אליקום בדחן. לויט יעקב זיזמאָר דערציילט, האָט ק' געהאַט אַ גוטן אַקצענט צום פאַרטראָגן („און בכלל ניט געווען קיין עם־הארץ"). אָבער פון די אויבנגעבראַכטע ביאָגראַפישע ידיעות ווייזט זיך אַרויס, אַז ק'־

האָט אַליין גאָר קיינמאָל, ניט געהאַט קיין מעגלעכקייט אויפצוטרעטן אַלס בדחן. דער פאַרלעגער יהודה קאַצענעלענבאָגען דערציילט, אַז דאָס רוב לידער זיינע פלעגט ק׳ אָנשרייבן בשעת די אָנפאַלן פון האַלוצינאַציעס, אויף וועלכער קראַנקהייט ער האָט געליטן זיין גאַנץ לעבן. אַחוץ אייניקע זאַמלונגען פון זיינע לידער, וואָס זיינען אַלע, ווייזט אויס, אַרויס אין דעם ווילנער פ״ג פון י״ל מ״ץ, האָט ער אויך פאַרפאַסט אייניקע ביבלישע פּיעסן, וואו זיין טיפּיש-בדחנישער לידער-סטיל ווערט ערטערווייז דערהויבן צו דער פאָלקסטימלעכקייט פון די פּורים-שפּילן. ש. ווינער פאַרצייכנט די פאָלגנדיקע זאַמלונגען פון ק׳ס לידער: „דיא בלודנע פייגיל / מיט נאָך 2 מוראַלישע לידער צוא זינגען מיט זייער שיינע מעלאָדיען /... 2) דער ישיבה-בחור. / דיא אונצופרידענע וועלט״ (1889, ז׳ 32, איבערדרוק—צ״אַ—1909); „דיא עלינדע שולמית / מיט נאָך 2 נאַייע לידער /... 2) דער סוכאָטניק. / 3) דער מזל טוב״ (1893); „קול חדש / דרייא נייע לידער צו זינגען מיט... מעלאָדיען: 1) דער אַליגאַנט. / 2) דער פאַסטעך. / 3) דער קצב מיט דעם חכר״ 1885, ז׳ 32, איבערדרוק 1894); „רני עקרה, נייע פיר לידער צו זינגען מיט... מעלאָדיען: / 1) רני עקרה. / 2) דיא גימיינע וועלט. / 3) ישראליק. / 4) דער קאַלידאַר״ (1883, ז׳ 32, איבערדרוק 1885, 1890, 1894 אאַז״וו); עס זיינען אויך באַקאַנט זיינע לידער-זאַמלונגען: „שירים נעימים / דריי נייע פראַכטיגע לידער צוא זינגען מיט זייער שיינע מאָלאָדיען / 1) דיא קינדער שפּיל. 2) דער אמת אויפין טעלער. / 3) דער וועכטער״ (1889, ז׳ 31); „דער לוקסוס / אָדער דער פירונג פון הייניגע וועלט / דרייא נאַייע לידער צוא זינגען / מיט שיינע מאָלאָדיען /... 2) דער טאָג מיט דיא נאַכט. / דער נאָמען איד (אין רומיניע)״ (1901, ז׳ 32). פון זיינע ביבלישע פּיעסן זיינען באַקאַנט: „רבקהס האָכצייט / וואונדערליכע לידער פון רבקה׳ס האָכצייט מיט אונזער פאָטער יצחק און מיט אליעזרן דער פראַוולאַיושצע פון אונזער פאָטער אברהם׳ן״ (אַרום 1901, ז׳ 32); „עקדת יצחק / הערליכע אונ אינטערעסאַנטע לידער פון אונזער הייליגען פאָטער אברהם מיט זיין זאָהן יצחק...״ (אַרום 1901, ז׳ 32). דאָס דאָזיקע עקדת-יצחק-שפּיל האָט ק׳ אָנגעשריבן אַרום 1886 פאַר אַ גרופּע יידישע סאָלדאַטן, וועלכע האָבן זיך געווענדט צו אים מיט דער בקשה, ער זאָל פאַר זיי פאַרפאַסן אַ פּיעסע צום שפּילן; די פּיעסע האָט געהאַט גרויס ערפאָלג און איז געשפּילט געוואָרן פון די סאָלדאַטן אין באָריסאָוו אייניקע מאָל מיט אַ גרויסן מאַטעריעלן ערפאָלג. ער זאָל אויך האָבן פאַרפאַסט אַ מכירת-יוסף-שפּיל. אַחוצדעם זיינען נאָך ביי מצן געבליבן זיינע ניט פאַרעפנטלעכטע כתב-ידן מיט לידער. דער עזבון ק׳ס געפינט זיך איצט אין דעם יידישן אָפּטייל פון דעם ווייסרוסלענדישן מלוכה-מוזיי אין מינסק; איין ליד פון עזבון, „דער אומגליקלעכער פאַרפאַסער״, טראָגט אַן אַוטאָביאָגראַפישן כאַראַקטער און מיר ציטירן פון אים די דאָזיקע שורות:

זאָג מיר נאָר דו יאָר ת—ר—י—זין,
פאַרוואָס האָסטו מיך אומגליקלעך געמאַכט?

. . . .

דו האָסט מיר געבונדן פיס און הענט,
ווי אַן אַרעסטאַנט אַרעסטירט אין אָסטראָג;
צייט איך האָב דיך דערקענט,
איז שטענדיק פינסטער מיין טאָג.

פּריוואַטע ידיעות פון א. פּאַלייעס, דעם פּאַרוואַלטער פון דעם ייִדאָפּטייל פון דעם ווייסרוסלענדישן מלוכה־מוזיי אין מינסק; מ. באַסין, „אַנטאָלאָגיע"; מ. זיזמאַן, זכרונות, אין דעם „פּנקס" א"ר פון ז. רייזען.

קליגער אבא (ג' אב 1893 —

) געב' אין לוצק, וואָלין, וואו זיין פאָטער, אפרים, אַ הייסער סאַדאַגאָרער חסיד, וואָס האָט געצויגן זיין יחוס פון ר' שלמה ק', דעם באַוואוסטן „מגיד פון לעמבערג", איז כּל־ימיו געווען חזן אין דער אַלטער קראַסנער שול.

פון דער מוטערס צד איז ק' אַן אייניקל פון דעם מקובל אַבעניו לוקאַטשער, מחבר פון זייער פיל קבלישע און חסידישע כּתבים, וואָס געפינען זיך אין כּתב־יד אין דער ליבאַוויטשער קלויז אין לוקאַטשי, לודמירער קרייז. באַקומען אַ יידישע דערציִונג אין חדר און תּלמוד־תּורה, איז ק' צו 13 יאָר אַוועק קיין וואַרשע, געוועזן אונטער דער השפּעה פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, זיך באַקענט מיט דער יידישער ליטעראַטור, דאַן אויך געמאַכט זיינע ערשטע ליטעראַרישע פּרוון, אָבער זיין אמתע ליטעראַרישע אַנטוויקלונג האָט זיך אָנגעהויבן ערשט אין אַרגענטינע, וואוהין ער האָט אויסגעוואַנדערט 1912 און וואו ער האָט געפונען אַ ליידיקן, אָבער גינסטיקן באָדן פאַר אַ קולטורעל יידיש לעבן, וואָס האָט זיך צו יענער צייט אָנגעהויבן אַלץ מער צו אַנטוויקלען צוזאַמען מיט דעם וואוקס פון דער יידישער איינוואַנדערונג אין לאַנד, און דאָס יידישע ליטעראַרישע וואָרט איז געוואָרן אַלץ אַן אָפטערער גאַסט אויף דער יידיש־אַרגענטינישער גאַס; יידישע אויסגאַבן האָבן אָנגעהויבן צו שפּראָצן, און איידער נאָך איינע איז אונטערגעגאַנגען, זיינען אויפגעקומען צוויי אַנדערע. דעבאָטירט האָט ק' מיט לידער, אַרטיקלען, שטימונגען און צייטבילדער אין דעם וואָכנבלאַט „דער פּערטה־יידיגער" פון די ברידער קראַסילאָווסקי (זע און צבי שקאָלניק, וועלכע האָבן אים אויפגעמונטערט צום שרייבן, דאַן מיטגעאַרבעט אין דעם בונדישן וואָכנבלאַט „אונזער וואָרט" א"ר פון פ. וואַלד און ראָזין (?), אין דעם אילוסטרירטן חודש־זשורנאַל „די שטראַהלען" א"ר פון פּיניע כּ"ץ. צו יענער צייט האָט ק' צוזאַמען מיט אַ גרופּע יונגע שרייבער געווירקט אויף וו. צייטלינען, דעם אַרויסגעבער פון „אַרגענטינער אידישען וואָכענבלאַט" (זינט 1909), צו פאַרוואַנדלען זיין וואָכנבלאַט אין אַ טעגלעכער צייטונג, צוזאַגנדיק אים אומזיסטע מיטאַרבעטערשאַפט, קאָרעקטור און אַנדערע טעכניש־אַדמיניסטראַטיווע אַרבעט, און צייטלין האָט דאַן אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן די צווייטע טעגלעכע אידישע צייטונג אין אַרגענטינע „דער טאָג" (זע ש"י ליאַכאָוויצקי). נאָך דעם באַזוך פון פּרץ הירשביין אין אַרגענטינע אַרום 1914 האָט ק' מיט אַ גרופּע שרייבער, זעצער און אַ דרוקער, אויסניצנדיק די גוט איינגעאָרדנטע דרוקעריי פון וו. אייזנבערג, דעם אַרויסגעבער פון „דעם אידישען סוחר", געגרינדעט אַ ערנסטע טעגלעכע צייטונג אויף קאָאָפּעראַטיווע יסודות „די אידישע צייטונג" א"ר פון ש"י ליאַכאָוויצקי; אין אייניקע חדשים אַרום, ווען אַלע מיטגלידער זיינען שוין געווען אויסגעשעפּט, האָט ק' געווירקט אויף מ. סטאָליאַר, אַ ליבהאָבער פון

דעם יידישן וואָרט און פון דער יידישער ליטעראַטור, אייגנטימער פון דער ערשטער יידישער בוכהאַנדלונג אין בוענאָס=איירעס, ער זאָל צוטרעטן אַלס שותּף צו דער צייטונג (וועלכע ער גיט אַרויס עד=היום א״ר פון יוסף מענדעלסאָן און וועלכע איז ביסלעכווייז אויסגעוואַקסן אין איינער פון די רייכסטע יידישע צייטונגען אין דער וועלט). סוף 1914 אָפּגעפאָרן קיין פּאַראַגוואַי, וואו אָנגעהויבן מיטצואַרבעטן אין די דאָרטיקע שפּאַנישע אויסגאַבן, באַטייליקט זיך גלייכצייטיק אין „דער אידישער צייטונג״, א״ר פון ל. מאַס, פאַרעפנטלעכט לידער, אָריגינעלע און איבערגעזעצטע פון שפּאַנישע דיכטער. אַ געוויסע צייט אויך מיטגעאַרבעט אין „דער פּרעסע״ אַלס מיטגליד פון דער רעדאַקציאָנעלער קאָלעגיע, גלייכצייטיק זיך אויך באַטייליקט אין די וועכנטלעכע אויסגאַבן „די געזעלשאַפט״, 1917, „דער אוואַנגאַרד״ — פון דער יידישער ס״ד׳ישער פּאַרטיי, 1915, „די נייע צייט״, 1918, — פון די פּ״צ. שפּעטער אַוועק אין די פּאַראייניקטע שטאַטן, געלעבט אין קאָלאָראַדאָ, איצט אין נ״י, באַשעפטיקט אַלס איבערזעצער פון שפּאַניש, ענגליש, דייטש און יידיש. — די באַדייטונג פון ק׳ פאַר דער יידישער ליטעראַטור באַשטייט אין דעם, וואָס ער איז געווען איינער פון די פּיאָניערן פון דער יידישער פּאָעזיע אין אַרגענטינע, אַריינגעטראָגן אין איר טענער פון דער שפּאַנישער ליטעראַטור, פון וועלכער שטאַרק געווען באַאיינפלוסט, און מאָטיוון פון דעם נייעם יידישן לעבן, וואָס פורעמט זיך אויס אין דרום=אַמעריקע. — פון זיינע לידער איז אַרויס אין בוכפאָרם אַ קליינע זאַמלונג אין צוויי, לויטן אינהאַלט — כּמעט אידענטישע אויסגאַבן א״ט „די לעגענדע פון די אַנדען״ (פּ״ג „ביכלאַך פאַר יעדען״, בוענאָס=איירעס, 1919, ז׳ 34, אילוסטרירט דורך ל. גלאַנצער, מיט אַ הקדמה פון יעקב ש. ליאַכאָוויצקי). אַ ציקל פון זיינע לידער איז אויך אַריין אין דעם זמ״ב „אויף די ברעגען פון דער פּלאַטאַ״.

א. לעיעלעס און יעקב גלאַטשטיין, אין „אין זיך״, 1920, II און III; ד. פּ., אין „אַלמאַנאַך פון יידיש=פּוילישן פאַרבאַנד אין אַרגענטינע״ 1928 א״ר פון מ. ד. גיסער.

קליימאַן חיים

(4/X 1897 —) געב׳ אין טיראַספּאָל, כערסאָנער גוב׳. באַקומען אַ אָרטאָדאָקסישע דערציונג, צוגעמישט מיט אַ ביסל אַסימילאַציע, איז ער צו 12 יאָר געבליבן אַ יתום און זייענדיק אָנגעשטעלט אויף פאַרשיידענע אונטערנעמונגען זיך אָפּגעגעבן מיט בילדונג, געענדיקט 7 קלאַסן גימנאַזיע אין בענדין, געווען אַ לערער און פאַרוואַלטער פון אַ יידישער אָוונטשול אין קאָושאַן, בעסאַראַביע, געווען אינסטרוקטאָר פון די יידישע קולטור=ליגעס אין בעסאַראַביע, וואוינט די לעצטע יאָרן אין בוקאַרעשט, וואו ער איז מיטגליד פון צ״ק פון דער יידישער קולטור=פעדעראַציע אין רומעניע. געווען מיטאַרבעטער פון דעם מאַרקסיסטישן אָרגאַן „אונזער וואָרט״ און „אונזער וועג״, בוקאַרעשט 1926—27, וואו געשריבן פּאָליטישע און פּאָלעמישע אַרטיקלען און פעליעטאָנען, אויך א״פּ ח. ק., חית קוף, ח. דאַווידאָוו א״אַ, געדרוקט אין דער נ״יער „פרייהייט״ בריוו פון רומעניע א״פּ אַלעקס דניעסטראָוו. פאַר דער אַרטיסטין לידיע פּאָטאָצקי איבערגעזעצט אַ ריי פּיעסן, ווי לעאָניד אַנדרעיעווס „יעקאַטערינאַ איוואַנאָוונאַ״, אָסטראָווסקיס „דער שטורעם״, ווינישעווסקאָס „דער ליגן״ און „די שוואַרצע פּאַנטערע״, סאַרדוס „מאַדאַם סאַן זשאַן״, גריגאָרי געס „טרילבי״, אַנרי באַטאַילס „די נאַקעטע״ א״אַ.

קליין אַלפרעד (28/IX 1887 —) געב׳ אין וואָלאָזשין, ווילנער געגנט. 1898 אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע. זשורנאַליסטישע טעטיקייט אָנגעהויבן 1910, געווען מיטרעדאַקטאָר פון דעם וואָכנבלאַט „וואַשינגטאָנער לעבען" (נאָוועמבער 1911—מערץ 1912), שפּעטער געווען וואַשינגטאָנער קאָרעספּאָנדענט פון „וואַרהייט" און זינט 1/XII 1919 — פון „טאָג". באַשעפטיקט אַלס אַדוואָקאַט, אין משך פון 10 יאָר געאַרבעט ביי דער רעגירונג אין וואַשינגטאָן אַלס סטאַטיסטיקער, דערהויפּט אין פינאַנץ-מיניסטעריום.

קליין ב. י. (1886 —) געב׳ אין סעליטש, קאָמיטאַט מאַראַמאַר׳אָש, אונגאַרן, אַלס זון פון שטעטלשן שוחט. געלערנט אין פאַרשיידענע ישיבות פון אונגאַרן, געווען אַ חסיד, דערנאָך זיך באַקענט מיט דער אונגאַרישער שפּראַך און דער רומענישער, געאַרבעט אין אַ קאַנצעלאַריע, מיטגעאַרבעט אין אַ אונגאַרישן וואָכנבלאַט אין קליינוואַרדיין „העטי הירלאָפּ", שפּעטער דורך גאַליציע, עסטרייך, דייטשלאַנד געקומען קיין אַמעריקע, דורכגערייזט אַלע שטאַטן, געוואוינט אַ יאָר פינף אין קאַנאַדע (וואַנקוווער, בריטישע קאָלומביע), דאַן ווידער צוריקגעקומען קיין נ״י, וואו ער אַרבעט אַלס מאַליער פון הייזער. געווען איינער פון די מיטגרינדער און סעקרעטאַר פון „דער פעדער" (זע קאַרלין אהרן), וואו פאַרעפנטלעכט לידער, אויך אַרטיקלען א״פ ביבראַדשוב (די ראשי-תיבות פון בערל-יואל בן ר׳ אליה-דוד שו״ב).

קליין יצחק — רב אין סאָטמאַר, אונגאַרן, וואו 1911 רעדאַקטירט אַ צווייוואָכנבלאַט אין יידיש-דייטש א״ט „עונג שבת" (אַרויס 8 נומערן), וואָס האָט אַנטהאַלטן בלויז תורה אויף דער סדרה פון דער וואָך.

מיטטיילונג פון לעאָפּאָלד גרינוואַלד.

קליינמאַן אברהם (27/XI 1889 —) געב׳ אין לובלין. געלערנט אין חדר און חדר-מתוקן, דערנאָך געענדיקט גימנאַזיע אין לובלין און שטודירט אין וואַרשעווער אוניווערסיטעט, צוליב דעם אויסבראָך פון דער וועלט-מלחמה איבערגעריסן דאָס שטודיום, שפּעטער אָנגעקומען אין פּוילישן אוניווערסיטעט אין וואַרשע, אָבער אויך דאָסמאָל דאָס שטודיום ניט פאַרענדיקט, צוליב מאַטעריעלע סיבות און דער באָלשעוויסטישער מלחמה. זשורנאַליסטישע טעטיקייט אָנגעהויבן 1915 אַלס וואַרשעווער קאָרעספּאָנדענט פון פּט״ב׳ער Разсвѣтъ, א״פ א. קאָטאָניש, זינט 1919 סיים-קאָרעספּאָנדענט פון דעם טאָגבלאַט „דאָס אידישע פאָלק", זינט 1920—פון „היינט" א״פ א. פּאָליטיקער. שרייבט פון צייט צו צייט אויך אַרטיקלען אונטערן אייגענעם נאָמען. צ״אַ אין ש. ראָזענפעלדס „חודש", II („דער פּוילישער קאַמף פאַר די גרענעצען"). פון יונגווייז אויף אַ ציוניסט (אויך זיין פאָטער, יוסף, איז אַן אַקטיווער ציוניסט), אַלס סטודענט מיטגעאַרבעט מיט יצחק גרינבוימען, 1919—20 געווען מיטגליד פון דעם ציוניסטישן צ״ק אין פּוילן.

קליינמאַן אַנזעלם (3/III 1882 —) געב׳ אין קאָלאָמיי, מזרח-גאַליציע. זיין פאָטער, מאַרקוס (מרדכי-הירש) פון פאַך אַ טאָקער און שירעם-פאַבריקאַנט, איז אין דער יוגנט געווען אַ פאָלקסדיכטער, פלעגט צ״אַ פאַרפאַסן פּורימשפּילן, וועלכע פלעגט אויך אַליין אויפפירן מיט חברים; אויף דער עלטער, שוין וואוינענדיק אין אַמעריקע, האָט ער

פאַרפאַסט הומאָריסטישע סקעטשעס פאַר
די קלענערע יידישע קינאָטעאַטערס. באַ=
קומען די ערשטע דערציִונג אין חדר
און באַראָן=הירש=שול, האָט ק׳ 1904
געענדיקט גימנאַ=
זיע און שטודירט
יוריספּרודענץ אין
טשערנאָוויץ און
לעמבערג, וואו
1911 באַקומען
דעם טיטל ד״ר און
פּראַקטיצירט אין
לעמבערג אַלס

אַדוואָקאַט. אונטער דער השפּעה פון לייבל
טויביש זיך פאַראינטערעסירט מיט דער
יידישער ליטעראַטור און דער נאַציאָנאַ=
לער באַוועגונג, געווען טעטיק אַלס פּ״צ,
אַ געוויסע צייט אויך געווען מיטגליד פון
דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע פאַר
מזרח=גאַליציע. נאָך אַלס גימנאַזיסט
געווען הויפּטרעדאַקטאָר פון אַ וועכנט=
לעכן שילער=אָרגאַן „אונזערע מחשבות״
(אין יידיש, דייטש און פּויליש), אַלס
סטודענט מיטגעאַרבעט א״פ בן מרדכי
אין לייבל טויבישעס „יודישען וואָכענ=
בלאַט״ און אין לעמבערגער „טאָג=
בלאַט״, געשריבן פעליעטאָנען, רעצענ=
זיעס איבערן יידישן טעאַטער אין
טשערנאָוויץ און לעמבערג אאַז״וו, 1906
געווען מיטגליד פון דער רעדאַקציע
פון ג. באַדערס „נייעם לעמבערגער
טאָגבלאַט״, נאָך זיין אונטערגאַנג אַריין
אַלס מיטאַרבעטער אין „טאָגבלאַט״, האָט
געשריבן אַרטיקלען, סקיצן, דערציילונ=
גען, רעצענזיעס איבער יידישן טעאַטער
אאַז״וו, קאָרעספּאָנדירט אויך אין דייטש=
יידישע צייטונגען, אין די פּויליש=יידישע
Wschód און Moriah, געווען איינער
פון די סעקרעטאַרן פון דער טשערנאָ=
וויצער קאָנפערענץ און דערנאָך מיט=
רעדאַקטאָר פון „ד״ר בירנבוימס וואָכענ=
שריפט״ (פון וועלכער עס זיינען בלויז
אַרויס 6 נומ׳). שפּעטער פון צייט צו
צייט זיך באַטייליקט אין פאַרשיידענע
יידישע אויסגאַבן פון גאַליציע, צ״אַ
אין „יודישען אַרבייטער״ פאַרעפנטלעכט
די ערשטע צוויי געזאַנגען פון זיין
איבערזעצונג פון געטעס „הערמאַן און
דאָראָטעאַ״. בשעת דער מלחמה מיט=
געאַרבעט אין דער רעדאַקציע פון דעם
יידישן טאָגבלאַט „די וויענער מאָרגענ=
צייטונג״, דערנאָך אַלס סאָלדאַט פון
דער עסטרייכישער אַרמיי צוריקגעקומען
קיין לעמבערג, וואו ווידער מיטגעאַרבעט
אין „טאָגבלאַט״, נאָך דער איבערקע=
רעניש אין עסטרייך איבערגענומען די
רעדאַקציע, אָנהייב 1920 געפאָרן מיט
זיין פרוי און קינדער קיין אַמעריקע,
וואו פאַרעפנטלעכט אַרטיקלען אין די
ב״י׳ער „יידישען טאַגעבלאַט״, „טאָג=
וואַרהייט״, „די צייט״ און די פּראָווינ=
ציעלע צייטונגען, סוף 1921 צוריקגע=
קומען קיין לעמבערג, וואו ער האָט אין
משך פון די יאָרן 1922—24 אַרויסגעגעבן
דריי יאָרביכער א״ט „יידישער ליטעראַ=
רישער קאַלענדער״, פירנדיק ווייטער די
טראַדיציע פון ג. באַדערס און משה
פראָסטיגס אַלמאַנאַכן, וואָס זיינען אין
משך פון יאָרן געווען צענטערס פאַר
דעם יידישן ליטעראַרישן שאַפן אין
גאַליציע. זיך אויך באַטייליקט פון צייט
צו צייט אין אַנדערע אויסגאַבן, צ״אַ
אין „יידיש טעאַטער״, IV — V (וועגן ש.
אַנ-סקיס „דיבוק״). וואוינט לעצטנס אין
דער גאַליצישער פּראָווינץ, צוריקגעצויגן
פון דער ליטעראַרישער טעטיקייט.

קליינמאַן משה (כ״ב תשרי 1870 —
) געב׳ אין דאָרף האָלאָפּט=
שיניץ, פּאָדאָליע, אין אַן אָרעמער, אָבער
פון רבניש=לומדיש=חסידישן יחוס גע=

קאָנטענער פאַמיליע. ביז 10 יאָר געלערנט אין דאָרף ביי מלמדים, דאַן אַנטרינענדיק פון אַ פּאָגראָם אין דעם פּאַטאַלן 1881טן יאָר, האָבן זיינע עלטערן זיך באַזעצט אין דערבייַיקן מעזשיבאָזש, וואו ער האָט ווייטער געלערנט — אין חדר ביז 15 יאָר און אין בית־מדרש — ביז 18 יאָר. אין מעזשיבאָזש האָט

אויף אים אַ געוויסע השפּעה געהאַט מרדכי ספּעקטאָר, ביי וועמען ער האָט געלערנט יידיש. געקומען אונטער דער ווירקונג פון השכלה, בפרט אונטערן שטאַרקן רושם פון ר"א ברוידעס, מ"ל ליליענבלום א"אַ, האָט ער זיך אַלס אַוטאָדידאַקט גענומען צו אַלגעמיינער בילדונג, געווען אַן עקסטערן, שפּעטער זיך פאַרנומען מיט מסחר אין באַרדיטשעוו, וואו ער האָט אויך דעביוטירט אין אַן אָרטיקער יידישער אויסגאַבע א"ט „בערדיטשעווער שפּיגעל" אַרום 1897 א"פ שבתי פאַקנטרעגער, אַרויסגעגעבן פון ב. פּיפּעלשטיין. — מיט דעם אויפקומען פון דער ציוניסטישער באַוועגונג, איז ער געוואָרן אַ הייסער ציוניסט און איז עד־היום פאַרבונדן מיט דער דאָזיקער באַוועגונג. מיט דעם צוועק צו פּראָפּאַגאַנדירן די ציוניסטישע אידעע האָט ער אַרום 1897 צוזאַמען מיט יהודה־לייב פויגל (פלי) און מרדכי פערלמוטער (אַן איידעם פון דעם דרוקער שעפּטל און אַ שוואָגער פון דעם פאָרשער אברהם כהנא) געגרינדעט אין באַרדיטשעוו דעם פ"ג „עזרא", וואו ער האָט פאַרעפנטלעכט אייניקע זיינע אַגיטאַציאָנעלע בראָשורן א"פ מקל, ווי „רבנו שמואל מאָהליבער זצ"ל / זיין לעבען, שטרעבען און ווירקונג פאַר'ן פאָלק און פאַר דער ציוניסטישער אידעע / נאָך ר' יצחק ניסענבוים און אַנדערע קוועלען בעאַרבייט אין זשאַרגאָן" (פ"ג „עזרא", 1898, ז"ז 20), „מאַקס נאָרדוי'ס רעדע אין בערלין", „דער צווייטער ציוניסטען־קאָנגרעס" און צוזאַמען מיט פֶּלי „צו ברידער ציוניסטען", „די יידישע קאָלאָניאַל־באַנק" א"אַ. בשעת דער יאַפּאַנישער מלחמה איז ער אַוועק קיין לעמבערג, וואו ער איז געוואָרן אַ פּראָפעסיאָנעלער זשורנאַליסט, 1904—8 רעדאַקטירט דאָס לעמבערגער „טאָגבלאַט" (געגרינדעט פון גרשם באַדער, וועלכער האָט ק' איינגעלאַדן אַלס מיטאַרבעטער, שפּעטער אָבער אַליין אַרויסגעשטויסן געוואָרן און געפּרוּווט אַרויסגעבן אַ קאָנקורענץ־צייטונג „דאָס נייע לעמבערגער טאָגבלאַט"). 1908 זיך באַזעצט אין אָדעס, ווייטער אָנגייענדיק מיט זיין זשורנאַליסטישער אַרבעט אין העברעיש און אין יידיש, טיילווייז אויך אין רוסיש, צ"אַ רעדאַקטירט 1909 — 10 די ציוניסטישע צייטונג „גוט מאָרגען" (וואָס איז ערשינען אין אָדעס ביז 1913 אונטער דער נאָמינעלער רעדאַקציע פון א. חלפן), אַ געוויסע צייט — ביז 1914 — אויך רעדאַקטירט שאול האָכבערגס „אונזער לעבען". מאַי 1916 אַרעסטירט אַלס פאָרזיצער פון אַ ניט־לעגאַלן צוזאַמענפאָר, 7 חדשים געזעסן אין אָדעסער טורמע, דאַן אַרויסגעשיקט געוואָרן אונטער פּאָליציי־אויפזיכט קיין סאַראַטאָוו, נאָך דער רעוואָלוציע זיך באַזעצט אין מאָסקווע, וואו ער איז געווען רעדאַקטאָר פון „העם", גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער קהילה, אָרגאַניזאַטאָר פון ערשטן קהילות־צוזאַמענפאָר, מיטגליד פון פּרעזידיום פון „צע־וועד", שפּעטער אין קיעוו געווען מיטגליד פון דעם נאַ־

ציאָנאַלן סעקרעטאַריאַט, פון דאָרט זיך צוריקגעקערט קיין אָדעס, צוזאַמען מיט ח"נ ביאַליקן געפאָרן קיין מאָסקווע אויסצופועלן פאַר די העברעישע שריפט־שטעלער אַ דערלויבעניש צו פאַרלאָזן ראַטנרוסלאַנד, די דערלויבעניש באַקומען און זומער 1921 צוזאַמען מיט ביאַליקן, ראַבניצקין א"אַ אויף אַ קליין שיפל אַרויסגעפאָרן פון אָדעס קיין קאָנסטאַנ־טינאָפּאָל, פון דאָרט מיט מי זיך דערשלאָגן קיין בערלין, אַ קורצע צייט פאַרבראַכט אין קאָוונע אַלס רעדאַקטאָר פון דער „אידישער שטימע", 1922 באַשטעטיקט אַלס רעדאַקטאָר פון אָפיציעלן ציוניס־טישן אָרגאַן „העולם" אין בערלין, גלייכ־צייטיק אויך רעדאַקטירט די פּראַכטפול־סטע קונסט־זשורנאַלן „מילגרוים" (די ה"ה III—VI, צוזאַמען מיט ד"ר מ. וויש־ניצער), און „רמון", אַרויסגעגעבן פון פ"ג „רמון", געווען טעטיק אין דער אָרגאַ־ניזאַציע פון די אוקראַינישע ציוניסטן, 1924 צוזאַמען מיט „העולם" אַריבער קיין לאָנדאָן. — אין משך פון די איבער 30 יאָר פון זיין זשורנאַליסטישער טעטיקייט האָט ק' אויך זיך באַטייליקט כמעט אין אַלע העברעישע און אין די יידיש־ציוניס־טישע צייטשריפטן, ווי „השלח", „המליץ", „הצפירה", „הצופה", „הזמן", „הארץ", „התורן", „הדואר", „יודישע פאָלקסצײַ־טונג", „פריינד", „היינט", „מאָמענט", „מאָרגען זשורנאַל", „וואַרהייט", „דער טאָג", די לאָנדאָנער „צייט", „פאָרווערטס" אאַז"וו, אויך אין די רוסיש־יידישע און דייטש־יידישע, בפרט אין Die Welt, Разсвѣтъ, Wiener Jüd. Rundshau, Wiener Morgenzeitung, Volkszeitung, Stimme der Wahrheit, אין די פּויליש־ציוניסטישע Wschód און Morja, אין די אַלגעמיין רוסישע Одесскія Новости און Русскія Вѣдомости א"אַ. האָט געשריבן קריטישע און פּובליציסטישע אַרטיקלען, אויף טעמען פון פּאָליטישער עקאָנאָמיע, פּאָליטישער פילאָסאָפיע, אַ גרעסערע אַר־בעט וועגן קאָנסטיטוציאָנעלן רעכט, צ"אַ אַ סעריע אַרטיקלען וועגן דער ציוניסטישער געגנוואַרטסאַרבעט אין גלות (אין „טאָג־בלאַט"), וועגן „זוהר" (אין לאָנדאָנער „צייט", 1928). האָט זיך באַטייליקט אין אַ סך ציוניסטישע קאָנגרעסן, אויך אויפן מינס־קער ציוניסטישן צוזאַמענפאָר און פאַר־עפנטלעכט באַריכטן פון זיי אין „המליץ", „הזמן", „לוח אחיאסף" אאַז"וו. פון זיינע אַרבעטן זיינען אין בוכפאָרם אַרויס: אַ פאַרקירצטע יידישע באַאַרבעטונג פון טעאָדאָר הערצלס ציוניסטישן ראָמאַן „אַלט־ניילאַנד" (פ"ג „פאָלקסבילדונג" ביי „תושיה", קראָקע, 1904, ז' 100), אַ ריי ציוניסטישע בראָשורן, צ"אַ וועגן דער שפּראַכפראַגע א"ט „אונזער נאַציאָנאַל־שפּראַך" (פ"ג „ציוניסטישע קאָפּיקע־ביב־ליאָטעק", אָדעס) און אַ זאַמלונג פון זיינע אַרטיקלען אין העברעיש א"ט „דמויות וקומות / רשימות לתולדות הספרות העברית החדשה" (פּאַריז, 1928, ז' 344), וואָס האָט אַ היבשן אינטערעס אויך פאַר דער גע־שיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור זינט דער השכלה־באַוועגונג. ער גרייט אויך צו צום דרוק נאָך 5 ב' העברעישע שריפטן און אַ פּאָר ב' יידישע.

„לעקסיקון ציוני"; ק', „פון פאַר'ן מבול" (זכרונות וועגן דעם אָנהייב פון זיין ליטעראַרי־שער טעטיקייט, ב. פּיפּעלשטיינען און זיין אויס־גאַבע „די בערדיטשעווער אילוסטראַציע"), אין „מאָריס מייער'ס יובילעום־ביילאַגע צו די „צייט" / מיט דער געלעגענהייט פון איהר רעדאַקטאָר'ס 50־סטען געבורטסטאַג, 2־טען יאַנואַר, 1928. / רעדאַקטירט פון משה קליינמאַן און אשר ביילין", לאָנדאָן, 1928.

קליינמאַן שמריה (1891 —) געב' אין באַראַנאָווקע, וואָלין.

ביז 10 יאָר געלערנט אין חדר, 1912

געענדיקט קאַגאַנס גימנאַזיע אין ווילנע, שטודירט דאַן מעדיצין אין בערלין און פאַרענדיקט זיין שטודיום אויפן מעדיצינישן פאַקולטעט פון ראָסטאָוו-דאָנער אוניווערסיטעט 1918, סוף יאָר מאָביליזירט געוואָרן אַלס דאָקטאָר אין דעניקינס ווייסער אַרמיי, אין וועלכער פאַרבליבן ביז פעברואַר 1920, דאַן געאַרבעט אין ראָסטאָוו אַלס לעקטאָר-אינסטרוקטאָר אין דער סאַניטאַרער אָפּטיילונג פון קאַווקאַזער פראָנט, 1912 אַריבערגעפאָרן קיין פוילן, סוף 1923 אַוועק קיין אַמעריקע, וואו פאַרנומען אַ שטעלע פון אַ אינטערניסט אין הויפּטשפּיטאָל פון מעטון, אַ שטעטל ביי באָסטאָן. ק' האָט זיך זינט 1911 באַטייליקט פון צייט צו צייט אין אייניקע רוסישע אויסגאַבן, אין „דער יודישער סטודענטענשאַפט“, בערלין 1913 — 14, דער קיעווער „נייער צייט“ 1917—19, וואו רעגלמעסיק געדרוקט קאָרעספּאָנדענצן פון ראָסטאָוו, פעליעטאָנען א"ט „דאָנער טאָגבוך“, פּובליציסטישע אַרטיקלען, אין וואָכנבלאַט „דער שטראַל“, וואַרשע 1921, אין „פאָלקסצייטונג“ קאָרעספּאָנדירט פון וואָלין און 1922—23 אָנגעפירט די אָפּטיילונג „שמועסן וועגן היגיענע“, אויך זיך באַטייליקט אין „פאָלקס-געזונט“, „ביכער-וועלט“ און אין אַמעריקע געווען אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער פון באָסטאָנער חודש-זשורנאַל „דאָס נייע וואָרט“. געשריבן אויך א"פ י. שאַקאַל.

קלייף מאָריץ — אַלס אַפּטייקער אין נאָוואָ-פראַגע, אַ דאָרף לעבן אַלעקסאַנדריע, כערסאָנער גוב., האָט ער אין יאָר 1889 פאַריידישט קרילאָווס משל Демьянова Уха, און די דאָזיקע פאַריידישונג האָט אַזוי אויסגענומען ביי זיינע באַקאַנטע, אַז ער האָט אויף זייער בקשה אָנגעשריבן נאָך אייניקע משלים, וועלכע זיינען פאַרשפּרייט געוואָרן אין כתב-יד, ביז ק' האָט ענדלעך זיי אַרויסגעגעבן אין אַ ביכעלע אין רוסישער טראַנסקריפּציע א"ט / Басни / подражаніе Крылову / на еврейскомъ жаргонѣ / въ духѣ еврейскаго быта (אַלעקסאַנדריע, 1902), וועלכעס זאָל האָבן אויסגעהאַלטן פיר אויפלאַגעס. ערשט אין 1918 האָט דער כאַרקאָווער פ"ג „אידיש“ איבערגעדרוקט עס אין יידישע אותיות א"ט „משלים“ נאָך קרילאָוו (2טע אויפלאַגע — קאָוונע, 1921, ז' 28), מיט אַן עם-האַרציש געשריבענער הקדמה פון דער רעדאַקציע. די 14 משלים, וואָס גייען אַריין אין דער זאַמלונג, צייכענען זיך באמת אויס מיט זייער פאָלקסטימלעכער באַאַרבעטונג פון דעם גרויסן רוסישן פאַבלדיכטער, וואָס ס'איז נאָך מער חידוש, ווען מ'נעמט אין אַכט, אַז דער מחבר איז אַבסאָלוט געווען דערווייטערט פון דער יידישער שפּראַך און אינגאַנצן ניט באַקאַנט מיט דער יידישער ליטעראַטור.

קלינאָוו י. (7/XII 1890—)
געב' אין האָלאָוועניסק (גאָלאָוואַנעווסק), פּאָדאָליע. זיין פאָטער אַ משכיל און אַ גוטער קענער פון העברעיש, האָט געוואוינט אין אָדעס,

וואו ער האָט געפירט אַ קאָמיסיאָנסגעשעפט פון תבואה, און ק' איז אויפגעוואַקסן אין דעם רייכן הויז פון די אַדאָפּטיר-עלטערן פון זיין מוטער, אַלטער ברויטמאַן (אומגעקומען בשעת אַ דעניקינישן פּאָגראָם 1919; די עלטערן פון זיין פאָטער זיינען דערהרגעט געוואָרן אין דעם זעלביקן יאָר פון אַ פּעטלורישער באַנדע). ביז 10 יאָר גע-

לערנט אין חדר, דערנאָך ביי פּריוואַטע
לערער — העברעיִש און רוסיש, אַ יאָר
צייט באַזוכט די אָרטיקע רוסישע פאָלקס=
שול, צו 16 יאָר אַוועק קיין אָדעס, וואו
1910 געענדיקט די קאָמערץ=שול, 1914
שטודירט אין זשענעווער אוניווערסיטעט
מעדיצין, שפּעטער אין פּסיכאָנעווראָלאָ=
גישן אינסטיטוט אין פּט"ב—יוריספּרו=
דענץ, צוליב דער אָקטאָבער=רעוואָלוציע
דאָס שטודיום ניט פאַרענדיקט.—זשורנאַ=
ליסטישע טעטיקייט אָנגעהויבן 1908 מיט
אַן אַרטיקל אין דעם זשורנאַל Экстернъ,
וואָס זיינער אַ פריינד, אַדאַם קאַגאַן, האָט
אַרויסגעגעבן אין אָדעס. נאָך דער מערץ=
רעוואָלוציע צוגעצויגן געוואָרן אַלס מיט=
אַרבעטער פון „פּעטראָגראַדער טאָגבלאַט",
גלייכצייטיק אויך מיטגעאַרבעט אין
דער רוסישער פּרעסע, אין ציוניסטישן
Разсвѣтъ, דערהויפּט אין День, און
געווען דער פּט"ב'ער קאָרעספּאָנדענט
פון „העם" אין מאָסקווע. סוף 1918
אַוועק קיין קיעוו, וואו מיטגעאַרבעט אין
די יידישע צייטשריפטן „דאָס אידישע
פאָלק" („דאָס פאָלק"?), אין טאָגבלאַט
„די וועלט", אויך אין Наш Путь, Эхо,
געווען סעקרעטאַר פון „צענטראַלן וועד
פון די רוסישע קהילות", וואָס איז דאָ
אָרגאַניזירט געוואָרן פון די יידישע כלל=
טוער נאָך דער עמיגראַציע פון מאָסקווע,
א"אַ. אין אַ האַלב יאָר אַרום געקומען
קיין אָדעס, מיטגעאַרבעט אין ציוני=
סטישן וואָכנבלאַט Еврейская Мысль און
אין דעם טאָגבלאַט Современное Слово,
אָנגעשריבן פאַר דעם קאָמיסאַריאַט פון
סאָציאַלער פאַרזיכערונג אַ בוך וועגן די
דעניקינישע פּאָגראָמען, וואָס איז אָבער
ניט געדרוקט געוואָרן (?), 1920—21 גע=
לעבט אין בעסאַראַביע, געווען אַ יאָר
צייט אַ מיטאַרבעטער, אַ געוויסע צייט
אויך רעדאַקטאָר פון דעם טאָגבלאַט „דער
איד" אין קישעניעוו. זינט 1922 אין בער=
לין, שטענדיקער דייטשלענדישער קאָ=
רעספּאָנדענט פון אַ ריי יידישע צייטונגען,
ווי „מאָרגען זשורנאַל", „היינט", קאָוונער
„אידישע שטימע", בוענאָס=אײרעסער
„אידישער צייטונג" און פון ירושלימער
„הארץ", וואו זיינע קאָרעספּאָנדענצן ווערן
איבערגעזעצט פון יידישן אָריגינאַל. אין
בערלין אין משך פון חדשים אַרויסגע=
געבן אַ ריי־ך אילוסטרירטע וואָכנשריפט
„די וועלט" אַלס ביילאַגע פאַר דער
קאָוונער „אידישער שטימע", ווילנער
„פריינד" און אויך „הארץ", וועלכע צײ=
טונג עס פלעגט באַקומען בלויז די 4
זייטן בילדער פון דער 16זייטיקער
„וועלט" מיט העברעיִשע איבערשריפטן צו
די בילדער. פון זיינע גרעסערע אַרבעטן
איז צו דערמאָנען „די געשיכטע פון אַ
יידישן זעלבסטשוץ" אין דעם זמ"ב פון
א. טשעריקאָווער „אין דער תקופה פון
רעוואָלוציע" (אין דעם פּעריאָד פון ביר=
גערקריג האָט ק' זיך אַקטיוו אָפּגעגעבן
מיט דער אַרבעט אין די אָרגאַניזאַציעס
פון יידישן זעלבסטשוץ). פון יונגווייז
אויף טעטיק אין דער ציוניסטישער באַ=
וועגונג (ייִנגלווייז זיך פאַרנומען מיט
סאָציאַליסטישער אַרבעט, געווען אַרעס=
טירט און אויף עטלעכע חדשים אַפילו
אַנטלאָפן קיין לאָנדאָן), איז ער אַ מיט=
גליד פון צ"ק פון דער רעוויזיאָניסטישער
פאַראייניקונג, מיטגעאַרבעט אין די רעווי=
זיאָניסטישע אָרגאַנען „די טריבונע", בער=
לין 1923, א"ר פון מאיר גראָסמאַן (וועל=
כער האָט געוואוינט אין לאָנדאָן), אויך גע=
ווען רעדאַקציע=מיטגליד פון וו. זשאַבאָטינ=
סקיס Разсвѣтъ אין בערלין. מיטגליד פון
א. טשעריקאָווערס „מזרח=יידישן אַרכיוו"
פון די פּאָגראָם=מאַטעריאַלן, וועלכע מיט=
געהאָלפן זאַמלען נאָך אין אוקראַינע, שטייט
אויך נאָענט צו פאַרשיידענער יידישער
געזעלשאַפטלעכער אַרבעט אין בערלין.

קלינג בערטע (1884 —) געב׳ אין נאַוואַרעדאָק, ווייסרוסלאַנד, אַלס טאָכטער פון יעקב מאַסלאָוואָט. 1898 אַוועקגעפאָרן קיין בערלין און 1899 געקומען קיין אַמעריקע. האָט דעביוטירט אין מילערס „וואַרהייט" 1916, זינט דאַן געדרוקט לידער אין פאַרשיידענע אויסגאַבן, ווי זמ"ב „שריפטען", V, וויינפערס זשורנאַלן „ביים פייער" און „דער אָנהייב", נח שטיינבערגס „די וועגען", „די פעדער", „פרייהייט", שיקאַגער „קולטור", „קאַנאַדער וואָכנבלאַט" א"אַ. טרעט אויך אויף מיט גרויס ערפאָלג אַלס זינגערין פון יידישע פאָלקסלידער. — איר שוואָגער, יוסף ק׳, געוועזענער רעדאַקטאָר פון דעם ענגלישן זשורנאַל Pagan, האָט זייער פיל איבערגעזעצט פון יידיש אויף ענגליש.

ע. קאַרמאַן, „אַנטאָלאָגיע".

קלינג לאַזאַר (1891 —) געב׳. אין ביאַלע, שעדלעצער געגנט, 1912 אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע. אָנגעהויבן צו שרייבן נאָך אין „צייטגייסט", נ"י, 1906, האָט ער 1913–14 קאָרעספּאָנדירט אין דעם אָרגאַן פון „בונד" — דער פּט"ב-ער „צייט", מיטגעאַרבעט אין „פ.אַ.ש.", דעם אָרגאַן פון אַרבעטער-רינג „דער פריינד", „דער נייער וועלט", „דעם טאָג", דעם שיקאַגער טאָגבלאַט „די וועלט", די בוענאָס-איירעסער „אידישע צייטונג" און „אַוואַנגאַרד", מיטרעדאַקטירט די וואָכנבלעטער „קאַמף" און „פונקען", נ"י, די לעצטע יאָרן געווען אַ מיטאַרבעטער פון דער קאָמוניסטישער „פרייהייט". אין בוכפאָרם פאַרעפנטלעכט: „אַרבעט און קאַמף" (נ"י, 1923, ז"ז 200). האָט איבערגעזעצט קאַרל קאוטסקיס „דער קריג און די סאָציאַל-דעמאָקראַטיע" (אין „פ.אַ.ש."), נ. לעניִנס בראָשור „די פאַרטייען און די אויפגאַבן פון פּראָלעטאַריאַט", קריסטיאַן ראַקאָווסקיס „דער קריג און דער אינטערנאַציאָנאַל" (אין „קאַמף"). 1926—27 פאַרבראַכט 14 חדשים אין ראַטנפאַרבאַנד, קאָרעספּאָנדירט אין דער „פרייהייט", מיטגעאַרבעט אין מינסקער „אָקטיאַבער" און אין „אינבווייסקולט". צוריקגעקומען קיין אַמעריקע, איז ער אַריבער אין „פאָרווערטס".

קלינגהאָפער דוד (7/VI 1886 —) געב׳ אין שטשעריץ, ביי לעמבערג, אין אַ רייכער סוחרישער משפחה, געלערנט אין חדר און אין קלויז, געענדיקט אַ 7קלאַסיקע שול און שפּעטער — די העכערע האַנדלסשול אין לעמבערג. האָט זיך פון יונגווייז אויף פאַרנומען מיט קולטור-געזעלשאַפטלעכער אַרבעט אין גאַליציע, געווען איינער פון די גרינדער פון די פּ"צ-גרופּעס אין גאַליציע, געגרינדעט יידישע פאָלקסביבליאָטעקן, פאַראייִנען פון יידישע אַרבעטער און אָנגעשטעלטע, קורסן פאַר יידישער ליטעראַטור, געשיכטע, פּאָליטישער עקאָנאָמיע אאַז"וו, אַראַנזשירט ליטעראַרישע אַרויסטרעטונגען פון ש"ע, י"ל פּרץ, מאָריס ראָזענפעלד, אברהם רייזען א"אַ, אַלס דעלעגאַט פון לעמבערג זיך באַטייליקט אין דער טשערנאָוויצער שפּראַך-קאָנפערענץ. 1910 האָט ער פאַרלאָזט לעמבערג, וואו ער איז געווען פאַרוואַלטער פון אַ גרויסער שפּיריטעס-פאַבריק, און זיך אַריבערגעצויגן אין זיין געבורטשטעטל, וואו געעפנט אַ פאַבריק פון שפּיריטעס און ליקער און אַ לאַגער פון וויין און ביר. בשעת דער וועלט-מלחמה אַנטלאָפן פון דעם האַלב צעשאָסענעם שטעטל איבער

אונגאַרן קיין ווין, וואו ער לעבט עד=היום אַלס פאַרטרעטער פון וויינפאַבריקן. — האָט פאַרעפנטלעכט איבער אַ 40 סקיצן און אימפּרעסיעס אין די גאַליצישע אויסגאַבן, ווי לעמבערגער „טאָגבלאַט" א"ר פון ג. באַדער און מ. קליינמאַן, „יודישער אַרבייטער", „דאָס נייע לעמבערגער טאָגבלאַט", „יידישע פרייהייט" — אָרגאַן פון די ס"ס אין לעמבערג, ג. באַדערס פאָלקסקאַלענדער און זמ"ב שטראַהלען", אויך אין העברעישן טאָגבלאַט „העת" און אין די נ"י'ער „וואַרהייט", יידישעס „טאַגעבלאַט" און „וואָכנבלאַט". אין אַ באַזונדערער אויסגאַבע פאַרעפנטלעכט „די טייפלישע מאַכט / אַ דראַמאַטישע סצענע אין איין אַקט" (לעמבערג, תרס"ח, ז' 14).

קלמנאָוויטש (קאַלמאַנאָוויטש) זעליג=הירש (30/X 1881 —) געב' אין גאָלדינגען, קורלאַנד, אין זייער אַן אָרעמער פאַמיליע. געלערנט א"ן חדר און ישיבה ביז 15 יאָר,

דערנאָך אַלס עקסטערן דורכגעמאַכט דעם קורס פון גימנאַזיע און מאַטורירט 1901 אין ליבאַווע, שטודירט אין בערלין 1902 — 5 און אין קיניגסבערג 1909—10 סעמיטישע פילאָלאָגיע און אַלס טפל=לימודים פסיכאָלאָגיע, פּאָליטישע עקאָנאָמיע, געשיכטע פון אַלטערטום, 1919 אָפּגעגעבן דעם מלוכה=עקזאַמען אין פּט"ב. — זיין ליטעראַרישע טעטיקייט האָט ער אָנגעהויבן 1906 אַלס איבערזעצער פון בראָשורן פאַר דער יס"פ (סיימיסטן) און פון איר אָרגאַן „די פאָלקסשטימע" 1906 — 7, אויך פון העברעישע ביכער פאַר פ. מאַרגאָלינס פ"ג, שפּעטער געאַרבעט אין פ. מאַרגאָלינס „אידישער צייטונג", אין א. ליטווינס חודש=זשורנאַל „לעבען און וויסענשאַפט", אין ווילנער פ"ג פון ב. קלעצקין — אַ געוויסע צייט, נאָך ווייטערס אַרעסט, אַלס אָנפירער און שפּעטער אַלס מיטרעדאַקטאָר, מיט דעם דאָזיקן פ"ג זיך עוואַקוירט פון ווילנע קיין פּט"ב, אַרום 1921 געווען לעקטאָר פון יידישער שפּראַך אויף די לערער=קורסן אין מינסק (דער קאָנספּעקט פון זיינע לעקציעס וועגן יידישער גראַמאַטיק איז אַרויס אין מינסק, 1922) דאַן פאַרלאָזט רוסלאַנד, אַ געוויסע צייט געווען לעקטאָר פון די לערער=קורסן ביי דער קולטור=ליגע אין קאָוונע, אויך סטיליסטישער רעדאַקטאָר פון טאָגבלאַט „בייס" און אַ סך אויפגעטאָן פאַר דער רייניקונג פון דער צייטונגס=שפּראַך. דערנאָך געלעבט אין בערלין, דאַן אין ריגע, וואו געאַרבעט אַלס לערער אין די יידישע שולן, רעדאַקטירט דאָרט 1925 אַ טאָגבלאַט „לעצטע נייס", לעצטנס לערער פון העברעיש אין דער העברעישער גימנאַזיע פון פּאָניעוועזש. — איז איינגעלאַדן אַלס וויסנשאַפטלעכער מיטאַרבעטער פון „אינבווייסקולט" קיין מינסק. — איינער פון די וויכטיקסטע פאָרשטייער פון דער נייער יידישער פילאָלאָגיע, האָט ק' אויף דעם געביט דעביוטירט א"פ פ. קליין אין די „ליטעראַרישע מאָנאַטסשריפטען" III—IV („די יודישע שפּראַך=לעהרע" — וועגן די העברעישע השפּעות אין יידישן סינטאַקסיס — און אַ רעצענזיע אויף ז. רייזענס „יודישער גראַמאַטיק"). פון זיינע שפּעטערע פילאָלאָגישע אַרבעטן איז צו פאַרצייכענען: „ניי=יידיש", וואו ער באַהאַנדלט די באַרבאַריזמען, בפרט די דייטשמעריזמען אין דער יודישער וויסנשאַפטלעכער און פּובליציסטישער פּראָזע=שפּראַך („ליטעראַרישע בלעטער",

66–69) ; „דער יידישער דיאַלעקט אין
קורלאַנד" („לאַנדוי=בוך", ז' 161—188)
א"אַ. אין משך פון יאָרן אַרבעט דער=
הויפּט אויף אַ ווערטערבוך פון דער
יידישער שפּראַך. אַלס גוטער קענער
פון יידיש האָט ער געשאַפן אַ גאַנצע
ריי אויסגעצייכנטע איבערזעצונגען פון
וויכטיקע ווערק, ווי: ש. דובנאָווס „אידי=
שע געשיכטע" (פ"ג „אידישע צייטונג",
ווילנע, 1909 — 10, אין 4 ט') ; עמיל
שירער'ס „די געשיכטע פון אידישען
פאָלק אין דער צייט פון בית שני"
(פ"ג ב. קלעצקין, 1914) ; „די אידישע
מלחמות / פון יוסף בן מתתיהו הכהן
(יוסיפוס פלאַוויוס). / אַלע 7 ביכער אין
2 טיילן איבערגעזעצט צום ערשטען
מאָל אויף אידיש בשלמות" (אויסגאַבע
פון ב. קלעצקין און פ. מאַרגאָלין, ווילנע,
1914, ז' IV+289, און ז' III+257), באַזונ=
דערע קאַפּיטלען דערפון אַרויס שפּעטער
א"ט „די לעצטע טעג פון ירושלים" —
מיט אַן אַריינפיר וועגן יוסיפוס פלאַ=
וויוס – און „די לעצטע קנאים" („היס=
טאָרישע יוגנט=ביליאָטעק" פון כלל=פ"ג,
בערלין, 1922, ז' 47 און 22) ; עמערסאָנס
עסיי „וואָס איז קונסט" (פ"ג פאָלקס=
בילדונג" פון א. ליטווין, נ"י, 1915) ;
פּראָפ' ויפּערס „לערנבוך פון דער אַלטער
געשיכטע" (פ"ג „וואָסטאָק", בערלין,
1921) ; וו. וואַגנערס „מעשיות וועגן
פייער און ליכטיגקייט" (כלל=פ"ג, בער=
לין, 1922, ז' 64) ; ד"ר אָ. האַוזערס
„אורמענש אוןווילדער / אַ פּאַראַלעל
צווישן דער פאַרהיסטאָרישער צייט און
דער איצטיגער" (כלל=פ"ג, בערלין, 1923,
ז' 178, מיט אַ הקדמה פון דעם איבער=
זעצער וועגן דער יידישער טערמינאָ=
לאָגיע פון דעם דאָזיקן ווערק, געשריבן
פון איינעם פון די גרעסטע אַווטאָריטעטן
אויף דעם געביט) ; דוד קאָיגענס „אין
שטורעם פון געשיכטע / אַרויסגעריסענע
בלעטלאַך פון טאָג=בוך / 1921 — 1914"
(אידישער ליטעראַרישער פ"ג, בערלין,
1923, ז' 248, מיט אַ הקדמה פון אַוו=
טאָר צו דער יידישער אויסגאַבע) ; מאַקס
בראָדס ראָמאַן „די פרוי פון אונזער בענק=
שאַפט"—ראָמאַן (פ"ג „ביכער פאַר אַלע=
מען", ריגע, 1928). האָט אויך פאַרעפנט=
לעכט אַרטיקלען, דערהויפּט אויף היסטאָ=
רישע אָדער פילאָלאָגישע טעמעס אין „דער
יודישער וועלט" (וועגן ד"ר חיים זשיטלאָוו=
סקיס „שריפטען", VIII, 1913, א"פ ק—ן ;
„אַ ניי ווערק איבער דער געשיכטע פון
יודען" — וועגן דער Исторія евреевъ
въ Россіи פון פ"ג Міръ, 1915, II—III),
„די וואָך", פון וועלכער צייטשריפט ער
האָט פיגורירט אַלס רעדאַקטאָר=אַרויס=
געבער (זינט 21—8 יאַנואַר 1915 ביז
15—2 יולי, ווען די גאַנצע יידישע
פּרעסע איז אָפּגעשטעלט געוואָרן), קאָוו=
נער „נייס" און „פּעדאַגאָגיש בלעטל"
(1922), ריגער „לעצטע נייס", וואו ער
האָט צ"אַ אויך אָפּגעדרוקט זיינע איבער=
זעצונגען פון דזשעק לאָנדאָנס ראָמאַן
„די ליבע פון דריי הערצער" א"ט „פאַר=
באָרגענע כוחות" און פּאָליאַקאָוו=ליטאָוו=
צעווס ראָמאַן „שבתי צבי" (אין בוכ=
פאָרם איז דער דאָזיקער ראָמאַן אַרויס
אין דער איבערז' פון ש. זאַקס, פ"ג
ש. גאָלדפאַרב, 1928). ליבאַוער וואָכנ=
בלאַט „פרייטיק" (זינט 9/I 1925), ריגער
„וואָך", 1928, א"אַ. פון זיינע אָרי=
גינעלע אַרבעטן איז אַרויס אין בוכפאָרם
זיין בראָשור „אונזער שול=פראַגע" (פ"ג
„ליכט", קאָוונע, 1922) — אַ רעפעראַט,
וואָס ער האָט געהאַלטן אויפן צוזאַמענ=
פאָר פון די קהילות אין ליטע פאַר אַ
איינהייטלעכער יידישער שול.

א. זאַרעצקי, אין זמ"ב „אידיש", כאַרקאָוו.

קלמנאָוויטש (קאַלמאַנאָוויטש) העררי (1886—) געב׳ אין דובראָווע, גראָדנער געגנט. צו 15 יאָר געקומען קיין אַמעריקע, ביי טאָג פאַר־קויפט צייטונגען אויף דער גאַס און אין אָוונט געלערנט ענגליש, שפּעטער אין משך פון 16 יאָר געווען אַ שאַפּ־אַרבעטער און זיך נאָענט באַקענט

מיט דעם יידישן אַרבעטער אין נ״י, וואָס ער האָט געשילדערט כמעט אין אַלע זיינע פּיעסן. זיין קאַריערע אַלס פּיעסנשרייבער פאַר די יידישע טעאַטערס אין אַמעריקע האָט ק׳ אָנגעהויבן אַרום 1915—16 מיט די דראַמען „דער שפּיגל פון לעבן" און „געבורט־קאָנטראָל", וועלכע האָבן געהאַט ערפאָלג אַדאַנק זיין חוש פאַר דער בינע און מ׳האָט אויף אים אָנגעהויבן צו לייגן האָפענונגען אין די קרייזן פון דער ערנסטערער יידישער טעאַטער־קריטיק, אָבער וואָס ווייטער האָט ער זיך אַלץ מער אַראָפּגעלאָזט צו דעם נידעריקן געשמאַק פון דעם יידישן שונד־טעאַטער און איז געוואָרן איינער פון די הויפּטליוועראַנטן פון אַמעריקאַנישע טעאַטערשטיק, סצעניש מער־ווייניקער געלונגענע, אָבער אומקינסטלערישע. ק׳ האָט פאַרפאַסט איבער 40 פּיעסן, פון וועלכע גאָרין רעכנט אויס פאָלגנדיקע: „איז די פרוי שולדיק?" (1917), „די ווערט פון אַ מאַמע" (1918), „חוהס ליבע", „זינדיקע פרויען", „אַפּסטערן און דאַונסטערן", „צוויי חזנים", „צעריסענע נשמות" (1918), „דער משוגענער", „יענעמס ווייב", „טענץ, געזאַנג און ווייב" (1922). פון זיינע לעצטערע פּיעסן האָבן אַ באַזונדערס גרויסן ערפאָלג געהאַט די קאָמעדיע־דראַמע „אייביקע נאַראָנים" (סוף 1924), וועלכע האָט באַזונדערס אָנטפּלעקט זיין פעיִקייט צו שילדערן דאָס הויזלעכע יידישע לעבן פון דעם האָרעפּאַשניק און אַרויפגעאַרבעטן „בעל־מלאכה", די טראַגיקאָמעדיע „שטיפמאַמעס" (אָקטאָבער 1926) און זיין ערשטע אָפּערעטע „אוי איז דאָס אַ מיידל", געשריבן פאַר מאַלי פּיקאָן (1927). פון זיינע אַנדערע פּיעסן איז נאָך צו דערמאָנען: „דער גזלן", „ליבע און געוויסן", „דער שפּאַס", „די רומענישע קרעטשמעס", „דעם טאַטנס זינדל" אאַז״וו.

קלעצקין באַרים (5/V 1875 —) געב׳ אין האָראָדישטש, נאָוואָרעדקער דיסטריקט, ווייסרוסלאַנד, אין אַ משפחה, וואָס פירט איר יחוס פון דעם טורי־זהב איבער אַ קייט פון צען דורות רבנים. אויך זיין פאָטער, אהרן, האָט געהאַט סמיכה אויף רבנות, אָבער פאַרנומען האָט ער



זיך מיט וואַלדהאַנדל. צו 10 יאָר איז ק׳ מיט די עלטערן אַריבער קיין ווילנע. באַקומען אַ יידישע טראַדיציאָנעלע דערציִונג און אַלגעמיינע בילדונג ביי פּריוואַטע לערערס, איז ק׳ יונגערהייט צוזאַמען מיט א. ליטוואַק אַריין אין די ערשטע יידישע אַרבעטער־קרייזלעך אין ווילנע, געווען איינער פון די גרינדער פון די אַ״ג „זשאַרגאָנישע קאָמיטעטן" צו פאַרשפּרייטן גוטע ליטעראַטור צווישן יידישע אַרבעטער, גרינדן יידישע אַרבעטער־ביבליאָטעקן אין דער פּראָווינץ און

אַרויסגעבן פּאָפּולערוויסנשאַפטלעכע און בעלעטריסטישע ביכער אין יידיש; געווען איינער פון די אָרגאַניזאַטאָרן און פּראַקטיקער פון דער לעגאַלער פאַרלעגעריי און פאַרשפּרייטונג פון די ערשטע יידישע אַרבעטער-אויסגאַבן, אָרגאַניזירט די בוכהאַנדלונג פון אברהם גאַסעלניק, אויסניצנדיק דערצו אַ פּאַרטיקע קאָנצעסיע, וואָס איז יענע יאָרן געווען זייער שווער צו באַקומען; אָט די קראָם איז געוואָרן אַ צענטער פון דעם נייעם יידישן בוך, פון וואַנען עס האָט זיך פאַרשפּרייט אַלדאָס מער אָדער ווייניקער אינטערעסאַנטע, וואָס איז אַרויס אויף יידיש אין רוסלאַנד אָדער אין אַמעריקע. צוליב דעם פּאַטערס געשעפטן פלעגט ק'ן אויסקומען אַרומצופאָרן איבער די שטעטלעך פון ווילנער גוב', פלעגט ער דאָרט פאַרשפּרייטן די נייע ביכלעך, זוכן אָנהענגער, אַגיטירן. אין די יאָרן 1896–99 און שפּעטער איז ק' געווען ענג פאַרבונדן מיט אַלע אונטערנעמונגען, וואָס זייער צוועק איז געווען אַרויסצוגעבן און פאַרשפּרייטן לעגאַלע יידישע ליטעראַטור פאַר אַרבעטער. נאָך דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע האָט ק' מיטגעהאָלפן אַוועקצושטעלן און אָרגאַניזירן די לעגאַלע פרעסע („וועקער", „פאָלקסצייטונג") און דעם פאַרלאַג פון „בונד" („די וועלט"), פון וועלכער פאַרטיי ער איז געווען אַן אַקטיווער מיטגליד זינט איר גרינדונג. אַרום 1910 האָט ער געגרינדעט דעם „ווילנער פאַרלאַג פון ב. אַ. קלעצקין", באַשטימענדיק אַלס אָנפירער איינעם פון די איניציאַטאָרן פון דער אונטערנעמונג, זיין נאָענטן פריינד א. ווייטער, וועלכער האָט צוליב דעם געמאַכט דאַן דעם געוויסן שריט זיך צו לעגאַליזירן, איז אָבער געוואָרן אַרעסטירט און פאַרשיקט קיין סיביר, און די אָנפירונג האָבן איבערגענומען ש. ניגער, נחום שטיף, ז. קַלמַנאָוויטש. דער פ"ג האָט איבערגענומען דעם חודש-זשורנאַל „די יודישע וועלט" (געגרינדעט 1912 אין פּט"ב), וועלכער איז זינט יאַנואַר 1913 ערשינען שוין אין ווילנע מיט ק'ן אַלס אָפיציעלן רעדאַקטאָר-אַרויסגעבער (פאַקטישער רעדאַקטאָר איז געווען צוערשט דוד בערגעלסאָן, דאַן ש. ניגער), האָט אַרויסגעגעבן „דעם פנקס"—די גרויסע כאַרטיע פון דער מאָדערנער יידישער פילאָלאָגיע, געגרינדעט דעם ערשטן יידישן קינדער-זשורנאַל „די גרינינקע ביימעלאַך" און ביסלעכווייז אָנגעהויבן צו שפּילן אַ גרויסע ראָלע ניט נאָר אין דער יידישער פאַרלאַגסטעטיקייט, נאָר אויך אין דער גאַנצער יידישער, גענויער געזאָגט—יידישיסטישער קולטור-באַוועגונג, גרופּירנדיק אַרום זיך די בעסטע פאָרשטייער פון דער יידישער ליטעראַטור און שטרעבנדיק זי אויפצוהייבן אויף אַ העכערער מדרגה. די ערשטע אויסגאַבן פון דעם פ"ג ק' זיינען געווען: שלום אַשס „מעשה'לעך פון חומש", „מערי", „שלמה נגיד", „דראַמען", דוד איינהאָרנס „מיינע ליעדער", א. ווייטערס „דער שטומער", בעל-מחשבותעס „געקליבענע שריפטען" ב' III—V, רעדוואַרד קיפּלינגס „דאָס בוך פון דזשאָנגל", איבערז' פון ל. שאַפּיראָ אין אַ אילוסטרירטער פּראַכט-אויסגאַבע, דוד בערגעלסאָנס „נאָך אַלעמען", מ. ד. ריווקינס „דער וועליזשער בלוט-בלבול", עמיל שירערס „געשיכטע פונ'ם יודישען פאָלק", ש. גאָרעליקס „די ליעבע פּראָווינץ", ה. ד. נאָמבערגס „די משפחה", אברהם רייזענס „אָוועַנד-קלאַנגען" און „איבערגעבליבענע", ווי אויך די ערשטע מאָדערנע יידישע לערנביכער — ד. האָכבערגס „די נייע שול",

האָכבערגס און זשיטאָמירסקיס „מעטאָ=
דישע אָנווייזונגען“, ל. ח. יפהס „שול=
חבר“ — לערנבוך פאַרן 2טן און 3טן
שול־יאָר, אאַז״וו. דער אויסברוך פון
דער וועלט־מלחמה האָט איבערגעריסן
די טעטיקייט פון פאַרלאַג, וועלכע האָט
געהאַלטן אין וואַקסן; עס זיינען
אָבער געמאַכט געוואָרן אַלע אָנשטרענ=
גונגען איינצוהאַלטן די דערמאָנטע זשור=
נאַלן, ווי אויך דאָס ביי־געגרינדעטע
וואָכנבלאַט „די וואָך“, אָבער דער פאַר=
באָט פון ניקאָלאַי ניקאָלאַיעוויטשן אויף
יידיש האָט געמאַכט אויך דערצו אַ סוף
און נאָך דער עוואַקואַציע פון ווילנע
דורך די רוסן איז ק׳ אַוועק קיין רוס=
לאַנד, האָט צוליב זיינע געשעפטן גע=
לעבט אין פאַרשיידענע שטעט, ווי
פט״ב, מאָסקווע, קיעוו, אַרויסגעגעבן
אויך אין די דאָזיקע שטעט אַ ריי ביכער,
דערהויפּט קינדער־ביכלעך און לערנבי=
כער, אַ סך פון זיי געדרוקט אומלעגאַל
צוליב דעם אויבנדערמאָנטן פאַרבאָט,
געווען אויך דער פאַרלעגער פון די
פּעריאָדישע זמ״ה, וואָס זיינען אַרויס
אין פט״ב א״ר פון ש. ניגער. בעת
אַ גרופּע יידישע כלל־טוער האָבן אָר=
גאַניזירט אַ גרויסע יידישע צייטונג, „פעט=
ראָגראַדער טאָגבלאַט“, וואָס האָט געזאָלט
פאַראייניקן אַלע ריכטונגען מיט אַ פּאָזיטי=
ווער באַציִונג צו יידישער קולטור, איז
ק׳ איינגעלאַדן געוואָרן אַלס הויפּטפאַר=
וואַלטער, אָבער די צייטונג איז צוליב
אינעווייניקסטע הלוקי־דעות אינגיכן צע=
פאַלן, אַריבער אין רשות פון ציוניסטן
א״ר פון יצחק גרינבוים. נאָך דער
מערץ = רעוואָלוציע געלעבט אין באָ=
ברויסק אַלס אייגנטימער און פירער
פון פאַבריקן און קאַפּיטאַליסטישע אונ=
טערנעמונגען, געווען אויסגעוויילט אין
קאָמיטעט פון „בונד“, אויך מיט=

גליד פון אויספירקאָמיטעט פון די פראָפ׳
פאַראיינען, 1919 צוריקגעקומען קיין
ווילנע, וואו באַנייט די טעטיקייט פון
זיין פאַרלאַג, 1925 אַריבערגעטראָגן די
צענטראַלע פון פאַרלאַג קיין וואַרשע און
פאַרוואַנדלט אים אין איינעם פון די
גרעסטע יידישע פאַרלאַגן, וואָס קאָנ=
צענטרירט ביי היינטיקן טאָג אַ גאַנצע
ריי וויכטיקסטע ווערק פון דער יידישער
און אַלגעמיינער ליטעראַטור, ווי די
ווערק פון פרץ (18 ב׳), ש״ע (28 ב),
י. אָפּאַטאָשו (11 ב׳, צ״אַ דער ראָמאַן
„18‘3“ — דער 2טער טייל פון דער
טרילאָגיע „אין פוילישע וועלדער“, דער
ראָמאַן „די טענצערין“ און די זאַמלונ=
גען נאָוועלן „אַרום די חורבות“, „אויף
זייטיקע וועגן“ און „פרויען“), ה. לייוויק
(7 ב׳: „הינטערן שלאָס“, „דער גולם“
און די דראַמען „אָרעמע מלוכה“, „באַנ=
קראָט“, „שאַפּ“, „שמאַטעס“, „הירש לע=
קערט“), י. י. זינגער (4 ב׳, צ״אַ דער
ראָמאַן „שטאָל און אייזן“ און דאָס בוך
רייזעבילדער פון ראַטנפאַרבאַנד „ניי=
רוסלאַנד“), ברוך גלאַזמאַן (5 ב׳, צ״אַ
די ראָמאַנען „אינם ראָד“, „אַ טרעפּ“,
„אויף אַן אינזל“ — פון פישערלעבן
אין אַמעריקע, „אונטערן צייכן פון
אונטערגאַנג“), ע. וואַרשאַווסקי (2 ב׳,
„שמוגלאַרס“ און דער ראָמאַן „שניט=
צייט“), מ. נאַדיר (5 ב׳), דוד בערגעל=
סאָן (8 ב׳, צ״אַ דער ראָמאַן „מידת
הדין“, די זאַמלונג נאָוועלן „שטורעמ=
טעג“, דראַמען), פרץ הירשביין (אַלע
ווערק, געפּלאַנט אויף 25 ב׳), משה
טייטש, ראָמען ראָלאַן („זשאַן קריסטאָף“),
אין 10 ב׳), קנוט האַמסון (די ראָמאַנען
„דאָס לעצטע קאַפּיטל“—איבערז׳ פאַלק
היילפּערין, די „לעצטע פרייד“ — א. אי=
וועניצקי, „די וואָגלער“ און „פאַן“ —
י. באַשעוויס, „מיסטעריען“ און „די

שטאָט זעגלפּאָס" — אהרן מאַרק, „הונגער" — רייזען א"אַ), מאַקסים גאָרקי (7 בּ', צ"אַ 3 בּ' דערציילונגען, איבּערז' אַ. פרידקין, „צווישן מענטשן" און „מיינע אוניווערסיטעטן" — פון משה און זיין פרוי אסתּר זילבּורג) אאַז"וו. גיט אויך אַרויס די וואָכנשריפט „ליטעראַרישע בּלעטער" א"ר פון נחמן מייזיל, דאָס קוואַרטאַל־בּוך „יידיש טעאַטער" א"ר פון ד"ר מיכאל ווייכערט, די „פילאָלאָגישע שריפטן" פון יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט (3 בּ'). אין אַפּריל 1928 בּאַנייט „די יידישע וועלט" אַלס חודש־שריפט פאַר ליטעראַטור, קריטיק, קונסט און קולטור א"ר פון נ. מייזיל, פּרץ הירשבּיין, י. י. זינגער (דער לעצטער האָט זיך בּאַלד צוריקגעצויגן פון דער יידישער שיינער ליטעראַטור בּכלל).

קניזשניק זעלדע (אַרום 1869 —) געבּ' אין וויאַזין, ווילנער געגנט. איר פאָטער, מזל, אַ גרויסער למדן, וואָס איז שפּעטער געוואָרן אַ פּרוש, האָט איר געגעבן זייער אַ שטרענגע רעליגיעזע דערציִונג. אַלס קינד זיך אויסגעצייכנט מיט זעלטענע פעִיקייטן, האָט זי געלערנט תּנך, „עין יעקב" און שוין צו 8 יאָר איבּערראַשט דאָס שטעטל מיט אירער אַ העבּרעִישער פּאָעמע אין פערזן. אַז מ'האָט געבּראַכט די פּאָעמע צום רב, האָט ער געזאָגט אויף דער יונגיטשקער דיכטערין, אַז זי האָט אַ גאונישן קאָפּ, און אַז מ'דאַרף זי לאָזן שטודירן פאַר אַן אַקושערין, און יאָרנלאַנג נאָכדעם האָט דאָס מיידעלע געטרוימט וועגן דעם ווי וועגן אַ זיסן חלום,

בּיז זי איז צו 16 יאָר אַנטלאָפן קיין ווילנע. מיט אַ העפט שירים אין דער האַנט איז זי געקומען צו שמואל־יוסף פין, און אַז דער אַלטער משכּיל האָט זי געפרעגט, וואָס ער קען טאָן פאַר איר, האָט זי אים געזאָגט, אַז איר אייציקער טרוים זייִנען די אַקושער־קורסן. פין איז געווען גערירט פון איר יוגנטלעכן אידעאַליזם און האָט איר צוגעזאָגט בּאַהילפיק צו זיין אין איר שטרעבונג, אָבער דערפון איז גאָרנישט אַרויסגעקומען, ווייל בּאַלד איז קיין ווילנע געקומען ק'ס מוטער און האָט זי צוריקגעבּראַכט אַהיים און גלייך חתונה געמאַכט מיט אַ פעלדשער. אייניקע יאָר (אָנהייבּ די 90ער) האָט זי געלעבּט אין שאַצק. שוין צו יענער צייט, דערציילט מען, האָט זי געהאַט אַ גאַנצן קופערט אייגענע כּתבים, דערהויפּט לידער אין יידיש, וואָס זי פלעגט שרייבּן בּיי יעדער געלעגנהייט מיט אַ מערקווערדיקער לייכטקייט. אָבער דאָס איינזאַמע לעבּן אין דעם וויסטן פאַרוואָרפענעם שטעטל, דערצו אין נויט און דחקות, האָט אויף איר שווער געווירקט און ניט געגעבּן איר די מעגלעכקייט צו אַנטפּלעקן איר דיכטערישן טאַלענט. פאַרבּראַכט אַ יאָר 5 אין שאַצק, האָט זי זיך מיט דער פאַמיליע אַריבּערגעצויגן קיין פּאָרעטשע, וואו דער מאַן האָט בּאַקומען אַ שטעלע אויף די ביי געעפנטע הוטעס פון א. קלעצקין; דאָרטן האָט זי זיך שוין געפילט בּעסער, פלעגט פון צייט צו צייט קומען קיין מינסק, וואו אירע טעכטער האָבּן זיך געלערנט, זיך בּאַקענט מיט אברהם רייזענען און פאַרעפנטלעכט אַ ריי לידער אין „יוד", „פריינד", די אויסגאַבּן פון א. רייזען, „צוקונפט" א"אַ, אָבּער דער גרעסטער טייל פון די דאָזיקע לידער, וואָס וואָלט אויסגעמאַכט גאַנצע בּענד,

איז לײדער געבליבן אין כתב=יד. לויט זײער פאָרם פאָלקסטימלעך, צײכענען זײ זיך אויס מיט אַ טיפן לירישן געפיל, מיט אַן אײנגעהאַלטענעם אַזוי װי צוגעפרעסטן טאָן. די לעצטע יאָרן װאוינט ק׳ אין בריאַנסק. אירע אַ טאָכטער, בערטע ק׳, האָט פאַרעפנטלעכט אײניקע לידער אין די ײדישע אויסגאַבן פון אַמעריקע, װאוהין זי האָט אויסגעװאַנדערט אַרום 1910.

מ. באסין, אנטאלאגיע, II; יואל ענטין, „יודישע פאעטן", II; ע. קארמאן, „אנטאלאגיע".

קעלמער מגיד (1828—1899) פאָלקסנאָמען פון משה=יצחק דרשן. געב׳ אין אָזערניצע, גראָדנער געגנט, געלערנט אין דער סלאָנימער ישיבה. אַן אַסקעטישע און רײך באַגאַבטער נאַטור, האָט ער מיט זײן לומדות און כוח הדיבור געצויגן אויף זיך די אויפמערקזאַמקײט פון ר׳ ישראל סאַלאַנטער, בײ װעמען ער האָט אַ שטיקל צײט געלערנט, און יענער האָט אים צוגערעדט צו װערן אַ מגיד. 1850 איז ער אויפגענומען געװאָרן פאַר אַ מגיד אין קעלם, קאָװנער גוב׳, דערנאָך געװען מגיד אין זאַגער, אָשמענע, מינסק א״אַ שטעט, ביז ער האָט לסוף זיך אָפגעזאָגט פון אַ שטענדיקער מגידות=שטעלע, האַלטנדיק פאַר זײן חוב צו װאַנדערן פון שטאָט צו שטאָט און מעורר זײן דעם עולם צו תשובה און יראת=שמים. זײנע פלאַמענדיקע מוסר=דרשות, דורכגעדרונגען מיט אַ שפאַנענדיקן פאַטאָס, זײנע בילדלעכע שילדערונגען פון די עינויים, װאָס די רשעים װעלן האָבן אָפצוקומען אויף יענער װעלט, פלעגן מאַכן אַ אומגעהײערן רושם אויף די צוהערער. אין זײנע מעטאַפערס און משלים, אין זײנע רעדנערישע מעטאָדן, װי אויך אין דעם ספעציעלן ניגון, מיט װעלכן ער פלעגט זאָגן זײנע דרשות, איז געװען זײער פיל אַרכאַישס, אָבער דער לײדנשאַפטלעכער פעסטער גלויבן, װעלכער האָט געעטעמט פון די דאָזיקע דרשות, האָט זײ צוגעגעבן אַ באַזונדערע איבערצײגונגסקראַפט, און דער קעלמער מגיד איז געװאָרן אַ שם=דבר אין ליטע און רײסן. ער פלעגט זיך ניט באַנוגענען מיט בלויז רעליגיעזע טעמעס, אין רופנדיק צו פרומקײט און מעשים טובים, פלעגט ער אויך אַרויסטרעטן קעגן די קהלסלײט און בעלי=טובות, װאָס עקספלאָאַטירן זײער געזעלשאַפטלעכע לאַגע. די דאָזיקע אַרויסטרעטונגען האָבן אים געשאַפן אַ סך שונאים, אָבער נאָך גרעסער געמאַכט זײן שם צװישן די ברײטע מאַסן. ער האָט אויך מעורר געװען צו גרינדן צדקה=חברות, חברות פאַר חיזוק הדת אדג״ל. פאַר זײנע אָנפאַלן אויף די „אפיקורסים" און די אַלע בײזע פירונגען איז ער געװען אומבאַליבט אין די קרײזן פון די משכילים און אויפגעקלערטע, און איז אין דער השכלה=ליטעראַטור פון יענער עפאָכע אָפט אַרויסגעשטעלט געװאָרן אַלס סימבאָל פון פאַרגליװערטן פאַנאַטיזם און אָבסקוראַנטיזם. מיט צװײ יאָר פאַרן טויט האָט ער זיך געמוזט אָפזאָגן פון דער ראָלע פון אַ װאַנדערנדיקן מגיד און זיך באַזעצט אין לידע, װוּ ער איז געשטאָרבן. ער האָט פאַרפאַסט אַ ספר „תוכחת חיים".

לוח „אחיאסף"; JE, IX; EЭ, IX.

קעלנער (יהודה=לײב) לעאָן (17/IV 1859 —) געב אין טאַרנע, מערב=גאַליציע. געגאַנגען אין חדר און ביז 18 יאָר געלערנט גמרא. 1876 אַרײן אין ברעסלער ײדיש=טעאָלאָגישן סעמינאַר, דערנאָך שטודירט אין װינער אוניװערסיטעט גערמאַנישע און ראָמאַנישע פילאָלאָגיע, דערהויפט געאַרבעט אויף דער געשיכטע פון דער ענגלישער שפראַך און ליטעראַטור, באַזוכנדיק זינט 1885

ענגלאַנד כמעט אַלע יאָר, זינט 1890 פּריוואַט-דאָצענט פון ענגלישער פילאָלאָגיע אין ווינער אוניווערסיטעט, זינט 1904 פּראָפעסאָר אין טשערנאָוויצער אוניווערסיטעט, 1924 פּענסיאָנירט און וואוינט אין ווין. אַחוץ אַ ריי גראַמאַטישע און לעקסיקאָלאָגישע ווערק אויפן געביט פון דער ענגלישער פילאָלאָגיע, בפרט פון דער שעקספּיר-פאָרשונג, האָט ער אויך פאַרפאַסט אין דייטש „די געשיכטע פון דער ענגלישער ליטעראַטור אין דער תקופה פון דער קיניגין וויקטאָריע" (פ"ג טוישניץ, לייפּציג, 1909) א"אַ. אַ ציוניסטישער טוער, מיטאַרבעטער פון דער Welt, רעדאַקטאָר פון טעאָדאָר הערצל'ס Zionistische Schriften, אַ געוויסע צייט פאָרזיצער פון קאָמיטעט פון די בוקאָווינער ציוניסטן, איז ער אָבער אויך ליבהאָבער און פריינד פון דער יידישער שפּראַך און ליטעראַטור, האָט אונטערגעשטיצט דעם קאַמף פאַר דער אָרקענונג פון יידיש אין עסטרייך, אונטערגעשריבן דעם אויפרוף פון אָרגאַניזיר-קאָמיטעט צו גרינדן דעם יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט און אין „לאַנדוי-בוך" פון ייוו"א פאַרעפנטלעכט „אַן אָפענעם בריוו צו ד"ר אַלפרעד לאַנדוי", געשריבן פון אים אָריגינעל אין יידיש, וואו ער ברענגט אויך צום אויסדרוק זיין באַציִונג צו יידיש און דער יידישער פילאָלאָגיע.

קענדזשערסקי ראובן (27/II 1887 —) געב׳ אין רוסלאַנד אין אַן אַרבעטער-פאַמיליע. יונג געקומען קיין ענגלאַנד און געאַרבעט אין לאָנדאָן אין אַ שניידערשאַפּ, 1900 אַריין אין דער ראַדיקאַל-ציוניסטישער באַוועגונג און אַזוי-אַרום געווען איינער פון די ערשטע פּ"צ, זינט דאַן אָנגעהויבן זיך צו באַטייליקן אין די פּאַרטיי-אויסגאַבן פון ענגלאַנד, פון וועלכע אייניקע אויך רעדאַקטירט, ווי „אונזער שטימע", לאָנדאָן 1910, געשריבן אויך אין די פּ"צ-אָרגאַנען פון אַנדערע לענדער. נאָך דער מערץ-רעוואָלוציע אַוועק קיין רוסלאַנד, רעדאַקטירט דאָס טאָגבלאַט „דאָס נייע לעבן" אין אָדעס, וואָס די פּאַרטיי פּ"צ האָט אָפּגעקויפט ביי ש. האָכבערג, דעם אַרויסגעבער פון „אונזער לעבן", געווען אויך טעטיק אין קיעוו און אין מאָסקווע, אין מאָסקווע רעדאַקטירט „דאָס נייע וואָרט / פּאָליטישע און ליטעראַרישע צוויי-וואָכנשריפט / אָרגאַן פון דער אידישער סאָצ. דעמ. אַרבייטער פּאַרטיי (פּועלי ציון)" (נומ׳ 1 — 13/VII 1918), אין דעם קאַמף צווישן רעכט און לינק אין דער פּאַרטיי פאַרנומען די פּאָזיציע פון צענטער, אָנהייב 1919 פאַרלאָזט ראַטנרוסלאַנד, אַ געוויסע צייט פאַרבראַכט אין ווין, אַרום 1920 אַוועק קיין אַמעריקע, וואו ער האָט רעדאַקטירט פּאַרטיי-אויסגאַבן, צ"אַ די „אידיש-סאָציאַליסטישע מאָנאַטשריפט / אָרגאַן פון דער אידישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי (לינקע פּוע"צ)", נ"י 1922, „יוגענט / אָרגאַן פון דער אידישער סאָציאַליסטישער אַרבייטער אָרגאַניזאַציע „יוגענט" (נ"י, נומ׳ 1 — מאַי 1922), אָנגעפירט די „יידישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי-שול" — קורסן איבער פּאָליטישער עקאָנאָמיע, יידישן סאָציאַליזם, יידישער ליטעראַטור, קונסט, מאָלעריי. שפּעטער אַלס ס"ד פאַרלאָזט די לינקע פּ"צ און בראש פון אַ קליינער גרופּע געשטאַנען אין אָפּאָזיציע צו ביידע פליגלען פון דער פּ"צ-באַוועגונג. — האָט זיך באַזונדערס פיל אָפּגעגעבן מיט סאָציאַלע און עקאָנאָמישע שטודיען.

קעניג יחיאל-מיכל (8/VIII 1906 —) געב׳ אין לאָדז אין אַ משפּחה, וואָס שטאַמט פון די גרינדער פון דער דאָרטיקער יידישער קהילה. ביז 17 יאָר

געלערנט אין חדר און געזעלשאַפטלעך-רעליגיעזע לערנאַנשטאַלטן, שפּעטער אַלס עקסטערן דורכגעמאַכט דעם קורס פון 6 קלאַסן גימנאַזיע. זינט 1923 זיך באַטייליקט אין אַלע אָרטאָדאָקסישע אויסגאַבן פון פּוילן, ווי לאָדזער חודש-זשורנאַל „אָרטאָדאָקסישע בלעטלעך", תרפ"ג, „יידישע שטימע" — וואָכנבלאַט און טאָגבלאַט, תרפ"ג—תרפ"ה, „דער יידישער אַרבייטער", תרפ"ד, אויך אין די וואַרשעווער „יוד", „די יודישע אַרבייטער-שטימע", זינט תרפ"ו מיטרעדאַקטאָר פון אָרטאָדאָקסישן פאַמיליענזשורנאַל „בית יעקב" א"ר פון פרידענזאָן און פון מאָנאַטזשורנאַל „דער קינדערגאָרטען", מיט דער מיטהילף פון יעקב-צבי יאַסקאָוויטש אַליין רעדאַקטירט אין לאָדז די „מסורה-בלעטער" פאַר יהדות, חסידות און ליטעראַטור (אַרויס 3 נומ'), געשריבן אַרטיקלען, סקיצן, דערציילונגען, לידער, איבערגעזעצט און באַאַרבעט פון דער דייטש-יידישער ליטעראַטור, צ"אַ ד"ר לעהמאַנס דערציילונגען „אַ מסחר אויפן וואָרט" („דער יוד", תרפ"ה), „אונמעגליך" (ib, תרפ"ז), „דער קדוש פון מאַינץ", פּראָפ' ד"ר יעקב-ישראל דע-האַנס *) בוך „ירושלים / סקיצן פון טאָג" (פ"ג „מסורה", לאָדז, 1925, ז"ז 112; אַנטהאַלט אויך דאָס טאָגבוך פון דעם דערשאָסענעם אגודה-פירער, געשריבן עטלעכע טעג פאַרן טויט אונטער דער התראה, אַז ער וועט געטויט ווערן), ד"ר שמשון בר' רפאל הירשס „געזאַמעלטע שריפטען / ערשטער באַנד / ערשטער טייל" (דערז' פ"ג, 1926, ז"ז 56; אַנטהאַלט, אַחוץ אַ פאָרוואָרט פון ק' — הירשס דריי דרשות, די לעצטע צוויי איבערז' פון הרב נחום-לייב ווייַנגאָט); אין כתב-יד איבערזעצונגען פון ד"ר יצחק ברויערס שריפטן, ד"ר הוגאָ פריינדס „אַסתרקע די יידישע קעניגין פון פוילן" (צום טייל פאַרעפנטלעכט אין „דער יודישער שטימע", תרפ"ה), אהרן מאַרקוסעס „חסידות" (פראַגמענטן אין „מסורה-בלעטער") אאַז"וו. האָט דאָס רוב געשריבן א"פ ק. נעמיראָווער (ק—ס משפחה פירט איר יחוס פון גאון ר' יחיאל-מיכל, אבד"ק נעמיראָוו, וועלכער איז אומגעקומען על קידוש השם פון קאָזאַקן בשעת די גזרות תח—ותט), אויך א"פ מ. בן-דוד, מ. רעקס, צעזאַר, א. מיך א"אַ. וואוינט אין לאָדז, פאַרנעמענדיק זיך מיט זשורנאַליסטיק פּראָפעסיאָנעל, מיטגליד פון צ"ק פון דער אָרטאָדאָקסישער אַרבעטער-פּאַרטיי „פּועלי אגודת ישראל".

*) וועגן דעם מיסטעריעזן דע-האַן זע יעקב גלאַטשטיינס אַרטיקל אין „צוקונפט" 1928.

קעניג לעאָ (שבת שירה 1889 —) פּס"נ פון לייב יפה. געב' אין דאָרף סאַלען, באָברויסקער קרייז, מינסקער גוב', אין אַ פרומער באַלעבאַטישער פאַמיליע. אַלס קינד געבראַכט געוואָרן קיין אָדעס, געלערנט אין דער אָדעסער ישיבה אונטער דער אָנפירונג פון ד"ר ח. טשערנאָוויץ

(רב צעיר), פרי אַרויסגעוויזן נייגונגען צום שרייבן און צום מאָלן, צו 15 יאָר דורך דער פאַרמיטלונג פון י"ח ראַבניצקי געשיקט אַ דערציילונג „דער עקסטערן" צו י"ל פּרצן, וועלכער האָט זי אָפּגעדרוקט אין „וועג", דאַן אויך פאַרעפנטלעכט אייניקע סקיצן אין „דעם אידישען קעמפּפער" א"ר פון ק. מרמר. צו 17 יאָר איז ק' אַוועק קיין ארץ-ישראל שטודירן מאָלעריי ביי שמואל הירשענבערג, וועלכער איז דעמאָלט

געוועזן פּראָפעסאָר אין דער „בצלאל"=שול, דריי יאָר פאַרבראַכט אין לאַנד, פאַר זיין געווינען אין אַ קאָנקורס — געוועזן אַ סטיפּענדיאַנט אין „בצלאל", גלייכצייטיק אויך געשריבן דערציילונגען אין „הפועל הצעיר" א"ב אריה יפה. צו פאַרפולקומען זיך אין זיין קונסט=שטודיום איז ער פון פּאַלעסטינע אַוועק קיין מינכען און שפּעטער פון מינכען קיין פּאַריז. אין פּאַריז האָט ער א"ב ק' אָנגעהויבן צו שרייבן זיינע אָפּהאַנדלונגען איבער קונסט און קינסטלער פאַר „דער יודישער וועלט" פון פּט"ב און ווילנע און פאַר דער „צוקונפט". די דאָזיקע אָפּהאַנדלונגען (למשל, וועגן טאָמאַס טעאָדאָר היינע, מרדכי אַנטאָקאָלסקי, שמואל הירשענבערג, נחום אַראָנסאָן, משה=אפרים ליליען, יוסף איזראַעלס, מאַקס ליבערמאַן (אין „דער יודישער וועלט" 1912 — 14), קאַמיל פּיסאַראָ („צוקונפט" 1914) זיינען געוועזן די ערשטע ערנסטע אָפּהאַנדלונגען וועגן קונסט אין דער יידישער ליטעראַטור און עד=היום בלייבט ק' איינער פון די געציילטע אויסגעצייכנטע שריפטשטעלער אונזערע איבער קונסט. צוזאַמען מיט מאַרק שוואַרץ האָט ער אויך אַרויסגעגעבן אין פּאַריז דעם ערשטן יידישן קונסט=זשורנאַל א"ט „מחמדים", אַרום 1912. די וועלט=מלחמה האָט אים געבראַכט קיין לאָנדאָן, וואו ער וואוינט זינט דאַן מיט זיין פרוי און קינדער. צוליב עקאָנאָמישע טעמים איז ער געצוואונגען געוועזן צו ווערן אַ זשורנאַליסט, אַ מיט=אַרבעטער פון טעגלעכע צייטונגען, פון דער לאָנדאָנער „צייט" (אַ געוויסע צייט פון יאָר 1927 האָט ער מיטגעאַרבעט אין דער לאָנדאָנער „אידישער פּאָסט") און אין נ"י'ער „טאָג", און זיינע אייגנאַרטיקע לעבעדיקע און גייסטרייכע עסייען אויף די פאַרשיידנסטע אַקטועלע טעמען, יידישע און אַלגעמיינע, ווערן אויך איבערגעדרוקט פון פאַרשיידענע אַנדערע צייטונגען. זינט אָנהייב 1928, ווען דער „פאָרווערטס" האָט איינגעפירט אין דער זונטאָג=ביילאַגע אַן אָפּטיילונג פאַר יידישער ליטעראַטור, שרייבט ק' פאַר דער דאָזיקער אָפּטיילונג עסייען און אָפּהאַנדלונגען וועגן יידישער ליטעראַטור און קריטיק. אַ שיינער פּרוּוו איז געוועזן דער חודש=זשורנאַל פאַר ליטעראַטור און קונסט א"ט „רענעסאַנס", וואָס ק' האָט מיט דער הילף פון אַ גרופּע פריינד, ווי משה עובד, יוסף לעפטוויטש, יצחק ליכטענשטיין א"אַ, געגרינדעט אין לאָנדאָן און רעדאַקטירט (אַרויס 6 ביכער, יאַנואַר — יוני 1920); צו דער מיטאַרבעט אין דעם דאָזיקן זשורנאַל האָט ער אויך צוגעצויגן ענגליש=יידישע שריפטשטעלער, ווי לואיס גאָלדינג, ש. ווינסטען, ישראל זאַנגוויל און זיין ברודער לואיס זאַנגוויל, דזשאָן קורנאָס א"אַ און די קינסטלער לוסיען פּיסאַראָ, לעאָפּאָלד פּיליכאָווסקי, אַלפרעד א. וואָלמאַרק, יעקב קראַמער, ח. עפּשטיין א"אַ; פון די אַרטיקלען און עסייען, וואָס ק' האָט פאַרעפנטלעכט אין „רענעסאַנס", איז צו דערמאָנען: „פּאַלעסטינאַ און אידישע פאָרמען", „בצלאל", „אידישע ליטעראַטור און אידישע פּלאַסטיק", „יעקב פּ. אַדלער" (דער שוישפּילער), „יעקב עפּשטיין", „אידיש און העבראַיש", ראַפאַעל" אאַז"וו. ער האָט זיך אויך באַטייליקט אין פאַרשיידענע אַנדערע יידישע צייטשריפטן און זמ"ב פון לאָנדאָן, אַמעריקע און פּוילן, צ"אַ אין א. רייזענס „נייעם זשורנאַל" (וועגן דזשעק לאָנדאָן), „צוקונפט", „ליטעראַרישע בלעטער", ווייסנבערגס „אונזער האָפענונג" (צ"אַ וועגן משה נאַדיר) א"אַ. אַן אויסוואַל פון זיינע עסיי=

ען וועגן קינסטלער און שריפטשטעלער ווערט צוגעגרייט צום ארויסגעבן אין 2 ב' פון ווילנער פ"ג ב. קלעצקין. פאַר דער סעריע „יידן־קינסטלער־מאָנאָגראַ־פיעס", וואָס דער פ"ג Le Triangle גיט ארויס, האָט ק' אָנגעשריבן די מאָנאָ־גראַפיעס „קאַמיל פיסאַראָ" (פּאַריז, 1927, ז' 16 + 8 רעפּראָדוקציעס פון פיסאַראָס בילדער) און „מאַקס ליבערמאַן" (ז' 16+16 רעפּראָדוקציעס). האָט אויך געשריבן פילע בילדער, וואָס געהערן צו דער שיינער ליטעראַטור, נאָך ניט פאַרעפנט־לעכט אַ ריי עקספּערימענטאַלע אַרבעטן. איינע פון די בעסטע און שאַרפזיניקסטע יידישע פּובליציסטן, עסעיסטן, קריטיקער, מיט אַ טיפער קענטעניש אין קונסט, אַ פיי־נעם עסטעטישן געשמאַק און מיט אַ גרוי־סער ליבע צו שיינקייט, פאַרשיידנאַרטיק און פילזייטיק אין די טעמעס, און לייכטן שטיל, ליידט אָבער ק' פון אַ געוויסן גייסט פון סקעפּטיציזם צוליב אָפּגעריסנקייט פון אַ שעפערישער יידישער סביבה. דעצעמ־בער 1926 האָט ער באַזוכט וואַרשע, וואו ער האָט געהאַלטן אַ רעפעראַט אויף דער טעמע „וואָס וואָלט פּרץ איצט געזאָגט?" (זע „ליטעראַרישע בלעטער", 138). אַלס פאָרשטייער פון דעם „ליטעראַטנקלוב" ביים „פאַראיין פון די יידישע ליטעראַטן און זשורנאַליסטן אין וואַרשע" האָט ער זיך באַטייליקט אויף דעם פינפטן אינ־טערנאַציאָנאַלן קאָנגרעס פון די פ"ען־קלובן אין בריסעל, יוני 1927, אויף וועלכן ער האָט דורכגעפירט די אויפ־נעמונג פון דער יידישער ליטעראַטור אין דער אינטערנאַציאָנאַלער פ"ען־פעּ־דעראַציע און נאָך דער גרינדונג פון דעם יידישן פ"ען־צענטער אין ווילנע (סוף 1927), איז ער נאָמינירט געוואָרן אַלס פאָרשטייער פון דעם יידישן פ"ען־קלוב ביי דער צענטראַלן ראַט פון די פ"ען־קלובן אין לאָנדאָן.

ב. מיניקאָוו, אין „אין זיך", 1920, II; צו ק'ס רייזע קיין פוילן, אין לאָנדאָנער „צייט" פון כ"ט כסלוו תרפ"ז; יצחק ליכטענשטיין, אין „צוי־קונפט", 1928.

קעניגסבערג דוד (27/XII 1891 —) געב' אין בוסק, ביי לעמ־בערג. פון 3טן לעבנסיאָר אָן דערצויגן אין סטירזש, דערנאָך געלערנט אין דער פּערטער גימנאַזיע



אין בראָד, וואו ער האָט אַרום 1905 געמאַכט זיי־נע ערשטע לי־טעראַרישע פּרוּוון אין דייטש, אויך אין פּויליש צוזאַ־מען מיט זיין חבר יוסף גרינזייט, פלעגט אַלע זיינע לערנ־ביכער פאַרשרייבן מיט לידער, שפּעטער אַ געוויסע צייט באַזוכט די גימנאַזיע אין טשערנאָוויץ, דאַן אויך אָנגעהויבן צו שטעלן די פעדער אין יידיש און דע־ביוטירט מיט אַ ליד, וואָס ש"י אימבער האָט אָפּגעדרוקט אין דעם זמ"ב „יוגענד" 1910 א"ר פון זרובבל, דערנאָך זיך באַטייליקט אין פאַרשיידענע אַנדערע אויסגאַבן פון גאַליציע, אויך אין א. ריי־זענס פאַריזער „נייעם זשורנאַל" א"א. 1911—13 האָט ער געלעבט אין לעמבערג אָנגעשטעלט אַלס בוכהאַלטער, דאַן אַריינ־געצויגן געוואָרן אין עסטרייכישן מיליטער אַלס אַרטילעריסט, געוועזן אַ פעלדפעבעל, זיך באַטייליקט אין דער וועלט־מלחמה און איז פאַרוואונדעט געוואָרן אין אַ שלאַכט; אַ טייל פון די לידער, וואָס ער האָט געשאַפן אין דעם־אָ פּעריאָד, זיינען אַריין אין דעם זמ"ה Inter Arma א"ר פון ש"י אימבער, 1918 (17 „נייע לידער").

נאָך דער מלחמה זיינען איינציקע פון זיינע לידער פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין „קריטיק", „רינגען", II, „פעדער", „וואַרשעווער אַלמאַנאַך", 1924, VII. פון דער נאַטור אַ פאַטאַליסט, דערצו אויסגעשטאַנען שווערע אומגליקן אין זיין פּערזענלעכן לעבן (זיין געליבט איינציק טעכטערל איז אים געשטאָרבן), האָט ער זיך אינגאַנצן צוריקגעצויגן פון מענטשן און פון יעדן קאָנטאַקט מיט דער יידישער ליטעראַרישער סביבה און לעבט אין אַ פאַרוואָרפן דערפל האַנאַטשאָוו, ביי סווירזש, וואו ער פאַרנעמט זיך צוזאַמען מיט זיין פרוי מיט ערדאַרבעט אויף דער קלייניטשקער נחלה, וואָס קלעקט קוים־קוים אויסצוקומען. — איינער פון די פיינסטע יידיש־גאַליצישע ליריקער, כאַראַקטעריזירט זיך ק' אַזוי: „...בין געגאַנגען דעם דאָרנוועג פון אַלע דיכטער אינאיינעם מיט אימבערן, דערנאָך מיט ראַוויטשן און האָראָוויץ, נאָך דער מלחמה מיט אורי־צבי גרינבערג ביז זיין וואַרשעווער אויפטריט... כ'וואָלט איבערהויפּט נישט געווען געשריבן, ווען נישט די איבערצייגונג, אַז מיינע אויפטוען זענען פאָרטשריטן אין אַ געוויסן זין, אַזוי אויך מיינע שטימונגען און איבערלעבונגען, אין פאַרגלייך מיט דעם ביז דעמאָלט געשאַפענעם. כ'געהער צו דער בעסטער שול אין דער יידישער פּאָעזיע, דער יונג־גאַליצישער, כ'בין נישט איר קאָפּ, אָבער איר האַרץ". אַ גרויסער בקי אין דער דייטשער קלאַסישער ליטעראַטור און פון איר שטאַרק באַאיינפלוסט, בכלל אַ אָנהענגער פון דער קלאַסישער פאָרם פון ליד, האָט ק' דערהויפּט קולטיווירט דעם סאָנעט, און איז געווען דער ערשטער באַדייטנדער סאָנעטנדיכטער אין דער יידישער פּאָעזיע. ק' איז אויך „דער ערשטער גאַליציאַנער דיכטער, וואָס האָט אַלס אַזעלכער רעהאַביליטירט זיין היים, וואָס באַציט זיך צו איר ניט ווי אַ ייד, וואָס וואוינט, נאָר ווי אַ דיכטער, וואָס לעבט איבער. מיט זיין קלאָרן סינטעטישן גייסט האָט ער צום ערשטן מאָל אַרומגענומען אַלע די קינסטלערישע עלעמענטן, וואָס זיינען געלעגן פאַרבאָרגן אין דעם צניעות, אין דער שטילער טרויעריקער אָרעמקייט פון דעם גאַליצישן שטעטל... האַרמאָניש גיסן זיך צוזאַמען ביי ק'ן דאָס אָרעמע וואָכעדיקע אויסערלעך אומשיינע גאַליצישע שטעטל מיט יענע אינטענסיווע, מיט רייכע פאַרבן אָנגעזעטיקטע נאַטור־בילדער, וועלכע אָטעמען אין ק'ס שפּראַך מיט דעם שטאַרקן ווייניקן דופט פון אַלטע טונקעלע סאָדן" (מ. גראָס). אַחוץ זיינע בילדעררייכע גאַליצישע לאַנדשאַפטן האָט ק' אויך געשריבן פיינע ליבע־לידער, נאַציאָנאַלע געזאַנגען, עקזאַלטירטע משיח־סאָנעטן, לידער, דורכגעוועבט מיט דער טיפער רעליגיעזער שטימונג פון אַ גלויביקער ליידנדיקער נאַטור. אָבער ביי דער גאַנצער מייסטערשאַפט זיינער, ביי דער אַבסאָלוטער אידענטישקייט פון זיין דיכטערישער איבערלעבונג און זיין שפּראַך, האָט ק' — צוליב אָפּגעלאָזנקייט און וועלטפרעמדקייט — ניט באַוויזן גובר צו זיין דעם גרויסן חסרון פון דער יידיש־גאַליצישער פּאָעזיע — די דייטשמערישקייט, וועלכע צעשטערט שוין צו אָפט דעם עפעקט פון זיינע געמייסטערטע שירים. צוליב זיין אָפּגעזונדערטקייט פון דער אַרומיקער וועלט איז ק' לעצטנס כמעט ווי פאַרגעסן אין די ברייטערע קרייזן; הגם ער הערט ניט אויף אויך איצט צו שרייבן, דרוקט זיך אָבער ניט. ניט פאַרעפנטלעכט זיינען אויך זיינע איבערזעצונגען פון היינריך היינעס „בוך פון די לידער" און אַדאַם מיצקעוויטשעס גרויסע נאַציאָנאַל־פּוילי־

שע עפּאָפּעע „פּאַן טאַדעוּש". אַ גוטער קענער פון ליטיין און גריכיש, האָט ער אויך איבערגעזעצט פון די דאָזיקע שפּראַכן, געאַרבעט איין צייט אויף דער פאַרייִדישונג פון האָמערס איליאַדע. פון זיינע לידער זיינען אַרויס אין בוכפאָרם: „לידער" (פ"ג י. שנייד, לעמבערג, 1912); „סאָנעטען" (זעלבסט־פ"ג, לעמבערג, 1913); „הונדערט סאָנעטען" (פ"ג „דער קוואַל", אָפּטיילונג „קריטיק", ווין, 1921, ז' 112).

ש. ניגער „גאַליציאַנער ליריק" אין „דער יידישער וועלט" 1914, I; מ. באַסין, אַנטאָלאָגיע II; ש"י אימבער, אין „ניילאַנד", אַווגוסט 1918; מ. ר—ב, אין „חודש", 1921, II; משה גראָס, „דער גאַליציאַנער דיכטער", אין „קריטיק", ה' ז'; דוד קאַסעל, אין „לעבענס־פראַגען", 1921; מ. ראַוויטש, אין „ביכער־וועלט", 1923, V.

קענער יעקב (10/X 1884 —) געב' אין דאָרף קיצוניוועץ, קרייז זבאָראָוו, מזרח־גאַליציע. זיין פאָטער, הערש־משה, איז געווען אַ נאמן אויף אַ ראָגאַטקע און צוליב דעם

אַלע פאָר יאָר אַריבערגעפאָרן אין אַן אַנדערער שטאָט, אַזוי אַז ק' איז דערצויגן געוואָרן אין דאָרף קליין־זאַלעשטשיק, אין ביטשוטש, אין פּאָדוואָלאָטשיסק, לערנענדיק ביי מלמדים גמרא און מיטן פאָטער תנך, אויך ביי פּריוואַטע לערער. צו 13 יאָר אָנגעקומען פאַר אַ זייגער־מאַכער צו אַ פעטער אין בערזשאַן, אין דער פרייער צייט געלייענט די העברעיִשע השכלה־ליטעראַטור און די יידישע שונד־ראָמאַנען, דאַן געוואָרן אַ ציוניסט, אַרום 1900 אָנגעהויבן צו שרייבן לידער און פלעגט זיי בשתיקה אויפהענגען אויף די ווענט פון די דעמאָלטיקע נאָר־וואָס געגרינדעטע ציוניסטישע פאַראיינען. 1901 געקומען קיין לעמבערג, געוואָרפן די זייגערמאַכעריי, געווען אַ קורצע צייט אַ קעלנער, דערנאָך געווען אַן אָנגעשטעלטער אין אַ קאָלאָניאַל־געשעפט, 1902 אָנגעקומען פאַר אַ זעצער אין חיים ראָהאַטינס דרוקעריי, אין ראָהאַטינס „יודישער צייטונג" פאַרעפנטלעכט דאָס ערשטע ליד „דער אתרוג" — אַן אַפּעל און אַגיטאַציע פאַר ארץ־ישראלדיקע אתרוגים, געדרוקט לידער און הומאָרעסקעס אין „סטאַניסלויער נאַכריכטען", סוף 1902 געווען איינער פון די גרינדער פון דעם יידיש־נאַציאָנאַלן פאַראיין פון האַנדלסאָנגעשטעלטע און אַרבעטער „אחווה" אין לעמבערג, געהאַלטן זיין ערשטן רעפעראַט אויף יידיש „פאַרוואָס דאַרפן זיך די יידישע אַרבעטער אָרגאַניזירן אויף נאַציאָנאַלער באַזיס", דאַן געאַרבעט אַלס זעצער אין לערהויפּטס דרוקעריי אין טאָרנע, געווען מיטגרינדער פון ציוניסטישן פאָלקספאַראיין „התחיה" (1903), קאָרעספּאָנדירט אין סטאַניסלער „יודישען וואָכענבלאַט" א"ר פון לייבל טויבעש, מיטגעאַרבעט אין לעמבערגער „טאָגבלאַט", סוף 1903 אַרויסגעטרעטן פון „התחיה" און געגרינדעט דעם ערשטן פ"צ־פאַראיין אין עסטרייך. אַרבעטנדיק זינט 1904 אין לעמבערג אַלס זעצער ביי יונה קרעפּעלס „היום", אין די שבתים אַרומגעפאָרן איבער די שטעט און שטעטלעך פון מזרח־גאַליציע און אָרגאַניזירט אָרגאַניזאַציעס פון פ"צ און „יוגנט". אויפן 2טן צוזאַמענפאָר פון דער עסטרייכישער פ"צ־פּאַרטיי, קראָקע שבועות 1905, אויסגעוויילט אַלס פּאַרטיי־סעקרעטאַר, זיך באַזעצט אין קראָקע, געוואָרן אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער פון „יודישען אַרבייטער" (זומער

1909 אים אויך רעדאַקטירט), זינט נאָ־
וועמבער 1905 ביז דעם מלחמה־אויסבראָך רעדאַקטירט אַ חודשלעכן זשורנאַל „די יודישע אַרבייטער־יוגענד", וועלכען די ערשטע יאָרן כמעט אַליין אויסגעפילט אונטער פאַרשיידענע פס"ג, זומער 1906 אַרומגעפאָרן איבער גאַליציע און בוקאָווינע אַלס אַגיטאַטאָר און געגרינדעט יוגנטלעכע אַרבעטער־פאַראיינען מיט אַ פ"צ־כאַראַקטער, וועלכע ער האָט 1907 אָפּגעריסן פון דער פּאַרטיי און געשאַפן אַ זעלבשטענדיקן „יוגנט־פאַרבאַנד", אויגוסט 1907 אַלס דעלעגאַט פון די עסטרייכישע פ"צ זיך באַטייליקט אין דער ערשטער וועלט־קאָנפערענץ פון די פ"צ און אין דעם 8טן ציוניסטישן קאָנגרעס. נאָך דער ערשטער „יוגנט"־קאָנפערענץ, אָקטאָבער 1907, געבליבן אין לעמבערג אַלס אָנפירער פון צ"ק פון „יוגנט־פאַרבאַנד", אין משך פון 3 חדשים אַרויסגעגעבן „די יידישע אַרבייטער־יוגענד" אַלס וואָכנבלאַט, אַרומגעפאָרן מיט רעפעראַטן וועגן יידיש און העברעיש, ציוניזם און פ"צ־יזם, בייטאָג אַרבעטנדיק אַלס זעצער, 1908 געוואָרן אַ מיטאַרבעטער פון גרשם באַדערס „נייעם לעמבערגער טאָגבלאַט", 1909—10 געאַרבעט אַלס שטענדיקער מיטאַרבעטער אין יונה קרעפּעלס „טאָג" און „דער יודישער אילוסטרירטער צייטונג", אין איר הומאָריסטישער ביילאַגע „די הבדלה" געשריבן וועכנטלעכע פעליעטאָנען „פון שטעט און שטעטלעך", „מאַנאַלאָגן פון אַ בעל־הביתל", סוף 1910 זיך אַקטיוו באַטייליקט אין דער גרויסער קאַמפּאַניע, אַז יידן זאָלן ביי דער פאָלקסציילונג אָנגעבן יידיש אַלס זייער אומגאַנגס־שפּראַך, אַרומגעפאָרן איבער מערב־גאַליציע מיט רעפעראַטן וועגן דער באַדייטונג פון דער פאָלקסציילונג, אַרויסגעטרעטן אויף פאָלקס־מיטינגען, אָרגאַניזירט אין די שטעט קאָנסקריפּציע־ביוראָס, געקומען אין אַ קאָנפליקט מיט יונה קרעפּעל, וועלכער האָט זיך אָפּגעזאָגט צו דרוקן ק'ס אַן אַרטיקל פאַר יידיש, אָבער פאַרעפנטלעכט אַן אויפרוף פון די אַסימילאַטאָרן קעגן יידיש כלומרשט אַלס אַנאָנס, אַרויס פון דער רעדאַקציע און צוריקגעגאַנגען צום זעצער־קאַסטן. — נאָך אַלס יינגל אַדאַנק דער שכנות פון וועלוול זבאַרזשערס אַ ברודער זיך באַקענט מיט זיינע לידער, האָט ער אין 1902 אָנגעשריבן פאַר אַ גרופּע „בראָדער זינגערס" אַ קאָמעדיע „היינטיקע ווייבער" און „אַ דיאַלאָג צווישן יצר־טוב און יצר־הרע", שפּעטער אָנגעשריבן אַ סאַטירע אין 2 אַ' קעגן די טאַרנער קהלסלייט, וועלכע האָט שטאַרק אויסגענומען, פאַרפאַסט אַ טענדעציעזע דראַמע אויף הערצלס טויט, וועלכע פלעגט צו הערצלס יאָרצייט אויפגעפירט ווערן אין אַ סך שטעט פון גאַליציע, אָנהייב 1906 אַליין אויפגעטרעטן אויף דער בינע אין „דער פאַמיליע צבי" אונטער דער רעזשי פון אַקטיאָר סאַמועלאָוו, דאַן אַנגאַזשירט געוואָרן אין משה ריכטערס טרופּע אַלס סופלער און אַרטיסט, מיט וועלכער אומגעפאָרן איבער דער פראָווינץ, 1911 באַקומען אַ קאָנצעסיע אויף אַ יידישן טעאַטער אין קראָקע, אויפגעפירט ווילהעלם פעלדמאַנס „גאָטס מעפּט" (דער אַווטאָר האָט בייגעוואוינט די פּרעמיערע), גאָרדינס רעפּערטואַר אַ"א, סוף־כל־סוף געמוזט אַריבערגיין צו לאַטיינער אין „דעם פּינטעלע ייד", אָבער געשטרעבט אָפּצוהיטן די ריינקייט פון דער שפּראַך, געדרוקט אַפּישן אין יידיש, וואָס איז געווען דאַן אַ טענסאַציע אין גאַליציע. זינט אַפּריל 1912 אַרומגעפאָרן מיט אַ טרופּע איבער די פאַרשיידענע

עסטרייכישע פּראָווינצן, אויך אין ווין (ווינטער 1913—14), גלייכצייטיק רעדאַקטירט „דאָס יודישע אינטערעסאַנטע בלאַט" (אַרויסגעגעבן פון ד"ר טשאַטשקעס און ל. פאָסט), זומער 1915 אַלס עסטרייכישער סאָלדאַט אַוועק אויפן איטאַליענישן פראָנט, מערץ 1916 אַריינגעפאַלן אין איטאַליענישער געפאַנגענשאַפט, וואו פאַרבראַכט ביז אַווגוסט 1919, זיך אויסגעלערנט איטאַלעניש און געאַרבעט אין דער הויפטקאַנצעלאַריע פון געפאַנגענלאַגער, אויסגעקעמפט, אַז די יידישע געפאַנגענע זאָלן ניט פאַררעכנט ווערן לויט די געבורטסלענדער, נאָר אַלס צוגעהעריקע צו דער יידישער נאַציאָנאַליטעט און באַקומען אַ באַזונדערן באַראַק, אַרויסגעגעבן פאַר זיי אַ געשריבענע וואַנטצייטונג אין יידיש, איינגעאָרדנט אַ יידישע ביבליאָטעק מיט דער אונטערשטיצונג פון אַ יידישער סטודענטישער הילפס-אָרגאַניזאַציע אין דער שווייץ, אָנגעשריבן אייניקע סאָלדאַטנלידער, צו וועלכע אַנדערע סאָלדאַטן האָבן צוגעפּאַסט ניגונים און די לידער זיינען געזונגען געוואָרן סיי אויפן פראָנט סיי אין געפאַנגענשאַפט, זיך מיט ערפאָלג אַקעגנגעשטעלט דער וועבירונגסאַקציע מצד גענעראַל האַלערס אַגענטן צווישן די יידישע געפאַנגענע אַאַז"וו. אַווגוסט 1919 באַפרייט פון געפאַנגענשאַפט און ביז 1923 געאַרבעט אַלס זעצער אין קראָקעווער Nowy Dziennik און אין דער פרייער צייט רעדאַקטירט און אַרויסגעגעבן „די יוגנט-פאָן", וואָס איז געוואָרן דער אָרגאַן פון „יוגנט-פאַרבאַנד" אין פוילן. ווינטער 1920—21 גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין דער שפּאַלטונג פון דער פּ"צ-באַוועגונג און איז אין מערב-גאַליציע געשטאַנען בראש פון דעם לינקן פליגל. 1922 זיך באַטייליקט אַלס פאָרשטייער פון יוגנט-פאַרבאַנד אין פוילן אויף דער וועלט-קאָנפערענץ פון דער פּ"צ-יוגנט און אויף דער 6טער וועלט-קאָנפערענץ פון פּ"צ-פאַרבאַנד. זיך באַטייליקט אין די יוגנט-זשורנאַלן „דער יונגער קעמפער", „די פרייע יוגנט", „די פרייע אַרבעטער-יוגנט", „די יוגנט" א"אַ. זינט זומער 1923 אין וואַרשע, עקזעקוטיוו-מיטגליד פון דער וואַרשעווער יידישער שול-אָרגאַניזאַציע, פאָרזיצער פון דער הויפּט-פאַרוואַלטונג פון דער „געזעלשאַפט אָוונטקורסן פאַר אַרבעטער", געווען רעדאַקציע-מיטגליד פון די אָפּגעשטעלטע זשורנאַלן „דער יונגער דור", „דער נייער דור". „דאָס פרייע קינד" און שטענדיקער נאָענטער מיטאַרבעטער פון די זשורנאַלן „די פרייע יוגנט", „די קינדער-וועלט" און „אַרבעטער-צייטונג". 1926 געווען אַרעסטירט 5 חדשים.— אין משך פון די 25 יאָר פון זיין פאַרטיי-פּובליציסטישער אַרבעט זיך באַנוצט מיט צענדלינגער פּס"נ, ווי בן צבי משה, י. זבאָראָווער, י. זעצער, יק"ר, ירמיהו, י., אַ גאַליציאַנער, יעקב, דער בעל-סוד, הרואה ואינו נראה, ק. י—ב—ר, בע-ער, אַן אַרבעטער, אַ חבר, יאַנקל דער רויטער, דער כראָניקער, טאַטעשי, איש שדה, ד. פעלדמאַן אפ"א. פון זיינע אַרבעטן אין בוכפאָרם זיינען אַרויס: אַ ביכעלע לידער און אַ שפּאַס אין 2 אַ' „דער ווראָטנער ראש הקהל" (ביידע — טאָרנע, 1903, אַליין געזעצט און געדרוקט) און „אין קירזשנער-וואַרשטאַט" (לעמבערג, 1919).

אברהם רייזען, אין „פרייהייט" 1927 (א. רייזען האָט אים אויך באַשריבן אין זיין סקיצע „דער פּראָלעטאַרישער רעדאַקטאָר").

קעסטין ליפּע (15/VIII 1889 —) געב' אין אָרלע, גראָדנער געגנט. געלערנט אין חדר און אין פאַרשיידענע ישיבות, אויך אין דער באַ-

וואוסטער מאַלטשער ישיבה „ענף עץ
חיים", וואו זיך אויסגעצייכנט אַלס איי=
נער פון די בעסטע ישיבה=לייט, נאָכדעם
ווי די ישיבה האָט אָפּגעברענט — זיך
גענומען צו השכלה, אַ שטיקל צייט גע=
ווען אַ העברעיִשער לערער, דאַן אַוועק
קיין וואַרשע, וואו אָנגעקומען אין אַ
זיידנגעשעפט, אָנגעהויבן צו דרוקן אין
„היינט" וויצן, פאַר וועלכע אין משך
פון אַ יאָר געוואונען כמעט אַלע 3רובל=
דיקע וועכנטלעכע פּרעמיעס, 1911 פאַר=
עפנטלעכט אין „אונזער לעבען" אַ גרע=
סערע דערציילונג „ר' שלמה'ס נצחון",
דאַן אַריין אַלס רעפּאָרטער אין „היינט",
וואו צ"אַ געפירט די רובריק „וואַרשאַווער
פּאַנאָראַמע", בשעת דער מלחמה געאַר=
בעט אין „וואַרשאַווער טאַגעבלאַט" א"ר
פון ה. ד. נאָמבערג, די לעצטע יאָרן
אַ מיטאַרבעטער פון „מאָמענט". האָט
זיך אויך באַטייליקט אין פאַרשיידענע
אַנדערע צייטונגען און זמ"ה פון פּוילן,
מיט לידער, לירישע און הומאָריסטישע,
פּאַראָדיעס אויף פאָלקסלידער, הומאָ=
רעסקעס, פעליעטאָנען, תלמודישע לע=
גענדעס אין פּערזן, פאָלקס=מעשיות,
אַפאָריזמען, גלייכווערטלעך, האָט אין
משך פון 1911 — 21 אַרויסגעגעבן אין
וואַרשע אַ גאַנצע ריי יום=טוב=בלעטער
און וויצבלעטער, אויך די זמ"ה „ניסן",
„סיוון", „אלול — תשרי" (1913), „גאָל=
דענע שטראַהלען" (1915), „אין שטורם"
(1917), „בייע הימלען" (1921, ז' 112),
„גאָהנט און ווייט" (1921, ז' 80), צונויפ=
געשטעלט (צוזאַמען מיט חגי—ח. י. גאָלד=
בערג) דאָס זמ"ב „דער הומאָריסטישער
דעקלאַמאַטאָר / אַ זאַמלונג פון ליעדער,
פּאַראָדיען, עפּיגראַמען" (פ"ג „צענטראַל",
ז' 128), אַ זאַמלונג „יודישע פאָלקסווי=
צען" (פ"ג ל. קאַהאַן, לאָדז, 1918, ז'
32), די הומאָריסטישע „הגדה של עמי=
גראַנטען" (וואַרש', 1920), דערציילונגען,
איבערזעצונגען פון העברעיִש (צ"אַ „אלי
ציון", על נהרות בבל", „אלה אזכרה",
אויך א"פ' ליפּקעס, קעסטקינד, יודעסזאָן).
אַלס טוער פון דער יידישער פאָלקס=
פּאַרטיי אין פּוילן זינט איר גרינדונג
האָט ער אין משך פון 1918 פאַקטיש
רעדאַקטירט איר אָרגאַן „דאָס פאָלק"
(די נומ' 37—86), פון וועלכן בכלל גע=
ווען אַ באַוואוסטער מיטאַרבעטער און גע=
פירט דאָרט אַ הומאָריסטישע אָפּטיילונג
א"ט „דער צעפּעליִן", שפּעטער רעדאַק=
טירט דאָס וואָכנבלאַט „די יידישע טרי=
בונע" (זינט III/1922 ביז אַפּריל 1923,
53 נומ'), געווען ליטעראַרישער לייטער
פון „דער יודישער האַנדווערקער=שטימע"
(פון י"ד ניסן 1922 ביז כ"ז טבת 1925,
ערשינען מיט הפסקות).

קעסנער זעליג (VII/ 1900 —
XII/25 1921) געב' אין אָסטער, טשער=
ניגאָווער גוב', אַלס זון פון אַן אַדוואָקאַט,
פייוויש ק'. געלערנט אין אַ עברית=
בעבריתֿ=חדר, צו

10 יאָר געקומען
קיין אַמעריקע,
וואו דורכגעמאַכט
פאָלקסשול, מיטל=
שול און אוניווער=
סיטעט. אָנגעהויבן
צו שרייבן צו 17
יאָר, האָט ער
פאַרעפנטלעכט אייניקע קליינע סקיצן
און עסייען אין די ליבעראַלע ענגלישע
וואָכנבלעטער Nation און Freeman, גע=
אַרבעט פאַר דער „אַמעריקאַן דזשויִש
קאָמיטע" און געזאָלט רעדאַקטירן איר
„יידיש יאָרבוך" (אין ענגליש). אונטער
דער השפעה פון זיינעם אַן עלטערן
ברודער זיך דערנעענטערט צו דער יידי=
שער סביבה, אָנגעהויבן צו שרייבן יידיש,

אָבער באַוויזן בלויז אָפּצודרוקן זיין אַרבעט איבער אָקטאַוו מירבאָ, ווי אויך אייניקע קלענערע נאָטיצן א״פ ז״ק אין די „שריפטן״, אומקומענדיק אַזוי יונג אויף אַ טראַגישן אופן (ער איז דערטרונקען געוואָרן). האָט איבערגעלאָזט אין כתב־יד אַן אַרבעט איבער די ברידער גאָנקור, ווי אויך דערציילונגען און דראַמען אין ענגליש.

קעסנער לעאָ (25/IV 1886 —) געב׳ אין בערהאָמעד אויפן סערעט, בוקאָווינע, אַלס זון פון אליעזר קאַסנער, אַ ייד אַ סוחר און בן־תורה, אַ משכיל און אַ חסיד צו דער זעלבער צייט. ביזן 15טן יאָר געלערנט ביי מלמדים תנך און השכלה, ש״ס ופוסקים, שפּעטער געענדיקט די טשערנאָוויצער גימנאַזיע און דעם ווינער אוניווערסיטעט מיטן טיטל ד״ר פילאָסאָפיע. האָט זיך זייער פיל אָפּגעגעבן מיטן שטודיום פון דער דייטשער ליטעראַטור און האָט אין משך פון 5 יאָר אָנגעשריבן 600 דייטשע לידער און צענדליגגער טעאַטערשטיק און דערציילונגען. ערב דער מלחמה געקומען קיין אַמעריקע, אַריין אַלס מיטאַרבעטער אין דער הומאָריסטישער וואָכנשריפט „דער גרויסער קונדס״, אין משך פון 6 יאָר געווען הויפּטמיטאַרבעטער און געהילפסרעדאַקטאָר, פאַרעפנטלעכט הונדערטער לידער, סקיצן, ליטעראַרישע קריטיקן אונטער פאַרשיידענע פּס״ב, ווי „כאַפּט אים״, אַ דיכטער, גרוגרת דרבי צדוק, אַ מענטשנפרעסער. א״פ אַ מענטשנפרעסער האָט ער אויך געשריבן ליטעראַרישע קריטיק אין דער „פ. א. ש.״, פון וועלכער ער איז עד־היום אַ נאָענטער מיטאַרבעטער. האָט אויך געשריבן פעליעטאָנען אין „דער גערעכטיגקייט״ א״פ ד״ר ק. ליאָ, אַ יאָר צייט מיטגעאַרבעט אין „קיבעצער״ א״פ ליעב מיך. לעצטנס פאַרעפנטלעכט עסייען און פאָלעמישע אַרטיקלען אין חודש־זשורנאַל „אונדזער בוך״. זינט אומגעפער 1920 געהילפס־רעדאַקטאָר פון דעם „יידישען טאַגעבלאַט״, וואו ער שרייבט אַרטיקלען, פעליעטאָנען, קריטישע אַרטיקלען, הומאָרעסקעס אאַז״וו, אויך א״פ ל—ער, לעאָנידאַס, אביגדור פוקס, שלמה סקאָצעלקומט. דערהויפּט באַקאַנט אַלס טעאַטער־רעצענזענט. אין אַ באַזונדערער אויסגאַבע פאַרעפנטלעכט אַ סאַטיריש ליד „אוי די קוואָטע״, מיט מוזיק פון רעוו׳ מ״י שולמאַן (פ״ג מ. מאַנסקי, נוארק).

קראַוועץ מאיר (3/I 1892 —) געב׳ אין סטאָלין, מינסקער גוב׳, אַלס זון פון אַ סוחר, וואָס האָט געהאַנדלט מיט פעלדער, געהאַט אייגענע מילן, געלערנט אין דער ישיבה ביז 13 יאָר, דאַן געקומען קיין אַמעריקע, וואו באַזוכט אַ עלעמענטאַרע שול, אַ געוויסע צייט אויך אַ העכערע שול, געוואַנדערט איבער אַמעריקע, געפאָרן צוריק קיין רוסלאַנד און מיט אַ יאָר שפּעטער צוריקגעקומען. זינט 1921 געשריבן דערציילונגען אין „פ. א. ש.״, „צייט״, „פרייהייט״, א״אַ. צוזאַמען מיט י. ליבמאַן און ב. פרידמאַן רעדאַקטירט אַ צייטשריפט פאַר אָנפאַנגער א״ט „אויפגאַנג״ / מאָנאַטלעכער זשורנאַל פאַר אַלזייטיקער ליטעראַרישער שאַפונג (נ״י, זינט יאַנואַר 1923; זינט מערץ איז רעדאַקטאָר געוועזן י. ליבמאַן אַליין, וועלכער האָט געפירט די אויסגאַבע ביז סוף 1924). שרייבט אויך אין ענגליש.

קראַנענבערג יעקב (1894 —) געב׳ אין לוויוויטש, וואַרשעווער געגנט. אין דער יוגנט געווען אַ זאַמלער פון יידישן פאָלקלאָר, בשעת דער דייטשער אָקופּאַציע געפּרווט אַרויסגעבן אין דער פּראָווינץ, ווי אויך אין וואַרשע, צייטשריפטן, 1919 געגרינדעט אַ פ״ג „מיניאַטור־ביבליאָטעק״ פון י. שימאַנאָוויטש (פּס״ב פון ק׳ ?) און קאָמפּ׳, וואו עס זיינען אַרויס זיינע אייניקע ביכלעך, ווי „פּאַר פוילען׳ס פרייהייט (באַלאַדע)“, „פון בענקשאַפט“ — לידער, „לילאַ ווענדאַ“ — „איבערדיכטעט“ פון יוליוס סלאָוואַצקי מיט אַן אַריינפיר (אַרויס בלויז ה׳ 1), „די בלום פון פּאַפּראָטש“ — שטימונגען און סאַנטימענטאַלע אויסגיסעכצער, „דאָרפישע ליבע“ — דערציילונגען (וואַרשע, 1920, ז׳ 34), „דע פּראָפונדיס / (בריף צו מיין געליבטע)“ א״אַ, דאַן פאַרעפנטלעכט זיי אין בוכפאָרם א״ט „אויף פוילנס ערד“ (1921, ז׳ 158). ער האָט אויך אַרויסגעגעבן אַ דערציילונג א״ט „די פאַמיליע ליפּשיטש“ (אַרויס נאָר די פוילישע איבערזעצונג), אַ ביכל Miłość, אַ בראָשור קעגן ציוניזם. אָנהייב 1921 אין דער צייט פון דער אַ״ג „מיטל־ליטע“, פון דעם פאַרשאַרפטן פּאָליטישן קאַמף פאַר ווילנע, איז ער אַרויסגעשוואומען אין ווילנע אַלס רעדאַקטאָר־אַרויסגעבער פון אַ טאָגבלאַט מיט אַ פוילישער אָריענטאַציע „דער נייער מאָרגן“ (דער ז־טער נומ׳ אַרויס 11/III 1921) מיט יונה שפּער אַלס מיטאַרבעטער און געהילפסרעדאַקטאָר, ניט געהאַט קיין ערפאָלג, ניט קוקנדיק אויף דער ביליקייט פון דער צייטונג און אינגיכן זי פאַרוואַנדלט אין אַן אָוונטבלאַט, אָבער וואָס ווייטער זיך אַלץ מער קאָמפּראָמעטירט ביי דער יידישער געזעלשאַפט, ביז די אָפיציעלע פוילישע קרייזן, וואָס האָבן די צייטונג פינאַנסירט, האָבן זיך צוריקגעצויגן און זי האָט זיך פאַרמאַכט אויפן 138סטן נומ׳, 25/VIII 1921. זיך אָפּצורעכענען מיט זיינע פּאָליטישע קעגנערס האָט ק׳ דאַן אַרויסגעגעבן איין נומ׳ פון אַ וואָכנבלאַט „דער אמת“, וואָס האָט דורך דעם העצערישן כאַראַקטער לגבי די ווילנער יידן שוין פולשטענדיק דעמאַסקירט דעם פרצוף פון אַרויסגעבער, און ער איז פאַרשוואונדן פון דער עפנטלעכקייט. ערשט אין 1925, זיך באַהאַלטנדיק אונטער זיין פּס״ב ד״ר י. פּאָגעלזאָן, געפּרווט אַרויסגעבן אַ צייטונג אין קאָליש א״ט „קאָלישער טאָג“, אָבער אויך דאָרט קיין תקומה ניט געהאַט, שפּעטער אַרומגעפאָרן איבער די שטעטלעך פון פוילן מיט רעפעראַטן וועגן ליבע אדג״ל.

קראַנץ פיליפּ (13/X 1858 — 27/XI 1922) פּס״ב פון יעקב ראָמבראָ. געב׳ אין זופראַן *), אָשמענער קרייז, ווילנער געגנט. זיין פאָטער בער, אַן „אַקציזניק“, איז שפּעטער אַריבערגעפאָרן קיין אָשמענע, וואו ק׳ האָט געלערנט ביי מלמדים חומש און תנך. צו 14 יאָר איז ער אָנגעקומען אין דער ראַבינערשול אין זשיטאָמיר, וואו ער האָט

*) לויט דער מעטריקע, וואָס איז אים אַרויסגעגעבן געוואָרן אין יאָר 1883 פון דעם קרוינישן רב אין זופראַן, הירש עפּל (אַ באַשטעטיקטע פראַנצויזישע איבערזעצונג פון דער דאָזיקער מעטריקע איז געפונען געוואָרן צווישן ק׳ס איבערגעבליבענע כתבים); אין פאַרשיידענע ביאָגראַפישע נאָטיצן, וואָס זיינען געדרוקט פאַר זיין לעבן און נאָך זיין טויט, ווערט אָנגעגעבן אַלס געבורטסאָרט דאָס שטעטל (?) כאַדאַק, פּאָדאָליע, אין וועלכער געגנט זיינע עלטערן האָבן אים געבראַכט אַלס קינד.

זיך אויפגעהאַלטן ביי זיינעם אַ רייכן פעטער. אַז די ראַבינערשול האָט זיך 1873 פאַרמאַכט, איז ער אַריבער אין דער רעאַלשול (ווייזט אויס — אין קרעמענטשוג, וואו ער האָט זיך מפרנס געווען פון געבן שטונדן אין רייכע הייזער), וועלכע ער האָט געענדיקט 1879, דאַן שטודירט 2 יאָר אין טעכנאָלאָגישן אינסטיטוט אין פּט"ב. נאָך אַלס שילער פון דער רעאַלשול אַריין אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, איז ער 1877 אַרעסטירט געוואָרן אין כאַרקאָוו פאַר פּאָליטישער פּראָפּאַגאַנדע און אַ יאָר געזעסן אין טורמע. נאָכן מאָרד פון אַלעקסאַנדער II איז ער צוליב זיינע פאַרבינדונגען מיט די אַטענטאַטאָרס גריניעוועצקי, זשעליאַבאָוו, סאָפיע פּעראָווסקאַ א"אַ געצוואונגען געווען צו אַנטלויפן פון רוסלאַנד און זיך באַזעצט אין פּאַריז, וואו ער האָט שטודירט אין דער סאָרבאָנע. צו יענער צייט שוין געהאַט אָנגעהויבן זיין ליטעראַרישע טעטיקייט (מיט אַ גרעסערער אַרבעט וועגן ברוך שפּינאָזאַ — אין „Разсвѣтъ“, 1880), האָט ער פון פּאַריז (און שפּעטער אויך פון לאָנדאָן און נ"י) מיטגעאַרבעט אין Русскій Еврей, Восходъ, Нед. Хр. Восхода, Кіевская Заря א"אַ. גלייכצייטיק האָט ער אין פּאַריז אויך אָנגעהויבן זיין סאָציאַליסטישע טעטיקייט צווישן די יידישע אַרבעטער, צוזאַמען מיט ל. רובאַנאָוויטש (שפּעטער — פירער פון ס"ר) און דעם רעוואָלוציאָנער צעטקינען (דעם מאַן פון דער איצט באַרימטער קאָמוניסטין קלאַראַ צעטקין, וועלכע האָט ערשט נאָך איר מאַנס טויט אָנגעהויבן איר קאַריערע אַלס סאָציאַליסטישע טוערין אין דייטשלאַנד) געגרינדעט אַ יידישן אַרבעטער-פאַראיין, וועלכער האָט אָנגעפירט אַ סאָציאַליסטישע פּראָפּאַגאַנדע און פאַר די יאָרן, וואָס ער האָט עקסיסטירט, געווען אַ נעסט פון סאָציאַליזם פאַר עמיגראַנטן פון רוסלאַנד, ווי אויך פאַר די יונגעלייט, וועלכע פלעגן קומען קיין פּאַריז שטודירן. אַרום 1883 איז ק' געקומען קיין לאָנדאָן, וואו ווינטשעווסקי האָט אים געפּרוווט צוציען אַלס מיטאַרבעטער פון זיין „פּוילישען אידעל“, אָבער ק'ס קענטעניש אין יידיש זיינען דאַן געווען אַזעלכע שוואַכע, אַז ס'איז זיי ביידן אָנגעקומען זייער שווער — ק'ן צו שרייבן און ווינטשעווסקין צו רעדאַקטירן, און מער ווי אַ פּאָר אַרטיקלען האָט ק' אין „פּוילישען אידעל“ ניט אָפּגעדרוקט (וועגן די פּאָגראָמען בכלל און די אומרוען אין ניזשני-נאָווגאָראָד — אין די נומ' 2 — 3 און 7 — 8). אָבער ווען ס'איז געגרינדעט געוואָרן (15/II 1885) „דער אַרבייטער פריינד“ און ווינטשעווסקי האָט זיך אָפּגעזאָגט פון צו רעדאַקטירן די נייע צייטשריפט, איז פאַר אַ רעדאַקטאָר איינגעלאַדן געוואָרן ק' און אין אָט דער צייטשריפט האָט עס ק' אָנגעהויבן זיין פּרוכטבאַרע און אינטענסיווע ליטעראַרישע טעטיקייט אין יידיש, וועלכע ער האָט געפירט ביז זיין טויט, אין משך פון 37 יאָר. דער איינציקער אויסגעשפּראָכענער ס"ד אין דער אָנפירנדיקער גרופּע סאָציאַליסטן, יועלכע האָט אַרויסגעגעבן דעם אָרגאַן (מ. ווינטשעווסקי, ה. קאָפּעלאַנסקי-ערוואַך, מאָריס וועס, סיימאָן שוויד, שעסטאָפּאַלאָוו, אייזיק סטאָון, צו וועלכע עס זיינען שפּעטער צוגעקומען אַלס מיטאַרבעטער י. יאַפּפּאַ, לעאָן זאָלאָטקאָף, אַלע אָן האָנאָראַר אַחוץ ק'ן, וועלכער האָט באַקומען 7 דאָלאַר אַ וואָך) און איז דאָס רוב געשטאַנען אונטער

דער השפעה פון יאַהאַן מאָסטס אַנאַרכיסטישע אידעען, האָט ק׳ געמוזט פירן די צייטונג אומפּאַרטייִש אין די ענינים פון סאָציאַליזם און אַנאַרכיזם. פון 5טן נומ׳ 1886 האָט דער „אַרבייטער פריינד" אָנגעהויבן צו ערשיינען וועכנטלעך, און די צייטונג, צוערשט דערהויפּט אַ טעאָרעטישע, האָט אַלץ מער אָנגעהויבן אָפּצושפּיגלען די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג. 1888 האָט ק׳ צוזאַמען מיט אַנדערע ס״ד געגרינדעט אַ סאָציאַל־דעמאָקראַטישן פאַראיין און אין אויפטראָג פון פאַראיין איבערגעזעצט פ. לאַסאַלס בראָשור „דאָס אַרבייטער פּראָגראַם" (לאָנדאָן, 1889, מיט אַ פאָררעדע פון מ. ווינטשעווסקי) — איינע פון די ערשטע סאָציאַליסטישע אויסגאַבן אויף יידיש. ער האָט זיך אַקטיוו באַטייליקט אין דער אַנטירעליגיעזער פּראָפּאַגאַנדע, אין די אַ״ג יום־כיפור־בעלער, איז געווען פירער פון דער ערשטער יידישער אַרבעטער־דעמאָנסטראַציע (אין דעם באַוואוסטן קאַמף פון די יידישע אַרבעטער אין לאָנדאָן קעגן דער קהילה מיטן ראַבינער ד״ר אַדלער בראש). דער 15טער נומ׳ פון „אַרבייטער פריינד" פון 1889 איז געווען דער לעצטער א״ר פון ק׳ (רעדאַקטאָר איז נאָך אים אַ געוויסע צייט געווען ליבער, איינער פון די זעקס ברידער קאָהן־ליבערמאַן, וואָס האָבן צוזאַמען מיט די עלטערן גענומען אַ באַזונדערס אַקטיוון אָנטייל אין דער אַרבעט פון דעם „בערנער סטריט קלוב"). דאַן איז ער געפאָרן אַלס דעלעגאַט פון די יידישע אַרבעטער אין לאָנדאָן (פון דעם אַ״ג „אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער־בילדונגס־קלוב") אויף דעם ערשטן אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן קאָנגרעס אין פּאַריז. צוריקגעקומען פון פּאַריז, איז ק׳ אַ קורצע צייט געווען פאַרוואַלטער פון „אַרבייטער פריינד" (ניט — רעדאַקטאָר) און אין פעברואַר 1890 איז ער אָפּגעפאָרן קיין נ״י, וואוהין ער איז דורך ל. מילערן, מיט וועמען ער האָט זיך געטראָפן אויפן פּאַריזער קאָנגרעס, איינגעלאַדן געוואָרן אַלס רעדאַקטאָר פון דער געפּלאַנטער „אַרבייטער צייטונג", וואָרעם דער נאָמען פון ק׳, דעם ערשטן רעדאַקטאָר פון „אַרבייטער פריינד" — דער ערשטער יידישער סאָציאַליסטישער צייטונג אין דער וועלט (אויב ניט רעכענען מ. ווינטשעווסקיס „פּוילישען אידעל"), איז שוין אויך געווען איינער פון די פּאָפּולערסטע ביי די יידישע סאָציאַליסטן אין אַמעריקע. אין דער „אַרבייטער צייטונג", וועלכע האָט אָנגעהויבן צו ערשיינען 7/III 1890 ביי דער הויפּט־מיטאַרבעט פון די פירער פון דער יידישער ס״ד׳ישער אַרבעטער־באַוועגונג אין אַמעריקע — אב. קאַהאַן, ל. מילער, מ. זאַמעטקין — האָט ק׳ געשריבן לייט־אַרטיקלען, אַרטיקלען איבער סאָציאַליזם, אַ קורצע געשיכטע פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע אאַז״וו, אויך איבערגעזעצט ראָמאַנען, צ״אַ „די אייזערנע מאַסקע", אַ דעטעקטיוו־ראָמאַן פון גאַבאָריאָ א״אַ. די צייטונג האָט אַריינגעבראַכט אַ ניי לעבן אין דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג, האָט גלייך דערגרייכט אַ טיראַזש פון 7000 (3 מאָל אַזוי פיל ווי די קעגנערישע אַנאַרכיסטישע „פ. אַ. ש.") אָנשטאָט די ערוואַרטעטע 3000, פון 6טן נומ׳ אָן פאַרגרעסערט געוואָרן פון 4 ז׳ אויף 8 און האָט בכלל געשפּילט אַ היסטאָרישע ראָלע סיי אין דער אַנטוויקלונג פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג סיי אין דעם אויפבוי פון דער יידישער פּרעסע; איבעריקנס איז דאָס אויך געווען דער פּאַר־

דינסט פון דעם הויפּטמיטאַרבעטער אב׳
קאַהאַן (זע), וועלכער האָט גאָר אינ=
גיכן איבערגענומען די רעדאַקציע, נאָכ=
דעם ווי ק׳ איז זומער 1891 אָפּגעפאָרן
קיין שיקאַגאָ. צוריקגעקומען קיין נ״י,
האָט ק׳ אָנגעהויבן צו שטודירן כעמיע,
אָבער ווייטער געפירט זיין ליטעראַרישע
אַרבעט, זיך באַטייליקט אין „אַרבייטער
צייטונג“ און 1894 געווען איר פאַר=
וואַלטער, אויסגעוויילט געוואָרן אַלס
רעדאַקטאָר פון דער 1892 געגרינדעטער
נייער אויסגאַבע „דיא צוקונפט / אַ מאָ=
נאַטליכער זשורנאַל פון פּאָפּולערע וויסענ=
שאַפט, ליטעראַטור און סאָציאַליזמוס /
אַרויסגיגעבען פון דיא אידיש שפּרע=
כענדע סעקציאָנען ס. א. פּ. פון אַמע=
ריקאַ“, וועלכע ער האָט רעדאַקטירט ביז
ס׳איז דעם 14/X 1894 געגרינדעט גע=
וואָרן די ערשטע יידישע טעגלעכע סאָ=
ציאַליסטישע צייטונג אויף דער וועלט —
„דאָס אבענד בלאַט“, צו באַקעמפן די
שעדלעכע ווירקונג פון דעם קאָנסער=
וואַטיוו=קאַפּיטאַליסטישן „יידישען טאַגע=
בלאַט“ אויף די יידישע מאַסן, און אויך
פון „אבענד בלאַט“ איז ק׳ באַשטימט
געוואָרן אַלס רעדאַקטאָר, אָפּטרעטנדיק
די רעדאַקציע פון „דער צוקונפט“ אב.
קאַהאַנען. בשעת דעם קריזיס אין דער
יידישער אַרבעטער=באַוועגונג 1895—97,
וועלכע האָט געפירט צו דער גרינדונג
פון „פאָרווערטס“, איז ק׳ פאַרבליבן
רעדאַקטאָר פון „אבענד בלאַט“, פאַר=
טרעטנדיק אַ נייטראַלע פּאָזיציע אין
דעם קאַמף פון דער אָפּאָזיציע קעגן
דאַניעל דע ליאָנס פּאַרטיי, אָבער ווען
זי האָט 1899 פאַרכאַפּט „דאָס אבענד
בלאַט“, האָט דע ליאָן אַרונטערגעזעצט
ק׳ן (באַשטימענדיק אַלס רעדאַקטאָר
מ. בערן) און ק׳ האָט דאַן רעדאַק=
טירט די דעם 22/IX 1899 געגרינדעטע
וועכנטלעכע „פאָלקסצייטונג“ (אין מערץ
1900 איז רעדאַקטאָר געוואָרן ב. פייגענ=
בוים, אָבער אין דעם זעלביקן יאָר האָט
זיך די „פאָלקסצייטונג“ פאַרמאַכט), דער=
נאָך זיך באַטייליקט אין אַ נייעם וואָכנ=
בלאַט „דער סאָציאַלדעמאָקראַט“, אַרויס=
געגעבן זינט 7/X 1900 פון דע ליאָנס
קעגנערס, די אַ״ג „קענגורוס“, א״ר פון
וו. עדלין, ב. פייגענבוים, מ. זאַמעטקין,
האָט רעדאַקטירט די לעצטע 2 נומ׳ פון
דעם זשורנאַל „די נייע צייט“ (געגרינ=
דעט 1898 א״ר פון ב. פייגענבוים אָנ=
שטאָט דער אָפּגעשטעלטער „צוקונפט“),
1900 געפאָרן אַלס דעלעגאַט פון דער
סד״פּ צום אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַ=
ליסטישן קאָנגרעס אין פּאַריז, שפּעטער
איז ק׳ אַריין אַלס שטענדיקער מיט=
אַרבעטער אין דער בירגערלעכער צײ=
טונג „די אידישע וועלט“ (געגרינדעט
27/VI 1902 דורך אַ גרופּע יידיש=אַמע=
ריקאַנישע מעצענאַטן מיט לויִס מאַר=
שאַל בראש א״ר פון מאַקס בוקאַנסקי
און נאָך זיין טויט פון מ. הערמאַלין
מיטצווירקן אין דער אַמעריקאַניזאַציע
פון די יידישע עמיגראַנטן, צוליב וועלכן
צוועק איין זייט פון דער צייטונג האָט
זיך געדרוקט אין ענגליש) און איז אויך
פאַרבליבן מיטאַרבעטער פון דעם „מאָר=
גען זשורנאַל“, מיט וועלכן „די אידישע
וועלט“ האָט זיך 1904 פאַראייניקט. זינט
12/III 1904 רעדאַקטירט דעם וועכנט=
לעכן אָרגאַן פון די פאַראייניקטע יידישע
געווערקשאַפטן „די אַרבייטער וועלט“
(אַרויס 22 נומ׳), 1904–5 ווידער געווען
רעדאַקטאָר פון „דער צוקונפט“. ווען
די פּפּ״ס האָט נאָך איר געלונגענער
עקספּראָפּריאַציע פון אַ האַלב מיליאָן
רובל אַסיגנירט איר יידישער סעקציע
געלט אויף אַרויסצוגעבן אַ יידישע טעג=
לעכע צייטונג אין וואַרשע, איז ק׳ איינ=

געלאַדן געוואָרן פון אַמעריקע אַלס רעדאַקטאָר. אָבער צוליב די פאַרשאַרפטע רדיפות אויף דער פפ"ס נאָך דעם „בלוטיקן מיטוואָך", ווען אין גאַנץ פוילן איז אויסגעפירט געוואָרן אַ ריי אַטענטאַטן אויף די דינער פון דעם צאַרישן רעזשים, האָט מען זיך פון דער טעגלעכער צייטונג געמוזט אָפּזאָגן און א"ר פון ק' (?) איז געגרינדעט געוואָרן „די פּראָלעטאַרישע וועלט / מאָנאַטליכער פּאָפּולער-וויססענשאַפטליכער זשורנאַל" (1טער נומ' — יאַנואַר 1907, ווילנע) ביי דער מיטאַרבעט פון מ. ווינטשעווסקי, ב. פייגנבוים, מ. מיכעלזאָן, יעקב מילך, ש. הורוויץ, ד"ר איסר גינזבורג, י"ל פּרץ א"אַ *), און אַז ק' איז אָפּגעפאָרן פון וואַרשע, פלעגט ער צושיקן פאַר דעם זשורנאַל זיינע אַרטיקלען („וואָס לערנט אונז קאַרל מאַרקס" א"אַ) פון פּט"ב, פון אָדעס א"אַ שטעט, וועלכע ער האָט באַרייזט אַלס קאָרעספּאָנדענט פון דעם „מאָרגען זשורנאַל" און „אַמעריקאַנער" (אויך גאַליציע האָט ער דאַן באַזוכט), וואו ער האָט א"פ יעקב נעלם פאַרעפנטלעכט די איינדרוקן פון דער דאָזיקער נסיעה, צ"אַ דערציילט באריכות וועגן זיינע באַגעגענישן מיט יעקב דינעזאָן, י"ל פּרץ, דוד פרישמאַן, מרדכי ספּעקטאָר, ד"ר חיים טשערנאָוויץ (רב צעיר), מ"ל ליליענבלום, ח"נ ביאַליק, ד"ר יוסף קלויזנער, א"ל לעווינסקי, י"ח ראַבניצקי און יהודה שטיינבערג, ברענגענדיק דערביי אַ רייכן מאַטעריאַל צו דער ביאָגראַפיע און כאַראַקטעריסטיק פון די דאָזיקע שריפטשטעלער (צום טייל איבערגעדרוקט אין משה שטאַרקמאַנס אַרטיקל אין די „פילאָלאָגישע שריפטן", III). נאָך דער פאַרשטאַרקונג פון דער רעאַקציע אין רוסלאַנד איז ק' צוריקגעפאָרן קיין אַמעריקע (און אפשר האָט ער בכלל באַזוכט דאַן רוסלאַנד דערהויפּט אַלס קאָרעספּאָנדענט פון „מאָרגען זשורנאַל"), וואו ער האָט ממשיך געווען זיין ליטעראַרישע טעטיקייט אין „מאָרגען זשורנאַל", זיך באַטייליקט אויך אין פאַרשיידענע אַנדערע צייטשריפטן, ווי „צוקונפט", „פ. אַ. ש.", „ליטעראַטור און לעבען", דעם אָרגאַן פון אַרבעטער-רינג „דער פריינד", וועלכן ער האָט אויך 1915 רעדאַקטירט, זייענדיק אין משך פון 4 יאָר גענעראַל-סעקרעטאַר פון דעם אַרבעטער-רינג. צו יענער צייט איז ער ענדלעך אַריין אַלס מיטאַרבעטער פון „פאָרווערטס", מיט וועלכער צייטונג ער איז געבליבן פאַרבונדן ביז זיין אומגעריכטן טויט. אויסער זיין נאָענטער מיטאַרבעט אין פאַרשיידענע יידיש-אַמעריקאַנישע אויסגאַבן האָט ער אין פאַרשיידענע צייטן אַליין רעדאַקטירט נאָך אַ גאַנצע ריי צייטונגען און זשורנאַלן, ווי „דער שטאָדט אַנצייגער" — אַ וויסנשאַפטלעך-ליטעראַריש-קאָמערציעלע מאָנאַטשריפט (צוזאַמען מיט א. שאַרקאַנסקי, נ"י, 1893, 2 נומ'), „די אַרבייטער וועלט" — וואָכנבלאַט, אַרויסגעגעבן פון די פאַראייניקטע יידישע געווערקשאַפטן (נ"י, 1904, אַרויס 22 נומ'), איז געווען הויפּטמיטאַרבעטער פון דער

*) ביי דעם זשורנאַל, פון וועלכן עס זיינען אַרויס 9 נומערן, איז אויך געגרינדעט געוואָרן אַ פ"ג „די פּראָלעטאַרישע וועלט", וואו ס'איז אחוץ ק'ס אָריגינעלער בראָשור „קלאָרע דיבורים" אויך אַרויס אַ ריי איבערזעצונגען, ווי פרידריך ענגעלס — „דער וויסענשאַפטליכער סאָציאַליזם", ד"ר ג. גראָס — „די עקאָנאָמישע שיטה פון קאַרל מאַרקס", א. קאַמענסקי — „ראָבערט אָוועו, זיין לעבען און געזעלשאַפטליכע טעטיגקייט", „דער אַרבייטס-טאָג און זיין בעדייטונג", ב. באַקס — „די געשיכטע פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע", זשול געד — „קאָלעקטיוויזם", ג. הויפּטמאַן — „די וועבער" (איבערז' פון יעקב מילך), א. ריקליס — „דער חסידיזם" א"אַ.

„אידישער אבענד פּאָסט" — אַ טאָגבלאַט געגרינדעט 1899 אין נ"י פון יעקב סאַפּירשטיין און יוסף ל. ראָזענבוים (אָפּגעשטעלט 1905). אַחוץ זיין זשורנאַליסטישער אַרבעט האָט ק' אויך געשריבן אַ גאַנצע ריי פּאָפּולער=וויסנשאַפטלעכע ווערק און בראָשורן, וואָס האָבן געשפּילט אַ אומגעהייערע ראָלע אין דער אויפקלערונג פון די יידישע פאָלקסמאַסן. פון זיי איז קודם=כל צו דערמאָנען: „די קולטור=געשיכטע / דער מענש און זיין אַרבייט זייט ער האָט זיך בעוויזען אויף דער ערד ביז אונזער צייט" (פ"ג „אינטערנאַציאָנאַלע ביבליאָטעק", נ"י, ערשטע אויסגאַבע 1900, ז' 303+323+362, מיט 100 אילוסטראַציעס); „די געשיכטע פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציאָן" (דערז' פ"ג, ז' 434; נייע אויפלאַגע — נומ' 15 — 17 פון דער „אידיש=סאָצאַליסטישער ביבליאָטעק", פ"ג פון קאָמיסאַריאַט פאַר יידישע ענינים, מאָסקווע, 1918, אין 3 ט' ז' VII+427); „אַמעריקאַ פאַר קאָלומבוס / אַ קולטור געשיכטליכע נאָכפאָרשונג איבער דעם לעבען און פיהרונגען פון די פעלקער אין דער נייער וועלט ביז... קאָלומבוס" (דערז' פ"ג, ז' 169); „יציאת מצרים / אַ היסטאָרישע אונטערזוכונג איבער די פעריאָדע ווען אידען זיינען אַ פאָלק געוואָרען" („אידישע וויסענשאַפטליכע ביבליאָטעק", ז' 68, איבערדרוק פון „היברו פּאָבלישינג קאָ.", 1901 און שפּעטער); „וואָס הייסט נאַציאָן? / זיינען אידען אַ נאַציאָן?" (פ"ג „אינטערנאַציאָנאַלע ביבליאָטעק", נ"י, 1903, ז' 42); אַ סעריע ביאָגראַפיעס פון באַרימטע מענער, ווי יאָזעפוס פלאַוויוס, בר=כוכבא, דון יצחק אברבנאל און זיינע זין, לעסינג און מענדעלסאָן, די פאַמיליע ראָטשילד, ברוך שפּינאָזאַ, שבתי צבי, מעיערבער, מאַהאָמעד, אַריסטאָטעלעס (דערז' פ"ג); „הימעל און ערד" — פּאָפּולערע אַסטראָנאָמיע (פ"ג פון „פאָרווערטס", נ"י, אַרום ז' 400, אילוסטרירט); „גאַנץ אַמעריקאַ / די געשיכטע פון אַלע לענדער אין דער נייער וועלט" (פ"ג פון „אַרבעטער=רינג", נ"י, 1915, אין 2 ב', ז' 676, אילוסטרירט); „די געשיכטע פון סאָציאַליזם / דער קאַמפף פאַר גלייכהייט אין די געזעלשאַפטען און מלוכות פון אַלטע און נייע צייטען" (פ"ג פון דער „פ. אַ. ש." — אין וועלכער צייטשריפט די אַרבעט האָט זיך 1920 געדרוקט אין המשכים — נ"י, 1920, ז' 248), ווי אויך אַ ריי קלענערע אַרבעטן געדרוקט אין פוילן, דהיינו: „געשיכטע פון אַמעריקאַ" (פ"ג „פראָגרעס", וואַרשע, 1905, ז' 71), „צושטערונג פון באַסטיליע" („קליינע פאָלקס=ביבליאָטעק" פון פ"ג „פראָגרעס", 1906, ז' 15), „ווי אַזוי האָט זיך פראַנקרייך בעפרייט" (פ"ג „איזראַעליט", 1906, ז' 15), „קלאָרע דבורים צו אידען בכלל און צו אַרבייטער בפרט" (פ"ג „פראָלעטאַרישע וועלט", ווילנע, 1907, ז' 40). ער האָט אויך פאַרפאַסט אַ ענגלישע מעטאָדע, אַרויסגעגעבן פון י. סאַפּירשטיין, נ"י, און איבערגעזעצט אייניקע ראָמאַנען, ווי „דיא אייזערנע מאַסקע אָדער דער אונגליקליכער פּרינץ / איין היסטאָרישער ראָמאַן אויס דעם לעבין פון דעם קעניגליכין האָף אין דער צייט פון לודוויג דעם 13טען אין פראַנקרייך / פריי איבערזעצט פון יעקב ראָמבראָ" (ווילנע, 1894, ז' 114), „דער שטריק אַרום האַלז" (ווילנע, 1901 ?). זיין גרויסער אַרטיקל „גאָט, רעליגיאָן און מאָראַל" (אַרויסגעגעבן אין בראָשורפאָרם פון דער לידזער אַנאַרכיסטישער גרופּע, לידז, 1899, ז' 23) האָט אין אָנהייב פון דער יידישער אַרבעטער=באַ-

וועגונג אין ליטע און פוילן געדינט אַלס מאַטעריאַל פאַר פּראָפּאַגאַנדע אין די קרייזלעך. פון זיינע זשורנאַליסטישע אַרבעטן האָבן מיר די מעגלעכקייט צו פאַרצייכענען: „די זשאַרגאָנישע ליטעראַטור אין אַמעריקע" (אין Восходъ, 1899 — 1900), „די אידישע שפּראַך און ליטעראַטור, איהרע שרייבער און לעזער"—וועגן אַ וויסנשאַפטלעכער טערמינאָלאָגיע אין יידיש („ליטעראַטור און לעבען", נ"י, 1914, II), „די ענטוויקלונג פון גרויסע פּערמעגענס אין די פּעראייניגטע שטאַאַטען" (אין מילכס „בייער וועלט", II, ז' 1 — 27). האָט אויך געשריבן א"פ פּאָליטיקוס, ד"ר י. ראָמבערג, יעקב פּאָדאָליער א"אַ. — ק' האָט אין דער געשיכטע פון דעם יידישן סאָציאַליזם געשפּילט אַ אומגעהייערע ראָלע, הגם ער האָט די לעצטע 20 יאָר פון זיין לעבן ניט גענומען קיין דירעקטן אָנטייל אין דער יידישער אַרבעטערבאַוועגונג. ער איז בכלל געווען מער אויפקלערער ווי אַגיטאַטאָר, געגלייבט מער אין עוואָלוציע, ווי אין רעוואָלוציע, איז אָפט אויפגעטרעטן פאַר פשרות מיט די בירגערלעכע פּאַרטייען און צום סוף פון זיין לעבן געווען צווישן די עקסטרעמסטע קעגנערס פון דעם באָלשעוויזם. אָבער ער איז אין משך פון צענדלינגער יאָרן געווען דער אויפקלערער פון די יידישע מאַסן, וועלכע האָבן זיך געלערנט אויף זיינע ביכער און אַרטיקלען. ער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין איינפאַכן קלאָרן סטיל און איז דערצו געווען אַ מאַן פון הויכער בילדונג און פון גרויס ערודיציע, אַ קענער פון עטלעכע אייראָפּעישע שפּראַכן. אין זיינע אָנשויונגען בנוגע דער יידישער נאַציאָנאַלער פראַגע איז ער געווען אַן אַסימילאַטאָר, אָבער פאַקטיש האָט ער אין דער גרעסטער מאָס מיטגעווירקט אויפצובויען די יידישע סאָציאַליסטישע ליטעראַטור און פּרעסע. אין זיין פּערזענלעכן לעבן איז ער געווען אַ מוסטער פון גוטסקייט, ליבלעכקייט און פריינדשאַפט.

ל. ווינער, YL, ז' 223 — 224; „חכמי ישראל באמריקא"; The American Year Book 6665; EƏ, XIII; ה. בורגין, „געשיכטע פון דער יידישער ארבייטער בעוועגונג"; ב. ווייגשטיין, „40 יאהר", קאפּ' 13; מ. ווינטשעווסקי, „ערינערונגען"; אב. קאהאן, „בלעטער פון מיין לעבען", III; „רויטער פּנקס", II; מ. ווינטשעווסקי, מ. באראנאוו און ב. פייגענבוים, אין „צוקונפט", 1923, I—II; „וועקער", 65, פון 9/XII 1922; ה. קאָפּעלאנסקי, „ק' דער עדעלמאן", אין „ארבייטער פריינד", 1922, 26; ב. רודערמאן, ib; „די צייט", לאנדאן, פון 12/XII 1922; זעצערס, „דאס ווארט", II, 2; נעקראלאגן אין דער יידישער פּרעסע; פּריוואטע מיטטיילונג פון אלכסנדר הארקאווי.

קראַסילאָווסקי הערמאַן (הירש) (22/III 1890—) געב' אין איזמאַיל, בעסאַראַביע. געענדיקט די יידישע פאָלקסשול פון ראַבינער וויזין, וואו מ'האָט געלערנט אויך רוסיש. איז ער אָנגעקומען אויף דער לער אין אַ רוסישער דרוקעריי, 1910 אויסגעוואַנדערט קיין אַרגענטינע, זיך באַזעצט אין דעם שטעטל קאַרלאָס-קאַסאַרעס, אַ שעה רייזע פון דער באַוואוסטער יידישער יק"א-קאָלאָניע מאָוריציאָ, צוזאַמען מיט זיינעם אַן עלטערן ברודער געגרינדעט אַ יידישע דרוקעריי און ביי דער מיטאַרבעטערשאַפט פון מרדכי אַלפּערסאָן און אברהם ראָזענפעלד, איינעם פון די אידעאַליסטן-קאָלאָניסטן, אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן אַ וואָכנבלאַט „דער פערטהיידיגער", דערהויפּט געווידמעט די אינטערעסן פון די קאָלאָניסטן, אויך דאָס „זאַמעלבוך פּרעמיום פיר די לעזער פון „דער פערטהיידיגער" (1913; דאָס

ערשטע בוך, געדרוקט אין אַרגענטינע), מיט 1 1/2 יאָר שפעטער אַריבערגעטראָגן די צייטונג קיין בוענאָס-איירעס. אָבער אין עטלעכע חדשים אַרום, בשעת דעם גרויסן קריזיס אין אַרגענטינע פון 1914, געמוזט די אויסגאַבע אָפשטעלן און זיך אָפגעגעבן בלויז מיט דרוק-אַרבעטן, אַנטוויקלענדיק זיין דרוקעריי אַלס איינע פון די גרעסטע יידישע דרוקערייען אין לאַנד. פון צייט צו צייט זיך באַטייליקט אין בוענאָס-איירעסער יידישע צייטונגען, ווי „דער טאָג", 1915, א"ר פון וואָלף צייטלין, „די געזעלשאַפט", „די פאָלקסשטימע", „די אידישע וועלט", „דער צוואַנגאַרד", „די פרעסע"; האָט איבערגעזעצט פון רוסיש און שפאַניש. זינט 1923 איז ער איינער פון די דריי אַרויסגעבער פון דעם איינציקן יידישן הומאָריסטישן וואָכנבלאַט אין אַרגענטינע א"ט „פנים'ער און פנים'לאַך", פון וועלכער ער איז אויך אַ מיטאַרבעטער. לעצטנס אויך אַ מיטאַרבעטער פון „דער אידישער צייטונג".

קראַסנאָסיעלסקי חיים

(1881 —) געב' אין ניעסוויזש, ווייס-רוסלאַנד, אַלס אַ זון פון אַ ראש-ישיבה אין בריסק, אשר ק'. ביז 18 יאָר געלערנט אין ישיבות, אויך אין סלאָבאָדקער, דאַן אויסגעהאַלטן עקזאַמען אויף הויז-לערער, אַ פאָר יאָר שטודירט אויפן פילאָסאָפישן פאַקולטעט אין בערנער אוניווערסיטעט, שפעטער געענדיקט אַ צאָן-אַרצטלעכע שול אין קיעוו און פראַקטיצירט איצט אַלס צאָן-דאָקטאָר אין ווילנע. האָט פון צייט צו צייט געשריבן אין דער קיעווער רוסישער פרעסע, אויך אין דעם קיעווער טאָגבלאַט „דאָס פאָלק", אין „פריינד", „הזמן", אין Разсвѣтъ א"אַ, זיך באַטייליקט אין דער טעריטאָריאַליסטישער באַוועגונג, רעדאַקטירט איינקע טעריטאָריאַליסטישע אויסגאַבן אין יידיש און רוסיש, 1917 רעדאַקטירט אַ צייטונג Запорожецъ אין ניקאָפאָל. אין בוך-פאָרם אַרויסגעגעבן „דאָס איבערגעלעבטע" (ווילנע, 1927, ז' 16+176, מיט אַ הקדמה „וועגן אונזער מעמואַרן-ליטעראַטור" פון ל. רובינאָוו) — זכרונות פון די בלוטיקע יאָרן אין אוקראַינע, בפרט אין דער שטאָט ניקאָפאָל, וואו ק' האָט געלעבט ביז 1921.

קראַסקאָף ל.

(12/III 1874 —) אַמעריקאַניזירטער נאָמען פון אלעזר קרישקאַוואוצקי. געב' אין רישקאַן, בעסאַראַביע. זיין פאָטער, אברהם-יוסף, אַ משכיל און אַ שטעפאַנעשטער חסיד, האָט געהאַלטן אַ בראַנפנקעלער און שפעטער איז ער געוואָרן קרוינישער רב. האָט געלערנט ביי מלמדים גמרא און אויך ביי לערער רוסיש. צו 13 יאָר, געבליבן אַ יתום פון פאָטער, איבערגענומען די רבנות-שטעלע ביז צו די וואַלן. שפעטער זיך אָנגעהויבן אָפצוגעבן מיט דער השכלה, געלייענט העברעישע און רוסישע ליטעראַטור, געפרוווט שרייבן זינט 1900 קאָרעספאָנדענצן אין „הצפירה" און „הצופה", אָבער זיין שוואָגער, יהודה שטיינבערג, וועלכער האָט דאַן געהאַט זיין גרויסן דורכפאַל מיט זיין דעביוט „ניב שפתים", האָט אים אָפגערעדט פון צו פאַרנעמען זיך מיט ליטעראַרישער טעטיקייט. אין משך פון עטלעכע יאָר נאָך דער חתונה האָט ק' זיך באַשעפטיקט אַלס קאָמיסיאָנער אויף דער סטאַציע בעלץ, אָבער צוליב דער רוסיש-יאַפאַנישער מלחמה געווען געצוואונגען צו פאַרלאָזן רוסלאַנד און ער האָט אויסגעוואַנדערט קיין פילאַדעלפיע, וואו ער האָט זיך באַשעפטיקט אַלס מאַנופאַקטוריסט. זיין ליטעראַרישע טעטיקייט האָט ער אָנגעהויבן אין דעם

פילאַדעלפיער וואָכנבלאַט „העראָלד", דאַן רעגלמעסיק געדרוקט פעליעטאָנען, אויך א"פ פנחסל סוחר השמאַטעס, און דערציילונגען אין דער פילאַדעלפיער „אידישער וועלט" (צ"א אַ גרויסע דערציילונג א"ט „דער אידישער ביזנעסמאַן", 1927—28), פון צייט צו צייט אויך אין די נ"י'ער צייטשריפטן, ווי „וואַרהייט", „טאָג", „שיקאַגער אידישער קוריער", „גרויסער קונדס", מילערס „וואָכנשריפט", זעצערס „דאָס וואָרט", „קענעדער אָדלער", „פ. א. ש." א"אַ. אין בוכפאָרם פאַרעפנטלעכט: „אויפן גלייכען וועג / בילדער, ערצעהלונגען, איינדריקען" (פ"ג „לעבען", פילאַדעלפיע, 1924, ז' 207).

ד"ר ש. סיימאָן, אין „אונדזער בוך" 1927, II.

קראַפּיווניק (קראַפּיווניקאָוו) קלמן (אָנהייב 1879 — 1904) געב' אין ווילנע אין אַ פאַמיליע פון אָרעמע האָרעפאַשניקעס. פרי געבליבן אַ יתום, געלעבט אין דער שווערסטער נויט, געגאַנגען נאַקעט און באָרוועס, געהונגערט און דאָס האָט איינגעפלאַנצט אין אים אַ טיפע שאַרפע שנאה צו רייכע און זאַטע. ער האָט געלערנט אין תלמוד-תורה און ישיבה און אַ סך געלייענט, אַדאַנק זיינע פעיקייטן שוין יינגלווייז געווען גייסטיק שטאַרק אַנטוויקלט, פרי אָנגעהויבן צו שרייבן סאָציאַלע שירים אין העברעיש און יידיש, צו 16 יאָר געוואָרן אַ סאָציאַליסט, אָנגעקומען אויף אַ טאַבאַק-פאַבריק, אָבער צוליב קורצזיכטיקייט געמוזט די פאַבריק פאַרלאָזן און זיך געפּלאָגט אַלס לערער אויף פּריוואַטע לעקציעס און אויף קאָנדיציעס. אַלס אָנגעשטעלטער און פאַקטישער פירער פון דער יידישער בוכקראָם אין ווילנע א"נ פון אברהם גאַסטעלניק (זע קלעצקין באָריס) האָט ער אַ סך אויפגעטאָן פאַר דער פאַרשפרייטונג פון דעם יידישן בוך, פאַר דער פראָפּאַגאַנדע פון די סאָציאַליסטישע אידעען און פאַר דער אָרגאַניזאַציע פון די פּראָפעסיאָנעל נאָך ניט באַרירטע אַרבעטער-פאַכן. זיין גרעסטער פאַרדינסט איז געווען די פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציע פון די האַנדלס-אָנגעשטעלטע, פון וועלכער ער איז געווען דער שעפער און אידעאָלאָג. ער איז געוואָרן דער ליבלינג פון די יידישע אַרבעטער-מאַסן אין ווילנע, הגם ניט גאָר באַליבט ביי די „אינטעליגענטן" פאַר זיין שנאה צו די באַלעבאַטישע יונגעלייט, וועלכע האָבן זיך נאָך פון מאָדע צוגעפּוצט צו דער יונגער אַרבעטער-באַוועגונג. ער האָט איבערגעזעצט אויף יידיש ליטעראַטור, בעלעטריסטישע און וויסנשאַפטלעכע, מיט אַ סאָציאַלן כאַראַקטער, האָט אויך געשריבן אַ סך אָריגינעלע זאַכן, וואָס זיינען אומגעגאַנגען אין כתב-יד צווישן חברים, נאָר זיינען קיינמאָל ניט געדרוקט געוואָרן, אַחוץ אַ ריי פראָקלאַמאַציעס זיינע, וועלכע האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט בילדערישקייט, מיט וואַרעמקייט און מיט אַ באַזונדערער שאַרפקייט. ביי גינסטיקערע באַדינגונגען וואָלט ער זיכער פאַרנומען אַן אָרט אין דער יידישער פּאָעזיע, בפרט אין דער סאָציאַלער. אָבער מיט לייב און לעבן איבערגעגעבן דער יידישער אַרבעטער-באַוועגונג, דעם ניי-געגרינדעטן „בונד", האָט ער קיין צייט ניט געהאַט צו טראַכטן וועגן זיין ליטעראַרישן טאַלאַנט. בשעת די גרויסע אַרעסטן אין ווילנע פרילינג 1901 איז אויך ק' אַרעסטירט געוואָרן און אָפּגעזעסן איבער אַ יאָר אין מאָסקווער תפיסה, נאָך דער באַפרייונג ווייטער געאַרבעט מיט מסירת-נפש פאַר דער באַוועגונג, דאַן צום צווייטן מאָל אַריינגעפאַלן אין די הענט פון דער זשאַנדאַרמעריע און פאַרשיקט

געוואָרן אין אַרכאַנגעלסקער גוב׳, וואו זייער פיל געליטן פון חברים און אַנטוישט פון זיי — זיך גענומען דאָס לעבן אין דאָרף אוסטי־איזשמע. — אָט זייַנען אייניקע מוסטער־פּערזן פון ק׳ס ערשטע לידער:

איך גלייב ניט אין גאָט, אין מלאכי השלום,
איך גלייב ניט, איך גלייב ניט אין קיינעם אויף דער וועלט;
איך גלייב נאָר אין שדים, איך גלייב נאָר אין טייוואָלים,
איך גלייב נאָר אין רוחות, איך גלייב נאָר אין געלט...

און פון זיינס אַ לעצט ליד:

און חען געשלאָגן האָט דיין שעה,
דיין האָפנונג איז צו שטראַנד געזונקען,
איז וואָס דאַן? — שטאַרבן ווי א העלד!
צעברעך דיין כוס אינמיטן טרינקען...

א״י גאָלדשמיט, אין „אונזער שטימע“, ווילנע, 1919, 51—62; א. ליטוואַק, „זשאַרגאָנישע קאָמיטעטן“, אין „רויטן פּנקס“ I.

קראַפּט חיים (1887 —)
געב׳ אין אַ דאָרף אין אַלט־רומעניע, דערצויגן געוואָרן אין בוקאָווינע, 1909 געענדיקט גימנאַזיע אין סערעט, שטודירט פילאָסאָפיע אין ווינער אוניווערסיטעט און אין טשערנאָוויצער, זיין שטודיום פאַרענדיקט 1914. האָט זיך באַשעפטיקט מיט יידישער פילאָלאָגיע און אַלס מיטאַרבעטער פון דעם אָרגאַן פון די עסטרייכישע פּ״צ „דער יודישער אַרבייטער“ האָט ער אין דעם יובילײ־נומער (1913) פאַרעפנטלעכט אַ רעצענזיע וועגן „פּנקס“. אַ גרעסערע אַרבעט וועגן די אָנהייבן פון דער יידישער ליטעראַטור איז אים פאַרלוירן געגאַנגען בשעת דער מלחמה. נאָך דער מלחמה אין טשערנאָוויץ — מיטגעאַרבעט אין דעם פּ״צ־אָרגאַן „די פרייהייט“, זינט 1/V 1923 דאָס וואָכנבלאַט אויך רעדאַקטירט, זינט דעצעמבער 1922 געווען סעקרעטאַר פון דער יידישער קולטור־פעדעראַציע אין רומעניע. דעם 1טן מאַי 1924 אַרעסטירט געוואָרן און געזעסן 3 חדשים.

קראַקאָווער גרשון (1841 — 25/VII 1922) געב׳ אין שומסק, וואָלין, אין אַ פאַנאַטיש־פרומער חסידישער משפּחה. צו 16 יאָר חתונה געהאַט, האָט ער צוערשט געלעבט ביי שווער און שוויגער אויף קעסט, דערנאָך געוואָרפן זיך צו פאַרשיידענע פּרנסות, געוואָרן אַ מתנגד, אַ משכיל, אויסגעשטאַנען דערפאַר אַ שווערן קאַמף מיט די עלטערן, 1891 אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע און זיך באַזעצט אין פּיטסבורג, וואו ער האָט געאַרבעט אַלס בוכהאַלטער און שרייבער פון דער פּיטסבורגער „פאָלקס־ציייטונג“. זיין ערשטע אַרויסטרעטונג אין דער פּרעסע איז געווען אַ קריטיק קעגן דעם ביזנעס־גייסט אין די שולן, וועלכע האָט בשעתו געמאַכט אַ רושם. דאַן האָט ער געשריבן אַ ריי לומדיש־פילאָסאָפישע אָפּהאַנדלונגען אין דער אַנאַרכיסטישער „פ. אַ. ש“, אין דעם סאָציאַליסטישן „פאָרווערטס“, הגם ער האָט ניט געהערט ניט צו די אַנאַרכיסטן און ניט צו די סאָציאַליסטן. ער האָט זיך אויך באַטייליקט אין „יידישען טאַגעבלאַט“, אין „מאָרגען זשורנאַל“, אין די העברעישע צייטונגען, אין „צוקונפט“ פאַרעפנטלעכט אַן אָפּהאַנדלונג וועגן קאָלירן א״ט „שוואַרץ און ווייס“, אויך אַ ציוניסטישע אַלעגאָריע א״ט „דער פאַרוואונדעטער אָדלער“, וועלכע זאַכן זיין זון באַטראַכט פאַר זיינע בעסטע אַרבעטן. די לעצטע יאָרן האָט ער געלעבט צוריקגעצויגן, געהאַלטן בלויז פון נחמן קראָכמאַלס „מורה נבוכי הזמן“.

קראַשקין וואָלף (22/X 1862 — 23/XI 1927) געב׳ אין ווילנע אַלס זון פון דעם פאַרמעגלעכן סוחר און אונ־טערנעמער יוסף ק׳, 1879 — 82 שטו־דירט אין יידישן לערער־אינסטיטוט אין ווילנע, שפּעטער געווען בוכהאַלטער און קאָרעספּאָנדענט אין פאַרשיידענע פירמעס און דערנאָך געפירט אייגענע האַנדלסגעשעפטן. ער האָט פון צייט צו צייט געדרוקט אַרטיקלען אין „יודישען פאָלקסבלאַט" (למשל, אין „ביילאַגע צום יודישען פאָלקסבלאַט", 1888, 1, אַן אַרטיקל צו נייאַר, אגב זייער אַ שוואַכער. פול רוסיציזמען, וואו דעם גרעסטן טייל פאַרנעמט אַ שיר פון אליקום צונזער). אויך אין די ווילנער רוסישע, העברעיִשע און יידישע צייטונגען. האָט איבערגעזעצט אויף יידיש „דיא געהיימניססע פון קאָנסטאַנטינאָ־פּאָלער הויף / איין העכסט אינטע־רעססאַנטער היסטאָרישער ראָמאַן / אין פיער טהיילען / (פון קססענאַ)" (פ״ג ל. מ״ץ, ווילנע, 1895, ד׳ 98+112+102+98). געווען טעטיק אַלס כלל־טוער אין ווילנע, בשעת דער דייטשער אָקופּאַציע געווען סעקרעטאַר פון „יידישן צענט־ראַלן קאָמיטעט". זיין זון, אליהו ק׳, סעקרעטאַר פון יידישן סוחרים־פאַרבאַנד אין ווילנע, האָט רעדאַקטירט 1928 דעם אָרגאַן „דער יידישער סוחר" אין ווילנע.

קרוגער חיים (ערב ר״ח ניסן 1875 —) געב׳ אין מעזישאָק, קאָוונער געגענט, אַלס זון פון שטעטלשן שוחט שמואל־יצחק. ביז 8 יאָר געלערנט מיטן פאָטער, דערנאָך אין די ישיבות פון פּאָ־ניעוועזש, קופּישאָק, טעלז א״א, צו 16 יאָר געקומען קיין שאַוועל, וואו ער האָט זיך גענומען צו השכלה־ספרים און העברעיִש אין מיט דער הילף פון גימ־נאַזיסטן זיך אויך באַקענט מיט דער רו־סישער שפּראַך און ליטעראַטור, מיט דייטש, אַריין אין דער ציוניסטישער באַוועגונג און אָנגעהויבן אַרומצופאָרן איבער די שטעט און שטעט־לעך פון גראָד־נער, סוואַלקער און ווילנער געגנט צו „זאָגן" לטובת דעם ציוניזם.



אָבער צוליב דאגת פרנסה געמוזט ווערן שוחט און אָנגעהאַלטן אייניקע שטעלעס אין סוואַל־קער גוב׳. 1907 אַריבערגעקומען קיין קאַ־נאַדע, וואו ער איז ביז איצט שטאָט־שוחט אין מאָנטרעאַל. זינט 1921 אַ מיטאַרבעטער פון „קענעדער אָדלער", אויך א״פ ח. ק. שאַכאַס, אָנקעל ברוך, היימאַן ציגמאַן, דאָבל קוף, רוקח, שרייבט פּאָליטיש־עקאָ־נאָמישע אַרטיקלען בנוגע קאַנאַדע, פעי־ליעטאָנען, קינדער־זאַכן פאַר דער אָפּטיי־לונג „קינדערלאַנד", צייטונגס־ראָמאַנען, שבתדיקע דרשות א״ט „פונ׳ם רבינ׳ס טיש" און איבער חכמת ישראל (סעריעס אַרטיקלען איבער דער אַנטשטייונג פון לוח, „רבנו סעדיא גאון אַלס תלמודיסט און דענקער", אַ באַאַרבעטונג פון ר׳ יהודה הלוויס „כוזרי" אין המשכים, 1928, אאז״וו). אין כתב־יד: אַ וויסנ־שאַפטלעכער פּירוש אויף אַלע אגדות פון ש״ס א״ט „המאור שביהדות", אַ „ספר ההשגות" אויף גרעצס געשיכטע—ספּעציעל בנוגע דער תקופה פון תלמוד, וואו גרעץ זאָל לויט ק׳ס מיינונג האָבן אַרויסגעזאָגט אומבאַגרינדעטע השערות און דערויף געבויט זיין געשיכטע; אַ פּאָפּולערע אי־בערזעצונג פון רמבמ״ס „מורה נבוכים" אויף יידיש און אַ זאַמלונג דרשות אויף יעדער פרשה פון דער וואָך.

קרויס (Krauss) פרידריך-שלמה (1859 —) געב׳ אין פּאָזעגאַ, סלאַוואָניע. איינער פון די ערשטע פאָרשער פון דעם דרום-סלאַווישן פאָלקלאָר און איינער פון די גרעסטע קענער אויף דעם געביט, האָט ער אין דער שליחות פון קרוינפּרינץ רודאָלף האַבסבורגער דורכגעפירט אַן אויספאָרשונג פון דאַלמאַציע, באָסניע, הערצעגאָווינע און סלאַוואָניע, וואו ער האָט געפונען זייער אַ רייכן עטנאָגראַפישן מאַטעריאַל. מיט יידישן פאָלקלאָר האָט ער זיך ניט באַשעפטיקט, אָבער אין זיינע צוויי חודש-זשורנאַלן Am Urquell (1890 — 96) און Der Urquell (זינט 1897) פלעגט ער דרוקן מאַטעריאַלן, וואָס אַנדערע זאַמלער האָבן אים צוגעשיקט און אַזוי-אַרום אָפּגעראַטעוועט פון אונטערגאַנג אַ ריי אינטערעסאַנטע פּראָדוקטן פון יידישן פאָלקלאָר און עטנאָגראַפיע, דערהויפּט פון צענטראַל-אייראָפּע, צ״אַ די מאַטעריאַן, וואָס עס האָט מיטגעטיילט דער באַקאַנטער דייטש-יידישער בעלעטריסט, דראַמאַטורג, קריטיקער און פילאָסאָף עדואַרד קולקע אויס מערן (1831—1897), דערצו איז דער יידישער פאָלקלאָריסטישער מאַטעריאַל פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין ק׳ס אויסגאַבן אין אַ גענויער פאָנעטישער טראַנסקריפּציע, וואָס גיט די מעגלעכקייט אויך אויסצוניצן אים פאַר יידישער שפּראַכפאָרשונג. אָבער אַלס אויסגעשפּראָכענער אַסימילאַטאָר איז ער שאַרף אַרויסגעטראָטן קעגן די נאַציאָנאַלע טענדענצן, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט דער אַרבעט פאַר דעם יידישן פאָלקלאָר, און אַז דער 1896 פון דער „העברי-דזשאָן-לאָזשע״ אין האַמבורג געגרינדעטער קאָמיטעט פאַרן יידישן פאָלקלאָר האָט 8/IX 1897 מיטגעטיילט ק׳ן וועגן דער גרינדונג פון דער „געזעלשאַפט פאַר יידישער פאָלקסקענטעניש״, איז ער אין זיין Urquell שאַרף אַרויסגעטראָטן קעגן דער יידישער פאָלקספאָרשונג אַלס באַזונדערער נאַציאָנאַלער טעטיקייט, זעענדיק דערין „אַ פאָלקלאָיסטיש געטאָ״, הגם מיט אַ קורצער צייט פריער האָט ער זיך אַליין געקלאָגט אין זיין זשורנאַל, פאַרוואָס די מערהייט פון די דייטש-יידישע וואָכנבלעטער ווייסן גאָרנישט דערפון, אַז ס׳איז פאַרהאַן אַ יידישער פאָלקלאָר; „וואָלט — האָט ק׳ דאַן געשריבן — Der Urquell געהאַט אין זיין רשות כאָטש אַ צענטחלק פון דעם געלט, וואָס ווערט יעדעס יאָר אויסגעבראַכט אויף אייבצוקויפן אַנטיסעמיטישע שרייבעכצן, וואָלט דאָס פאָלקסטום פון די יידן זייער שנעל געוואָרן דער געגנשטאַנד פון אַלגעמיינער ווויסנשאַפטלעכער אויפמערקזאַמקייט און אָנערקענונג, און מענטשן, וואָס פלוידערן וועגן יידישער פאָלקספאָרשונג, ניט האָבנדיק אַפילו די מינדסטע פאָרשטעלונג וועגן יידישן פאָלקסטום, וואָלטן געוואָרן לעכערלעך, ווי זיי האָבן דאָס פאַרדינט״. אַחוץ די זייער פיל אַרבעטן אויפן געביט פון דער סלאַווישער עטנאָגראַפיע, פון וועלכע אייניקע האָבן זייער אַ גרויסן שם (באַזונדערס דאַרף דערמאָנט ווערן זיין זייער רייכע קאָלעקציע פון סערבישע און קראָאַטישע גוסלאַרנלידער, פון אים אַליין מעטריש איבערגעזעצט אויף דייטש, צווישן זיי — אויך אַ סערביש ליד וועגן אַ יידישן קיסר), האָט ק׳ אויך רעדאַקטירט און אַרויסגעגעבן: Bibliothek ausgewählter serbischer Meisterwerke; Anthropophyteia; Jahrbuch für Folklor; Erhebungen; Historische Quellenschriften zum Studium der Anthropologie; Der Volksmund א״אַ, אַ ריי בעלעטריסטישע, דראַמאַ-

טישע און פּאָעטישע ווערק אאַז״וו. פאַר זיינע וויסנשאַפטלעכע אַרבעטן האָט ער באַקומען דעם טיטל פּראָפעסאָר. אין משך פון יאָרן איז ער געווען סעקרעטאַר פון דער „איזראַעליטישער אַליאַנץ״ אין ווין, וואו ער לעבט עד־היום און איז אויך באַשעפטיקט אַלס געשוואוירענער איבערזעצער פאַר סלאַווישע שפּראַכן ביים ווינער געריכט.

EƏ, IX; נח פּרילוצקי, „אונזערע אויפגאַבן אקעגן יודישן פאָלקלאָר״, אין „מאָמענט״, 1917, 83, 87.

קרול חיים (ניסן — 1892)

געב׳ אין לאָדז. פון דער מוטערס צד — משפּחה מיט דעם גאָסטיניגער צדיק ר׳ יחיאל־מאיר און אַ ריי אַנדערע רבנים. ביז 9 יאָר געלערנט אין חדר, דערנאָך געאַרבעט ביז דער מלחמה אַלס וועבער. אָנגעהויבן שרייבן לידער צו 12 יאָר, האָט ער דעביוטירט אין די אויסגאַבן פון די יונגע יידישע דיכטער אין לאָדז, ווי „געזאַנגען״, „יונג־אידיש״, „ס׳פעלד״ א״אַ און אַרויסגעגעבן צוויי זאַמלונגען לידער, „לויבן״ (פ״ג „יונג־אידיש״, לאָדז, 1920, ז׳ 32, מיט האָלצשניטן פון י. אַדלער, ח. באַרטשינסקי און פ. לינדענפעלד) און „הימלען אין אָפּגרונט״ (אותיות און בילדער געשניטן אין לינאָלעום און געמאָלט פון אסתר קאַרפּ, אַרויסגעגעבן אין 200 נומערירטע עקז׳, פ״ג „אחרית״, לאָדז, 1921). זינט 1922 אין נ״י, האָט ק׳ זיך באַטייליקט מיט לידער אין פאַרשיידענע צייטשריפטן און זמ״ב, ווי „זעגלען״, „אויפגאַנג״, „די פעדער״, „שריפטן״ VII און VIII, „קאַנאַדער וואָכנבלאַט״, „צוקונפט״, „פרייהייט״ א״אַ. זיין לעצטע זאַמלונג לידער א״ט „אינדערלייטערונג״ (אַרויסגעגעבן פון דער גרופּע „אייגענע״, נ״י, 1925, ז׳ 91) האָט אַרויסגערופן אַ ריי זייער וואַרעמע אָפּרופן. כמעט אַלע לידער ק׳ס זיינען רעליגיעזע עראָטיק, געשריבן דאָס רוב טאַקע אין דעם סטיל פון תפילות, אָפּט סענטימענטאַל, זיי מאַכן אָבער אַ רושם מיט זייער פשטות, פרישן, אינטימען טאָן און ריינער תמימותדיקייט. „כמעט אַ קינדערשע ליבשאַפט לייכט אַרויס פון זיינע קליינע דרייווערטערדיקע שורות. און דער טיפער רחמנות, וואָס ער פילט צו זיך אַליין, צו זיין אומבאַהאָלפנקייט, איז אויך אַזאַ קינדערישער. די ציטערדיקייט פון זיין וואָרט, די סובטילקייט, מילדקייט פון זיין געפיל איז ווי דער אומזיכערער פלאַפל פון ווערטער אין אַ קינדס מויל, וואָס הייבט ערשט אָן רעדן. כאָטש אין זיין גאַנצן וועלטבאַנעם, אין זיין גאַנצן מהות איז פאַרהאַן עפּעס אַלטס, ווייטס און קאַלטס שוין צום לעבן, פונדעסטוועגן זיינען זיינע ווערטער אַזוי יונג, גרין און פריש, ווי בלעטלעך פון אַן אַלטן בוים, גרינע, גרינגע און זיידענע. — אין זיין אומעטיקן טאָן פילט זיך אַ צוריקקומען פון פאַרצווייפלונג... פילט זיך אויך פון צייט צו צייט אַ מין שטילע באַגייסטערונג, וואָס גיט צו חן צו זיינע לידער״ (י. י. סיגאַל).

פאלק היילפערין, „אויסשטאַטונג און פרעטענזיעס״, אין ווילנער „טאָג״, פון 4/XI 1921; י. אקווילא, אין „לאָדזער טאגעבלאט״, 1922; יוסף טורקא, „די פיזיאָנאָמיע פון א דיכטער״, ib, 1925, 145; י. ח. ראַדאָשיצקי, אין „דער פעדער״, 1925, VII; י. י. סיגאל אין „שריפטן״, VIII; פּרץ אָפּאָטשינסקי, אין „ליטערארישע בלעטער״, 64; „קולטור״, שיקאַגאָ, 1925, 3; ש. ניגער, אין „צוקונפט״, 1925, VIII.

קרופּ נחמה (1903 —) געב׳ אין שיקאַגאָ. שרייבט דערהויפּט אין ענגליש, און אירע לירישע לידער האָבן געצויגן אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט פון אַזעלכע דיכטער, ווי קאַרל סאַנדבערג, בעסידעק (אַ אינדישער דיכטער) א״אַ. אויף יידיש דעביוטירט מיט אַ שיין ליד „שטימונג=קלאַנגען“, וואָס זי האָט געשריבן מיט לאַטיינישע אותיות (אין „דער פּעדער“, 1919, V). איר ליד „דאָס עכאָ“ איז איבערגעזעצט פון לאה ראַשעלל („פּעדער“, 1920, I) און דאָס ליד „דער משולח“ (געווידמעט נוח נאַכבושן) — פון ל. מילער („פּעדער“, 1925, VI).

קרוק יוסף (15/XII 1885 —) געב׳ אין טשענסטאָכאָוו אין אַ רייכער אַסימילירטער פאַמיליע. זיין זיידע האָט גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין די פּוילישע אויפשטאַנדן, האָט אָרגאַניזירט אַ באַזונדערע רייטער־אָפּטיילונג, וואָס האָט געקעמפט קעגן רוסישן מיליטער פאַר דער פּוילישער זעלבשטענדיקייט, כמה יאָרן געווען איינער פון די דריי „דאָזאָרעס“, געוויילט דורך דער באַפעלקערונג; אויך זיין פאָטער, לעאָן, איז געווען טעטיק אין דער שטאָטישער פאַרוואַלטונג און אין אַלגעמיינעם פּוילישן און יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן פון שטאָט. אַלס גימנאַזיסט פון 5טן קלאַס שוין אַריין אין אַ אומלעגאַלן פּויליש=סאָציאַליסטישן זעלבסטבילדונגס־קרייז, דאַן זיך פאַראינטערעסירט מיט דער יידישער אַרבעטער=באַוועגונג, געווען גרינדער און פירער פון דעם ערשטן יידישן גימנאַזיסטישן קרייז אין טשענסטאָכאָוו מיט אַ סאָציאַליסטיש=טעריטאָריאַליסטישן כאַראַקטער, געגרינדעט אויך יידישע ראַדיקאַל=נאַציאָנאַלע גימנאַזיסטישע גרופּעס אין סאָסנאָוויץ, פּעטריקאָוו א״אַ, געווען פאָרזיצער פון צוזאַמענפאָר פון די דאָזיקע אַלע גרופּעס, אָנהייב זומער 1903, און אָנפירער פון דער אויפן צוזאַמענפאָר געגרינדעטער צענטראַלע מיטן זיץ אין טשענסטאָכאָוו, אַרויסגעגעבן איר העקטאָגראַפירטן חודש=אָרגאַן; אויפן צווייטן צוזאַמענפאָר, אָנהייב זומער 1904, האָט די אָפּגעשפּאָלטענע מערהייט פון די גימנאַזיסטישע גרופּעס אָנגענומען שוין אַ קלאָרע ציוניסטיש=טעריטאָריאַליסטישע פיזיאָנאָמיע און זיך נעענטער פאַרבונדן מיט די אַרבעטער=קרייזן. פאַר דער צייט פון 1903—4 געווען באַשעפטיקט מיט אַריבערטראַנספּאָרטירן פון אויסלאַנד קיין רוסלאַנד די ליטעראַטור פון דער גרופּע „וואָזראָזשדעניע“, וועלכע איז דערהויפּט געגאַנגען דורך דער טשענסטאָכאָווער גרענעץ, נאָך דעם קעשענעווער פּאָגראָם אויך געשוואַרצט דורך דער גרענעץ געווער פאַרן יידישן זעלבסטשוץ און נאָך דער פּראָוואָקאַציע פון י. אַזעוו, ווען די ס״ר האָט ניט געהאַט קיין גרענעץ, אָרגאַניזירט אַ גרויסן טראַנספּאָרט ס״ר=ליטעראַטור דורך טשענסטאָכאָוו. זינט סוף 1904 געווען איינער פון די פירער פון דער גימנאַזיסטיש=רעוואָלוציאָנערער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, וועלכע האָט ערקלערט אַ באָיקאָט דער רוסישער שפּראַך אין די לערנאַנשטאַלטן אין פּוילן, מיטרעדאַקטאָר פון אירע אויסגאַבן, ערב ענדיקן גימנאַזיע אויסגעשלאָסן מיט אַ „ווילדן בילעט“, — זיך אָפּגעגעבן דער אַרבעט אין דער ס״ס=אָרגאַניזאַציע, פאַרנומען זיך מיט דרוקן און שמוגלען פון קראָקע קיין רוסלאַנד די באַרימטע „דעקלאַראַציע“, וואו ס׳זיי=

נען פּאָרמולירט געוואָרן די יסודות פון דער ס״ס=פּאַרטיי. אַרויסגעשיקט אַדמיניסטראַטיוו פון פּוילן, שטודירט אין קראָקעווער אוניווערסיטעט, געגרינדעט די ערשטע ס״ס=גרופּעס אין גאַליציע, זיך באַטייליקט אין VII ציוניסטישן קאָנגרעס, אויף וועלכן די ס״ס זיינען אַרויס פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. דאַן שטודירט פּאָליטישע עקאָנאָמיע אין בערן און מינכען, 1906 צוריקגעקומען קיין רוסלאַנד, געאַרבעט אין דער וואַרשעווער ס״ס=אָרגאַניזאַציע, אַ יאָר צייט געזעסן אין „פּאַוויאַק״ אין וואַרשע און אין ציטאַדעל אין נאָוואָגעאָרגיעווסק. נאָכן באַפרייען זיך אָנגעפירט די ס״ס=אָרגאַניזאַציע אין טשענסטאָכאָוו. נאָך אַ ריי אַרעסטן און פּראָוואָקאַציעס אַנטלאָפן קיין אויסלאַנד, שטודירט אויסער פּאָליטישער עקאָנאָמיע — פילאָסאָפיע, און שפּעטער יוריספּרודענץ אין מינכען, בערן, האַלע, ציריך, וואו געענדיקט דעם יורידישן פאַקולטעט מיטן טיטל ד״ר, גלייכצייטיק געפירט אַ סאָציאַליסטיש=טעריטאָריאַליסטישע אַגיטאַציע אַלס מיטגליד פון צ״ק פון דער מערב=אייראָפּעישער ס״ס=ליגע, געשריבן צוערשט אין דייטש (אין „Neue Züricher Ztg, 1907) און רוסיש און דערנאָך אויך אין יידיש אין אַלגעמיינע יידישע אָרגאַנען פון שווייץ, רוסלאַנד, דייטשלאַנד, עסטרייך=אונגאַרן און אַמעריקע, וועגן עמיגראַציע און קאָלאָניזאַציע, וועגן פּאָליטישע, סאָציאָלאָגישע, היסטאָרישע און יורידישע ענינים, פאַרעפנטלעכט די בראָשורן „וועגן דעם קריזיס אין דער יידישער עמיגראַציע״ (1909), „סקיצן צו דער געשיכטע פון די שווייצער יידן״ אויך געדרוקט אין Новый Восходъ, (1912) און אַ גרעסער וויסנשאַפטלעך ווערק „די אויסוואַנדערונגס=געזעצגעבונג אַלס אינטערנאַציאָנאַלע יורידישע און אַדמיניסטראַטיווע פּראָבלעם״ — אויפן גרונד פון די געזעצן פון דייטשלאַנד, שפּאַניע, איטאַליע, האָלאַנד, בעלגיע, עסטרייך=אונגאַרן (1914). 1910 צוזאַמען מיט לאַצקי=בערטאָלדין, אַנינען, דאַווידאָוויטשן, סאַניע בורגינען אָנגעפירט די קאַמפּאַניע פאַר צונויפרופן דעם אַלוועלטלעכן עמיגראַציע=קאָנגרעס און אַרויסגעגעבן דעם אויסלענדישן אָרגאַן פון די ס״ס „פריילאַנד״ און „מאָרגען״. נאָכן אויסבראָך פון דער וועלט=מלחמה זיך באַזעצט אין לאָנדאָן, פון וואַנען מיטגעאַרבעט אין פאַרשיידענע אַמעריקאַנער צייטונגען, ענגלישע און יידישע, אָנגעפירט אַ שטאַרקע קאַמפּאַניע קעגן דער צאַרישער רעגירונג (אין דער קאַמפּאַניע האָט זיך אויך באַטייליקט ישראל זאַנגוויל), אַרויסגעגעבן אין ענגליש אַ בוך „די יידישע פראַגע אין רוסלאַנד און די גרויסרוסן״, געגרינדעט אין ענגלאַנד אַ „פאַרבאַנד פאַר עמאַנציפּאַציע״. נאָך דער רוסישער רעוואָלוציע געהערט צום „דעלעגאַטן=קאָמיטעט״ מיט געאָרג טשיטשערין, א. ליטווינאָוו און א. זונדעלעוויטש בראש, וועלכער האָט זיך פאַרנומען מיט טראַנספּאָרטירן די פּאָליטישע עמיגראַנטן קיין רוסלאַנד, טיילווייז אַפילו געהאַט אין לאָנדאָן די פונקציעס פון רוסישן אַמבאַסאַדאָר און קאָנסול. סוף 1918 געקומען קיין רוסלאַנד, געווען דער פאָרזיצער פון דער ס״ס=אָרגאַניזאַציע אין פּט״ב, פאַרטרעטן די פּאַרטיי אין דעם „ראַט פון די אַרבעטער, פּויערים און סאָלדאַטן״, שפּעטער אַריבער קיין מאָסקווע, וואו געווען אַ מיטגליד פון צ״ק פון די „פּאַראַייניקטע״ און אַ מיטאַרבעטער פון זייער צענטראַלן אָרגאַן „דער נייער וועג״, נאָך דער רעוואָלוציע אין דייטשלאַנד

צוריקגעקומען אין אומאָפּהענגיקן פּוילן, רעדאַקטירט אין וואַרשע די פּאַרטיי-אָרגאַנען „אונזער וועג", „דער נייער וועג", „דער שטערן", „דער שטראַל", „אונזער נייער וועג" און אונטער אַנדערע נעמען (צוליב די רעפּרעסיעס פון דער מאַכט), געווען אַ מיטגליד פון פּרעזידיום פון וואַרשעווער „אַרבעטער-ראַט", אין וועלכן אָפּט אויפגעטרעטן מיט גרויסע רעדעס, בשעת דער סאָוועטיש-פּוילישער מלחמה 1920 געווען עטלעכע חדשים אַרעסטירט אין דער מאָקאָטאָווער תפיסה אין וואַרשע, שפּעטער צוזאַמען מיט מענדעלסבערגן געגרינדעט דעם ערשטן אַרבעטער-עמיגראַציע-פאַרבאַנד אין פּוילן. 1922 פאַראייניקט די „פּאַראייניקטע" מיט דער אומאָפּהענגיקער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי פון פּוילן, פון וועלכער ער איז געווען אָנפירער צוזאַמען מיט ד"ר יוזעף דראָבנער, אַ געוועזענעם פּפּ"ס, און וואו עס האָט זיך געבילדעט אַן אויטאָנאָמע יידישע סעקציע, מיטרעדאַקטאָר פון די פּוילישע אָרגאַנען פון דער פּאַרטיי, רעדאַקטאָר פון אירע יידישע אויסגאַבן, באַטייליקט זיך אויך אין אייניקע ראַדיקאַלע פּוילישע צייטשריפטן, אויך דייטשע און ענגלישע, אַרויסגעגעבן אַ בראָשור אין יידיש און פּויליש וועגן דער אַרבעטער-רעגירונג אין ענגלאַנד, געלייענט רעפעראַטן אויף פּויליש און יידיש אויף אַלגעמיינע ליטעראַרישע און קולטור-געזעלשאַפטלעכע טעמעס, רעפּרעזענטירט די אומאָפּהענגיקע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי אויף דער אינטערנאַציאָנאַלער קאָנפערענץ פון דער ווינער „אַרבייטס געמיינשאַפט" אין האַמבורג, שפּעטער אויף דעם אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן קאָנגרעס אין האַמבורג אויסגעוויילט אַלס שטעלפאַרטרעטער פון דעם עקזעקוטיוו-קאָמיטעט פון דעם אינטערנאַציאָנאַל, אויף דעם צווייטן אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן קאָנגרעס אין מאַרסעל געהאַלטן אין דער מזרח-קאָמיסיע אַ לענגערע רעדע וועגן דער באַציִונג צום ראַטנפאַרבאַנד און צו דער נאַציאָנאַלער פראַגע, געהאַלטן אויך רעדעס אויף דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער קולטור-קאָנפערענץ אין מאַרסעל און אויף דעם קאָנגרעס פון צווייטן אינטערנאַציאָנאַל אין בריסעל 1928, וואו ער האָט אויך באַרירט די נאַציאָנאַלע פראַגע און די יידישע שול-פראַגע, זומער 1926 לויט דער איינלאַדונג פון דער אומאָפּהענגיקער אַרבעטער-פּאַרטיי אין ענגלאַנד געהאַלטן אייניקע רעפעראַטן וועגן אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער פּאָליטיק, נאַציאָנאַלער פראַגע, באַציִונג צו רוסלאַנד און פאַראייניקונג פון די אינטערנאַציאָנאַלן אין דעם זומער-אוניווערסיטעט פון דער פּאַרטיי, נאָכן צוריקקומען קיין פּוילן — נאָוועמבער 1926 אַרעסטירט און פאַרמשפּט געוואָרן אויף אַנדערטהאַלבן יאָר שווערע תפיסה, וואָס האָט אַרויסגערופן אין ענגלאַנד אַ געוויסע באַוועגונג אים צו באַפרייען, און אין עטלעכע חדשים אַרום איז ער פון געריכט פרייגעשפּראָכן געוואָרן. איינער פון די גרינדער פון דער געז' „אָרט" אין פּוילן און מיטגליד פון אַלאייראָפּעיִשן צענטראַלראַט, וואו ער שטיצט אונטער די אַרבעט אין רוסלאַנד, די קאָלאָניזאַציע. באַטייליקט זיך אויך אין דער יידישער שול-באַוועגונג אַלס מיטגליד פון פּלענום פון דער ציש"אָ. זיינע פּס"ב: י. ראַין, י. טשערסקי, י. יאַשינסקי.

קרושינסקי יוזעף (18/III 1877 —) געב׳ אין דאָרף פאַריי, פעטריקאָווער געגנט, געענדיקט גימנאַזיע אין פעטריקאָוו, דעם גלחים=סעמינאַר אין וולאָצלאַוועק און 1903 די אַקאַדעמיע פאַר גייסטלעכע אין פט״ב מיטן טיטל מאַגיסטער פון דער הייליקער טעאָלאָגיע, אין די זומער=חדשים פון 1905, 6 און 9 שטודירט אין בריטישן מוזיי, 1908 פאַרבראַכט 5 חדשים אין א״י, 1913 זיך באַטייליקט אין אַ וויסנשאַפטלעכער רייזע, באַזוכנדיק בולגאַריע און קליינאַזיע, 1914 אָנגעפירט מיט אַ לערער=עקסקורסיע איבער א״י און מצרים, 1904 — 23 פראָפעסאָר פון גלחים=סעמינאַר אין וולאָצלאַוועק, דערנאָך פראָפעסאָר פון תּנך אין לובלינער אוניווערסיטעט, זינט 1925 — רעקטאָר, 1926 באַקומען דעם טיטל פויפסטלעכער הויזפרעלאַט. זינט 1904 פאַרנעמענדיק זיך מיט ליטעראַרישער און פובליציסטישער טעטיקייט אַלס מיטאַרבעטער און מיטרעדאַקטאָר פון דער קירכלעכער האַנט=ענציקלאָפעדיע, פון גלחישן Atheneum, אַלס פראָפעסאָר פון אַ גאַנצער ריי ביכער (זייער גענויע רשימה אין זיין בוך Studja nad porownawczą historją religji, אַרויסגעגעבן אין פויזן 1926) און רעדאַקטאָר פון דער צייטשריפט Głos wiary און פון וולאָצלאַווקער Slowo Kujawskie, האָט ער אויך געשריבן איבער דער יידישער פראַגע. אין זיין בוך Żydzi i kwestja żydowska (1920) גיט ער אַ איבערבליק איבער דער געשיכטע פון די יידן בכלל און די פוילישע בפרט אויף דעם יסוד פון דעם קוואַזי=היסטאָרישן ווערק פון דעם אַנטיסעמיט יעסקע=כאָיִנסקי און קומט צום אויספיר, אַז פאַר פוילן איז דאָ נאָר איינאיינציקע מעגלעכקייט צו פאַרענטפערן די יידישע פראַגע — וואָס גיכער פטור צו ווערן פון די יידן דורך עמיגראַציע און ציוניזם (Żydzi do Palestyny!), וועלכן די פוילישע רעגירונג און געזעלשאַפט דאַרפן דעריבער אונטערשטיצן מיט אַלע כוחות. אַ ענלעכן „יידנקענערישן" כאַראַקטער טראָגן אויך זיינע בראָשורן Dążenie Żydów w dobie obecnej (וולאָצלאַוועק, 1921, ז׳ 36), Polityka Żydowska (1921, ז׳ 68) און Żargon Żydowski (פ״ג פון דער אַלגעמיינער בוכהאַנדלונג און דער דיעצעזיע=דרוקעריי אין וולאָצלאַוועק, 1921, ז׳ 50). אין דער לעצטער בראָשור טרעט דער אַנטיסעמיטישער מחבר אַרויס קעגן די רעכט פון דער יידישער שפּראַך, זיך סומך זייענדיק אויף די „חכמי ישראל" און אַסימילאַטאָרן, ווי פּרי׳ צענטנערשווער, הענריק נוסבוים, פּראָפ׳ יעקב געשווינד, פּראָפ׳ יוזעף קרעץ=מירסקי, ד״ר עמיל שפּעט א״אַ, ווי אויך אויף איי־ניקע ציונאָ=העברעיִסטן אאַז״וו.

פּראָפ׳ מאיר באַלאַבאַן, „אין אַ קריסטליכער באַלייכטונג", „נייער היינט", 1921, 142.

קריווין מ. — האָט פאַרפאַסט אַ ביכעלע „וואונדערליכע רעטעניסע / מיט זייערע בעשיידונגען" (פ״ג ל. מ״ץ, 1894, ז׳ 32), וואָס אַנטהאַלט 123 פראַגן און רעטעניש, דאָס רוב לעכערלעך און און בטלניש אויסגעפּשעטלטע, בלויז אַ פּאָר פאָלקסטימלעכע.

קריזאָוווסקי אהרן=יעקב (20/V 1891—) געב. אין וואָראָנאָווע (דעווענישקי?), ווילנער געגנט. אַלס אַוטאָדידאַקט זיך אויסגעלערנט יידיש, האָט ער צו 12 יאָר אָנגעהויבן צו שרייבן לידער. זינט 1908 פאַרעפנטלעכט לידער און דערציילונגען אין די אויסגאַבן פון ווילנע און וואַרשע. 1913 אויסגעוואַנדערט קיין

אַמעריקע, וואו זיך באַטייליקט אין פאַרשיידענע צייטונגען און זשורנאַלן. אין בוכפאָרם אַרויסגעגעבן אַ לידערזאַמלונג א"ט „מיינע האַרציגע געזאַנגען" (פ"ג „אַרט פּאָבלישינג קאָ", נ"י, 1920, ז"ז 120).

קריטשמאַר-יזרעאלי (אהרן) אַרנאָלד (19/IV 1881 * —) געב' אין באַרדיטשעוו. געבליבן פרי אַ יתום, זיך דערצויגן ביי זיין מוטערס פאַטער לווי-יצחק סלאָוועס, אַ ייד אַ משכּיל, ביי אים אין הויז זיך באַקענט מיט דער העברעישער ליטעראַטור, דאָך צו דער פאַרוואונדערונג פון דער שוין האַלב אַסימילירטער פאַמיליע זיך מתקרב געווען צו די חסידים, פאַרלאָזט פאות, געוואָרן אַ הייסער דאַוונער און פאַרקאָכט אין חסידישע ספרים. צו 12 יאָר אָן דער ידיעה פון דער פאַמיליע אַוועק קיין קאָוונע אין דער סלאָבאָדקער ישיבה, אָבער דאָס לערנען ביי די מוסרניקעס איז אים ניט געפעלן, איז ער צוריקגעקומען אַהיים, דאַן אַוועק קיין אָדעס, דערנאָך קיין קעשעניעוו, צו זיינעם אַ פעטער, מלך סלאָוועס, געוועזענעם ראַבינער אין יעליסאַוועטגראַד און אייגנטימער פון אַ שול, מיט וועמעס הילף ער האָט אָנגעהויבן צו לערנען וועלטלעכע לימודים, געוואָרן אַ מקורב אין געוויסע קריסטלעכע הייזער, וואו

*) אין זיין ענטפער אויף דער אנקעטע פון י"ל פרץ-שרייבער-פאראיין — מסתמא על-פי טעות — אנגעגעבן דעם 12/IV 1878 אלס געבורטסטאג און זשיטאמיר — אלס געבורטסארט.

געגעבן שטונדן, זיך אַלץ מער דערווייטערט פון יידישקייט צו דער פרייד פון זיין פאַמיליע. צו דער פייערונג פון 100יעריקן יובילי פון אָדעס באַזוכט די שטאָט, זיך באַקענט מיט מ"ל ליליענבלום און געוואָרן אַ חובב-ציון, דאַן זיך באַזעצט אין זשיטאָמיר, געוואוינט ביי בערטע פלעקסער און אונטער דער ווירקונג פון איר קרייז, צו וועלכן עס האָבן געהערט ישראל נאַראָדיצקי — דעמאָלט זייער אַ פּאָפּולערער טוער אין וואָלין (מיט אים האָט בערטע פלעקסער געהאַט אַרויסגעגעבן דאָס חובבי-ציונישע זמ"ב „דאָס נייע לאַנד"), יוסף זעף — דער אַלט-קאָנסטאַנטינער ראַבינער, ש. פרוג א"אַ, זיך איבערגעגעבן דער ציוניסטישער אַרבעט. אָנגעהויבן זיין זשורנאַליסטישע טעטיקייט מיט אַ פּאָלעמישן אַרטיקל קעגן די אַנטיציוניסטישע אָנשויונגען פון גריגאָרי מאַטשטעט (דעם באַקאַנטן רוסישן שריפטשטעלער, וועלכער איז דאַן געווען פאַרשיקט אין זשיטאָמיר) אין דער אָרטיקער צייטונג Волынь 1899, איז ער 1900 — 2 געווען אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער פון דער דאָזיקער צייטונג, דערנאָך — אַ יאָר צייט אַלס איר פאָרשטייער אין באַרדיטשעוו, דאַן מיטגעאַרבעט אין די אָדעסער Южное Обозрѣніе א"ר פון אינגאָיעוו און Одесскія Новости א"ר פון חפץ, דאַן געווען סעקרעטאַר פון דעם ציוניסטישן טאָגבלאַט Новая Заря, אַרויסגעגעבן בשעת די וואַלן צו דער ערשטער גאָסודאַרישער דומע אין ווילנע ביי דער הויפטמיטאַרבעט פון ד"ר שמריהו לעווין, וו. זשאַבאָטינסקי און ש. גאָרעליק, פון ווילנע אַרום 1906 אַוועק קיין פּט"ב אַלס מיטאַרבעטער פון דעם גרויסן קאַדעטישן טאָגבלאַט Рѣчь, גלייכצייטיק שטודירט אויפן יורידישן פאַקולטעט פון פּט"ב'ער

אוניווערסיטעט, זיך אַלץ מער דערוויי=
טערט פון ציוניזם, 1907 געווען אַ טוער
פון דער „צפונדיקער קאַמפּס=אָרגאַניזאַ=
ציע" פון די ס״ר (צו וועלכער פּאַרטיי
אָנגעקניפּט פּאַרבינדונגען נאָך אין אָדעס
אַדאַנק פעליקס קאָן), 6/II 1908 אַרעסטירט
געוואָרן אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם גע=
פּלאַנטן אַטענטאַט אויף גרויספירשט
ניקאָלאַי ניקאָלאַיעוויטש און יוסטיץ=
מיניסטער שטשעגלאָוויטאָוו, חדשים=
לאַנג געזעסן אין „קרעסטי" און דאַן
פּאַרשיקט געוואָרן אויף 5 יאָר אין
טורוכאַנסקער קאַנט, אָבער אַדאַנק זיינע
באַקאַנטשאַפטן מיט די דעפּוטאַטן פון
דער דריטער דומע (ער איז געווען דומע=
קאָרעספּאָנדענט פאַר עטלעכע פּט״ב'ער
צייטונגען), האָט דער דומע=פּאָרזיצער
כאָמיאַקאָוו אויסגעפּועלט ביי סטאָליפּינען
צו פּאַרבייטן אים סיביר אויף אויסלאַנד.
דאַן האָט ער זיך באַזעצט אין קאָנסטאַנ=
טינאָפּאָל אַלס מיטאַרבעטער פון Кiев-
ская Мысль און דער מאָסקווער Утро
Россiи, קאָרעספּאָנדירט אויך אין ציוניס=
טישן Разсвѣтъ א״פ אַ. יאַקאָוולעוויטש.
נאָך אין ווילנע אָנגעהויבן זיין זשור=
נאַליסטישע טעטיקייט אין יידיש אַלס
קאָרעספּאָנדענט פון „פריינד", אין וועל=
כער צייטונג געדרוקט אויך פון צייט
צו צייט פעליעטאָנען א״פ קאַרע, האָט
ער פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל מיטגעאַר=
בעט — מיט בריוו און אַרטיקלען — אין
„הייגט" א״פ א. איינזאַמער און אין
„פריינד" אונטער פאַרשיידענע פּס״נ; זיך
דאַן אויך דערנעענטערט צו דער העב=
רעישער פּרעסע און געוואָרן דער רע=
דאַקטאָר פון דעם וואָכנבלאַט „המבשר"—
אָרגאַן פון ציוניסטישן אַקציאָנס=קאָמי=
טעט אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל (1910—12),
זיך אויך באַטייליקט אין דער ציוניסטיש=
פריינדלעכער צייטונג Le jeun Turque
און אין דער שפּאַניאָלישער El Judeo.
1912 געקומען אויף אַ באַזוך קיין אַמע=
ריקע, זיך באַטייליקט אין פאַרשיידענע
יידישע צייטשריפטן, צ״אַ פאַרעפנטלעכט
אַרטיקלען אין פּינסקיס „אידישער וואָ=
כענשריפט", „דער צוקונפט", „דעם
אידישען פאָלק", זשיטלאָווסקיס „דאָס
נייע לעבען" (צ״אַ — וועגן דער יידישער
זעלבסטפאַרוואַלטונג אין טערקיי", 1913)
אאַז״וו. צווישן די יאָרן 1912—15 צוויי
מאָל באַזוכט דרום=אַפריקע אַלס פאָר=
שטייער פון א״י'דיקע אָרגאַניזאַציעס און
פון ציוניסטישן אַקציאָנס=קאָמיטעט.
בשעת דער וועלט=מלחמה צוריקגעפאָרן
קיין אַמעריקע, אַריינגעטרעטן אין דער
פּ״צ=פּאַרטיי, באַזונדערס געווען טעטיק
אין דער קאָנגרעס=באַוועגונג, צוזאַמען
מיט ד״ר נ. סירקין, ב. באָראָכאָוו און
פנחס רוטענבערג רעדאַקטירט דאָס וואָכנ=
בלאַט „דער אידשער קאָנגרעס", אַ קור=
צע צייט מיטגעאַרבעט אין „וואַרהייט"
און American Jewish Chronicle א״ר
פון ד״ר ש. מלמד, געשריבן זונטאָג=אַר=
טיקלען אויף פּאָליטישע טעמעס אין
New York Tribune, 1917 זיך צוריקגע=
קערט צו רוסישער זשורנאַליסטיק אַלס
מיטאַרבעטער — צוזאַמען מיט אָסיפּ די=
מאָוו — פון Русское Слово, שפּעטער גע=
ווען איינער פון די אָרגאַניזאַטאָרן פון
דעם יידישן לעגיאָן און אַלס לעגיאָנער
געקומען קיין א״י, וואו גלייך נאָך דער
מלחמה געווען פאַרוואַלטער פון דער
פּאָליטישער אָפּטיילונג פון דעם ניי=
געגרינדעטן טאָגבלאַט „חדשות הארץ"
אין ירושלים א״ר פון ד״ר ניסן טוראָוו.
1920 צוריקגעקומען קיין אַמעריקע צו=
זאַמען מיט זיין פאַמיליע (ער האָט
חתונה געהאַט נאָך אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל
מיט אַ טאָכטער פון דער מיוחסדיקער
ספרדישער פאַמיליע אַבוהב), רעאָרגאַני=

זירט די Русское Слово אין אַ פּראָבאָלשעוויסטישער צייטונג א״ט Новое Русское Слово און זי רעדאַקטירט ביי דעם אָנטייל פון ד״ר א. קאָראַלניק, אָסיפּ דימאָוו א״אַ יידישע שריפטשטעלער, שפּעטער געווען אינעווייניקסטער מיטאַרבעטער און אויך טעכנישער רעדאַקטאָר פון דעם פּ״צ=טאָגבלאַט „די צייט״, זיך באַטייליקט ווען=ניט=ווען אין „הדאר״, 1924 געווען מיטגרינדער פון אַ חודש=שריפט „אידישע אינסטיטוציעס״, וועלכע האָט אָבער קיין ערפאָלג ניט געהאַט, צוזאַמען מיט א. וואָלינער אָנגעפירט אַ ביוראָ צו באַזאָרגן מיט אַרטיקלען, פעליעטאָנען, קאָרעספּאָנדענצן אאַז״וו די יידישע פּראָווינץ=פּרעסע, ווי אויך אַ ריי ענגליש=יידישע וואָכנשריפטן. די לעצטע יאָרן באַטייליקט זיך ק׳ בלויז צופעליק אין דער יידישער פּרעסע, אַרבעט מייסטנטיילס אין ענגלישע און אַנדערע פרעמדשפּראַכיקע צייטונגען.

קרייטער שמואל (22/XII 1899 —) געב׳ אין פּאָטאָק=זלאָטע, גאַליציע. באַקומען אַ יידישע דערציִונג ביים פאָטער, אַ גמרא=מלמד, און אין חדרים, באַזוכט אויך די באַראָן=הירש=שול אין ביטשוויטש, 1913 אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע צום פאָטער, דורכגעמאַכט דאָרט פאָלקסשול, מיטלשול און דעם זשורנאַליסטישן קורס פון שטאָטישן קאַלעדזש אין נ״י און איז טעטיק אַלס לערער אין אַ יידישער אַרבעטער=רינג=שול. האָט געהאָלפן אָרגאַניזירן קלובן פאַר דער אַמעריקאַניזירטער יידישער יוגנט צו שטודירן יידישע ליטעראַטור און געשיכטע, 1916 אַרויסגעגעבן מיט חברים 2 נומ׳ פון אַ זשורנאַל „יוגענד״, זינט דאַן אויך געדרוקט פון צייט צו צייט לידער און סקיצן אין פ. צ. ש.״, „קונדס״, „פאָרווערטס״, דעם אָרגאַן פון די יונגע פּ״צ „די יוגנט״, דעם חודש=זשורנאַל „דער פריינד״, „פרייהייט״ („ניו=יאָרקער בילדלעך״), „טאָג״, „מאָרגען זשורנאַל״, „אויפגאַנג״, „יונג=קוזניע״, „גערעכטיגקייט״, „פּראָלעטאַרישע שטימע״ א״אַ, אויך א״פּ ש. ק—ר, בעסי געפנער, S. Kay. געשריבן אויך אין ענגליש (אין די ענגלישע אָפּטיילונגען פון אַ טייל אויסגערעכנטע יידישע אויסגאַבן).

קריינין מאיר (1867 —) געב׳ אין אַלט=ביכאָוו, מאָהליעווער גוב׳. צו 5 יאָר אַריבער מיט די עלטערן קיין פּט״ב, וואו געלערנט אין חדר און גימנאַזיע און דערנאָך געענדיקט דעם יורידישן פאַקולטעט, אָבער קיין אַדוואָקאַטור ניט פּראַקטיצירט, ווייל ניט אָנגענומען געוואָרן אין דער קאָרפּאָראַציע. זיין געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט אָנגעהויבן 1895, ווען ער האָט צוזאַמען מיט אייניקע כלל=טוער אָרגאַניזירט אין מאָסקווע אַן אָפּטיילונג פון דער „חברה מפיצי השכלה״, געווען 10 יאָר כסדר מיטגליד פון קאָמיטעט, 1902 אָרגאַניזירט דעם צוזאַמענפאָר פון לערער און געזעלשאַ=טלעכע טוער אין אָרשע, אויף וועלכן עס איז צום ערשטן מאָל געשטעלט געוואָרן שאַרף די פראַגע וועגן דער פּראָגראַם אין די יידישע שולן. 1904 אַריבערגעפאָרן קיין פּט״ב, וואו זייענדיק טעטיק אַלס גרויס=אינדוסטריעלער, האָט ער ווייטער אָנגעפירט אַ אינטענסיווע קולטור=געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט, געאַרבעט אין די קאָמיסיעס פון דער „חברה מפיצי השכלה״, זינט 1909 געווען מיטגליד פון צ״ק פון דער חברה, איינער פון די רעדאַקטאָרן פון איר חודש=אָרגאַן Вѣстникъ Еврейскаго Просвѣщенія, מיטגליד פון קאָמיטעט פון דער „יידי=

שער ליטעראַרישער געזעלשאַפט", מיטגליד פֿון צענטראַלן ביוראָ פֿון דעם „פֿאַרבאַנד פֿאַר יידישער פֿולבאַרעכטיקונג" („דערגרייכער"), איינער פֿון די גרינדער פֿון דער יידישער פֿאָלקספּאַרטיי אַז"וו. אין צוזאַמענהאַנג מיט זיין טעטיקייט אַלס בילדונגסטוער האָט ק' פֿאַרעפֿנטלעכט אַ ריי אַרטיקלען וועגן דער יידישער שול און יידיש אין דער שול אין Восходъ, Будущность, דעם זמ"ב תּרס"ג, דעם Евр. Ежегодникъ, דעם זשורנאַל Евр. Школа (1904 — 5), פֿון וועלכן ער איז געווען איינער פֿון די רעדאַקטאָרן, ווי אויך אין פּט"ב'ער „פֿריינד", אין „דער יידישער וועלט" א"אַ. נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע פֿאַרלוירן זיין גרויסן פֿאַרמעגן, האָט ער פֿאַרלאָזט פּט"ב און וואוינט זינט דאַן אין בערלין, וואו ער איז טעטיק אין „עמיגדירעקט" — אַלס פּאָרזיצער פֿון דער דאָזיקער געזעלשאַפֿט באַזוכט דרום־אַמעריקע און אַנדערע לענדער.

קרייער ישראל־זאב (אַרום 1860 — אַרום 1917) געב' אין סטאָקלישאָק, טראָקער קרייז, ווילנער געגנט, אַלס זון פֿון אַ סעדער־וועכטער. באַקומען אַ טראַדיציאָנעלע יידישע דערציִונג, געלערנט אויך אין ר' מעלהס ישיבה און זאַרעטשער בית־מדרש אין ווילנע, זיך אויסגעצייכנט אַלס עילוי, דערנאָך אַלס אַווטאָדידאַקט דורכגעמאַכט דעם קורס פֿון אַ קרייז־שול און שפּעטער אויך אויסגעהאַלטן עקזאַמען אויף פֿאָלקסלערער, געווען לערער אין טראָק, חתונה געהאַט אין ווילנע מיט אַ טאָכטער פֿון דעם סטאָליער קליס, איז ער אַדאַנק די באַקאַנטשאַפֿטן פֿון זיין פֿרויס שוועסטער, גאָזשאַנסקיס ווייב, סוף די 80ער יאָרן איינגעלאַדן געוואָרן אַלס לערער פֿון יידישע לימודים און דערנאָך אויך פֿון אַלגעמיינע אין דער שטאָטישער תּלמוד־תּורה, צולעצט געווען אויך פֿאַרוואַלטער פֿון דער אַנשטאַלט, אַ לאַנגע צייט אויך געגעבן אונטערריכט פֿון יידישער רעליגיע אין דער פּראָגימנאַזיע פֿון פּאַסנעמזער. אַן אויסגעצייכנטער פּעדאַגאָג, אַ משכיל און אַן אַפּיקורוס, איז ער, ווייזט אויס, אַדאַנק זיין שוועגערין צילע קליס געווען פֿאַרבונדן מיט דעם קרייז יידישע סאָציאַליסטן אין ווילנע, הגם אין דער אויפֿקלערונגסאַרבעט פֿון דעם קרייז קיין שום אָנטייל ניט גענומען, סימפּאַטיזירט דערהויפּט מיט דער דעמאָקראַטישער אַרבעטער־אָפּאָזיציע, און בשעת דער אויפֿלעבונג, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין דער יידישער ליטעראַטור ווינטער 1893 — 94, האָט ער פֿאַרפֿאַסט אַ האַלב בעלעטריסטישע פּאָפּולאַריזאַציע פֿון די ערשטע באַגריפֿן אין אַסטראָנאָמיע און מאַטעמאַטישער געאָגראַפֿיע, לויט דעם מוסטער פֿון דעם רוסישן פּאָפּולער־וויסנשאַפֿטלעכן ביכל פֿון איוואַנאָוו Разсказы о землѣ и небѣ, אָבער איינגעפֿאַסט אין אַ יידישער מעשה מיט משלים פֿון יידישן לעבן. דאָס ביכל איז אַרויס א"ט „אַ וועלט מיט וועלטעלאַך / אַ העכסט אינטערעסאַנט ערציילונג, וועלכע מאַכט ערפֿאַהרען מענשין צו זעהען די וועלט מיט אָפֿענע אויגין. / פֿון י"ז בן־אריה" (ווילנע, דרוק ראָם, 1894, ז' 64, צענזורירט 8/XI 1893). אין זיינע „איינִיגע ווערטער צום לעזער" שרייבט ק': „מיינע טהייערע בחורים אונד פֿריילינס, איך האַב נאָך אַזעלכע גוטע אונד פֿיל נייטיגערע ביכעלאַך, ווען נאָר איר זייט פֿריי פֿון דער אַרבעט, לעזט זיי מיט געפֿיהל צו אייניגע מאָהל, איהר וועט דערגעהן פֿיל וויכטיקע וויססענשאַפֿט אונד וועט ניט פֿאַר שעמט ווערין ווען איר וועט צו זאַממען קוממען מיט אַ גילערינטען

מענשין און איר וועט ניט זיין ווי די
בלינדע אויף דער וועלט". דאָס ביכל
האָט געהאַט אַ אומגעהייערן ערפאָלג און
האָט, לויט אַ. ליטוואַק, אויסגעהאַלטן
6—5 אויפלאַגעס. דער נאָמען בן=אריה איז
געוואָרן אַזוי פּאָפּולער, אַז דער בוכ=
הענדלער און פאַרלעגער מ. קאַצענע=
לענבאָגען האָט באַשטעלט ביי אים
אַ ביכל וואָס זאָל הייסן „אַ מענטש מיט
מענטשעלעך", אָבער מער האָט ק' כמעט
גאָרנישט פאַרפאַסט, אויב מ'זאָל ניט
רעכענען די רעדאַקציע פון א. ליטוואַקס
איבערזעצונג פון ש. אַנ—סקיס „די
מלחמה פאַר'ן לעבען". ערשט שפּעטער
האָט ער פאַר דעם פאַרלעגער ש. שרע=
בערק איבערגעזעצט דעם חומש אויף
יידיש לויט דער ליניען=סיסטעם, זאָל
אויך האָבן פאַרעפנטלעכט אַ מעשה=ביכל
„דער פּוטער" (?), געאַרבעט אויף אַ גראַ=
מאַטיק פון דער העברעאישער שפּראַך
און געשריבן אַ ראָמאַן פון דעם אָנהייב
פון דער יידישער אַרבעטער=באַוועגונג,
וואָס איז געבליבן אין כתב=יד. — נאָכן
אָקופּירן ווילנע דורך די דייטשן פאַר=
לאָזט זיין שטעלע אין ת"ת, איז ער
צוליב דעם הונגער אין שטאָט גע=
צוואונגען געווען אַוועקצולאָזן זיך אין
זיין געבורטשטעטל צו/ זייגער אַ שוועס=
טער און איז דאָרט געשטאָרבן עלנט
(זיין פרוי איז נאָך פריער מיט אַ פּאָר
יאָר געשטאָרבן) און פאַרגעסן. די מענטשן,
וואָס געדענקען אים, שילדערן אים פאַר
אַ קלוגן, איידעלן, הגם האַרטן.

י. ל. פּרץ, אין די יום=טוב=בלעטלעך; א. ליט=
וואק, „די זשאַרגאָנישע קאָמיטעטן"; פּריוואַטע מיט=
טיילונגען פון ק'ס קאָלעגע, דעם יידישן לערער
לעווינסקי, פון ש. שרעבערק א"א.

קרים אבא=יצחק

(VII/ 1890 —) געב' אין פּיקעלן, קאָוונער
געגנט. זיין פאָטער, בנציון, אַן אייניקל
פון אבא דעם מגיד, איז אים געשטאָרבן
צו 15 חדשים, און ער איז דערצויגן
געוואָרן פון דער מוטער, וועלכע האָט
געאַרבעט אין אַ בעקעריי. האָט געלערנט
אין חדר און אין די ישיבות פון דער
ליטע, אַלגעמיינע בילדונג באַקומען ביי
פּריוואַטע לערער און אין פּריוואַטשולן
און גימנאַזיעס פון באַלטישן קאַנט, 1906
געקומען קיין אַמעריקע, געלערנט אין
„ישיבת רבי יצחק אלחנן" אין נ"י, דער=
נאָך געלעבט אין נואַרק אַלס העברעישער
לערער, דורכגעמאַכט אַ ענגלישע פאָלקס=
שול און מיטלשול, 16—1913 שטודירט
אין ראַבינער=קאָלעדזש און אוניווערסי=
טעטן פון סינסינאַטי און פילאַדעלפיע,
באַקומען דעם טיטל ד"ר פון פילאָסאָפיע
און איז זינט 1917 אָנגעשטעלט אַלס
ראַבבאַי, די לעצטע יאָרן אין נואַרק. —
האָט זינט 1906 פון צייט צו צייט פאַר=
עפנטלעכט איבערזעצונגען פון יהודה
שטיינבערג, אַנדערסען, מולטאַטולי, אויך
אָריגינעלע לידער און דערציילונגען אין
„וואַרהייט", „פ. א. ש.", אין אַ נואַרקער
וויצבלאַט אָנגעהויבן צו שרייבן אַ הו=
מאָריסטישן ראָמאַן „ספר הגלגולים" קעגן
די בונדיסטן א"אַ סאָציאַליסטישע קעג=
נערס פון ציוניזם, אַלס סעקרעטאַר פון
אַ פ"צ=פאַראיין אין נואַרק קאָרעספּאָנ=
דירט אין „אידישען קעמפּפער" א"ר פון
ק. מרמר, מיטגעאַרבעט אין „נואַרקער
וואָכנבלאַט" אויך א"פ פעניקס (1911),
זיך אויך באַטייליקט מיט אייניקע יודאַי=
סטישע אַרטיקלען און שירים אין דער
ענגליש = יידישער פרעסע, געווען גע=
הילפסרעדאַקטאָר פון חודש=זשורנאַל The
Talmud Magazine — 1922 — 23, אי=
בערגעזעצט אויף ענגליש שירים פון
ח"נ ביאַליק, שאול טשערניכאָווסקי, ז.
שניאור אאַז"וו. אַרויסגעגעבן די בראָשורן
Liberal Judaism and liberal Christianity
can they ever meet? (נואַרק, 1924, ז'

12) און „הפילוסופיה של ימי הבינים" (נואַרק, 1925, ז' 24). זעצט צ"אַ איבער אויף יידיש די ווערק פון פילאָ דעם אַלעקסאַנדריער מיט דערקלערנדיקע און קריטישע באַמערקונגען (קאַפּיטלען פון דער איבערזעצונג, אגב אין אַ פּאַרדייטשמערישטן יידיש, פאַרעפנטלעכט אין „דעם אַמעריקאַנער", סעפּטעמבער 1923).

Who's Who in American Jewry, 1926

קרימסקי שמעון (3/x 1896 —) געב. אין האָראָדאָק, ביאַליסטאָקער געגנט, וואו זיין פאָטער חיים איז אונטער דעם צאַרישן רעזשים געווען „גאָלאָוואַ" און בשעת דער דייטשער אָקופּאַציע — בירגערמייסטער. פון עלף יאָר געלערנט אין ביאַליסטאָקער ישיבה, דערנאָך אין סלאָנימער, פינף יאָר פאַרבראַכט אין סלאָבאָדקער ישיבה, אַלס רייכער ישיבה=מאַן, ניט אָנקומענדיק צו דער קצבהדיקער תמיכה, געווען פּטור פון געוויסע ישיבהשע התחייבותן און דיסציפּלין און געהאַט די מעגלעכקייט זיך אויך אָפּצוגעבן מיט אַלגעמיינע לימודים, דורכגעמאַכט דעם קורס פון 5 קלאַסן גימנאַזיע און אָנגעקומען אויף די גראָדנער העברעיִשע פּעדאַגאָגישע קורסן, אָבער צוליב דעם אויסבראָך פון דער וועלט=מלחמה זיי ניט געענדיקט, בשעת דער דייטשער אָקופּאַציע געווען אַ לערער, בשעת די פּאָליאַקן געהאַלטן אַ פּריוואַטע שול, אונטער די באָלשעוויקעס געווען אַן אינסטרוקטאָר. 1920 אַוועק קיין א"י, וואו געווען אַ פּרינציפּאַל פון אַ פאָלקסשול אין גליל התחתון פון „מחלקת החנוך", 1922 געקומען קיין אַמעריקע, וואו ער איז לערער פון העברעיִש אין האָדסאָן, שטאַט נ"י. — זיין ערשטע זאַך, אַ בילד „אין דאָרף", איז געווען געדרוקט אין „דאָס נייע לעבן" א"ר פון פסח קאַפּלאַן, שפּעטער אין אַמעריקע געדרוקט אַ סעריע בילדער אויס דעם חלוצים=לעבן אין „דער נייער וואַרהייט" א"ר פון ל. מיללער, געשריבן אַרטיקלען אויף נאַציאָנאַל=ציוניסטישע טעמעס אויך א"פ שמעוני אין דעם אָרגאַן פון די אַמעריקאַנער ציוניסטן „דאָס אידישע פאָלק". געשריבן אויך פיל העברעיִשע שירים אין „יידישן טאַגעבלאַט", „אַמעריקאַנער", „היום". 1923 געווען איינער פון די רעדאַקטאָרן פון דעם יידיש=ענגלישן וואָכנבלאַט „דער טראָמפּייט", וואָס איז אַרויס אין אַלבעני, נ"י. אַרויסגעגעבן אַ בוך יידישע עסייען א"ט „דער איד און זיין טראַדיציע" (פ"ג שמעון דרוקערמאַן, נ"י, 1926, ז"ז 94)

קרינסקי (יעקב=) מאַגנום (1863 — הושענא=רבה 1916) געב' אין רוזשינאָי, גראָדנער געגנט (זיין פאָטער, יוסף=בנימין, האָט געפירט זיין יחוס פון די רוזשינאָיער קדושים). ביז 11 יאָר געלערנט אין חדרים און ישיבות פון רוזשינאָי און סלאָנים, דערנאָך — אין סלאָנים אונטער דער השגחה פון זיין פעטער ר' יצחק דאַנציג — דעם שפּעטערדיקן פּט"ב'ער רב, פון 15 יאָר ביז 19 געלערנט אין פּינסק אונטער דער השגחה פון זיין שוועסטערקינד, ר' משהלע זקהם — שפּעטער רב אין קאָוועל, צו יענער צייט זיך אויך אָנגעהויבן אָפּצוגעבן מיט השכלה און אַלגעמיינער בילדונג, אַוועק קיין קיעוו מיט דער דעה צו שטודירן, אַריין דאָרט אין דעם קרייז פון די העברעיִשע שריפטשטעלער מיט י"י וויסבערג בראש, וועלכער איז געווען זיינער אַ קרוב, זיך באַשעפטיקט אַלס העברעיִשער לערער און זיך געגרייט צום אוניווערסיטעט, אָבער צוליב וואוינרעכט געמוזט די שטאָט פאַרלאָזן, זיך באַזעצט אין ביאַליסטאָק, וואו זיך ווייטער פאַרנומען מיט לערעריי, 1891 אַריבער קיין

לאָדז, וואו געעפנט אַ 4קלאַסיקע ייִנגל=
שול, 1898 באַשטימט געוואָרן אַלס לע=
רער פון רעליגיע אין דער דאַן געגרינ=
דעטער קרוינישער האַנדלסשול אין
זגערזש, זינט 1903 געוואוינט אין
וואַרשע, זיין טעטיקייט אַלס מחבר האָט
ק' אָנגעהויבן מיט דעם העברעיִשן לערנ=
בוך א"ט „ראשית דעת" (1896), וואָס
האָט אויסגעהאַלטן 150 אויפלאַגעס. אַרום
1904 האָט ער געגרינדעט דעם פ"ג
„האור" מיט אַ יידישער אָפּטיילונג „בי=
כער פאַר אַלע" און אין דעם דאָזיקן
פ"ג אַרויסגעגעבן אַ גאַנצע ריי העב=
רעיִשע לערנביכער, ווי „דת ישראל"
(אין 2 אויסגאַבן — העברעיִש=רוסיש און
העברעיִש=יידיש), „הדבור העברי" — אין
3 ט', „ראשית דעת המחֻדש", „שיחות
טבעיות", „תורה לתינוקות", „הסגנון
העברי" — אַ גרויסע כרעסטאָמאַטיע פון
דער העברעיִשער ליטעראַטור אין 2 ט',
אַ קורס פון העברעיִשער קאַליגראַפיע און
אַ ריי קלענערע ווערק, ווי אויך איינעם
פון די ערשטע מאָדערנע לערנביכער פון
יידיש א"ט „דער יידיש=לעהרער" אאַז"וו.
ער האָט אויך רעדאַקטירט „די יידישע
ליטעראַטור=וויסענשאַפט" און „אַריפמע=
מעטיק", צוזאַמענגעשטעלט פון א. ב. ראָ=
זענשטיין, געדרוקט סעריעס ביכעלעך
פון ש"ע א"אַ יידישע שריפטשטעלער,
אַרויסגעגעבן ווערק פון אַברהם רייזען,
דוד קאַסעל, ד"ר א. קאַפּעל, ג. טשאָרני,
פסח קאַפּלאַן. 1907—8 האָט ער אַרויס=
געגעבן דאָס ערשטע יידישע אילוסטרירטע
וואָכנבלאַט אין פוילן און רוסלאַנד א"ט
„ראָמאַנ=צייטונג" א"ר פון א"ל יאַקובאָ=
וויטש. 1912 — דעם העברעיִשן אילוס=
טרירטן קינדער=זשורנאַל „השחר" מיט
אַ ביילאַגע פאַר אָנפאַנגער „בן שחר",
געווען איינער פון די גרינדער פון דער
טאָגצייטונג „דער מאָמענט". אַחוץ אַ ריי
אַרטיקלען וועגן דערציִונג (אַרויס אויך
אין בוכפאָרם), יידישער אָרטאָגראַפיע
א"אַ, וואָס ער האָט פאַרעפנטלעכט אין
„ראָמאַנ=צייטונג" און אין „מאָמענט",
האָט ער א"פ מ. אָסיפאָוו אַרויסגעגעבן
אַ זאַמלונג א"ט „יודישע וויצען און אַנעק=
דאָטען" (וואַרשע, 1909). זינט 1908 האָט
ער געפירט די פון אים געגרינדעטע
ערשטע מיטלשול אין וואַרשע פאַר דער
יידישער יוגנט, וועלכע עקסיסטירט עד=
היום, מיט דעם אונטערשייד, וואָס בײַ
דער דייטשער אָקופּאַציע איז די אונ=
טעררינכטשפּראַך אין ק'ס שולן געווען
רוסיש און דאַן — פויליש.

י. ח. זאַגאָראָדסקי, צו ק'ס ערשטן יאָרצייט, אין „מאָמענט", 1917, 230; ש"ע־בוך.

קרישטאָל לייב (1894—)

געב' אין שאַרגאָראָד, פּאָדאָליע. געלערנט
אין חדר, אין אַ פּריוואַטער פאָלקסשול
און בײַ לערער, צו 14 יאָר אַוועק קיין
אָדעס, וואו געווען אַן עקסטערן און זיך
פאַרנומען מיט לערערײַ. 1914 אויסגע=
וואַנדערט קיין אַמעריקע, די ערשטע
פאָר יאָר געאַרבעט אין שעפּער און
פאַבריקן און אין אָוונט שטודירט ציווילע
אינזשעניעריע אין נ"י'ער קופּער=יוניאָן=
אינסטיטוט. ליטעראַרישע טעטיקייט אָנ=
געהויבן 1916 מיט דערציילונגען אין
„טאָג" און מיט איבערגעזעצטע לידער
אין „פ. א. ש.", מיטגעאַרבעט אין
„גרויסען קונדס", אין דער טעגלעכער
„צייט", 1919 געוואָרן סעקרעטאַר און
דערנאָך אויך פאַרוואַלטער פון יידישן
קונסט=טעאַטער, איבערגעזעצט אַ גאַנצע
ריי פּיעסן פאַר די יידישע טעאַטערס
אין נ"י, ווי סווען לאַנגעס „שמשון און
דלילה", ל. טאָלסטאָיס „די מאַכט פון
פינסטערניש", אַ ריי טעאַטערשטיק פון
אָסיפּ דימאָוו, שעקספּירס „דער קויפמאַן
פון ווענעדיג", וועדעקינדס „פרילינגס=

ערוואַכן״, לאָרד דאָנסעיניס „אַ נאַכט אין קרעטשמע״, מאָליערס „דאָן זשואַן״, לואידזשי פּיראַנדעלאָס „זעקס כאַראַק־טערס, וואָס זוכן אַ פאַרפאַסער״ א״אַ. רעדאַקטירט דעם חודש־זשורנאַל „אונזער טעאַטער״, וואָס דער יידישער קונסט־טעאַטער האָט אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן 1921 (אַרויס בלויז 2 נומ׳), געשריבן פון צייט צו צייט ליטעראַרישע קריטיק און אָפּהאַנדלונגען איבער שוישפּילער. זינט 1922 אינעווייניקסטער מיטאַרבעטער פון „פאָרווערטס״, וואו ער שרייבט אַרטיקלען פון טעאַטער־לעבן און איבער טאָג־פראַגן א״פ, צ״אַ פריי באַאַרבעט קאַ־פּיטלען פון אָפּטאָן סינקלערס ראָמאַן „אייל״. די לעצטע פאָר יאָר אויך דער שטענדיקער טעאַטער־קריטיקער פון דער „פ. א. ש.״

קַרני יהודה (אַרום 1882 —) פס״ב פון י. וואָלאָוועלסקי. געב׳ אין פּינסק, פּאָליעסיע. שוין אַלס ייִנגל פון 12 יאָר האָט ער געשריבן לידער, פּאָעמען, דערציילונגען און דראַ־מען אין יידיש, העברעיש און רוסיש. אין זיינע יידישע שירים, וואָס האָבן זיך פון צייט צו צייט געדרוקט אין פאַרשיידענע יידישע צייטונגען, זשור־נאַלן און צופעליקע אויסגאַבן, פון ווילנע, אָדעס, קעשעניעוו אאַז״וו, צ״אַ אין „דאָס אידישע פאָלק״ א״ר פון לייב יפה, „דעם אידישען אַלמאַנאַך״ פון ש. גאָרעליק, „דער יודישער וועלט״ א״ר פון ש. ניגער, זרובבלס „פּסח־בלאַט״, משה שאַליטס „לעבען״, האָט ער גע־פּרווט אַריינטראָגן מאָדערנע טענער און מאָטיוון פון רעליגיעזער עראָטיק. אַ געוויסע צייט איז ער אויך געווען קאָרעספּאָנדענט פון „פריינד״ אין בער־לין א״פ י. שורסקי. זיך באַזעצט אין א״י, איז ער אומגעפער זינט 1911 אינ־גאַנצן אַריבער צו דער העברעיִשער ליטעראַטור, דרוקנדיק זיינע שירים און פון צייט צו צייט אויך אַרטיקלען כמעט אין אַלע העברעיִשע אויסגאַבן (אַ בוך פון זיינע שירים א״ט „שערים״ איז אַרויס אין פ״ג „דביר״, ירושלים־בערלין, 1923, ז׳ 232).

מ. באַסין, אַנטאָלאָגיע, II.

קרעהאַנוש אלכסנדר בן ברוך (1791 — 7/I 1872) געב׳ אין עטיען, פראַנקרייך. ער איז געווען סעקרעטאַר פון דעם Comitè de Bienfaisance Jsraélite און האָט אַרויסגעגעבן אַ ריי אַרבעטן אויף פראַנצויזיש, דאָס רוב יודאַיִסטישע (ווי די איבערזעצונג פון דער הגדה, פון דעם סידור, דעם מחזור, דעם תהילים אאַז״וו), פון וועלכע צו יידישיסטיק האָט אַ שייכות זיין איבערזעצונג פון דעם טייטש־חומש א״ט La semaine Jsraélite, ou le Tseena Ourena moderne (פּאַריז, 1846).

JE, IV, ז׳ 241; EЭ, IX.

קרעטשמער אברהם (כ׳ אלול 1845 — כ״ד טבת 1915) געב׳ אין אַנטאָקאָליע, פאָרשטאָט פון ווילנע, אַלס זון פון יעקב ק׳, אַ ייד אַ למדן, וואָס האָט געהאַלטן אַ בעקערײַ. שוין ייִנגלווייז געשעמט אַלס עילוי, געלערנט ביי זיין פעטער, דער מוטערס ברודער, דעם באַוואוסטן גאון ר׳ שלמהלע הכהן, ביז ער האָט דער־גרייכט צו הוראה, 1868 באַקומען סמיכה פון זיין פעטער ר׳ בצלאל הכהן און 1870 געוואָרן מורה־הוראה אין אַנטאָקאָ־ליע, וועלכע התמנות אָנגעהאַלטן ביזן טויט, געזאָגט דאָרט אויך אין משך פון עטלעכע יאָר אַ שיעור אין גפ״ת, געווען אויך אַ בעל־מגיה אין די פ״גן פון מ״ץ און ראָם. צוזאַמען מיט בנציון אלפס (זע) האָט ער איבערגעזעצט אויף יידיש רבינו יונה גירונדיס „ספר היראה״. האָט

איבערגעלאָזן אין כתב־יד איינקע חיבורים.— זיינע ברידער זיינען געווען די רבנים בנציון ק׳ אין סימפעראָפּאָל און ר׳ יוסף ק׳ אין באַכמוט.

„דור רבניו וסופריו", ח׳ ב׳; „פילאָלאָגישע שריפטן", II.

קרעטשמער גבריאל־הירש (15/V 1883 —) געב׳ אין ריגע, ליפלאַנד, ביי פריי געזונענע עלטערן. האָט באַזוכט אַ פּריוואַטע שול און געלערנט העברעיש ביים

פאָטער, העשל־אליהו ק׳. אָנגעהויבן צו שרייבן אין דייטש אַלס 13־יעריקער יינגל אין ריגער דייטשע צייטונגען א״פ „דער בלאָנדער ייד", יונג אַריין אין דער בונדישער באַוועגונג, אַרומגעפאָרן אין די אינטערעסן פון דער פּאַרטיי איבער ליטע און פּוילן, עטלעכע יאָר געזעסן אין די טורמעס, זשורנאַליסטישע טעטיקייט אין יידיש אָנגעהויבן 1905 אין דער בונדישער פּרעסע („וועקער" — „פאָלקסצייטונג" — „האָפענונג"), צוזאַמען מיט ה. ד. נאָמבערג און דוד דרוק מיטגעאַרבעט אין דער ערשטער יידישער צייטונג אין ריגע, „די נאַציאָנאַל־צייטונג", אַרויסגעגעבן דורך איינעם פון די אָנגעזעענסטע באַלטישע באַראָנען אלעקסאַנדער גאָטהאַרד פאָן־בודבערג (יולי 1907). סוף 1906 אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע, האָט ק׳ זיך באַטייליקט אין דער יידישער סאָציאַליסטישער פּרעסע, ווי דוד פּינסקיס „אַרבייטער", „צוקונפט", „אידישע אַרבייטער וועלט", „פאָרווערטס", „וואַרהייט", א״א, זינט סעפּטעמבער 1910 האָט ער רעדאַקטירט די וועכנטלעכע צייטונג „די נייע פּאָסט", דעם אָרגאַן פון די קלאָוקמאַכער, געגרינדעט נאָך זייער גרויסן שטרייק, ווען ס׳איז געשאַפן געוואָרן די גרויסע קלאָוקמאַכער־יוניאָן. שפּעטער, אַז די רעדאַקציע האָט איבערגענומען צביון, איז ק׳ אַריין אַלס מיטאַרבעטער און רעדאַקטאָר פון דער שטאָט־אָפּטיילונג אין „פאָרווערטס". בשעת דער שפּאַלטונג אין דער יידישער סאָציאַליסטישער פעדעראַציע, 1921, ווען די לינקע גרופּע מיטאַרבעטער פון „פאָרווערטס" (צביון, ראָגאָף, אָלגין, נאָוויק) זיינען געצוואונגען געווען צו פאַרלאָזן די צייטונג, איז ק׳ אַריין אַלס מיטאַרבעטער אין דער פ״צ „צייט", דערנאָך געווען אַ מיטאַרבעטער פון דער „פריי־הייט", וואו צ״אַ פאַרעפנטלעכט אַ ראָמאַן א״ט „דער רויטער פאַדים — פון רעוואָלוציאָנערן יידישן לעבן אַמאָל אין רוסלאַנד און איצט אין אַמעריקע" (אָנהייב 1923) און די אויטאָריזירטע איבערזעצונג פון דעם ראָמאַן פון קלעמענס וואוד „דער נעגער" — „אויס דעם לעבן פון די פאַרשקלאַפטע נעגערס און ווייסע דזשענטל־לייט פון דער סאַוט" (אָנגעהויבן אין נומ׳ — פון 22/IV 1923), די איבערזעצונג פון דעם ראָמאַן פון אַפּטאָן סינקלער „דער פּראָוואָקאַטאָר" — אויס דעם לעבן פון די אַמעריקאַנער אַרבעטער און פון דער אַמעריקאַנער „אָכראַנקע" (1923). ער האָט אויך געשריבן לידער און סקיצן און איבערגעזעצט אַ ריי ווערק, צ״אַ פון סקיטאַליעץ, מאַקסים גאָרקי, לידער פון היינריך היינע, פערדינאַנד פרייליגראַט (אויך אָנגעשריבן זיין ביאָגראַפיע — „דער פּאָעט פון רעוואָלוציאָן. / צום 100־יעריגען יובילעאום פון פרייליגראַט") — אין „צוקונפט", 1910, VII א״א. האָט דערהויפּט געשריבן א״פ ליליפּוט, אויך הערמאַן ק—ר. די לעצטע יאָרן זיך צו־

ריקגעצויגן פון דער ליטעראַרישער טע=
טיקייט און פון דער אַרבעטער=באַוועגונג
און געוואָרן אַ געשעפטסמאַן.

מיניקעס „פסח=בלאַט", תר"פ.

קרעמען יעקב (29/XII 1883 —
) געבּ׳ אין בערעסטעטשקאָ,
וואָלין. זיין פאָטער, יוסף, אַ העברעישער
לערער, האָט מיט אים געלערנט תנך
און דיקדוק, דערנאָך אים געשיקט אין
אַ רוסישער שול; נאָכן ענדיקן זי געגעבּן
שטונדן אויף רוסיש, סוף 1904 אויס=
געוואַנדערט קיין אַמעריקע. האָט פאַר=
עפנטלעכט דערציילונגען און אַרטיקלען
אין „פ.אַ.ש.", „יידישען טאַגעבלאַט", „פאָר=
ווערטס", „וואַרהייט", „מאָרגען זשורנאַל",
„אַמעריקאַנער", „טעאַטער-זשורנאַל" א"אַ,
א"פ בר=יוסי. געשריבּן אויך פּאָפּולער=
וויסנשאַפטלעכע אַרטיקלען א"פ י. פליכט.

קרעמער (אהרן) אַרקאַדי (27/VIII
1865 —) געבּ׳ אין אַלט=
סוועכציאַן, ווילנער געגנט. זיין פאָטער,
יוסף, אַ מלמד און אַ לערער פון דער
קרוינישער יידי=

שער פאָלקסשול,
האָט אים געגעבּן
אַ קנאַפּע יידי=
שע דערציִונג, גע=
לערנט מיט אים
בלויז עברי און
דאַוונען, אָפּגע=
געבּן אים אין
דער סוועכציאַנער קרייזשול און נאָכן
ענדיקן זי אים אַוועקגעשיקט קיין ווילנע,
וואו ער איז 1877 אַריין אין דער רעאַל=
שול. שוין אַלס שילער פון דער רעאַל=
שול האָט ק׳ אָנגעהויבּן זיין געזעלשאַפט=
לעכע טעטיקייט, לערנענדיק מיט די
אָרעמבחורים וועלטלעכע לימודים. 1884—
85 שטודירט אין פט"ב׳ער טעכנאָלאָגישן
אינסטיטוט, וואו געהערט צו אַ סאָציאַ=
ליסטישן סטודענטנקרייז, דאַן אַ יאָר
צייט געדינט אַלס פרייוויליקער אין
מיליטער אין ריגע, דערנאָך שטודירט אין
ריגער פּאָליטעכניקום, אַלס מיטגליד פון
אַ ס"ד׳ישער אָרגאַניזאַציע אָנגעפירט אַ
פּראָפּאַגאַנדע=קרייז פון סאָלדאַטן=סאָ=
פיאָרן, אַרום 1888 אַרעסטירט געוואָרן
און אָפּגעשיקט קיין וואַרשע, וואו אָפּגע=
זעסן 8 חדשים אין ציטאַדעל, דאַן אַרויס=
געלאָזט געוואָרן אויף דער פריי ביזן פּסק=
דין פון געריכט, אַוועק קיין ווילנע, וואו
זיך באַקענט מיט לייב יאָגיכעס (זע קאָפּעל=
זאָן). און ווען יענער איז אין עטלעכע
חדשים אַרום אַוועק קיין אויסלאַנד, האָט
ער איבּערגעגעבּן ק׳ן זיין אַרבעט—אָנצו=
פירן אַ גאַנצע ריי פּראָפּאַגאַנדע=קרייז=
לעך צווישן די יידישע אַרבעטער. 1891
אָפּגעזעסן לויטן פּסק=דין אין פט"ב׳ער
תפיסה „קרעסטי", ווידער צוריקגעקומען
קיין ווילנע און צוזאַמען מיט יודינען,
גאָזשאַנסקין (זע לנו), קאָפּעלזאָנען א"אַ
אָנגעפירט די אַרבעט פון דער אָרגאַני=
זאַציע פון די ווילנער ס"ד. אַרום 1892—3
האָט זיך אין דער אָרגאַניזאַציע אָנגע=
הויבּן אַ הייסע דיסקוסיע וועגן אַריבּער=
פירן די פּראָפּאַגאַנדע אין די יידישע
אַרבעטער=קרייזלעך פון רוסיש אויף
יידיש אין צוזאַמענהאַנג מיט דער שטרע=
בונג אַריינצודרינגען מיט די סאָציאַ=
ליסטישע אידעען אין דער ברייטערער
מאַסע אָנשטאָט די ענגע אָפּגעשלאָסענע
קרייזלעך. די דיסקוסיע האָט זיך לאַנג
געצויגן און צוליב דער קעגנערשאַפט
פון די אַרבעטער (דער א"ג אָפּאָזיציע
מיט אברהם גאָרדאָן=רעזשיק בראש),
וועלכע האָבּן פאַרטיידיקט דעם פּרינציפּ
פון ענגער קרייזל=אַרבעט, האָט מען
ניט געקענט דורכקומען. אַלס פּועל=
יוצא פון דער דיסקוסיע זיינען אָנגע=
שריבּן געוואָרן צוויי בראָשורן: איינע

א״ט „אַ ברוּוו צוּ די אַגיטאַטאָרן״ פוּן
גאָזשאַנסקי, די צווייטע — א״ט Объ
агитацiи — פוּן ק׳ן. דער אָנפירנדיקער
אָרגאַן פוּן דער אָרגאַניזאַציע אין דער
פּעריאָד פוּן די אינטעליגענטן און אַרבע-
טער האָט אַקצעפּטירט בלויז די ערשטע
בראָשור, אײַנגעפינענדיק ק׳ס פּאַר אַ
צוּ אַלגעמיינע און ניט צוּגעפּאַסטע צוּ
די אָרטיקע פאַרהעלטענישן. צוּפעליק
איז אָבער די בראָשור ק׳ס איבערגע-
לייענט געוואָרן פוּן אַ רוסישן ס״ד,
וועלכער איז פוּן מאָסקווע געקומען קיין
ווילנע נאָך אומלעגאַלער ליטעראַטוּר,
און אַזוי ווי די פראַגע וועגן פּראָפּאַ-
גאַנדע און אַגיטאַציע איז געווען דאַן
אַ ברענענדיקע פאַר גאַנץ רוסלאַנד און
איז דיסקוטירט געוואָרן אין אַלע רוס-
לענדישע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס,
האָט ער מיטגענומען אַ קאָפּיע קיין
מאָסקווע און פוּן דאָרט איז זי העקטאָ-
גראַפירטערהייט פאַרשפּרייט געוואָרן, ביז
זי איז אויך פאַרעפנטלעכט געוואָרן פוּן
דער גרופּע Освобожденiе Труда אין
זשענעווע, אַרום 1894, מיט אַ נאָכוואָרט
פוּן פּ. אַקסעלראָד, וועלכער האָט קריטי-
קירט ק׳ס אויספירן. דאָך באַצייכנט די
דאָזיקע בראָשור אַ וויכטיקע דאַטע פוּן
דער געשיכטע פוּן דער סאָציאַליסטישער
באַוועגונג אין רוסלאַנד. צוליב דעם
נצחון פוּן דעם שטאַנדפּונקט פוּן גאָ-
זשאַנסקי און ק׳ זיינען די אַרבעטער פוּן
די פּראָפּאַגאַנדע-קרייזלעך, ד״ה די מער
אַנטוויקלטע פוּן דער אַרבעטער-מאַסע,
אַוועק פוּן דער באַוועגונג, און עס האָט
זיך אָנגעהויבן אַ גאַנץ נייע באַוועגונג
מיט נייע מענטשן. די פּראָפּאַגאַנדע-קרייז-
לעך האָבן זיך נאָך געפירט, אָבער די
פּראָפּאַגאַנדיסטן זיינען גלייכצייטיק אויך
געווען אַגיטאַטאָרן צווישן דער מאַסע,
און ווייבאַלד די דאָזיקע אַגיטאַציע האָט
זיך שוין געמוזט פירן אויף יידיש, האָבן
אויך די אַגיטאַטאָרן געמוזט צוגערייט
ווערן אויף יידיש. אַזוי האָט די יידישע
שפּראַך אָנגעהויבן צוּ פאַרנעמען אַן אָרט
אין דער יידישער סאָציאַליסטישער באַ-
וועגונג אין רוסלאַנד. צוּ יענער צייט
האָט ק׳ צוזאַמען מיט שוועץ (איצט אַ
דאָקטאָר אין שווייץ) און מאַקס טאָביאַש
אַרויסגעגעבן אין ווילנע אַ געשריבענעם
אָרגאַן א״ט „נייס פוּן רוסלאַנד״ אַרום
(1895, אַרויס 5 נומ׳) — די ערשטע רע-
וואָלוציאָנערע יידישע צייטשריפט אין
רוסלאַנד, ניט רעכענענדיק דעם פּרווו פוּן
דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ״ אַרויסצוגעבן
אויף יידיש איר אָרגאַן „דער אַרבייטער״.
דערווייל איז רייף געוואָרן די אויפ-
גאַבע צוּ קאָנסאָלידירן און צענטראַלי-
זירן די צעוואַקסענע יידישע אַרבעטער-
באַוועגונג פוּן ווילנע און אַנדערע יידי-
שע שטעט און ק׳ איז געווען דער
הויפּט-אָרגאַניזאַטאָר און פירער פוּן דעם
צוזאַמענפאָר פוּן די יידישע ס״ד־ישע
אָרגאַניזאַציעס, וואָס איז אָפּגעהאַלטן
געוואָרן אין ווילנע 25—27/IX 1897 און
אויף וועלכן עס איז געגרינדעט געוואָרן
„דער יידישער אַרבעטער-בונד פוּן רוס-
לאַנד, פּוילן און ליטע״, אַריין אין צ״ק פוּן
דער ניי-געגרינדעטער פּאַרטיי צוזאַמען
מיט א. מוטניק (גליעב), וו. קאָסאָווסקי-
(וולאַדימיר) און צביה. צוליב אומגינס-
טיקע פּאָליציי-באַדינגונגען אין ווילנע
איז דער צ״ק אַריבער אין מינסק (דעם
מינסקער פּעריאָד פוּן דער בונדישער
אַרבעט האָט ק׳ באַשריבן אין זיינע
זכרונות אין דעם יובילײ-נומער פוּן
דער „פּאָלקסצייטונג״ צוּ דעם 30סטן
יאָרטאָג פוּן דער גרינדונג פוּן „בונד״).
צוּ דער צייט האָט ק׳ אויך גענומען
דעם טעטיקסטן אָנטייל אין אָרגאַניזירן
דעם צוזאַמענפאָר פוּן די רוסלענדישע

ס"דיי'שע אָרגאַניזאַציעס, די אַ"ג „פּאַר=
באַנדן צום קאַמף פאַר דער באַפרייונג
פון אַרבעטער=קלאַס", געפאָרן צוליב
דעם קיין קיעוו, פט"ב א"אַ שטעט, און
אויף דעם צוזאַמענפאָר, וואָס איז אָפּגע=
האַלטן געוואָרן 15—18 מערץ 1898
אין מינסק, אויסגעוויילט געוואָרן
צוזאַמען מיט א. מוטניק אַלס פּאָר=
שטייערס פון „בונד" אין צ"ק פון דער
ניי=געגרינדעטער פּאַרטיי, אין וועלכער
דער „בונד" איז אַריין אַלס אַווטאָנאָמע
אָרגאַניזאַציע. בשעת דעם גרויסן דורכפאַל
פון „בונד" 1898 אָפּגעזעסן צוזאַמען מיט
די איבעריקע מיטגלידער פון צ"ק איבער
20 חדשים אין די מאָסקווער „קרעסטי",
און זובאַטאָוו, וועלכער האָט פון ק'ן
זייער געהאַלטן, האָט געפּרווט אים
געווינען פאַר זיינע פּלענער צו פאַר=
וואַנדלען דעם „בונד" אין אַ בלויז עקאָ=
נאָמישער לעגאַלער אָרגאַניזאַציע. דאַן,
באַפרייט אונטער פּאָליציי=אויפזיכט, איז
ק' אַנטלאָפן קיין אויסלאַנד, אין זשענע=
ווע אַריין אין אויסלענדישן קאָמיטעט
פון „בונד", פאַרן אָנטייל אין אַנטי=
צאַרישער מאַניפעסטאַציע (בעת וועלכער
מ'האָט פון דער רוסישער אַמבאַסאַדע
אַראָפּגעריסן דעם צווייקעפּיקן אָדלער
און אַריינגעוואָרפן אין וואַסער) אַרויס=
געשיקט געוואָרן פון זשענעווע צו
דער פראַנצויזישער גרענעץ, דאַן אין
אויפטראָג פון אויסלענדישן קאָמיטעט
פון „בונד" אַרום 1901—2 אָרגאַניזירט
די אַריבערפירונג פון דער פּאַרטיי=
דרוקעריי קיין לאָנדאָן, וואו ס'איז גע=
ווען אַ גינסטיקערע סביבה מיט אַן אַנט=
וויקלטער יידישער אַרבעטער=באַווע=
גונג, אָבער אין אַ יאָר אָנדערהאַלבן
אַרום צוריק זיך אומגעקערט קיין זשענע=
ווע צוליב דער נאָענטקייט צו די בונדישע
גרופּעס אין מערב=אייראָפּע. 1903 צוזאַ=
מען מיט מכבין, אַ סטודענט פון בערן,
וועלכער איז געווען טעטיק אין „בונד"
אויך אַלס איבערזעצער אויף יידיש צו=
זאַמען מיט ראָזע לעווין א"אַ, געשיקט
געוואָרן קיין אַמעריקע צו זאַמלען געלט
פאַרן „בונד", אין „צוקונפט" פאַרעפנט=
לעכט אַ פּאָר אַרטיקלען אַלס ענטפער
אויף דער אַרויסטרעטונג אין דעם דאָ=
זיקן זשורנאַל קעגן דער נאַציאָנאַלער
פּראָגראַם פון „בונד". סוף 1903 צוריק=
געקומען קיין לאָנדאָן, זיך באַטייליקט
אין דער קאָנפערענץ מיט דער רסדאַ"פּ
אין ביאַליסטאָק, וועלכע איז פּאָליצייש
דורכגעפאַלן, דאָס רוב אָנטיילנעמער
זיינען אַרעסטירט געוואָרן, נאָר ק'ן איז
געלונגען צו אַנטלויפן קיין לאָנדאָן. די
געשעענישן פון אָנהייב 1905 אין רוס=
לאַנד האָבן אים געטראָפן אין בערלין,
וואוהין ער איז געשיקט געוואָרן אָנצו=
פירן די בונדישע גרופּע, און לויטן באַ=
שלוס, אַז אַ היבשער טייל סטודענטן
דאַרפן זיך פונאַנדערפאָרן איבער רוס=
לאַנד, איז ער אויך אַוועק אַהינצו (דאַן
איז עס די דרוקעריי פון „בונד" ווידער
אַריבער קיין זשענעווע). אין רוסלאַנד
איז ק' ווידער אַריין אין צ"ק, וועלכער
האָט זיך געפונען אין דווינסק, דערנאָך
אַריבער קיין מינסק און צולעצט קיין
ווילנע, נאָך דער פאַראייניקונג פון „בונד"
מיט דער רסדאַ"פּ דעלעגירט געוואָרן
פון „בונד" אין צ"ק פון דער רסדאַ"פּ,
געווען אויך מיטגליד פון אַלגעמיינעם
צ"ק פון דער רסדאַ"פּ ביזן לאָנדאָנער
צוזאַמענפאָר 1907, דאָרט זיך אָפּגעזאָגט
אַריינצוגיין אין אַלגעמיינעם צ"ק, 1908
אַרעסטירט געוואָרן אין ווילנע, אין 6
חדשים אַרום באַפרייט, צוליב פּערזענ=
לעכע סיבות אַרויס פון צ"ק, זיך פאַרנומען
מיט פּריוואַטע לעקציעס, 1912 אַוועק קיין
פראַנקרייך, שטודירט אין טולוזער עלעק=

טראָטעכנישן אינסטיטוט, נאָכן ענדיקן 1914 געדינט אַלס אינזשעניער אויף די פּראַנצויזישע אייזנבאַנען, 1920 אַריבער־געפירט געוואָרן אויף דער פּאַריזער אונטערערדישער אייזנבאַן, 1921 צוריק־געקומען קיין ווילנע, וואו ער איז גע־ווען לערער פון מאַטעמאַטיק אין יידישן לערער־סעמינאַר, די לעצטע יאָרן לערער פון עלעקטראָטעכניק אין דעם יידישן טעכניקום פון דער געזעלשאַפט „אָרט"— דעם איינציקן טעכניקום אין דער וועלט (אַחוץ ראַטנפאַרבאַנד) מיט דער יידי־שער אונטערריכטסשפּראַך.—ביזן גרויסן בונדישן אַרעסט די צענטראַלע פיגור פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג, איר פּיאָניער און טאָנגעבער, וואָס זיין פּערזענ־לעכקייט איז געווען אַרומגעוועבט מיט לעגענדעס און אַנעקדאָטן, אַ מענטש מיט אַ שאַרפן מוח, מיט אַ גרויסער קראַפט פון קריטישן אַנאַליז, איז ק' אַלס רעדנער אויפגעטרעטן זעלטן, האָט אויך זייער ווייניק געשריבן. אין כתב־יד — אַ גרויס ווערק „עלעקטראָטעכניק", וואָס אַנטהאַלט די לעקציעס זיינע אין ווילנער טעכניקום, וועלכע ווערן באַנוצט פון די סטודענטן אין העקטאָגראַפירטער פאָרם. באַטייליקט זיך אין דער יידישער קולטור־געזעל־שאַפטלעכער אַרבעט אַלס מיטגליד פון דער אָרגאַניזיר־קאָמיסיע פון יידישן וויסנ־שאַפטלעכן אינסטיטוט, ראַטמאַן פון דער ווילנער קהילה א"אַ.

א. ליטוואַק, „וואָס געווען"; וו. מעדעם, „פון מיין לעבן", II, 11 — 14; ל. יעוואַראָוו, אין זמ"ב „25 יאָר"; סאָוועטישע פּרעסע, אויך די יידישע, צום 30־יעריקן יובילײ פון דער רסדא"פּ, מערץ 1928.

קרעמער בנימין (VIII/1887

) געב' אין וואַבאָלניק, קאָוונער געגנט, אין אַ פרומער חשובער פאַמיליע. זיין פאָטער, אברהם־צבי, אַליין אַ גרויסער למדן און אַ משכּיל, האָט אים געלאָזט לערנען ביי די בעסטע רביים, באַזונדערס תּנך, נאָך בר־מצווה געשיקט אים אין דער פּאָניעוועזשער ישיבה, וואו ער האָט פאַרבראַכט צוויי יאָר, דאַן געלערנט אין ר' מעלהס ישיבה אין ווילנע, אין דער דערביייִקער שטראַשון־ביבליאָטעק זייער פיל געלייענט העברעיִש, פאַרוואָס צו 17 יאָר אויסגעשלאָסן געוואָרן פון דער ישיבה, געוואָרן אַ לערער, 1907 געקומען קיין וואַרשע, וואו ער האָט באַקומען די שטעלע פון קאָרעקטאָר אין „היינט". האָט געדרוקט אַרטיקלען אין „המליץ" (לעצטן יאָרגאַנג א"נ „הד ערים"), 1909—12 געווען קאָרעספּאָנדענט פון „הזמן" א"פ ב. רֶמֶרק, געשריבן פון צייט צו צייט— בכלל גאַנץ זעלטן — אויך דערציילונגען, לעגענדעס און אַרטיקלען אין „הזמן", קעלנער „העולם", „השלח", „הצפירה", „העברי", העובד", „שחרית", „הצפירה לילדים", „החיים והטבע", „היום", און אין יידיש אין „היינט", „לאָדזער טאַגעבלאַט", „איין טאָג", „שטערן", „פאָלקסשטימע", „אידישע צייטונג", „וואָכענבלאַט", „איי־ראָפּעאישער ליטעראַטור", „ראָמאַנ־צײ־טונג", „בייע הימלען", לעמבערגער „טאָג־בלאַט", ווילנער „צייט", „פאָלק און לאַנד", ליטעראַרישע בלעטער" (וועגן סקולפּטאָר יוסף גאַבאָוויטש) א"אַ, אויך א"פ ב. פייגענזאָן, ב. רעמערק, ק. ר. עמער, ב. אַבראַמסאָן, איגרעק, בית־קוף, 1913 רע־דאַקטירט אַ ליטעראַריש־קריטיש זמ"ה א"ט „פייערלעך". אין בוכפאָרם אַרויס־געגעבן אַ קליינע זאַמלונג לעגענדעס א"ט „חזיון ודמיון" (פ"ג „זהרורים", 1923). איניקע פון זיינע העברעיִשע באַוועלן זיינען אויך איבערגעזעצט געוואָרן אויף יידיש דורך י"מ וואָלפסאָן אין אַמעריקע.— יאָרנלאַנג געווען לערער פון העברעיִש אין דער גימנאַזיע פון מ. קרינסקי.

קרעמער (שמואל) ס. פּ. (1/V
(— 1888) געב׳ אין אָדעס.
ביז 10 יאָר דערצויגן געוואָרן אין צוויי קליינע שטעטלעך פון אוקראַינע, וואו געגאַנגען אין חדר, דאַן געקומען מיט די עלטערן קיין אַמעריקע, וואו דורכגעמאַכט דעם חדר, די פּאָלקסשול און מיטלשול און פּאַרענדיקט זיין בילדונג אין זשורנאַליסטן־קאַלעדזש פון נ״י׳ער אוניווערסיטעט. ייִנגלווייז זיך פּאַראינטערעסירט מיט דעם סאָציאַליזם, איז ער געוואָרן טעטיק אין דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג, אַלס פירער אין זיין לאָקאַלער אָרגאַניזאַציע פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי אָפּט געשריבן די פּראָפּאַגאַנדע־ליטעראַטור, פּאַרעפנטלעכט אַ פּאָר אַרטיקלען אין דעם אָרגאַן פון דער פּאַרטיי The Worker, 1909 אַריין אַלס מיטאַרבעטער אין „פאָרווערטס", געווען רעפּאָרטער, רעדאַקטאָר פאַר אַרבעטער־נייס, פאַר שטאָטישע נייס, פיר יאָר צייט געווען פאַרוואַלטנדיקער רעדאַקטאָר פון דעם מערבדיקן „פאָרווערטס", ד״ה פון דער אויסגאַבע פון דער צייטונג, וואָס ווערט געדרוקט אין שיקאַגע פאַר די מערבדיקע שטאַטן. די לעצטע יאָרן ווידער פאַרבונדן מיטן „פאָרווערטס" אין נ״י אַלס רעפּאָרטער און אַרטיקל־שרייבער, אויך א״פ מרדכי ליבערמאַן, א. אייזיקסאָן, בען עסטאַר, דזשאַשוא לענדאַן. האָט אויך מיטגעאַרבעט אין „פאַרטשריט", „נייע צייט", „וועקער", מיניקעס יום־טוב־בלעטער, אין די ענגלישע Globe, Chicago א״פ דזש. לענדאַן. The Coll Socialist און האָט רעדאַקטירט אַ חודש־זשורנאַל אויף יידיש און ענגליש א״ט „דער נעקוועך אַרבייטער" — אַלס אָרגאַן פון די שניפּסנמאַכער. איז טעטיק אין נ״י אין דער אַרבעטער־באַוועגונג אַלס שרייבער, לעקטאָר און פּראַקטישער טוער.

קרעפּליאַק יעקב (1885 —
) געב׳ אין זאַבלודאָווע, ביי ביאַליסטאָק. פאַרן אָנטייל אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, געזעסן אין פּאַרשיידענע שטעט, געדינט אין מיליטער אין העלסינגפאָרס, געמוזט אַנטלויפן קיין אויסלאַנד, זיך באַזעצט אין אַנטווערפן, וואו ער האָט געאַרבעט אַלס דימענטשלייפער, גלייכצייטיק געווען טעטיק אין דעם יידישן קולטור־געזעלשאַפטלעכן לעבן. זיין ליטעראַרישע טעטיקייט האָט ק׳ אָנגעהויבן 1911, זיך באַטייליקט מיט דערציילונגען אין זשיטלאָווסקיס „דאָס נייע לעבען", וואַרשעווער „פריינד", די זמ״ב „דער יודישער סטודענט", גענט, 1912 — 13, א. רייזענס „נייעם זשורנאַל" א״אַ. רעדאַקטירט די ערשטע יידישע צייטשריפט אין בעלגיע „דער מערב", אַנטווערפן 1913 (אַרויס בלויז עטלעכע נומ׳, זיך געדרוקט אין קאָפּנהאַגן), אַרויסגעגעבן אַ דערציילונג א״ט „דער סדר אין פינלאַנד" (פּ״ג „דאָס אידישע וואָכענבלאַט", קאָפּנהאַגן, אַרום 1913). נאָכן אויסבראָך פון דער וועלט־מלחמה פאַרלאָזט אַנטווערפן, 1915 געקומען קיין אַמעריקע, וואו פאַרעפנטלעכט דערציילונגען אין „טאָג", „פאָרווערטס", „פריינד", „צוקונפט" א״אַ, אַלס טוער פון דעם „ביאַליסטאָקער צענטער" אין אַמעריקע זיך אויך באַטייליקט אין זיין אָרגאַן „ביאַליסטאָקער שטימע", געווידמעט די אינטערעסן פון די ביאַליסטאָקער לאַנדסלייט, רעדאַקטירט דאָס לאַנדסמאַנשאַפטלעכע זמ״ב „זאַבלודאָווער פּנקס" (נ״י, 1925) — איינע פון די אינ־

טערעסאַנטסטע אויסגאַבן פון דעם מין מיט אַ היבשן קולטור=היסטאָרישן אינטערעס. די לעצטע יאָרן סעקרעטאַר פון דעם חודש=זשורנאַל „די צוקונפט", וואו אַחוץ אָריגינעלע דערציילונגען איבערגעזעצט כמעט אַלע פרעמדשפּראַכיקע אָריגינאַלן, צ״אַ פּ. ב. אַקסעלראָדס „מעמואַרען / פאַרשריבען אין רוסיש פון זיינע ווערטער דורך וול. וואָיטינסקי און צוגעשיקט צו דער „צוקונפט" (1922—23). האָט אויך זיך געמאַכט אַ נאָמען מיט זיינע קינדער=דערציילונגען אין די אַמעריקאַנער זשורנאַלן „קינדער=זשורנאַל", און „קינדער=לאַנד" און אין באַזונדערע אויסגאַבן, ווי „ראָזשינקעס מיט מאַנדלען / מעשה'לעך פאַר אידישע קינדער" (פ״ג מאַקס נ. מייזיל, נ״י, 1920, ז' 29), „דאָס גרינע איבגעל" — איינאַקטער, וואָס האָט געוואונען די ערשטע פּרעמיע אין דעם קאָנקורס אויף אַ קינדער=פּיעסע פאַר די יידישע אַרבעטער=רינג=שולן (אַרויסגעגעבן פון בילדונגס=דעפּאַרטאַמענט פון אַרבעטער=רינג), „פאַרבלאָנדזשעט" — אַ זאַבלודאָווער לעגענדע מיט אַ גר=צדק (פ״ג „מתנות" פון „ש״ע=פאָלקס=אינסטיטוט", נ״י, 1925, מיט צייכענונגען פון אהרן גודעלמאַן). אַן אויסוואַל פון זיינע דערציילונגען, געדרוקט דאָס רוב אין „צוקונפט" 1915 — 27, זיינען אַרויס אין בוכפאָרם א״ט „פון קאַזאַרמע און מלחמה" (פ״ג „צענטער", נ״י 1927, ז' 360); אין דער ערשטער גרעסערער, אָפּטיילונג פון דעם בוך („פון קאַזאַרמע") שילדערט דער אַווטאָר קלאָר און בולט, מיט אַ קינסטלערישן טאַקט, דאָס לעבן און די איבערלעבונגען אין דער רוסישער קאַזאַרמע, די גאַנצע אַטמאָספערע פון דעם סאָלדאַטישן רעזשים מיט זיין אכזריות און פאַראַכטונג צו דעם מענטשן און זיינע רעכט פון איין זייט און דעם פאַרשטיקטן אומבאַהאָלפענעם פּראָטעסט פון דער אַנדערער זייט, אויך די באַציִונג צו די פרעמד שטאַמיקע בכלל און צו די יידן בפרט, די צוזאַמענשטויסן צווישן יידן און גויים אאַז״וו; אין דער צווייטער אָפּטיילונג („מלחמה") מאָלט ער דעם שוידער און די געפאַלנקייט פון אַרום דער מלחמה, ווי ער האָט עס געזעען דערהויפּט אין בעלגיע ביים אויסבראָך פון דעם וועלט=קריג. אין מאַנכע קאַפּיטלען דערהויבט זיך דאָ ק' איבער דעם מעמואַריסט צו אַ עכט קינסטלערישער הייך מיט דער קאָנצענטרירטקייט און לעבעדיקייט פון די בילדער און מיט דעם דראַמאַטיזם פון די סיטואַציעס. עס איז „אַ בוך, וואָס איז פול מיט לעבן און מיט ליבע צו אַלץ, וואָס לעבט; אַ בוך, וואו אַפילו דאָס העסלעכסטע ווערט ניט געהאַסט, נאָר באַדויערט; אַ טיף מענטשלעך בוך" (ש. ניגער). האָט איבערגעזעצט באַקונינס „געזאַמלטע שריפטען" (פ״ג „קראָפּאָטקין=ליטעראַטור=געזעלשאַפט", נ״י.

ב. גראָבבארד, אין „פּעדער", 1925, III; אשר, אין „פאַרבאַנד". 10; חנן, אין ביאַליסטאָקער „דאָס נייע לעבן", 1926, 7; ל. פאָגעלמאַן, אין „פאָרווערטס" פון 22/IV 1928; י. ק—ן, אין „פ. א. ש." פון 27/IV 1928; ש. ניגער, אין „טאָג" פון 1/VIII 1928.

קרעפּעל יונה

(25/XII 1874 —) געב' אין דראָהביטש, מיטל=גאַליציע, אין אַ פרומער חסידישער משפחה פון אַ שניט=סוחר, אַן אוראייניקל פון דעם בעש״טס בעל=פּלוגתא און שפּעטער חבר ר' יצחק חיות און פון מקובל ר' פייוול המגיד; פון דער מוטערס צד שטאַמט פון זיבנבירגן. ביז 14 יאָר געלערנט ביי מלמדים, זיך אויסגעצייכנט אַלס עילוי, זיך געגרייט פאַר אַ רב, אָבער אַדאַנק אַ צופאַל זיך באַקענט מיט דער השכלה=ליטעראַטור, אָנגעהויבן צו

שרייבן העברעיִש און לערנען דייטש; געוואָלט פאַרן שטודירן, נאָר די עלטערן האָבן דערצו ניט דערלאָזט און ער איז אָנגעקומען פאַר אַ לערנייִנגל אין אַ דרוקעריי, וואָס איר אייגנטימער אהרן-הירש זופניק האָט אַרויסגעגעבן דאָס וואָכנבלאַט „דראָהאָביטשער צייטונג" (אין דייטש מיט יידישע אותיות) און אַזוי אַרום האָט ק׳ זיך באַקענט מיט די שטאָטישע משכילים, מיט שרייבערס און משוררים, 1896 איבערגענומען די רעדאַקציע פון זופניקס צייטונג, איינגעפירט אַ וועכנטלעכע העברעיִשע ביילאַגע, און באַנייט די מאָנאַטלעכע ביילאַגע „ציון" (פון וועלכער עס זיינען אונטער זיין רעדאַקציע אַרויס נייע 6 ה׳), געשריבן קאָרעספּאָנדענצן אין דייטשע און העברעיִשע צייטונגען, מיטן אויפקומען פון דעם ציוניזם אַריין אין דער באַוועגונג, געהאַלטן רעפעראַטן און רעדעס, זיך באַטייליקט אין קאָנפערענצן אאַז"וו. חתונה געהאַט מיט אַ טאָכטער פון דעם באַקאַנטן קראָקעווער דרוקער יוסף פישער, האָט ער אָנהייב 1899 געגרינדעט אין קראָקע דאָס וואָכנבלאַט „יודישע פאָלקסשטימע" (אין דייטש מיט יידישע אותיות), מיט אַ ליטעראַרישער ביילאַגע Jerusalem, אָבער אין גאַליציע איז שוין דעמאָלט ניט געווען קיין אָרט פאַר דייטשע צייטונגען, און זיי האָבן זיך אין אַ יאָר אַרום אָפּגעשטעלט. 1900 האָט ק׳ אַרויסגעגעבן אַ העברעיִשע מאָנאַטשריפט פאַר ביבליאָגראַפיע א"ט „ירושלים" (אַרויס 6 ה׳ און נאָך 2 ה׳ — אין 1907), געשריבן אויך אין „המגיד",

„לוח שעשועים", „האשכול", „אוצר הספרות", Österreichische Wochenschrift, Die Zeit א"אַ, מיטגעהאָלפן ביים אַרויסגעבן „דעם יוד" און דעם „הדור", וואָס האָבן זיך געדרוקט אין קראָקע, זיך באַטייליקט אַלס קאָרעספּאָנדענט און דעלעגאַט אין ציוניסטישע קאָנגרעסן און קאָנפערענצן, סוף 1903 געגרינדעט אַ העברעיִשע דרוקעריי אין לעמבערג און אַלס דרוקער מיטגעווירקט אויפצולעבן די יידישע ליטעראַרישע טעטיקייט אין דער שטאָט, מיטגעהאָלפן ביי דער גרינדונג פון דעם חסידישן וואָכנבלאַט „דער אמת׳ער יוד", דעם לעמבערגער „טאָגבלאַט", דעם חודש-זשורנאַל „דער שטראַהל" א"אַ, אין וועלכע אויסגאַבן ער האָט אויך מיטגעאַרבעט אַלס מיטגליד פון דער רעדאַקציע, זינט אָקטאָבער 1904 אין משך פון 3 חדשים אַרויסגעגעבן אַ העברעיִש טאָגבלאַט „היום" מיט משה קליינמאַן אַלס הויפּטמיטאַרבעטער. צוליב אויסערלעכע סיבות פאַרלאָזט לעמבערג, אַוועק קיין נ"י, מיט דער דעה צו גרינדן דאָרט אַ העברעיִשע צייטונג, אין 4 חדשים אַרום צוריקגעקומען קיין קראָקע, וואו איבערגענומען די אָנפירונג פון דער פישער-דרוקעריי און 1909 — 12 אַרויסגעגעבן דאָס וואָכנבלאַט „די יודישע אילוסטרירטע צייטונג" מיט אַ הומאָריסטישער חודש-ביילאַגע „די הבדלה", און הגם דאָס בלאַט איז ניט געווען באַשטימט פאַר ליטעראַטור, האָט עס דאָך מיטגעהאָלפן צו פאַרגרעסערן דעם יידישן לעזער-עולם אין גאַליציע. געווען אויך פאַראַנטוואָרטלעכער רעדאַקטאָר פון „בית-ישראל / מאָנאַטשריפט / אַ פאַמיליענבלאַט פאַר יעדען יודישען הויז" (ה׳ I — יאַנואַר 1910, קראָקע, ז"ז 32; צ"אַ דאָרט פאַרעפנטלעכט „משקה׳לי

חזיר" פון י. ד. בערקאָוויטש, איבערגעזעצט פון ז. האַבער). אין דעצעמבער 1909 האָט ער געגרינדעט דאָס ערשטע יידישע טאָגבלאַט אין קראָקע „דער טאָג", וועלכעס האָט עקסיסטירט ביז 15/XI 1914, ווען די רוסן זיינען אַריין קיין גאַליציע און כמעט אַלע יידן זיינען אַנטלאָפן קיין ווין. זינט דאַן וואוינט ק׳ אין ווין, וואו ער האָט אין דעצעמבער 1914 אַרויסגעגעבן אַ קליינע בראָשור Der Weltkrieg und die Judenfrage, אַדאַנק וועלכער ער איז איינגעלאַדן געוואָרן אַלס פּאָליטישער רעפערענט אין עסטרייכישן מיניסטעריום פאַר אויסלענדישע ענינים (זינט 1924 מיט דעם טיטל רעגירונגסראַט). 1915—20 אַרויסגעגעבן אַ וואָכנבלאַט Jüdische Korrespondenz, זינט 1919 געווען ווינער קאָרעספּאָנדענט פון נ"יער „יידישען טאַגעבלאַט", וואו צ"אַ פאַרעפנטלעכט עטלעכע גרויסע דערציילונגען („דעם רב'ס טאָכטער", 1922, „דוד שפּירא", 1924, „רבי יעקב אשכנזי", 1925; די לעצטע דערציילונג איז אויך געדרוקט אין דער ווינער Jüd. Presse, 1923, און אין האָלענדישן „צענטראַלבלאַט פאַר איזראַעליטען", 1924). זיין הויפּטווערק, אויף וועלכן ער האָט געאַרבעט אין משך פון 1915 — 24 און צוליב וועלכן ער האָט באַזוכט די וויכטיקסטע יידישע צענטערס, ווי אַמעריקע, א"י, ענגלאַנד, פראַנקרייך, שווייץ, דייטשלאַנד, טשעכאָסלאָוואַקיע, פּוילן אאַז"וו, איז Juden und Judentum von Heute („אַמאַלטאַ=פ"ג", ווין, ז"ז 912, מיט 200 פּאָרטרעטן) — אַ האַנטבוך, וואָס זאָל געבן אַן אַלץ אַרומנעמענדיק בילד פון מאָדערנעם יידנטום און אַנטהאַלט די פאָלגנדיקע קאַפּיטלען: די יידן פאַר דער וועלט=מלחמה, די יידן אין דער וועלט=מלחמה, די יידן אין דער געגנוואַרט (סטאַטיסטיק), פּאַלעסטינע, די פּאָליטישע לאַגע פון די יידן, די ווירטשאַפטלעכע לאַגע, עמיגראַציע, רעליגיעזע פּראָבלעמען, די יידישע פּאַרטייען, די יידישע אָרגאַניזאַציעס, דאָס יידישע לעבן (אין אַלע לענדער פון דער וועלט), שול= און דערציִונגסוועזן, מלוכה=מענער און פּאַרלאַמענטאַריער, שפּראַכן און ליטעראַטור, וויסנשאַפט און קונסט, יידישע פאָלקסשפּליטערס (קאַראַימען, שומרונים, פאַלאַשן, בני=ישראל, נעגער=יידן און טראָגלאָדיטן, דענמעס), פּרעסע, ביבליאָגראַפיע צו דער יידישער פראַגע (אין דייטש, יידיש, העברעיִש, ענגליש, פראַנצויזיש, פּויליש, האָלענדיש, איטאַליעניש, שוועדיש, שפּאַניאָליש—פאַר די יאָרן 1915—25 אומגעפער). פון זיין Handbuch für Politik und Wirtschaft der Gegenwart זיינען ביז יוני 1928 אַרויס די ערשטע 3 ה׳ פון אַלע 20, Aachen-Banken (פ"ג Das Buch, ווין). פון זיינע אַנדערע ווערק אין דייטש זיינען אַרויס: Der Kampf für und wider den Frieden (ווין, 1917), Der Fieden im Osten (ווין, 1918), Ostjüdische Legenden (פ"ג Das Buch, ווין, 1926, ז׳ 151). רעדאַקטירט זינט 1925 אַ ליטעראַריש=ביבליאָגראַפישע רעווי א"ט Das Buch (14טער נומ׳ — יולי 1928), וואו עס ווערן רעגיסטרירט און רעצענזירט אויך יידישע אויסגאַבן, אָבער ניט בדרך סיסטעם. פון זיינע אַרבעטן זיינען אין יידיש אַרויס: אַ ב׳ „תחינות" (דראָהאָביטש, 1896); אַ סעריע דעטעקטיוו=דערציילונגען א"ט „מאַקס שפּיצקאָפּף" (פ"ג י. פישער, קראָקע, 1908, 15 ה׳, אַנאָנים), „קייזער פראַנץ יאָזעף" (אַנאָנים, 1908), און אַרום 100 קליינע מעשה=ביכלעך, צו 32 ז׳ אַ ביכל.

אַרויסגעגעבן אין פּ״ג שמחה פריינד, פּשעמישל; אין יאָר 1924 זיינען ערשינען די ערשטע 46 נומערן, דהיינו: I סעריע — „היסטאָרישע ערצעהלונגען: „דער פאַלשער משיח״, „דער פּויבסט״, „אלחנן״, „איין נאַכט קעניג״, „די יודישע פּאָהן פון פּראַג״, „ר׳ אייזיק ר׳ יעקעלס שול אין קראָקע״, „דער רמא און דער בישאָף״, „דער שתדלן פון ווין״, „דער קדוש״, „די טערקען פאַר די טויערן פון וויען״, „יהודה המאמין״, „דער נדר צו פאָהרען קיין ארץ ישראל״, „על נהרות בבל״, „רבי מנשה בן ישראל״, „דעם סולטאַנ׳ס לייבאַרצט״, „רבקה אברבנאל״, „אין די טעג פון דער אינקוויזיציע״, „שבת ראַפּטום״, „שפּרינצה וויטאַל״, „די גרויזאַמע אינטריגע״, „נאַפּאָלעאָן און דער יודישער רענדאַר״; II סעריע — „חסידישע מעשיות און לעגענדען״: „דער סולטאַן און דוד המלך״, „תחית המתים אָדער ר׳ יעקב אשכנזי״, „דער ל״ו־ניק״, „דער בייזער רבי יואל״, „דער רויבער דאָנבאָש און ר׳ לייב פּיסטינער״, „געוואָלט ברענגען משיחן״, „די פאַמיליע אריאל״, „דער לולב״, „ארץ ישראל־ערד״, „ברודער און שוועסטער״, „דאָס יודישע הארץ״, די משומדת״; III סעריע — „ערצעהלונגען פון דער וועלט־מלחמה״: „די קראַנקענשוועסטער״, „שמשון הגבור״, „פּערגראַבענער זילבער־רובעל״, „דער שפּיאָן״, „דער גייסטל״, „קאָזאַקען קומען״, „צווייעט און צושפּרייט״, „פון טויט לעבעדיג״, „דער געפאַנגענער״; IV סעריע — „קרימינאַל־געשיכטען״: „דער קאַמף מיט די שדים״, „דער שוואַרצער פערברעכער״, „דער עקספּרעס״, „דער פערשטעלטער דעטעקטיוו״, „דער איידים אַ מערדער״. 1927 איז אַרויס אַ צווייטע אויפלאַגע פון די דאָזיקע 46 ביכלעך און אַ ריי נייע, היינו: I — „משה קולון״, „סנחריב׳ס סוף״, „שלומית בת דברי״, „די מסירה״, „דאָן פערנאַנדאָ״, „דער רויבער־הויפּטמאַן״, „דער קאַנטאָניסט״, „די גאָלדענע רויזע״; II — „ר׳ אורי סטרעליסקער״, „ר׳ נחום בריאַנסקער״, „די אושפּיזין״, „די קמיע״, „דער בעל־תשובה״, „דאָס שטעטיל מאָטעלע״, „די גאָלדענע קוגעל״, „די העלדישע חנה״, „דער פאָלקס־זענגער״, „די געשענקטע יאָהרען״, „חנה די שניידערקע״, „דער איינוואַנדערונגס־קאָמיסאַר״, „אַ יודישע נשמה״, „אין אַ טרינקענדער שיף; III — „ביים באַרג סיני״, „די תפילין״, „די שפּיאָנין״, „דער ניקאָלייסקי סאָלדאַט״, „מקימי מעפר דל״, „דער לעגיאָנער״, „דער פּעררעטער״, „דאָס פּערטריבענע שטעטיל״, „דער סיביריאַק״, „דער רעגימענטס־אַרצט״, „דער קאָזאַק הנגזל״, „נאָך דער שחיטה״, „די בכורה״, „דער רוסישער קאָמענדאַנט״. נאָך ניט פּאַרעפנטלעכט אַ גרעסערע אַרבעט „צו דער געשיכטע פון דער יידישער פרעסע אין גאַליציע״, אַ בוך „די וועלט אין ציפערן״ א״אַ.

ЕЭ, XII; משה שאַליט, אין „ביכער־וועלט״, 1928, II.